STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04704

YIDISHE FOLKS-ENTSIKLOPEDYE

Symcha Pietruszka

Permanent preservation of this book was made possible
by David Elkodsi
in memory of
Evelyn & Zaki Elkodsi

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יידישע
פאָלקס־ענציקלאָפּעדיע

פאַר יידישע רעליגיע, געשיכטע,
פילאָזאָפיע, ליטעראַטור, ביאָגראַפיע,
לענדער־קיבוצים און אַנדערע ענינים

— פון —

שמחה פּיעטרושקאַ

ערשטער באַנד

א — ט

1943 מאָנטרעאל

PRINTED IN CANADA

דרוקעריי פון „קענעדער אדלער״

THE JEWISH POPULAR ENCYCLOPEDIA

copyright by
SYMCHA PIETRUSZKA
Montreal, 1943

Printed by
THE EAGLE PUBLISHING CO. LIMITED
MONTREAL, CANADA

הקדמה

ביים אַרויסגעבן איצט די „יידישע פאָלקס-ענציקלאָפּעדיע" אין דער יידישער שפּראַך איז נויטיק צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן יידישע ענציקלאָפּעדיעס בכלל. אונטער דעם נאָמען „יידישע ענציקלאָפּעדיע" פאַרשטייען מיר אַזאַ ענציקלאָפּעדיע, וואָס זאָל אַרומנעמען אַלע ענינים פון יידישן לעבן, פון די עלטסטע ציטן אָן ביז דער נייער צייט, און די ענינים זאָלן זיין איינגעאָרדנט לויטן סדר פון אלף-בית, ניט סתם אַ זאַמלונג פון עטלעכע, צי עטלעכע צענדליק, גרעסערע אָפּהאַנדלונגען. אַזאַ ענציקלאָפּעדיע נעמט אַרום די יידישע רעליגיע, געשיכטע, פילאָזאָפיע, ליטעראַטור אין ברייטסטן זין פון דאָזיקן וואָרט, לעבנס-באַשרייבונגען פון גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן, באַשרייבונגען פון באַדייטנדע יידישע צענטערס, מיט איין וואָרט, — אַלע וויכטיקע דערשיינונגען אין יידנטום אין אַלע דורות.

אַזעלכע יידישע ענציקלאָפּעדיעס, סיי אין גרעסערן פאָרנעם, סיי אין קורצע אומפאַנגען, זענען פאַראַן אין אַ ריי אַנדערע שפּראַכן. די ערשטע יידישע ענציקלאָפּעדיע איז דערשינען אין ענגליש. דאָס איז די גרויסע „דזשואיש ענסייקלאָפּעדיאַ", דערשינען אין אַמעריקע אין ערשטע יאָרן פון 20טן יאָרהונדערט, אין 12 גרויסע בענדער, און זי איז דער יסוד פאַר אַלע אַנדערע יידישע ענציקלאָפּעדיעס. באַלד דערנאָך זענען דערשינען אין רוסיש די „יעווריעסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ" און אין העברעאיש דער „אוצר ישראל" (אין די יאָרן פאַר דער ערשטער וועלט-מלחמה פון 1914 — 1918). נאָך דער ערשטער וועלט-מלחמה זענען דערשינען אין דער דייטשער שפּראַך דער „יידיש-דייטשער לעקסיקאָן", פון אַ ביז זעט, אין 5 בענדער, און אויך עטלעכע בענדער פון דער גרויסער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַאיקאַ" (ניט פאַרענדיקט). דער זעלבער פאַרלאַג פון דער „ענציקלאָפּעדיאַ יודאַאיקע" האָט אויך אָנגעהויבן אַרויסגעבן אויף העברעאיש אַ גרעסערע יידישע ענציקלאָפּעדיע „אשכול", אָבער עס זענען דערשינען פון איר נאָר 2 בענדער, וועלכע דערגייען ביז אין דער מיט פון בוכשטאַב „אלף". אין דייטש איז אויך דערשינען אין איין באַנד אַ קורצע יידישע ענציקלאָפּעדיע אין פאַרלאַג „פילאָ". אין ענגליש זענען דערשינען צוויי קורצע יידישע ענציקלאָפּעדיעס, יעדע אין איין באַנד, איינע אונטער דער רעדאַקציע פון יעקב דע האַז:

„ענסיקלאָפּעדיאַ אָוו דזשואיש נאָלעדזש", און די צווייטע אין פאַרלאַג וואַלענטין אין לאָנדאָן. איצט דערשיינט אין אַמעריקע אונטער דער רע־דאַקציע פון דר. לאַנגמאַן אַ גרעסערע יידישע ענציקלאָפּעדיע אין ענגליש. אין העברעאיש איז לעצטנס דערשינען אַ קורצע אַלגעמיינע „נעמען־ענ־ציקלאָפּעדיע" מיטן נאָמען „אנציקלופדיה כללית" (אויסגאַבע פון „מסדה" אין תל אביב), וועלכע נעמט אויך אַרום אין אַ גרעסערער מאָס יידישע ענינים.

די דאָזיקע אַלע יידישע ענציקלאָפּעדיעס, וואָס יעדע פון זיי האָט אירע באַזונדערע מעלות, האָבן אָבער אַלע איין גרויסן חסרון, נעמלעך, וואָס זיי זענען ניט געשריבן אין דער יידישער שפּראַך און זיי זענען דעריבער ניט פאַרשטענדלעך פאַר יידן וואָס פאַרשטייען ניט גוט העברעאיש צי אַנדערע שפּראַכן. איבערהויפּט איז עס געווען אַ ניט נאָרמאַלע און ניט שיינע דערשיינונג, וואָס גראָד אין דער יידישער שפּראַך, אויף וועלכער עס רעדן מיליאָנען יידן, זאָל ניט זיין קיין יידישע ענציקלאָפּעדיע. אין די לעצטע 10 יאָר האָט דער דובנאָוו־פאָנד אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין יידיש אַן אַלגע־מיינע יידישע ענציקלאָפּעדיע, דאָס הייסט, וואָס נעמט אַרום אַלע געביטן פון וועלטלעכער וויסנשאַפט און קולטור, און אַ טייל פון איר איז געוויד־מעט דעם יידישן לעבן. אָבער אויך דידאָזיקע אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע אין יידיש איז דערווייל דערשינען נאָר ביז אומגעפער צום סוף פון בוכ־שטאַב „אַלף"; דער דאָזיקער פאַרלאַג האָט פאַרעפנטלעכט אויך אין דריי בענדער „יידן", אַ זאַמלונג פון עטלעכע צענדליק אָפּהאַנדלונגען איבער אַ ריי יידישע ענינים. אָבער דאָס אַלץ איז ניט קיין גאַנצע, פון „אַלף" ביז „תיו", יידישע ענציקלאָפּעדיע.

ווען איך בין געווען אין וואַרשע, מיט 9 יאָר צוריק, אין יאָר 1933, האָב איך אָנגעהויבן אַרויסגעבן אין יידיש אַ יידישע ענציקלאָפּעדיע, פון וועלכער עס זענען דערשינען 4 העפטן ביז דער מיט פון בוכשטאַב „בית". אין יולי 1939, ערב דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָב איך און מיין פאַ־מיליע פאַרלאָזט פוילן צוליב דער מורא פאַר דעם אָנקומענדן קריג, און זיך באַזעצט אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע, און דאָ האָב איך ווידער אָנגעהויבן מיין אַרבייט. אָבער צוליב מאַנגל אין געלט האָב איך באַשלאָסן צו פאַר־קלענערן דעם אומפאַנג פון דער געפּלאַנטער ענציקלאָפּעדיע, און האָב זייער פיל געקירצט די שוין־באַאַרבעטע מאַטעריאַלן און אויך אויסגעשטראָכן פיל זכווערטער, און אַזוי איז אַרום אַרויסגעקומען די איצטיקע יידישע פאָלקס־ענציקלאָפּעדיע, וואָס נעמט אַרום, לויט דעם סדר פון אַלף־בית, די

וויכטיקערע ענינים פון יידנטום. דערביי וויל איך געבן פאלגנדע דער־קלערונגען:

1) איך האב מיך באמיט, אז די דאזיקע ענציקלאפעדיע זאל זיין ניט נאר א „נאכשלאג־בוך", אין וועלכן מען זאל קאנען באקומען וויסנשאפט־לעכע דאטעס און איינצלהייטן וועגן וויכטיקע יידנטום־ענינים, נאר אויך א „לייען־בוך", וואס זאל זיין באלערנדיק און פארשטענדלעך פאר פשוטע מענטשן. דעריבער איז אין דער ענציקלאפעדיע באנוצט געווארן א פאפולערער סטיל, אן ראשי תבות, קיצורים. יעדער אויסדרוק ווערט דער־קלערט דייטלעך, קלאר; יעדער העברעאישער טעקסט ווערט איבערזעצט אין יידיש; דער זאץ־בוי איז, ווי ווייט מעגלעך, אן איינפאכער; עס ווערן, ווי ווייט מעגלעך, אויסגעמיטן פרעמדווערטער.

2) אין דער ענציקלאפעדיע ווערט געשאנקען די הויפט־אויפמערק־זאמקייט צו די פריערדיקע דורות פון יידנטום, צו דעם וואס מיר רופן אן יידישקייט, און דאס יידישע לעבן פון דער קעגנווארט פארנעמט ווייניקער פלאץ. דאס האב איך געטאן דערפאר, ווייל אין יידיש איז וועגן מאדערנעם יידישן לעבן געשריבן געווארן באדייטנדע ביכער (אויך אין לעקסיקאן־פארם, ווי זלמן רייזענס לעקסיקאן פאר יידישער פרעסע און לי־טעראטור, זילבערצווייגס טעאטער־לעקסיקאן), דאקעגן וועגן יידישקייט אין איינגעטלעכן זין פון ווארט איז אין דער יידישער שפראך זייער ווייניק פאראן.

3) עס איז פארשטענדלעך, אז אין אזא קורצער פאלקס־ענציקלא־פעדיע איז אונמעגלעך געווען צו געבן וועגן יעדן ענין אויספירלעכע און דערשעפנדע איינצלהייטן; עס איז נאר אנגעוויזן געווארן אויף די גרונט־ידיעות און די הויפט־מאמענטן פון באהאנדלטן ענין.

4) א גאנצע ריי אנגעזעענע יידישע שריפטשטעלער, זשורנאליסטן, עסקנים, רבנים זענען ניט אריין אין דער ענציקלאפעדיע. דאס איז ניט געווען, חלילה, צוליב גרינגשעצונג פון זייער ווערט. ווי איך האב פריער געזאגט האב איך געמוזט די ענציקלאפעדיע זייער פארקירצן, אזוי אז זי פארנעמט ניט מער ווי א דריטל פון דעם אומפאנג, אין וועלכן איך האב איר געהאט אנגעשריבן, און איך בין ליידער געצוואונגען געווען אויס־צושטרייכן פיל זוכווערטער. עס איז אנצונעמען, אז ביים שטרייכן בין איך באגאנגען פעלערן אין באשטימען וואס צו באזייטיקן און וואס אי־

בערצולאָזן. באַזונדערס האָב איך גענומען אין אַכט דאָס וואָס וועגן ליטעראַטור און פרעסע און אויך וועגן טעאַטער זענען פאַראַן די דערמאָנטע צוויי לעקסיקאָנען פון רייזן און זילבערצווייג, וועלכע געבן אויספירלעך וועגן די פערזענלעכקייטן פון די דאָזיקע יידישע קולטור־געביטן.

4) צוליב דער זעלבער נויטווענדיקייט צו פאַרקירצן דעם אומפאַנג פון דער ענציקלאָפעדיע האָב איך אויך ניט געקאָנט געבן גענוג ביבליאָגראַפיע, אַזוי אַז נאָר ביי וויכטיקע ענינים ווערט אָנגעוויזן אויף טייל באַטרעפנדע קוואַלן, אין וועלכע מען קאָן געפינען אויספירלעכע ידיעות.

5) ווען דער לעזער געפינט ניט דעם נאָמען פון אַ גרויסער פערזענלעכקייט זאָל ער זוכן ביים פאַמיליע־נאָמען. למשל וועגן ר' שלמה אבן גבירול ווערט גענעבן ביי „גבירול", און ר' אברהם אבן עזרא ווערט גענעבן ביי „אבן עזרא", און ר' שלמה בן אדרת, ווערט גענעבן ביי „שלמה".

6) נאָכדעם ווי איך האָב דורכגעקוקט עטלעכע געדרוקטע בויגנס האָב איך באַמערקט, אַז עס זענען דאָ און דאָרט אַריינגעפאַלן גרייזן, דרוקפעלערן, אָבער אויך טעותים (ווי למשל אין זכוואָרט „דוכן" ווערט אָנגעגעבן די גמרא „מגלה ט"ז" און עס דאַרף זיין „חגיגה ט"ז" און אויך אין טייל אַנדערע ערטער). צום סוף פון דער ענציקלאָפעדיע וועל איך געבן אויסבעסערונגען פון די גרייזן, וועלכע זענען וועזנטלעך און פירן אריין דעם לעזער אין טעות.

7) דאָס איז דאָס וויכטיקסטע. די יידישע פאָלקס־ענציקלאָפעדיע איז געשריבן און צונויפגעשטעלט געוואָרן אין אַ צייט פון די מוראדיקסטע און שוידערלעכסטע געשעענישן, וועלכע האָבן ניט צו זיך קיין גלייכן אין דעם גאַנצן שטח פון דער יידישער געשיכטע. דער גרויזאַמסטער און מערדערלעכסטער יידן־פיינט, היטלער, און זיינע מיטהעלפער די מערדער, האָבן אַריינבאַקומען אין זייערע רוצחישע נעגל דעם גרעסטן און וויכטיקסטן טייל פון יידנטום, די פיל מיליאָנען יידן פון פוילן, ליטע, אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, באַלטישע לענדער, רומעניע און אַנדערע לענדער אין מזרח אייראָפּע און מערב־אייראָפּע. אַזאַ איינגרייפן אין דער יידישער געשיכטע האָט ניט קיין שום פאַרגלייך אין דער פאַרגאַנגנהייט. ניט חורבן ירושלים און ניט חורבן ביתר און ניט די קרייץ־פאַרער און אַפילו ניט גזרת ת"ח ות"ט, האָבן ניט אַזוי פאַרניכטעט דעם זאַפטיקסטן און וועזנטלעכסטן טייל פון יידישן פאָלק. אין דער יידישער פאָלקס־ענציקלאָפעדיע האָבן

די דאָזיקע מאָומדיקע געשעענישן ניט געקאַנט, ליידער, געפינען דעם ריכ־טיקן אָפּקלאַנג, פּשוט ווייל מיר האָבן ניט קיין קלאָרע ידיעות וועגן דעם וואָס עס קומט פאָר מיט די יידן אין די אַלע לענדער, וועלכע געפינען זיך אין די מערדערלעכע הענט פון די היטלער־חיילות. ווען איך שרייב די דאָ־זיקע הקדמה, אין ענדע נאָוועמבער 1942, קומען אָן דורך פאַרשידענע וועגן ידיעות, וועלכע זענען די גרויזאַמסטע. היטלער האָט געשיקט אויסראָטונגס־עקספּעדיציעס אין די אַלע אָקופּירטע לענדער אויף אויסצוקוילענען אַלע יידן אין די געטאָס. מען פירט אַרויס יידישע קינדער, אַלטע לייט, פרויען, קראַנקע, און מען שעכט זיי אויס, נאָכער קוילעט מען אויס די דערוואַקסענע יידישע באַפעלקערונג. ביז איצט זאָלן די דאָזיקע רוצחים האָבן אויסגע־קוילעט איבער 2 מיליאָן יידן, און די רציחות און הריגות קומען פאָר ווייטער. אין דער יידישער פאָלקס־ענציקלאָפּעדיע האָט באַדאַרפט זיין מער וועגן די לעצטע פייניקונגען, וועגן די געטאָס. אָבער ליידער האָבן מיר, ווי געזאָגט, כמעט קיינע ידיעות ניט. עס זענען דערשינען צוויי ביכער: איינס אין העברעאיש, „יון מצולה החדש“, פון מ. פּראַגער, אין תל אביב, זומער 1941, און איינס אין אידיש, „די יידן אין נאַצי פּוילן“, פון ל. שפּיז־מאַן, אָקטאָבער 1942, ניו־יאָרק. אָבער ביידע געבן ניט קלאָרע ידיעות. איך וועל מיך באַמיען צו געבן וואָס מער איינצלהייטן אין 2טן באַנד פון ענציקלאָפּעדיע אין זוכוואָרט „מלחמה“. די פּרטים, וואָס ווערן אָנגע־געבן וועגן לעבן פון יידן אין די אייראָפּעאישע לענדער אין די פאַרשידענע זוכווערטער (ווי „וואַרשע“, „ווילנע“ וכדומה), אַנטשפּרעכן ניט דער איצ־טיקער שוידערלעכער ווירקלעכקייט.

ווי עס איז דער מנהג ישראל וועל איך דאָ דערמאָנען מיין פאָטער, ר׳ ישראל יצחק פּיעטרושקאַ זכרונו לברכה, וועלכער איז נפטר געוואָרן אין עלטער פון 76 יאָר אין תל אביב ה׳ אייר ת״ש, און אויך מיין מוטער חיה דינה תחי׳, וועלכע וואוינט איצט אין תל אביב. זיי האָבן זיך באַמיט אין מיר איינצופלאַנצן אהבה צו לערנען, און אויב איך האָב דערוואָרבן אַביסל וויסן, האָב איך עס זיי צו פאַרדאַנקען. איך וויל דאָ אויסדריקן אַ דאַנק מיין ליבער פרוי, רחל תחי׳, וועלכע האָט מיר פיל געהאָלפן אין מיין לעבנסוועג. און זאָלן דאָ דערמאָנט ווערן מיינע צוויי ליבע קינדער: מיין זון שמואל פּיעטרושקאַ נ״י, וועלכער האָט באַקומען זיין דערציאונג אין ארץ־ישראל און איז דאָרט געווען אַן עובד אדמה, און ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן, אין סעפּטעמבער 1939, איז ער מיט אַ גרופּע זיינע חברים פון אירגון צבאי לאומי, גלייך אַריינגעטרעטן אַלס מתנדב (פריי־

וויליקער) אין דער בריטישער אַרמיי אין נאָענטן מזרח און אָנטיילגענומען אין פיל שלאַכטן; און אויך מיין טאָכטער גינה פיעטרושקאַ תחי'.

איך וויל דאָ אויסדריקן אַ דאַנק אַ גרויסע פריינט און מנדבים, וועלכע האָבן מיר געהאָלפן פינאַנציעל אַרויסצוגעבן די ענציקלאָפּעדיע. די רשימה פון זייערע נעמען גיב איך צום סוף פון דאָזיקן ערשטן באַנד פון דער יידישער פאָלקס-ענציקלאָפּעדיע. אַ באַזונדערן דאַנק וויל איך אויסדריקן מיין ליבן חשובן פריינט ר' הירש וואָלאָפּסקי, אַרויסגעבער פון „קענעדער אָדלער", וועמען איך האָב צו פאַרדאַנקען זייער אַ סך און באַזונדערס די מעגליכקייט אַרויסצוגעבן די ענציקלאָפּעדיע.

מאָנטרעאַל, ענדע דעצעמבער, 1942.

ש מ ח ה   פ י ע ט ר ו ש ק אַ

א

א (אלף) דאָס ערשטע אות פון אלף־בית אין העברעאיש און יידיש. דער „אלף" שטאַמט דערפון, וואס אין דעם גאָר אלטן העברעאישן אלף־בית האָט דער בוכשטאַב „אלף" געהאַט דעם אויסזען פון א קאָפּ פון אַן אָקס, און אַן אָקס אויף העברעאיש הייסט „אלף". דאָס דאָזיקע אות הייסט אין דער אראמעאישער שפּראך „אלפא", און דערפון שטאַמט אויך דער נאָמען פון ערשטן נאָמען אין גריכיש „אלפא". — שי"ר (ראפּאָפּאָטאָרט) אין תלמודיש־ענציקלאָפּעדישן ווערטער־בוך „ערך מלין" (זוכוואָרט „ארם") וויל האָבן, אַז דער בוכשטאַב „אלף" אָדער „אלפא" איז דער טייטש אַ „שיף". — דאָס אות „אלף" האָט אין דער העברעאישער שפּראך אויך געהאַט די באַדייטונג „דער ערשטער". די משנה שקלים ג' זאָגט, אַז אין בית המקדש איז געווען א גרויסע קאַסע און דאָרט איז געלעגן דאָס גאַנצע געלט, וואס מען האָט געגעבן פאַר דעם בית המקדש, און ווען מען האָט געדאַרפן נעמען געלט האָט מען פון דאָרט ארויסגענומען אין דריי קוישן (בשלש קופות תורמין את הלשכה"), „וכתוב בהן אלף, בית גימל", אויף די קוישן זענען געווען אויפגעשריבן די בוכשטאַבן אלף, בית, גימל, דאָס הייסט דער ערשטער, דער צווייטער און דער דריטער. אויך אין ספרים איז דער מנהג צו פאַרצייכנען דעם ערשטן בלאַט אָדער דעם ערשטן טייל צי קאַפּיטל מיט דעם בוכשטאַב „א". — „א" האָט אויך די באַדייטונג: „דער אָנהויב", און מיר געפינען אין דער גמרא שבת נ"ה „בני אדם שקיימו את התורה כולה מאלף ועד תיו" („מענטשן, וואס האָבן מקיים געווען די גאַנצע תורה פון אלף ביז תיו", דאָס הייסט „פון אָנהויב ביזן סוף"). — וועגן „אלף־בית" בכלל ביים זוכוואָרט „אלף־בית".

אב נאָמען פון עלפטן חודש אין יאר אין יידישן לוח: האָט 30 טעג; גאָר אמאָל, ווען דער אָנהויב פון יידישן יאר האָט זיך גערעכנט פון חודש ניסן, איז אָב געווען דער פינפטער חודש פון יאר. דער נאָמען „אָב", ווערט אין תנ"ך נישט דערמאָנט, און אין תנ"ך הייסט ער „החמישי", „דער פינפטער חודש". דער נאָמען „אב", פונקט ווי די נעמען פון אלע חדשים, האָבן די יידן איבערגענומען פון די איינוואוינער אין בבל, אין די צייטן פון גלות־בבל נאָכן חורבן פון ערשטן בית־המקדש. אין חודש אב זענען פאָרגעקומען די טראַגישע געשעענישן פון דער יידישער געשיכטע, דער חורבן ירושלים, דער חורבן פון ביידע בית המקדש'ס, דער „חורבן פון ביתר", און גאָר שפּעטער דער גירוש פון שפּאניע. אין דער משנה ווערט אָב באַטראַכט פאַר א טרויער־חודש, און עס ווערט געזאָגט: „משנכנס אב ממעטין בשמחה", „ווען עס הויבט זיך אָן דער מאָנאַט אָב, פריידט מען זיך ווייניקער" (תענית ד', ו'). די ערשטע ניין טעג פון חודש אָב זענען באַקאַנט אלס די טרויעריקע „ניין טעג". אין די שפּעטערדיקע צייטן האָט מען אלס טרייסט גערופן דעם חודש „מנחם אב". — זע אויך „חמשה עשר באב", „ניין טעג", „שבת חזון", „שבת נחמו", „תשעה באב".

אב אין העברעאיש א „פּאָטער". דערפון שטאַמט אויך די באַדייטונג פון וואָרט „אב" אלס „עלטסטער", „העכסטער", דער „יסוד פון א זאך", די „קוועלע" פון א זאך. די קוועלע פון וואַנען זאכן ווערן לויט דער יידישער רעליגיע טמא הייסט

„אב הטומאה"; די הויפּטאַרבייט, וואָס מען טאָר ניט טאָן אום שבת הייסט „אב־מלאכה"; דאָס וואָרט „אב" געפינט זיך אין אַ סך העברעאיש־יידישע נעמען, ווי „אבנר", „אבשלום".

אב בית דין (דער עלטסטער פון דעם געריכטס שטוב). דער טיטל, וואָס ווערט געגעבן דעם העכסטן רב אין אַ שטאָט. דער טיטל שטאַמט פון גאָר אַלטע צייטן. לויט דער גמרא (מועד קטן כ"ז) איז שוין דער אב־בית־דין געווען אין די צייטן, ווען די יידן האָבן זיך געפונען אין דער מדבר, עס איז שווער צו זאָגן, ווען דער דאָזיקער טיטל איז איינגעפירט געוואָרן אָפיציעל ביי יידן. די משנה חגיגה ב', ב') זאָגט, אַז אין די צייטן פון צווייטן בית המקדש זענען אין דער שפּיץ פון סנהדרין געשטאַנען צוויי פּערזאָן, די „זוגות", — וואָס ווערן דערמאָנט אין פרקי אבות — איינער פון זיי איז געווען דער „נשיא", און דער צווייטער איז געווען דער „אב בית דין". זיכער איז, אַז דער „אב בית דין" איז געווען איינער פון די העכסטע רעליגיעזע פירער ביי יידן אין ארץ־ישראל אין דער צווייטער העלפט פון בית־שני, און אויך אין די צייטן פון משנה און פון דער גמרא. אין דער תוספתא (סנהדרין ז', ח') ווערט געזאָגט, אַז ווען דער אב בית דין פלעגט אַריינקומען אין בית־המדרש, האָבן אַלע מענטשן, לעבן וועלכע ער איז פאַרבייגעגאַנגען, זיך געמוזט אויפשטעלן. אין טאָג, ווען דער „אב בית דין" איז געשטאָרבן, האָבן אַלע זיך געמוזט קריעה־רייסן (מועד קטן כ"ו), און אין אַלע בתי מדרשים האָט מען אויפגעהערט לערנען יענעם טאָג אַלס צייכן פון טרויער (מועד קטן כ"ב). דער „אב בית דין" פלעגט פעסטשטעלן ווען ראש חודש איז, און ער פלעגט „הייליקן" דעם ראש חודש (משנה ראש השנה ב' ז'). אויך נאָך די צייטן פון דער גמרא, אין דער עפּאָכע פון די „גאונים", סיי אין בבל און סיי אין ארץ־ישראל, איז געווען איינער פון די פירער פון דער ישיבה, וואָס האָט געטראָגן דעם טיטל „אב בית דין". — אין די שפּעטערע צייטן אין אייראָפּע געפינען מיר אַ סך רבנים באַצייכנט מיט דעם טיטל „אב"ד" (וואָס איז די ראשי־תבות פון „אב בית דין") אָדער ראב"ד („ראש אב בית דין" אָדער „רבנו אב בית דין"). — פּרטים אין שי"ם „ערך מלין", זוך־וואָרט „אב־בית־דין".

אב הרחמים („דער פאָטער פון דערבאַרמונג"), תפילה אין דער העברעאישער שפּראַך, וואָס ווערט געזאָגט יעדן שבת אין די קהלות פון פיל לענדער. די תפילה איז אַ געבעט צו גאָט („פאָטער פון דערבאַרמונג") פאַר די נשמות פון די פאַרשטאָרבענע; זי איז פאַרפאַסט געוואָרן צום אָנדענקען פון די אַלע יידן, וואָס זענען געטויט געוואָרן אויף קידוש השם. ווער איר מחבר איז, און ווען די תפילה איז פאַרפאַסט געוואָרן, איז נישט באַקאַנט. דאָס ערשטע מאָל געפינט מען די תפילה אין אַ מחזור אין כתב יד פון יאָר 1270. מען גלויבט, אַז זי איז פאַרפאַסט געוואָרן אין דייטשלאַנד נאָך די שחיטות פון יאָר תתנ"ו (1096) אין די צייטן פון די „קרייץ־פאַרער" („נוסעי הצלב"). „אב הרחמים" ווערט אויך געזאָגט אין די ימים טובים ווען מען איז מזכיר נשמות. צו דער תפילה איז פאַראַן אַ ספּעציעלע מעלאָדיע.

אבא („פאָטער" אויף אַראַמעאיש) דאָס דאָזיקע וואָרט איז זייער פאַרשפּרייט אַלס נאָמען ביי יידן שוין פון יענער צייט אָן, ווען יידן האָבן גערעדט אַראַמעאיש, דאָס הייסט שוין פון די צייטן פון צווייטן בית המקדש. מיר געפינען דעם דאָזיקן נאָמען „אבא" זייער פאַרשפּרייט אין דער גמרא און אויך אין די שפּעטערדיקע צייטן ביז

היינט. דאָס וואָרט אבא האָט אויך געהאַט די באַדייטונג פון אַן „ערן־טיטל'', אַ שטייגער ווי „רבי'', און מיר געפינען גאַנץ אָפט אין דער משנה, למשל, „אבא שאול'', דאָס איז אַזוי ווי „רבי שאול''. — ווי געזאָגט זענען פאַראַן אין דער גמרא פיל פּערזאָנען, וואָס ווערן אָנגערופן „אבא''. אַ קליינער טייל פון זיי זענען געווען „תנאים'', דער גרעסטער טייל זענען געווען „אמוראים''. מיר דאַ, ביי די נעמען אבא, וועלן ברענגען די גאָר וויכטיקסטע פון זיי. עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז דער נאָמען אבא איז אַ פאַרקירצונג פון נאָמען אברהם. אין די שפּעטערדיקע צייטן באַגעגענען מיר די נעמען אברהם און אבא צוזאַמען: „אברהם־אבא''. — דאָס וואָרט „אבא'' איז שפּעטער אין די צייטן פון „קבלה'' געוואָרן אויך אַ געוויסער באַגריף פאַר איינער פון די העכסטע „ספירות''. וועגן די וויכטיקסטע רבנים אין די שפּעטערדיקע צייטן, וואָס האָבן געהייסן אבא וועלן מיר שרייבן ביים וואָרט „אברהם'', ווייל זיי האָבן אַלע געהייסן „אברהם אבא''.

אבא רבי, אין בבל אין 3־טן יאָרהונדערט; רבי אבא האָט געוואוינט צוערשט אין בבל און דערנאָך איז ער אַוועק קיין ארץ־ישראל (ברכות כ''ד). די שפּעטערדיקע אמוראים, וואָס זענען געווען אין בבל האָבן גערופן רבי אבאַן רבותינו שבארץ־ישראל („אונזער רבי פון ארץ־ישראל'') (סנהדרין י''ז). אין דער גמרא ווערט פון אים געבראַכט אַ סך הלכות און דברי אגדה; די גמרא דערציילט, אַז רבי אבא האָט אַזוי ליב געהאַט ארץ־ישראל, אַז ווען ער איז געקומען פון בבל קיין ארץ־ישראל און איז צוגעקומען אין דער שטאָט עכו, וואו עס איז די גרעניץ, האָט ער געקושט די שטיינער פאַר גרויס ליבשאַפט צום לאַנד (כתובות קי''ב). עס ווערט אויך דערציילט, אַז ער פלעגט געבן צדקה אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן, און דעריבער האָט ער זיך אָנגעטאָן אַ זעקל מיט מטבעות און עס אויפגעהאַנגען אויף די פּלייצעס, כדי די אָרימע לייט זאָלן פון דאָרט נעמען געלט, און ער זאָל ניט זען, ווער עס נעמט. (כתובות ס')

אבא אריכא. זע „רב''.

אבא בר אבא, אמורא, פאָטער פון באַרימטן אמורא אין בבל, שמואל; הייסט דעריבער אין דער גמרא אויך „אבוה דשמואל'' („דער פאָטער פון שמואל''); ער האָט געוואוינט אין דער שטאָט נהרדעא, און איז געווען אַ רייכער מאַן. די גמרא דערציילט פון אים אַ סך מעשיות וועגן זיין טיילן צדקה צו אָרימעלייט. עס ווערט דערציילט אַז איינמאָל האָט ער געשיקט זיין זון שמואל מיט אַ נדבה אַפּצוטראָגן צו אַן אָרימער פאַמיליע; שמואל האָט געטראָפן די פאַמיליע־מענטשן ווי זיי האָבן געגעסן פלייש און געטרונקען וויין. ער איז צוריקגעקומען און עס דערציילט דעם פאָטער און דערביי באַמערקט, אַז דער דאָזיקער פאַמיליע דאַרף מען דעריבער ניט געבן קיין נדבות. דערויף האָט אים זיין פאָטער געזאָגט, אַז אויב זיי זענען געוואוינט צו אַזעלכע טייערע מאַכלים, דאַרף מען זיי געבן נאָך גרעסערע נדבות (ירושלמי פאה פ''ח). אבא בר אבא איז אויך אַ געוויסער צייט אַוועק קיין ארץ־ישראל. ער פלעגט אויך מאַכן רייזעס אין די ווייטע לענדער פון „יענע זייט ים'' („מדינת הים''). אין שפּעטערדיקע קוועלן („הלכות גדולות'' צום סוף פון הלכות גטין, געבראַכט אין תוספות קדושין ע''ג) ווערט דערציילט פאָלגענדע לעגענדע: אבא בר אבא איז אַמאָל געווען אין די ווייטע לענדער, האָט ער געטראָפן אַ כשוף־מאַכערין, וועלכע האָט אים פאַרגעלייגט צו לעבן מיט איר, ווייל זי האָט געזען מיט כשוף, אַז פון אבא בר אבא

דאָרף יענע נאַכט אַרויסקומען אַ גרויסער
מאַן. ווי אבא האָט דאָס דערהערט, האָט
ער געזאָגט אַ שם המפורש, און אין איי־
גנבליק געווען ביי זיך אין נהרדעא. און
האָט געלעבט מיט זיין אייגן ווייב, און
זי איז מעוברת געוואָרן און האָט אים גע־
בוירן דעם זון שמואל. — פון אבא בר
אבא זענען פאַראַן פיל הלכות און אגדות.
ער איז געשטאָרבן אַ קורצע צייט פאַר
זיין זון שמואל.

אבא גוריון, תנא אין ארץ־ישראל אין
צווייטן יאָרהונדערט. אין דער משנה
ווערט אויך אָנגערופן „איש צדיין", דאָס
הייסט, אַז ער האָט געוואוינט אין דער
שטאָט צדון. אין דער משנה סוף קדושין
ווערט געבראַכט פון אים, אַז אַ פאָטער
זאָל נישט לערנען זיין זון דעם פאַך פון
אַן אייזל־טרייבער, אַ שיפער, אַ פאַסטוך
און אַ סוחר, וויל זייערע אומנות איז דער
פאַך פון גנבה. אין דער פתיחה צום
„מדרש אבא גוריון" און דאָס זעלבע
אויך אין דער פתיחה צום מדרש אסתר
רבה, ווערן געבראַכט פון אים אַ ריי עטי־
שע באַמערקונגען וועגן דרך־ארץ און גו־
טער אויפירונג פון מענטש. — עס איז
שווער צו זאָגן צי דער דאָזיקער אבא
גוריון האָט אַ שייכות צו דעם „מדרש
אבא גוריון".

אבא חלקיה צדיק און בעל מופת אין
ארץ־ישראל אומגעפער אין אָנהויב פון
ערשטן יאָרהונדערט, אין דער צייט, ווען
דאָס צווייטע בית המקדש איז געשטאַנען.
אין דער גמרא (תענית כ"ג) ווערט דער־
ציילט, אַז ער איז געווען אַן אייניקל פון
בעל מופת חוני המעגל און אַז ער האָט
געאַרבייט אַלס געדונגענער בעל מלאכה
ביי יענעם אין פעלד, פירנדיק אַן אָרעם
לעבן; אין אַ טרוקן יאָר, ווען עס איז ניט
געפאַלן קיין רעגן, פלעגט מען קומען צו
אבא חלקיה, אַז ער זאָל מתפלל זיין; אין
דער גמרא (מכות כ"ד) ווערט געזאָגט
אויף דעם פסוק אין תהלים ט"ו „הולך
תמים ופועל צדק" („פירט זיך אויף
גאַנץ און מיט גערעכטיקייט"), אַז „הולך
תמים" מיינט מען אברהם אבינו, און
„פועל צדק" מיינט מען אבא חלקיה.

אבא מרי הירחי אויך דון אשתרוק,
למדן און מחבר אין פראַנקרייך אין דער
2טער העלפט פון 13טן און אָנהויב פון
14טן יאָרהונדערט. זיין איינפלוס איז גע־
ווען זייער אַ גרויסער און ער שפּילט אין
דער געשיכטע פון דעם קאַמף קעגן לער־
נען פילאָזאָפיע אַ זייער גרויסע ראָלע.
אבא מרי איז געבוירן געוואָרן לערך דעם
יאָר 1250 אין פראַנקרייך אין דער שטאָט
לוניל(„לון" איז דער טייטש אויף פראַנ־
צויזיש „לבנה", און „ירח" איז אויף
העברעאיש „לבנה" און דערפון שטאַמט
זיין נאָמען „הירחי"). פון דאָרט איז ער
אוועק אין דער שטאָט מאָנפּעליער, אויך
אין פראַנקרייך. דאָס איז געווען אַ געוויסע
צייט נאָכדעם, ווי עס זענען דערשינען
די פילאָזאָפישע ספרים פון רמב"ם, צווי־
שן זיי אויך דער „מורה נבוכים", און אַ
סך יידן האָבן אָנגעהויבן לערנען פילאָזאָ־
פיע. אין די יידישע קהלות אין פראַנק־
רייך האָט זיך אָנגעהויבן אַ העפטיקע
מלחמה צווישן די פילאָזאָפיע אָנהענגער
פון איין זייט און די קעגנער פון פילאָזאָ־
פיע מיט אבא מרי אין דער שפּיץ — פון
דער צווייטער זייט. די רעגירונג, וועלכע
האָט געשטיצט די פילאָזאָפיע־פריינט,
האָט באַפוילן אבא מרין צו פאַרלאָזן מאָנ־
פעליער. ער האָט גענומען וואַנדערן, ביז
ער האָט זיך צום סוף באַזעצט אין
פערפּיניאַן, און דאָרט איז ער געשטאָרבן;
דאָס יאָר פון זיין טויט איז נישט באַ־
קאַנט. אבא מרי האָט אַלע בריוו וועגן
דעם קאַמף אַרום דער פילאָזאָפיע צונויפ־
געזאַמלט אין אַ ספר „מנחת קנאות" אין
132 פרקים.

אבא סיקרא נאמען פון א יידישן העלד אין דער צייט פון חורבן פון צווייטן בית המקדש. אין דער גמרא (גטין נ"ו) ווערט דערציילט, אז ער איז געווען דער שוועסטערן־זון פון רבן יוחנן בן זכאי, און ער איז געווען דער „ראש בריוני", דער פירער פון די קעמפער קעגן דער רוימישער הערשאפט. לויט זיין עצה האט רבי יוחנן פארלאזט ירושלים ווען די שטאט איז שוין געווען באלאגערט דורך דעם רוימישן מיליטער. טייל ווילן האבן, אז „אבא סיקרא" איז ניט קיין פריוואט־נאמען, נאר דאס איז דער טייטש „דער פירער פון די סיקאריער", און „סיקרים" האבן דאמאלט געהייסן די קעמפער, וועלכע האבן געטראגן קורצע שווערדן. אין מדרש איכה ווערט ער אנגערופן „בן בטיח".

אבא שאול אין דער משנה און דער גמרא ווערן דערמאנט עטלעכע תנאים און אמוראים מיט דעם דאזיקן נאמען. דא וועלן מיר נאר נעבן וועגן דעם וויכטיקסטן פון זיי, וואס ווערט דערמאנט אין דער משנה אין א סך ערטער מיט דעם סתם־נאמען „אבא שאול". ער איז געוועזן א תנא און געלעבט אין דער צייט פון סוף פון צווייטן בית המקדש, און ער איז ווארשיינלעך געווען א תלמיד פון רבי יוחנן בן זכאי. אממייסטן זיינע הלכות זענען וועגן בית המקדש און קרבנות (מדות ב'; מנחות ט'). אין דער גמרא (נדה כ"ד) ווערט דערציילט, אז אבא שאול איז געווען א מתים־גרעבער, און ער דערציילט דארט גוזמאות־מעשה'ס וועגן מתים. פראפעסאר לעווי פון ברעסלוי אין זיין אפהאנדלונג אויף דייטש „די משנה פון אבא שאול" מיינט אז דער דאזיקער אבא שאול זאל האבן געהאט מסדר געווען משניות.

אבד דאס איז א ווארט, וואס מען טרעפט גאנץ אפט אלס א טייל פון מענטשן־נעמען, וואס שטאמען פון דער אראבישער שפראך. אזוי, למשל, זענען פאראן נעמען פון אראבישע הערשער „אבדול", „אבדאלאה", די נעמען פון די טערקישע סולטאנען „אבדול כאמיד" און „אבדול אזיז". דאס ווארט „אבד" האט אין אראביש דעם זעלבן טייטש, וואס „עבד" אין העברעאישן, דאס הייסט קנעכט. „אבדאלאה" איז אין אראביש דער טייטש „דער קנעכט פון גאט". פונקט ווי אין דער העברעאישער שפראך דער נאמען „עובדיה" איז אויך דער טייטש גאטס קנעכט. — אין די אראבישע היסטארישע ביכער ווערט איבערגעגעבן וועגן א ריי יידן מיט זייערע פאדער־נעמען „אבדאלאה", וואס האבן געלעבט אין די צייטן פון מוכאמעד. דעם גרינדער פון דער מאכמעדאנישער אמונה, און די דאזיקע יידן זאלן האבן אנגענומען מוכאמעדס גלויבן.

אבהו רבי נאמען פון איינעם פון די באדייטענדסטע אמוראים אין ארץ־ישראל, וועלכער האט געשפילט ביי די יידן אין ארץ־ישראל אין יענע צייטן אויך א גרויסע פאליטישע ראלע. רבי אבהו האט געלעבט אומגעפער אין אנהויב פון 4טן יארהונדערט. ער איז געווען א תלמיד פון אמורא רבי יוחנן. אין דער גמרא ווערן גאנץ אפט געבראכט הלכות אלס „אמר רבי אבהו אמר רבי יוחנן". וואס רבי אבהו זאגט נאך פון זיין רבי ר' יוחנן. רבי אבהו האט געוואוינט אין דער שטאט קיסרין, „צעזארא". דאס איז געווען א פארט שטאט אין ארץ־ישראל, אויפן ברעג פון מיטלענדישן ים. אין יענע צייטן האט רוים געהערשט אין ארץ־ישראל, און אין קיסרין איז געזעסן דער רוימישער הערשער פון ארץ־ישראל. רבי אבהו איז געווען נישט נאר א גרויסער למדן, נאר אויך א קענער פון דער גריכישער שפראך און וועלטלעכע וויסענ־

שאפטן. ער איז דעריבער געווען א גרויסער
חשוב ביי די רוימישע הערשער. וואס
האבן געוואוינט אין קיסרין, און דאדורך
איז ער געווארן דער פאקטישער פירער
פון אלע יידן אין ארץ־ישראל. דאמאלט
איז איבער די יידן אין ארץ־ישראל גע־
ווען אלס פירער דער נשיא רבן גמליאל,
וועלכער איז אבער געווען א מאן מיט
שוואכע פייאיקייטן, און דעריבער איז
אויך ער געוועזן אונטערווארפן אונטער
רבי אבהו. פון רבי אבהו ווערן געבראכט
אין דער גמרא א סך הלכות און דברי אג־
דה; ער זאגט אין בבא קמא צ״ג „לעולם
יהא אדם מן הנרדפים ולא מן הרודפים״
(א מענש זאל בעסער זיין פון די פאר־
פאלגטע און נישט פון די וואס רודפן יע־
נעם״). ער זאגט אין חולין פ״ט, אז די
וועלט עקזיסטירט נאר אין זכות פון דעם
מענש „שמשים עצמו כמי שאינו״, „וואס
מאכט זיך פאר גארנישט״. ער האט גע־
האלטן, אז מען דארף שעצן מענשן, וואס
האבן געזינדיקט און תשובה געטאן, און
ער זאגט דאס באקאנטע ווארט (ברכות
ל״ד), אז „במקום שבעלי־תשובה עומדים
צדיקים גמורים אינם עומדים״, דאס
הייסט אז א בעל תשובה איז גרעסער ווי
א צדיק, וואס האט קיינמאל נישט געזינ־
דיקט. פון רבי אבהו איז פאראן אן אגדה־
ווארט, וואס בריינגט אויפן געדאנק די
נייסטע וויסנשאפטלעכע פארשונגען פון
אונזער צייט; ער זאגט, נעמליך, אין מדרש
בראשית רבה ג׳ וועגן דער וועלט־שאפונג,
אז גאט האט באשאפן וועלטן און זיי חרוב
געמאכט, ביז ער האט באשאפן די איצטי־
קע וועלט („בורא עולמות ומחריבן״).
דאס זאל שטימען מיט די נייע געאלאגי־
שע פארשונגען, אז פאר דער איצטיקער
עפאכע אויף דער ערד זענען געווען פרי־
ער עפאכן מיט מינים באשעפענישן,
וואס זענען פארשוואונדן. אין דער גמרא
(חגיגא י״ד) געפינען מיר, אז ער פלעגט
זיך משתדל זיין ביי די רוימישע שרים
פאר דער טובה פון די יידן. — רבי אבהו
האט געפירט ויכוחים מיט די אנהענגער
פון קריסטנטום אין יענער צייט, ווען
די קריסטלעכע אמונה האט זיך פאר־
שפרייט אין ארץ־ישראל. אין ירושלמי
(תענית ב׳) ווערט געבראכט זיין טייטש
אויפן פסוק „לא איש אל ויכזב, בן אדם
ויתנחם״, ווייל גאט זאגט, אז ער איז נים
קיין זון פון א מענש״ („בן אדם״). —
רבי אבהו האט געהאט 5 זין (אבימי,
אביי, רבי חנינא, רבי זעירא און רבי
שמעון) און איין טאכטער, וועגן וועל־
כער עס ווערט דערציילט, אז ער האט איר
געלערנט גריכיש (ירושלמי פאה א׳), אב־
וואל א סך יידישע חכמים פון יענע צייטן
האבן געהאלטן, אז מען טאר עס נישט
לערנען. אין דער גמרא (מועד קטן כ״ה)
ווערט דערציילט, אז ווען רבי אבהו איז
געשטארבן, האבן געוויינט אפילו די
„שטאט־זיילן פון קיסרין״, דאס הייסט,
אז עס איז געווען א טרויער ביי אלעמען.

אבו א ווארט, וואס איז זייער פיל בא־
נוצט געווארן אין דער אראבישער שפראך
אלס א פאר־נאמען צוזאמען מיט נאך א
ווארט. למשל, מען טרעפט גאנץ אפט ביי
די אראבער אזעלכע נעמען, ווי „אבו איס־
חאק״ וכדומה. דער טייטש פון ווארט
„אבו״ אין אראביש איז דער זעלבער ווי
„אב״ אין דער העברעאישער שפראך,
נעמליך: „פאטער״. עס פירט זיך נאך
היינט ביי א טייל אראבער, אז אויב איי־
נער האט א זון מיט וואסער עס איז נא־
מען, למשל, מוכאמעד, הייסט זיין פאטער
„אבו מוכאמעד״, „דער טאטע פון מוכא־
מעד״. אבער אחוץ דעם פלעגן די אראבער
באנוצן אויך דאס ווארט „אבו״ לויט היס־
טארישע נעמען. למשל אזוי ווי פון חומש
ווייסן מיר, אז אברהם איז געווען דער
פאטער פון יצחק, דעריבער אויב איינער
האט געהייסן ביי די אראבער איבראהים

(דאס איז אברהם), האט מען אים אויך גערופן „אבו איסחאק" („דער פאטער פון יצחק"). דאס ווארט „אבו" פלעגן די אראבער אויך באנוצן נישט דוקא אלס „פאטער", נאר אויך צו באצייכענען יע־דע אנדערע קרובהשאפט, ווי „זון", „ברו־דער". למשל, אז איינער האט געהייסן ביי זיי „הארון" (דאס איז „אהרן"), האט מען אים גערופן אויך „אבו מוסא" („דער פאטער פון משה"), כאטש משה אין חומש איז געווען נישט א פאטער, נאר א ברודער פון אהרן. מען האט אויך באנוצט דאס ווארט „אבו" אין גייסטיקן זין, למשל, א דאקטאר האט געקאנט היי־סן ביי זיי „אבו־אלעפיא", וואס איז דער טייטש „דער פאטער פון געזונט", וכדו־מה. מיר גיבן דא ספעציעל א לייַנגערע אויסטייטשונג פון ווארט „אבו", ווייל דאס דאזיקע ווארט טרעפן מיר זייער פיל ביי די נעמען פון גרויסע יידישע חכמים פון די אראבישע צייטן און אויך שפע־טער, און די אויסטייטשונג פון דאזיקן ווארט מאכט אונז קלארער די באדייטונג פון א סך נעמען.

אבו עיסי איספאהאני יידישער פי־רער און העלד, איינער פון די „פאלשע משיחים", וואס האבן געפרובט אויסלייזן די יידן פון גלות דורך ארגאניזירן א יידי־שע ארמיי. זיין יידישער נאמען איז גע־ווען יצחק בן יעקב; ער האט געלעבט אין איספאהאן אין פערסיע אין אנהויב פון 8טן יארהונדערט. דעמאלט האט גע־הערשט אין פערסיע דער קאליף איבן מערוואן, וועלכער האט שלעכט באהאנ־דעלט די יידן אין זיין לאנד. דאמאלט איז אויפגעשטאנען אבו עיסי און האט זיך ערקלערט אלס משיח און גענומען זאמלען ארום זיך יידישע יונגעלייט, כדי מיט זייער קראפט אויסצולייזן די יידן פון גלות. עס ווערט דערציילט וועגן אים, אז ער פלעגט איינער אליין ארויסטרעטן אין שלאכט־פעלד אין קאמף קעגן מחנות פון פיינטלעכן מיליטער און זיי באזיגן. אין א שלאכט איז אבו עיסי געפאלן טויט, און זיינע אנהענגער זיינען זיך צולאפן.— אבער נישט קוקנדיק אויף דער דאזיקער מפלה און אויפן טויט פון אבו עיסי, האבן א סך יידן געגלויבט, אז ער איז ווייטער משיח, און אז ער איז נישט אומגעקומען אין דער מלחמה, נאר אז ער איז אוועק אין יענער זייט טייך סמבטיון, צו די לעגענדארע בני משה, און פון דארט וועט ער צוריקקומען מיט אן ארמיי און אויס־לייזן די יידן. פון די דאזיקע גלויביקער איז אנטשטאנען א באזונדער יידישע רע־ליגיעזע סעקטע מיטן נאמען די „איסא־וויטן" („עיסונים"), וועלכע האבן אין א סך מצוות זיך אויפגעפירט אנדערש פון אנדערע אידן. זאגאר 200 יאר נאך אבו עיסיס טויט האבן זיך געפונען אין דמ־שק גלויביקע פון דער דאזיקער סעקטע.

אבו אימראן תיפליסי גרינדער פון אן אלטער יידישער רעליגיעזער סעקטע, וואס האט געשפילט א געוויסע ראלע אין די מזרח־לענדער. זיין העברעאישער נא־מען איז געווען משה. ער האט געוואוינט צוערשט אין באגדאד, דערנאך אין טיפ־ליס. אין דער צווייטער העלפט פון 9טן יארהונדערט; ער האט געלייקנט אין „שכר ועונש" (אז גאט באשטראפט פאר שלעכטע מעשים און באלוינט פאר גוטע מעשים) און אין תחיית המתים. א סך מנהגים און דינים האט ער געהאט די זעלבע, וואס די קאראאימער.

אבודרהם דוד מחבר, בארימט דורך זיין ספר „אבודרהם", וואס האט א גרויסן ווערט פאר דער פארשונג פון דער געשיכ־טע פון סידור און דאוונען און מנהגים. דוד אבודרהם האט געלעבט אין שפאניע אין דער שטאט סעווילא; אין יאר 1340 (ה' אלפים ק') האט ער מחבר געווען דאס

ספר „אבודרהם‟, אין וועלכן ער האָט צונויפגענומען אַלע מנהגים און טעקסטן פון תפילות אין שפּאַניע און פראַנקרייך און האָט צו זיי צוגעגעבן אַ פּירוש. דערביי ברייינגט ער אויך פאַרשיידענע דינים וועגן דאַוונען, גענומען פון דער גמרא און שפּעטערדיקע ספרים, רמב״ם, דער ראש, טור און אַנדערע. אין דאָזיקן ספר איז אויך פאַראַן אַ לוח פון די מולדות אויף לערך 300 יאָר אַרויס. דאָס ספר אבודרהם איז דאָס ערשטע מאָל געדרוקט געוואָרן אין ליסאַבאָן אין יאָר 1490 (ר״ן), און פון דאַמאָלט אָן איז עס געדרוקט געוואָרן פיל מאָל. דוד אבודרהם האָט אויך פאַרפאַסט פירושים צו טייל פּיוטים פון מחזור און זיי זענען געדרוקט געוואָרן אין בערלין אין יאָר 1900 (תר״ס) אונטער דעם נאָמען „תשלום אבודרהם‟.

אבוהב יצחק (דער ערשטער) למדן און מחבר; ס'איז נישט באַוואוסט קיין זיכערע זאַך פון זיין לעבן; מען דענקט אז ער האָט געלעבט אין שפּאַניע אומגעפער צום סוף פון 14־טן יאָרהונדערט: ער האָט מחבר געווען דאָס ספר „מנורת המאור‟, וואָס איז געלעזן געוואָרן שפּעטער דורך מיליאָנען יידן און איז געדרוקט געוואָרן פיל מאָל, אויך אין איבערזעצונגען אין דער יידישער שפּראַך, און האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג צו פאַרשפּרייטן מוסר און עטישע אַנשויאונגען ביי די ברייטסטע פרומע יידישע פאָלקס־מאַסן דורך הונדערטער יאָרן. — לויט געוויסע ראשי־תבות, וואָס געפינען זיך אין דער הקדמה צום „מנורת המאור‟, איז צו זען, אַז דער פאָטער פון רבי יצחק האָט געהייסן אברהם. רבי יצחק אבוהב שרייבט אין דער זעלבער הקדמה וועגן זיך, אַז ער איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ סוחר און ער פלעגט אויך לערנען, אָבער ערשט אויף דער עלטער האָט ער באַשלאָסן אָפּצוגעבן זיך בלויז מיט לערנען און צו שרייבן ספרים. ווי ער זאָגט, זאָל ער האָבן מחבר געווען נאָך 2 אַנדערע ספרים מיט די נעמען „ארון העדות‟ און „שלחן הפנים‟; זיי זענען פאַרלאָרן געגאַנגען. אין דעם „מנורת המאור‟ האָט רבי יצחק אבוהב צונויפגענומען פיל ווערטער וועגן מוסר און דרך ארץ און גוטער אויפפירונג, וואָס געפינען זיך אין גמרא און מדרש און אויך אַנדערע פאַרצייטישע ספרים. דערביי באַנוצט ער זיך אויך מיט די מיינונגען פון די אַמאָליקע פילאָזאָפן און קבלה ספרים, וואָס זענען געווען באַקאַנט אין יענער צייט. אין דער הקדמה שרייבט ער, אַז אויב די הלכה און די דינים פון דער גמרא זענען דאָס טעגלעכע ברויט, זענען די מוסר־ווערטער און די אגדה — דער מים חיים, דאָס קוואַל וואַסער, וואָס איז טיילמאָל נאָך נויטיקער ווי ברויט. — דער „מנורת המאור‟ באַשטייט פון 7 טיילן, פונקט ווי די מנורה האָט 7 ליכט. יעדער טייל פון ספר הייסט דעריבער „נר‟ („ליכט‟). אין דעם ערשטן טייל ווייזט אויף דער מחבר פון פיל שטעלן אין דער גמרא און מדרשים און פילאָזאָפישע ווערק, אַז דער מענטש דאַרף זיך נישט נאָכיאָגן נאָך לוקסוס און איבעריקע זאַכן („מותרות‟) און זאָל אויסוואָרצלען פון זיך די שלעכטע מידות: קנאה, תאוה און כבוד. אין דעם צווייטן טייל רעדט ער אַרום די שעדלעכקייט פון ליצנות, ליגן־זאָגן, חנופה, לשון־הרע, פאַרשעמען מענטשן, קריגן זיך מיט מענטשן. אין דעם דריטן טייל ווערט באַהאַנדלט ווי אַזוי דער מענטש דאַרף זיך אויפפירן אין פאַרשיידענע מצוות, ווי אָפּהיטן שבת און יום טוב, דאַוונען, ערלעך האַלטן עלטערן, דערציען קינדער, הכנסת־אורחים, מאַן־און־ווייב לעבן. דער פערטער טייל רעדט אַרום די גרויסקייט פון לערנען תורה, אין פינפטן טייל גיט דער מחבר אָנווייזונגען וועגן דער גרויסקייט פון תשובה. דער זעק־

סטער טייל רעדט ארום די מעלות פון שלום און לעבן גוט מיט מענשן און ארויסווייזן דרך ארץ און ליבשאפט צו מענשן. דער זיבעטער טייל באהאנדלט דאס עניוות, זוי יעדער מענש דארף זיין ביי זיך נידריק. דאס גאנצע ספר איז דורכגעפלאכטן מיט ווערטער פון דער גמרא און מדרשים, וואס שטיצן די עטישע און רעליגיעזע אנשויאונגען פון מחבר. — אין די לעצטע יארן האבן צוויי יידישע געלערנטע: ישראל אפרת און ה. ג. ענעלאו אנגעשריבן ארטיקלן און אויפגעוויזן, אז א סך טיילן און שטיקער פון „מנורת המאור" האט רבי יצחק גענומען פון אן אנדער ספר, וואס איז געשריבן געווארן אין א פריערדיקער צייט. ישראל אפרת האט פארעפנטלעכט זיין ארטיקל אין יידיש - ענגלישן זשורנאל „דזשואיש קווארטערלי רעוויו" יאר 1918, און ענעלאו האט זיין ארטיקל פארעפנטלעכט אין יארבוך פון „היברו יוניאן קאלעדזש" יאר 1927. זיי ביידע ווייזן אויף, אז א סך טיילן פון „מנורת המאור" זענען גענומען געווארן פון א ספר, וואס האט אויך געהייסן „מנורת המאור" און זיין מחבר איז געווען דער יידישער למדן אין שפאניע רבי ישראל בן יוסף אלנאקווא (אלנקאווה), פון דער שטאט טאלעדא, וועלכער איז געטויט געווארן אויף קידוש השם אין דעם יאר 1391 (ה' קנ"א). דער דאזיקער ערשטער „מנורת המאור" איז געבליבן אין כתב־יד און געפינט זיך אין דער אקספארדער ביבליאטעק און ענעלאו האט אים פארעפנטלעכט (ניו יארק, יאר 1929).

אבוהב יצחק (1433-1493). דעם דאזיקן גרויסן רב האט מען גערופן אויך „רבי יצחק אבוהב דער צווייטער", כדי אים אונטערצושיידן פון דעם מחבר פון „מנורת המאור". ער איז געבוירן געווארן אין יאר 1433 (קצ"ג) און איז געווען רב אין שפאניע אין דער שטאט טאלעדא. אין זיין צייט איז אויסגעפאלן די טרויריקע פאסירונג אין דער יידישער געשיכטע, דער גירוש שפאניע. אין יאר 1492 (רנ"ב) ווען עס איז ארויס דער דעקרעט פון שפאנישן קעניג, אז די יידן מוזן פארלאזן שפאניע, האט רבי אבוהב באקומען פאר זיך און נאך א ריי יידן די דערלויבניש פון פארטוגאלישן קעניג צו באזעצן זיך אין פארטוגאל, וואס ליגט אין שכנות מיט שפאניע. אין פארטוגאל האט רבי יצחק געלעבט נישט מער ווי 7 חדשים. פון גרוים צער אויף דעם אומגליק, וואס איז געשען זיינע יידישע ברידער אין שפאניע, איז רבי יצחק שלאף געווארן און איז געשטארבן (יאר 1493). זיין תלמיד איז געווען דער גרויסער אסטראנאם און היסטאריקער רבי אברהם זכות, וועלכער האט געהאלטען אויף זיין רבין א הספד. ווען דער מחבר פון „שולחן ערוך" רבי יוסף קארו דערמאנט רבי יצחקן, רופט ער אים אן רבינו הגדול" („אונדזער גרויסער רבי"). ער האט פארפאסט דאס דרשות־ספר „נהר פישון" (געדרוקט אין קאנסטאנטינאפאל 1538), ווי אויך א פירוש אויף רש"י און אויך הלכות־חידושים. וועגן רבי יצחק אבוהב ווערט דערציילט די לעגענדע, אז אין א טרוקן יאר ווען מען האט געדארפן רעגן, האט ער זיך אוועקגעשטעלט פארן ארון קודש און אויסגערופן, אז ער וועט נישט אוועקגיין פון דארט, כל זמן עס וועט נישט גיין קיין רעגן. עס איז טאקע באלד אראפ א רעגן, אבער אלס שטראף איז רבי יצחק בלינד געווארן אויף איין אויג.

אבוהב יצחק מען האט אים גערופן „דע פאנסעקא" (1605-1693). ספרדישער רב און דרשן אין אמסטערדאם. רבי יצחק איז געבוירן געווארן אלס קריסט אין פארטוגאל אין יאר 1605. ווען ער איז אלט געווארן 7 יאר, זענען זיינע עלטערן מיט אים אנטלאפן פון פארטוגאל, כדי

זיך צו באזעצן אין א פריי לאנד און ווערן צוריק יידן. אויפן וועג איז זיין פאטער געשטארבן, און זיין מוטער איז מיט אים אנטלאפן קיין אמסטערדאם, וואו זיי זענען געווארן עפנטלעך יידן. שוין אין דער יוגנט האט ער ארויסגעוויזן גרויסע פייאיקייטן אין לערנען און איז שפעטער געווען רב צוערשט אין אמסטערדאם, נאכער אין בראזיליע אין דער שטאט פערנאמבוקא, און נאכער ווידער אין אמסטערדאם. אין זיינע צייטן האט געלעבט אין אמסטערדאם דער בארימטער יידישער פילאזאף ברוך שפינאזא, און רבי יצחק איז געווען איינער פון די רבנים, וואס האבן געלייגט שפינאזאן אין חרם. אין זיינע עלטערע יארן איז רבי יצחק געווען איינער פון די, וואס האבן געהיים געגלויבט, אז שבתי צבי איז געווען משיח, און ער האט זיך געהאלטן אין זיין האזיקן גלויבן אויך נאכדעם, ווי שבתי צבי האט אנגענומען די מאכמעדאנישע אמונה. רבי יצחק האט איבערזעצט פון שפאניש אויף העברעאיש די צוויי פילאזאפישע קבלה־ספרים „בית אלהים" און „שער השמים" פון רבי אברהם אירירה. אין דער הקדמה פון „שער השמים" גיט ער איבער וויכטיקע היסטארישע פאקטן פון די יידישע ליידן אין פארטוגאל פון דער אינקוויזיציע. ער האט אויך געשריבן אויף פארטוגעזיש א ריי ספרים מיט דרשות פון רעליגיעז פילאזאפישן אינהאלט. א באדייטונג האט אויך זיין איבערזעצונג פון חומש אויף שפאניש. רבי יצחק האט געהאט א גרויסע ביבליאטעק און דער קאטאלאג פון זיינע ספרים איז געדרוקט געווארן אין יאר 1693.

אבוהב שמואל (1610-1694). איינער פון די אנגעזעענסטע רבנים, געשפילט א גרויסע ראל אין דער מלחמה קעגן שבתי צבי און זיינע אנהענגער; געבוירן אין האמבורג. ווען ער איז אלט געווען 13 יאר איז ער געפארן קיין ווענעציע אין דער ישיבה לערנען. פון דעמאלט אן איז ער פארבליבן אין איטאליע. צוערשט איז ער געווען רב אין ווערָאנא, נאכער אין ווענעציע. רבי שמואל אבוהב האט אויך געקענט א סך וועלטלעכע וויסנשאפט און גוט באהערשט לאטיין, דייטש, איטאליעניש, שפאניש. פון רבי שמואל אבוהב איז געבליבן דאס ספר „דבר שמואל", וואו צום סוף זענען פאראן תשובות וועגן שבתי צבי און נתן העזתי. אין ספר איז פאראן אויך די לעבנס־באשרייבונג פון ר' שמואל אבוהב.

אבולעפיא דער דאזיקער נאמען איז אויך געשריבן געווארן „אבלעפיה", „אבולפיו", א פאמיליע־נאמען (דער טייטש איז: „דער פאטער פון געזונט") פון א בארימטער יידישער פאמיליע, וואס האט געלעבט אין שפאניע איידער מען האט די יידן פון דארט פארטריבן. עס איז פאראן א מיינונג, אז די שפעטערדיקע יידישע פאמיליעס „באלאפי" אין איטאליע און „באלאפעי" אין ענגלאנד שטאמען אויך אפ פון דער אבולעפיא־פאמיליע. די דאזיקע פאמיליע האט ארויסגעגעבן פיל וויכטיקע יידישע פערזענלעכקייטן; צווישן זיי זענען געווען מיניסטארן, רבנים, לומדים, דאקטוירים, אסטראנאמען, פילאזאפן, מקובלים, וועלכע האבן געשפילט א גרויסע ראלע אין יידישן לעבן.

אבולעפיא אברהם (פאלשער משיח אין 13טן יארהונדערט), א גרויסער מקובל. שפילט אין דער געשיכטע פון דער קבלה און אויך פון די משיח־באוועגונגען א גרויסע ראל. רבי אברהם אבולעפיא איז געבוירן געווארן אין יאר 1240 (ה' אלפים) אין שפאניע אין דער שטאט סאראגאסא. שוין אין זיינע יונגע יארן האט רבי אברהם געהאט א רייכע פאנטאזיע, און עס ווערט דערציילט, אז ווען ער איז אלט

געווען 20 יאר, האט ער באשלאסן צו פאר־לאזן שפאניע און וואנדערן איבער דער וועלט, כדי צו געפינען דעם טייך סמבט־יון און די עשרת השבטים. ער האט זיך געלאזט אויפן וועג קיין ארץ־ישראל דורך גריכנלאנד. ער איז אנגעקומען אין דער שטאט עכו און געראכנט צו פארן ווייטער. אבער דאמאלט איז אין ארץ־ישראל פאר־געקומען די גרויסע מלחמות צווישן די קריסטלעכע „קרייץ־פארער" („נוסעי הצ־לב"), וועלכע האבן געהאט איינגענומען ארץ־ישראל און די מאכמעדאנער פון עגיפטן, וואס האבן געוואלט צוריק אפ־נעמען ארץ־ישראל. רבי אברהם האט דעריבער ווייטער נישט געקאנט פארן. ער איז צוריקגעפארן קיין גריכנלאנד. און פון דארט איז ער אוועק קיין איטאליע. און נאכדעם ווי ער האט אזוי געוואנדערט פיל יאר, איז ער צוריקגעקומען קיין שפאניע און האט זיך באזעצט אין דער שטאט בארצעלאנא. דא האט רבי אברהם אבולעפיא זיך באקאנט מיט דער געהיי־מער קבלה־לערע. און ער האט צונויפגענו־מען ארום זיך תלמידים און גענומען מיט זיי לערנען קבלה. רבי אברהם אבולעפיא זאגט (אין זיין ספר „חיי עולם הבא"), אז דער מענש מוז זיך אפזאגן פון די נא־רישקייטן פון דער וועלט, אנטלויפן פון די קערפערלעכע תענוגים, פירן א לעבן פון פרישות און נזירות, פאסטן א סך, פארברענגען אין התבודדות, איינער אליין, אמבעסטן ביינאכט, ווייל דאס מאכט ריינער די נשמה פון מענש און דערוועקט אין אים יראה און אהבה צו גאט. רבי אברהם אליין האט ווירקליך זיך אזוי אויפגעפירט. ער איז געווען אן אסקעט, פיל געפאסט, אנגעטאן זיך קערפערלעכע יסורים. ווען רבי אברהם אבולעפיא איז אלט געווארן 33 יאר, האט ער זיך ווידער געלאזט וואנדערן; ער איז אוועק קיין אי־טאליע, סיציליע, גריכנלאנד. אין גריכנ־לאנד, אויף דעם בארג פאטראס, האט ער מחבר געווען זיין „ספר הישר", א געמיש פון נבואות און גימטריאות און סתם קב־לה־מיינונגען. נאכער האט ער זיך באזעצט אין איטאליע, וואו ער האט געהאט ארום זיך א סך תלמידים, און געלערנט מיט זיי זיין נייע לערע. רבי אברהם אבולעפיא האט דערקלערט עפנטלעך וועגן זיך, אז ער איז משיח, און אז ער איז געקומען אויסלייזן די יידן צום ערשטן פון זייער גייסטיקער פינסטערניש און דערנאך פון גלות. רבי אברהם איז געווען אזוי איינ־געגלויבט אין זיין געטלעכער שליחות, אז ווען ער איז אלט געווארן 40 יאר, איז ער געפארן קיין רוים, כדי צו ווירקן אויף דעם דעמאלטיקן פויפסט ניקאלאוס דעם דריטן, אז ער זאל זיך מגייר זיין און מיט אים זאל זיך מגייר זיין די גאנצע וועלט. דער בארימטער רב אין יענער צייט, רבי שלמה בן אדרת, וואס איז בא־קאנט מיט די ראשי־תיבות „רשב"א", וועלכער איז געווען רב אין בארצעלאנא האט פונאנדערגעשיקט א בריוו קעגן רבי אברהם, „נבל שם רשעים ירקב" („ני־דערטרעכטיקער מאן, זיין נאמען זאל פארפוילט ווערן"), וואס נארט אפ די יידן. רבי אברהם האט אויך שארף אפ־געענטפערט, און ער איז דערגאנגען אזוי ווייט, אז ער האט געזאגט שוין ארויסצו־טרעטן מיט ווערטער קעגן גמרא, און ער האט געזאגט, אז די אלע, וואס לערנען גמרא און זענען נישט עוסק אין קבלה, זענען נאך ערגער ווי די גויים. — ער איז געשטארבן אלט זייענדיק לערך א יאר 60. רבי אברהם איז געווען דער ערשטער, וואס האט ארויפגעפירט דאס לערנען קבלה אויף א ברייטן וועג און ער האט איר זייער פארשפרייט עפנטלעך; ביז אים האבן עס געלערנט נאר געציילטע מענשן אלס געהיימע לערע. עס איז פאראן א מיינונג, אז דאס בארימטע קבלה ספר

„זהר", וואס איז שפעטער געפונען גע־ווארן דורך רבי משה די ליאון, זאל האבן פארפאסט געווארן אין דער קבלה ישיבה פון רבי אברהם אבולעפיא.

אבולעפיא חיים ספרדישער רב צו־ערשט אין סמירנא (איזמיר) אין קליין־אזיע, וואו ער האט געהאט א גרויסע ישיבה און ערצויגן א סך תלמידים; דארט האט ער אויך מחבר געווען זיינע שפעטער בארימטע ספרים „מקרא קו־דש", „ישרש יעקב", „עץ החיים", „יוסף לקח" „שבות יעקב" אויף הלכות און אג־דות. אין יאר 1740 (ת"ק) איז ער איינ־געלאדן געווארן אלס רב אין ארץ־ישראל אין דער שטאט טבריה. רבי חיים אבולע־פיא האט פיל מיטגעהאלפן צו דער אנט־וויקלונג פון יידישן ישוב אין טבריה. ער האט געזאמלט געלט און אויפגעשטעלט הייזער און א שול, ברוקירט די גאסן און ער איז געווען פון די ערשטע, וואס האבן געקויפט פעלדער אין דער אומגעגנט פון דער שטאט, כדי יידן זאלן זיך באשעפ־טיקן מיט ערד־ארבייט. רבי חיים אבולע־פיא איז געשטארבן אין יאר 1744 (תק"ד) זיין קבר איז אין טבריה.

אבולעפיא טודרוס (בן יהודה; לערך 1247-1306), דיכטער אין שפאניע אין דער שטאט טאלעדא, גרויסער חשוב ביים קע־ניג פון קאסטיליע. מחבר פון „גן המשלים והחידות".

אבולעפיא טודרוס (בן יוסף, געלעבט אין 13טן יארהונדערט). רב אין שפאניע, געבוירן אין דער שטאט בורגאס לערך 1224. פאראן טייל (צווישן זיי אויך די העברעאישע ענציקלאפעדיע „אוצר ישר־אל"), וואס פארוועקסלען דעם דאזיקן טודרוס אבולעפיא מיט טודרוס בן יהודה אבולעפיא. ער האט מחבר געווען א ספר „עלית יבמות" אויף דער גמרא יבמות, ווי אויך א ריי קבלה ספרים „שער הר־זים", „אוצר הכבוד" און אנדערע. טייל ווילן אויך האבן, אז דער דאזיקער טוד־רוס אבולעפיא האט מחבר געווען דאס בארימטע קבלה־ספר „מערכת האלהית".

אבולעפיא מאיר הלוי (רמ"ה). רב, פוסק און מקובל, איינער פון די „ראשונים", וואס זיינע חידושים אין לומדות זענען אנגענומען געווארן אין דער לומדישער וועלט. רבי מאיר אבולעפיא איז באקאנט מיט זיין ראשי־תיבות־נאמען רמ"ה, רבנו מאיר הלוי". ער איז געבוירן געווארן אין שפאניע אין דער שטאט בור־גאס לערך 1170 (ד' אלפים תתק"ל) און איז געשטארבן אין טאלעדא אין יאר 1244 (ה' אלפים ד'). ער האט אנגעפירט אין טאלעדא מיט א גרויסער ישיבה. מען האט אים אזוי געשעצט, אז די שטאט־מענטשן האבן אים געגעבן דעם טיטל „נשיא". זיין רום איז געגאנגען זייער ווייט, אזוי אז מען האט אים געהאלטן גרויס נישט נאר אין שפאניע, נאר אויך צווישן די דאמאלסטיקע קהלות אין דייט־שלאנד. דער גרויסער מפרש און פוסק רבי משה בן נחמן, דער רמב"ן, האט אים גע־רופן „נשיא מנשיאי הלוויים". רבי מאיר אבולעפיא איז געווען נישט נאר א גרוי־סער גאון אין לומדות, נאר אויך זייער א גרויסער מקובל, און ער איז געווען איי־נער פון די יידישע רבנים, וואס האבן געוואגט אנצוהויבן א קאמף קעגן רמב"ם און זיינע פילאזאפישע ספרים און דער עיקר קעגן די אנשויאונגען פון רמב"ם וועגן „עולם הבא" און „תחית המתים". די בארימטעסטע ספרים וואס רבי מאיר האט מחבר געווען זענען: „פרטי פרטין" חידושים אויף דער גאנצער גמרא; דאס דאזיקע ספר איז צו אונז דערגאנגען נאר אין אויסצוג, וואס ווערן געבראכט אין „שיטה מקובצת". א חוץ דעם זענען גע־דרוקט געווארן זיינע חידושים מיטן נא־מען „יד רמה" אויף די גמרות בבא בתרא

און סנהדרין. עס זענען אויך געדרוקט פון אים „תשובות’’. טייל ווילן האבן, אז אויך געוויסע קבלה־ספרים („גינת ביתן’’, „לפני ולפנים’’, „שושן סודות’’) זענען געשריבן געווארן דורך רמ’’ה.

אבולעפיא דון שמואל (1360-1320)

יידישער מיניסטער אין שפאניע אין 14-טן יארהונדערט וועמנס טראגישער גורל איז באשריבן געווארן דורך א ריי שריפטשטעלער. ער האט שוין אין די יונגע יארן ארויסגעוויזן אזעלכע גרויסע פעאיקייטן אין פירן פינאנסן, אז דער קעניג פעדרא (דער „אכזר’’) האט אים באשטימט אלס זיין פינאנץ־מיניסטער, און מיט דער צייט איז ער געווארן דער פאליטישער בעל־יועץ פון קעניג. דון שמואל אבולעפיא האט אזוי גלענצענד געפירט די געשעפטן פון דער רעגירונג, אז ער האט אין א קורצער צייט אפגעצאלט אלע חובות פון דער מלוכה, און אוועקגעשטעלט די מלוכה־פינאנסן אויף זיכערע פונדאמענטן. דון שמואל אליין איז אויך דערביי רייך געווארן. ער האט זיך אויפגעשטעלט איינעם פון די שענסטע פאלאצן אין טאלעדא. נאך היינט שטייט דער דאזיקער פאלאץ און די שפאניער רופן אים „פאלאציא דעל יודיא’’ (דער יידישער פאלאץ). ער האט אויך אויפגעשטעלט שיינע סינאגאגעס, און איין סינאגאגע שטייט נאך היינט אין טאלעדא; די גלחים האבן די דאזיקע שול איבערגעמאכט אויף א קירכע, וועלכע איז נאך היינט א קירכע און הייסט די „טראנזיטא’’־קירכע און אינוויינינק אויף די ווענט זענען נאך פאראן די העבראישע אויפשריפטן, וואס רימען די גרויסקייט פון דון שמואל אבולעפיא; זיי זאגן וועגן אים, אז ער איז „אציל מאצילי הארץ’’ („דער אדלמאן פון די אדל־מענער אין לאנד’’). אבער צום סוף איז זיין גליק צושטערט געווארן, אין יאר 1360 האט דער קעניג געהייסן ארעסטירן דון שמואלן און האט צוגענומען זיין גאנץ פארמעגן. אין דער תפיסה האט מען דון שמואלן אנגעטאן די שרעקלעכסטע עינויים, און פון די דאזיקע פייניגונגען איז ער געשטארבן, אין חודש מרחשון יאר 1360. אויף זיין מצבה האט מען אויסגעקריצט די ווערטער: „צדיק נבחן, סבל שבט מוסר ומדרכי האל לא סר, וקבל את היסורין מאהבה’’ (א אויסגעפרובטער צדיק, ער האט געליטן יסורים און איז נישט אפגעטרעטן פון גאטס וועג און אנגענומען די יסורים מיט ליבשאפט’’).

אבות מיט דעם ווארט „אבות’’ (די פאטערס, די „פאטריארכן’’) ווערן אנגערופן קודם־כל די דריי ערשטע „פאטערס’’ פון יידישן פאלק, אברהם אבינו, יצחק אבינו און יעקב אבינו. די גמרא אין ברכות ט’’ז זאגט דעריבער: „אין קורין אבות אלא לשלשה’’, אז „מיט דעם ווארט אבות רופט מען נאר דריי פערזאן’’, דאס הייסט אברהם, יצחק און יעקב. אבער נישט קוקנדיק דערויף, געפינען מיר אין דער גמרא באצייכנט מיט דעם ווארט „אבות’’ אויך אנדערע גרויסע יידישע פערזאנען. אזוי איז פאראן אין דער גמרא בבא מציעא פ’’ה, „אבות העולם מה ניהו רבי חייא ובניו’’ — „ווער זענען די אבות פון דער וועלט? רבי חייא און זיינע קינדער’’, וואס זענען געווען די גרעסטע יידישע פערזענלעכקייטן אין יענער צייט. אין דער משנה עדיות פרק א’ געפינען מיר אנגערופן מיטן נאמען „אבות העולם’’ די ערשטע תנאים בית שמאי און בית הלל. — מען באנוצט טיילמאל דאס ווארט אבות אויך צו סתם עלטערן און עלטער־עלטערן, אויב די דאזיקע עלטערן זענען געווען באקאנט אלס צדיקים. עס איז פאראן דער אויסדרוק „דער זכות אבות’’ אדער „דער זכות פון די אבות’’ זאל ביישטיין אין אן עת צרה, און מען מיינט

דעם זכות פון די פרומע עלטערן און עלטער-עלטערן.

אבות (די תפילה אין דאווענען). די ערשטע ברכה אין שמנה עשרה הייסט אויך „אבות'', ווייל אין איר ווערט געזאגט „אלהינו ואלהי אבותינו אלהי אברהם ואלהי יצחק ואלהי יעקב''. שוין אין די צייטן פון דער משנה (ראש השנה פרק ד') ווערט די דאזיקע תפילה אנגערופן מיטן נאמען „אבות''. צו דער דאזיקער תפלה אין ראש השנה, יום כפור שחרית, מוסף און נעילה ווי אויך סוכות און פסח ביי טל און גשם זענען פאראן באזונדערע מעלאדיעס.

אבות נאמען פון דער מסכתא אין משניות סדר נזיקין. די דאזיקע מסכתא איז זייער פאפולער ביי אלע יידן אויך מיטן סתם נאמען „פרק'', און זי ווערט געזאגט פרקים-ווייז א גאנצן זומער, יעדן שבת א פרק. — שוין אין די צייטן פון דער גמרא האט די דאזיקע מסכתא געהייסן „אבות'', און מיר געפינען אין דער גמרא בבא קמא דף ל', אז אויב איינער וויל זיין א חסיד „לקיים מילי דאבות'', זאל ער ערפילן די אנווייזונגען פון דער מסכתא אבות. דער דאזיקער מאמר פון דער גמרא גיט אונז א כאראקטעריסטישע מיינונג וועגן דעם אינהאלט פון „פרקי אבות''. דאס איז א זאמלונג פון רעליגיעזע און עטישע ווערטער וועגן יידישקייט און מוסר און דרך-ארץ און סתם גוטע מידות פון מענש, וואס זענען ארויסגעזאגט געווארן דורך די אנגעזעענסטע יידישע פירער פון די צייטן פון „אנשי כנסת הגדולה'' אן (וואס האבן געלעבט אין אנהויב פון דער צייט פון צווייטן בית המקדש), ביז די לעצטע תנאים פון דער משנה. דעריבער הייסט די מסכתא אבות, ווייל די דאזיקע גרויסע יידישע פירער ווערן באטראכט אלס די אבות, די פאטערס פון יידנטום. באלד אין די ערשטע פרקים ווערן געגעבן די „ווערטער'' פון די אנשי כנסת הגדולה, דערנאך פון שמעון הצדיק און דערנאך פון די „זוגות''; דאס זענען די צוויי יידישע פירער אין יעדן דור, וואס זענען געשטאנען אין שפיץ פון סנהדרין. דערנאך הויבן אן צו גיין די ווערטער פון די סתם תנאים פון די צייטן פון דער משנה. אין דער מסכתא זענען פאראן זעקס פרקים; דער לעצטער, זעקסטער פרק ווערט אויך אנגערופן די „ברייתא פון קנין תורה'' און דארט ווערן געבראכט אלע ווערטער וועגן דער גרויסקייט פון לערנען תורה. דער 6טער פרק איז ניטא אין משניות. דער אלגעמיינער געדאנק פון די אלע עטישע און רעליגיעזע ווערטער פון פרקי אבות איז, אז דער מענש זאל גוטס טאן צו מענשן, לערנען תורה און דינען גאט, און נישט זארגן פיל וועגן די זאכן פון דער וועלט. די „פרקי אבות'' זאגן, אז מען זאל זיין „אוהב שלום ורודף שלום, אוהב את הבריות'' („ליב האבן שלום, און זוכן דעם שלום, ליב האבן מענשן''). וועגן העלפן יעדן מענש ווערט געזאגט אין פרקי אבות „יהי ביתך פתוח לרוחה ויהי עניים בני ביתך'' („דיין שטוב זאל זיין אפן פאר יעדן, און ארימעלייט זאלן זיין דיינע שטוב-מענשן''). די פרקי אבות ראטן דעם מענש נישט צופיל נאכיאגן זיך נאך געשעפטן, ווייל „מרבה נכסים מרבה דאגה'' („וואס מער געשעפטן מען האט, אלץ מער זארגן האט מען''), און דער מענש דארף זיך נישט גרויס האלטן, „שתקות אנוש רימה'' („ווייל דער סוף פון מענש איז ווערים''). „איזה עשיר''? ווער הייסט רייך? ענטפערט די „פרקי אבות'' „השמח בחלקו'', ווער עס איז צופרידן מיט דעם וואס ער האט. „איזה חכם''? ווער הייסט קלוג? הלומד מכל אדם, דער וואס פארלאזט זיך נישט אויף דעם אייגענעם שכל

נאָר ער הערט אוים אויך די מיינונגען פון אנדערע. אין פרקי אבות דערגייט דער מוסר פון יידנטום, די עטיש־רעליגיעזע אנשויאונגען, ביז צו דער העכסטער מדרגה אין די ווערטער „אל תהיו כעבדים המשמשין את רבן על מנת לקבל פרס" („איר זאָלט נישט זיין ווי די קנעכט, וואס דינען זייער האר כדי צו באקומען באלוינונג"). — צו די פרקי אבות זענען שפעטער געשריבן געוואָרן פירושים דורך די גרעסטע יידישע רעליגיעזע דענקער אין פארשיידענע צייטן, ווי דער רמבם, רבי יונה גירונדי, אברבנאל, ר' יוסף יעבץ און אנדערע. א זאמלונג אויסצוגען פון די דאָזיקע פירושים האָט צונויפגעשטעלט רבי שמואל אוזידאָ פון צפת אין זיין „מדרש שמואל", געדרוקט אין ווענעציע 1579. די פרקי אבות זענען איבערגעזעצט געוואָרן און געדרוקט אויף יידיש פיל מאָל אין די סידורים (דאָס ערשטע מאָל איז עס געדרוקט געוואָרן אויף יידיש אין קראָקא יאָר שמ"ו). עס זענען פאראן איבערזעצונגען פון פרקי אבות אויף לאַטיין (פון פוילוס פאגיוס יאָר 1541), אויף שפאניש, דייטש, ענגליש, פויליש, רוסיש און אנדערע שפראכן. — דער מנהג צו זאָגן פרק אין די שבתים ווערט געבראכט שוין אין סידור פון רב עמרם גאון, וועלכער זאָגט, אז אין בבל אין די צייטן פון די גאונים איז געווען דער מנהג שבת נאָך מנחה צו לערנען פרקי אבות און די ברייתא פון קנין תורה. דער טור אורח חיים סימן רצ'ב זאָגט, אז אין שפאניע איז געווען דער מנהג צו זאָגן פרק שבת אין דער פרי. דער „כל־בו" סימן מ' דערציילט, אז אין דייטשלאנד איז געווען א מנהג צו זאָגן פרק שבת נישט נאָר זומער נאָר אויך ווינטער.

אבות דרבי נתן נאָמען פון א מסכתא, וואס אנטהאלט עטישע און רעליגיעז מאָראלישע ווערטער פון תנאים. פון דעם נאָמען „אבות דרבי נתן" איז צו זען, אז מען האָט געהאלטן רבי נתן, דעם באַקאַנטן תנא, אלס דעם צוזאמענשטעלער פון דער מסכתא. אין דער דאָזיקער מסכתא געפינען זיך אויך כמעט אלע ווערטער, וואָס זענען פאראן אין פרקי אבות. עס זענען דעריבער פאראן טייל יידישע געלערנטע ווי שי"ר (ראפאפאָרט), האָפמאַן, וואָס האלטן, אז גאָר אמאָל האָט עקזיסטירט נאָר די „אבות דרבי נתן", און שפעטער האָט מען דערפון געמאַכט א קיצור און דערפון איז ארויסגעקומען די פרקי אבות. דאקעגן אנדערע געלערנטע ווי צונץ זאָגן, אז די „אבות דרבי נתן" איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרן ערשט אין גאָר שפעטע צייטן, נאָך די צייטן פון דער גמרא. לעצטנס האָט מען אויסגעפינען, אז פון „אבות דרבי נתן" האָבן עקזיסטירט צוויי נוסחאות, וואס די געלערנטע רופן אָן „נוסח א" און „נוסח ב"; דער „נוסח א" באשטייט פון 41 פרקים, דער „נוסח ב" פון 48 פרקים. פראָפעסאָר שעכטער האָט פארעפנטלעכט ביידע נוסחאות מיט פארשיידענע טעקסט־פארגלייכונגען אין ווין יאָר 1887. — אין אבות דרבי נתן זענען פאראן עטישע און רעליגיעז־מאָראלישע ווערטער: אזוי ווערט דאָרט געזאָגט: אם יתן איש לחבירו ממון הרבה ואין פניו פשוטין לו כאילו לא נתן כלום" („אויב איינער שיינקט זיין חבר א סך געלט, נאָר טוט עס נישט מיט א צופרידן געזיכט, איז עס פונקט ווי ער וואָלט גאָרנישט געגעבן"). אויף די ווערטער פון פרקי אבות, אז דער מענש דאַרף זיך נישט גרויס האלטן ווייל ער וועט דאָך ווערן נאָך זיין טויט „רימה ותולעה" („ווערים"), זאָגט דער „אבות דרבי נתן" אז ניט נאָר נאָכן טויט, נאָר אויך ביים לעבן איז דער מענש „רימה", נישט מער ווי א ווערימל. אין „אבות דרבי נתן" געפינען מיר אויך פיל ווערטער, וואָס לויבן

די גרויסקייט און שיינקייט פון ארץ־ישראל, און עס ווערט דארט געזאגט, „אין לך יופי כיופי של ירושלים" („קיין שטאט איז נישט אזוי שיין ווי ירושלים"). אין אבות דרבי נתן געפינען מיר אויך טייל ידיעות וועגן חורבן ירושלים און וועגן דער אנטשטייאונג פון די צוויי יידישע סעקטן אין די צייטן פון בית המקדש, די „צדוקים" און „ביתוסין". עס ווערט דארט אויך דערמאנט א ספר „הלכות חסידים", וואס איז צו אונז נישט דערגאנגען.

אבטליון נאמען פון איינעם פון די גרעסטע יידישע פירער אין ירושלים אין די צייטן פון צווייטן בית המקדש, בעת דער הערשאפט פון די לעצטע יידישע פירשטן פון דער חשמונאים דינאסטיע. ער איז געווען פון די „זוגות", און זיין חבר איז געווען „שמעיה", און מיר געפינען זיי אין דער משנה און גמרא צוזאמען „שמעיה ואבטליון". לויט א געוויסער טראדיציע אין דער משנה איז שמעיה געווען דער נשיא פון די סנהדרין און אבטליון איז געווען דער ראש בית־דין. אין דער גמרא פסחים ס"ו און ע' ווערט געזאגט וועגן אבטליון, אז ער איז געווען פון די „גדולי הדור", „די גרעסטע פון דער צייט", און פון „דרשנים גדולים", די גרויסע דערקלערער פון רעליגיעזע זאכן. לויט דער גמרא (גטין נ"ז) האט אבטליון געשטאמט פון גרים. אויך פון אנדערע גמרא־ערטער (יומא ע"א און די משנה אין עדיות) איז צו זען, אז אבטליון שטאמט פון גרים. פון אבטליון איז פאראן אין פרקי אבות א לער־ווארט: „חכמים הזהרו בדבריכם, שמא תחובו חובת גלות ותגלו למקום מים הרעים וישתו התלמידים הבאים אחריכם וימותו ונמצא שם שמים מתחלל", אז חכמים דארפן זיין פארזיכטיק מיט זייערע ווערטער, ווייל זייערע תלמידים קאנען זיי שלעכט אויסטייטשן און דער נאמען פון גאט וועט ווערן פארשוועכט. טייל געלערנטע ווילן האבן, אז אבטליון ווערט דערמאנט אויך אין דעם היסטארישן ווערק „יידישע אלטערטימער" (15, 1) פון פלאוויוס, וואו עס ווערט דערציילט, אז ווען הורדוס המלך איז געווארן קעניג, האט ער געטויט א סך יידישע חכמים, אבער ער האט ניט געטויט „פאליאן"; דער זעלבער „פאליאן" ווערט אויך דערמאנט ביי פלאוויוסן אלס רבי און חבר פון „סאמעאס" (דאס זאל זיין „שמעיה" אדער „שמאי"). אבטליון האט צוזאמען מיט שמעיה געפירט א ישיבה אין ירושלים און זייערע הויפט־תלמידים זענען געווען הלל און שמאי. און די משנה אין פרקי אבות זאגט: „הלל ושמאי קבלו מהם". אין דער משנה ווערן געבראכט עטלעכע הלכות אין נאמען פון אבטליון צוזאמען מיט זיין חבר שמעיה.

אבי זמרא דוד רדב"ז, איינער פון די גרעסטע יידישע רבנים אין 16טן יאר־הונדערט, און אויך היינט איז ער אן אויטאריטעט אין דער לומדישער וועלט. רבי דוד אבי זמרא אדער „בן זמרא" (דערפון איז זיין ראשי תבות־נאמען רדב"ז) איז געבוירן געווארן אין שפאניע אין יאר 1479. פונקט אין יאר ווען ער איז געווארן בר מצוה איז פארגעקומען דער גרויסער גירוש פון שפאניע. רבי דוד צוזאמען מיט זיינע עלטערן האט פארלאזט שפאניע און האט זיך באזעצט אין צפת. דערנאך איז ער אוועק קיין פעז אין אפריקא און אין יאר 1512 האט ער זיך באזעצט אין עגיפטן. אין עגיפטן איז ער געווען רב א לאנגע צייט ביז צום יאר 1569, ווען ער איז אלט געווארן 90 יאר. ער איז דאמאלט אוועק קיין ירושלים און דערנאך קיין צפת, וואו ער איז נפטר געווארן אין יאר 1589 (אין עלטער פון 110 יאר). — די באדייטונג פון רדב"ז באשטייט קודם כל

אין די פיל וויכטיקע ספרים, וואס ער האט מחבר געווען, ווי „שאלות ותשובות רדב״ז״, ווי אויך א פירוש אויף א סד שטעלן פון רמב״ם מיטן נאמען „יקר תפארת״. א חוץ דעם האט ער געשריבן אנדערע הלכה ספרים און אויך עטלעכע ספרים אויף קבלה. דער רדב״ז האט אויך אויסגעשטעלט גרויסע תלמידים, וואס זע־נען נאכער געווארן די רעליגיעזע פירער פון יידישן פאלק, ווי דעם גרינדער פון דער קבלה־שיטה אין צפת רבי יצחק לוריא (ר״י), רבי בצלאל אשכנזי; אויך דער מחבר פון שולחן ערוך, רבי יוסף קארו האט אים אפגעגעבן גרויס כבוד. ביז די צייטן פון רדב״ז האבן די יידן אין מצרים געציילט זייער צייט־רעכענונג לויט דעם אלטן „מנין שטרות״ פון גריכישן קעניג סעלעאוקוס אין סיריע. דער רדב״ז האט דאס אפגעשאפט און דארט איינגעפירט די ציילונג „לבריאת העולם״, ווי עס איז היינט אנגענומען די יידישע ציילונג.

אביב אין די צייטן פון תנ״ך דער יידי־שער נאמען פאר דעם חודש „ניסן״. היינטיקע יידישע נעמען פון חדשים זענען נישט קיין אור־אלטע יידישע, נאר די יידן האבן זיי איבערגענומען פון די באבי־לאנער. ווען זיי זענען געווען אין גלות בבל נאכן חורבן פון בית המקדש. אין תנ״ך ווערן די חדשים באצייכנט מיט צאלן, און ניסן האט געהייסן דער ערש־טער חודש, אייר דער צווייטער און אזוי כסדר, ביז אדר האט געהייסן דער צוועלפ־טער חודש, אבער עס זענען אויך גע־בליבן אין תנ״ך אויך זייערע אור־אלטע יידישע נעמען, און דער חודש ניסן איז איינער פון זיי און הייסט „אביב״. מיר געפינען אין חומש שמות י״ב „היום אתם יוצאים בחדש האביב״ און אין חומש דב־רים ט״ז: „כי בחדש האביב הוציאך ה׳ אלהיך ממצרים״ („ווארום אין חודש אביב האט דיך גאט ארויסגענומען פון מצרים״) און דאס איז איז חודש ניסן. ערשט אין די שפעטערע צייטן פון תלמוד האט מען אנגעהויבן באצייכענען מיטן ווארט „אביב״ פרילינג אין אלגעמיין. דאס הייסט די חדשים ניסן, אייר סיון. און די גמרא סנהדרין י״א ברענגט די ברייתא, אז אויף דריי זאכן מאכט מען א יאר פאר א עיבור־יאר און מען גיט צו נאך א חודש, און איינע פון די דריי זאכן איז „על האביב״, דאס הייסט, אויב דער פרי־לינג האט זיך פארשפעטיקט און די תבו־אה אין ארץ־ישראל, וואו עס ווערט ציי־טיק אין פרילינג, איז נאך נישט צייטיק געווארן.

אביגיל אין תנ״ך געפינען מיר צוויי פרויען מיט דעם נאמען אביגיל. איינע איז דערמאנט אין שמואל ב׳, קאפיטל י״ז און עס ווערט דערציילט, אז זי איז געווען א שוועסטער פון דוד המלך. די צווייטע אביגיל ווערט דערמאנט אין שמואל א׳ קאפיטל כ״ה און דערנאך ווייטער אין ספר שמואל. זי איז אין אנהויב געווען די פרוי פון א געוויסן גוטס־באזיצער אין ארץ־ישראל מיטן נאמען נבל הכרמלי; ווען נבל איז געשטארבן איז אביגיל גע־ווארן די פרוי פון דוד המלך. אין תנ״ך ווערט דערציילט וועגן איר, אז זי איז גע־ווען „טובת שכל ויפת תאר״, א קלוגע און א שיינע. אין דער גמרא זענען פאראן פיל דרשות וועגן אביגיל. אין דער גמרא מגי־לה י״ד ווערט זי פאררעכנט צווישן די 7 פרויען־נביאות, וואס זענען געווען ביי יידן.

אביה נאמען, וואס ווערט דערמאנט עט־לעכע מאל אין תנ״ך. דער וויכטיקסטער פון זיי איז אביה, וועלכער הייסט טייל־מאל אויך „אבים״, דער קעניג פון מלכות יהודה, א זון פון קעניג רחבעם און אן איינקל פון שלמה המלך. אין ספר מלכים א׳ קאפיטל ט״ו ווערט דערציילט וועגן

אים, אז ער איז געווען מלך אין ירושלים דריי יאר, און ער איז באגאנגען פיל זינד. אין דברי הימים הייסט ער אביה, און אין ספר מלכים אבים. טייל געלערנטע זענען משער, אז דעריבער האט אים דער שרייבער פון ספר מלכים איבערגעמאכט דעם נאמען אויף „אבים", כדי נישט צו דערמאנען ביי א זינדיקן מאן דעם נאמען פון גאט „יה". דער מחבר פון דברי הימים גיט אן אלס קוועלע פאר זיינע ידיעות וועגן אביה מלך יהודה א ספר „מדרש הנביא עדו".

אביהוא זון פון אהרן הכהן. אין שמות כ"ד ווערט ער און זיין ברודער נדב גערעכנט צו די אנגעזעענסטע יידישע פירער אין דער מדבר. אין ויקרא י' ווערט דערציילט וועגן אביהוא און זיין ברודער נדב אז זיי האבן מקריב געווען אויף דעם מזבח פרעמד פייער („אש זרה"), און דאמאלט איז ארויס פון מזבח א פייער און האט זיי ביידן פארברענט.

אביונים דער טייטש פון דאזיקן ווארט אויף העברעאיש איז „ארימע לייט". אין די לעצטע יארן פון צווייטן בית המקדש און אויך אין א געוויסער צייט דערנאך האט געלעבט אין ארץ־ישראל א רעליגיעזע סעקטע „אביונים". אין דער גמרא ווערט די סעקטע נישט דערמאנט, אבער מיר געפינען ידיעות וועגן איר ביי די ערשטע קריסטלעכע שרייבער. די דאזיקע אביונים־סעקטע איז באשטאנען פון צוויי טיילן, פון אידן און פון קריסטן. די אביונים האבן אממייסטן געלעבט אין דער געגענט פון טייך ירדן און האבן געפירט אן ארים לעבן, א קאמונע; אלע זענען געווען גלייך, דאס פארמעגן פון איינעם האט געהערט צו דער גאנצער געמיינדע זייערער. — אויף ווי ווייט די אביונים־סעקטע האט געהאט א שייכות מיט דער ריין־יידישער איסיים־סעקטע, וואס האט עקזיסטירט אין דער צייט פון בית־שני און האט אויך געפירט אן ארים קאמונע לעבן, איז נישט באקאנט. פראפעסאר גערץ אין זיין ארטיקל אין די ברעסלויער „מאנאטסשריפט פאר געשיכטע און וויסנשאפט פון יידנטום" 1869 זאגט ארויס די השערה, אז די אביונים־סעקטע האט עקזיסטירט ביי די יידן פון גאר אלטע צייטן, נאך פון ערשטן בית־המקדש אן. לויט דער מיינונג פון גרעץ זענען עס געווען אממייסטן די מיטגלידער פון שבט לוי, וואס האבן קיין אייגענע ערד אין ארץ־ישראל נישט געהאט און האבן געפירט אן ארים לעבן, האבן געוואנדערט איבער דעם לאנד און אומעטום פארשפרייט מאראל און עטיק, אז דער מענש דארף זיך אויפפירן מיט יושר, ניט אונטערדריקן דעם צווייטן. פון דער דאזיקער אלטער אביונים סעקטע זענען ארויסגעקומען די נביאים שמואל, אליהו, ישעיה, ירמיה און אלע אנדערע נביאים, וואס זענען כסדר ארויסגעטרעטן שטראפן די גבירים. די ווערטער פון ירמיה הנביא קאפיטל 7 „הללו ה' כי הציל את נפש אביון מיד מרעים" (לויבט גאט, ווייל ער האט מציל געווען דעם אביון פון שלעכטע מענשן) און די ווערטער פון צפניה הנביא „והשארתי בקרבך עם עני ודל" („איך וועל איבערלאזן ביי דיר אן ארים פאלק") און אויך די קאפיטלער אין תהילים לה' הארץ ומלואה („צו גאט געהערט די וועלט"), זאלן אלע זיין די אידייען פון יענער אלטער אביונים סעקטע. נאכן חורבן פון ערשטן בית המקדש זאלן די דאזיקע אביונים זיך האבן אינגאנצן אפגעזונדערט און זיי האבן זיך געהאט זייערע אידעאלן פון ארימקייט; שפורן פון זיי געפינען מיר אויך אין דער מכילתא פרשת וישלח, וואו עס ווערט געזאגט, אז ווער עס האט היינט צום עסן ברויט און ער זארגט אויף מארגן איז ער פון די

„מחוסרי אמונה" („נישט גלויביקע"). נאכדעם ווי גרעץ האט אויפגעבויט זיין דאזיקע טעאריע וועגן די אלטע „אביונים" האט א צווייטער יידישער געלערנטער איזידאר לעב אנגעשריבן אן ארטיקל אויף פראנצויזיש „די ליטעראטור פון די אביונים" און צונויפגענומען אלע ערטער פון תנ"ך, וואו עס ווערט גערעדט וועגן עני און אביון און עס ווערט געלערנט גערעכטיקייט צום ארימאן.

אביי נאמען פון א סך אמוראים אין דער גמרא. דא ווילן מיר געבן די באשרייבונג פון איינעם פון זיי, אביי, וועלכער איז געווען פון די גרעסטע אמוראים, און זיינע הלכות און אגדה־ווערטער זענען צעווארפן איבער דעם גאנצן תלמוד. ער האט געלעבט אין בבל אין פערטן דור פון די אמוראים, אין סוף פון 3־טן און אנהויב פון 4־טן יארהונדערט. זיין פאטער האט געהייסן „כיילל", און ער איז געשטארבן איידער אביי איז געבוירן געווארן, אויך זיין מוטער איז געשטארבן באלד נאכדעם ווי אביי איז געבוירן געווארן, און ער איז אלס קינד געבליבן א יתום, און ערצויגן געווארן ביי זיין פעטער דעם אמורא רבה בר נחמני. עס ווערט איבערגעגעבן, אז דער ריכטיקער נאמען פון אביי איז געווען נחמני; נאר ווייל זיין פעטער רבה האט אים נישט געוואלט רופן מיט רבהס פאטערס נאמען, וועלכער האט אויך געהייסן נחמני, דעריבער האט ער אים גערופן „אביי", וואס זאל זיין דער טייטש „מייז פאטער". טיילמאל ווערט אביי גערופן אין דער גמרא אויך נחמני. אביי האט געלערנט תורה נישט נאר ביי זיין פעטער רבה בר נחמני, נאר אויך ביים צווייטן גרויסן אמורא אין יענעם דור, רב יוסף, דעם ראש ישיבה אין פומבדיתא. נאכ'ן טויט פון רב יוסף איז אביי אויסגעוויילט געווארן אויף זייז ארט צו זיין דער ראש־ישיבה אין פומבדיתא, וואס איז געווען דאמאלט איינע פון די העכסטע רעליגיעזע שטעלונגען אין דער יידישער וועלט. אין זיין שיטה אין לערנען האט אביי ארויסגעוויזן גרויס חריפות און זיינע חברים האבן אים גערופן (יבמות ע"ח) „קרקפנא", דאס הייסט „גוטער קאפ". אביי איז געווען איינער פון די הויפט־אמוראים אין בבל און זיינע הלכות זענען פון די וויכטיקסטע טיילן פון תלמוד בבלי. אין דער גמרא (בבא מציעא כ"ב) ווערט געזאגט, אז אין אלע פראגן, אין וועלכע אביי איז געווען מחולק מיט זיין חבר רבא, איז די הלכה ווי רבא, מיטן אויסנאם פון 6 פראגן, וואס זענען באקאנט מיט די ראשי־תיבות „יע"ל קג"ם" („יאוש שלא מדעת", עד זומם", לחי העומד מאיליו", „קדושין שאין מסורין לביאה", „גילוי דעתא בגיטא", „מומר אוכל נבלות להכעיס"), וואו די הלכה בלייבט ווי אביי. אביי האט זיך געפירט אין פריוואטן לעבן זייער באשיידן. ער האט, ווי די גמרא דערציילט אין חולין קל"ג, קיינמאל ניט געוואלט נעמען קיין מתנות פון מענשן. זיין שפריכווארט איז געווען (ברכות י"ג), אז א מענש דארף ענטפערן שטיל נישט זיין אין כעס, לעבן אין שלום מיט מענשן, אפילו מיט ניט־יידן. אין דער גמרא יומא פ"ו טייטשט ער דעם פסוק „ואהבת את ה' אלהיך" („דו זאלסט ליב האבן גאט"), אז „שיהא שם שמים מתאהב על ידיך" („גאטס נאמען זאל באליבט ווערן דורך דיר"), דאס הייסט, אז איינער איז א פרומער ייד און א תלמיד חכם, זאל ער לעבן מיט מענשן ערלעך און אין שלום, וועלן מענשן דערפאר בענשן די תורה. אביי איז ארויסגעטראטן קעגן די תלמידי חכמים, וואס האלטן, אז מען דארף נאר זיצן און לערנען און נישט זארגן זיך וועגן פרנסה, און ער זאגט (ברכות ל"ה) אז מען דארף זיך פארנעמען מיט „תורה עם דרך־ארץ", לערנען צוזא־

מען מיט ארבייטן אויף צו פארדינען פר־
נסה... די גמרא גטין מ"ה דערציילט, אז
אויך די ניט־יידן האבן אים זייער גע־
שעצט פאר זיינע גוטע מידות. ווען ער
איז געשטארבן, איז דער טרויער געווען
אזוי גרויס, אז די גמרא אין מועד קטן כ"ה
דערציילט אז „נשיק כיפי דדגלת אהדדי"
(„די זיילן פון דער בריק איבער דעם
טייך חדקל האבן זיך צובראכן און דער־
נענטערט איינער צום צווייטן").

אבימלך אין תנ"ך געפינען מיר עט־
לעכע מאל דעם נאמען אבימלך, וואס דער
טייטש איז „דער פאטער פון קעניג"
(„אבי־מלך"). אין אלע ערטער, וואו עס
ווערט דערמאנט דער דאזיקער נאמען,
האנדלט זיך עס וועגן פערזאנען, וואס
זענען געווען מלכים. צוויי מאל ווערט
דערמאנט אין חומש בראשית — אבימלך,
וועלכער איז געווען דער מלך פון גרר ביי
די פלשתים. אזוי ווערט דערציילט אין
חומש בראשית כ' ווי אזוי אבימלך דער
קעניג פון גרר האט געוואלט צונעמען
שרהן דאס ווייב פון אברהם אבינו. דאס
צווייטע מאל ווערט דאס זעלבע דערציילט
מיט אבימלך דעם מלך פון גרר און יצחק
אבינו. עס ווערט דארט אויך דערציילט,
אז צווישן יצחק אבינו און אבימלך איז
געשלאסן געווארן א כריתות ברית. עס זע־
נען דעריבער פאראן טייל געלערנטע, וואס
מיינען, אז דער נאמען „אבימלך" איז
ביי די פלשתים געווען ניט א פריוואט־
נאמען, נאר יעדער קעניג זייערער האט
אזוי געהייסן, פונקט ווי אין מצרים האט
יעדער קעניג געהייסן פרעה. די דאזיקע
געלערנטע ברענגען דערצו אלס באוויז
דאס, וואס אין תהלים ל"ד געפינען מיר
„לדוד בשנותו את טעמו לפני אבימלך"
(מזמור תהלים, וואס דוד האט געזונגען,
ווען ער האט זיך משוגע געמאכט פאר
אבימלך'ן), אין דער צייט, וואס אין ספר
שמואל א' קאפיטל כ"א ווערט נאר דער־
ציילט, אז דוד האט זיך געמאכט משוגע
ווען ער איז געווען ביים קעניג פון די
פלשתים אכיש מלך גת. דערפון זאל זיין
געדרונגען, אז מיטן נאמען אבימלך האט
מען אנגערופן יעדן קעניג ביי די פלשתים.
עס איז צו באמערקן, אז אויף פארשידענע
שריפט־טאוולען, וואס מען האט לעצטנס
געפונען אין אמאליקן לאנד אשור און
אויך אויף די בארימטע טאוולען־שריפטן,
וואס מען האט געפונען אין טעל־אמארנא,
געפינט מען אויך דעם נאמען „אבי־מיל־
כי".

אבימלך דער זון פון גדעון, ערשטער
מלך ביי יידן. אין ספר שופטים קאפיטל
ט' ווערט דערציילט, אז אין די צייטן, ווען
די יידן האבן שוין געוואוינט אין ארץ־
ישראל, נאר זיי האבן נאך נישט געהאט
קיין מלך איבער זיך, און עס האבן גע־
הערשט איבער זיי שופטים, איז איינער
פון די שופטים געווען אבימלך דער זון
פון דעם שופט גדעון. דארט ווערט הער־
ציילט, אז גדעון האט געהאט 10 זין, און
אבימלך איז גיוועזן זיין זון פון א פלגש
(א קעבס־ווייב), און מיט דער הילף פון
די איינוואוינער פון שכם איז אבימלכן
געלונגען צו דערמארדן אלע זיינע ברידער
א חוץ איינעם, יותם, וועלכער איז אנט־
לאפן. נאכער איז אבימלך געווען דער
הערשער. פון דעם אויסדרוק אין שופטים
ט' פסוק ו' „וילכו וימליכו את אבימלך
למלך" („און זיי זענען געגאנגען און הא־
בן ערקלערט אבימלך אלס מלך") איז
צו זען, אז דאס איז געווען די ערשטע
פראבע ביי יידן איינצופירן א מלך, ווא־
רים ביי די אלע אנדערע שופטים געפינען
מיר נישט דאס ווארט „וימליכו" און אויך
נישט דעם אויסדרוק מלך. ווייטער ווערט
דערציילט ווי די איינוואוינער פון שכם
האבן זיך צעקריגט מיט אבימלך, ווי ער
האט קעגן זיי געפירט מלחמה און פיל פון
זיי געטויט, נאר איינמאל, ביים באלאגער:

די שטאָט תבץ און דעם טורם, וואָס איז דאָרט געווען, האָט אַ פרוי געוואָרפן אויף אים פון טורם־דאַך אַ מיהל־שטיין און אים געטויט. דערמיט האָט זיך געענדיקט די הערשאַפט פון אבימלך. און נאָך אים זענען שוין ווייטער געווען געוויינלעכע שופטים.

אבינו מלכנו (דער טייטש איז „אונזער פאָטער, אונזער קעניג", דאָס מיינט גאָט). איינע פון די עלטעסטע תפלות. דאָס זענען קורצע תפלות, געווענדעט צו גאָט דעם פאָטער און קעניג. זיי הויבן זיך אָן מיט דער ערשטער וידוי תפלה: „אבינו מלכנו, חטאנו לפניך" (אונזער פאָטער און קעניג מיר האָבן געזינדיקט פאַר דיר) און דערנאָך גייען בקשות צו גאָט, אַז ער זאָל אַראָפּנעמען אַלע גזרות און זאָל רחמנות האָבן און העלפן. אין די תפלות פון אבינו מלכנו ווערן אויך דערמאָנט די קדושים, וואָס זענען אומגעקומען אויף קידוש השם, און עס ווערט געבעטן גאָט, אַז ער זאָל העלפן אין זייער זכות. די דאָזיקע „אבינו מלכנו"־תפלות האָבן מיר איצט פיר און פערציק. — די תפלה „אבינו מלכנו" ווערט שוין דערמאָנט אין דער גמרא תענית כ"ה, וואו עס ווערט דערציילט, אַז איינמאָל איז נישט געגאַנגען קיין רעגן, האָט דער תנא רבי עקיבא מתפלל געווען פאַרן עמוד און אָנגעהויבן זאָגן „אבינו מלכנו". צי רבי עקיבא איז געווען דער מחבר פון דער תפלה אָדער זי האָט שוין עקזיסטירט פון פריערדיקע צייטן, איז שווער צום זאָגן. אין אָנהויב איז די תפלה באַשטאַנען פון העכסטנס 5 אַזעלכע אבינו מלכנו'ס, נאָר מיט יעדן דור האָט מען צוגעגעבן נאָך אַ חרוז (אַ פערז), ביז שפּעטער, ווי עס ווערט דערציילט אין טור אורח חיים סימן תר"ב, האָט רב עמרם גאון שוין געהאַט 22 אבינו מלכנו'ס, וועלכע זענען געווען צונויפגעשטעלט לויט דעם אלף־בית. אין די מחזורים פון נוסח אשכנז (וואָס ווערט געדאַווענט אין פּוילן, ליטא און אַנדערע אשכנזישע קהלות), איז פאַראַן 44. אין די ספרדישע מחזורים איז נאָר פאַראַן 23, און אין דעם מחזור סאַלאָניקי איז פאַראַן 53. אבינו מלכנו ווערט געזאָגט ראש השנה און יום כפור און אויך די גאַנצע עשרת ימי תשובה און תעניתים. ביי אבינו מלכנו עפנט מען אויף דעם ארון קודש, וואָס דאָס ווייזט, אַז מען האַלט עס פאַר זייער אַ וויכטיקער תפלה.

אבינו שבשמים (אונזער פאָטער אין הימל). דאָס איז אַן אויסדרוק, מיט וועלכן עס ווערט אָנגערופן גאָט אין דער אַלטער תלמודישער ליטעראַטור, אין משנה, גמרא, מדרש, און דערפון איז אריין דאָס וואָרט אויך אין דאַוונען: „אבינו שבשמים עשה עמנו צדקה וחסד" („אונזער פאָטער אין הימל, טו מיט אונז חסד"). אייגנטלעך ווערט שוין אין תנ"ך געזאָגט וועגן גאָט, אַז ער איז אונזער פאָטער, און אין ישעיה ס"ג ווערט געזאָגט „כי אתה אבינו" (דו ביזט אונזער פאָטער). אין דער משנה יומא פרק ח' זאָגט דער תנא רבי עקיבא: „וואויל איז צו אייך יידן, איר ווערט גערייניקט דורך „אביכם שבשמים" („אייער פאָטער אין הימל"). אין דער משנה סוטה פרק ט' זאָגט דער תנא רבי פנחס בן יאיר, אַז זינט דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן, איז דאָס אומגליק געוואָרן גרויס און מיר האָבן זיך אָנצולענען נאָר „על אבינו שבשמים" (אויף אונזער פאָטער אין הימל). דער דאָזיקער אויסדרוק „פאָטער אין הימל" אַלס נאָמען פון גאָט, איז נאָכער אָנגענומען געוואָרן דורך דער קריסטלעכער רעליגיע, און עס איז געוואָרן דער אָנהויב פון דעם קורצן געבעט, וואָס ווערט געזאָגט דורך אַלע קריסטן און איז באַקאַנט אויף לאַטיין אַלס „פּאַטער נאָסטער" (אונדזער פאָטער).

אבישג נאמען פון א יידיש מיידל אין ארץ־ישראל אין די צייטן פון דוד המלך. אין ספר מלכים א׳ ווערט דערציילט, אז אבישג איז געווען די באדינערין פון דוד המלך, און צוליב איר האט שלמה המלך געהייסן טויטן זיין ברודער אדניהו.

אבישי איינער פון די „ראשי הגבורים״ („פירער פון העלדן״) ביי דוד המלך. אין ספר שמואל ב׳ קאפיטל כ״א ווערט דערציילט, אז אבישי האט געראטעוועט דוד המלך פון טויט אין דער מלחמה מיט די פלשתים. אבישי איז געווען דער ברודער פון צווייטן גבור יואב, און זיי זענען ביידע געווען די זין פון צרויה, דער שוועסטער פון דוד המלך. אין ספר שמואל ווערט דערציילט וועגן א גאנצע ריי מלחמות, וועלכע אבישי האט געוואונען, אנפירנדיק מיטן מיליטער פון די יידן.

אביתר זון פון אחימלך. אביתר איז אין די צייטן פון דוד המלך געווען דער כהן. אין ספר מלכים א׳ ווערט דערציילט, אז נאכן טויט פון דוד המלך ווען עס איז פארגעקומען דער קאמף ווער עס זאל זיין דער מלך אין ירושלים, שלמה צי אדניה, האט אביתר געהאלטן מיט אדניה, דעריבער האט אים שלמה המלך פארטריבן פון ירושלים, און אים געהייסן זיך באזעצן אין ענתות. אויף זיין ארט איז געווארן כהן, צדוק. פון דאמאלט אן האט זיך אנגעהויבן די כהנים־דינאסטיע „בני צדוק״, וואס האט געשפילט אזא גרויסע ראל אין דער יידישער געשיכטע

אביתר הכהן בן אליהו (גאון). לעצטער „גאון״ אין דער ישיבה אין ארץ־ישראל אין די צייטן פון די „גאונים״, אין דער צווייטער העלפט פון 11־טן יארהונדערט. אין זיין צייט איז פארגעקומען א גרויסער סכסוך צווישן רבי אביתר גאון און א צווייטן גאון דוד, וועלכער האט זיך באזעצט אין מצרים. וועגן דעם דאזיקן סכסוך האט מען געפונען אין קאירא אין דער „גניזה״ א ספעציעלע „מגילת אביתר״, וואס גיט אונז וויכטיקע ידיעות וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין ארץ־ישראל אין יענע אלטע צייטן. אין די צייטן פון רבי אביתר גאון האט זיך אנגעהויבן צווישן די יידן א משיח־באוועגונג און רבי אביתר האט געשריבן א בריוו וועגן דעם.

אבל, אבלות (איינער, וואס טרויערט נאך א טויטן,) דער מנהג צו טרויערן נאך א נאנטן קרוב, וואס איז געשטארבן איז פאראן ביי יידן זינט אלטע צייטן. אין חומש (בראשית כ״ג) געפינען מיר, אז ווען שרה איז געשטארבן „ויבא אברהם לספוד לשרה ולבכותה״, איז געקומען אברהם, איר מאן, צו באוויינען און צו באקלאגן איר. מיר געפינען אויך אין תנ״ך אין א סך ערטער, אז מען האט געפלעגט טרויערן, אויב עס איז געשטארבן א פאטער, א מוטער, קינדער, א מאן, א פרוי. — ווי לאנג פלעגן דויערן די דאזיקע טרויער־טעג? אין חומש בראשית נ׳ געפינען מיר וועגן יוסף, אז ווען יעקב אבינו איז געשטארבן, „ויעש לאביו אבל שבעת ימים״, און ער האט איינגעארדנט א טרויער פון 7 טעג. ווידער ווען משה רבנו איז געשטארבן, ווערט דערציילט אין חומש דברים ל״ד „ויבכו בני ישראל את משה שלשים יום ויתמו ימי בכי אבל משה״, אז די יידן האבן אים באוויינט דרייסיק טעג, און דערמיט האבן זיך געענדיקט די טרויער טעג נאך משהן. דערפון שאמט דער מנהג, וואס די ערשטע 7 טעג, „שבעה״, איז דער טרויער גרעסער, און דערנאך ביז צום סוף פון די ערשטע דרייסיק טעג, „שלשים״, איז שוין דער טרויער א קלענערער. דערנאך דויערט נאך אביסל דער טרויער ביז א גאנץ יאר. — ווי אזוי פלעגט מען זיך נוהג זיין אין די טרויער טעג? אויך דא

זענען געווען פארשיידענע מנהגים אין די פארשיידענע צייטן פון דער יידישער גע־שיכטע. אין תנ"ך שמואל ב' י"ד ווערט דערמאָנט, אז דער אָבל פלעגט זיך אָנ־טאָן אין ספּעציעלע טרויער־קליידער, „בגדי־אבל". אין פסוק הושע ט' ווערט דערמאָנט דער אויסדרוק „לחם אונים", „טרויער ברויט", וואָס דער אָבל פלעגט עסן אין צייט פון טרויער. פון דער גמרא שבת קי"ד איז צו זען, אז אן אבל פלעגט טראָגן שווארצע קליידער. אויך דער מנהג צו רייסן קריעה אלס צייכן פון אבלות געפינען מיר שוין אין חומש ביי יעקב אבינו (בראשית ל"ז), ווען מען איז אים געקומען זאָגן, אז זיין זון יוסף איז אומ־געקומען דורך א חיה רעה, „ויקרע יעקב שמלותיו" („און יעקב האָט צעריסן זיינע קליידער"). אויך דער מנהג צו זעצן זיך אויף דער ערד איז פאראַן אין תנ"ך ביי דוד המלך (שמואל ב' י"ב), ווען זיין קינד איז געשטאָרבן. — היינט איז דער מנהג אבלות, אז אן אבל זיצט אויף א נידריק בייינקעלע, טראָגט נישט די שיך און גייט נישט ארויס פון שטוב די זיבן טעג, וואָס ווערט אָנגערופן „זיצן שבעה". אין די שלשים איז דער טרויער קלענער, און די איבעריקע 11 חדשים פון יאָר איז עס נאָך קלענער. דער הויפּט־צייכן פון אבלות אין משך פון לערך א יאָר, און אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן יעדן יאָרצייט, איז דאָס זאָגן קדיש. וועגן „קדיש" און „יאָר־צייט" און די מנהגים און לעגענדעס, וואָס זענען דערמיט פארבונדן, זע ביי די ווער־טער „יאָרצייט" און „קדיש". אויב עס שטאַרבט אן אנגעזעענער מענש, איז פון שטענדיק אָן געווען א מנהג, אז מען האָט געהאַלטן אויך א הספד, און עס איז געווען אין די אַלטע צייטן אין יעדער שטאָט א ספּעציעלער אָרט, וואו דער הס־פד איז געהאַלטן געוואָרן, און דאָס האָט געהייסן „מקום ההספד", אָדער „בית הס־פד" (כתובות פ"ד). — איינער פון די מנהגים, וואָס איז געבליבן פון די אַלטע צייטן, איז „מנחם אבל־זיין", טרייסטן דעם אבל. אין דער גמרא כתובות ח' ווערט געזאָגט, אז ביים מנחם־אבל זיין פלעגט מען איינאָרדענען פאַר די אבלים א סעודה (וואָס האָט געהייסן די „סעודת הבראה") און מען פלעגט טרינקען וויין. עס איז אָנגענומען, אז אין די ערשטע דריי טעג זאָל מען נישט גיין מנחם־אבל־זיין, ווייל דאַמאָלט איז דער אָבל אין א צו שטאַרקן טרויער, און מען קאָן אים נאָך נישט זאָגן קיין טרייסט־ווערטער. אין דער צייט פון שבעה לערנט דער אָבל נאָר טרויעריקע ספרים, ווי איוב, מדרש איכה וכדומה. עס איז צו באַמערקן, אז אין ספר „שאלות ותשובות הריב"ש סימן קנ"ח (דער מחבר האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון 14טן יאָרהונדערט) ווערט געבראַכט, אז נאָך דאַמאָלט האָט געהערשט דער אַלטער מנהג פון דער גמרא צו נעמען ספּעציעלע פרויען קלאָגערנס, וואָס האָבן געקלאַפּט מיט דער פּויק און געוועקט דעם עולם צו טרויער. דער דאָ־זיקער מנהג עקזיסטירט נאָך היינט ביי א טייל יידישע קהלות אין צפון־אפריקא. אין שולחן־ערוך יורה־דעה איז פאַראַן די ספּעציעלע הלכות אבלות, וואו עס ווערן אָנגעגעבן די אַלע דינים, וואָס אן אָבל איז מחויב צו האַלטן, בנוגע וואַשן, פּוצן זיך, שערן, אַרבייטן, וועגן טרויער אום שבת און יום טוב און אַלע אַנדערע הל־כות און דינים.

אבל רבתי נאָמען פון א קלענער מסכתא אין דער גמרא, און זי הייסט „אבל רבתי", ווייל דאָרט ווערן באַהאַנ־דעלט אַלע ענינים, וואָס האָבן א שייכות מיט טרויער (אבל). די דאָזיקע מסכתא טראָגט אויך דעם נאָמען „מסכתא שמ־חות" („די מסכתא פון פרייד"), דאָס איז ווייל עס איז געווען אזא מנהג נישט

אנצורופן א זאך מיט א טרויער נאמען צוליב „אל תפתח פה לשטן” („זאלסט נישט געבן דעם שטן קיין שלעכטן אויסרייד”) און מען האט דעריבער געשריבן דעם פארקערטן נאמען פון „טרויער”, נעמליך, שמחות, פרייד. אין „אבל רבתי” זענען פאראן א סך זאכן, וואס זענען צוגעגעבן געווארן אין א סך שפעטערדיקע צייטן, זאגאר פון די צייטן פון די גאונים. די באדייטונג פון דער דאזיקער מסכתא איז זייער גרויס; זי גיט אונז זייער וויכטיקע ידיעות וועגן די יידישע מנהגים אין די אלטע צייטן. — א חוץ דער „אבל רבתי” איז אויך געווען א מסכתא, וואס האט געהייסן „אבל זוטרתי” („די קליינע מסכתא אבל”). א לאנגע צייט איז די דאזיקע גמרא געווען אין כתב־יד, און מען האט געוואוסט וועגן איר נאר הערפון, וואס די אלטע מפרשים האבן געבראכט פון איר מאמרים. ערשט אין די לעצטע צייטן (פראנקפורט יאר תרמ״ט) האט איר ארויסגעגעבן לויט דעם כתב־יד פון פארמא און פון וואטיקאן דער געלערנטער חיים מאיר הורוויץ.

אבלי ציון („וואס טרויערן נאך ציון”).

אין די אלטע צייטן האט עקזיסטירט אין ירושלים א יידישע סעקטע מיטן נאמען „אבלי ציון”, מענשן, וואס טרוערן אויפן חורבן פון ציון; זיי זענען געווען שטענדיק אין טרויער און האבן מתפלל געווען, אז עס זאל קומען די גאולה. ווען די דאזיקע סעקטע איז אנטשטאנען, איז שווער צו זאגן. שוין אין דער גמרא בבא בתרא דף ס׳ ווערט דערציילט, אז באלד נאכדעם, ווי דאס בית המקדש איז חרוב געווארן, האבן זיך געפונען יידן, וואס האבן אלס צייכן פון טרויער אויפגעהערט צו טרינקען וויין, עסן פלייש, אבער דער תנא רבי יהושע בן חנניה האט זיי דערקלערט, אז אזוי וויט טרויערן דארף מען נישט, ווייל דאס איז א זאך „שאין רוב הציבור יכולין לעמוד בה”. כאטש דארט ווערט נישט דערמאנט דער נאמען „אבלי ציון” איז אבער זיכער, אז אין די צייטן פון דער גמרא זענען געווען די אבלי ציון, און עס איז פאראן א מיינונג, אז די „טרויערנדע אויף ציון” האבן זיך באשעפטיקט מיט דער געהיימער קבלה־לערע שוין אין יענע צייטן. אין דער „פסיקתא רבתי”, וועמענס מחבר האט געלעבט א סך שפעטער (אין דער ערשטער העלפט פון 9טן יארהונדערט) ווערט געזאגט וועגן די אבלי ציון, אז טאג טעגלעך בעטן זיי אויף דער גאולה. עס ווייזט אויס, אז די אבלי ציון, וואס זענען געזעסן אין ירושלים, האבן געלעבט אין גרויס נויט, און זיי פלעגן באקומען נדבות פון די יידן אין אנדערע לענדער. אין ספר „יוחסין” פון רבי אחימעץ ווערט דערציילט, אז אין 10טן יארהונדערט האט מען ביי די עליות אין שול מנדב געווען נדבות פאר די „אבלי ההיכל”, דאס הייסט, די וואס טרויערן אויפן בית המקדש. פון יענע צייטן שטאמט עס, וואס אין דער תפלה אין שמנה עשרה, וואס מען זאגט היינט יעדן תשעה באב, אין „נחם”, ווערן דערמאנט די „אבלי ציון” און אבלי ירושלים. אין די שפעטערדיקע צייטן געפינען מיר, אז עס זענען געווען אבלי ציון נישט נאר אין ירושלים, נאר אויך אין אנדערע לענדער, אזוי דערציילט דער בארימטער רייזנדער רבי בנימין (אין דער צווייטער העלפט פון 12טן יארהונדערט) אין זיין ספר „מסעות” אז אין דייטשלאנד זענען געווען יידן, וואס האבן געטרויערט אויפן חורבן ירושלים, זיי האבן געטראגן שווארצע קליידער אלס צייכן פון טרויער. וועגן די יידן פון תימן שרייבט דער זעלבער רבי בנימין, אז עס זענען פאראן צווישן זיי „פרושי הדור הם אבלי ציון ואבלי ירושלים” („די אפגעשיידטע, וואס טרויערן אויף ציון און ירושלים”), וואס עסן

נישט קיין פלייש און טרינקען נישט קיין וויין, טראָגן שוואַרצע קליידער, און פאַסטן שטענדיק, חוץ שבת און יום טוב, און זענען מתפלל, אַז גאָט זאָל אויסלייזן די יידן. — עס איז צו פאַרצייכנען, אַז די דאָזיקע ביינקשאַפט נאָך ארץ ישראל און דער טרויער נאָכן חורבן האָט אויך אַרומגענומען די יידישע סעקטע קאַראַאימער („קראים”), וואָס האָבן אָנערקענט נאָר די תורה שבכתב, און נישט דעם תלמוד. פון די דאָזיקע קאַראַאימער האָבן זיך אַ סך באַזעצט אין ירושלים אין 9־טן יאָרהונדערט, און האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן „אבלי ציון”, זיי האָבן נישט געגעסן קיין פלייש און נישט געטרונקען קיין וויין, ניט געפרייט זיך מיט קיין שמחה, נאָר שטענדיק אַרומגעגאַנגען אין טרויער. די געלערנטע יאַסט און צונץ האָבן דעריבער געמיינט, אַז די „אבלי ציון” איז געווען אַ ריין־קאַראַאימישע סעקטע, אָבער די שפּעטערדיקע געלערנטע האָבן באַוויזן, אַז די דאָזיקע מיינונג איז נישט קיין ריכטיקע.

אבן דאָס איז אַן אַראַביש וואָרט, און איז געווען אַ טייל פון די נעמען פון אַ סך אַלטע יידישע חכמים, רבנים, פילאַנטראָפּן, ווי למשל, „אבן עזרא” און אַנדערע. דאָס וואָרט אבן איז אין אַראַביש דער טייטש „זון”, אָבער עס איז באַנוצט געוואָרן אין דער באַדייטונג ווי אין דער דייטשער שפּראַך „פאָן”, דאָס הייסט פון דער און דער פאַמיליע. למשל, „אבן עזרא” האָט געהייסן פון דער משפחה עזרא „אבן תבון” האָט געהייסן פון דער משפחה תבון. אין דער יידישער פאָלקסשפּראַך, זאָגאַר צווישן לומדים האָט מען דאָס דאָזיקע וואָרט נישט געלעזן אַלס „איבן”, נאָר ווי „עווען”, און יידן זאָגן נישט איבן עזרא” נאָר „אבן עזרא” („עווען־עזרא”). טייל שפּעטערדיקע יידישע געלערנטע האָבן פון „אבן” געמאַכט פּשוט „בן”, און אַנשטאָט למשל, „רבי שלמה אבן גבירול”, פלעגט מען אויך שרייבן „רבי שלמה בן גבירול”. אַ סך שפּעטערדיקע יידישע פאַמיליעס האָבן פון דעם וואָרט „אבן” און זייער פאַמיליע־נאָמען געמאַכט איין וואָרט, ווי למשל פון פאַמיליע־נאָמען „אבן דנה” (איבן־דאַנע) איז געוואָרן „אבענדאַנע”. דאָס וואָרט „אבן” פלעגט אויך געשריבן ווערן אין פאַרקירצונג מיט אַ לאַנגער נון איז דער הויך אַ שטרייכעלע, אין דער פאָלגנדער פאָרם „ן”.— אַלטע יידישע גרויסע פּערזענלעכקייטן, וואָס זייערע פאַמיליע נעמען האָבן זיך אָן מיטן „אבן” זענען געווען אַ סך. מיר וועלן געבן נאָר די וויכטיקסטע פון זיי אין גאַנץ באַזונדערע שטיך־ווערטער. אָבער ניט אַלע וועלן מיר געבן אונטער דעם וואָרט „אבן”, ווייל אַ סך פון זיי זענען ניכער באַקאַנט מיט זייער אייגענטלעכן פאַמיליע־נאָמען; ווי למשל דעם דערמאָנטן „רבי שלמה בן גבירול, וועלן מיר געבן ביי „גבירול”, אָדער ביי זייער פאָרנאָמען, ווי למשל „רבי אברהם אבן דאוד” (דער ראב”ד) וועלן מיר געבן ביי אברהם, דאַקעגן די, וואָס זענען אין פאָלק באַקאַנט מיט דעם נאָמען „אבן”, ווי למשל דער „אבן־עזרא”, וועלן מיר געבן ביים וואָרט „אבן עזרא” און דאָס זעלבע אויך ביי אַנדערע „אבן”־פאַמיליעס.

אבן אביתור, יוסף שרייבער פון פיוטים, האָט געלעבט אין שפּאַניע אין דער שטאָט קאָרדאָוואָ אין ענדע פון 10־טן יאָרהונדערט. ער האָט אויך געהייסן „אבן שטאַנש”. רבי יוסף איז געווען זייער אָנגעזען ביים קאַליף אין שפּאַניע, פאַר וועמען ער האָט איבערזעצט די גמרא אויף אַראַביש (אין יענע צייטן האָבן די אַראַבער געהערשט אין שפּאַניע). ער איז געשטאָרבן אין דמשק לערך דעם יאָר 1008. פון אביתור’ס ספרים, וואָס ער האָט מחבר געווען, איז גאָרנישט געבליבן. עס

זענען געבליבן פון אים עטלעכע הונדערט פיוטים, געדרוקט אין פארשיידענע ספרדישע מחזורים.

אבן בלעם, יהודה פארשער פון דער העברעאישער שפראך און מפרש פון תנ״ך. ער האט געלעבט אין שפאניע, אין סעווילא, אין דער צווייטער העלפט פון 12־טן יארהונדערט. זיינע ספרים וועגן דקדוק און פירושים אויף תנ״ך האט ער געשריבן אלע אין דער אראבישער שפראך, וואס איז דאמאלט געווען די אומגאנגסשפראך פון די יידן נישט נאר אין שפאניע נאר אויך אין אפריקא, ארץ־ישראל און בבל. א טייל פון זיינע ספרים זענען איבערגעזעצט געווארן אויף העברעאיש אין זיינע פארשונגען באנוצט ער זיך אויך מיט דער מעטאדע פון פארגלייכן די אראבישע שפראך מיט דער העברעאישער.

אבן העזר נאמען פון דריטן טייל שולחן ערוך. אין דעם אבן־העזר ווערן באהאנדלט אלע דינים און הלכות, וואס האבן א שייכות מיט דעם יורידישן מאן־און פרוי לעבען: ווי קידושין, גטן. צום דאזיקן ספר זענען געשריבן געווארן א סך פירושים און שאלות־ותשובות־ספרים. זע „שולחן ערוך״

אבן חיים די פאמיליע אבן־חיים טרעפן מיר ביי די ספרדישע יידן פון 15טן יארהונדערט אן. די ערשטע וויכטיקע פערזענלעכקייט פון דער דאזיקער פאמיליע איז געווען יוסף אבן חיים, וועלכער האט געלעבט אין 15־טן יארהונדערט. ער איז איינער פון די עלטסטע יידישע קינסטלער־מאלער און צייכנער, וועמענס קינסטלערישע ארבייטן זענען דערגאנגען צו אונז. אין דער באדליאנא־ביבליאטעק אין אקספארד (ענגלאנד) איז פאראן א כתב־יד אויף פארמעט, וואס אנטהאלט דעם תנ״ך און דעם דקדוק־ספר מכלול פון רבי דוד קמחי (רד״ק). אויף יעדן בלאט זענען דארט פאראן שיינע קינסטלערישע צייכנונגען, די בילדער פון קורח און זיינע אנהענגער, דוד המלך, בלעם און אנדערע, און עס שטייט דארט אונטערגעשריבן די ווערטער „אני יוסף אבן חיים זה הספר ציירתי והשלמתי״ (איך יוסף אבן חיים האבן דאס דאזיקע ספר געצייכנט און פארענדיקט״). וועגן דעם מאלער אבן חיים שרייבט ווישניצער אין זשורנאל „מילגרוים״ העפט 1 יאר 1922. — בארימט איז אויך דער רב רבי אהרן אבן חיים (דער ערשטער). אין סוף פון 16טן און אין אנהויב פון 17טן יארהונדערט. ער האט געשטאמט פון מאראקא, נאכער איז ער געווען רב אין ווענעציע. אחוץ פארשידענע אנדערע ספרים האט ער אויך מחבר געווען זיין בארימטן פירוש „קרבן אהרן״ אויפן ספרא, וואס איז שטארק אנגענומען אין דער לומדישער וועלט.

אבן סנה שמואל, מפרש פון תנ״ך אין דרום פראנקרייך אין דער צווייטער העלפט פון 14־טן יארהונדערט. מען האט אים אויך גערופן רבי שמואל צרצה, אדער סרסה. ער האט געשריבן פירושים צום חומש, און טייל רבנים האבן געזען אין זיינע ספרים אפיקורסות. זיין הויפט־ספר איז „מקור חיים״ (געדרוקט אין מאנטוא 1559), וואס איז איינגעטלעך א פירוש צום פירוש פון אבן עזרא. דארט זאגט ער ארויס זייער געוואגטע מיינונגען, צווישן זיי, אז די וועלט איז נישט באשאפן געווארן דורך גאט, נאר זי איז אליין א „קדמון״, דאס הייסט, די וועלט עקזיסטירט פון אונענדלעכע צייטן אן. דער אבן סנה שרייבט אויך אין זיין ספר, אז „מי שאינו חוקר ומכיר, איננו מאמין גם כן; מי שמכיר ומשכיל הוא מאמין״ („ווער עס פארשט נישט און דערקענט נישט, איז נישט קיין גלויביקער, ווער אבער עס דערקענט און פארשטייט, איז א גלויביקער״). עס

איז פאראן א לעגענדע, אז דורך א מסירה צו דער רעגירונג, אז רבי שמואל אבן סנה איז אן אפיקורס און האלט, אז די וועלט איז א קדמון, האט מען אים פאראורטיילט צום טויט און פארברענט.

אבן עזרא אברהם בן מאיר (געבוירן געווארן לערך 1092 — געשטארבן לערך 1167 —). גרויסער יידישער מפרש פון תנ״ך, פילאזאף און דיינקער און דיכטער און אסטראנאם און מאטעמאטיקער, וואס איז באקאנט מיט דעם סתם נאמען „אבן עזרא״. רבי אברהם אבן עזרא, וועלכער ווערט פיל מאל געבראכט מיט דער ראשי־תיבות „ראב״ע״, איז איינער פון די גרעסטע פערזענלעכקייטן אין דער גאנצער יידישער געשיכטע, און וועגן זיין לעבן און זיינע ספרים איז געשריבן געווארן זייער פיל. עס איז אנגענומען, אז דער אבן עזרא איז געבוירן געווארן אין שפאניע, אין דער שטאט טאלעדא אין יאר ד׳ אלפים תתנ״ב (1092). וועגן זיינע יוגנט־יארן ווייסט מען כמעט גארניט. מען נעמט אן די מיינונג, אז ער האט שוין יונגערהייט געשריבן ספרים, וועלכע זענען צו אונז נישט אנגעקומען, אדער עס איז מעגליך, אז ער אליין האט זיי שפעטער איבערגעארבייט און זיי אריינגענומען אין זיינע שפעטערדיקע ספרים. אנגעהויבן זיין ארבייט פון שרייבן ספרים, מיט וועלכע ער איז געווען בארימט, האט דער אבן עזרא נאכדעם, ווי ער האט פארלאזט זיין היימלאנד שפאניע. דאס איז פארגעקומען לערך דעם יאר תתצ״ח (1138), ווען רבי אברהם אבן־עזרא איז שוין געווען אן עלטערער מאן, ביי 46 יאר. פארוואס ער האט פארלאזט שפאניע, איז אויך נישט קלאר. ער אליין שרייבט וועגן זיך פאלגענדע ווערטער: „ואני אברהם בר מאיר מארץ מרחקים, הוציאתני מארץ ספרד חמת המצוקים״ („איך אברהם בן מאיר פון ווייטן לאנד, האט מיך פארטריבן פון שפאניע דער צארן פון די באדריקער״). טייל געלערנטע ווילן האבן, אז ער איז אנטלאפן פון שפאניע, ווייל זיינע שונאים האבן אים געוואלט טויטן. א אנדער מיינונג איז פאראן, אז אין יענע צייטן זענען פארגעקומען אויף די יידן אין שפאניע, וואו עס האבן דאמאלט געהערשט די אראבער, גרויסע פאגראמען, א סך יידן זענען אומגעקומען, עס זענען חרוב געווארן שולן, ספרים זענען פארברענט געווארן, און פיל יידן זענען אנטלאפן, און צווישן די אנטלויפענדע זאל אויך האבן געווען דער אבן עזרא. נאכדעם, ווי דער אבן־עזרא האט פארלאזט שפאניע, האט ער באריייזט זייער פיל לענדער. ער איז געווען אין פראנקרייך, צפון־אפריקא, אין מצרים, און עס איז פאראן מיינונגען, אז ער איז אויך געווען אין ארץ־ישראל, בבל און זאל האבן דערגרייכט אפילו קיין אינדיע. די דאזיקע רייזעס האבן ביי אים געדויערט צוויי יאר. ער האט געוואנדערט פון ארט צו ארט, ביז ער האט זיך באזעצט אין רוים. דא האט ער אנגעשריבן זיין ערשטן ספר, דעם פירוש צו קהלת. לאנג איז דער אבן־עזרא אויך דארט נישט פארבליבן; ער האט נאכער געוואנדערט אין פארשיידענע שטעט אין איטאליע, דערנאך אין דרום־פראנקרייך, נאכער אין צפון־פראנקרייך, און ער האט אומעטום געליטן נויט, הגם קומענדיק אין א שטאט פון גרויסע לומדים און דענקער, וואס זענען געווען מבינים אויף זיין גרויס געלערנזאמקייט, האט מען אים אפגעגעבן פיל כבוד און געשעטצט. דער אבן־עזרא האט אזוי געוואנדערט אלע זיינע עלטערע יארן און איז געווען א געוויסע צייט אויך אין לאנדאן. ערשט ווען ער איז שוין אלט געווארן 75 יאר, אין יאר תתקכ״ז (1167) האט ער באשלאסן צוריקצופארן אין זיין אמאליק היימלאנד, אין שפאניע. אבער אויפן

וועג, אין דער שטאט קאלאהארא אין
שפאניע איז ער געשטארבן, מאנטאג, אדר
ראשון תתקכ"ז. אויך וועגן דעם יאר פון
זיין טויט און דער שטאט, וואו ער איז
געשטארבן, זענען פאראן פארשיידענע
מיינונגען. לויט איין מיינונג איז ער גע־
שטארבן אין יאר תתקכ"ד. עס ווערט
דערציילט, אז דער אבן־עזרא, פילנדיק,
אז עס דערנענטערט זיך דער טויט, האט
געזאגט אויף זיך אין פאראפראזע דעם
פסוק פון חומש וועגן אברהם אבינו:
„ואברהם בן חמש ושבעים שנה בצאתו
מחרון העולם" („און אברהם איז אלט
געווען 75 יאר, ווען ער איז ארויסגעגאנגען
פון צארן פון דער וועלט"). דאס איז גע־
ווען אן אנדייטונג אויף די פילע ליידן,
נויט און אומרו, וואס ער האט געהאט
אויסצושטיין אין זיינע יונגע יארן. —
פאר דער יידישער וויסנשאפט האבן די
וואנדערונגען פון אבן־עזרא געהאט א
גרויסע באדייטונג, ווייל אין שפאניע
פלעגן אלע יידישע חכמים פון יענער צייט
שרייבן זייערע ספרים אויף אראביש, און
אויך דער אבן־עזרא, ווען ער וואלט געווען
געבליבן אין שפאניע, וואלט ער זיינע
ספרים געשריבן אין דער אראבישער
שפראך, וואס איז דאמאלט געווען די
אומגאנגס־שפראך פון די דארטיקע יידן.
דאקעגן אין די לענדער, וואו ער האט גע־
וואנדערט, האט מען אראביש נישט פאר־
שטאנען, און דער אבן־עזרא האט אלע
זיינע ספרים דעריבער געשריבן אין העב־
רעאיש. דאס וויכטיקסטע ספר פון אבן־
עזרא איז זיין פירוש צו חומש, נביאים
הראשונים, ישעיה, תרי עשר, חמש מגי־
לות, תהלים, איוב און דניאל. אין זיין
פירוש צו חומש און די אנדערע כתבי
הקודש איז דער אבן עזרא קודם כל מפרש,
ער טייטשט אויס דעם פשוטן זין פון פסוק
און ווייזט דערביי ארויס אן אונגעוויינ־
לעכן שארפן איינבליק אין דער כונה
פון פסוק. א סך מאל זאגט דער אבן־עז־
רא ארויס זייער געוואקסטע געדאנקען, ווי
למשל אין ספר ישעיה, אז די קאפיטלער
פון ישעיה מ' אן זענען געשריבן געווארן
דורך א נביא נאכן גלות בבל. אויך אין
פירוש צום חומש זאגט ער טיילמאל
ארויס זייער געוואקסטע מיינונגען, אבער
ער טוט עס אין א פארשטעלטער פארם
און מען מוז גאנץ אפט זיך מאטערן, כדי
צו פארשטיין דעם טייטש פון אבן עזרא.
צוליב דעם וואס דער אבן־עזרא באנוצט
זיך אין זיין פירוש מיט א קורצן שארפן
סטיל, און אין עטלעכע ווערטער דריקט
ער אויס א גאנצן געדאנק, אזוי אז עס איז
אים שווער צו פארשטיין, האט מען שפע־
טער מחבר געווען פירושים, וואס קלערן
אויף די שווערע שטעלן פון אבן־עזרא:
אמוויכטיקסטן פון די דאזיקע פירושים
צום אבן־עזרא איז דער „צפנת פענח"
פון רבי יוסף הספרדי. — א חוץ זיין פי־
רוש אויף כתבי הקודש האט דער אבן־
עזרא מחבר געווען ספרים וועגן דקדוק.
דער וויכטיקסטער פון זיי איז דער „מאז־
נים". ער האט אויך מחבר געווען ספרים
איבער פילאזאפיע („יסוד מורא" און
אנדערע) ווי אויך איבער אסטראנאמיע
און מאטעמאטיק (ספר „האחד", „הלו־
חות", „העבור", „כלי נחושת" און אנ־
דערע). א חוץ דעם האט דער אבן עזרא
געשריבן ביכער פון פארשיידענעם אינ־
האלט (זאגאר וועגן שאך־שפיל), ווי אויך
א סך לידער און חידות. דער „דיוואן"
(לידער־בוך) פון אבן־עזרא, ארויסגעגעבן
דורך אייגער, אנטהאלט 260 שירים און
חידות, אבער עס זענען פאראן נאך מער.
די צאל ספרים, וואס דער אבן־עזרא האט
מחבר געווען, זאל זיין בערך 200. — דער
אבן־עזרא האט געהאט דעם אונגעוויינ־
לעכסטן איינפלוס אויף די יידישע גע־
לערנטע וועלט אין פארלויף פון א סך
הונדערטער יארן. אויך אין דער נייערער

ציים איז דער יידישער מאָדערנער דיינ־קער נחמן קראָכמאַל אין זיין ספר „מורה נבוכי הזמן" געשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון דער תנ"ך־פאָרשונג און פילאָזאָפישער שיטה פון אבן־עזרא. עס איז שווער צו זאָגן, אין וואָס די דאָזיקע שיטה איז באַשטאַנען, ווייל דער אבן־עזרא איז זיך אָפטמאָל סותר. טיילמאָל זאָגט ער אַרויס די געוואָגסטע מיינונגען, אַן שום מורא און אָפּשטעלן זיך פאַר קיין זאַך, און טיילמאָל ווידער גלויבט ער זאָ־גאַר אין אַסטראָלאָגיע, אַז דער גאַנג פון די שטערן האָט אַ ווירקונג אויף דעם גורל פון מענשנס לעבן. וועגן זיך אַליין האָט ער געגלויבט, אַז די שטערן האָבן אים פון פאַראויס באַשטימט אַ ביטערן גורל, און פון אים שטאַמט דער שיר: „ווען איך וואָלט געהאַנדלט מיט ליכט, וואָלט קיינ־מאָל נישט נאַכט געווען, און ווען איך וואָלט געהאַנדלט מיט תכריכים, וואָלט קיינער נישט געשטאָרבן" — אָבער אין אַלגעמיין איז זיין שיטה געווען, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט פון אַלטער מאַ־טעריע, דעם „חומר היולי", וואָס עקזיס־טירט פון אייביקע צייטן. וועגן דער נשמה האַלט דער אבן־עזרא פון דער שיטה פון „מאָנאָ־פּסיכיזם", וואָס זאָגט, אַז אַלע נשמות פון אַלע מענשן זענען אייגענטלעך טיילן פון איין גייסט. עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז דער אבן עזרא האָט געהאַט פאַר זיך דאָס פילאָזאָפישע ספר „מקור חיים" פון רבי שלמה איבן גבירול און האָט דערמיט זיך פיל באַנוצט. — די גרויסע יידישע חכמים אין די אַלטע ציי־טן האָבן זייער פיל געהאַלטן פון אבן־עזרא. דער גרעסטער פון די בעלי התוס־פות רבנו יעקב תם האָט אים גאָר הויך געשעצט און אים געשריבן „אני עבד לאברהם" („איך בין אַ קנעכט צו אַב־רהם"). דער רמב"ם אין זיינע בריוו שרייבט וועגן אבן־עזראס פירוש גאָר גרויס און ער האָט געהייסן זיין זון אים לערנען. — וועגן פאַמיליע־לעבן פון אבן־עזרא איז אונז גאָרנישט באַקאַנט. אַביסל ידיעות האָט מען נאָר פון איין זון זיינעם, מיטן נאָמען יצחק, וואָס מיט אים איז פאַרבונדן אַ טראַגישע איבערלעבונג פאַר זיין פאָטער. דער דאָזיקער זון, יצחק, איז געווען אַ פעהיגער דיכטער און האָט גע־שריבן שיינע שירים, אויך ער האָט פאַר־לאָזט שפּאַניע אין יאָר 1140 און האָט זיך באַזעצט אין אַזיע, אין באַגדאַד. אָבער פּלוצלונג האָט דער דאָזיקער יצחק (אונ־טער דעם איינפלוס פון זיין רבי, אַ געוויסן נתנאל, אַ משומד) זיך געשמדט און אָנ־גענומען די מאַכמעדאַנישע אמונה. רבי יהודה אלחריזי, וועלכער האָט אויך גע־לעבט אין יענער צייט, שרייבט וועגן אים „והסיר מעליו מעילו דת היקרים, ופשט את בגדיו ולבש בגדים אחרים" (ער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיינע טייערע רע־ליגיעזע מלבושים, און האָט אָנגעטאָן אַנ־דערע קליידער"). אַנדערע לייקענען אָפּ די דאָזיקע ידיעה. סיי־ווי, ווען ער איז גע־שטאָרבן, האָט זיין פאָטער, דער אבן־עז־רא געשריבן וועגן אים אַ קלאָג־ליד מיט די ווערטער „בכה אבכה בכל רגע ואשא נהי נהיה, בזכרי זה שלש שנים מותו בארץ נכריה" („איך וויין יעדע רגע און קלאָג, ווען איך דערמאָן מיך 3 יאָר איז זינט ער איז געשטאָרבן אין אַ פרעמד לאַנד").

אבן עזרא, משה בן יעקב (לערך 1060־1139). איינער פון די באַרימטעסטע העב־רעאישע דיכטער אין 12טן יאָרהונדערט. איז אַראַביש האָט מען אים גערופן „אבו הארון מוסא". ער איז געבוירן געוואָרן אין שפּאַניע (אין גראַנאַדאַ) לערך דעם יאָר ד' אלפים תתך (1060). ער איז גע־ווען אַ גרויסער קענער פון העברעאיש און אַראַביש ווי אויך פון דער לאַטיינישער שפּראַך. אין זיינע ביכער ברייננט ער די גרעסטע גריכישע און אַראַבישע פילאָ־

זאפֿן. יידישע לימודים האָט ער געלערנט ביים גרויסן רב ר' יצחק גיאת. רבי משה האָט געשריבן א סך ספרים אין אראַביש. איין ספר וועגן פֿילאָזאָפֿיע איז איבערזעצט געוואָרן אויף העברעאיש מיט דעם נאָמען „ערוגת הבושם"; אַממייסטן באַרימט איז רבי משה דורך זיינע העברעאישע לידער, וועלכע געהערן נאָך היינט צו די שענסטע אין דער העברעאישער ליטעראַטור. ער האָט געשריבן א בוך אויך וועגן פּאָעזיע; דאָס דאָזיקע בוך איז לעצטנס (יאָר תרפ"ד) ערשינען אין דער העברעאישער איבערזעצונג מיטן נאָמען „שירת ישראל". זיינע לידער זענען אָפּגעדרוקט אין צוויי ספרים; „ספר התרשיש" און „דיוואן רבי משה אבן־עזרא". לעצטנס איז דערשינען נאָך א זאַמלונג פֿון זיינע לידער דורך ח. נ. ביאַליק. זיינע לידער זענען נישט נאָר פֿון רעליגיעזן אינהאַלט, נאָר אויך איבער אַזעלכע טעמאַס, ווי ליבע, שיינהייט, דאָרפֿיש־לעבן, נישטיקייט פֿון לעבן, דער טויט. ער האָט אויך געשריבן פֿיל פּיוטים, און באַקאַנט זענען זיינע פּיוטים אין מחזור פֿון יום־כּפּור נאָך דער עבודה, וואָס הייבן זיך אָן מיט די ווערטער: „אשרי עין ראתה כל אלה". די שפּראַך פֿון רבי משה אבן־עזרא איז א קלאָרע, איינפֿאַכע. אין זיינע רעליגיעזע שירים ווייזט ער אָן אויף דער נישטיקייט פֿון מענטשס לעבן, ווי אַלץ פֿאַרשווינדט שנעל, און עס בלייבט נאָר דאָס אייביקע לעבן פֿון דער געטלעכקייט. — אין דער יידישער שפּראַך זענען דערשינען איבערזעצונגען פֿון זיינע לידער אין י. י. שוואַרץ'ס „אונזער ליד אין שפּאַניע" ניו־יאָרק 1931. וועגן פּריוואַטן לעבן פֿון רבי משה אבן־עזרא איז אונז ווייניק באַקאַנט. עס איז נאָר זיכער, אַז ער האָט געהאַט א פֿרוי און קינדער. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1139.

אבן שתיה

אבן שתיה אין דער משנה יומא פּרק ה' ווערט דערציילט, אַז אין בית המקדש אין ירושלים, אין קדשי־קדשים, וואוהין עס פֿלעגט אַריינקומען נאָר דער כהן־גדול אום יום־כּפּור, און וואו עס איז געשטאַנען אין די צייטן פֿון ערשטן בית־המקדש דער „אָרון", — איז געווען א שטיין „מימות נביאים הראשונים", פֿון די צייטן פֿון די ערשטע נביאים, „ושתייה היתה נקראת", און דער שטיין האָט געהייסן „שתיה". „גבוה מן הארץ שלש אצבעות". און דער שטיין איז הויך געווען פֿון דער ערד אַזוי הויך ווי דריי פֿינגער. וועגן דעם דאָזיקן שטיין ווערט דערציילט אין דער זעלבער גמרא יומא נ"ד, אַז דעריבער האָט ער געהייסן „שתיה", ווייל „שממנה הושתת העולם", פֿון דעם דאָזיקן שטיין איז די וועלט באַשאַפֿן געוואָרן. אויך היינט איז אין מאָכמעדאַנישן געבעט־הויז אָמאַר־מעטשעט, וואָס שטייט אויפֿן אָרט פֿון אַמאָליקן בית־המקדש, פֿאַראַן א שטיין, וועגן וועלכן די טראַדיציע זאָגט, אַז דאָס איז דער „אבן שתיה". אויך ביי די מאָכמעדאַנער איז דער שטיין זייער הייליק.

אבן תבון — זע „תבון"

אבנר

אבנר מיליטער־פֿירער אין די צייטן פֿון שאול המלך; דערמאָנט אין ספר שמואל. דער פֿאָטער זיינער האָט געהייסן „נר". לויט איין שטעלע אין תנ"ך (שמואל ב' קאַפּיטל י"ד) איז אבנר געווען א קוזין פֿון שאול המלך, אָבער לויט א צווייטער שטעלע אין תנ"ך (דברי הימים) איז אבנר געווען א פֿעטער פֿון שאול המלך. נאָך שאולס טויט האָט אבנר געמאַכט אַלס קעניג שאולס זון איש־בושת: דאַקעגן דוד איז געוואָרן מלך אין חברון, און יואב איז געווען זיין מיליטער־פֿירער. ווען אבנר איז געווען איינמאָל צוגאַסט ביי דוד המלך, האָט יואב אים געלאָזט טויטן.

אבנר פון בורגאָס (לערך 1270־1350). א משומד, א גרויסער למדן, וואָס האָט געשפּילט א גרויסע ראָל אין דער געשיכטע פון יידן אין שפּאַניע. ער האָט אין זיינע יונגע יאָרן געלערנט א סך יידישע לימודים, תנ"ך, גמרא, און האָט זיך אויך פאַרנומען מיט פילאָזאָפיע. א חוץ זיינע קענטעניסן אין לערנען, האָט ער אויך שטודירט מעדיצין און ער איז געווען א דאָקטאָר. אבנר האָט זיך געשמדט שוין אויף דער עלטער, ווען ער איז אַלט געווען א יאָר 50. נאָך זיין שמד האָט ער זיך א נאָמען געגעבן אַלפאָנזאָ דע וואַלאַדאַליד, און איז געוואָרן דער היטער פון די קריסטלעכע הייליקע זאכן אין דער גרויסער קירכע אין דער שטאָט וואַלאַדאַליד; אלס משומד האָט אבנר אָנגעטאָן זיינע געוועזענע יידישע ברידער גרויסע צרות. ער האָט אָנגעשריבן אויף שפּאַניש „דאָס שלעכטקייט פון די יידן" און „די מלחמה פון גאָט", אין וועלכע ער האָט געוואָרפן אויף יידן פיל באַשולדיגונגען, בלבולים, און שטאַרק געלויבט די קריסטלעכע אמונה. אבנר האָט אויך געשריבן צוויי ביכער אין העבּרעאיש „אגרת הגזירה" און „מנחת קנאות"" צו באַווייזן, אז דער מענש האָט נישט קיין „בחירה", ער איז נישט פריי צו טאָן וואָס ער וויל, נאָר יעדע זאך, וואָס ער טוט, מוז ער עס טאָן, ווייל אזוי איז באַשטימט דורך די מזלות. זיינע ווערק קעגן יידן האָבן געהאַט אן איינפלוס נישט נאָר אויף די קריסטן אין שפּאַניע, נאָר אויך געווירקט אויף פיל יידישע יונגע מענשן, וואָס זענען געווען שוואַך אין דער יידישער אמונה, און האָבן אונטער דעם איינפלוס פון אבנרס ווערק זיך געשמדט. מיט אבנר הייבט זיך אן די טרויעריקע שמד עפּאָכע ביי יידן אין שפּאַניע, וואָס האָט זיך געצויגן ביז צום גירוש פון יידן פון דאָזיקן לאַנד. עס איז פאַראַן א מיינונג, אז די פרייע קריטיק קעגן דער גמרא און בכלל קעגן דער תורה שבעל פה מיט דעם נאָמען „קול סכל", וואָס איז אָפּגעדרוקט אין דעם ספר „בחינת הקבלה" פון רבי יהודה אריה דע מודינא (ארויסגעגעבן דורך יש"ר פון רעדזשא), שטאַמט פון אבנר. עס ווערט דערציילט אין דעם ספר „שלשלת הקבלה" די לעגענדע, אז אבנר איז געווען א תלמיד פון גרויסן רב אין שפּאַניע רבי משה בן נחמן, דער רמב"ן. א לאַנגע צייט נאָכדעם, ווי אבנר האָט זיך געשמדט, האָט אים זיין רבי איינמאָל געטראָפן און אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט זיך געשמדט. האָט אבנר דערויף געענטפערט, אז ער האָט געהערט פון רמב"ן, אז אין דער סדרה „האזינו" אין חומש איז דערמאָנט יעדן מענש'ס נאָמען און זיין גורל, און אזוי ווי דאָס איז אים אויסגעקומען ניט ריכטיק, האָט אבנר פאַרגעלייגט זיין רבין, אז ער זאָל אים געפינען אין האזינו זיין, אבנרס נאָמען. דער רמב"ן האָט א קלער געטאָן און געזאָגט, אז זיין נאָמען געפינט זיך אין יעדן דריטן אות פון פסוק: „אמרתי, אפא'יהם, אשב'יתה, מאנ'וש זכר'ם" („איך וועל אויסמעקן פון די מענשן זייער געדענקן"). ווי אבנר האָט דאָס דערהערט, האָט ער גלייך געטאָן תשובה, און ער האָט גענומען א שיפל, אָן זעגלען, און זיך אוועקגעלאָזט אויפן ים, און מען האָט נישט געוואוסט מער, וואו ער איז אהינגעקומען. — אָבער ווי עס איז שוין באַוויזן געוואָרן דורך געלערנטע איז ניט ריכטיק די גאַנצע לעגענדע, אז אבנר איז געווען דעם רמב"נס א תלמיד, ווייל דער רמב"ן איז אוועק פון שפּאַניע קיין ארץ־ישראל 4 יאָר איידער אבנר איז געבוירן געוואָרן.

אבעסיניע דאָס לאַנד אבעסיניע געפינט זיך אין צפון־מזרח אפריקאַ, און האָט איצט לערך 12 מיליאָן איינוואוינער. מען רופט אויך דאָס לאַנד „עטיאָפּיע",

וואס איז געווען אין די אלטע צייטן די גריכישע איבערזעצונג פון העבראישן ווארט אין תנ"ך „כוש". די אראבער רופן דאס לאנד „חבש", און דערפון איז פארדרייט געווארן דער נאמען אויף „אבאס", און נאכער אביסיניע. די הויפטשטאט" פון אבעסיניע, וואו עס וואוינט דער קעניג, דער „נעגוס", הייסט „אדיס אבעבא"; די אבעסינישע איינוואוינער דערציילן, אז זייער קעניג איז אן אייניקל פון שלמה המלך, וועלכער האט געלעבט מיט דער מלכה שבא, וואס איז געקומען צו אים מיט א באזוך, ווי עס ווערט דערציילט אין תנ"ך אין ספר מלכים. פון זיי איז, לויט דער אביסינישער לעגענדע, דאמאלט געבוירן געווארן א זון,

פון דעם דאזיקן זון שטאמט די איצטיקע דינאסטיע, וואס הערשט איבער אבעסיניע. די איינוואוינער פון אבעסיניע זענען קריסטן, אבער זיי האבן א סך מנהגים פון דער יידישער רעליגיע, ווי למשל, זיי זענען מל די קינדער צו 8 טעג, זיי היטן אפ אחוץ זונטיק אויך שבת, און עסן נישט א גאנצע ריי טריפה זאכן. זיי גלויבן אויך, אז עס וועט נאך קומען משיח און אויפבויען צוריק ארץ־ישראל. זייער אלטע שפראך, „געז", געהערט צו די סעמיטישע שפראכן און האט פיל ענלעכקייט מיט העבראיש. עס זענען פאראן זייער פיל לעגענדעס, אז אין אבעסיניע איז אין 6טן יארהונדערט געווען א יידישע מלוכה, באזעצט דורך יידישע שבטים, שטארקע קריגס־מענשן, מיט אן אייגענעם מלך, און נאכער האבן זיי געהאט א יידישע קעניגין; יידן אין אבעסיניע זענען פאראן זייער ווייניק, מען שאצט זייער צאל ארום 50 טויזענט. זיי טיילן זיך אין צוויי טיילן: 1) אין געוויינלעכע יידן, צווישן זיי אממייסטן תימנישע יידן; 2) „פאלאשן", וועמענס יידישקייט איז אן עקזאטישע. זע „פאלאשן".

אבערגלויבן מיט דעם ווארט אבערגלויבן רופט מען אויף יידיש אזעלכע פאלקס־גלויבונגען, „זאבאבאנעס", וואס די יידישע רעליגיע זאגט נישט, אז מען זאל גלויבן אין זיי, אבער גרויסע טיילן פון די פאלקס־מאסן גלויבן יא אין זיי. עס איז שווער צו זאגן, וועלכע זאך איז „אבערגלויבן" און וועלכע הייסט „גלויבן", ווייל עס זענען פאראן א סך זאכן, אין וועלכע א סך גרויסע יידישע חכמים האבן יא געגלויבט, און געשריבן וועגן זיי אין זייערע ספרים, דאקעגן אנדערע גרויסע יידישע חכמים האבן אין זיי נישט געגלויבט און באטראכט אלס אבערגלויבן; למשל, „כשוף", צי „שדים", ווערט זאגאר דערמאנט אין חומש און גמרא, אבער דער רמב"ם און אנדערע גרויסע יידישע חכמים און רעליגיעזע אויטאריטעטן האבן דאס באטראכט פאר אבערגלויבן. שוין אין תנ"ך געפינען מיר, אז די תורה און די נביאים זענען ארויסגעטרעטן קעגן פארשיידענע אבערגלויבנס, וואס האבן געהערשט ביי יידן אין יענע אלטע צייטן. דער חומש דברים י"ח זאגט „לא ימצא בך קסם קסמים, מענן ומנחש ומכשף וחובר ושאל אב וידעני ודרש אל המתים" („עס זאל זיך נישט געפינען ביי דיר כשוף־מאכערס און טרעפערס און אפשפרעכערס און פרעגערס ביי טויטע"). אין דעם חומש דארט ווערט דאס אלץ אנגערופן „תועבות הגוים" („די אומווירדיקייטן פון די פעלקער"). אבער פון חומש אליין איז נישט ארויסצודרינגען, צי די דאזיקע סארטן זאכן, דער כשוף ובדומה האבן יא א ווערט, דאס הייסט זיי האבן יא א קראפט, נאר מען טאר דאס נישט טאן, ווייל דאס איז עבודה־זרה. פון א סך אנדערע ערטער אין חומש, למשל פון סיפור ווי די חרטומי מצרים האבן אויך געמאכט פון זייערע שטעקנס שלאנגען איז קלאר צו זען דער גלויבן, אז דער

כשוף האט יא א קראפט, נאר מען טאר דאס ניט טאן. פיל שפעטער, אין די צייטן פון שאול המלך געפינען מיר אין ספר שמואל א' כ"א אז ווען שמואל איז געגאנגען פרעגן די „בעלת אב", די כשוף־מאכעריי, האט זי צו אים ארויפגעבראכט שוין־פארשטארבענעם שמואל הנביא. דאקעגן געפינען מיר אין ספר זכריה קאפיטל י' אזעלכע ווערטער, ווי „הקוסמים חזו שקר וחלומות שוא ידברו", אז דער כשוף מאכער זעט פאלש און די חלומות־באדייטער הערן פוסטע זאכן. — אין די צייטן פון 2טן בית־המקדש און אויך שפעטער אין די צייטן פון דער משנה און גמרא זענען אבערגלויבנס פון פארשידענע נע סארטן געווען זייער פארשפרייט צווישן יידן. וועגן די סנהדרין אין ירושלים ווערט דערציילט, אז זיי האבן געקענט כשוף. וועגן שדים ווערט דערמאנט אויך אחוץ אין תנ"ך אויך ביי יוסף פלאוויוס, און אויך אין דער גמרא אין זייער פיל ערטער. אין דער משנה איז שוין פאראן א ספעציעלער אויסדרוק פאר „אבערגלויבן", נעמלעך, „דרכי אמורי" („די וועגן פון אמורי", דאס הייסט פון נישט־יידן). אזוי זאגט די משנה אין שבת ס"ז, אז מען טאר נישט טראגן פאר רפואה וועגן אלס סגולה א „צאן פון א פוקס", א „טשוואק פון א געהאנגענעם", משום דרכי אמורי". אין דער גמרא סנהדרין ס"ה ווערן געבראכט אנדערע אבערגלויבנס. ווי למשל טייל זאגן, אז זיי ווילן נישט אנהויבן א געוויסע ארבייט, ווייל עס האט שלעכטע סימנים, „פתו נפלה מפיו, מקלו נפלה מידו, בנו קורא לו מאחריו, עורב קורא לו, צבי הפסיקו בדרך, נחש מימינו, שועל משמאלו, אל תחיל בו, שחרית הוא, ראש חודש הוא, מוצאי שבת הוא" (דאס ברויט איז מיר ארויסגעפאלן, דער שטעקן איז מיר ארויסגעפאלן, דער זון האט מיר צוריקגערופן, א קרא האט גערופן, א הערש איז דורכגעלאפן, א שלאנג פון רעכטס און א פוקס פון לינקס, אדער ער זאגט צו איינעם, וואס קומט אים מאנען א חוב, הויב נישט אן ביי מיר, עס איז איצט דער פרימארגן, ראש חודש, מוצאי שבת, און עס וועט זיין א שלעכטער אנהויב). אין דער גמרא געפינען מיר נאך פיל אנדערע גלויבונגען פון פאלק, ווי אויך א סך סגולות און אפשפרעכונגען צו עין־הרע, וואס א סך פון זיי האט די גמרא געהאלטן פאר „דרכי אמורי". אין די צייטן נאך דער גמרא האבן זיך די מיינונגען פון די גרויסע יידישע חכמים וועגן די אלע אבערגלויבנס צוטיילט. איין טייל פון זיי האבן געהאלטן, אז די אלע סגולות און סימנים און אפשפרעכונגען האבן קיין שום ווערט נישט. דער רמב"ם זאגט אין זיין „משנה תורה" הלכות עכו"ם: „ודברים אלו כולן דברי שקר וכזב הן" (די אלע דאזיקע זאכן זענען ליגן און פוסטע זאכן), „ואין ראוי לישראל שהן חכמים מחוכמים להמשך בהבלים אלו ולא להעלות על לב שיש תועלת בהן" (און עס פאסט גארנישט פאר יידן, וואס זענען קלוג, אז זיי זאלן נאכגיין נאך די נארישקייטן און עס זאל נישט קומען אויפן געדאנק, אז זיי האבן עפעס א ווערט). דאקעגן איז געווען א גרויסער טייל יידישע חכמים, וואס האבן יא געגלויבט אין דעם כח פון די אלע סגולות און אפשפרעכונגען און סימנים און עין־הרע און שדים. אזעלכע אלטע ספרים, ווי דער ספר חסידים (אין 12טן און 13טן יארהונדערט) און א סך אנדערע יידישע ספרים פון יענע צייטן און פון שפעטער, ספעציעל פון די אנהענגער פון קבלה, זענען פול מיט פארשיידענע גלויבונגען פון סגולות און סימנים און עין־הרע. וועגן די פארשיידענע גלויבונגען, ווי שדים און מזיקים, קמיעות, עין־הרע, כשוף, חלומות, דבוק, גולם, גלגולים, סגולות און אנדערע געבן מיר באַ־

זונדערע באַשרייבונגען ביי זייערע זור־
ווערטער.

אבר מן החי („אַ שטיק פלייש, וואָס
איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון אַ לעבעדיקער
זאַך“). אויף דעם פּסוק אין חומש דברים
י"ב „לא תאכל הנפש עם הבשר“ (דו
זאָלסט נישט עסן דעם נפש מיטן פלייש)
זאָגט די גמרא חולין ק"ב, אַז דאָס איז
דער טייטש, אַז מען טאָר נישט עסן קיין
„אבר מן החי“. לויט דער גמרא סנהדרין
נ"ט איז נישט נור יידן פאַרבאָטן עסן
אבר מן החי, נאָר אויך נישט־יידן, ווייל
דאָס איז פון די „שבע מצוות“, די 7
מצוות, וואָס אויך די „בני נח“, דאָס
הייסט, נישט־יידן, זענען מחויב מקיים
צו זיין.

אבראַבאַליאַ יוסף און משה. צוויי
ברידער, יידן, באַרימטע מלוכה־מענער
אין שפּאַניע אין 13טן יאָרהונדערט. יוסף
אבראַבאַליאַ איז געווען פינאַנץ־מיניס־
טער. זיין נאָמען איז פאַרבונדן מיט דער
געשיכטע פון אַ יידישן מסור אין שפּאַניע,
וואָס האָט כסדר געטראָגן מסירות אויף
יידן אין קעניגלעכן הויף. דורך דער השת־
דלות פון יוסף אבראַבאַליאַ האָט דער קע־
ניג איבערגעגעבן דעם מסור אין יידישע
הענט, און אַ יידיש בית־דין אונטער דער
פירונג פון רבינו יונה פון גירונדי, האָט
אים פאַרמשפּט צום טויט, ווי עס איז גע־
ווען דער דין פאַר אַ מסור, און מען האָט
די טויט־שטראָף אויסגעפירט.

אבראַהאַמס ישראל (1925-1858).
געלערנטער אין ענגלאַנד אין דער לעצ־
טער צייט. ישראל אבראַהאַמס, אדער ווי
עס לעזט זיך אין ענגליש, אייבּרעהעמס,
— שטאַמט אָפּ פון אַ יידיש־פּוילישער
פאַמיליע. דאָס וויכטיקסטע ווערק פון אב־
ראַהאַמס איז זיין בוך אין ענגליש „דהי
דזשויש לייף אין די מידל אייזדזשעס“
(„דאָס יידישע לעבן אין מיטלאַלטער“),
אין וועלכן ער האָט לויט פאַרשידע־
נע שאלות ותשובות־ספרים אונז געוויזן,
ווי אַזוי די יידן האָבן געלעבט אין די
צייטן פון מיטלאַלטער, זייערע מנהגים
און פאָלקסטימלעכע לעבן. דאָס בוך האָט
אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער פאָרשונג
פון יידישן לעבנס־שטייגער מיט הונדער־
טער יאָר צוריק. אין העברעאיש איז דאָס
בוך ערשינען אין קיצור אין דער איבער־
זעצונג פון דוד יעלין (געדרוקט איז זשור־
נאַל „השלח“ אינטער דעם נאָמען „חיי
היהודים בימי הביניים“). אַ גרויסן ווערט
האָט דער זשורנאַל „דזשואיש קוואָרטער־
לי רעוויו“, וואָס אבראַהאַמס האָט רע־
דאַגירט פון יאָר 1889 אָן. אבראַהאַמס איז
געשטאַנען אין שפּיץ פון די רעפאָרמיר־
טע יידן אין ענגלאַנד. צו זיין אַנדענקען
איז ערשינען אין ניו־יאָרק (1927) אַ בוך
(אין ענגליש) מיט וויכטיקע פאָרשונגען
פון יידישע געלערנטע. אין דעם בוך איז
אויך אויסגערעכנט אַלץ, וואָס אבראַהאַמס
האָט מחבר געווען. דאָס בוך פון אבראַ־
האַמס וועגן „יידישן לעבן אין מיטלאַל־
אַלטער“ איז דערשינען אויך אין דער
יידישער שפּראַך אין אַ פאַרקירצונג.

אבראַמאָוויטש ש. י. — זע „מענ־
דעלי מוכר ספרים“.

אברבנאל יהודה (לעאָ העברעאוס)
זון פון דון יצחק אברבנאל. יהודה אברב־
נאַל איז אויך באַרימט אין דער געשיכ־
טע פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור
מיט זיין לאַטיינישן נאָמען „לעאָ העב־
רעאוס“. מען נעמט אָן, אַז ער איז געבוי־
רן געוואָרן לערך 1460. ווען עס איז פאַר־
געקומען דער גירוש פון יידן פון שפּאַ־
ניע אין יאָר 1492, האָט יהודה אברבנאַל
אַוועקגעשיקט קיין פּאָרטוגאַל זיין זון
יצחק (ביי די שפּאַנישע יידן פלעגט מען
אַ נאָמען געבן די זין אויך נאָך דעם זיי־
דן, וואָס האָט נאָך געלעבט), וואָס איז

דאמאלט געווען א קליין קינד, צוזאמען מיט זיין אם. יהודה אליין איז אוועק קיין איטאליע. אבער אין פארטוגאל האט די רעגירונג דאס קינד געלאזט אפשמדן. יהודה האט נאכער געשריבן א טרויער ליד „תלונה על הזמן” (פארוואורפן דער צייט), אין וועלכן ער באוויינט זיין זון און בעט אים, אז ווען ער וועט אויפוואקסן זאל ער צוריק ווערן א ייד. יהודה אברבנאל האט זיך באזעצט אין איטאליע, וואו ער האט געוואוינט אין פארשיידענע שטעט. עס איז פאראן א מיינונג, אז זיין זון איז דערנאך צוריקגעקומען צו אים. גענוי ווען יהודה איז געשטארבן איז ניט באוואוסט; מען נעמט אן, אז אין 1525. אין איטאליע האט יהודה אברבנאל זיך באקאנט מיט די גרעסטע איטאליענישע געלערנטע אין יענער צייט, און באזונדערס מיט פיקא דע מיראנדאלא. יהודה האט געשריבן אין איטאליעניש צוויי ווערק, איינס מיטן נאמען „די הארמאניע פון הימל” און דאס צווייטע „געשפרעכן וועגן ליבע”. ביידע פילאזאפישע חקירות. דאס ערשטע בוך איז נישטא; געבליבן איז נאר די „געשפרעכן וועגן ליבע”. א חוץ דעם האט ער געשריבן א ריי שירים אויף העברעאיש אלס הקדמה צו זיין פאטערס חבורים. די קריסטלעכע געלערנטע האבן ארויסגעלאזט א קלאנג, אז יהודה אברבנאל האט זיך געשמדט. אבער דאס איז נישט ריכטיק. ער איז געבליבן א געטרייער איד ביזן טויט. דאס בוך „וועגן ליבע” האט אין דער ליטעראַרישער וועלט געמאכט אגרויסן רושם און האט א גרויסע באדייטונג פאר דער געשיכטע פון פילאזאפיע; עס איז איבערזעצט געווארן אין פיל שפראכן. אויך אין העברעאיש איז עס פאראן איבערזעצט און די איבערזעצונג איז ערשינען ערשט אין יאר 1871.. עס איז א סברא, אז די העברעאישע איבערזעצונג איז געמאכט געווארן דורך דעם רב ר' יהודה אריה די מודינה.

אברבנאל דון יצחק (1508-1437).

פילאזאף, מפרש פון תנ"ך, מלוכה־מאן, וועמענס סתם־נאמען „דער אברבנאל”, איז בארימט ביי יידן. דון יצחק איז געבוירן געווארן אין פארטוגאל אין ליסאבאן; זיין פאטער האט געהייסן יהודה. דער אברבנאל שרייבט אין זיין הקדמה צום ספר „מעיני הישועה”, אז ער שטאמט אפ פון דוד המלך, און אין אן אנדער ספר שרייבט ער, אז זיין פאמיליע איז געקומען קיין שפאניע נאכן חורבן פון ערשטן בית־המקדש. דון יצחק האט אין זיין יוגנט געלערנט א חוץ יידישע לימודים, אויך שפראכן, פילאזאפיע, געשיכטע און נאטור־וויסענשאפטן. ווען דון יצחק איז עלטער געווארן איז ער געווארן איינער פון די אנגעזעענסטע מלוכה־מענער ביים פארטוגאלישן קעניג. אין יאר 1483 האט דער קעניג, צוליב א מסירה, פארארדנט צו ארעסטירן דון יצחקן. וועלגער איז דערפון געוואויר געווארן, און איז אנטלאפן קיין שפאניע. דא איז ער געווארן באלד אנגעזעען ביים שפאנישן קעניג פערדינאנד און דער קעניגין איזאבעלא, און איז געווארן זייער פינאנץ־מיניסטער. ער האט אויפגעהויבן די פינאנסן פון שפאניע צו א גלענצענדער מדריגה. אבער עס איז געקומען דאס טרויעריקע יאר אין דער יידישער געשיכטע, רנ"ב (1492), ווען דער שפאנישער קעניג פערדינאנד האט ארויסגעגעבן דעם דעקרעט, אז אלע יידן מוזן פארלאזן שפאניע, און די, וואס וועלן בלייבן, מוזן זיך שמדן. דון יצחק האט זיך באמיט ביים קעניג אפצוהאלטן די דאזיקע גזירה, אבער עס איז אים ניט געלונגען. דון יצחק אברבנאל צוזאמען מיט זיין פאמיליע האט געטיילט דעם ביטערן גורל פון די הונדערטער טויזנטער שפאנישע יידן, וועלכע האבן פארלאזט זייער

היימלאנד. אברבנאל האט זיך באזעצט אין איטאליע, אין נעאפאל, וואו ער איז געווארן דער פאליטישער בעל יועץ פון דארטיקן קעניג. נאכער האט ער זיך באזעצט אין סיציליע און קארפו. גאר צום סוף האט ער געוואוינט אין ווענעציע, וואו ער איז געווארן באלד אנגעזעען ביי די דארטיקע סענאטארן און פירשטן. אין ווענעציע איז ער געשטארבן אין עלטער פון 71 יאר. זיינע קינדער האבן געבראכט זיין קערפער קיין פאדווא, און דארט איז זיין קבר. — די באדייטונג פון אברבנאל באשטייט קודם־כל אין זיינע פירושים אויף תנ"ך, וועלכע ער האט אנגעהויבן שרייבן נאך זייענדיק אין שפאניע און ער האט זיי פארענדיקט ערשט שפעטער אין זיין גלות. אין זיין ספר „שאלות" שרייבט דער אברבנאל פאלגענדע ווערטער: „די גאנצע צייט, וואס איך בין געווען ביי די מלכים אין די פאלאצן, פארנומען אין זייער דינסט, האב איך ניט געהאט קיין צייט מעיין צו זיין אין קיין ספר, און איך האב פארבראכט מיינע יארן אין נארישקייטן צו מאכן עושר און כבוד, אבער דאס עשירות איז פארלארן געגאנגען, און נאכדעם, ווי איך האב געוואנדערט פון איין לאנד אין אנדערן. האב איך גענומען ערשט לערנען". סיי אין זיינע פירושים אויף תנ"ך, סיי אין די אנדערע ספרים זיינע איז צו באמערקן דעם טרויער פון אברבנאל אויף דעם אומגליק, וואס האט געטראפן זיינע ברידער, די שפאנישע יידן, און ער שרייבט וועגן זיך: „מר ונאנח על אבדן מולדתו והוא עיף ויגע השקט לא יוכל מבני עם ה' מפוזר ומפורד גלות ירושלים אשר בספרד" („ביטער און פארזיפצט אויף דעם פארלארענעם פאטערלאנד, מיד, קאן זיך ניט בארוהיגן אויף גאטס פאלק, וואס איז צוזייט און צושפרייט, די פארטריבענע פון שפאניע"). אין זיין פירוש צו תנ"ך באמיט זיך דער אברבנאל אויפצוקלערן היסטאריש די פארשיידענע יידישע מנהגים און מלוכה־פירונג אין די צייטן, ווען די יידן זענען נאך געווען אין ארץ־ישראל. דער אברבנאל גיט אין זיינע פירושים אויך פילאזאפישע חקירות איבער פראגן, וואס האבן אינטערעסירט די יידישע געלערנטע אין יענע צייטן, וועגן תחית המתים, השארת הנפש, השגחה פרטית. א חוץ זיינע פירושים אויף תנ"ך האט דער אברבנאל מחבר געווען נאך א ריי אנדערע ספרים, ווי א פירוש אויף „פרקי אבות", א ספר „ישועות משיחו" צו שטארקן די אלע, וואס זענען דאמאלט אריינגעפאלן אין א יאוש און צו באווייזן, אז עס וועט קומען די גאולה; א ספר „ימות עולם", וואס איז א היסטארישע פארצייכנונג פון אלע גירושים אין דער יידישער געשיכטע, און א חוץ דעם נאך א ריי אנדערע פילאזאפישע חקירה־ספרים. פראגמענטן פון זיינע ספרים זענען איבערזעצט געווארן אין אנדערע שפראכן. — דאס טרויעריקע לעבן פון אברבנאל איז אויך באנוצט געווארן דורך מאדערנע שריפטשטעלער אלס טעמע פאר דערציילונגען.

אברהם אבינו דער פאטער פון יידישן פאלק. אין חומש בראשית ווערט דערציילט וועגן לעבן פון אברהם אבינו, זון פון תרח; ער האט צוערשט געוואוינט אין אור־כשדים און ער איז געקומען אין לאנד כנען מיט זיין ווייב שרה. צוערשט האט אברהם געהייסן „אברם" און זיין ווייב „שרי", נאכער האט גאט אים געהייסן ענדערן זיין נאמען אויף אברהם און זיין ווייבס נאמען אויף שרה; דערנאך ווערן דערציילט די אלע וואנדערונגען פון אברהם אבינו קיין מצרים און דערנאך צוריק אין לאנד כנען; די מעשה פון זיין ברידער־זון לוט; די מלחמה, וואס ער האט געפירט קעגן די 4 מלכים, די מעשה מיט הגר זיין דינסט, וואס האט אים גע־

בוירן דעם זון ישמעאל; דערנאָך האָט ער זיך געלאָזט מל זיין לויט דעם באַפעל פון גאָט; די געבורט פון יצחק אבינו; די פאַרטרייבונג פון הגר און ישמעאל, און די מעשה מיט דער עקידה, און ווי שרה איז געשטאָרבן און דערנאָך ווי אברהם אבינו איז געשטאָרבן אין עלטער פון 175 יאָר און איז געקומען צו קבורה אין דער מערת המכפלה אין חברון. — אָבער א חוץ די ספּורים, וואָס ווערן געבראַכט אין חומש זענען אַרום דער פּערזאָן פון אברהם אָבינו אַנטשטאַנען דערנאָך זייער פיל פאָלקס־מעשיות, וואָס א סך פון זיי ווערן געבראַכט אין דער גמרא און מדרשים, און א סך פון זיי ערשט אין די שפּעטערדיקע ספרים, ווי יוסיפון, „ספר הישר" און אַנדערע. די ערשטע מעשה איז, אַז ווען אברהם איז נאָך געווען אין אור־כשדים און נמרוד איז דאָרט געווען מלך, און אברהם האָט נישט געוואָלט דינען צו די אָפּגעטער, האָט מען אים אַריינגעוואָרפן אין קאַלך־אויוון („כבשן אש"), נאָר ער איז ניצול געוואָרן. די דאָזיקע סיפּור־המעשה שטאַמט פון וואָרט „אור" (פייער). נאָכער ווערן דערציילט די פאַרשיידענע סיפּורים, ווי אַזוי אברהם אבינו האָט אָפּגעלאַכט פון די אָפּגעטער. אין דער גמרא נדרים ל"ז ווערט געזאָגט, אַז בן שלש שנים הכיר אברהם את בוראו, אַז שוין אין עלטער פון דריי יאָר האָט אברהם דערקענט גאָט. אין מדרש בראשית רבה ווערט געזאָגט, אַז אברהם האָט געזען די וועלט, ווי א פּאַלאַץ, וואָס איז באַלויכטן („בירה דולקת") און ער האָט געזאָגט צו זיך, צי איז מעגלעך, אַז דער דאָזיקער לויכטענדער פּאַלאַץ זאָל זיין אָן א פירער, און דאַמאָלט האָט זיך באַוויזן צו אים דער „בעל הבירה", גאָט דער פירער פון דער וועלט. אין אַלגעמיין איז דער ציל פון די אַלע מאמרים אונטערצושטרייכן, אַז אברהם איז געווען דער גרינדער פון דער יידישער רעליגיע, וואָס האָט דערקענט דעם איינציקן גאָט אין דער וועלט.

ווען די גוטע מדות פון אברהם אבינו ווערט אין דער גמרא און מדרש געזאָגט, אַז ער איז געווען א גרויסער מכניס־אורח (דאָס ווערט גענומען דערפון ווי ער האָט אויפגענומען די דריי מלאכים) און האָט אַרויסגעוויזן א גוט האַרציקייט. אין פּרקי אבות פּרק ה' ווערן אויסגערעכנט די מעלות פון די „תלמידיו של אברהם אבינו" (פון אברהם אבינוס תלמידים), אַז זיי האָבן „עין טובה, רוח נמוכה ונפש שפלה" („א גוט האַרץ, באַשיידן אין גייסט, און האַלטן זיך קליין"). דאָס מל זיין א יידיש קינד ווערט באַצייכנט מיט דעם וואָרט „בבריתו של אברהם אבינו", ווייל אברהם אבינו איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך מל געווען. — אין די יידישע תפילות פאַרנעמט אברהם אבינו זייער א גרויס אָרט. לויט דער גמרא האָט אברהם אָבינו מתקן געווען תפלת שחרית (גמרא ברכות כ"ו). דער זכות פון אברהם אבינו ווערט דערמאָנט זייער אָפט נישט נאָר אין די געוויינלעכע תפילות, אין שמנה עשרה, נאָר אויך אין די פאַרשיידענע פּיוטים אין די מחזורים. אין די ראש־השנה תפילות איז פאַראַן דער פּיוט פון „עוד יזכור לנו אהבת איתן" „גאָט וועט אונז נאָך דערמאָנען די ליבע פון איתן", לויט דעם מדרש איז „איתן" אברהם אבינו". אויך ביי נעילה אום יום־כפּור הויבט זיך אָן דער פּיוט „אב ידער מנוער" („אונזער פאָטער, אברהם אבינו, וואָס האָט דערקענט גאָט אין דער יוגנט"). עס איז ווערט צו באַמערקן, אַז איינע פון די עלטסטע תפילות, וואָס ווערט געזאָגט אין דער יידישער שפּראַך יעדן שבת פאַרנאַכט, ווען מען גייט שוין צינדן די הבדלה איז די באַקאַנטע תפלה „גאָט פון אברהם". א באַזונדערן אָרט פאַרנעמט אברהם אבינו אין ארץ־ישראל, ספּעציעל ביי

די ייִדישע איינוואוינער אין חברון, וואו עס געפינט זיך די מערת המכפלה. אין חברון געפינט זיך אן אלטע שול, וואָס מען רופט אברהם אבינו'ס שול. נישט ווייט פון דער שטאָט שטייט אַן אַלטער בוים, וועלכן מען האַלט, אַז דאָס איז דער באַרימטער „אשל אברהם“, וואָס ווערט דערמאָנט אין חומש. דער בוים איז ווירקליך אַלט פיל הונדערטער יאָרן. וועגן דעם, אַז אין דער געגנט פון חברון איז געווען דער בוים פון אברהם אבינו, ווערט דערציילט אין דעם בוך „ייִדישע מלחמות“ פון פלאַוויוס. אין חברון ווערט אויך דערציילט די לעגענדע, וואָס ווערט געבראַכט אין „שבחי ירושלים“, אַז איינמאָל האָט אין חברון מיט 300 יאָר צוריק אויסגעפעלט איין ייִד צו מנין יום כפור, איז אברהם אבינו, פאַרשטעלט פאַר אַן אַלטן ייִד, געקומען אַליין אין שול אַרייַן און משלים געווען צום מנין. מוצאי יום כפור איז ער פאַרשוואונדן געוואָרן, און ער איז געקומען צו חלום דעם רב, און אים געזאָגט ווער ער איז געווען. עס איז צו באַמערקן, אַז אויך די מאַכמעדאַנער און באַזונדערס די אַראַבער האַלטן הייליק דעם נאָמען פון אברהם אבינו, וועמען זיי רופן „אל-כאַליל“, „דער פריינט“ פון גאָט. אין די אַלטע מאַכמעדאַנישע לעגענדעס ווערט פיל דערציילט וועגן אברהם אבינו. די מאָדערנע תנ"ך-קריטיק באַשעפטיקט זיך אויך מיט דער פערזאָן פון אברהם אבינו. די באַקאַנטע געלערנטע ביבל קריטיקער ווי שטאַדע, געלדעקע, גאָלדציהער און אַנדערע ווילן האָבן, אַז די ספורים וועגן אברהם אבינו, וואָס געפינען זיך אין חומש, שטאַמען פון פאַרשיידענע קוועלן. לויט דער מיינונג פון דעם תנ"ך-קריטיקער קיטל זאָל אברהם אבינו האָבן געווען אַ פירער פון סעמיטישן שבט „האַבירו“ (דאָס זאָל זיין דאָס וואָרט „עברי“), וועגן וועלכן עס דערציילן די דאַקומענטן, וואָס מען האָט געפונען אין אַלטן עגיפּטן, אַז דער דאָזיקער היבירו-שבט איז אַריינגעדרונגען אין לאַנד כנען. יעדנפאַלס זענען די מיינונגען פון די פאַרשיידענע תנ"ך-קריטיקער וועגן אברהם אבינו זיך שטאַרק סותר. עס ווערט נאָר אָנגעוויזן, אַז אין אויפשריפטן פון פּרעה שישק מלך מצרים, וועלכער האָט אין די צייטן פון שלמה המלך'ס זון רחבעם איינגענומען ארץ-ישראל ווערט צווישן די איינגענומענע שטעט אויך דערמאָנט אַן אָרט „חקל אברם“, דאָס הייסט „דאָס פעלד פון אברהם“, וואָס מען מיינט מיט דעם דאָזיקן נאָמען, איז ניט זיכער.

אברהם (דער נאָמען פון גרים). עס איז אַ מנהג ביי ייִדן אַז אויב אַ ניט-ייִד איז זיך מגייר און ווערט אַ ייִד, גיט מען אים אַמייסטן דעם נאָמען אברהם. דאָס זאָל שטאַמען דערפון, וואָס אברהם אבינו איז געווען דער ערשטער נישט-ייִד, וואָס איז געוואָרן אַ ייִד און האָט, ווי דער מדרש זאָגט, געבראַכט אַ סך גויים צום ייִדנטום. אַ חוץ דעם ווערט דאָס מגייר זיין באַטראַכט ווי אַריינגעבראַכט דעם גר „בבריתו של אברהם אבינו“.

אברהם אבא פון גומביז, מחבר פון „מגן אברהם“), פּוסק און מפרש פון „שלחן ערוך“. רבי אברהם אבעלע גומבינער איז געבוירן געוואָרן אין גומבין אין פּוילן בערך אין יאָר 1635. זיין פאָטער, חיים, איז געטויט געוואָרן אין די שחיטות אויף ייִדן אין פּוילן אין יאָר 1655, וואָס זענען פאָרגעקומען דורך דעם פּוילישן העלד טשאַרנעצקי (און נישט ווי דער „אוצר ישראל“ און „אשכול“ שרייבן "כמיעלניצקי"). שוין אַלס יונגערמאַן האָט רבי אברהם זיך דערוואָרבן אַ רום אַלס גרויסער למדן און ער איז אויפגענומען געוואָרן אין קאַליש אַלס דיין און ראש ישיבה. אין דער לומדישער וועלט

איז ער באַרימט געוואָרן דורך זיין חי־
בור „מגן אברהם", וואָס איז א פירוש
אויף „שולחן ערוך" חלק „אורח חיים.
דאָס דאָזיקע ספר איז געדרוקט געוואָרן
שוין נאָכן טויט פון רבי אברהם דורך דעם
זון פון מחבר רבי חיים (אין יאָר 1692).
פון דאַמאָלט איז דער „מגן אברהם" גע־
דרוקט געוואָרן א סך מאָל, צוזאַמען מיטן
שולחן ערוך אורח חיים. — אויף דעם
מגן־אברהם האָט מען דערנאָך געשריבן א
סך פירושים. דער וויכטיקסטער פון זיי
איז דער „מחצית השקל" פון רבי שמואל
קעלין (ווין 1807). — רבי אברהם אבעלע
גומבינער האָט מחבר געווען אויך די ספ־
רים „זית רענן", „שמן ששון" ווי אויך
א פירוש אויף תוספתא. ער האָט אויך גע־
שריבן א קינה אויף תשעה באב, וואָס
הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „ארץ־
ישראל היו בה עשר קדושות" („ארץ־
ישראל האָט געהאַט 10 הייליקייטן").

אברהם אבאלע פּאָסוואָלער (1764-
1836). למדן און ראש בית דין אין ווילּ־
נאָ אין אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט.
באַקאַנט איז זיין אריינמישן זיך אין דער
מחלוקה וועגן דרוקן די גמרות צווישן די
דרוקערייען פון סלאַוויטא און ווילנא
(אין יאָר 1835). רבי אברהם אבא'לע
פּאָסוואָלער האָט קיין ספרים נישט אי־
בערגעלאָזט, אבער זיינע חידושים געפֿי־
נען זיך אין די ספרים פון אנדערע רבנים
און מחברים אין יענער צייט. „נתיבות
עולם" פון קאַצענעלבויגן, „מנחה בלילה"
פון רבי שמעון סלאַנים און אנדערע. ער
האָט זיך באַצויגן פריינטלעך צו השכלה
און וועלטלעכער בילדונג, און מען געפינט
זיינע הסכמות אויף די ערשטע השכלה־
ספרים אין פּוילן און ליטא אין יענער
צייט. אזוי האָט ער געגעבן זיין הסכמה
אויף דעם „תעודה בישראל" פון יצחק
בער לעווינזאָן און אויף דעם מאַטעמאַ־
טישן ספר „מוסדי חכמה" פון סלאַנימס־
קי. רבי אברהם אבא'לע פּאָסוואָלער האָט
זיך אויך פאראינטערעסירט מיט דעם
ישוב אין ארץ־ישראל.

אברהם אביש (לערך 1700-1768).
רב פון פראַנקפורט אם מאַין; געבוירן
לערך ת"ס (1700); רב אין א גאַנצער ריי
שטעט אין פּוילן, ווי לוקאָוו, יאַדאָוו, מעז־
זריטש, ריטשעוואָל, ליסאַ, און צום סוף
אין דייטשלאַנד אין פראַנקפורט אם מאַין.
זיינע חידושים „ברכת אברהם" האָט
ארויסגעגעבן שוין גאָר שפּעטער (אין יאָר
תרמא) זיין אור־אור־אייניקל רבי יוסף
לעווענשטיין, דער באַקאַנטער היסטאָרי־
קער, רב אין סעראַצק. אין יאָר 1726
(תקכ"ו) האָט רבי אברהם אביש געהאַט
אויסצושטיין א גרויסע מחלוקה מצד איי־
ניקע רבנים צוליב א גט (דאָס איז דער
באַקאַנטער „גט פון קלעווע"), וואָס רבי
אברהם אביש האָט געהאַלטן, אז ער איז
פסול. וועגן דעם גאַנצן ענין זענען דאַ־
מאָלט דערשינען צוויי ספרים'לעך „אור
הישר" און „אור ישראל". רבי אברהם
אביש איז אויך באַרימט געווען אלס צדיק
און עניו און בעל־מופת. וועגן זיינע מופ־
תים איז דערשינען א ספּעציעל ספרל
„אהל אברהם" (פּיעטרקאָוו תרע"א) פון
אברהם חיים מיכעלזאָן. רבי אברהם
אביש איז געשטאָרבן י"ב תשרי תקכ"ט
(1768).

אברהם בן אליהו (פון ווילנע לערך
1750-1808). זון פון ווילנער גאון. רבי
אברהם האָט א חוץ גרויס לומדות געהאַט
אויך אלגעמיינע בילדונג; רבי אברהם איז
געווען אויך איינער פון די פירער פון דער
יידישער קהלה אין ווילנא אין יענער
צייט. רבי אברהם האָט מחבר געווען א
גאַנצע ריי וויסענשאַפטלעכע ספרים, ווי
„גבולות הארץ" (געדרוקט אין בערלין
1801) געאָגראַפישע באַשרייבונגען פון
פאַרשיידענע לענדער, „תרגם אברהם"

(ירושלים 1896) באמערקונגען צום תרגום אונקלוס, און אנדערע. אמוויכטיקסטן איז זיין ספר „רב פעלים" (ארויסגעגעבן דורך האנעס, ווארשא 1896) איבער די מדרשים. דאס איז געווען די ערשטע וויסענשאפטלעכע און היסטארישע פארשונג איבער אלע מדרשים, נישט נאר איבער די, וואס מיר באזיצן, נאר אויך איבער די מדרשים וואס זענען פארלארן געגאנגען און זיי ווערן געבראכט אין די אלטע ספרים פון די ראשונים. שוין אין 1802 איז דערשינען זיין „מדרש אגדות בראשית" מיט א ווערטפולער הקדמה: (א געוויסער יעקב בן נפתלי האט זי איבערגעדרוקט אין זשולקעוו 1804 אויף זיין אייגענעם נאמען). דער „רב פעלים" האט געעפנט דעם וועג פאר אלע געלערנטע פארשער אין דער מדרשים ליטעראטור. אויך דער גרויסער געלערנטער מדרשים פארשער צונץ האט זיך באנוצט מיט רבי אברהם'ס הקדמה צום מדרש בראשית. פון רבי אברהם זענען נאך פאראן אין כתב־יד א ריי ספרים מיט פארשיידענע וויסענשאפטלעכע פארשונגען איבער דער גמרא, באזונדערס איבער די נעמען פון פארשיידענע שטעט אין דער גמרא. די וואגן און מאסן ביי יידן אין די אלטע צייטן, הגהות צום ירושלמי.

אברהם פון בעיא נאמען פון א גרויסן יידישן שפראך־קענער און רייזענדער און אנטדעקער פון לענדער. אין פארטוגאל אין דער צווייטער העלפט פון 15טן יארהונדערט. אין דעם בוך, וואס דער יידישער היסטאריקער קייזערלינג האט געשריבן וועגן דעם אנטייל פון יידן אין די לענדער־אנטדעקונגען אין די צייטן פון קאלומבוס (געשריבן אויף דייטש), ווערט געבראכט וועגן דאזיקן ערשטן יידישן לענדער־אנטדעקער אברהם פון בעיא, אז לויט דעם באפעל פון פארטוגאלישן קעניג איז ער צוזאמען מיט דעם רייזענדער צאפאטיירא אוועק קיין אפריקע און אזיע, כדי צו געפינען דאס לעגענדארע לאנד פון „יאהאן דעם פריסטער". אברהם פון בעיא האט אויף זיין דאזיקער רייזע געמאכט וויכטיקע אנטדעקונגען, וואס האבן מעגלעך געמאכט די שפעטערדיקע ערשטע ים־רייזע ארום אפריקע פון וואסקא דע גאמא.

אברהם בן גרשון ערשטער יידישער דרוקער, וואס איז אונז באקאנט; געלעבט אין 15טן יארהונדערט אין דער שטאט רעדזשא, אין איטאליע (אין די העברעאישע ספרים שרייבט מען דעם נאמען פון דער שטאט „ריגיו") און האט דארט געהאט א העברעאישע דרוק; דאס ערשטע יידישע ספר, וואס ער האט געדרוקט, איז געווען דער פירוש פון רש"י אויף תורה, וואס איז פארענדיקט געווארן י' אדר רל"ה.

אברהם גרשון פון קוטוב. מקובל און למדן און חזן אין בראד (גאליציע); נאכער געוואוינט אין ארץ־ישראל. ער האט געלעבט אין 18טן יארהונדערט. לויט ווי די חסידישע קוועלען דערציילן, איז רבי אברהם גרשון פון קוטוב (א שטעטל אויף דער גרעניץ פון פאדאליע „קוטי") געווען א שוואגער פון בארימטן גרינדער פון חסידות רבי ישראל בעל־שם־טוב. וועלכער האט חתונה געהאט מיט רבי גרשונס א שוועסטער. רבי אברהם גרשון ווערט דערמאנט אין באקאנטן שאלות־ותשובות־ספר „נודע ביהודה" פון רבי יחזקאל לאנדא, וועלכער שרייבט אים דעם טיטל (נודע ביהודה" מהדורא קמא אבן העזר סימן ע"ג) „אהובי ידיד נפשי, חסידא קדישא, נר ישראל" („מיין ליבער פריינט הייליקער חסיד, דאס ליכט פון ישראל"). אויך רבי יונתן אייבעשיץ פאררופט זיך אויף רבי אברהם גרשונ'ן אין דער מחלוקה וועגן זיינע (רבי יונתנ'ס) קמיעות,

וואס מען האט חושד געווען זיי, אז זיי אנטהאלטן אין זיך די אמונה אין שבתי צבי. רבי יונתן אייבעשיץ טיטולירט רבי אברהם גרשונ'ען („לוחות עדות") „הרב החסיד המפורסים, מופלג בתורה ומקובל אלהי" (באקאנטער חסיד, למדן און געטלעכער מקובל"). לערך אין יאר 1747 (תק"ז) איז רבי אברהם גרשון אוועקגעפארן קיין ארץ ישראל און ער האט זיך באזעצט אין חברון און דערנאך אין ירושלים, וואו ער איז געווארן זייער אנגעזען ביי די דארטיקע מקובלים און לומדים. גענוי ווען ער איז געשטארבן איז נישט באקאנט. אין יאר תקי"ז האט ער נאך געלעבט. — אין די חסידישע ספרים איז די באדייטונג פון רבי אברהם גרשון זייער גרויס אלס שוואגער פון בעל־שם־טוב. אין „שבחי־הבעש"ט" ווערן דערציילט פיל ספורים וועגן דער באציהונג פון בעל־שם־טוב צו זיין דאזיקן שוואגער. שוין פון די ערשטע צייטן, ווען דאס חסידות האט זיך גענומען פארשפרייטן, איז פאראן פארשפרייט א בריף, וואס רבי ישראל בעל־שם־טוב זאל האבן געשריבן צו רבי אברהם גרשנ'ען קיין ארץישראל אין יאר תק"י. דאס איז דער בארימטער בריף, אין וועלכן דער בעל־שם־טוב דערציילט וועגן זיין עליה אין הימל און דער התגלות פון חסידות. עס איז שווער פעסטצושטעלן, צי דער דאזיקער בריף איז ווירקליך געשריבן געווארן דורכן בעל־שם־טוב צו רבי גרשונען, אדער ער געהערט צו די געפעלשטע חסידות־בריוו, וואס האבן זיך באוויזן אין דרוק.

אברהם דוב פון אווראטש. רב אין זשיטאמיר און אווראטש, א תלמיד פון רבי מאטעלע דעם מגיד פון טשערנאביל. אין די עלטערע יארן האט ער זיך באזעצט אין ארץ־ישראל אין צפת, וואו ער איז געשטארבן אין יאר תר"א (1840). רבי אברהם דוב איז געווען איינער פון די חסידישע רבנים אין ארץ־ישראל, וואס האט דאמאלט דערלאנגט א ביטע צו סער משה מאנטעפיארע, אז ער זאל העלפן די יידן אין צפת, אז זיי זאלן קאנען באארבייטן ערד און ווערן פאסטוכער. דר אליעזר לוי, דער סעקרעטאר פון מאנטעפיארע, שרייבט וועגן רבי אברהם דוב, אז דאס איז „איינער פון די פיינסטע מענשן, ער גיט אוועק ארימע לייט אלץ, וואס ער האט". אין יענע צייטן האבן די רבנים אין ארץ־ישראל געשיקט משולחים מיט א בריוו אויפצוזוכן די לעגענדארע עשרת השבטים, און אויך רבי אברהם דוב איז אונטערגעשריבן אויף דעם בריוו. פון רבי אברהם דוב איז פאראן געדרוקט א ספר „בת עין" (זשיטאמיר 1850), חסידישע תורות און צום סוף אויך הלכות.

אברהם בן דוד (ראב"ד" דער ערשטער). פילאזאף און היסטאריקער אין שפאניע אין 12טן יארהונדערט, באקאנט מיט דעם ראשי־תבות־נאמען „ראב"ד הראשון", כדי אים אונטערצושיידן פון די אנדערע צוויי גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן, אויך מיט די נעמען ראב"ד. רבי אברהם בן דוד איז געבוירן געווארן אין קארדאווא לערך 1110; איז געווען בארימט אלס גרויסער דאקטאר, אסטראנאם און היסטאריקער. ווי עס ווערט דערציילט אין „שבט יהודה" האט דער שפאנישער קעניג געוואלט צווינגען דעם ראב"ד, אז ער זאל זיך שמדן. אבער דער ראב"ד האט נישט געוואלט. דער קעניג האט אים דעריבער פאראורטיילט צום טויט דורך הענגען. דער ראב"ד איז אומגעקומען אויף קידוש השם אין טאלעדא יאר 1180, אין עלטער פון 70 יאר. מען רופט אים אויך דעריבער „הראב"ד הקדוש". — דאס בארימטע ספר פון ראב"ד איז זיין „סדר הקבלה", (אדער „דורות עולם"), וועלכן ער האט געשריבן אין יאר 1161, דאס דאזיקע ספר הויבט אן

מיט אדם הראשון און גייט דערנאך איבער צו דער יידישער געשיכטע פון די אור־אלטע צייטן, און רעכנט אויס אלע יידישע פירער פון די שופטים און מלכים און דערנאך די יידישע נשיאים און תנאים ואמוראים און נאכער די רבנן סבוראי און די גאונים און די יידישע חכמים ביז צו זיין צייט. אין „סדר הקבלה" געפינען זיך אויך ידיעות פון דער רוימישער געשיכטע און פון דער געשיכטע פון שפאניע. דאס דאזיקע ספר האט א גרויסן ווערט פאר דער פארשונג פון דער יידישער געשיכטע. עס זענען פאראן טייל עפאכן אין דער יידישער געשיכטע, פאר וועלכע דער סדר הקבלה דינט אונז אלס איינציקע קוועלע. — א זייער גרויסע באדייטונג האט אויך געהאט דאס פילאזאפישע ספר פון ראב"ד „האמונה הרמה" („דער העכערער גלויבן"), וואס דער ראב"ד האט מחבר געווען אויף אראביש, איבערזעצט אין העבעראיש 2 מאל: דורך שלמה בן לביא, וועלכער האט עס א נאמען געגעבן „האמונה הרמה" (ערשינען אין פראנקפורט יאר 1853) און דורך שמואל טוטוס, וועלכער האט עס א נאמען געגעבן „אמונה נשאה". אין דעם דאזיקן ספר באמיט זיך דער ראב"ד אויפצואווייזן די ריכטיקייט פון דער פילאזאפישער שיטה פון אלטן גריכישן פילאזאף אריסטאטעלעס (אין די העברעאישע ספרים „אריסטו"), און אויסצוגלייכן די פילאזאפיע מיט דער יידישער אמונה. — עס ווערט אויך אנגענבן, אז דער ראב"ד האט געשריבן א ספר איבער אסטראנאמיע, וואס איז פארלארן געגאנגען.

אברהם בן דוד למדן און פוסק, איז דער לומדישער וועלט באקאנט סתם מיטן נאמען דער „ראב"ד"; ער איז באקאנט ספעציעל דורך זיינע שארפע קריטישע באמערקונגען, „השגות", וואס ער האט געשריבן צום „יד החזקה" פון רמב"ם און וועלכע זענען געדרוקט צוזאמען מיטן רמב"ם. — רבי אברהם בן דוד איז געבוירן געווארן לערך 1115, ווייל ער שרייבט אין איין ארט אויפן רמב"ם „הוא נער ואנחנו ישישים", „ער איז יונג און מיר זענען אלט", און דער רמב"ם איז געבוירן געווארן, ווי באוואוסט, אין יאר 1135, און דעריבער איז אנצונעמען, אז דער ראב"ד איז געווען עלטער פאר אים מיט א יאר 20. זיין שווער איז געווען רבי אברהם בית דין פון נארבאנע (באקאנט מיטן נאמען „ראב"ד דער צווייטער"). דער ראב"ד איז געשטארבן ערב שבת חנוכה ד' אלפים תתקנ"ט (1198). מען האט אים געהאלטן פאר אזוי הייליק, אז, ווי דער „יוחסין" דערציילט, האבן אויך כהנים, וואס טארן נישט זיך צורירן צו קיין מת, זיך פארנומען מיט זיין קבורה. — דער ראב"ד האט מחבר געווען דאס בארימטעסטע ספר זיינס וועגן די „השגות" אויפן רמב"ם, וואס זענען איינגעטלעך א טייל פון זיין ספר "כתום שם" (דארט שטייט געשריבן), וואס אנטהאלט „השגות" נישט נאר אויפן רמב"ם, נאר אויך אופין ריף, דעם „בעל המאור" און אנדערע. פון דאזיקן ספר האט מען שפעטער ארויסגענומען די השגות צום רמב"ם און זיי געדרוקט צוזאמען מיטן רמב"ם, און די השגות אויף רי"ף און בעל המאור האט מען אריינגעגעבן צום ספר „תמים דעים". אין זיינע „השגות" (קריטישע באמערקונגען) דריקט זיך אוים דער ראב"ד זייער שארף קעגן רמב"ם. דער ראבד האט אויך געשריבן א פירוש אויף ש"ס (א טייל דערפון איז געדרוקט געווארן), אויף תורת כהנים, ווי אויך קבלה־ספרים. עס איז פאראן א מיינונג, אז ער זאל אויך האבן געשריבן דעם באקאנטן פירוש צום „ספר יצירה". זיין זון רבי יצחק סגי־נהור איז געווען א בארימטער מקובל.

אברהם בר חייא הנשיא, איינער פון די גרעסטע יידישע מאטעמאטיקער און אסטראנאמען און פילאזאפן אין מיטל־אלטער, אויך באקאנט אין דער אלגעמיינער געשיכטע פון מאטעמאטיק מיט דעם נאמען „סאוואסארדא“. דאס שטאמט פון אראבישן ווארט „סאחב־אל־סורטא“ (באאמטער פון דער פאליציי), ווייל ער האט פארנומען אן הויכן פאסטן ביי דער רעגירונג אין שפאניע. — ער איז געבוירן געווארן לערך 1065 און געשטארבן לערך 1136 אין שפאניע. אין יענע צייטן האט אין גאנץ אייראפע נאך געהערשט א פולשטענדיקע פינסטערניש, מען האט ווייניק געלערנט וויסענשאפטן. רבי אברהם בר חייא (ער ווערט אין טייל נישט־יידישע אויך דערמאנט מיטן נאמען „אבראהאם יודעאוס“) איז געווען איינער פון די ערשטע, וואס האבן אין יענע פינסטערע צייטן אנגעהויבן פארשפרייטן די אלגעמיינע וויסענשאפטן אין אייראפא. ער האט מחבר געווען ספרים איבער מאטעמאטיק און אסטראנאמיע און ער האט אויך איבערגעזעצט אין לאטיין א סך מאטעמאטישע ביכער פון אראבישע געלערנטע. אזוי ארום האט די נישט־יידישע וועלט אין אייראפע אנגעהויבן צוריק זיך צו באקענען מיט די דאזיקע וויסנשאפטן, אין העבראיש איז באוואוסט זיין ספר „צורת הארץ“ איבער אסטראנאמיע און געאגראפיע; ער האט אויך מחבר געווען דעם ספר „העבור“ און „לוחות“,ביידע איבער כראנאלאגיע. אין כתב־יד זענען פאראן פון אים א סך מאטעמאטישע חיבורים. רבי אברהם בר חייא האט אויך מחבר געווען דאס ספר „הגיון הנפש“ (געדאנקען פון דער נשמה) מוסר ווערטער און פילאזאפישע באטראכטונגען איבער דער וועלט און דעם מענש'ס נשמה. דאס ספר איז געדרוקט געווארן דורך פריימאן מיט אן הקדמה אין לייפציק 1860. רבי אברהם בר חייא האט אויך געהאט א באדייטונג פאר דער פארשפרייטונג פון מאטעמאטישע און אסטראנאמישע וויסענשאפטן צווישן יידן, און די שפעטערדיקע יידישע חכמים אין מיטל־אלטער האבן פיל געשעפט פון אים.

אברהם מגיד פון טריסק. (1806־1889) חסידישער רבי אין וואלין, זיין פאמיליענאמען איז געווען טווערסקי. רבי אברהמס פאטער איז געווען דער רבי ר' מאטעלע (מרדכי) מגיד אין טשערנאביל. פאראן פון אים א ספר וועגן חסידות מיטן נאמען „מגן אברהם“.

אברהם יהושע העשיל (אפטער רב). חסידישער רבי, מחבר פון ספר „אוהב ישראל“. ער איז געבוירן געווארן לערך תק"ז (1747). רבי אברהם יהושע העשעל איז געווען רב אין א ריי שטעט, ווי קאלבושאוו, אפט (דערפון איז זיין נאמען „דער אפטער רב“), יאסי, און צום סוף אין מעזיבוזש, וואו ער איז געשטארבן אין יאר תקפ"ה (1825). ער איז געווען א תלמיד פון רבי ר' אלימלך, דעם מחבר פון „נועם אלימלך“. אין ספר „דובנא רבתי“, איז פאראן א בריוו פון אים, פון וועלכן עס איז צו זען, אז ער איז געווען דער פארזיצער פון א גרויסער אספת הרבנים וועגן א גזירה אויף יידן.

אברהם בן יעקב יידישער רייזענדער אין דער צווייטער העלפט פון 10טן יארהונדערט; געבראכט אין דעם אלטן אראבישן רייזע־בוך פון „אל־באכרי“, וואס איז געשריבן געווארן אין יאר 1066. אין דעם אראבישן בוך הייסט ער „איבראהים איבן יעקוב האישראלי“ (אברהם בן יעקב דער ייד). פון וואנען דער דאזיקע אברהם האט געשטאמט ווייסט מען נישט. מען ווייסט נאר, אז ער איז ארומגעפארן א ריי לענדער אין אייראפא, און ער איז געווען אין בעמען און אנדערע סלאווישע

לענדער, און ער האט זיין רייזע באשריבן און געגעבן זייער וויכטיקע ידיעות איבער דעם לעבן אין די סלאווישע לענדער אין יענער צייט. ער דערציילט אויך וועגן יידישע סוחרים רייזענדע, וואס האבן געוואנדערט אין די סלאווישע לענדער; ער דערמאנט אויך די כוזרים. אברהם'ס רייזע־באשרייבונג רעכנט זיך פאר א זייער וויכטיקע וויסנשאפטלעכע קוועלע פאר דער געשיכטע פון די סלאווישע לענדער אין יענער אלטער צייט. זיי רייזע־באשרייבונג איז איבערגעזעצט געווארן אין רוסיש, דייטש און אויך אנדערע שפראכן.

אברהם יעקב פון סאדאגארע. חסידישער רבי אין גאליציע אין 2טער העלפט פון 19טן יארהונדערט. זיין פאטער איז געווען דער בארימטער רבי רבי ישראל פרידמאן פון ריזשין, דער גרינדער פון דער סאדיגארער דינאסטיע. צווישן רבי אברהם יעקב און דעם אנדערן גרויסן רבי אין גאליציע אין יענער צייט, רבי חיים פון צאנז האט זיך צעפלאקערט א מחלוקה צוליב רבי בער ליעווער, א ברודער פון רבי אברהם יעקב. רבי חיים צאנזער האט געהאלטן, אז דער סאדאגארער הויף פירט זיך מיט צו־פיל לוקסוס, מען לעבט צו ברייט און צו רייך און דאס דערפירט אויף שלעכטע וועגן. אין דער דאזיקער מחלוקה האבן זיך באטייליקט פיל רבנים פון ביידע צדדים. עס זענען פארגעקומען צוליב דעם גרויסע קאמפן אין פיל שטעט אין גאליציע. מען האט איינעם דעם צווייטן געלייגט אין חרם. ערשט שפעטער איז די מחלוקה שטיל געווארן. רבי אברהם יעקב איז געשטארבן אין יאר תרמ"ג אין סאדאגארע.

אברהם בן יצחק פון נארבאנע (ראב"ד דער צווייטער). למדן און פוסק אין 12טן יארהונדערט, מען האט אים גערופן „ראב"ד", ווייל ער איז געווען אב־בית־דין אין דער שטאט נארבאנא. ער איז געבוירן געווארן לערך 1110 און געשטארבן 1179. ער האט געפירט א ישיבה און זיינע תלמידים זענען געווען זיין איידעם דער „ראב"ד דער דריטער", רבי זרחיה דער „בעל המאור" און אנדערע. רבי אברהם האט מחבר געווען א סך ספרים, און דאס וויכטיקסטע ספר זיינס איז דער „האשכול". דאס איז א זאמלונג פון הלכות. דער אשכול איז א לאנגע צייט געווען אין כתב־יד, און ערשט אין יאר תרכ"ח (1868) האט אים ארויסגעגעבן מיט אן איינלייטונג הרב אויערבאך, און א צייט שפעטער (יאר 1910) האט שלום אלבעק פון ווארשע אפגעדרוקט אין בערלין א רייע קריטישע בראשורן מיטן נאמען "כופר האשכול" אויפצואווייזן, אז אויערבאך האט געפעלשט דעם „אשכול"; אלבעק האט ארויסגעגעבן א העפט פון ריכטיקן „אשכול".

אברהם הכהן פון לאסק. מקובל אין 18טן יארהונדערט. מען האט אים אויך גערופן „דער חסיד פון אמסטערדאם". רבי אברהם האט געשטאמט פון דער פוילישער שטאט לאסק. נאכער האט ער זיך באזעצט אין ארץ־ישראל. ער פלעגט פאסטן א גאנצע וואך, משבת לשבת. די יידן פון ארץ־ישראל האבן דאמאלט געהאט באשלאסן ארויסשיקן אין די אייראפעאישע לענדער אן אנגעזעענעם שד"ר („שליחא דרבנן") א דעלעגאט, וואס זאל וועקן ביי די יידן אין אייראפא די ליבע צו ארץ־ישראל און זאמלן געלט פאר דעם יידישן ישוב. אלס פאסנדסטע פערזאן דערצו האבן זיי אויסגעקליבן רבי אברהם, וועלכער איז אוועקגעפארן קיין אייראפא און באזוכט א סך לענדער, און וואו ער איז געקומען האט ער געוועקט דעם המון־עם צו תשובה און איינגעפלאנצט אין זיי חיבה צו ארץ־ישראל. ער

האט פארבראכט אין אייראפּא 15 יאר. זייענדיק אין אייראפּא האט ער געדרוקט זיינע ספרים „וחשב לו הכהן (פירטה תקמ״ד), „בית יעקב״ (ליוואָרנא תקנ״ב) און אנדערע. ווען ער איז צוריקגעקומען קיין ירושלים איז ער ארעסטירט געוואָרן צוזאמען מיט נאָך יידן פון ירושלים דורך דער טערקישער רעגירונג. אין תפיסה האט מען רבי אברהם׳ן אָנגעטאָן גרויסע יסורים. דאָס האָט אים שטאַרק אָפּגע־שוואַכט און ער איז געשטאָרבן.

אברהם מלאך, זון פון רבי בער פון מעזריטש („מעזריטשער מגיד״). פון רבי אברהם מלאך שטאַמט אָפּ די רביאישע דינאַסטיע אין גאַליציע סאַדאַגורע. רבי אברהם מלאך איז געבוירן געוואָרן לערך דעם יאר תק״ג (1743); אין דער יוגנט זיך אָפּגעגעבן צו חסידות מיט אַזאַ ברען און איבערגעגבענהייט, אז מען האט אים גערופן „דער מלאך״. ער האָט חתונה גע־האט מיט דער טאָכטער פון רבי משולם פייביש פון קרעמיניץ, דעם מחבר פון „משנת חכמים״. נאָכן טויט פון זיין פאָ־טער דעם רבי ר׳ בער האט רבי אברהם מלאך נישט געוואָלט ווערן רבי, נאָר איז געוואָרן מגיד אין פאַסטאָוו. ער איז גע־שטאָרבן אין יאר תק״מ (1780). פאַראַן פון אים געדרוקט א ספר מיט חסידישער תורה „חסד לאברהם״ (טשערנאָוויץ תר״י).

אברהם מימוני הנגיד געבוירן 1185, געשטאָרבן 1255?). זון פון רמב״ם (רבינו משה בן מיימון). ער איז געווען דער רעליגיעזער פירער פון די יידן אין מצרים, און אלס אזעלכער האָט ער גע־טראָגן דעם טיטל נגיד. רבי אברהם איז געווען, פונקט ווי זיין פאָטער, א גרויסער דאָקטאָר, איינער פון די דאָקטוירים אין קעניגלעכן הויף אין עגיפּטן. ווען א טייל רבנים אין פראנקרייך זענען ארויסגע־טרעטן קעגן זיין פאָטער, דעם רמב״ם, פאַרוואָס ער האט מחבר געווען פילאָזאָ־פישע ספרים („מורה נבוכים״ און אנדע־רע), וואָס זאָלן זיין קעגן דת, איז רבי אברהם ארויסגעטרעטן קעגן זיי מיט זיין ספר „מלחמות ה׳״, אין וועלכן ער קלערט אויף, אז פילאָזאָפיע איז נישט קעגן רעליגיע. רבי אברהם האט מחבר גע־ווען נאָך א ריי אנדערע ספרים, ווי א פי־רוש אויף גמרא און אויף זיין פאָטערס „יד החזקה״, א תשובה אויף אָפּצוענט־פערן קשיות אויפן רמב״ם, און א ריי ווערק אויף אראַביש וועגן מעדיצין, מאַ־טעמאַטיק און יידישע עטיק, ווי אויך דינים און הלכות.

אברהם בן נתן הירחי. פוסק, מחבר פון ספר „המנהיג״, אין דער צווייטער העלפט פון 12טן יארהונדערט אין פראַנק־רייך אין דער שטאָט לוניל. דערפון שטאַמט זיין צונאָמען „הירחי״, ווייל „לון״ איז אויף פראַנצויזיש די „לבנה״, דאָס זעלבע וואָס אין העברעאישן „ירח״. ער איז געווען א תלמיד פון „ראב״ד דעם דריטן״. נאָכער איז ער אוועק קיין שפּאַ־ניע. אין דער שטאָט טאָלעדאָ. דאָ האט ער מחבר געווען זיין באַרימט ספר „המנהיג״. ווי ער שרייבט אליין, האָט ער מחבר געווען זיין ספר „בששים וארבע שנים ליצירה״, דאָס הייסט ד׳ אלפים תתקס״ד, אַלזאָ אין יאר 1204. — דער ספר „המנהיג״ (געדרוקט דאָס ערשטע מאָל אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל יאר 1519) איז א זאמלונג פון זייער פיל הלכות און דינים און מנהגים; זייער פיל שפּעטער־דיקע פוסקים האָבן זיך מיט אים באַנוצט. א חוץ זיין באַדייטונג אלס רעליגיעז הל־כה־ספר, האט דער „המנהיג״ אויך זייער א גרויסע באַדייטונג פאַר דער פאָרשונג פון אמאָליקן יידישן לעבנס־שטייגער אין פאַרשיידענע לענדער, ווייל רבי אברהם הירחי האט דאָ צונויפגעזאמעלט א סך

מנהגים פון יידן אין די לענדער שפּאַניע, פראַנקרייך און דרום פראַנקרייך, דייטשלאַנד, ענגלאַנד (ער רופט ענגלאַנד „איי־הים״, די אינזלען פון ים). פון דאָרט למשל ווערן מיר געוואָר, אַז אין טייל ערטער האָט נאָך דעמאָלט געהערשט דער אַלטער מנהג פּורים ביינאַכט אָנצוצינדן גרויסע פייערן אויפן הויף און אריבערשפּרינגען איבער זיי. ביי אים איז אויך פאַראַן דער מנהג אָנצוצינדן ליכט ערב יום כפור (דאָס היינטיקע „נשמה־ליכט״). — פון רבי אברהם הירחי איז אויך פאַראַן א פירוש צו מסכתא כלה (געדרוקט טבריה תרס״ו) און פיר תשובות (אין „גנזי ירושלים״, ירושלים 1896).

אברהם סאָכאַטשעווער (1839-1910)

רבי און למדן, געבוירן 1839 ביי זיין פאָטער רבי וואָלף, רב אין גרוים ביאלא. ער האָט חתונה געהאָט מיט דער טאָכטער פון אלטן קאָצקער רבי ר׳ מענדל, און ווי ער שרייבט אין דער הקדמה צו זיין ספר „אגלי טל״, האָט אים זיין שווער אריינגעפירט אין אמת׳ן וועג פון תורה און חסידות. שוין אין זיינע יונגע יאָרן איז רבי אברהם געווען באַרימט אלס גרויסער עילוי. אלס יונגערמאַן איז ער געוואָרן רב אין קרושניעוויץ, נאָכער אין נאַשעלסק און צום סוף אין סאָכאַטשעוו, וואו ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1910. רבי אברהם האָט מחבר געווען די הלכה ספרים „אגלי טל״ און „אבני נזר״. ער האָט אויך אויסגעשטעלט א סך תלמידים. פיל פון זיינע חסידישע ווערטער זענען אָפּגעדרוקט אין „שיח שרפי קודש״ (וואַרשא תרפ״ח), וואו ער ווערט געבראַכט מיטן נאָמען „אדמו״ר ז״ל״ און דאָרט ווערן אויך דערציילט ספורי־מעשיות פון אים. — רבי אברהם האָט איבערגעלאָזט א זון רבי שמואל, וועלכער איז געוואָרן רבי נאָך אים. רבי שמואל איז געשטאָרבן אין יאָר 1925. נאָך רבי שמואל איז געוואָרן סאָכאַטשעווער רבי רבי שמואל׳ס זון רבי דוד (געוועזענער רב פון ווישעגראַד).

אברהם פון סלאָנים (1802-1884).

גרינדער פון דער ראַביישער דינאַסטיע אין סלאָנים; א תלמיד פון באַקאַנטן רבי ר׳ משה קאָברינער; זיין דרך אין חסידות איז געווען צו דאַווענען מיט גרוים התלהבות. ער איז געשטאָרבן אין יאָר תרמ״ד (1884). א מאָנאָגראַפיע וועגן אים איז דערשינען אין ספר „אור ישרים״.

אברהם פראָכאָווניק.

אין די אַלטע יידישע לעגענדעס אין פּוילן ווערט דערציילט, אַז אין 9טן יאָרהונדערט האָט געלעבט א ייד מיטן נאָמען אברהם פראָכאָווניק. איינמאָל האָבן די פּאָליאַקן זיך צונויפגעזאַמלט אין דער שטאָט קרושוויץ, כדי צו קלויבן א מלך, און זיי האָבן נישט געקענט דורכקומען צווישן זיך וועמען צו וויילן. זיי האָבן דעריבער באַשלאָסן, אַז ווער עס וועט צומאָרגנס אין דער פרי דער ערשטער אריינקומען אין שטאָט, דער זאָל ווערן קעניג. צומאָרגנס אין דער פרי איז צופעליק געקומען אין שטאָט דער ייד אברהם פראָכאָווניק. די פּאָליאַקן האָבן אים באַלד אויסגעוויילט אלס זייער מלך. אָבער אברהם פראָכאָווניק האָט נישט אָנגענומען די קרוין און האָט זיי געראָטן צו וויילן אלס קעניג א געוויסן פּיאַסט. דעמאָלט איז עס אָנטשטאַנען אין פּוילן די קעניגלעכע דינאַסטיע „פּיאַסט״. — וועגן דער דאָזיקער מערקווירדיקער לעגענדע איז זייער פיל געשריבן געוואָרן. עס איז זיכער, אַז דער נאָמען „פראָכאָווניק״ איז צוגעגעבן געוואָרן אין שפּעטערדיקע צייטן, ווייל דאַמאָלט אין 9טן יאָרהונדערט האָט מען נאָך נישט געוואוסט פון דעם וואָרט „פראָך״ („פּולווער״ אויף פּויליש). אָבער עס איז אויך אָנצונעמען, אַז אין דער לעגענדע איז פאַראַן א קערן פון היסטאָרישן

אמת, און אז אין די גאָר אַלטע צייטן, ווען די יידישע כוזרים האָבן פאַרשפּרייט זייער ממשלה ביז אין די פּוילישע לענדער איז געווען א יידישער פירשט מיטן נאָמען אברהם. דער היסטאָריקער מאַקסימיליאַן גומפּלאָוויטש (אין זיין בוך „דער אנהויב פון דער יידישער רעליגיע אין פּוילן") האַלט, אַז דאָס וואָס מען האָט געפונען אַן אַלטע מטבע אין פּוילן מיט דער אויפשריפט אברהם, האָט א שייכות מיט די כוזרים, און מיט יענעם לעגענדאַרן יידישן פירשט אברהם. עס איז אויך פאַראַן א מיינונג, אַז די לעגענדע פון אברהם פּראָכאָווניק באַציט זיך צו די וואַלן אויף א קעניג אין פּוילן אין יאָר 1572, ווען מען האָט געזאָלט וויילן א פּוילישן שליאַכטשיץ אַבראַהאַם זבאָנסקי, און אַז אין יענער צייט זאָל אויך האָבן אַנטשטאַנען די לעגענדע, אַז מען האָט אויסגעוויילט אויף איין טאָג אַלס קעניג פון פּוילן רבי שאול וואַהל פון בריסק.

אברהם קאַליסקער רבי אין 18טן יאָרהונדערט, פון די ערשטע חסידים אין ליטאַ, געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער געשיכטע פון חסידות. רבי אברהם קאַליסקער (פון דער שטאָט קאַליסק) איז געווען צוערשט א תלמיד פון ווילנער גאון, דערנאָך אָבער איז ער צוגעטרעטן צום חסידות און איז געוואָרן איינער פון די שאַרפסטע חסידים ביים רבין ר' בער (דער מגיד פון מעזריטש). ער האָט אויך געהאַט זיינע אייגענע חסידים, וועלכע מען האָט גערופן די „קאַליסקער". עס ווערט דערציילט וועגן זיי, אַז זיי פלעגן אריינפאַלן אין אַזאַ התלהבות, אַז זיי פלעגן זיך אין מיטן דער גאַס זיך וואַרפן אויף דער ערד און קאַלערן זיך. זיי פלעגן אויך אָפּלאַכן פון די מתנגדישע לומדים. דאָס האָט נאָך מער פאַרשאַרפט די שנאה פון מתנגדים צו חסידים. אין יאָר תקל"ז (1777) איז רבי אברהם קאַליסקער צוזאַמען מיט דעם רבין ר' מענדל פון וויטעבסק אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט טבריה, פון דאַמאָלט אָן איז טבריה געוואָרן דער צענטער פון חסידות אין ארץ־ישראל. רבי אברהם קאַליכקער פלעגט אויך שרייבן בריוו פון ארץ ישראל קיין רוסלאַנד און פּוילן צו די חסידים וועגן שיקן כולל־געלטער פאַר דעם חסידישן ישוב אין ארץ־ישראל, און אויך דברי חסידות. צווישן רבי אברהם קאַליסקער און דעם גרויסן רבי אין ווייס־רוסלאַנד רבי שניאור זלמן פון לאַדי, דעם מחבר פון "תניא", ווי אויך מיט אַנדערע רביים איז שפּעטער אויסגעבראָכן א מחלוקה. אָבער צום סוף איז שלום געוואָרן צווישן זיי. — פון רבי אברהם קאַליסקער זענען פאַראַן געדרוקטע חסידישע תורות אין „חסד לאברהם" (לעמבערג 1858), ווי אויך פיל בריוו אין סוף פון „פּרי־הארץ", „חבת הארץ" ווי אויך ביבליאָגראַפישן זשורנאַל „קרית ספר" א' און ג'. רבי אברהם קאַליסקער איז געשטאָרבן אין טבריה אין תקס"ה (1805).

אברהם בן שלמה פון טאָרוטיעל. היסטאָריקער, אין 16טן יאָרהונדרט. געבוירן געוואָרן אין יאָר אין יאָר 1482 אין שפּאַניע, 10 יאָר פאַר דעם גרויסן גירוש־שפּאַניע, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1492. אין גירוש האָט ער אַלס 10־יאָריק יונגל, צוזאַמען מיט זיין פאָטער פאַרלאָזט שפּאַניע און זיך באַזעצט אין מאַראָקאָ. אין יאָר 1510 האָט ער געשריבן זיין היסטאָריש בוך, וואָס איז אַן ערגענצונג צום היסטאָרישן „ספר הקבלה" פון ראב"ד. אין זיין בוך געפינען זיך ווערטפולע ידיעות וועגן דער געשיכטע פון יידן פון 12טן יאָרהונדערט ביז נאָך דער צייט פון גירוש־שפּאַניע, און ער גיט גלייכצייטיק אַן איבערזיכט איבער דער געשיכטע פון שפּאַניע. א גרויס באַדיי־

טונג האט דאס בוך פאר דער פארשונג פון גירוש־שפאניע; דער מחבר גיט אונז אין דעם בוך וויכטיקע ידיעות וועגן די ארויסגעטריבענע יידן און זייער גורל. אין טרויעריקע פארבן שילדערט אברהם פון טארוטיעל די צרות, וואס די ארויסגעטריבענע יידן האבן געהאט אויסצושטיין, און ער טרעט ארויס קעגן די יידישע גבירים אין שפאניע, וואס אנשטאט זיך צו פאראייניקן מיט זייערע אומגליקלעכע ברידער, האבן זיי זיך אויסגעשמדט. דאס בוך איז אפגעדרוקט מיט באמערקונגען אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון גרעצעס יידישער געשיכטע „דברי ימי ישראל" חלק ז' צום סוף און די באמערקונגען פון דר. אברהם הארקאווי „חדשים גם ישנים".

אברך אין חומש בראשית מ"א ווערט דערציילט, אז ווען פרעה מלך מצרים האט געמאכט יוסף אלס משנה למלך אין מצרים, האט אים דאס גאנצע פאלק גערופן „אברך". וואס דער טייטש איז פון דאזיקן ווארט איז נישט קלאר. נאר אין דער שפעטערדיקער העברעאישער שפראך ספעציעל אין די בריוו, וואס מען פלעגט שרייבן איינער צום צווייטן, האט מען באנוצט דאס ווארט „אברך" אלס יונגערמאן: די דאזיקע דערקלערונג שטאמט פון מדרש, וואו רבי יהודה זאגט, אז דאס מיינט מען „אב בחכמה ורך בשנים" (אלט אין חכמה און יונג אין יארן). טייל געלערנטע מיינען, אז דערמיט האט א שייכות דער גריכישער טיטל „אלאבארכאס", פינאנץ־פירער פון א לאנד. אין דעם דערמאנטן מדרש צו בראשית זאגט אויך רבי יוסי, אז דאס איז דאס ווארט „לברכים", און דאס זאל מיינען „אלאבארכאס".

אבשלום זון פון דוד המלך. אין תנ"ך (שמואל ב') ווערט דערציילט וועגן אים פיל ספורים. קודם־כל ווערט דערציילט, אז ער האט געלאזט טויטן זיין ברודער אמנון דערפאר, וואס ער האט פארפירט זיין שוועסטער תמר. דערנאך ווערט דערציילט ווי אבשלום האט זיך דערווארבן פיל פריינט אין פאלק און אין מיליטער, און ער האט אנגעהויבן א מלחמה קעגן זיין פאטער דוד המלך. דוד איז געוועזן געצוואונגען צו אנטלויפן פון ירושלים און אבשלום האט זיך דערקלערט אלס מלך. אבער אין דער שלאכט איז אבשלום געפאלן טויט, און דערמיט האט זיך דער אויפשטאנד געענדיקט. — אין תנ"ך (שמואל ב' י"ח) ווערט דערציילט, אז אבשלום האט זיך געלאזט אויפשטעלן א דיינקמאל, וואס ער האט א נאמען געגעבן „יד אבשלום". נאך היינט געפינט זיך אין ירושלים אן אלטער דיינקמאל, הויך 20 פוס, וואס די טראדיציע רופט עס אן „יד אבשלום". אבער ווי די ארכעאלאגישע פארשונגען האבן באוויזן, שטאמט דער דאזיקער דיינקמאל פון די צייטן פון 2טן בית המקדש און זאל זיין דער דיינקמאל איבער דעם קבר פון יידישן קעניג אלעקסאנדער ינאי.

אגג אין תנ"ך ווערט דערמאנט עטלעכע מאל דער נאמען „אגג" אלס א קעניג פון דעם פאלק „עמלק", וואס האט עקזיסטירט אין יענער צייט. דאס ערשטע מאל געפינען מיר אין דער שירה פון בלעם (במדבר כ"ד) וועגן יידן, אז „וירם מאגג מלכו" („דער יידישער קעניג וועט דערהויבן ווערן איבער אגג"). אין ספר שמואל א' קאפיטל ט"ו ווערט דערציילט, ווי שאול המלך האט מלחמה געהאלטן מיט עמלק און געפאנגען דעם קעניג אגג, און ער האט געוואלט רחמנות האבן אויף אים, און אים נישט טויטן, אבער שמואל הנביא האט אים געטויט. ווידער אין מגילת אסתר ווערט וועגן דעם יידן־פיינדלעכן המן בן המדתא דערציילט, אז ער איז

געוועזן „האגגי'' פון דער אגג־פאמיליע. עס איז פאראן א מיינונג פון געלערנטע, אז אגג איז געוועזן דער טיטל פון אלע קעניגן ביים פאלק עמלק, פונקט ווי פרעה איז מצרים און אבימלך ביי די פלשתים. אנדערע ווידער מיינען, אז אגג איז געוועזן דער פאמיליע־נאמען פון א קעניגלעכער דינאסטיע ביי עמלק, און דערפון שטאמט דער אויסדרוק „האגגי'', דאס הייסט „פון דער אגג־פאמיליע''.

אגדה די גאנצע משנה און גמרא און אויך מדרשים ווערן איינגעטיילט אין צוויי טיילן, אין „הלכה'' און „אגדה''. הלכה איז דער טייל, וואס נעמט ארום אלע הלכות און דינים. דאקעגן מיטן ווארט אגדה נעמען מיר ארום די אלע מאמרים אין דער משנה, גמרא און מדרשים, וואס האבן מיט דער הלכה קיין שייכות נישט. וועגן הלכה זע ביים זוך־ווארט „הלכה''. עס איז פאראן א מיינונג, אז „אגדה'' שטאמט פון דער אראמעאישער שפראך, פון ווארט „נגד'', וואס איז דער טייטש „ציען''. מען וויל בריינגען דערצו א באַ־ ווייז פון דער גמרא אין יומא ע''ה און אנדערע ערטער „אגדה שמושכת לבו של אדם'' (די אגדה ציט צו דאס הארץ פון מענש), ווייל די צוהערער האבן שטענדיק געוואלט בעסער הערן די זאפטיקע דרשות פון דער אגדה. אן אנדער מיינונג פון ראַ־ פאַפּאָרט און אנדערע געלערנטע איז, אז דאס שטאמט פון ווארט „הגד'', דער־ ציילן, ווייל אמייסטן דברי אגדה האט מען אויך נישט באדארפן „לערנען'' מיט די צוהערער, נאר עס איז גענוג געוועזן זיי צו „דערציילן''. עס איז אויך פאראן א מיינונג, אז דאס ווארט שטאמט פון דעם אלטן אויסדרוק, וואס מיר געפינען אין די הלכה־מדרשים „מגיד הכתוב'' (דער פסוק לערנט אונז''). — פון א סך ער־ טער אין דער גמרא איז צו זען, אז עס זענען געוועזן ספעציל חכמים, וואס האבן זיך פארנומען מיט אגדה, און זיי האבן געהייסן „רבנן דאגדתא'' (ירושלמי יב־ מות פרק ד'), אדער „בעלי אגדה''. אין די צייטן פון דער משנה און גמרא האט מען נישט געשריבן קיין שום הלכה־זאכן אויף קיין ספר, צוליב דעם דין, אז די „תו־ רה שבעל פה'' דארף געלערנט ווערן נאר אויף אויסווייניק. פונדעסטוועגן האט מען מאמרים פון אגדה יא אויפגעשריבן, און זיי זענען געווען באקאנט מיטן נאַ־ מען „ספרי דאגדתא'' (אגדה ספרים). אין דער גמרא שבועות מ''ו ווערט געזאגט, אז ספרי דאגדתא געהערן צו די „דברים העשויין להשאיל ולהשכיר'' (זאכן, וואס מענשן בארגן אדער פארדינגען איינער צום צווייטן). אין דער גמרא סנהדרין נ''ז ווערט דערמאנט א „ספר אגדתא דבי רב'' (אן אגדה ספר פון רב'ס ישיבה), אין וועלכן עס איז אויך פארשריבן געווען א הלכה. עס זענען אבער געווען אין די צייטן פון דער גמרא טייל אמוראים, וואס זענען געווען קעגן די דאזיקע אגדה־ ספרים. דער אמורא רבי יהושע בן לוי זאגט אין ירושלמי שבת פרק ט''ז: „הדא אגדתא הכותבה אין לו חלק'' (די דאזיקע אגדה־ספרים, ווער עס שרייבט זיי וועט נישט האבן קיין חלק לעולם הבא). — אום אלגעמיין איז די אגדה געהאלטן גע־ ווארן זייער הויך שוין אין די צייטן פון די תנאים. די עטיש־מאראלישע לערן פון דער אגדה, די פילאזאפישע מיינונגען, וואס זענען ארויסגעזאגט געווארן איז אן אלעגארישן לבוש אין פיל מאמרי־אגדה, האט מען שוין דאמאלט געהאלטן פאר א וויכטיקן טייל פון דער יידישער לערע. אין ספרי „עקב'' ווערט געזאגט „רצונך להכיר את מי שאמר והיה העולם למוד אגדה'' (ווילסט דערקענען דעם, וואס דורך זיין ווארט איז די וועלט באשאפן געווארן, דאס הייסט גאט, לערן אגדה). אבער אין יענע צייטן האט מען אויך גע־

האלטן, אז די הלכה איז פאר די תלמידי־חכמים, וואס זיצן און לערנען און קאנען אריינדרינגען אין די פלפולים פון דער הלכה, דאקעגן די אגדה מיט אירע לייכטע משלים און פאעטישן אינהאלט איז צוגענגלעכער פאר דעם ברייטן המון־עם. אין דער גמרא סוטה מ׳ זאגט דער אמורא ר׳ אבהו, אז ווער עס לערנט הלכה מיט דעם עולם איז גליך צו איינעם, וואס פארקויפט טייערע איידל־שטיינער (אבנים טובות), וואס נישט יעדער איז א מבין אויף זיי, און דער, וואס לערנט אגדה איז ענלעך „למוכר מיני סדקית" (צו איינעם, וואס פארקויפט נויטיקע אבער ביליקע זאכן), וואס אלע ווילן עס קויפן. אין מדרש שיר השירים פרשה ב׳ ווערט געזאגט, אז אין די שווערע צייטן „מבקשין לשמוע דבר אגדה", ווייל מען הערן אגדה־ווערטער, וואס זענען לייכט און אנטהאלטן טרייסט־ווערטער. די אגדה האט געהאט אירע מעטאדן, מידות, מיט וועלכע זי האט זיך באמיט אויסצוטייטשן די פסוקים אין תנ"ך. עס זענען באקאנט די 32 „מידות" פון תנא רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי (חולין פ"ט). איינע פון די דאזיקע הויפט־מעטאדן איז דער „משל", די אלעגאריע. דאס איז א שיינע, קורצע סיפור־המעשה, וואס דאדורך קאן מען בעסער אויפקלערן דעם ענין. דער מדרש אין שיר השירים (פרק א׳) זאגט וועגן משל, אז דורך דעם משל קאן מען פארשטיין זאכן פון דער תורה; דער מדרש גיט באלד דערויף אויך א משל, א מלך האט פארלוירן א טייערע פערל אין שטוב, האט ער איר גענומען זוכן ביי א ליכטעל, וואס קאסט נישט מער ווי א פרוטה. אזוי איז אויך די מעשה פון משל, הגם די מעשה אליין איז א קליינינקייט, אבער דורך איר קען מען פארשטיין די טייערע פערל, די דברי תורה. די משלים, וואס זענען צעווארפן איז

די אגדה־מאמרים אין דער גמרא און מדרשים, זענען פיינע שאפונגען פון דער אמאליקער יידישער פאלקס־ליטעראטור. טייל געלערנטע פארשער האבן געפרובט פונאנדערטיילן די פארשיידענע אגדה־מאמרים אין פארשיידענע אפטיילונגען. זיי נעמען ארום פאלגנדע זאכן: 1) היסטארישע פאקטן און לעגענדעס. דאס געפינט מען אין דער אגדה זייער פיל. די מעשיות אין דער גמרא גטין נ"ו וועגן חורבן ירושלים און דער מלחמה פון בר־כוכבא, די זעלבע מעשיות פון יענע צייטן אין מדרש איכה. דער ספור־המעשה אין דער גמרא קדושין ס"ו וועגן ינאי המלך און זיין מלחמה קעגן די פרושים, ווי אויך די פארשיידענע אנדערע היסטארישע נאטיצן, וואס זענען פארצייכנט אין מגילת תענית און זענען צעווארפן איבער דער גאנצער גמרא און מדרשים. — דאס זענען אלץ ווערטפולע היסטארישע ידיעות, וואס האבן זייער א גרויסן היסטארישן ווערט. צו זיי קאן מען צורעכנען פארשיידענע היסטארישע לעגענדעס, וואס זענען פאראן אין דער גמרא און מדרש, די אלע אגדות וועגן אדם הראשון, די אבות, משה רבנו און אנדערע היסטארישע פערזאנען, ווי אויך די פארשיידענע מופתים פון א סך צדיקים, די מעשה פון חוני המעגל, וואס איז געשלאפן 70 יאר (תענית כ"ג) און אנדערע. 2) פאלקס־מעשה'ס, אין וועלכע עס איז פאראן גאנץ אפט באהאלטן א טיפער געדאנק. צו זיי געערן די בארימטע מעשיות פון רבה בר בר חנא אין דער גמרא בבא בתרא ע"ג, וואו עס ווערן דערציילט די גוזמאות פון אומגעוויינלעכע גרויסע נאטור־באשעפענישן, און אנדערע ענלעכע שטעלן אין דער גמרא און מדרש. וועגן די דאזיקע פאלקס־מעשיות איז דער גמרא זענען געשריבן געווארן א ריי ביכער דורך די געלערנטע שאצקעם

(„המפתח"), דובזעוויטש, וואָלמאַן („מס־תרי אגדה") וואָס באַמיִען זיך צו דערקלערן די געדאַנקען און דעם זין, וואָס איז אין זיי באַהאַלטן. 3) עטיש־מאָראַלישע לערן. אַזעלכע זענען פאַראַן אין די אגדות זייער פיל. זיי נעמען אַרום די אַלע דברי־מוסר, וואָס פון זיי באַשטייט די עטיק פון יידנ־טום. דאָס זענען די לערן קעגן כעס און גאוה, און אַז מען דאַרף געבן צדקה, זיך פאַרהאַלטן גוט צו מענטשן, נישט נאָכ־יאָגן זיך נאָך כבוד און פאַרמעגנס. די דאָזיקע אגדות ענטפערן אויף דער פראַגע, וואָס איז דורך די תנאים געשטעלט גע־וואָרן אין צווייטן פרק פון פרקי אבות: „איזה היא דרך ישרה שיבור לו האדם?" וועלכער איז דער גלייכסטער וועג, וואָס דער מענטש זאָל זיך אויסוויילן? און זיי ענטפערן: „כל שהיא תפארת לו מן עושיה ותפארת לו מן האדם", (אַלץ, וואָס מאַכט דעם מענטש שיין אין די אויגן פון זיך זעלבסט, און שיין אין די אויגן פון מענטשן. א חוץ אין פרקי אבות, זענען די דאָזיקע עטיש־מאָראַלישע לערן און דברי־מוסר אויך פונאַנדערגעוואָרפן איבער אַלע מאמרי אגדה. 4) לעבנס־קלוגשאַפט. דאָס זענען ווערטער און לערן, וואָס ווייזן ווי אַזוי זיך צו פירן אין לעבן, די פילאָזאָפיע פון לעבן. צו דעם סאָרט געערן אַזעלכע ווערטער, וואָס ווערן אין דער גמרא טייל־מאָל באַצייכנט מיט די ווערטער „היינו דאמרי אינשי", דאָס הייסט די וועלט זאָגט אַזוי און אַזוי (בבא קמא צ"ב). אַממייסטן זענען זיי געשריבן אין דער אַראַמעאישער שפּראַך, וואָס איז דאַ־מאָלט געווען די אומגאַנגס־שפּראַך פון יידישן פאָלק. אַזעלכע ווערטער זענען למשל די שפּריך־ווערטער „אתתך גוצא גחון ולחוש לה" (אויב דיין פרוי איז קליין בויג זיך איין און רוים איר איין). דאָס הייסט, אַז אפילו דיין פרוי שטייט נידעי־קער פון דיר, דאַרפסטו איר פאַרטרויען דיינע זאַכן. אַזא סאָרט לעבנס־פילאָזאָ־פיע צוזאַמען מיט א משל. געפינען מיר אין מדרש קהלת ה' אויפן פסוק „כאשר יצא מבטן אמו" (ווי דער מענטש גייט אַרויס פון זיין מוטערס בויך, דאָס הייסט נאַקעט), זאָגט דער אמורא גניבא, אַז דאָס איז געגליכן צו א פוקס, וואָס האָט געפונען א ווייַנגאָרטן אַרומגעצוימט פון אַלע זייטן. אין דעם צוים איז געווען א לאָך, אָבער דער פוקס האָט נישט געקענט אַדורכקריכן דורך אים אין גאָרטן אַריין, ווייל דאָס לאָך איז געווען צו שמאָל. דער פוקס האָט דעריבער געפאַסט דריי טעג, כדי ער זאָל ווערן מאַגערער און קאָנען אַריין. נאָך די דריי טעג איז ער ווירקליך אַריין אין גאָרטן און ער האָט זיך דאָרט אָנגעגעסן מיט ווייַנטרויבן. אָבער ווען ער האָט געוואָלט צוריק אַרויס דורך דעם לאָך, האָט ער געזען, אַז דורך דעם עסן די ווייַנטרויבן איז ער ווידער צוריק דיק געוואָרן, און דאָס לאָך איז ווידער צו־ענג. דער פוקס האָט דעריבער געמוזט פאַסטן ווידער דריי טעג, כדי צוריק מאַגער צו ווערן און צו קאָנען אַרויס פון דאָרט. אַזוי איז אויך, זאָגט דער מדרש מיטן לעבן, מען קומט אַריין מיט גאָרנישט און מען גייט אַוועק מיט גאָרנישט. צו דער אָפּ־טיילונג רעכענען טייל צו אויך פאָלקלאָר, סגולות, רפואות. 5) מיסטיק און פילאָזאָ־פיע. דאָס געפינט זיך אין די אגדות פון דער גמרא ווייניקער, אָבער זיי זענען פאַראַן. אין דער משנה חגיגה פרק שני ווערט דערמאָנט צוויי געהיימע לערן: „מעשה בראשית" און „מעשה מרכבה". די גמרא ערקלערט דאָרט, אַז „מעשה בראשית" מיינט מען וועגן דער אַנט־שטייאונג פון דער וועלט, און „מעשה מרכבה" זענען וועגן הימלישע זאַכן. אין אַנדערע ערטער אין דער גמרא ווערט גע־רעדט וועגן הייליקע „שמות", וואָס ווייזט, אַז עס איז דאַמאָלט געווען א גע־

הײמע לערע. 6) דרשות אויף פּסוקים פון תנ"ך. דאָס זענען אײנטײטשונגען אין פאַרשײדענע פּסוקים פון תנ"ך. טײלמאָל זענען די אײנטײטשונגען לויט דעם אײנפאַכן פּשט, און די גמרא זאָגט דערויף „אין מקרא יוצא מידי פשוטו" (יעדער פּסוק האָט קודם כל זײַן אײנפאַכן פּשט), און טײלמאָל זענען די אײנטײטשונגען על פּי דרש, דאָס הײסט, דער בעל־אגדה װיל אָנװײַזן, אַז דער פּסוק האָט מכוון געװען אויך צו נאָך אַ געדאַנק. מען דאַרף באַמערקן, אַז אויך די דאָזיקע פונאַנדערטײלונג פון די מאמרי אגדה איז נישט קײן גאַנץ גענױע. מען קאָן אָנװײַזן אויף נאָך אַנדערע סאָרטן אגדות. אָבער דאָס זענען די הויפּט־ענינים פון די אגדות. די מײנונגען װעגן דער אגדה זענען צװישן די גרויסע ײדישע חכמים אין די צײַטן נאָכן תלמוד געװען פאַרשײדען, װײַל אַ סך אגדות אין דער גמרא און מדרש זענען פאַרגעקומען װאונדערלעך און אומפאַרשטענדלעך. אַזױ, למשל, האָט דער מפרש פון דער גמרא, רבינו משה בן נחמן „דער רמב"ן" (13טן יאָרהונדערט) ערקלערט אין זײַן ויכוח „מלחמת חובה" מיט די קריסטלעכע גלחים, אַז מען איז נישט מחויב צו גלויבן אין די אגדות. אויך דער רמב"ם (12טן יאָרהונדערט) אין זײַן „יד החזקה" הלכות מלכים פּרק י"ב זאָגט װעגן די אגדות: „ולא ישימם עיקר", אַז מען דאַרף זיך אויף זײ נישט פאַרלאָזן. דער אבן־עזרא (12טן יאָרהונדערט) זאָגט אין דער הקדמה צום פּירוש צו מגילת איכה, אַז „והמדרשים כמלבושים, — מהם כמשי דקים ומהם עבים כשקים" (די מדרשים, די אגדות, זענען װי מלבושים, טײל זענען דין װי זײַדנס און טײל זענען װי דיקע זעק). דערפאַר זענען אַרױסגעטרעטן צו פאַרטײדיקן די אגדות די שפּעטערע פּערזענלעכקײטן. די אגדה איז אויך זײער אַ

װיכטיקער קװאַל פון ידיעות פאַר דער פאָרשונג פון ײדישן פאָלקס־לעבן אין די אַלטע צײַטן, דער ײדישער פאָלקלאָר פון די צײַטן פון דער גמרא. די אגדה האָט אויך געהאַט אַ קאָלאָסאַלן אײַנפלוס אויף דער אויסבילדונג פון פאַרשײדענע גלויבונגען בײַ די ײדישע פאָלקס־מאַסן אין פאַרלויף פון עטלעכע טויזענט יאָר. די אגדה איז געװען, — װי עס זאָגט דער ײדיש־דײַטשער דיכטער הײנריך הײנע אין זײַן ליד „יהודה בן הלוי", — דער לוסט־גאָרטן, אין װעלכן די ײדישע פאָלקס־נשמה, אָנגעװײטיקט אין פּײַן און לײַדן, האָט שפּאַצירט דורות־לאַנג און אײַנגעזאַפּט אין זיך איר גײַסט און פּאָעזיע. פאַר דעם פאָלקס־ײדנטום האָט די אגדה געהאַט די װיכטיקסטע באַדײַטונג. די אגדות פון דער גמרא בבלי זענען צונויפגעזאַמעלט געװאָרן אין אַ באַזונדער ספר „עין יעקב"; װעגן דאָזיקן ספר זע בײַם זוך־װאָרט „עין יעקב". די אגדות פון תלמוד ירושלמי זענען צונויפגעזאַמעלט געװאָרן אין די ספרים „כפתור ופרח" (אַמסטערדאַם 1709), „אגדות ירושלמי" (דערשינען װילנאַ 1863), נאָר אײן העפט מיט פּירושים) און „בנין ירושלים" (װאַרשאַ 1864). אַ חוץ די אגדות אין בבלי און ירושלמי זענען פאַראַן די אגדות אין די פאַרשײדענע „מדרשים". װעגן זײ זע בײַם זוך־װאָרט „מדרשים". אויף דער ײדישער שפּראַך זענען אויך בילמאָל איבערגעזעצט געװאָרן די אגדות. אַ גרויסע זאַמלונג פון די אגדות אויף ײדיש איז פאַראַן אין דער באַקאַנטער „צאינה וראינה", װעגן װעלכער זע בײַם זוכװאָרט „צאינה וראינה". אין די לעצטע צײַטן איז אַ גרויסער טײל אגדות דערשינען אין ײדיש („די ײדישע אגדות") פון ח. נ. ביאַליק און י. ח. ראַװניצקי. די אגדות פון דער גמרא און מדרש זענען איבערגעזעצט געװאָרן אויך אין אַנדע־

רע שפראכן. — וועגן דער אגדה זענען געשריבן געווארן פיל ביכער אין א סך שפראכן. א וויכטיקע אפהאנדלונג איבער דער אגדה קאן מען געפינען אין „ערך מלין״ פון ראפאפארט. פון די ערנסטערע ביכער מיט אפהאנדלונגען וועגן דער אגדה איז צו פארצייכענען: הרב חיות: „מבוא התלמוד״; קראכמאל: „מורה נבוכי הזמן״; וויס: „דור דור ודורשיו״ חלק ג׳. פון די נייערע ווערק איז צו פארצייכענען באכער: „אגדות התנאים״ (אין העברעאיש) ווי אויך די אנדערע ווערק זיינע וועגן די אגדות פון די אמוראים. עס זענען פאראן נאך פיל אנדערע ספרים און ביכער וועגן אגדה, נישט נאר אין העברעאיש, נאר אויך אין אנדערע שפראכן. א גרויסע זאמלונג פון דער אגדה איז דערשינען פון ביאליק־ראווניצקי „ספר האגדה״

אגודת ישראל נאמען פון דער אלוועלטלעכער ארגאניזאציע פון ארטאדאקסישע יידן, וואס איר ציל איז צו פארשטארקן דאס פרום־רעליגיעזע יידישקייט. געגרינדעט אויף דער קאנפערענץ אין דער שטאט קאטאוויץ אין סיון יאר 1912 (תרע״ב). די ערשטע פירער פון דער אגודת ישראל זענען געווען רבי חיים סאלאווייטשיק (רב אין בריסק), רבי יצחק אייזיק הלוי (מחבר פון היסטארישן וויסנשאפטלעכן ספר „דורות הראשונים״), הרב ד״ר שלמה ברויער (רב פון דער ארטאדאקסישער געמיינדע אין פראנקפורט), יעקב ראזענהיים. אין יאר תרפ״ג חודש אלול איז פארגעקומען אין ווין דער קאנגרעס פון דער אגודת־ישראל, מיטן נאמען „כנסיה גדולה״. נאך דעם קאנגרעס זענען געשאפן געווארן לאנדעס־אפטיילונגען פון דער ארגאניזאציע אין פוילן, צפון־אמעריקא, ענגלאנד, ליטא. לאטוויא, רומעניע, בעלגיע, האלאנד, שווייץ, טשעכאסלאוואקיע, פראנקרייך. עס זענען אויך אנטשטאנען יוגנטלעכע אפטיילונגען פון דער ארגאניזאציע מיטן נאמען „צעירי אגודת ישראל״, און אויך ארבייטער אפטיילונגען „פועלי אגודת ישראל״, ווי אויך אן אפטיילונג פאר פרויען „בנות אגודת ישראל״. די אגודת ישראל האלט אויס אין א ריי לענדער (אויך אין ארץ ישראל) אייגענע תלמוד תורות, שולן פאר מיידלעך און לערערין־סעמינאריומס. די אגודת ישראל האט אויך פראקלאמירט דעם „דף יומי״, דאס הייסט, אלע מיטגלידער פון דער „אגודת ישראל״ לערנען יעדן טאג דעמזעלבן דף גמרא, אנהויבנדיק פון אנהויב ש״ס.

אגודת הסופרים העברים (פאראיין פון העברעאישע שריפטשטעלער). געגרינדעט אין ארץ ישראל אין יאר תרפ״א (1921), ביים פאראיין עקזיסטירט אויך א העברעאישער פען־קלוב, וועלכער איז א טייל פון דער אלוועלטלעכער „פען״־ארגאניזאציע. דער פאראיין האט צוערשט ארויסגעגעבן אלס זיין ארגאן די וואכנשריפט „כתובים״ און פון יאר 1'29 די „מאזנים״.

אגודת הרבנים — זע „רבנים״.

אָגור בן יקה אין ספר משלי קאפיטל ל׳ ווערן געבראכט א גאנצע ריי ווערטער, און אין אנהויב פון קאפיטל ווערט געזאגט, אז דאס זענען „דברי אגור בן יקה המשא״ (די ווערטער פון אגור בן יקה, המשא). דער מדרש תנחומא (וארא ה׳) וויל זאגן, אז מיט דעם נאמען „אגור בן יקה״ מיינט מען אויך שלמה המלך, וועלכער האט געשריבן אויך די אנדערע קאפיטלעך פון משלי. טייל געלערנטע האלטן, אז דאס איז געווען דער נאמען פון א משלים־שרייבער אין די גאר אלטע צייטן. עס איז פאראן א מיינונג, אז אזוי ווי אין חומש בראשית כ״ה ווערט דערציילט, אז ישמעאל, דער אור־פאטער פון

די אראַבּישע שבטים, האָט געהאַט א זון משא, איז מעגלעך, אַז אָגור בן יקה המשא האָט געשטאַמט פון יענעם האַלבּ אראַבּישן שבט, וואָס האָט אויך גערעדט א שפּראַך ענלעך צו העבּרעאיש און זיינע שפּריכוווערטער זענען אריינגענומען געוואָרן אין „משלי". דער געלערנטער טאָרטשינער האַלט, אַז דאָס דאָזיקע קאַפּיטל ל' שטאַמט פון לאַנד אדום, און די ווערטער אין קאַפּיטל דערמאָנען אַביסל ווערטער פון ספר איוב, וואָס איז אויך פאַרפאַסט געוואָרן דורך די חכמי אדום, זענען אַן איבּערבּלייב פון דער אַלטער אדום ליטעראַטור. — אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל ווייזט אַן אָגור בן יקה אויף דער אומבּאַהאַלפנקייט פון מענש אין פאַרגלייך מיט דער גאָטלעכקייט און נאַטור-קרעפטן. ער זאָגט: „מי עלה שמים וירד? מי אסף רוח בחפניו?" (ווער איז אַרויף אין הימל און איז אראָפּ צוריק, ווער האָט אין זיינע הענט געזאַמלט ווינט?) דאָ איז אויך פאַראַן דאָס קלוגע וואָרט פון לעבּנס-ערפאַרונג: „ראש ועשר אל תתן לי הטריפני לחם חקי" (גיב מיר נישט אָרימקייט און נישט רייכטום, גיב נאָר מיין בּרויט). אין זעלבּן קאַפּיטל איז אויך אָנגעוויזן אויף דער פיינער אָרדנונג און פלייסיקייט בּיי די קליינע ווערעמלעך-בּאַשעפענישן, די מילבּן, היישעריקן. בּכלל צייכנט זיך אויס דאָס דאָזיקע קאַפּיטל מיט קלוגע ווערטער, גענומען פון דער נאַטור און לעבּן.

אגילאַר גרייס. (1816-1847). יידיש-ענגלישע שריפטשטעלערין, געשטאָרבּן זייער יונג, אין עלטער פון 31 יאָר. אירע עלטערן האָבּן געשטאַמט פון „אנוסים" פון פּאָרטוגאַל. אין דער פאַמיליע זענען פאַרבּליבּן די טרויעריקע זכרונות פון יענע פינצטערע צייטן אין פּאָרטוגאַל, ווען אירע זיידעס האָבּן געמוזט זיך פאַרשטעלן פאַר קריסטן און אין געהיים אָפּהיטן די יידישע אמונה. אויפן גרונט פון די דאָזיקע זכרונות האָט די יונגע טאַלאַנטפולע גרייס אגילאַר אָנגעשריבּן אין ענגליש איר בּאַרימטע דערציילונג „דהי וועיל אָוו סעדאַרס" (דער טאָל פון צעדערבּוימער), וואָס איז שפּעטער איבּערגעזעצט געוואָרן אין פיל שפּראַכן, און אויך אין העבּרעאיש פון א. ש. פרידבּערג „עמק ארזים". אין דער דערציילונג ווערט געשילדערט די מסירת נפש פון די אנוסים, וואָס האָבּן זיך געאָפּפערט פאַר דער יידישער רעליגיע. גרייס אגילאַר האָט געשריבּן אין ענגליש נאָך א ריי אַנדערע דערציילונגען און לידער און אויך א בּוך „דהי ווימען אָוו איזראַעל" (די פרויען פון ישראל), בּילדער און געשטאַלטן פון יידישע פרויען אין תנ"ך. זי האָט אויך געשריבּן א „געשיכטע פון יידן אין ענגלאַנד". אַלע אירע ווערק זענען דערשינען אין לאָנדאָן יאָר 1861 אין א זאַמלונג פון 8 בּענדער. דער ענגלישער שריפטשטעלער און היסטאָרישער ראָמאַניסט וואַלטער סקאָט האָט אין זיין היסטאָרישער דערציילונג „איוואַנהאָע" גענומען גרייס אגילאַר אַלס טיפּ פון זיין אידעאַליזירטער יידישער העלדין רבקה.

אגענט, יידישע — זע „ציוניזם"

אגראַנאָמיע — זע „לאַנדווירטשאַפט.

אגריפּס המלך (אויך אגריפּא). יידישער קעניג אין דער צייט פאַרן חורבּן פון 2טן בּית המקדש; מען האָט אים גערופן „אגריפּס דער ערשטער", כדי אים אונטערצושיידן פון זיין זון, „אגריפּס דער צווייטער". אגריפּס איז געבּוירן געוואָרן 10 יאָר פאַר דער אָנגענומענער צייט-רעכנונג, דאָס הייסט 80 יאָר פאַרן חורבּן פון 2טן בּית המקדש. — אגריפּס המלך איז געווען איינער פון די גרעסטע קעניגן, וואָס איז געווען בּיים יידישן פאָלק. — פון א גאַנצער ריי משנה-און

גמרא־ערטער איז צו זען, אז אויך די יידן האבן זיך באצויגן מיט סימפאטיע צו אגריפס המלך, הגם ער האט געשטאמט פון דער פארהאסטער הורדוס־פאמיליע. אין דער משנה סוטה פרק ז׳ ווערט דערציילט, אז אגריפס האט צום סוף פון שמיטה־יאר געלייענט אין ירושלים די פרשה אין דער תורה, וואו עס ווערט געזאגט די אלע מצוות, וואס א מלך דארף מקיים זיין. ווען ער איז צוגעקומען צום פסוק „לא תוכל לתת עליך איש זר״ (דו זאלסט נישט מאכן פאר א מלך א פרעמדן מענש), האט ער געוויינט, ווייל ער האט זיך דערמאנט, אז ער שטאמט אפ פון דער גרים־פאמיליע פון אדום. אבער די יידישע חכמים האבן אים געטרייסט און געזאגט: „אחינו אתה״ (דו ביזט אונזער ברודער), ווייל פון דער אנדערער זייט האט ער געשטאמט פון דער חשמונאים פאמיליע. אבער טייל חכמים זענען נישט צופרידן געווען דערפון, — זאגט דארט די גמרא, — ווייל זיי האבן געזען אין דעם א חניפה צו אגריפס המלך. — אין דער משנה בכורים ג׳ ווערט דערציילט, אז אגריפס המלך האט מקיים געווען די מצוה פון ביכורים (ברענגען אין בית המקדש די ערשטע תבואה און פרוכטן), און הגם ער איז געווען מלך, האט ער דאך אליין געטראגן אויף זיינע אקסל דעם קויש מיט די ביכורים. — די קעניגלעכע הערשאפט פון אגריפס איבער ארץ־ישראל האט נישט לאנג געדויערט, אינגאנצן דריי יאר. אבער אין פארלויף פון דער דאזיקער קורצער צייט האט ער געלאזט ארומרינגלען ירושלים מיט א שטארקער פעסטונג־מויער. די אזוי־גערופענע „דריטע מויער״, וואס איז אבער ניט געענדיקט געווארן. אגריפס האט געשלאסן א בונד־פריינדשאפט מיט א גאנצער ריי מלכים אין אזיע און אנדערע שכנותדיקע לענדער. דאס איז געווען צוליב פאליטישע צוועקן; מען דיינקט אז אגריפס האט פאראויסגעזען, אז רוים וועט וועלן אינגאנצן פארקנעכטן ארץ־ישראל און ער האט דעריבער זיך צוגעגרייט, — דורך אויפשטעלן די פעסטונג־מויער ארום ירושלים און דורך די פריינדשאפט מיט די אנדערע קלענערע מלכים, — צו אן אנטשיידנדער מלחמה קעגן רוים. אבער פלוצלונג, אין יאר 44, נאך א גרויסער פארוויילונג אין דער שטאט קיסרין (צעזארע) ביים ים אין ארץ־ישראל איז אגריפס קראנק געווארן און אין זעלבן טאג געשטארבן. פאראן א מיינונג, אז רוימישע מיליטער־לייט האבן אים פארסמט, כדי ער זאל נישט קאנען דורכפירן זיינע באפרייאונגס־פלענער קעגן רוים. — אגריפס האט איבערגעלאזן א זון, אגריפס דעם 2טן, וועלכער איז געווען דער לעצטער הערשער אין ארץ־ישראל און אין זיין צייט איז פארגקומען דער חורבן ירושלים, ווי אויך דריי טעכטער, וואס איינע פון זיי בערעניקא איז געווארן באקאנט דורך איר ליבע מיט דעם שפעטערדיקן רוימישן קייזער, דעם עראבערער פון ירושלים, טיטוס. פון אגריפס זענען געבליבן אויך מטבעות, אויף וועלכע עס זענען פאראן אויפשריפטן אין דער גריכישער שפראך: „דער גרויסער קעניג אגריפ, דער פריינט פון קייזער״.

אגריפס מארקוס יוליוס (אגריפא). דער לעצטער יידישער הערשער אין ארץ־ישראל, באקאנט מיטן נאמען „אגריפס דער 2־טער״. אין זיין צייט איז פארגעקומען די גרויסע מלחמה צווישן יידן און דער רוימישער אימפעריע, וואס האט זיך געענדיקט מיטן חורבן פון ירושלים און פון 2טן בית־המקדש אין יאר 70. אגריפס איז געווען דער זון פון קעניג אגריפס דעם ערשטן, און איז געבוירן געווארן אין יאר 27. ער האט באקומען זיין דערציהונג אין רוים. ווען דער פאטער דער קעניג איז געשטארבן אין יאר 44, איז אגריפס געווען

יונג און אומדערפארן. ווען אגריפּס איז אויפגעוואקסן, האָט ער באקומען דעם טיטל קעניג, אָבער נישט פון ארץ־ישראל, נאָר פון א ריי געגענדן אין עבר הירדן, און נאָכער אויך א טייל פון צפון־ארץ־ישראל, ווי די שטאָט טבריה און אנדערע שטעט ארום. אגריפּס האָט פּונקט ווי זיין פאָטער, זיך באמיט עפנטלעך אפצוהיטן די יידישע רעליגיע. אָבער איז אלגעמיין איז ער געווען ווייט פון יידן און איז געווען נענטער צום רוימישן לעבן; ער איז געשטאַנען אויף דער זייט פון רוים אין דעם קאמף קעגן יידן. אין זיינע צייטן איז עס אויסגעבראָכן אין ירושלים דער אויפשטאַנד פון די אונטערדריקטע יידן קעגן דער רוימישער הערשאַפט. ווען דער רוימישער מיליטער־פירער און שפּעטערדיקער קייזער וועספּאזיאן (אספּסינוס) און נאָכער זיין זון טיטוס האָבן געקעמפט און נאָכער דעראָבערט ארץ־ישראל, האָט אגריפּס, אלס געטרייער פריינט פון דער רוימישער אימפּעריע, זיי געהאָלפן מיט מיליטער צו באדריקן זיינע ברידער. אין דער צייט פון דער מלחמה פלעגט אגריפּס אויך ארויסטרעטן מיט רעדעס צו די יידן, אז זיי זאָלן זיך אונטערגעבן דעם רוימישן מיליטער. נאָך דער מלחמה און דעם חורבן ירושלים איז אגריפּס ביז זיין טויט געבליבן דער קעניג פון די עטלעכע געגענדן אין עבר הירדן און לבנון, און עס זענען געבליבן פון אים אויך מטבעות, אויף וועלכע עס זענען פאראן אויפגעקריצט די בילדער פון די רוימישע קיסרים (נירון, אספּסינוס, טיטוס און דאָמיציאן). אגריפּס איז געשטאָרבן ווארשיינליך אין דעם יאָר 90 פון דער אנגענומענער צייטרעכנונג.

אגרת אין דער העברעאישער שפּראַך הייסט „אגרת" א „בריוו", און מיר געפינען דאָס דאזיקע וואָרט ערשט אין די שפּעטערדיקע תנ"ך־ספרים, אין מגילת־אסתר („אגרת הפּורים", אסתר ט') נחמיה ב' („אגרת אל אסף") און דברי הימים ב' ל', וועלכע זענען געשריבן געוואָרן איז די צייטן ווען יידן האָבן זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון פּערסיע (פּרס). — אין די שפּעטערדיקע צייטן פון מיטלאלטער זענען דערשינען א גאנצע ריי ספרים מיטן נאָמען „אגרת", טייל פון זיי זענען געווען „בריוו", און טייל זענען געווען קלענערע ספרים, און דאָס וואָרט „אגרת" האָט געהאַט די באדייטונג פון א „בראשור" אָדער קונטרס. — זייער באַרימט און וויכטיק זענען פאָלגנדע ספרים מיטן נאָמען „אגרת": 1) „אגרת דרב שרירא גאון", וואָס איז געשריבן געוואָרן דורך דעם גרויסן גאון אין בבל רב שרירא; דער דאזיקער „בריוו" האָט א קאָלאָסאַלע באדייטונג פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער געשיכטע; 2) „אגרת תימן" פון רמב"ם און בכלל די אנדערע „אגרות" פון רמבם, וואָס גיבן אונדז א בליק אין דער יידישער געשיכטע פון יענע צייטן; 3) „אגרת בעלי חיים" פון רבי קלונימוס בן קלונימוס; 4) „אגרת התשובה" ווי אויך אנדערע שפּעטערדיקע ספרים מיטן נאָמען „אגרת". — וועגן די אלע ספרים גיבן מיר ביים נאָמען פון מחבר פון יעדן ספר. למשל וועגן „אגרת דרב שרירא גאון" ביים זוך־וואָרט „שרירא גאון", און אזוי כסדר.

אדא בר אהבה דאָס איז דער נאָמען פון צוויי אמוראים, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער גמרא. דער ערשטער רב אדא בר אהבה, האָט געלעבט אין בבל אין צווייטן דור פון די אמוראים (אין דריטן יאָרהונדערט). רב אדא האָט געלעבט לאַנג, און די גמרא תענית כ' זאָגט, אז ווען מען האָט געפרעגט רב אדאן מיט וואָס ער האָט זוכה געווען צו אריכת ימים, האָט ער געענטפערט, אז ער האָט זיך קיינמאָל

נישט געבייזערט אין זיין שטוב און ער האט זיך נישט געפרייט מיט דעם אומגליק וואס איז געשען א צווייטן. אין דערזעלבער גמרא תענית כ' ווערט דערציילט, אז ווען מען האט בעדארפן ארויסנעמען זאכן פון א שטוב, וואס האט געהאלטן ביים איינפאלן, האט מען דארט מיטגענומען רב אדאן, זייענדיק זיכער, אז אזוי לאנג ווי ער איז דארט דא וועט דער שטוב גארנישט געשען. — דער צווייטער רב אדא בר אהבה האט אויך געלעבט אין בבל אבער א סך שפעטער, אין 4טן דור פון די אמוראים. ער איז געווען א תלמיד פון אמורא רבא.

אדאם תקופה אין די אלטע יידישע ספרים, שוין נאך די צייטן פון דער גמרא, ווערן געבראכט צוויי מעסטונגען פון דער לענג פון זון־יאר „שנת החמה", וואס איז נוטיק כדי פעסטצושטעלן דעם יידישן קאלענדאר. איין לענג פון יאר איז 365 טעג מיט 6 שעה, און די דאזיקע לענג פון זון־יאר רופט מען „תקופת שמואל", ווייל זי זאל האבן פעסטגעשטעלט געווארן דורך דעם אמורא שמואל. די צווייטע לענג איז נאר 365 טעג מיט 5 שעה מיט 997 חלקים (א שעה ווערט צעטיילט אויף 1080 „חלקים") און 48 רגעים (יעדער חלק ווערט צעטיילט אין 76 „רגעים"). לויט דער דאזיקער רעכנונג קומט אויס, אז אין פארלויף פון 19 יאר (דאס ווערט גערופן „מחזור י"ט שנה"), אין וועלכע עס זענען פאראן 7 עיבור־יארן, גלייכט זיך אויס דאס „זון־יאר" („שנת החמה") מיט דעם לבנה־יאר („שנת הלבנה"). אט דעם דאזיקן צווייטן רעכנונג, וועלכער איז טאקע ריכטיקער פון דער ערשטער לענג, רופט מען אין יענע אלטע ספרים „תקופת רב אדא בר אהבה", דאס הייסט, אז רב אדא האט דעם רעכנונג געפונען. דער ערשטער, וואס דערמאנט די דאזיקע „תקופת רב אדא בר אהבה" איז רבי אברהם בר חייא הנשיא (אין זיין „ספר העבור"), אין אנהויב פון 12טן יארהונדערט. ווער עס איז געווען דער דאזיקער רב אדא בר אהבה איז שווער צו זאגן. געוויינלעך מיינט מען, אז דאס איז איינער פון די צוויי אמוראים רב אדא בר אהבה פון דער גמרא. אבער א גאנצע ריי יידישע געלערנטע ווי סלאנימסקי אין „תולדות השמים", פינעלעס אין „דרכה של תורה", בארנשטיין אין זיינע עיבור פארשונגען אין די זאמל־ביכער „התקופה" זאגן ארויס זייער מיינונג, אז די „תקופת רב אדא" איז אויפגעקומען ערשט אין די צייטן נאך דער גמרא. אויף דער „תקופת רב אדא" שטיצט זיך אונזער גאנצער היינטיקער יידישער לוח.

אדאם מיכאל משומד אין 16טן יארהונדערט אין דער שווייץ, אין ציריך; ערשטער איבערזעצער אויף דער יידישער שפראך פון חומש מיט הפטורות און די חמש־מגילות, געדרוקט אין דער שטאט קאנסטאנץ 1544; דאס איז די ערשטע געדרוקטע תורה־איבערזעצונג אויף יידיש, און זי איז באקאנט מיטן נאמען „די קאנסטאנצער ביבל". מיכאל אדאם האט אויך איבערזעצט אויף יידיש דעם היסטארישן „ספר יוסיפון" (געדרוקט צום ערשטן מאל ציריך 1546), וואס איז שפעטער דערשינען פיל מאל און איז געווען זייער פארשפרייט ביי די יידישע פאלקס־מאסן. אדאם רופט אן יידיש „דייטש" און אויך „לשון אשכנז"; זיין שפראך איז די אלטיידישע שפראך. צום סוף פון דער הקדמה צו דער חומש־איבערזעצונג ברייגנט אדאם עטלעכע גראמאטישע כללים פון דעם ערשטן העברעאיש־יידישן ווערטערבוך „מרכבת המשנה" פון רבי אנשל. — אדאם האט אויך איבערזעצט אויף יידיש די נביאים ראשונים (קאנסטאנץ 1548).

אַדוואָקאַטן צי איז געווען אין די אַלטע יידישע צייטן אין ארץ־ישראל אַזאַ באַשעפטיגונג ווי „אַדוואָקאַטור" אין די יידישע געריכטן, דאָס הייסט מענשן, וואָס זאָלן אַרויסטרעטן אַלס פּאַרטיידיקער און טענות־ערקלערער? דאָס איז אַ פראַגע, אויף וועלכער עס איז שווער צו געבן אַ באַשטימטן ענטפער. אין פּרקי אבות פּרק א' זאָגט יהודה בן טבאי (וועלכער האָט געלעבט איבער 150 יאָר פאַרן חורבן פון צווייטן בית המקדש) צו די תלמידים „אל תעשו עצמיכם כעורכי הדינים", און עס ווערט דורך טייל געטייטשט, אַז דאָס מיינט ער: „איר זאָלט נישט זיין ווי די אַדוואָקאַטן" („עורד־דין, עורכי הדיינים"), וואָס קוקן נישט צי איינער איז גערעכט צי אומגערעכט, נאָר ווער עס באַצאָלט זיי, מיט דעם האַלטן זיי. אָבער דער דאָזיקער טייטש איז נישט קיין זיכערער. אין דער גמרא כתובות פּ"ו ווייזט אויס, אַז דאָס וואָרט „עורכי הדיינים" מיינט מען יאָ אַדוואָקאַטן. אין דער גמראַ געפינען מיר אויך די גריכישע אויסדריקן „סניגור" און „פּרקליט" אַלס אַדוואָקאַטן. אין די שפּעטערדיקע ספרים ווערט דער אַדוואָקאַט ביים יידישן בית־דין אָנגערופן דער „בורר" אָדער דער „טוען". עס איז שווער צוזאָגן, ווען יידן זענען צום ערשטן מאָל אין די אייראָפּעאישע לענדער אויפגעטרעטן אַלס אַדוואָקאַטן אין געריכטן. דער געלערנטער גידערמאַן איז זיין בוך „געשיכטע פון ערציהונגס־וועזן ביי יידן" (אויף העברעאיש איבערגעזעצט „התורה והחיים" און אויף יידיש פון שטיף, „יידישע קולטור־געשיכטע") דריטער טייל קאַפּיטל פינף בריינגט אַז שוין אין 15טן יאָרהונדערט האָבן קריסטן גענומען יידן אַלס אַדוואָקאַטן אין די געריכטן, ווייל די יידן האָבן דורך דעם גמרא־לערנען און די חריפות פון פּלפּולים זיך דערוואָרבן פייאיקייטן דערצו. ער בריינגט פון ספר „חוט השני" סימן מ"ה וועגן אַ ייד, וואָס איז אַ „מליץ בערכאות של גויים ואומנתו הוא זאת להליץ בעד יודי וגויים" (אַדוואָקאַט אין די גויישע געריכטן און דאָס איז זיין פאַך צו פאַרטיידיקן יידן און גויים). שפּעטער, אין ענדע פון 18טן און אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערטער הויבן מיר שוין אָן זען אָפיציעל יידישע אַדוואָקאַטן אין אַ גאַנצער ריי לענדער אין אייראָפּאַ, צוערשט אין פראַנקרייך און נאָכער אין ענגלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך, און דערנאָך אין אַלע לענדער.

אדום נאָמען פון אַ לאַנד אין שכנות פון ארץ־ישראל, אין די צייטן פון תנ"ך און זאָגאָר עטוואָס שפּעטער, אין די צייטן פון 2טן בית־המקדש. אויך דאָס פאָלק וואָס האָט אין יענע אַלטע צייטן באַוואוינט דאָס אדום־לאַנד, האָט מען גערופן „אדום", אָדער „אדומיים", דאָס הייסט די אדום־איינוואוינער. — אדום האָט זיך געפונען אין דרום פון ארץ־ישראל, און האָט זיך געצויגן פון ים־המלח ביז צום רויטן ים, וואָס האָט געהייסן אין תנ"ך „ים־סוף". דאָס ערשטע מאָל ווערט דאָס לאַנד אדום דערמאָנט אין חומש בראשית ל"ב, אין זעלבן פּסוק ווערט דאָס דאָזיקע לאַנד אויך אָנגערופן „ארץ שעיר", דאָס לאַנד פון שעיר", דאָס „לאַנד שעיר". דאָרט האָט געוואוינט עשו, דער ברודער פון יעקב אבינו. אין די אַלטע צייטן פון דער יידישער געשיכטע איז דאָס פאָלק אדום באַטראַכט געוואָרן אַלס „ברודער פון יידישן פאָלק", צוליב דעם, וואָס עשו איז געווען דער ברודער פון יעקב. מיר געפינען אין חומש דברים כ"ח „לא תתעב אדומי כי אחיך הוא", (דו זאָלסט נישט פיינט האָבן דעם אדומי, וואָרום ער איז דיין ברודער). אָבער ניט קוקנדיק אויף דער דאָזיקער ברודערשאַפט זענען שטענדיק געווען מל־

חמות צווישן אדום און דעם יידישן פאלק, און עס האט געערשט צווישן זיי א שטענדיקע פיינדשאפט. און א ייד האט נישט געטארט זיך משדך זיין מיט איינעם פון אדום פאר דעם דריטן דור. אין ספר שמואל ב׳ קאפיטל ח׳ ווערט דערציילט, אז דוד המלך האט איינגענומען דאס לאנד אדום. שפעטער, אין די צייטן פון יידישן קעניג יהורם בן יהושפט איז געלונגען דאס לאנד אדום צו באפרייען פון דעם יידישן יאך („ויפשע אדום״ — דברי הימים ב׳ כ״א), און פון דאמאלט אן האבן ווידער זיך אנגעהויבן די בסדרדיקע מלחמות צווישן די ביידע פעלקער. די פיינדשאפט צווישן אדום און דעם יידישן פאלק איז געווען אזוי גרויס, אז ווען די יידישע מלוכה איז חרוב געווארן אין דער צייט פון ערשטן חורבן ירושלים, האט אדום זיך געפרייט, און די יידישע נביאים יחזקאל (ל״ה), ירמיהו (מ״ט), עובדיה, האבן דעריבער נביאות געזאגט אויף דער מפלה פון אדום. — מיר טרעפן אויך אדום אין די שפעטערדיקע צייטן פון 2טן בית המקדש. די יידישע חשמונאים־פירשטן האבן מלחמה געהאלטן קעגן אדום, און דער חשמונאים פירשט יוחנן הורקנוס האט איינגענומען ס׳לאנד און געצוואונגען אלע איינוואוינער פון אדום זיך מל־ זיין אנעמען די יידישע רעליגיע. פון דעמאלט אן זענען די אדומיים געווארן יידן. פון זיי האט זאגאר געשטאמט דער יידישער גרויסער קעניג „הורדוס המלך״. שפעטער, אין דער צייט פון דער מלחמה, וואס די יידן האבן געפירט קעגן די רוימער ביים חורבן בית שני זענען קיין ירושלים געקומען 20 טויזענט אדומיים און געהאלפן די העלדן פון ירושלים אין זייער קאמף קעגן די רוימער. פון חורבן בית שני אן ווערט נישט מער דערמאנט אין דער געשיכטע דאס פאלק אדום, און אין זייער לאנד טרעפן מיר שוין דעם אראַבישן שבט „נאבאטעער״ „נביות״. היינט וואוינען אין דעם געגנט פון אמאליקן אדום אראבער, אממייסטן וואנדערענדע בעדואינער. דאס לאנד איז אים אלגעמיין פוסט. — פאראן א מיינונג פון טייל געלערנטע, אז אין אלטן אדום זענען געווען דיכטער און דיינקער, וואס האבן געשריבן פארשיידענע וויכטיקע ספרים, און אז דאס פילאזאפישע ספר „איוב״ פון תנ״ך איז געשריבן געווארן נישט דורך יידן, נאר דורך איינעם פון די אלטע חכמים פון אדום, און די שפראך פון אדום איז געווען אינגאנצן ענלעך צו דער העברעאישער שפראך. פאראן א מיינונג, אז אויך די צוויי קאפיטלעך אין משלי ל׳ און ל״א פון „אגור בן יקה משא״ זענען פון די אלטע חכמים אין אדום, און דעריבער איז דארט די שפראך פון די אלטע אדומיים. אין דער גמרא האט דער נאמען „אדום״ געדינט אלס סימבאל צו באַצייכנען דערמיט די פארהאסטע הערשאפט פון רוים, וואס האט דאמאלט געהערשט איבער ארץ־ישראל און געפייניקט די יידן. אויך די יידישע חכמים נאך דער גמרא, רבי סעדיה גאון, דער אבן־עזרא, דער רמב״ם רופן אן רוים „אדום״. דער רד״ק אין זיין פירוש סוף ספר יואל גלויבט, אז די „מלכות רומי״ איז באשטאנען פון אדומיים. אינם ספר יוסיפון, וואס איז פארפאסט געווארן אין פריען מיטלאלטער, ווערט דערציילט די לעגענדע, אז צפו, דער אייניקל פון עשו איז אנטלאפן פון אדום קיין איטאליע און ער איז געווארן דער ערשטער מלך אין רוים. טייל געלערנטע מיינען אויך, אז דעריבער האט מען באצייכנט רוים מיטן נאמען „אדום״, ווייל די רוימער, וואס האבן בסדר געפירט מלחמות, האבן אלס זייער קריגס־גאט געהאט „מארס״, דאס איז אויף העברעאיש דער פלאנעט „מאַדים״, און דערפון איז געווארן „אדום״.

— אין די פריערדיקע צייטן האט מען מיטן נאמען „דת אדום", „די רעליגיע פון אדום" אנגערופן די קריסטלעכע רע־ליגיע.

אדומור טיטל, וואס מען שרייבט אויף חסידישע רביים, ראשי־תיבות־ווארט, וואס מאכט „אדונינו ומורנו ורבנו" (אונדזער האר, אונזער לערער, אונזער רבי). אויב מען שרייבט וועגן א רבי, וואס לעבט, גיט מען צו דאס ווארט „שליטא" (שיח־יה לאורך ימים טובים ארוכים), און אויב דער רבי איז שוין געשטארבן, גיט מען צו דאס ווארט ז"ל (זכרונו לברכה).

אדומים („דע ראסי") זע „עזריה מן האדומים"

אדון עולם („האר פון דער וועלט"), דערמיט הויבט זיך אן די ערשטע תפילה פון דאווענען אין סידור שחרית יעדן אין דער פרי, באלד נאכדעם, ווי מען זאגט די פסוקים פון תנ"ך „מה טובו". עס איז א לויב־געזאנג פאר גאט, פול מיט פילא־זאפישע געדאנקען. עס ווערט דא אויס־געדריקט דער געדאנק, אז די געטלעכקייט עקזיסטירט אייביק, „בלי ראשית ובלי תכלית", אן אן אנהויב און אן א סוף, און אז גאט איז די איינציקע האפנונג פון מענשן, און ווען דער מענש גייט שלאפן ביינאכט, גיט ער איבער זיין נש־מה דער געטלעכקייט, האבנדיק די זיכער־קייט, אז ער וועט נישט פארשלאפן צום אייביקן טויט, נאר ער וועט זיך אויפכא־פן פון שלאף. די לעצטע ווערטער זענען „ה' לי ולא אירא", גאט איז מיט מיר, און איך האב קיין מורא נישט. — פון די לעצטע ווערטער פון „אדון עולם", וואו עס ווערט גערעט וועגן לייגן זיך שלאפן, איז צו זען, אז די דאזיקע תפילה איז באשטימט געווארן צו זאגן ביינאכט נאכן דאווענען מעריב אדער פארן שלאפן גיין. אין טייל ספרדישע סידורים זענען אויך צוגעגעבן געווארן צום „אדון עולם" נאך עטלעכע ווערטער וועגן גלויבן, אז משיח וועט קומען און אז דאס בית המקדש וועט געבויט ווערן. — אין די סינאגאגן ווערט אדון עולם געזונגען מיט ספעציעלע מע־לאדיעס יעדן פרייטאג צו־נאכטס און יום טוב ביינאכט נאך מעריב־דאווענען. די יידישע מוזיקער ערליך („ליטורגישע בלע־טער") און אידעלזאן ברייננגען פארשיי־דענע אנגענומענע מעלאדיעס צום „אדון עולם". — פאראן א מיינונג, אז דער מחבר איז געווען דער גרויסער יידישער דיינקער און דיכטער פון 11טן יארהונ־דערט רבי שלמה אבן גבירול. טייל גלויבן, אז ער איז נאך עלטער. יעדנפאלס, אין אלע סידורים אין כתב־יד, וואס זענען גע־בליבן פון 14טן יארהונדערט איז דער „אדון עולם" שוין פאראן.

אדיאבענע זע „הילני" און „מונבז".

אדלער אלחנן, געבוירן אין לאנדאן אין יאר 1861. זיין פאטער איז געווען דער לאנדאנער רב הכולל ד"ר נתן אדלער. אלחנן אדלער איז בארימט דורך זיינע פארשונגען איבער די אלטע העברעאישע כתב־ידן, וועלכע ער האט אנטדעקט אויף זיינע פילע רייזעס אין מאראקא, אלזשיר, עגיפטן, סיריע, פערסיע, באלקאנישע לענ־דער, און אויך אנדערע לענדער. ער האט צונויפגעזאמלט איבער 4000 כתב־ידן, וועגן וועלכע ער האט ארויסגעגעבן אין יאר 1921 א ספעציעלן קאטאלאג. די זאמ־לונג געפינט זיך איצט אין דער יידישער ביבליאטעק פון טעאלאגישן שעכטער־סע־מינאר אין ניו־יארק. אדלער האט מחבר געווען „די נייע שומרונישע דברי הימים" (אין פראנצויזיש), „דאקומענטן איבער די אנוסים" (פראנצויזיש), „איבער די העברעאישע מאנוסקריפטן" (ענגליש), ווי אויך זיין ווערק אין ענגליש „די יידן אין פארשיידענע לענדער". אדלער איז

געוועזן פון די גרינדער פון דער „חובבי־ציון"־חברה אין ענגלאַנד. — אַלפרעד (1870־1937) איינער פון די גרעסטע יידישע וויסנשאַפטס־מענער אין אונזער צייט, באַרימט אַלס אָריגינעלער פאָרשער אויפן געביט פון פּסיכאָלאָגיע: „שטודיע איבער מינדערווערטיקייט", „פּראַקטיק און טעאָריע פון אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע" און מענטשן־דערקענטניש". אַדלער אַנאַליזירט די גייסטיקע צושטאַנדן פון מענטש און ווייזט אויף, אַז דער מענטש האָט פון זיינע יונגע יאָרן אָן אַ נייגונג זיך אַרויסצואווייזן אַלס „מער־ווערט", ווי די געזעלשאַפט שאַצט אים אָפּ. דער מענטש פילט זיך נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט דורך דער וועלט; ער מיינט, אַז די וועלט האַלט אים קלענער ווי ער איז באמת און אַז אים געשעט דאַדורך אַ גרויסע עולה. דער מענטש באַמיט זיך דאַריבער „צו־להכעיס" דער וועלט צו ווייזן, אַז ער איז גרעסער. דאָס זאָל זיין דער הויפּט־מאָטיוו פון אַ סך פאַרברעכענס. די אַנהענגער פון דער דאָזיקער מינדערטיקייטס־קאָמפּלעקס שיטה ווילן האָבן, אַז אויך דערשיינונגען פון דער יידישער געשיכטע לאָזן זיך דערקלערן דורך דער דאָזיקער טעאָריע, נעמליך, ווייל די פעלקער האָבן די יידן געשאַצט מינדער־ווערטיק, האָט דאָס די יידן געריצט און אַזוי אַרום אַנטוויקלט אין זיי דאָס קעגן־געפיל פון וועלן ווייזן די „איבער־ווערט". די טעאָריע פון „אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע" פון אַדלער האָט זיך דערוואָרבן אַ רום אויך אין דער פּעדאַגאָגישער וועלט, און עס זענען אַנטשטאַנען אַ גאַנצע ריי דערציאונגס־אַנשטאַלטן, וואָס ווערן געפירט לויט דער דאָזיקער מעטאָדע.

אַדלער הערמאַן (1839 — 1911), רב הכולל (אָבער ראַבינער) אין ענגלאַנד, זיך ערוואָרבן גרויס רום מיט זיין טעטיקייט צו פאַרבעסערן די יידישע לאַגע אויך אין אַנדערע לענדער, באַזונדערס אין רוסלאַנד. זיין פאָטער איז געווען רבי נתן אַדלער. אין יאָר 1890 איז דר. הערמאַן אַדלער געוויילט געוואָרן אַלס רב הכולל אין ענגלאַנד אויפן אָרט פון זיין פאָטער. אַדלער איז געווען איינער פון די הויפּט־פירער פון יידישן קאָמיטעט צו העלפן די רוסישע יידן און פלעגט דורך דעם ענגלישן הויף פיל משתדל זיין זיך צו העלפן פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד. ער האָט אויך אַרויסגעוויזן גרויס סימפּאַטיע צו דער „חובבי־ציון־באַוועגונג און ער האָט אויך באַזוכט ארץ־ישראל. אַדלער האָט אויך געשריבן אַ ריי אָפּהאַנדלונגען איבער דער יידישער פילאָזאָפיע אין מיטלאַלטער און באַזונדערס וועגן רבי שלמה אבן גבירול.

אַדלער נתן (1803 — 1890); צוערשט געווען רב אין אַ ריי דייטשע שטעט, און אין 1846 דערוויילט געוואָרן אַלס רב הכולל (אָבער ראַבינער) אין לאָנדאָן, וואו ער האָט געשאַפן פון אַלע שולן איין גרויסע געמיינדע מיטן נאָמען „יונייטעד סינאַגאָג" (די פאַראייניקטע סינאַגאָגע). אַדלער איז אויך אַרויסגעטרעטן מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט קעגן די רעפאָרם־ראַבינערס אין דייטשלאַנד, וואָס האָבן איינגעפירט רעפאָרמען אין דער יידישער רעליגיע. אַדלער האָט אויך פיל מיטגעווירקט פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג פון די יידן אין רומעניע און אויך פאַר די יידן אין ארץ־ישראל. ער האָט אויך געגרינדעט דעם לערער־און רבנים־סעמינאַר אין ענגלאַנד. אַדלער האָט געשריבן אַ גאַנצע ריי ווערק אין העברעאיש און ענגליש, צווישן זיי אויך הלכה־ספרים, אָבער אָמבאַרימטסטן איז געוואָרן זיין פּירוש צום „תרגום אונקלוס" מיטן נאָמען „נתינה לגר", געדרוקט צוזאַמען מיטן חומש אין ווילנאַ יאָר 1875. אין דאָזיקן ווערק פירט רבי נתן אַדלער

אדורך א גרינטלעכן שטודיום איבער דער גאנצער אראמעאישער איבערזעצונג פון חומש, וואס איז באקאנט אלס „תרגום אונקלוס", און ער ווייזט אן, אז דאס איז נישט קיין פשוטע איבערזעצונג, וואס איז געמאכט געווארן פאר די, וועלכע האבן נישט פארשטאנען קיין העבעראיש, נאר אז דאס איז געווען א פירוש צום חומש. באזונדערס האט אדלער געוואלט באווייזן, אז אומעטום, וואו מיר זעען, אז דער „תרגום" איז אנדערש ווי עס שטייט אין פסוק אין חומש, באדייט דאס נישט, אז דער תרגום האט געהאט אן אנדערן נוסח אין חומש, נאר אז דער תרגום האט געוואלט אזוי אייננטייטשן דעם פסוק.

אדלער נתן בן שמעון הכהן (1741-1800). איינער פון די גרעסטע לומדים און מקובלים און ישיבה־פירער אין דייטשלאנד אין 18טן יאדרהונדערט. רבי נתן אדלער איז געבוירן געווארן אין פראנקפורט אם מאין, וואו ער האט געגרינדעט א ישיבה, וועלכע האט ארויסגעגעבן גרויסע לומדים. צו די תלמידים פון דער ישיבה האבן געהערט רבי אברהם בינג (ווירצבורגער רב) ווי אויך רבי משה סופר, דער בארימטער פרעשבורגער רב, מחבר פון „חתם סופר". רבי נתן האט אין פראנקפורט געפרובט איינפירן העם וועג פון חסידות, אבער דאס איז געווען גאנץ אונאפהענגיג פון דער חסידישער באוועגונג, וואס איז דאמאלט אנטשטאנען דורך רבי ישראל בעל־שם־טוב אין אוקראינא און פוילן. דאס האט ארויסגערופן א גרויסע מחלוקה אין פראנקפורט. די אנגעזעענע יידישע פירער פון דער פראנקפורטער קהלה צוזאמען מיט דעם דאמאלסטיקן רב אין פראנקפורט, רבי פנחס הורוויץ, מחבר פון „הפלאה", זענען ארויסגעטרעטן זייער שארף קעגן רבי נתן אדלער און זיינע חסידים. עס איז שפעטער (אין יאר תקמ"ט) דערשינען אויף העבעראיש אן אנאנימע בראשור „מעשה תעתועים" קעגן רבי נתן אדלער און זיינע אנהענגער; די מחלוקה איז געווארן אזוי שארף, אז אין יאר תקל"ט האט מען רבי נתנ'ען געלייגט אין חרם. אין יאר תקמ"ג איז ער אנטלאפן פון פראנקפורט קיין באסקוויץ, וואו ער איז אויפגענומען געווארן אלס רב. אין יאר תקמ"ז האט ער זיך צוריק באזעצט אין פראנקפורט, וואו ער האט ווידער געעפנט זיין ישיבה און ווידער אנגעהויבן צו פירן זיין דרך החסידות. די פירער פון דער קהלה האבן נאכאמאל באנייט זייער חרם. אזוי האט זיך עס געצויגן א לאנגע צייט. אין יאר תק"ס (1800) אין כ"ז אלול איז רבי נתן געשטארבן. פאר זיין טויט האבן די קהלה פירער פון פראנקפורט אראפגענומען פון אים דעם חרם.

אדלער סיירוס (1940-1863) איינער פון די אנגעזעענסטע יידישע כלל־טוער, געלערנטער און פארשער פון יידישער וויסנשאפט, לאנג־יאריקער רעקטאר פון אידיש־טעאלאגישן סעמינאר. אדלער האט אויך רעדאגירט די אפטיילונג פון דער געשיכטע פון יידן אין אמעריקע אין דער גרויסער יידיש־ענגלישער (דזשואיש) ענציקלאפעדיע. פון יאר 1909 האט אדלער אויך רעדאגירט דעם זשורנאל פאר יידישער וויסענשאפט אין ענגליש „דזשואיש קווארטערלי רעוויו". ער איז געווען פרעזידענט פון דער אמעריקאנער יידישער היסטארישער געזעלשאפט, און האט אויך רעדאגירט א געוויסע צייט דאס אמעריקאנער יידישע יאר־בוך אין ענגליש. אדלער האט זיך פיל אינטערעסירט מיט דער לאגע פון די יידן אויך אין אנדערע לענדער. אין די יארן נאך דער וועלט־מלחמה איז אדלער געווען איינער פון די הויפט־פירער פון אמע־קאנער „דזשאינט", ווי אויך איינער פון

די הויפּט־מיטגלידער פון דער יידישער אגענץ.

אדם הראשון (דער ערשטער מענש). אין חומש בראשית ווערט דערציילט, אז גאָט האָט באַשאַפן אויפן זעקסטן טאָג דעם ערשטן מענש אין דער וועלט און האָט אים אַ נאָמען געגעבן „אָדם". דער־נאָך איז באַשאַפן געוואָרן די ערשטע פרוי אויף דער וועלט „חוה". ביידע זע־נען געווען אין גן־עדן, נאָר זיי האָבן זיך געלאָזט אָנרעדן פון דער שלאַנג, אז זיי זאָלן עובר זיין אויף גאָטס געבאָט ניט צו עסן פון „עץ־הדעת" און זיי האָבן יאָ גע־געסן, און דעריבער האָט זיי גאָט פאַר־טריבן פון גן־עדן און זיי פאַרשאָלטן, אז זיי וועלן מוזן שטאַרבן און אז כדי צו האָבן ברויט צו עסן, וועלן זיי מוזן אַר־ביטן. אָדם און חוה האָבן געהאַט דריי זין: קין, הבל און שת. אָדם האָט געלעבט 930 יאָר און איז געשטאָרבן. — דאָס איז דער קיצור פון דעם סיפור המעשה, וואָס ווערט דערציילט אין חומש וועגן „אדם". אין דער גמרא און מדרש זענען פאַראַן פיל ווערטער און דרשות, וואָס זענען פאַר־בונדן מיט אדם הראשון. די גמרא סנהד־רין ל"ז זאָגט, אז דעריבער האָט גאָט געשאַפן נאָר איין מענש, און נישט באַלד מיטאַמאָל אַ סך מענשן, כדי צו לערנען, אז „כל המאבד נפש אחת", אז איינער ברייענגט אום אפילו נאָר איין מענש, איז „כאילו איבד עולם מלא", ווי ער וואָלט אומגעבראַכט אַ גאַנצע וועלט. די תוספתא אין סנהדרין פרק ח' זאָגט, אז דעריבער האָט גאָט באַשאַפן נאָר איין מענש, און פון אים זאָל אַרויסקומען די גאַנצע וועלט, — כדי „שלא יהיו משפחות מתג־רות זו בזו", עס זאָלן נישט זיין קיין יחסנים, און איין פאַמיליע זאָל נישט זאָגן, אז זי קומט אַרויס פון אַ בעסערן מענש. אין דער גמרא פסחים נ"ד ווערט געזאָגט, אז אָדם הראשון איז געווען דער וואָס האָט ערפונדן די קונסט אַרויסצובאַ־קומען פייער דורך רייבן צוויי שטיינער. אין מדרש בראשית רבה ווערט גע־זאָגט, אז אדם הראשון האָט געקענט אַלע מלאכות און ער האָט עס אויסגעלערנט זיינע קינדער. דער גאַנצער געדאַנק, אז אָדם הראשון איז באַשאַפן געוואָרן פון דער ערד, און ווען דער מענש שטאַרבט גייט ער צוריק צו דער ערד, דער „כי עפר אתה ואל עפר תשוב", וואָס איז פאַראַן אין חומש בראשית ג', האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס נישט נאָר אויף די פאַר־שיידענע דרשות אין דער גמרא, נאָר אויך אויף די תפילות און באַזונדערס אין די סליחות און פיוטים פון ראש־השנה און יום כפור. — אין די שפּראַכן גריכיש און לאַטיין זענען פאַראַן זייט אַלטע צייטן צוויי נוסחאות פון אַן אַפּאָקריף (אַ הייליק בוך פון דער נאָך־תנ"ך־צייט), וואָס באַשרייבט דאָס לעבן פון אָדם און חוה אויף לאַטיין הייסט דאָס „וויטאַ אַדע" (דאָס לעבן פון אָדם). מען האָט אויך גע־פונען אַן אַנדערן נוסח פון אַזאַ „אָדם־בוך" אין דער אַלט סלאַווישער שפּראַך; די דאָזיקע אָדם־ביכער זענען אַ זאַמלונג פון אַלטע לעגענדעס וועגן אָדם און חוה און זייער תשובה־טאָן, עס ווערט אָנגע־וויזן, אז אַ סך פון די דאָזיקע לעגענדן געפינען זיך אין די יידישע אגדות. עס איז צו באַמערקן, אז אויף דעם פּסוק „זה ספר תולדות אדם" זאָגט די גמרא אין סנהדרין ל"ח, אז גאָט האָט געוויזן צו אָדם הראשון „דור דור ודורשיו", די גאַנצע געשיכטע פון דער מענשהייט, וואָס וועט אַלץ פאָרקומען. אין דער גמרא בבא מציעא פ"ה ווערט געזאָגט, אז עס איז געווען אַ ספר „ספרא דאדם הראשון", וואו עס איז געווען באַשריבן אַלץ וואָס וועט פאָרקומען מיט יעדן מענש. טייל מקובלים זאָגן, אז דעם באַקאַנטן קבלה־ספר רזיאל המלאך האָט געשריבן אָדם

הראשון. — פון אדם הראשון'ס נאמען איז אין העברעאיש געווארן דאס ווארט „אדם" אלס באצייכנונג פאר יעדן מענש. אין לשון רבים ווערט אויך באנוצט אויף מענשן „בני אדם" (מענשן זין). אין די נביאים געפינען מיר אויך אין לשון יחיד דעם אויסדריק „בן אדם" (אממייסטן אין יחזקאל). אין דער גמרא בבא מציעא קי"ד ווערט געזאגט, אז מיט דעם ווארט „אדם" מיינט מען נאר יידן. אבער איז אנדערע ערטער פון דער גמרא געפינען מיר, אז אויך נישט־יידן האבן געהייסן אדם (עבודה זרה ג' אין תוספות). — דער ספור פון אדם הראשון האט געהאט א גרויסע באדייטונג אויך אין אנדערע רעליגיעס, נעמליך אין דער קריסטלעכער רעליגיע און ביי די מאכמעדאנער. אין דער קריסטלעכער רעליגיע איז הער חטא, וואס אדם הראשון איז באגאנגען דורך עסן דעם עץ־הדעת, דער הויפט־גרונט פון דער גאנצער טעאלאגיע. אויך אין דעם הייליקן ספר פון דער מאכמאדענישער רעליגיע, אין „קאראן" ווערן דערציילט פיל לעגענדעס וועגן אדם הראשון, וועלכער ווערט פאררעכנט אלס איינער פון די מאכמעדאנישע הייליקע. דער געלרנטער אברהם גייגער ווייזט אויף, אז א סך מאכמעדאנישע לעגענדעס וועגן אדם הראשון זענען אנטשטאנען אונטער דעם איינפלוס פון אלטע יידישע אגדות. — לויט דער יידישער טראדיציע איז דער קבר פון אדם הראשון און חוה איז דער „מערת־המכפלה" אין חברון, וואו עס ליגן אויך די אבות, אברהם, יצחק ויעקב און די אמהות שרה, רבקה, לאה. — אין די לעצטע צייטן זענען געווען טייל רעליגיעזע דיינקער, וואס האבן זיך באמיט אויסצוגלייכן דעם סיפור פון חומש וועגן דער שאפונג פון ערשטן מענש, און דער מיינונג פון דער ביאלאגישער וויסנשאפט, באזונדערס דארווין, אז דער מענש איז אנטשטאנען און אנטוויקלט געווארן פון אנדערע באשעפענישן. די דאזיקע רעליגיעזע געלערנטע ווילן האבן, אז דאס זאל זיין דער זין פון מדרש אין בראשית רבה פרק י"ד אויפן פסוק „ויהי אדם לנפש חיה, מלמד שעשה לו עוקץ כחיה, וחזר ולקח ממנו" (אז גאט האט צוערשט באשאפן דעם מענש מיט א וויידל, ווי ביי א חיה, נאר דערנאך האט ער דאס ביי אים צוגענומען). דער באקאנטער רב און מפרש פון משניות רבי ישראל ליפשיץ מחבר פון „תפארת ישראל" וויל אין זיין דרוש „אור החיים", וואס איז געדרוקט צום סוף פון זיין פירוש צום סדר נזיקין, — בכלל אויסגלייכן דעם סיפור פון חומש וועגן וועלט־שאפונג מיט די נייע וויסנשאפטלעכע מיינונגען פון ביאלאגיע און געאלאגיע. — א ריי סעמיטאלאגן ווילן געפינען א צוזאמענהאנג צווישן דעם סיפור וועגן אדם אין חומש און סיפורים פון אנדערע פעלקער.

אדני (דער נאמען פון גאט). אין תנ"ך געפינען מיר א סך נעמען וואס באצייכענען גאט. איינער פון זיי איז „אדוני". דאס ווארט שטאמט פון העברעאישן ווארט „אדון", וואס איז דער טייטש: דער האר, דער הערשער, און דער זין פון „אדוני" וועט זיין „דער הערשער פון דער וועלט". מיר געפינען אין תנ"ך אויך דעם אויסדרוק „האדון" אלס די באצייכנונג פון גאט (שמות כ"ג „האדון ה'", און ישעיה א כ"ד האדון ה'). — אין דער גמרא קידושין ע"א ווערט געזאגט, אז אומעטום וואו עס שטייט דער נאמען פון גאט „יהוה", ווערט עס נישט אויסגערעדט, נאר מען לייענט עס „אדני". אויך דעם נאמען „אדני" רעדט מען ארויס נאר ווען מען לייענט אין ספר־תורה, ווען מען איז מעביר די סדרה, ביים דאווענען, ביים מאכן א ברכה, זאגן זמירות, דאס הייסט, דאמאלט, ווען מ'איז מקיים א

מצוה ביים ארויסזאגן דעם נאמען פון גאט. אבער ווען מען זאגט סתם ארויס דעם נאמען „אדני" זאגט מען נישט אדני נאר „השם", חאָס הייסט „דער נאמען"; אין דער יידישער פאלקס־שפראך איז געווארן פון ווארט „אדני" „אדורשם'. מיר געפינען אין דער משנה יומא „אנא השם", אנשטאט „איך בעט גאט".

אדניהו בן חגית זון פון דוד המלך: אין ספר מלכים קאפיטל א' ווערט דערציילט, אז ווען דוד המלך איז געווארן אלט האבן זיך אין הויף און מיליטער געשאפן צוויי פארטייען וועגן דעם, ווער עס זאל ווערן קעניג נאכן טויט פון דוד המלך. דער מיליטער פירער יואב און אביתר הכהן האבן געוואלט מאכן אלס קעניג אדניהו'ן. אבער נתן הנביא און דער צווייטער מיליטער־פירער בניהו און צדוק הכהן האבן געוואלט מאכן אלס קעניג שלמה'ן. דער צווייטער פארטיי איז געלונגען אריבערצוציען אויף זייער זייט דוד המלך, וועלכער האט געלאזט זאלבן און אויסרופן אלס קעניג שלמה המלך. נאך דוד המלך'ס טויט האט שלמה געלאזט טויטן אדניהו.

אדעל (אויף פויליש „שליאכטא", אויף רוסיש „דוואריאנסטווא", אין ענגליש „נאבּיליטי", אין פראנצויזיש „נאבּלעס") מיט דעם ווארט „אדל" רופט מען אן אזא קלאס מענטשן פון פאלק, וואס זענען יחסנים, און האבן זיך דערווארבן ספעציעלע רעכט, וועלכע די געוויינלעכע מענטשן פון זעלבן פאלק האבן נישט. דער דאזיקער „אדל" יחוס און די דאזיקע ספעציעלע רעכט גייען איבער בירושה פון עלטערן צו קינדער. ס'טרעפט אויך, אז א געוויינלעכער מענטש פון פאלק באקומט דורך א ספעציעלן אקט פון קעניג אדער הערשער די „אדל"־רעכט און ער און זיין פאמיליע ווערן אויפגענומען אין אדל־קלאס. אזא סארט אדל־קלאס איז געווען אין דייטשלאנד, דאס „ריטערטום", און יעדער אדל־מאן האט געהאט ביי זיין פאמיליע־נאמען דעם טיטל „פאן"; דאס זעלבע איז געווען אין ענגלאנד, פראנקרייך, פוילן, רוסלאנד און א גאנצע ריי אנדערע לענדער. אין אלטן רוים זענען די „פאטריצער" ־ פאמיליעס געווען דער אדל־קלאס. עס איז א וויכטיקע פראגע, צי אין די אלטע ציינטן פון דער יידישער געשיכטע, ווען יידן האבן געהאט א זעלבסטשטענדיק מלוכה אין ארץ־ישראל, איז אויך ביי יידן געווען אן „אדל־קלאס", און צי זענען אויך ביי יידן דאמאלט פארגעקומען קאנפליקטן צווישן דעם געוויינלעכן פאלק און דעם אדל־קלאס? — וועגן דעם זענען פאראן פארשיידענע מיינונגען. טייל זאגן, אז עס איז אמאל יא געווען א סארט אדל; דאס זענען געווען די „זקני ישראל", וואס ווערן דערמאנט אין תנ"ך, אין ספר שמואל א' קאפיטל ח' ווערט דערציילט, ווי די „זקני ישראל" זענען געקומען צו שמואל הנביא, אז ער זאל זיין געבן א מלך. אין זעלבן ספר שמואל קאפיטל י"ז ווערט געזאגט, אז ווען שאול המלך האט מלחמה געהאטן מיט די פלשתים, און דער גבור גלית הפלשתי איז ארויסגעטרעטן קעגן די יידן, האט שאול געלאזט אויסרופן, אז ווער פון די יידן עס וועט באזיגן גליתן וועט ער באקומען א סך זאכן און „ואת בית אביו יעשה חפשי בישראל" (און זיין פאטערס הויז וועט ערקלערט ווערן אלס „חפשי", פריי ביי יידן). עס איז דעריבער מעגלעך, אז דאס זיין „חפשי", פריי פון שטייערן, אדער באקומען העם טיטל „פריי", — דאס זעלבע ווי אין דייטשן איז געווען „פרייהער", — איז געווען ביי די יידן א טיטל פון די אדל־לייט. אין פארלויף פון דער גאנצער צייט פון ערשטן בית המקדש געפינען מיר דעם טיטל פון אדל־לייט

„שרים". טייל ווילן אויך האָבן, אַז דאָס
וואָס עס שטייט אין ספר מלכים ב' קאַ-
פּיטל כ"ה, אַז ווען נבוכדנאצר מלך בבל
האָט איינגענומען ירושלים, זענען פאַר-
טריבן געוואָרן קיין בבל „כל השרים וכל
גבורי החיל" און געבליבן זענען נאָר די
„עם-הארץ", אַז דאָ האָט מען דעם אונ-
טערשייד צווישן דעם אַדל, און דעם גע-
ווינלעכן פאָלק, וואָס איז באַצייכנט גע-
וואָרן מיט „עם-הארץ". אין די צייטן פון
צווייטן בית המקדש געפינען מיר ביי
יידן אַן אריסטאָקראַטיע, וואָס איז באַ-
שטאַנען אַממערסטן פון די העכסטע
כהנים-פאַמיליעס, די כהנים-גדולים, וואָס
האָבן אַ געוויסע צייט איבערהויפּט גע-
הערשט איבערן לאַנד. די אַלע יחוסדיקע
פאַמיליעס האָבן געפירט זייערע גענעאַ-
לאָגישע ביכער. אַזאַ אַנהויב פון אַ יחוס-
ספר געפינען מיר שוין אין אַנהויב פון
צווייטן בית-המקדש אין ספר עזרא ח'
„ואלה ראשי אבותיהם והתיחשם" (און
דאָס זענען איר שטאַם פאַטערס און זייער
יחוס). אין ספר נחמיה ד' וואָס שטאַמט
אויך פון אַנהויב פון צווייטן בית-המקדש
ווערט שוין בפירוש דערמאַנט אַ „ספר
היחוס". דער דאָזיקער „ספר-יחוסין"
האָט געשפּילט, ווייזט אויס, אַ ראָלע ביים
מאַן שידוכים. אין דער גמרא פסחים ס"ב
ווערט דערציילט, אַז „נגנז ספר יוחסין"
(מען האָט באַהאַלטן דעם ספר יוחסין).
אין דער גמרא יבמות מ"ט ווערט אויך
דערמאַנט אַ „מגילת יוחסין", וואָס ווייזט
אַז נאָך דאַמאָלט זענען געווען ביי יידן
באַזונדערע אַדליגע פאַמיליעס. אין די
שפּעטערדיקע צייטן, ווען יידן זענען צע-
שפּרייט געוואָרן אין די פאַרשידענע לענ-
דער האָבן יידן געהאַט איז בבל אַן אַדלי-
גע פאַמיליע, וואָס איז אַנערקענט געוואָ-
רן אויך דורך דער רעגירונג; פון דער דאָ-
זיקער פאַמיליע האָט געשטאַמט דער „ריש
גלותא", דער העכסטער פירער פון די
יידן איז בבל. אָבער אין די אַנדערע לענ-
דער איז אין די פריערדיקע צייטן פון
מיטלאַלטער נישט צו באַמערקן קיין
יידישע אַדליגע פאַמיליעס. עס זענען פאַ-
ראַן מיינונגען, אַז אין שפּאַניע האָבן
יידן יאָ געהאַט עטלעכע פאַמיליעס, וואָס
האָבן געהערט צום אַלגעמיינעם שפּאַנישן
ריטערטום; אָבער זיכער איז עס נישט.
פון די ערשטע יידן, וועגן וועלכע מען
ווייסט, אַז זיי זענען אַנגענומען געוואָרן
אין דעם אַדל-קלאַס איז געווען אין פּוילן
אין יאָר 1525 מיכאַל יוזעפאָוויטש, וועל-
כער איז אַנערקענט געוואָרן, אַז ער גע-
הערט צו דער „שליאַכטע". אין יאָר 1622
האָט דער יידישער פינאַנסיסט אין ווין
יעקב באַסעווי באַקומען פון דייטשן קיי-
זער פערדינאַנד דעם 2טן העם אַדל-טיטל
מיט דעם פאַמיליע-נאָמען „פאָן טרויענ-
בערג". אין ענדע פון 18טן יאָרהונדערט
טרעפן מיר אין עסטרייך און דייטש-
לאַנד שוין אַ גאַנצע ריי יידישע פאַמיל-
יעס, וואָס זענען אויפגענומען געוואָרן
אין אַדל-שטאַנד און טייל פון זיי האָבן
זאָגאַר באַקומען דעם טיטל „באַראָן". אין
19-טן יאָרהונדערט טרעפן מיר שוין יידי-
שע באַראָנען און אַנדערע אַדל-טיטולן
אין אַ גרעסערער צאָל אין ענגלאַנד, דייט-
שלאַנד, עסטרייך, איטאַליע, און זאָגאַר
אין רוסלאַנד. אַ סך פון די דאָזיקע פאַ-
מיליעס האָבן זיך געשמדט. היינט זענען
באַרימט די יידישע אַדל-פאַמיליעס באַ-
ראָן ראָטשילד, מאַרקיז רידינג, סער סאַ-
סאָן, סער סעמיועל, מאָנטעפיאָרע, מאָנ-
טעגיו, דע-מנשה. דער העכסטער טיטל
וואָס אַ ייד האָט באַקומען איז געווען
„הערצאָג" יצחק דע ליסאַרד און „גראַף"
הענרי ד'אַביגדור.

אַדעלקינד ישראל קאָרנעליאַ

יידישער דרוקער אין איטאַליע אין 16-
טן יאָרהונדערט, אויפזעער אין דער דרו-
קעריי פון דאַניעל באָמבערג אין ווענעציע

פון יאר 1520 ביז 1531, און דערנאך אויך אין די יארן פון 1546 ביז 1549. נאכער איז ער געווען אויפזעער אין אנדערע דרוקערייען אין ווענעציע (ביי יוסטיניאן און אנדערע) און אויך אין סאביאנעטא. ער האט דער ערשטער אויסגעארבייט דעם גענויען פלאן ווי צו דרוקן די גאנצע גמרא, וואס איז אונטער זיין אויפזיכט געדרוקט געווארן ביי באמבערג אין ווענעציע אין די יארן 1520-1523 (ר״פ־ רפ״ג). ישראל קארנעליא האט דאס אויסגעשטעלט אין דרוק ארום דעם טעקסט די פירושים רש״י און תוספות, און אזוי ווי ער האט זיי אויסגעשטעלט, זענען זיי געבליבן, מיט קליינע ענדערונגען. ביז אויף היינטיקן טאג. פאראן א מיינונג, אז אדעלקינד האט זיך אין די שפעטערע יארן געשמדט.

אדעס פארט־שטאט אין רוסלאנד אויפן ברעג פון שווארצן ים. אדעס האט די גרעסטע יידישע קהלה אין רוסלאנד, און אין יאר 1930 האט זי געציילט איבער 160 טויזענט יידישע איינוואוינער. די אלגעמיינע צאל איינוואוינער איז ביז 500 טויזענט. אין אנהויב פון 19טן יארהונדערט האט איז אדעס זיך אנטוויקלט די „השכלה״־באוועגונג צווישן די דארטיקע יידן. דא איז געגרינדעט געווארן די ערשטע יידישע וואכנשריפט אין דער רוסישער שפראך, דער בארימטער „ראזסוועט״. אין אדעס האט אויך אנגעהויבן דערשיינען די אמאל באקאנטע העברעאישע צייטונג „המליץ״ (געגרינדעט אין יאר 1860); דא האט אויך אנגעהויבן צו דערשיינען די וואכנשריפט אין דער יידישער שפראך „קול מבשר״ (יאר 1863). דא האט אויך געשריבן זיינע ביכער אין דער יידישער שפראך איינער פון די ערשטע שאפער פון דער מאדערנער יידישער ליטעראטור ישראל אקסנפעלד. אין די שפעטערע יארן האבן דא זיך באזעצט „מענדעלי מוכר ספרים״ (אלס לייטער פון דער תלמוד תורה״), יצחק יואל לינעצקי (מחבר פון „דאס פוילישע יונגל״), דער היסטאריקער דוד כהנא, משה לייב לילענבלום און נאכער אחד העם. אדעס איז פון די אכציקער יארן אן געווארן דער צענטער פאר דער חובבי־ציון באוועגונג, און דערנאך פאר דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפראך און ליטעראטור, ספעציעל ווען דארטן האבן זיך באזעצט ביאליק, דובנאוו און פיל אנדערע שריפטשטעלער, און מען האט דארט אריבערגעטראגן די העברעאישע מאנאטס־שריפט „השלח״ (יאר 1907). אונטער דער הערשאפט פון דער סאוועט־רעגירונג איז אדעס געווארן איינער פון די צענטערן פון דער מאדערנער יידישער קולטור אין דער יידישער שפראך.

אדר נאמען פון 6טן חודש אין היינטיקן יידישן לוח. אין די אלטע צייטן, ווען דער אנהויב פון יאר איז געווען נישט ווי היינט, דער חודש תשרי, נאר דער חודש ניסן, איז אדר געווען דער 12טער חודש אין יאר. אדר האט 29 טעג; אויב עס איז אן עיבור־יאר און עס איז פאראן א צווייטער חודש אדר („אדר שני״. אדער „ואדר״), האט דער ערשטער חודש אדר 30 טעג. אין חודש אדר פאלט אויס דער פאפולערער יידישער יום־טוב פורים (14 און 15 טאג אין אדר) צום אנדיינקן פון דער רעטונג פון יידישן פאלק אין די צייטן פון המן און אחשורוש. דער גאנצער חודש ווערט דעריבער באטראכט פאר א צייט פון פרייד. אין דער גמרא תענית כ״ט ווערט געזאגט „משנכנס אדר מרבין בשמחה״ (ווען עס הויבט זיך אן דער חודש אדר, פארגרעסערט מען די פרייד). וועגן די וויכטיקסטע פון די דאטעס, ווי „זיין אדר״ „תענית אסתר״, „פורים און שושן־פורים״, זע אין באזונדערע זוך־ווערטער. — אין אן עיבור־יאר ווערט

צוגעגעבן נאָך א חודש אדר, וואָס מען רופט „אדר שני" אדער „ואדר". וועגן דעם ביים זוך־וואָרט „עיבור־יאָר".

אדרא נאָמען פון גאָר אַלטע קבלה־ספרים, וואָס טייל פון זיי זענען געבליבן אין „זוהר". דעם טייטש פון דעם נאָמען נאָמען ווייסט מען נישט. — אין זוהר געפינען מיר צוויי אדרא'ס: „אדרא רבא" (גרויסע אדרא) אין פרשת נשא, און „אדרא זוטא" (די קליינע אדרא) איז פרשת האזינו. די אדרא רבא דערציילט, אז רבי שמעון בן יוחאי איז מיט זיינע 9 הייליקע חברים זיך צונויפגעקומען אין „אידרא" און זיך פאַרטיפט אין די הייליקע סודות, און די התלהבות איז געווען אזוי גרויס, אז ביי דריי פון די חברים איז אויסגעגאַנגען די נשמה. אין דער „אדרא זוטא" ווערן דערציילט די סודות וואָס רבי שמעון בן יוחאי האָט איבערגעגבן זיינע תלמידים פאַר דער פטירה, און ווען עס איז געקומען צום סוף וואָרט פון פסוק „כי שם צוה ה' את הברכה חיים" איז זיין נשמה אויסגעגאַנגען, און די תלמידים האָבן געזען, ווי אַן הייליקער פייער איז ארויף אויפן הימל. — וועגן דער באַדייטונג פון אדרא'ס פאַר דער געשיכטע פון דער אַנטשטייאונג פון דער קבלה איז פיל געשריבן געוואָרן. א גאַנצע ריי געלערנטע פאַרשער זענען זיכער, אז די אדרא'ס שטאַמען פון גאָר אַלטע צייטן, און עס זענען אין זיי פאַרבליבן עלעמענטן פון דער אַלטער יידישער פילאָזאָפיע און מיסטיק פון דער צייט פון סוף צווייטן בית המקדש, פון די אַלטע יידישע איסיים.

אדרינוס (האדריאַנוס). דאָס איז אין גמרא דער נאָמען פון רוימישן קייזער האדריאַנוס, אין דער ערשטער העלפט פון 2טן יאָרהונדערט. דער נאָמען פון אדריאַנוס איז פאַרבונדן מיט דעם אויפשטאַנד פון בר כוכבא און מיט שרעקלעכע גזירות אויף יידן. אַדריאַנוס איז געוואָרן קייזער איבער דער רוימישער אימפעריע אין יאָר 117, דאָס הייסט, 47 יאָר נאָכן חורבן פון צווייטן בית המקדש. אדריאַנוס האָט איז אָנהויב פון זיין הערשאַפט אויך זיך באַצויגן צו יידן זייער גוט. ער אַליין האָט געמאַכט א רייזע איבער די לענדער פון פאָדער־אזיע און האָט דאַן באַזוכט אויך ארץ־ישראל. דאָ זאָל ער זיך האָבן באַקענט מיט דעם יידישן תנא רבי יהושע בן חנניה, און געהאַט מיט אים פיל געשפּרעכן. די באַציהונג פון אדריאַנוס צו יידן, איז געווען אזוי גוט, אז ער האָט זאָגאָר דערלויבט די יידן צוריק אויפצובויען דאָס בית־המקדש. פלוצים האָט אדרינוס ארויסגעגעבן א צווייטן באַפעל אז מ'זאָל אויפן אָרט פון בית־המקדש בויען א געצנדינערשן טעמפּל לכבוד דעם רוימישן אָפּגאָט צעאוס, און די שטאָט ירושלים זאָל מען א נאָמען געבן „עליא קאַפּיטאָלינא". ווען דער באַפעל איז אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל האָט ער אַרויסגערופן צווישן די יידן די גרעסטע אויפרעגונג. דער סוף איז געווען, אז עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פון יידישן העלד בר־כוכבא. די שלאַכטן זענען געווען בלוטיקע, דאָס איז די מלחמה אין דער יידישער געשיכטע, וואָס איז באַקאַנט מיט דעם נאָמען „חורבן ביתר". אין דער גמרא גיטין נ"ו ווערן דערציילט שוידערלעכע איינצלהייטן פון דער מלחמת־ביתר. אין מדרש איכה אויפן פסוק „על אלה אני בוכיה" ווערן דערציילט סיפּורים וועגן דער אכזריות, מיט וועלכער אדרינוס האָט געלאָזט דערמאָרדן יידן. אדרינוס האָט דעמאָלט אויך אַרויסגעגעבן די גזירות (טייל געלערנטע זאָגן, אז דאָס איז געווען פריער), נישט צו לערנען קיין תורה, נישט מלזיין די קינדער און נישט אָפּהיטן שבת (מעילה י"ג), דעמאָלט זענען אויך אומ־

געקומען די גרעסטע יידישע תנאים רבי עקיבא און רבי חנניא בן תרדיון און אנדערע תנאים פון די „עשרה הרוגי מלכו“, די שרעקלעכע גזירות זענען בטל געווארן און אין ארץ־ישראל איז לייכטער געווארן ווען אדרינוס איז געשטארבן (אין שרעקלעכע יסורים) אין יאר 138, און אויף זיין ארט איז געווארן קייזער אין רוים אנטאנינוס פיוס, וועלכער האט געהאט א גוטע באציאונג צו יידן. אין דער גמרא און מדרש ווערט אדרינוס גאנץ אפט דערמאנט אויך מיט דער קללה „שחיק טמיא“ (זיינע ביינער זאלן צעריבן ווערן) און אויך „אדרינוס הרשע“. וועגן דער מלחמה פון ביתר זע ביי די זוכווערטער „ביתר“, „בר־כוכבא“, „עשרה הרוגי מלכות“.

אדרת זע „שלמה בן אברהם אדרת, רשבא“.

אהבה אויף העברעאיש „ליבע“. א באזונדערע באדייטונג האט אין דער יידישער רעליגיע די ליבע צו גאט, „אהבת השם“. עס איז איינע פון די העכסטע אידעאלן אין דער יידישער רעליגיע, אז מען זאל דינען גאט נישט אזוי פיל פון יראה, פון מורא האבן פאר דער שטראף, נאר פון אהבה, פון ליבשאפט צו גאט. דער פסוק אין חומש דברים ו׳ „ואהבת את ה׳ אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך (און דו זאלסט ליב האבן דיין גאט מיט דיין הארץ און דער גאנצער נשמה) איז אנערקענט געווארן אלס אזוי וויכטיק, אז דאס איז אנגענומען געווארן אלס הויפט־טייל פון קריאת־שמע. אין ספרי דברים ל״ז ווערט געזאגט, אז עס איז נישט גלייך ווען איינער טוט א מצוה פון „יראה“ (מורא, ער זאל נישט באשטראפט ווערן), צו איינעם וואס טוט די מצוה פון „אהבה“. — אויך די יידישע רעליגיעזע פילאזאפן פון מיטלאלטער, און ספעציעל רבי בחיי אבן פקודה אין זיין ספר „חובת הלבבות“ האבן אונטערגעשטראכן און פארטיפט דעם אידעאל פון דינען גאט פון „אהבה“. אויך די מקובלים האבן געשאפן א גאנצע שיטה וועגן אהבה און אין זוהר (בראשית מ״ד) ווערט גערעדט וועגן „היכלא דרחימתא“, דאס הייסט דער היכל פון אהבה, וואס איז פאראן אין הימל. — אין די אלטע יידישע רעליגיעזע ספרים ווערט גערעדט נישט נאר וועגן דער אהבה פון יידן צו גאט, נאר אויך וועגן דער אהבה פון גאט צו יידן. דער יידישער פילאזאף פילאן פון אלעקסאנדריע (געלעבט אין לעצטן יארהונדערט פון צווייטן בית־המקדש) זאגט ארויס אין זיינע ווערק דעם געדאנק, אז די ליבע פון גאט צו יידן איז אן „אבסאלוטע“, דאס הייסט זי איז נישט אפהענגיק פון דעם צי יידן היטן יא אפ די תורה צי נישט. ער שטיצט זיך אויף דעם פסוק אין חומש דברים ז׳ „לא מרבכם חשק ה׳ בכם, כי מאהבת ה׳ אתכם“, אז גאט האט אויסגעקליבן די יידן, נאר ווייל ער האט זיי ליב. דער דאזיקער געדאנק ווערט נאך טיפער און דייטלעכער אויסגעדריקט ביים נביא הושע ג׳ „כאהבת ה׳ את בני ישראל והם פנים אל אלהים אחרים“ (ווי גאט האט ליב די יידן אפילו דעמאלט ווען זיי ווענדן זיך צו פרעמדע אפגעטער). — אויך אין דאווענען אין סידור זענען אריינגענומען געווארן די ספעציעלע „אהבה“־תפילות פאר קריאת־שמע, וואס זייער הויפטמאטיוו איז די ברכה „הבוחר בעמו ישראל באהבה“ (אז גאט האט דערוויילט זיין פאלק ישראל מיט ליבע). דערצו זענען פאראן אויך די צוויי תפלות „אהבה רבה“ און „אהבת עולם“, צו די תפלות זענען אויך פארפאסט געווארן פיוטים צו טייל שבתים און ימים־טובים, וואס הייסן „אהבה“־

פיוטים. — מיט „אהבת ישראל" ווערט באצייכנט די ליבע פון איין ייד צום צווייטן. וועגן ליבע צו מענטשן בכלל איז פאראן דער באקאנטער פסוק „ואהבת לרעך כמוך" (ויקרא י"ט), און רבי עקיבא זאגט אין „תורת כהנים" אז דאס איז א „כלל גדול" אין דער תורה. הלל האט דעם דאזיקן פרינציפ אויסגעדריקט אין א נעגאטיווער פארם: „דעלך סני לחברך לא תעביד" (וואס דו האסט פיינט זאלסטו ניט טאן צו קיין אנדערן), באמערקענדיק דערביי, אז „זו היא כל התורה כולה" (שבת ל').

אהוד שופט ביי יידן אין ארץ־ישראל; וועגן אים ווערט דערציילט אין ספר שופטים ג' איינע פון די עלטסטע יידי־שע העלדן־עפאפייען. לויט דער דאזי־קער דערציילונג האט דעמאלט עגלון, דער קעניג פון מואב, באזיגט די יידן און זיי שטארק געדריקט. די יידן האבן געמוזט צאלן צום קעניג פון מואב מתנות. אהוד האט באשלאסן צו בא־פרייען דאס לאנד. ער האט באהאלטן א שארפע שווערד אונטער זיין מאנטל און איז געקומען מיט א מתנה פון די יידן, און נאכדעם ווי ער האט דעם קע־ניג געגעבן די מתנה האט ער אים גע־זאגט, אז ער האט מיט אים צו רעדן א געהיימע זאך. דער קיניג פון מואב איז ארויסגעגאנגען מיט אהוד אין א באזונדער צימער. דעמאלט האט אהוד, וועלכער איז געווען א געלינקטער, ארויס־געכאפט מיט זיין לינקער האנט די שווערד און דערשטאכן דעם קעניג פון מואב און איז ארויס פון צימער און פארמאכט די טיר. אהוד איז שנעל אריין קיין ארץ־ישראל און צונויפגעזאמלט די יידן און אנגעפאלן אויף מואב, וועלכע איז נישט געווען צוגעגרייט צו א מלחמה צוליב דעם פלוצימדיקן טויט פון זייער קעניג. אהוד האט באזיגט מואב און בא־פרייט די יידן. פון דעמאלט אן, שרייבט דער ספר שופטים, איז דאס לאנד שטיל געווארען אויף 80 יאר.

אהלות מסכת משניות און תוספתא פון סדר טהרות, האט 18 פרקים. אין דער תוספתא הייסט זי אויך „אהילות". אין דער גמרא עירובין ווערט געזאגט „מאן תנא אהילות רבי יוסי", אז דער תנא רבי יוסי איז געווען דער צוזאמענ־שטעלער פון די משניות „אהלות". די דאזיקע משניות באהאנדלען די פראגן וועגן אן אהל, דאס הייסט א דאך, וואס באדעקט א מת (טויטן קערפער) צוזא־מען מיט טהור זאכן, און וואס דורכדעם ווערן אויך די טהור־זאכן טמא. אין די אלטע צייטן האבן די הלכות פון אהלות זיך גערעכנט פאר זייער שווערע (חגיגה י"ד „נגעים ואהלות"). קיין גמרא איז צו דער דאזיקער מסכתא, ווי בכלל צו גאנץ סדר טהרות, נישט פאראן.

אהרן, כהן גדול, ברודער פון משה רבנו. אהרן הכהן פארנעמט אין חומש, אין דער געשיכטע פון יציאת מצרים און דערנאך פון דער וואנדערונג אין דער מדבר, דעם גרעסטן ארט נאך משה רבנו. אין חומש שמות ז' פסוק ז' ווערט דערציילט, אז אהרן איז עלטער געווען פון משה רבנו מיט דריי יאר. אהרן איז געווען דער זון פון עמרם און זיין ווייב יוכבד. אהרן איז געגאנגען צוזאמען מיט משה צו פרעה מלך מצרים כדי איהם אויפצופא־דערן אין נאמען פון גאט אז ער זאל ארויסלאזן די יידן פון מצרים. צוליב דעם, וואס משה איז געווען א כבד פה איז אהרן געווען דער „פה", דער רעד־נער פאר פרעה (חומש שמות ד'). — אין חומש ווערט אויך דערציילט דער גרויסער חטא, וואס אהרן איז באגאנגען, נעמלעך, דעם חטא פון „עגל הזהב". ווען משה רבנו האט זיך געזוימט אויפן בארג

סיני צו נעמען די לוחות, דערציילט דער חומש אין שמות ל"ב, אז דעמאלט איז דאס פאלק געקומען צו אהרן אז ער זאל זיי באשאפן דעם „עגל הזהב", וואס זאל זיי זיין פאר אן אפגאט, און אהרן האט זיי דעם עגל הזהב געמאכט. — אהרן איז געווען כהן גדול, און זיינע קינדער און אלע וואס שטאמען פון זיי זענען באשטימט געווארן אלס כהנים (שמות כ"ח). ווען קרח און זיינע אנהענגער זענען ארויסגעטראטן קעגן אהרן, פארוואס ער זאל זיין כהן גדול, האט די ערד איינגעשלונגען קרחן און זיינע אנהענגער (במדבר ט"ז), און אלס צייכן, אז אהרן איז דער ריכטיקער כהן ווערט דערציילט אין חומש במדבר י"ג, אז דער „מטה אהרן", דער שטעקן פון אהרן, האט אויפגעבליט. אהרן איז געשטארבן דעם ערשטן טאג אין חודש אב (פינפטן חודש) אין עלטער פון 123 יאר אין „הר ההר" (במדבר ל"א). אין אן אנדערע שטעלע אין חומש (דברים י') ווערט דערציילט, אז אהרן איז געשטארבן אין מוסרה. — אין די שפעטערדיקע צייטן. פון דער משנה און דער גמרא איז אהרן הכהן כאראקטעריזירט געווארן אלס דער סימבאל פון רודף שלום צווישן מענטשן. הלל הנשיא זאגט אין „פרק אבות" פרק א' „הוה מתלמידיו של אהרן, אוהב שלום ורודף שלום, אוהב את הבריות ומקרבן לתורה" (זיי פון די תלמידים פון אהרן. האב ליב דעם שלום, און יאג נאך דעם שלום, האב ליב מענטשן און זיי מקרב זיי צו דער תורה). — וועגן דעם טויט פון אהרן הכהן איז פאראן א ספעציעלער „מדרש אהרן" מיט פארשידענע אגדות (ארויסגעגעבן אין „מדרשים קטנים" דורך „מוריה" אדעס, תרע"ט). — זע זוכווארט „כהן, כהנים".

אהרן פון בבל לעגענדארע פערזאן אין דער געשיכטע פון אנטשטייאונג פון דער קבלה און יידישער מיסטיק. עס ווערט געבראכט אין ספר „מצרף לחכמה" פון געלערנטן יש"ר פון קאנדיע אין נאמען פון מקובל פון 12טן יארהונדערט רבי אלעזר פון גרמיזא מחבר פון ספר „רקח", אז אין ענדע פון 9טן יארהונדערט איז געקומען קיין אייראפע פון בבל א געוויסער „אהרן פון באגדאד", דער זון פון נשיא פון בבל „שמואל", און ער האט איבערגעגעבן די רבנים אין אייראפע קבלה־סודות. אויך אין א אלטן מחזור פון 14טן יארהונדערט האט מען געפונען דערמאנט דעם דאזיקן נאמען פון ר' אהרן פון בבל. עס ווערט דערציילט, אז ער האט געבראכט אויך די „סודות", וואס מען דארף מכוון זיין ביים דאווענען. — טייל יידישע געלערנטע, ווי צונץ, האבן געהאלטן, אז דער גאנצער סיפור וועגן רבי אהרן איז אן אויסגעטראכטע לעגענדע, וואס די שפעטערדיקע מקובלים האבן ספעציעל דערפינדן, כדי אזוי ארום צו באווייזן, אז די קבלה איז זעהר אלט און שטאמט פון בבל, וואו עס זענען געווען טראדיציעס פון די צייטן פון דער גמרא. אבער שפעטער ווען מען האט געפונען די „מגילת אחימעץ", וואס שטאמט פון יאר 1054, האט מען געזען, אז דער אחימעץ דערציילט אויך די געשיכטע פון דעם גרויסן חכם „אהרן פון באגדאד" (ער רופט אים „אבו אהרן"), וועלכער איז געקומען פון בבל און האט זיך באזעצט אין איטאליע, און אומעטום וואו ער איז געקומען האט ער באוויזן מופתים. יעדנפאלס, די געלערנטע היסטאריקער האלטן, אז רבי אהרן האט יא עקזיסטירט. די באדייטונג פון דער פעסטשטעלונג, אז אהרן פון באגדאד האט ווירקליך געבראכט מיט זיך די קבלה־לערע פון בבל קיין אייראפע, איז פאר דער געשיכטע פון דער קבלה זייער גרויס.

עס באַוויַיזט, אַז די קבלה איז ווירקלעך אַ לערע, וואָס האָט עקזיסטירט געהיים ביי יידן שוין אין באַדייטנד פריערדיקע צייטן. וועגן „אהרן פון באַגדאַד'' ווערט דערציילט, אַז ער איז איינמאָל מיט אַ שיף אַוועק צוריק פון אייראָפּע קיין בבל און זיך מער נישט באַוויזן.

אהרן הלוי פון באַרצעלאָנאַ, מחבר פון ספר „החינוך'', געלעבט אין שפּאַניע אין דער שטאָט באַרצעלאָנאַ צום סוף פון 13טן און אין אָנהויב פון 14טן יאָרהונדערט. וועגן דעם דאָזיקן באַרימטן יידישן פּוסק איז אונדז זייער ווייניק באַקאַנט. מען ווייסט אפילו נישט גאַנץ גענוי ווי ער האָט געהייסן. מען נעמט אָן, אַז ער האָט געהייסן „אהרן'', ווייל עס איז פאַראַן דערצו אַ רמז אין ספר החינוך אין אָנהויב פרשת תרומה. אין אַלטע יידישע ספרים ווערט גאָר אָנגעגעבן, אַז ער האָט געהייסן „ברוך''. דער ספר „החינוך'' איז דערשינען אינגאַנצן אָן דעם נאָמען פון מחבר, און נאָר אין דער הקדמה זאָגט וועגן זיך דער מחבר, אַז ער איז „הדל באלפי, איש יהודי מבית לוי ברצלוני''. דער ספר „החינוך'' אַנטהאַלט די תרי''ג מצוות פון דער תורה צונויפגעשטעלט לויט די סדרות פון חומש. ביי יעדער מצוה גיט דער „חינוך'' די הויפּט־דינים וואָס האָבן מיט דער מצוה אַ שייכות. דער חינוך באַמיט זיך צו געפינען אין פיל מצוות זייער מאָראַליש־עטישע זייט. אַזוי למשל ביי דער מצוה „לא תחסום שור בדישו'' (דו זאָלסט נישט פאַרמאַכן דאָס מויל פון אָקס ווען ער דרעשעט תבואה), זאָגט דער „חינוך'', אַז דער טעם איז „ללמד עצמנו להיות נפשנו נפש יפה רודפת אחר החסד והחמלה'' (צו לערנען, אונדז אַז אונדזער נשמה זאָל זיין שיין, דורכגעדרונגען מיט רחמנות), און אַז דאַדורך וואָס מיר געוואוינען זיך צו טאָן חסד מיט בהמות, וועלן מיר געוואוינט ווערן צו באַציען זיך גוט צו מענטשן, „וזה הדרך ראויה ילכו בה עם הקדש הנבחר'' (און דאָס איז דער וועג, וואָס איז געפּאַסט פאַר דעם הייליקן פאָלק). דער „חינוך'' איז אָנגענומען געוואָרן אין דער לומדישער וועלט אַלס פּוסק, און עס זענען צו אים צוגעשריבן געוואָרן הגהות פון גרויסע רבנים (פון מחבר פון „משנה למלך'' רבי יהודה ראָזאַנעס, און פון רבי ישעיה פּיק). אין דער לומדישער וועלט איז אויך באַקאַנט דאָס פּלפּול־ספר „מנחת חינוך'' פון רבי יוסף באַבאַד פון טאַרנאָפּאָל, געדרוקט 1868, לעמבערג, וואָס איז געשריבן געוואָרן צום „חינוך''.

אהרן בן יוסף הלוי (רא''ה), רב, מחבר, למדן, דענקער און פּוסק, אין 13טן יאָרהונדערט אין שפּאַניע; זיינע הלכות זענען אָנגענומען דורך די רבנים און ווערן אָפט געבראַכט אין די ספרים פון די שפּעטערדיקע פּוסקים. דער רא''ה רעכנט זיך פון די „ראשונים''. דער רא''ה איז געבוירן געוואָרן לערך דעם יאָר 1260 אין שפּאַניע. די פאַמיליע פון רא''ה האָט געהערט צו די יחוסדיקע, און זיין עלטער־עלטער־זיידע איז געווען רבי זרחיה, דער מחבר פון ספר „המאור''. דער רא''ה איז געווען אַ תלמיד פון רבנו משה בן נחמן (דער רמב''ן). אין יאָר 1285 זאָל דער רא''ה האָבן געווען רב אין דער שטאָט סאַראַגאָסאַ (זיכער איז עס נישט). שפּעטער (אין יאָר 1291) געפינען מיר דעם רא''ה אין טאָלעדאָ. דער רא''ה האָט מחבר געווען פירושים אויף דער גמרא; אַמייסטן איז באַרימט דער רא''ה דורך זיין ספר „בדק הבית'' וואָס ער האָט אָנגעשריבן אַלס קריטיק און השגות צום הלכה־ספר „תורת־הבית'' פון רבי שלמה בן אדרת (רשב''א). דער רשב''א איז געווען אַ חבר פון רא''ה.

דער רשב״א האט איהם אפגעענטפערט אין זיין ספר „משמרת הבית״. — טייל האבן געוואלט האבן אז דער רא״ה האט אויך מחבר געווען דעם ספר „החינוך״, אבער דאס איז נישט ריכטיק. דער רא״ה איז געשטארבן לערך דעם יאר 1303.

אהרן בן יעקב הכהן פוסק, געלעבט אין ענדע פון 13טן און אנהויב פון 14טן יארהונדערט. באקאנט מיט זיין ספר „ארחות חיים״. רבי אהרן האט געלעבט אין דרום־פראנקרייך אין נארבאנא (נרבונא), און ער איז פארטריבן געווארן פון פראנקרייך צוזאמען מיט אלע יידן אין דער צייט פון גירוש אין יאר 1306. נאכער האט ער געוואוינט אין שפאניע אויף דעם אינזל מאיארקא. דארט האט ער מחבר געווען זיין ספר „ארחת חיים״, א זאמלונג פון הלכות און דינים און אויך פארשידענע יידישע מנהגים אין פיל לענדער. דאס ספר האט א גרויסן ווערט פאר דער פארשונג פון די יידישע מנהגים אין די עלטערע צייטן. זייער באקאנט איז געווארן דער קיצור, וואס איז געמאכט געווארן פון ארחות חיים און וואס איז דערשינען מיטן נאמען „כל בו״ (אלץ איז אין אים). דער ביבליאגראף בן יעקב אין זיין „אוצר הספרים״ מיינט, אז אויך דעם „כל בו״ האט מחבר געווען רבי אהרן הכהן; אבער עס איז באוויזן געווארן, אז דער דאזיקער קיצור איז געמאכט געווארן דורך אן אנדערן.

אהרן בן משה בן אשר בארימטער בעל־מסורה, פעסטשטעלער פון תנ״ך־טעקסט, געלעבט אין ארץ־ישראל, אין טבריה, אין 10טן יארהונדערט, ער איז אויך באקאנט מיטן נאמען „בן אשר״. דער רמב״ם אין זיין ספר „יד החזקה״ הלכות ספר תורה ברענגט אז אין זיין פעסטשטעלן די פרשיות פון דער תורה האט ער זיך געשטיצט אויף דער „באקאנטער ספר תורה אין מצרים״ (הספר הידוע במצרים) וואס עס האט מגיה געווען בן אשר. עס איז פאראן א מיינונג, **אז דער חומש** כתב־יד וואס געפינט זיך אין אלעפא אין סיריע, שטאמט אויך פון דאזיקן בן אשר, און דאס זאל זיין דער „ספר הידוע״, וואס דער רמב״ם ברענגט. — די מיינונג פון טייל געלערנטע, אז בן אשר איז געווען א קאראאימער איז נישט קיין ריכטיקע.

אהרן קארלינער רבי, פון די ערשטע חסידישע רביים באלד נאך רבי ישראל בעל־שם־טוב. געבוירן אין יאר תצ״ו (1736) און געשטארבן יונג, אין יאר תקל״ב (1772), אין עלטער פון 36 יאר. רבי אהרן איז געווען דער ערשטער רבי אין ליטע. אויף זיין נאמען האט מען דעריבער גערופן די חסידים אין ליטע די „קארלינער״. אינם ספר „זמיר עריצים״ וואס איז דערשינען אין אלעקסניץ, יאר תקל״ב קעגן חסידות, ווערט דאס ערשטע חסידישע שטיבל וואס איז געגרינדעט געווארן אין צענטרום פון די מתנגדים, אנגערופן מיטן נאמען „המניז של קארלינער״ (דער מנין פון די קארלינער). פון רבי אהרן קארלינער זענען פאראן חסידישע ווערטער. רבי אהרן קארלינער האט אויך מחבר געווען א זמר צו שבת, וואס ווערט געזונגען מיט א ספעציעלן ניגון; דער זמר הויבט זיך אן מיט די ווערטער: „יה אכסוף נועם שבת״ (גאט, איך בענק צו דער זיסקייט פון שבת). אין זיין צוואה האט ער געבעטן, אז מען זאל נישט שרייבן אויף זיין קבר קיינע טיטלען. — פון רבי אהרן שטאמען־אפ די רביים וואס געהערן צו דער קארלינער דינאסטיע.

אהרן שמואל קוידאַנאָווער

רב, אין 17טן יאָרהונדערט, באַקאַנט אין דער לומדישער וועלט דורך זיין ספר „ברכת הזבח“, א פירוש אויף די שווערע מסכתות פון דער גמרא אין סדר קדשים. רבי אהרן שמואל, וואָס איז אויך באַקאַנט אין די ספרים מיטן נאָמען „מהרש״ק“ (מורנו הרב רבי שמואל קיידאַנאָווער) איז געבוירן געוואָרן לערך 1614 אין קוידאַנאָוו, נישט ווייט פון מינסק; אַלס יונגערמאַן אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין ביאַלע (לעבן בריסק). אין יאָר 1648 בעת די גזרת ת״ח, די קאָזאַקן־שחיטות אויף יידן, ווען די קאָזאַקן־מחנות האָבן זיך דערנענטערט קיין ביאַלע איז רבי אהרן שמואל פון דאָרט אַנטלאָפן קיין ווילנע, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן אַלס דיין אין ראַבינאַט. אין יאָר תכ״ה (1665) ווען דאָס רוסישע מיליטער און די קאָזאַקן זענען אַריין קיין ווילנע, איז רבי אהרן שמואל צוערשט אַנטלאָפן אין א קליין שטעטל קוראָוו ביי לובלין אָבער אויך דאָרט זענען אָנגעקומען די קאָזאַקן, און צוויי קינדער פון רבי אהרן שמואל זענען אומגעקומען אין דער שחיטה. פון דאָרט איז רבי שמואל ווייטער אַנטלאָפן קיין עסטרייך און דייטשלאַנד; נאָך פיל וואַנדערונגען איז ער אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין דייטשלאַנד אין פירט, דערנאָך איז ער געווען רב ווידער אין פוילן אין דער שטאָט רישא (זשעשאָוו), נאָכער אין גלאָגאָוו, בריסק, פראַנקפורט דמיין, צום סוף אין קראָקע, און ער איז געשטאָרבן אין דער שטאָט כמיעלניק אין יאָר תל״ו (1676), ווען ער איז דאָרט אהינגעקומען צו אַן אסיפה פון „ועד ארבע ארצות“. — אין דער הקדמה צום ספר „ברכת הזבח“, גיט איבער רבי אהרן שמואל ווערטפולע איינצלהייטן איבער די שחיטות אין יענע צייטן. זייער וויכטיג איז אויך זיין ספר שאלות ותשובות „אמונת שמואל“ (געדרוקט פראַנקפורט דמיין 1683), וואו עס ווערן באַהאַנדלט פיל שאלות פון עגונות, וואָס זייערע מענער זענען פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער צייט פון די שחיטות. אויך דאָ געפינען מיר פיל וויכטיקע היסטאָרישע איינצלהייטן וועגן יענער צייט. רבי אהרן שמואל קוידאַנאָווער האָט מחבר געווען נאָך אַנדערע ספרים ווי „ברכת שמואל“ דרשות אויף תורה (אין דער הקדמה פון זיין זון ווערט דערציילט די טרויעריקע ביאָגראַפיע פון מחבר), ווי אויך „תפארת שמואל“ און אַנדערע. — רבי אהרן שמואל׳ס זון איז געווען רבי הירש קוידאַנאָווער, מחבר פון פּאָפּולערן מוסר־ספר „קב הישר“ אויף העברעאיש און יידיש; וועגן אים זע „הירש קוידאַנאָווער“.

אוב, ידעוני

(נעמען פון כשוף־מאַכער, אין די תנ״ך־צייטן). אין תנ״ך געפינען מיר אין פיל ערטער, אז אויך ביי יידן זענען געווען כשוף־מאַכער, וואָס מען האָט גערופן „אוב“ און „ידעוני“. אין חומש ויקרא כ׳ ווערט געזאָגט, אז פאַר טאָן דעם כשוף פון „אוב און ידעוני“ קומט טויט־שטראָף דורך פאַרשטיינען. — אין חומש דברים י״ח ווערט צוזאַמען דערמאָנט „אוב וידעוני ודורש אל המתים“ (אוב און ידעוני און ווער עס פאָרשט ביי טויטע). דערפון איז צו זען, אז דער כשוף פון „אוב“ האָט געהאַט א שייכות מיט געוואויר ווערן צוקונפטס זאַכן דורך אַרויסרופן גייסטער פון טויטע און פרעגן זיך ביי זיי. דאָס דאָזיקע איז נאָך קלאָרער און זיכערער פון דעם באַקאַנטן ספור המעשה, וואָס ווערט דערציילט אין ספר שמואל א׳ קאַפיטל כ״ח, אז ווען שאול המלך האָט געהאַלטן ערב דער מלחמה מיט זיינע פיינט די פלשתים, איז ער געגאַנגען פרעגן ביי א

„בעלת אוב‘‘, א „אוב‘‘־כשוף־מאכערן אין „עין דור‘‘, און זי האָט אים „ארויפגעבראכט‘‘ שמואל הנביא, וועלכער איז שוין געווען געשטאָרבן, און שמואל האָט אים אָנגעזאָגט די טרויעריקע נביאות, אז שאול וועט פאַלן אין דער מלחמה.

אוגאַנדאַ לאַנד אין מזרח־אפריקע, אונטער דער הערשאפט פון ענגלאנד. אין לאַנד וואוינען ביי 4 מיליאָן נעגערס און ביי 10 טויזנט אייראָפּעער. דער שטח פון אוגאנדא איז ביי 400 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער.—אין יאָר 1903 האָט די ענגלישע רעגירונג פאָרגעלייגט דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אז יידן זאָלן זיך באַזעצן אין אוגאַנדא און דאָרט גרינדן אַ יידיש לאַנד. דאָס האָט אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דעמאָלט ארויסגערופן אַ גרויסן שטורעם און חלוקי־דעות. דער דעמאָלטיקער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דר. טעאָדאָר הערצל ווי אויך טייל אַנדערע פירער האָבן געהאַלטן, אז מען דאַרף אָנעמען דעם אוגאַנדאַ פאָרשלאָג. אָבער אַ ריי אַנדערע ציוניסטישע פירער זענען שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן דעם אוגאנדא־פאָרשלאָג. די דאָזיקע פראגע האָט צעטיילט דעם ציוניסטישן לאַגער אין צוויי טיילן, אין די „יאָ־זאָגער‘‘ און „ניין־זאָגער‘‘. אין מיטן דעם שטורעם איז דר. הערצל געשטאָרבן (יאָר 1904).; אויפן 7טן קאָנגרעס אין יאָר 1905 האָט דער אוגאנדא - אָנהענגער, הערצלס פריינט, דער יידיש־ענגלישער שריפטשטעלער ישראל זאנגוויל, נאָכאַמאָל באַנייט דעם אוגאנדא־פאָרשלאָג. דער קאָנגרעס האָט אים אָפּגעוואָרפן.

אוהל נאָמען פון אַ העבּרעאישער טעאָטער־סטודיע, געגרינדעט 1925 אין ארץ־ישראל, אין תל אביב, ביי דער יידישער אַרבּייטער - אָרגאַניזאַציע („הסתדרות העובדים‘‘).

אוהל (דער אַרומגעבויטער קבר פון אַ חסידישן רבּי). ביי חסידים איז אַ מנהג אַז ווען אַ רבּי שטאַרבּט בויט מען אויף זיין קבר אַ שטוב, און דאָס הייסט דער „אוהל‘‘. דאָרט אהין קומט מען מתפּלל זיין און מען לייגט אַנידער „קוויטלעך‘‘ מיט בּקשות. אין „אוהל‘‘ ווערט געברענט אַ נר תמיד, בּוימל מיט אַ קנויטל אָדער ליכט. אַמייסטן ווערט דער „אוהל‘‘ באַזוכט אין יאָרצייט פון רבּי, ווי אויך אין די טעג צווישן ראש השנה און יום־כּפּור. אָבער אויך אַ גאַנץ יאָר, אויב עס טרעפט זיך ביי איינעם אַ שלאָפקייט צי אַן אַנדער אומגליק, גייט מען צום אוהל מתפּלל זיין. דער „אוהל‘‘ ווערט גערופן אויפן נאָמען פון רבּי, ווי למשל „דער אוהל פון בּעל־שם‘‘, „דער אוהל פון רבּי נחמן בּראַסלאַווער‘‘.

אַוויצענאַ (אין די אַלטע העבּרעאישע ספרים ווערט ער דערמאָנט מיט זיין אַראַבּישן נאָמען אבן סינא). אַראַבּישער דאָקטאָר און פילאָזאָף, אַ מאַכמעדאַנער, געבּוירן אין יאָר 980 אין בּוכאַרא און געשטאָרבּן אין יאָר 1037 אין האַמאַדאַן (פּערסיע). ער האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף אַ סך יידישע פילאָזאָפן אין מיטלאַלטער ווי למשל אויף רבּי יהודה הלוי, מחבר פון „כוזרי‘‘, „ראב‘‘ד דעם ערשטן‘‘ און אין אַ געוויסער מאָס אויך אויפן רמבּ‘‘ם. פּראָפעסאָר דוד ניימאַרק וויל האָבּן, אַז געוויסע מיסטישע בּיכער פון אַוויצענאַ האָבּן געהאַט אַן איינפלוס אויף די מקובּלים. דאָס בּאַרימטסטע בּוך פון אַוויצענאַ איז זיין מעדיצינישער „קאַנאָן‘‘; טיילן פון אים זענען דערשינען אין העבּרעאיש.

אווערָאָעס (דער דאָזיקער בּאַרימטער פילאָזאָף ווערט דערמאָנט אין די אַלטע

העברעאישע ספרים מיט זיין אראבישן נאמען „אבן רשד“). איינער פון די גרעסטע אראבישע פילאזאפן, געבוירן 1126 אין שפאניע, און געשטארבן 1198. זיין הויפט־ארבעט באשטייט אין זיינע פירושים צו די ווערק פון אלטן גריכישן פילאזאף אריסטאטל. אווערואעס האט געהאט א גרויסן איינפלוס אויף די יידישע פילאזאפן פון מיטלאלטער, וועלכע האבן אים גערופן „החכם הגדול“ (דער גרויסער געלערנטער). כמעט אלע זיינע ביכער זענען איבערגעזעצט געווארן אין העברעאיש. דער רמב"ם שרייבט אין א בריוו וועגן אווערואעס און זיין פילאזאפישער שיטה „וראיתי שהוא כיון אל האמת בדיוק גדול“ (און איך האב געזען אז ער האט צוגעטראפן צום אמת מיט דער גרעסטער פינקטלעכקייט).

אוזידה שמואל מקובל און מאראליסט אין דער 2טער העלפט פון 16טן יארהונדערט; דערצויגן געווארן צווישן די חכמים פון דער שטאט צפת אין ארץ־ישראל; געלערנט א געוויסע צייט קבלה ביי רבי יצחק לוריא (אר"י) און ביי רבי חיים וויטאל. — רבי שמואל אוזידה (ער שרייבט זיין פאמיליע־נאמען „די אוזידה“) האט געשריבן עטלעכע ספרים. אבער זיין וויכטיקסטער ספר איז דער פירוש אויף פרקי אבות מיטן נאמען „מדרש שמואל“. ער האט דא צונויפגענומען זייער פיל אלטע פירושים אויף פרקי אבות פון רמב"ם, רבנו יונה, דעם מאירי, רבי יוסף אבן שושן, רבי יוסף יעבץ, אברבנאל און אנדערע, וואס פיל פון זיי זענען פארלוירן געגאנגען, און זיי זענען געבליבן נאר אין ספר „מדרש שמואל“. דער מחבר אליין האט צו די אלע פירושים צוגעגעבן אויך זיינע אייגענע באמערקונגען.

אויבערשטער אין דער יידישער שפראך ווערט אנשטאט דאס ווארט „גאט“ באנוצט אמייסטן דאס ווארט „אויבערשטער“. דאס איז כדי מען זאל נישט ארויסברענגען דעם „שם שמים לבטלה“ (דעם נאמען פון גאט אומזיסט). דער טייטש פון דאזיקן ווארט איז: „דער וואס זיצט אויבן“, דאס הייסט אין הימל. אויך דאס ווארט „אויבן“ אלס חער הימל ווערט אפט באנוצט אין דער יידישער שפראך. דאס ווארט „אויבן“ אלס הימל איז די איבערזעצונג פון דעם העברעאישן ווארט „מרום“ אלס הימל; דאס ווארט „אויבערשטער“ אלס „גאט“ איז די איבערזעצונג פון ווארט „עליון“ אלס „גאט“. מיר געפינען אין חומש בראשית י"ד „והוא כהן לאל עליון“ (און ער איז א כהן צום אויבערשטן גאט). אין איכה ג' געפינען מיר אויך סתם: „מי זה אמר — מפי עליון לא תצא הרעות והטוב?“ (ווער האט עס געזאגט — אז פון מויל פון אויבערשטן, דאס הייסט גאט, גייען נישט ארויס די שלעכטע גזירות און דער גוטער גורל).

אויג אין דער יידישער רעליגיעזער עטיק ווערט דאס אויג פון מענטש באטראכט אלס איינער פון די הויפטגלידער, וואס ווירקן אויף די מעשים פון מענטש. אין חומש במדבר ט"ו ווערט אנגעזאגט: „ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם“ (איר זאלט זיך נישט לאזן פארפירן פון אייער הארץ און אייער אויג). אין פרקי אבות, פרק ב' ווערט אלס גוטע מדה באטראכט „עין טובה“, א גוט אויג. אין זעלבן פרקי אבות פרק ה' ווערט געזאגט: ווער איז פון די תלמידים פון אברהם אבינו? דער וואס האט „עין טובה“, א גוט אויג, דאס הייסט די מידה צו זיין פריינטלעך צום צווייטן מענטש, נישט מקנא זיין קיינעם, רחמנות האבן אויף דעם צווייטן מענטש. זע: „עין הרע“.

אויג פאַר אויג („עין תחת עין״). אין חומש שמות כ״א ווערט געזאָגט, אַז אויב איין מענטש שלאָגט דעם צווייטן מענטש און פאַרוואונדעט אים, זאָל די שטראָף זיין „עין תחת עין, שן תחת שן״, אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן. אין דער אַלגעמיינער רעכטס־וויסנשאַפט איז די דאָזיקע שטרענגע שטראָף באַקאַנט מיט דעם לאַטיינישן נאָמען „יוס טאַליאָניס״, דאָס הייסט, דאָס געזעץ אָפּצוצאָלן איינעם פּונקט מיט דעם זעלבן וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. — אָבער אין דער גמרא געפינען מיר, אַז הגם אין חומש שטייט בפירוש אַזאַ שטרענגע שטראָף, פונדעסטוועגן לערנט אונדז די „תורה שבעל פה״, אַז „עין תחת עין״ מיינט נישט, אַז מען זאָל דעם שלעגער אויך בלינד מאַכן אַן אויג, נאָר מען מיינט „ממון״, געלט, דאָס הייסט, אַז דער שלעגער דאַרף באַצאָלן דעם ווערט פון אויג. דאָס איז די גמרא בבא קמא פ״ג „עין תחת עין — ממון״. אין דער אַלטער היסטאָרישער כראָניק „מגילת תענית״ פ״ד, ווערט דערציילט אַז וועגן דעם איז געווען אַ חלוקי דעות צווישן די „פירושים״, וואָס האָבן געהאַלטן פון דער תורה שבעל פה, און די „ביתוסים״ (אַ גרופּע פון די „צדוקים״) וואָס האָבן זיך געהאַלטן נאָר ביים איינפאַכן טייטש פון פסוק און אַז די „ביתוסים״ האָבן געהאַלטן „סימא את עינו של חבירו יסמא את עינו״ (אויב ער האָט דעם צווייטן בלינד געמאַכט אַן אויג, זאָל מען אויך זיין אויג בלינד מאַכן); דער יידישער היסטאָריקער פון סוף 2טן בית המקדש יוסף פלאַוויוס שרייבט אין בוך „אַלטערטימער״ 64, 8, אַז די געריכטן פלעגן זיך נוהג זיין אָדער „אויג פאַר אויג״ אָדער געלט. דער יידישער פילאָזאָף פון אַלעקסאַנדריע פון דער זעלבער צייט פילאָן טייטשט אויך אַז „עין תחת עין״ מיינט מען איינפאַך „אויג פאַר אויג״. דאָס זעלבע טייטשן אויך די שומרונים און אויך די קאַראַאימער. ווי מיר זעען האָבן נאָר די חכמי התלמוד געהאַט דעם מילדערן טייטש, אַז דאָס מיינט מען נישט די שטרענגע באַשטראָפונג פון „אויג פאַר אויג״.

אויגוסטוס נאָמען פון רוימישן קייזער אָקטאַוויאַן אויגוסטוס, וועלכער האָט געהערשט איבער דער אַלטער רוימישער אימפּעריע און געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַלטער יידישער געשיכטע. אויגוסטוס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 63 פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, און איז געשטאָרבן אין יאָר 14 נאָך דעם אָנהויב פון דער קריסטלעכער צייט־רעכנונג. — אויגוסטוס האָט אין אָנהויב אַרויסגעוויזן אַ גוטע באַציאונג צו די יידן אין די פאַרשידענע לענדער, וואו זיי האָבן געוואוינט. דער אידישער קעניג הורדוס המלך האָט אַלס צייכן פון דאַנקבאַרקייט צום קייזער אויגוסטוס איבערגעבויט די שטאָט שומרון און איר אַ נאָמען געגעבן „סעבאַסטע״ (דאָס איז אַ גריכיש וואָרט און האָט די זעלבע באַדייטונג וואָס אויף לאַטייניש „אויגוסטוס״); אויסער דעם האָט ער לכבוד דעם קייזער אויפגעבויט אַ פּאָרט־שטאָט און איר אַ נאָמען געגעבן לכבוד דעם קייזער „צעזאַרעאַ״, און אין דער גמרא הייסט זי „קיסרין״. באַלד נאָך הורדוסעס טויט, האָט אויגוסטוס נאָך געפּרוּווט באַשטימען יידישע פירשטן פון הורדוסעס קינדער איבער ארץ ישראל אָבער זעענדיק, אַז קיין שטאַרקע הילף וועט ער פון זיי נישט האָבן, האָט אויגוסטוס אינגאַנצן אָפּגעשאַפט די יידישע זעלבסטשטענדיקייט פון ארץ־ישראל און האָט באַשטימט אַלס הערשער איבער דעם לאַנד אַ רוימישן פּראָקוראַטאָר, וואָס האָט געהאַט אַלס זיין רעזידענץ די דער־

מאָנטע שטאָט קיסרין. אין דער צייט
פון אויגוסטוס קייזער האָבן די יידן אין
ארץ־ישראל געפּרואווט מאַכן קלענערע
רעוואָלוציעס, כדי אָראָפּצואוואַרפן פון
זיך די רוימישע הערשאַפט. אָבער דאָס
רוימישע מיליטער וואָס אויגוסטוס האָט
געשיקט אונטער דער פירונג פון סאַבי־
ניוס און וואַרוס האָבן די אַלע אויפ־
שטאַנדן דערדריקט און געטויט פיל טוי־
זנטער יידן. — דעם נאָמען „אויגוסטוס”
אַלס רוימישער קייזער געפינען מיר אין
עטלעכע ערטער אין גמרא און מדרש.
אין ירושלמי ברכות ט׳ ווערט געזאָגט,
כאינש דאמר בסילאוס, קיסר, אגוסטוס”,
אַ שטייגער ווי מענטשן זאָגן: באַזילעאוס
(אויף גריכיש „קעניג”), קייזער, אויגו־
סטוס”. אין מדרש מגילת אסתר א׳
ווערט געזאָגט וועגן די מיליטערישע לע־
גיאָנען, אז „אין המלך נקרא אוגוסטוס,
עד שקורין אותו הם תחילה” (דער מלך
באַקומט נישט דעם טיטל אויגוסטוס,
כל זמן די לעגיאָנען רופן אים נישט אויס
אַלס קייזער).

אויטאָגראַף מיטן וואָרט „אויטאָ־
גראַף” רופט מען אָן די אייגענע האַנט־
שריפט פון אַ מענטש, דאָס הייסט, אַ
ספר אָדער אַ בריוו אָדער אַזוי אַ כתב
וואָס איז געשריבן געוואָרן מיט דער
האַנטשריפט פון מחבר. אין אַ ריי גרוי־
סע מוזעאומס און ביבליאָטעקן זענען פאַ־
ראַן זאַמלונגען פון אויטאָגראַפן, אייגענע
האַנטשריפטן פון קעניגן, שריפטשטעלער,
ווּיסנשאַפטסמענער, פּאָליטיקער. — אין
די לעצטע יאָרן האָט דער געלערנטער
דר. אברהם שוואַדראָן פון זלאָטשעוו
גאַליציע, געזאַמלט אידישע אויטאָגראַפן,
פון וויכטיקע יידישע פּערזענלעכקייטן,
רבנים, פילאָזאָפן, קהלות־פירער, מחברים,
שריפטשטעלער, געלערנטע פון פאַשידע־
נע וויסנשאַפטן, זשורנאַליסטן. שוואַד־
ראָן האָט די דאָזיקע גרויסע זאַמלונג
(ביי וועלכער עס איז אויך פאַראַן אַ
זאַמלונג פון בילדער און פאָטאָגראַפיעס)
אָוועקגעשענקט אין יאָר 1927 דעם אוני־
ניווערסיטעט אין ירושלים.

אויטאָדאַפע פּאָרטוגעזיש וואָרט און
באַשטייט פון דריי ווערטער „אויטאָ־דאַ־
פע”, וואָס זייער טייטש איז „דער אקט
פון דער אמונה”. מיט דעם וואָרט
„אויטאָדאַפע” האָט מען אין מיטלאַלטער
אָנגערופן יענעם פּלאַץ, וואו די אינקווי־
זיציע פלעגט אויספירן אירע שטראָפן,
אַמייסטן טויט־שטראָף דורך פאַרברע־
נען, אויף די פּערזאָנען וואָס זי האָט
פאַראורטיילט אַלס נישט געטרייע קריס־
טן, אַפּיקורסים, געהיימע יידן, אנוסים.
געוויינלעך פלעגט די אינקוויזיציע איינ־
אָרדנען דעם „אויטאָ־דע־פאַ” זונטיק
אָדער אין אַ אַנדערן קריסטלעכן יום־
טוב, ווען דער המון קריסטן איז פריי
פון דער אַרבעט און וועט קאָנען קומען
אין די מאַסן צום אויטאָדאַפע צו זען
ווי מען באַשטראָפט די אַלע אַפּיקורסים,
וואָס נייגען אָפּ פון דער קריסטלעכער
רעליגיע און באַזונדערס די אנוסים. —
זע „אינקוויזיציע” און „אנוסים”.

אויטאָנאָמיע דאָס וואָרט „אויטאָנאָ־
מיע” איז גריכיש, און דער טייטש איז
„זעלבסטהערשאַפט”, „זעלבסטפאַרוואַל־
טונג”. שוין אין די אַלטע צייטן אין
דער יידישער געשיכטע, ווען יידן זענען
דאָס ערשטע מאָל נאָכן חורבן פון ערשטן
בית המקדש פאַרטריבן געוואָרן אין גלות,
און האָבן זיך געפונען אונטער דער הער־
שאַפט פון פרעמדע מלוכות, איז צו באַ־
מערקן אין יידישן לעבן אין פאַרשידענע
לענדער אַ געוויסע „יידישע אויטאָנאָ־
מיע”, דאָס הייסט: הגם די יידן זענען
אין אַלע אַלגעמיינע ענינים געווען אונ־
טערגעוואָרפן אונטער דער הערשאַפט פון
פרעמדע, אָבער אין ספּעציעלע „יידישע

ענינים'', אין זאַכן וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו יידישער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער טעטיקייט, האָבן די יידן געהאַט אַן אייגענע פאַרוואַלטונג. טיילמאָל פלעגט די דאָזיקע יידישע אויטאָנאָמיע זיין זייער אַ ברייטע, און האָט אַרומגענומען זייער פיל ענינים, יידן האָבן אָנגעפירט מיט אַלע זייערע אינסטיטוציעס, געהאַט אייגענע געריכטן; און טיילמאָל איז די אויטאָנאָמיע געווען באַגרענעצט נאָר צו געוויסע רעליגיעזע ענינים. אין דער יידישער געשיכטע אונטערשיידט מען דעריבער צוויי סאָרטן „יידישע אויטאָנאָמיע'': 1) „נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע'', וואָס נעמט אַרום אַלע זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער נאַציאָנאַלער טעטיקייט פון אַ פאָלק; 2) „רעליגיעזע אויטאָנאָמיע'', וואָס נעמט אַרום נאָר די רעליגיעזע ענינים. — טייל געלערנטע היסטאָריקער זאָגן אַרויס זייער מיינונג, אַז שוין אין די גאָר אַלטע צייטן פון גלות בבל האָבן יידן געהאַט אַ ברייטע אויטאָנאָמיע אין אַ ריי לענדער, — אויסערהאַלב ארץ־ישראל, — וואו זיי האָבן דעמאָלט געוואוינט, און ספּעציעל אין בבל און מצרים. אין תנ''ך ספר יחזקאל י''ד און כ' געפינען מיר דערמאָנט, אַז אין שפּיץ פון די יידן אין בבל זענען געשטאַנען די „זקני ישראל'', און טייל היסטאָריקער מיינען, אַז דאָס זענען געווען די פירער פון יידישן פאָלק אין בבל. אויך אין מצרים האָבן דעמאָלט אין דער צייט נאָכן חורבן פון ערשטן בית המקדש, עקזיסטירט יידישע קהלות, וואָס האָבן געהאַט זייער בית־המקדש מיט אַ כהן גדול אין דער שטאָט יעב (דאָס היינטיקע עלעפאַנטינא). מיט עטלעכע הונדערט יאָר שפּעטער געפינען מיר אין בבל און מצרים ווי אויך אין אַ סך גרעסערע שטעט פון גריכנלאַנד גרויסע יידישע קהלות, שטאַרק אַנטוויקלט, מיט אַ ברייטער אויטאָנאָמיע. אין שפּיץ פון די יידישע קהלות שטייען קהלות־ראַטן (אויף גריכיש האָבן זיי געהייסן „געראָסיא''; דאָס זאָל זיין דער „חבר עיר'' וואָס ווערט דערמאָנט אין דער משנה ברכות ד'). אין דער שטאָט אַלעקסאַנדריע אין מצרים איז אין שפּיץ פון די יידן געשטאַנען אַן אייגענער יידישער הערשער מיטן טיטל „עטנאַרך''. אין בבל ווידער איז אין שפּיץ פון דער גאַנצער באַפעלקערונג געשטאַנען דער „ראש הגולה'', אָדער ווי ער הייסט אויך אין דער גמרא „ריש גלותא'' (דער קאָפּ פון גלות), וואָס האָט געהאַט דאָס רעכט צו באַשטימען ריכטער, נעמען שטייערן און איז געווען דער אויטאָנאָמישער הערשער פון יידן. אויך אין ארץ־ישראל, נאָכדעם ווי דאָס צווייטע בית המקדש איז חרוב געוואָרן און ארץ־ישראל איז אינגאַנצן אַרונטערגעפאַלן אונטער דער רוימישער הערשאַפט, האָבן די יידן געהאַט אַן אייגענע אויטאָנאָמיע אונטער דער פירונג פון „נשיא'' וואָס האָט געדויערט עטלעכע הונדערט יאָר. אין דער גמרא ווערן באַטראַכט דער „ריש גלותא'' אין בבל און דער „נשיא'' אין ארץ־ישראל אַלס די הערשער פון יידישן פאָלק, הגם די יידן האָבן פאַרלוירן זייער אייגענע מלוכה. די גמרא אין סנהדרין ה' זאָגט אויף דעם פּסוק פון חומש „לא יסור שבט מיהודה'' (עס וועט נישט אָפּגעטאָן ווערן די הערשאַפט פון יהודה), אַז דאָס מיינט מען די „ראשי גליות שבבל'' (די ריש גלותאס) און די „בני בניו של הלל'' (די אייניקלעך פון הלל הנשיא, וואָס זענען געווען די „נשיאים'' אין ארץ־ישראל). — שפּעטער אין די צייטן פון מיטלאַלטער און דערנאָך אין דער נייער צייט פון דער וועלט־געשיכטע, ווען יידן זענען צעשפּרייט געוואָרן איבער אַלע לענדער אין אייראָפּע, האָבן אויך די

יידישע קהלות אין שפּאַניע, איטאַליע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און שפּעטער אין פּוילן געהאַט טיילמאָל ברייטערע אויטאָנאָמיעס. אין שפּאַניע האָבן די יידישע קהלות אַ געוויסע צייט זאָגאָר געהאַט דאָס רעכט צו משפּטן טויט־שטראָף. עס זענען פון צייט צו צייט פאָרקומען צוזאַמענפאָרן פון די יידישע קהלות פאַרשטייער וואָס פלעגן באַשטימען געוויסע אַלגעמיינע געזעצן, תקנות, פאַר די יידישע קהלות און די אינערלעכע איינאָרדנונגען. באַקאַנט אין דער יידישער געשיכטע זענען די תקנות פון דייטשלאַנד פון יאָר 1223, וואָס זענען באַוואוסט מיטן נאָמען „תקנות שום" (די תקנות פון די דריי קהלות „שפּייער, וואָרמס, מאַינץ"). באַזונדערס שטאַרק איז געווען די יידישע אויטאָנאָמיע פון די קהלות אין פּוילן פון 16טן יאָרהונדערט אָן, וואו אַלע פּוילישע יידן זענען אָנגעפירט געוואָרן דורך אַן אייגענער פאַרוואַלטונג מיט דעם נאָמען „ועד ארבע ארצות" (די פאַרוואַלטונג פון די פיר לענדער, פּוילן איז דעמאָלט באַשטאַנען פון פיר לענדער). ערשט פון דער סאַמע נייעסטער צייט אָן, פון ענדע 18טן יאָרהונדערט און אין פאַרלויף פון 19טן יאָרהונדערט איז די אויטאָנאָמיע פון די יידישע קהלות געוואָרן שוואַכער, און איז גאָר צום סוף באַגרענעצט געוואָרן נאָר צו רעליגיעזע ענינים און נעמען נאָר אַרום אויך געוויסע צדקה־אַנשטאַלטן און רעליגיעזע שולן. — אין אָנהויב פון 20טן יאָרהונדערט האָבן זיך אין רוסלאַנד און עסטרייך געשאַפן יידישע באַוועגונגען אַז יידן זאָלן באַקומען „וועלטלעכע אויטאָנאָמיע". דער פּראָגראַם פון אַ יידישער אויטאָנאָמיע אין די גלות־לענדער איז אָנגענומען געוואָרן אויך דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין רוסלאַנד אין יאָר 1906 אויף דער העלזינגפאָרסער קאָנפערענץ", וואו עס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער אויטאָנאָמיע־פּלאַן „קעגנוואַרטס אַרבעט". אָבער ערשט נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד (יאָר 1917) אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה האָט מען אין טייל לענדער, וואָס האָבן געהערט צו רוסלאַנד געפאָדערט איינצופירן יידישע אויטאָנאָמיע. צוערשט האָט מען עס איינגעפירט אין אוקראַינע, וואו עס האָט אַ קורצע צייט ביז יאָר 1919 עקזיסטירט זאָגאָר אַ יידיש מיניסטעריום. נאָכער האָט מען עס איינגעפירט אין ליטע. אָבער באַלד זענען די אַלע אידישע אויטאָנאָמיעס פאַרשוואונדן. — אַ ברייטע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע האָבן די יידן אין ארץ־ישראל, וואו דער גאַנצער יידישער ישוב שאַפט צוזאַמען איין נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט „כנסת ישראל", וואָס וויילט אויס איר אייגענעם פּאַרלאַמענט מיטן נאָמען „אספת הנבחרים" און פאַרוואַלטונגסראַט מיטן נאָמען „ועד לאומי". דאָס געזעץ וועגן דער דאָזיקער יידישער אויטאָנאָמיע אין ארץ־ישראל איז דערשינען אין יאָר 1928.

אויסדערוויילט פאָלק מיט דעם דאָזיקן נאָמען ווערט אָנגערופן דאָס אַלטע יידישע פאָלק ישראל,. נישט נאָר אין די יידישע ספרים, נאָר אויך אין דער קריסטלעכער וועלט. דער הויפּטגעדאַנק דערפון איז, אַז גאָט האָט אויסדערוויילט דאָס פאָלק ישראל צו דער שליחות, אַז עס זאָל פאַרשפּרייטן צווישן אַלע אַנדערע פעלקער פון דער וועלט די ריינע רעליגיע פון איין גאָט אויף דער וועלט, מאָנאָטעאיזם, און אַז מיט זיין ריינער לעבנס־אויפירונג זאָל דאָס פאָלק ישראל זיין אַ מוסטער פאַר אַלע אַנדערע פעלקער. **אין חומש שמות י"ט ווערט דער** געדאַנק, אַז די יידן זענען דאָס אויסדערוויילטע פאָלק, אַרויסגעזאָגט אין די ווער־

טער „והייתם לי סגולה מכל העמים" (און איר וועט מיר זיין די אויסדערוויילטע פון אַלע פעלקער), און „ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש" (און איר וועט מיר זיין אַ קעניגרייך פון כהנים, אַ הייליק פאָלק). וועגן דעם יידישן פאָלק אַלס „עם הנבחר" ווערט דערנאָך פיל מאָל דערמאָנט אין חומש, באַזונדערס אין ספר דברים, און אויך שפּעטער ביי די נביאים, און באַזונדערס אין ישעיה קאַפּיטל מ"ב און די אַנדערע קאַפּיטלעך, וואו דאָס יידישע פאָלק ווערט אָנגערופן דער „בחירי רצתה נפשי" (מיין אויסדערוויילטער, וועלכן מיין נשמה וויל). — וועגן דער אויסדערוויילטקייט פון יידישן פאָלק ווערן געבראַכט פיל אגדות אין דער גמרא און מדרש. אין די תפלות איז דער געדאַנק פון „עם הנבחר" איינער פון די הויפּט-טיילען פון דאַווענען, און עס ווערט געזאָגט די באַזונדערע ברכה: „הבוחר בעמו ישראל באהבה" (גאָט האָט אויסדערוויילט די יידן מיט ליבשאַפט), און אויך די תפלה פון „אתה בחרתנו" און אַנדערע ענלעכע תפלות. — אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע ווערט די אידעע פון יידישן פאָלק אַלס אַן „עם הנבחר" באַהאַנדלט טיף און ברייט באַזונדערס דורך דעם דיכטער און דענקער רבי יהודה הלוי (12טן יאָרהונדערט) אין ספר „הכוזרי". רבי יהודה הלוי פירט אַדורך דעם געדאַנק, אַז אין דער צייט וואָס אַנדערע פעלקער זענען זוכה קענען צו לערנען די געטלעכקייט נאָר דורך חקירות, פאָרשונגען, זענען אָבער די יידן אַלס אויסדערוויילט פאָלק באַשטימט געוואָרן תופס צו זיין די געטלעכקייט אינטואיטיוו, דורך אמונה און געפיל, און אַז די תורה איז באַשטימט געוואָרן נישט אַזוי פיל פאַר דער דערהאַלטונג און דערציאונג פון איינצלנעם מענטש, נאָר זי איז די נאַציאָנאַלע רעליגיע, פאַר דער גרויסער שליחות פון יידישן פאָלק. — אין די אידעאָלאָגיעס איבער דעם אידנטום אין דער נייערער צייט, וועלכע האָבן אויך באַאיינפלוסט פּראַקטיש פאַרשידענע יידישע באַוועגונגען, פאַרנעמט דאָס פּראָבלעם וועגן בחירת ישראל אַ זייער גרויס אָרט. נחמן קראָכמאַל (רנ"ק) האָט געפּרואווט אין זיין ספר „מורה נבוכי הזמן" אַריינברענגען אין יידישער אויסדערוויילונג די פילאָזאָפישע קאָנצעפּציע פון העגעל איבער דעם גאַנג פון געשיכטע, און זיין אידעאָלאָגיע האָט פון איין זייט שטאַרק באַאיינפלוסט די נאַציאָנאַלע אידישע באַוועגונג (אויך דעם ציוניזם) און פון דער אַנדערער זייט געוויסע שטרעמונגען אין דער אַסימילאַטאָרישער באַוועגונג, וועלכע האָט מאָדיפיצירט דעם געדאַנק פון בחירת ישראל אין דער טעאָריע וועגן דער „מיסיע" פון אידישן פאָלק צו פאַרשפּרייטן מאָנאָטעאיזם און עטיק צווישן אַנדערע פעלקער. — זע הורוויץ „מאין ולאן".

אויסגראַבונגען מיט דעם וואָרט „אויסגראַבונגען" מיינט מען די פאַרשידענע וויכטיקע שפּורן פון דער אַלטער געשיכטע, שטיינער, שטיקער מויערן, אויפשריפטן, מצבות, סתם זאַכן, וואָס מען האָט געפונען גראַבנדיק אין דער ערד אויף אַלטע היסטאָרישע ערטער. פאַר דער יידישער געשיכטע האָבן אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג קודם-כל די אויסגראַבונגען, וואָס מען רופט אָן אין דער וויסנשאַפט „אַלט-אָריענטאַלישע", אַזעלכע וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין די לענדער פון אַלטן מזרח (אָריענט), אין מצרים, ארץ-ישראל, סיריע, אשור און בבל. פון די דאָזיקע אויסגראַבונגען זענען אונדז אויפגעקלערט געוואָרן זייער וויכטיקע געשעענישן וואָס ווערן דערמאָנט אין תנ"ך און זיי וואַרפן ליכט אויף די

אַלטע צייטן פֿון דער יידישער געשיכטע. — אָבער אַמוויכטיקסטן פֿאַר דער פֿאָרשונג פֿון דער אַלטער יידישער געשיכטע האָבן געהאַט די אויסגראָבונגען וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין ארץ־ישראל זעלבסט. מען האָט געמאַכט וויכטיקע אויסגראָבונגען אין אַלטן ירושלים, אין גזר, אין בית־שמש, שומרון, בית־שאן, מצפה, תענך, מגידו, וואו מען האָט געמאַכט גרויסע אַנטדעקונגען וועגן אַלטן לעבן אין ארץ־ישראל. אין די יאָרן נאָך דער וועלט מלחמה (1920) האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַרום אויסגראָבונגען אין ארץ־ישראל די „יידישע געזעלשאַפֿט אויסצופֿאָרשן ארץ־ישראל“ (חברה לחקירת ארץ־ישראל ועתיקותיה) מיט דר. נחום סלושץ און דר. אליעזר סוקעניק אין דער שפּיץ. זיי האָבן אויך געמאַכט פֿיל אויסגראָבונגען פֿון אַלט־יידישע שולן, שטיינער מיט אויפֿשריפֿטן, מנורות, די דריטע מויער פֿון ירושלים און אַנדערע זאַכן. באַרימט איז אויך דער שטיין פֿון „מישע מלך מואב“. וואָס מען האָט אין יאָר 1868 אַנטדעקט לעבן ארץ־ישראל, און וואָס וואַרפֿט ליכט אויף די קאַפּיטלעך אין תנ״ך וועגן די מלחמות צווישן לאַנד מואב און ארץ־ישראל אין די צייטן פֿון ערשטן בית־המקדש. די אַלע אַנטדעקונגען אין ארץ־ישראל האָבן פֿאַר דער יידישער געשיכטע דעם גרעסטן ווערט. אויך וויכטיק זענען די „בריוו“ וואָס מען האָט געפֿונען אין „לכיש“ פֿון דער צייט פֿון חורבן בית ראשון. — אין דער יידישער שפּראַך איז פֿאַראַן ווייניק וועגן די אויסגראָבונגען. וועגן אויסגעגראָבענע אַלטע שולן אין ארץ־ישראל אויף יידיש איז פֿאַראַן אין יידישן זשורנאַל „מילגרוים“, יאָר 1923 פֿון דר. סוקעניק „חורבות פֿון היינטיקע שולן אין ארץ־ישראל“; „תנ״ך־פֿאָרשונג“ פֿון קיטעל, איבערזעצונג אין יידיש (1923); אין העברעאיש זענען דערשינען עטלעכע זאַמלבענדער „קובצים“ פֿון דער דערמאַנטער „חברה עברית לחקירת ארץ־ישראל“ מיט פֿיל ווערטפֿולע אַרטיקלען. — זע „מצרים“, „אשור“, „בבל“.

אויסטראַליע נאָמען פֿון ערד־טייל, וואָס ליגט אין דעם דרום־האַלב־קוגל פֿון דער ערד. אויסטראַליע איז אַ טייל פֿון דער גרויסער בריטישער אימפּעריע; זי איז אַ „דאָמיניאָן“, דאָס הייסט זי האָט אַן אייגענע רעגירונג מיט אַן אייגענעם פּאַרלאַמענט און אַ גענעראַל־גובערנאַטאָר, וועלכער רעגירט מיט דעם לאַנד, אָבער זי איז געבונדן מיט ענגלאַנד און אַנדערע מיטגלידער פֿון דער „בריטישער אימפּעריע“ אין איין פֿאַרבאַנד. אין יאָר 1931 איז אַלס גענעראַל־גובערנאַטאָר פֿון אויסטראַליע באַשטימט געוואָרן אַ ייד, אייזעק אייזעקס; דאָס איז דער העכסטער רעגירונגס־אַמט אין לאַנד, און אַ ייד האָט אים פֿאַרנומען. אויסטראַליע האָט אַ באַפֿעלקערונג פֿון נאָענטע 6 מיליאָן פּערזאָן, צווישן זיי זענען פֿאַראַן יידן לערך 35 טויזנט. די געשיכטע פֿון די יידן אין אויסטראַליע איז זייער אַ יונגע. די ערשטע יידן זענען אָנגעקומען קיין אויסטראַליע לערך דעם יאָר 1817 און האָבן זיך באַזעצט אין דער שטאָט סידני וואו זיי האָבן אין יאָר 1820 געהאַט אַן אייגענעם בית־הקברות. אין פֿאַרלויף פֿון 19טן יאָרהונדערט איז פֿאָרגעקומען כסדר אַ קליינע יידישע איינוואַנדערונג קיין אויסטראַליע, און די יידן האָבן זיך גענומען באַזעצן אין די שטעט מעלבורן, וויקטאָריאַ, נאָכער אין פּערט און אַנדער שטעט; אין פּערט האָבן זיך באַזעצט אַמייסטן יידן, וואָס זענען געקומען פֿון ארץ־ישראל צום סוף פֿון 19־טן יאָרהונדערט. יידן האָבן שוין פֿון אָנהייב אָן געהאַט פֿולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג צוגלייך מיט אַלע איינוואוי־

נער אין אויסטראַליע. עס איז דאָרט אויך נישט צו באַמערקן קיין שום אַנטיסעמיטיזם. אויסער דעם דערמאָנטן גענעראַל־גובערנאַטאָר האָבן יידן אויך כסדר פאַרנומען זייער הויכע אַמטן סיי אין דער צענטראַל־רעגירונג פון אויסטראַליע, סיי אין דער מיליטער־פירונג, סיי אין די שטאַטישע פאַרוואַלטונגען. יידישע פּרעמיער מיניסטאָרן אין פאַרשידענע טיילן פון אויסטראַליע זענען געווען יוליאַן סאַלאָמאָנס, פאַגעל, מאָס און אַנדערע. גענעראַל דזשאָהן מאָנאַש, אַ ייד, איז געווען אָבער־קאָמאַנדיר פון אויסטראַלישן מיליטער אין דער וועלט־מלחמה פון 1914. די הויפּט־יידישע אָרגאַניזאַציע אין אויסטראַליע איז די אָפּטיילונג פון דער „אַנגלאָ־דזשואיש אַסאָסיאיישאַן" אין סידני. — די יידן אין אויסטראַליע וואוינען אַמייסטן אין די שטעט און באַשעפטיקן זיך מיט האַנדל און פּראָדוקציע. עס זענען אויך פאַראַן יידישע אַרבעטער, זעלבסטשטענדיקע בעלי־מלאכות, קאָלאָניסטן וואָס באַשעפטיקן זיך מיט ערד־אַרבעט און פי־צוכט. יידן זענען אויך באַשעפטיקט אין אויסטראַליע אין דער קונסט, ליטעראַטור, ווי אויך אין צייטונגס־וועזן. עס דערשיינען אויך יידישע און יידיש־ענגלישע זשורנאַלן.

אויסלאַנד (חוץ־לארץ). אין דער יידישער רעליגיע און אויך אין דער יידישער געשיכטע ווערן אָנגערופן מיטן נאָמען „אויסלאַנד", (אויף העברעאיש „חוץ־לארץ"), אַלע לענדער מיטן אויסנאָם פון ארץ־ישראל. אין תנ"ך און אין דער משנה ווערט ארץ־ישראל גאַנץ אָפט אָנגערופן סתם „ארץ" (דאָס לאַנד). דערי־בער האָבן אַלע אַנדערע לענדער געהייסן „חוץ־לארץ" (אויסלאַנד). — דעם נאָמען „חוץ לארץ" טרעפן מיר ערשט אין די שפּעטערדיקע צייטן פון דער משנה. אין תנ"ך ווערט נישט דערמאָנט דאָס וואָרט „חוץ־לארץ" צו באַצייכענען „אויסלאַנד". עס ווייזט אויס, אַז אין די אַלטע צייטן פון תנ"ך איז נאָכנישט געווען אַזוי קלאָר דער באַגריף פון „אויסלאַנד". מיר געפינען אָבער אַנדערע נעמען פאַר די לענדער וואָס זענען נישט ארץ־ישראל. דער חומש אין דער תוכחה ויקרא כ"ו, ווענדיק שטראָפן די יידן אַז זיי וועלן פאַרטריבן ווערן קיין אויסלאַנד, זאָגט „והבאתי אתם אל ארץ אויביהם" (און איך וועל זיי ברענגען אין לאַנד פון די פיינט). אין דברים כ"ט ווערט שוין געבראַנגט אַן אַנדער אויסדרוק „וישליכם אל ארץ־אחרת" (און ער וועט זיי פאַרטרייבן אין אַן אַנדער לאַנד). דאָ איז שוין דאָ דער אויסדרוק „ארץ־אחרת" פאַר אויסלאַנד. מיר געפינען אָבער אויך אין שמות ב', ווען משה רבנו האָט אַ נאָמען געגעבן זיין זון „גרשם" האָט ער געזאָגט „גר הייתי בארץ נכריה" (איך בין אַ פרעמדער אין אַ פרעמד לאַנד). — ערשט אין די משנה געפינען מיר שוין צוויי נעמען פאַר אויסלאַנד. דער ערשטער און גאָר אַלטער נאָמען איז געווען „מדינת הים", און מיר געפינען אין דער משנה גטין פרק א' „המביא גט ממדינת הים". וואָס איז דער טייטש, אַז איינער ברענגט אַ גט פון אויסלאַנד, און נישט דוקא פון לענדער וואָס געפינען זיך אויף יענער זייט ים, ווייל שוין אין דער זעלבער משנה ווערט דערמאָנט אַזעלכע שטעט וואָס געפינען זיך לעבן ארץ־ישראל (ווי עכו און אַנדערע) כאָטש נישט אין יענער זייט ים און זיי הייסן אויך מדינת הים. דער צווייטער נאָמען איז געווען „חוץ־לארץ" למשל, אין דער משנה חלה פרק ב' „פירות חוצה לארץ שנכנסו לארץ", די פרוכטן פון אויסלאַנד וואָס זענען אַנגעקומען אין לאַנד, און אויך אין פיל אַנדערע ערטער אין דער משנה. — אין

די צייטן פון סוף פון צווייטן בית־המקדש, ווען א סך יידן האבן פארלאזט ארץ ישראל און אוועק קיין אויסלאנד, האבן די יידישע חכמים געוואלט פארשטארקן די צוגעבונדנקייט פון די יידן צו ארץ־ישראל, און זיי האבן דעריבער אויף חוץ־לארץ דערקלערט פארשידענע גזרות. די גמרא אין שבת ט"ו דערציילט אז 80 יאר איידער דאס בית־המקדש איז חרוב געווארן „גזרו טומאה על ארץ־העמים" (האט מען דערקלערט אויסלאנד, „ארץ־העמים", „דאס לאנד פון פעלקער", פאר טמא). שפעטער איז מען געגאנגען נאך ווייטער און אין דער גמרא כתובות ק"י ווערט געזאגט „כל הדר בחוץ לארץ דומה כמי שאין לו אלוה" (ווער עס וואוינט אין אויסלאנד איז א שטייגער ווי ער האט קיין גאט נישט).

אויערבאך בערטאלד (1812—1882). יידיש־דייטשער שריפטשטעלער אין 19טן יארהונדערט, קעמפער פאר יידישע רעכט און קעגן אנטיסעמיטיזם. אויערבאך האט אנגעשריבן צוערשט צוויי גרעסערע דערציילונגען פון לעבן פון צוויי גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן, „באז־ברעכער", וואס זענען ארויס אין קאמף קעגן די אנגענומענע יידישע אנשויאונגען און זענען ארויס אין דער ברייטער וועלט פון פילאזאפיע און פאעזיע. איין דערציילונג איז געווען „ברוך שפינאזא" (געשריבן אין יאר 1837) און די צווייטע איז געווען „דיכטער און קויפמאן" (געשריבן אין יאר 1840) וועגן דעם לעבן פון יידישן דיכטער און משכיל משה אפרים קו. אין די ביידע דערציילונגען האט אויערבאך פארשטאנען איבערצוגעבן די אינערלעכע נשמה־קאמפן פון יידישע עילויים ביים באקענען זיך מיט דער ברייטער השכלה־וועלט. אין דער דערציילונג „ברוך שפינאזא" האט אויערבאך זיך אויך באמיט פארצושטעלן דאס אינטימע לעבן פון גרויסן יידישן פילאזאף, און ער האט אויך ארייננעפלאכטן א ליבע־ראמאן אין דער באשרייבונג פון שפינאזא. — דעם גרויסן רום זיינעם אין דער ליטעראטור אין דייטשלאנד האט אויערבאך זיך דערווארבן מיט זיינע דערציילונגען „שווארצוועלדער דארפגעשיכטעס", אויערבאך איז ארויסגעטרעטן פיל מאל קעגן די אנטיסעמיטן אין דייטשלאנד, און אויך קעגן דעם „עלילת הדם" וואס איז פארגעקומען אין רוסלאנד. ער האט אויך געשריבן דאס בוך אויף דייטש „דאס יידנטום און די נייע ליטעראטור" (1936), און צוזאמען מיט נ. פראנקפורטער האט ער ארויסגעגעבן די ביאגראפישע זאמלונג פון גרויסע יידן מיטן נאמען „גאלעריע דער אויסגעצייכנטע איזראעליטען". אויערבאכס „שפינאזא" איז פאראן איבערזעצט אין העברעאיש דורך ט"ף שאפירא, ווארשע 1898, און בקיצור אין יידיש פון גארין (ניו־יארק 1917); זיין „אפרים קו" איז איבערזעצט אין העברעאיש דורך י. ח. טאוויאו, ווארשע 1894.

אויערבאך מאיר (1815 — 1878), רב פון קאליש אין פוילען און דערנאך אין ירושלים. זיין פאטער רבי יצחק און זיין איידים רבי חיים זענען געווען באקאנטע לומדים וואס האבן מחבר געווען ספרים („דברי חיים" און „דבר משפט" אויף שולחן ערוך). רבי מאיר אויערבאך איז געווען רב פון דער אשכנזישער קהלה. ער האט אין ירושלים געגרינדעט די ישיבה „אהל יעקב". רבי מאיר אויערבאך האט פיל מיטגעווירקט צו דער אנטוויקלונג פון דעם ישוב פון די אשכנזישע יידן אין ירושלים דערמיט, וואס ער האט אויסגעקעמפט, אז די אשכנזים זאלן האבן אן אייגענעם „ועד הכללי". וואס האט צונויפגעזאמלט די „חלוקה"־

געלטער אין דער וועלט, און זענען געווארן אומאפהענגיק פון דער ספרדישער קהלה. רבי מאיר אויערבאך איז אויך געווען אן אנהענגער, אז יידן זאלן קויפן אין ארץ־ישראל ערד און איר באארבעטן, און ס'זענען פאראן וועגן דעם דאקומענטן בריוו צווישן אים און משה מאנטעפיארע. אין דער לומדישער וועלט איז רבי מאיר אויערבאך באקענט דורך זיין ספר „אמרי בינה" אויף דעם שולחן־ערוך (געדרוקט אין ירושלים 1871—1876).

אויפרופן מיט דעם ווארט „אויפרופן" ווערט אין דער יידישער שפראך געמיינט אין אלגעמיין דאס אויפרופן צו אן עליה צו דער ספר־תורה אין שול און בית המדרש צי אין סתם א מנין. אין דער העברעאישער שפראך איז פאראן דערפאר דער טערמין „עליה לתורה" (אויפרופן צו דער תורה), ווייל געוויינלעך האט מען געלייענט די ספר־תורה אויף א הויכער בימה אינמיטן בית המדרש, און מען האט געדארפן ארויפגיין צו איר. דערפון זאל אויך שטאמען דאס ווארט אויפרופן, וואס זאל האבן די באדייטונג וואס „ארויפרופן". מיט דעם ווארט „אויפרופן", אדער „אויפרופנס" ווערט אין דער יידישער שפראך אויך געמיינט דער שבת פון פאר דער חתונה, ווען מען רופט אויף דעם חתן אין שול צו דער עליה. געוויינלעך צו מפטיר, און דערביי ווערט געפראוועט א גרויסע פייערליכקייט; דער חזן זינגט א ספעציעלן מי שבירך. די פרויען קומען אראפ אין דער מענער־שול און באשיטן דעם חתן מיט ניס און צוקערלעך, און דערנאך גייט דער עולם מיט דעם חתן אהיים און מען פראוועט דארט א סעודה — זע „חתונה", „עליה".

אולמא זעליגמאן שרייבער פון אלט־יידישן ספר איז 17טן יארהונדערט. „צוכט־שפיגל" (דערשינען דאס ערשטע מאל אין פראג יאר 1610). דאס ספר באשטייט פון מאראלישע און עטישע לערן וועגן מידות טובות, נישט זיין קיין בעל־גאוה, נישט יאגן זיך נאך געלט. די אלע ווערטער זענען צונויפגעשטעלט לויטן אלף־בית און אין גראמען. אמייסטן זענען זיי ארויסגענומען פון דער גמרא, מדרש און אנדערע עלטערע מוסר־ספרים. אין „לעקסיקאן" (1914) פון רייזן ווערט געבראכט פאלגנדע שטעלע פון „צוכט שפיגל", וואס גיט אונדז נישט נאר א בילד פון מאראלישן כאראקטער פון דאזיקן ספר. נאר אויך פון יידישן לעבן אין יענער צייט. אין דער שטעלע ווערט געזאגט אזוי: „די וואהרהייט איז געשטארבען, די פרומקייט איז פארדארבען, לאסטער (זינד) און שאנד, האט גענומען אויבערהאנד; די פריינדשאפט איז אין פיינדשאפט, און די גזעלשאפט איז מיט נייד (קנאה) בעהעפט; די ברידערליבע ליב (ליבע) איז גאנץ טריב; נאר געלט הער (אהער) — שרייט די גאנצע וועלט. געלד און געלד — דער (ווער) עם האט איז איין העלד דען (ווען) מען אויבען אן שטעלט. דאס איז דער לוין — אויף ערדען (ערד): הא, גאט, וואס פאר גוטעס וויל דארויס ווערדען!" — דער „צוכט־שפיגל" איז דערשינען אויך אין העברעאיש מיטן נאמען „מראה מוסר".

אולמו (אלמא) יעקב דניאל (געבוירן לערך 1690—1757). רב, מאראליסט און דיכטער אין איטאליע אין 18טן יארהונדערט. רבי יעקב דניאל אולמו איז באקאנט דורך זיין פאעטיש ספר „עדן ערוך", באשרייבונג פון גן־עדן לויט דער יידישער אויפפאסונג, געשטיצט אויף די אגדות פון גמרא און מדרש און אויך קבלה ספרים. דער „עדן ערוך" אנט־

האלט 277 סטראפן, וויפל עס באטרעפט דער נאמען פון מחבר „יעקב דניאל‟.

אומאן שטאט אין אוקראינע, באקאנט אין דער געשיכטע פון יידן אין אוקראינע מיט איינעם פון די טרויעריקסטע קאפיטלעך; דארט איז אין יאר 1768 פארגעקומען די שרעקלעכע שחיטה פון די קאזאקן אויף יידן, וואס איז באקאנט מיט דעם נאמען „די אומאנער גזירה‟, אדער אויך „גזירת גאנטע‟, דורך דעם קאזאקן־פירער גאנטע. די דאזיקע שחיטה אויף יידן איז פארגעקומען אין 5טן טאג אין תמוז. אויף דעם מארק־פלאץ אין אומאן ווייזט מען נאך היינט אן ארט, וואו עס ליגן טויזנטער יידישע הרוגים. יעדעס יאר דעם 5טן טאג אין תמוז האט מען אין אומאן געפאסט צום טרויעריגן אנדענקען פון יענער שחיטה, און מען פלעגט זאגן קינות. — אומאן איז געווארן אויך דער צענטער פון דער חסידים־ריכטונג, וואס איז באקאנט מיטן נאמען „בראסלאווער חסידים‟, וואס האלטן פון רבי ר׳ נחמן בראסלאווער, וועלכער האט זיין לעצט יאר געוואוינט אין אומאן און איז דארט געשטארבן אין יאר 1810 (תקע״א, חול־המועד סוכות). אין אומאן איז זיין קבר און אהל, און נאך עד היום זענען די בראסלאווער חסידים זיך נוהג אויף ראש השנה און יום כפור צו פארן צום דאזיקן קבר און דארט דאווענען און זאגן פארשידענע תפלות. דער קבר פון רבי נחמן בראסלאווער אין אומאן איז זייער פארהייליקט. זע זוכווארט „נחמן בראסלאווער‟. — וועגן דער אומאנער שחיטה שרייבט דער יידישער היסטאריקער ליטינסקי אין זיין „קורות היהודים בפודוליה‟, אז א חוץ אויף יידיש די „מעשה גדולה‟ אדער „גזירת אומאן‟ איז אויך פאראן אויף יידיש א קינה.

אומגליק אין דער יידישער רעליגיע איז שוין פון די עלטסטע צייטן אן גערווען די אנשויאונג, אז דאס וואס אויף אויף א מענטש קומט אן אומגליק, איז א שטראף פאר חטאים, וואס מען איז באגאנגען. ווען אויף איוב זענען געקומען אומגליקן, און ער האט געהאט טענות, פארוואס קומט עס אים, האבן זיינע חברים אין ספר איוב ד׳ געזאגט צו אים „זכר נא, מי נקי אבד?‟ (געדענק נאר, צי אן אומשולדיקער מענטש ווערט פארלוירן?). דאס איז אויך די אידעע פון ספר איוב צו באווייזן, אז אין דעם אומגליק וואס עס קומט אויף דעם מענטש איז פאראן א מאראלישע סבה. ביי א סך אלטע יידישע דענקער איז דערוועקט געווארן די הארבע שאלה פון „צדיק ורע לו רשע וטוב לו‟, פארוואס זענען צדיקים גאנץ אפט אומגליקלעך, דאקעגן זען מיר רשעים, וואס זענען יא גליקלעך? די דאזיקע פראגע איז באַרירט געווארן שוין אין טייל ספרים פון תנ״ך, אין ירמיהו, חבקוק, און באזונדערס אין קהלת, קאפיטל ח׳, וועלכער באקלאגט זיך וואס „יש צדיקים אשר מגיע אלהם כמעשה הרשעים, ויש רשעים שמגיע אלהם כמעשה הצדיקים‟ (פאראן רשעים, וואס זענען גליקלעך א שטייגער ווי זיי וואלטן געווען צדיקים, און עס זענען פאראן צדיקים וואס זענען אומגליקלעך, ווי זיי וואלטן אפגעטאן די מעשים פון רשעים). אויך אין דער גמרא (ברכות ז׳) ווערט באהאנדלט די פראגע פון „צדיק ורע לו‟. אין פיל ערטער פון דער גמרא ווערט דורכגעפירט די אנשויאונג פון די אלטע פילאזאפן־סטאאיקער, אז א מענטש דארף אויפנעמען אן אומגליק מיט רואיקייט; אין דער גמרא ברכות ס״ב ווערט געזאגט „קבלה דיסורי שתיקותא‟ (אן אומגליק זאל מען אויפנעמען מיט שטילשווייגן). אין שבת פ״ה ווערט גע־

זאָגט וועגן די „שמחין ביסורין" (די וואָס נעמען אויף אַן אומגליק נישט מיט צער, נאָר מיט שמחה), אַז אויף זיי איז געזאָגט געוואָרן דער פסוק „ואוהביו כצאת השמש", זייַנע אוהבים זענען ווי די אויפשייַנענדיקע זון. — זע בערנ־פעלדס „דעת אלהים" איבער דעם פּראָ־בלעם פון „צדיק ורע לו" אין דער יידי־שער פילאָזאָפיע.

אומות העולם אין דער גמרא און מדרש ווערן אַלע פעלקער, אַחוץ יידן, אָנגערופן מיטן נאָמען „אומות העולם" (די פעלקער פון דער וועלט). אין דער גמרא סוכה נ"ה און אויך אין אַנדערע ערטער ווערט אָנגעגעבן אַז אויף דער וועלט זענען פאַראַן „שבעים אומות", זיבעציק פעלקער, און אין סוטה ל"ג און אַנדערע ערטער ווערט געבראַכט אַז עס זענען פאַראַן אויף דער וועלט „שבעים לשון", זיבעציק שפּראַכן. די דאָזיקע מיינונג וועגן „זיבעציק פעלקער" איז פאַראַן אין אַנדערע קוועלן פון די אַלטע צייטן. אין דער גמרא ווערט אויך גע־בראַכט, אַז עס זענען פאַראַן „חסידי אומות העולם", פרומע און גוטע מענ־טשן צווישן די נישט־יידן. דאָס וואָרט צדיקים ביי די אומות העולם ווערט גע־בראַכט אין חולין צ"ב און תוספתא סנהדרין י"ג. דער רמב"ם מלכים פ"ח זאָגט, אַז די „חסידי אומות העולם" האָבן אַ „חלק לעולם הבא". — זע זוכ־וואָרט „גוי".

אומשטערבלעכקייט פון נשמה (השארת הנפש). — מיט דעם דאָזיקן וואָרט „אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה", אויף העברעאיש ביי די יידי־שע פילאָזאָפן אין מיטלאַלטער, „השארת הנפש", פאַרשטייט מען איינעם פון די עיקרים פון דער יידישער אמונה, אַז ווען דער מענטש שטאַרבט, איז טויט נאָר זייַן קערפּער, אָבער די נשמה שטאַרבט נישט, נאָר זי קומט אַרייַן אין אַ העכערער וועלט, עולם הבא, וואו זי פירט ווייַ־טער אַ נשמה־לעבן. — אין די לעצטע צייטן האָבן טייל געלערנטע פאַרשער אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז אין די ספ־רים פון תנ"ך געפינט מען נישט קיין רמז, אַז שוין דעמאָלט האָבן די יידן געגלויבט אין דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה און אין עולם הבא. אָבער אַ גאַנצע ריי אַנדערע געלערנטע ווייזן אויף, אַז די דאָזיקע מיינונג איז נישט ריכטיק און אַז אַ סך פּסוקים פון תנ"ך ווייזן דערויף, אַז דער גלויבן אין השארת הנפש איז דערמאָלט געווען אַ זעלבסט־פאַרשטענדלעכע זאַך. שוין דער סיפור המעשה אין ספר שמואל א' קאַפּיטל כ"ח ווי אַזוי שאול המלך האָט געבראַכט פון יענער וועלט דעם פאַרשטאָרבענעם שמואל הנביא, ווייזט קלאָר, אַז דער אַל־געמיינער גלויבן איז געווען, אַז דעם פאַרשטאָרבענעמס נשמה עקזיסטירט נאָכן טויט. עס ווערט אויך אָנגעוויזן אויף אַזעלכע פּסוקים אין תהלים ט"ז „כי לא תעזוב נפשי לשאול", תהלים קט"ז „אתהלך לפני ה' בארצות החיים", וואָס ווייזן, אַז דער באַגריף וועגן איי־ביקן לעבן פון דער נשמה איז דעמאָלט געווען אַן אַלגעמיינער גלויבן. אין דניאל י"ב ווערט שוין דייטליך געזאָגט „ורבים מישיני אדמת עפר יקיצו אלה לחיי עולם" (און אַ סך פון די שלאָפנדע אין דער ערד וועלן זיך אויפכאַפּן, טייל צום אייביקן לעבן); דאָ איז שוין קלאָר גע־רעדט זאָגאַר וועגן „תחיית המתים", אַזוי אַז השארת הנפש איז שוין דעמאָלט אודאי געווען אַ טייל פון גלויבן. אויך אין קהלת י"ב ווערט געזאָגט „וישב העפר על הארץ והרוח תשוב אל האלהים אשר נתנה". דער שטויב וועט זיך צו־ריקקערן צו דער ערד, און דער גייסט

וועט צוריקקערן צו גאט, וועלכער האט איהם געגעבן. גאנץ פארשידן ווערט אויסגעטייטשט דורך די מפרשים דער פסוק אין קהלת ג׳ „מי יודע רוח האדם העולה היא למעלה״. אבער אויך פון דאנען איז קלאר, אז דער גלויבן אין דער נשמה איז געווען גוט באקאנט. — אין די כתובים אחרונים, ווי „חכמת שלמה״, „ספרי החשמונאים״ און אנדערע ווערט שוין דייטלעך גערעדט וועגן „השארת הנפש״. אין „חכמת שלמה״ ווערט אויסגעדריקט דער געדאנק, אז דער קערפער איז א משא פאר דער נשמה, וועלכע באמיט זיך דעריבער צו באפרייען פון קערפער און צוריקגיין צו יענער וועלט. דער יידישער היסטאריקער פון יענער צייט יוסף פלאוויוס ברענגט, אז די פרושים האבן געגלויבט אין השארת הנפש, דאקעגן די צדוקים האבן אין השארת הנפש נישט געגלויבט. דאס זעלבע ווערט אויך געבראכט אין דער משנה ברכות פרק ט׳. אין דער גמרא און אין מדרש ווערט דער גלויבן פון השארת הנפש באטראכט אלס יסוד פון דער יידישער אמונה. אין דער משנה סנהדרין איז פאראן דער פרק י׳ וואס באהאנדלט דעם גאנצן ענין פון „עולם הבא״. אין דער גמרא סנהדרין דף צ״א ווערט געזאגט, אז די נשמה ווען זי שיידט זיך אפ פון קערפער ביים טויט „פורחת באויר כצפור״ (שוועבט זי ארום אין דער לופט ווי א פויגל). אין א פילאזאפישער פארם האבן אויפגעפאסט דעם ענין פון אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה די יידישע פילאזאפן אין מיטלאלטער, רב סעדיה גאון, דער רמב״ם, רבי יוסף אלבו דער מחבר פון „עיקרים״ און פיל אנדערע. דער רמב״ם אין זיין פירוש אויף דער משנה סנהדרין פרק י׳ פון „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא״, זאגט אז דער באגריף פון „השארת הנפש״ איז אז די נשמה איז נאכן טויט בלויז גייסט און האט נישט קיינע קערפערלעכע אייגנשאפטן, און דאס וואס מען געפינט אין דער גמרא וועגן „לויתן״ און „שור הבר״ און „יין המשומר״ איז נאר בדרך משל, און אז די נשמה־פארגעניגנס אויף „יענער וועלט״ איז נאר דאס אויפפאסן גייסטיקע זאכן. ארום דער דאזיקער מיינונג פון רמב״ם זענען פארגעקומען גרויסע מחלוקות. פיל יידישע חכמים פון מיטלאלטער, ווי דער ראב״ד, רמב״ן זענען ארויסגעטרעטן קעגן רמב״ם. אין דער קבלה איז אויך געווען א מיינונג, אז אין מענטשן זענען פאראן צוויי נשמות: די „נפש הבהמית״, דאס הייסט די „לעבנסקראפט״, וואס אויך יעדע בהמה און חיה באזיצט און וואס האלט אויף דאס לעבן פון מענטשן און די דאזיקע „נפש הבהמית״ איז שטערבלעך, און צוזאמען מיטן טויט פון קערפער שטארבט זי אויך אפ, — און די „נפש המשכלת״, די „דענקנדע נשמה״, וואס נאר דער מענטש באזיצט, און די דאזיקע נשמה איז אומשטערבלעך. ביי דער דאזיקער מיינונג האבן זיך אויך געהאלטן א ריי יידישע רעליגיעזע פילאזאפן אין מיטלאלטער, פון וועלכע דער רמב״ם האט געהאלטן, אז נאר דורך לערנען צו דענקען וועגן דער געטלעכקייט דערווערבט מען זיך השארת הנפש.

אונגארן נאמען פון לאנד וואס ציט זיך ביי די קארפאטן־בערג. די צאל יידן אין גאנץ אונגארן באטרעפט איצט 650 טויזנט אויף אן אלגעמיינע צאל פון דער באפעלקערונג פון 11 מיליאן. אין דער הויפטשטאט פון אונגארן, בודאפעשט, איז פאראן 210,000 יידן אויף דער אלגעמיינער צאל באפעלקערונג פון קרוב 1 מיליאן. עס איז זייער שווער צו זאגן אין וועלכער צייט יידן האבן זיך באזעצט אין אונגארן. אין די עלטערע יידישע

ספרים, ווי למשל אין „אור־זרוע" פון רבי יצחק רב אין ווין, וועלכער האט געלעבט אין 13טן יארהונדערט, געפינען מיר שוין וועגן א באדייטנדן יידישן ישוב אין אונגארן; דאס לאנד אונגארן ווערט אין די דאזיקע ספרים אנגערופן „ארץ הגר", ווייל אין תרגום אויף תהלים פ"ג ווערט דאס ווארט „הגרים" איבערזעצט „הונגראי". דאס ערשטע מאל ווערן דערמאנט די יידן אין אונגארן אין בריוו פון שפאנישן יידישן מיניסטער רבי חסדאי אבן שפרוט צום יידישן מלך פון די כוזרים (אין יאר 960); דארט ווערט געזאגט, אז ער באזארגט דעם בריוו אזוי אז די יידן פון אונגארן וועלן אים איבערשיקן צום כוזרישן מלך. פון דעמאלט אן האבן מיר שוין מער ידיעות וועגן דער געשיכטע פון יידן אין אונגארן. אין אלגעמיין האבן אין די עלטערע צייטן די יידן אין אונגארן נישט געהאט אויסצושטיין קיין גרויסע גזירות; זיי האבן דא געפירט א פארהעלטניסמעסיק רואיק לעבן. די יידן אין אונגארן האבן דעמאלט געוואוינט אין די דערפער און אויך אין שטעט, אמייסטן האט זיך קאנצענטרירט דאס יידישע לעבן אין דער הויפטשטאט אפען, וואס הייסט אין די אלטע יידישע ספרים „אובין", „אובין־ישן" און אויך „בודון". דער ערשטער רב אין אונגארן ווערט דערמאנט אין דעם אלטן ספר „שבולי הלקט", און ער האט געהייסן רבי קלונימוס ברבי שבתי החזן (ער האט געלעבט לערך יאר 1160). וויכטיקע רבנישע פערזענלעכקייטן באוויזן זיך אין אונגארן אין 14טן יארהונדערט, און דער אנגעזעענסטער פון זיי איז געווען רבי אייזיק טירנא, דער מחבר פון ספר „מנהגים". אין דער הויפטשטאט אפען (דאס איז היינט א טייל פון דער אונגארישער הויפטשטאט בודאפעשט), זענען געווען גרויסע לומדים און תלמידי חכמים אין 15טן און 16טן יארהונדערט (ר' אברהם ביז, מהר"ם כץ און אנדערע). א פולשטענדיקע פארבעסערונג איז פארגעקומען אין דער לאגע פון די אונגארישע יידן אין אנהויב פון 16טן יארהונדערט, ווען טערקיי האט אין יאר 1526 איינגענומען כמעט גאנץ אונגארן מיט דער הויפטשטאט אפען. ווען אין יאר 1686 איז פארגעקומען די אנטשיידנדע מלחמה צווישן דעם עסטרייכיש־אונגארישן מיליטער און די טערקן, און דאס עסטרייכיש־אונגארישע מיליטער האט איינגענומען צוריק אונגארן זענען פארגעקומען גרויסע שחיטות אויף יידן; די גאנצע יידישע קהלה אין אפען איז חרוב געווארן. טויזנטער יידן האט מען אויסגעשאכטן. וועגן די דאזיקע שחיטות איז פאראן א ספעציעלע „מגילה" פון איינעם רבי יצחק שולהאף, וואס איז דעמאלט ניצול געווארן פון דער שחיטה; די מגילה איז איבערגעדרוקט אין גרינוואלדס „תולדות חכמי ישראל" (1924). א סך יידן זענען דעמאלט אוועק פון אונגארן, צווישן זיי אויך פיל לומדים, ווי רבי צבי אשכנזי, דער מחבר פון „חכם צבי" און אנדערע. עס איז א פאקט, אז אין 30 יאר שפעטער האט מען געציילט די יידן אין אונגארן און זיי זענען געווען ניט מער ווי 11,621 נפשות. אין יענע צייטן איז אונגארן שוין אינגאנצן געווען אונטער דער הערשאפט פון עסטרייך; צוליב דעם וואס אין א סך לענדער וואס האבן דעמאלט געהערט צו עסטרייך, ווי אין טשעכיע, איז יידן געווען נאך ערגער, און אויך אין פוילן איז יידן דעמאלט געגאנגען נישט גוט, האבן פיל יידן פון טשעכיע און פוילן זיך אנגעהויבן באזעצן אין אונגארן. פון דעמאלט אן הויבט זיך אן צוריק פארגרעסערן די צאל יידן אין פיל פארשידענע אונגארישע שטעט.

אין יאָר 1783, אונטער דער הערשאַפט פון ליבעראַלן עסטרייכישן קייזער יאָזעף דער צווייטער באַקומען די אונגאַרישע יידן פאַרשידענע רעכט, די יידן הויבן אָן דינען אין מיליטער, וואָס האָט באַדייט, אַז מען באַטראַכט זיי צוגלייך מיט די אַנדערע בירגער. פון דעמאָלט אָן און איבערהויפּט אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט האָט זיך אויך אָנגעהויבן אַ גרויסע בילדונגס־באַוועגונג צווישן די אונגאַרישע יידן. עס האָט זיך אָנגעהויבן די צייט פון „השכלה״. און גלייכצייטיק דערמיט האָבן די געבילדעטע יידן אין אונגאַרן אויך אָנגעהויבן פירן אַ קאַמף, אַז מען זאָל זיי געבן גלייכבאַרעכטיקונג צוזאַמען מיט אַלע בירגער. אין אינערלעכן יידישן לעבן האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פון די פרומע, אָרטאָדאָקסישע יידן קעגן דער רעפאָרם־באַוועגונג. די פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג האָבן יידן באַקומען אין אונגאַרן אין דעם יאָר 1849, אין דער צייט פון דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס די אונגאַרישע פרייהייטס־קעמפער האָבן געפירט קעגן עסטרייך; אין דער רעוואָלוציע האָבן אָנטיילגענומען אויך יידן. די רעוואָלוציאָנערן האָבן אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז יידן האָבן גלייכע רעכט. די עסטרייכישע רעגירונג, וועלכע האָט די רעוואָלוציע דערשטיקט האָט געפּרואווט אָפּשאַפן יענעם דעקרעט; ענדלעך אין יאָר 1867, ווען אונגאַרן איז דערקלערט געוואָרן אַלס באַזונדערע מלוכה וואָס איז נאָר פאַראייניקט מיט עסטרייך אין דער פּערזאָן פון אַ בשותפות׳דיקן קייזער, איז פייערליך דורכגעפירט געוואָרן דאָס געזעץ פון פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג פון די אונגאַרישע יידן. אין אינערלעכן יידישן לעבן אין אונגאַרן איז אין פאַרלויף פון 19טן יאָרהונדערט כסדר געפירט געוואָרן דער שאַרפער קאַמף צווישן די פרומע אָרטאָדאָקסישע יידן און די רעפאָרמירטע יידן. אין יאָר 1868 האָט די רעגירונג צונויפגערופן אַ יידישן קאָנגרעס, וועלכער האָט געדאַרפן אויסגלייכן די סכסוכים. אָבער ווייל מען האָט נישט געקאָנט קומען צו אַן אויסגלייך אויפן קאָנגרעס, איז אין יאָר 1879 דערשינען דער דעקרעט פון דער רעגירונג, לויט וועלכן עס זענען אַנשטאַנען אין אונגאַרן, טיילמאָל אין דער זעלבער שטאָט, דריי פאַרשידענע קהלות: די „אָרטאָדאָקסישע״, די „רעפאָרמירטע״, (וועלכע מען האָט גערופן „נעאָלאָגן״), און די „סטאַטוס־קוואָ־קהלות״. דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס זענען געשטאַנען דערמיט צווישן די אָרטאָדאָקסישע און די רעפאָרמיסטישע. עס זענען אַנטשטאַנען זייער וויכטיקע אינסטיטוציעס פון אַלע יידישע ריכטונגען. באַרימט זענען געווען די פרומע ישיבות אין פּרעשבורג, אונגוואַר און אַנדערע שטעט, און באַרימט איז אויך געווען דער ראַבינער־סעמינאַר אין בודאַפּעשט. עס זענען אויך דערשינען פאַרשידענע זשורנאַלן אויף העברעאיש און אונגאַריש און דייטש. נאָך דער וועלט־מלחמה פון 1914־1918 איז אַנטשטאַנען אין אונגאַרן אַ שאָוויניסטיש־נאַציאָנאַליסטישע שנאה צו יידן. עס האָט זיך געגרינדעט אַ פאַריין מיטן נאָמען „דער־וואַכנדע מאַדזשאַרן״, וואָס האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן יידן, און דער קאַמף ציט זיך כסדר. עס זענען אָנגענומען געוואָרן ספּעציעלע געזעצן קעגן אידן. באַזונדערס אין יאָר 1940, נאָכדעם ווי אונגאַרן איז געוואָרן איינע פון די לענדער אונטער דער היטלעריסטישער השפעה. — אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אין צו באַמערקן ביי די יידן אין אונגאַרן אַ דאָפּלטע דערשיינונג: פון איין זייט אַ גרויסע שמד־באַוועגונג, און פון דער צווייטער זייט איז פאַרגעקומען פאַר־

קערט: ביי א סך אסימילירטע יידן, איז וועלכע עס האט נאך געלעבט אביסל יידישער באוואוסטזיין, האט דער ביטערער גורל דערוועקט מער צוגעבונדנקייט צום יידישן פאלק און זיינע טראדיציעס; זיי זענען געווארן רעליגיעז-פרומער, און האבן אנגעהויבן אנטיילנעמען אין דער נאציאנאל-יידישער באוועגונג. אונגארן האט אין די לעצטע יארהונדערטער ארויסגעגעבן גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן אויפן געביט פון לערנען און וויסנשאפט. צו די בארימטסטע אונגארישע גאונים האבן געהערט (נישט כראנאלאגיש נאר לויט זייער בארימטקייט) רבי משה סופר, דער מחבר פון „חתם סופר", רבי מאיר איש (מחבר פון „פנים מאירות"), רבי משה קוניץ (מחבר פון „בן יוחאי"), רבי מאיר ברבי (מחבר פון „מהרם ברבי"), רבי משה מיניץ, רבי משה טייטלבוים (בארימטער רבי פון אוהעל מחבר פון „ישמח משה"), און פיל אנדערע. אויך אויפן געביט פון וויסנשאפט, סיי יידישער און סיי וועלטלעכער, האט אונגארן ארויסגעגעבן גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן, ווי דעם בארימטן פילאלאג און מזרח-פארשער וואמבערי, דר. קאהוט (מחבר פון „ערוך השלם"), פראפעסאר לעווי, ביכלער, באכער און פיל אנדערע. — וועגן דעם דיאלעקט פון דער יידישער שפראך אין אונגארן האט אנגעשריבן א וויכטיקן ארטיקל צבי שפירן אין ערשטן באנד „שריפטן" פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט (ייווא), ווילנע 1926, מיטן נאמען „די יידישע שפראך אין אונגארן". — ביכער און ארטיקלען וועגן יידן אין אונגארן זענען געשריבן געווארן זייער פיל. אבער נישט אויף יידיש, נאר אמייסטן אין דייטש און אונגאריש. אין העברעאיש האט דער זשורנאל „הצפה לארץ הגר", געגעבן אפהאנדלונגען איבער דער געשיכטע פון יידן אין אונגארן. וויכטיקע ספרים אויף העברעאיש וועגן דער געשיכטע פון יידן אין אונגארן זענען דערשינען פון געלערנטן רב יקותיאל יודא גרינוואלד, און נעמלעך: „היהודים באונגריא" (וויצען תרע"ג), „קורות התורה והאמונה בהונגריא" (פעסט תרפ"א), „לקורות החסידות באונגריא" (פעסט תרפ"ב), „לקורות השבתיים באונגריא", (ווייצען תרע"ב), „תולדות חכמי ישראל" (1924).

אוניווערסיטעט דער געדאנק צו שאפן א באזונדערן יידישן אוניווערסיטעט, איז דערוועקט געווארן נאך מיט 450 יאר צוריק. דער געלערנטער דר. משה גידערמאן אין זיין בוך „געשיכטע פון דערציאונגסוועזן ביי יידן" (איבערזעצט אין העברעאיש מיטן נאמען „התורה והחיים" דורך א. ש. פרידבערג) ברענגט אין סוף פון 2טן טייל, אז אין יאר 1466 האט קעניג יאהאן דער 2טער, הערשער פון אינזל סיציליע, געגעבן דערלויבניש איז איינער פון די קהלות אויפצושטעלן א העברעאישן אוניווערסיטעט. גידעמאן באמערקט דערביי, אז די דאזיקע אוניווערסיטעט איז מסתמא נישט געגרינדעט געווארן. — פון דערמאלט אן הערט מען נישט א לאנגע צייט וועגן פלענער צו גרינדן א באזונדערע אוניווערסיטעט פאר יידן. מיטן סוף פון 19טן יארהונדערט, ווען דער אנטיסעמיטיזם האט אנגעהויבן באהערשן אויך די אוניווערסיטעטן און עס האט זיך אנגעהויבן די יידישע נאציאנאלע באוועגונג איז אויך דערוועקט געווארן דער געדאנק אויפצובויען אן אייגענעם יידישן אוניווערסיטעט. — דאס ערשטע מאל איז ארויסגעטרעטן מיטן פראיעקט צו גרינדן א העברעאישן אוניווערסיטעט דער מאטעמאטיקער פראפעסאר הערמאן שאפירא אין דער צייטונג „המליץ" אין יאר

תרס"ב. אין יאר 1914 איז געקויפט געוואָרן ביי ירושלים, אויפן הר הצופים, אַ גרויסער פּלאַץ פאַר דעם קינפטיקן העבּרעאישן אוניווערסיטעט. ווען די ענגלישע אַרמיי האָט אין יאָר 1918 איינגענומען ירושלים, האָט פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן אין דער אַנוועזנהייט פון אַ ריי פאָרשטייער פון אַלע דריי רעליגיעס און רעגירונגס־מענער, געלייגט אויף דעם פּלאַץ דעם גרונטשטיין פאַר דער אוניווערסיטעט־געביידע. דעם 1טן מאַי 1925 איז פאָרגעקומען אין ירושלים אויף דעם הר הצופים די פייערליכע דערעפענונג פון דער העבּרעאישער אוניווערסיטעט דורך לאָרד באַלפור. אין שפּיץ פון דעם אוניווערסיטעט שטייט אַלס קאַנצלער דר. יהודה לייב מאַגנוס און די אַנגעזעענסטע פּראָפעסאָרן זענען פּהענקל, בערגמאַן, גוטמאַן, קלויזנער, י. האָראָוויץ, פאָדאָר (כעמיע), ווי אויך אַ גאַנצע ריי לעקטאָרן און דאָצענטן. מיט דעם אוניווערסיטעט פירט אָן אַן אַקאַדעמישער ראָט פון אָנגעזעענע געלערנטע פון ירושלים און אַנדערע לענדער. די צאָל סטודענטן אין דעם אוניווערסיטעט איז איבער 2,000. ביי דעם אוניווערסיטעט איז פאַראַן די יידישע ביבליאָטעק, די „נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק".

אונן נאָמען פון איינעם פון די זין פון יהודה, יעקב אבינוס זון. אין חומש בראשית ל"ח ווערט דערציילט, אַז נאָכדעם ווי אונגס ברודער, ער, איז געשטאָרבן אָן קינדער און אונן האָט חתונה געהאַט מיט זיין פאַרשטאָרבענעם ברודערס ווייב, ווי עס איז געווען שוין דעמאָלט דער מנהג פון „יבום", האָט אונן זיינע באַציאונגען מיט זיין ברודערס ווייב געפירט אַזוי, אַז ער זאָל נישט האָבן מיט איר קיין קינדער. דערפאַר האָט אים גאָט געשטראָפט און אויך ער איז געשטאָרבן. פון דאָזיקן ספור המעשה אין חומש שטאַמט דער נאָמען „אָנאַניזם" פאַר געשלעכטלעכער זעלבסטבאַפרידיקונג.

אונן מיט דעם וואָרט „אונן" ווערט אָנגערופן אַן אבל, אין טאָג פון קרובס טויט, אָדער פאַר זיין קבורה. אַן „אונן" געפינט זיך לויט דעם דין אין אַ גרעסערן טרויער ווי אַן „אבל". ער טאָר נישט עסן קיין פלייש, נישט טרינקען קיין וויין, און ער דאַרף זיין פאַרנומען מיט דער קבורה. עס זענען פאַראַן צוויי קאַטעגאָריעס „אונן": „מדאורייתא" און „מדרבנן". דינים וועגן אונן געפינט מען אין שלחן־ערוך יורה דעה הלכות אבלות.

אונקלוס טראַדיציאָנעלער מחבר פון „תרגום אונקלוס", די איבערזעצונג פון חומש אין דער אַראַמעאישער שפּראַך. אין דער גמרא מגילה דף ג' זאָגט דער אמורא רבי ירמיה „תרגום של תורה אונקלוס הגר אמרו מפי רבי אליעזר ורבי יהושע" (דעם תרגום פון חומש האָט אונקלוס דער גר מחבר געווען לויט ווי ער האָט געהערט פון די תנאים רבי אליעזר און רבי יהושע). וועגן דעם, אַז אונקלוס איז געווען אַ גר און האָט געלעבט אין יענע צייטן פון חורבן בית שני געפינען מיר אויך אין אַ סך אַנדערע ערטער אין ברייתות און גמרא. אין דער גמרא גיטין דף נ"ו ווערט דערציילט אַז ‚אונקלוס בר אונקלוס" איז געווען דער שוועסטערן־זון פון טיטוס דעם רוימישן קייזער. אין עטלעכע ערטער אין דער גמרא געפינען מיר, אַז אונקלוס הגר איז געווען זייער פרום, און ווען זיין פאָטער איז געשטאָרבן און אים איבערגעלאָזט די ירושה טייערע צלמים האָט ער נישט געוואָלט פון זיי הנאה האָבן (תוספתא דמאי פרק ו'). — אַ טייל געלערנטע ווייזן אָן, אַז אין אַ סך אַנדערע ערטער אין דער גמרא, באַזונדערס

אין ירושלמי און מדרש, ווערט נאָר דערמאָנט אַ גר מיטן נאָמען „עקילס“, וועלכער האָט אויך געשריבן אַ תרגום אויף תורה און האָט אויך געלערנט ביי רבי אליעזר און רבי יהושע. (ירושלמי מגילה פרק א'). אין ירושלמי חגיגה ב' ווערט דערציילט, אַז עקילס איז געווען דער שוועסטערן־זון פון רוימישן קייזער אדריינוס (אין מיטן פון 2טן יאָרהונדערט). — די מיינונג פון די יידישע געלערנטע היסטאָריקער וועגן אונקלוס און עקילס, איז צעטיילט. די פאָרשער רבי הירש חיות, דר. זכריה פראַנקל און אַנדערע, זענען זיכער, אַז דאָס איז געווען איין פערזאָן, וועלכן מען האָט אין ארץ־ישראל (אין דער גמרא ירושלמי און די מדרשים וואָס שטאַמען פון ארץ־ישראל) גערופן עקילס, און אין בבל (אין דער גמרא בבלי און אין מדרשים וואָס שטאַמען פון בבל) אונקלוס. אַנדערע געלערנטע היסטאָריקער ווי רבי עזריה מן האדומים (אין זיין „מאור עינים“), צונץ און אַנדערע מיינען, אַז דאָס זענען געווען צוויי באַזונדערע פערזאָנען. זע „תרגום“.

אוסישקין, מנחם-מענדל (1863-1941) ציוניסטישער פירער, דירעקטאָר פון דער קרן־קימת־צענטראַלע אין ירושלים; געבוירן אין דובראָוונא (רוסלאַנד) דורכגעמאַכט זיין שטודיום אַלס אינזשיניר־טעכנאָלאָג. שוין אין די ערשטע יאָרן פון דער „חבת־ציון“־באַוועגונג אין רוסלאַנד, אין יאָר 1883, איז אוסישקין צו איר צוגעטרעטן. שפּעטער איז ער געווען איינער פון די הויפּט־פירער פון דער „חובב־ציון־געזעלשאַפט“ אין רוסלאַנד. ער איז אויך געווען מיטגליד פון „בני משה“. ווען דר. הערצל האָט געגרינדעט די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע און צונויפגערופן דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס איז אוסישקין געוואָרן זיין הייסער אַנהענגער. ער איז אָבער אַרויסגעטרעטן שאַרף קעגן הערצלען, ווען הערצל האָט אויפן 6טן ציוניסטישן קאָנגרעס דורכגעפירט דעם „אוגאַנדא“־באַשלוס. ביים סוף פון דער וועלט־מלחמה אין יאָר 1919 האָט אוסישקין אַנטיילגענומען אין דער יידישער דעלעגאַציע אין פּאַריז פאַר דער שלום־קאָנפערענץ. נאָכער האָט ער זיך באַזעצט אין ארץ ישראל. אונטער זיין איינפלוס זענען געקויפט געוואָרן די געגענטן „עמק יזרעאל“, „עמק חפר“, „מפרץ חיפה“.

אופיר אין מלכים א' קאַפּיטל ט' ווערט דערציילט, אַז דער קיניג פון פעניציע חירם האָט געשיקט זיינע שיפס־לייט צוזאַמען מיט די מענטשן פון שלמה המלך אין דער שיף פון עציון־גבר ביים ים־סוף, „ויבאו אופירה ויקחו משם זהב — ויביאו אל המלך שלמה“, (און זיי זענען געגאַנגען אין לאַנד אופיר און האָבן גענומען דאָרט גאָלד און עס געבראַכט צום קעניג שלמה). ווייטער ווערט געזאָגט אין מלכים א' קאַפּיטל י' אַז די זעלבע שיפן האָבן פון זעלבן לאַנד אויך געבראַכט דאָס האָלץ „אלמוגים“ און טייערע שטיינער פאַר דעם בית המקדש אין ירושלים, אַז די שיף פון שלמה המלך וואָס האָט געהייסן „אני תרשיש“ (די פלאָט פון תרשיש) האָט געבראַכט גאָלד, זילבער, „שנהבים, קפים, תכיים“ (עלפאַנט־ביין, מאַלפּעס און פּאַפּוגייען), און די שיף פלעגט קומען איינמאָל אין דריי יאָר. אין ספר ישעיה י"ג ווערט געזאָגט: „אדם מכתם אופיר“ (אַ מענטש דאַרף טייערער זיין ווי דאָס גאָלד פון אופיר). אויך אין אַנדערע ערטער אין תנ"ך (איוב כ"ב און כ"ז, ווי אויך תהלים מ"ה) ווערט דאָס לאַנד אופיר דערמאָנט אַלס לאַנד פון גאָלד. — אין די אַלטע צייטן האָט מען געהאַלטן, אַז אופיר ליגט אין אינדיע. אויך היינט זענען פאַראַן געלערנטע וואָס שטיצן די דאָזיקע מיי־

נונג, און אלס באווייז געבן זיי אן אויך דאס, וואס דער דערמאנטער נאמען פון האלץ „אלמוגים" הייסט אויך אזוי אין דער אלטער אינדישער סאנסקריט־שפראך, און דער נאמען „תכי" פאר פאפוגיי איז אין דער סאנסקריט שפראך „ציקי", און דער נאמען פאר א מאלפע „קוף" איז אין דער סאנסקריט־שפראך „קאפי". אנדערע געלערנטע מיינען, אז אופיר האט זיך געפונען אין אראביע און אלס באווייז ברענגען זיי דאס, וואס אין בראשית י' ווערט דערמאנט „אופיר" צווישן די בני יקטן, וואס זענען אראבישע שבטים. טייל געלערנטע ווידער האלטן, אז אופיר האט זיך געפונען אין אפריקע. גאר מערקווירדיק איז די מיינונג, וואס איז געווען פארשפרייט אין 16טן יארהונדערט באלד נאך דער אנטדעקונג פון אמעריקע, אז אופיר איז דאס לאנד פערו אין דרום־אמעריקע. די דאזיקע מיינונג ברענגט רבי דוד גאנז (אין 16טן יארהונדערט) אין זיין ספר „נחמד ונעים".

אוצר ישראל נאמען פון דער העברעאישער ענציקלאפעדיע וואס איז דערשינען אין ניו־יארק אין די יארן 1906—1913 אונטער דער רעדאקציע פון יהודה דוד אייזנשטיין ביי דער מיטארבעטונג פון א ריי יידישע געלערנטע. די דאזיקע ענציקלאפעדיע איז דערשינען אין 10 בענד און באהאנדלט אלע ענינים פון דער יידישער רעליגיע פון ארטאדאקסיש־נאציאנאלן שטאנדפונקט. א צווייטע אויפלאגע פון דעם „אוצר ישראל" איז דערשינען אין ווין, בערלין, לאנדאן, יאר 1924. דאס איז ביז איצט די איינציקע גאנצע יידישע ענציקלאפעדיע אין דער העברעאישער שפראך.

אוקראינע נאמען פון לאנד וואס ליגט אין דרום־טייל פון רוסלאנד, און איז היינט א רעפובליק, וואס געהערט צום רעפובליקען־פארבאנד פון באלשעוויסטישן ראטן־רוסלאנד. די הויפטשטעט זענען: קיעוו, כארקאוו און אנדערע. אין אוקראינע געפינען זיך היינט לערך 27 מיליאן איינוואוינער, און צווישן זיי זענען פאראן לערך 1 מיליאן מיט 600 טויזנט יידן. די געשיכטע פון די יידן אין אוקראינע פארנעמט איינע פון די וויכטיקסטע קאפיטלען אין דער יידישער געשיכטע אין די לעצטע 500 יאר. עס איז שווער צו זאגן גענוי, ווען יידן זענען געקומען דאס ערשטע מאל קיין אוקראינע. א ריי יידישע געלערנטע, ווי כרמולי, יצחק בער לעווינזאן, הארקאווי און אנדערע האלטן, אז די יידן זענען געקומען קיין אוקראינע פון דעם האלבאינזל קרים, וואו זיי האבן געוואוינט שוין פון גאר אלטע צייטן, און אז אין די צייטן, ווען די יידישע קעניגן־הערשער פון די כוזרים (אין 9טן יארהונדערט) האבן געהערשט אויך איבער אוקראינע האבן זיך דארט געגרינדעט יידישע ישובים. זיכער איז, אז אין 12טן יארהונדערט זענען שוין געווען אין אוקראינע פיל יידישע ישובים, צווישן וועלכע עס האבן זיך געפונען אביסל תלמידי חכמים. אזוי ווערט אין „ספר הישר" פון בעל־תוספות רבנו תם (וועלכער איז געשטארבן אין דער 2טער העלפט פון 12טן יארהונדערט) דערמאנט איינער פון רבנו תמס תלמידים „רבי משה פון קיעוו (קיוב)". א צווייטער תלמיד פון רבנו תם, רבנו אליעזר פון בעמען (מביהם). וועלכער האט אויך געלעבט אין יענער צייט שרייבט אין זיין תשובה (געדרוקט אין „אור זרוע הגדול" און אין „שאלות ותשובות מהרם בר ברוך") אז „ברוב המקומות במדינות פולין ורוסיה ואנגריא שאין שם לומדי תורה מחמת דחקם, והם שוכרים להם לשליח ציבור ולמורה צדק

וגם למלמד לבניהם" (איז א סך ערטער אין פוילן, רוסלאנד און אונגארן, וואו ס'איז נישט פאראן קיין לומדים, און זיי דינגען זיך איינעם, וואס זאל זיין ביי זיי א חזן, און א מלמד פאר די קינדער); דערביי דארף מען באמערקן, אז מיט דעם ווארט „רוסיה" האט מען אין אלע שאלות ותשובות־ספרים פון יענער צייט און אויך פון די שפעטערדיקע צייטן געמיינט מזרח־גאליציע און אוקראינע, דאקעגן דאס אייגנטלעכע רוסלאנד האט געהייסן מייסטנס „ארץ מאסקווי". פון דער דאזיקער תשובה פון רבנו אליעזר פון בעמען איז אלזא קלאר, אז שוין אין יענער צייט זענען געווען א סך יידישע ישובים אין אוקראינע, ווייל ער שרייבט וועגן „רוב המקומות" (אין מערסטע ערטער). גאר שטארק האבן זיך אנטוויקלט די יידישע ישובים אין אוקראינע פון יאר 1569, ווען פוילן האט זיך פולשטענדיק פאראייניקט מיט ליטע, און אוקראינע וואס האט דעמאלט געהערט צו ליטווישע פירשטן איז פארבונדן געווארן מיט דער פוילישער מלוכה. גרויסע פוילישע מאגנאטן, פירשטן, פריצים האבן זיך באזעצט אין אוקראינע און פארנומען גאנצע געגנטן און האבן דערקלערט די אוקראינישע פויערים אלס דאס אייגנטום פון די פריצים, „פאנשטשיזנע". יידן האבן זיך דעמאלט באזעצט נישט נאר אין די שטעט, נאר אויך אין די דערפער, וואו זיי זענען געווארן אמייגסטן ארענדאטארן ביי די פוילישע פריצים. די יידן האבן זיך אויך פארנומען מיט האנדל, מלאכה, און האבן געבראכט גרויס נוצן פאר דער אויפלעבונג פון לאנד. אבער גלייכצייטיק איז אנטשטאנען קעגן יידן א שנאה ביי די אוקראינישע פויערים, וועלכע האבן געהאלטן, אז די יידן העלפן די פוילישע פריצים צו אונטערדריקן די אוקראינישע פויערים.

דעריבער ווען עס פלעגט אויסברעכן אן אויפשטאנד פון די אוקראינישע פויערים און קאזאקן (פרייע פויערים) קעגן די פוילישע פריצים, האבן אויך די יידן געליטן. די גרעסטע שחיטה אויף יידן אין אוקראינע איז פארגעקומען אין יאר 1648, דאס איז די בארימטע „גזירת ת"ח ות"ט", אין דער צייט פון אויפשטאנד פון די אוקראינישע קאזאקן אונטער דער פירונג פון באגדאן כמיעלניצקי. — אין יענער צייט פון יאר „ת"ח ות"ט" זענען חרוב געווארן זייער פיל יידישע קהלות אין אוקראינע, פיל צענדליקער טויזנטער יידן האט מען אויסגעשאכטן, א סך איבערגעבליבענע זענען אנטלאפן און האבן זיך באזעצט אין אנדערע לענדער (זע ת"ח). דער יידישער ישוב אין אוקראינע איז געווארן זייער פארקלענערט, און ספעציעל שפעטער, ווען א טייל פון אוקראינע (פון דער לינקער זייט פון דניעפר) איז אין יאר 1667 ארונטערגענומען געווארן אונטער דער הערשאפט פון רוסישן צאר אין מאסקווע און מען האט אנגעהויבן ארויסגעבן פארשידענע געזעצן, וואס האבן באגרענעצט דאס רעכט פון יידן צו וואוינען אין אוקראינע. זייער שלעכט איז אויך געווארן די לאגע פון די יידן אין יענעם טייל אוקראינע (אין דער רעכטער זייט פון טייך דניעפר) וואס איז פארבליבן אונטער דער הערשאפט פון פוילן. עס זענען פארגעקומען אפטע שחיטות אויף יידן. אין ענדע פון 18טן יארהונדערט איז גאנץ אוקראינע געווארן א טייל פון דער גרויסער רוסישער אימפעריע, און דער גורל פון די יידן אין אוקראינע איז געווארן פארבונדן מיטן גורל פון די יידן אין רוסלאנד. ערשט אין יאר 1917, אין דער צייט, פון דער גרויסער וועלט־מלחמה ווען עס איז אויסגעבראכן די רעוואלוציע אין רוסלאנד, האט אוקראינע גע־

פראוואט זיך ווידער אפטיילן פאליטיש
פון רוסלאנד און ווערן א באזונדער לאנד.
די פרואוון דערצו זענען געווען פארשי־
דענע, און זיי האבן געדויערט די יארן
פון 1917 ביז ענדע 1920. דאס זענען
געווען די שרעקלעכסטע צייטן פאר די
יידן אין אוקראינע. אין אנהויב האבן
די פארשידענע אוקראינישע רעגירונגען
זאגאר געגעבן די יידן די ברייטסטע
פרייהייטן און נאציאנאלע אויטאנאמיע
און האבן זאגאר געשאפן א באזונדער
יידיש מיניסטעריום. אבער אין ענדע
פון יאר 1918 האבן זיך אנגעהויבן די
שרעקלעכע שחיטות אויף די אוקראיני־
שע יידן. די פארשידענע אוקראינישע
אטאמאנעס מיט זייערע חיילות האבן זיך
געווארפן אויף די יידישע שטעט און
דערפער און געשאכטן יידן. די דאזיקע
שחיטות האבן געדויערט ביזן יאר 1921.
מען נעמט אן, אז עס זענען געווען אי־
בער 2,000 פאגראמען אויף די אוקראי־
נישע יידן; מען שאצט אפ אז די
צאל הרוגים איז געווען 75 טויזנט. עס
זענען געווען שטעט און דערפער וואו
כמעט אלע יידן זענען אויסגעשאכטן גע־
ווארן. די יידן פון אוקראינע האבן דע־
מאלט גענומען זיך פאנאנדערלויפן אי־
בער דער וועלט, דורך פוילן, רומעניע,
און האבן געליטן אויפן וועג די שרעק־
לעכסטע עינויים ביים דורכגיין די גרע־
נעץ. א סך זענען אומגעקומען פון
מגפות, פון הונגער. פיל אוקראינישע
שטעט וואו עס האבן פריער געוואוינט
טויזנטער יידן, זענען געווארן אינגאנצן
ליידיק פון יידן. אויפגעהערט האבן די
פאגראמען אין יאר 1921, ווען די ראטן־
רעגירונג פון רוסלאנד האט צוריק פאר־
נומען אוקראינע און פארטריבן די מחנות
פון די אוקראינישע אטאמאנעס, און האט
אויך אנגענומען זייער שטרענגע מיטלען
קעגן די פאגראמען. ווען די היטלעריס־
טישע דייטשע ארמיי איז אין 1941 אריין
קיין אוקראינע האט זי פארניכטעט פילע
אידישע קיבוצים אין די אוקראינישע
שטעט. ביים שרייבן די דאזיקע שורות
פעלן איינצלהייטן וועגן דעם דאזיקן
גרויסן חורבן. וועגן דער עלטערער גע־
שיכטע פון די יידן אין אוקראינע איז צו
געפינען אין: ליטינסקי „קורות פודו־
ליה“; מרגליות; „דובנא־רבתי“; בובער,
„מזכרת לגדולי אוסטראה“; הארקאווי,
„היהודים ושפת הסלבים“; וועגן יידישן
לעבן אין אוקראינע אין 16טן און 17טן
יארהונדערט האט געזאמלט אביסל מא־
טעריאלן פון די שאלות־ותשובות־ספרים
בן־ציון כץ איז זיין „לקורות היהודים
ברוסיה, פולין וליטא“; צו דער גזירות
ת״ח ות״ט און אויך די אומאנער גזירה
האט צונויפגעזאמלט מאטעריאלן גור־
לאנד אין זיין „לקורות הגזרות על ישר־
אל“, און אין יידיש איז פאראן אביסל
מאטעריאל אין ווינרייכס „שטורמווינ־
טן“, און „היסטארישע שריפטן“ פון
יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט און
דר. יעקב שאצקים „גזרת ת״ח“ ווי
אויך אין די אויסגאבן פון היסטארישן
פאקולטעט ביי דער אוקראינישער אקא־
דעמיע אין קיעוו; וועגן די שחיטות איז
די יארן 1921-1919 איז פאראן אויספיר־
לעך אין דריטן באנד פון העבראישן
זאמלבוך „רשומות“, און אין יידיש איז
טשעריקאווער, „אנטיסעמיטיזם און פא־
גראמען אין אוקראינע“, פייגנבערג, „דער
פנקס פון דובאווא“, גאלדעלמאן, „איז
גלות ביי די אוקראינער“; וועגן דער
שפעטערער לאגע פון יידן אין אוקראינע
איז פאראן אין: גערגעל „די לאגע פון
יידן אין רוסלאנד“ (1929), „בלעטער
פאר יידישע דעמאגראפיע“ (בערלין
1923-1925).

אור כשדים דאס איז, לויט דעם ספור
איז חומש, בראשית י״א, די שטאט אין

בבל, וואו אברהם אבינו איז געבוירן געווארן. טייל פארשער מיינען אז דאס איז די אלטע שטאט אין דרום־בבל ביים טייך פרת, און די שטאט ווערט אויך אנגערופן אין די אלטע שריפטן פון בבל מיטן נאמען „אורו", און שפעטער האט זי אויך געהייסן „כשדים". עס געפונען זיך איצט אלטע חורבות פון דער דאזיקער שטאט, און זיי הייסן ביי די היינטיקע איינוואוינער אין יענער געגנט „אל מוקאיאר". מען האט לעצטנס געגראבן אויף דעם ארט פון די חורבות פון אור־כשדים און דארט געפונען שפורן פון אלטע בנינים. דארט זאל האבן אויך געוועזן א הייליקער טעמפל פון דער אלטער באבילאנישער רעליגיע.

אורוגוויי רעפובליק אין דרום־אמעריקע וואוהין עס האבן איינגעוואנדערט אין די יארן זינט דער וועלט־מלחמה פון 1914 א געוויסע צאל יידן פון מזרח־אייראפעאישע לענדער. אורוגוויי ליגט אין שכנות פון בראזיליע און פארנעמט א שטח פון 178 טויזנט קוואדראט קילאמעטער, אויף וועלכן עס וואוינט א באפעלקערונג פון 1 מיליאן מיט 800 טויזנט נפשות; די הויפטשטאט איז „מאנטעווידעא" די יידישע אימיגראציע קיין אורוגוויי האט זיך אנגעהויבן נאך פאר דער וועלט־מלחמה. אמייסטן זענען געקומען אהין ספרדישע יידן פון טערקיי און סיריע. די צאל יידישע אימיגראנטן איז דעמאלט געווען א קליינע. אבער נאך דער וועלט־מלחמה, ווען אלע לענדער, און איבערהויפט די פאראייניקטע שטאטן פון צפון־אמעריקע, האבן באגרענעצט די אימיגראציע, האבן א גרעסערע צאל יידן פון פוילן און ליטע און אויך אנטלאפענע פון אוקראינע און רוסלאנד גענומען וואנדערן, און לעצטנס אויך פון דייטשלאנד, אין די קלענערע לענדער פון דרום־אמעריקע, און צווישן זיי אויך קיין אורוגוויי.

איצט איז אין אורוגוויי פאראן ביי 30 טויזנט יידן, וועלכע וואוינען אמייסטן אין דער הויפטשטאט מאנטעווידעא; א קליינע צאל יידן וואוינען אויך אין די פראווינץ־שטעט, ווי מערסעדעס, בענטאס און אנדערע. א געוויסע צאל יידן האבן זיך אויך באזעצט אויף קאלאניעס און באשעפטיקן זיך מיט ערד, וואס זיי האבן באקומען פון דער רעגירונג. אין אורוגוויי האבן יידן פולשטענדיקע גלייכבארעכטיקונג; פאראן יידן וואס פארנעמען העכערע פאסטנס ביי דער רעגירונג. אין אורוגוויי איז אויך פאראן א יידישע דרוקעריי און עס דערשיינט דארט אויף יידיש א וואכנצייטונג, און עס איז געווען א פרואוו זאגאר ארויסצוגעבן א טאגצייטונג אויף יידיש. עס עקזיסטירן שולן מיט העבראיש און יידיש אלס אונטעריכטס־שפראך. אורוגוויי רעכנט זיך צו די לענדער, וואס האבן א גרויסע באדייטונג פאר דער צוקונפט פון דער יידישער עמיגראציע.

אורח זע „הכנסת אורחים".

אורי לעסער (1931-1862). קונסטמאלער; שטודירט אין בערלין, מינכן, בריסל, פאריז, אין יאר 1885 זיך באזעצט אין בערלין. אחוץ בילדער פון אלגעמיינעם אינהאלט האט לעסער אורי זיך אויך באקאנט געמאכט מיט זיינע בילדער פון תנ"ך־אינהאלט, ווי ירמיהו, משה צעברעכט די לוחות, אדם און חוה, ווי אויך דאס בילד ירושלים.

אורי פייבוש בן אהרן (1623—1715), יידישער דרוקער אין אמסטערדאם און נאכער אין פוילן (זשאלקעוו), ארויסגעבער פון דער ערשטער צייטונג אין דער יידישער שפראך, ארויסגעבער פון דער ערשטער פולער יידישע איבערזעצונג פון תנ"ך. פאר דער געשיכטע פון דער יידישער שפראך האבן א גרויסע באדייטונג

צוויי אויסגאַבן אויף יידיש, וואָס אורי פייבוש האָט אָפּגעדרוקט, דאָס זענען: די ערשטע יידישע פולשטענדיקע „תנ״ך איבערזעצונג״ און די ערשטע יידישע צייטונג „קוראַנט״. שוין פריער זענען איבערזעצט געוואָרן אויף יידיש פאַרשידענע ספרים פון תנ״ך, ווי חומשים, תהלים און אַנדערע. אָבער אַ פולשטענדיקע איבערזעצונג אין דער יידישער שפּראַך פון גאַנצן תנ״ך איז נישט געווען. ערשט אורי פייבוש האָט אין די יאָרן 1676—1679 אַרויסגעגעבן אין זיין דרוקעריי דעם גאַנצן תנ״ך אויף יידיש (אויף דעם שער שטייט „תורה, נביאים וכתובים בלשון אשכנז״). די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן דורך דעם קאָרעקטאָר פון אורי פייבושעס דרוקעריי יקותיאל בליץ. די אַנדערע וויכטיקע יידישע אויסגאַבע פון אורי פייבוש איז געווען די ערשטע צייטונג אויף יידיש „קוראַנט (פרייטאַגישע און דינסטאַגישע)״ וואָס איז דערשינען אין אַמסטערדאַם אין די יאָרן 1686—1687 צוויי מאָל אין דער וואָך, דינסטיק און פרייטיק. צוליב אַ געוויסער סבה האָט אורי איבערגעטראָגן זיין דרוקעריי קיין פּוילן אין דער שטאָט זשולקיעו (זאָלקוויא) אין גאַליציע. ער האָט דערמיט פאַרשפּרייט דאָס יידישע דרוקעריי־וועזן אין פּוילן. אין זשולקעוו איז די דרוקעריי געבליבן אַ לענגערע צייט אויך נאָך אורי פייבושעס טויט (ער איז געשטאָרבן אַן אַלטער מאַן אין אַמסטערדאַם), זיינע אייניקלעך האָבן איר ווייטער געפירט. פון זיי זענען אַנטשטאַנען אין פּוילן פאַמיליעס דרוקערס אין זשולקעוו און לעמבערג. דאָס זענען די באַקאַנטע פאַמיליעס „מדפיסים״ און „לעטערים״.

אוריאל נאָמען פון אַ מלאך. שוין אין די צייטן פון 2טן בית המקדש (אין אַפּאָקריפישן ספר „חנוך״) ווערט דערמאָנט אוריאל אַלס דער מלאך וואָס איז ממונה איבער דער זון, דער לבנה און די שטערנס ווי אויך איבער דונערן און בליצן. אוריאל ווערט דערמאָנט אין אבות דרבי נתן, פרק י״ב. אויך אין דאַווענען, נאָך קריאת שמע זאָגן ביינאַכט ווערט געזאָגט: „מימיני מיכאל, משמאלי גבריאל, ומלפני אוריאל ומאחורי רפאל״, דאָס הייסט, אַז די אַלע פיר מלאכים שיצן דעם מענטש ביינאַכט ווען ער שלאָפט.

אוריה החתי אין ספר שמואל ב׳ קאַפּיטל כ״ג ווערט צווישן די 37 „גבורים״ פון דוד המלך אויך דערמאָנט דער גבור אוריה החתי. אין זעלבן ספר שמואל ב׳ קאַפּיטל י״א ווידער ווערט דערציילט, אַז ווען דוד המלך האָט געשיקט זיין מיליטער־פירער יואב מיט מיליטער מלחמה האַלטן קעגן עמון, האָט דוד געזען פון דאַך ווי עס וואַשט זיך אַ שיינע פרוי, און דאָס איז געווען בת־שבע די פרוי פון אוריה החתי. דערנאָך קומט די דערציילונג, ווי דוד המלך האָט געשיקט אוריה החתי צו דער מלחמה און האָט גלייכצייטיק געשיקט אַ בריוו צו יואב, אַז ער זאָל אוריהן שטעלן אויף דעם שווערסטן שלאַכטפעלד, כדי ער זאָל געטויט ווערן פון שונא. יואב האָט אַזוי געטאָן: אוריה איז געטויט געוואָרן, און דוד האָט גענומען בת־שבע אַלס פרוי. נאָכער ווערט דערציילט ווי נתן הנביא האָט דערפאַר געשטראָפט דוד המלך, און ווי שפּעטער האָט בת־שבע געבוירן אַ זון, דאָס איז געווען שלמה המלך. דער חטא פון טויטן אוריה החתי איז כסדר דערמאָנט געוואָרן דוד המלך. אפילו דער מחבר פון ספר מלכים א׳ (קאַפּיטל ט״ו) ווען ער דערמאָנט דוד המלך, אַז ער איז געווען פרום און געטאָן אַלץ וואָס גאָט האָט געהייסן, באַמערקט ער צו: „רק

בדבר אוריה החתי" (אחוץ ווענן אוריה החתי).

אורים ותמים אין חומש שמות כ"ח ווערט געזאָגט אַז אהרן הכהן האָט געטראָגן אויף זיך דעם גאָלדענעם שילד, וואָס האָט געהייסן „חושן המשפט" ווי אויך אַ גאָלד־געניייטן פאַרטוך וואָס האָט געהייסן „אפוד", און אין דעם „חושן" האָט מען אַריינגעשטעלט דעם „אורים ותמים". וואָס איז אַזעלכעס געווען דער „אורים ותמים", ווערט אין חומש נישט געזאָגט. אין אַ צווייט אָרט פון חומש, במדבר כ"ז, ווערט געזאָגט ווענן אלעזר הכהן „ושאל לו במשפט האורים לפני ה'" (און ער וועט אים פרעגן אין דעם אורטייל פון די אורים פאַר גאָט). דערפון איז צו זען, אַז דורך דעם „אורים" האָט מען געפרעגט ביי גאָט באַשייד ווענן וויכטיקע פראַגן, וואָס מען האָט צו טאָן, און גאָט האָט דורך די „אורים" געענטפערט. אין די שפּעטערדיקע צייטן, אין צווייטן בית המקדש אין עזרא ב' י"ג און נחמיה ז' ווערט שוין בפירוש געזאָגט „עד עמוד כהן לאורים ותמים", כדי ער זאָל קאָנען דורך די אורים ותמים געוואָר ווערן צווייפלהאַפטע פראַגן. אין דער משנה יומא ע"א און דאָרט אין דער גמרא ע"ג ווערט שוין קלאָר פאַרשטאַנען, אַז דורך דעם אורים ותמים האָט מען געפרעגט ביי גאָט, וואָס צו טאָן אין וויכטיקע פאַלן. די גמרא אין יומא ע"ג זאָגט אויך, אַז די ווערטער „אורים ותמים" זענען דער טייטש, „שמאירין את דברים ומשלימים את דבריהם" (זיי באַלויכטן זייערע רייד און דערגאַנצן זייערע רייד). אויך די גריכישע איבערזעצונג פון תנ"ך, דער „תרגום השבעים" („סעפּטואַגינטאַ") זעצט איבער די ווערטער „אורים ותמים", „ענטפּלעקונג און אמת". — יוסף פלאַוויוס איז זיין בוך אַלטערטימער (בוך 3, 8) זאָגט, אַז דער „אורים ותמים האָט אויפגעהערט אינמיטן פון צווייטן בית המקדש. דאָקעגן די משנה סוטה מ"ח זאָגט „משמתו נביאים הראשונים בטלו אורים ותומים", און די גמרא דאָרט דערקלערט אַז דאָס מיינט מען, אַז צוזאַמען מיטן חורבן פון ערשטן בית המקדש האָבן די אורים ותומים אויפגעהערט.

אושא שטאָט אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון דער משנה, באַקאַנט דערמיט, וואָס נאָך דער מלחמה פון בר כוכבא, ווען דאָס רוימישע מיליטער האָט חרוב געמאַכט דעם דרום־טייל פון ארץ־ישראל, איז קיין אושא אַריבערגעטראָגן געוואָרן דאָס סנהדרין מיטן נשיא (ראש השנה ל"א). טייל געלערנטע פאַרשער פון דער אַלטער ארץ־ישראל־געאָגראַפיע, זאָגן, אַז אושא איז געשטאַנען אויף דעם אָרט, וואו עס געפינט זיך היינט דער אַראַבישער „כירבאַט הושאַ", דאָס איז נישט ווייט פון שאַסיי, וואָס גייט איצט פון חיפה קיין טבריה. אין דער גמרא בבא בתרא כ"ו ווערן דערמאָנט תנאים מיטן נאָמען „הולכי אושא" (די וואָס זענען געגאַנגען קיין אושא). אין דער גמרא כתובות מ"ט און אַנדערע ערטער ווערן דערמאַנט תקנות וואָס די חכמים האָבן אָנגענומען אין אושא (באושא התקינו). איינע פון די דאָזיקע תקנות איז „המבזבז אל יבזבז יותר מחומש" (אַז איינער וויל געבן אַ סך צדקה, טאָר ער אָבער נישט געבן מער ווי אַ פינפטל פון זיין פאַרמעגן), ווייל — גיט צו די גמרא — „שמא יצטרך לבריות" (טאָמער וועט אים אויסקומען אַליין אָנצוקומען צו מענטשן).

אושעיא רב אין דער גמרא געפינען מיר עטלעכע אמוראים מיטן נאָמען „אושעיא". ווען זיי ווערן געבראַכט אין דער גמרא בבלי הייסן זיי אַמייסטנס

„אושעיא" מיט אַן אלף צום אָנהויב, און ווען זיי ווערן געבראַכט אין דער גמרא ירושלמי אָדער אין אַ מדרש וואָס שטאַמט פון ארץ־ישראל, הייסן זיי אָמייסטנס „הושעיא" מיט הא צום אָנהויב. דער וויכטיקסטער פון זיי איז געווען „רבי אושעיא רבה". וועגן אים גיבן מיר אין אַ באַזונדערן זוכוואָרט „אושעיא רבה". — אין אַלגעמיין, וואו עס ווערט געבראַכט אין דער גמרא סתם רב אושעיא מיינט מען דעם אמורא רב אושעיא, אַ תלמיד פון רבי יוחנן. דער דאָזיקער רב אושעיא האָט געלעבט אין 3טן דור פון די ארץ־ישראל אמוראים. אין דער גמרא פסחים קי"ג ווערט דערציילט אַז רב אושעיא און רב חנינא זיין ברודער זענען געווען „אושכפי בארעא דישראל", שוסטערס אין ארץ־ישראל. אין סנהדרין ס"ז ווערט דערציילט וועגן רב אושעיא און רבי חנינא, אַז „כל מעלי שבתא הוו עסקי בהלכות יצירה ומיברי להו עיגלא תלתא ואכלי ליה" (יעדן ערב שבת פלעגן זיי עוסק זיין אין די מופת־זאַכן פון יצירה און האָבן זיך באַשאַפן מיט אַ מופת אַ קאַלב און אים אויפגעגעסן). דאָ האָבן מיר די ערשטע שפורן פון די וואונדער־מעשהס ביי יידן וועגן שאַפן אַ „גולם".

אושעיא רבה איינער פון די ערשטע ארץ־ישראל־אמוראים. וועלכער ווערט אָנגערופן אין ירושלמי און מדרשים אויך רבי הושעיא, און טיילמאָל ווערט אים צוגעגעבן דער טיטל „ברבי" אָדער „רבה", אָדער „רובה". ער האָט געלעבט אין ערשטן דור פון די אמוראים (לערך אין יאָר 220), און איז געווען אַ תלמיד פון מסדר פון דער משנה רבי יהודה הנשיא. דער גרעסטער תלמיד פון רבי אושעיא איז געווען דער שפּעטערדיקער פירער פון ארץ־ישראל־ישיבה רבי יוחנן. אין ירושלמי (בבא קמא פרק ד' און אַנדערע ערטער) ווערט ער אויך אָנגערופן „אבי המשנה" (דער פאָטער פון דער משנה). אין ירושלמי תרומות פרק י' ווערט געזאָגט וועגן אים, אַז ער האָט געוואוינט אין פאַרט־שטאָט אין ארץ־ישראל קסרין (צעזאַרעא). רבי אושעיא ווערט געזאָגט אין דער גמרא חולין קמ"א אַז ער האָט מסדר געווען „ברייתות". דאָס הייסט, די הלכות וואָס זענען נישט אריינגענומען געוואָרן אין דער משנה. — אין די פריערדיקע צייטן איז געווען אַ מיינונג, אַז רבי אושעיא האָט מחבר געווען אויך דעם מדרש בראשית רבה, ווייל מיר געפינען אין אָנהויב דעם מדרש בראשית רבה איז פאַראַן „רבי הושעיא רבה פתח" (רבי הושעיא האָט אָנגעהויבן), און דערנאָך גייט אַ דרוש פון אים. דעריבער האָט מען אויך דעם דאָזיקן מדרש גערופן „בראשית דרבי הושעיא". אָבער דער מדרש־פאָרשער טעאָדאָר האָט באַוויזן, אַז דאָס איז נישט ריכטיק. די דערמאָנטע דרשה פון רבי הושעיא אין מדרש זאָגט אויפן פסוק „ואהיה אצלו אמון", אַז דאָס זאָגט די תורה „אני הייתי כלי אומנתו של הקדוש ברוך הוא" (איך בין געווען דאָס געווערקצייג פון גאָט), דאָס הייסט מיט דער תורה האָט גאָט באַשאַפן די וועלט. דער געלערנטער באַכער (אין זיין „אגדות אמוראי ארץ־ישראל„) ווייזט אָן אַז דאָס איז באַיינפלוסט פון דער יידיש־אַלעקסאַנדרינישער פילאָזאָפיע פון פילאָן און אַנדערע. אין מדרש בראשית רבה י"א ווערט געבראַכט אַז רבי אושעיא פלעגט זיך מתווכח זיין מיט פילאָזאָפן (פיליסופא). אין דער גמרא ווערט דערציילט אַז רבי אושעיא איז אויך געווען גרויס מיט גוטע מעשים. וועגן דער גרויסקייט פון רבי אושעיא זאָגט זיין תלמיד רבי יוחנן (אין עירובין נ"ג) אַז „לא יכלו

חבריו לעמוד על סוף דעתו" (זיינע חברים האבן אים נישט געקאנט נאכגיין).

אושפיזין אראמעאיש ווארט, דער טייטש „אורחים", „געסט". ביי די מקובלים און חסידים איז דאס ווארט „אושפיזין" געווארן באנוצט אין יום־טוב סוכות צו דעם אנגענומענעם גלויבן, אז צו יעדן ייד אין סוכה קומען יעדן טאג די הייליקע „אושפיזין", דאס זענען אברהם, יצחק, יעקב, יוסף, משה, אהרן און דוד המלך, אלס געסט (אושפיזין). יעדן טאג איז איינער פון די אושפיזין דער היפטגאסט: דעם ערשטן טאג איז אברהם אבינום אושפיזין, דעם צווייטן טאג איז עס יצחק אבינום און אזוי כסדר, ביז דעם לעצטן, 7טן טאג סוכות ווען עס איז דוד המלכס אושפיזין. דער דאזיקער גלויבן ווערט דערמאנט אין „זהר" (אמור ק"ג), און דארט ווערט געזאגט, אז רב המנונא סבא פלעגט ביים אריינגעהן אין סוכה איינלאדן די „אושפיזין".

אושקי שמואל דיכטער און היסטאריקער, אין 16טן יארהונדערט אין פעראר (איטאליע). שמואל אושקי איז געבוירן געווארן אלס קריסט אין פארטוגאל ביי עלטערן אנוסים; אלס יונגערמאן איז ער אנטלאפן פון פארטוגאל און איז געווארן עפנטלעך א ייד אין פעראר. זיינע פייאיקייטן זענען געווען זייער גרויסע. ער האט באהערשט שפאניש, פארטוגזיש, לאטיין, גריכיש און אויך איטאליעניש. אויסערדעם האט ער אויך פארמאגט דיכטערישן טאלאנט. שמואל אושקי האט ארויסגעוויזן א ספעציעלע פאראינטערעסירונג פאר שטודירן די יידישע געשיכטע. אמבארימטסטן פון זיינע ווערק איז זיין בוך אויף שפאניש מיטן נאמען „די טרייסט פאר די ליידן פון ישראל". דאס איז א דיכטערישער פארם געשריבן א געשפרעך צווישן דריי חברים יעקב, נחום און זכריה וועגן די ליידן וואס דאס יידישע פאלק האט געהאט אויסצושטיין פון די עלטסטע צייטן אן ביז צום גירוש פון שפאניע און פארטוגאל און דער שרעקלעכער אינקוויזיציע. שמואל אושקי האט געשריבן דאס דאזיקע בוך אין דער צייט, ווען די אינקוויזיציע אין פארטוגאל האט געהערשט מיט דער שרעקלעכסטער שארפקייט. אין א סך הערצער פון די אנוסים האט שוין אנגעהויבן אנטשטיין א צווייפל, צי איז טאקע די יידישע רעליגיע די ריכטיקע און צי איז כדאי צו ליידן אזוי פיל צרות, נישט זעענדיק קיין האפנונג אויסגעלייזט צו ווערן. שמואל אושקי האט מיט זיין דערמאנטן בוך „טרייסט" באמיט צו שטארקן די הערצער פון די פארצווייפלטע און טרייסטלאזע. דאס „געשפרעך" קומט פאר, ווי איינער פון די דערמאנטע דריי חברים, יעקב, ווייזט אן ווי די גאנצע יידישע געשיכטע, איז נאר א קייט פון ליידן און אומגליקן, און זיינע איבעריקע צוויי חברים, נחום און זכריה (דאס איז אן אנדייטונג: „נחום" הייסט „טרייסט", און „זכריה" איז די ווערטער „זכריה" דאס הייסט „געדענק גאט!") טרייסטן אים און זיי דערקלערן, אז די אלע ליידן פון יידישן פאלק זענען נאר כדי די יידן אויסצולייטערן, אז זיי זאלן ראוי זיין צו דער אייביקער גאולה. — אין דעם דאזיקן בוך גיט שמואל אושקי אויך פיל וויכטיקע היסטארישע מאטעריאלן וועגן דער אינקוויזיציע און די גירושים. דאס בוך האט געדינט אלס וויכטיקע היסטארישע קוועלע פאר א סך יידישע געשיכטע שרייבער. אמייסטן האט זיך דערמיט באנוצט רבי יוסף הכהן אין זיין „עמק הבכא".

אות דאס ווארט אות האט אין העברע־איש עטלעכע באדייטונגען, וואס טייל פון זיי זענען אריבער אויך אין דער יידי־שער שפראך. איין באדייטונג איז „אות" א „בוכשטאב". אין תנ"ך גע־פינען מיר נישט די דאזיקע באדייטונג פון ווארט „אות", נאר ערשט אין דער משנה און גמרא. מיר געפינען למשל אין דער משנה שבת פרק י"ב „הכותב שתי אותיות" (איינער שרייבט צוויי בוכ־שטאבן). די צווייטע באדייטונג פון „אות" איז א „צייכן". דאס געפינען מיר שוין פיל מאל אין תנ"ך. אזוי זאגט דער חומש בראשית ד' אז ווען קין האט נאכן דערמארדן זיין ברודער הבל מורא געהאט, אז מען זאל אויך אים נישט דערמארדן, „וישם ה' לקין אות" (האט גאט געמאכט אויף קין א צייכן). — דערפון שטאמט אויך די באדייטונג פון „אות" אלס „גייסטיקער" צייכן. למשל וועגן שבת ווערט געזאגט אין חומש שמות ל"ו „אות היא ברית ביני וביני־כם" (אז שבת איז א צייכן פון בונט צווישן גאט און די יידן). — פון דער דאזיקער באדייטונג שטאמט אויך דער באגריף „אות" אלס א „וואונדערבארע" טאט, אלס א „באוויזענער מופת", וואס דארף דינען אלס צייכן אז דער וואס באווייזט דעם מופת איז גערעכט. מיר געפינען אין חומש שמות ד' אז ווען גאט האט געשיקט משה רבנו צו די יידן קיין מצרים זיי אויסצולייזן, האט ער אים גע־הייסן זיי ווייזן „מופתים", ווי מאכן פון שטעקן א שלאנג און אנדערע וואונדער, און גאט זאגט צו משה: „והיה אם לא יאמינו לך ולא ישמעו לקול האות הרא־שון והאמינו לקול האות האחרון" (אויב זיי וועלן דיר נישט גלויבן ביים ערשטן מופת וועלן זיי דיר גלויבן ביים לעצטן מופת); דא האבן מיר דאס ווארט „אות" אלס „מופת".

אותו האיש (דער דאזיקער מענטש). דאס איז אן אויסדרוק, וואס איז זינט גאנץ אלטע צייטן באנוצט געווארן ביי יידן אלס נאמען פון ישו הנוצרי, דעם גרינדער פון קריסטנטום. דאס זאל מעג־לעך, האבן א שייכות מיט דעם באקאנטן אויסדרוק פון עוואנגעליום „עקסע הא־מע" (דאס איז ער דער מענטש). עס איז צו באמערקן, אז אין די חסידישע קרייזן ווען מען איז ארויסגעטרעטן קעגן א פערזאן, וואס האט רעליגיעז אנדערש געדענקט, פלעגט מען אים רופן „אותו האיש". — דער דאזיקער נאמען האט געדינט אלס א באצייכנונג פאר איינעם, וואס ביים נאמען זיינעם האט מען אים נישט געוואלט רופן.

אותו ואת בנו (אים און זיין זון). דאס איז דער פארבאט אין חומש ויקרא כ"ב, „ושור או שה אותו ואת בנו לא תשחט ביום אחד" (אן אקס אדער א שעפס, אים און זיין זון זאלסטו נישט שעכטן אין איין טאג). דערפון איז דער דין, אז א קו און דאס קאלב פון דער זעלבער קו טאר מען נישט שעכטן אין איין טאג. מפרשים, ווי דער מחבר פון ספר „החינוך" און אנדערע, האבן גע־פרואווט דערקלערן דעם טעם פון דאזיקן פארבאט, אז דאס איז געווען, כדי איינ־צופלאנצן ביי יידן די מדה פון רחמנות, ווייל הגם דאס שעכטן א לעבעדיקע בא־שעפעניש אליין איז שוין אכזריות, איז די דאזיקע גרויזאמקייט נאך גרעסער ווען מען שעכט א מוטער מיט איר ולד אין איין טאג. דינים פון אותו ואת בנו געפינט מען אין גמרא חולין ווי אויך אין שולחן־ערוך יורה דעה ט"ז.

אז ישיר אנהויב פון דער שירה אין חומש שמות ט"ו, געזונגען דורך משה רבנו נאכדעם ווי די יידן זענען אריבער דעם ים סוף, און פרעה מיט זיין חיל, די

מצריים, זענען אין ים דערטרונקען געווארן. די דאזיקע שירה רעכנט זיך אלס דאס עלטסטע יידישע העלדן־ליד. די שירה „אז ישיר" איז געהאלטן געווארן אלס זעהר וויכטיק ביי יידן. מען האט איר אריינגענומען אין טאג־טעגלעכן דאווענען. אחוץ דעם איז דער שבת פון דער סדרה בשלח, ווען עס ווערט געלייענט די דאזיקע שירה, געהאלטן געווארן מיט א באזונדערער פייערלעכקייט, און ער האט באקומען דעם נאמען „שבת שירה".

אזהרות (א געוויסע ארט פיוטים). דאסווארט „אזהרה" ווערט אין דער גמרא באנוצט אלס „פארבאט". אין די צייטן נאך דער גמרא האט מען מיטן ווארט „אזהרות" באצייכנט אזעלכע פיוטים וואס באארבייטן די „תרי"ג מצוות", און וואס ווערן געוויינלעך געזאגט אין יום־טוב שבועות, ווען עס איז קבלת התורה. די ערשטע שפורן פון דאזיקן סארט פיוטים געפינט מען אין דעם אלטן ספר פון דער „גאונים"־צייט „הלכות גדולות", וואו עס איז פאראן די פראזע פון אלע אזהרות „אז שש מאות ושלש עשרה מצוות מפורשות". די באקאנטסטע אזהרה שטאמט פון רבי אליהו הזקן (אין אנהויב פון 11טן יארהונדערט), און זיין פיוט הויבט זיך אן מיט די ווערטער „אמת יהגה חכי". אויך אנדערע פארשידענע יידישע חכמים האבן פארפאסט אזהרות, ווי רב סעדיה גאון, רבי שלמה אבן גבירול, רבי שמעון הגדול און אנדערע. מען רופט אן „אזהרות" אויך אזעלכע פיוטים וואס נעמען ארום נאר איין מצווה פון די תרי"ג מצוות און באשרייבט אלע איינצלהייטן פון דער מצוה אין א דיכטערישער פארם.

אזולאי חיים יוסף דוד (1727 — 1806). בארימטער היסטאריקער און ביבליאגראף, למדן און מקובל, איינער פון די גרעסטע יידישע פערזענלעכקייטן אין 18טן יארהונדערט. רבי חיים יוסף דוד אזולאי, וועלכער איז אויך באקאנט מיט זיין ראשי תבות נאמען „חיד"א" (חיים, יוסף, דוד, אזולאי), איז געבוירן געווארן אין ירושלים אין יאר 1727 (תפ"ז). זיין פאטער האט געהייסן רבי יצחק זכריה, אן אייניקל פון מקובל רבי אברהם אזולאי, מחבר פון „חסד לאברהם". איינער פון חידאס זיידעס איז געהאט געקומען קיין ארץ־ישראל פון דייטשלאנד צוזאמען מיט דער גרופע „חסידים" אונטער דער פירונג פון רבי יהודה החסיד אין יאר 1700. שוין אין די יוגנט־יארן האט אזולאי ארויסגעוויזן גרויסע פייאיקייטן און ער האט געלערנט ביי בארימטע רביים, צוערשט ביי רבי יונה נבון און דערנאך אין יאר תק"ב, ווען ער איז אלט געווען 15 יאר, האט ער געלערנט אין דער ישיבה פון מקובל רבי חיים אבן עטר, מחבר פון „אור החיים" אויף חומש. אזולאי אליין שרייבט וועגן דעם אין זיין ביאגראפיש ספר „שם הגדולים" ערך „חיים אבן עטר" „ואני הצעיר זכיתי והייתי בישיבתו הרמה" (און איך, דער יונגער, האב זוכה געווען און איך בין געווען אין זיין ישיבה). נאכן יאר תק"ג, ווען דער אור החיים איז געשטארבן, האט אזולאי ווייטער געלערנט קבלה און זיך מתחבר געווען מיט בארימטע מקובלים אין ירושלים. אין יענער צייט האט זיך געגרינדעט אין ירושלים א חברה פון מקובלים מיט דעם תימנישן מקובל רבי שלום שרעבי אלס פירער, וועלכע האבן צווישן זיך געשלאסן א „קאמונע־אפמאך", אז זיי פירן צוזאמען א בשותפותדיקן לעבן, אלץ זאל זיין בשותפות, אפילו ס'גייסטיקע לעבן, דער עולם הבא, זאל אויך זיין בשותפות. אויסגעקליבן דערצו האט מען נאר די

פאסנדסטע פערזאנען, מקובלים, נישט מער ווי 12 מאן, לויט דער צאל פון די י"ב שבטים. צווישן די דאזיקע 12 מאן האט זיך אויך געפונען דער יונגער אזולאי (דער טעקסט פון דער דאזיקער „בריתות ברית" געפינט זיך געחרוקט צום סוף פון „שיח שרפי קודש", פיעטריקאוו, תרפ"ג, מיט דער אונטערשריפט פון אזולאי). עס ווייזט אויס, אז שוין דעמאלט האט אזולאי זיך אויך פארנומען מיט זאמלען מאטעריאלן פאר דער פארשונג פון דעם לעבן פון די אמאליקע רבנים און מחברים ווי אויך פאר פארשן זייערע ספרים. אזולאי אליין דערציילט, אז אין זיינע יוגנט־יארן האט ער אנגעשריבן א ספר „העלם דבר" (דאס ספר איז קיינמאל נישט געדרוקט געווארן), אין וועלכן ער ווייזט אן אויף דער נישט קלארקייט וואס האט דעמאלט געהערשט אין דער פעסטשטעלונג פון דער צייט, ווען עס האט געלעבט דער אדער יענער מחבר צי גרויסער רב און פוסק. צוליב זיין גרויסע לומדות און חשיבות האבן אים די רבנים אין ירושלים געשיקט אין יאר 1755 (תקט"ו) קיין אייראפע אלס שד"ר (שליחא דרבנן, ארץ־ישראל־משולח) צו זאמלען געלט אויף אויסצוהאלטן די יידן אין ירושלים. אזולאי האט דעמאלט געמאכט זיין ערשטע רייזע איבער פארשידענע אייראפעאישע לענדער, און ער האט באזוכט איטאליע, פראנקרייך, דייטשלאנד, האלאנד. דערנאך איז ער צוריקגעקומען. אין יאר 1770 האט ער ווידער אנגעהויבן זיין רייזע אלס שד"ר אין א ריי שטעט פון טערקיי, נאכער האט ער באזוכט גריכנלאנד, קליין־אזיע, צפון־אפריקע און פון דארט איז ער ווידער געפארן איבער איטאליע, קיין פראנקרייך, דייטשלאנד, האלאנד, ענגלאנד. אין יאר 1781 האט ער געמאכט זיין דריטע רייזע. אבער דאס מאל איז ער שוין מער נישט צוריקגעקומען קיין ארץ־ישראל. ער האט זיך באזעצט אין איטאליע, אין ליווארנא, וואו ער איז אויפגענומען געווארן אלס רב, און ער האט פון דארט באזארגט די ארץ־ישראל־געלטער קיין ירושלים. אין ליווארנא האט אזולאי געדרוקט די פיל ספרים וואס ער האט מחבר געווען. אזולאי איז געשטארבן אין טיפן עלטער אין ליווארנא אין יאר 1806 (תקס"ו). — אויף זיינע רייזעס האט אזולאי נאך מער זיך פאראינטערעסירט מיט די פארשידענע העבראאישע ספרים פון די אלטע צייטן אז ביז אין זיין צייט, נישט נאר מיט די געדרוקטע נאר אויך מיט די כתב־ידן וואס זענען געווען אין די פארשידענע ביבליאטעקן אין פאריז און איטאליע; אויך אין די פיל רייכע פריוואט־ביבליאטעקן. ארמעטום האט ער זיך געמאכט נאטיצן און פארצייכנט די ספעציעלע מערקווירדיקייטן. אין רעזולטאט פון די דאזיקע פיל פארצייכנונגען און זיינע קריטישע פארשונגען איז אנטשטאנען דאס וויכטיקסטע ספר פון רבי חיים יוסף דוד אזולאי, דער „שם הגדולים", וואס אנטהאלט א רשימה פון די אנגעזעענסטע רבנים און מחברים ווי אויך פון זייערע ספרים פון די צייטן נאך דער גמרא ביז אין זיין צייט. דער „שם הגדולים" איז געווען דער יסוד פאר דער מאדערנער ביאגראפישער פארשונג פון די פוסקים און רבנים און מקובלים און באזונדערס פאר דער פארשונג פון דער העברעאישער ביבליאגראפיע. אזולאי האט ארויסגעגעבן זיין „שם הגדולים" אין ליווארנא, יאר 1774, דעם ערשטן טייל. און דערנאך האט ער ארויסגעגעבן דעם צווייטן טייל מיטן נאמען „ועד לחכמים" אויך אין ליווארנא אין יאר 1786. שפעטער האט דער יידישער ביבליאגראף איז ווילנע יצחק אייזיק בן יעקב (מחבר פון

„אוצר הספרים”) סיסטעמאטיזירט דעם „שם הגדולים”, אים איינגעטיילט באַזונדער אין דער אָפּטיילונג פון מחברים „מערכת הגדולים” און דער אָפּטיילונג פאַר ספרים „מערכת הספרים” און אים אַרויסגעגעבן אין ווילנע אין יאָר 1852. דאָרט האָט בן יעקב אויך צוגעגעבן אַ ביאָגראַפיע פון אזולאי. — אחוץ זיין „שם הגדולים” האָט אזולאי מחבר געווען איבער 50 אַנדערע ספרים ווי „ברכי יוסף” (אויף שלחן ערוך), שאלות ותשובות „חיים שאל”, און פיל אַנדערע. וועגן זיינע רייזעס האָט אזולאי מחבר געווען אַ באַשרייבונג אויף העברעאיש מיטן נאָמען „מעגל טוב”, אין וועלכן ער דערציילט פאַרשידענע איינצלהייטן פון זיינע באַזוכן אין איטאַליע, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, וואו ער האָט זיך געטראָפן נישט נאָר מיט די אָנגעזענסטע יידישע רבנים אין יענער צייט (ווי דער „פני יהושע” און אַנדערע) נאָר אויך מיט גרויסע פערזענלעכקייטן פון דער קריסטלעכער וועלט. און אין פּאַריז האָט מען אים באַטראַכט אַלס בעל־מופת, און פערזאָנען פון קעניגלעכן הויף זענען צו אים געקומען. אַ קיצור פון זיין דאָזיקן רייזע־בוך איז געדרוקט געוואָרן אין ליוואָרנא, יאָר 1879, מיטן נאָמען „מעגל טוב”. לעצטנס האָט דער געלערנטער פריימאַן פון פראַנקפורט אָנגעהויבן אַרויסגעבן דעם פולן טעקסט פון אזולאיס רייזע־בוך „מעגל טוב השלם”: איין העפט איז דערשינען אין בערלין און דאָס צווייטע העפט אין ירושלים. פון אזולאי זענען אויך פאַרבליבן בריוו, און טייל פון זיי זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן.

אַזיע נאָמען פון גרעסטן טייל פון דער ערד; נעמט אַרום איבער 44 מיליאָן קוואַדראַט־קילאָמעטער, און איר באַפעלקערונג ציילט היינט לערך 1 מיליאַרד מענטשן. — אין דער יידישער געשיכטע האָט אַזיע געהאַט אַ זייער גרויסע באַדייטונג. לויט דער אָנגענומענער טראַדיציע זענען די ערשטע פאָטערס פון יידישן פאָלק, אברהם אבינו, אַרויסגעקומען פון אַזיע, פון מעסאָפּאָטאַמיע. אין דער לעצטער צייט האָט דער געלערנטער סעמיטאָלאָג נעלדעקע אין זיין בוך „די סעמיטישע שפּראַכן” געפּרוווט אויפשטעלן אַ טעאָריע, אַז אַלע סעמיטישע פעלקער (די „בני שם”) און צווישן זיי אויך די אַלטע יידן שטאַמען אָפּ פון אַפריקע, אָבער אַלע אַנדערע גרויסע געלערנטע ווי רענאַן, סייס, שראַדער און אַנדערע זענען קעגן דער דאָזיקער מיינונג, און זיי זאָגן אַרויס זייער טעאָריע, אַז דאָס וויגעלע פון דער אַלט־סעמיטישער ציוויליזאַציע, און ממילא אויך פונם פאָלק ישראל, איז געווען אַזיע. יעדנפאַלס, די וויכטיקסטע אַלטע געשעענישן אין דער יידישער געשיכטע, וואָס זענען אונדז באַקאַנט זענען פאָרגעקומען אין אַזיע, און מיטן אויסנאַם פון דעם פאַקט, וואָס די יידן זענען געווען אין מצרים אַ געוויסע צייט, איז די אַלטע יידישע געשיכטע פאָרגעקומען אין ארץ־ישראל און די אַרומיגע לענדער. אויך שפּעטער איז אויף אַ געוויסע צייט דער צענטער פון דער יידישער געשיכטע געווען אין אַזיע, אין בבל און פּערסיע. ערשט אין מיטלאַלטער האָט זיך איבערגעטראָגן דער הויפּטצענטער פון דעם יידישן פאָלק קיין אייראָפּע (איטאַליע, שפּאַניע, דייטשלאַנד). אויך היינט געפינט זיך אין אַזיע אַ גרעסערע צאָל יידן. מען נעמט אָן, אַז די צאָל יידן פון אַזיע (ארץ־ישראל, סיריע, אַראַביע, פּערסיע, קאַווקאַז, אינדיע, כינע, יאַפּאַן און אַנדערע קלענערע לענדער) באַטרעפט איצט לערך 800 טויזנט.

אזכרי אלעזר רב און מחבר פון מוסר־ספר „חרדים”, געלעבט אין דעם

16טן יאָרהונדערט אין דער מקובלים־שטאָט אין ארץ־ישראל צפת; מיטגעהאָלפן צו גרינדן די חברה „סוכת שלום״, וואָס האָט געהאַט דעם ציל צו פלאַנצן מוסר און מידות טובות און יראת שמים צווישן די חברים. פאַר דער דאָזיקער חברה האָט רבי אלעזר געשריבן אין יאָר שמ״ז זיין ספר „חרדים״ (פּרומע).

אַזעף יעוונאָ, יונה (1874—1918). רעוואָלוציאָנער און פּראָוואָקאַטאָר, געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע אין די קרייזן פון די רוסישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערי אין די ערשטע יאָרן פון 20טן יאָרהונדערט. געבוירן אין דער שטאָט ראָסטאָוו אין רוסלאַנד. שוין אַלס סטודענט איז ער אַריינגעטרעטן אין דינסט פון דער רוסישער געהיים־פּאָליציי און זיי אויסגעגעבן די געהיימניסן פון די רעוואָלוציאָנערע קרייזן אין אויסלאַנד. דערנאָך האָט אַזעף זיך באַזעצט אין מאָסקווע, און ער האָט געוואונען דעם צוטרוי פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן. אַזעף איז שנעל געוואָרן איינער פון די הויפּטפירער פון די רעוואָלוציאָנערן, און גלייכצייטיג האָט ער געדינט אין דער רוסישער געהיים־פּאָליציי, צו וועמען ער האָט די רעוואָלוציאָנערן פאַרראַטן. אַזעף איז אין די יאָרן 1903 — 1905 און אויך שפּעטער געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער קאַמף־אָפּטיילונג פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, און ער האָט אָרגאַניזירט די טויט־אָנפאַלן אויף דעם רוסישן מיניסטער פּלעווע און גרויספירשט סערגיי אַלעקסאַנדראָוויטש; ער האָט אויך געפּרוווט אָרגאַניזירן אַטענטאַטן אויף דעם רוסישן צאַר ניקאָלײַ דעם 2טן. גלייכצייטיג האָט אַזעף אַרויסגעגעבן דער רוסישער פּאָליציי די הויפּטפירער פון דער רעוואָלוציאָנערער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועלכע מען האָט נאָכער געהאַנגען. אין יאָר 1908 — 1909 האָט דער רוסישער היסטאָריקער בורצעוו אין פּאַריז באַשולדיגט אַזעפן, אַז ער איז אַ פּראָוואָקאַטאָר. עס איז פאָרגעקומען קעגן אַזעפן אַ פּראָצעס פון זיינע חברים, וועלכע האָבן אויף אים אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל. אָבער אַזעף איז אַנטלאָפן. ער האָט געוואוינט אין בערלין. ביים מלחמה־אויסברוך אין יאָר 1914 האָט די דייטשע רעגירונג אים אַרעסטירט. אין יאָר 1917 האָט מען אים באַפרייט. אַזעף איז געשטאָרבן אין יאָר 1918 אין בערלין.

אחאב מלך פון ישראל אין די צייטן פון ערשטן בית המקדש (געקיניגט לערך אין די יאָרן 854 — 875 פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכנונג). אין יענע צייטן זענען אין ארץ־ישראל געווען צוויי יידישע מלוכות, איינע פון „מלכות יהודה״, און די צווייטע די „מלכות ישראל״, מיט דער קעניגלעכער רעזידענץ אין שומרון. אחאב איז געווען איינער פון די שטאַרקסטע הערשער פון מלכות ישראל. ער האָט געפירט מלחמות מיט די שכנותדיקע מלוכות ארם און דמשק און האָט זיי באַזיגט. נאָכער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ מלחמה צווישן אחאב און ארם און אין דער מלחמה איז אחאב געפאַלן טויט פון אַ פייל וואָס אויף אים האָט געשאָסן אַ סאָלדאַט פון ארמס מיליטער. וועגן אחאב ווערט אויך דערמאָנט אין די פּלעקל־שריפטן, וואָס מען האָט אין די לעצטע צייטן געפונען אין אשור און בבל. פון לערך אחאבס צייטן שטאַמט אויך דער באַרימטער דענקמאָל, דער „שטיין פון מישע מלך מואב״, וואו עס ווערט דערציילט, אַז דער קעניג מישע פון לאַנד מואב האָט מורד געווען אין מלכות ישראל און זיך אָפּגעריסן. — אחאב מלך ישראל איז באַקאַנט אין דער יידישער געשיכטע נישט אַזוי פיל מיט זיין אויסערלעכער פּאָליטיק און מלחמות,

ווי מיט דעם אינערלעכן רעליגיעזן קאמף, וואס איז אין זיין צייט געפירט געווארן אין קעניגרייך ישראל. וועגן דעם דאזיקן קאמף ווערט דערציילט אין ספר מלכים א׳ קאפיטל ט״ז, י״ז און ווייטער ביז צום סוף פון מלכים א׳. פון ספר מלכים איז צו זען, אז פריער האט אויך אין קעניגרייך ישראל געהערשט די יידישע רעליגיע, און הגם דער ספר מלכים טרעט ארויס אויך קעגן די פריערדיקע הערשער פון ישראל, פארוואס זיי האבן געזינדיקט, אבער אין אלגעמיין האט מען געדינט צום גאט פון יידישער רעליגיע. ערשט אחאב מלך ישראל האט געמאכט א רעליגיעזע איבערקערעניש. ער האט חתונה געהאט מיט איזבל, דער טאכטער פון פעניצישן מלך, און אזוי ווי אין פעניציע האט געהערשט די רעליגיע פון אפגאט „בעל״, האט אויך אחאב אנגענומען די דאזיקע בעל־רעליגיע, און האט איר גענומען איינפירן אין די שטעט פון מלכות ישראל. ער האט אין דער הויפטשטאט שומרון אויפגעשטעלט א מזבח פאר „בעל״, און האט איינגעפירט ספעציעלע „כהנים״ און „נביאים״ פאר דעם בעל (די „כהני הבעל״ און די „נביאי הבעל״), און אונטער דעם איינפלוס פון איזבל האט ער געלאזט טויטן די נביאים פון דער יידישער רעליגיע (נביאי ה׳). קעגן דעם האט אנגעהויבן א קאמף דער פירער פון די יידישע נביאים, אליהו הנביא. וועגן דעם קאמף ווערט דערציילט אין ספר מלכים אין די דערמאנטע קאפיטלעך פיל ספורים, ווי אזוי אלס שטראף פאר די זינד האט אין מלכות ישראל נישט גערעגנט און עס איז געווארן א הונגער, און אז אליהו הנביא האט אין דער אנוועזנהייט פון אחאב מלך ישראל דורך פייער פון הימל באוויזן, „ה׳ הוא האלהים״ (דער יידישער גאט איז גאט), און ווי אזוי אליהו האט געהייסן טויטן די נביאי הבעל, און נאכער ווי ער האט געמוזט אנטלויפן ווייל איזבל האט אים געוואלט טויטן. אין ספר מלכים ווערט אויך דערציילט וועגן אנדערע שלעכטע מעשים, וואס אחאב האט אפגעטאן אונטער דעם איינפלוס פון זיין ווייב איזבל, ווי דאס טויטן דעם יידישן גוט־באזיצער נבות, כדי ביי אים צוצונעמען זיין גארטן. ענדלעך ווערט דערציילט אין ספר מלכים ווי אחאב איז געטויט געווארן אלס שטראף פאר זיינע זינד, און ווי נאך זיין טויט האבן די יידישע נביאים ארגאניזירט א רעוואלוציע קעגן אחאבס קינדער, און דערקלערט דעם מיליטער־פירער יהוא בן נמשי אלס מלך, און ער האט געטויט איזבל און אחאבס קינדער ווי אויך די נביאי הבעל. — וועגן אחאב ווערט דערציילט אין מלכים א׳ כ״ב אז ער האט געבויט פיל שטעט און אויך א „בית השן״ (א העלפאנטביין־פאלאץ). אין די לעצטע יארן (1908 — 1810) האט מען געגראבן אין ארץ־ישראל אויף דעם ארט וואו עס איז אמאל געשטאנען שומרון און מען האט געפונען שפורן פון דעם דאזיקן פאלאץ פון אחאב און אויך פיל זאכן, כלים, וואס שטאמען פון יענע צייטן.

אחאי גאון, גאון מיטן נאמען רב אחאי משבחא, געלעבט אין בבל אין דער עפאכע פון די „גאונים״, אינדערמיט פון 8טן יארהונדערט. רב אחאי איז באקאנט דורך זיין ספר „שאילתות״, וואס איז פון די ערשטע ספרים נאך „חתימת התלמוד״ (נאכן ענדיקן די גמרא), וואס זענען צו אונז דערגאנגען. צוליב א מחלוקה מיט דעם ריש גלותא אין בבל, רבי שלמה, האט רב אחאי פארלאזט בבל און האט זיך באזעצט אין ארץ־ישראל. דאס איז פארגעקומען לערך דעם יאר 762. דער „שאילתות״ איז א צוזאמענשטעלונג פון די וויכטיקסטע דינים, איינגעארדנט לויט

דעם סדר פון די סדרות פון חומש, לויט די מצוות אין דער תורה. דער נאָמען „שאילתות" שטאַמט דערפון וואָס יעדן פּרק הויבט ער אָן מיטן וואָרט „שאילתא" (געפרעגט אַ שאלה) וועגן אַ געוויסן דין, און דערנאָך גייט די תשובה דערויף. עס איז זיכער, אַז אין „שאילתות" זענען פאַראַן אויך פיל צוגאָבן, וועלכע זענען צוגעשריבן געוואָרן פון שפּעטערע גדולים און זיי שטאַמען נישט פון רב אחאי. דאָס ערשטע מאָל איז דער „שאילתות" געדרוקט געוואָרן אין ווענעציע, יאָר 1545־1546 און נאָכער איז ער געדרוקט געוואָרן אין דירענפורט אין יאָר 1768 מיט אַ קורצן פירוש און הגהות מיטן נאָמען „שאילת שלום" פון רבי ישעיה פּיק. דאָס לעצטע מאָל איז געדרוקט געוואָרן דער שאילתות אין ווילנע 1867 מיט אַ גרויסן פירוש „העמק שאלה" פון וואָלאָזשינער ראש ישיבה רבי נפתלי צבי יהודה בערלין (נצי"ב).

אחד העם (1856 — 1927). פּסעוודאָנים פון העברעאישן שריפטשטעלער און דענקער אשר גינזבורג. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט סקוויר, אין אוקראַינע. אין זיין יוגנט האָט אחד העם באַקומען אַ פרום־רעליגיעזע דערציאונג, געלערנט פיל גמרא און שפּעטער אויך חקירה ספרים. זיין פאָטער האָט אים חתונה געמאַכט (צו 17 יאָר) מיט אַ אַן אייניקל פון באַקאַנטן חסידישן רבי ר' יעקב ישראל פון טשערקאַס. באַלד נאָך דער חתונה האָט אחד העם זיך אָנגעהויבן פאַראינטערעסירן מיט וועלטלעכער בילדונג און השכלה. שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט אין אדעס, און דאָ איז ער צוגעשטאַנען צו דער געזעלשאַפט „חובבי ציון", וואָס האָט געשטרעבט צו באַזעצן יידן אויף קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל. אין שפּיץ פון דער דאָזיקער חברה זענען דעמאָלט געשטאַנען אין אדעס דר. לעאָ פּינסקער (מחבר פון דער בראַשור „אויטאָעמאַנסיפּאַציע") און דער העברעאישער שריפטשטעלער משה לייב ליליענבלום. דעמאָלט איז אחד העם אַרויסגעטרעטן (אין יאָר 1889) אין דער צייטונג „המליץ" מיט זיין ערשטן באַרימטן אַרטיקל „לא זו הדרך" (נישט דאָס איז דער וועג), אין וועלכן ער איז שטאַרק אַרויסגעטרעטן קעגן די פאָרמען פון דעם פּראַקטישן חיבת ציון, ווי זיי זענען געווען אין יענער צייט. אונטער דעם דאָזיקן אַרטיקל האָט ער דאָס ערשטע מאָל אונטערגעשריבן זיין פּסעוודאָנים „אחד העם". שוין אין דעם „לא זו הדרך" זענען אָנגעוויזן די הויפּט־יסודות פון אחד העמס שפּעטערדיקע שיטה, וואָס האָט געוואונען דעם ספּעציעלן נאָמען „אחד העמיזם". אחד העם זאָגט דאָ אַרויס דעם געדאַנק, אַז די אויפלעבונג פון לאַנד („תחיית הארץ") קאָן נישט פאָרקומען פריער ווי מען וועט נישט אויפלעבן דאָס יידישע פאָלק (תחית האומה), די גייסטיקע אויפלעבונג פון די הערצער פון די יידן, וועלכע זענען נאַציאָנאַל געוואָרן פאַרשטיינערט. דאָס אַרטיקל „לא זו הדרך" האָט אַרויסגערופן אין אַלע אינטעליגענטע נאַציאָנאַל־יידישע קרייזן אין רוסלאַנד דעם גרעסטן אויפזען. „אחד העם" האָט דעמאָלט געגרינדעט די געהיימע לאָזשן־געזעלשאַפט „בני משה", וואָס אירע מיטגלידער האָבן געזאָלט זיין די פלעגער און פאַרשפּרייטער פון די אויפגעוועקטע נאַציאָנאַל יידישע אידעאַלן אין גייסט פון אחד העם. פון דעמאָלט אָן האָט אחד העם אָנגעהויבן אין די העברעאישע זשורנאַלן „כורת" און „פרדס" זיינע קלענערע און גרעסערע אַרטיקלען ((פירורים", „תורה שבלב", „הכהנים והעם", „האדם באהל" „חשבון הנפש" און אַנדערע) וועלכע האָבן אים אומאויפהערלעך דערוואָרבן

גרויסן רום אַלס שריפטשטעלער און דענקער פון דער נאַציאָנאַל־יידישער באַוועגונג. אין די יאָרן 1891 און 1893 האָט אחד העם געמאַכט זיינע ערשטע צוויי רייזעס קיין ארץ־ישראל אַלס שליח פון די חובבי ציון און ער האָט באַזוכט די דעמאָלט שוין עקזיסטירנדע יידישע קאָלאָניעס, און צוריקקומענדיק האָט ער פאַרעפנטלעכט זיינע אַרטיקלען „אמת מארץ־ישראל” און אַנדערע, אין וועלכע ער איז שאַרף אַרויסגעטרעטן מיט פּראַקטישע טענות קעגן דעם אופן פון שטיצן די קאָלאָניעס. אויך אין די דאָזיקע אַרטיקלען איז אחד העם כסדר צוריקגעקומען צו זיינע הויפּט־געדאַנקען וועגן „תחית הרוח” (אויפלעבונג פון נאַציאָנאַלן גייסט פון פאָלק). און איין אַרטיקל ענדיקט אחד העם מיט דער שילדערונג ווי ער האָט באַזוכט די כותל המערבי און ער האָט ביי זיך געטראַכט: „אַ לאַנד, ווען עס ווערט חרוב, קומען אַזעלכע דערלייזער ווי עזרא און נחמיה און בויען דאָס לאַנד צוריק אויף, אָבער אַ פאָלק ווען עס ווערט חרוב, ווער קאָן עס אויפבויען?”. אין יאָר 1905 איז דערשינען צום ערשטן מאָל די זאַמלונג פון אחד העמס אַרטיקלען מיט דעם נאָמען „על פרשת דרכים” (ערשטער באַנד). נאָכער זענען דערשינען די ווייטערע בענדער פון „על פרשת דרכים”. אין יאָר 1897 האָט אחד העם געגרינדעט דעם העברעאישן חודש־זשורנאַל „השלח”, וועלכן ער האָט רעדאַגירט ביזן יאָר 1903, און וועלכער האָט געהאַט אַ קאָלאָסאַלן איינפלוס. ווען דר. הערצל האָט געעפנט דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס איז אחד העם אַרויסגעטרעטן אין „השלח” מיט שאַרפע קריטישע אַרטיקלען קעגן דעם פּאָליטישן ציוניזם, און האָט אים אַנטקעגנגעשטעלט זיין, אחד העמס, אַזוי־גערופענעם „גייסטיקן ציוניזם”, וואָס האַלט אַז ארץ־ישראל וועט קיינמאָל נישט לייזן די „פראַגע פון די יידן” (שאלת היהודים), וואָס וועלן אין זייער גרויסער מערהייט מוזן פאַרבלייבן אין גלות, נאָר ארץ־ישראל קאָן לייזן די „פראַגן פון יידנטום” (שאלות היהדות), דורך שאַפן אין ארץ ישראל דעם „מרכז רוחני” (גייסטיקן צענטער), וואָס וועט מיט דעם נאַציאָנאַלן גייסט און אַנטוויקלטער העברעאישער קולטור האָבן אַן איינפלוס אויף די יידן אין דער גאַנצער וועלט. אין יאָר 1908 האָט אחד העם זיך באַזעצט אין לאָנדאָן, וואו ער איז געוואָרן איינער פון די פאַרוואַלטער פון דער טיי־פירמע וויסאָצקי. פון דעמאָלט אָן האָט אחד העם געשריבן זייער ווייניק; ער איז אויפגעטרעטן (אין יאָר 1910) אין „השלח” מיט זיין אַרטיקל „על שתי הסעיפים” וואָס פירט אַדורך אַן אָפּשייד־ליניע צווישן קריסטנטום און יידנטום קעגן דער באַוועגונג פון טייל יידישע רעפאָרם־כּלל־טוער אין ענגלאַנד (קלאָד מאָנטעפיאָרע און אַנדערע) וואָס האָבן געוואָלט פאַראייניקן דאָס יידנטום און קריסטנטום. אין יאָר 1912 האָט ער נאָכאַמאָל באַזוכט ארץ־ישראל און פאַרעפנטלעכט זיין אַרטיקל „סך־הכל”. די צייט פון דער וועלט־מלחמה 1914־1918, האָט אחד העם פאַרבראַכט אין לאָנדאָן, וואו ער האָט אויך מיטגעהאָלפן צום אויסאַרבעטן די באַלפור־דעקלאַראַציע. אין יאָר 1922 האָט אחד העם זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל אין תל־אביב וואו ער האָט געוואוינט אויף דער גאַס, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן מיט זיין נאָמען „רחוב אחד העם”. אין ארץ־ישראל האָט אחד העם צוגעגרייט און אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון זיינע בריוו צו פאַרשידענע פערזאָנען. ער האָט אויך געשריבן זכרונות (דערשינען נאָך זיין טויט אין די זאַמלביכער „רשומות”, בענדער 5 און 6). אחד העם איז גע־

שטאַרבן אין תל־אביב דעם 2טן יאַנואַר יאָר 1927. — וועגן אחד העם און זיין „שיטה" איז געשריבן געוואָרן זייער פיל. אָבער עס איז שווער צו זאָגן עטוואָס קלאָרס וועגן דעם. אין אַלגעמיין איז אחד העמס שיטה באַשטאַנען פון „פּראַקטישן אידעאַליזם", וואָס באַטראַכט יעדע דער־שיינונג פּראַקטיש אָבער אויך לויט איר אידעאַלן און עטישן ווערט. יעדע נאַציע באַטראַכט אחד העם אַלס אַן אינדיווי־דואום. וואָס האָט זיין ספּעציעלן גייסט (דעם „רוח האומה") און זיינע ספּעציע־לע אייגנשאַפטן און נייגונגען, וואָס זיי באַשטימען דעם גורל פון דער נאַציע. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט אחד העם גע־נומען ביי נחמן קראָכמאַל אין זיין „מורה נבוכי הזמן", אָבער אחד העם האָט אים אַנטוויקלט שאַרפער און דייטלעכער און האָט אָנגעוויזן, אַז דער נאַציאָנאַלער גייסט פון יידישן פאָלק איז די אַבסאָלו־טע גערעכטיקייט (צדק מוחלט). באַזונ־דערס טרעט אַרויס דער דאָזיקער גע־דאַנק וועגן דער נאַציאָנאַלער גייסטיקער אייגנשאַפט פון יידנטום אין אחד העמס דערמאָנטן אַרטיקל „על שתי הסעיפים". אחד העם זאָגט, אַז אין דער צייט וואָס דאָס קריסטנטום זעט דעם ציל פון לעבן אין געפינען די גאולה פון יעדן איינצל־נעם מענטש, איז „תורת היהדות רואה מטרתה לא בגאולתו של האיש הפרטי, כי אם בהשתלמותו של העם תחלה, ובאחרית הימים — של המין האנושי כולו, כלומר מושג קבוצי שאין לו תמונה מוחשית ומוגבלת" (דאָס יידנטום זעט איר ציל נישט אין דער גאולה פון איינצלנעם מענטש, נאָר צוערשט אין דער פאַרפּאָל־קאָמונג פון גאַנצן פאָלק און נאָכער פון דער גאַנצער מענטשהייט דאָס הייסט א קבוץ־באַגריף, וואָס האָט נישט קיין פיל־באַרע, באַגרענעצטע געשטאַלט). וואָס אַנבאַלאַנגט דער אידייע פון ציוניזם האָט אחד העם געהאַלטן, אַז ארץ־ישראל קאָן נישט לעזן די יידן־פראַגע פון די פיל מיליאָנען יידן, וואָס מוזן פאַרבלייבן אין די גלות־לענדער, נאָר זי קאָן לעזן די „פראַגע פון יידנטום", עס קאָן דאָרט גע־שאַפן ווערן דער גייסטיקער צענטער, דער אַזוי־גערופענער „מרכז רוחני", וואו עס זאָלן געפלעגט ווערן די קולטור און די אידעאַלן פון יידישן פאָלק אין דער העב־רעאישער שפּראַך. — א גרויסע באַ־דייטונג האָט אחד העם געהאַט פאַר דער אויסבעסערונג פון דעם מאָדערנעם העב־רעאישן סטיל. ער האָט געשאַפן דעם קלאָרסטן העברעאישן שפּראַך־סטיל און געוויזן, ווי מען קאָן אויף העברעאיש קלאָר און אָן מליצות אויסדריקן די פאַר־שידענע געדאַנקען. אחד העם האָט אין דער יידישער שפּראַך געשריבן נאָר איין איינציקן אַרטיקל, אין זשורנאַל „יוד" (יאָר 1899, אין נומער 7). דער אַרטיקל איז א „בריוו צום רעדאַקטאָר" און אונ־טערגעשריבן איז „א—ד—ם" („אחד העם"). ער זאָגט דאָרט אַרויס זיין מיי־נונג, אַז „זשאַרגאָן" (אַזוי רופט ער דאָרט די יידישע שפּראַך) איז פאַר די יידן אַליין נישט טייער, נישט זייער אייגענס, אָבער מען דאַרף שרייבן נוצלעכע ביכער אין „זשאַרגאָן" כדי צו דערציען דעם המון עם, וואָס פאַרשטייט נישט קיין אַנדערע שפּראַך. זיין נעגאַטיווע באַצי־אונג צו דער יידישער שפּראַך האָט אחד העם אויך אַרויסגעוויזן אין זיין אַרטיקל „ריב הלשונות" („השלח" 1910). — אחד העמ'ס געזאַמלטע אַרטיקלען אין העברע־איש זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן מיטן נאָמען „על פרשת דרכים" עטלעכע מאָל. דאָס לעצטע מאָל זענען זיי דערשינען אין בערלין 1921. אחוץ דעם זענען דערשינען אין בערלין 1923 אחד העמס בריוו „אגרות אחד העם". אחד העמס ווערק זענען דערשינען אויך אין איבערזעצונג

אויף ענגליש, דייטש, פראנצויזיש און אנדערע שפראכן. אין דער יידישער שפראך איז דערשינען אין איבערזעצונג א זאמלונג „אויסדערוויילטע שריפטן" (ווארשע 1910), וואס אנטהאלטן א ריי מאמרים, ווי „חשבון הנפש", „עבודות בתוך חרות", „קודש וחול" און אנדערע.

אחד מי יודע (איינס, ווער ווייסט?) ליד אין העבראיש צום סוף פון דער הגדה של פסח, באשטייט פון פראגן און ענטפערס. די ערשטע פראגע איז: אחד מי יודע, איינס, ווער ווייסט? און דער ענטפער דערויף איז „איינס איז גאט אין הימל און אויף דער ערד". דערנאך גייט די פראגע „שנים מי יודע, צוויי ווער ווייסט?" און דער ענטפער איז: „צוויי זענען די לוחות". אזוי גייען די פראגן ביז דער צאל דרייצן. עס ווערט אנגעוויזן, אז אין 16טן יארהונדערט איז אין דייטשלאנד און פראנקרייך ביי די קריסטן געווען א לאטייניש ליד, וואס מען האט געלערנט מיט די קריסטלעכע קינדער אין די שולן, און דאס ליד האט זיך אויך אנגעהויבן מיט „דיק מיהו, קוויד עסט אונוס?" (זאג מיר, ווער איז איינס?), און דער ענטפער גייט „איינס איז גאט". אין דעם לאטיינישן ליד זענען ביי די ווייטערדיקע צאלן פאראן עלעמענטן פון דער קריסטלעכער רעליגיע. עס איז אויך באוויזן געווארן, אז דער דאזיקער סארט לידער פון „אחד מי יודע" זענען געווען אויך אין דייטש, פראנצויזיש און ענגליש אין 17טן און 18טן יארהונדערט, און עס זענען דעמאלט אפילו שוין געווען פאראדיעס, נאכמאכונגען פון דעם ליד. דער פוילישער פאלקלאר־פארשער אודזשעלא אין זיינע פארשונגען איבער דעם פאלקלאר פון די סלאווישע פעלקער האט נאכגעוויזן, אז אויך אין דער פוילישער שפראך איז געווען אזא קריסטלעך שול־ליד „פאוויעדז, צא טא יעסט יעדען?" (זאג, וואס איז איינס?), וואס מען האט געלערנט אין די אלטע פוילישע שולן. עס איז שווער צו זאגן ווער פון וועמען עס האט גענומען די פארם צום דאזיקן ליד. — דער אחד מי יודע ווערט ביי יידן געזונגען פסח ביינאכט מיט ספעציעלע מעלאדיעס.

אחדות השם זע „מאנאטעאיזם".

אָחז מלך פון לאנד יהודה אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש. אחז האט געקיניקט אומגעפער אין די יארן 720 — 735 פאר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. וועגן די מעשים פון אחז ווערט דערציילט אין ספר מלכים ב' קאפיטל ט"ז (ווי אויך אין דברי הימים און ישעיה). דארט ווערט אנגעגעבן, אז אחז האט איינגעפירט אין לאנד יהודה און ירושלים די געצנדינעריי און האט געטאן „דאס שלעכטע אין די אויגן פון גאט". אין זיין צייט האבן די מלכים פון לאנד ישראל (אפרים) און פון לאנד ארם אנגעהויבן א מלחמה קעגן לאנד יהודה און זענען צוגעקומען מיטן מיליטער ביז ירושלים. אחז האט זיך געווענדט נאך הילף צו תגלת פלאסר דעם מלך פון אשור. פון דעמאלט אן איז יהודה געווארן אפהענגיק פון אשור. דער נאמען פון אחז ווערט אויך דערמאנט אין די פעלקלשריפטן פון אשור. ער הייסט דארט „יא־חא זו", דאס הייסט „יהואחז", און עס איז פאראן א מיינונג, אז דעריבער האט מען אין תנ"ך אים גערופן נאר אחז כדי נישט צו דערמאנען אויף דעם געצנדינער דעם נאמען פון גאט (יהו). — אין זיין צייט פאלט אויס א טייל פון נביאות־זאגן פון ישעיה הנביא.

אחזיה, אין תנ"ך ווערן דערמאנט צוויי יידישע מלכים פון די צייטן פון ערשטן בית המקדש מיטן נאמען אחזיה. איי־

נער איז געווען דער זון פון אחאב; דער דאזיקער אחזיה איז געווען מלך אין לאנד ישראל (אפרים) אומגעפער אין די יארן 853 — 854 פאר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. אין זיין צייט — ווי עס דער־ציילט דער ספר מלכים ב׳ קאפיטל א׳ — האט מישע מלך מואב מורד געווען אין דער הערשאפט פון לאנד ישראל, און פון יענער צייט שטאמט עס דער באַ־רימטער „שטיין פון מישע מלך מואב״. דער דאזיקער קעניג האט געהערשט נאר איין יאר און איז געשטארבן. דער צווײ־טער אחזיה איז געווען מלך אין לאנד יהודה און איז געווען דער זון פון יהורם און אן אײדעם פון אחאב מלך ישראל. אויך ער האט געקיניגט נאר איין יאר, און איז געטויט געווארן ווען ער איז גע־ווען אין באזוך ביי זיין שוואגער יהורם מלך ישראל, בעת דער פאלאץ־רעוואלו־ציע פון יהוא בן נמשי, וועלכער האט גע־טויט אלע קינדער פון אחאב. די ספורים וועגן ביידע דאזיקע מלכים ווערן גע־בראכט אין ספר מלכים ב׳.

אחיאסף א געזעלשאפט ארויסצוגעבן העברעאישע און אויך יידישע צייט־שריפטן און ביכער; געגרינדעט אין ווער־שע 1893 דורך אלעזר קאפלאן, זאב גלוס־קין, און דערנאך איז צו איר צוגעטראטן אויך בן אביגדור. די אחיאסף געזעל־שאפט האט ארויסגעגעבן צווישן אנדע־רע זאכן אויך דעם העברעאישן מאנאט־זשורנאל „השלח״, די וואכנשריפט „הדור״ (רעדאקציע פון דוד פרישמאן), דעם יידישן וואכנזשורנאל „דער יוד״, דעם מאנאט־זשורנאל „די יידישע פא־מיליע״ און דעם יערלעכן ליטעראריש־וויסנשאפטלעכן „לוח אחיאסף״.

אחיה השילוני נביא, דערמאנט אין ספר מלכים א׳ קאפיטל י״א; געלעבט אין די צייטן פון שלמה המלך, און גע־שטאמט פון דער שטאט שילה. אין יע־נער צייט האט ירבעם בן נבט געוואלט מורד זיין אין שלמה המלך, און דער נביא אחיה השילוני טרעפענדיג ירבעם אין וועג האט ער אים דערקלערט, אז ער זאל אפרייסן די 10 שבטים אין צפון־ און מיטל־טייל פון ארץ־ישראל און גרינ־דן א באזונדערע מלוכה. ירבעם האט אים געפאלגט, און נאך שלמה המלכס טויט, האט ער ווירקלעך אפגעריסן די 10 שבטים און געגרינדעט די „מלכות יש־ראל״ (אדער אפרים) מיט דער הויפט־שטאט אין שכם. אין ספר דברי הימים ב׳ קאפיטל ט׳ ווערט געזאגט, אז אחיה השילוני האט געשריבן א ספר וועגן דער הערשאפט פון שלמה המלך און ירבעם בן נבט.

אחימלך כהן אין דער שטאט נוב אין דער צייט פון שלמה המלך. צוליב דעם וואס אחימלך האט געהאלטן מיט דוד, ווען ער איז אנטלאפן פאר שאולן, האט שאול אחימלכן געלאזט טויטן (שמואל א׳ כ״א). צוזאמען מיט אחימלך זענען דעמאלט געטויט געווארן אויך די אנדע־רע כהנים אין דער שטאט נוב. די אלע ספורים אין תנ״ך וועגן דער אריינמי־שונג פון די כהנים אין די פאליטישע ענינים פון ארץ־ישראל, ווייזן, אז אין יענע צייטן האבן די כהנים געשפילט אויך א גרויסע פאליטישע ראלע ביי יידן און זיי פלעגן זיך שטעלן אויף דער זייט פון דעם אדער יענעם הערשער.

אחימעץ בן פלטיאל נאמען פון א פיוטים־מחבר און כראניק־שרייבער, אין איטאליע אין 11טן יארהונדערט. ער איז געבוירן געווארן אין יאר 1017, און געוואוינט אין דער איטאליענישער שטאט אריא. אין יאר 1054 האט ער פארפאסט א בוך „ספר היוחסין״, וואס איז געלעגן א לאנגע צייט אין כתב־יד;

דער ביבליאָגראַף נייבויער האָט עס אַרויסגעגעבן אין יאָר 1895 אין צווייטן באַנד פון „מעדיעוואַל דזשואיש קראָניקלס" (יידישע קראָניקס פון מיטלאַלטער). אין דאָזיקן „ספר היוחסין" (אויך באַקאַנט מיטן נאָמען „מגילת אחימעץ") באַשרייבט אחימעץ די געשיכטע פון זיינס אַן עלטער־עלטער־זיידע אמתי, וואָס האָט געלעבט אין איטאַליע אין דער מיט פון 9טן יאָרהונדערט, און דערנאָך פון זיינע קינדער און אייניקלעך ביז צו זיין אחימעצעס, דור. דערביי גיט אחימעץ אויך איבער פאַרשידענע אינטערעסאַנטע לעגענדעס און מנהגים, וואָס געבן אונדז אַ בילד פון לעבן פון יידן אין איטאַליע אין יענע צייטן. אין „ספר היוחסין" ווערט אויך דערציילט וועגן יידן, וואָס פלעגן פאָרן באַזוכן ארץ־ישראל און מיטפירן געלט אויף אויסצעהאַלטן די יידן אין ירושלים. פון „ספר היוחסין" ווערן מיר אויך געוואויר ווי אַזוי די געהיימע לערע קבלה איז געבראַכט געוואָרן פון בבל (באַגדאַד) דורך אַ געוויסן רבי אהרן וואָס האָט זיך באַזעצט אין איטאַליע. דער „ספר היוחסין" איז אויך דערשינען אין „ספרות ההיסטוריה הישראלית" (וואַרשע 1922) פון אברהם כהנא.

אחיקר, מיט איבער 2 טויזנט יאָר צוריק איז ביי פאַרשידענע פעלקער אין פאַדעראַזיע (אַראַמעער און אַנדערע) ווי אויך ביי די אַלט גריכן און רוימער אַרומגעגאַנגען אַ לעגענדע וועגן אַ קלוגן מאַן אין לאַנד אשור מיטן נאָמען אחיקר, וואָס איז געווען אַ בעל־יועץ ביים קעניג סנחריב. דער דאָזיקער אחיקר האָט געהאַט אַ זון, צי אַ שטיפזון, מיטן נאָמען נאַדאַן (אין טייל ערטער הייסט ער „אַמאַן", און דאָס דערמאַנט אַביסל דעם נאָמען „המן" פון דער „מגילת אסתר"), וועמען ער האָט אַריינגעפירט אין קעניגלעכן הויף און האָט אים אָנפאַרטרויט אַלע זיינע חכמות. נאַדאַן איז אָבער געווען אַ שלעכטער מענטש, און ער האָט פאַרמסרט פאַר דעם קעניג, אַז זיין פאָטער, אחיקר, וויל דעם קעניג טויטן. דער קעניג האָט דערויף געהייסן טויטן אחיקרן. דורך אַ תחבולה איז אחיקר ניצול געוואָרן. דערנאָך איז דער קעניג געוואויר געוואָרן, אַז די מסירה איז געווען אַ פאַלשע. ער האָט דעריבער אחיקרן געמאַכט צוריק פאַר זיין בעל־יועץ. דעמאָלט איז געווען אַ סכסוך צווישן דעם קעניג פון מצרים און דעם קעניג פון בבל. אחיקר איז געפאָרן קיין מצרים, און האָט מיט זיין חכמה אָפּגעענטפערט אויף אַלע פראַגן און רעטענישן פון עגיפּטישן קעניג (ווי אַזוי מען קאָן בויען אַ שלאָס אין דער לופט וכדומה) און ער האָט געמאַכט שלום צווישן די צוויי לענדער. דערביי ווערן אין דער לעגענדע אָנגעגעבן פיל ווערטער און דברי חכמה, וואָס אחיקר האָט געזאָגט, און די שפּריכווערטער זענען ענלעך צום ספר משלי פון תנ"ך און אויך צו די ווערטער פון ספר בן סירא. — אחיקר ווערט דערמאָנט אַלס גרויסער חכם שוין ביי די אַלטע גריכן (אַביקאַריאָס). ער ווערט אויך געבראַכט אין די יידישע „כתובים אחרונים" (אַפּאָקריפן) אין דעם ספר טוביה, וואָס דערציילט וועגן אים, אַז ער איז געווען אַ ייד פון שבט נפתלי. די שפּריכווערטער פון דאָזיקן אחיקר זענען ביז מיט אַ קורצער צייט צוריק געווען באַקאַנט נאָר אויפן גרונט פון שפּעטערדיקע דערציילונגען אין פיל שפּראַכן, ווי סיריש, אַראַביש, טערקיש, אַרמעניש, רומעניש, רוסיש, וואָס זענען אַלע איבערזעצט געוואָרן, וואַרשיינלעך פון אַן אַלטן גריכישן טעקסט, וועלכער איז פאַר אונדז פאַרלוירן געגאַנגען. ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט מען אין די אויסגראַ־

בונגען איז „עלעפאנטינע" (אין מצרים), וואו מען האט געפונען בריוו פון יידן וואס האבן דארט געוואוינט לערך דעם 5טן יארהונדערט פאר דער קריסטלעכער צייטרכענונג, אויך געפונען אויף אראמיש שטיקער פון א בוך מיט דעם טיטל „מתלי אחיקר שמה. ספר חכמים ומהיר, זי חכם לברה נדן" (די משלים פון אחיקר זיין נאמען, א קלוגער און געלויפיקער שרייבער, וואס האט זיי געלערנט זיין זון נדן). פון דעם אלעם ווילן טייל געלערנטע האבן, אז אחיקר איז אן אלט־יידיש ספר וואס איז פארפאסט געווארן דורך א ייד אין דער צייט צום סוף פון ערשטן בית המקדש. אנדערע אבער גלויבן, אז דאס איז נישט געשריבן געווארן דורך א ייד, נאר דורך איינעם פון יענע אראמעאישע חכמים וואס ווערן אזוי פיל דערמאנט אין תנ"ך („חכמי קדם", „הימן כלכל ודרדע" וכדומה). טייל ווילן אויך געפינען א פארגלייך צווישן אחיקר און דעם ספר איוב. די באדייטונג פון ספר אחיקר איז זייער גרוים פאר דער פארשונג פון די לעצטע תנ"ך־ספרים. — דער ספר „אחיקר" איז ארויסגעגעבן געווארן דורך יעלין אין יאר תרפ"ג.

אחיתופל אין ספר שמואל ב' (קאפיטל ט"ו און אנדערע) ווערט דערציילט אז דוד המלך האט געהאט א בעל־יועץ מיטן נאמען אחיתפל פון דער שטאט גלה (היינט איז עס אן אראביש דארף אין ארץ־ישראל, „בעט דזשאלא", נישט ווייט פון בית לחם). זיין איינקל איז געווען בת שבע, דודס ווייב. ווען אבשלום האט מורד געווען אין זיין פאטער דוד המלך, איז אחיתפל געווארן דער אנהענגער פון אבשלום און האט אים געגעבן עצות ווי אזוי צו פירן די מלחמה קעגן דודן. אבער אבשלום האט אים נישט געפאלגט. דאס האט אחיתפלן אזוי שטארק פארדראסן, אז ער איז אוועק צו זיך אהיים „ויחנק וימת" (ער האט זיך אליין דערשטיקט און איז געשטארבן).

אחר זע „אלישע בן אבויה".

אחרונים אין דער לומדישער וועלט ווערן די פוסקים און די מפרשים איינגעטיילט אין „ראשונים", וואס האבן געלעבט אין די פריערדיקע צייטן, און „אחרונים", וואס האבן געלעבט שפעטער. עס איז שווער צו זאגן גענוי, אין וועלכער צייט עס ענדיקט זיך די עפאכע פון די „ראשונים" און עס הויבן זיך אן די „אחרונים". געוויינלעך ווערט אנגענומען, אז די ראשונים ענדיקן זיך מיט די לעצטע בעלי תוספות אין 13טן יארהונדערט; אבער טייל זאגן, אז אויך דער מחבר פון שלחן ערוך, רבי יוסף קארו (אין 16טן יארהונדערט), געהערט צו די ראשונים. אין אלגעמיין איז אנגענומען, אז די הלכה בלייבט ווי עס זאגן די אחרונים, ווייל זיי האבן אויך געזען וואס די ראשונים זאגן, און מסתמא האבן זיי געהאט גענוג טעמים צו פסקענען אנדערש.

אחשורוש קעניג אין פרס (פערסיע), געבראכט אין דעם סיפור אין תנ"ך „מגילת אסתר". אין דער דאזיקער מגילה ווערט דערציילט, אז אחשורוש האט געקיניגט אין פרס ומדי, איבער 127 מדינות. אחשורוש האט געגעבן, לויט דער עצה פון זיין מיניסטער המן דעם „צורר היהודים", דעם באפעל צו פארטיליקן אלע יידן דעם 14טן אדר. נאר א דאנק די באמיאונגען פון מרדכי און אסתר המלכה האט אחשורוש צוריקגערופן דעם באפעל, און פארקערט, די יידן האבן באקומען די דערלויבניש זיך נוקם צו זיין אין זייערע שונאים. צום אנדענק פון דאזיקן נס איז איינגעפירט געווארן דער יום־טוב פורים. — די וויסנשאפטלעכע פארשער זענען מחולק אין זייערע מיינונגען וועגן דעם, וועלכן אלט־פערסישן

קעניג די מגילת אסתר מיינט מיט דעם וואָרט אחשורוש. אין אַלגעמיין ווערט אָנגענומען די מיינונג, אַז דאָ מיינט מען דעם אַלט־פּערסישן קעניג (וועלכער איז באַוואוסט מיט זיין מלחמה קעגן די גריכן) קסערקסעס. לויט די לעצטע אַנטדעקונגען פון די אַלט־פּערסישע שריפטן האָט דער קעניג קסערקסעס געהייסן אויף אַלט־פּערסיש „כשאיאַרשאַ", דאָס איז אחשורוש (אין מגילת אסתר י' הייסט ער אויך „אחשרש" אָן אַ ו'). — אין דער גמרא און מדרש זענען פאַראַן וועגן אחשורוש פיל לעגענדעס, אין וועלכע אחשורוש ווערט כאַראַקטעריזירט אַלס „מלך טיפש", אַ קאַפּריזנער נאַרישער קעניג, וואָס יעדער האָט אויף אים אַן איינפלוס. אַלס אַזעלכער ווערט אחשורוש אויך פאַרגעשטעלט אין די באַקאַנטע יידישע פּורים־שפּילן, וואָס טראָגן דעם נאָמען „אחשורוש־שפּיל" און וואָס מען האָט געפלעגט אויפירן ביי יידן אין פּורים אין פאַרלויף פון 18טן און 19טן יאָרהונדערט. דר. יצחק שיפּער אין „געשיכטע פון יידישן טעאַטער־קונסט און דראַמע" (וואַרשע 1925) ווייזט אָן, אַז די ערשטע יידישע אחשורוש־שפּיל איז כתב־יד איז פאַראַן (אין לייפּציגער שטאָט־ביבליאָטעק) פון יאָר 1697, און דאָס ערשטע געדרוקטע ביכל אחשורוש־שפּיל איז פון יאָר 1714. לויט דער מיינונג פון שיפּער איז די שפּיל אַנטשטאַנען אונטער דעם איינפלוס פון אַן ענגלישער דראַמע „עסטהער ענד אַהאַסוועראָס" וואָס איז איבערזעצט געוואָרן אין דייטש אין יאָר 1620.

אַחשורוש, דער אייביקער ייד.

אין דער קריסטלעכער וועלט איז פאַראַן אַ לעגענדע, אַז ווען מען האָט ישו הנוצרי געפירט צום טויט, האָט אַ ייד אין ירושלים מיטן נאָמען אחשורוש אים באַליידיקט. ישו הנוצרי זאָל דעמאָלט אים האָבן געזאָגט, אַז אַלס שטראָף וועט דער דאָזיקער אחשורוש לעבן אייביק ביז „אין די לעצטע צייטן". פון דעמאָלט אָן וואַנדערט „דער אייביקער ייד" אחשורוש איבער דער וועלט. ער האָט זיך שוין געוואָלט טויטן אָבער קיין טויט נעמט אים נישט. אין די עלטערע קריסטלעכע כראָניקעס ווערן דערציילט לעגענדעס, ווי דער אָדער יענער גלח האָט אַליין געזען דעם אייביקן ייד. — דאָס ערשטע מאָל געפינט מען די לעגענדע פון „אייביקן ייד" אין אַ לאַטיינישן דאָקומענט פון יאָר 1235 „פלאָרעס היסטאָריאַרום" (בלומען פון דער געשיכטע), וועלכער ווערט דערמאָנט אין אַ צווייטן דאָקומענט „היסטאָריאַ מאַיאָר" פון יאָר 1250 געשריבן דורך אַ פראַנצויזישן גלח מאַטעאוס. דער נאָמען אחשורוש קומט נאָך דאָ נישט פאָר. פון דעמאָלט אָן ווערט שוין די לעגענדע פון „אייביקן ייד" דערמאָנט אין פיל קריסטלעכע ביכער. ערשט אין יאָר 1602 איז אין דער דייטשער שפּראַך דערשינען אַ פאָלקס־ביכל וועגן דעם „אייביקן ייד" און דאָרט ווערט שוין אָנגעגעבן זיין נאָמען „אַהאַסוועער" (אחשורוש). די לעגענדע איז געוואָרן פאַרשפּרייט כמעט צווישן אַלע קריסטלעכע פעלקער. ביי די דייטשן הייסט ער „דער אייביקער ייד", ביי די פּאָליאַקן און טשעכן און בכלל סלאַווען הייסט ער „וויעטשני זשיד" (אייביקער ייד); ביי די פראַנצויזן הייסט ער „דזשואיף עראַנט" (בלאָנדזשענדער ייד). אין בעלגיע הייסט ער „איזאַק לאַקעדעם", און טייל מיינען אַז דאָס שטאַמט פון וואָרט „קדם", „אייביקייט". מען טרעפט אים אונטער אַנדערע פאַרשידענע נעמען. פאַראַן אַ מיינונג, אַז די גאַנצע לעגענדע איז נאָכגעמאַכט נאָך אַן אינדישער לעגענדע פון אַ געוויסן פינדאָלאַ, וועלכן דער אינדישער נביא בודהא האָט פאַר־

שאלטן אז ער זאל לעבן ביז אין די לעצ־טע צייטן. אויך די מאלערישע קונסט האט זיך באשעפטיקט מיט דעם „אייביקן ייד" און עס זענען פאראן וועגן אים קונסט־בילדער פון קוילבאך און אנדערע. מען האט וועגן אים אויך געשריבן לי־דער און דערציילונגען.

אטלאס אלעזר (1852 — 1904), הע־בראיִשער געלערנטער. — אטלאס האט אין זיין שריפטשטעלערישער ארבעט ארויסגעוויזן גרויס לומדות און קריטי־שער חריפות. ער האט מיטגעארבעט אין באקאנטע העבראישע זאמלביכער, „האסיף", „השנה", און אויך ארויסגע־געבן אן אייגענעם זאמלבוך „הכרם" (אין יאר 1886). אין די אלע זאמלביכער האט ער געשריבן היסטאריש־וויסנשאפט־לעכע אפהאנדלונגען איבער פארשידענע עפאכן פון דער יידישער געשיכטע.

אטעאיזם דאס דאזיקע ווארט שטאמט פון דער גריכישער שפראך, און די באַ־דייטונג דערפון איז „גאטלאזיקייט", דאס האלטן, אז עס איז נישט פאראן קיין גאט אויף דער וועלט. די יידישע רעליגיע איז קעגן אטעאיזם. דער ערש־טער פון די עיקרי אמונה פון דער יידי־שער רעליגיע איז די „מציאות השם", דער גלויבן אז עס איז פאראן א גאט אויף דער וועלט. שוין אין די אלטע צייטן פון תנ"ך זענען, ווייזט אויס, גע־ווען צווישן יידן אנהענגער פון אטעא־איזם. מיר געפינען שפורן דערפון אין תנ"ך, ווי למשל תהלים קאפיטל י', „רשע כגבה אפו בל ידרש, אין אלהים כל מזימותיו" (דער רשע מיט זיין זעלבסט־גרויסקייט טראכט אין אלע זיינע גע־דאנקען, אז עס איז נישטא קיין גאט) און אויך אין אנדערע ערטער. שפעטער אין די צייטן פון דער גמרא איז פאר אטעאיזם אנטשטאנען דער ספעציעלער טערמין „כופר בעיקר" (לייקענען אין יסוד). וועגן אטעאיזם איז פאראן די שטעלע אין מדרש בראשית רבה י"ט, אז אברהם אבינו האט באטראכט די גאנצע וועלט ווי א „בירה דולקת" (באלויכטע־נעם פאלאץ) און ער האט געזאגט „תא־מר בירה זו בלא מנהיג?" (צי איז מעג־לעך, אז דער דאזיקער פאלאץ האט נישט קיין פירער?), „מיד הציץ עליו בעל הבי־רה" (האט ער דערזען דעם אייגנטימער פון פאלאץ). דאס ווייזט, אז שוין אין די צייטן פון מדרש איז אויסגעקומען אין יידנטום צו באקעמפן אטעאיסטישע שטרעמונגען, וואס האבן געהאלטן, אז די וועלט ווערט רעגירט פון זיך אליין, אן א מנהיג. אין די צייטן פון דער יידישער פילאזאפיע אין מיטלאלטער (רב סעדיה גאון, רבי שלמה אבן גבירול, חובות הלבבות, רמב"ם, און אנדערע) איז דער עיקר פון „מציאות השם" (עק־זיסטענץ פון גאט) פיל ארומגערעדט גע־ווארן און די אלע יידישע פילאזאפן האבן זיך באמיט צו ברענגען באווייזן קעגן אטעאיזם.

אטען נאמען פון דער אלטער גריכי־שער הויפטשטאט, וואס האט געשפילט די גרויסע ראלע אין דער געשיכטע פון קולטור און ציוויליזאציע. אין דער גמרא און מדרש ווערט די שטאט אנגערופן מיטן נאמען „אתונא" ווי אויך „אתונס" און טייל גריכישע פילאזאפן און געלערנ־טע ווערן אנגערופן אין דער גמרא בכו־רות ח' „סבי דבי אתונא" (די אלטע פון אטען). דער יידישער היסטאריקער פלא־וויוס דערציילט אין זיין „אלטערטימער", אז ווען די יידן האבן אין די צייטן פון די חשמונאים אראפגעווארפן די הער־שאפט פון די סירישע מלכים און דער־קלערט ארץ־ישראל אלס זעלבסטשטענ־דיקע יידישע מלוכה האט אטען אנער־קענט די יידישע מלוכה. מיר געפינען

ביים זעלבן פלאַוויוס, אַז סוחרים פון אַטען פלעגן קומען האַנדלען אין ארץ־ישראל. פילאָן פון אַלעקסאַנדריע, וועלכער האָט געלעבט אין 1טן יאָרהונדערט, דערציילט אין זיין בוך „שליחות צו קאיוס“, אַז יידן האָבן געוואוינט אין אַטען אַלס סוחרים. אין די אויסגראָבונגען וואָס מען האָט לעצטנס געמאַכט אין אַטען האָט מען געפונען יידישע מצבות פון אַלטע צייטן. אויף די מצבות איז פאַראַן דאָס בילד פון אַ מנורה ווי אויך די אויפשריפטן אין דער גריכישער שפּראַך: „דאָ רוען טעאָדאָלא און משה“, ווי אויך „דאָ רוען יעקב און לעאָנטעס, איניקלעך פון יעקב פון צעזאַרעא“. — אין דער איצטיקער שטאָט אַטען, וועלכע איז די רעזידענץ־שטאָט פון דער היינטיקער גריכנלאַנד, וואוינען אַמייסטן ספרדישע יידן אין דער צאָל פון איבער 1000 נפשות, ווי אויך ביי 1000 אַשכּנזישע יידן. זיי באַשעפטיקן זיך אַמייסטן מיט מסחר און אויך מיט פאַרשידענע פאַכן. — ווי געזאָגט ווערט אַטען דערמאָנט אין דער גמרא און מדרש. אין בכורות ח' ווערן דערציילט די באַקאַנטע מעשהם ווי דער תנא רבי יהושע בן חנניה (וועלכער האָט געלעבט באַלד נאָכן חורבן פון 2טן בית המקדש) האָט געפירט ויכוחים מיט די „סבי דבי אתונא“ (די אַלטע, אָדער קלוגע פון אַטען) און ער האָט זיי כסדר מנצח געווען. די ויכוחים זענען אַ סאָרט פאָלקס־רעטענישן. אין מדרש איכה רבה אויף דעם פסוק „רבתי בגויים“ ווערן דערציילט פאָלקס־מעשיות וועגן דער קלוגשאַפט וואָס קינדער פון ירושלים האָבן באַוויזן אין אַזאַ געלערנטע שטאָט ווי אַטען.

איבערזעצונגען, אין דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור האָבן איבערזעצונגען, — סיי יידישע ספרים, וואָס זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן, סיי ביכער אין אַנדערע שפּראַכן וואָס זענען איבערזעצט געוואָרן אויף העברעאיש און יידיש, — געשפּילט אַ זייער גרויסע ראָלע. אין די גאָר אַלטע צייטן פון תנ"ך איז שווער צו זאָגן צי יידן האָבן געהאַט איבערזעצונגען. פאַראַן אַפילו אַ מיינונג (וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט זאָגאַר דורך אַזאַ מפרש פון תנ"ך ווי רבי אברהם אבן עזרא), אַז דאָס ספר „איוב“ איז געשריבן געוואָרן נישט אין העברעאיש נאָר אין אַן אַנדער שפּראַך און איז איבערזעצט געוואָרן. אָבער דאָס איז נישט מער ווי השערה. אין די צייטן פון 2טן בית המקדש האָט אַ זייער גרויסע ראָלע פאַר דער געשיכטע פון יידנטום און פון דער מענטשהייט געהאַט די גריכישע איבערזעצונג פון תנ"ך וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען „סעפּטואַגינטאַ“, „תרגום השבעים“ (איבערזעצונג פון 70 פּערזאָן), ווייל לויט דער לעגענדע (וואָס ווערט דערמאָנט אויך אין דער גמרא) איז די איבערזעצונג געמאַכט געוואָרן דורך 70 חכמים. פון דעמאָלט אָן ווערן די איבערזעצונגען ביי יידן אָפטער און דערגרייכן זייער העכסטן פּונקט אין מיטלאַלטער, ספּעציעל אין דער „גאָלדענער עפּאָכע“ פון די גרויסע יידישע פילאָזאָפן אין שפּאַניע אין 11טן, 12טן און 13טן יאָרהונדערט און אויך שפּעטער. מען האָט נישט נאָר איבערזעצט וויכטיקע פילאָזאָפישע און וויסנשאַפטלעכע ספרים פון אַנדערע שפּראַכן אויף העברעאיש (באַרימט זענען אַלס איבערזעצער געווען די געלערנטע פון דער פאַמיליע „אבן תבון“ און אַנדערע), נאָר יידישע געלערנטע האָבן אויך איבערזעצט פון אַראַביש אַ סך וויסנשאַפטלעכע ווערק אויף דער לאַטיינישער שפּראַך און האָבן אַזוי אַרום פיל מיטגעווירקט צו פאַרשפּרייטן די וויסנשאַפטן אין אייראָפּע אין די פינסטערע צייטן פון מיטלאַל־

טער. א זייער וויכטיק ווערק וועגן יענע יידישע איבערזעצונגען האט ארויסגעגעבן אויף דייטש דער יידישער געלערנטער ביבליאגראף פראפעסאר משה שטיינשניידער מיטן נאמען „די העברעאישע איבערזעצונגען פון מיטלאלטער און די יידן אלס דאלמעטשער“ (בערלין 1893). — אין דער נייערער צייט, אין דער עפאכע פון דער השכלה א״ז דער צווייטער העלפט פון 18טן יארהונדערט, האבן איבערזעצונגען ביי יידן ווידער געהאט א גרויסי באדייטונג פאר דער אנטוויקלונג פון דער קולטור. די איבערזעצונג פון תנ״ך אויף דייטש דורך משה מענדעלסאן, די איבערזעצונגען פון פארשידענע וויסנשאפטלעכע ביכער פון אנדערע שפראכן אין העברעאיש זענען געווארן די פארבינדונגס־וועגן, וואס האבן געפירט די יידישע אינטעליגענץ צו דער וועלטלעכער קולטור. א באזונדערס וויכטיקע באדייטונג האבן געהאט די איבערזעצונגען וואס זענען געמאכט געווארן אויף דער יידישער שפראך. די עלטסטע ביכער אין דער יידישער שפראך זענען איבערזעצונגען (אין 15טן און 16טן יארהונדערט) צוערשט פון רעליגיעזע ספרים, ווי תנ״ך, סדור, מחזורים (דורך רבי אליהו בחור, מיכאל אדאם, איצמוניש, יוסף בן יקר, און אנדערע) און דערנאך פון וועלטלעכע ביכער. דער פארשער פון דער אלט־יידישער ליטעראטור שטיף אין זיין אפהאנדלונג „דיטריך פון בערן“ (אין זשורנאל „יידישע פילאלאגיע“, העפט 1 און 2,ווארשע 1924) ווייזט אויף אז שוין אין דער ערשטער העלפט פון 15טן יארהונדערט זענען געווען פארשפרייט איבערזעצונגען אין דער יידישער שפראך פון וועלטלעכע ביכער, ראמאנען. דער גרעסטער טייל איבערזעצונגען פון אנדערע שפראכן אויף יידיש איז געמאכט געווארן ערשט לעצטנס אין 20טן יארהונדערט. אין אלגעמיין שפילן ביי יידן די איבערזעצונגען א באדייטנד גרעסערע ראלע ווי ביי אנדערע פעלקער, ווייל יידן געפינען זיך צווישן אנדערע פעלקער און די איבערזעצונגען זענען מייסטנס דער איינציקער וועג פון קעגנזייטיקן באקענען זיך.

איגרא משולם רב אין פרעשבורג אין דער 2טער העלפט פון 18טן יארהונדערט, באקאנט מיט זיין נאמען „רבינו משולם איגרא“; געבוירן אין גאליציע, אין דער שטאט בוטשאטש. אלס יונגערמאן איז ער געווארן רב אין טיסמעניץ, באלד נאכדעם ווי ער האט חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון רבי יצחק הורוויץ (האמבורגער רב). דא האט ער געפירט א גרויסע ישיבה. פון דארט איז ער אין יאר 1794 אויפגענומען געווארן אלס רב אין פרעשבורג, וואו ער האט געגרינדעט א גרויסע ישיבה און צווישן זיינע תלמידים זענען געווען שפעטערדיקע רבנים. אין פרעשבורג איז ער געשטארבן אין יאר 1801. ערשט א צייט שפעטער נאך דעם טויט פון רבנו משולם איגרא האט מען ארויסגעגעבן זיינע ספרים „שאלות ותשובות“ און „איגרא רמה“, שארפע פלפולים. — אין ספר „אבני בית האצר“ וואו עס ווערט געבראכט זיין ביאגראפיע, ווערט איבערגעגעבן אז ער האט געפאסט פון שבת צו שבת, האט פיינט געהאט געלט און איז געווען בכלל זייער פרום. זיינע תלמידים זענען געווען רבי יעקב, רב אין ליסא (מחבר פון „נתיבות“) און רבי מרדכי באנעט.

איגר זע „אייגער“.

איד דאסווארט „איד“ צו באצייכענען א ייד און דערפון אויך די ווערטער „יידיש“, „יידנטום“ און אזוי ווייטער, ווערט געשריבן אין דער יידישער שפראך

אין דריי פאָרמען: „איד", „יוד" און „ייד". די פאָרם „איד" שטאַמט אַמייסטן פון ליטווישע יידן און זי ווערט באַנוצט דורך אַ ריי גרויסע יידישע צייטונגען אין פוילן און אַמעריקע („היינט" אין ווארשע, „פאָרווערטס", „טאָג" „מאָרגן־זשורנאַל" און אַנדערע אין אַמעריקע). די פאָרם „יוד" איז באַנוצט געוואָרן אין די מייסטע יידישע ביכער און צייטונגען אין אָנהויב פון 20טן יאָרהונדערט און אויך דורך טייל גרעסערע צייטונגען („מאָמענט" אין ווארשע און אַנדערע). די פאָרם „ייד" געהערט צו דער נייעסטער יידישער אָרטאָגראַפיע און ווערט באַנוצט אין ראַטן־פאַרבאַנד פון רוסלאַנד ווי אויך אין אַ ריי צייטונגען און ביכער אין אַנדערע לענדער. זי איז אויך אָנגענומען געוואָרן דורך דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט („ייוואָ") אין ווילנע. מיר באַנוצן די „ייד" פאָרם, און אַלץ וואָס האָט אַ שייכות דערצו (יידן, יידיש, יידנטום וכדומה) וועלן מיר געבן ביים בוכשטאַב „י".

אידעלס, שמואל (1555 — 1631), רב און מפרש פון דער גמרא, באַקאַנט מיטן נאָמען „מהרש"א", וואָס איז די ראשי תבות פון די ווערטער „מורנו הרב שמואל אידלש", נאָך זיין שוויגער איידל. דער מהרש"א איז געבוירן געוואָרן אין פויזן. שוין אַלס יונגערמאַן האָט ער געפירט אין זיין געבורטס־שטאָט פויזן אַ גרויסע ישיבה אין פאַרלויף פון 20 יאָר (פון 1585 ביז 1605). די ישיבה האָט אויסגעהאַלטן זיין שוויגער איידל, אַ רייכע פרוי. אין 1605 איז דער מהרש"א געוואָרן רב אין כעלם. אין 1614 איז ער געוואָרן רב און ראש ישיבה אין לובלין. פון דאָרט איז ער אַוועק אין דער שטאָט טיקטין, און צום סוף איז ער געוואָרן רב אין וואָלין אין דער דעמאָלט באַרימטער שטאָט אוסטראָה (אָסטראָג) און אויך דאָ האָט ער פאַרלייגט אַ גרויסע ישיבה. דאָ איז ער געשטאָרבן ה' כסלו, יאָר שצ"ב (1631). — זיין גרויסן רום אין דער יידישער וועלט האָט דער מהרש"א זיך דערוואָרבן דורך זיין ספר אויף גמרא מיטן נאָמען „חידושי המהרש"א", וואָס באַשטייט פון „חידושי הלכות", דאָס זענען פירושים און באַמערקונגען צו דער הלכה־טייל פון דער גמרא, און „חידושי אגדות", וואָס זענען באַמערקונגען צו די „אגדות" אין דער גמרא. די דאָזיקע צוויי ספרים זענען געדרוקט געוואָרן דאָס ערשטע מאָל נאָך ביים מהרש"אס לעבן (יאָר ש"ס), און דערנאָך זענען זיי געדרוקט געוואָרן צוזאַמען מיט די גמרות זייער פיל מאָל. דער מהרש"א אין זיינע חידושים מיידט אויס דעם וועג פון פלפול, און ער שרייבט אַליין אין זיין ספר אויף דער גמרא בבא מציעא פ"ה אַז די פשעטלעך זענען „פלפול של הבל המטריד את האדם מן האמת" (פוסטע פשעטלעך וואָס פירן אַוועק דעם מענטש פון אמת). דער ספר פון מהרש"א איז געלערנט געוואָרן דורך די לומדים אין פיל דורות, און ער איז פאַררעכנט געוואָרן אַלס אַ זייער שאַרפֿזיניקער, אַזוי אַז דער נאָמען „מהרש"א־קעפּל" איז אין דער יידישער שפּראַך באַנוצט געוואָרן אויף איינעם וואָס האָט אַ גוטן קאָפּ. אין ספר מהרש"א זענען אויך פאַראַן באַקאַנטע שווערע ערטער, וועלכע ווערן אין דער לומדישער וועלט אָנגערופן מיטן נאָמען „די שווערע מהרש"אן". דער מהרש"א איז געווען אַ גרויסער מכניס אורח, און אויף דער טיר פון זיין הויז איז געווען אויפגעשריבן דער פסוק „בחוץ לא ילין גר, דלתותי לאורחים אפתח" (אין דרויסן וועט נישט נעכטיקן קיין פרעמדער, מיינע טירן עפן איך פאַר פרעמדע געסט). דאָס הויז פון מהרש"א אין אוסטראָה

איז אָפּגעברענט געוואָרן אין יאָר 1889; דער שטײן מיט דער אויפשריפט איז פֿאַרבליבן.

אידעלסאָן אברהם צבי מוזיק־היסטאָריקער (1882 — 1937). אַ לענ־גערע צײַט געווען חזן אין דײַטשלאַנד (אין רעגנסבורג), אין יאָר 1906 זיך באַ־זעצט אין ירושלים, וואו ער האָט געהאַט די מעגלעכקײַט צו שטודירן די מוזיק פֿון די אָריענטאַלישע ייִדן. נאָכער אַוועק קײן אַמעריקע, וואו ער איז געוואָרן פּראָפֿע־סאָר פֿון ייִדישער מוזיק־געשיכטע אין ראַבינער־סעמינאַר אין סינסינעטי. אידל־סאָן האָט פֿאַרעפֿנטלעכט די ווערק „אוצר נגינות ישראל" און אויך „תולדות הנגינה העברית" וועגן דער געשיכטע פֿון דער ייִדישער מוזיק.

איוב דאָס איז דער נאָמען פֿון דעם תנ"ך ספֿר און אויך פֿון דעם העלד פֿון „ספֿר איוב". דער אינהאַלט פֿון ספֿר איוב איז פֿאָלגנדער: עס האָט געלעבט אין לאַנד „עוץ" אַ מאַן איוב, אַ גוט־האַרציקער, פֿרומער מאַן, וועלכער איז געווען זייער רײַך און האָט אויך גע־האַט אַ סך קינדער. דער שטן אין הימל האָט געטענהט פֿאַר גאָט, אַז איוב איז אַזאַ פֿרומער מאַן, ווײַל עס גייט אים גוט, ער האָט נישט קײן לײַדן, אָבער קוים זאָל מען בײַ אים אַוועקנעמען דאָס פֿאַרמעגן און אים פֿאַרשאַפֿן פּערזענלעכע לײַדן, וועט ער נישט זײַן מער קײן פֿרו־מער מאַן. גאָט האָט געוואָלט איבער־צײַגן דעם שטן, אַז זײַן מיינונג איז נישט קײן ריכטיקע, און ער האָט אים דעריבער געגעבן די דערלויבעניש אָנצו־טאָן איוב אַלערלײ לײַדן. דער שטן האָט צוערשט פֿאַרניכטעט איובס פֿאַרמעגן און געטויט זײַנע קינדער. ווען עס זע־נען אָנגעקומען די שליחים, איינער נאָך דעם צווייטן, צו איוב מיט די שלעכטע בשורות, אַז זײַן פֿאַרמעגן איז פֿאַרניכ־טעט און די קינדער זענען אומגעקומען, איז איוב פֿונדעסטוועגן געבליבן פֿעסט בײַ זײַן גלויבן אין גאָט און האָט דער־קלערט „ערם יצאתי מבטן אמי וערם אשוב שמה, ה' נתן וה' לקח, יהי שם ה' מבורך" (נאַקעט בין איך אַרויסגעגאַנ־גען פֿון מײַן מוטערס לײַב און נאַקעט וועל איך אַהינקומען, גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוריק צוגענומען, זאָל זײַן דער נאָמען פֿון גאָט געבענטשט אויף אייביק). דערנאָך אָבער האָט דער שטן געשלאָגן איובן זעלבסט מיט צרעת און דאָס האָט איהם פֿאַרשאַפֿט גרויסע קער־פּערלעכע לײַדן. דעמאָלט זענען געקו־מען צו אים זײַנע דרײַ חברים, אליפֿז פֿון תימן, בלדד פֿון שוח און צופֿר פֿון נעמה, כדי אים צו טרייסטן. — ביז אַהער איז דער פּראָלאָג, די הקדמה פֿון ספֿר איוב, וואָס פֿאַרנעמט די ערשטע צוויי קאַפּיטלעך. מיטן דריטן קאַפּיטל הייבט זיך אָן דער אייגנטלעכער אינהאַלט פֿון ספֿר איוב, די געשפּרעכן צווישן איוב און זײַנע דערמאָנטע דרײַ חברים, וועלכע טענהן זיך אויס מיט אים וועגן דער פֿי־לאָזאָפֿישער פֿראַגע, פֿון וואַנען קומט עס, וואָס אַ גערעכטער מענטש, וועלכער האָט, דאַכט זיך, גאָרנישט געזינדיקט, זאָל האָבן לײַדן. אין דריטן קאַפּיטל הייבט אָן איוב צו שעלטן דעם טאָג פֿון זײַן געבוירן ווערן, „יאבד יום אולד בו" (עס האָט געדאַרפֿט פֿאַרלוירנגיין דער טאָג ווען איך האָב געדאַרפֿט געבוירן ווערן). און ער דערקלערט, אַז דער טויט איז בעסער פֿאַר דעם לײַדנדעם ווי דאָס לעבן, וואָרים דאָרט, אין דער וועלט פֿון טויט, „ינוחו יגיעי כח" (רוען די מידע פֿון קראַפֿט). דערנאָך גייען אַ רײ רע־דעס פֿון איובס דערמאָנטע חברים; יע־דער פֿון זיי האַלט אַ רעדע און איוב ענט־פֿערט אים אָפּ. אַזוי קומט עס פֿאַר דרײַ

מאָל. די רעדעס און ענטפֿערס פֿאַרנע־
מען די קאַפּיטלעך פֿון ד' ביז ל"א. די
חברים פֿון איוב באַמיען זיך אים אויפֿ־
צוּווייזן, אַז זיין טענה איז נישט קיין
ריכטיקע, אַז באמת אויב אַ מענטש
ליידט איז עס אַ סימן, אַז ער האָט גע־
זינדיקט, וואָרים ליידן זענען נאָר אַ
שטראָף פֿאַר די זינד. דאָס, וואָס איינעם
דאַכט זיך, אַז ער ליידט בחנם, איז,
לויט דער מיינונג פֿון איובס חברים,
פֿאַלש, ווייל „האנוש מאלה יצדק, אם
מעושהו יטהר גבר", צי קאָן דען דער
מענטש זיין גערעכטער פֿון גאָט, פֿון
באַשאַפֿער וואָס האָט אים באַשאַפֿן.
מסתמא האָט דער מענטש געזינדיקט.
זיי טרייסטן אים דערביי, אַז גאָט וועט
אים נאָך צוריק באַלוינען. איוב אָבער,
אין זיינע ענטפֿערס, דערקלערט זייער
מיינונג פֿאַר ניט ריכטיק און נישט
ערלעך, פֿאַר אַ חניפה צו גאָט. איוב
ווייזט אָן (ספּעציעל אין קאַפּיטל ו') אַז
דער מענטש איז אָן ערעס, והילפֿלאָז,
קורץ־דויערנדעס באַשעפֿעניש, „כלה ענן
וילך, כן יורד שאול לא יעלה" (ווי דער
וואָלקן וואָס פֿאַרשווינדט, אַזוי פֿאַר־
שווינדט דער מענטש אין אָפּגרונט פֿון
טויט און קומט נישט צוריק) און פֿאַר־
וואָס זאָל גאָט דעם דאָזיקן באַשעפֿעניש
פֿאַרשאַפֿן אַזוי פֿיל ליידן. ער גלויבט
אויך נישט אַז די ליידן זענען אַ שטראָף
פֿאַר זינד, און ער דערקלערט „תם ורשע
הוא מכלה" (גאָט פֿאַרניכטעט צוגלייך
דעם צדיק און דעם רשע). אין דעם
דאָזיקן ויכוח צווישן איוב מיט זיינע חב־
רים זענען אויך פֿאַראַן וואונדערבאַרע
שילדערונגען וועגן דער אַלמעכטיקייט
פֿון גאָט און דער נישטקייט פֿון מענטש.
אין קאַפּיטל ל"ב באַווייזט זיך אַ פֿער־
טער חבר פֿון איוב, וועלכער איז פֿריער
נישט דערמאָנט געוואָרן, דאָס איז „אלי־
הוא בן ברכאל הבוזי" פֿון דער „משפחה
רם", ער טרעט אַרויס סיי קעגן איובס
חברים, סיי קעגן איוב, אין 6 קאַפּיטלעך
(ביז ל"ז). לויט זיין מיינונג האָבן די
ליידן אַ העכערן זין, און מיר פֿאַרשטייען
זיי נישט פּונקט ווי מיר פֿאַרשטייען ניט
די אַנדערע טאַטן פֿון דער גאָטלעכקייט.
אין די קאַפּיטלעך ל"ח, ל"ט, מ', מ"א,
טרעט אויף גאָט אַליין „מן הסערה" (פֿון
שטורעמווינט) און ענטפֿערט איובן אויף
זיינע טענות. דער אינהאַלט פֿון די דאָ־
זיקע 4 קאַפּיטלעך איז צו ווייזן די
געוואַלדיקע דערשיינונגען פֿון דער געט־
לעכער נאַטור, און אַז דער מענטש קאָן
קעגן דער גאָטלעכקייט קיין טענות נישט
האָבן, ווייל ער פֿאַרשטייט נישט די וועגן
פֿון גאָט. אין די דאָזיקע קאַפּיטלעך
פֿרעגט גאָט איובן, צי ווייסט ער ווי אַזוי
די וועלט איז באַשאַפֿן, אויף וואָס די
וועלט שטייט, אויף וואָס האַלטן זיך די
גרעניצן פֿון ים, די אַנטשטייאונג פֿון
טאָג און נאַכט, די געזעצן פֿון הימל
(„חקות השמים") די לעבנס־אַרט פֿון די
פֿאַרשידענע ריזיקע לעבעדיקע באַשעפֿע־
נישן (בהמות, לויתן). פּונקט אַזוי ווייסט
דער מענטש אויך נישט אַלע אַנדערע
דערשיינונגען און דעם זין פֿון מענטשנס
ליידן. אין קאַפּיטל מ"ב איז איוב זיך
מודה אַז ער איז מיט זיינע טענות נישט
גערעכט. דער עפּילאָג, דער סוף, פֿון
ספֿר איז, אַז גאָט האָט צוריק געבענטשט
איובן, וועלכער האָט צוריק געוואונען
זיין עשירות און דערנאָך געבוירן קינ־
דער און געלעבט אַ לאַנג און גוט לעבן.
— אויף דעם ספר איוב זענען געזאָגט
געוואָרן פֿיל אגדה־ווערטער אין דער
גמרא און מדרש, און עס איז אויך גע־
שריבן געוואָרן פֿיל פּירושים כמעט דורך
אַלע מפרשי התנ"ך, און אַחוץ דעם אויך
זייער פֿיל קריטישע ביכער און אָפּהאַנד־
לונגען וועגן דער אַנטשטייאונג פֿון דאָ־
זיקן ספר. ערשטנס, ווערט באַהאַנדלט

די פראגע, ווען האט געלעבט אזא פערזאן ווי איוב, צי איז ער איבערהויפט געווען, און צי איז חאם ספר נישט מער ווי א דראמאטישע האנדלונג. עס ווערט אנגעוויזן, אז אין ספר יחזקאל י״ד ווערט דערמאנט איוב צוזאמען מיט נח און דניאל אלס דריי באקאנטע צדיקים. שוין אין דער גמרא זענען פאראן פארשידענע מיינונגען וועגן דער צייט פון איוב. טייל אין דער גמרא (ירושלמי סוטה) האלטן, אז ער האט עקזיסטירט אין די צייטן פון אברהם אבינו. אין דער גמרא בבא בתרא י״ד ווערן ארויסגעזאגט מיינונגען, אז ער האט געלעבט אין דער צייט פון משה רבנו, דוד המלך און פיל שפעטער. איין מיינונג אין דער גמרא בבא בתרא ט״ו איז, אז „איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה״, דאס איז די מיינונג, אז דאס איז א דראמאטיש ווערק, אין וועלכן דער מחבר האט אויסגעדריקט געוויסע מיינונגען אין דער פערזאן פון א פאנטאסטישן העלד מיטן נאמען איוב. אין דער זעלבער שטעלע אין דער גמרא ווערט זאגאר געבראכט א מיינינג, אז איוב איז נישט געווען קיין ייד (מעכום הוה). אויך די מאדערנע תנ״ך־קריטיקער זענען מחולק צווישן זיך וועגן דער צייט, ווען דאס ספר איוב איז פארפאסט געווארן. די געלערנטע אייכהארן און בערטאלדט האלטן, אז דאס איז געשריבן געווארן גאר פרי, פארן ערשטן בית המקדש; גרעץ און אנדערע האלטן, אז דאס איז פארפאסט געווארן ערשט נאכן חורבן פון ערשטן בית המקדש אין דער צייט פון גלות בבל, און געשריבן האט עס א ייד וואס האט געוואוינט אין בבל. איבערהויפט שטעלן זיך אפ די תנ״ך־קריטיקער אויף דעם מערקווירדיקן פאקט, וואס די שפראך פון ספר איוב, הגם זי איז העבראיש, איז זי אבער אנדערש ווי די העבראישע שפראך אין די

אנדערע ספרים פון תנ״ך. שוין דער אבן עזרא האט דעריבער ארויסגעזאגט די דרייסטע מיינונג אז דער ספר איוב איז געשריבן געווארן אויף אראמעאיש, און מיר האבן נאר די העבראישע איבערזעצונג. טייל אנדערע תנ״ך־פארשער גייען נאך ווייטער און ווילען האבן, אז דער ספר איוב איז געשריבן געווארן אין איינעם פון די לענדער וואס איז נאענט צו ארץ־ישראל, און דער מחבר איז געווען נישט קיין ייד, נאר פון יענע „חכמי קדם״, וואס ווערן דערמאנט אין תנ״ך. שפינאזא אין „טעאלאגיש־פאליטישן טראקטאט״ האלט זיך אויך ביי דער מיינונג אז דער מחבר פון איוב איז נישט געווען קיין ייד. די דאזיקע מיינונג זאל זיך אויך שטיצן דערויף וואס איובס לאנד עוץ ווערט דערמאנט אין איכה ד׳ אלס א טייל פון לאנד אדום. אויך די נעמען פון די דריי חברים איובס, אליפז און די אנדערע, ווערן אין חומש (בראשית ל״ו) דערמאנט אלס אפשטאמענדע פון אדום. דער תנ״ך־פארשער היציג ווייזט אויך אן אז פיל בילדער אין ספר איוב זענען גענומען פון מצרים, ווי למשל די באשרייבונג פון „היפאפאטאם״ (בהמות אין קאפיטל מ׳), די עגיפטישע גאלד־גרובנס אין קאפיטל כ״ח און אנדערע שטעלן. טייל תנ״ך־פארשער ווילן אויך האבן, אז דער ספר איוב איז געשריבן געווארן אין פארשידענע צייטן, און אז למשל די רעדעס פון אליהוא בן ברכאל און ווייטער זענען צוגעגעבן געווארן שפעטער. קיין קלארע און זיכערע מיינונג וועגן ספר איוב איז באמת נישט פאראן. עס איז נאר ריכטיק, אז אין איוב זענען פאראן א סך אויסדריקן און סטיל־ווענדונגעדן פון דער אראמעאישער שפראך, און ווי עס האט לעצטנס באוויזן דער פארשער פון ירושלים דוד

יעלין זענען אין דעם ספר איוב אויך פאראן פיל אראבישע אויסדריקן.

דאס ספר איוב האט געהאט א זייער גרויסן איינפלוס אויף א גאנצער ריי אנגעזעענע שריפטשטעלער און דיכטער אין פארשידענע צייטן, צווישן זיי אויף שעקספיר, קאלדעראן, געטע. פיל שטעלן פון שעקספירס דראמע „האמלעט“ זענען געשריבן געווארן אונטער דעם איינפלוס פון איוב, און זאגאר דער בארימטער מאנאלאג אין „האמלעט“: „זיין אדער נישט זיין“ אנטהאלט פיל אויסדריקן וואס זענען געמיינזאם מיט דעם קאפיטל ג׳ פון איוב, וואו איוב שילדערט די רו פון טויט. וואס אנבאלאנגט געטעס גרעסטע שאפונג „פאוסט“, איז דער גאנצער בוי פון דאזיקן דראמאטישן ווערק, דער פראלאג אין הימל, מעפיסטאפעל אלס „שטן“ איינפאך גענומען פון ספר איוב. — דאס ספר איוב איז איבערזעצט געווארן אין זייער פיל שפראכן, נישט נאר צוזאמען מיט די אנדערע ספרים פון תנ״ך, נאר אויך באזונדער. אויך אין דער יידישער שפראך זענען פאראן פיל איבערזעצונגען פון ספר איוב. איוב האט אויך געדינט אלס טעמע פאר פארשידענע גרויסע מאלער און סקולפטארן, וואס האבן געפרואווט אין דער בילדנדער קונסט אויסדריקן די געשטאלט פון איוב. בארימט איז מאקס ליבערמאנס בילד „איוב און זיינע חברים“.

איזבל ווייב פון אחאב מלך ישראל; אין מלכים ב׳ י״ז ווערט דערציילט, אז איזבל איז געווען די טאכטער פון איתבעל דעם מלך פון דער פעניצישער האנדלס שטאט צידון. איזבל, וועלכע איז דערצויגן געווארן אין דער רעליגיע פון אפגאט בעל, האט געפרואווט די דאזיקע רעליגיע איינפלאנצן אויך אין לאנד ישראל (וואס האט אויך געהייסן „אפרים“, „שומרון“). און אין מלכים כ׳ י״ח ווערט דערציילט אז זי האט געלאזט טויטן אלע נביאים פון גאט און האט איינגעפירט די „בעל“־נביאים און אויפגעשטעלט א מזבח מקריב צו זיין קרבנות פארן בעל. זי האט אויך געוואלט טויטן אליהו הנביא. אין ספר מלכים ווערט איבערהויפט דערציילט, אז דאס וואס אחאב מלך ישראל איז באגאנגען פיל זינד, איז עס געווען ווייל איזבל האט אים צוגערעדט דערצו. איזבל איז געטויט געווארן ביי דעם אויפשטאנד פון יהוא בן נמשי קעגן דער אחאב־דינאסטיע. זע זוכווארט „אחאב“.

איזראעל נאמען אין א גאנצער ריי שפראכן פאר דעם נאמען „ישראל“. מיט דעם נאמען „איזראעל“ זענען פאראן א גאנצע ריי יידישע געזעלשאפטן, פילאנטראפישע און דערציערישע, אין די פארשידענע לענדער. פון „איזראעל“ איך אויך אנטשטאנען דאסווארט „איזראעליט“ אדער „איזראעליטא“ (אין דער פוילישער שפראך). מיט דעם נאמען „איזראעליט“ איז דערשינען אין דייטשלאנד (פראנקפורט אם מיין) אן ארטאדאקסישער וואכנשורנאל אויף דייטש. „איזראעליטא“ איז געווען דער נאמען פון אן אסימילאטארישער וואכנשריפט אויף פויליש וואס איז דערשינען אין ווארשע ביז צום מלחמה־אויסברוך אין יאר 1914. איבערהויפט איז געווען ביי די אסימילאטארישע יידן אין דייטשלאנד, פוילן און אנדערע לענדער די טענדענץ נישט צו רופן זיך „יידן“ נאר „איזראעליטן“, וועלנדיק דערמיט אונטערשטרייכן אז זיי געהערן נישט צו דער יידישער נאציע, נאר צו דער איזראעליטישער רעליגיע.

איזראעלס יוסף (1824 — 1911). יידיש־האלענדישער מאלער און ראדירער, איינער פון די באדייטנדסטע

קינסטלער אין 19טן יאָרהונדערט, נעוואוינט אין האאג. ער איז געווען דער אָנגעזעענסטער מאָלער אין האָלאַנד. זיינע בילדער זענען אַמייסטן גענומען פון האָלענדישן לעבן, זיינע מאָלערייען זענען די שטיל־רואיקע בילדער פונם לעבן פון די האָלענדישע פישער־קינדער. אין מייסטן פון זיינע בילדער ווייעט די פרישע לופט און די אומענדלעכע ווייטקייט פון האָלענדישן ים. איינע פון די שענסטע ראַדירונגען פון איזראעלס איז זיין בילד „קינדער ביים ים־ברעג". פון יידישן לעבן זענען באַרימט זיינע בילדער „דער סופר", „דוד פאַרן מלך שאול", „אַליין אין דער וועלט", און „אַ זון פון אַלטן פאָלק". אין דעם בילד „אַ זון פון אַלטן פאָלק" זעען מיר זיצן אַ ייד איינזאַם, פרעמד, און דער דאָזיקער מאָטיוו האָט געדינט אַלס מוסטער פאַר אַ ריי בילדער פון אַנדערע יידישע מאָלער.

איטאַליע לאַנד אין דרום־אייראָפּע, וואָס נעמט היינט אַרום דעם גאַנצן אַפּענינישן האַלבאינזל. די אינזלען סיציליע און סאַרדיניע און אויך די געגנטן פון דרום־אייראָפּעאישן קאָנטינענט ביז דער שווייץ און פראַנקרייך. די הויפּטשטאָט איז רוים. נאָך דער וועלט־מלחמה אין יאָר 1918 האָט איטאַליע אויך צובאַקומען אַ טייל פון טיראָל ווי אויך די פּאָרט־שטאָט טריעסט ביים אַדריאַטישן ים. איטאַליע האָט איצט אַ באַפעלקערונג פון 42 מיליאָן נפשות און צווישן זיי געפינען זיך ביי 60 טויזנט יידן, וועלכע ווערן דורך דער פאַשיסטישער רעגירונג באַגרענעצט אין זייערע רעכט. — ווען דער געשיכטע פון יידן אין איטאַליע ווערט אָנגעוויזן, אַז אין רוים האָבן געוואוינט יידן שוין אין די צייטן פון די חשמונאים, אַלזאָ 140 יאָר פאַר דער צייט־רעכענונג. אין ד י ביכער פון פלאַוויוס („אַלטערטימער" און „מלחמה"), ווערט דערציילט זייער אַפּט פון יידן וואָס האָבן געוואוינט אין רוים אין די צייט פון יוליוס צעזאַר. די שפּעטערדיקע אַלט־רוימישע שריפטשטעלער און היסטאָריקער (טאַציטוס און אַנדערע) דערציילן אויך וועגן יידן וואָס האָבן געוואוינט אין רוים. זיכער איז, אַז נאָכן חורבן פון 2טן בית המקדש (אין יאָר 70 נאָך דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג), ווען דאָס רוימישע מיליטער האָט איינגענומען ארץ־ישראל און אַ סך יידן מיטגענומען אַלס געפאַנגענע קיין איטאַליע, האָט זיך דער יידישער ישוב אין איטאַליע שטאַרק פאַרגרעסערט. אין די צייטן פון דער משנה זענען זאָגאַר געווען אין רוים תנאים ווי תודוס איש רומי (פסחים נ"ג) און רבי מתיא בן חרש (יומא נ"ג). מען האָט אויך לעצטנס געפונען אַ סך אַלטע יידישע קברים אין רוים און אין נעאַפּאָל, וואָס שטאַמען פון 3טן און 4טן יאָרהונדערט. די אויפשריפטן אויף די מצבות זענען אַמייסטן אויף לאַטיין אָדער גריכיש. און נאָר זייער זעלטן וואַרפט זיך אַדורך אַ העברעאיש וואָרט. ווען די קריסטלעכע רעליגיע איז אין די צייטן פון קייזער קאָנסטאַנטין (יאָרן 337 — 306) געוואָרן די הערשנדע רעליגיע אין דער רוימישער אימפּעריע, האָט מען אין איטאַליע אָנגעהויבן רודפן יידן. אין פאַרשידענע צייטן האָט מען קעגן יידן אַרויסגעגעבן גזירות, אָבער אין אַלגעמיין האָבן אויך דעמאָלט זיך אַנטוויקלט די יידישע ישובים אין איטאַליע. אויך נאָכדעם ווי די רוימישע אימפּעריע איז זיך צעפאַלן (יאָר 476) און עס האָט זיך אָנגעהויבן אין אייראָפּע די פינסטערע צייט און די גרויסע פאַרפאָלגונגען אויף יידן, האָבן די יידן אין איטאַליע פאַרהעלטניסמעסיק געלעבט אַ רואיקער לעבן און ווייניקער

געליטן פון פארפאלגונגען ווי אין די אנדערע אייראפעאישע לענדער. גאנץ אפט האבן אויך די פויבסטן, וואס האבן געהערשט אין איטאליע, גענומען אונטער זייער שוץ די יידן, און פיל יידישע געלערנטע זענען געווען ביי די פויבסטן אנגעזען. די יידן אין איטאליע זענען אויך גייסטיק געשטאנען העכער פון די יידן אין די אנדערע לענדער אין די ערשטע יארהונדערטער פון מיטלאלטער. אין די אלטע קוואלן ווערט דערציילט אז דער לימוד פון גמרא האט זיך פארשפרייט אין אייראפע דורך יידישע לומדים פון איטאליע. אין ענדע פון 10־טן יארהונדערט געפינען מיר אין איטאליע (אין דער שטאט אריא) דעם ערשטן יידישן מחבר אין אייראפע רבי שבתי דונולו, מחבר פון פילאזאפיש־וויסנשאפטלעכן ספר „חכמוני" (פירוש צום ספר „יצירה"), ווי אויך אן אומבאקאנטן מחבר היסטאריקער, וואס האט פארפאסט אויף העברעאיש דעם היסטארישן ספר „יוסיפון", וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון פלאוויוסעס ווערק און אויך אנדערע אלטע היסטאריקע קוואלן. פאראן א מיינונג אז אויך דאס מדרש־ספר „תנא דבי אליהו" איז פארפאסט געווארן פון א ייד אין איטאליע אומגעפער אין 9טן אדער אין 10טן יארהונדערט. שפעטער טרעפן מיר שוין גאר באדייטנדע און אנגעזעענע יידישע חכמים און מחברים, ווי רבי נתן, דעם מחבר פון תלמודישן לעקסיקאן „ערוך" (אין 11טן יארהונדערט), רבי הלל פון ווערא־נא, רבי צדקיהו, מחבר פון „שבולי הלקט", רבי ישעיה דטראני, און פיל פיל אנדערע. אין יענער צייט און עטוואס שפעטער הויבט זיך אן אין איטאליע איינע פון די שענסטע עפאכן אין דער יידישער קולטור־אויפלעבונג, וואס הגם מען קאן איר נישט פארגלייכן מיט דער „גאלדענער עפאכע" פון די יידישע דיכטער און פילאזאפן אין שפאניע, אבער זי האט געהאט א געוויסע ענלעכקייט מיט איר. עס איז א פאקט אז דער גרויסער מפרש און פילאזאף רבי אברהם אבן עזרא האט אויך געשריבן זיינע מערסטע ספרים אין איטאליע (כאטש ער אליין האט געשטאמט פון שפאניע). אויף דעם הויף פון דייטשן קייזער פרידרדיך דער 2טער (אין 13טן יארהונדערט), וועלכער האט געוואוינט אין איטאליע האבן זיך געפונען יידישע געלערנטע פילאזאפן (רבי יעקב אבא מרי, רבי יהודה פון טאלעדא) מיט וועלכע ער האט געפירט פילאזאפישע ויכוחים. באזונדערס בארימט איז דער העברעאישער דיכטער פון יענער צייט עמנואל הרומי (אין ענדע 13טן און אנהויב 14טן יארהונדערט). וועלכער ווערט פארעכנט אלס דער יידישער „דאנטע" אין יענער איטאליעניש־יידישער עפאכע. באקאנט איז אויך רבי קלונימוס בן קלונימוס, דער מחבר פון „אבן בוחן". דער געלערנטער נידעמאן שרייבט אין זיין בוך „התורה והחיים", אז מען וואלט געקאנט צונויפנעמען א גאנצע ביבליאטעק פון די וויסנשאפטלעכע ביכער, וואס זענען געשריבן געווארן דורך די איטאליענישע יידן אין 13טן און 14טן יארהונדערט. נידעמאן ווייזט דארט אן, אז אויך אין האנדל און מלאכה האבן די איטאליענישע יידן אין יענער צייט געשפילט א גרויסע ראלע, ווייל זיי האבן געפירט דעם האנדל סיי מיט די מזרח־לענדער, סיי מיט די לענדער פון דייטשלאנד און פראנקרייך. אין דער צווייטער העלפט פון 15טן יארהונדערט ווען עס האבן זיך באוויזן די ערשטע דרוקערייען צו דרוקן ביכער, איז איטאליע געווען דאס לאנד וואו עס האט זיך באוויזן די ערשטע יידישע דרוקעריי. דאס ערשטע ספר אויף העברעאיש וואס

איז געדרוקט געוואָרן איז געווען דער פּירוש פון רש"י אויף חומש געדרוקט אין דער איטאַליענישער שטאָט רעדזשאָ (ריגיו) אין יאָר רל"ה (1475) דורך דעם דרוקער אברהם בן גרטון. נאָכער זענען אַנטשטאַנען אַ ריי יידישע דרוקערייען אין פּיאַווע דע סאַקאָ, מאַנטואַ, סאָנצינאָ (שונצינו), נעאַפּאָל, רוים, פעראַראַ און אַנדערע איטאַליענישע שטעט. און גאָר שפּעטער (אין 16טן יאָרהונדערט) איז דער הויפּט־צענטער פון יידישער ספרים־דרוקעריי געווען אויך די איטאַליענישע שטאָט ווענעציע. דאָס באַווייזט די גייסטיקע הויכקייט פון די יידן אין איטאַליע אין יענע צייטן. אין איטאַליע זענען אין יענע יאָרהונדערטער אויך געווען גרויסע לומדים (ווי רבי יוסף קולון, רבי יהודה מינץ, מהר"ם פּדוואה און אַנדערע) ווי אויך פילאָזאָפן מפרשי־התנ"ך און קריטיקער (די פאַרטריבענע פון שפּאַניע, דון יצחק אברבנאל, זיין זון יהודה אברבנאל, רבי אליהו בחור, ר' עזריה דמן אדומים, שפּעטער רבי יהודה אריה די מודינא און פיל אַנדערע). אַ סך יידישע בחורים פון אַנדערע לענדער פלעגן קומען קיין איטאַליע שטודירן אויף די אוניווערסיטעטן, ספּעציעל אין דער שטאָט פּאַדואַ, מעדיצין און אַנדערע וויסנשאַפטן. די דאָזיקע גייסטיקע אויפלעבונג פון די איטאַליענישע יידן האָט געדויערט אַזוי לאַנג ווי עס האָט געדויערט די גייסטיקע אויפלעבונג פון איטאַליע אין אַלגעמיין. אָבער ווען עס האָט זיך אין 17טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן אין איטאַליע די צייט פון רעאַקציע און פינסטערניש, איז אויך ביי די איטאַליענישע יידן צו באַמערקן אַ גייסטיקע ירידה. צוזאַמען דערמיט האָבן זיך אויך פאַרשטאַרקט די גזירות אויף די איטאַליענישע יידן. גאַנץ אָפט זענען פאָרגעקומען אויף זיי בלבולים, עלילת־הדם. מען האָט באַגרענעצט יידן אין זייערע רעכט. אין אינערלעכן יידישן לעבן האָט מען אָנגעהויבן קוקן קרום אויף דעם לערנען וועלטלעכע לימודים. אָבער אויך אין יענע צייטן האָט איטאַליע אַרויסגעגעבן באַדייטנדע יידישע פּערזענלעכקייטן ווי רבי משה זכות, רבי משה חיים לוצאַטאָ, רבי ישעיה באַסאַן און אַנדערע, וואָס זענען געווען גרויס סיי אין לערנען, סיי אין פילאָזאָפיע און קבלה, סיי אין פּאָעזיע. מען קאָן זאָגאָר זאָגן, אַז די נייע העברעאישע פּאָעזיע האָט זיך אָנגעהויבן אין איטאַליע מיט די צוויי דערמאָנטע גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן רבי משה זכות און רבי חיים משה לוצאַטאָ. די יידן אין איטאַליע האָבן באַקומען אַ געוויסע גלייכבאַרעכטיקונג ערשט נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט, ווען דאָס רעוואָלוציאָנערע פראַנצויזישע מיליטער האָט איינגענומען איטאַליע. אין דעם רעוואָלוציע יאָר, 1848, האָבן זיי באַקומען ווייטערע רעכט, און אין יאָר 1861, ווען די איטאַליענישע פּראָווינצן זענען געוואָרן פאַראייניקט אין איין מלוכה האָבן יידן באַקומען פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג. אין פאַרלויף פון 19טן יאָרהונדערט האָבן די יידן אין איטאַליע אַרויסגעגעבן אַ ריי גרויסע געלערנטע פּערזענלעכקייטן נישט נאָר אין יידישע וויסנשאַפטן (יצחק שמואל רעדזשאָ, שמואל דוד לוצאַטאָ און אַנדערע) נאָר אויך באַדייטנדע מלוכה־מענער, וואָס האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין אַלגעמיינעם לעבן אין איטאַליע. עטלעכע יידן האָבן פאַרנומען אָנגעזעענע פּאָסטנס אַלס מיניסטאָרן אין איטאַליע אין פאַרלויף פון 19טן יאָרהונדערט, ווי דזשאָזעף אַטאַלענגאָ אַלס קריגס־מיניסטער, לואידזשי לוצאַטאָ אַלס פינאַנץ־מיניסטער, נאַטאַן

אַלס שטאַט־פּרעזידענט פון רוים, און
אויך פיל אַנדערע הויכע שטעלעס האָבן
יידן פאַרנומען. די יידישע גלייכבאַרעכ־
טיקונג אין איטאַליע איז אין ענדע פון
19טן יאָרהונדערט געוואָרן אַ פולשטענ־
דיקע, און אויך קיין געזעלשאַפטלעכער
און ווירטשאַפטלעכער אַנטיסעמיטיזם
איז אין איטאַליע דעמאָלט מער נישט
געווען אין אַ שטאַרקער פאָרם. אפילו
נאָכדעם ווי איטאַליע איז באַהערשט גע־
וואָרן דורך די פאַשיסטישע רעגירונג פון
מוסאָליני אין יאָר 1922, האָבן יידן אין
איטאַליע נישט געליטן באַזונדערס פון
אַנטיסעמיטיזם, און אין דער פאַשיסטי־
שער אָרגאַניזאַציע האָבן יידן פאַרנומען
ביז אַ געוויסער צייט אָנגעזעענע שטע־
לעס. אָבער אין יאָר 1936 איז פאַרגעקו־
מען די גרויסע ענדערונג און די פאַשיס
טישע רעגירונג האָט איינגעפירט אַפי־
ציעל רעכט־באַגרעניצונגען קעגן יידן, און
אַ סך יידן האָבן פון דאָרט אויסגעוואַנ־
דערט. — וועגן דער געשיכטע פון יידן
אין איטאַליע זע גידעמאַן „התורה
והחיים" גירונדי „תולדות גדולי ישר־
אל", אשכנזים „תולדות ישראל בנפות
איטליה" און „דברי ימי היהודים ברו־
מה", פון בערלינער.

אייבעשיץ יונתן (1690 — 1764).

רב, פוסק און מקובל; געבוירן אין קראָקע,
געלערנט אין דער ישיבה פון רבי מאיר
אייזענשטאַט, מחבר פון פנים מאירות,
נאָכער אין אַנדערע ישיבות ביז ער האָט
חתונה געהאַט אין פּראַג, וואו ער איז
געוואָרן דרשן און אויך אָנגעפירט מיט אַ
ישיבה. אין יאָר 1741 איז ער געוואָרן
רב אין מעץ; נאָכער, אין יאָר תק"י
(1750) רב אין די דריי פאַראייניקטע קה־
לות אה"ו, דאָס הייסט אַלטאָנאַ, האַמ־
בורג, וואַנדסבעק; דאָרט אָנגעפירט מיט
אַ גרויסער ישיבה מיט תלמידים ביז דעם
יאָר 1724 (כ"א אלול תקכ"ד) ווען ער
איז געשטאָרבן. — רבי יונתן אייבעשיץ
איז געווען איינער פון די גרעסטע לומ־
דים אין 18טן יאָרהונדערט. ער האָט
מחבר געווען אַ ריי ספרים, פון וועלכע
די וויכטיקסטע זענען: „אורים ותומים"
אויפן חושן משפט, „כרתי ופלתי" אויף
יורה דעה, אלטאנא תקכ"ג; „בני אהו־
בה" אויף „אבן העזר", ווי אויך אַ סך
דרוש־ספרים צווישן זיי דאָס וויכטיק־
סטע דער „יערות דבש". אין ספר
„אוה למושב" פון דוקעס איז פאַראַן
אויסגערעכנט 25 ספרים פון רבי יונתן
אייבעשיץ; אָבער אויך די דאָזיקע רשי־
מה איז נישט קיין פולשטענדיקע, ווייל
אין די לעצטע יאָרן זענען געדרוקט גע־
וואָרן פון כתב־יד נאָך ספרים. רבי
יונתן אייבעשיץ האָט אויך אויסגע־
שטעלט אין זיין ישיבה טויזנטער תלמי־
דים, פון וועלכע פיל זענען דערנאָך גע־
ווען באַקאַנטע רבנים אין דייטשלאַנד,
עסטרייך, אונגאַרן. — מיט דעם נאָמען
פון רבי יונתן אייבעשיץ איז פאַרבונדן
אַ גרויסע מחלוקה, וואָס האָט אַרומגענו־
מען אַ סך יידישע קהלות און רבנים פון
יענער צייט. דאָס איז די מחלוקה, וואָס
עס האָט אָנגעהויבן קעגן רבי יונתן דער
למדן רבי יעקב עמדין, אין אַלטאָנאַ.
רבי יונתן איז געווען באַקאַנט נישט נאָר
אַלס למדן נאָר אויך אַלס „בעל שם":
ער האָט געפלעגט געבן קמיעות פאַר
קראַנקע מענטשן. אין טייל פון די דאָ־
זיקע קמיעות האָט רבי יעקב עמדין גע־
פונען רמזים, אַז רבי יונתן גלויבט אין
פאַלשן משיח שבתי צבי. עס זענען דער־
שינען פיל פּאָלעמישע ספרים און פאַ־
שקווילן און פאַמפלעטן. רבי יעקב עמדין
האָט אַרויסגעגעבן זיין „שפת אמת" און
„לשון זהורית" מיט דעם נוסח פון די
קמיעות. רבי יונתן ווידער האָט אַרויס־
געגעבן אַלס פאַרטיידיקונג זיין „לוחות
עדות" (אלטאנא, 1755) מיט בריוו פון

פון רבנים, וואס לייגן אין חרם די אלע וועלכע טרעטן ארויס קעגן רבי יונתן. — רבי יונתן האט געהאט 6 זין און 2 טעכטער. די זין זיינע זענען געווען לומדים; אן אויסנאם איז געווען זיין זון בנימין וואלף אייבעשיץ, וועלכער האט געפירט גרויסע געשעפטן און זיך באזעצט אין דרעזדן און דארט באקומען פון זאקסישן קעניג דעם טיטל באראן פאן אדלערסטאל און איז ארויס „לתרבות רעה״. די פארשער פון דער פראנקיסטישער באוועגונג, וואס איז אייגנטלעך אויך געווען אן אפצווייג פון שבתי־צביאיזם, האבן געפונען דאקומענטן, אז וואלף באראן פאן אדלערסטאל איז געווען אין פארבינדונג מיט יעקב פראנק (קרויסהאר אין זיין „פראנק און פראנקיסטן״, געשריבן אויף פויליש, איבערזעצט אין העברעאיש דורך סאקאלאוו „פרנק ועדתו״), אבער לויט ווי מען גיט איבער האט ער דערנאך תשובה געטאן. ער איז געשטארבן אין יאר תקס״ו. קעגן אים האט געשריבן רבי יעקב עמדין א פאמפלעט מיטן נאמען „יקב זאב״. — ביי יידן איז רבי יונתן אייבעשיץ פאפולער ביז אויף היינטיקן טאג נישט נאר אלס גרויסער למדן נאר אויך אלס רבי און מקובל; ביים פאלק איז ער באקאנט מיטן נאמען „דער רבי רבי יונתן״. עס ווערט דערציילט פיל אנעקדאטן און פאלקס־לעגענדעס פון רבי יונתן אייבעשיץ, הויפטזעכלעך וועגן ויכוחים אין אמונה־זאכן וועלכע ער זאל האבן געפירט מיט גלחים. — וועגן לעבן פון ר׳ יונתן אייבעשיץ און באזונדערס וועגן דער גרויסער מחלוקה צווישן אים און רבי יעקב עמדין זענען געשריבן געווארן פיל ספרים. דער וויכטיקסטער פון זיי איז גרעץ אין זיין „געשיכטע״ אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון ספר (חלק ח׳), וואו עס איז פאראן א גענויע רשימה פון אלע פאלעמישע ספרים, וואס זענען דערשינען פון ביידע צדדים; אין די נאטיצן צום סוף פון גרעצעס געשיכטע אין העברעאיש, חלק ח׳, זענען פאראן ווערטפולע באמערקונגען וועגן דער מחלוקה.

אייגער עקיבא (1761 — 1837).

רב און מחבר פון ספרים. רבי עקיבא איז געווען רב צוערשט אין מארקיש־פרידלאנד אין מערב־פרייסן (יאר 1791); אין יאר 1815 איז ער אויפגענומען געווארן אלס רב אין פויזן, וואו ער איז געווען רב ביז דעם יאר 1837, ווען ער איז געשטארבן (י״ג תשרי תקצ״ח). רבי עקיבא אייגער איז געווען בארימט אלס גרויסער גאון; ער צייכנט זיך אויס מיט א געוואלדיקער טיפקייט און שארפקייט אין לערנען. צו דער גמרא זענען פאראן געדרוקט קשיות פון רבי עקיבא אייגער מיטן נאמען „גליון הש״ס״, ווערן זיי פארעכנט אלס זייער שווערע, נישט צום פארענטפערן. אחוץ דעם זענען געדרוקט פון אים ספרים: „שאלות ותשובות״ (געדרוקט אין ווארשע אין יאר 1833 דורך זיינע קינדער), „חידושים״ אויף א ריי מסכתות (געדרוקט אין בערלין, 1857); הגהות צו משניות און צום שלחן ערוך. רבי עקיבא האט געהאט 8 זין און 8 טעכטער. פון די טעכטער האט איינע חתונה געהאט פאר דעם גרויסן רבי משה סופר, באקאנט אלס „חתם סופר״. איינער פון זיינע זין איז געווען רבי שלמה אייגער (געבוירן אין יאר 1785 און געשטארבן 1852), וועלכער איז געווען צוערשט אין ווארשע פון די אנגעזעענע בעלי־בתים, דערנאך רב אין קאליש, נאכער אין פויזן און דארט איז ער געשטארבן. אויך ער האט מחבר געווען א ריי „הגהות״ אויף דער גמרא ווי אויך אויפן שלחן ערוך און רי״ף. פון אים איז פאראן א ביאגראפיע פון זיין פאטער מיטן נאמען „תולדות רבנו

עקיבא איגר". איינער פון די זין פון
רבי שלמה אייגער, מיטן נאמען רבי לייב־
בעלע אייגער, וועלכער האט חתונה גע־
האט אין דער שטאט לובלין, איז מיט־
געריסן געווארן מיט דעם שטראם פון
חסידות. רבי לייבעלע איז געווארן א
חסיד צוערשט פון אלטן קאצקער רבי ר'
מענדל, דערנאך איז ער אוועק פון קאצק
און אנגעהויבן פארן צום רבי ר' מרדכי
יוסף אין איזשביצא. ווען רבי מרדכי
יוסף איז געשטארבן אין יאר 1854
(תרי"ד), האבן א טייל פון זיינע חסי־
דים דערקלערט רבי לייבעלע אייגער אלס
רבי. רבי לייבעלע האט זיך באזעצט
אין לובלין און דארט געפירט ביז זיין
טויט אין יאר 1888 (כ"ב שבט תרמ"ח);
פון רבי לייבעלע אייגער שטאמט די
רביישע אייגער־דינאסטיע פון לובלין.
— פאראן פון אים א ספר „תורת אמת".

אייזעביוס בישאף, געלעבט אין ארץ־
ישראל, אין דער שטאט קיסרין (צעזא־
רעא), איז די צייטן פון דער גמרא; גע־
בוירן לערך דעם יאר 260 און געשטארבן
לערך דעם יאר 340. אייזעביוס ווערט
פארעכנט צו די אנגעזעענסטע קריסטלע־
כע „קירכן־פאטערס". פאר דער פאר־
שונג פון דער יידישער געשיכטע אין די
אלטע צייטן האבן די ביכער פון אייזע־
ביוס (געשריבן אין גריכיש) א זייער
גרויסן ווערט. זייער וויכטיק איז זיין
„אנאמאסטיקאן", א רשימה פון פיל אל־
טע ערטער אין ארץ־ישראל און זייערע
נעמען, וועלכע האט א גרויסע באדיי־
טונג פאר דער פארשונג פון דער אל־
טער ארץ־ישראל־געאגראפיע. א באזונ־
דערס גרויסן היסטארישן ווערט פאר
דער פארשונג פון דער יידישער געשיכטע
האט זיין „געשיכטע פון דער קירכע"
וואס גיט אונדז א סך פאקטן פון דער
יידישער געשיכטע אין דער צייט נאכן
חורבן בית שני. זייער וויכטיק איז אויך
זיין „פרעפאראציא עוואנגעליקא", אין
וועלכן אייזעביוס ברענגט פראגמענטן
פון ווערק פון אלטע יידיש־גריכישע
שרייבער פון אלעקסאנדריע, וועמענס
ווערק זענען פאר אונדז פארלוירן גע־
גאנגען.

אייזנמענגער יאהאן (1654—1704)
אנטיסעמיטישער שריפטשטעלער אין
דייטשלאנד. ער האט שטודירט די העב־
רעאישע שפראך אין איידלבערגער או־
ניווערסיטעט און נאכער האט ער, ווי ער
דערציילט, שטודירט אויך גמרא און מד־
רש מיט דער הילף פון יידישע לומדים.
אין יאר 1700 האט ער ארויסגעגעבן אין
פראנקפורט זיין באקאנט בוך „ענטדעק־
טעס יודענטום", וואו ער האט צוזאמענ־
גענומען פיל מאמרים פון דער גמרא און
אנדערע ספרים, און באשולדיקט, אז זיי
אנטהאלטן שנאה פון יידן צו קריסטן.
אייזנמענגערס בוך האט געדינט אלס
קוועלע פאר די שפעטערדיקע אנטיסע־
מיטן אין זייערע אנפאלן אויף דעם יידנ־
טום, און מען האט עס איבערגעדרוקט
פיל מאל.

אייזנשטיין יהודה דוד רעדאקטאר
און ארויסגעבער פון דער באקאנטער
העברעאישער ענציקלאפעדיע „אוצר יש־
ראל". אייזנשטיין איז געבוירן געווארן
אין מעזריטש (פוילן) אין יאר 1855. ער
האט אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע אין
יאר 1872, און זיך באזעצט אין ניו־יארק.
אין די יארן 1906 — 1913 האט ער
ארויסגעגעבן אויף העברעאיש די יודא־
איקא־ענציקלאפעדיע „אוצר ישראל" ביי
דער מיטארבעט פון א ריי געלערנטע.
נאכער האט אייזנשטיין ארויסגעגעבן אין
העברעאיש נאך א ריי אנדערע זאמלונ־
גען און נעמלעך: „אוצר מדרשים"; „או־
צר פירושים וציורים להגדה של פסח";
„אוצר מאמרי תנ"ך, „אוצר מסעות";

„אוצר ויכוחים". אין די אַלע זאַמלונגען האָט אייזנשטיין איבערגעדרוקט אַלטע, ווערטפולע העברעאישע ספרים.

אייכעל יצחק (1758 — 1804). פון די ערשטע יידישע משכּילים אין דייטשלאַנד אין 18טן יאָרהונדערט, פיל מיטגעהאָלפן צו פאַרשפּרייטן השכלה צווישן יידן; אייכעל איז געווען פון די ערשטע גרינדער פון דעם העברעאישן השכלה־זשורנאַל „המאסף" אין בערלין ווי אויך פון דער „חברה דורשי לשון עבר". איז דער באַקאַנטער תנ"ך־איבערזעצונג (תרגום) אשכנזי) אויף דייטש פון מענדעלסאָנען, האָט אייכעל איבערזעצט דעם ספר „משלי" און געשריבן צו אים דעם „ביאור". באַקאַנט איז אויך די ביאָגראַפיע וואָס אייכעל האָט געשריבן פון מענדעלסאָן מיט דעם נאָמען „תולדות הרמבמ"ן (בערלין, 1789). ער האָט אויך פאַרפאַסט אויף דייטש די בראָשור „איז לויט יידישע געזעצן דערלויבט צו באַגראָבן די מתים צומאָרגנס פון זייער טויט?" (בערלין, 1797), ווי אויך אַ קאָמעדיע אויף יידיש.

איינשטיין אַלבערט (געבוירן אין יאָר 1879). באַרימטער וועלט־געלערנטער פיזיקער, וועלכער האָט מיט זיינע נייע טעאָריעס אין דער פיזיק און אַסטראָ־פיזיק אַרויסגערופן אַן איבערקערעניש אין דער וויסנשאַפט. איינשטיין איז געבוירן געוואָרן דעם 14טן מערץ 1879 אין דייטשלאַנד, אין אולם. ווי זיין ביאָגראַף מאָשקאָווסקי שרייבט (וואָרשיינלעך האָט אים דאָס איינשטיין דערציילט), האָט איינשטיין שוין אַלס יונגער שילער פון גימנאַזיע זיך פאַראינטערעסירט מיט די דערשיינונגען פון אָפּטיק אויף באַוועגלעכע קערפּערס. דאָס זענען די דערשיינונגען, וואָס האָבן שפּעטער געדינט אַלס יסוד צו איינשטיינס וועלט־באַרימטער „רעלאַטיוויטעטס־טעאָריע", וועלכע ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1905 („ספּעציעלע רעלאַטיוויטעטס־טעאָריע") און וועלכע ער האָט פאַרפאָלקאָמט אין יאָר 1915 („אַלגעמיינע רעלאַטיוויטעטס־טעאָריע"). ווען איינשטיינס טעאָריע איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1905 האָט זי געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די גרעסטע וועלט־פיזיקער (פּלאַנק, פּואַנקערע און אַנדערע). איינשטיין האָט באַלד באַקומען איינלאַדונגען אַלס אוניווערסיטעט פּראָפעסאָר פאַר טעאָרעטישער פיזיק צוערשט אין ציריך, נאָכער אין פּראַג, און אין יאָר 1914 אין בערלין. ווען מען האָט אין יאָר 1919, ביי אַ ליקוי חמה, פעסטגעשטעלט, דורך ספּעציעלע עקספּעדיציעס פון געלערנטע פאָרשער, אַז איינשטיינס טעאָריע איז ריכטיק (דורך פעסטשטעלן די ריכטיקייט פון דער אָפּבייגונג פון די ליכט־שטראַלן קעגן דער זון) איז איינשטיינס רום געוואָרן אומגעוויינלעך גרויס. איינשטיין איז איינגעלאַדן געוואָרן אַלס מיטגליד פון כמעט אַלע וויסנשאַפטלעכע וועלט־אַקאַדעמיעס אין ענגלאַנד, אַמעריקע, איטאַליע און אַנדערע לענדער. זיינע רייזעס אין די דאָזיקע לענדער זענען געווען טריאומפצוגן. נאָכער האָט איינשטיין באַקומען די „נאָבעל"־פּרעמיע פאַר פיזיק. איינשטיין איז פיל מאָל אַרויסגעטרעטן פאַר סאָציאַלע ענדערונגען פון דער ווירטשאַפטלעכער אָרדנונג. אַלס ייד האָט איינשטיין אַרויסגעוויזן זיינע דייטלעכע סימפּאַטיעס פאַר דעם ציוניזם און פאַר דעם אויפבוי פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל, און איז אויך אויפגעטרעטן מיט רעדעס און אַרטיקלען פאַר דעם „קרן היסוד" און אַנדערע ציוניסטישע פינאַנץ־אינסטיטוציעס. איינשטיין איז אַ געוויסע צייט

געווען פרעזידענט פון אקאדעמישען ראט פון העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. איינשטיין איז אויך ערן־פארזיצער פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט („ייווא”). — צוליב דעם היטלעריזם האט איינשטיין פארלאזן דייטשלאנד און וואוינט איצט אין אמעריקע.

אייר נאמען פון צווייטן חודש אין יאר אין יידישן לוח, וואו דער ערשטער חודש איז ניסן. ווען מען רעכנט דעם חודש תשרי אלס אנהויב פון יאר איז „אייר” דער 8טער חודש. דער חודש אייר האט שטענדיק נאר 29 טעג און פאלט אוים לערך די 2טע העלפט פון אפריל און די ערשטע העלפט פון מאי. דער מזל פון חודש אייר איז „שור”, אן אקס, און אין די אלטע יידישע קאלענדאר־בילדער ווערט ער פארגעשטעלט ווי אן אקס וואס אקערט. דעם נאמען אייר האבן יידן איבערגענומען (ווי איבערהויפט אלע מאנאט־נעמען) אין גלות בבל. אין די צייטן פון ערשטן בית המקדש האט דער חודש אייר געהייסן „זו”, און מיר געפינען אין מלכים א׳ „בחודש זו הוא החדש השני”; אין אנדערע ספרים פון תנ״ך הייסט ער אין אלגעמיין „החדש השני” (דער צווייטער חודש). אין דער אלטער יידישער כראניק „מגילת תענית” (וואס שטאמט פון די צייטן פון דער משנה) זענען אנגעוויזן אויף א ריי היסטארישע דאטעס פון אייר. זע „ל״ג בעומר”, „ספירה”, „פסח שני”.

אייראפע דער וועלט־טייל, אין וועלכן עס וואוינט איצט די גרעסטע צאל יידן פון דער וועלט. אייראפע ציילט א באבעלקערונג פון לערך פינף הונדערט מיליאן, צווישן זיי לערך 9 מיליאן יידן. די גרעסטע צאל יידן אין די אייראפעאישע לענדער געפינט זיך אין פוילן, לערך 3 און א האלבן מיליאן. ווען דעם ווען יידן זענען געקומען דאס ערשטע מאל קיין אייראפע, זענען פאראן פארשידענע מיינונגען. עס זענען געווען מיינונגען, אז דער פסוק אין עובדיה „וגלות ירושלים אשר בספרד” מיינט, אז שוין אין די צייטן פון ערשטן בית המקדש האבן זיך געפונען יידן אין שפאניע (דאס זאל זיין ספרד). אבער דאס זענען נישט ווארשיינלעכע השערות. עס איז נאר זיכער, אז שוין אינדערמיט פון דער צייט פון 2טן בית המקדש (לערך 100 יאר פאר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג) האבן זיך געפונען א גרויסע צאל יידן אין א גאנצער ריי אייראפעאישע לענדער, ווי גריכנלאנד, רוים, שפאניע און זאגאר פראנקרייך. די צאל יידן אין אייראפע האט זיך פון דעמאלט אן כסדר פארגרעסערט, און ספעציעל נאכן חורבן פון 2טן בית המקדש (אין יאר 70) און נאכן חורבן פון ביתר, ווען א סך יידן זענען געגומען געווארן אין געפאנגנשאפט דורכן רוימישן מיליטער און זענען פארקויפט געווארן קיין אייראפע. אין שפעטערן מיטלאלטער (פון 12טן יארהונדערט אן) איז אייראפע איבערהויפט געווארן דער גייסטיקער צענטער פון יידישן פאלק (אין שפאניע, דייטשלאנד, איטאליע) און פון דעמאלט אן פארנעמט אייראפע דעם גרעסטן ארט אין דער געשיכטע פון יידישן פאלק. אין דער נייערער צייט האט זיך קאנצענטרירט דאס אייראפעאישע יידנטום אמייסטן אין די מזרח־אייראפעאישע לענדער, פוילן, אונגארן, רוסלאנד, רומעניע און אנדערע. זע ביי די זוכווערטער פון די נעמען פון די פארשידענע אייראפעאישע לענדער.

איכה נאמען פון ספר אין תנ״ך וואס אנטהאלט די קלאגלידער אויפן חורבן פון ירושלים און לאנד יהודה אין דער צייט פון ערשטן חורבן. דער נאמען „איכה” שטאמט דערפון וואס דאס ערש־

טע קלאָג־ליד אין דאָזיקן ספר הויבט זיך אָן מיט דעם וואָרט „איכה" (ווי אַזוי). דאָס ספר באַשטייט פון 5 קאַפּיטלעך. דאָס ערשטע הויבט זיך אָן מיט „איכה ישבה", דאָס צווייטע מיט „איכה יעיב", דאָס דריטע מיט „אני הגבר", דאָס פערטע מיט „איכה יועם", און דאָס פינפטע מיט „זכור ה'". אין די ערשטע פיר קאַפּיטלעך זענען די פסוקים איינגעאָרדנט לויט דעם סדר פון „אלף בית"; אין דריטן קאַפּיטל איז דער „אלף־בית" דרייפאַכיק, דאָס הייסט צוערשט גייען דריי מאָל „אלף" דערנאָך דריי מאָל „בית" און אַזוי כסדר. דאָס לעצטע קאַפּיטל איז נישט לויט דעם אלף־בית, און איבערהויפּט איז דער סטיל פון לעצטן קאַפּיטל אינגאַנצן אַן אַנדערער ווי אין די ערשטע קאַפּיטלעך. פון ספר „איכה" איז צו זען, אַז דער מחבר האָט געשריבן זיינע ערשטע קלאָגלידער ווען ציון אָדער ירושלים איז געווען נישט אינגאַנצן חרוב, נאָר טיילווייז צעשטערט, וואָרים באַלד אין די ערשטע ווערטער קלאָגט ער דערויף וואָס די דאָזיקע שטאָט, די „רבתי עם", וועלכע האָט געהאַט אַ סך באַפעלקערונג, „היתה למס", מוז איצט זיין אונטערטעניק צו אַנדערע. דאַקעגן אין לעצטן קאַפּיטל פון די ווערטער „על הר ציון ששמם" (אויף דעם ציון־באַרג וואָס איז וויסט געוואָרן), איז צו זען, אַז דאָס איז געשריבן געוואָרן שוין נאָכן גאַנצן חורבן. ווער האָט געשריבן איכה? די גמרא אין בבא בתרא ט"ו זאָגט, אַז ירמיה הנביא, איז געווען דער פאַרפאַסער פון „איכה"; אין דער גמרא ווערט דאָס ספר „איכה" אָנגערופן „קינות" (קלאָג־לידער). עס ווייזט אויס, אַז די גמרא האָט זיך געשטיצט אויף דער שטעלע אין „דברי הימים" ב' קאַפּיטל ל"ה אַז ירמיהו האָט געקלאָגט אויף דעם טויט פון יאשיהו המלך (וועלכער איז געטויט געוואָרן אַ צייט פאַרן חורבן ירושלים) און די דאָזיקע קלאָגערייען „הנם כתובים על הקינות" (זענען אויפגעשריבן אין די קינות). אין אונדזער „איכה" זענען די קלאָג־לידער אויף יאשיהו המלך נישט פאַראַן, סיידן מען וועט געפינען דערצו אַ רמז אין איכה ב' „וינאץ בזעם אפו מלך וכהן". עס איז צו באַמערקן, אַז אויך דער יידישער היסטאָריקער פלאַוויוס פון דער צייט פון צווייטן חורבן שרייבט אין זיין „בוך אַלטערטימער 18, אַז „דאָס פאָלק האָט געקלאָגט אויף יאשיהו המלך, און ירמיה האָט געשריבן אויף אים אַ קינה, וואָס געפינט זיך ביי אונדז ביז היינטיקן טאָג". — דאָס ספר „איכה" איז איינע פון די שענסטע לירישסטע קלאָג־לידער אין דער וועלט־ליטעראַטור; דער דיכטער האָט דאָ אויסגעגאָסן זיין נשמה־ווייי אויף דעם נאַציאָנאַלן אומגליק פון פאָלק און דריקט אויס זיין ווייי אין די צאַרטסטע טענער. — דאָס ספר „איכה" ווערט געזאָגט ביי יידן אין דער נאַכט פון תשעה באב, דאָס איז אַ גאָר אַלטער מנהג און ווערט שוין דערמאָנט אין דער גמרא (ירושלמי שבת, פרק ט"ו, „היו יושבין ופושטין במגילת קינות"); אין מסכת סופרים פרק י"ד ווערט געזאָגט, אַז מען דאַרף זאָגן ביים „איכה" „על קריאת מגילה". צום ספר „איכה" זענען פאַראַן מדרשים און דער וויכטיקסטער פון זיי איז דער „איכה רבתי".

אימבער נפתלי הירץ (1856 — 1909), העברעאישער דיכטער, פאַרפאַסער פון נאַציאָנאַלן יידישן הימן „התקוה"; געבוירן אין זלאָטשעוו (גאַליציע); באַקומען אין זיין יוגנט אַ וועלטלעכע דערציאונג; געוואַנדערט אַ געוויסע צייט איבער אונגאַרן און רומעניע; אין אָנהויב 80ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט אַוועק קיין ארץ־ישראל, וואו ער האָט גע

וואוינט 12 יאָר. דאָרט האָט ער זיך באַפריינדעט מיט דעם ענגלישן פּאָליטיקער און יידן־פריינט אליפאנט, וועלכער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו באַזעצן יידן אין ארץ־ישראל. אין ארץ־ישראל האָט אימבער (אין יאָר 1884) פאַרפאַסט זיין באַרימט ליד „התקוה“, ווי אויך צוגעפּאַסט די מעלאָדיע דערצו, און דאָס איז געוואָרן דער נאַציאָנאַלער הימן פון יידישן פאָלק. ער האָט דאָרט אַרויסגעגעבן אַ ביכל „ברקאי“ (יאָר 1886) מיט אַ ריי העברעאישע לידער. צוליב געוויסע סיבות האָט אימבער פאַרלאָזט ארץ־ישראל און געוואוינט אַ געוויסע צייט אין לאָנדאָן, דערנאָך אין ניו־יאָרק, וואו ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט האַלטן עפנטלעכע פאָרלעזונגען און אויך אַרויסגעבן ביכער אויף ענגליש פון מיסטישן אינהאַלט, און האָט געפּרואווט אין זיינע ענגלישע ביכער („דהי קינאָוט“ און אַנדערע) פאַרייניקן קבלה מיט מאָדערנער פילאָזאָפיע. אימבער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

אינדיע לאַנד אין אַזיע, וואָס ציט זיך פון פּערסיע ביז כינע, און געפינט זיך אונטער דער ענגלישער הערשאַפט. די צאָל באַפעלקערונג אין אינדיע ווערט געשאַצט ביי 350 מיליאָן, צווישן זיי זענען פאַראַן ביי 25 טויזנט יידן. צי ווערט דאָס לאַנד אינדיע דערמאָנט אין תנ״ך? דער געלערנטער אפּערט מיינט, אַז דאָס לאַנד „אופיר“ פון ספר מלכים מיינט אינדיע און דאָרט אַהין זאָל שוין האָבן שלמה המלך געשיקט שיפן צו ברענגען גאָלד. דער פּסוק אין מגלת אסתר, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז אחשורוש האָט געקיניגט פון „הודו ביז כוש“ ווערט געווינלעך אויסגעטייטשט, אַז „הודו“ מיינט אינדיע; אין דער אַלטער סאַנסקריט־שפּראַך האָט אינדיע געהייסן „הענדו“. אין דער גמרא ווערט שוין דאָס לאַנד דערמאָנט מיט דעם וואָרט „הנדוי“, און אין דער גמרא בבא בתרא ע״ד ווערט דערמאָנט אַן אמורא „ר׳ יהודה הינדואה“, וועלכער דערציילט אַ מעשה ווי ער איז געפאָרן אויפן ים אין אַ שיף און געזען וואונדערלעכע זאַכן. אין פריען מיטלאַלטער זענען געווען יידן אין אינדיע. פאַראַן אַ לעגענדע, אַז רבי אברהם אבן עזרא (אין 12טן יאָרהונדערט) האָט אויף זיינע וואַנדערונגען אויך באַזוכט אינדיע. רבי בנימין אין זיין רייזע־באַשרייבונג דערמאָנט די יידן אין אינדיע. אויך דער רמב״ם אין זיינע תשובות צו די חכמי לוניל שרייבט וועגן די יידן אין אינדיע אַז „אינם יודעים התורה שבכתב ואין להם מן הדת אלא מה שהם שובתים ונימולים לשמונה“ (זיי ווייסן נישט פון תנ״ך, און עס איז זיי געבליבן פון דער רעליגיע נאָר דאָס וואָס זיי היטן שבת און זענען מלע זייערע קינדער צו 8 טעג). אין דער נייערער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן אין אינדיע יידן פון אייראָפּע און פון די אַראַבישע לענדער ערשט אין ענדע פון 18טן יאָרהונדערט. אין יאָר 1860 האָט באַזוכט די יידן אין אינדיע דער רייזנדער רבי יעקב ספיר און ער האָט זיי באַשריבן אין זיין ספר „אבן ספיר“. — די יידן אין אינדיע באַשטייען פון צוויי טיילן: פון די דאָרטיקע יידן, וואָס מען רופט „בני ישראל“ (בענע איזראַעל), שוואַרץ־הויטיקע, וואָס וואוינען דאָרט זיכער ביי 1500 יאָר, און פון אייראָפּעאישע און אַראַבישע יידן, וואָס זענען ערשט לעצטנס געקומען קיין אינדיע. וועגן די „בני ישראל, זייערע מנהגים, לעבנס־אַרט זע ביים זוכוואָרט „בני ישראל“. די אייראָפּעאישע און אַראַבישע יידן געפינען זיך אַמייסטן אין די הויפּטשטעט קאַלקוטאַ, באָמביי און ראַנגאָאָן.

אינקוויזיציע מיט דעם נאָמען „אינקוויזיציע" וואָס איז דער טייטש אויף לאַטיין „אויספאָרשונג" פאַרשטייט מען די אינסטיטוציע פון דער קריסטלעך־קאַטוילישער רעליגיע, וואָס האָט אויסגעפאָרשט און געפירט פּראָצעסן קעגן קריסטן, וועלכע האָבן נישט אָפּגעהיטן ווי געהעריק די קאַטוילישע רעליגיע אָדער האָבן אַרויסגעזאָגט געדאַנקען, וואָס זענען נישט געווען איינשטימיק מיט די מיינונגען פון דער קריסטלעך־קאַטוילישער רעליגיע. אין דער יידישער געשיכטע האָט די אינקוויזיציע געשפּילט אַ זייער גרויסע און טרויעריקע ראָלע דערמיט, וואָס זי איז געפירט געוואָרן קעגן די „אנוסים", דאָס הייסט קעגן יידן, וואָס זענען געווען געצוואונגען אָנצונעמען נאָר לפנים, פאַר דער וועלט, די קריסטלעכע רעליגיע, אָבער אין געהיים האָבן זיי זיך באַמיט ווייטער צו האַלטן זייער יידישקייט. אויך איז די קריסטלעכע אינקוויזיציע אויפגעטרעטן קעגן יידישע ספרים, ספּעציעל קעגן דעם תלמוד, און זיי פאַרברענט מיט דעם מאָטיוו, אַז מען האָט זיי אויסגעפאָרשט און דאָרט געפונען זאַכן קעגן דער קריסטלעכער רעליגיע. — קעגן יידישע אנוסים האָט זיך אָנגעהויבן די אינקוויזיציע אין 14טן יאָרהונדערט און איז פאַרשטאַרקט געוואָרן אין יאָר 1480, ווען עס איז אָפיציעל איינגעפירט געוואָרן די אינקוויזיציע אין שפּאַניע. צו די גרויזאַמסטע אינקוויזיטאָרן האָט געהערט טאָמאַס טאָרקוועמאַדאָ, אין שפּאַניע אין יאָר 1438. דאָס איז געווען אַן אומגעוויינלעך גרויזאַמער מענטש, און זיין נאָמען איז געבליבן אַלס אַ שרעק־וואָרט אין דער יידישער געשיכטע. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ בוך „אָנווייזונגען" פאַר אינקוויזיטאָרן ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויפירן מיט די אַלע, וואָס פאַלן אַריין אין זייערע הענט אונטערן פאַרדאַכט פון עובר זיין אויף דער קריסטלעכער רעליגיע. די אַרעסטירטע אנוסים האָט מען אַריינגעוואָרפן אין פינסטערע קעלערן, וואו מען האָט זיי אָנגעטאָן די גרויזאַמסטע יסורים כדי זיי זאָלן זיך מודה זיין אַז זיי היטן אָפּ אין געהיים יידישע מצוות, ספּעציעל שבת און אַנדערע דינים. מען האָט געגאָסן כסדר וואַסער אין מויל, געשטאָכן מיט אָנגעגליטע שטיקער אייזן אונטער די נעגל, געהאָנגען מיטן קאָפּ אַראָפּ. פיל אנוסים האָבן איבערגעטראָגן די יסורים און נישט מודה געווען זיך. אַנדערע זענען געשטאָרבן ביי די פּייניקונגען; טייל אָבער האָבן זיך מודה געווען. דער יידישער דיכטער פון 16טן יאָרהונדערט שמואל אושקי, וועלכער איז אַליין ניצול געוואָרן פון דער אינקוויזיציע, שרייבט וועגן דער אינקוויזיציע, אַז דאָס איז אַ ווילדע חיה מיט אייזערנע נעגל, איר אָטעם איז ווי דער גיפט פון אַ שלאַנג, און וואוהין זי קומט ווערט אַלץ חרוב. נאָך ביז היינטיקן טאָג זענען ביי די אור־אור־אייניקלעך פון די אנוסים אין פּאָרטוגאַל אויפגעהאַלטן געוואָרן אויף פּאָרטוגעזיש תפילות: „גאָט, העלף מיר איך זאָל נישט אַריינפאַלן צו דער אינקוויזיציע!" כאָטש די אינקוויזיציע איז שוין לאַנג פאַרשוואונדן. — די אינקוויזיציע פלעגט פאַראורטיילן אירע פאַרשולדיקטע אנוסים צו פאַרשידענע שטראָפן. אָבער אַמייסטן האָט זי פאַראורטיילט צום טויט דורך פאַרברענען אויף דעם אויטאָ־דאַ־פע (זע „אויטאָדאַפע"). בלויז אין די צייטן פון טאָרקוועמאַדאָ זענען פאַרברענט געוואָרן 8,000 מענטשן. די אינקוויזיציע האָט אויך פאַרברענט אַ סך יידישע ספרים און ספּעציעל דעם תלמוד. אויך אין אַנדערע לענדער האָט געהערשט די אינקוויזיציע (למשל אין איטאַליע); אָבער

אין ערגעץ איז זי נישט געווען אזוי גרויזאם ווי אין שפאניע און פארטוגאל. — וועגן דעם, ווען די אינקוויזיציע איז אפגעשאפט געווארן, איז שווער צו זאגן עטוואס זיכערס. אין פארטוגאל איז זי אפגעשוואכט געווארן אין יאר 1751, און אפיציעל איז זי דארט אפגעשאפט געווארן אין יאר 1820. אין שפאניע איז זי אפגעשאפט געווארן אין יאר 1780, הגם עס איז פאראן באווייזן, אז נאך אין אנהויב 19טן יארהונדערט איז אין שפאניע פארגעקומען א אויטאדאפע דורך די אינקוויזיציע. מען נעמט אן, אז דורך דער צייט פון איר עקזיסטענץ זענען דורך דער אינקוויזיציע פארברענט אדער פארפייניקט געווארן איבער א פערטל מיליאן מענטשן, צווישן זיי דער גרעסטער טייל יידן־אנוסים.

אינקונאבולן מיט דעם דאזיקן נאמען באצייכנט מען ביכער און ספרים וואס זענען געדרוקט געווארן פאר דעם יאר 1500; לויט דער יידישער צייטרעכענונג איז עס פאר דעם יאר ר״ס. עס איז פאראן א געוויסע צאל העבראישע ספרים וואס זענען געדרוקט געווארן פאר יענעם יאר, און זיי זענען באקאנט אלס די „העבראישע אינקונאבולן״. מען גלויבט, אז די צאל העבראישע אינקונאבולן וואס געפינט זיך איצט אנטדעקט אויף דער וועלט, דערגרייכט ביז 180.

איסור אויף העבראיש איז דאס ווארט „איסור״ דער טייטש בינדן, און אין חומש במדבר ל׳ איז פאראן דער אויסדרוק, אז איינער נעמט אויף זיך עפעס צו טאן „לאסר אסר״ (צו בינדן א בונד). אבער שפעטער, אין די צייטן פון דער משנה און גמרא און נאכער אין די אלע פוסקים ספרים איז מיטן ווארט „איסור״ געמיינט א זאך וואס מען טאר נישט טאן, די עבירה זעלבסט, דער פארבאט פון דער זאך. אזוי זענען פאראן אין דער גמרא פארשידענע כללים, ווי „אין איסור חל על איסור״ (איין פארבאט קאן נישט גילטיק זיין וואו עס איז פאראן א צווייטער פארבאט), און אנדערע. מיטן ווארט „איסור והיתר״ האט מען אין די פוסקים ספרים פארשטאנען אלע דינים וואס האבן א שייכות צום פארבאט פון עסנווארג, וואס מען מעג עסן און וואס מען טאר נישט.

איסיים דאס איז דער נאמען, וואס איז אנגענומען געווארן היינט אין העבראיש און אויך אין דער יידישער שפראך צו באצייכענען א סעקטע פון זייער פרומע יידן אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש. דער ריכטיקער נאמען פון דער דאזיקער סעקטע איז נישט גענוי באקאנט. די סעקטע ווערט דערמאנט אין די ביכער פון יידישן פילאזאף פילאן און פלאוויוס, וועלכע האבן געלעבט צום סוף פון 2טן בית המקדש. אין זייערע ביכער ווערן די איסיים אנגערופן אויף גריכיש „עסעאאי״ און אויך „עסנאאי״; אויף לאטיין ביי פליניוס הייסן זיי „עסעני״. וועגן דער באדייטונג און אפשטאמונג פון דאזיקן נאמען איז פיל געשריבן געווארן. טייל גלויבן, אז דאס שטאמט פון אראמעאישן ווארט „אסיא״ (דאקטאר), ווייל די איסיים פלעגן זיך אויך פארנעמען מיט היילן קראנקע. אנדערע מיינען, אז דאס שטאמט פון ווארט „חסא״, וואס איז אין דער אלטסירישער שפראך דער טייטש פון חסיד. טייל ווילן געפינען אין דעם ווארט דאס העבראישע „צנוע״, און דערפון זאל האבן געווארן אין גריכיש דאס ווארט „עסנאאי״; ווירקלעך געפינען מיר אין דער גמרא דאס ווארט „צנועים״ צו באצייכענען זייער פרומע מענטשן. — וואס איז געווען די לערע פון די איסיים? אויך דאס איז נישט גענוי באקאנט, הגם פילאן און

פלאוויוס שרייבן יאָ און זאָגאָר אויספירלעך וועגן דעם; אָבער דאָס וואָס זיי שרייבן איז נישט זיכער, ווייל די איסיים האָבן געהאַלטן זייערע לערעס אין געהיים. פלאוויוס דערציילט (אין זיין אויטאָביאָגראַפיע), אַז ער איז געווען ביי זיי אַ קורצע צייט, אָבער דאָס איז געווען ווייניק, כדי זיך צו באַקענען גענוי מיט זייער לערע. אין אַלגעמיין ווייסט מען, אַז די איסיים האָבן געפירט אַ זייער פרום און הייליק לעבן. זיי האָבן נישט געוואוינט אין די שטעט און נישט פאַרנומען זיך מיט האַנדל, ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז דאָס פירט צו שווינדל און צו אַ נישט ערלעכער לעבן; זיי האָבן דעריבער געוואוינט נאָר אין די דערפער, און ווי ווייט מעגלעך האָבן זיי איבערהויפּט געוואוינט אָפּגעזונדערט פון די אַרומיקע מענטשן, אַמייסטן אין די ווילדערע געגנטן פון טייך ירדן. זיי האָבן באַאַרבעט די ערד און זיך פאַרנומען מיט מלאכה. געפירט האָבן אַלע איסיים איין בשותפותדיקע קאַסע, אַ סאָרט קאָמונע־לעבן; יעדנס פאַרמעגן האָט געהערט צו אַלע מיטגלידער. וויפל איינער האָט פאַרדינט האָט ער אַריינגעטראָגן אין דער אַלגעמיינער קאַסע פון דער סעקטע, און מיט דער קאַסע האָט אָנגעפירט אַ ספּעציעל דערוויילטער פאַרוואַלטער. אַלע האָבן געגעסן צוזאַמען, געוואוינט צוזאַמען, און צווישן זיי האָט געהערשט אַן אויפריכטיקע פריינטשאַפט. קיין קרבנות אין בית המקדש האָבן זיי נישט געבראַכט, ווייל זיי זענען געווען קעגן טויטן לעבעדיקע באַשעפענישן; דאַקעגן פלעגן זיי שיקן אין בית המקדש קטורת (שמעקעדיקע גראָזן). זיי האָבן, וואַרשיינלעך, נישט געגעסן קיין פלייש און נישט געטרונקען קיין ווין. דער הויפּטשטריך זייערער איז געווען, וואָס זיי האָבן, אין גרעסטן טייל, נישט חתונה געהאַט און נישט געפירט קיין פאַמיליע־לעבן מיט קיין פרוי; אין זייער געזעלשאַפט פלעגן זיי צונעמען פרעמדע יונגע מענטשן און זיי מחנך זיין אין זייער לעבן. שבת האָבן זיי אָפּגעהיטן מיט דער אומגעוויינלעכסטער גענויקייט, און אַ גאַנצן טאָג פלעגט זייער עלטסטער לערנען פאַר זיי פון זייערע ספרים. זיי האָבן זיך טובל געווען אינדערפרי און מתפלל געווען מיט דער זון־אויפגאַנג. — וועגן זייערע לערעס גיט איבער פלאוויוס, אַז די איסיים האָבן געגלייבט, אַז אַלץ איז פון גאָט, אַז דער מענטש האָט נישט קיין פרייען ווילן און אַלץ וואָס געשעט מיט אים איז אַזוי נגזר געוואָרן פון גאָט. זיי האָבן געגלייבט, אַז נאָכן טויט ווערט די נשמה באַפרייט פון קערפּער, ווי אַ פויגל וואָס פליט אַרויס פון שטייג. די איסיים האָבן געלערנט ליב צו האָבן גאָט, צו באַזיגן דעם יצר הרע און ליב צו האָבן מענטשן, נישט צו זיין פאַלש, נישט צו שווערן, נאָר זאָגן יאָ — יאָ, ניין — ניין, נישט אונטערצודריקן קיינעם; זיי האָבן אויך נישט אָנערקענט קיין קנעכטשאַפט, ווייל זיי האָבן געהאַלטן, אַז אַלע מענטשן זענען באַשאַפן געוואָרן גלייך. זיי האָבן געהאַט געהיימע ספרים, וואָס האָבן אַנטהאַלטן לערעס וועגן דער געטלעכקייט („מעשה מרכבה" פון דער משנה) און אויך וועגן דער וועלט שאַפונג (מעשה בראשית). די איסיים האָבן אויך געקענט רפואות דורך פאַרשידענע קרייטעכצער ווי אויך דורך אָפּשפּרעכן מיט הייליקע שמות פון מלאכים. טייל איסיים האָבן אויך געזאָגט נביאות וועגן געשעענישן פון דער צוקונפט, און פלאַוויוס דערציילט, אַז די נביאות זענען מקוים געוואָרן. אין שפּיץ פון זייער אָרגאַניזאַציע איז געשטאַנען דער פירער, און אַלע האָבן געמוזט אים געהאָרכזאַם זיין. ווען איינער האָט געוואָלט אַנקו־

מען אין זייער חברה האט ער געמוזט צוערשט דורכגיין א פּראָבע. דער נייאנגעקומענער האט באַקומען דריי זאַכן: א לאָפּאַטע צום גראָבן ערד, א פאַרטוך און א ווייסן כאַלאַט. די ערשטע פּראָבע האט געדויערט א יאָר. אויב ער האט אויסגעהאַלטן האט מען אים געפּרואווט נאָך צוויי יאָר און דערנאָך טובל געווען און גענומען פון אים א שבועה, אז ער וועט נישט אויסזאָגן קיינעם די סודות פון דער געזעלשאַפט, און ער איז געוואָרן א מיטגליד. די מיטגלידער האָבן, לויט פלאַוויוסן, זיך געטיילט אין 4 שטופן: 1) קינדער, 2) די דערוואַקסענע אין דער ערשטער פּראָבע־צייט, 3) דערוואַקסענע אין דער צווייטער פּראָבע־צייט, 4) די פולשטענדיקע מיטגלידער. אין זייער גרויסער אַכטונג האָבן זיי געהאַלטן משה רבנו, און עס ווייזט אויס, אז משה רבנו האט געדינט פאַר זיי אלס סימבאָל פון זייער לעבן. זייער צאָל זאָל האָבן באַטראָפן אין דער צייט פון פילאָן (אין אָנהויב פון 1טן יאָרהונדערט) לערך 4,000 מענטשן; זיי האָבן געוואוינט אַמייסטן אין ארץ־ישראל. — ווען די איסיים סעקטע איז אנטשטאַנען איז נישט באַוואוסט. טייל מיינען, אז דאָס איז נאָר אן אַלטע סעקטע, וואָס שטאַמט נאָך פון די צייטן פון 1טן בית המקדש, מעגלעך פון די „בני רכב" וואָס ווערן דערמאָנט אין ספר מלכים און אין ירמיה ל"ה אז זיי האָבן געפירט א באַשיידן לעבן, ווי אויך פון די „אביונים", וואָס האָבן געהאַלטן, אז אַלע מענטשן זענען גלייך (וועגן די „אביונים" שרייבן מיר אין זוכוואָרט „אביונים"). לויט דער מיינונג פון אייזיק הירש ווייס אין „דור דור ודורשיו" זענען די איסיים אנטשטאַנען באַלד אין אָנהויב פון צווייטן בית המקדש, פון זייער פרומע יידן, חסידים, און זייער אָפּגעשיידנקייט פון דער וועלט און פרומקייט האט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט אין דער צייט פון די חשמונאים (אין דערמיט פון 2טן בית המקדש) ווען עס איז געפירט געוואָרן דער קאַמף קעגן די גזירת שמד אויף יידן. דאָס ערשטע מאָל ווערן דערמאָנט די איסיים אין דער צייט פון חשמונאים־פירשט יונתן, און דערנאָך ווערן זיי שוין דערמאָנט ביי פלאַוויוסן כסדר, דורך דער גאַנצע צייט פון דער 2טער העלפט פון 2טן בית המקדש, סיי אין זיין בוך „מלחמה" סיי אין זיין „אַלטערטימער". נאָכן חורבן פון 2טן בית המקדש ווערן די איסיים ווייניקער דערמאָנט, און וואַרשיינלעך באַלד דערנאָך זענען זיי פאַרשוואונדן געוואָרן. — וועגן דער באַציאונג פון די חכמים אין דער משנה און גמרא צו די איסיים איז די מיינונג ביי די געלערנטע היסטאָריקער צעטיילט. טייל ווילן האָבן, אז די איסיים ווערן דערמאָנט אין דער גמרא צום גוטן, און דאָס זאָלן זיין די „חסידים הראשונים" אין דער משנה ברכות פרק ה', די „ותיקין" (ברכות ט'), די „טובלי שחרית" (תוספתא ידים), ווי אויך די צנועים. אנדערע און צווישן זיי אייזיק הירש ווייס האַלטן, אז די חכמי המשנה זענען געווען קעגן די איסיים, און אז קעגן זיי האט מען דאָס מתקן געווען די תקנות פון טרינקען וויין ביים בענטשן (ברכות נ"א), מען מעג מטלטל זיין כלים אין שבת (שבת קכ"ב), און די ווערטער אין דער גמרא יבמות ס"ב אז יעדער מענטש מוז חתונה האָבן, ווי אויך די משנה אין סנהדרין פרק י' „הלוחש על המכה אין לו חלק לעולם הבא" (אז דער וואָס שפּרעכט אָפּ א קראַנקייט וועט נישט האָבן קיין חלק לעולם הבא). — עס איז כמעט ווי זיכער, אז די ערשטע קריסטלעכע לערעס שטאַמען פון די איסיים. די אַלע איבערמאָראַליזירנדע שפּריכווערטער

פון עוואַנגעליום וועגן דעם, אַז איינער וועט דיר דערלאַנגען אַ פּאַטש אין איין באַק, זאָלסטו אונטערשטעלן די צווייטע, וועגן די אָרימע און דערנידעריקטע, וואָס זיי געהערט דאָס קעניגרייך פון הימל, שטאַמען זיכער פון די איסיים. גרעץ גייט זאָגאַר אַזוי ווייט, אַז ער זאָגט, אַז ישו הנוצרי און זיין לערער יוחנן המטבל זענען געווען איינפאַך איסיים (דערפון האָט געשטאַמט דאָס וואָס יוחנן האָט טובל געווען זיינע מענטשן אין ירדן). גרעץ פירט אַדורך אַ גריינטלעכן אַנאַליז פון די ערשטע לערעס פון עוואַנגעליום און די ענלעכע לערעס פון די „איסיים“. זע דעם אויספירלעכן „ספר האיסיים“ פון מנחם שטיין.

איסערלין ישראל (לערך 1390 — 1460). רב און פּוסק אין דייטשלאַנד און עסטרייך אין 15טן יאָרהונדערט. דאָס הויפּט־ספר פון איסערלין איז „תרומת הדשן“ (דאָס אַנטהאַלט 354 תשובות וויפל עס באַטרעפט דאָס וואָרט „דשן“). אַחוץ דעם האָט ער מחבר געווען די „ל״ב שערים“ אויף איסור והיתר, און זיי געפינען זיך אין ספר „שערי דורא“ פון רבי יצחק דורא; ער האָט אויך מחבר געווען אַ פירוש צו רש״י אויף תורה. רבי איסערלין ווערט גערעכנט צו די אָנגעזעענסטע פּוסקים. זיין ספר תרומת הדשן אַנטהאַלט פיל ווערטפולע ידיעות וועגן יידישן לעבן אין דייטשלאַנד אין יענער צייט. דער היסטאָריקער גידעמאַן אין זיין „געשיכטע פון דערציאונגס־וועזן“ (אויף העברעאיש „התורה והחיים“, אויך אין יידישער איבערזעצונג פון שטיף) האָט זיין לעצטן טייל וועגן יידישן לעבן אין דייטשלאַנד געשטיצט זייער פיל אויף די ידיעות פון רבי ישראל איסערלינס ספרים. אין „**תרומת הדשן**“ זענען פאַראַן פיל ווערטער אין דער יידישער שפּראַך. אַ סך יידישע אויסדריקן; זיי זענען צונויפגעזאַמלט אין זשורנאַל „יידישע פילאָלאָגיע“ (וואַרשע, 1924) דורך לונסקי. איסערלינס אַ תלמיד האָט צונויפגעשטעלט אַ ספר „לקט יושר“, וואו ער ברענגט אַ סך מנהגים פון זיין רבי, דאָרט איז אויך פאַראַן אַ בריוו, וואָס איסערלינס פרוי שיינדל האָט געשריבן אויף יידיש (ער ווערט געבראַכט ביי גידעמאַנען אין דערמאָנטן „התורה והחיים“, אויך אין דער יידישער איבערזעצונג).

איסערליש משה (לערך 1520—1572), פּוסק, רב און מחבר אין פּוילן אין 16טן יאָרהונדערט, באַקאַנט אין דער לומדישער וועלט מיט זיין פאַרקירצטן נאָמען רמ״א (רבי משה איסערלס); אין יאָר 1550 האָט ער זיך באַזעצט אין קראָקע און פאַרלייגט אַ ישיבה, וועלכע האָט געצויגן פיל תלמידים. אין יאָר 1553 איז דער רמ״א געוואָרן רב אין קראָקע ביזן יאָר 1572, ווען ער איז געשטאָרבן (ל״ג בעומר יאָר של״ב). ער ליגט אין קראָקע און אויף זיין מצבה, זענען פאַראַן די ווערטער „ממשה ועד משה לא קם כמשה“ (דאָס הייסט אַז פון רמב״ם, רבי משה בן מיימון, ביזן רמ״א, רבי משה איסערלס, איז נישט געווען ווי דער רמ״א). — דער רמ״א איז באַקאַנט אין דער לומדישער וועלט קודם כל אַלס פּוסק דורך זיינע הגהות וואָס ער האָט צוגעגעבן צום שלחן ערוך פון רבי יוסף קאַרו. דעם רמ״אס אָנזען איז אַזוי גרויס, אַז דאָרט וואו ער איז מחולק אין דין מיטן שלחן ערוך בלייבט די הלכה ווי דער רמ״א; אַזוי פּסקענען אַלע רבנים פון די אשכנזישע יידן. דער רמ״א האָט אויך מחבר געווען זיין פירוש „דרכי משה“ אויף די „ארבעה טורים“, וועלכע ווערן געדרוקט מיט די „טורים“. פון רמ״א זענען אויך געבליבן „**שאלות ותשובות**“ (געדרוקט קראָקע 1642),

וועלכע אנטהאלטן אויך פיל ידיעות וועגן יידישן לעבן אין פוילן אין יענער צייט. באזונדערס וויכטיק איז זיין ספר „תורת העולה" (פראג 1570) מיט פילאזאפישן אינהאלט. פון רמ"א איז אויך פאראן א ספר „איסור והיתר" אדער „תורת חטאת" אויף הלכות. — אלס פוסק האט דער רמ"א שטארק געהאלטן פון די אנגענומענע „מנהגים".

איראן זע „פערסיע".

איראק זע „מעסאפאטאמיע.

אירגאס יוסף (1685 — 1730). מקובל אין איטאליע אין 18טן יארהונדערט. ער האט מחבר געווען „תוכחה מגילה" (יאר 1715) קעגן דעם שבתי צביניק נחמיה חיון. זייער וויכטיק איז דאס ספר פון אירגאס „שומר אמונים", א ויכוח צווישן א פילאזאף און א מקובל. ער האט אויך מחבר געווען אנדערע קבלה־ספרים.

אירלאנד פרייע רעפובליק וואס איז א טייל פון דער גרויס־בריטישער אימפעריע, פאראייניקט מיט ענגלאנד דורך דער פערזאן פון קעניג, ווערט רעגירט דורך אן אייגענער רעגירונג מיט א פארלאמענט. יידן האבן געוואוינט אין אירלאנד שוין אין 11טן יארהונדערט; עס זענען פאראן וועגן דעם דאקומענטן. ווען מען האט אין יאר 1290 פארטריבן די יידן פון ענגלאנד, האט מען זיי פארטריבן אויך פון אירלאנד. ערשט אין אנהויב פון 17טן יארהונדערט האבן יידן זיך אנגעהויבן ווידער באזעצן אין אירלאנד. די ערשטע יידישע קהלה איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1728 אין דער אירלענדישער הויפטשטאט דובלין. איצט געפינען זיך אין אירלאנד לערך 10 טויזנט יידן; דער גרעסטער טייל פון זיי אין דובלין. זיי פארנעמען זיך מיט האנדל און מלאכה.

זיי האבן אויך פיל צדקה־געזעלשאפטן און אינטערעסירן זיך מיט ארץ־ישראל.

איש בשת, זון פון יידישן מלך שאול, אויך באקאנט מיטן נאמען איש בעל (דברי הימים א' ח'). נאכדעם ווי שאול איז אומגעקומען אין דער מלחמה קעגן די פלישתים, האט זיין מיליטער־פירער אבנר דערקלערט אלס קעניג איש בשת, אין דער צייט, ווען איבער חברון און יהודה איז געווארן קעניג דוד המלך. עס זענען פארגעקומען מלחמות צווישן זיי ביידע; צוויי דינער פון איש בשת האבן אים דערמארדעט, אפגעשניטן זיין קאפ און געבראכט צו דוד המלך. אבער דוד האט זיי דערפאר באשטראפט און זיי געלאזט טויטן (שמואל ב' ד').

אישתורי הפרחי רייזנדער און ארץ־ישראל־פארשער אין דער ערשטער העלפט פון 14טן יארהונדערט. רבי אישתורי (דאס איז געווען זיין נאמען) הפרחי איז געבוירן געווארן לערך דעם יאר 1285 אין שפאניע אין דער שטאט פלארענצא, וואס איז דער טייטש „בלום" און דערפון שטאמט זיין צונאמען „הפרחי" („פרח", אויף העברעאיש „בלום"). רבי אישתורי האט געלערנט ביי פארשידענע רבנים אין פראנקרייך, אין יאר 1312 האט ער אנגעהויבן זיין רייזע קיין ארץ־ישראל דורך מצרים. באלד ווי ער איז געקומען קיין ארץ־ישראל האט ער זיך פארנומען מיטן פארשן דאס לאנד. ער האט עטלעכע יאר ארומגערייזט איבער ארץ־ישראל, באזוכט די פארשידענע ערטער. דעמאלט האט ער פארפאסט זיין ווערטפול ספר „כפתור ופרח" וואס אנטהאלט וויכטיקע פארשונגען איבער ארץ־ישראל. אים האט מען צו פארדאנקען פיל ידיעות וועגן צושטאנד אין ארץ־ישראל אין מיטלאלטער. דער „כפתור

ופרח" איז געדרוקט געוואָרן דאָס ערשטע מאָל אין ווענעציע אין יאָר 1548; דערנאָך איז עס איבערגעדרוקט געוואָרן דורך עדלמאַן אין בערלין, יאָר 1852; דאָס דריטע מאָל האָט עס איבערגעדרוקט לונץ אין ירושלים 1898. ר' אישתורי הפרחי האָט פאַרפאַסט ספרים איבער מעדיצין, באַמערקונגען צו גמרא. מען נעמט אָן אַז ער איז געשטאָרבן אין ארץ־ישראל לערך דעם יאָר 1357.

איש־שלום מאיר (1831 — 1908), געלערנטער אין חכמת ישראל; דאָצענט אין רבנים־סעמינאַר אין ווין; רעדאַגירט (צוזאַמען מיט אייזיק הירש ווייס) דעם „בית התלמוד"; באַקאַנט הויפּטזעכלעך אַלס פאַרשער פון מדרשים.

אל זע „אלהים".

אל אין אַ סך יידישע פאַמיליע־נעמען פון מיטלאַלטער טרעפן מיר ביים אַנהויב דאָס וואָרט „אל", ווי „אלפסי", „אלבלג" און אַנדערע. דאָס איז אַן אַראַביש וואָרט און האָט די זעלבע באַדייטונג וואָס אין דער העברעאישער שפּראַך די „הא הידיעה", און אין יידישן „דער" אָדער „די". אַזוי האָט ס'וואָרט „אלפסי" די באַדייטונג „דער אָפּשטאַמענדער פון דער שטאָט פאַס (פעץ)"; „אלשיך" האָט די באַדייטונג „דער שייך". אַ סך פּערזענלעכקייטן וואָס זייערע פאַמיליע־נעמען הויבן זיך אָן מיט „אל" געבן מיר נישט ביי די **זוכווערטער** פון די פאַמיליע־נעמען, נאָר ביי זייערע נעמען; למשל „יצחק אלפסי" (דער רי"ף) געבן מיר ביים וואָרט „יצחק", נישט ביי „אלפסי".

אלבו יוסף (לערך 1380 — 1445). פילאָזאָף, מחבר פון ספר „עיקרים", אַ תלמיד פון פילאָזאָף רבי חסדאי קרשקש. באַקאַנט איז רבי יוסף אלבו דורך זיין פילאָזאָפיש ספר „עקרים", וועלכעס ער האָט פאַרפאַסט (ווי דער „יוחסין" דערציילט) אין יאָר קפ"ה (1425). דאָס ספר איז געוואָרן באַלד באַרימט, און איז געווען איינער פון די ערשטע ספרים וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אויף העברעאיש (אין שונצינו, יאָר רמ"ז), און אויך שפּעטער איז עס דערשינען פיל מאָל. — אלבו טרעט אַרויס אין „עקרים" קעגן רמב"ם, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט 13 עקרים אין דער יידישער אמונה. אלבו, האַלט, אַז עס זענען פאַראַן נאָר דריי עקרים, דאָס זענען: 1) „מציאות השם", גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון גאָט; 2) „תורה מן השמים", גאָט האָט געגעבן די תורה פון הימל; 3) „שכר ועונש", אַז פאַר גוטע מעשים וועט דער מענטש ווערן באַלוינט און פאַר שלעכטע מעשים באַשטראָפט. אלבו אונטערשיידט זיך פון די פריערדיקע יידישע פילאָזאָפן (רמב"ם און אַנדערע) אויך דערמיט, וואָס ווערענד זיי זענען געווען אינטעלעקטואַליסטן און האָבן געהאַלטן, אַז דער עיקר ציל פון מענטש איז וויסן און דערקענטניש, שטרייכט אונטער אלבו מער די זיטלעכע אויפירונג פון מענטש, זיינע מעשים טובים. דער „עקרים" באַשטייט פון 4 מאמרים. אין ערשטן מאמר רעדט ער אַרום די דערמאָנטע דריי עקרים בכלל. אין דעם צווייטן מאמר דערקלערט ער פילאָזאָפיש דעם באַגריף פון „מציאות השם" (עקזיסטענץ פון גאָט), ברענגט די באַוויזן דערצו. אין 3טן מאמר דערקלערט ער דעם עיקר פון „תורה מן השמים", אין 4טן מאמר באַהאַנדלט ער „שכר ועונש" און פירט דורך אַ פילאָזאָפישע אָפּהאַנדלונג איבער דעם סתירה־פּראָבלעם פון „ידיעה ובחירה" (ווי אַזוי איז מעגלעך אַז גאָט וויסט פאָרויס וואָס דער מענטש וועט טאָן, און גלייכצייטיק באַזיצט דער

מענטש די בחירה, די פרייהייט, צו טאָן וואָס ער וויל). דער „עקרים‟ איז געשריבן נישט מיט דער שווערער שפּראַך און סטיל פון די פריערדיקע פילאָזאָפן, נאָר אין אַ געוויסער מאָס פּאָפּולער און פאַרשטענדלעך פאַר געוויינלעכע לעזער. צו דעם „עקרים‟ זענען געשריבן געוואָרן פּירושים (אהל יעקב, עץ שתול).

אלגזי ספרדישע פאַמיליע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן רבנים באַקאַנטע אין דער לומדישער וועלט. דער באַרימטסטער פון זיי איז געווען רבי יום־טוב אלגאַזי פון ירושלים אין דער 2טער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט. ער האָט מחבר געווען אַ סך ספרים, שאלות ותשובות, אָבער אַמבאַקאַנטסטן אין דער לומדישער וועלט איז זיין „הלכות יום־טוב‟ אויף דעם רמב״ן צו דער גמרא בכורות. אין די ישיבות איז זיין דאָזיקער ספר געווען זייער פּאָפּולער.

אלדד הדני נאָמען פון אַ לעגענדאַרישן יידישן רייזנדער אין 9טן יאָרהונדערט. ווי עס ווערט דערציילט אין די סיפּורים וועגן אלדד הדני האָט ער זיך באַוויזן אין בבל און דערנאָך אין עגיפּטן אין יאָר 880, און ער האָט דערציילט פאַר די יידן, אַז ער איז אַ ייד פון שבט דן (דעריבער הייסט ער „הדני‟), און אַז זיין לאַנד געפינט זיך אין מזרח־אַפריקע נישט ווייט פון רויטן ים, לעבן אַביסיניע. דערביי האָט ער אויך דערציילט לעגענדעס ווי אַזוי ער האָט זיך אַריבערגעשלאָגן קיין בבל, פאַרשידענע פּאַסירונגען מיט שיפן און רויבערס, וואָס דערמאָנען ענלעכע לעגענדעס ביי אַנדערע פעלקער אין מיטלאַלטער. אלדד הדני האָט אויך אָנגעשריבן הלכות פון שחיטה און טריפות, און די הלכות הויבן זיך אָן מיט די ווערטער „אמר רבנו יהושע מפּי משה מפּי הגבורה‟. נאָך אַ געוויסער צייט איז אלדד הדני פאַרשוואונדן געוואָרן. — די סיפּורים וועגן אלדד הדני זענען געווען זייער פאַרשפּרייט. דער ערשטער סיפּור איז געווען געדרוקט אין מאַנטואַ (פאַר דעם יאָר 1480). אלדד הדני ווערט דערמאָנט פון רבי חסדאי אבן שפּרוט (אין 10טן יאָרהונדערט), און באַזונדערס אין דער באַקאַנטער תשובה פון די אנשי קירואן צו רב' צמח גאון. דער סיפּור וועגן אלדד הדני איז געווען פאַרשפּרייט אין מיטלאַלטער אויך ביי די קריסטן. וועגן אלדד הדני זענען פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען. דער היסטאָריקער אברהם עפּשטיין (אין זיין „מבוא‟ צום ספּור פון אלדד הדני) האַלט אַז עפּעס איז פאַראַן אמת אין אלדדס מעשיות, און אַז דאָס האָט אַ שייכות מיט די פאַלאַשן, די יידן וואָס האָבן אַמאָל געהאַט אַ באַזונדערע מלוכה ביי אַביסיניע. גרעץ און אַנדערע האַלטן, אַז אלדד איז געווען אַ קאַראַאימישער מיסיאָנער און אַ שווינדלער. דאָקטאָר יעקב רייפמאַן האַלט, אַז אַזאַ אלדד הדני האָט גאָרנישט עקזיסטירט, נאָר מען האָט שפּעטער געפעלשט אַזאַ סיפּור, און אַז אויך די תשובה צו רב צמח גאון איז געפעלשט.

אלדד ומידד נעמען פון צוויי נביאים אין דער צייט פון משה רבנו, ווערן געבראַכט אין חומש במדבר י״א.

אלה פערטער מלך אין דער צייט פון 1טן בית המקדש. געווען קעניג אין מלכות ישראל. אין מלכים א' ט״ז ווערט דערציילט, אַז ער האָט געקיניגט נאָך זיין פאָטער בעשא אין דער שטאָט תרצה. זיין מיליטער־פירער זמרי האָט אויף אים געמאַכט אַן אַנפאַל און אים געטויט.

אלהים נאָמען פון גאָט אין תנ״ך. מיר געפינען אויך דעם דאָזיקן נאָמען

אין דער פאָרם פון לשון יחיד „אל" און „אלוה". אין תנ"ך זענען פאַראַן נאָך אַנדערע פאַרשידענע נעמען צו באַצייכע־נען גאָט; די מייסטן פאַרשפּרייטסטע פון זיי זענען „יהוה" און „אלהים". טיילמאָל טרעפט מען אין חומש צוזאַמען „יהוה אלהים". אין דער יידישער רע־ליגיעזער אויפפאַסונג, ספּעציעל אין דער קבלה, איז פאַרשטאַנען געוואָרן אַז „יהוה" איז די מידה פון רחמים (רחמ־נות, לייטזעליקייט) ביי דער גאָטלעכ־קייט, דאַקעגן „אלהים" איז דער מידת הדין (פון שטרענגער אַבסאָלוטער גע־רעכטיקייט). וועגן דער מיינונג פון ביבל־קריטיקער וועגן די דאָזיקע צוויי גאָטלעכע נעמען זע „תנ"ך־קריטיק".

אלול נאָמען פון 6טן חודש אין יידישן קאַלענדאַר, רעכענענדיק ניסן אַלס דעם 1טן חודש. ווען מען רעכנט תשרי אַלס דעם 1טן חודש איז אלול דער 12טער חודש. ער פאַלט אויס אומגעפער אין די מאָנאַטן אויגוסט־סעפּטעמבער. אלול ווערט דערמאָנט אין תנ"ך, נחמיה ו'. דעם דאָזיקן נאָמען האָבן די יידן איבער־גענומען — ווי אַלע חדשים־נעמען — פון בבל אין דער צייט פון גלות בבל. אלול האָט 29 טעג. — אלול ווערט פאַר־רעכנט אין קבלה און חסידות אַלס דער פאַרבערייטונגס־חודש פון תשובה טאָן צו די „ימים נוראים". און די קבלה־ספר־רים זאָגן אַז „אלול" מאַכט „אני לדודי ודודי לי" (איך צו מיין פריינט, גאָט, און מיין פריינט צו מיר). אלול בלאָזט מען אַ גאַנצן חודש שופר און מען גייט אויף קבר־אבות. ביי די ספרדים זאָגט מען אַ גאַנצן חודש אלול סליחות.

אלזשיר לאַנד אין צפון־אַפריקע, פאַר־נעמט אַ שטח פון 575 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער און האָט לערך 6 מיליאָן איינוואוינער; צווישן זיי געפינען זיך לערך 75 טויזנט יידן; פראַנצויזישע קאָ־לאָניע. פאַראַן אַ מיינונג, אַז די יידן וואוינען אין אלזשיר שוין זייט לערך 2000 יאָר, פון דער צייט פון פאַרן חורבן בית שני. אָבער אַמייסטן האָבן זיך יידן דאָרט אָנגעהויבן באַזעצן נאָכן יאָר 1391, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע שחיטות אויף יידן אין שפּאַניע, און באַ־זונדערס נאָכן גירוש שפּאַניע אין יאָר 1492. די יידן אין אלזשיר רעדן אַראַ־ביש געמישט מיט שפּאַניאָלישע און העב־רעאישע ווערטער. דער גרעסטער טייל יידן אין אלזשיר פאַרנעמען זיך מיט האַנדל און מלאכה. די פראַנצויזישע יידישע געזעלשאַפט „אַליאַנס" האָט אין אלזשיר פאַרלייגט יידישע שולן און די יידן דערוואָרבן זיך די פראַנצויזישע שפּראַך און קולטור. אין דער הויפּט־שטאָט אלזשיר געפינען זיך ביי 20 טויזנט יידן.

אלחנן דער פּויבסט אין מיטלאַל־טער איז אַרומגעגאַנגען אַ לעגענדע, אַז אין 10טן יאָרהונדערט איז געווען אין רוים אַ פּויפּסט מיטן נאָמען „אלחנן", אַ זון פון רבי שמעון הגדול פון מיינץ, און אַלס קינד האָט מען אים אַרויסגע־גנבעט און דערצויגן אַלס קריסט, ביז ער איז געוואָרן פּויבסט. די לעגענדע דער־ציילט, אַז נאָכער ווען עס זענען געווען גזירות אויף יידן אין דייטשלאַנד איז זיין פאָטער, רבי שמעון, געקומען צום פּויבסט און ער האָט אים דערקענט. דער פּויבסט האָט די גזירה מבטל געמאַכט און נאָכער איז ער אַנטלאָפן, תשובה געטאָן און גע־שטאָרבן אַ ייד. רבי שמעון, וועלכער איז געווען אַ פּייטן האָט געשריבן פאַר זיין זון אַ פּיוט „אל חנן נחלתו בנועם", וואָס מען זאָגט אין 2טן טאָג ראש־השנה. — דער געלערנטער גידעמאַן האָט אין זיין „געשיכטע פון דערציאונגסוועזן" (העבראיש „התורה והחיים", באַנד 2)

געשריבן א גרינטלעכע אפהאנדלונג וועגן דער אנטשטייאונג פון דער אלחנן פויבסט־לעגענדע, אנווייזנדיק אז דאס האט א שייכות מיט דער דערוויילונג אלס פויבסט אנאקלעטוס דעם 2טן (אין 12טן יאהרהונדערט), וועלכער האט געשטאמט פון יידן. גידעמאן ברענגט פארשידענע נוסחאות פון דער דאזיקער לעגענדע, און לויט איין נוסח זאל דער יידישער פויבסט האבן געווען א זון פון רבי שלמה בן אדרת, דעם רשב״א (אין 14טן יארהונדערט). לויט איין נוסח האט דער יידישער פויבסט, נאכן תשובה טאן, זיך אראפגעווארפן פון א הויכער געביידע און זיך געטויט.

אלחריזי זע „חריזי״.

אלטער פאמיליע נאמען פון די רביים פון „גערער הויף״. דער ערשטער רבי מיטן דאזיקן פאמיליע־נאמען איז געווען רבי יצחק מאיר אלטער (מחבר פון „חידושי הרים״), געבוירן לערך דעם יאר 1798 (תקנ״ח); נאך דער פטירה פון קאצקער רבי אין יאר תרי״ט האבן דער גרעסטער טייל קאצקער חסידים דערקלערט אלס רבי ר׳ יצחק מאירן, וועלכער האט זיך באזעצט אין דער שטאט גער, „גורא קאלווואריא״, לעבן ווארשע. ער איז געשטארבן אין יאר תרכ״ו. רבי יצחק מאיר איז געווען בארימט אויך אלס גרויסער למדן און זיינע ספרים „חידושי הרים״ (שאלות ותשובות ווי אויך פלפולים אויף מסכתות) זענען זייער פאפולער אין דער לומדישער וועלט. וועגן רבי יצחק מאירן איז פאראן א מאנאגראפיע „מאיר עיני הגולה״ ארויסגעגעבן אין ווארשע תרפ״ט דורך זיינע אייניקלעך. — רבי אריה לייב אלטער האט געהייסן דער „צווייטער גערער רבי״, אן אייניקל פון „חידושי הרים״ (פון זיין זון רבי אברהם מרדכי, וועלכער איז געשטארבן ווען דער „חידושי הרים״ האט נאך געלעבט). רבי אריה לייב איז אויך באקאנט אלס דער „שפת אמת״ נאך דעם ספר וואס ער האט מחבר געווען. ער איז געווארן רבי אין יאר 1870 (תר״ל) נאך דעם רבי ר׳ העניך פון אלעקסאנדער. דער „שפת אמת״ איז געשטארבן אין יאר תרס״ה. — רבי אברהם מרדכי אלטער (זון פון „שפת אמת״) איז דער איצטיקער גערער רבי. ער איז איינער פון די הויפט־פירער פון דער „אגודת ישראל״ און האט איינגעפירט אין פוילן געוויסע אויסבעסערונגען אין דער ארטאדאקסישער קינדערדערציאונג און מיט זיין הסכמה איז געגרינדעט געווארן די טעכטער מיטלשולע „חבצלת״ אין ווארשע, „בית יעקב שולן״ (פאר מיידלעך). ער וואוינט איצט אין ארץ־ישראל.

אליאנס איזראעליט יידישע געזעלשאפט אין פראנקרייך, אויך באוואוסט מיטן נאמען „חברת כל ישראל חברים״. די געזעלשאפט איז אויך באוואוסט מיט איר סתם־נאמען „אליאנס״. די אליאנס איז געגרינדעט געווארן אין פאריז אין יאר 1860 מיטן צוועק צו שיצן די אינטערעסן פון יידן אין פארשידענע לענדער. די „אליאנס״ האט פיל מיטגעווירקט אויף דעם אינטערנאציאנאלן פאליטישן געביט כדי צו באקומען רעכט פאר די יידן אין פארשידענע לענדער; אויך האט די אליאנס אינטערווענירט צו פארבעסערן די לאגע פון די יידן אין מאראקא, אלזשיר, פערסיע, ווי אויך אין א ריי עלילת הדם פראצעסן. די אליאנס האט אויך געשיקט עקספעדיציעס אויסצופארשן דאס לעבן פון יידן אין ווייטע לענדער, אביסיניע, כינע און אנדערע. אין די יארן 1881-1882, בעת די פאגראמען אויף יידן אין רוסלאנד האט זי געהאלפן

פיל רוסישע יידן עמיגרירן קיין אמעריקע. הויפטזעכלעך האט די „אליאנס" זיך פארנומען (און פארנעמט זיך אויך איצט) מיט אויפהאלטן פיל יידישע שולן אין א ריי לענדער. די צאל שולן וואס זי האלט אויס (אין ארץ־ישראל, אלזשיר, בולגאריע, טוניס, טערקיי, טריפאליס, מאראקא, פערסיע, מצרים און תימן) דערגרייכט לערך 160, און אין זיי לערנען לערך 40 טויזנט יידישע שילער און שילערנס. די „אליאנס" האלט אויך אויס אין פאריז א לערער־סעמינאר צוצוגרייטן לערער פאר אירע שולן. באזונדערס וויכטיק זענען די צוויי לאנדווירטשאפטלעכע שולן פון דער „אליאנס": „מקוה ישראל" אין ארץ־ישראל און „דזשעדעיא" לעבן טוניס. זי גיט אויך שטיצע קרוב 50 פראפעסיאנעלע שולן. די איינקונפטן פון דער אליאנס באשטייען אמייסטן פון מיטגלידס־אפצאל. די „אליאנס" ווערט אנגעפירט דורך א צענטראל־קאמיטעט פון 60 פערזאן, א העלפט פון זיי אין פאריז און א העלפט אין אנדערע לענדער. די מיטגלידער פון קאמיטעט ווערן דערוויילט אויף 9 יאר, און יעדעס יאר ווערן דערוויילט א דריטל נייע מיטגלידער.

אליהו הנביא דער פארהייליקסטער יידישער נביא (אחוץ משה רבנו). ווי עס ווערט דערציילט אין ספר מלכים א' י"ז איז אליהו געווען „התשבי מיושבי גלעד" (דער תשבי פון די איינוואוינער פון גלעד) און האט געלעבט אין מלכות ישראל אין דער צייט פון מלך אחאב. אין ספר מלכים אין עטלעכע קאפיטלעך ווערט דערציילט ווי אליהו האט געפירט א הארטנעקיקן קאמף קעגן מלך אחאב און זיין קעניגן איזבל דערפאר וואס זיי האבן, אנשטאט דער יידישער רעליגיע פון גאט, איינגעפירט די געצנדינערײ פון אפגאט בעל, און זיי האבן געטויט די געטלעכע נביאים (נביאי ה') און איינגעפירט די נביאי הבעל. אליהו האט מיט א מופת דורך אראפברענגען פייער פון הימל אויפן בארג כרמל, איבערצייגט אחאבן און דאס יידישע פאלק, אז „ה' הוא האלהים", אז יהוה איז גאט און אז דער בעל איז אן אפגאט, און ער האט דעמאלט געטויט די נביאי הבעל. דאס האט ארויסגערופן קעגן אים דעם צארן פון איזבל, וועלכע האט אים געוואלט טויטן. אליהו איז אנטלאפן און האט זיך באהאלטן אין א הייל און גאט האט זיך צו אים באוויזן און געהייסן מאכן אלישען פאר א נביא און יהוא בן נמשי אלס מלך איבער די יידן. אליהו האט דערנאך אויך געשטראפט אחאבן פאר זיין צורויבן דעם ווייַנגארטן פון נבות היזרעאלי און טויטן נבותן. אין ספר מלכים ווערט דערציילט פארשידענע מופתים פון אליהו הנביא, ווי אויך אז צום סוף איז ער אריבער דעם ירדן און עס איז אראפגעקומען פון הימל „רכב אש וסוסי אש" (א פייערדיקער וואגן און פייערדיקע פערד) און אליהו איז ארויף „בסערה השמים" (אין שטורעםווינט אין הימל), און ווען זיינע תלמידים די בני הנביאים האבן אים געזוכט את מער נישט געפונען, איז אויף זיין ארט געווארן נביא זיין תלמיד אלישע (מלכים ב' ב'). — עס ווייזט אויס, אז שוין אין דער צייט פון גלות בבל איז געווען ביי די יידן דער פאלקס־גלויבן, אז איידער עס וועט קומען די גאולה וועט צוערשט זיך באווייזן אליהו הנביא, וועלכער וועט ברענגען שלום צווישן יידן; אין ספר מלאכי (נביא נאך גלות בבל) ג' ווערט געבראכט דער פסוק „הנה אנכי שולח לכם את אליה הנביא". אין דער גמרא און מדרש ווערט וועגן אליהו פיל געשריבן מיטן נאמען „אליהו זכור לטוב" און אין בבא מציעא קי"ד און אנדערע

ערטער ווערט דערציילט ווי פארשידענע תנאים האבן געטראפן אליהו הנביא. דעם דאזיקן זכות צו זעען אליהו הנביא ווערט דערציילט אויך וועגן שפעטערדיקע פרומע יידן, ספעציעל ביי מקובלים און חסידישע רביים, און דאס איז אנגערופן געווארן „גילוי אליהו" (די אנטפלעקונג פון אליהו). אין דער גמרא סוכה נ"ב און שקלים סוף פ"ג ווערט אנגעוויזן כסדר אויף דעם גלויבן, אז אליהו וועט קומען אין משיחס צייטן. עס איז אויך דער מנהג אויף יעדן ברית צו שטעלן א שטול פאר אליהו הנביא כסא של אליהו, און דער מנהג ווערט געבראכט אין זוהר בראשית י"ג. — פסח ביי נאכט צום סדר איז דער מנהג אנצוגיסן א ספעציעלן כוס פאר אליהו הנביא צו „שפוך חמתך", און ווען מען עפנט די טיר זאגט מען: „ברוך הבא, אליהו הנביא איז דא". שבת־צונאכטס ווערן געזונגען די זמירות פון אליהו הנביא, אז ער זאל קומען און ברענגען די גאולה. עס ווערט דארט אויך געזונגען א ליד, „איש חסיד היה", ווי אליהו הנביא האט געראטעוועט א פרומען ייד פון נויט (די מעשה שטאמט פון די סיפורי־מעשיות פון רבנו ניסים). איבערהויפט זענען פאראן זייער פיל פארשידענע פאלקס־מעשיות ביי יידן, ווי אליהו הנביא האט זיך באוויזן צו ארעמע יידן און האט זיי געהאלפן.. אין די חסידישע מעשיות ווערט דערציילט ווי אליהו פארשטעלט זיך אויף די ירידים אלס א פויער, און נאר ווער עס איז זוכה, דערקענט אים. — אין ארץ־ישראל אויפן בארג כרמל איז פאראן א הייל, וואס מען רופט די „מערת אליהו", און די לעגענדע איז, אז דארט האט זיך אליהו באהאלטן. די הייל איז הייליק ביי יידן, קריסטן און מאכמעדאנער. די אראבער אין ארץ־ישראל רופן אליהון „אל־כאדרא", „דער גרינער", דאס הייסט, וועלכער לעבט אייביק און איז שטענדיק גרין פריש: די אראבער דערציילן פארשידענע לעגענדעס וועגן אליהו. די אראבישע קריסטן רופן דעם כרמל־בארג „מר אליאס", דאס הייסט פון „הער אליהו". — וועגן „תנא דבי אליהו" זע ביים זוכווארט „תנא דבי אליהו".

אליהו בחור זע בחור.

אליהו הכהן, געשטארבן אין יאר 1729 אין דער שטאט איזמיר (סמירנא) אין טערקיי. ער האט מחבר געווען 31 ספרים. אמפאפולערסטן איז זיין „שבט מוסר", וואס באשטייט פון פארשידענע דברי מוסר, געשריבן אין אן איינפאכער, קלארער שפראך. רבי אליהו איז געווען אין זיין שטאט א גבאי פון צדקה און האט פיל געהאלפן די ארימע לייט. ער האט אויך געשריבן א ספר „מעיל צדקה" וועגן דער גרויסקייט פון צדקה. באקאנט איז אויך זיין ספר מדרש תלפיות. עס איז פאראן א מיינונג, אז ער האט אויך געשריבן דעם „מריבת קודש" קעגן די שבתי־צביניקעס (געדרוקט אין „עניני שבתי צבי" 1912). זיין ספר „שבט מוסר" איז געדרוקט געווארן דאס ערשטע מאל אין קאנסטאנטינאפאל, אין יאר 1713, און איז דערשינען צוזאמען מיט א יידישער איבערזעצונג אין אמסטערדאם 1732. די פאפולאריטעט פון „שבט מוסר" איז געווען אזוי גרויס, אז אין א סך שטעט זענען געווען חברות „שבט מוסר" פון פשוטע יידן, וואס האבן צוזאמען יעדן ביינאכט געלערנט דאס דאזיקע ספר.

אליהו, ווילנער גאון (געבוירן אין סעלץ לעבן בריסק ט"ו ניסן ת"פ 1720 — געשטארבן אין ווילנע י"ט תשרי תקנ"ח, 1797) בארימטער גאון, איינפלוסרייכער פירער פון ארטאדאקסישן

אידנטום אין 18טן יאָרהונדערט; זיין פאָטער רבי שלמה זלמן איז געווען אַן אייניקל פון ווילנער אב בית דין רבי משה קרעמער; אַלס קינד זענען די עלטערן מיט אים געקומען קיין ווילנע, וואו ער איז באַלד באַרימט געוואָרן אַלס עילוי; צו 10 יאָר האָט ער געקענט אויף אויסנוויניק ש״ס בבלי און ירושלמי און האָט אויך גענומען לערנען קבלה; נאָך דער חתונה האָט ער זיך פּורש געווען פון אַלע וועלטלעכע זאַכן, נישט געוואָלט אָננעמען קיין רבנות־אַמט, נאָר געזעסן בסדר און געלערנט; אין די יאָהרן 1740 — 1745 האָט ער אָפּגעריכט גלות, וואַנדערנדיק פון לאַנד צו לאַנד, און ווען ער איז אַהיימגעקומען האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין זיין חדר און עוסק געווען אין לערנען; אויף דער עלטער האָט ער געוואָלט פאָרן קיין ארץ־ישראל, און ער איז געקומען קיין קעניגסבערג, פון וואַנען ער האָט אַהיימגעשיקט זיין בריוו „עלים לתרופה״, מיט אָנווייזונגען פאַר זיין פאַמיליע ווי זיי זאָלען זיך אויפירן אין אידישקייט, מוסר און דרך־ארץ. אָבער פּלוצים איז ער צוריקגעקומען, און איז נישט מער געפאָרן. צוליב זיין גרויס למדות, האָט מען אים געגעבן אָפיציעל דעם טיטל „גאון״, וואָס איז געווען אָנגענומען מיט 800 יאָר צוריק ביי די גאָנים אין בבל; מען האָט אים אויך גערופן: „דער חסיד״ צוליב זיין אומגעווינלעכער פרומקייט; דער דרך פון ווילנער גאון אין לערנען איז נישט געווען צו זאָגן פּלפּולים, נאָר פעסטשטעלן דעם ריכטיקן נוסח פון די שווערע שטעלן, און ער האָט געבראַכט גרויס נוצן פאַר וויסנשאַפטלעכער קריטיק; אין ספר „עליות אליהו״ פון רבי העשל לעווין (1856) ווערט געגעבן די ביאָגראַפיע פון גאון און אויך די וואונדערלעכע לעגענדעס וועגן אים; דאָרט ווערט אויך געגעבן אַ רשימה פון די ספרים וואָס דער גאון האָט מחבר געווען; מייסטנס זענען דאָס הגהות אויף משניות, ש״ס בבלי און ירושלמי, תוספתא, שלחן ערוך. ער האָט אויך מחבר געווען פירושים אויף תורה און טייל ספרי תנ״ך. דער ווילנער גאון האָט אויך געלערנט געוויסע וועלטלעכע וויסנשאַפטן, און באַזונדערס מאַטעמאַטיק און ער האָט מחבר געווען אַ ספר „איל משלש״ אויף געאָמעטריע (ווילנע 1834); עס איז פון אים אויך פאַראַן אַ פירוש אויפן זהר און אויף דעם „ספרא דצניעותא״; ער האָט מחבר געווען אַ ספר אויף דקדוק „דקדוק אליהו״ (ווילנע 1844). — אין געזעלשאַפטלעכע ענינים האָט ער ווייניק עוסק געווען, נאָר אין איין פאַל איז ער ארויסגעטרעטן גאָר שאַרף. דאָס איז געווען אין קאַמף קעגן חסידות, און ער האָט געלאָזט אויסרופן אַ חרם קעגן די רביים און די חסידים וואָס דאַווענען אין באַזונדערע שטיבלעך און פירן איין באַזונדערע מנהגים. — פון זיינע תלמידים זענען די אָנגעזעענסטע רבי חיים וואָלאָזשינער, רבי שלמה ווילקאָמירער, רבי זלמן וואָלאָזשינער, פון זיינע זין האָט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט רבי אברהם. — זע זוכטוואָרט „אברהם״. — ביז היינט איז פאַראַן אין ווילנע דעם גאונס קלויז און דער פּלאַץ אויף וועלכן דער גאון איז געזעסן און געלערנט; אויפן גאונס קבר אין ווילנע קומט מען מתפלל זיין.

אליהו מזרחי (לערך 1455 — 1526), רב און תנ״ך־מפרש און מאַטעמאַטיקער אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל; זיין ספר איז דער „המזרחי״, אַ פירוש צו רש״י אויף תורה. ער האָט אויך געשריבן שאלות ותשובות. ער האָט אויך געשריבן אַ „ספר המספר״ אויף אריטמעטיק און אַ „פּירוש״ צום אַסטראָנאָמישן בוך אַלמאַגעסטי פון פטאָלאָמעאוס.

אלימלך אין ספר „רות״ ווערט דערציילט וועגן אלימלך, אז ער איז געווען אן איינוואוינער פון בית לחם יהודה אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון די שופטים און ער האט פארלאזט ארץ־ישראל צוזאמען מיט זיין ווייב נעמי און זיינע 2 קינדער מחלון און כליון צוליב דעם הונגער אין לאנד און ער איז אוועק וואוינען קיין מואב, וואו ער איז געשטארבן. אין דער גמרא און מדרש ווערט געשריבן וועגן אלימלך, אז גאט האט אים געשטראפט דערפאר וואס אין א הונגער־צייט האט ער פארלאזט זיינע הונגעריקע לאנדסלייט.

אלימלך פון ליזענסק, איינער פון די ערשטע חסידישע רביים אין גאליציע, געשטארבן אין יאר 1787 (תקמ״ז). באקאנט אויך מיטן נאמען „רבי רב מלך״ און אויך דורך זיין ספר „נועם אלימלך״. ער איז געווען תלמיד פון מעזריטשער מגיד. זיינע תלמידים זענען געווען דער רבי פון לובלין, רבי מענדעלע רימאנאווער און אנדערע באקאנטע חסידישע רביים. לעבנס־באשרייבונגען פון רבי אלימלך זענען פאראן אין „עשר אורות״ און נפלאות אלימלך״, ווי אויך ביי האראדעצקי אין „החסידות והחסידים״. —

אליעזר אין חומש בראשית ט״ו ווערט דערציילט אז אברהם אבינו האט געהאט א קנעכט אליעזר. — אין דער גמרא און מדרש ווערן וועגן אליעזר עבד אברהם געבראכט פיל דרשות (יומא כ״ח) און אויך שיינע פאלקס־מעשיות, אין וועלכע אליעזר פיגורירט אלס קלוגער מאן, וואס האט באוויזן אנצולערנען די שלעכטע סדום־לייט (סנהדרין ק״ט). פון די ווערטער אין חומש „דמשק אליעזר״ מיינען טייל אז ער האט געשטאמט פון דער שטאט דמשק.

אליעזר בן הורקנוס תנא פון דער משנה, ווערט אויך דערמאנט אלס סתם רבי אליעזר, און אויך רבי אליעזר הגדול; געלעבט אין דער צייט פון חורבן בית שני (צום סוף פון ערשטן יארהונדערט) און אויך א געוויסע צייט דערנאך. ער איז געווען אן איידעם פון נשיא רבן שמעון בן גמליאל הנהרג. רבי אליעזרס פאטער הורקנוס איז געווען א רייכער מאן, ער האט זיין זון נישט געלערנט קיין תורה נאר אים באשעפטיקט אויף זיינע פעלדער. רבי אליעזר איז פון אים אנטלאפן קיין ירושלים און געווארן רבן יוחנן בן זכאים א תלמיד און זיין פאטער האט זיך מיט אים איבערגעבעטן. אין דער משנה אין „פרקי אבות״ (פרק א׳) ווערט לויט איין מיינונג געזאגט, אז רבן יוחנן בן זכאי האט געהאלטן רבי אליעזרן פאר זיין גרעסטן תלמיד, און האט אים געגליכן צו א „בור סיד״, א גרוב וואס פארלירט נישט קיין טראפן פון זיין וואסער, דאס הייסט, אז ער פארגעסט נישט זיין לערנען. נאך רבן יוחנן בן זכאים טויט האט רבי אליעזר זיך באזעצט אין דער שטאט לוד און דארט געהאט זיין ישיבה. רבי אליעזר האט זיך אנטקעגנגעשטעלט אין הלכה זאכן קעגן דער ישיבה פון נשיא רבן גמליאל (רבי אליעזרס שוואגער) אין יבנה, און דעריבער האבן אים די חכמים געלייגט אין חרם (בבא מציעא נ״ט). דעריבער האט ער געהייסן אויך „שמותי״, דאס הייסט, ער ליגט אין חרם („שמתא״); אן אנדערע מיינונג איז, אז דער נאמען „שמותי״ איז ווייל ער האט — אן אויסנאם פון אלע זיינע חברים וואס האבן געהאלטן מיט די בית הלל, — געהאלטן מיט די בית שמאי. זיינע ווערטער אין „פרקי אבות״ זענען, אז דער בעסטער וועג וואס א מענטש דארף זיך אויסקלויבן איז „עין טובה״ (האבן א גוט

אויג) און „יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך" (דער כבוד פון א צווייטן מענטש זאל זיין דיר אזוי ליב ווי דיין אייגענער כבוד) און אויך „אל תהי נוח לכעוס" (זאלסט נישט שנעל ווערן אין כעס). רבי אליעזר איז געשטארבן אין דער שטאט קיסרין ערב שבת, און די תנאים האבן פאר זיין טויט ארפגענומען פון אים דעם חרם און מספיד געווען. זע היי־מאנס „תולדות תנאים ואמוראים". — וועגן „פרקי דרבי אליעזר" זע „פרקי דרבי אליעזר".

אליעזר בן יוסי הגלילי

תנא, א תלמיד פון רבי עקיבא, אין 2טן יארהונ־דערט. וועגן אים ווערט איבערגעגעבן אז ער האט אויך מסדר געווען די 32 מידות לויט וועלכע די אגדה־דרשות אין תלמוד ווערן ארויסגעפירט פון די פסו־קים. אין דער גמרא חולין פ"ט זאגט דער אמורא ר' יוחנן, אז אומעטום וואו רבי אליעזר זאגט עפעס אין אגדה־זאכן דארף מען זיך צו זיי צוהערן. וועגן גע־רעכטיקייט האלט רבי אליעזר, אז מען דארף נישט מאכן קיין פשרות ביי א דין־תורה נאר פסקענען לויט דעם דין. (סנ־הדרין ו').

אליעזר בן נתן

(ראב"ן) פון דער שטאט טול. פוסק, באקאנט מיטן נאמען ראב"ן; געלעבט אין 12טן יארהונדערט. געווען א חבר פון די בעלי תוספות רבנו תם און רשב"ם. זיין הויפט־חיבור איז דאס ספר „אבן העזר" (נישט פארטוישן עם מיט דעם „אבן העזר" פון שלח. ערוך), אויך „צפנת פענה" און הלכות. ער האט אויך מחבר געווען א פירוש אויפן מחזור. פאראן א מיינונג, אז דער ראב"ן האט מחבר געווען אליין פיוטים ווי אויך א פילאזאפישע אפהאנדלונג „מאמר השכל". וועגן ראב"ן ווערט דערציילט, אז ער איז געווען א גרויסער בעל מקובל און ער האט באוויזן מופתים.

אליעזר פון מעץ

(1175 — 1238) פוסק און מקובל, אין 13טן יארהונ־דערט; באקאנט אויך מיט זיין ראשי תבות נאמען „הרא"ם" (הרב רבנו אלי־עזר מיץ) אשכנזי; תלמיד פון רבנו תם: געפירט א ישיבה אין מיינץ. אין תוס־פות געפינען מיר גאנץ אפט (שבת ל"ו, פסחים כ"ד און אנדערע ערטער) דער־מאנט חידושים פון רבנו אליעזר. בא־קאנט איז זיין ספר „יראים", הלכות און דברי מוסר און מנהגים, איינגעארדנט לויט דעם סדר פון תרי"ג מצוות. דער „יראים" וואס איז געדרוקט איז נאר א קיצור פון גרויסן „יראים", וועלכן אזולאי האט געזען אין כתב יד אין פאריז.

אליפאנט לאורענס

(1829—1888) ענגלישער מלוכה־מאן, וועלכער האט זיך אינטערעסירט מיט דער לאגע פון יידן און דערוועקט דעם געדאנק וועגן גרינדן א יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל. אין יאר 1882 ווען עס זענען אויסגעבראכן די פאגראמען אויף יידן אין רוסלאנד און א סך זענען פון דארט אנטלאפן קיין גאליציע, איז אליפאנט אין נאמען פון אן ענגלישן הילפס־קאמיטעט געקומען קיין גאליציע און געהאלפן די געליטענע מיט געלט און עצות. שפעטער איז ער גע־פארן מיט זיין פרוי אלים קיין ארץ־יש־ראל און זיך באזעצט אין חיפה ביים כר־מל־בארג. דארט איז געווארן זיין סע־קרעטאר דער מחבר פון „התקוה", דער דיכטער נפתלי הערץ אימבער. אליפאנט האט מיט זיין אייגן געלט געשטיצט די ערשטע יידישע קאלאניסטן אין ארץ־ישראל, אין „זכרון יעקב". אין ארץ־ישראל האט אליפאנט זיך דורכגענומען מיט דער נייגונג צו מיסטיציזם און גע־האלטן פון דער יידישער קבלה.

אלי ציון קינה אין תשעה באב, וואס ווערט געזונגען מיט א ספעציעלער מע־לאדיע. מיט דער זעלבער מעלאדיע איז מען זיך נוהג אין די שולן און בתי מד־רשים צו זינגען פרייטאג־צונאכטס אין די „דריי וואכן" דעם „לכה דודי". די קינה אלי ציון טרויערט אויף דעם חורבן פון לאנד ארץ־ישראל וואס ווערט דא באצייכנט מיט „ציון".

אלישע נביא אין מלכות ישראל אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש. אין ספר מלכים א' י"ט ווערט דערציילט אז גאט האט געזאגט צו אליהו הנביא, אז ער זאל מאכן פאר א נביא אלישע בן שפט פון אבל מחולה. אליהו האט גע־טראפן אלישען ווי ער האט געאקערט אין פעלד, און ער האט אים גענומען מיט זיך און געמאכט אלס נביא. ווען אליהו איז ארויף אין הימל איז אלישע געווארן נביא אויף זיין ארט און אנגעפירט מיט די בני הנביאים. ער האט דורכגעפירט די נקמה קעגן די געצנדינערישע „בעל"־נביאים. אין ספר מלכים ב' ווערט דער־ציילט וועגן אלישען, אז ער האט זיך גע־מישט אין די פאליטישע ענינים צווישן דעם מלכות ישראל און ארם, ווי אויך אז ער האט באוויזן א סך נסים און צו־ריקגעבראכט צום לעבן דאס טויטע קינד פון א פרוי אין שונם ווי אויך אנדערע ניסים. זיין דינער האט געהייסן גחזי. אין דער גמרא און מדרש ווערן געבראכט פיל דרשות וועגן דער גרויסקייט פון אלי־שע הנביא.

אלישע בן אביה (אחר), תנא אין ארץ־ישראל לערך פערציק יאר נאך דעם חורבן בית־שני, וועלכער איז אוועק פון טראדיציאנעלער יידישקייט און דעריבער ווערט אין דער גמרא אויך אנגערופן מיטן נאמען „אחר" (אן אנדערער). אין פרקי אבות פרק ד' געפינט מען א ווארט אין נאמען פון אלישע בן אבויה (דעם טיטל „רבי" האט ער נישט) אז „הלומד ילד למה הוא דומה, לדיו כתובה על נייר חדש" (אז איינער לערנט פון קינדערווייז אן, איז עס ווי איינער שרייבט אויף ניי פאפיר) דאס הייסט, עס האלט זיך בע־סער און דאס לערנען איז קלארער. מיר געפינען אז אלישעס תלמיד איז געווען דער תנא רבי מאיר, וועלכער האט געלע־רנט ביי אים תורה אויך נאכדעם ווי ער איז אוועק פון יידישקייט. — וועגן דעם איבערברוך אין אלישעס לעבן איז פאראן אין דער גמרא נישט קלארע ווערטער. אין חגיגה ט"ו איז פאראן די באקאנטע מעשה, אז „ארבעה נכנסו לפרדס", פיר תנאים האבן זיך גענומען באשעפטיקן מיט דער לערע וואס הייסט „פרדס", בן עזאי, בן זומא, אלישע בן אבויה און רבי עקיבא. רבי עקיבאן האט עס נישט גע־שאדט, בן עזאי איז געשטארבן, בן זומא איז צערודערט געווארן, און אלישע בן אבויה „קיצץ בנטיעות", האט געהאקט אין די צווייגן, דאס הייסט, אז ער איז אוועק פון טראדיציאנעלער יידישקייט. דארט אין דער גמרא חגיגה ט"ו ווערט דערציילט וועגן אים אז ער האט געטאן א סך עבירות, געפארן אום שבת, געגעסן טרפות, געלעבט מיט זונות, און דערפאר האט מען געזאגט „אחר הוא", ער איז געווארן אן אנדערער. מען האט אים גע־האלטן פאר אזוי שלעכט, אז מען האט געזאגט, אז אלע רשעים קאנען תשובה טאן אחוץ „אחר". זיין תלמיד רבי מאיר האט ווייטער געלערנט ביי אים תורה. אין ירושלמי חגיגה ווערט געבראכט אז רבי מאיר האט מבקר חולה געווען אלי־שען פאר זיין טויט און ער האט אים געזען וויינען און ער האט דערקלערט, אז אלישע איז געשטארבן טוענדיק תשובה. אלישע האט געהאט אן אייניקל פון א

טאַכטער, רבי יעקב, פון וועלכן עס ווערן געבּרענגט ווערטער אין דער גמרא.

אלכסנדר (נאָמען פון יידישע פירשטן און פּערזאָנען אין די צייטן פון צווייטן בית המקדש). דער נאָמען אלכסנדר שטאַמט פון גריכישן און ער איז איינגעפירט געוואָרן ביי יידן (לויט אן אלטער לעגענדע אין „יוסיפון") אין 4טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, ווען אלכסנדר מוקדון איז אריין מיט זיין ארמיי קיין ארץ־ישראל. דעם ערשטן נאָמען „אלכסנדר" ביי יידן טרעפן מיר ערשט פיל שפּעטער אין די צייטן פון די חשמונאים־פירשטן. דער נאָמען אלכסנדר איז פאַרשפּרייט ביי יידן דורך דעם גאַנצן מיטלאַלטער און אויך אין דער נייער צייט און ער גייט צוזאַמען מיטן נאָמען „זיסקינד", זישע" און אויך ליפּמאַן. — 1) אלכסנדר ינאי. חשמונאים־קעניג און כהן גדול, געהערשט איבער די יידן פון יאָר 103 ביז 76 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. אין דער גמרא ווערט ער אנגערופן „ינאי המלך" (קידושין ס"ו). ער האָט געפירט גרויסע מלחמות מיט די שכנישע לענדער און ער האָט פאַרייניקט צו ארץ־ישראל א סך געגנטן. צוליב זיינע מלחמות איז ער געוואָרן שטאַרקער באַפריינדעט מיט די יידישע מיליטער־גענעראַלן פון דער „צדוקים"־פּאַרטיי. ער האָט דעריבער אנגעהויבן קעמפן קעגן דער פרושים־פּאַרטיי, צו וועלכן עס האָבן געהערט די יידישע חכמים. עס זענען קעגן אים אויסגעבראָכן אינערלעכע אויפשטאַנדן פון די יידן. אלכסנדר ינאי האָט פיל יידן געטויט. א סך חכמים זענען דעמאָלט אנטלאָפן קיין אלעקסאַנדריע (אין מצרים). ווי די גמרא (ברכות מ"ח) דערציילט איז אלכסנדר ינאי געווען א שוואָגער פון סנהדרין פירער שמעון בן שטח, וועלכער האָט זיך אויך געמוזט פאַר אים באַהאַלטן. פאַר זיין טויט האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב, דער פרומער קעניגין שלומית: „זאָלסט נישט מורא האָבן פאַר די פרושים נאָר פאַר די „צבועים", וואָס אין געהיים טוען זיי אַלע שלעכטע זאַכן און מאַכן זיך פרום". פון אלכסנדר ינאי זענען פאַראַן מטבעות אויף וועלכע עס שטייט אויפגעשריבן דער נאָמען „יונתן", וואָס איז געווען זיין העבּרעאישער נאָמען (דערפון איז פאַרקירצט „ינאי"). — 2) וועגן אלכסנדרה המלכה" (ינאי המלכס ווייב) „שלמציון המלכה". — 3) וועגן אלכסנדר מקדון זע „אלעקסאַנדער מוקדון". — 4) וועגן דער שטאָט „אלכסנדריה של מצרים" זע „אלעקסאַנדריע".

אל מלא רחמים, תפילה, איז וועלכער מען בעט גאָט פאַר די נשמות פון פאַרשטאָרבענע. די תפלה איז פאַרפאַסט געוואָרן, וואַרשיינלעך, אין 12טן יאָרהונדערט נאָך די שחיטות אויף יידן פון די „קרייץ־פאַרער" אין דייטשלאַנד. דעם אל מלא רחמים מאַכט מען געוויינלעך אין שבת פון דער וואָך, ווען עס פאַלט אויס די יאָרצייט פון פאַרשטאָרבענעם. מען מאַכט אויך אן אל מלא רחמים אויפן בית עולם אויף דעם קבר פון פאַרשטאָרבענעם.

אלנאקוה, זע „אבוהב יצחק".

אלעגאָריע גריכיש וואָרט און דער טייטש דערפון איז: דערקלערן א געוויסע זאַך, צי דערציילונג, צי א בילד, נישט אַלס די זאַך און דערציילונג און בילד זעלבסט, נאָר אַלס משל, א פאַרשטעלונג פון עפּעס אנדערש. צום ביישפּיל: דאָס ספר שיר השירים אין תנ"ך וואו עס ווערט באַזונגען די ליבע פון מיידל שולמית צום קעניג שלמה און פון שלמה צו שולמית, ווערט אין די רעליגיעזע יידישע ספרים, שוין אין דער צייט

פון דער גמרא, אויסגעטייטשט אַלס אַלעגאָריע, א משל צו דער ליבע פון יידישן פאָלק (כנסת ישראל) צו גאָט. אין תנ"ך געפינען מיר (אין ישעיה, יחזקאל) א סך אַלעגאָרישע בילדער. — אין דער יידישער פילאָזאָפיע איז געווען די באַרימטע שולע אין אַלעקסאַנדריע (1טן יאָרהונדערט) פון פילאָן, וועלכע האָט בכלל אויסגעטייטשט אַלע סיפורים פון תנ"ך אַלעגאָריש, די מעשה פון קין און הבל, די דריי אבות, אַז דאָס זענען אייגנשאַפטן פון מענטשנס נשמה, כחות אין דער נאַטור וכדומה. אויך אין מיטלאַלטער אין 13טן און 14טן יאָרהונדערט, איז אין דרום־פראַנקרייך געווען א פילאָזאָפישע שולע, וואָס האָט אויסגעטייטשט אַלע געשעענישן פון חומש אַלעגאָריש, אַז דאָס זענען נאָר משלים פאַר געוויסע פילאָזאָפישע אידעען. די אויסדריקן אין תנ"ך וועגן גאָט, ווי „יד ה'" (גאָטס האַנט) וכדומה ווערן דורכן רמב"ם אויסגעטייטשט אַלעגאָריש, אַז דאָס מיינט מען די געטלעכע קרעפטן אין דער נאַטור.

אלעזר, איתמר צוויי זין פון אהרן הכהן, חומש שמות כ"ח. נאָכן טויט פון אהרן איז אלעזר געוואָרן כהן־גדול, במדבר כ', און ער, צוזאַמען מיט יהושע בן נון (נאָכן טויט פון משה רבנו) האָבן אריינגעפירט די יידן פון מדבר קיין ארץ־ישראל (יהושע י"ד). אין דער צייט איידער עס איז געבויט געוואָרן דער בית המקדש דורך שלמה המלך איז געווען א קאַמף אַרום דער כהונה גדולה צווישן די אייניקלעך פון אלעזר און די אייניקלעך פון איתמר. ערשט שלמה המלך האָט געמאַכט פאַר כהן־גדול צדוק, איינעם פון אלעזרס אייניקלעך.

אלעזר בן חנניה צום סוף פון דער אַלטער יידישער היסטאָריע־כראָניק „מגילת תענית", וואָס פאַרצייכנט די וויכטיקע געשעענישן ביי יידן אין דער צייט פון בית שני, איז פאַראַן אַז דער מחבר פון דער כראָניק איז געווען רבי אלעזר בן חנניה בן גרון. אין דער גמרא שבת י"ג ווערט געזאָגט, אַז דער מחבר פון מגילת תענית איז „חנניה בן חזקיה בן גרון". אלעזר האָט געלעבט וואַרשיינלעך אין דער צייט פון חורבן בית שני. גרעץ וויל האָבן, אַז דאָס איז דער זעלבער אלעזר בן ענן כהן־גדול, וועגן וועלכן פלאַוויוס דערציילט אין זיין „יידישע מלחמה", אַז ער האָט אָנגעהויבן דעם אויפשטאַנד קעגן דער רוימישער הערשאַפט.

אלעזר בן חרסום אין דער גמרא יומא ל"ב ווערט דערציילט, אַז אין דער צייט פון 2טן בית המקדש (עס ווערט נישט אָנגעגעבן ווען) איז געווען 11 יאָר א כהן־גדול מיטן נאָמען אלעזר בן חרסום, וועלכער איז געווען זייער רייך, און נישט קוקנדיק אויף זיין עשירות (ער האָט געהאַט 1000 שטעט אויף דער יבשה און 1000 שיפן אויפן ים) האָט ער פאַרלאָזט אַלע זיינע געשעפטן און געגאַנגען פאַרשטעלטערהייט לערנען תורה. די גמרא יומא ל"ב זאָגט דערויף „אלעזר בן חרסום מחייב עשירים", דאָס הייסט, אַז אויף יענער וועלט וועט מען פרעגן א גביר פאַרוואָס ער האָט נישט געלערנט און ער וועט וועלן ענטפערן אַז די געשעפטן האָבן אים נישט געלאָזט, וועט מען אים אָנווייזן אויף אלעזר בן חרסום. דער רמב"ם אין זיין הקדמה צום פירוש המשניות צו זרעים זאָגט, אַז אלעזר בן חרסום איז געווען כהן־גדול אין די צייטן פון אנטיגנוס איש סוכו.

אלעזר בן יאיר העלד אין דער צייט פון דער מלחמה פון די יידן קעגן די רוימער אין ירושלים ביים חורבן פון 2טן

בית המקדש. פלאוויוס דערציילט וועגן אים, אז נאך דעם ווי די רוימער האבן איינגענומען ירושלים איז אלעזר בן יאיר מיט א גרופע אנדערע יידישע העלדן אוועק אין דער פעסטונג „מסדה", וואס געפינט זיך אויף א בארג און זיך פארטיידיגט קעגן רוימישן מיליטער 2 יאר. ערשט ווען ער האט געזען אז די רוימער וועלן די פעסטונג איינעמען האט ער צונויפגערופן זיינע חברים און געהאלטן א ריינדע רעדע, אז עס איז בעסער דער טויט איידער ארייננצופאלן צו די רוימער און ווערן שקלאפן. נאכער האט ער און זיינע חברים מיט די אייגענע שווערדן געטויט זייערע ווייבער און קינדער און דערנאך זיך זעלבסט געטויט.

אלעזר בן יהודה מגרמיזא

(לערך 1165 — לערך 1243), פוסק און מקובל אין דער דייטשער שטאט ווארמס (וואס איז געשריבן געווארן אויף העברעאיש „גרמיזא") אין סוף פון 12טן יארהונדערט, באקאנט דורך זיין ספר „רקח". רבי אלעזר דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן די שחיטות אויף יידן אין דייטשלאנד אין דער צייט פון די „דריטע קרייץ־פארער" יאר תתקמ"ט (1189) זייער ווערטפולע ידעות. אין יאר 1223 האט ער אנטיילגענומען אין דער גרויסער רבנים־אסיפה אין מיינץ, ווען מען האט מתקן געווען די תקנות שו"ם (ראשי תבות פון די דריי קהלות שפייער, מיינץ ווארמס). — זיין הויפט־ספר איז דער „רקח" (דאס באטרעפט 308, ווי זיין נאמען „אלעזר") וואס אנטהאלט א סך הלכות אין איסור והיתר, דיני ממונות, ימים טובים, און אויך פיל מוסר־ווערטער, דארט זאגט ער אז „אין אהבה כאהבת השם" (עס איז נישט פאראן קיין ליבע ווי צו גאט), און „אין לשנוא כגאוה" (די גרעסטע שנאה דארף זיין צו גאוה) און אנדערע אזעלכע פרומע און עטישע ווערטער אויסגעדריקט קורץ און שארף. פאראן א מיינונג, אז דער געדרוקטער איז נאר א קיצור פון א גרעסערן „רקח". רבי אלעזר האט מחבר געווען נאך אנדערע ספרים אויף הלכה און ספעציעל אויף קבלה, ווי אויך פיוטים. וועגן רבי אלעזר ווערן דערציילט אין ספר המעשיות פון רבי יוזפא (ברילס יארביכער, באנד 9) פיל מופתים.

אלעזר המודעי

תנא אין 2טן יארהונדערט. אין פרקי אבות ג' זאגט ער צווישן אנדערע ווערטער, אז „המלבין פני חברו ברבים אף על פי שיש בידו תורה ומעשים טובים אין לו חלק לעולם הבא" (אז איינער פארשעמט א צווייטן אין דער עפענטלעכקייט, כאטש ער האט געלערנט תורה און געטאן מצוות, וועט ער נישט האבן קיין חלק לעולם הבא). אין ירושלמי תענית פ"ד ווערט דערציילט, אז רבי אלעזר איז געווען א פעטער פון העלד בר כוכבא. און ווען די רוימער האבן באלאגערט די פעסטונג ביתר האט רבי אלעזר כסדר מתפלל געווען און זיי האבן נישט געקאנט איינעמען די פעסטונג. אבער איינער, א שומרוני, א פארעטער, איז עקסטרא צוגעגאנגען צו רבי אלעזר און אים עפעס איינגערוימט אין אויער. מען האט דאס דערציילט בר־כוכבאן, און ער האט געפרעגט דעם שומרוני, וועלכער האט געזאגט, אז דער תנא, רבי אלעזר וויל די שטאט איבערגעבן אין די הענט פון שונא. בר־כוכבא איז געווארן אין כעס און האט רבי אלעזרן געטויט אויפן ארט. דעמאלט איז ביתר איינגענומען געווארן.

אלעזר בן עזריה

תנא און נשיא אין דעם 2טן יארהונדערט אין דער שטאט יבנה. רבי אלעזר בן עזריה איז געווען זייער רייך און האט זיך גערעכנט פאר א יחסן, א דור עשירי צו עזרא הסופר. צו־

ליב דעם וואָס די חכמים אין יבנה האָבן זיך צעקריגט מיט דעם נשיא רבן גמליאל האָבן זיי אויסדערוויילט אויף זיין אָרט אַלס נשיא רבי אלעזר בן עזריהן (בר־כות כ"ז). נאָר אַזוי ווי מען האָט זיך צוריק איבערגעבעטן מיט רבן גמליאל איז געבליבן, אַז דריי וואָכן זאָל הערשן רבן גמליאל און איין וואָך רבי אלעזר. אַ אגדה דערציילט אַז רבי אלעזר איז אַלט געווען 18 יאָר ווען מען האָט אים דער־וויילט אַלס נשיא, און עס איז געשען אַ נס אַז עס איז אים אנגעוואַקסן איבער נאַכט אַ ווייסע באָרד און דעריבער האָט ער געזאָגט „הרי אני כבן שבעים שנה" (איך בין אַ שטייגער ווי איך וואָלט גע־ווען 70 יאָר). אין פרקי אבות ג' זאָגט ער „אם אין תורה אין דרך ארץ, אם אין דרך ארץ אין תורה", דאָס הייסט אַז מען דאַרף זאָרגן צו לערנען תורה און גלייכצייטיק צו האָבן אַ באַשעפטיקונג פאַר פרנסה; אויך אַז עס איז נישט גענוג בלויז לערנען נאָר מען דאַרף אויך טאָן גוטע מעשים.

אלעזר בן ערך תנא אין 1טן יאָר־הונדערט, תלמיד פון רבן יוחנן בן זכאי. אין פרקי אבות ב' ווערט גע־בראַכט אַ מיינונג, אַז ער איז געווען דער גרעסטער צווישן רבן יוחנן'ס תלמידים. דאָרט אין פרקי אבות זאָגט רבי אלעזר אַז די בעסטע מידה פון אַ מענטש איז „לב טוב" (גוט האַרץ). אין דער גמרא חגיגה י"ד ווערט דערציילט, אַז ער האָט געלערנט פאַר זיין רבי ר' יוחנן אַ פּרק אין „מעשה מרכבה". אין מדרש קהלת ז' ווערט געזאָגט אַז נאָך רבן יוחננ'ס טויט האָט רבי אלעזר אויפגעהערט צו לערנען, באַזעצנדיק זיך נישט אין דער ישיבה מיט זיינע חברים נאָר אין אַן אָרט פון פאַרגעניגנס און ער האָט דעמאָלט פאַרגעסן דאָס גאַנצע לערנען; די גמרא אין שבת קמ"ז גיט צו, אַז דערנאָך האָט ער צוריק געלערנט.

אלעזר הקליר זע „קליר".

אלעזר בן שמעון תנא, זון פון רבי שמעון בן יוחאי, אין ענדע פון 2טן יאָר־הונדערט. אין דער גמרא שבת ל"א ווערט דערציילט, אַז רבי אלעזר האָט גע־מוזט צוזאַמען מיט זיין פאָטער רבי שמעון זיך באַהאַלטן אין אַ הייל 12 יאָר, ווייל די רוימישע רעגירונג האָט זיי גע־וואָלט טויטן. ערשט ווען די גזירה איז בטל געוואָרן זענען זיי פון דער הייל אַרויס. אין סוכה מ"ה זאָגט רבי שמעון, אַז אויב אויף דער וועלט זענען פאַראַן נאָר 2 גרויסע מענטשן („בני עליה") זענען עס ער און זיין זון רבי אלעזר. אין בבא מציעא פ"ג ווערט דערציילט אַז די רעגירונג האָט געצוואונגען רבי אלעזרן צו ווערן אַן אויפזעער צו כאַפּן גנבים. נאָך זיין טויט איז ער געלעגן נישט באַ־גראָבן 20 יאָר; ערשט נאָכער האָט מען אים קובר געווען לעבן זיין פאָטער רבי שמעון אין מירון. עס איז געווען אַ מיי־נונג, אַז ער איז רבי אלעזר הקליר, דער מחבר פון פיוטים, ווייל אין דער פסיקתא איז פאַראַן, אַז ער איז געווען אַ „פייטן". — לויט דער טראַדיציע פון דער קבלה האָט רבי אלעזר צוזאַמען מיט זיין פאָ־טער רבי שמעון, מחבר געווען דעם זהר (וועגן דעם מחבר פון זהר זע „זהר"). אין ארץ־ישראל ווייזט מען אין מירון לעבן קבר פון רבי שמעון בן יוחאי אויך דעם קבר פון זיין זון רבי אלעזר און אין ל"ג בעומר ווערט געהאַלטן אַ גרויסע פייערלעכקייט אויך לכבוד רבי אלעזר.

אלעקסאַנדער וועגן נאָמען אַלעק־סאַנדער ביי יידן זע „אלכסנדר".

אלעקסאַנדער מוקדון גריכיש־מאַקעדאָנישער קעניג אין אַלטערטום,

געבוירן אין יאָר 356 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. זיין באַדייטונג אין דער אַלטער יידישער געשיכטע איז זייער גרויס, ווייל ער האָט אין יאָר 332, ביים דעראָבערן די פּערסישע אימפּעריע אויך איינגענומען ארץ־ישראל, און אַזוי אַרום איז ארץ־ישראל אַריינגעצויגן געוואָרן אין די פּאָליטישע געשעענישן פון אַלטן גריכנלאַנד און שפּעטער פון רוים, און אויך פון זייער קולטור. אין דער יידישער וועלט זענען אַרומגעגאַנגען וועגן אַלעקסאַנדער מוקדון פיל לעגענדעס, ווי למשל, אַז ער האָט אין זיינע נצחונות איבער דעם פּערסישן מיליטער געזען די געשטאַלט פון יידישן כהן גדול וואָס האָט אים געהאָלפן צום זיג, און דערפאַר איז אַלעקסאַנדער געווען גוט צו יידן, און אַז די יידן האָבן אים דערפאַר אָפּגעדאַנקט דערמיט, וואָס זיי האָבן די געבוירענע קינדער אין יענעם יאָר אַ נאָמען געגעבן „אַלעקסאַנדער". פאַראַן אַ מיינונג, אַז אין דער שטעלע אין ספר דניאל ז' ח', ווערט אונטער דעם „צפיר העזים, מלך יון", וועמענס הערשאַפט און מלוכה וועט צעבראָכן ווערן אויף 4 טיילן, געמיינט אַלעקסאַנדער מוקדון און זיין אימפּעריע, וואָס איז נאָך זיין טויט צעטיילט געוואָרן אויף 4 טיילן. אין דער גמרא תמיד ל"א און אויך אין אַנדערע ערטער אין ירושלמי און מדרש ווערן געבראַכט פיל לעגענדעס וועגן אַלעקסאַנדער. אין מיטלאַלטער איז אין ספר „יוסיפון" באַאַרבעט געוואָרן אין העברעאיש פיל אַנדערע אַלעקסאַנדער מוקדון־לעגענדעס, וואָס זענען וואַרשיינלעך געווען צונויפגעזאַמלט אין אַ באַזונדערן העברעאישן ספר.

אַלעקסאַנדריע אַלטע שטאָט אין עגיפּטן, ביים אויסגאַנג פון טייך נילוס אין מיטלענדישן ים; אין דער גמרא הייסט זי „אלכסנדריא". היינט האָט די שטאָט לערך אַ האַלבן מיליאָן איינוואוינער, אַמייסטן אַראַבער אָבער אויך אַ גרויסע צאָל אייראָפּעער; צווישן די איינוואוינער זענען פאַראַן לערך 30 טויזנט יידן. — די שטאָט אַלעקסאַנדריע איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַלעקסאַנדער מוקדון אין 4טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. עס איז זיכער, אַז באַלד נאָך דער גרינדונג פון דער שטאָט האָבן זיך דאָרט אָנגעהויבן באַזעצן יידן, וואָס זענען באַשטאַנען צום טייל פון יידישע קאָלאָניעס אין עגיפּטן, וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען שוין פון פריער, און צום טייל פון אָנגעקומענע יידן פון ארץ־ישראל. אין דער גמרא סוכה נ"א ווערט דערציילט אַז די צאָל יידן אין אַלעקסאַנדריע איז געווען גרויס „כפלים כיוצאי מצרים", דאָס הייסט מער ווי אַ מיליאָן. די יידן האָבן געהאַט זייער אייגענעם פירער מיטן טיטל „אַלאַבאַרך". די גמרא אין סוכה נ"א דערציילט אַז די יידן אין אַלעקסאַנדריע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט פאַרשידענע מלאכות, אין וועלכע זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט אַלס גרויסע קינסטלער. אין תוספתא „פאה", פרק ד', ווערט דערציילט וועגן אַ סנהדרין וואָס איז געזעסן אין אַלעקסאַנדריע. אויך באַרימטע חכמים פון ארץ־ישראל זענען אין דער צייט פון פאַרשידענע רדיפות אַנטלאָפן קיין אַלעקסאַנדריע ווי יהושע בן פּרחיה און שמעון בן שטח און אַנדערע. די יידן וואָס האָבן געשטאַמט פון אַלעקסאַנדריע האָבן געהאַט אין ירושלים אַן אייגענע שול (מגילה כ"ו). — באַזונדערס וויכטיק איז געווען די פילאָזאָפישע שולע פון די אַלעקסאַנדריער יידן אין דער צייט פון 2טן בית המקדש; זי איז באַקאַנט אַלס די „אַלעקסאַנדרישע שולע". דאָס איז געווען די פאַראייניקונג פון דער העלענישער (גריכישער) קולטור מיט דער

יידישער. די יידן אין אלעקסאנדריע האבן גערעדט גריכיש און האבן איבערגעזעצט דעם תנ"ך אויף גריכיש; דאס איז די בארימטע איבערזעצונג מיטן נאמען „סעפטואגינטא" (תרגום השבעים). די גרויסע יידישע געלערנטע אין אלעקסאנדריע אין יענער צייט האבן געשריבן אויף גריכיש ווערק וועגן יידנטום, פילאזאפיע, געשיכטע, ווי אויך א ריי אפאקריפן (כתובים אחרונים) זענען פארפאסט געווארן אין אלעקסאנדריע אויף גריכיש. — וועגן דער אלעקסאנדריער יידיש־פילאזאפישער שולע, זע „העלעניזם" און „פילאן". — צווישן די יידן אין אלעקסאנדריע און די דארטיקע גריכן פלעגן פארקומען קאמפן. אין דער צייט פון רוימישן קייזער טראיאנוס (אין 2טן יארהונדערט) איז דער גרעסטער טייל יידן אין אלעקסאנדריע אויסגעשאכטן געווארן דורך דעם רוימישן מיליטער אין דער צייט פון אן אויפשטאנד. פון דעמאלט הויבט זיך אן דער אונטערגאנג פון די יידן אין אלעקסאנדריע, וועלכע זענען געווארן אינגאנצן אונטערדריקט, ווען דאס קריסטנטום האט באהערשט אויך עגיפטן און אלעקסאנדריע. אין דער נייערער צייט האט זיך די צאל יידן אין אלעקסאנדריע עטוואס פארגרעסערט, באזונדערס זינט עגיפטן איז אין ענדע פון 19 יארהונדערט אונטער דער ענגלישער הערשאפט. איצט זענען דארט פאראן ביי 30 טויזנט יידן אמייסטן ספרדים.

אלף בית דער נאמען פון סדר פון אלף־בית אין דער העברעאישער און יידישער שריפט. די צאל בוכשטאבן אין אלף־בית זענען 22, אלף, בית, גימל, דלת, הא, ו, זין, חית, טית, יוד, כף, למד, מים, נון, סמך, עין, פא, צדיק, קוף, ריש, שין, תיו, און אויך פינף בוכשטאבן וואס קומען נאר אין סוף פון א ווארט: ך, ם, ן, ף, ץ, און אויך בוכשטאבן וואס קומען „רפא", דאס הייסט „שוואך", אז א פינטעלע אין בוכשטאב, ווי ב, ג, ד, כ, ת; אחוץ דעם איז אויך פאראן א שין, און א „שין", וואס לעזט זיך ווי א סמך. — דער אלגעמיינער נאמען „אלפאבעט" אין די אייראפעאישע שריפטן (אלט־גריכישע, נאכער לאטייניש און רוסישע) שטאמט פון אלף־בית. — וועגן יעדן בוכשטאב באזונדער, זיין געשטאלט, ווי אויך די פארשידנארטיקע באדייטונגען פון יעדן בוכשטאב, זע ביי די זוכווערטער פון יעדן בוכשטאב באזונדער, ווי למשל, וועגן „אלף" ביי „א", וועגן „בית" ביי „ב" און אזוי כסדר. — וועגן דער אנטשטייאונג פון העברעאישן און איבערהויפט סעמיטישן אלף־בית איז פאראן א גרויסע מיינונגס־פארשידנקייט ביי די פיל געלערנטע פארשער. פאראן א מיינונג, אז דער סעמיטישער אלף־בית שטאמט פון אן אלט־עגיפטישער שריפט. אן אנדער מיינונג איז, אז דאס שטאמט פון אן אלט־בבלישער שריפט. לויט דער נייעסטער מיינונג זאל דער אלף־בית שטאמען פון א שריפט, וואס אירע שפורן האט מען געפונען אויף דעם האלב־אינזל סיני. פון די סעמיטישע אלף־ביתן איז אונדז באקאנט איינע פון די עלטסטע, לערך 1000 יאר פאר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג (אן אויפשריפט פון „חירם מלך צור"). נאכער האבן מיר פון דער צייט פון אחאב מלך ישראל די אויפשריפט פון „מישע מלך מואב". פון העברעאישן אלף־בית האבן מיר די אויפשריפט פון „השלח־שטיין", נאכער די געפונענע בריוו אין לכיש, און שפעטער אויף די עלטסטע מטבעות פון דער צייט פון 2טן בית המקדש; דאס איז די שריפט וואס ווערט אין דער גמרא סנהדרין כ"א אנגערופן „כתב עברי", אויך „כתב ליבונאה", און אין ירושלמי

מגילה א׳ „רעץ״ (דאָרט איז סנהדרין כ״ב, רועץ״); מען רופט דעם דאָזיקן אַלטן העברעאישן אלף־בית אויך „כתב כותאי״. אונדזער היינטיקער העברע־אישער אלף־בית (מיט קליינע ענדערונ־גען) זאָל האָבן איינגעפירט געוואָרן פאַר שרייבן ספרי תורות דורך עזרא הסופר (אין אָנהויב פון 2טן בית המקדש, זע סנהדרין כ״א) און דער דאָזיקער אלף־בית ווערט אָנגערופן „כתב אשורי״. די סיבה דערפון זאָל האָבן געווען, לויט דער מיינונג פון שמואל דוד לוצאַטו, וואָס עזרא האָט געוואָלט אינגאַנצן אָפּטיילן די יידן פון די שומרונים. פון דעם כתב אשורית האָט זיך אַנטוויקלט אונדזער היינטיקער אלף־בית. שפּעטער אין דער צייט פון מיטלאַלטער האָט מען אָנגע־הויבן צו נוצן אַן עטוואָס קיילעכיקן אלף־בית, וואָס מיר רופן „רש״י־כתב״, ווייל דער פירוש רש״י צום חומש איז געוויינ־לעך געשריבן געוואָרן אין די כתב־ידן מיט דער דאָזיקער שריפט, כדי עס בע־סער אונטערצושיידן פון חומש־טעקסט, נאָכער איז אויך אויפגעקומען אונדזער היינטיקער שרייב־אלף־בית.

אלפסי יצחק זע „יצחק אלפסי״.

אלשיך משה זע זוכוואָרט „משה אלשיך״.

אם ירצה השם (אויב גאָט וועט וועלן), אויסדרוק, וואָס ווערט גענוצט דורך פרומע יידן; ווען זיי זאָגן אַז זיי ווילן עפּעס טאָן אַ זאַך אין דער צוקונפט, געבן זיי צו דעם אויסדרוק „אם ירצה הש״; מען שרייבט דאָס אויך מיט ראשי תבות „אי״ה״; אין דער פאָלקס־שפּראַך איז געוואָרן דערפון „מעטשע־שעם״.

אמהות (מוטערס), אין דער גמרא ברכות ט״ז שטייט, אַז עס זענען פאַראַן נאָר 4 „אמהות״ (מוטערס פון יידישן פאָלק) שרה, רבקה, רחל און לאה. מען געפינט אויך אין דער גמרא (ירושלמי, סנהדרין, פרק ב׳) „אמנו שרה״ (אונדזער מוטער שרה). פון די „אמהות״ ליגן דריי (שרה, רבקה און לאה) אין דער מערת המכפלה, די „מוטער רחל״ ליגט אין אַ באַזונדערן קבר רחל אויפן וועג ביי בית לחם.

אמון מלך אין לאַנד יהודה (לערך 640 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש. אָנפאַלער האָבן אים געטויט. דאָס פאָלק האָט געטויט די אָנפאַלער און דערקלערט אַלס קעניג זיין זון יאשיה.

אמונה דאָס איז אין די ספרים פון מיטלאַלטער דער טייטש פון דעם וואָס מיר רופן אַן „רעליגיע״, „גלויבן״. אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור פון מיטלאַלטער ביז אין דער נייעסטער צייט קומט צום אויסדרוק די חלוקי־דעות וועגן דער פראַ־גע, צי דאַרף דער רעליגיעזער ייד זיך באַגנוגענען בלויז מיט „אמונה״, גלויבן אין דעם וואָס די תורה זאָגט אים, אָדער ער דאַרף אויך אַליין נאָכפאָרשן און פעסטשטעלן די ריכטיקייט פון די יסו־דות פון דער אמונה. איינער פון די ערשטע יידישע רעליגיעזע פילאָזאָפן (אחוץ פילאָן), וואָס האָט באַהאַנדלט די דאָזיקע פראַגע איז געווען רב סעדיה גאון (אין 10טן יאָרהונדערט), וועלכער האָט זיין ספר, — געשריבן אין אַראַביש און שפּעטער איז עס איבערזעצט געוואָרן אין העברעאיש, — אַ נאָמען געגעבן „אמונות ודעות״, גלויבנס און מיינונגען. ער האַלט, אַז דאָס פאָרשן איז יאָ דער־לויבט. נאָכער האָבן באַהאַנדלט די פראַ־גע די שפּעטערע יידישע רעליגיעזע פי־לאָזאָפן, ווי רבנו בחיי אין „חובת הלב־

בות״, רבי יהודה הלוי אין כוזרי, דער
רמב״ם אין „מורה נבוכים״ און אנדע־
רע. טייל פון זיי האבן געהאלטן פון
„חקירה״ (פארשונג) און טייל (ווי רבי
יהודה הלוי) האבן געהאלטן, אז דער
עיקר איז נישט נאכפארשן, נאר מען
דארף זיך סומך זיין אויף דער אמונה.

אמורא דער דאזיקער נאמען, וואס
שטאמט ווארשיינלעך פון ווארט „אמר״
(זאגן), האט אין דער גמרא פארשידענע
באדייטונגען, מען האט דערמיט באצייי־
כנט דעם „דאלמעטשער״ אין דער ישי־
בה אדער בית המדרש. ווען דער דרשן
און חכם האט געזאגט א דין אדער דברי
תורה, האט דער „אמורא״ (דאלמע־
טשער) עס פארטייטשט פארן עולם אין
דער שפראך וואס דער עולם האט פאר־
שטאנען. אזוי געפינען מיר אין דער
גמרא יומא כ׳, „לא הוי אמורא למקים
עלה״ (עס איז נישט געווען קיין אי־
בערזעצער וואס זאל זיך אויפשטעלן און
עס פארטייטשן). — אמייסטן ווערט
אנגעווענדט דער דאזיקער נאמען צו בא־
צייכענען א גאנצע ריי דורות פון יידישע
חכמים, וואס האבן געלעבט אין ארץ־יש־
ראל און אין בבל לערך פון יאר 219 (ווען
עס איז געשטארבן דער מסדר פון דער
משנה רבי יהודה הנשיא) ביז לערך דעם
יאר 500 ווען עס איז געשלאסן געווארן
דער תלמוד בבלי. דאס זענען די אלע
יידישע חכמים וואס פון זייערע ווערטער,
דינים, שקלא־וטריאס, אגדה־דרשות וכ־
דומה, זענען צונויפגעשטעלט די גמרות
ירושלמי און בבלי ווי אויך די מדרשים
פון יענער צייט. זיי אונטערשיידן זיך
פון די חכמים וואס האבן געלעבט אין
דער פריערדיקער צייט, אין דער צייט פון
דער „משנה״, דערמיט וואס די חכמים
פון דער משנה הייסן „תנאים״ און די
חכמים פון די גמרות הייסן „אמוראים״.
די אמוראים האבן אמייסטן זיך געהאלטן
ביי די דינים פון דער משנה און כמעט
קיינמאל זענען זיי נישט מחולק אויף
דעם דין פון א משנה, נאר זיי האבן
זיך באמיט די משנה אויסצוטייטשען.
געפרעגט קשיות, באמיט זיך צו פאר־
ענטפערן די קשיות, אויסצוגעפינען נייע
דינים. די אמוראים טיילן זיך אין צוויי
טיילן: 1) „ארץ־ישראל״־אמוראים, די
„אמוראי ירושלמי״, דאס הייסט די וועל־
כע האבן געוואוינט אין ארץ־ישראל: ביי
זיי איז מייסטנס געווען ניט די שקלא־
וטריא, נאר זיי האבן קורץ דער־
קלערט דעם ענין; 2) „בבל״־אמוראים,
וואס האבן געוואוינט אין בבל, און ביי
זיי זענען שוין די שקלא וטריאס זייער
לאנגע. אמייסטן ווערטער פון די ארץ־
ישראל־אמוראים ווערן געבראכט אין דער
גמרא ירושלמי, און פון די אמוראי בבל
אין גמרא בבלי; אבער מיר געפינען אפט
אין ירושלמי דערמאנט בבל־אמוראים.
דאס זעלבע אין בבלי ארץ־ישראל־אמור־
אים. דער טיטל פון אן ארץ־ישראל אמו־
רא איז אמייסטן רבי, ווי למשל רבי יוח־
נן, און פון א בבל־אמורא רב (למשל רב
הונא) אדער מר (מר זוטרא) ווי אויך
מיטן בלויזן נאמען („שמואל״). — וועגן
דער איינטיילונג פון דער גאנצער אמור־
אים־עפאכע (לערך 300 יאר) אין פאר־
שידענע דורות, גענעראציעס, איז פאראן
א גרויסע מיינונגספארשידנקייט צווישן
די היסטאריקער. די אלטע תלמודישע
לעקסיקאנען, ווי ספר „יוחסין״ און „סדר
הדורות״ טיילן איין די אמוראי ירושלמי
אין דריי דורות און די אמוראי בבל אין
6 דורות, די שפעטערדיקע געלערנטע
טיילן איין אויך די אמוראי ירושלמי אין
6—7 דורות. אחוץ דעם זענען פאראן
חלוקי דעות צווישן די געלערנטע וועגן
געוויסע אמוראים, צו וועלכן דור זיי גע־
הערן. אזוי למשל וועגן אמורא רבי יוח־
נן האלט מען געוויינלעך, אז ער געהערט

צום ערשטן דור, און דער געלערנטער יצחק אייזיק הלוי אין „דורות הראשו־נים" ווייזט אויף, אז ער געהערט צום צווייטן דור. וועגן אמורא רב זאגט די גמרא אליין „רב תנא, הוא ופליג" (עי־רובין ג') דאס הייסט, אז ער איז א תנא, כאטש מען פארעכנט אים צו די אמור־אים. ס'ווערט אנגענומען, אז דער ערש טער דור פון אמוראים האט געדויערט אין די יארן 219 — 260; דער צווייטער דור 260 — 320; דער דריטער דור פון 320 — 370; דער פערטער דור 370 — 420; דער פינפטער דור 420 — 460; דער זעקסטער דור 460 — 500. די ערש־טע אמוראים אין ארץ־ישראל זענען גע־ווען רבי הושעיא רבה, רבי חנינא, רבי יוחנן, און אין בבל רב און שמואל. פון די לעצטע אמוראים זענען געווען אין ארץ־ישראל רבי יוסי און רבי מני (לערך דעם יאר 375), און אין בבל רבינא בר הונא, און רב יוסי. — וועגן די אמוראים זענען געשריבן געווארן פיל ספרים. ספר „יוחסין", „סדר הדורות"; „ערך מלין (זכווארט „אמורא"); וויים, „דור דור ודורשיו"; הלוי „דורות הראשונים" (א זייער וויכטיק ספר, וועלכער ענדערט דעם גאנצן ביז דעמאלט הערשנדן בא־גריף וועגן די דורות פון די אמוראים); אין דעם ספר פון היימאן „תולדות תנ־אים ואמוראים" זענען אויסגערעכנט כמעט אלע אמוראים, וואס זייער צאל דערגרייכט קרוב 2,000.

אמורי אין חומש ווערט געזאגט, אז איידער די יידן זענען אריינגעקומען קיין ארץ־ישראל איז דאס לאנד באווינט גע־ווען דורך א ריי אנדערע פעלקער, צווישן וועלכע איין פאלק האט געהייסן „אמו־רי". אין בראשית י' ווערט „אמורי" פארעכנט אלס איינער פון די קינדער פון „כנען". אבער אין במדבר כ"א ווערט געזאגט, אז דאס פאלק אמורי האט געוואוינט נישט נאר אין דעם ריכטיקן ארץ־ישראל נאר אין יענער זייט ירדן, אין „עבר הירדן" און דארט איז געווען „סי־חון מלך האמורי" וועלכן די יידן האבן באזיגט און איינגענומען זיין הויפט־שטאט „חשבון". ווידער אין ספר יהושע י' ווערט געזאגט וועגן 5 מלכים פון אמור־רי וואס האבן געקיניגט אין ריכטיקן ארץ־ישראל, אין ירושלים, חברון, ירמות, לכיש און עגלון. עס ווייזט אויס, אז אמורי האט פארנומען געגנטן אין ביידע זייטן פון ירדן. — אחוץ אין תנ"ך גע־פינט מען וועגן פאלק אמורי (דארט הייסט ער „אמורו") אין די פלעקל־שריפטן פון אלטן אשור, ווי אויך אין עגיפטישע אלטע אויפשריפטן. אין דער גמרא ווערן פארשידענע אבערגלויבנס אנגערופן „דרכי אמורי" (תוספתא שבת פרק ז').

אמן ווארט, ווערט געבראכט א סך מאל אין תנ"ך, און איז שפעטער בא נוצט געווארן אלס ענטפער אויף יעדער ברכה. די באדייטונג פון דאזיקן ווארט איז נישט קלאר. מען נעמט אן, אז דער טייטש איז „געוויס! אמת!", „זיכער!", דאס הייסט, א באשטעטיקונג, אז דאס ארויסגעזאגטע דורך דעם צווייטן איז ריכטיק. מיר געפינען אין חומש דברים כ"ז, אז משה רבנו האט געהייסן די לוים ארויפגיין אויפן בארג עבל און שעלטן די אלע וואס טוען געוויסע שלעכ־טע זאכן, און דאס פאלק זאל דערויף ענטפערן „אמן!" אין ישעיה ס"ה געפי־נען מיר „הנשבע בארץ ישבע באלהי אמן" (ווער עס שווערט, וועט שווערן אין נאמען פון גאט אמן). ביז אויף היינטיקן טאג איז עס אנגענומען אז אויף די ברכות, סיי פון חזן אין שול סיי אויך ווען איינער מאכט א ברכה, ענטפערט מען „אמן". א רמז דערצו געפינט מען אין תהלים מ"א „ברוך ה' אלהי ישראל,

— אמן ואמן". די תוספתא תענית א' זאָגט אַז אין בית המקדש האָט מען נישט געענטפערט קיין „אמן" אויף די ברכות, נאָר מען האָט געזאָגט „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד". די גמרא אין שבת קי"ט זאָגט, אַז דאָס ענטפערן אמן איז אַזוי גרויס אַז „כל העונה אמן בכל כחו פותחין לו שערי גן עדן" (אמן עפנט פאַר אים די טויערן פון גן עדן). — אין די שפּעטערדיקע ספרים איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז די ראשי־תבות פון אמן איז „אל מלך נאמן".

אמנון עלטסטער זון פון דוד המלך. אין ספר שמואל ב' י"ג ווערט דערציילט דער טראַגישער סיפּור, ווי אמנון האָט זיך פאַרליבט אין זיין שוועסטער תמר און ער האָט זיך געמאַכט קראַנק און ווען זיין שוועסטער איז געקומען צו אים באַדינען האָט ער איר געשענדעט און נאָכער אַוועקגעוואָרפן; דאָס האָט אויפגעבראַכט קעגן אים זיין ברודער אבשלום, וועלכער האָט נאָכער אמנונען פאַרנאַרט צו זיך און אים געטויט. אין פּרקי אבות ה' ווערט אַ ליבע וואָס איז אָפּהענגיק פון אַ זייטיקער אורזאַך (אהבה התלויה בדבר) אָנגערופן „אהבת אמנון ותמר" (די ליבע פון אמנון און תמר), וואָס איז נישט דויערהאַפט.

אמנון פון מיינץ לעגענדאַרער קדוש, וואָס זאָל האָבן פאַרפאַסט די באַקאַנטע תפילה פון ראש השנה און יום־כפור „ונתנה תוקף". מען רופט אים דעריבער אויך „רבי אמנון בעל ונתנה תוקף". ווען ער האָט געלעבט, און צי האָט ער ווירקלעך עקזיסטירט, קאָן מען אויף זיכער נישט זאָגן. דער „שלשלת הקבלה" ברענגט פון רבי יצחק ווינא (מחבר פון „אור זרוע") אַז ער האָט געלעזן אין אַ כתב יד די באַקאַנטע לעגענדע פון רבי אמנון, אַז ער איז געווען אַ רייכער, שיינער מאַן און אָנגעזען ביים ערץ־בישאָף אין מיינץ. דער בישאָף האָט אים צוגערעדט, אַז ער זאָל זיך שמדן. ווען ער האָט אים שטאַרק צוגערעדט, האָט רבי אמנון געזאָגט, אַז ער וועט אים זאָגן ענטפער אין 3 טעג. דערנאָך האָט ער חרטה באַקומען אויף דעם, וואָס ער האָט געקאָנט נאָר דערלאָזן אַ ספק, אַז ער וועט זיך שמדן. ווען דער ערץ־בישאָף האָט נאָך אים געשיקט איז ער נישט געקומען. ווען מען האָט אים געבראַכט מיט געוואַלד האָט ער אַליין אַרויסגעגעבן אויף זיך די שטראָף, אַז מען זאָל פון אים שניידן די אברים שטיקערוויז, און אַזוי האָט מען אים געטאָן. ראש־השנה האָט ר' אמנון געבעטן, אַז מען זאָל אים פירן מיטן בעט אין שול: ביי מוסף האָט ער געבעטן, מען זאָל שווייגן און ער האָט מקדש השם געווען דורך די תפילה „ונתנה תוקף". נאָכער איז ער פאַרשוואונדען געוואָרן אַרויף אין הימל. אין דריטן טאָג איז ער געקומען צו חלום צו רבנו קלונימוס ברבי משולם און געבעטן אַז מען זאָל זאָגן דעם פּיוט ונתנה תוקף יעדן ראש־השנה און יום־כפור. — פון דער לעגענדע איז צו זען, אַז רבי אמנון האָט געלעבט לערך דעם יאָר 1000, ווייל דעמאָלט האָט, ווי באַוואוסט, געלעבט דער רבנו קלונימוס פון מיינץ. די מעשה ווערט אויך געבראַכט אין „הגהות האשרי" (אָנהויב ראש־השנה) פון רבי ישראל קרעמזיר, וועלכער האָט געלעבט אין 14טן יאָרהונדערט. מחזור־פאַרשער גלויבן, אַז דעם „ונתנה תוקף" אין איצטיקן צוזאַמענשטעל זאָל האָבן מחבר געווען רבי קלונימוס אַליין.

אמסטערדאַם די גרעסטע שטאָט אין האָלאַנד; אין די גאָר עלטערע יידישע ספרים האָט מען דעם נאָמען פון דער שטאָט געשריבן „אַמשטלרדם". זי האָט היינט 800 טויזנט איינוואוינער, און

צווישן זיי לערך 70 טויזנט יידן. די ערשטע יידישע איינוואוינער אין אַמסטערדאַם זענען געווען אַנטלאָפענע אַנוסים פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל אין ענדע פון 16טן יאָרהונדערט. זיי האָבן געגרינדעט די שול „בית יעקב’’ און זייער ערשטער רב איז געווען אַן אשכנזישער ייד, רבי משה אורי הלוי. נאָכער איז די יידישע קהלה אין אַמסטערדאַם כסדר געוואַקסן דאַדורך וואָס עס זענען כסדר צוגעקומען אַנטלאָפענע אַנוסים פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. אין 17טן יאָרהונדערט איז אַמסטערדאַם שוין געווען איינע פון די אָנגעזעענסטע יידישע קהלות אין אייראָפּע, אירע רבנים זענען געווען רבי שאול מורטירא, רבי יצחק אבוהב דע פאָנסעקא און אַנדערע. דאָרט האָט אויך געלעבט רבי מנשה בן ישראל. אין אַמסטערדאַם זענען דעמאָלט געלייגט געוואָרן אין חרם צוערשט אוריאל אַקאָסטאַ און נאָכער ברוך שפּינאָזאַ. אין דער צווייטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט האָט אין אַמסטערדאַם געפונען אַ גרויסן אָפּקלאַנג די שבתי־צבי־באַוועגונג. אין אַמסטערדאַם זענען פאַרלייגט געוואָרן די גרעסטע יידישע דרוקערייען און אין „דפוסי אַמשטרדם’’ זענען געדרוקט געוואָרן הונדערטער ספרים פון פאַרשידענעם אינהאַלט, גמרות, תנ’’ד, פּוסקים, מוסר ספרים, שאלות ותשובות. מען האָט גערופן אַמסטערדאַם „דאָס נייע גרויסע ירושלים’’. די ערשטע אשכנזישע קהלה האָט זיך דאָרט געגרינדעט אין דער ערשטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט. די קהלה האָט זיך פאַרגרעסערט נאָך די גזרות ת’’ח ות’’ט (1648) ווען אַ סך יידן זענען אַנטלאָפן פון פּוילן. אין 18טן יאָרהונדערט איז די אשכנזישע קהלה אין אַמסטערדאַם געווען גאָר אַ גרויסע און איינער פון אירע באַרימטסטע רבנים איז געווען רבי צבי אשכנזי, מחבר פון „חכם צבי’’.

אַמעריקע נאָמען פון מערבדיקן וועלט טייל פון ערד־קוגל, וואָס ציט זיך פון אייז־ים ביי צפון ביז צום דרום־ים. דער אַמעריקאַנער קאָנטינענט פאַרנעמט אַ שטח פון לערך 38 מיליאָן קוואַדראַט קילאָמעטער און ציילט לערך 180 מיליאָן איינוואוינער, צווישן זיי לערך 5 מיליאָן יידן; איבער 4 מיליאָן בלויז אין די פאַרייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע. אַמעריקע טיילט זיך אויף „צפון־אַמעריקע’’, וואָס נעמט אַרום די פאַרייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, מעקסיקאָ, און אַ ריי קלענערע רעפּובליקן, און „דרום־אַמעריקע’’, וואָס נעמט אַרום אַרגענטינע, בראַזיליע, טשילי, אורוגוויי, פּאַראַגוויי און אַ ריי קלענערע רעפּובליקן. די ערשטע יידן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין אַמעריקע זענען געווען די געהיימע יידן, אַנוסים, פון שפּאַניע וואָס זענען געפאָרן צוזאַמען מיט דער ערשטער אַנטדעקונגס־עקספּעדיציע פון קאָלומבוס אין יאָר 1492, ווען מען האָט די יידן אַרויסגעטריבן פון שפּאַניע. קאָלומבוס (וועגן וועלכן עס זענען אויך פאַראַן מיינונגען, אַז ער איז געווען אַ ייד) האָט באַקומען צו זיין עקספּעדיציע הילף פון יידן, סיי אין וויסנשאַפטלעכער פאָרם (די אַסטראָנאָמישע רייזע־טאַבעלן פון רבי אברהם זכותא) סיי אויך אין געלט (פון יידישן אנוס לואי דע סאַנטאַנגעל) און אויך מענטשן, יידן־אַנוסים וואָס זענען מיטגעפאָרן מיט אים. צווישן די 40 מאַן פון קאָלומבוסעס עקספּעדיציע זענען געווען 5 יידן, און דער ערשטער וואָס איז אַראָפּ אויף דער אַמעריקאַנישער ערד איז געווען דער יידישער אנוס לואי דע טאָריס. אַ געוויסע צייט איז אַרומגעגאַנגען אויך ביי די קריסטן די לעגענדע, אַז די אינדיאַנער אין אַמעריקע זענען די עשרת־

השבטים. דאס באזעצן זיך פון יידן אין אמעריקע האט זיך אנגעהויבן צוערשט אין דרום־אמעריקע אין בראזיליע, פעֿרו, וואו עס האבן זיך באזעצט אמייסטן אנטלאפענע אנוסים פון שפאניע און פארטוגאל. אין די פאריייניקטע שטאטן האבן זיך די ערשטע יידן באזעצט אין יאר 1654, אין ניו־יארק, וואס האט דעמאלט געהייסן ניי־אמסטערדאם. פון דעמאלט אן האט דער צופלוס פון יידן קיין אמעריקע זיך כסדר פארגרעסערט, און האט אנגענומען א מאסן־כאראקטער אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יארהונדערט און אויך אין אנהויב 20טן יארהונדערט ווי אויך נאך דער וועלט־מלחמה. וועגן די יידן אין אמעריקע געבן מיר ביי דער באשרייבונג פון יעדן לאנד באזונדער, ווי „פאריייניקטע שטאטן", „קאנאדע", „ארגענטינע", „בראזיליע", און אנדערע.

אמעריקאנער אינסטיטוציעס

וועגן די פארשידענע יידישע אינסטיטוציעס אין די פאריייניקטע שטאטן, וואס הייסן „אמעריקאנער" ווי „אמעריקאניש־יידישער קאמיטעט", „אמעריקאניש־יידישער קאנגרעס" און אזוי ווייטער זע „פאריייניקטע שטאטן".

אמציה מלך פון לאנד יהודה לערך אין אנהויב פון 8טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. ער האט מלחמה געהאלטן מיטן לאנד אדום און האט עס באזיגט. נאכער האט ער געפירט מלחמה מיט יואש מלך ישראל, און ער האט געליטן א גרויסע מפלה; ירושלים די הויפטשטאט איז איינגענומען געווארן דורך דעם מלך ישראל, און דעמאלט האט אמציה פארלוירן זיין טראן; ער איז אנטלאפן קיין לכיש, וואו מען האט אים געטויט.

אמרפל זע „חאמוראבי".

אמת (ווארהייט). אין דער יידישער רעליגיע און עטיק שפילט די מידה פון אמת א זייער גרויסע ראלע. שוין אין תנ"ך געפינען מיר וועגן גאט „ה' אלהים אמת" (ירמיהו י'); אין תהלים קמ"ו ווערט וועגן גאט געזאגט „השומר אמת לעולם" (ער היט דעם אמת אייביק). וועגן די אפגעטער ווערט געזאגט אין דברי הימים ב' „לא אלהי אמת", אז זיי זענען נישט די געטער פון אמת. אין דער גמרא יומא ס"ט ווערט געבראכט אז „חותמו של הקדוש ברוך הוא אמת" (דער חותם פון גאט איז אמת). מיר געפינען אין פרקי אבות א' זאגט דער תנא רבן שמעון בן גמליאל, אז איינע פון די דריי זאכן אויף וועלכע די וועלט שטייט איז „אמת". אין זעלבן פרקי אבות ה' ווערט גערעכנט צווישן די מעלות פון א חכם, אז ער איז א „מודה על האמת" (ער אנערקענט די ווארהייט). אלס קעגנזאץ צום „אמת" איז דער „שקר", און דער חומש שמות כ"ג זאגט אז „מדבר שקר תרחק" (פון פאלשע רייד זאלסטו דערווייטערן). און עס איז אויך פאראן א פארבאט אין ויקרא י"ט „ולא תשקרו איש בעמיתו" (איר זאלט נישט פאלש זיין איינער צום צווייטן). אין דער גמרא שבת ס"ד ווי אויך אין א סך גמרא־ערטער ווערן געבראכט דרשות וועגן אמת און שקר.

אנאגראם א גריכיש ווארט און איז דער טייטש „די איבערשטעלונג פון בוכשטאבן אין א ווארט". מען געפינט אז אויך אין תנ"ך זענען פאראן אנאגראמען. למשל אין בראשית ו' איז פאראן „נח מצא חן" (נח האט געפונען חן), אלזא, דא זענען איבערגעשטעלט די ח' און נ' אין די ווערטער פון „נח" און „חן". אזוי איז פאראן אין ישעיה ס"א „פאר תחת אפר" („פאר" און „אפר" האבן די זעלבע בוכשטאבן, נאר אומגע־

שטעלט). דאָס זעלבע איז פאַראַן אין דברי הימים א׳ „ואמו קראה שמו יעבץ לאמר כי ילדתו בעצב״ (אַלזאָ, אויך דאָ איז אומגעשטעלט „יעבץ״ אין „עצב״). איבערהויפּט שפּילט דער אַנאַגראַם אַ גרויסע ראָלע אין דער קבלה און אין קמיעות. אין דער קבלה הייסט עס „תמורה״ (אויסטויש), און דער מנהג צו לערנען משניות נאָך אַ טויטן ווערט אין דער קבלה דערקלערט דערמיט וואָס „משנה״ האָט די זעלבע אותיות וואָס „נשמה״.

אַנאָנימען ביכער, וואָס האָבן נישט קיין נאָמען פון מחבר. אין דער העברעאישער ליטעראַטור (פון די גאָר עלטסטע צייטן אָן ביז דער נייעסטער צייט) און אין דער יידישער ליטעראַטור זענען פאַראַן אַ סך אַנאָנימע ספרים און ביכער. שוין אין חומש במדבר כ״א ווערט געבראַכט אַ ספר „מלחמות אדוני״ און אין יהושע י׳ אַ „ספר הישר״ וואָס זענען אַנאָנים. אין אַ געוויסער מאָס זענען אויך אַ סך תנ״ך־ספרים אַנאָנים, ווי רות, איכה, איוב און אויך די נביאים הראשונים. פון דער צייט פון בית שני זענען פאַראַן אַ סך אַנאָנימע יידישע ביכער אין דער גריכישער שפראַך, דער גרעסטער טייל „אַפאָקריפן״ (כתובים אחרונים). אויך אַ גרויסער טייל פון די תלמודישע ספרים, די מדרשים, און נאָך חתימת התלמוד די אַלע עלטערע מיסטיק־ספרים, ווי „ספר יצירה״, „שיעור קומה״, און דאָס היסטאָרישע „ספר הישר״ און אַנדערע זענען אַנאָנים. וואָס ווייטער צו דער נייער צייט אַלץ גרעסער ווערט די צאָל פון אַנאָנימע ספרים און ביכער אין העברעאיש, און באַזונדערס גרויס איז זייער צאָל אין דער יידישער שפראַך. געוויסע זאַמלונגען פון די העברעאישע אַנאָנימען האָבן פאַרצייכנט די גרויסע ביבליאָגראַפן אין זייערע קאַטאַלאָגן, ווי שטיינשניידער, בן יעקב („אוצר הספרים״), צעדנער און אַנדערע. אין דער יידיש־ענגלישער ענציקלאָפעדיע איז פאַראַן אַ גאַנצע רשימה פון העברעאישע אַנאָנימען ביז צום יאָר 1875. וועגן אַנאָנימען אין דער יידישער שפראַך האָט אָפגעדרוקט אַ רשימה רייזן אין זיין לעקסיקאָן פון יאָר 1914 צום סוף.

אַנוסים אויך „מאַראַנען״, יידן, וואָס זענען געצוואונגען געוואָרן צו שמדן זיך און אין געהיים זענען זיי טיילמאָל געבליבן יידן, אָפגעהיט געוויסע יידישע מצוות. פון וואַנען עס שטאַמט דאָס וואָרט מאַראַנען (מאַראַנעס) איז נישט באַקאַנט. עס איז פאַראַן אַ ניט־וואָרשיינלעכע השערה, אַז דאָס איז פון אַראַמעאישן „מרן אתא״ (דער הער איז געקומען) דאָס הייסט, אַז דער משיח איז שוין געקומען. וועגן אנוסים ווייסט מען שוין זינט גאַנץ אַלטע צייטן. אָבער אין אַ גרויסער צאָל טרעפט מען זיי אין דער יידישער געשיכטע זינט דעם יאָר 1391 (קנ״א) אין שפאַניע, ווען עס זענען דאָרט פאָרגעקומען גרויסע שחיטות אויף יידן און אַ סך יידן האָבן זיך געשמדט כדי אויסצומיידן די פאַרפאָלגונגען. פיל פון זיי האָבן אָבער אין געהיים ווייטער אָפגעהיטן דאָס יידישקייט. די אַנוסים האָבן, אַ דאַנק זייער בילדונג און געשעפטס־פייאיקייטן, פאַרנומען שנעל די העכסטע שטעלונגען אין שפאַניע, סיי אַלס געלערנטע, דיכטער, שריפטשטעלער, גרויסע סוחרים און פינאַנסיסטן, דאָקטורים־מעדיקער, פראָפעסאָרן, מאַטעמאַטיקער, אַסטראָנאָמען, הויכע מיליטער־לייט, גענעראַלן, אַדמיראַלן, דיפלאָמאַטן, הויכע רעגירונגס־באַאַמטע און אויך זאָגאַר אַלס הויכע גייסטלעכע, בישאָפן, קאַרדינאַלן און אַזוי גלחים. דאָס וואָס די אַנוסים האָבן פאַרנומען אַזעל־

כבע שטעלונגען, האט ארויסגערופן צו זיי קנאה און שנאה פון די איבעריקע איינוואוינער אין שפאניע, די ריכטיקע קריסטן, א דערשיינונג, וואס איז שפעטער צו באמערקן אויך אין אנדערע לענדער צו משומדים, וואס האבן זיך ארויפגעארבעט. עס זענען פארגעקומען גרויסע פאגראמען אין שפאניע דוקא געווענדט קעגן די אנוסים. מען האט זיי גערודפט נאכמער ווי די אמתע יידן. די פארמעלע מאטיוון צו די דאזיקע פאגראמען זענען געווען, אז די אנוסים היטן נישט אפ די קריסטלעכע רעליגיע, אז זיי מאכן חוזק פון קריסטנטום וכדומה; אבער די אינערלעכסטע באוועג־גרינדן זענען געווען עקאנאמיש־געזעלשאפטלעכע; עס איז געווען די גרויסע קאנקורענץ, וואס די איינגעבוירענע קריסטן האבן דערזען אין די פייאיקע אנוסים־פאמיליעס. ספעציעל זענען פארשטארקט געווארן די רדיפות זינט עס איז איינגעפירט געווארן די אינקוויזיציע אין שפאניע אין יאר 1480, וועלכע האט אנגעהויבן מיט די שרעקלעכסטע פייניקונגס־מעטאדן אויסצופארשן ווער פון די אנוסים עס האלט אין געהיים יידישקייט.— די צאל פון די אנוסים האט זיך באדייטנד פארגרעסערט אין שפאניע נאכן גרוש אין יאר 1492, ווען א סך יידן האבן פארלאזט דאס לאנד, אבער א סך זענען פארבליבן און אנגענומען די קריסטלעכע רעליגיע. די דאזיגע אנוסים זענען אין גרעסטן טייל ווירקליך אסימילירט געווארן און פארשוואונדן געווארן אין דער קריסטלעכער געזעלשאפט. שוין דאס אליין, וואס האבנדיק די מעגלעכקייט צו פארלאזן דאס לאנד, זענען זיי פארבליבן, האט אין זיי אפגעטויט דאס בונד־געפיל צו יידישקייט. איצט ווייסט מען אין שפאניע כמעט גארנישט פון אנוסים. דאקעגן איז דעמאלט געשאפן געווארן אן אנדער באדייטנד וויכטיגער אנוסים־צענטער, וואס איז פארבליבן ביז אויף היינטיקן טאג, אין פארלויף פון העכער 400 יאר. דאס איז געווען דאס לאנד פארטוגאל. אין פארטוגאל איז די לאגע געווען א גאנץ אנדערע ווי אין שפאניע. קיין פארטוגאל זענען אין יאר 1492 געקומען א סך יידן וואס זענען ארויסגעטריבן געווארן פון שפאניע. אבער אין יאר 1497 איז ארויס די גזירה, אז אויך פון פארטוגאל ווערן אלע יידן ארויסגעטריבן, און דערביי איז צוגעגעבן געווארן א פונקט, אז אלע יידישע קינדער אין עלטער פון 4 ביז 20 יאר ווערן מיט געוואלד אוועקגענומען פון זייערע עלטערן און אפגעשמדט. אחוץ דעם איז בכלל דער גאנצער גירוש פון פארטוגאל נישט געווען קיין גירוש. מען האט באמת קיין יידן פון דארט נישט ארויסגעלאזט (נאר מיט גאר גרויסע שוועריקייטן); מען האט אלע יידן מיט צוואנג אפגעשמדט. דארט זענען אזוי ארום געבליבן אלע יידן, די פשוטע, פרומע יידן, נישט ווי אין שפאניע, וואו עס זענען פארבליבן בלויז די רייכע פילאזאפירנדע אינטעליגענץ. דא האט דער קאמף קעגן די אנוסים אנגעטראפן אויף א העפטיקערן ווידערשטאנד. די אנוסים האבן איינפאך ווייטער געלעבט לויט דער יידישער רעליגיע, מל געווען די קינדער, געגעסן פלייש נאר פון יידישער שחיטה, אפגעהיט די ימים־טובים און שבתים. די אינקוויזיציע איז איינגעפירט געווארן אין יאר 1531, און פון דעמאלט אן האט דאס יידישע לעבן פון די אנוסים געמוזט אנהויבן ווערן שטארק פארבארגן. א סך האט מען אנטדעקט און פארברענט; א סך זענען אנטלאפן. אבער א גרויסער טייל האט אין געהיים ווייטער זיך באמיט צו דערהאלטן געוויסע יידישע מנהגים. די העבראישע שפראך

האָבן זיי פאַרגעסן; זיי האָבן דעריבער טייל יידישע תפלות דערהאַלטן אויף פאַרטוגעזיש. דער עיקר האָבן זיך פאַרנומען מיט אויפהאַלטן די שפּורן פון דער יידישער רעליגיע די עלטערע פרויען, די „חזנטעס", וואָס האָבן אין געהיים געלערנט מיט די ייִנגערע אַנוסים דאָס וואָס איז בײַ זיי פאַרבליבן אין זכרון פון די יידישע מנהגים. די ליידן פון די אנוסים דורך דער אינקוויזיציע זענען געווען זייער גרויס; אָבער עפּעס איז געבליבן פון זייער יידישקייט ביז אויף הײַנטיקן טאָג. אין יאָר 1912 האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט די אנוסים אין פאַרטוגאַל פּראָפעסאָר נחום סלושץ, נאָכער אינזשעניער שמואל שוואַרץ (א ייד פון לאָדז, פּוילן), וועלכן עס איז געלונגען זיך צו באַקענען מיט א רײַ אנוסים־פאַמיליעס און האָט זיך באַקענט מיט זייער לעבן. ער האָט אָנגעשריבן וועגן זיי א בוך אויף פאַרטוגעזיש. שוואַרץ האָט אין זײַן בוך צונויפגעזאַמלט אַלע יידישע תפלות וואָס עס איז פאַרבליבן בײַ די אנוסים (אויף פאַרטוגעזיש, און נאָר זעלטן איז פאַראַן א העברעאיש וואָרט ווי „אדוני"), ווי אויך אַלע זייערע מנהגים (אָפּהיטן שבת, פסח, יום־כפור, חלה נעמען וכדומה). די ווירקונג פון דעם פאַראינטערעסירן זיך מיט די דאָזיקע אנוסים, וועמענס צאָל עס ווערט געשאַצט אויף איבער 50 טויזנט (אַמייסטן וואוינען זיי אין די שטעט און שטעטלעך און דערפער אין צפון־פאַרטוגאַל און זייער צענטער איז די שטאָט פּאָרטאָ) איז געווען אַזוי גרויס, אַז טייל אנוסים האָבן זיך עפנטלעך מגייר געווען (קאַפּיטאַן דע באַראָס) און אָנגענומען דאָס אידנטום. — וועגן דעם אַמאָליקן פּײַנפולן געהיימען לעבן פון די אנוסים און די צרות וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין פון דער אינקוויזיציע זענען געשריבן געוואָרן פיל דערציילונגען („בעמק הארזים" פון אַגילאַר, „שפּאַנישע אינקוויזיציע" פון לעמאַן און אַנדערע), און עס זענען אויך געשאַפן געוואָרן קונסט־בילדער (מיימאָן, „דער סדר בײַ די אנוסים"). — וועגן די הײַנטיקע אנוסים אין פאַרטוגאַל איז אַמוויכטיקסטן דאָס ווערק פון שמואל שוואַרץ אויף פאַרטוגעזיש, וואָס מיר ברענגען אויבן; פּראָפעסאָר נחום סלושץ האָט פאַרעפנטלעכט אויף העברעאיש אין די זאַמלביכער „רשומות" (בענד ה' און ו') וואָס זענען דערשינען אין די יאָרן תרפ"ח און תר"ץ אין תל־אביב א גרויסע אָפּהאַנדלונג „האנוסים בפורטוגאל", אין וועלכע ער גיט וועגן די מנהגים און תפלות פון די אנוסים.

אַנטאָקאָלסקי מרדכי (1843 — 1902), סקולפּטאָר אין רוסלאַנד, **געבוירן** אין ווילנע. זײַנע ערשטע אַרבעטן זענען געווען בילדער פון יידישן לעבן, ווי „א יידישער שנײַדער", „דער חריף און דער בקי", „דער אָנפאַל פון אינקוויזיציע אויף אנוסים", „נתן דער חכם"; נאָכער האָט ער געגעבן זײַנע באַרימטע טיפּן „משה", „שמשון", „דבורה", „שײַלאָק"; „שפּינאָזא"; שפּעטער האָט ער זיך באַרימט געמאַכט מיט זײַן רוסישן בילד „איוואַן דער גרויזאַמער", פאַרשטעלנדיק דעם אַכזריותדיקן צאַר איוואַן ווי ער טוט תשובה מיט א תהלים אין דער האַנט; ער האָט אויך געשאַפן די בילדער „קריסטוס", „דער טויט פון סאָקראַטעס" און אַנדערע.

אַנטווערפּן זע „בעלגיע".

אַנטונינוס נאָמען פון א רוימישן קייזער אין 2טן יאָרהונדערט; אין דער גמרא עבודה זרה י"א ווי אויך אין מדרש אסתר רבה א', מכילתא בשלח און פיל אַנדערע ערטער ווערט געבראַכט וועגן דער פרײַנטשאַפט פון קייזער אַנטונינוס

מיט דעם מסדר המשנה רבי יהודה הנשיא, רבי. עס ווערן דארט געבראכט אויך געשפרעכן וואס אנטונינוס האט געהאט מיט רבי, ווי אויך פאליטישע עצות וואס רבי האט דעם רוימישן קייזער געגעבן. — וועלכן רוימישן קייזער מיינט מען מיט דעם דאזיקן אנטונינוס? וועגן דעם איז פאראן א גרויסע מיינונגס-פארשידנקייט צווישן די געלערנטע היסטאריקער. יאסט האלט, אז דאס איז דער רוימישער קייזער קאראקאלא, וואס האט געהערשט פון יאר 188 ביז 217; טייל מיינען, אז דאס איז געווען דער רוימישער קייזער אנטאנינוס פיוס וואס האט געהערשט פון 138 ביז 161; ראפאפארט („ערך מלין") האלט אז דאס מיינט מען דעם קייזער און פילאזאף מארקוס אוירעליוס, וועלכער האט אויך געהייסן אנטאנינוס, און האט געהערשט פון 161 ביז 180.

אנטיגנוס איש סוכו אין פרקי אבות א' ווערט דערציילט, אז אין די ערשטע צייטן פון 2טן בית המקדש איז געווען דער גייסטיקער פירער פון די יידן אנטיגנוס איש סוכו, א תלמיד פון שמעון הצדיק. לויט טייל השערות האט ער געלעבט לערך 200 יאר פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. פון אנטיגנוס איז געבליבן אין פרקי אבות דאס דערהאבענע מאראלישע לערן-ווארט: „אל תהיו כעבדים המשמשין את רבן על מנת לקבל פרס, אלא היו כעבדים המשמשין את רבן שלא על מנת לקבל פרס ויהי מורא שמים עליכם" (איר זאלט נישט זיין ווי די קנעכט וואס דינען זייער האר כדי צו באקומען באלוינונג, נאר איר זאלט זיין ווי די קנעכט וואס דינען זייער האר נישט צו באקומען באלוינונג און די מורא פאר גאט זאל זיין אויף אייך). דאס איז יענע דערהאבענע לערע, וואס האט שפעטער געשפילט א גרויסע ראלע אין דעם יידישן מוסר וועגן דינען גאט מאהבה פון ליבע, נישט פאר עולם הבא וועגן. אין „אבות דרבי נתן" ווערט דערציילט אז אנטיגנוס האט געהאט צוויי תלמידים „צדוק" און „ביתוס", וועלכע הערנדיק די דאזיקע לערע פון זייער רבי און נישט פארשטייענדיק איר ריכטיקן זין, האבן זיי דערקלערט אז עס איז אין בערהויפט נישט פאראן קיין „יענע וועלט" (עולם הבא) און האבן געגרינדעט די סעקטעס „צדוקים" און „ביתוסים".

אנטיוכוס (אנטיאכוס), נאמען פון גריכיש-העלענישע קעניגן וואס האבן געהערשט אין סיריע און אויך אין ארץ-ישראל אין דער צייט פון 2טן בית המקדש און טייל פון זיי האבן געשפילט א גרויסע ראלע אין דער יידישער געשיכטע. זיי האבן אלע געהערט צו דער דינאסטיע סעלעאוקידן. זייער הויפטשטאט איז געווען אנטיאכיא אין סיריע. דער שרעקלעכסטער קעניג פון זיי איז געווען אנטיוכוס עפיפאנעס, וועמענס נאמען איז פארצייכנט אין דער יידישער געשיכטע אלס באצייכענונג פון רשעות. אין מדרש ווערט ער אנגערופן „אנטיוכוס הרשע". ער האט אין יאר 166 (פאר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג) אלס הערשער איבער ארץ-ישראל גוזר געווען אויף די יידן די גזירה אז זיי מוזן אנעמען די גריכישע רעליגיע. דעמאלט איז עס פארגעקומען דער גרויסער אויפשטאנד פון די „חשמונאים"-העלדן וועלכע האבן באזיגט דאס סירישע מיליטער און נאך לאנגע מלחמות באפרייט ארץ-ישראל. די לעגענדע איז, אז ער האט פארן טויט תשובה געטאן און חרטה געהאט אויף זיין רשעות צו יידן. — זע „חנוכה", „חשמונאים".

אַנטיסעמיטיזם דאָס וואָרט באַשטייט פון „אַנטי״ וואָס איז דער טייטש אויף גריכיש „קעגן״, און „סעמיטיזם״, וואָס הייסט: כאַראַקטער פון די אָפּשטאַמענדע פון „שם״; איז אַלגעמיין ווערט דער אויסדרוק אַנטיסעמיטיזם באַנוצט נישט אַלס שנאה צו אַלע סעמיטישע פעלקער (אַראַבער, סיריער וכדומה), נאָר בלויז אַלס „שנאה צו יידן״. דער אַנטיסעמיטיזם (כאָטש דאָס וואָרט איז נײַ) איז זייער אַלט, כמעט אַזוי אַלט ווי דאָס יידישע פאָלק איז. שוין אין מצרים ווערט דערציילט אין חומש שמות א׳ ווי די מצריים האָבן פיינט געהאַט די יידן און געזוכט דורך פאַרשידענע גזירות זיי צו פאַרפּייניקן. די שנאה צו יידן ביי פאַרשידענע פעלקער ציט זיך דורך דער גאַנצער געשיכטע. די מיינונגען וועגן די סיבות זענען צעטיילט. נאַטירלעך, די אַנטיסעמיטן דערקלערן עס דערמיט וואָס די יידן זענען אַ „נידעריקערע ראַסע״ מיט „שלעכטע נייגונגען און אייגנשאַפטן״, וועלכע דערוועקן „אינסטינקטיוו״ ביי די פעלקער פון אַ העכערער ראַסע שנאה צו זיך. פון דער יידישער זייט אָבער דערקלערט מען די סיבות פון דער שנאה גאַנץ אַנדערש; שוין אין דער גמרא געפינען מיר די ווערטער „בידוע שעשיו שונא ליעקב״, אַז עס איז אַ באַקאַנטע זאַך, וואָס דער נישט־ייד האָט פיינט דעם ייד. מען דערקלערט די סיבות פון דער שנאה „היסטאָריש״ און „פּסיכאָלאָגיש״. עס איז די פּסיכאָלאָגישע נייגונג, דאָס געפיל פון יעדן שטאַרקערן, פון יעדער מערהייט, צו האָבן אַ געוויסע פיינטשאַפט צו דער מינדערהייט, צום שוואַכערן, דערפאַר ווייל די מינדערהייט איז „אַנדערש״. היסטאָריש ווידער לאָזט זיך די שנאה צו יידן דערקלערן קודם כל צוליב דעם רעליגיעזן אונטערשיד (שנאת הדת) און אויך צוליב דעם וואָס יידן, לעבנדיק אַלס נאַציאָנאַל פאָלק צווישן אַנדערע פעלקער און שפּירנדיק זיך געדריקט, האָבן געמוזט אין זיך אַנטוויקלען גרעסערע פייאיקייטן אין האַנדל, אין מלאכה, און אַזוי אַרום אַרויסגערופן קעגן זיך אויך די קאָנקורענץ שנאה. דאָס איז די נייע פּסיכאָלאָגישע טעאָריע פון געלערנטן אַלפרעד אַדלער וועגן „מינדערווערטיקייטס־עמפּינדונג״ וואָס רופט אַרויס קעגן־אַקציע פון דוקא זיך אַרויסווייזן פייאיקער און בעסער. די מיינונגען וועגן די סיבות פון אַנטיסעמיטיזם זענען אויך צווישן יידן זעלבסט פאַרשידענע; אַנדערש באַטראַכטן די דערשיינונג פון אַנטיסעמיטיזם אַסימילאַטאָרן און אַנדערש נאַציאָנאַליסטן, און באַזונדערס ציוניסטן, וועלכע האַלטן, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט נישט אויפהערן אַזוי לאַנג ווי יידן וועלן נישט האָבן אַן אייגענעם יידן־שטאַט, אַן אייגן לאַנד, און דער גרויסער טייל יידן פון די גלות־לענדער וועלן זיך דאָרט נישט באַזעצן. — דער אַנטיסעמיטיזם האָט אַרויסגערופן פון דער יידישער זייט (און טיילמאָל אויך פון נישט־יידן) אַ גרויסע צאָל „אַפּאָלאָגעטישע״ ביכער, וואָס פאַרטיידיקן די יידן קעגן די אַנטיסעמיטישע טענות, אָנווייזנדיק אויף זייער נישט־ריכטיקייט. איינע פון די סאַמע ערשטע אַפּאָלאָגעטישע ווערק איז דאָס באַרימטע בוך „קעגן אַפּיאָן״ געשריבן דורך דעם יידישן היסטאָריקער יוסף פלאַוויוס (אין 1טן יאָרהונדערט). מען קאָן זאָגן אַז אין „קעגן אַפּיאָן״ זענען פאַראַן די הויפּט־יסודות פון אַלע שפּעטערדיקע אַפּאָלאָגעטישע יידישע ענטפערס.

אַנטראָפּאָלאָגיע די אַנטראָפּאָלאָגיע פון יידן באַשעפטיקט זיך הויפּטזעכלעך מיט דער ראַסן־אָפּשטאַמונג פון יידן, מיט פאָרשן זייער אַנאַטאָמישן קערפּער־

בוי, די פארשידענע יידישע טיפן. טייל געלערנטע (זייער צאל איז זייער א קלײנע) האלטן, אז די יידן זענען ריין אין זייער ראסן־אפשטאמונג, אז א דאנק דעם יידישן רעליגיעזן פארבאט נישט חתונה צו האבן מיט מענטשן פון אנדערע רעליגיעס האט דאס יידישע פאלק אפגעהיטן אלע זיינע ראסן־אייגנשאפטן זייט טויזנטער יארן, און זיי זענען די אייניקלעך פון יענע יידן פון ארץ־ישראל פון די צייטן פון תנ’’ך און שפעטער. דאס וואס אין פארלויף פון די טויזנטער יארן האבן זיך דאך אויסגעמישט מיטן יידישן פאלק מענטשן פון אנדערע פעלקער דורך מגייר זיין זיך וכדומה, גלויבן די דאזיקע געלערנטע, אז דאס זענען געווען גאנץ זעלטענע פאלן און האבן נישט קיין גרויסע באדייטונג. אנדערע געלערנטע האלטן, אז די יידן זענען אין אנטראפאלאגישן זין נישט קיין איינהייטלעך פאלק, אז צו די יידן איז אין פארלויף פון דער צייט יא צוגעקומען א סך עלעמענטן פון אנדערע פעלקער און טייל געלערנטע גייען זאגאר אזוי ווייט און גלויבן, אז למשל די יידן אין פוילן און רוסלאנד שטאמען גארנישט פון ארץ־ישראל נאר פון די כוזרים און אנדערע שבטים און פעלקער. יעדנפאלס טיילן די געלערנטע די יידן אין אנטראפאלאגישן זין אין א גאנצער ריי טיפן, ספעציעל אין דעם ספרדישן, וואס נעמט ארום די ספרדישע יידן און זענען נאענט צו דער אראבישער ראסע, און דעם אשכנזישן (יידן אין פוילן, דייטשלאנד און מיטלאייראפעאישע לענדער) וואס האט אין זיך פיל פון דער אינדא־אייראפעאישער ראסע. עס זענען אויך פאראן די „תימנישע’’, „קאווקאזישע’’ און אנדערע קלענערע צאל יידן פון פארשידענע טיפן.

אנטראפאמארפיזם (פארשטעלונג פון גאט אין מענטשלעכער געשטאלט; אויף העבראיש הייסט עס „הגשמה’’); אויך „אנטראפאפאטיע’’, דאס הייסט פארשטעלן גאט מיט מענטשלעכע געפילן, אייגנשאפטן; אין חומש און איבערהויפט אין גאנצן תנ’’ך זענען פאראן געוויסע אויסדרוקן וועגן דער געטלעכקייט, וואס קלינגען אנטראפאמארפיסטיש, דאס הייסט, ווי גאט האט מענטשלעכע אייגנשאפטן. אזוי געפינען מיר אפט אין תנ’’ך די אויסדריקן „יד ה’ ’’ (גאטס האנט), „וידבר ה’ ’’ (גאט האט גערעדט), „וינחם ה’ ’’ (גאט האט חרטה געהאט). פון דער צווייטער זייט אבער ווערט שוין אין חומש דברים ד’ אונטערגעשטראכן „כי לא ראיתם כל תמונה’’, אז גאט באזיצט נישט קיין געשטאלט. די פראגע, צי איז די יידישע רעליגיע קעגן יעדן אנטראפאמארפיזם, דאס הייסט קעגן פארשטעלן גאט מיט מענטשלעכע אייגנשאפטן, האט געשפילט א גרויסע ראלע אין דער געשיכטע פון דער רעליגיעזער פילאזאפיע. פילאן איז געווען קעגן יעדן אנטראפאמארפיזם. דער רמב’’ם (אין 12טן יארהונדערט) איז אין דער הינזיכט געווען גאנץ שטרענג און האט אלס איינעם פון די עיקרים פון דער יידישער רעליגיע אוועקגעשטעלט אלס דריטן עיקר, אז גאט איז „אינו גוף ולא כח בגוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף’’, דאס הייסט, אז די געטלעכקייט האט גארנישט פון די אייגנשאפטן פון די קערפער. דאס וואס עס זענען פאראן אין תנ’’ך די אויסדריקן „יד ה’ ’’ (גאטס האנט), „וידבר ה’ ’’ (גאט האט גערעדט) דערקלערט דער רמב’’ם (און אין דער הינזיכט האט ער געהאט אלס פארגייער פילאן און זיין אלעקסאנדרישע שולע), אז דאס איז „בדרך השאלה’’, אדער ווי די גמרא זאגט

„דיברה תורה כלשון בני אדם", די תורה באַנוצט זיך מיט אַזעלכע אויסדריקן, נאָר כדי דער מענטש זאָל זיי פאַרשטיין. לויטן רמב"ם זענען די וואָס גלייבן אין „הגשמה", מינים. אָבער דער ראב"ד (רבי אברהם בן דוד), טרעט אַרויס קעגן דעם דאָזיקן עיקר. דער ראב"ד זאָגט נישט, אַז מען דאַרף יאָ „מגשים־זיין" די געטלעכקייט, יאָ פאַרשטעלן גאָט מיט מענטשלעכע אייגנשאַפטן, אָבער ער זאָגט (אין זיינע „השגות" צום רמב"ם הלכות תשובה ג'), אַז „גדולים וטובים ממנו" (גרעסערע און בעסערע פון אים, פון רמב"ם) האָבן יאָ געגלייבט אין הגשמה, דאָס הייסט, אַז ווען איינער גלייבט אין דעם איז ער נישט קיין מין. אויך רבי יהודה הלוי (אין אָנהויב 12־טן יאָרהונדערט) אין ספר „הכוזרי", מאמר ד' האַלט אויך אַז מען קאָן טייטשן פשוט די ערטער פון תנ"ך ווי „בתמונת ה' יביט" וכדומה און זיין אַ ייד. אחוץ דעם איינפאַכן אַנטראָפּאָמאָרפיזם איז אויך געווען אַ גאַנצע חילוקי דעות ביי די רעליגיעז־יידישע פילאָזאָפן וועגן די אייגנשאַפטן פון גאָט, די „אַטריבוטן", די „תארים", מיט וועלכע מען באַשרייבט גאָט, למשל, אַז ער איז אַ „רחום וחנון" (אַ באַרמהאַרציקער), אַ גוטער. — אויך אין דער מאָדערנער העברעאישער יידנטום־פילאָזאָפיע איז פאַראַן אַ חילוקי דעות וועגן דער דאָזיקער פראַגע, צי די „שלילת הגשמיות" (דאָס נישט דערלאָזן קיין אַנטראָפּאָמאָרפיזם) איז אַן עיקר פון יידנטום צי נישט. אחד העם איז דורכאויס פאַר „שלילת הגשמיות" אַלס עיקר פון יידנטום (אין זיין „על שתי הסעיפים"). קעגן אים איז אַרויסגעטרעטן ש. י. איש הורוויץ אין זיין „הרחבת הגבולין" („מאין ולאן", בערלין תרע"ד).

אַנסקי ש. (1863 — 1920), פסעוודאָנים פון שלמה זיינוויל ראַפּאַפּאָרט; יידישער סאָציאַליסטן־פירער, שריפטשטעלער (מחבר פון „דיבוק" און אַנדערע ווערק) און פאָלקלאָר־זאַמלער. אַנסקים ווערק אויף יידיש זענען דערשינען אין 15 בענדער געזאַמלטע שריפטן. זיי אַנטהאַלטן חסידישע דערציילונגען, נאָוועלן, דער „חורבן גאַליציע", הומאָרעסקן און לידער, „זכרונות" (וואו עס איז אויך פאַראַן אַן אויטאָביאָגראַפיע פון מחבר), פאָלקלאָר. אַמייסטן איז פּאָפּולער די דראַמע „דיבוק", וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן דאָס ערשטע מאָל אויף יידיש אין וואַרשע אין יאָר 1920, און נאָכער אויף די באַדייטנדסטע וועלטבינעס, אויף העברעאיש דורך דער „הבימה", אויף דייטש דורך ריינהאַרט, אויף פּויליש און אויך אַנדערע שפּראַכן (ענגליש, פראַנצויזיש). אין „דיבוק" האָט אַנסקי צונויפגעזאַמלט פיל יידישע פאָלקס־גלייבנס, לעגענדעס פון קדושים, חתונה־מנהגים, חסידישע אמונה אין כוח פון רביים, בטלנים־שמועסן אין חסידים־שטיבלעך, און פון דעם אַלעם געשאַפן אַ מיסטעריע פון מיסטיש־סימבאָלישן כאַראַקטער. דער „דיבוק" (געדרוקט אויף יידיש אין ווילנע, יאָר 1919) באַשטייט פון 4 אַקטן.

אנשי כנסת הגדולה זע „כנסת הגדולה".

אָסאָ מלך אין לאַנד יהודה, געקיניגט אין דער צייט פון 1טן בית המקדש. וועגן אים ווערט דערציילט, אין ספר מלכים א' ט"ז, אַז ער איז געווען אַ פרומער מלך און האָט אָפּגעהיט די געבאָטן פון גאָט. ער האָט אויך געבויט פעסטונגען אין לאַנד יהודה און געפירט מלחמה קעגן די כושים, ווי אויך קעגן לאַנד ישראל, וואו עס האָט דעמאָלט געהערשט

דער מלך בעשא. דער תנ״ך דערציילט, אַז ווען אסא איז געשטאָרבן איז דער טרויער געוואָרן אַזוי גרויס אַז „וישרפו לו שרפה גדולה“ (מען האָט פאַר אים אָנגעצונדן גרויסע פייערן.

אַסטראָלאָגיע באַדייט דאָס „וויסן דעם גורל פון אַ מענטש לויט דעם צושטאַנד פון די הימל־שטערנס“. מען נעמט אָן, אַז די ערשטע לערעס פון אַסטראָלאָגיע, שטאַמען פון אַלטן בבל; ביי די רוימער האָבן די אַסטראָלאָגן געהייסן „כאַלדעער“ (דאָס הייסט כשדים, „פון בבל“). אין תנ״ך הייסן די אַסטראָלאָגן „הברי שמים“ (ישעיה מ״ז). אין דער גמרא בבא בתרא ט״ז און אַנדערע ערטער הייסט עס „איצטגנינות“ און די גמרא זאָגט דאָרט, אַז אברהם אבינו איז געווען אַן אַסטראָלאָג. אין שבת קנ״ו זאָגט די גמרא „אין מזל לישראל“, דאָס הייסט, אַז אויף יידן האָבן די שטערנס נישט קיין איינפלוס. אין טייל ערטער אין ירושלמי עבודה זרה ב׳, בראשית רבה א׳ און אַנדערע הייסט עס אויך „אַסטרולוגיא“. אין פּסחים קי״ג זאָגט די גמרא „אין שואלין לכלדאין“; אַז מען טאָר נישט פרעגן קיין צוקונפט ביי אַסטראָלאָגן, און דאָ באַנוצט די גמרא דעם רוימישן אויסדרוק „כאַלדעער“. אין מיטלאַלטער געפינען מיר גרויסע יידישע חכמים, וואָס האָבן געגלויבט אין אַסטראָלאָגיע. אין דער „ברייתא דשמואל“ (וואָס שטאַמט פון לערך דעם 7טן יאָרהונדערט) איז פאַראַן אַסטראָלאָגיע. שפּעטער זענען געווען אַסטראָלאָגן די יידישע חכמים רבי אברהם בר חייא הנשיא (אין 11טן יאָרהונדערט), דער אבן עזרא (אין 12טן יאָרהונדערט), דער מחבר פון „יוחסין“ רבי אברהם זכותא; דער רמב״ם האָט באַטראַכט די אַסטראָלאָגיע אַלס אַבערגלויבן.

אַסטראָנאָמיע וועגן דעם אַנטייל פון יידן אין אַסטראָנאָמיע איז געשריבן געוואָרן עטלעכע ביכער און אַרטיקלען. צוערשט ווערט באַהאַנדלט די פראַגע, צי האָבן די יידן אין די אַלטע צייטן, אין ארץ־ישראל, געהאַט געוויסע ידיעות פון אַסטראָנאָמיע. דער יידישער היסטאָריקער פלאַוויוס, וועלכער האָט געלעבט צום סוף פון 2טן בית המקדש שרייבט אין זיין בוך „אַלטערטימער“, אַז אברהם אבינו האָט אויסגעלערנט די עגיפּטישע חכמים, די „חרטומי מצרים“, מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע. יעדנפאַלס אין תנ״ך איז נישט צו באַמערקן קיינע שפּורן פון אַסטראָנאָמישע קענטענישן. עס זענען פאַראַן טייל געלערנטע וואָס גלויבן, אַז אין דעם פּסוק אין איוב „נוטה צפון על תהו, תולה ארץ על בלימה“ (ער נייגט דעם צפון אויף גאָרנישט, ער הענגט די ערד אויף גאָרנישט) מיינט מען די אָפּנייגונג פון צפון־פּאָל פון דער ערד צום יערלעכן זון־וועג פון דער ערד; אויך זאָל דער זין פון פּסוק זיין אַז די ערד שוועבט אין דעם וועלט־רוים „אויף גאָרנישט“. דער איטאַליענישער געלערנטער סקאַפּאַרעלי אין זיין בוך „די אַסטראָנאָמיע אין אַלטן טעסטאַמענט“ (געדרוקט אויף דייטש, גיעסען, 1904) וויל געפינען אין די פאַרשידענע שטערן־נעמען אין תנ״ך ווי „עיש“, „כימה“, „כסיל“, באַצייכענונגען פאַר טייל שטערן. יעדנפאַלס פון יענע תנ״ך־צייטן האָבן מיר וועגן אַסטראָנאָמיע ביי יידן כמעט קיין שום ידיעות. עטוואָס מער ידיעות האָבן מיר וועגן דער אַסטראָנאָמיע ביי יידן אין דער צייט פון דער משנה און ס׳איז צו זען פון דער גמרא ראש השנה כ״ה און אַנדערע שטעלן אין דער גמרא, אַז די יידישע חכמים האָבן דעמאָלט געוואוסט דעם רעכענונג פון דעם גאַנג פון דער לבנה און האָבן געהאַט

דערצו געוויסע טאַבעלן, וואָס איז זיי נויטיג געווען כדי פעסטצושטעלן די חדשים פאַר דעם יידישן קאַלענדאַר („סוד העבור“, ווי עס האָט דעמאָלט געהייסן). אין שבת ע"ה זאָגט די גמרא אַז עס איז נויטיג „לחשב תקופות ומזלות“ (צו פאַרנעמען זיך מיט אַסטראָנאָמיע). אין דער גמרא הוריות י' ווערט דערציילט וועגן תנא רבי יהושע, אַז ער האָט געוואוסט וועגן דעם גאַנג פון אַ שטערן, אַז ער איז „עולה אחת לשבעים שנה“ (ער באַווייזט זיך איינמאָל צו 70 יאָר). און ראַפּאַפּאָרט אין „ערך מלין“ (ווערטער אויסגאַבע) זוכוואָרט „כוכבא דשביט“ ווייזט נאָך, אַז דאָס האָט די גמרא געמיינט דעם קאָמעט האַלעי, וועגן וועלכן מען איז ערשט אין 17טן יאָרהונדערט דערגאַנגען אַז ער באַווייזט זיך איינמאָל אין 70 יאָר. וועגן אמורא שמואל איז פאַראַן אין ברכות נ"ח אַז „נהירין לי שבילי דשמיא“, אַז ער איז געווען אַ גרויסער אַסטראָנאָם; דעם אמורא שמואל ווערט צוגעשריבן אַ „ברייתא דשמואל“, וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַסטראָנאָמיע פון דער צייט נאָך דער גמרא, אָבער זי אַנטהאַלט אין זיך אַ סך אַלטע זאַכן. אין דער צייט פון מיטל-אַלטער האָבן די יידן געשפּילט גאָר אַ באַדייטנדע חאָלע אין דער אַסטראָנאָמישער וויסנשאַפט, וואָס האָט אין די העברעאישע ספרים געהייסן „תכונה“. פיל מיטגעווירקט צו דער פאַרשפּרייטונג פון אַסטראָנאָמישע וויסנשאַפטן אין אייראָפּע האָט דער יידישער געלערנטער רבי אברהם בר חייא הנשיא (אין 11טן יאָרהונדערט) מחבר פון „צורת הארץ“; גרויסע קענטענישן אין אַסטראָנאָמיע האָבן באַזעסן דער אבן עזרא, דער רמב"ם (אין 12טן יאָרהונדערט), נאָכער רבי יצחק הישראלי (אין 14טן יאָרהונדערט) מחבר פון „יסוד עולם“ און פיל אַנדערע.

מערקווירדיק איז, וואָס אין קבלה-ספר „זהר“ חלק ג' י' ווערט געבראַכט פון ספרא דרב המנונא סבא די מיינונג, אַז די ערד דרייט זיך אַרום איר אַקס. אַ זייער גרויסע באַדייטונג אַלס אַסטראָנאָם אין ענדע פון 15טן יאָרהונדערט האָט געהאַט רבי אברהם זכותא אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, וועלכער האָט צונויפגעשטעלט די אַסטראָנאָמישע טאַבעלען, מיט וועלכע עס האָט זיך באַנוצט קאָלומבוס אויף זיין אַנדעקונגס-רייזע קיין אַמעריקע. — אין דער נייערער צייט זענען געווען באַדייטנדע יידישע אַסטראָנאָמען, צווישן זיי בעער, הערמאַן גאָלדשמידט, מאָריס לעווי פון פּאַריז (ליטער פון פּאַריזער אָבסערוואַטאָריום אינדערמיט פון 19טן יאָרהונדערט), עדמונט ווייס, און אין דער נייעסטער צייט איינשטיין.

אַסטראָפּאָלער הערשל יידישער לץ און ווערטל-זאָגער, געשטאַמט פון אָסטראָפּאָל אין וואָלין, געלעבט צום סוף פון 18טן יאָרהונדערט; אַ חסיד פון רבי ר' ברוך אין מעזשביזש (אייניקל פון בעל שם). די וויצן און גלייכווערטלעך פון הערשעלע אָסטראָפּאָלער זענען געוואָרן זייער פּאָפּולער און פאַרשפּרייט צווישן יידן אין פּוילן, ליטע, וואָלין. פון זיינע וויצן זענען דערשינען ביכלעך „דער בעריהמטער הירשיל אשטראָפּאָליער“ אָדעס תרס"ד, ווי אויך אַנדערע קלענערע ביכלעך.

אַסימילאַציע דער טייטש פון דאָזיקן וואָרט איז „מאַכן זיך ענלעך“, מאַכן זיך גלייך צו יענעם, „אויסמישן זיך מיט יענעם“, „פאַרלירן דעם אייגענעם כאַראַקטער, און ווערן גלייך צו יענעם“. אין דער יידישער געשיכטע פון דער נייעסטער צייט מיינט מען מיט „אַסימילאַציע“ דאָס אויסמישן זיך פון יידן מיט פרעמדע

פעלקער. מען אונטערשייד דא: 1) „רעליגיעזע אסימילאציע", דאס הייסט, אויסמישן זיך מיט די אנדערע פעלקער אויך רעליגיעז, שמדן זיך, אויפהערן אויך רעליגיעז צו זיין יידן; 2) „נאציאנאלע אסימילאציע", דאס הייסט בלייבנדיק ביי דער יידישער רעליגיע זאל מען אבער אין אלע אנדערע הינזיכטן, נאציאנאל, סיי מיט דער שפראך, סיי מיט דעם נאציאנאלן געפיל, זיך אויסמישן מיט דעם פאלק צווישן וועלכן מען וואוינט. די רעליגיעזע אסימילאציע ביי יידן האט זיך אויסגעדרוקט אין פארשידענע „שמד"־באוועגונגען, וואס זענען פארגעקומען זאגאר שוין אין די אלטע צייטן אין עגיפטן, רוים, אויך אין מיטלאלטער און ספעציעל אין דער נייער צייט. אבער די נאציאנאלע אסימילאציע,—הגם די דאזיקע באוועגונג איז געווען אין א געוויסער מאס אויך אין די אלטע צייטן, אין דער גריכישער, רוימישער וועלט, און שפעטער אויך אין שפאניע — איז געווארן אן אידעאלאגיע און א שטארקע באוועגונג ערשט אין דער נייערער צייט, פון ענדע 18טן יארהונדערט אין איירָאפע. מען נעמט אן געוויינלעך (און דאס איז די מיינונג פון סמאלענסקין אין זיין „עת לטעת" און אנדערע), אז די אסימילאציע־באוועגונג ביי יידן איז אנטשטאנען דורך דעם יידישן דענקער אין דייטשלאנד משה מענדעלסאן (געשטארבן אין יאר 1786), וועלכער זאל האבן דערקלערט, אז יידן זענען נישט קיין באזונדערע נאציע, נאר א רעליגיע, און אז יידן דארפן אומעטום אננעמען די לאנדס־שפראך (צו דעם ציל האט ער איבערזעצט דעם תנ"ך אויף דייטש) און אויך די מנהגים פון לאנד־פאלק, צווישן וועלכן זיי וואוינען; דעמאלט זאל האבן אנטשטאנען די באצייכענונג פון די דייטשע אסימילאטארן אלס ,דייטשן פון משה רבנוס גלויבן". אבער באמת איז די דאזיקע מיינונג נישט ריכטיק. עס איז נאר ריכטיק, אז אין אלגעמיין האט די עמאנציפאציע פון יידן אין איירָאפע אין ענדע פון 18טן יארהונדערט, די פראנצויזישע רעוואלוציע פון יענער צייט, און אויך דאס וואס יידן האבן פון דעמאלט אן אנגעהויבן לערנען אלגעמיינע וויסנשאפטן, „ארויסגיין פון געטא", נעמען אנטייל אין ברייטן עקאנאמיש־ווירטשאפטלעכן און געזעלשאפטלעכן לעבן און וויסנשאפטלעכן לעבן פון דער ברייטער וועלט, געפירט צו דער נאציאנאלער אסימילאציע־באוועגונג, וואס האט אויך ארויסגערופן די נעבן־באוועגונג פון רעליגיעזער „רעפארם" און אויך שמד. די נאציאנאלע אסימילאציע, וועלכע האט זיך אנגעהויבן אין דייטשלאנד און פראנקרייך, האט אנגעהויבן אריינדרינגען נישט נאר אין די לענדער מיט קלענערע יידישע ישובים (איטאליע און אנדערע), נאר אויך אין די לענדער מיט גרויסע, קאמפאקטע יידישע קיבוצים, ווי עסטרייך־אונגארן, רוסלאנד, פוילן. די הויפט־סימנים פון דער „אסימילאציע" זענען דאס אננעמען די לאנדס־שפראך, דאס דערקלערן אז יידן זענען נישט קיין „פאלק", נאר א רעליגיע, און דאס נישט אנערקענען די באזונדערע יידישע קולטור. דעם קאמף קעגן אסימילאציע (נישט פון רעליגיעזן שטאנדפונקט) האט אנגעהויבן די „נאציאנאלע" באוועגונג ביי יידן, וואס איז אנטשטאנען אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יארהונדערט, און וואס אירע הויפט־פירער זענען געווען פרץ סמאלענסקין, נאכער אחד־העם און דערנאך איבערהויפט די גאנצע ציוניסטישע באוועגונג און שפעטער אויך די באוועגונגען פון ,פאלקיזם", „יידישיזם", און טייל יידישע ארבעטער־באוועגונגען („סיימאוועצעם", פועלי ציון, בונד).

אסיריע, אַסיראָלאָגיע זע „אשור".

אָסף אין נחמיה י"ב ווי אויך אין „דברי הימים א" ט"ז ווערט דערציילט וועגן אסף, א משורר פון די לויים אין בית המקדש אין דער צייט פון דוד המלך. אין ספר תהילים זענען פאַראַן טייל קאַפּיטלעך תהלים וואָס זייער אָנהויב איז „מזמור לאסף" (תהלים נ'. ע"ג און אנדערע).

אספסינוס פלאַוויוס, נאָמען אין דער גמרא פון רוימישן קייזער וועספּאַזיאַן, וועלכער האָט געהערשט איבער רוים פון יאָר 70 ביז 79 פון דער קריסטלעכער ציירעכענונג. ער האָט אָנגעפירט מיט דער מלחמה קעגן יידן אין דער צייט פון חורבן פון 2טן בית המקדש; אספסינוס האָט די מלחמה אָנגעהויבן און זיין זון טיטוס האָט איר פאַרענדיקט. אין דער גמרא ווערט ער דערמאָנט אין דעם באַקאַנטן סיפור וועגן חורבן ירושלים אין בבלי גטין נ"ו, ווי אויך אין „מדרש איכה" אויפן פסוק היו צריה לראש, אבות דרבי נתן פרק ד' ווי אויך אין משנה סוף סוטה און אנדערע ערטער. וועגן דער אָנפירונג פון אספסינוס אלס רוימישער גענעראַל מיטן מיליטער קעגן דעם יידישן אויפשטאַנד אין ארץ-ישראל אין יאָר 68 ווערט דערציילט גענוי אין דעם באַרימטן בוך פון יוסף פלאַוויוס „מלחמה". (יאָזעפוס) פלאַוויוס דערציילט, אז ער האָט פאַרויסגעזאָגט אספסינוסן, אז ער וועט ווערן רוימישער קייזער. אין דער גמרא גטין נ"ו ווערט דערציילט, אז רבן יוחנן בן זכאי האָט דאָס זעלבע פאַרויסגעזאָגט אספסינוסן.

אספת הנבחרים (פאַרזאַמלונג פון דערוויילטע). זע „ארץ-ישראל".

אַסקעזע זע „תענית", „תשובה".

אסתר נאָמען פון דער העלדין פון דעם ספר „אסתר", דער יידישער מלכה, דעם ווייב פון אחשורוש, דעם קעניג פון פערסיע. דער סיפור המעשה ווערט דערציילט אין ספר „אסתר", וואָס געהערט אין תנ"ך צו די „כתובים" און ווערט אָנגערופן אויך „מגילת אסתר". לויט דעם דאָזיקן סיפור האָט אחשורוש, דער מלך פון פרס ומדי, צוערשט געהאַט א ווייב ושתי, וועלכע האָט נישט געוואָלט אים פאָלגן צו קומען צו א סעודה. אחשורוש האָט אויף דער עצה פון זיינע יועצים איר געמאַכט פאַר אוים קעניגין, און נאָכער איז אים געפעלן געוואָרן דאָס יידישע מיידל פון דער הויפּטשטאָט שושן, אסתר, די טאָכטער פון אביחיל, וועלכער איז געווען דער פעטער פון מרדכי; אסתר האָט אויך געהייסן „הדסה". אחשורוש האָט איר גענומען אלס קעניגין. נאָכער ווערט דערציילט ווי אחשורושעס צוויי דינער האָבן דעם קעניג געוואָלט טויטן, און מרדכי איז געוואויר געוואָרן דערפון און ער האָט געמאָלדן דעם קעניג און אים געראַטעוועט. דערנאָך דערציילט די מגילת אסתר, ווי אחשורושעס הויפּט-שר המן איז אין כעס געוואָרן אויף אלע יידן צוליב דעם וואָס מרדכי האָט זיך צו אים נישט געוואָלט בוקן. ער האָט ארויסבאַקומען ביי אחשורוש די דערלויבניש צו טויטן אלע יידן אין פרס ומדי. מרדכי איז דערפון געוואויר געוואָרן. לויט זיין ביטע איז אסתר אוועק צו אחשורוש און געבעטן צו ראַטעווען די יידן. אחשורוש האָט געהייסן אויפהענגען המנען מיט זיינע 10 זין, און מרדכי איז געוואָרן אויף זיין אָרט דער הויפּט-שר פון אחשורושן און באַקומען די דערלויבניש ארויסצוגעבן דעם באַפעל אז די יידן זאָלן זיך נוקם זיין אין זייערע פיינט, צום אָנדענק פון דעם פייערט מען דעם יום-טוב פורים. וועגן דעם סיפור און וועגן די מיי-

נונגען פון די געלערנטע היסטאָריקער זע ביים זוכוואָרט „פורים". — זע אויך „תענית אסתר".

אסתרקע (געליבטע פון פוילישן קעניג קאַזשימיעזש). די עלטערע פוילישע היסטאָריקער דערציילן די לעגענדע, אַז דער פוילישער קעניג קאַזשימיעזש דער גרויסער, וועלכער האָט געלעבט אין דער 2טער העלפט פון 14טן יאָרהונדערט האָט געהאַט אַ יידישע געליבטע מיטן נאָמען אסתרקע. זי האָט געשטאַמט פון שטעטל אָפּאָטשנע, וואו איר פאָטער איז געווען אַ שניידער. לויט דער לעגענדע זאָל אסתרקע האָבן געבוירן פון קאַזשימיעזש 2 טעכטער און 2 זין; די טעכטער זענען געבליבן ביים יידישן גלויבן און די זין זענען דערצויגן געוואָרן אַלס קריסטן. דער אַלטער פוילישער היסטאָריקער דלוגאָש שרייבט, אַז צוליב אסתרקע האָט קאַזשימיעזש אַרויסגעוויזן פריינטשאַפט צו יידן און זיי געגעבן אַ ריי רעכט. מען ווייזט נאָך איצט ביי אָפּאָטשנע חורבות פון אַ פּאַלאַץ פון אסתרקע. — צי די גאַנצע געשיכטע איז ריכטיק, אָדער זי איז נישט מער ווי אַ לעגענדע איז שווער פעסטצושטעלן.

אָפּאַטאָשו יוסף (געבוירן אין יאָר 1887). שריפטשטעלער. געבוירן אין מלאַווע (פוילן). אין יאָר 1907, אויסגעוואַנדערט קיין ניו־יאָרק; אין יאָר 1910 אָנגעהויבן שרייבן אויף יידיש דערציילונגען אין זשורנאַלן און צייטונגען; נאָכער האָט ער אָנגעשריבן אַ ריי גרעסערע ראָמאַנען ווי „ראָמאַן פון אַ פערד־גנב", „היברו", און פיל הונדערטער דערציילונגען. דעם גרויסן רום האָט אָפּאַטאָשו זיך דערוואָרבן דורך זיין היסטאָרישן ראָמאַן „אין פוילישע וועלדער", וועלכער איז דערשינען אויך אויף העברעאיש, „ביערות פולין". אין דעם בוך „אין פוילישע וועלדער" שילדערט אָפּאַטאָשו די חסידישע סביבה פון מיטן פון 19טן יאָרהונדערט אין פוילן, אַרום דער געשטאַלט פון אַלטן קאָצקער רבי ר' מענדעלי, און זיין תלמיד, דעם ערשטן גערער רבי „רבי איטשע" („חידושי הרי"ם") ווי אויך די ערשטע השכלה־באַוועגונג אין די דאָזיקע חסידישע קרייזן. עס ווערט דאָרט אויך געגעבן דער יידישער מאָמענט אין דעם אָנהויב פון פוילישן אויפשטאַנד אין יאָר 1863.

אַפּאָלאָגעטיק גריכיש וואָרט, דער טייטש איז „פאַרטיידיגן זיך", אין וואָרט און שריפט. אונטער דער באַצייכענונג פון „יידישער אַפּאָלאָגעטיק" פאַרשטייט מען יענע ספרים און ביכער, וואָס האָבן געהאַט דעם ציל צו פאַרטיידיקן די יידישע רעליגיע און יידן. שוין אין די אַלטע צייטן פון בית שני, אין אַלעקסאַנדריע, האָבן אַ ריי יידיש־גריכישע שריפטשטעלער געשריבן ווערק קעגן די אָנפאַלן אויף דער יידישער רעליגיע. פון סוף בית שני איז אַמוויכטיקסטן דאָס בוך פון יוסף פלאַוויוס „קעגן אַפּיאָן", וואָס האָט דעם ציל אויפצעווייזן די פאַלשקייט פון באַשולדיקונגען וואָס דער יידן פיינט אַפּיאָן האָט געוואָרפן אויף יידן. אין דער צייט פון מיטלאַלטער איז די צאָל יידישע ספרים און ביכער פון אַפּאָלאָגעטישן אינהאַלט, צו פאַרטיידיקן דאָס יידנטום, געווען גרויס, ספּעציעל אין שפּאַניע, וואו די יידן זענען געצוואונגען געוואָרן צו פירן עפנטלעכע ויכוחים קעגן משומדים וועגן דער באַדייטונג און ריכטיקייט פון דער יידישער רעליגיע. אין דער נייער צייט האָט די יידישע אַפּאָלאָגעטיק צו פאַרצייכענען אַלס איר ערשטן פאַרשטייער משה מענדלסאָן (אין 18טן יאָרהונדערט) מיט זיין ווערק „ירושלים" (געשריבן אויף דייטש, און איבערזעצט אין העברע־

איש) פון דעמאָלט אָן זענען דערשינענע הונדערטער ביכער פון יידישער **אַפּאָלאָגעטיק** (קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן בלוט־בלבול וכדומה) אויף דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש, רוסיש, פויליש, אונגאַריש און אַנדערע שפּראַכן.

אַפּאָסטאָלן זע „קריסטנטום".

אַפּאָקאַליפּסן גריכיש וואָרט, דער טייטש „אַנטפּלעקונגען". מען באַצייכנט דערמיט יענע ביכער און ספרים אין אַלטערטום, וואָס זאָגן פאָרויס אין אַ וואונדערבאַרער פאָרם און מיט בילדלעכע געשטאַלטן צוקונפטיקע זאַכן. אין די נביאים־ספרים פון תנ"ך זענען פאַראַן טייל, וואָס טראָגן דייטלעך דעם כאַראַקטער פון אַפּאָקאַליפּסן, וואָס ווערן אין העברעאיש באַצייכנט מיטן נאָמען „חזיונות" אָדער „מראות". אַזוי למשל געהערן צו דעם די „זעאונגען" פון ספר „יחזקאל", „דניאל" און טייל אַנדערע. אין דער צייט פון 2טן בית המקדש זענען געווען ביי יידן פיל פון די דאָזיקע אַפּאָקאַליפּטישע ספרים, וואָס האָבן באַשריבן זעאונגען אין הימל, מלאכים, ווייזעס פון עולם הבא, תחית המתים, צייטן פון משיח, דעם מלכות שמים. צו זיי געהערן טייל אַפּאָקריפן (כתובים אחרונים) ווי דער „ספר חנוך", „ספר ברוך" די „סיבילע"־ביכער, און אַנדערע (וואָס זענען פאַרבליבן אין דער גריכישער שפּראַך). מעגלעך, אַז טייל פון זיי האָבן געשטאַמט פון דער יידישער סעקטע „איסיים". אויך אין דער גמרא און מדרשים זענען פאַראַן פיל שטעלן וואָס טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַפּאָקאַליפּסן.

אַפּאָקריפן זע „כתובים אחרונים".

אַפגאַניסטאַן קעניגרייך אין אַזיע צו מערב־צפון פון אינדיע; די הויפּטשטאָט איז קאַבול. עס וואוינען דאָרט לעבן 20 טויזנט יידן זיים גאָר אַלטע צייטן; זיי רעדן פּערסיש, גייען אָנגעטאָן ווי די איבעריקע איינוואוינער (נאָר טראָגן אַ שוואַרצן טורבאַן אויפן קאָפּ), היטן אָפּ שטרענג דעם שבת און ווי אויך כשרות אין עסן. די לעגענדע איז אַז אַלע איינוואוינער אין אַפגאַניסטאַן שטאַמען אָפּ פון די עשרת השבטים. די יידן וואוינען אין באַזונדערע געטאָס וואָס ווערן יעדן אָוונט אָפּגעשלאָסן ביז אינדערפרי.

אָפּטימיזם און פּעסימיזם, זע זוכוואָרט „גוט און שלעכט".

אַפּיאָן אַנטיסעמיטישער גריכיש־עגיפּטישער שרייבער, געלעבט אין עגיפּטן, אין אַלעקסאַנדריע, אין ערשטן יאָרהונדערט; מיטגעהאָלפן צו העצן די גריכיש־עגיפּטישע באַפעלקערונג אין אַלעקסאַנדריע קעגן די יידישע איינוואוינער. זיינע שריפטלעכע אָנפאַלן אויף יידן און יידנטום זענען אונדז באַקאַנט פון באַרימטן בוך „קעגן אַפּיאָן" פון יידישן היסטאָריקער אין אַלטערטום יוסף פלאַוויוס. אַפּיאָן באַשולדיקט די יידן, אַז מען האָט די יידן אַרויסגעטריבן פון עגיפּטן ווייל זיי זענען געווען מצורעים, אַז יידן דינען צו אַן אייזל, אַז יידן פאַרפייניקן יעדעס יאָר צום טויט אַ גריך אין בית־המקדש. פלאַוויוס ווייזט אויף די נאַרישקייט פון די אַלע באַשולדיקונגען.

אַפּיקומן די משנה אין פּסחים קי"ט זאָגט „אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן". וואָס דער טייטש איז פון וואָרט „אפיקומן", ווייסט מען נישט. אין דער גמרא פּסחים צו דער משנה זענען שוין פאַראַן פאַרשידענע דערקלערונגען פון די אמוראים רב און שמואל און רבי יוחנן; טייל זאָגן, אַז מען מיינט פרוכטן, טייל זאָגן זיסקייטן און אַנדערע זאַכן. אויך

די נייערע יידישע פאָרשער זענען נישט איינשטימיק צווישן זיך וועגן דער באַ־דייטונג פון וואָרט „אַפּיקומן“; לעוו, קאָהוט, שפּיצער און אַנדערע מיינען, אַז דאָס שטאַמט פון דער גריכישער שפּראַך און זאָל באַדייטן „שפּילערייען נאָך דער סעודה“. — געוויינלעך ווערט אָנגערופן „אַפּיקומן“ דער לעצטער כזית מצה, וואָס מען עסט אין דער פּסח־נאַכט צום סוף פון דער סעודה. עס איז אויך באַקאַנט דער מנהג צו „גנבענען דעם אַפּיקומן“, דאָס הייסט דער פאָטער פון הויזגעזינד לייגט אַוועק אין אָנהויב סדר אונטערן קישן פון הסבה־בעט די העלפט מצה פון אַפּיקומן און איינער פון די קינדער „גנבעט“ עס אַוועק און הייסט זיך דער־נאָך דערפאַר געבן אַ מתנה. צום דאָזיקן מנהג איז פאַראַן אַ געוויסע אָנדייטונג אין דער גמרא פּסחים ק"ט „חוטפין מצות בלילי פּסחים בשביל התינוקות שלא ישנו (מען כאַפּט די מצה אין סדר־נאַכט כדי די קינדער זאָלן נישט אַנט־שלאָפן ווערן). אין „מגן אברהם“ סימן ת"ק ווערט געבראַכט דער מנהג צו באַ־האַלטן דעם אַפּיקומן פאַר אַ סגולה.

אַפּיקורס דאָס איז די באַצייכענונג אין דער משנה, גמרא און שפּעטערדיקע ספרים און אויך אין דער יידישער שפּראַך פאַר איינעם, וועלכער טרעט אָפּ פון רעליגיעזע גלויבונגען. דער נאָמען שטאַמט פון דער אַלטער פילאָזאָפישער שיטה פון גריכישן פילאָזאָף עפּיקורוס. די דאָזיקע עפּיקוראישע שיטה, וועלכע האָט באמת געהאַט אויך אידעע מאָראַ־ליש־עטישע יסודות, איז שפּעטער שלעכט פאַרשטאַנען געוואָרן, און מען האָט גע־האַלטן, אַז זי לערנט דעם מענטש נאָכ־צוגעבן אַלע זיינע תאוות און פירן אַ צע־לאָזן לעבן. אין דער משנה אין סנהדרין לעצטן פּרק „חלק“ ווערט געזאָגט „ואלו שאין להם חלק לעולם הבא האומר אין תורה מן השמים ואפיקורס“ (די דאָזיקע האָבן נישט קיין חלק אין עולם הבא, די וואָס גלויבן נישט אין תורה פון הימל און אַן אַפּיקורס); אין דער גמרא סנהדרין צ"ט ווערט אָנגערופן „אַפּיקורס“ איינער וואָס איז מבזה תלמידי חכמים. אין דער משנה פּרקי אבות פּרק ב' ווערט געזאָגט „ודע מה שתשיב לאפיקורס“ (מען דאַרף צו וויסן וואָס צו ענטפערן אויף די פראַגן פון אַן אַפּיקורס).

אָפּנאַרן (אויף העברעאיש „אונאה“). אין חומש ווערט געזאָגט, אַז מען פאַר־קויפט עפּעס אַ זאַך „אל תונו איש את אחיו“, זאָל מען נישט אָפּנאַרן איינער דעם צווייטן. אויך איז פאַראַן ויקרא י"ז „ולא תונו איש את עמיתו“, מען זאָל ניט אָפּנאַרן איינער דעם צווייטן. אין דער גמרא בבא מציעא נ"ח ווערט געזאָגט, אַז דעריבער ווערט געזאָגט אין חומש צוויי מאָל דער פאַרבאָט פון אָפּנאַרן, ווייל איין פאַרבאָט מיינט „אונאת ממון“, מען טאָר ניט אָפּנאַרן קיינעם אין געלט־זאַכן, און דער צווייטער פאַרבאָט איז אויף „או־נאת דברים“, נישט אָפּנאַרן אין ווערטער. די גמרא גיט דערצו אַ ביישפּיל „לא יתלה עיניו על המקח בשעה שאין דמים“, מען טאָר נישט דינגען זיך וועגן אַ סחורה, ווי־סנדיק, אַז מען וועט עס סיי־ווי נישט קויפן, ווייל מען האָט קיין געלט נישט. אין „אונאת דברים“ גייט אויך אריין, לויט דער גמרא, דאָס באַליידיקן אַ צווייטן. די גמרא זאָגט דאָרט אויך, אַז אָפּנאַרן מיט ווערטער, איז ערגער ווי אָפּנאַרן מיט געלט, ווייל געלט קען מען אָפּגעבן און ווערטער קאָן מען נישט צוריקציען.

אָפּענהיים דוד (געשטאָרבן 1736) רב, מקובל, מחבר און ספרים־זאַמלער; געבוירן אין וואָרמס אין יאָר 1667. אין יאָר 1702 געוואָרן רב אין דער אַנגעזע־

ענסטער יידישער קהלה אין יענער צייט, אין פּראַג; יאָר 1718 איז ער געוואָרן רב הכולל איבער גאַנץ בעמען מיטן הויפּטזיץ אין פּראַג; אין זיין רבנות־צייט געפירט א שטאַרקן קאַמף קעגן די געהיימע אַנהענגער פון שבתי צבי; באַרימט אין די ביבליאָטעק ספרים, וועלכע רבי דוד אַפּענהיים האָט געהאַט; זי געפינט זיך היינט אין דער באָדליאַנא־ביבליאָטעק אין אָקספאָרד (ענגלאַנד). זיין ביבליאָטעק האָט געהאַט ביי 7,000 בענדער העברעאישע געדרוקטע ספרים און לערך 1000 כתב־ידן. רבי דוד פלעגט באַשטעלן ביי דרוקערס, אַז זיי זאָלן פאַר אים דרוקן פון יעדן ספר אַן עקזעמפּליאַר אויף גוטן פּאַפּיר אָדער פּאַרמעט. מיט זיין ביבליאָטעק האָט זיך באַנוצט דער גרויסער קריסטלעכער ביבליאָגראַף וואָלף פאַר זיין „ביבליאָטעקא העברעא“. עס זענען געמאַכט געוואָרן פון איר פאַרשידענע קאַטאַלאָגן פון וועלכע דער בעסטער איז דער „קהלת דוד“ (האַמבורג 1826).

אַפּענהיימער זיס יידישער פינאַנץ־מיניסטער אין דייטשן פירשטנטום ווירטעמבערג אין 18טן יאָרהונדערט, וועלכער האָט געענדיקט מיט א טראַגישן טויט. זיס (אויך יוסף) אַפּענהיימער איז געבוירן געוואָרן אין היידלבערג לערך דעם יאָר 1690. אין יאָר 1732 האָט ער זיך באַקענט מיטן פירשט קאַרל אַלעקסאַנדער פון ווירטעמבערג, וועלכער האָט אים געמאַכט פאַר זיין פאַקטישן פינאַנץ־מיניסטער. צוליב דעם וואָס דער פירשט האָט געפאָדערט אַלץ מער געלט, האָט אַפּענהיימער געמוזט ארויפליינגן אויף די איינוואוינער אַלץ מער שטייערן, איינפירן מאָנאָפּאָלן. דאָס פאָלק האָט זיין גאַנצע שנאה געווענדט נישט קעגן פירשט נאָר קעגן ייד זיס אַפּענהיימער. אחוץ דעם האָט אַפּענהיימער זיך געפירט מיט גרויס לוקסוס, געוואוינט אין רייכע פּאַלאַצן, געפירט א פאַרשווענדיש־לוקסוס לעבן, הגם זיין פרומע פאַמיליע האָט אים געשטראָפט הערפאַר און אָנגעוויזן, אַז דאָס איז קעגן דער יידישער רעליגיע. דער סוף איז געווען, אַז ווען דער פירשט איז געשטאָרבן אין יאָר 1737 האָט מען אַפּענהיימען ארעסטירט, געמאַכט איבער אים א געריכט און פאַראורטיילט צום טויט דורך הענגען; מען האָט אים אויפגעהאָנגען דעם 4טן פעברואַר 1738. וועגן דער טראַגישער געשיכטע פון זיס אַפּענהיימער זענען געשריבן געוואָרן די דערציילונגען אויף דייטש פון דר. לעמאַן „זיסיא אַפּענהיימער“ (איבערזעצט אויך אויף יידיש „אויף קידוש השם“, וואַרשע 1922), און פון לעאָ פויכטוואַנגער „ייד זיס“.

אפרים נאָמען פון יידישן שבט, וואָס האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער יידישער געשיכטע אין דער צייט פון 1טן בית המקדש. אין חומש בראשית מ"א ווערט דערציילט, אַז יוסף, דער זון פון יעקב אבינו, האָט געבוירן 2 זין, דעם עלטערן האָט ער א נאָמען געגעבן מנשה און דעם יונגערן אפרים „כי הפרני אלהים בארץ עניי“ (ווייל גאָט האָט מיך געמערט אין לאַנד פון מיין פּיין). אין חומש בראשית מ"ח ווערט געזאָגט אין נאָמען פון יעקב אבינו אַז „אפרים ומנשה כראובן ושמעון יהיו לי“, דאָס הייסט, אַז כאָטש אפרים און מנשה זענען נישט יעקבס קינדער, פונדעסטוועגן ווערט יעדער פון זיי פאַררעכנט ווי א באַזונדערער שבט, פונקט ווי ראובן און שמעון. אין זעלבן קאַפּיטל אין חומש ווערט אויך געזאָגט אין נאָמען פון יעקב, אַז הגם אפרים איז געווען אינגער פון מנשה, פונדעסטוועגן דאַרף אפרים פאַררעכנט ווערן אַלס גרעסער, און יעקב האָט נביאות געזאָגט וועגן אפרים „וזרעו יהיה

מלא הגויים (זיינע קינדער וועלן זיין פול מיט פעלקער). — אין דער אלטער יידישער געשיכטע האט דער שבט אפרים אנגעפירט מיט א ריי אנדערע שבטים פון יידישן פאלק און האט פיל געקעמפט צו דערהאלטן די הערשאפט. שוין דער יידישער פירער נאך משה רבנו, יהושע בן נון, וואס האט אריינגעפירט די יידן קיין ארץ־ישראל, איז געווען פון שבט אפרים (במדבר י״ג). דערנאך אין שופטים ט׳ זעט מען דעם קאמף פון שבט אפרים קעגן שבט מנשה נאכן טויט פון שופט גדעון כדי צו פארנעמען די הערשאפט דורך אבימלך אין שכם, וואס איז געווען די הויפטשטאט פון אפרים. ווען דער שופט יפתח פון שבט מנשה האט איבערגענומען די הערשאפט, ווערט דערציילט אין שופטים י״ב, אז אפרים האט אנגעהויבן קעגן אים א מלחמה; דארט ווערט אויך דערציילט, אז מען האט דערקענט די איינוואוינער פון אפרים דורך דעם וואס זיי האבן ארויסגערעדט א „שין״ ווי א „סמך״, און אנשטאט „שבולת״ האבן זיי געזאגט „סבולת״. שפעטער ווען דער שבט יהודה דורך דוד המלך און שלמה המלך האט פארנומען די הערשאפט איבער דעם גאנצן פאלק, איז נאכן טויט פון שלמה המלך פארגעקומען דער אויפשטאנד פון ירבעם בן נבט „אפרתי״ (מלכים א׳ י״א) דאס הייסט פון שבט אפרים, און ער האט אפגעריסן דעם גאנצן מיטלטייל און צפון־טייל פון ארץ־ישראל, די „10 שבטים״, און געגרינדעט די מלוכה פון אפרים אין שכם, ווי עס דערציילט ספר מלכים א׳ י״ב „ויבן שכם בהר אפרים״ (און ער האט געבויט שכם אין בארג אפרים). אפרים איז געווען דער קעגנזאץ צו יהודה. נאך דעם חורבן פון דעם מלכות אפרים, האבן זיך געפונען נביאים, וואס האבן געהאפט אז די מלכות אפרים וועט נאך שפילן איר גלאנץ־ראלע. אזא נביאות־קאפיטל געפינט זיך אין ירמיה ל״א „אפרים בכורי הוא״ (אפרים איז מיין עלטסטער זון), און „הבן יקיר לי אפרים״ (מיין טייערסטער זון איז אפרים) און „רחם ארחמנו״ (איך וועל אויף אים רחמנות האבן). — זע „ישראל״, „שומרונים״.

אפריקע נאמען פון וועלט־טייל, וואס איז ארומגערינגלט דורך דעם מיטלענדישן ים, דעם רויטן ים, דעם אטלאנטישן אקעאן און אינדישן אקעאן, ווען יידן האבן זיך דאס ערשטע מאל באוויזן אין אפריקע איז שווער צו זאגן. אין חומש ווערט דערציילט דער באקאנטער סיפור ווי אזוי די יידן אין דער צייט פון די אבות, אברהם, יצחק ויעקב, זענען דאס ערשטע מאל געקומען קיין מצרים (עגיפטן) וואס געפינט זיך אין אפריקע. יעדנפאלס איז זיכער, אז צום סוף פון ערשטן בית המקדש האבן געוואוינט יידן אין מצרים און דערנאך איז דארט געווען א יידישע קאלאניע (אין „יעב״). אין דער צייט פון 2טן בית המקדש, נאך דעם גרויסן זיג פון אלעקסאנדער מוקדון און דער גרינדונג פון אלעקסאנדריע אין עגיפטן האט זיך דער יידישער ישוב פארגרעסערט און פארשפרייט אויך אויף די שכנותדיגע לענדער קירענאיקא און קארטאגא, עס איז אויך מעגלעך, אז א טייל יידן האבן דעמאלט אריינגעדרונגען אויך אין מזרח־אפריקע אין לאנד כוש (אבעסיניע) און פון זיי זאלן שטאמען די איצטיקע „פאלאשן״. אין מיטלאלטער זענען געווען גרויסע יידישע ישובים אין גאנץ צפון־אפריקע, דאס הייסט, מאראקא, אלזשיר, טוניס טריפאלים און עגיפטן. אין דער נייערער צייט האבן יידן זיך אויך גענומען באזעצן אין דרום־אפריקע, וואו זיי בילדן איצט אן אנגעזע־

ענעם יידישן ישוב. עס איז אנגענומען אז די צאל יידן אין אפריקע באטרעפט לערך 450 טויזנט. — דער נאמען אפריקע ווערט דערמאנט אין דער גמרא און מדרש זעהר אפט (שבת ל"א, סנהדרין צ"ד, אז די עשרת השבטים זענען פארטריבן געווארן קיין אפריקע). ראפאפפארט אין „ערך מלין" זאגט די השערה אז דער נאמען אפריקע איז פון העברעאישן „אפר" וואס האט די באדייטונג פון ווייט־ציענדן לאנד באוואקסן מיט גראז.

אצילות זע „קבלה".

אקאסטא אוריאל (1590 — 1640).

פילאזאף און קעמפער קעגן דער יידישער רעליגיעזער טראדיציע. אקאסטא איז געבוירן געווארן אין פארטוגאל ביי עלטערן אנוסים, ער האט באקומען א קאטוילישע דערציאונג. ווי אקאסטא דערציילט האט אין אים אליין זיך דערוועקט סימפאטיע צו דער פארפאלגטער יידישער רעליגיע; ער האט דעריבער אנגעהויבן לערנען תנ"ך אין דער לאטיינישער וואולגאטא איבערזעצונג, און ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג אז די תורת משה איז די ריכטיקע רעליגיע, און ער האט דעריבער צוגערעדט זיין מוטער און פיר ברידער (זיין פאטער האט שוין נישט געלעבט) צו אנטלויפן קיין אמסטערדאם און זיך מגייר צו זיין. אקאסטא מיט זיינע ברידער און מוטער זענען אנגעקומען קיין אמסטערדאם אין יאר 1618; דא האבן זיי זיך מגייר געווען. גלייכצייטיק האט ער פארגעזעצט זיינע רעליגיעזע פארשונגען. דא איז מיט אקאסטא פארגעקומען א טראגישע פאסירונג. ער האט אין פארטוגאל זיך געהאט פארגעשטעלט דאס יידנטום אלס די תורת משה אן שום תורה שבעל פה, אבער אין אמסטערדאם האט ער דערזען דאס יידנטום אין איר גאנצער טראדיציע, מיט די דינים און הלכות און פירושים. אקאסטא איז ארויסגעטרעטן אפן קעגן דער יידישער טראדיציע, און נאכדעם ווי די רבנים האבן אים געלייגט אין חרם (אין יאר 1618), האט אקאסטא נאך מער פארשארפט זיין קאמף. ער האט אנגעהויבן צו דערקלערן עפנטלעך, אז אין תורת משה איז גארנישט פאראן וועגן עולם הבא און השארת הנפש (אומשטערבלעכקייט פון נשמה). ער האט דערקלערט אז ער וועט ארויסגעבן וועגן דעם א בוך. קעגן דעם איז ארויסגעטרעטן דער האקטאר שמואל דע סילווא מיט א בוך אויף שפאניש „טראטאדא" (אפהאנדלונג) וועגן אומשטערבלעכקייט פון נשמה אפצוווארפן די טענות פון „א געוויסן קעגנער". דאס בוך איז געדרוקט געווארן אין יאר 1623. קעגן דעם בוך פון דע סילוויא האט אקאסטא אפגעדרוקט א קעגן־בוך אויך אויף שפאניש „עקזאמען" (אויספארשונג). דעמאלט האבן זיך אנגעהויבן גרויסע רדיפות קעגן אקאסטא. נאך 15 יאר זיין אין חרם האט אקאסטא, ווען די פאראיינזאמקייט איז געווארן אומדערטרעגלעך, זיך געווענדט צו די רבנים אין אמסטערדאם, אז ער האט חרטה און רופט צוריק זיינע אפיקורסישע מיינונגען. מען האט זיין תשובה אנגענומען און פון אים אראפגענומען דעם חרם (אין יאר 1633). אבער אקאסטא, דער פארביטערטער פריי־גייסט, האט שנעל ווידער אנגעהויבן פארשפרייטן פרייזיניגע מיינונגען. מען האט אים ווידער געלייגט אין חרם, און אזוי איז ער ווידער געווען אפגעזונדערט 7 יאר. נאכער האט אקאסטא (אין יאר 1640) ווידער דערקלערט, אז ער האט חרטה, און מען האט אים געצוואונגען עפנטלעך צו זאגן ווידוי אין שול און געשלאגן אים 39 „מלקות", און אזוי ארום אראפגענומען

דעם חרם. די דאָזיקע שאַנד האָט אויף אַקאָסטאַן געמאַכט דעם טיפסטן איינ־דרוק, און אין מאַנאַט אַפּריל 1640 (די דאַטע 1647, וואָס איז געווען אָנגענומען און ווערט אויך געבראַכט אין „אוצר ישראל" איז דורך גרעץ באַוויזן געוואָרן אַלס נישט ריכטיק) האָט ער זיך זעלבסט דערשאָסן צום טויט. ווען מען איז אַריינגעקומען צו אים אין צימער האָט מען געפונען אויפן טיש געשריבן אויף לאַטיין זיין אויטאָביאָגראַפיע מיטן נאָמען „עקזעמפּלאַר הומאַנע וויטע" (אַ ביישפּיל פון אַ מענטשן־לעבן), אין וועלכער אַקאָסטאַ דערציילט וועגן זיין טראַגיש לעבן און קעמפן. — וועגן אַקאָסטאַ איז זייער פיל געשריבן געוואָרן נישט נאָר וויסנשאַפטלעכע אָפּהאַנדלונגען נאָר אויך דערציילונגען, און באַזונדערס באַרימט איז די דראַמע וואָס דער דייטשער שריפטשטעלער קאַרל גוצקאָוו האָט געשריבן אין יאָר 1847 מיטן נאָמען „אוריאל אַקאָסטאַ". דעמאָלט איז געווען די עפּאָכע פון קאַמף פאַר פרייהייט אין אייראָפּע, און גוצקאָוו האָט אין זיין העלד, אַקאָסטאַ, פּערזאָניפיצירט דעם פרייהייטס־קאַמף קעגן רעאַקציע און קאָנסערוואַטיזם. די דראַמע איז איבערזעצט געוואָרן אין פיל שפּראַכן (אויף העברעאיש פון דר. שלמה רובין, אויף יידיש פון לערנער איז אַדעם 1885). באַקאַנט איז אויך זאַנגווילס אַקאָסטאַ אין זיין „טרוימער פון געטאָ".

אַקדמות פּיוט אין דער אַראַמעאישער שפּראַך, ווערט געזאָגט פאַר קריאת התורה דעם ערשטן טאָג שבועות. אין פּיוט ווערט געשילדערט די גרויסקייט פון גאָט, דער שבח פון די יידן וואָס זיי דערהאַלטן זיך ביי דער אמונה און דערפאַר וועלן זיי זוכה זיין צו עולם הבא. יעדער פּסוק פון פּיוט ענדיקט זיך מיט די בוכשטאַבן „תא". פאַרפאַסט דעם פּיוט האָט (ווי עס איז צו זען פון די אָנהויב־אותיות פון טייל פּסוקים) דער חזן פון מיינץ און וואָרמס לערך דעם יאָר 1060 רבי מאיר ברבי יצחק, וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט די לעגענדע, אַז ער איז דורך אַ נס אַריבער דעם טייך סמבטיון צו די עשרת השבטים און דאָרט האָט ער זיך אויסגעלערנט דעם אקדמות. אין די ספרדישע מחזורים איז דער אקדמות נישטאָ. צום אקדמות איז פאַראַן אַ ספּעציעלע מעלאָדיע.

אַראַביע מיטן דאָזיקן נאָמען רופט מען אָן געוויינלעך דאָס גרויסע און ברייטע לאַנד וואָס ציט זיך צו מזרח און דרום פון ארץ־ישראל איז אַזיע און פאַרנעמט דעם גאַנצן אַראַבישן האַלבאינזל לענג־אויס דעם רויטן ים, און טיף אין דער מדבר ביז מעסאָפּאָטאַמיע. טייל רעכענען מעסאָפּאָטאַמיע אויך אַלס אַראַביע. קיין באַשטימטע גרעניצן האָט נישט דאָס דאָזיקע לאַנד, וואָס איז פון די עלטסטע ציטן אָן געווען צעטיילט אין דער הערשאַפט דורך פאַרשידענע שבטים. אויך היינט איז נישט קלאָר אפילו, וויפל איינוואוינער אַראַביע האָט; עס ווערט אָנגעגעבן די צאָל פון 12 מיליאָן ביז 20 מיליאָן. דאָס לאַנד אַראַביע ווערט שוין דערמאָנט אין תנ"ך מיטן נאָמען ערב, און מיר געפינען אין ירמיה כ"ה, ואת כל מלכי ערב — השוכנים במדבר" (און די אַלע מלכים פון אַראַביע וואָס וואוינען אין דער מדבר). אויך שפּעטער איז דער גמרא ווערט אַראַביע (ערב) זייער פיל מאָל דערמאָנט (יבמות ע"א, קידושין ל"ב און אַנדערע ערטער). וועגן די יידן אין אַראַביע געבן מיר ביי די זוכווערטער פון די באַזונדערע אַראַבישע לענדער, ווי למשל „תימן", „מעסאָפּאָטאַמיע"; וועגן די פאַרשידענע יידישע שבטים אין אַראַביע און די לעגענדעס וועגן זיי אַלס די אָפּשטאַמענדע פון די עשרת

השבטים זעלן מיר געבן ביים זכוואָרט „עשרת השבטים".

אַראַבער מיטן דאָזיקן נאָמען ווערן געוויינלעך אָנגערופן די אַלע מענטשן, וואָס רעדן די אַראַבישע שפּראַך, מייסטנס מאַכמעדאַנער, און באַוואוינען געוויינלעך דעם גאַנצן שטח לענדער, וואָס ציען זיך פון סיריע אין אַזיע, דורך מעסאָפּאָטאַמיע, ארץ־ישראל, עבר הירדן, אַראַבישן האַלבאינזל, צפון־ברעג פון אַפריקע, מצרים, טריפּאָליס, טוניס, אַלזשיר, מאַראָקאָ. די אַראַבער באַשטייען פון פאַרשידענע גרופּן שבטים, וועלכע טיילן זיך ווידער אויך לויט זייערע הויפּט־באַשעפטיקונגען. די הויפּט־גרופּן ביי די אַראַבער זענען: 1) „בעדואינער", דאָס הייסט אַראַבער, וואָס וואוינען נישט אויף איין אָרט, נאָר וואַנדערן צוזאַמען מיט זייערע פרויען און קינדער אין געצעלטן פון שוואַרצע שעפּסן־פעל; די דאָזיקע בעדואינער האָבן געהייסן אין תנ"ך „קדר", און מיר געפינען אין שיר השירים א' „שחורה אני — כאהלי קדר" (איך בין שוואַרץ — ווי די געצעלטן פון קדר). די בעדואינער לעבן פון האָדעווען בהמות, אַמייסטן ציגן, קעמלען, און זיי וואַנדערן כדי צו געפינען פּאַשע פאַר זייערע בהמות. זיי פירן נאָך היינט א פּרימיטיוו, איינפאַך לעבן, וואָס איז געבליבן ביז לעצטנס כמעט ווי אומפאַרענדערט זייט טויזנטער יאָרן. 2) „פעלאַכן", דאָס זענען אַראַבער, וואָס זייערע זיידעס האָבן זיך אָפּגעריסן פון דעם בעדואינישן וואַנדער־לעבן און האָבן זיך באַזעצט אויף לאַנד. זיי פירן א לעבן אויף א שטענדיקן וואוין־אָרט. 3) „שטאָטישע אַראַבער", וואָס באַשטייען פון בעלי־מלאכות, סוחרים, זאַגאַר פון געבילדעטע פּראָפעסיעס (באַאַמטע, דאָקטוירים, אינזשינערן, זשורנאַליסטן, שריפטשטעלער וכדומה). 4) „עפענדים" דאָס זענען דער אַראַבישער „אַדל"־קלאַס, פּריצים, וואָס האָבן געוויינלעך גרויסע לאַנד־גיטער, הייזער, זענען רייך, א גרויסער טייל פון זיי פאַרמאָגט אייראָפּעאישע בילדונג. אחוץ דעם טיילן זיך אויך די אַראַבער אין פאַרשידענע שבטים, אין שפּיץ פון יעדן שבט שטייען די „שייכן". אָבער דאָס דאָזיקע שבטים־אָנגעהעריקייט־געפיל ווערט כסדר שוואַכער, ספּעציעל ביי די שטאָטישע אַראַבער. די רעליגיע פון אַראַבער איז אַמייסטן די מאַכמעדאַנישע; עס איז פאַראַן א זייער קליינע צאָל אַראַבער (ספּעציעל אין סיריע און ארץ־ישראל) וועלכע זענען קריסטן. וועגן די רעליגיעזע מנהגים פון די אַראַבער זע „מאַכמעד". די אַראַבער זענען סעמיטן, דאָס הייסט זיי געהערן צו דער ראַסע „שם", פון וועלכער לויט דער טראַדיציע עס שטאַמען אָפּ אויך די יידן. לויט דער לעגענדע שטאַמען אָפּ די אַראַבער פון ישמעאל, דעם זון פון אברהם אבינו. זיי האָבן אין זייער רעליגיעזער און היסטאָרישער טראַדיציע פיל געמיינזאַמע לעגענדעס מיט דעם יידישן פאָלק. די אַראַבישע שפּראַך געהערט צו דער דרום־גרופּע פון די סעמיטישע שפּראַכן און האָט פילע בשותפותדיקע עלעמענטן מיט דער העברעאישער און אַראַמעאישער שפּראַכן. די אַראַבישע שפּראַך האָט אויך א גרויסע באַדייטונג פאַר דער פאָרשונג פון דער אַלט־העברעאישער שפּראַך; ווי עס האָט לעצטנס באַוויזן דער יידישער געלערנטער פון ירושלים דוד יעלין געפינען זיך אין תנ"ך, ספּעציעל אין ספר איוב, פיל ווערטער וואָס שטאַמען דירעקט פון דער אַראַבישער שפּראַך. אויך אין די אייראָפּעאישע שפּראַכן זענען אַריינגעקומען ווערטער פון אַראַביש און ספּעציעל די אַלע וויסנשאַפטלעכע טערמינען וואָס הויבן זיך אָן מיט אַל („אַלגעבראַ", „אַלכעמיע" וכדומה). איז

דער אַראַבישער שפּראַך האָבן אויך יידן געשאַפן אַ גרויסע ליטעראַטור. דאָס איז געווען אין דער צייט פון מיטלאַלטער, זינט דעם 8טן ביזן 12טן יאָרהונדערט, ווען די אַראַבישע שפּראַך האָט אַ דאַנק דער פאַרשפּרייטונג פון דער מאַכמעדאַני־שער רעליגיע זיך פאַרשפּרייט איבער בבל, סיריע, ארץ־ישראל, צפון־אַפריקע און שפּאַניע, און עס איז אין דער שפּראַך אַנטשטאַנען אַ גרויסע קולטור און וויסנ־שאַפט. אויך די יידן האָבן אָנגעהויבן צו רעדן אַראַביש, און זיי האָבן געשאַפן אין אַראַביש פיל וויכטיקע ספרים, וואָס פאַרנעמען דעם אָנגעזעענסטן אָרט אין יידנטום; אַזוי זענען די מערסטע ספרים. ספּעציעל פון פילאָזאָפישן אינהאַלט, אָבער אויך לומדישע ספרים, פון רב סעדיה גאון, רבנו בחיי, רבי יהודה הלוי, רבי משה אבן עזרא, רמב"ם און פיל, פיל אַנדערע געשריבן געוואָרען אויף אַראַביש, און ערשט שפּעטער האָט מען זיי איבערזעצט אויף העברעאיש („האמונות והדעות", חובת הלבבות", „כוזרי", „מורה נבוכים", פירוש המשניות להרמב"ם" און פיל אַנדערע). די העברעאישע פּאָעזיע וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין יענער צייט (רבי יהודה הלוי, רבי שלמה אבן גבירול, אבן עזרא און אַנדערע), איז אויך געווען אונטער דעם איינפלוס פון דער אַלגעמיינער אַראַבישער ליטעראַטור; די יידישע פילאָזאָפיע איז יענער צייט איז געווען באַאיינפלוסט פון די גרויסע אַראַבישע פילאָזאָפן אין יענער צייט, פון אווראָעס (אבן רשד), אוויצענאַ (אבן סנה) און אַנדערע. די אַראַבישע שפּראַך ווערט אויך היינט גערעדט דורך אַ גרויסער צאָל יידן, ספּעציעל אין תימן, אַלזשיר, מאַראָקאָ, באַגדאַד און אַנדערע אַראַבישע לענדער; וועגן די אַראַבער אין ארץ־ישראל און זייער באַציאונג צום ציוניזם ווי אויך די יידישע מיינונגען וועגן דער „אַראַבער־פראַגע" זע „ארץ־ישראל".

אַראַמעאישע שפּראַך די אַראַמעאישע שפּראַך איז גערעדט געוואָרן מיט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק אויף דעם גאַנצן שטח לענדער אין אַזיע צו צפון פון ארץ־ישראל איבער גאַנץ סיריע, קליין־אַזיע ביז פּערסיע און אַרמעניע. אין דער יידישער קולטור־געשיכטע שפּילט די אַראַמעאישע שפּראַך אַ זייער באַדייטנדע ראָלע נישט נאָר צוליב איר ענלעכקייט מיט העברעאיש, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק האָבן ביי 12־15 הונדערט יאָר גערעדט אַראַמעאיש און אויך געשאַפן וויכטיקע ספרים אין דער חאַזיקער שפּראַך. אין חומש בראשית ל"א געפינען מיר די ערשטע אַראַמעאישע ווערטער „יגר שהדותא". גרויסע טיילן און די שפּעטערדיקע תנ"ך־ספרים, דניאל, עזרא זענען געשריבן אין אַראַמעאיש, און עס איז קלאָר צו זען, אַז שוין אין די פריע צייטן פון 2טן בית המקדש האָט דער גרעסטער טייל יידן אַפילו אין ארץ־ישראל, און בפרט די גרויסע מאַסן יידן אין בבל, סיריע, גערעדט אַראַמעאיש. מיר געפינען אַז איינער פון די גאָר ערשטע יידישע סנהדרין־פירער פון זמן בית שני „יוסי בן יועזר" (ענדע פון 2טן יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) האָט געזאָגט אַ הלכה אויף אַראַמעאיש (משנה עדיות ח' „דיקרב במיתא מסתאב"). די יידן אין ארץ־ישראל און בבל האָבן גערעדט אַראַמעאיש לערך 12 — 15 הונדערט יאָר, חאָס הייסט פון גלות בבל (500 יאָר פאַר דעם צייטרעכענונג) ביז לערך דעם 9טן יאָרהונדערט נאָך דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. אין פאַרלויף פון דער דאָזיקער „אַראַמעאישער" עפּאָכע האָבן די יידישע רעליגיעזע חכמים געשריבן פיל

ווּיכטיקע ספרים אין דער אַראַמעאישער שפּראַך, צווישן אַנדערע די תרגומים אויף תנ"ך (תרגום אונקלוס, ירושלמי. יונתן בן עוזיאל), אַ ריי כתובים אחרונים, דער גרעסטער טייל פון דער גמרא פון בבלי און ירושלמי, דער גרעסטער טייל מדרשים, פאַרשידענע ספרים אין דער צייט פון די גאונים (שאלות ותשובות, הלכות גדולות, שאילתות). אויך דער גרעסטער טייל שפּעטערע ספרים פון רבנים זענען געשריבן אין אַ שפּראַך וואָס איז געמישט פון אַראַמעאיש און העברעאיש. אין דאַוונען זענען אַריינגענומען געוואָרן אַ סך תפילות אויף אַראַמעאיש, ווי קדיש, כל נדרי, געוויסע שטעלן פון סליחות, יקום פורקן און אַנדערע. אויך די „כתובה", „גט" און תנאים ווערן געשריבן אין דער אַראַמעאישער שפּראַך. דער „זהר" איז אויך געשריבן אין אַראַמעאיש. — אין טייל אַלטע ספרים ווערט די אַראַמעאישע שפּראַך באַטראַכט אין אַ געוויסער מאָס אַלס הייליק. אין ירושלמי, סוטה ז', זאָגט רבי יוחנן „לא יהא לשון סורסי קל בעיניך שבתורה נביאים וכתובים הוא אמור" (זאָל די אַראַמעאישע שפּראַך, סורסי, נישט זיין גרינג אין דיינע אויגן, יוואָרים זי געפינט זיך איז גאַנצן תנ"ך). דאַקעגן געפינט מען אין סוטה מ"ט אַ טייל תנאים און אמוראים זענען געווען קעגן דעם וואָס דאָס פאָלק רעדט אַראַמעאיש, און האָבן פאַרלאַנגט, מען זאָל רעדן לשון קודש. אין דער שפּעטערדיקער צייט פון קבלה (אין 16טן יאָרהונדערט) פון רבי יצחק לוריא (אר"י) האָט מען געהאַלטן די אַראַמעאישע שפּראַך, אַלס די שפּראַך פון זהר און אַנדערע קבלה־ספרים, פאַר גאָר הייליק. — נאָך היינט זענען פאַראַן אין טייל געגנטן פון מעסאָפּאָטאַמיע יידן און קריסטן, וואָס וואוינען דאָרט זייט טויזנטער יאָרן און רעדן אַראַמעאיש, זיי געפינען זיך אין געוויסע דערפער אין קורדיסטאַן און זיי רופן זייער שפּראַך „לישנא של עימראני". זייער אַראַמעאיש איז אַביסל אַנדערש פון דעם תרגום־לשון אין די תרגומים און דער גמרא, אָבער זי איז אין גרונט די זעלבע שפּראַך.

אַראָנסאָן אהרן געלערנטער באָטאַניקער אין ארץ־ישראל אין אָנהויב פון 20־טן יאָרהונדערט. ער איז געווען אַ זון פון אַ יידישן קאָלאָניסט אין דער קאָלאָניע „זכרון יעקב". ער האָט געגרינדעט אַ באָטאַנישן עקספּערימענטן־סטאַציע ביי אַטלית. אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה האָט ער אַנטוויקלט אַ טעטיקייט פאַר ענגלאַנד קעגן טערקיי. ער איז אומגעקומען מיט אַ טראַגישן טויט אין יאָר 1918, אַראָפּאַלנדיק פון עראָפּלאַן אין ים, אין לאַמאַנש־קאַנאַל.—זיין שוועסטער שרה אַראָנסאָן האָט אָנגעפירט מיט שפּיאָנאַזש־אַקציע לטובת ענגלאַנד קעגן טערקיי אין דער וועלט־מלחמה; איז פאַרפייניקט געוואָרן צום טויט דורך די טערקן אין יאָר 1917: איר אַרבעט האָט זי געפירט, כדי צו באַפרייען ארץ־ישראל און אַזוי אַרום מיטהעלפן דעם אויפבוי פון דער אידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל.

אַרבעט (אין דער יידישער רעליגיע). וועגן דער באַציאונג פון דער יידישער רעליגיע צו אַרבעט און צום אַרבעטמענטש זענען פאַראַן פאַרשידענע שטעלן אין תנ"ך, תלמוד און אויך אין די שפּעטערע ספרים. דער פּסוק אין תהלים קכ"ח זאָגט „יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך" (אויב דו וועסט עסן פון דיין אייגענער אַרבעט וועט דיר גוט זיין). אין חומש געפינען מיר פאַרשידענע שטעלן וועגן שיצן דעם אַרבעטער קעגן זיין בעל־הבית, און אין ויקרא י"ט ווערט אָנגעזאָגט דעם אַרבעטסגעבער „ולא תלין

פעולת שכיר אתך עד בקר (מען טאָר נישט אָפּלייגן ביז צומאָרגנס דאָס באַצאָלן דעם אַרבייטער זיין טאָג־לוין). אין דער גמרא קידושין כ"ט זאָגט די גמרא „חייב האב ללמד את בנו אומנות. וכל שאינו מלמד את בנו אומנות כאילו מלמדו ליסטית (אַ פאָטער איז פאַרפליכטעט צו לערנען זיין זון אַ פאַך צו אַרבעטן און אויב נישט איז עס פונקט ווי ער וואָלט אים געלערנט צו זיין אַ רויבער). אין דער משנה פרקי אבות א' איז פאַראַן דאָס וואָרט „אהב את המלאכה" (האָב ליב די אַרבעט) און דאָרט פרק ב' איז פאַראַן „כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה" (אויב איינער לערנט און דערביי האָט ער נישט קיין אַרבעט ווערט אויך דאָס לערנען גאָרנישט). מיר געפינען אויך אַ ריי תנאים און אמוראים, וואָס זענען געווען אַרבעטער, רבי יצחק נפחא (אַ שמיד) און אַנדערע. אין דער גמרא און שלחן ערוך (חושן משפט של"ג) איז פאַראַן דער דין, אַז דער אַרבעטער האָט דאָס רעכט חרטה צו האָבן און אַוועקגיין פון דער אַרבעט „אפילו בחצי היום")אין מיטן טאָג), דאַקעגן דער בעל־הבית קאָן אים אינמיטן דער אַרבעט נישט ענטזאָגן. עס איז פאַראַן אין דער יידישער רעליגיע דער באַגריף פון „אַנטשעדיקונג" אויב אַן אַרבעטער גייט אַוועק פון זיין אַרבעט; דאָס איז די מצוה פון „הענקה".

אַרבעטער באַוועגונג זע „סאָציאַליזם", „בונד", „פועלי־ציון", „קאָמוניזם", „מפלגת פועלי ארץ־ישראל" און אויך פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־פּאַרייען; „הסתדרות העובדים" און „אַרבעטער־רינג".

אַרבעטער פאַרבאַנדן דער „יידישער אַרבעטער־רינג" איז די גרעסטע יידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע און קאַנאַדע פאַר זעלבסטהילף. דער אַרבעטער־רינג איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1901 צו פאַרזיכערן זיך אונטערשטיצונג אין פאַל פון אומגליקפאַלן און נויט. דער אַרבעטער־רינג ציילט איצט איבער 70 טויזנט מיטגלידער און האָט ביי 700 אָרטס־גרופּן און האַלטן אויס פיל שולן מיט יידיש אַלס אונטעריכטס־שפּראַך, סאַנאַטאָריומס, גיט אַרויס פּאָפּולערע ביכער. ער געפינט זיך אונטער דעם איינפלוס פון „בונד". — עס עקזיסטירן אין אַמעריקע און קאַנאַדע: „אינדעפענדענט אַרבעטער־רינג" (אומאָפּהענגיקער) אויך אַנדערע ענלעכע יידישע אַרבעטער־הילפס־אָרגאַניזאַציעס ווי „נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד", וועלכער באַשטייט פון סימפּאַטיקער פון די פועלי־ציון און האָט אויך געגרינדעט פיל יידישע שולן געפירט אין גייסט פון אַרבעטער־ציוניזם; דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן", וועלכער באַשטייט פון סימפּאַטיקער פון קאָמוניזם.

אַרבע דער טייטש פון אַרבע אויף העברעאיש איז „פיר". עס זענען פאַראַן פאַרשידענע טערמינען וואָס הויבן זיך אָן מיטן וואָרט „אַרבע", וועגן וועלכע מיר וועלן שרייבן אין אַנדערע זוכווערטער. „ארבע כנפות" וועלן מיר געבן ביים זוכוואָרט „ציצית"; „ארבע מיתות בית־דין" וועלן מיר געבן ביים זוכוואָרט „טויט־שטראָף"; „ארבע כוסות" וועלן מיר געבן ביים זוכוואָרט „סדר".

אַרגענטינע לאַנד אין דרום־אַמעריקע, לענג אויס דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן. איר באַפעלקערונג איז ביי 12 מיליאָן. — יידן זענען איצט (יאָר 1942) פאַראַן אין אַרגענטינע לערך 350 טויזנט. זייער צאָל פאַרגרעסערט זיך כסדר דורך דער איינוואַנדערונג. מען נעמט אָן, אַז שוין אין 17טן יאָרהונדערט האָבן זיך דאָרט געפו־

נען אנוסים (געהיימע יידן) פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל. די ערשטע יידן האָבן אָנגעהויבן זיך באַזעצן אין אַרגענטינע אינדערמיט פון 19טן יאָרהונדערט. אין יאָר 1868 איז געגרינדעט געוואָרן די ערשטע יידישע קהלה אין בוענאָס־איירעס. די הויפּט־איינוואַנדערונג פון יידן קיין אַרגענטינע האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1889, ווען באַראָן הירש האָט געגרינדעט די חברה ייק״א (יידישע קאָלאָניזירונגס־אָרגאַניזאַציע) און איר געגעבן די סומע פון 10 מיליאָן דאָלער מיטן הויפּטציל צו באַזעצן אויף קאָלאָניעס אין אַרגענטינע יידן פון רוסלאַנד און רומעניע. אין פאַרלויף פון די יאָרן 1889 ביז 1892 זענען אָנגעקומען קיין אַרגענטינע ביי 3,000 יידן. ייק״א האָט דאָרט געקויפט גרויסע שטחים ערד און געגרינדעט קאָלאָניעס און גענומען באַזעצן די יידישע קאָלאָניסטן. זייער פאַרגרעסערט האָט זיך די יידישע איינוואַנדערונג קיין אַרגענטינע אין די יאָרן 1905 — 1906 בעת די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. אין פאַרלויף פון די דאָזיקע 2 יאָר זענען געקומען קיין אַרגענטינע לערך 20 טויזנט יידן. באַזונדערס גרויס איז געוואָרן די יידישע איינוואַנדערונג קיין אַרגענטינע נאָך דער וועלט־מלחמה, פון יאָר 1921 אָן, ווען די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע האָבן געשלאָסן די טויערן פאַר דער איינוואַנדערונג און אַ גרויסער שטראָם יידישע עמיגראַנטן, ספּעציעל פון אוקראַינע (נאָך די שרעקלעכע פּאָגראָמען אין די נאָך־מלחמה־יאָרן), האָט געצויגן קיין אַרגענטינע. פון די יידן אין אַרגענטינע באַשעפטיקט זיך ביי 15 פּראָצענט מיט לאַנדווירטשאַפט, און דער גרעסטער טייל פון זיי אין די ייק״א־קאָלאָניעס. די מערסטע קאָלאָניעס געפינען זיך אין דער פּראָווינץ „ענרעריאָ״. די גרעסטע קאָלאָניעס זענען „מאָזעס־וויל״, „מוריציאַ״ און „קלאַראַ״. אַ גרויסע צאָל יידן פאַרנעמט זיך מיט מלאכות. די איבעריקע פאַרנעמען זיך מיט האַנדל און פרייע פּראָפעסיעס (אינזשינערן, דאָקטוירים וכדומה). די יידן פאַרנעמען אין אַרגענטינישן עפנטלעכן לעבן אַן אָנגעזעענע שטעלונג, פאַרנעמען הויכע רעגירונגס־פּאָסטנס, באַטייליקן זיך אין דער אַרגענטינישער פּרעסע און ליטעראַטור. אין דער הויפּטשטאָט בוענאָס־איירעס געפינט זיך איבער 150 טויזנט יידן. די אַרגענטינישע יידן האָבן עטלעכע גרויסע רעליגיעזע קהלות־אָרגאַניזאַציעס („קאָנגרעגאַציאָן איזראַעליטאַ״), וועלכע האַלטן אויס תלמוד־תורה־שולן און אַנדערע וועלטלעכע שולן. עס דערשיינען אין בוענאָס־איירעס צוויי טאָג־צייטונגען אין דער יידישער שפּראַך „די יידישע צייטונג״ (ציוניסטיש) און „די פּרעסע״ (לינקע אַרבעטער־באַוועגונג); אַחוץ דעם דערשיינען אין אַרגענטינע ביז 20 וואָכן־ און מאָנאַט־זשורנאַלן אויף יידיש און שפּאַניש. די גרעסטע יידישע אָרגאַניזאַציע אין אַרגענטינע איז די ציוניסטישע פעדעראַציע, די יידישע אַרבעטער האָבן שטאַרקע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

אָרון אין העברעאיש איז עס דער טייטש „אַ קאַסטן״. אין דער יידישער רעליגיע געפינען מיר די באַדייטונג פון „ארון״ אויך פאַר דריי פאָלגנדע זאַכן: 1) „ארון הברית״ (דער קאַסטן פון בונד״) אַזוי הייסט אין חומש דער הייליקער ארון, אין וועלכן עס זענען לויט דער יידישער טראַדיציע געלעגן די צוויי לוחות וואָס משה רבנו האָט באַקומען אויפ׳ן באַרג סיני. ער האָט אויך געהייסן „ארון העדות״. דעם „ארון״ האָט מען אין דער אַלטער צייט, פאַר דעם ערשטן בית המקדש, געפירט פאַרויס פון יידישן מיליטער אין פאַל פון אַ מלחמה,

און אין ספר שמואל א׳ ד׳ — ז׳ ווערט דערציילט ווי די פלשתים אין דער מלחמה קעגן די יידן האבן באזיגט די יידן און גענומען דעם ארון געפאנגענע, און נאָכער האבן זיי אים געמוזט צוריקערן. אין חומש במדבר י׳ ווערט געזאגט, אז ווען די יידן האבן געוואנדערט אין דער מדבר און געפירט מיט זיך דעם „ארון״, איז ווען דער ארון האט גערירט (ויהי בנסוע הארון) האט מען געזאגט: „קומה ה׳ ויפוצו אויביך וינוסו משנאיך מפניך״ (שטיי אויף גאט, און זאלן צעוואָרפן ווערן דיינע פיינט און זיי זאלן אנטלויפן פאר דיר): ווען דער ארון האט זיך אָפּגעשטעלט האט מען געזאגט: „שובה ה׳״ (קער צוריק גאט). אין דער גמרא זענען פאראן פיל אגדות וועגן ארון (סוטה ל״ה און אנדערע ערטער). לויט איין טראדיציע איז דער ארון באהאלטן געווארן אונטער דעם בית המקדש נאך פאר׳ן חורבן פון בית ראשון אין דער צייט פון יאשיהו המלך (שקלים ו׳). אין 2טן ספר חשמונאים ווערט דערציילט, אז ירמיה הנביא האט באהאלטן דעם ארון אויפן בארג נבו און דארט וועט ער זיין ביז דער גאולה פון די יידן. — 2) „ארון הקודש״, ווערט אנגערופן דער ארון אין יעדן בית המדרש און שול, אין וועלכן עס שטייען די ספרי תורות. שוין אין דער גמרא שבת ל״ב ווערט געזאגט: עמי הארצים ווערן באשטראפט פון הימל דערפאר וואס זיי רופן דעם „ארון קודש״ איינפאך „ארנא״ (קאסטן). דער ארון הקודש איז זייער הייליק און אין דער גמרא און שלחן ערוך (אורח חיים קנ״ד) ווערן געבראכט דינים וועגן זיין הייליקייט. ביי א סך פייערלעכע תפלות ווערט דער ארון הקודש געעפנט און מען רופט עס „פתיחת הארון״. — 3) „ארון המת״. אזוי ווערט גערופן אין דער גמרא דער קאסטן אין וועלכן מען פירט דעם טויטן קברפער פון א מענטש (עדיות ה׳ סוקלין את ארונו, סוטה י״ג, „ארונו של יוסף״ און אנדערע ערטער). איבערהויפט איז דער מנהג די זאכן וואס האבן א שייכות צום באגראבן א טויטן מענטש אנצורופן אין דער יידישער שפראך מיט לשון־קודש־ווערטער (מיטה, קרשים, וכדומה).

ארחות חיים מוסר־ספר אין דער פארם פון א צוואה, וואס איז געווען פארשפרייט אין מיטלאלטער. דער מחבר ווערט אנגעגעבן אלס רבי אליעזר הגדול, און דעריבער האבן טייל געמיינט אז דאס איז דער תנא רבי אליעזר בן הורקנס. וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט אין גמרא ברכות כ״ח אז די תלמידים זענען געקומען צו אים פארן טויט זיינעם ער זאל זיי לערנען „ארחות חיים״ (די וועגן פון לעבן). דער „שם הגדולים״ ברענגט די מיינונג, אז דאס האט פארפאסט רבי אליעזר הגדול אין דייטשלאנד, דער רבי פון רש״י, וועלכער האט געלעבט לערך דעם יאר 1050. דאס ספר האט אויך געהייסן „צוואת רבי אליעזר הגדול״. אין ספר זאגט אן דער מחבר זיין זון אויפצופירען זיך פרום און גוט, ער זאל נישט נאכיאגן זיך נאך הערשאפט, באציען זיך גוט צו מענטשן.

„ארט״ יידישע געזעלשאפט צו העלפן פארשפרייטן מלאכה ביי יידן. „ארט״ (וואס איז די ראשי תיבות פון די רוסישע ווערטער „אבשטשעסטווא רעמיעסלענאווא טרודא״), געגרינדעט אין רוסלאנד דורך גינזבורג און פאליאקאוו אין יאר 1905, איר הויפט־ארבעט האט זי אנטוויקלט אין דער צייט פון דער וועלט־מלחמה (ארגאניזירנדיק הילף פאר די אנטלאפענע יידן פון די מלחמה־געגנטן, און באזונדערס נאך דער וועלט־מלחמה פון יאר 1920 אן). „ארט״ האט אין א גאנצער ריי לענדער, פוילן, רומעניע,

לעטלאנד, ליטע, עסטאניע, דייטשלאנד פארלייגט שולן צו אויסלערנען יידישע בחורים און מיידלעך פארשידענע מלאכות; זי האט אויך פארטיילט שטיצע פאר די האנטװערקער. אין סאוועט־רוסלאנד האט זי געהאלפן צו דער גרינדונג פון א ריי יידישע קאלאניעס און צו דער איבערפירונג פון שטאטישע יידן צו לאנד־ארבעט. אויפן קאנגרעס אין בערלין אין יאר 1921 זענען פאריייניקט געווארן אלע לאנדס־ארגאניזאציעס פון „ארט" אין איין אינטערנאציאנאלער צענטראלע.

ארטאדאקסיע דאס איז א גריכיש ווארט און באדייט „די ריכטיקע מיינונג"; אין רעליגיעזן זין הייסט „ארטאדאקס", דער מענטש, וואס האלט זיך ביי די אלטע אנגענומענע רעליגיעזע גלויבונגען און לעבנס־פארמען און ענדערט זיי נישט. ביי יידן איז דער נאמען „ארטאדאקסן" אנטשטאנען אין דייטשלאנד אין 19טן יארהונדערט ווען עס זענען אנטשטאנען די פארשידענע רעפארם־באוועגונגען, וואס האבן זיך געשטעלט די אויפגאבע צו רעפארמירן די יידישע רעליגיע. דעמאלט איז אויך אנטשטאנען אלס קעגן־ווירקונג די פרומע ריכטונג, די ארטאדאקסיע, וואס איז ארויסגעטרעטן צו ארגאניזירן די פרומע און תורה־טרייע יידן און צו פארטיידיקן די אלטע פרום־רעליגיעזע לעבנס־פארמען. די הויפט־פירער פון דער יידישער ארטאדאקסיע אין דייטשלאנד זענען געווען דער רב פון דער ארטאדאקסישער געמיינדע אין פראנקפורט, רבי שמשון רפאל הירש און רבי עזריאל הילדעסהיימער פון בערלין. עס זענען אין א גאנצער ריי שטעט אין דייטשלאנד, עסטרייך און אונגארן געגרינדעט געווארן באזונדערע ארטאדאקסישע קהלות. פון דייטשלאנד האט די ארגאניזירונג פון דער יידישער ארטאדאקסיע זיך פארשפרייט אין פיל אנדערע לענדער. די הויפט־וועלט־ארגאניזאציעס פון די ארטאדאקסישע יידן זענען דער „מזרחי" און די „אגודת ישראל". דער הויפט יסוד פון ארטאדאקסישן יידנטום באשטייט אין דער לערע, אז אלע אנגענומענע מצוות און דינים פון שלחן ערוך און פוסקים זענען גילטיק שטענדיק, אן אונטערשיד פון צייט־באדינגונגען, און אז אין די דאזיקע רעליגיעזע לעבנס־פארמען קאן מען נישט מאכן קיינע פשרות.

אריסטאטל גריכישער פילאזאף, געלעבט אין גריכנלאנד אין 4טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. אין די יידיש פילאזאפישע ספרים פון מיטלאלטער ווערט ער אנגערופן בקיצור „אריסטו". אריסטאטל האט געהאט דעם גרעסטן איינפלוס אויף די יידישע פילאזאפן אין מיטלאלטער. די יידישע פילאזאפן אין מיטלאלטער האבן זיך באקענט מיט די ביכער פון אריסטאטל נישט אין זייער אריגינאל אין דער גריכישער שפראך, נאר דורך איבערזעצונגען אין דער אראבישער שפראך. זיי האבן זיך דערביי באנוצט מיט די קאמענטארן צו אריסטאטלס ביכער פון די אראבישע פילאזאפן. דער ערשטער ייד וואס האט אין מיטלאלטער זיך באקענט מיט דער שיטה פון אריסטאטל און איר דערמאנט אין זיינע ספרים איז געווען רבי דוד אלמוקמץ הבבלי אין אנהויב 10טן יארהונדערט. — עס איז זיכער, אז הגם רב סעדיה גאון, דער גרינדער פון דער יידישער רעליגיעזער פילאזאפיע, דערמאנט נישט אין זיין ספר „האמונות והדעות" דעם נאמען פון אריסטאטל האט ער אבער זיכער שטודירט אריסטאטלס לערעס און ער ברענגט א סך פון זיי אין זיין דערמאנטן ספר. שוין אין דעם פראבלעם ווענן „חידוש וקדמות

העולם״, ברענגט רב סעדיה די מיינונג פון „האיש הזה״ (דעם דאָזיקן מענטש, דאָס מיינט ער זיבער אַרויסטאָטל). א ריי יידישע פילאָזאָפן וואָס האָבן געלעבט אין 11טן און 12טן יאָרהונדערט, ווי רבי שלמה אבן גבירול, רבי אברהם אבן עזרא, רבנו בחיי מחבר פון „חובת הלבבות״ און אַנדערע, הגם זיי ברענגען די מיינונגען פון אַריסטאָטל (טייל מיט זיין נאָמען און טייל אָן זיין נאָמען), זענען אָבער אין אַלגעמיין נישט געווען זייער אַנהענגער. אויך דער „כוזרי״, וועלכער ברענגט דעם נאָמען פון „אַריסטו״, איז אין אַלגעמיין א קעגנער פון דעם גאַנצן ענין פילאָזאָפירן, און דעריבער איז אַריסטאָטלס איינפלוס אויף אים נישט באַזונדערס גרויס. די ערשטע צוויי גרויסע יידישע פילאָזאָפן וואָס זענען אינגאַנצן געוואָרן אַנהענגער פון אַריסטאָטל (מיטן אויסנאַם פון עטלעכע לערעס ווי למשל וועגן „קדמות העולם״) זענען געווען רבי אברהם בן דוד, און רבי משה בן מיימון, דער רמב״ם, וועלכער האָט זיך אויסגעדריקט אין „מורה נבוכים״ ב׳, אַז „אַלץ וואָס אַריסטו האָט געזאָגט וועגן זאַכן פון דער ערד ביז צום „גלגל הירח״ (לבנה־ספערע) איז אמת, אָן שום צווייפל״. נאָכער זענען שוין כמעט אַלע יידישע גרויסע רעליגיעזע פילאָזאָפן געגאַנגען אין דער שיטה פון אַריסטאָטעליזם, ווי רבי הלל פון וועראָנא (מחבר פון „תגמולי הנפש״), רבי לוי בן גרשון (רלב״ג), רבי משה פון נאַרבאָנא און פיל אַנדערע. מען האָט אויך איבערזעצט אין העברעאיש פיל פון אַריסטאָטלס גרעסערע ביכער און קלענערע אָפּהאַנדלונגען. א גרויסער טייל פון די דאָזיקע דערשינענע ביכער זענען פסעוודאָ־אַריסטאָטעלישע, דאָס הייסט, אַנדערע האָבן זיי פאַרפאַסט און אָנגערופן אַלס זייער מחבר דעם נאָמען פון אַריסטאָטל. וועגן אַריסטאָטל זענען אַרומגעגאַנגען זינט גאָר אַלטע צייטן לעגענדעס, אַז ער האָט גענומען זיין פילאָזאָפישע חכמה פון יידן אין ירושלים; שוין פלאַוויוס איז זיין „קעגן אַפּיאָן״ ברענגט די דאָזיקע לעגענדע. עס זענען געווען זאָגאָר לעגענדעס, אַז אַריסטאָטל אַליין איז געווען א ייד.

אַריסטובלוס — 1) אַריסטובלוס דער ערשטער; מלך פון דער חשמונאים־דינאַסטיע. זיין פאָטער איז געווען יוחנן כהן גדול (הורקנוס דער ערשטער) דער פירשט. אַריסטובלוס (וועמענס יידישער נאָמען איז געווען יהודה) איז געבוירן געוואָרן לערך דעם יאָר 140 און געשטאָרבן אין יאָר 100 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. נאָך זיין טויט האָט זיין אַלמנה, די שפּעטערדיקע קעניגין שלמציון חתונה געהאַט מיט זיין ברודער אלכסנדר ינאי, וועלכער איז דערקלערט געוואָרן אַלס קעניג. פון אַריסטובלוס זענען געבליבן מטבעות מיט דער העברעאישער אויפשריפט, „יהודה כהן גדול וחבר היהודים״. — 2) אַריסטובלוס דער צווייטער, זון פון קעניג אַלכסנדר ינאי און זיין פרוי שלמציון; געבוירן לערך יאָר 100 און געשטאָרבן יאָר 49 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג; אין דעם קאַמף צווישן די צוויי יידישע פּאַרטייען אין יענער צייט, פרושים און צדוקים, זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די צדוקים. נאָך דעם טויט פון זיין פאָטער און נאָכער פון זיין מוטער איז אַריסטובלוס אַרויסגעטרעטן אין אָפנעם קאַמף קעגן זיין ברודער הורקנוס (דעם צווייטן) וועגן דער הערשאַפט אין ארץ־ישראל. דאָס איז די בארימטע מלחמה פון די צוויי חשמונאים־ברידער, וואָס ווערט אויך דערמאָנט אין דער גמרא בבא קמא פ״ב („כשצרו בית חשמונאי זה על זה״ („ווען

די חשמונאים האבן באלאגערט איינער
דעם צווייטן); די דאזיקע מלחמה האט
געגעבן די געלעגנהייט דעם רוימישן מי-
ליטער-פירער פאמפעאוס זיך אריינצו-
מישן אין דעם ברידער-קאמף, און שטע-
לנדיק זיך אויף דער זייט פון הורקנוס,
האט דאס רוימישע מיליטער דעמאלט
צום ערשטן מאל פארנומען ארץ-ישראל.
אריסטובלוס איז גענומען געווארן גע-
פאנגען דורך די רוימער און מען האט
אים אוועקגעפירט קיין רוים. דא איז ער
שפעטער באפרייט געווארן דורך דעם
קעגנער פון פאמפעאוס, דעם רוימישן
הערשער יוליוס צעזאר, וועלכער האט גע-
געבן אריסטובלוסן אן ארמיי, כדי צו
קעמפן געגן פאמפעאוס. אבער די
פיינט פון אריסטובלוס האבן אים פאר-
סמט און ער איז געשטארבן אין יאר 49.
— אריסטובלוס פון פאנעאס. אין 2טן
יארהונדערט פאר דער קריסטלעכער
צייט-רעכענונג איז אין אלעקסאנדריע,
אין עגיפטן, וואו עס האט געבליט די
יידישע פילאזאפיע אין דער גריכישער
שפראך, ארומגעגאנגען א פילאזאפיש
בוך, געשריבן אין גריכיש, און דער מחבר
פון בוך האט געזאלט הייסן „אריסטוב-
לוס פון פאנעאס" (אין עגיפטן). דאס
בוך אליין איז צו אונדז נישט דערגאנ-
גען, נאר צוויי פרקים פון אים זענען גע-
בליבן אין די שריפטן פון קריסטלעכן
קירכן-פאטער אייזעבוס. אין די דאזי-
קע פרקים באמיט זיך אריסטובלוס צו
דערקלערן אלעגאריש די אנטראפאמאר-
פיסטישע אויסדרוקן אין תנ"ך, וואס
שטעלן פאר די גאטלעכקייט אין מענטש-
לעכער געשטאלט מיט מענטשלעכע
איינגשאפטן. זע „פילאן".

אריסטעאס זע „סעפטואגינטא".

אריער-פאראגראף מיטן נאמען
„אריער" ווערן אנגערופן די פעלקער
וואס געהערן צו דער אינדא-איראפעאי-
שער ראסע. לעצטנס האבן די אנטיסע-
מיטישע פארטייען געפרואווט באגרינדן
די טעאריע, אז די סעמיטישע ראסע, צו
וועלכער עס געהערן אידן, איז א נידע-
ריקערע פון דער ארישער ראסע. זינט
היטלער איז געקומען צו דער מאכט אין
דייטשלאנד (1933) האבן די אנטיסע-
מיטן אין דייטשלאנד און אונטער זייער
איינפלוס אויך אין טייל אנדערע לענדער
איינגעפירט אפיציעל דעם אריער-פארא-
גראף (מען רופט עס אויך „נירענבער-
גער געזעצן", ווייל זיי זענען איינגעפירט
געווארן אין דייטשלאנד אויפן היטלע-
ריסטן-קאנגרעס אין נירנבערג), וועל-
כער באגרענעצט די רעכט פון „ניט-
אריער". באמת איז דאס דאזיקע גע-
זעץ אנגעווענדט כמעט אויסשליסלעך
קעגן אידן.

ארכיטעקטור מיט דעם ווארט בא-
צייכנט מען די „בוי-קונסט", דעם „בוי-
סטיל" פון הייזער און אנדערע געביי-
דעס. עס איז איינע פון די שווערסטע
פראגן, וואס איז נאך ביז איצט נישט
געלעזט, צי האבן יידן אין די אלטע
צייטן און אוך שפעטער געהאט אן איי-
גענע ארכיטעקטור, אן אייגענעם סטיל
אין דער בוי-קונסט. טייל האלטן אז יידן
אין די גאר אלטע צייטן האבן יא גע-
האט אן אייגענעם ארכיטעקטור. וואס
אנבאלאנגט די שפורן פון געביידעס און
מאנומענטן, וואס זענען געבליבן פון דער
צייט פון 2טן בית המקדש (למשל דער
„יד אבשלום" אין ירושלים, די חורבות
פון די יידישע שולן אין גליל), איז אין
זיי צו באמערקן דייטלעך דער איינפלוס
פון דער גריכישער און רוימישער בוי-
קונסט. דר. א. סוקעניק, אין זיין אר-
טיקל „חורבות פון אנטיקע יידישע שיל;
אין ארץ-ישראל" (געדרוקט אין זשורנאל

„מילגרוים“, בערלין 1922), זאגט, אז די דאזיקע אלטע שולן זענען אין זייער סטיל נישט ענלעך צו אונדזערע איצטיגע שולן. אויך די יידישע שולן אין מיטלאלטער און דער נייער צייט אין אייראפע זענען אין זייער בוי־סטיל געווען באאיינפלוסט פון דער ארכיטעקטור פון די ארומיקע פעלקער, און ספעציעל איז צו באמערקן אין זיי דעם ביזאנטישן סטיל, הויפטזעכלעך אין שפאניע, וואו דער איינפלוס פון דעם מזרח־סטיל פון די מוירן־אראבער איז געווען גרוים. עס איז פאראן א מיינונג, אז גראד אין פוילן אין 17טן און 18טן יארהונדערט זענען די יידישע שולן יא געבויט געווארן לויט אן אייגענעם יידישן סטיל. דער פוילישער דיכטער מיצקעוויטש אין זיין פאעמע „פאן טאדעאוש“ ברענגט די מיינונג, אז די יידישע קרעטשמעס אין פוילן זענען געבויט לויט דעם סטיל פון בית המקדש.

ארכעאלאגיע „די לערע פון אלטערטום“. מיטן ווארט „יידישע ארכעאלאגיע“ באצייכנט מען די וויסנשאפט, וואס פארנעמט זיך מיט אויספארשן דעם יידישן לעבנס־שטייגער אין די צייטן פון אלטערטום, אין די צייטן פון תנ״ך, פון צווייטן בית המקדש, משנה און גמרא, דאס הייסט, ווי אזוי יידן האבן געלעבט, זייערע הייזער, מאכלים, מלבושים, פארשידענע לעבנס־געוואוינהייטן, הויז־זאכן, כלים, מלחמה־געווער, גלויבונגען אינסטיטוציעס, נאטור־וויסנשאפטן, מנהגים, האנדל, לאנדווירטשאפט. כדי דאס אלץ צו וויסן און גרינטלעך אויסצופארשן, באנוצט זיך די וויסנשאפט פון „יידישער ארכעאלאגיע“ קודם כל מיט די ידיעות, וואס זי שעפט פון די אלטע ספרים, פון תנ״ך, די ספרים און ביכער פון דער צייט פון 2טן בית המקדש (כתובים אחרונים, יידיש־גריכישע ביכער, פילאנס ווערק, די ביכער פון פלאוויוס), די גאנצע תלמודישע ליטעראטור (משנה, תוספתות,ביידע גמרות בבלי און ירושלמי, די פארשידענע מדרשים וכדומה), די ביכער פון אלטן קריסטנטום. חוץ דעם באקומט מען אויך פארשידענע ידיעות פון די אויסגראבונגען, פון די פארשידענע זאכן, וואס מען געפינט אין דער ערד און וואס שטאמען פון יענע אלטע צייטן (שטיקער מויערן, אויפשריפטן, מטבעות, כלים, סתם זאכן). אבער כדי גרינטלעכער צו קענען לערנען דעם יידישן לעבנס־שטייגער אין יענע אלטע צייטן, מוז די יידישע ארכעאלאגיע זיך אויך באשעפטיקן מיט קענען־לערנען די ארכעאלאגיע פון די שכנותדיקע פעלקער אין אלטערטום, וואס האבן געהאט אן איינפלוס אויפן לעבן פון יידישן פאלק. — איבער דער יידישער ארכעאלאגיע זענען געשריבן געווארן זייער פיל ביכער און אפהאנדלונגען, און עס זענען אויך פארעפנטלעכט געווארן פיל בילדער. אין ארץ־ישראל איז פאראן די יידישע געזעלשאפט „חברה לחקירת העתיקות בארץ־ישראל“ („צו פארשן די אלטערטימער אין ארץ־ישראל“), וואס גיט ארויס „קובצים“, זאמלביכער, מיט די רעזולטאטן פון די פארשער.—זע „אויסגראבונגען“.

ארלאזאראף חיים (1899 — 1933) ציוניסטישער פירער, פאליטישער לייטער פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און יידישער אגענץ אין ירושלים. גרינדער פון דער ציוניסטישער רעכטער ארבעטער־פארטיי „התאחדות“ (נאענט אין דער אידעאלאגיע צו דער רעכטער „פועלי ציון“); ער האט געשריבן אין דייטש און העברעאיש פיל ארטיקלען איבער ארץ־ישראל־פראגן. ארלאזאראף איז דערשאסן געווארן דורך געהיימע פערזאנען אין תל־אביב. דער פראצעס צוליב דעם מארד האט ארויסגערופן א

גרויסן שטורם. די 3 רעוויזיאַניסטן, באַשולדיקטע אין מאָרד, זענען באַפרייט געוואָרן.

ארם נאָמען פון לאַנד און פאָלק פון דעם זעלבן לאַנד; ווערט דערמאָנט אין תנך; געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַלטער יידישער געשיכטע. דאָס לאַנד ארם, וואָס איז באַוואוינט געווען דורך דעם פאָלק „אַראַמייער", האָט אַרומגענומען דאָס היינטיקע סיריע מיט דער הויפּטשטאָט דמשק און האָט זיך געצויגן ווייט ביז בבל. לויט דעם חומש בראַשית כ"ב איז ארם געווען דער זון פון שם בן נח. דאָס לאַנד ארם איז געווען אָפטמאָל צעטיילט אין קלענערע לענדער, וואָס האָבן געהייסן אין תנ"ך „ארם נהרים" (בראשית י"ד), דאָס הייסט „צווישן די טייכן" פּרת און חדקל, און דערפון שטאַמט דער גריכישער נאָמען „מעסאָפּאָטאַמיע", „צווישן די טייכן"; „פדן ארם" בראשית כ"ח, דאָס הייסט „דאָס פעלד פון ארם". און דאָס זאָל זאָל זיין דאָס זעלבע, וואָס אין הושע י"ב „שדה ארם"; „ארם צובא" (שמואל א' י"ד); „ארם בית רחוב" (שמואל ב' י'); „ארם דמשק" (שמואל ב' ח). די שפּראַך פון די אַראַמעער איז געווען „אַראַמעאיש" און וועגן דעם געבן מיר ביים זוכוואָרט „אַראַמעאיש". — די באַדייטונג פון ארם אין דער יידישער געשיכטע איז זייער גרויס. עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז בכלל שטאַמט אָפּ דאָס יידישע פאָלק פון „ארם" און אחוץ דער באַקאַנטער געגעאַלאָגיע אין חומש בראַשית י"א וועגן דער אָפּשטאַמונג פון תרח דעם פאָטער פון אברהם אבינו אין איינעם פון די אַראַמעאישע לענדער, איז אויך אין דברים כ"ו אונטערגעשטראָכן געוואָרן דער „ארמי אבד אבי" („מיין פאָטער איז געווען אַ בלאָנדזשענדער אַראַמעער"). אין ספר שמואל ב' און גאַנץ ספר מלכים (א' און ב') געפינען מיר בסדר, אַז צווישן דעם יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל און דעם לאַנד ארם זענען געווען פאַרשידנאַרטיקע באַציאונגען; טיילמאָל פריינדלעכע, און גאַנץ אָפט פיינטלעכע. וועגן די מלחמות צווישן ארם און יידן איז פאַראַן אין ספר מלכים ב'. ארם האָט געהאַט דעם זעלבן גורל, וואָס ארץ־ישראל; אויך ארם איז צוערשט איינגענומען געוואָרן דורך אשור, נאָכער בבל, דערנאָך דורך פּערסיע און שפּעטער דורך גריכנלאַנד און רוים.

אַרמעניע לאַנד אין פאָדעראַזיע, וואָס ציט זיך ביים קאַספּישן ים און ביי די בערג אַראַראַט (אררט). פאַראַן אַ מיינונג ביי פיל געלערנטע, אַז קיין אַרמעניע זענען פאַרטריבן געוואָרן די עשרת השבטים אין דער צייט פון 1טן בית המקדש. דער געלערנטער צבי כשדאי אין זיין „שבטי יעקב ונצורי ישראל" (חיפה תרפ"ח) האָט צונויפגעזאַמלט זייער פיל דאָקומענטן צו באַווייזן, אַז די אַרמענער זעלבסט זענען אָפּשטאַמענדע פון די עשרת השבטים.

אָרנשטיין יעקב (1775 — 1839) רב און פּוסק אין לעמבערג, מחבר פון ספר „ישועות יעקב". רבי יעקב משולם אָרנשטיין איז אויך באַקאַנט מיט זיין קאַמף קעגן דער „השכלה"־באַוועגונג, וואָס האָט אין זיינע צייטן זיך אָנגעהויבן אין גאַליציע. ער האָט אין יאָר 1815 געלייגט אין חרם אַ ריי אָנגעזעענע משכילים אין מזרח־גאַליציע, צווישן זיי אויך דעם געלערנטן רבי שלמה לייב ראַפּאָפּאָרט (שי"ר) און ערטער, און נאָר אונטער דעם דרוק פון דער פאָליציי האָט ער דעם חרם צוריק אָפּגערופן. קעגן דעם האָזיקן חרם האָט ראַפּאָפּאָרט פאַרעפנטלעכט (אין לעמבערג 1815) זיין פאָלעמישע בראָשור „נחלת יהודה".

אָרעמקייט די מיטלייד בּאַציאונג צו אָרעמקייט און די זאָרג וועגן אָרעמע מענטשן איז איינער פון די הויפּטשטריכן פון דער יידישער רעליגיע און פון יידנטום. שוין אין תנ״ך זעט מען דייטלעך די דאָזיקע מיטלייד־בּאַציאונג צום אָרעמאַן וואָס ווערט אָנגערופן אויף העברעאיש „עני״, „אביון״, „דל״, „רש״ און אויך אַנדערע נעמען. אין שמות כ״ב ווערט אָנגעזאָגט, אַז ווען מען בּאָרגט געלט דעם אָרעמאַן (את העני) „לא תהיה לו כנשה״ („זאָלסט אים נישט דריקן״), און אויב מען נעמט בּיי אים זיין קלייד אַלס משכון זאָל מען עס אים צוריקגעבּן. אין דברים ט״ו ווערט אָנגעזאָגט „פתח תפתח את ידך — לעניך ולאביונך״ (דו זאָלסט עפענעןדיין האַנט פאַר דיין אָרעמאַן). אין די אַנדערע תנ״ך־ספרים געפינען מיר אויך גאַנץ אָפט ווערטער מיט מיטלייד צום אָרעמאַן. אין משלי זענען פאַראַן וועגן דעם פיל שפּריכווערטער, און ווען עס ווערן אין משלי ל״א דערציילט די מעלות פון אַ גוטער פרוי ווערט אויך דערמאָנט „כפה פרשה לעני״ (איר האַנט שטרעקט זי אויס צום אָרעמאַן). ענלעכס געפינט מען אויך אין תהלים, איוב און אַנדערע תנ״ך־ספרים. גרעץ אין דער בּרעסלויער מאָנאַט־שריפט (יאָר 1869) זאָגט אַרויס זיין השערה, אַז אין דער צייט פון תנ״ך איז געווען בּיי יידן אַ ספּעציעלע אביונים־סעקציע, צו וועלכער עס האָבּן אויך געהערט די נביאים, און איר ציל איז געווען צו פּרעדיקן די גוטע זייטן פון אָרעמקייט, פון נישט־בּאַזיצן ערדישע גיטער, און דער אָרעמאַן איז געוואָרן אידעאַליזירט, און דערויף זאָלן זיך בּאַציען די פאַרשידענע תנ״ך־שטעלן, ווי „כי הציל את נפש אביון״ (ירמיה ז׳), „והשארתי בקרבך עם עני״ (צפניה ג׳), „עני ורוכב על החמור״ (זכריה ט׳), און אויך אַנדערע ערטער (זע „אביונים״). עס איז זיכער, אַז די דאָזיקע שטרעמונג צו אידעאַליזירונג פון אָרעמקייט האָט עקזיסטירט בּיי אַ ריי יידישע סעקטן אין דער גאַנצער צייט פון בית־שני, און ספּעציעל בּיי די „איסיים״. אין דער משנה און גמרא געפינט מען פיל ווערטער וועגן הילף פאַר אָרעמע און זאָגאַר אַ געוויסע אידעאַליזירונג. אין חגיגה ט׳ ווערט געזאָגט פון אמורא שמואל, אַז איינע פון די גוטע דערשיינונגען בּיי יידן איז די אָרעמקייט (יאה עניותא לישראל), הגם אין אַנדערע ערטער ווערט די אָרעמקייט בּאַצייכנט אַלס דער גרעסטער אומגליק פאַרן מענטש. ווי קשה עניות (מועד קטן י״ז), „עני חשוב כמת״ (נדרים עד), „עניות מעבירה את האדם על דעתו ועל דעת קונו״ (עירובין מ״א). אין פרקי אבות א׳ ווערט אַלס איינע פון די אָנווייזונגען פאַרן מענטש געזאָגט „ויהו עניים בני ביתך״ (אָרעמע־לייט זאָלן זיין אין דיין הויז). — זע זוכוואָרט „צדקה״.

ארץ־ישראל אַלגעמיין אָנגענומענער נאָמען פון יידישן לאַנד, וואָס ליגט אין פּאָדעראַזיע לענג־אויס דעם מיטלענדישן ים צווישן עגיפּטן פון דרום־זייט און סיריע פון צפון־זייט. מיר וועלן דאָ געבּן די א ל ג ע מ י י נ ע בּאַשרייבונג פון לאַנד, די נעמען, גרויס, געשיכטע, טאָפּאָגראַפיע, נאַטור, בּאַפעלקערונג, פּאָליטישע פאַרהעלטנישן וכדומה. — 1) נעמען פון לאַנד. אין תנ״ך געפינען מיר פאַרשידענע נעמען צו בּאַצייכענען ארץ־ישראל. טיילמאָל ווערט עס אָנגערופן „ארץ־כנען״ (בראשית י״ב און פיל אַנדערע ערטער). עס הייסט אויך „ארץ אמורי״; דער פּאַס פלאַכלאַנד, וואָס ציט זיך בּיים דרום לענג־אויס דעם בּרעג פון מיטלענדישן ים הייסט אויך „ארץ־פּלשתים״, ווייל דאָרט האָבּן געוואוינט די פּלשתים (שמות י״ג פּסוק י״ז און פיל

אנדערע ערטער). גלייכצייטיג געפינט מען שוין אין תנ"ך פארשידענע נעמען, וואס באצייכענען עס אלס דאס „לאנד פון יידן", אדער אלס „הייליק לאנד". אזוי הייסט עס שוין אין שמואל א' י"ג, ווי אויך אין יחזקאל כ"ז „ארץ ישראל"; אין בראשית מ' דערציילט יוסף, אז ער איז געגנבעט געווארן פון „ארץ העברים" (דאס לאנד פון די עברים) אין זכריה ב' הייסט עס „אדמת הקדש" („די הייליקע ערד"); אין ירמיה ב' הייסט עס אויך „ארץ ה'" (גאטס ערד), אין דניאל י"ב הייסט „ארץ הצבי" (דאס לאנד פון גליסטונג). דער נאמען „פאלעסטינא", וואס איז אנגענומען היינט אין דער וועלט און וואס שטאמט פון ווארט „פלשתים", שטאמט פון אלטן גריכישן היסטאריקער העראדאט אין 5טן יאר־הונדערט פאר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג און פון דעמאלט אן ווערט עס אנגערופן „פאלעסטינא" אויך אין די גריכישע שריפטן פון די אלטע יידישע שריפטשטעלער, צווישן זיי אויך פון פי־לאן, פלאוויוס און אנדערע. אין די קריסטלעכע שריפטן ווערט ארץ־ישראל אויך אנגערופן „דאס צוגעזאגטע לאנד", וואס נעמט זיך פון די פיל ערטער אין חומש, וואו עס ווערט געזאגט „הארץ אשר נשבע" („דאס לאנד, וואס גאט האט צוגעזאגט צו געבן יידן"). מיר מיר וועלן אין אונדזער דאזיקער באשרייבונג זיך באנוצן מיט דער ראשי תבות א"י פאר דער באצייכנונג פון ארץ־ישראל.

2. גרויס און גרענעצן פון לאנד. די גרויס פון א"י איז נישט געווען אין אלע צייטן די זעלבע. אין חומש בראשית ט"ו און שמות כ"ג און אין אנדערע תנ"ך־ערטער ווערט אנגעגעבן די אידעאלע גרויס פון א"י פון נהר מצרים (דאס איז דער טייך וואדי אל אריש אין דרום) ביז צום טייך פרת אין מעסאפאטאמיע; אזוי ארום האט א"י דעמאלט ארומגענומען אויך דעם לבנון, עבר־הירדן און א טייל מעסאפאטאמיע. די דאזיקע גרענעצן האט א"י געהאט אין דער צייט פון די מלכים דוד און שלמה. אבער עס זענען געווען צייטן, ווען א"י איז געווען א סך קלענער און האט מער נישט ארומגענומען ווי דאס איצטיקע א"י ווי אויך א טייל פון עבר־הירדן. היינט, איז דער שטח פון א"י געווארן באגרענעצט, און נעמט ארום נאר דאס לאנד, וואס ליגט אויף דער מערב־זייט פון טייך ירדן. די מזרח־גרענעץ איז דער ירדן, די מערב־גרענעץ איז דער מיטלענדישער ים, די דרום־גרענעץ איז א ליניע, וואס שניידט פון דער מיט מדבר סיני ביז צום פארט אקאבא ביים ים־סוף (רויטער ים), און די צפון־גרענעץ איז ביי ראס־על־נאקור־רא" ביי דער אלטער שטאט צור. „עבר־הירדן" איז היינט פאליטיש א באזונדער לאנד. דער שטח פון א"י איז גרויס לערך 26 טויזנט קוואדראט־קילאמעטער. די געאגראפישע גרענעצן פון א"י זענען דער 29,5° גראד אין דרום און דער 33,5° אין צפון, און דער 34° און 37° גראד צווישן מערב און מזרח. די גרעסטע לענג פון א"י איז ביי 400 קילאמעטער און די גרעסטע ברייט ביי 200 קילאמעטער. די דורכשניטס־ברייט ביי 150 קילאמעטער.

3. איינטיילונג פון לאנד. אין די אלטע צייטן פון פאר דעם 2טן בית המקדש איז דאס לאנד געווען געטיילט צוערשט לויט די שבטים, און דערנאך אין די צוויי באזונדערע מלוכות: דער דרום־טייל אלס מלכות יהודה מיט ירושלים אלס הויפט־שטאט, און דער צפון, אלס מלכות אפרים מיט שכם און שומרון אלס די הויפט־שטעט. אין דער שפעטערער צייט פון 2טן בית המקדש ווערט א"י איינגעטיילט אין 3 טיילן (משנה שביעית פרק

י׳ און אויך ביי פלאוויוס אין זיין בוך „מלחמה״): 1) ‚יהודה״, דער דרום־טייל פון לאנד; 2) „גליל״, דער צפון־טייל פון לאנד; 3) „עבר־הירדן״ (ביי פלאוויוס הייסט עס „פערעא״), די געגנט אין יענער זייט ירדן, ארום דעם ים כנרת.

4. בערג, טאלן, טייכן, ימים. אין חומש און אין דער משנה (שביעית י׳) ווערט אנגעוויזן אויף דער פיזיש־געאגראפישער איינטיילונג פון א״י אין „הר״ (בארג), „שפלה״ (פלאכלאנד), „עמק״ (טאל־לאנד). די ‚שפלה״ איז דאס לאנגע און שמאלע פלאכע לאנד, וואס ציט זיך לענג־אויס דעם מיטלענדישן ים פון צפון קיין דרום, און וואס נעמט ארום דאס פלאכע לאנד ביי עכו אין צפון, דערנאך דעם מפרץ חיפה, און נאכער צו דרום דעם גאנצן שרון, און דערנאך ווייטער די גאנצע „שפלת־יהודה״, און דעם ‚נגב״ אין דרום, וועלכער נעמט ארום אויך די מדבריות אין דרום. צו מזרח פון דאזיקן פלאכן לאנד ציט זיך א לאנגער פאס בערג אויך פון צפון צו דרום, און ער זעט אויס ווי א פארלענגערונג פון גרויסן לבנון־בארג אין צפון. די בערג טיילן זיך אין דריי טיילן: אין „הרי גליל״ (די צפון־בערג, וואס ליגן אין גליל), די „הרי שומרון״ (בערג פון שומרון) און ‚הרי יהודה״ (בערג פון יהודה). אין דרום פון גליל התחתון געפינט זיך דער בארג תבור. הארט ביים ברעג פון מיטלענדישן ים ביי חיפה געפינט זיך דער כרמל־בארג. צווישן די בערג פון שומרון האבן א היסטארישע באדייטונג דער בארג „גריזים״ און דער בארג „עבל״, וואס ווערן דערמאנט אין חומש. צווישן די הרי יהודה זענען באקאנט דער בארג „מוריה״ און בארג „ציון״ אין ירושלים, דער הר הצופים (לעבן ירושלים). נאך דעם דאזיקן בארג־פאס צו מזרח ציט זיך ווידער א שטח פלאכלאנד ביז צום טייך ירדן; דאס ווערט אנגערופן דער „עמק הירדן״ (ירדן־טאל). אויך צווישן די בערג פון גליל און צפון־זייט און די שומרון־בערג אין דרום, און דעם כרמל אין מערב־דרום ציט זיך א גרויס פלאכלאנד, וואס איז באקאנט מיטן נאמען „עמק יזרעאל״ אין אויך סתם „דער עמק״. דאס פלאכע לאנד ביי טבריה ארום דעם ים כנרת הייסט אויך „עמק טבריה״. — טייכן זענען אין א״י קיין כך נישט פאראן. דער גרעסטער טייך איז דער ירדן, וועלכער הויבט זיך אן אין צפון ביים בארג חרמון אין סיריע און פאלט אריין אין די וואסערן פון דער „חולה״ (מי מרום) און פליסט פון דארט ארויס, און פאלט אריין אין ים כנרת, נאכער פליסט ער ארויס פון כנרת און ציט זיך לענג־אויס א״י ביז ער פאלט אריין אין דרום אין ים המלח; — דער צווייטער וויכטיקער טייך אין א״י איז דער „ירקון״ (אויף אראביש הייסט ער „אדזשא״), וואס פאלט אריין אין מיטלענדישן ים ביי תל־אביב. פון דאזיקן טייך ציט מען וואסער צו באוואסערן די פאמעראנצן־גערטנער (פרדסים) פון טייל קאלאניעס אין שרון, באזונדערס אין פתח־תקוה. — דער דריטער וויכטיקער טייך אין א״י איז דער „קישון״ וועלכער ווערט דערמאנט אין תנ״ך אין ספר שופטים ביי דער מלחמה מיט סיסרא, ווי אויך אין ספרי מלכים ביי דעם סיפור פון אליהו הנביא. דער קישון פליסט אדורך דאס פלאכלאנד צווישן חיפה עכו און פאלט אריין אין מיטלענדישן ים. — עס זענען פאראן אין א״י נאך א ריי אנדערע קלענערע טייכלעך, וועלכע הייסן אויף אראביש „וואדי״, (אין העברעאיש איז עס „נחל״), וואס זענען פול וואסער נאר אין ווינטער, אין דער צייט פון די רעגנס, דאקעגן זומער זענען זיי כמעט אינגאנצן

אויסגעטרוקנט. — פון די ימען, וואס רינגלען ארום א"י איז דער וויכטיק־סטער דער מיטלענדישער ים, וואס הייסט אין חומש „ים הגדול", און וועלכער איז די מערב־גרענעץ פון א"י (דעריבער הייסט אויף העברעאיש דער מערב אויך „ים"), און ציט זיך לענג־אויס דעם גאנצן מערב־ברעג פון לאנד. דורך דעם דאזיקן ים, אויף וועמענס ברעג עס ליגן די שטעט יפו, תל־אביב, חיפה, עכו און אויך דער גרעסטער טייל יידישע קאלא־ניעס, ווערט געפירט דער גרעסטער טייל קאמוניקאציע פון א"י מיט די אייראפּע־אישע לענדער. — זייער וויכטיק איז דער צווייטער „אינערלעכער ים" (איי־גנטלעך א „יעזשארע") אין א"י, דער ים המלח, זע „ים המלח". — דער דריטער ים, אויך אן אינערלעכער, איז דער ים כנרת, ביי טבריה, וועמענס וואסער איז נישט געזאלצן. עס איז פאראן נאך די יעזשארע „מי מרום" (היינט — „די חולה") אין צפון פון א"י, וואס האלט ביי 7 קילאמעטער די לענג און ביי 8 קי־לאמעטער די ברייט. — אחוץ טייכן האט א"י אויך קוואלן, מינעראל־קוואלן (חמי טבריה און אנדערע). די נידעריקע ער־טער ספּעציעל אין שרון זענען רייך אין שפּיגל־וואסער, און גראבנדיק עטלעכע מעטער אין דער טיף טרעפט מען גע־וועגלעך אן אויף וואסער. דערפון זענען דארט די גרויסע ברונעמס, פון וועלכע מען באוואסערט די פּאמעראנצן־גערט־נער (פּרדסים) און די קאלאניעס אין שרון.

5. קלימאט, צייטן פון יאר, רעגנס. דער קלימאט פון א"י איז א סוב־טראָ־פּישער, דאס הייסט, ער איז א סך וואַ־רימער, ווי אפילו אין די דרום־אייראפּע־אישע לענדער (איטאליע, שפּאניע), אָבער ער איז נישט אזוי הייס, ווי אין די ריכטיקע טראפּישע לענדער פון אזיע און אפריקע. אָבער אין א"י זעלבסט איז דער קלימאט אין פאַרשידענע געגנטן גאנץ פאַרשידן: אין די בערג־געגנטן איז קעלטער און אין די טאָלן און פלאַך־לענ־דער איז הייסער. אין אלגעמיין האט א"י נאר צוויי צייטן פון יאר, דאס איז דער זומער וואס ציט זיך פון פסח ביז סוכות, און דער ווינטער, פון סוכות ביז פסח. א גאנצן זומער (אין דער גמרא הייסט עס „ימות החמה") גייט נישט קיין רעגן, די רעגנס זענען אין ווינטער, און דער ווינטער הייסט דעריבער אין דער גמרא „ימות הגשמים" (די רעגנס־טעג). אין זומער איז געוויינלעך די וואַ־רימקייט ביי 35 גראד צעלזיוס אין טאָל, און ביי 30 גראד אין די בערג. ביינאכט איז מיט 6 גראד ווינציקער. זומער איז ביינאכט שטאַרק דער טוי, ווינטער איז געוויינלעך אויך ביי 10 גראד וואַרים, נאַר טיילמאל טרעפט זיך, אז עס איז שטאַרק קאלט (ספּעציעל ביינאכט) ביז 1 אָדער 2 גראד פראָסט. אין דער בערג־געגנט (ירושלים, צפת, חברון) טרעפן זיך ווינטער נאך גרעסערע קעלטן, און עס פאלט חאַרט טיילמאל א שניי. די היי־סטע חדשים זענען אב און אלול (אוי־גוסט) און די קילסטע טבת און שבט (יאנואר). טיילמאל בלאזן זייער הייסע ווינטן פון דער מדבר, וואס מען רופט „כאמסין", און דעמאלט דערגייט די היץ ביז 45 און זאגאר 50 גראד צעלזיוס; אָבער דאס דויערט נישט לאנג. — רעגנס הויבן אן פאלן אין א"י לערך סוכות־צייט, און פאלן צו עטלעכע טעג נאכא־נאנד. די ערשטע רעגנס הייסן דער „יורה", דאקעגן די לעצטע רעגנס, וואס פאלן אין דער צייט צווישן פורים און פסח הייסן דער „מלקוש". דער דורכ־שניטלעכער פאל פון רעגן אין פארלויף פון א יאר באטרעפט אין א"י ביי 600 מילימעטער.

6. מינעראלן. געוויקסן, בעלי־חיים. א״י איז א לאנד, וואו עס זענען אמאל געווען טעטיק וואולקאנען, וועלכע זענען איינגעלאשן געווארן, און דערמיט דערקלערט זיך, וואס פון צייט צו צייט באמערקט מען אין א״י אויך ערד־ציטערנישן (די לעצטע גרויסע ערד־ציטערניש איז געווען אין יאר 1927). דערפון שטאמט עס, וואס א גרויסער טייל באדן איז באדעקט מיט וואולקאן־שטיינער (באזאלט). די בערג פון א״י באשטייען מייסטנס פון קאלך־שטיינער. אבער עס איז זיכער, אז עס זענען פאראן אין די בערג רייכע מינעראלן. קופער, אייזן, און שוין אין חומש דברים ח׳ ווערט געזאגט וועגן א״י „אבניה ברזל ומהרריה תחצוב נחושת״ (אירע שטיינער זענען אייזן און פון אירע בערג וועסטו אויסהאקן קופער). רייכע מינעראלן געפינען זיך אין דער געגנט פון ים המלח)זאלצן, פאטאש, בראם, שוועבל, מאגנעזיום), און עס זענען פאראן מיינונגען, אז אויך נאפט־קוואלן זענען פאראן אין יענער געגנט. אין דער געגנט פון עטלית ביים מיטלענדישן ים (אין שומרון) ווערט עקספלאאטירט קאר־זאלץ, וואס ווערט אויך באנוצט צו אינדוסטריע־צוועקן. די ערד אין די פלאך־געגנטן פון א׳י באשטייט אין דער אויבערשטער שיכט מייסטנס פון שווערן ליים באדן, און אויך פון לייכטער „באמרא״, וואס איז זייער גוט פאר פאמעראנצן־גערטנער (פרדסים). פון דער מינעראל־אינדוסטריע איז אויך אנצואווייזן אויף דער פראדוקציע פון צעמענט, וואס ווערט אויסגעארבעט פון דעם קאלך פון כרמל דורך דער פאבריק „נשר״ ביי חיפה. — אין געוויקסן (פלארא) איז א״י זייער רייך. אין חומש דברים ווערן דערמאנט די „שבעת המינים״, די 7 געוויקסן־פראדוקטן, מיט וועלכע א״י איז בארימט, דאס זענען: ווייץ, גערשטן, וויינטרויבן, פייגן, מילגרוימען, איילבירטן און האניק, (טייטלען). לעצטנס זענען דאס הויפט־געוויקס פון א״י אויך די ,ציטרוס־פרוכטן, דאס זענען: פאמעראנצן, אתרוגים און גרייפפרוכט. עס וואקסן אין א״י אין א רייכער צאל אויך ארבוזן (אבטיחים), אלע סארטן ירקות, ווי: קארטאפל, פאמידארן, קרויט, מערן, בוראקעס, שפינאק, ציבעלעס, קנאבל, רעטעך, סאלאט, קאלאפיארן וכדומה, ווי אויך די פרוכטן: מאנדלען, טייטלען, עפל, בארנעס, פלוימען, טרוסקאווקעס, און פון תבואות אויך דער דורא, סעזאם (שומשמין) און אויך טאבאק, פלאקס; מען האט אויך געמאכט פראבעס מיט ביינוול. בוימער זענען פאראן (אחוץ פרוכט־בוימער) זייער ווייניק, אבער לעצטנס באמיט מען זיך צו פלאנצן אויך וועלדער. עס זענען דא פאראן די סאסנע־בוימער, דער אייקאליפטוס (מען רופט עס „דער יידישער בוים״, ווייל יידן האבן אים געבראכט צו פארפלאנצן, כדי אויסצוטריקענען די זומפן), אקאציע, ציפרעסן וכדומה, אויך בלומען וואקסן דא אין די פארשידנסטע סארטן. — פון בעלי חיים (פאונא) זענען אמייסטן פארשפרייט די הויזליבע בהמות און עופות: קי, שעפסן, דער אייזל (פערד זענען פאראן ווייניק), וואס דינט צום איבערפירן זאכן, דער קעמל, דער מוילטיר („פרדה״) וואס פארטרעט אין א״י דאס ארבעטס־פערד, הינער, גענז, קאטשקעס, אינדיקעס, פארשידענע סארטן פייגל, פיש, וואס ווערן געפאנגען אין ים כנרת און אויך אין מיטלענדישן ים; פון די גאר ווילדע חות, ווי לייבן, בערן, וואס זענען אין די אלטע צייטן געווען פארשפרייט אין א״י (באקאנט איז דער סיפור אין ספר שמואל פון דוד המלך „גם את הארי ואת הדב הכה עבדך״) איז היינט גארנישט געבליבן. מען טרעפט

שאַקאַלן, וועלף, הירשן, פוקסן. א באַזונדערן קאַמף פירט מען לעצטנס קעגן די פאַרשידענע סאָרטן פליגעלער, מאָסקיטן, וואָס זענען פאַראַן אין די זומפּיקע געגנטן, און איין סאָרט מאָסקיטן „אַנאָפעלעס" פאַראורזאַכט די מאַלאַריע־קראַנקהייט.

7. געשיכטע פון א"י. די פּאָליטישע געשיכטע פון א"י גרייכט גאָר אַלטע צייטן מיט 4־5 טויזנט יאָר צוריק. עס האָבן אין דעם לאַנד געוואוינט פאַרשידענע סעמיטישע פעלקער, און פּאָליטיש האָבן איבער דעם לאַנד געהערשט דאָס אַלטע מצרים, די אַלטע כעטיטער (חתים), אשור, און גאַנץ אָפט איז עס אויך געווען אומאָפּהענגיק, צעטיילט צווישן די פאַרשידענע אָרטיקע פעלקער, אמורי, כנענים (פעניציער), פלשתים, אדום. וועגן דער באַהערשונג פון א"י דורך יידן געפינען מיר די באַקאַנטע סיפּורים אין תנ"ך אין דער צייט פון יהושע בן נון אין 14טן יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייט־רעכענונג. אין פאַרלויף פון 800 יאָר זענען יידן געווען די הערשער אין א"י ביז צום חורבן פון 1טן בית המקדש ווען דאָס גאַנצע לאַנד איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער הערשאַפט פון בבל. נאָכער ווען בבל איז איינגענומען געוואָרן דורך פּערסיע (פרס) איז אויך א"י געוואָרן א טייל פון דער פּערסישער אימפּעריע; די יידן האָבן פון כורש מלך פרס באַקומען די דערלויבניש צוריקצוקומען אין לאַנד. די יידן האָבן געבויט דאָס 2טן בית המקדש און געהאַט א געוויסע אויטאָנאָמיע אונטער דער פּערסישער הערשאַפט. דאָס האָט געדויערט ביז דעם יאָר 333 (פאַר דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג) ווען אַלעקסאַנדער מוקדון האָט צעבראָכן די פּערסישע אימפּעריע און צווישן אַלע אַנדערע לענדער איינגענומען אויך א"י. דעמאָלט איז א"י און דער יידישער אויטאָנאָמישער ישוב געקומען אונטער דעם איינפלוס פון דער גריכיש־אייראָפּעאישער וועלט. א לאַנגע צייט האָט א"י זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט צוערשט פון די גריכישע מלכים אין מצרים און דערנאָך פון די גריכישע מלכים אין סיריע (אַנטיוכוס) ביז דער אויפשטאַנד פון די חשמונאים־העלדן (אין 2טן יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייט־רעכענונג) האָט איינגאַנצן באַפרייט א"י און געשאַפן אַן אומאָפּהענגיקע יידישע מלוכה. אין יאָר 63 (פאַר דער געוויינלעכער צייט־רעכענונג) האָט דאָס רוימישע מיליטער, אונטער דער פירונג פון פּאָמפּעאוס, איינגענומען א"י, און הגם יידן אין א"י האָבן נאָך געהאַט א געוויסע אויטאָנאָמיע און אפילו אייגענע מלכים (הורדוס, אגריפּס) איז עס שוין פּאַקטיש געווען א רוימישע פּראָווינץ. אין יאָר 70 נאָך דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, אין דער מלחמה פון יידן קעגן די רוימער, האָבן די רוימער פאַרניכטעט אויך דאָס לעצטע ביסל אויטאָנאָמיע, פאַרברענט דאָס 2טע בית המקדש (חורבן בית שני) און פון דעמאָלט אָן איז א"י א לאַנגע צייט געווען אונטער דער רוימישער הערשאַפט, וועלכע האָט גאַנץ אָפט געדרוקט די יידישע איינוואוינער מיט פאַרשידענע גזרות (ספּעציעל נאָך דעם טראַגישן אונטערדריקטן אויפשטאַנד פון בר־כוכבא), און די יידן האָבן מאַסנווייז אויסגעוואַנדערט פון לאַנד; עס האָט זיך אָנגעהויבן די לאַנגע גלות־עפּאָכע. באַזונדערס זענען שווער געוואָרן די גזרות אויף יידן אין א"י, ווען דאָס קריסטנטום האָט באַהערשט די רוימישע אימפּעריע און האָט געדריקט אויך די יידן אין א"י. אין אָנהויב פון 7טן יאָרהונדערט האָט מאַכמעד אויסגערופן אין אַראַביע זיין נייע רעליגיע, בי מאַכ־

מעדאנישע (איסלאם), וועלכע ער האט גענומען פארשפרייטן מיט פייער און שווערד, איינעמענדיק די לענדער אין פאדעראזיע און אפריקע. צווישן זיי איז אויך א״י ארונטער אונטער דער הערשאפט פון פארשידענע אראבישע קאליפן און סולטאנען, די אראבישע שפראך איז געווארן די הערשנדע, א סך אראבער האבן זיך באזעצט אין לאנד און פארנומען די פעלדער און דערפער. פון דעמאלט אן דאטירט די פארוויסטונג פון לאנד, די פאראָרעמונג פון דער לאנדווירטשאפט, פון האנדל, און די דאזיקע פארוויסטונג איז געווארן נאך שטארקער דערמיט, וואס אין פארלויף פון מיטלאלטער איז, א״י געווען דער מלחמה־אביעקט צווישן די מאכמעדאנער און די קריסטלעכע קרייץ־פארער („נוסעי הצלב״), וואס זענען געקומען אין 11טן, 12טן און 13טן יארהונדערט פון אייראפע אויסצולייזן דאס הייליקע לאנד פון די מאכמעדאנישע הענט. אויך די קאמפן צווישן די פארשידענע קאליפן און שייכן און די שפעטערדיקע טערקישע פאשאס האבן געהאלפן חרוב מאכן דאס לאנד. פון אנהויב 16טן יארהונדערט האט זיך א״י געפונען אונטער דער הערשאפט פון טערקיי, וואס האט געדויערט ביזן יאר 1917, ווען ענגלאנד האט איינגענומען א״י, און דאס לאנד איז אין יאר 1920 דערקלערט געווארן דורכן פעלקער־בונד אלס מאנדאט־לאנד פון ענגלאנד, דאס הייסט, ענגלאנד האט איבער א״י דעם מאנדאט, די אויפזיכט, און איינער פון די הויפט־יסודות פון מאנדאט איז צו שאפן אין א״י א יידישע נאציאנאלע היים אין זין פון דער באלפור־דעקלאראציע, וואס איז אין יאר 1917 ארויסגעגעבן געווארן פון ענגלאנד דורך דעם ענגלישן מיניסטער לארד באלפור וועגן שאפן די דאזיקע יידישע נאציאנאלע היים. — דורך דער גאנצער צייט פון דער גלות־עפאכע, דאס הייסט פון דעם אונטערדריקטן בר־כוכבא־אויפשטאנד אין 2טן יארהונדערט, דורך דעם גאנצן מיטלאלטער ביז אין דער נייער צייט, האבן יידן נישט פארלאזט אינגאנצן א״י. פארקערט, אפילו אין די צייטן פון די גרויזאמסטע רדיפות האבן יידן זיך באמיט אויפצוהאלטן א געוויסן יידישן ישוב אין א״י, און שטענדיק האבן זיך געפונען יידן אין די פארשידנסטע לענדער, וואס האבן געשטרעבט אין א״י זיך צו באזעצן. אין 3טן, 4טן און 5טן יארהונדערט זענען געווען אין א״י גרויסע יידישע ישיבות, מיט זיי האבן אנגעפירט די נשיאים און די א״י אמוראים, און פון זיי שטאמען די משנה, ירושלמי און א גאנצע ריי מדרשים. אויך שפעטער, אין די פריערדיקע צייטן פון מיטלאלטער, זענען געווען אין א״י ישיבות אונטער דער פירונג פון גאונים. מען קאן זאגן, אז ביז דעם 11טן יארהונדערט אין דער צייט פון די „נוסעי הצלב״ איז אין א״י נאך געווען א באדייטנדער יידישער ישוב. אבער די גרויזאמע „נוסעי הצלב״ האבן צום גרעסטן טייל א״י־יידן אויסגעקוילעט. פון דעמאלט אן איז דער דארטיקער יידישער ישוב געווארן זייער קליין, אבער א געוויסע צאל יידן האבן זיך דארט שטענדיק געפונען. ווען דער רמב״ן איז אין דער 2טער העלפט 13טן יארהונדערט געקומען קיין א״י, האט ער געפונען דארט ווייניק יידן. ערשט אין 16טן יארהונדערט האבן זיך אנגעהויבן באזעצן דארט מער יידן, ספעציעל די ארויסגעטריבענע ספרדישע יידן פון שפאניע און פארטוגאל. שטארק פארגרעסערט האט זיך דער יידישער ישוב אין א״י ערשט אין 19טן יארהונדערט. אין דער 2טער העלפט פון 19טן יארהונדערט האט זיך אנגעהויבן אין

פארשידענע לענדער די באוועגונג פון מאדערנעם „חבת ציון״; פארשידענע כלל־טוער, רבנים, שריפטשטעלער האבן אנגעהויבן פארשפרייטן דעם געדאנק וועגן באזעצן זיך אין א״י, קאלאניזירן דארט יידן אויף ערד־ארבעט. עס האבן אנגעהויבן אנטשטיין די יידישע קאלאניעס; עס האט זיך אנגעהויבן די „בילו״ („בית יעקב לכו ונלכה״) באוועגונג, דאס איז געווען די „ערשטע עליה״. באראן ראטשילד האט אנגעהויבן מיטהעלפן צו דער גרינדונג פון קאלאניעס. די אלע איינצלנע באוועגונגען האבן זיך פאראייניקט אין יאר 1897 אין דער גרויסער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וואס איז געשאפן געווארן דורך דר. הערצל. דער ישוב האט זיך כסדר פארגרעסערט, און איז געווארן שטארקער אין אנהויב 20־טן יארהונדערט. דאס איז געווען די „צווייטע עליה״. אין יאר 1917 האט ענגלאנד ארויסגעגעבן די באלפור־דעקלאראציע, וואס אנערקענט א״י אלס נאציאנאלע היים פאר יידן. אין די יארן 1919־1920, באלד נאך דער וועלט־מלחמה, האבן ווידער פיל יידן איינגעוואנדערט קיין א״י (די „דריטע עליה״) און דערנאך אין די יארן 1924־1925 איז פארגעקומען די גרויסע עליה („פערטע״) פון פוילישע יידן קיין א״י. אין יאר 1929 איז פארגעקומען דער בלוטיקער איבערפאל פון אראבער אויף די א״י־יידן, וועלכע זיינען העלדיש אפגעשטויסן געווארן, און אין די יארן 1935 — 1933 איז פארגעקומען די „פינפטע עליה״. אין יאר 1936 האבן זיך אנגעהויבן די בלוטיקע אראבישע אנפאלן אויף יידן, וועלכע האבן געדויערט ביזן מלחמה־אויסברוך אין 1939. — מיר האבן דא געגעבן נאר זייער בקיצור וועגן די אלע ענינים, וואס האבן א שייכות מיט דער אלגעמיינער און יידישער געשיכטע פון א״י. מיר וועלן געבן וועגן דעם אלעם ביי די באטרעפנדע זוכווערטער, ווי „ציוניזם״, „עליה״, „חלוקה״, „ירושלים״, און בכלל אלע וויכטיקערע נעמען פון דער אלטער יידישער געשיכטע, קאלאניעס, חובבי־ציון־פירער וכדומה.

8. רעגירונג, פאליציי, מיליטער. א״י איז, לויט דעם באשלוס פון פעלקערבונד פון יאר 1922, א מאנדאט־לאנד פון קלאס „א״ פון ענגלאנד, דאס הייסט, ענגלאנד דארף אנפירן מיט דער רעגירונג פון לאנד, כדי עס צוצוגרייטן צו א זעלבסטשטענדיקער פאליטישער עקזיסטענץ; דערביי אבער ווערט אין א״י־מאנדאט געזאגט, אז ענגלאנד דארף אויך מיטווירקן צו שאפן פאר יידן אין א״י א נאציאנאלע היים אין זין פון דער דערמאנטער באלפור־דעקלאראציע, נישט פארשמעלערנדיק דערביי די רעכט פון די איבעריקע איינוואוינער פון לאנד. אין נאמען פון ענגלאנד פירט אן מיט דער רעגירונג אין א״י א „הויי־קאמישאנער״ (הויך־קאמיסאר), אויף העברעאיש „נציב־העליון״, וועלכער ווערט באשטימט פון ענגלאנד אויף 5 יאר און וואוינט אין ירושלים, אין דער הויפטשטאט פון לאנד. דער צווייטער באאמטער נאכן נציב העליון אין דער „גענעראל סעקרעטאר״. די רעגירונג באשטייט פון 18 דעפארטאמענטן־דירעקטארן, וואס יעדער פון זיי פארוואלטעט מיט א דעפארטאמענט (גוסטיץ, פינאנסן, בילדונג, אימיגראציע, געזונטהייט וכדומה). דאס גאנצע לאנד א״י איז איינגעטיילט אין דריי ראיאנען (דיסטריקטן): 1) ירושלים, חברון, בית לחם, ראמאלאה, יריחו; 2) צפון־דיסטריקט, וואס נעמט ארום חיפה, עכו, נצרת, טבריה, צפת, שכם, דזשענין, תל־כרם, בית שאן, אלזא אויך דעם גאנצן עמק יזרעאל, גליל און שומרון; 3) דרום־דיסטריקט, וואס

נעמט ארום יפו, רמלה, עזה, באר שבע, און אלזא אויך תל־אביב און די אלע וויכטיקסטע יידישע קאלאניעס ארום תל־אביב, אין שפיץ פון יידן דיסטריקט שטייט א דיסטריקט־קאמיסאר. אין יעדער שטאט פון די דערמאנטע שטעט געפינט זיך א וויצע־קאמיסאר (סגן־מושל) וואס פירט אן מיט דער געגנט פון דער שטאט. אין די שטעט און אויך אין טייל יידישע קאלאניעס זענען פאראן הערוויילטע שטאט־ראטן. — די אפיציעלע שפראכן פון א״י זענען ענגליש, אראביש און העברעאיש. אין א״י איז נישט פאראן קיין צוואנג־מיליטער־דינסט. די שוץ פון לאנד איז איבערגעגעבן דעם „גרענעץ־קארפוס״, וואס סטאנציאנירט ביי עבר־הירדן. אחוץ דעם איז נאך פאראן ספעציעלע ענגלישע פאליציי. אין דער יידישער שטאט תל־אביב איז פאראן א ספעציעלע שטאטישע פאליציי, וואס באשטייט בלויז פון יידן און די קאמאנדע־שפראך איז העברעאיש. אין א״י געפינען זיך אויך שטענדיק עטלעכע אפטיילונגען פון ענגלישן מיליטער, ווי אויך עסקאדרעס פון ענגלישן קריגס־לופט־פלאט.

9. באפעלקערונג. איצט אין 1942, זענען פאראן אין א״י אנדערטהאלבן מיליאן איינוואוינער צווישן זיי לערך 550 טויזנט אידן.

10. אראבער, קריסטלעכע און מאכמעדאנער. די צאל אראבישע איינוואוינער אין א״י איז איצט לערך 900 טויזנט. פון זיי זענען נאר א קליינער טייל (לערך 70 טויזנט) קריסטן; אלע איבעריקע אראבער זענען מאכמעדאנער. וועגן דעם אלגעמיינעם לעבנס־שטייגער פון די אראבער בכלל (וואס איז כמעט דער זעלבער פאר אלע אראבער פון נאענטן מזרח) געבן מיר ביים זוכווארט „אראבער״. וועגן זייערע רעליגיעזע גלויבונגען געבן מיר ביים זוכווארט „מאכמעדאנישע רעליגיע״. דא ווען מיר געבן עטוואס וועגן די א״י־אראבער בפרט. דער גרעסטער טייל פון זיי זענען פעלאכן (דארפס־לייט, וואס באזיצן נישט קיין סך פעלד). אבער טייל פון זיי זענען אויך עפענדים, פריצים, וואס האבן גרויס־גיטער און זענען רייך. די קריסטלעכע אראבער זענען אין אלגעמיין אינטעליגענטער פון די מאכמעדאנישע: די קריסטלעכע אראבער וואוינען מייסטנס אין די שטעט און זיי האבן א גרויסן איינפלוס אויף דער פאליטיק פון די אראבער.

11. אנדערע נישט־יידישע באפעלקערונג. אחוץ אראבער איז אויך פאראן אין א״י נאך א נישט־יידישע באפעלקערונג, אמייסטן קריסטן פון פארשידנסטע פעלקער אין דער וועלט. א״י איז פארהייליקט אין דער קריסטלעכער וועלט, אלס דאס לאנד וואו עס געפינען זיך פארהייליקטע קריסטלעכע ערטער. אחוץ קריסטן זענען פאראן אויך פון אנדערע אמונות ווי באהיסטן, דרוזן (וועמענס רעליגיעזע גלויבונגען זענען א געמיש פון קריסטנטום און איסלאם), שומרונים (זע „שומרונים״) און אנדערע, צוזאמען ביי א 10 טויזנט. דער איינפלוס פון די דאזיקע נישט־אראבישע קריסטן אין א״י איז זייער א גרויסע און זיי פארנעמען (ספעציעל די ענגלענדער) די אנגעזעענסטע רעגירונגס־פאסטנס אין לאנד און שפילן א גרויסע ראלע אויך אין האנדל און פינאנץ־וועזן.

12. יידישע באפעלקערונג. מען נעמט אן איצט, אין אנהויב 1942, זענען פאראן לערך א האלבער מיליאן יידן; פון זיי לעבן אין די קאלאניעס ביי 25 פראצענט; אין די שטעט ביי 75 פראצענט. די יידן אין א״י טיילן זיך אין פארשידענע געמיינדעס און טיפן. די

גרעסטע צאל (80 פראצענט פון אלע יידן אין א״י) זענען די אשכנזים, וואס שטאמען פון די אייראפעאישע לענדער, אמעריקע. נאך זיי גייען די „ספרדים״, די אייניקלעך פון די אמאליקע ארויסגעטריבענע פון שפאניע און פארטוגאל. נאכער אין צאל זענען די „תימנים״, יידן וואס שטאמען פון תימן; דערנאך גייען פארשידענע טיפן יידן: מוגראבן פון מאראקא און אנדערע נארד־אפריקאנישע לענדער, בוכארישע יידן, פערסישע יידן און אנדערע יידן. די שפראך פון דער יוגנט איז כמעט אינגאנצן העברעאיש; פון די עלטערע רעדט א זייער גרויסער טייל העברעאיש, און א טייל אשכנזישע יידן, ספעציעל פון אלטן דור, רעדן יידיש. די העבראישע שפראך ווערט אלץ כסדר באפעסטיקט אלס די אומגאנגס־שפראך פון די יידן אין א״י. —

דער ישוב איז ארגאניזירט אין קהלות, אין יעדער שטאט און קאלאניע איין קהלה, און די אלע קהלות צוזאמען פון גאנצן לאנד זענען פארבונדן אין איין דורך דער רעגירונג אנערקענטער ארגאניזאציע „כנסת ישראל״. די ארגאנען פון דער „כנסת ישראל״ זענען: דער יידישער פארלאמענט „אספת הנבחרים״, וואס באשטייט פון 71 מענטשן, און פון א „ועד הלאומי״ (הערוויילט דורך דער „אספת הנבחרים״), דאס הייסט „נאציאנאל ראט״, וואס באשטייט פון 21 מענטשן. אין די קאמפעטענצן פון דער „כנסת ישראל״ גייען אריין אלע רעליגיעזע ענינים פון ישוב, דאס שולוועזן, צדקה־אנשטאלטן, און אויך רעפרעזענטירט זי פאליטיש דעם ישוב פאר דער רעגירונג. א געוויסע צאל עקסטרעמע ארטאדאקסן פון דער „אגודת ישראל״־פארטיי אין ירושלים איז ארויסגעטרעטן פון דער „כנסת ישראל״. אלס רעליגיעזער טייל פון דער „כנסת ישראל״ איז דער ראבינאט (רבנות), די רבנים אין יעדער קהלה, און זייער העכסטע אינסטאנץ איז די „רבנות הראשית״ (דער העכסטער ראבינאט״) וואס געפינט זיך אין ירושלים און באשטייט פון 8 מיטגלידער און צווישן זיי 2 הויפט־רבנים, אן אשכנזישער און ספרדישער.

13. שטעט. וועגן די אנגעזעענע שטעט און קאלאניעס אין א״י געבן מיר ביי די באטרעפנדע זוכווערטער, ווי ירושלים, תל־אביב, פתח־תקוה וכדומה.

14. לאנדווירטשאפט און קאלאניזאציע. אין א״י איז פאראן ביי 26 מיליאן דונאם ערד (1 נייער דונאם איז 1000 קוואדראט־מעטער). פון זיי ווערן באארבעט לעת־עתה נישט מער ווי 5—6 מיליאן דונאם, ווייל די איבעריקע זענען אדער נאקעטע בערג, וואס מען באארבעט נישט, אדער גרויסע שטחים פון זומפן, וואס מען דארף ערשט אויסטרוקענען; דאס טוען איצט די יידן מיט זייער נייער קאלאניזאציע. די יידישע לאנדווירטשאפט אין א״י פארגרעסערט זיך מיט יעדעם יאר. אין יאר 1940 האבן יידן שוין געהאט 1 מיליאן מיט דריי הונדערט טויזנט דונאם. פון דעם געהערן 440 טויזנט דונאם צו „פיקא״ (דאס איז די ראשי תבות פון ענגלישן „פאלעסטיין דזשואיש קאלאניזיישאן אסאסיאיישאן״; (פאלעסטינישע יידישע קאלאניזאציע געזעלשאפט), וועלכע איז געגרינדעט געווארן דורך דעם נדיב הידוע באראן עדמונד ראטשילד. דער צווייטער גרעסטער אייגנטימער פון יידישן באדן אין א״י איז דער „קרן קימת״, דאס איז די ציוניסטישע אינסטיטוציע פאר „גאולת האדמה״ (אויסלייזן די א״י־ערד), וואס זאמלט געלט אין דער וועלט, כדי אויסצוקויפן דעם באדן פון א״י. דער קרן־קימת האט ביי 300 טויזנט דונאם. די דריטע יידישע באדן־

אייגנטימער אין א״י זענען פריוואטע יידן; צו זיי געהערט לערך א האלבער מיליאן דונאם. אין דער לאנדווירטשאפטלעכער קאלאניזאציע אין א״י האבן יידן געשאפן וואונדער. גאנצע געגנטן (דער עמק יזרעאל, פתח תקוה, חדרה און פיל אנדערע), וואס זענען געווען פול מיט זומפן און דארט זענען געווען נעסטן פון די אנאפעלעס־מאסקיטן, וועלכע האבן ארויסגערופן די שווערסטע מאלאריע־קראנקהייטן און מענטשן האבן דארט נישט געקאנט וואוינען, האבן יידן אויסגעטרוקנט און פארוואנדלט אין די בליענדסטע קאלאניעס. אמייסטן פון פרדסים (פאמעראנצן־גערטנער).

15. האנדל, פאבריקאציע, מלאכה. איידער עס האט זיך אנגעהויבן די ציוניסטישע באוועגונג אויפצובויען אין א״י די יידישע נאציאנאלע היים זענען דער האנדל און די פאבריקאציע אין א״י געווען זייער קליינע. ערשט די יידן, וואס זענען אנגעקומען אין די יארן נאך דער וועלט־מלחמה, ספעציעל די 4טע עליה פון די יארן 1924-25 פון פוילישע יידן און די 5טע עליה זינט דעם יאר 1933, האבן שטארק פארגרעסערט סיי דעם מסחר, סיי די פאבריקאציע ווי אויך האנטווערקעריי. די גרעסערע יידישע פאבריקאציע־אונטערנעמונגען זענען: 1) די „ים־המלח־געזעלשאפט“, וואס עקספלאאטירט די מינעראלן פון ים המלח; 2) רוטענבערגס עלעקטרישע געזעלשאפט („חברת החשמל“), וואס האט געשאפן די גרויסע הידראולישע עלעקטריע־סטאציע ביים ירדן און זי באזארגט גאנץ א״י (אחוץ ירושלים) מיט עלעקטרי צו אינדוסטריע און באלויכטונג; 3) די צעמענט־פאבריק „נשר“ ביי חיפה; 4) די אייל־און זייף־פאבריק „שמן“ אין חיפה; נאכער קומען זייער פיל קלענערע און גרעסערע פאבריקן און ווארשטאטן, וואס ארבעטן אויס פארשידענע סחורות, ווי: זייד, וועבעריי, מעבל, לעדער, שיך, גאלאנטעריע, דרוקעריי וכדומה, פון די פארשידנסטע בראנזשעס. די אינדוסטריע פארגרעסערט זיך לעצטנס אויך צוליב דעם, וואס עס ווערט איצט געפירט א שטארקע אגיטאציע צו נוצן אין א״י נאר „תוצרת הארץ“ (פראדוקטן, וואס ווערן אויסגעארבעט אין לאנד). לעצטנס זענען געווען עטלעכע אויסשטעלונגען (תערוכה) פון די אלע ארטיקלען.

16. געלט, בודזשעט, ימים־טובים. אין א״י איז די מטבע דער א״י־פונט, וואס האט דעם זעלבן ווערט, וואס ענגלישער פונט. אויף העברעאיש הייסט די מטבע „לירה ארץ־ישראלית“. דער פונט איז איינגעטיילט אין 1000 מילים. יעדע 10 מילים רופט מען „פיאסטער“ אדער אויך „גרוש“. פאפיר־געלטער זענען פאראן: א האלבער פונט, 1 פונט, פינף, צען, פופציק און 100 פונט. זילבערנע זענען פאראן 50 און 100 מילים. די קלענערע מטבעות זענען פון בראנז און ניקל. — דער בודזשעט פון דער א״י רעגירונג באטרעפט לערך דריטהאלבן מיליאן פונט יערלעך. — קיין צוואנג־ימים־טובים ווי אין טייל קריסטלעכע לענדער זונטיק וכדומה, אין וועלכע די געשעפטן זאלן נישט טארן זיין אפן, איז אין א״י נישטא. די רעגירונג האט נאר אנערקענט פאר אירע באאמטע פון יעדער רעליגיע געוויסע הויפט־ימים־טובים. די יידן פייערן שבת, די קריסטן זונטיק, און די מאכמעדאנער פרייטיק. אין תל־אביב איז יא איינגעפירט א געוויסע „שמירת שבת־פארארדנונג“, וואס דערלויבט נישט צו האלטן אפן יידישע געשעפטן אין שבת.

17. באנקען, היפאטעקן, קאאפעראטיוון. די גרעסטע באנק אין א״י איז די

פיליע פון דער ענגלישער „בארקליים״־באנק, וואס האט אירע הויפט־אפטיילונגען אין תל־אביב, יפו, ירושלים. די צווייטע גרעסטע באנק איז די יידישע ציוניסטישע באנק „אפ״ק״ („אנגלא פאלעסטיין קאמפאני״), וואס האט פיל מיטגעהאלפן צו דער אנטוויקלונג פון יידישן ישוב. אחוץ דעם זענען פאראן א ריי קלענערע יידישע געזעלשאפטלעכע און קאאפעראטיווע באנקען ווי „אשראי״, „מזרחי״, „בנק הפועלים״ (ארבעטער באנק), „בנק עולים״, „קופת עם״, „בני בנימין״, „הלואה והסכון״. עס איז אויך פאראן א היפאטעקן־אינסטיטוציע „בנק אפותיקאי הכללי״, וואס האט געגעבן אין תל־אביב הלואות אויף הייזער, ווי אויך אנדערע קלענערע היפאטעקן־אינסטיטוציעס, וואס בארגן קלענערע סומען אויף הייזער, אבער אן א גרעסערער באדייטונג. די היפאטעק אין א״י „טאבו״, איז אן אפיציעל אנערקענטע רעגירונגס־אינסטיטוציע. אחוץ די דערמאנטע פינאנציעלע אינסטיטוציעס ווירקן אין א״י אויך דריי יידישע לאקאלע פארזיכערונגס געזעלשאפטן: „יהודה״, „הסנה״, און „בטוח כללי״. אין א״י זענען פאראן איבער 400 יידישע קאאפעראטיווע חברות, וואס נעמען ארום פארשידענע געביטן פון ווירטשאפט, ווי פינאנסן, כמעט די גאנצע לאנדווירטשאפט, פאבריקן, ווארשטאטן, הייזער־בוי וכדומה, און זיי פארנעמען א וויכטיק ארט אין יידישן ישוב.

18. באנען, אויטאס, שיפן, פאסט. אין א״י זענען פאראן פאלגנדע באן־ליניעס: 1) די הויפט־ליניע, וואס גייט לענג־אויס דעם ברעג פון מיטלענדישן ים און שניידט אדורך פארביי די וויכטיקסטע יידישע קאלאניעס אין שומרון, שרון און יהודה, דאס איז די ליניע חיפה—לוד—קאנטארא (ביז עגיפטן); זי האט 425 קילאמעטער; 2) די ליניע יפו—תל־אביב—ירושלים מיט דער לענג פון 87 קילאמעטער; ביי דער באן־סטאציע „לוד״ קניפט זי זיך אן מיט דער ערשטער באן־ליניע חיפה—עגיפטן; 3) די ליניע חיפה—צמח (ביים ירדן און ים כנרת) מיט א לענג פון 88 קילאמעטער און זי שניידט אדורך דעם עמק יזרעאל און אלע דארטיקע וויכטיקע יידישע קאלאניעס; זי פארייניקט זיך מיט דער באן־ליניע קיין סיריע ביז דמשק. — א באדייטנד וויכטיקערן ארט פארנעמט אין א״י די אויטאמאבילן־קאמוניקאציע, וואס פארבינדט אלע ווייטסטע פונקטן פון לאנד. אין א״י זענען פאראן פיל גוטע אספאלט־שאסעען. אויך אין די שטעט זעלבסט (תל־אביב, ירושלים, חיפה) פארנעמט דער אויטאמאביל דעם פלאץ, וואס אין מאנכע אייראפעאישע שטעט דער עלעקטרישער טראמוואי. יידישע שאפערן און אויטאמאבילן־געזעלשאפטן איז פאראן א גרויסע צאל.—דער הויפט־פארט אין א״י איז חיפה, וואו עס איז איצט פאראן א מאדערנער פארט. אבער א גרעסערע צאל שיפן קומען אויך צו קיין תל־אביב; זיי שטעלן זיך אפ ווייט פון ברעג, לערך א קילאמעטער, און מיט קליינע שיפלעך פירט מען צו פאסאזשירן און סחורות. — א״י האט א גוטע פאסט־און טעלעגראף־פארבינדונג מיט דער גאנצער וועלט. צווישן די פאסט־און טעלעגראף־באאמטע איז פאראן א גרעסערע צאל יידן. אלע דאקומענטן פון דער פאסט, באן וכדומה זענען אין דריי אפיציעלע שפראכן: ענגליש, העבעראיש און אראביש.

19. ארבעטער, פראפעסיאנעלע פאריינען. די יידישע ארבעטער אין א״י זענען באקאנט אין דער יידישער וועלט מיטן נאמען „חלוצים״. די הויפט־ארגאניזאציע פון די ארבעטער הייסט „הס־

תדרות" (זע „הסתדרות העובדים"). עס זענען פאראן נאך אנדערע פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס ווי דער „ארגון" פון רעוויזיאניסטן, „הפועל המזרחי", די לערער־ארגאניזאציע („הסתדרות המורים"), „הסתדרות הפקידים" פון באאמטע (אנגעשלאסן אין דער אלגעמיינער „הסתדרות"), ווי אויך פאריינען פון פארשידענע פרייע פראפעסיעס, דאקטוירים, דענטיסטן, אדוואקאטן, אינזשינערן וכדומה. אויך די יידישע פאבריקאנטן האבן זייער ארגאניזאציע „התאחדות בעלי תעשיה" (אין תל־אביב), די קאלאניסטן „התאחדות האכרים", דערביי איז פאראן די „התאחדות האכרים הלאומיים", וואס זענען קעגן באשעפטיקן נישט־יידישע ארבעטער אין יידישע קאלאניעס. עס איז אויך פאראן די „אגודת הסופרים העברים", (פאריייניקונג פון העבראישע שריפטשטעלער).

20. שולן, ישיבות, צייטונגען, ביכער. איבער דעם גאנצן יידישן ישוב אין א"י איז פארשפרייט א נעץ פון יידישע שולן מיט העבראיש אלס אונטעריכטס־שפראך. די דאזיקע שולן באשטייען פון קינדער־גארטנס („גנים"), פאלקס־שולן („בתי ספר עממיים"), מיטלשולן, לערער־סעמינארן און האנטווערקער־שולן. פון די הויכשולן זענען באקאנט די העבראישע אוניווערזיטעט אין ירושלים (וועגן איר זע „אוניווערסיטעט") און דאס טעכניקום אין חיפה. — עס זענען אויך פאראן תלמוד־תורהס און ישיבות פון אלטן טיפ, וואו מען לערנט גמרא און פוסקים, אמייסטנס אויף יידיש. — אין א"י דערשיינען 4 טעגלעכע העבראישע צייטונגען: „הארץ" (בירגערלעך־ראדיקאל), „דבר" (ארגאן פון ארבעטער), „הבוקר" (קאנסערוואטיוו, אבער נישט רעליגיעז), „הצופה" (רעליגיעז פון ארטאדאקסן); וואכן־זשורנאלן, ווי אויך פיל פאך־זשורנאלן אויף העבראיש, ווי „השדה" (פאר אגריקולטור), „הרפואה" (מעדיצין) און אנדערע. עס דערשיינט אין ירושלים אויך א יידישע צייטונג אויף ענגליש „פאלעסטיין פאסט". אין א"י דערשיינען אויך פיל העבראישע ביכער און עס זענען טעטיק א סך פארלאגן, צווישן וועלכע די וויכטיקסטע זענען „דביר", „אמנות" און אנדערע. א"י פארמאגט אויך א גרויסע נעץ פון ביבליאטעקן און לייענזאלן. די גרעסטע ביבליאטעק איז די נאציאנאלע אוניווערזיטעט־ביבליאטעק אין ירושלים.

21. געזונטהייט, היגיענע, ספארט. דאס געזונטהייטס־וועזן שטייט איצט אין א"י אויף א הויכער מדרגה, ספעציעל פון דער יידישער באפעלקערונג, פאר וועלכער עס זארגט דער ועד הלאומי, יידישע אגענץ און אויך אנדערע אינסטיטוציעס. די הויפט־יידישע שפיטאלן ווערן אויסגעהאלטן דורך דער געזעלשאפט „הדסה" (אמעריקאנער יידישע פרויען־ארגאניזאציע געגרינדעט אין יאר 1912), „קופת חולים" (קראנקן־קאסע פון די ארבעטער). א דאנק דעם איז ביי יידן די שטערבלעכקייט זייער געפאלן. ביי יידן אין א"י איז דער פראצענט פון טויט־פאלן ביי זויג־קינדער אין יאר נישט מער ווי 69 אויף טויזנט (אין דייטשלאנד 69, אין ענגלאנד 74). עס זענען פאראן פיל פריוואטע יידישע דאקטוירים, סאנאטאריומס. אויף א גאר הויכער מדרגה שטייט דער ספארט ביי דער יידישער יוגנט אין א"י, און דאס ווירקט־מיט צו דער פארבעסערונג פון געזונטהייטס־וועזן. עס זענען פאראן פארשידענע ספארט־ארגאניזאציעס. אויפ'ן ערשטן פלאץ שטייט אין א"י דער „מכבי", וועלכער איז א טייל פון דער אלוועלט־לעכער „מכבי"־ארגאניזאציע. די צוויי־

טע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע איז פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט מיטן נאָמען „הפּועל“, און די פֿאַרשידענע קלענערע ספּאָרט־גרופּן „צופֿים“, (סקויטן), „הנוער הלאומי“ (נאַציאָנאַלע יוגנט) און אַנדערע.

22. ציוניסטישע אינסטיטוציעס. די פֿאַרשטייערשאַפֿט פֿון יידישן ישוב אין א״י פֿאַר דער א״י־רעגירונג איז, ווי מיר האָבן שוין געזאָגט, דער „ועד הלאומי“. אָבער די פֿאַרשטייערשאַפֿט פֿון גאַנצן יידישן פֿאָלק פֿאַר דער ענגלישער און א״י־רעגירונג אַלס מאַנדאַט־מאַכט איז די „יידישע אַגענץ“, וואָס ווערט דערוויילט אַ העלפֿט מיטגלידער דורך דעם ציוניסטישן קאָנגרעס און אַ העלפֿט דורך די יידישע אַנגעזעענע קבוצים אין פֿאַרשידענע לענדער. אין יאָר 1930 האָט די יידישע אַגענץ איבערגענומען אַלע וויכטיקע ציוניסטישע אינסטיטוציעס אין א״י און זי פֿירט אָן מיט דער גאַנצער ציוניסטישער אַרבעט אין לאַנד. וועגן דער אַגענץ און דער ציוניסטישער אַרבעט און אירע אינסטיטוציעס זע „ציוניזם“. — אחוץ דער יידישער אַגענץ זענען טעטיק אין א״י אויך אַ ריי אַנדערע יידישע אָרגאַניזאַציעס, ווי פּיק״א (וועגן איר געבן מיר ביים זוכוואָרט „פּיקא“) פֿון באַראָן ראָטשילד, „אַליאַנס“, ווי אויך אַ ריי חברות פֿון אַלטן יידישן ישוב, וואָס האַלטן אויס ישיבות, תלמוד־תורות, מושב־זקנימס, יתומים־הייזער, און באַזונדערס די „חלוקה“, וואָס שטיצט די עלטערע אומפֿאַרמעגלעכע יידן; (וועגן דעם געבן מיר באַזונדער ביים זוכוואָרט „חלוקה“).

23. אימיגראַציע, בירגערשאַפֿט. דאָס נייע געזעץ וועגן אימיגראַציע קיין א״י איז אַריין אין קראַפֿט סעפּטעמבער 1932. אויפֿן גרונט פֿון דאָזיקן געזעץ באַקומט די יידישע אַגענץ יעדעס האַלבע יאָר (אַפּריל און אָקטאָבער) סערטיפֿיקאַטן צו אימיגראַנטן (עולים). זע „עליה“. — די בירגערשאַפֿט קאָן באַקומען יעדער אימיגראַנט נאָכדעם, ווי ער איז געווען אין לאַנד צוויי יאָר.

24. הייליקע ערטער. פֿאַר יידן איז א״י פֿול מיט די הייליקסטע ערטער און זכרונות פֿון די אַלטע תנ״ך־צייטן און שפּעטער. דאָס הייליקסטע אָרט איז דער מקום המקדש, דער פּלאַץ פֿון בית־המקדש, דער „הר הבית“. דאָס צווייטע הייליקע אָרט איז די כותל־המערבי, די מערב־וואַנט פֿון דער מויער, וואָס האָט אַמאָל אַרומגערינגלט דעם בית המקדש פּלאַץ. דאָס דריטע הייליקע אָרט איז דער קבר פֿון דער מוטער רחל, נישט ווייט פֿון בית לחם אויפֿן וועג פֿון ירושלים. דאָס פֿערטע הייליקע אָרט איז די „מערת המכפּלה“ אין חברון, וואו עס ליגן לויט דער טראַדיציע די אבות. אחוץ דעם זענען פֿאַראַן אַ ריי אַנדערע הייליקע ערטער, ווי דער קבר פֿון רבי שמעון בן יוחאי אין מירון, דער קבר פֿון שמעון הצדיק ביי ירושלים, סתם קברים פֿון תנאים און אמוראים. — אויך די מאַכמעדאַנער און קריסטן האָבן אין א״י זייערע הייליקע ערטער.

25. פֿאָרשונגען, אויסגראָבונגען. א״י אַלס דאָס לאַנד פֿון דער אַלטער געשיכטע, פֿון תנ״ך, אַלס דאָס וויגעלע פֿון די וועלט־רעליגיעס, האָט געצויגן אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון די אַרכעאָלאָגן צו גראָבן אויף די טראַדיציאָנעלע היסטאָרישע ערטער און צו פֿאָרשן דאָס לאַנד. לעצטנס איז אויך אַנטשטאַנען אין א״י די יידישע געזעלשאַפֿט „חברה לחקירת א״י ועתיקותיה“ אין ירושלים. די וויכטיקסטע אויסגראָבונגען זענען געמאַכט געוואָרן אין דער אַמאָליקער שטאָט „שומרון“ (סעבאַסטא), „תענך“, „גזר“, „יריחו“, „לכיש“ און פֿיל אַנדע־

רע ערטער, וואו מען האט געפונען קול־טור־שפורן פון אלטע צייטן. די צאל בי־כער און אפהאנדלונגען, וואס זענען דער־שינען אויפן געביט פון א״י־פארשונג אין פארשידענע שפראכן, דערגרייכט אין די פיל צענדליקער טויזנטער. דער ענג־לישער פארשער טאמסאן האט ארויסגע־געבן אויף ענגליש ספעציעלע ביבליא־גראפישע רשימות פון אפהאנדלונגען און ביכער וועגן א״י. אבער אויך זיי זענען נישט קיין דערשעפנדע. אויף יידיש איז וועגן דער פארשונג פון אלטן א״י פאראן זייער ווייניק, כמעט ווי גארנישט. אין העברעאיש איז פאראן פון אנהויב 14טן יארהונדערט דער „כפתור ופרח״ (פון רבי אישתורי הפרחי) און נישט רעכע־נענדיק די קלענערע ספרים, איז ערשט אין 19טן יארהונדערט, דערשינען דאס ערשטע וויסנשאפטלעכע בוך „תבואות הארץ״ פון רבי יוסף שווארץ; נאכער זענען דערשינען „אדמת קודש״ פון „גאלדהאר״, די לוחות און „ירושלים״ פון לונץ מיט פיל וויסנשאפטלעך היס־טארישן מאטעריאל, די „קובצים״ פון דער דערמאנטער „חברה לחקירת א״י ועתיקותיה״, און א ריי מאמרים צע־ווארפן איבער פארשידענע צייטשריפטן. און לעצטנס זייער פיל וויסנשאפטלעכע ספרים.

26. ליבע צו א״י און הייליקייטן. שוין אין חומש דברים א׳ י״ב ווערט גערעדט וועגן א״י, אז דאס איז דאס לאנד „אשר עיני ה׳ אלהיך בה״ („וואס גאטס אויגן זענען אויף אים״). א געט־לעך לאנד. אין דער משנה און גמרא (כלים פרק א׳ און אנדערע ערטער) ווערט אונטערגעשטראכן די קדושה פון א״י. זייער פיל ווערט גערעדט איז גאנצן תלמוד און שפעטער אין ספרים וועגן דער ליבע צום הייליקן לאנד און דער מצוה צו וואוינען דארט. אין ספרי (פרשת ראה) ווערט דערציילט וועגן די תנאים רבי יהודה בן בתירא און רבי מתיא בן חרש און אנדערע, וואס האבן ביים פארלאזן דאס לאנד געוויינט, דער־קלערנדיק, אז „ישיבת ארץ ישראל שקולה כנגד כל המצוות שבתורה״ (דאס וואוי־נען אין א״י איז אזוי חשוב ווי אלע מצוות פון דער תורה). אין פסחים קי״ג זאגט דער אמורא ר׳ יוחנן, אז ווער עס וואוינט אין א״י וועט האבן עולם הבא. אין כתובות קי״ב ווערט דערציילט וועגן אמורא רבי אבא, אז ער האט געקושט די שטיינער פון א״י. אין א סך גמרא־ער־טער ווערט געלויבט א״י. די ליבע צום לאנד איז געווען אזוי גרויס, אז א סך גרויסע אמוראים וואס זענען געשטארבן אין חוץ לארץ האבן געהייסן זייערע טוי־טע קערפער פירן קיין א״י (כתובות קי״א, מועד קטן כ״ה). אין מדרש ברא־שית רבה צ״ו ווערט געבראכט די בא־קאנטע טראדיציע, אז די טויטע אין חוץ לארץ וועלן מוזן, איידער זיי וועלן אויפ־שטיין תחית המתים, זיך קאלערן דורך היילן („גלגול מחילות״) קיין א״י. דער־פון שטאמט אויך שפעטער דער מנהג צו לייגן אויף טויטע קערפער אויך אין חוץ לארץ א״י־ערד אויף די אויגן פארן קובר זיין. דורכגעדרונגען מיט דער דאזיקער ליבע צו א״י האבן יידן פון פיל דורות געשטרעבט צו באזעצן זיך אין א״י, און פון א סך אזעלכע רייזנדע, וואס האבן מיט הונדערטער יארן צוריק איינגע־שטעלט זייער לעבן און געפארן קיין א״י, זענען אונדז געבליבן באריכטן פון זייע־רע רייזעס (א זאמלונג פון זיי איז דער־שינען דורך אייזנשטיין אין ניו־יארק „ספר המסעות״).

צום סוף באמערקן מיר נאכאמאל, אז וועגן דעם גרעסטן טייל ענינים, וואס האבן א שייכות צו א״י, געבן מיר גאנץ באזונדער און אויספירלעכער אין די

באטרעפנדע ספעציעלע זוכווערטער אין אונדזער ענציקלאפעדיע, ווי „ירושלים“, „תל־אביב“, „ציוניזם“ וכדומה. — אין דער יידישער שפראך איז פאראן ווייניק ביכער וועגן א״י; פון די עלטערע איז יידיש איז צו פארצייכענען בן צבים און בן גוריונס בוך וועגן א״י (ניו־יארק), פיעטרושקא, א״י (ווארשע 1921), אויך זשורנאל „אלטניילאנד“ (ווארשע 1925), „האנטבוך“ פון טריוואקס (ווארשע תרצ״ג); אויף העברעאיש זענען וויכטיק פרעם „ספר המסעות (תרפ״א); לוק, „ספרה של א״י (תרפ״ד), בראווער „ספר הארץ“ (תרפ״ז), די „לוח החבר“, וואס דערשיינט יעדעם יאר און אנטהאלט ווערטפולע סטאטיסטיק; וועגן די עלטערע ספרים איבער א״י האבן מיר געגעבן אויבן ביי „פארשונג“; עס איז נאך צוצוגעבן „ערך מלין“ פון ראפאפארט זוכווארט „ארץ־ישראל“; אהאגאן „ארץ־ישראל וסוריה“ (איבערזעצונג פון ספיר); הורביץ, „ארץ־ישראל ושכנותיה“, „הארץ פון ספיר (תרע״א).

אַש שלום (געבוירן יאר 1880). דיכטער, שריפטשטעלער און דראמאטורג. אש איז געבוירן געווארן אין קוטנע, ביי ווארשע. אש האט אין זיין יוגנט באקומען א פרום־יידישע דערציאונג אין חדר און ישיבה, נאכער האט ער זיך גענומען צו השכלה. זיין ערשטע נאוועלע „משהלע“, האט אש אפגעדרוקט אין דער יידישער וואכנשריפט „דער איד“ אין יאר 1900. אין יאר 1904 האט אש פארעפנטלעכט זיין שענסטע פאעמע „שטעטל“, וואס האט אים דערווארבן דעם רום אלס איינעם פון די שענסטע און באגאבטסטע יידישע שריפטשטעלער. דערמאלט האט אש אויך אנגעהויבן שאפן דראמאטישע ווערק, „צוריקגעקומען“ (אויף העברעאיש „יצא וחזר“), נאכער „משיחס צייטן“, „גאט פון נקמה“. אין יאר 1908 איז אש געפארן קיין א״י. אין יאר 1910 איז ער געפארן קיין אמעריקע. דיביידע רייזעס האבן אויף אים געמאכט א גרויסן איינדרוק און ער האט אנגעשריבן די צוויי ביכער „אין ארץ־ישראל“ (1911) און די דערציילונג „אמעריקע“. אין יענער צייט האט אש געשאפן נאך א ריי דראמאטישע ווערק („שבתאי צבי“ און אנדערע), ווי אויך דעם ראמאן „מערי“, „רבי שלמה נגיד“, „מעשהלעך פון חומש“ און האט אויך איבערזעצט אין א דיכטערישער פארם „רות“. נאכער אנדערע גרעסערע ווערק ווי „אנקל מאזעס“, „מאטקע גנב“, די היסטארישע ראמאנען „כשוף־מאכערן פון קאסטיליען“ און „קידוש־השם“ (פון גזרת ת״ח). אין יאר 1927 האט ער נאכאמאל באזוכט א״י (געשריבן וועגן דעם זיין צווייט א״י־בוך „דער מזבח“) און נאכער זיך באזעצט אין פאריז, קומענדיק פון צייט צו צייט קיין פוילן און אנדערע לענדער. אין פארלויף פון די נאך־מלחמה־יארן האט ער בארייכערט די יידישע ליטעראטור מיט א ריי נייע ווערק, פון וועלכע די וויכטיקסטע זענען „טרילאגיע“ („פעטערבורג“, „ווארשע“, „מאסקווע“, א ראמאן פון רעוואלוציאנערן לעבן, אויך די באלשעוויסטישע רעוואלוציע), „חיים לעדערערס צוריקקומען“ (די גייסטיקע טראגעדיע פון אן אמעריקאנער גביר, וואס בענקט צו די אידעאלן פון זיין אמאליקער יוגנט), „טויטשטראף“, „גאטס געפאנגענע“, און לעצטנס זיין היסטארישן ראמאן „דער תהלים ייד“, פון חסידישן לעבן אין פוילן, אין דער צייט פון די רביים פון פשיסכע און קאצק (אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יארהונדערט); „געזאנג פון טאל“, ווי אויך א היסטארישן ראמאן וועגן לעבן פון „ישו הנוצרי“ (אין ענגליש „דהי נאזארין“). — וועגן אש אלס דיכטער,

שריפטשטעלער און דראַמאַטורג) זענען געשריבן געוואָרן פיל אָפּהאַנדלונגען.

אַשור נאָמען פון לאַנד און פאָלק אין אַלטערטום. מיט דריי טויזנט יאָר צוריק האָט אין אַזיע, ביים טייך טיגריס (חדקל) געבליט אַ גרויסע „אימפּעריע „אשור" (אַסיריע), וואָס האָט עקזיס־טירט עטלעכע טויזנט יאָר, און דאָרט איז אַנטשטאַנען אַ הויכע קולטור און ציוויליזאַציע. אין שכנות פון דאָזיקן אשור ביי די טייכן טיגריס און פּרת איז געווען אַ צווייט לאַנד מיטן נאָמען „בבל" (באַבילאָניע), וואָס האָט אויך געשאַפן אַ גרויסע און שטאַרקע אימפּעריע, באַזיגט אַ סך לענדער, און אויך איר קולטור און ציוויליזאַציע איז שוין דעמאָלט געשטאַנען אויף אַ הויכער שטופע. די דאָזיקע צוויי לענדער, אשור און בבל, האָבן געהאַט איינער אויף דעם צווייטן אַ גרויסן איינפלוס, זייערע קולטורן האָבן זיך אַריינגעדרונגען איינע אין דער צווייטער, און מיט דער צייט איז אַנטשטאַנען יענע קולטור פון אַלטערטום, וואָס מען רופט די „אַסיריש־באַבילאָנישע" קולטור, און די וויסנשאַפט, וואָס פאָרשט די געשיכטע און קולטור פון אשור און בבל רופט מען „אַסיראָלאָגיע". אַ באַזונדערס גרויסע באַדייטונג האָט די אַסיראָלאָגיע פאַר דער פאָרשונג פון דער יידישער געשיכטע און קולטור אין די אַלטע צייטן פון תנ"ך, ווייל ערשטנס האָבן די לענדער אשור און בבל עטלעכע מאָל באַהערשט א"י, און צווייטנס געפינט מען אויך אין דער אַלטער יידישער קולטור אַ געוויסן איינפלוס פון דער אַסיריש־באַבילאָנישער וועלט. מיר וועלן דאָ געבן וועגן אשור אויף וויפיל דאָס האָט אַ שייכות צום אַלטן יידנטום און תנ"ך. גענוי ווען עס איז אַנטשטאַנען די אַלטע אימפּעריע אשור איז שווער פעסטצושטעלן. מען נעמט אָן, אַז אשור איז אַנטשטאַנען לערך 2000 יאָר פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג. די הויפּטשטאָט פון לאַנד איז געווען די שטאָט „אשור"; אין די גאָר שפּעטערע צייטן איז געוואָרן די הויפּטשטאָט „נינוה". אין אַ נאָענטער פּאָליטישער באַרירונג מיט א"י איז אשור געקומען ערשט שפּעטער אין דער צייט פון קעניג שלמנאסר דעם 2טן, נאָכער תגלת פּלאסר דעם 4טן (דערמאָנט אין ספר מלכים ט"ו) און שלמנאסר דעם 4טן (דערמאָנט מלכים י"ז), וועלכער האָט איינגענומען דאָס מלכות ישראל און באַזיגט דעם מלך ישראל הושע בן אלה און פאַרטריבן די עשרת השבטים אין גלות. אין ספר מלכים ב' ווערן דערמאָנט נאָך אַ ריי קעניגן פון אשור, וואָס זענען געקומען אין באַרירונג מיט דעם מלכות יהודה, און דער באַקאַנטסטער צווישן זיי איז סנחריב, וועלכער האָט באַלאַגערט ירושלים אין דער צייט פון חזקיה המלך און זיין מיליטער האָט געטראָפן אַ גרויס אומגליק אַזוי אַז ער האָט געמוזט אַוועק פון ירושלים. אין 7טן יאָרהונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג איז אשור איינגענומען געוואָרן דורך דעם קעניג פון בבל נבו־פּלאַסר (פאָטער פון נבוכדנאצר) און איז געוואָרן אַ טייל פון בבל, וואָס איז דערנאָך איינגענומען געוואָרן דורך פּערסיע (פרס ומדי) און דעמאָלט ענדיקט זיך **די אַלטע אַסירישע עפּאָכע**. — די ידיעות וועגן אַלטן לעבן פון אשור האָבן מיר אַ דאַנק די געפונענע אויפשריפטן אויף טאָוולען אין די אויסגראָבונגען אויף די אַלטע שטעט פון אשור און ספּעציעל פון נינוה. מען האָט דאָרט אַנטדעקט ביבליאָטעקן פון אַזעלכע טאָוולען; די שריפט פון זיי איז די אַזוי־גערופענע „פּלעקל־שריפט" און די בוכשטאַבן באַשטייען פון צייכנס, וואָס זעען אויס ווי „פּלאָקנס". אין דער רעליגיע פון אשור

אין בבל זענען פאראן א סך דערציילונגען, וואס דערמאנען ענלעכע ספורים אין חומש, דעם מבול; דארט ווערט דערציילט, ווי גאט האט באשלאסן צו ברענגען א מבול אויף דער וועלט, און ער האט געהייסן דעם איינציקן צדיק, „אוטנאפישתים" מיטן נאמען, בויען זיך א שיף, און ווי דער דאזיקער צדיק האט דערנאך ארויסגעשיקט א טויב צו זען, אויב עס איז שוין טרוקן אויף דער וועלט. אויך איז דארט פאראן די אינסטיטוציע פון רוען דעם 7טן טאג (דער יידישער שבת), אבער וועלכער טראגט דארט דעם כאראקטער פון א „פארשאלטענעם טאג". זאגאר די גאנצע אסיריש־באבילאנישע ליטעראטור וועגן מקריב זיין קרבנות דערמאנט אביסל דעם ספר ויקרא פון חומש, און אפילו דער אויסדרוק „וכפר" ווערט דארט כסדר דערמאנט. אחוץ דעם איז פאראן אין דער אסיריש־באבילאנישער געזעץ־ליטעראטור א גרויסע ענלעכקייט צווישן די געזעצן פון אשור און בבל און די געזעצן, וואס זענען פאראן אין חומש ספעציעל אין דער סדרה „משפטים" (וועגן דעם זע „חאמוראבי"). וועגן דער פראגע: אין וואסער באציאונג עס שטייט דער חומש און זיינע סיפורים און געזעצן צו די אסיריש באבילאנישער קולטור־וועלט, און זייער איינפלוס איינער אויף דעם צווייטן, זענען געשריבן געווארן זייער פיל ביכער און אפהאנדלונגען. אין די פיל אינשריפטן, וואס מען האט געפונען אין די אלט־סירישע־באבילאנישע ביבליאטעקן זענען פאראן אויך ידיעות, וואס באשטעטיקן די סיפורים פון תנ"ך אין ספר מלכים ב' וועגן די מלחמות פון די מלכים פון אשור קעגן די יידישע קעניגן. עס ווערן דארט געבראכט די נעמען פון די מלכים אחאב, יהוא, אחז און אנדערע. — וועגן דעם איינפלוס פון דער שפעטערדיקער באבילאנישער קולטור פון גלות בבל אן און ווייטער. ספעציעל פון דער תלמודישער צייט אויף דער יידישער וועלט, זע „בבל".

אשי, רב אמורא אין בבל; אין 6טן דור פון די אמוראים, אומגעפער פון יאר 352 ביז 427; ראש־ישיבה אין דער שטאט „מתא מחסיא". וועגן רב אשי ווערט אנגענומען, אז ער האט מסדר געווען (רעדאגירט) דעם תלמוד בבלי. ער און זיין חבר דעם אמורא רבינא האבן צונויפגענומען א גרעסערע צאל אמוראים און צוזאמען געזאמלט די אלע מימראס און סוגיות און קשיות און תירוצים פון די פריערדיקע אמוראים און צונויפגעשטעלט דעם תלמוד בבלי; דאס האט רב אשי געמאכט אין צוויי רעדאקציעס: די ערשטע האט געהייסן „מהדורא קמא" און די צווייטע „מהדורא בתרא" (בבא בתרא קנ"ז). אין דער גמרא ברכות נ"ז ווערט דערציילט, אז רב אשי איז געווען זייער רייך; אין גטין נ"ט ווערט ער באטראכט אזוי גרויס, ווי רבי דער מסדר פון דער משנה. וועגן דער רעדאקציע פון תלמוד בבלי דורך רב אשי זע „תלמוד" פון רב אשין זענען פאראן פיל הלכות אין גאנצן תלמוד בבלי, און אויך פיל אגדה־ווערטער. אין בבא מציעא פ"ג ווערט וועגן רב אשי און רבינא געזאגט, אז זיי זענען „סוף הוראה" (די לעצטע פון אמוראים), הגם עס זענען געווען עטלעכע אמוראים אויך נאך זיי. רב אשיס זון איז געווען מר בר רב אשי.

אשכנז אין חומש בראשית ווערט דער נאמען „אשכנז" דערמאנט אלס פון א פאלק, וואס שטאמט פון גומר בן יפת, דעם זון פון נח. אויך אין ירמיה נ"א ווערט דערמאנט דאס לאנד „אשכנז". ווארשיינלעך מיינט מען דערמיט דאס לאנד אסקאניום אין פאדראזיע. אבער

אין דער צייט פון מדרש און שפּעטער אין מיטלאַלטער האָט מען באַנוצט דאָס וואָרט אשכנז צו באַצייכענען דייטשלאַנד. פונוואַנען דאָס נעמט זיך, איז שווער צו זאָגן. טייל מיינען (אין דער גמרא יומא י׳ ווערט זאָגאַר בפירוש געזאָגט „גומר זה גרממיא״), אַז דאָס איז פון „גומר — גערמאַניע״. אין סידור פון רב עמרם גאון ווערט שוין בפירוש דערמאָנט דער מנהג פון „קהלת ישראל שבארץ אשכנז״, וואָס מיינט דייטשלאַנד. אויך רב סעדיה גאון אין פירוש אויף דניאל ז׳ דערמאָנט אשכנז אַלס דייטשלאַנד. רש״י ברענגט דעם לשון „אשכנז״ (דברים ג׳ און אַנדערע ערטער). סייווי אין מיטלאַלטער איז שוין דער נאָמען אשכנז געווען זייער פאַרשפּרייט צו באַצייכענען דייטשלאַנד, און די מנהגים פון די יידישע קהלות אין דייטלאַנד ווי אויך זייער נוסח פון דאַווענען זענען געווען באַוואוסט אַלס דער „מנהג אשכנז״, ווי אויך „נוסח אשכנז״. — מיט דער צייט האָבן אַלע יידן אין מזרח־און מיטל־אייראָפּעישע לענדער זיך אָנגערופן „אשכנזים״. אין קעגנזאַץ צו די יידן, וואָס האָבן געשטאַמט פון שפּאַניע, וועלכע מען האָט גערופן די „ספרדים״. צו די אשכנזישע יידן געהערן אַלזאָ נישט נאָר די יידן פון דייטשלאַנד, נאָר אויך פון פּוילן, רוסלאַנד, פראַנקרייך, סקאַנדינאַווישע לענדער און אויך זייערע קינדער און אייניקלעך, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער. די אשכנזישע יידן האָבן זייער באַזונדערן נוסח אין דאַווענען, זייער מחזור (מיט קליינע ענדערונגען אין די פאַרשידענע לענדער), און אין שאלות פּסקענען זייערע רבנים לויט דעם רמ״א (רבי משה איסערלעס), דאַקעגן די ספרדים פּסקענען לויט דעם שולחן ערוך פון רבי יוסף קארו (בית יוסף). אויך די אויסשפּראַך פון העברעאיש האָבן די אשכנזישע יידן אַ גאַנץ אַנדערע, ווי די ספרדים (זיי מאַכן דעם אונטערשייד פון אַ לאַנגן קמץ ביז אַ פתח, רעדן אַרויס די „תיו״ ווי אַ „סמך״ און אַנדערע).

אשכנזי באַקאַנטער יידישער פאַמיליענאָמען. — בצלאל אשכנזי, למדן, מחבר פון „שיטה מקובצת״. געבוירן אין ירושלים לערך דעם יאָר ר״פ (1520); געווען אַ תלמיד פון רבי דוד אבו זימרא אין מצרים; שפּעטער (אין יאָר 1543) רב אין מצרים (אין קאַהיר), וואו ער האָט אויך געפירט אַ ישיבה און איינער פון זיינע תלמידים איז געווען דער גרינדער פון דער נייער קבלה־שיטה רבי יצחק לוריא (ארי הקדוש). ביז דעמאָלט איז אין שפּיץ פון די יידן אין מצרים געשטאַנען אַ פּערזענלעכקייט מיטן טיטל „נגיד״, און דער דאָזיקער אָנפירנדער אַמט האָט עקזיסטירט אין מצרים איבער 500 יאָר. צוליב אַ מחלוקה צווישן רבי בצלאל אשכנזי און דעם דעמאָלטיקן „נגיד״ ר׳ יעקב בן חיים, האָט אשכנזי געווירקט ביי דער רעגירונג אָפּצושאַפן דעם אַמט: רבי בצלאל איז געשטאָרבן אין יאָר שמ״ח (1588); „שיטה מקובצת״ אַנטהאַלט זאַמלונגען פון פאַרשידענע פריערדיקע מפורשים, וועלכע זענען פאַר אונדז פאַרלוירן געגאַנגען. — יעקב בן יצחק אשכנזי, אַלט־יידישער שרייבער, מחבר פון באַקאַנטן ספר אויף אַלט־יידיש „צאינה וראינה״, וואָס איז געלעזן געוואָרן דורך מיליאָנען יידישע פרויען. ער האָט געלעבט אין 17טן יאָרהונדערט. אויספירלעכער זע „צאינה וראינה״. — צבי הירש אשכנזי, רב און פוסק, מחבר פון „חכם צבי״. ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1658 אין מערן, און געשטאָרבן אין יאָר 1718 אין לעמבערג. אין יאָר 1710 איז ער געוואָרן רב אין אַמסטערדאַם, אין דער אשכנזישער געמיינדע; דאָרט איז

אויסגעבראכן א גרויסע מחלוקה צווישן רבי הירש און דעם רב פון דער ספרדי־שער געמיינדע אין אמסטערדאם רבי שלמה איליון. אין יאר 1714 איז רבי הירש אוועק פון אמסטערדאם און נאכן וואנדערן איבער דער וועלט א געוויסע צייט, איז ער געווארן רב אין לעמבערג אין יאר 1717. דא איז ער געשטארבן 4 חדשים נאך דעם, ווי ער איז געווארן רב. זיין ספר שאלות ותשובות, „חכם צבי" (געדרוקט אמסטערדאם 1712) איז בארימט אין דער לומדישער וועלט. זיין זון איז געווען רבי יעקב עמדין.

אשכול נאמען פון דער יידישער ענ־ציקלאפּעדיע אויף העברעאיש וואס האט אנגעהויבן צו דערשיינען אין בערלין־ירושלים אין יאר תר"ץ אונטער דער רע־דאקציע פון דר. קלאצקין. דער ערש־טער באנד איז דערשינען אין יאר תר"צ; דער צווייטער באנד אין יאר תרצ"ג; די ביידע בענדער נעמען ארום עטוואס מער ווי א העלפט פון אות א'.

אשמדאי נאמען פון קעניג פון די שדים, וואס איז זייער פאפולער אין די אלטע יידישע שדים־לעגענדעס פון דער צייט פון דער גמרא ביז איז מיטלאלטער. וואס עס באדייט דאס ווארט „אשמדאי" איז נישט קלאר. קאהוט (אין „ערך השלם") און אנדערע געלערנטע מיינען, אז דאס שטאמט פון דער פערסישער שפראך, ווייל אין דער אלט־פערסישער רעליגיע איז דער נאמען פון טייוול גע־ווען „עשמא־דאעווא" („עשמא" הייסט „גאט" און „דאעווא" איז „צארן" אדער „אפנארעריי" אויף אלט־פערסיש). דאס ערשטע מאל געפינט מען דעם נאמען אשמדאי אין אפאקריפישן „ספר טוביה", וואס איז געבליבן נאר אין דער גריכי־שער שפראך, דארט הייסט ער „אסמא־דאיאס". אין דער גמרא און מדרש גע־פינט מען דעם אשמדאי אין עטלעכע ער־טער, ווי פסחים ק"י (וואו ער הייסט „אשמדאי מלכא"), מדרש תהלים ע"ח, און דער עיקר אין גטין ס"ח; דארט ווערט דערציילט די מעשה, ווי אזוי שלמה המלך האט ארויסבאקומען דורך דעם אשמדאי דעם ווארם „שמיר", וואס צוברעכט שטיינער, כדי צו בויען דאס בית המקדש און ווי אשמדאי האט אויפן וועג געזאגט פארשידענע חכמות, און ענדלעך ווי אשמדאי האט זיך פאר־שטעלט פאר שלמה המלך, און האט דעם ריכטיקן שלמה אראפּגעווארפן פון דער מלוכה און ער אליין איז געווארן קעניג, ביז מען האט עס אנטדעקט דורך דעם, וואס מען האט געזען, אז זיינע פיס זע־נען פון א הון, און מען האט אים אראפּ־געווארפן, און שלמה איז ווידער געווארן מלך. ראפאפּארט אין „ערך מלין" בא־מערקט, אז די אלע אשמדאי־שטעלן גע־פינען זיך אין דער גמרא אדער אין מד־רשים, וואס שטאמען פון בבל; ווייזט אויס, אז נאר דארט, נישט אין א"י, איז געווען צווישן יידן פאפולער דער דאזי־קער נאמען. אויך אין מיטלאלטער זע־נען ארומגעגאנגען פארשידענע יידישע לעגענדעס וועגן אשמדאי.

אשר נאמען פון זון פון יעקב אבינו, פון זלפה; אין בראשית ל' ווערט דער נאמען אויסגעטייטשט אלס „גליק". פון אים שטאמט שבט אשר, וואס האט גע־וואוינט אין א"י אויפן ברעג פון מיט־לענדישן ים אין צפון, אין דער געגנט פון דער שטעלע אין דער ברכה פון יעקב זיקע שטעט זעלבסט איז דעם שבט אשר נישט געלונגען צו באזעצן (שופטים א'). פון דער שטעלע אין דער ברכה פון ייקב אבינו (בראשית מ"ט) „מאשר שמנה לחמו" („פון אשר קומט דאס פעטע ברויט") איז צו זען, אז דאס לאנד פון

שבט אשר איז געווען פרוכטבאר. וועגן „שרח״, דער טאכטער פון אשר (בראַשית מ״ו), ווערט דערציילט אין מדרש פיל אגדות און באזונדערס, אז זי האט געלעבט זייער לאנג.

אשר בן יחיאל פוסק, באַקאַנט מיטן נאָמען „דער ראש״; געבוירן געוואָרן אין דייטשלאַנד לערך דעם יאָר 1250. דער ראש איז געווען א תלמיד פון גרעסטן רב און פוסק אין דייטשלאַנד אין יענער צייט רבנו מאיר בן ברוך, וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען „מהר״ם מרוטענבערג״. לערך דעם יאָר 1302 (זיכער איז נישט די דאַזיקע דאַטע) האָט דער ראש געמוזט אנטלויפן פון דייטשלאַנד. די סיבה דערפון איז געווען פאָלגנדע: דער דייטשער פירשט אלברעכט האָט געדאַרפט האָבן געלט, און כדי צו צווינגען די דייטשע יידן, אז זיי זאָלן אים געבן א גרעסערע סומע געלט, האָט ער געלאָזט אַרעסטירן דעם מהר״ם מרוטענבערג. דער ראש איז דאַן אנטלאָפן מיט זיין פאַמיליע פון דייטשלאַנד, און ער האָט געוואַנדערט איבער פאַרשידענע לענדער ביז ער איז געקומען אין שפּאַניע און זיך באַזעצט אין טאָלעדאָ. דאָרט האָט ער געגרינדעט א ישיבה, וועלכע איז געוואָרן אזוי באַרימט, אז פון אלע לענדער זענען געקומען תלמידים לערנען. אין טאָלעדאָ איז דער ראש געווען 23 יאָר און ער איז געשטאָרבן דאָרט אין יאָר 1327 (חשון ה׳ אלפים פ״ח). — דער ראש האָט מחבר געווען זיין באַקאַנטן פירוש און פסקי הלכות כמעט צו דער גאַנצער גמרא (געדרוקט צום סוף פון די גמרות); אחוץ דעם האָט ער אויך מחבר געווען א פירוש צו משניות זרעים, און פאַרשידענע קלענערע דרוש־ספרים, און אויך די ,שאלות ותשובות הראש״. דאָס ספר שאלות ותשובות „בשמים ראש״, וואָס איז געוואָרן צוגעשריבן דעם ראש, האָט זיך אַרויסגעוויזן אלס פאַלש, און דער ראש האָט עס נישט מחבר געווען. דער ראש האָט געלעבט אין דער צייט, ווען עס האָט זיך געפירט אין שפּאַניע און דרום־פראַנקרייך דער קאַמף אַרום די פילאָזאָפישע ספרים פון רמב״ם, צי מען מעג אין זיי לערנען. דער ראש האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די קעגנער פון די פילאָזאָפישע ספרים (אין דעם בריוו נ״ב אין „מנחת קנאות״). אָבער פון עקזאַקטע וויסנשאַפטן, און ספּעציעל פון אַסטראָנאָמיע האָט ער שטאַרקט געהאַלטן, און ער האָט געראַטן זיין תלמיד רבי יצחק הישראלי מחבר צו זיין דעם אַסטראָנאָמישן ספר ,יסוד עולם״. דער ראש האָט איבערגעלאָזט אַכט זין, פון וועלכע זיין עלטסטער, רבי יהודה, איז געוואָרן רב אין טאָלעדאָ נאָכן ראשס טויט. אַמבאַרימטסטן איז זיין צווייטער זון רבי יעקב, דער מחבר פון די ,טורים״, וואָס אויף זיי שטיצט זיך דער שולחן ערוך.

אשרה נאָמען פון הייליקן בוים אָדער פון הייליקן האָלץ־פלאָקן אַריינגעשטעקט אין מזבח, וואָס איז געווען אָנגענומען אין דער געצנדינסט ביי טייל מזרח־פעלקער אין די אַלטע תנ״ך צייטן. אין חומש דברים ט״ז איז פאַראַן דער „לא תטע לך אשרה״ (דו זאָלסט דיר נישט פלאַנצן קיין אשרה) און פיל מאָל אין חומש און אַנדערע תנ״ך־ספרים ווערט יידן שטרענג פאַרבאָטן צו דינען צו דער אשרה. אָבער נישט קוקנדיק דערויף, איז טיילמאָל ביי יידן, אין דער צייט פון ערשטן בית־המקדש, ווען טייל יידישע שבטים האָבן געהאַלטן פון געצנדינסט־קולט, געווען איינגעפירט אויך די אשרה (מלכים ב׳ כ״א, און מ״ז, און אַנדערע ערטער).

את-בש עס ווייזט אויס, אז שוין אין די אלטע צייטן פון תנ״ך איז געווען ביי יידן פאפולער די איבערשטעלונג פון אותיות לויט דעם סיסטעם פון „את־בש״, וועלכער באשטייט אין דעם, וואס דער ערשטער בוכשטאב פון אלף־בית די „אלף״ ווערט געשריבן אנשטאט דעם לעצטן בוכשטאב, די תיו; דער צווייטער בוכשטאב, די בית, אנשטאט דעם פאר־לעצטן, די שין, און אזוי כסדר. אין מדרש רבה י״ח ווערט ריכטיק אנגעוויזן, אויפן פסוק אין ירמיה, אז „ששך״ מיינט מען „בבל״ (די צוויי שינס אנשטאט די צוויי „ביתן״, און די „כף״ אנשטאט די „למד״), דער סיסטעם פון את־בש ווערט דערמאנט אין דער גמרא שבת ק״ד.

אתה בחרתנו זע „אויסדערוויילט פאלק״.

אתרוג נאמען פון דער פרוכט, וואס מען דארף, לויט דעם יידישן דין נעמען אים סוכות (צוזאמען מיטן לולב, הדסים און ערבות) און בענטשן איבער אים. אין חומש (ויקרא כ״ג) ווערט נאר געזאגט וועגן „פרי עץ הדר״, אבער לויט דער יידישער טראדיציע, וואס איז זייער אלט, מיינט מען דערמיט דעם אתרוג. ראפא־פארט אין „ערך מלין״ (זוכווארט „אתרוג״) ברענגט א גרינטלעכע פאר־שונג וועגן דעם „פרי עץ הדר״ אלס אתרוג און ווי עס האבן געטייטש אלטע תרגומים (עקילס, „פשיטתא״ און אנדע־רע) ווי אויך פלאוויוס.

ב

ב (בית) צווייטער אות פון העברעאישן און יידישן אלף בית. די „בית" האט אין דער צאלן־ארדנונג די באדייטונג פון 2 און אויך „דער צווייטער".

באארד אוו דעפיוטים נאמען פון דער פאראייניקונג פון די יידישע קהלות אין ענגלאנד; רעכנט זיך אלס די פארשטייער־קערפערשאפט פון ענגלישן יידנטום. דער פולער נאמען פון דער געזעלשאפט, איז „באארד אוו דעפיוטים אוו בריטיש דזשוס" („די קערפערשאפט פון די פארשטייער פון די בריטישע יידן"); זי טרעט אויך אויף צו פארטיידיקן די אינטערעסן פון יידן אין פארשידענע לענדער, וואו זיי ווערן פארפאלגט.

באגדאד זע „מעסאפאטאמיע".

באזל שטאט אין דער שווייץ ביי דער דייטשער גרענעץ. באזל איז באקאנט געווארן דערמיט, וואס דארט איז געעפנט געווארן דער ערשטער ציוניסטישער קאנגרעס, און דער פראגראם פון ציוניזם צו „שאפן פארן יידישן פאלק אן עפנטלעך־רעכטלעך געזיכערטע היים אין ארץ־ישראל" ווערט אנגערופן דער „באזעלער פראגראם".

באכער ווילהעלם (1850 — 1913) יידישער געלערנטער אויפן געביט פון חכמת ישראל; אמבארימטסטן זענען זיינע ווערק איבער דער „אגדה", וואס זענען דערשינען אין העברעאישער איבערזעצונג פון ראבינאוויטש אין תל־אביב („אגדות התנאים", „אגדות אמוראי ארץ־ישראל").

באכראך (אויף העברעאיש ווערט דער נאמען געשריבן אויך „בכרך"), נאמען פון א יידישער פאמיליע, וואס האט ארויסגעגעבן באדייטנדע פערזענלעכקייטן. דער נאמען שטאמט פון דער שטאט באכראך אין דייטשלאנד ביים טייך רהיין, וואו עס זענען אין מיטלאלטער פארגעקומען שחיטות אויף יידן, און וואס איז אויך באקאנט דורך דער דערציילונג פון היינריך היינע „דער רב פון באכראך". דער וויכטיקסטער פון די באכראך־מיטגלידער איז רבי יאיר חיים באכראך, מחבר פון שאלות ותשובות „חות יאיר". געבוירן אין יאר 1628; געוואוינט אין ווארמס, וואו ער איז געשטארבן אין יאר 1701. רבי יאיר חיים איז געווען נישט נאר א גרויסער למדן און פוסק, נאר אויך א געלערנטער אין מאטעמאטיק און אין זיין ספר „חות יאיר" איז פאראן א תשובה וועגן מאטעמאטישע ענינים. ער זאל אויך האבן מחבר געווען א פירוש אויפן „מורה נבוכים" פון רמב"ם. מיט א יאר 50 צוריק האט מען געפונען אין כתב יד רשימות פון רבי חיים יאיר באכראך, פון וועלכע עס איז צו זען, אז ער האט געגלויבט אין שבתי צבי.

באלעכאווער בער (1723 — 1805) יידישער כלל־טוער אין מזרח־גאליציע אין 18טן יארהונדערט, באקאנט דורך זיינע „זכרונות", וואס ווארפן ליכט אויף דער פראנקיסטן־באוועגונג. ווי ער דערציילט, האט ער אנטייל־גענומען אין ויכוח צווישן יידן און פראנקיסטן אין לעמבערג אין יאר 1759. די „זכרונות" פון באלעכאווער האט ווישניצער ארויסגעגעבן אויף יידיש אין בערלין יאר 1922. דר. בראווער האט פארעפנטלעכט אין „השלח" (יארגאנג 1916 און יארגאנג

1921, „מקור חדש'') דאָס ספר „אמרי בינה'' פון באַלעכאָווער ווענן די פראַנקיסטן.

באַלפור אַרטור (1848 — 1931)

ענגלישער לאָרד, וועמענס נאָמען איז פאַרבונדן מיט דער „באַלפור־דעקלאַראַציע''; פאַרנומען פאַרשידענע מיניסטאַרן אַמטן; אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1916, האָט ער פאַרנומען דעם אַמט אַלס ענגלישער אויסערן־מיניסטער (ביז יאָר 1920). דערמאָלט האָט ער, אין יאָר 1917, דעם 2טן נאָוועמבער, אַרויסגעגעבן צום יידישן פאָלק זיין „באַלפור־דעקלאַראַציע''. די דאָזיקע דעקלאַראַציע האָט באַלפור אַדרעסירט צו לאָרד ראָטשילד, און זי אַנטהאַלט די דערקלערונג, אַז די ענגלישע רעגירונג סימפּאַטיזירט מיט די יידישע ציוניסטישע שטרעבונגען און וועט שטיצן די גרינדונג אין ארץ־ישראל פון אַ נאַציאָנאַלער היים פאַר דעם יידישן פאָלק. לאָרד באַלפור האָט אויך נאָכער מיטגעהאָלפן דעם ציוניזם. אין יאָר 1925 האָט ער אין ירושלים געעפנט די העברעאישע אוניווערסיטעט. לכבוד אים זענען אָנגערופן געוואָרן אַ ריי גאַסן אין א''י (אויך אין תל־אביב) מיטן נאָמען „באַלפור'', און אין עמק יזרעאל איז פאַראַן אַ קאָלאָניע מיטן נאָמען „בלפוריה'' („באַלפוריאַ''). לאָרד באַלפור איז אויך געווען אַ שריפטשטעלער און פילאָזאָף, און ער האָט געשריבן אין ענגליש באַדייטנדע ביכער.

באַס שבתי (1641 — 1718), ביבליאָגראַף, מחבר פון פירוש אויף רש''י

„שפתי חכמים'' און פון ביבליאָגראַפישן ספר „שפתי ישנים''. נאָכן טויט פון זיינע עלטערן, וואָס זענען אומגעקומען אין דער שחיטה אויף יידן פון פוילישן גענעראַל טשאַרנעצקי אין יאָר 1655, איז באַס אַוועק קיין פּראַג, וואו ער איז געוואָרן משורר אין דעם כאָר פון דער אַלטנייַ שול; דערפון שטאַמט זיין צונאָמען „באַס''. פון דאָרט איז ער אַוועק קיין אַמסטערדאַם, וואו ער האָט זיך אויסגעלערנט דאָס דרוקער־פאַך און זיך פאַרלייגט אַ דרוקעריי. נאָכער האָט ער זיך באַזעצט אין דירענפורט און זיך פאַרלייגט אַ דרוקעריי און געדרוקט אַ ריי ספרים. רבי שבתי באַס האָט פאַרפאַסט אַ ריי ספרים אויף העברעאיש און יידיש. זיין הויפּט־ספר איז דער „שפתי־ישנים''. דאָס איז די ערשטע ביבליאָגראַפישע רשימה פון העברעאישע ספרים, וואָס זענען דערשינען ביז זיין צייט; די רשימה אַנטהאַלט 2,200 ספרים. דער „שפתי ישנים'' איז דערשינען אין יאָר 1681 אויך אויף לאַטיין און האָט געדינט אַלס וועגווייזער אויך פאַר דעם קריסטלעכן ביבליאָגראַף וואָלף צו זיין „ביבליאָגראַפיאַ העברעאַ''. דאָס צווייטע וויכטיקע ספר פון באַס איז זיין פירוש צו רש''י אויף חומש און חמש מגילות „שפתי חכמים'', וואָס איז אייגנטלעך אַ זאַמלונג פון פירושים פון פריהערדיקע מחברים צוזאַמען מיט אייגענע באַמערקונגען.

באַראַכאָוו בער (1881 — 1917)

גרינדער פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי פועלי־ציון, פאָרשער פון יידישער פילאָלאָגיע און אַלט־יידישער ליטעראַטור, וועמענס איינפלוס אין דער יידישער אַרבעטער־וועלט איז זייער גרויס. באָראָכאָוו איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד, פּאָלטאַווער גובערניע. אין יאָר 1903 איז באָראָכאָוו צוגעשטאַנען צו ביידע באַוועגונגען, וואָס האָבן דעמאָלט עקזיסטירט אין דער יידיש־רוסישער וועלט, צום ציוניזם און סאָציאַליזם, און שוין דעמאָלט האָט באָראָכאָוו זיך אַרומגעטראַגן מיט דעם גע־

דאַנק צו פאַרייניקן די ביידע באַוועגונגען און שאַפן זייער אידעאָלאָגישע סינטעזע, דעם שפּעטערדיקן פּראָגראַם פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי „פּועלי־ציון". אין 1906 האָט ער צוזאַמען מיט אַ ריי אַנדערע חברים צונויפגערופן אין פּאָלטאַווע דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָר פון דער פּאַרייניקטער פּועלי־ציון־פּאַרטיי. פון דעמאָלט אָן איז באָראָכאָוו געשטאַנען אין שפּיץ פון פּועלי־ציון, וועגן וועלכער ער האָט אַרויסגעגעבן אַ גאַנצע ריי שריפטן אין רוסיש און יידיש. באָראָכאָוו האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט פאָרשן די יידישע שפּראַך, די אַלט־יידישע ליטעראַטור און יידישע פילאָלאָגיע, און אַלס רעזולטאַט פון זיינע אַרבעטן איז דערשינען זיין שטודיום אין ווילנער „פּנקס" (יאָר 1913) „די ביבליאָטעק פונם יידישן פילאָלאָג", וואָס האָט אַ גרויסן ווערט פאַר יידישיסטיק־פאָרשער; אין זעלבן ‚פּנקס' איז באָראָכאָוו אויך אַרויסגעטרעטן מיט אָנווייזונגען וועגן רעפאָרמירן די אָרטאָגראַפיע פון דער יידישער שפּראַך. דער אָנדענקען פון באָראָכאָוו ביי דער ציוניסטישער אַרבעטערשאַפט איז אַזוי גרויס, אַז אין פיל שטעט זענען געגרינדעט געוואָרן „באָראָכאָוו"־היימען, און אין ארץ־ישראל ביי תל־אביב איז פאַראַן אַ ספּעציעלע גאָרטן־שטאָט־קאָלאָניע מיטן נאָמען „שכונת בורוכוב".

באָרד איז דער יידישער רעליגיעזער וועלט האָט די באָרד („זקן" אויף העברעאיש) געהאַט אַ זייער גרויסע באַדייטונג שוין זייט די אַלטע צייטן. אין חומש ויקרא י"ט איז פאַראַן דער פאַרבאָט נישט אַראָפּצונעמען די באָרד („ולא תשחית את פאת זקנך"); אין דעם ספר שמואל ב' י' ווערט דערציילט, ווי דאָס אַראָפּנעמען די באָרד איז ביי די יידן אין יענער צייט פאַררעכנט געווען פאַר אַ גרויסע שאַנד. אין דער משנה (מכות פ"ג) געפינען מיר אַ דערקלערונג, אַז מען טאָר נישט אַראָפּנעמען די באָרד מיט אַ ראַזיר־מעסער („תער"), אָבער אָפּשערן די באָרד מעג מען יאָ. פון ירושלמי (ראש השנה פרק א') איז צו זען, אַז אין דער צייט פון דער גמרא פלעגן יידן זיך יאָ שערן די בערד. אין דער קבלה ווערט די באָרד אָנגערופן די „דקנא קדישא" („די הייליקע באָרד") און אין די קרייזן פון מקובלים און חסידות ווערט יעדע האָר פון דער באָרד באַטראַכט אַלס הייליק, אַז נישט נאָר מען איז נזהר איר נישט אָפּצושערן, נאָר אַפילו ווען אַ האָר ווערט אַרויסגעריסן, לייגט מען איר אַריין אין אַ ספר. די באָרד ווערט באַטראַכט ביים פאָלק אַלס אַזוי הייליק, אַז עס איז פאַראַן זאָגאָר די שבועה „ביי באָרד און פּיאות".

באַרנשטיין חיים יחיאל (1846 — 1927), געלערנטער אין פּוילן, ספּעציעל אויפן געביט פון דער געשיכטע פון יידישער כראָנאָלאָגיע. זיינע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן אויפן געביט פון יידישער כראָנאָלאָגיע, זענען געווען געדרוקט אין די זאַמלביכער „התקופה". אַן אינטערעסאַנטע שילדערונג פון באַרנשטיין האָט געגעבן סאָקאָלאָוו אין „התקופה", יאָר 1927.

בבא־בוך זע „בחור אליהו".

בבות דערמיט ווערן באַצייכנט די דריי מסכתות אין דער משנה און גמרא פון סדר נזיקין, וואָס הייסן „בבא קמא", „בבא מציעא", „בבא בתרא". דאָס וואָרט בבא איז אַראַמעאיש און איז דער טייטש ‚דער טויער". „בבא קמא" איז דער טייטש דער „ערשטער טויער", „בבא מציעא — דער מיטלסטער טויער" און „בבא בתרא" — דער „לעצטער טויער". ווי עס ווערט געזאָגט אין דער

גמרא בבא קמא ק"ב, זענען די אלע דריי מסכתות געווען איין מסכתא, וואס האט געהייסן „נזיקין" („כולה נזיקין חדא מסכתא היא") נאר צוליב איר גרויס האט מען איר צוטיילט אין דריי טיילן. אין די „בבות" ווערן באהאנדלט יורידישע פראגן פון געלט־סכסוכים, צווישן איין מענטש און דעם צווייטן.

בבל (באבילאניע), נאמען פון לאנד אין אזיע, אויף דעם טייך פרת; געווען איינע פון די גרעסטע אימפעריעס אין די צייטן פון תנ"ך, געשפילט א גרויסע ראָלע אין דער יידישער געשיכטע. אויך די הויפטשטאט פון דאזיקן לאנד האט געהייסן בבל און איז געלעגן אויף דעם ברעג פון פרת. אין חומש בראשית י"א ווערט דערציילט דער באקאנטער סיפור וועגן דעם טורם („מגדל בבל"), וואס די איינוואוינער אין יענער געגנט האבן געוואלט אויפבויען, כדי ארויפצוגיין אויף אים אין הימל אריין, אבער גאט האט פארמישט זייער שפראך, און דעריבער האבן זיי א נאמען געגעבן יענער שטאט בבל, פון ווארט „בלל" („פארמישן"). די גאנצע וויסנשאפטלעכע פארשונג פון יענער קולטור, פון וועלכער עס זענען פארבליבן געשריבענע ביכער אויף טאוולען, די אזוי־גערופענע „פלעקל־שריפטן", ווערט אנגערופן „אסיראלאגיע" און מיר געבן וועגן איר ביים זוכווארט „אשור". דארט געבן מיר אויך וועגן דעם צוזאַמענהאנג צווישן דער אלטער אסיריש־באבילאנישער קולטור, גלויבונגען פון איין זייט, און דער אלטער יידישער רעליגיע און קולטור פון דער צווייטער זייט. דא וועלן מיר געבן וועגן דער שפעטעדיקער באדייטונג פון בבל אין דער יידישער געשיכטע און קולטור. — די יידישע וועלט איז געקומען אין פאליטישער בארירונג מיט בבל אומגעפער אין דער צייט פון באבילאנישן קעניג נבוכדנאצר (אין 6טן יארהונדערט פאר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג), וועלכער האט איינגענומען גאנץ ארץ־ישראל, פארברענט דאס ערשטע בית־המקדש און א גרויסן טייל יידן אוועקגעפירט אין גלות קיין בבל; פון דעמאלט און איז דאס יידנטום פארבונדן מיט בבל לערך 1,500 יאר, און בבל איז געווארן, נאך ארץ־ישראל, דער גרעסטער יידישער צענטער. דארט אהין זענען אנגעקומען פיל יידן פון ארץ־ישראל, און ווי דער נביא ירמיה האט זיי אנגעזאגט, (ירמיה כ"ט) האבן זיי גענומען דארט פלאנצן גערטנער, בויען הייזער, האלטנדיק דאס לאנד אלס א ניי היימאט־לאנד. אפילו נאכדעם, ווי בבל איז איינגענומען געווארן (אין 6טן יארהונדערט פאר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג) דורך כורש מלך פרס, וועלכער האט דערלויבט די יידן צוריקצוגיין קיין ארץ־ישראל און בויען דאס בית המקדש, זענען נישט אלע יידן צוריקגעגאנגען; א סך יידן זענען פארבליבן אין בבל און ווייטער דארט געפירט זייער אייגנארטיק אינערלעך לעבן. אין בבל זענען געווען עטלעכע יידישע נביאים; דאס גאנצע ספר יחזקאל איז געשריבן געווארן אין בבל, און עס איז פאראן א מיינונג, אז אויך דאס ספר איוב שטאמט פון בבל. עס איז קיין ספק נישט, אז די יידן האבן דעמאלט איבערגענומען א סך זאכן פון דער באבילאנישער קולטור, און דער ירושלמי זאגט, אז די נעמען פון די חדשים האבן די יידן איבערגענומען פון די באבילאנער. וועגן דעם, וואס איז געשען מיט די יידן אין בבל באלד אין די ערשטע צייטן פון 2טן בית המקדש, נאך דעם, ווי א טייל פון די בבלשע יידן האבן זיך באזעצט צוריק אין ארץ־ישראל, איז ניט באוואוסט. עס ווייזט אבער אויס, אז ביי די יידן אין בבל איז געפירט געווארן

פון די גאר אלטע צייטן א היסטארישע כראניק, וואס האט געהייסן אויף אראמעאיש „שלשולתא דקבלא" („די קייט פון טראדיציע"). די יידן האבן באקומען אין בבל אן אייגענע ארוואלטונג מיט א „ריש גלותא" („דער קאפ פון גלות") אין דער שפיץ. דער ערשטער „ריש גלותא", ווערט דערציילט אין באקאנטן „סדר עולם זוטא", איז געווען דער פארטריבענער יידישער קעניג יכניה. עס ווייזט אויס, אז די יידן אין בבל האבן אין פארלויף פון דער גאנצער צייט פון צווייטן בית המקדש און אויך א לאנגע צייט שפעטער ווירקלעך געפירט אן אייגן אנטוויקלט יידיש לעבן, האבנדיק א ברייטער אויטאנאמיע מיט א ריש גלותא אין דער שפיץ. די דאזיקע ידיעה וועגן דעם אנטוויקלטן יידישן לעבן אין בבל שוין אין די פריערדיקע צייטן, געפינען מיר אויך אין דעם באקאנטן היסטארישן „אגרת דרב שרירא גאון" (בריוו פון רב שרירא). אין יענע צייטן פון 2טן בית המקדש איז געווען דער אידישער הויפטצענטער די שטאט נהרדעא, וואו די יידן האבן אין טייל צייטן דערגרייכט א געוויסע אומאפהענגיקייט אויך אין פאליטישן לעבן. עס איז אויך זיכער, אז דער לימוד התורה אין בבל איז שוין געווען אנטוויקלט פון די פריערדיקע צייטן אן. דעמאלט האט בבל ארויסגעגעבן אזא גרויסע פערזענלעכקייט, ווי הלל הזקן, וואס איז געווארן דער פירער פון ארץ־ישראל־אידנטום. די משנה אין יומא דף ס"ו דערציילט, אז יידן פון בבל פלעגן קומען אויף יום־כיפור קיין ארץ־ישראל אין בית המקדש. פון דעם אלעם איז צו זען, אז די באציאונגען פון די יידן אין די ביידע לענדער זענען געווען זייער נאענטע. פון דער משנה אין קידושין פרק ד' און אין דער גמרא דארט איז צו זען, אז די בבלישע יידן האבן געפירט א שטרענגע קאנטראל איבער זייער ראסן־ריינקייט, נישט אויסצומישן זיך דורך הייראטן מיט אנדערע פעלקער, אזוי ווייט, אז מען האט געהאלטן די בבלישע יידן פאר מער מיוחסים פון די יידן אין ארץ־ישראל. מער ידיעות וועגן די יידן אין בבל און זייער לעבן האבן מיר פון די צייטן נאכן חורבן בית שני, און באזונדערס פון דער צייט פון דער גמרא (לערך אנהויבנדיק פון 2טן יארהונדערט נאך דער קריסטלעכער צייטרעכענונג). וועגן דעם דאזיקן לעבן האבן מיר אין דער גאנצער גמרא בבלי. מיר זעען, אז דעמאלט, נאך די גרויסע פאליטישע אומגליקן אויפן יידישן פאלק אין ארץ־ישראל, נאך דער בר־כוכבא־אויפשטאנד און די גזירות פון רוימישן קייזער אדריינוס, זענען זייער פיל יידן אנטלאפן קיין בבל, און דער צענטער פון יידישן לעבן האט זיך ביסלעכווייז איבערגעטראגן פון ארץ־ישראל קיין בבל. אין בבל איז אנטשטאנען אין פארלויף פון עטלעכע יארהונדערט דאס גרויסע ווערק פון יידנטום, די גמרא בבלי, וואס נעמט ארום דאס לעבן און טעטיקייט און לערעס פון די באדייטנדסטע יידישע פירער, די אמוראים פון בבל. אין בבל זענען דעמאלט געווען די גרעסטע ישיבות פון יידנטום (צוערשט אין די שטעט נציבין און נהרדעא, דערנאך אין פומבדיתא און סורא). אין בבל האט דער ריש גלותא ווירקלעך אנגעפירט זעלבסטשטענדיק מיט די יידן, געהאט ברייטע פאליטישע רעכט, און די יידן האבן זיך געפירט לויט אייגענע געזעצן, געהאט אייגענע ריכטער און איבערהויפט א ברייטע אויטאנאמיע, און זיי האבן דעם פערסישן קעניג פון בבל געדארפט צאלן נאר א געוויסן שטייער. פון פיל ערטער אין דער גמרא קאן מען אויפשטעלן א גענוי לעבנס־בילד פון די דאזיקע יידן אין יענער צייט, זייער בא־

שעפּטיקונג, מנהגים, לעבנס־אַרט. אַ גוטע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם האָט געשריבן געצאָוו אין זיין ספר „על נהרות בבל". וואו ער האָט צונויפגענומען די אַלע שטעלן פון דער גמרא. מיר וועלן דאָ געבן די הויפּט־שטריכן. פון דער גמרא בכרות ל"ה און אויך פיל אַנדערע גמרא־ערטער איז צו זען, אַז טייל יידן אין בבל האָבן זיך באַשעפטיקט מיט ערד־אַרבעט, סיי אויף זייערע אייגענע פעלדער, סיי פעלדער גענומען אין אַרענדע ביי אַנדערע. דערפון זענען פאַראַן זייער אָפט אין דער גמרא די פאַרשידענע פּראַקטישע יורידישע הלכה פראַגן וועגן פעלדער און בעלי־חובות, וואָס ווילן די פעלדער צונעמען, חזקה וכדומה (אין די גמרות בבא קמא, בבא מציעא און בבא בתרא, ספּעציעל דעם 3טן פּרק „חזקת הבתים"). אפילו די תלמידים, וואָס האָבן געלערנט אין די ישיבות, האָבן אויך געאַרבעט אויף די פעלדער, און דער אמורא רבא האָט געזאָגט צו זיינע תלמידים, אַז זיי זאָלן נישט קומען צו אים לערנען אין די מאָנאַטן ניסן און תשרי, ווייל דעמאָלט דאַרפן זיי צוהעלפן זייערע שטוב־מענטשן אין דער פעלדער־באַאַרבעטונג. זיי האָבן זיך אויך באַשעפטיקט מיט פי־צוכט (בבא מציעא צ"ד, סוכה מ"ז, חולין פ') און אויך מיט מסחר, מלאכה, פאַרשידענע פאַכן, וואָס ווערן זייער פיל דערמאָנט אין דער גמרא; טייל יידן האָבן אויך זיך פאַרדונגען אין מיליטער (סנהדרין צ"ז, בבא בתרא קמ"ד). אין דער גמרא גטין פ"א, בבא בתרא כ"ט, שבת קנ"א ווערט געבראַכט, אַז עס זענען געווען ביי בבלישע יידן אויך רייכע מענטשן, הגם אין אַלגעמיין האָט בבל געגאָלטן אַלס אַ לאַנד פון גרויסער אָרעמקייט („תשעה קבין עניות נטלה בבל", קידושין מ"ט). די שפּראַך, וואָס יידן האָבן גערעדט אין בבל איז געווען אַראַמעאיש (סוטה מ"ט), וואָס האָט זיך אונטערשיידט שטאַרק פון דעם סיריש־אַראַמעאישן, וועלכן מען האָט דעמאָלט גערעדט אין ארץ־ישראל („לשון סורסי"). אין דער דאָזיקער שפּראַך איז פאַרפאַסט דער גרעסטער טייל פון דער גמרא בבלי און אויך פון די שפּעטערדיקע גאונים תשובות. די יידן אין בבל האָבן אויך געהאַט פאַרשידענע מנהגים גאַנץ אַנדערע פון די ארץ־ישראל־מנהגים, און די גמרא אונטערשיידט זיי מיט דעם אויסדרוק „הא לן והא להו" („אַזוי זענען מיר, די בבליים, זיך נוהג, און אַנדערש זענען זיך נוהג זיי, אין ארץ־ישראל"). די דאָזיקע באַזונדערע מנהגים ווערן געבראַכט אין ספר „ים של שלמה", צום סוף בבא קמא, און אַ זאַמלונג פון זיי האָט צונויפגענומען און אָפּגעדרוקט דר. יואל מילער אין „השחר", 7טער יאַרגאַנג. — דער יידישער ישוב אין בבל האָט זיך געהאַלטן אַ לאַנגע צייט און איז געשטאַנען אויף אַ הויכער שטופע אויך נאָך דעם אָפּשלוס פון דער בבלישער גמרא („חתימת התלמוד"), וואָס איז פאַרגעקומען אין 6טן יאָרהונדערט. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אין בבל די עפּאָכע פון די גרויסע ישיבות־פירער מיט די טיטלען „רבנן סבוראי" און נאָכער „גאונים", וואָס האָט זיך געצויגן ביי 500 יאָר. אויך פון יענער צייט האָבן מיר אין די פאַרשידענע „תשובות הגאונים", די היסטאָרישע כראָניק־דאָקומענטן („אגרת דרב שרירא" און אַנדערע) בילדער פון יידישן לעבנס־שטייגער אין בבל. אויך דעמאָלט האָבן די בבלישע יידן געפירט אַן אויטאָנאָמיש לעבן אין בבל איז געוואָרן (צוליב דעם גרויסן חורבן אין ארץ־ישראל) דער פאַקטישער גייסטיקער צענטער פאַרן גאַנצן יידנטום אין דער וועלט. די ישיבות אין בבל

מיט זייערע פירער די „גאונים" און אויך דער וועלטלעכער מנהיג פון בבל־יידנטום, דער ריש גלותא, זענען געווען די פאקטישע פירער און אויטאריטעטן פון גאנצן וועלט־יידנטום. פון אלע לענדער איז מען געקומען לערנען אין די בבל־ישיבות. פון בבל זענען ארויסגעקומען די גרויסע לומדים, וואס האבן פארשפרייט דעם לימוד התורה אין אנדערע לענדער. אין יענער צייט האבן די יידן פון בבל אויך געשפילט א גרויסע פאליטישע ראלע אין די מלחמות צווישן די פערסישע קעניגן (צו וועמען בבל האט געהערט) און די רוימיש־ביזאנטישע קיסרים, און יידן האבן זיך אויסגעצייכנט אלס מיליטער־פירער און סאלדאטן אין די פערסישע ארמייען. עס זענען אפילו געווען פרואוון פון בבל־יידנטום צו מאכן אויפשטאנדן און איינגאנצן באפרייען דאס יידישע פאלק (די בוסתנאי־געשיכטע, די פארשידענע משיחים־באוועגונגען פון אבו איסי איספאהאני, דוד אל־רואי און אנדערע). אין בבל זענען דערמאלט אנטשטאנען ריי יידישע רעליגיעזע סעקטעס, וואס האבן געלייקנט די תורה שבעל פה, און צווישן זיי איז די גרעסטע געווען די סעקטע פון די קאראאימער („קראים") מיט ענן אין דער שפיץ. איז בבל איז דאס גייסטיקע לעבן פון יידנטום אין יענער צייט געווען זייער שטורמיש, אויפגעברויזט. דאס איז געשען באזונדערס זינט דעם 7טן יארהונדערט, ווען די אראבער אונטער דער פירונג פון מאכאמעד האבן פארשפרייט די נייע רעליגיע אויף דער וועלט און איינגענומען פון איין זייט בבל און פערסיע, אזש ביז אינדיע, און פון דער צווייטער זייט פיל מערב־לענדער פון ביזאנטישן קייזערטום. די בבלישע יידן מיט דעם צענטער אין דער הויפטשטאט באגדאד, האבן זיך באקענט מיט די פילאזאפישע ווערק (דורך דער פארמיטלונג פון די סירישע שריפטשטעלער) פון די אלטע גריכן און אויך מיט די געדאנקען און אידעען פון אינדיע, ווי אויך מיט די וויסנשאפטן פון אלטערטום. ביסלעכווייז האבן די יידן אין בבל איבערגענומען די אראבישע שפראך, און זיי האבן אין דער דאזיגער שפראך געשריבן פיל פילאזאפישע ווערק, וויסנשאפטלעכע אפהאנדלונגען און א דאנק די בבלישע יידן האט זיך די וויסנשאפט פארשפרייט אויף דער וועלט. אזעלכע יידיש־בבלישע פערזענלעכקייטן, ווי רב סעדיה גאון און אנדערע זענען געווען די ערשטע אריינפירער פון דער פילאזאפיע אין דער מיטלאלטערלעכער יידישער וועלט. —

אין דעם 11טן און 12טן יארהונדערט האט זיך אנגעהויבן די ירידה פון יידנטום אין בבל. די סיבה דערפון איז שווער פעסטצושטעלן. מעגלעך אז דאס איז געווען צוליב די גרויסע פארוויסטונקס־מלחמות וואס זענען פון דעמאלט אן פארגעקומען אין די לענדער ארום בבל, וואס האבן זיי בכלל חרוב געמאכט; אויך האבן די יידן אין בבל פון דעמאלט אן אנגעהויבן צו ליידן גאר גרויסע רדיפות. אויך פריער זענען פארגעקומען פון צייט צו צייט רדיפות אויף די בבלישע יידן, אבער זיי האבן נישט לאנג געדויערט. יעדנפאלס פון דעמאלט אן טראגט זיך איבער דער יידישער צענטער פון בבל אין די לענדער פון אייראפע, ווי שפאניע, איטאליע און דייטשלאנד. וועגן דעם לעבן פון די בבלישע יידן אין די שפעטערדיקע צייטן געבן מיר ביי די זוכווערטער „מעסאפאטאמיע", „פערסיע". — וועגן א גאנצער ריי ענינים, וואס זענען פארבונדן מיט בבל געבן מיר ברייטערע באשרייבונגען אין באזונדערע זוכווערטער, למשל „תלמוד" (איבער דער גמרא בבלי), „גאונים", „ריש גלותא", „קאראאימער", ווי

אויך ביי די נעמען פון די גרויסע יידי־
שע פערזענלעכקייטן," וואס האבן אין
בבל געווירקט.

בדחן אין דער יידישער שפראך ווערט
מיטן ווארט בדחן אנגערופן איינער, וואס
זיין אויפגאבע איז פרייליך צו מאכן
דעם פארזאמלטן עולם אויף א סעודה,
ספעציעל אויף חתונות, און טיילמאל
אויך אויף בריתן און אנדערע סעודות
(מען רופט אים אויך „מארשעליק").
דער נאמען שטאמט פון אראמעאישן
ווארט „בדח" — „פרייען". אין לשון
רבים ווערט באנוצט דאס ווארט „בדח־
נים". אין דער גמרא געפינען מיר
(תענית כ"ג), אז עס זענען שוין דע־
מאלט געווען אזעלכע „אינשי בדוחי"
(„מענטשן בדחנים"), וואס זייער אויפ־
גאבע איז געווען אריינצוברענגען מענ־
טשן אין א פריילעכער שטימונג. אין דער
גמרא נדרים נ' ווערט דערציילט וועגן
אמורא בר קפרא, אז ער האט „מבדח"
געווען רבי יהודה הנשיא אויף דער חתו־
נה פון זיין זון. דא געפינען מיר דאס
ערשטע מאל דעם אויסדרוק פון „מבדח"־
זיין אויף א חתונה אין באצוג צו א פער־
זאן, וואס האט פריילעך געבאכט דעם
פארזאמלטן עולם דורך פארשידענע
וויצן, רש"י, דארט אויפן ארט, רופט אן
בפירוש בר קפרא מיטן נאמען „בדחן":
דאס איז דאס ערשטע מאל, וואס דער
דאזיקער נאמען ווערט אזוי דערמאנט.—
דער בדחן איז דער צערעמאניאל־מייס־
טער פון דער חתונהפייערלעכקייט אין
די מזרח־אייראפעאישע לענדער. ער,
אין שפיץ פון דער קאפעליע כלי־זמרים,
רופט אויף דעם חתן אין דער חופה־
נאכט צו באדעקנס, האלט פאר אים א
דרשה און „באזינגט" אים, ער „בא־
זינגט" אויך די כלה, און ער פירט דאס
יונגע פאר צו דער חופה. דער בדחן
נעמט אויך מיט ספעציעלע קבלת־פנים־
אויסרופן די מחותנים, די געסט. נאך
דער חופה, ביי דער חתונה־סעודה, מאכט
דער בדחן צוזאמען מיט די כלי־זמרים
פרייליך דעם עולם פארזאמלטע, זינגט
פאר זיי אין מוזיק־באגלייטונג פארשי־
דענע לידער, זאגט וויצן, גאנץ אפט פאר־
שטעלט ער זיך און פירט אויף קורצע
פארשטעלונגען. טייל בדחנים זענען גע־
ווען בארימט אלס גרויסע קינסטלער אין
זייער פאך; פיל פון זיי האבן אויך פאר־
פאסט אייגענע לידער, וועלכע זיי האבן
אפגעדרוקט. אין ווילנער „פנקס" פון
יאר 1922 האט פארעפנטלעכט דער אל־
טער בדחן אין יענער צייט יעקב זיז־
מאר „פון מיינע זכרונות וועגן בדח־
נים", אין וועלכע ער דערציילט וועגן א
ריי בדחנים, וואס זענען געווען בארימט
אין דער געגנט פון ליטע און ווייסרוס־
לאנד אין 19טן יארהונדערט, ווי אליקום
צינזער, אליעזר סוויסלאטשער, מאנע
קאס (ביאליסטאק), פסח אליה באברוי־
סקער, וועלכער האט געהאט אן אייגן
פערד און וועגעלע און ארומגעפארן אויף
חתונה, ווי אויך אנדערע. צו זיי איז
אויך צוצוגעבן א ריי בארימטע בדחנים
אין דער געגנט פון ווארשע אין אנהויב
20טן יארהונדערט, ווי שמואל מאטשע־
וויצער, נח נאשעלסקער און אנדערע.
זיזמאר דערציילט, אז די בדחנים האבן
געמוזט פאר זייערע געסט, די גבירים
לומדים, ארויסווייזן גרויס חריפות, און
האבן אויך געזונגען רירנדע מעלאדיעס,
שטיקלעך פיוט ווי „והביאני לשלום" און
אנדערע (אין פוילן פלעגן זיי זינגען
„דרכך אלהינו להאריך אפיך", אדער
„אל אמונה בערכך דין" מיט מעלאדיעס
וואס זענען פארפאסט געווארן דורך בא־
קאנטע כלי־זמרים). ביים באזינגען דעם
חתן, דערציילט זיזמאר, פלעגט דער בד־
חן באנוצן אזעלכע דרשות ווי, אז

„טלית" מאכט „טוב לגבר יעשה תשובה" (עס איז גוט פאר א מענטש תשובה צו טאן), און „קיטל" מאכט „קבורה, יללה, טהרה, לויה", וואס דערמאנט דעם טויט. דער בדחן האט באקומען באלוינונג פון מחותן, געוויינלעך דער כלהס פאטער, וואס ער האט עס געהאט לויטן מנהג צו דעקן די חתונה־הוצאות, און פון די געסט, וועלכע ער האט באזונגען; א געוויסן טייל געלט האט ער אויך באקומען פון דרשה־געשאנק. וואס ער האט אויסגערופן. — זע זוכוואָרט „חתונה".

בדיקת חמץ דאס איז איינער פון די גאר אלטע דינים, אז די נאכט פאר ערב פסח זאל מען מיט אן אנגעצונדן ליכטל בודק זיין אין אלע ערטער, צי עס איז נישט פאראן קיין חמץ. מען מאכט דעריבער די ברכה „על בדיקת חמץ". דער מנהג איז אונטערצוליינן פריער עטלעכע שטיקלעך חמץ, כדי דאס בודק זיין און ברכה מאכן זאל נישט זיין אומזיסט. דער דין פון בדיקת חמץ ווערט געבראכט אין דער ערשטער משנה פון פסחים, דערפון וואס וועגן אים איז שוין פאראן א מחלוקה פון בית שמאי און בית הלל, איז צו זען אז בדיקת חמץ איז געווען שוין אין דער צייט פון 2טן בית המקדש.

בדרשי ידעיה דענקער און דיכטער אין זיד־פראנקרייך אין דער 2טער העלפט פון 13טן יארהונדערט און אין דער 1טער העלפט פון 14טן יארהונדערט. ער האט זיך אויך גערופן „ידעיה הפניני" און אויך „ען באנעט פראפיאט". ער האט געשטאמט פון דער זיד־פראנצויזישער שטאט „בעזיערס" און דערפון שטאמט זיין צונאמען „בדרשי". צום סוף פון זיין לעבן געוואוינט אין שפאניע, אין בארצעלאנא. זיין רום אין דער יידישער וועלט האט ער זיך דערוואָרבן דורך זיין פילאזאפישן מוסר־ספר „בחינת עולם", וואס ער האט פארפאסט נאך דעם יאר 1306, ווען עס איז פארגעקומען דער גירוש פון יידן פון פראנקרייך. דער אינהאלט פון ספר איז א פילאזאפיש־פעסימיסטישער; עס ווערט דארט אנגעוויזן אויף דער נישטיקייט פון דעם עולם הזה, ווי דאס גאנצע לעבן פון מענטש איז פארגענגלעך, און די וועלט איז ווי א „ים זועף", א שטורעמדיקער ים, וואס דראעט דעם מענטש איינצושלינגען, און דעם מענטשנס לעבן איז נישט מער, ווי א צעבראכן בריקל איבער דעם ים. דער מחבר קומט דא צו רעליגיעזע אויספירונגען, אז דער מענטש דארף נאר זארגן וועגן זיין נשמה און יענער וועלט. דאס ספר איז איינגעטיילט אין 37 פרקים. דער „בחינת עולם" איז אויך איבערגעזעצט געווארן אין א סך אנדערע שפראכן. בדרשי האט מחבר געווען נאך א ריי אנדערע ווערק און אמבארימסטן איז זיין בריוו צום גרויסן רב אין יענער צייט רבי שלמה בן אדרת (רשב"א), וואס הייסט „אגרת התנצלות" (געדרוקט אין די „תשובות הרשב"א סימן תי"ח), אין וועלכער ער טרעט ארויס געגען רשב"א, פארוואס ער האט אויסגערופן א חרם אויף לערנען פילאזאפיע און די פילאזאפישע ספרים פון רמב"ם.

בהב דאס איז צו באצייכענען די טעג מאנטיק און דאנערשטיק (ב' איז מאנטיק אלס דער 2טער טאג פון דער וואך און ה' — דער 5טער איז דאנערשטיק) פון די 2 וואכן נאך פסח און נאך סוכות, ספעציעל פרומע יידן זענען זיך נוהג צו פאסטן אין די דאזיקע טעג. שפורן פון דעם דאזיקן מנהג ווערן שוין געבראכט אין מדרש בראשית רבה ע"ו און סוף מגילת תענית (גזרו רבותנו שיהיו מתענין בב' וה'). אין טור אורח חיים סימן

תצ"א ווערן געבראכט טעמים, פארוואס מען פאסט בה"ב. טייל פאסטן אויך מאנטיק און דאנערשטיק אין די ווינטער־וואכן „שובבים תת". וועגן דעם ביי „שובבים". אין ,מנהגים" פון מהריל ווערן געבראכט פארשידענע מנהגים פון בה"ב.

בהיר נאמען פון איינעם פון די עלטסטע קבלה־ספרים. דאס ווארט „בהיר" איז דער טייטש ,שיינען", און איז דער זעלבער אויסדרוק, וואס „זהר". דעם נאמען „בהיר" טראגט דער דאזיקער ספר צוליב דעם וואס ער הויבט זיך אן מיטן פסוק „בהיר הוא בשחקים". לויט דער טראדיציע זאל עס האבן מחבר געווען דער תנא רבי נחוניה בן הקנה (אין 1טן יארהונדערט), ווען מען שרייבט צו נאך אן אנדער קבלה־ספר „הקנה". דער ספר הבהיר הויבט זיך ווירקליך אן מיט די ווערטער „אמר רבי נחוניה בן הקנה". טייל פארשער גלויבן, אז דער פארפאסער זאל האבן געווען דער מקובל רבי יצחק סגי נהור (זון פון ראב"ד דעם דריטן אין 13טן יארהונדערט).

בובער מארטין נאציאנאלער דענקער און פארשער פון חסידות אין דייטשלאנד. בובער איז געבוירן געווארן אין יאר 1878 אין ווין. בובער האט געשאפן צווישן דער יידיש־דייטשער יוגנט די גייסטיקע ריכטונג פון ציוניזם, וואס איז א סינטעז פון אחד־העמיזם מיט רעליגיעזן מיסטיציזם. די באדייטנדסטע ווערק פון מארטין בובער, אלע געשריבן אין דייטש, זענען „דער גרויסער מגיד און זיינע תלמידים" (וועגן רבי בער דעם מגיד פון מעזריטש און זיינע נאכפאלגער די רביים פון רוסלאנד און פוילן) אין וועלכן ער גיט א זאמלונג פון געקליבענע חסידישע ווערטער; „מיין וועג צום חסידיזם"; „די לעגענדע פון בעל־שם"; „די געשיכטע פון רבי נחמן" (וועגן רבי נחמן בראסלאווער), ווי אויך אנדערע קלענערע בראשורן און ביכער; לעצטנס האט ער ארויסגעגעבן א נייע איבערזעצונג אין דיכטערישער פארם פון תנ"ך אויף דייטש. לעצטנס וואוינט ער אין ירושלים.

בובער שלמה (1827 — 1906) פארשער פון מדרשים. געבוירן אין לעמבערג; פארנומען אין מזרח־גאליציע אן אנגעזעענעם ארט א דאנק זיין גרויס רייכטום און זיין לומדות און געלערנזאמקייט. ער האט אויפגעזוכט אין פארשידענע ביבליאטעקן כתבי־יד פון מדרשים, און ער האט זיי ארויסגעגעבן צוזאמען מיט וויסנשאפטלעך־באארבעטע איינלייטונגען. אזוי האט ער ארויסגעגעבן די „פסיקתא דרב כהנא"; „מדרש לקח טוב"; „מדרש תנחומא הקדום"; „מדרש תהלים"; „מדרש איכה"; „מדרש שכל טוב" און אנדערע קלענערע מדרשים; ער האט אויך ארויסגעגעבן צוויי וויכטיקע מאנאגראפיעס „אנשי שם" איבער די רבנים פון לעמבערג און „קריה נשגבה" איבער דער געשיכטע פון רבנים אין זשולקאוו.

בוך זע „ביבליאגראפיע", „ביבליאטעקן", „דרוקעריי". איבער דעם אויסערלעכן כאראקטער פון די ספרים, די טיטלען, שער־בלעטער און אנדערע צייכנס; איבער ביכער־זאמלונגען, רשימות, געבן מיר ביי די זוכווערטער ,ביבליאטעקן" און „ביבליאגראפיע"; איבער די ערשטע העברעאישע ספרים־אויסגאבן געבן מיר אויך ביים זוכווארט „אינקונאבול"; איבער ספרים־און ביכער־צענזור געבן מיר ביים זוכווארט „צענזור".

בוכאַראַ נאָמען פון אַ לאַנד אין צענטראַל־אַזיע, וואָס גרענעצט זיך מיט רוסלאַנד און פּערסיע, ציילט לערך 2 מיליאָן איינוואוינער, מאַכמעדאַנער; עס וואוינען דאָרט לערך 30 טויזנט יידן. פאַראַן לעגענדעס, אַז די דאָרטיקע יידן זענען אייניקלעך פון פאַרטריבענע עשרת השבטים אין דער צייט פון 1טן בית המקדש, און דאָס זאָל זיין חאָם לאַנד „חבור”, וואָס ווערט דערמאָנט אין מלכים ב׳ י״ז וואוהין די עשרת השבטים זענען פאַרטריבן געוואָרן. די בוכאַרער יידן זענען געקומען אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט די יידן פון אייראָפּע ערשט אין 19טן יאָרהונדערט, ווען רוסלאַנד האָט (אין די יאָרן 1866-68) איינגענומען בוכאַראַ. אין יאָר 1893 האָט זיך אָנגעהויבן ביי די בוכאַרער יידן די באַוועגונג צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל און הונדערטער יידישע משפחות פון בוכאַראַ האָבן זיך זייט דעמאָלט באַזעצט אין ירושלים און אויפגעבויט זייער אייגענעם שטאָט־קוואַרטאַל, די בוכאַרער הייזער, ווי אויך אייגענע שולן. דורך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע (אין יאָר 1917) אין רוסלאַנד איז אויך אין בוכאַרע איינגעפירט געוואָרן די סאָוועטן־מאַכט און דאָס לאַנד איז געוואָרן אַ סאָוועטן־רעפּובליק אין די ראַמען פון רוסישן סאָוועטן־פאַרבאַנד. די בוכאַרער יידן רעדן אַ פּערסישן דיאַלעקט געמישט מיט טערקישע ווערטער און אויך אַ סך העבּרעאישע ווערטער. אַ גרויסע זאַמלונג פון יידיש־פּערסישע האַנטשריפטן, וואָס שטאַמען פון בוכאַראַ געפינט זיך אין אַזיאַטישן מוזעאום אין לענינגראַד.

בולגאַריע אַ לאַנד אין דרום־מזרח פון אייראָפּע, אויף דעם באַלקאַנישן האַלבאינזל, באַוואוינט דורך לערך 5 מיליאָן איינוואוינער, צווישן זיי לערך 60 טויזנט יידן. די הויפּטשטאָט איז סאָפיע, וואו עס וואוינען לערך 25 טויזנט יידן. די געשיכטע פון יידישן ישוב אין בולגאַריע איז גאָר אַן אַלטע. פאַראַן טייל היסטאָריקער, וואָס גלויבן, אַז שוין אין דער ערשטער צייט פון 2טן בית המקדש האָבן יידן זיך באַזעצט אין בולגאַריע, וואָס האָט דעמאָלט געהייסן מעזיע. — אין פריען מיטלאַלטער האָבן אַ סך יידן געוואוינט אין בולגאַריע, און עס זענען פאַראַן מיינונגען, אַז פיל פון די בולגאַרישע איינוואוינער האָבן זיך מגייר געווען. אונטער דער ווירקונג פון די בולגאַרישע יידן האָט דער קעניג פון די כוזרים אָנגענומען די יידישע רעליגיע. דער רייזנדער רבי בנימין פון טודעלאַ (אין 12טן יאָרהונדערט) שרייבט וועגן די קריסטלעכע איינוואוינער פון בולגאַריע אין זיין צייט, אַז מען זאָגט, אַז „זיי זענען געווען יידן, און זיי האָבן גערופן די יידן אונזערע ברידער”. וועגן די בולגאַרישע יידן אין 14טן יאָרהונדערט ווייסט מען, אַז זיי האָבן געהאַט אַלע פרייהייטן, און עס ווערט דערציילט, אַז אַ יידיש מיידלד מיטן נאָמען שרה האָט חתונה געהאַט מיטן בולגאַרישן צאַר אַלעקסאַנדער (יאָר 1340) און זי האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די אינערלעכע ענינים פון לאַנד און זי האָט אויך מיטגעווירקט צו דעדר פאַרבעסערונג פון דער לאַגע פון די בולגאַרישע יידן, וועלכע האָבן געוואוינט אַמייסטן אין די שטעט ניקאַפּאַלים און ווידין (די שטאָט ווערט געשריבן אויף העברעאיש אין די תשובות־ספרים „בודון”). אין 14טן יאָרהונדערט האָט רבי שלום פון ניישטאַט געגרינדעט אין ווידין אַ ישיבה. אין ענדע פון 14טן יאָרהונדערט (1393 — 1395) האָט דאָס טערקישע מיליטער איינגענומען גאַנץ בולגאַריע. און פון דעמאָלט אָן איז דער גורל פון די יידן

איז בולגאריע געוועזן (ביז דער צווייטער העלפט פון 19טן יארהונדערט) דער זעלבער וואס פון אלע יידן אין גאנץ טערקיי. אין דער צייט פון גירוש שפאניע זענען אנגעקומען קיין בולגאריע (ווי אין די איבעריגע לענדער) א סך שפאנישע און פארטוגעזישע יידן (אין פארלויף פון גאנצן 16טן יארהונדערט), וועלכע האבן געלייגט זייער גאנצן סטעמפל אויף דעם יידישן ישוב אין בולגאריע, וועלכער איז פון דעמאלט אן געווארן א ספרדישער ישוב. פיל פון די בארימטע ספרדישע גאונים האבן געוואוינט אין בולגאריע, ווי רבי יוסף קארו (מחבר פון „שלחן ערוך"), רבי שמואל די מודינא און אנדערע. א גרויסע ראלע האבן די בולגארישע יידן אויך געשפילט אין 17טן יארהונדערט אין דער שבתי־צבי־באוועגונג. און דער בארימטער תלמיד פון שבתי־צבי, נתן הנביא, האט זיך שפעטער באזעצט אין סאפיע. אין יאר 1828 איז פאקטיש אנטשטאנען דאס אומאפהענגיקע בולגאריע פירשטנטום. אין אלגעמיין האבן יידן אין בולגאריע אלע רעכט, פירן זעלבסטשטענדיק זייערע אייגענע קהלות, און פארנעמען אנגעזעענע אמטן אויך אין מיליטער. אין בולגאריע לעבן איצט (יאר 1941) לערך 60 טויזנט יידן, פון וועלכע נאר ביי 5,000 זענען אשכנזים און אלע איבעריקע זענען ספרדים. די גרעסטע קהלה (לערך 25 טויזנט יידן) געפינט זיך אין סאפיע, די אנדערע צוויי גרויסע קהלות זענען אין פיליפאל און רושטשוק.

בונד פארקירצטער נאמען פון דער יידישער סאציאליסטישער ארבעטער־פארטיי, וואס האט ארומגענומען דעם גרעסטן טייל יידישע ארבעטער אין די לענדער, וואס האבן אמאל געהערט צו רוסלאנד, און נאכער אין פוילן. דער פולער נאמען פון דער פארטיי איז געווען „יידישער ארבעטער־בונד פון רוסלאנד, ליטע און פוילן". דער בונד איז געגרינדעט געווארן אין ווילנע אין יאר 1897 פון דער פאראייניקונג פון שוין עקזיסטירנדע יידישע סאציאליסטישע גרופן אין רוסלאנד. דער בונד האט אנטוויקלט א באזונדערס לעבהאפטע טעטיקייט אין רוסלאנד אין די רעוואלוציאנערע יארן 1905-1906, און האט דעמאלט און אויך שפעטער ארויסגעגעבן פיל בראשורן און לעגאל־ ווי אויך אומלעגאל־דערשינענע צייטשריפטן („דער וועקער", „ארבעטער־שטימע", „דער יידישער ארבעטער" „לעבנס־פראגן" און אנדערע). דער פראגראם פון בונד איז נישט שטענדיק געווען קלאר, און צווישן זיינע פארטיי־טעארעטיקער זעלבסט זענען פארגעקומען, און נאך היינט קומען פאר פארשיידענע חלוקי־דעות וועגן הויפט־פונקטן פון פראגראם. אין די פראגן פון סאציאליזם איז דער בונד אפיציעל געווען דער אנהענגער פון די רוסישע „מענשעוויקעס" פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, וועלכע האבן געהאלטן פון א געוויסער מעסיקונג ביים איינפירן די סאציאליסטישע ארדנונג. אחוץ דעם אלגעמיינעם סאציאליסטישן פראגראם האט דער בונד זיין ספעציעל־יידישן פראגראם. דער בונד אין איינער פון זיינע הויפט־בראשורן, ארויסגעגעבן אין יאר 1905 מיטן נאמען „אונדזערע פאדערונגען" דערקלערט, אז די אסימילאציע פון יידן מיט די פעלקער, צווישן וועלכע זיי וואוינען, איז א שעדלעכע אוטאפיע, און ברענגט נאר שאדן די מאסן, און נישט נאר וואס די יידן וועלן נישט איבערנעמען די קולטור פון פרעמדן פאלק, נאר וועט דורך דער אסימילאציע אויפהערן צו אנטוויקלען זיין אייגענע קולטור. דעריבער איז דער בונד פאר דער נאציא־

נאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פון יידן אין יעדן לאַנד, וואו זיי וואוינען אין גרעסערע מאַסן, און דערהויפּט, אַז יידן זאָלן האָבן זייערע באַזונדערע וועלטלעכע שולן מיט יידיש אַלס אונטעריכטס־שפּראַך, וואָס זאָל אויסגעהאַלטן ווערן דורך דער רעגירונג. אויך זאָל געפלעגט און אַנטוויקלט ווערן די אייגנאַרטיקייט פון דער יידישער פאָלקס־קולטור, פאַרשן דעם יידישן פאָלקלאָר און בכלל אויפהאַלטן דאָס אייגנאַרטיקע יידישע קולטור־רעלע לעבן. וואָס אַנבאַלאַנגט יידישער רעליגיע, דאַרף דאָס זיין, לויטן בונד, די פּריוואַטע זאַך פון יעדן איינעם, הגם אין אַלגעמיין פירט דער בונד אַן אויפקלערונגס־קאַמף קעגן רעליגיע און ספּעציעל קעגן קלעריקאַליזם. אַרום דעם דאָזיקן הויפּט־פּראָגראַם פון בונד זענען פאָרגעקומען קאַמפן און חלוקי דעות צווישן די פירער פון בונד זעלבסט. פיל פון זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף דעם פּראָגראַם מאַכן לינקער וואָס אַנבאַלאַנגט זיין סאָציאַליסטישן טייל, און וואָס נוגע זיין ספּעציעל־יידישן טייל, דאַרף מען אויך וויניקער אונטערשטרייכן די נויטווענדיקייט פון דער יידישער נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע; אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן אויך דעם איצטיקן בונד־פּראָגראַם פאַר צו לינק און צו וויניק יידיש־נאַציאָנאַל. ספּעציעל שאַרף איז געוואָרן די דאָזיקע מיינונגס־פאַרשידנהייט נאָכן אויסברוך פון דער רוסישער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין יאָר 1917. אַ גרויסער טייל פון בונד־מיטגלידער צוזאַמען מיט אַ ריי פירער פון דער פּאַרטיי (צווישן זיי אסתר פרומקין און אַנדערע) האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן און געשאַפן דעם „קאָם־בונד" („קאָמוניסטישער בונד"), וועלכער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין דער באָלשעוויסטישער באַוועגונג און אַרבעט מיט איר צוזאַמען. אָבער אויך צווישן די איבערגעבליבענע בונד־מיטגלידער, וואָס זענען אַמייסטן פאַרבליבן אין פּוילן האָבן זיך געשאַפן צוויי ריכטונגען, דער „לינקער־בונד" און דער „רעכטער בונד", וועלכע זענען אָבער געבליבן צוזאַמען אין איין פּאַרטיי. — אין באַצוג צו ציוניזם האָט דער בונד אַ דורכאויס נעגאַטיווע שטעלונג, האַלטנדיק, אַז ארץ־ישראל קאָן נישט לעזן די יידן־פראַגע, וועלכע מוז געלעזט ווערן אין יעדן לאַנד, וואו יידן וואוינען, דורך פירן דעם קאַמף פאַר פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג אויפן אָרט, און ווייל ארץ־ישראל קאָן די יידן־פראַגע אין אַלגעמיין נישט לעזן, דעריבער באַטראַכט דער בונד דעם ציוניזם אַלס שעדלעך און באַקעמפט אים. — די ידיעות וועגן בונד, היסטאָרישע און פּאַרטיי־פּאָליטישע, זענען פאַראַן זייער פיל צעוואָרפן אין פאַרשידענע ווערק ווי אויך צייטשריפטן. אחוץ אין די ביאָגראַפיעס און זכרונות פון די בונד־פירער „זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט" פון מיכאַלעוויטש וואַרשע 1921 — 1923, „זכרונות" פון מעדעם וואַרשע 1917, „פון מיין לעבן". פון מעדעם ניו־יאָרק 1923, „זכרונות" פון ליטוואַק (1926) איז דאָס, וויכטיקסטע בוך איבער דעם בונד, בוכבינדער, „די געשיכטע פון דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג", מאָסקווע 1926; פיל מאַטעריאַלן אוז פאַראַן אין קירזשניץ. „דער יידישער אַרבעטער", מאָסקווע 1928, אַגורסקי, „דער קאַמף קעגן בונד" מאָסקווע 1932, „דער בונד אין דער רעוואָלוציע" (לויטן בונדישן אַרכיוו) וואַרשע 1929, „25 יאָר בונד" וואַרשע 1923 (גענויע געשיכטלעכע דאַטעס פון דער בונד־אַנטשטייאונג ביז 1923), אַרבעטער־לוח דערשינען אין וואַרשע פון 1920 ביז 1926.

בוסתנאי ראש הגולה אין בבל אין 7טן יאָרהונדערט. וועגן בוסתנאי איז פאַראַן די לעגענדע, אַז דער פּערסישער קעניג, וואָס האָט געהערשט איבער בבל, האָט געהאַט באַשלאָסן אויסצוהרגענען אַלע יידן, וואָס שטאַמען פון דוד המלך. די ראש הגולה פאַמיליע האָט געשטאַמט, לויט דער טראַדיציע, פון דוד המלך. ער האָט געלאָזט אַלע פון דער פאַמיליע נעמען געפאַנגען און זיי געטויט. געבליבן איז נאָר איין שוואַנגער־פרוי, די שנור פון פאַריקן ראש הגולה. ביינאַכט האָט דעם פּערסישן קעניג זיך געחלומט, אַז ער געפינט זיך אין אַ גאָרטן און האַקט אויס אַלע בוימער, און ווי ער האָט זיך דערנענטער צום לעצט־געבליבענעם יונגן בוים, כדי אים אָראָפּצוהאַקן, איז צו אים צוגעקומען אַן אַלטער מאַן און אַרויסגעכאַפּט פון זיין האַנט די האַק און מיט איר פאַרוואונדעט דעם קיניג אין שטערן, און דער קעניג האָט אים געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט דעם לעצט־געבליבענעם יונגן בוים פּלעגן, ביז עס וועט פון אים צוריק אַרויסוואַקסן אַ גאָרטן. ווען דער קעניג האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער דערציילט דעם חלום, און איינער פון די יידישע חכמים האָט אים חאָם אויסגעטייטשט, אַז דער אַלטער מאַן איז געווען דוד המלך, און אַז איצט דאַרף דער קעניג אָפּהיטן דאָס לעצט־געבליבענע קינד, וואָס דאַרף געבוירן ווערן פון דער דאָזיקער פאַמיליע. דער קעניג האָט זיין צוזאָג, וואָס ער האָט געגעבן דעם אַלטן מאַן אין גאָרטן, דערפילט, און ער האָט דערצויגן חאָם געבליבענע קינד, וועלכעס ער האָט אַ נאָמען געגעבן בוסתנאי, וואָס איז אויף פּערסיש דער טייטש „גאָרטן", אַלס אָנדענק צום חלום מיטן גאָרטן. ווען בוסתנאי איז עלטער געוואָרן, איז ער געוואָרן דער ראש הגולה פון אַלע יידן אין בבל. אין דער צייט פון בוסתנאי איז אויך פאָרגעקומען חאָם וויכטיקע געשעעניש: מאַכאַמעד דאָס געגרינדעט די נייע רעליגיע פון איסלאַם, און זיין תלמיד, דער ערשטער מאַכמעדאַנישער קאַליף אָמאַר האָט איינגענומען פיל לענדער אין אַזיע און צווישן זיי אויך בבל און פּערסיע. אָמאַר האָט בוסתנאין ווייטער באַשטימט אַלס ראש הגולה, און האָט אים געגעבן אַלס פרוי דאַראַ, די טאָכטער פון לעצטן פּערסישן קעניג כאָסראָ. נאָכן טויט פון בוסתנאי האָבן זיינע קינדער פון דער יידישער פרוי זיך געקריגט וועגן דער ירושה מיט די קינדער פון דער פּערסישער פרוי דאַראַ, און וועגן דער מחלוקה זענען פאַראַן תשובות אין די תשובות הגאונים פון יענער צייט. — אין דער באַקאַנטער תשובה פון רב האי גאון („שערי צדק" סימן י"ז) ווערט בוסתנאי אָנגערופן „בוסתנאי דהוא חנינא" („דאָס איז חנינא"). עס ווערט אָנגענומען, אַז בוסתנאי איז געבוירן געוואָרן לערך דעם יאָר 620 און איז געשטאָרבן לערך דעם יאָר 670. צום ערשטן מאָל ווערט געבראַכט די בוסתנאי־לעגענדע אין „סדר עולם זוטא", וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין 8טן יאָרהונדערט. שפּעטער זענען דערשינען פאַרשידענע נוסחאות פון דער „מעשה בוסתנאי".

בועז זע „רות".

בוענאָס־איירעס זע „אַרגענטינע"

בוקאָווינע לאַנד אין זיד־אייראָפּע, וואָס האָט פאַר דער וועלט־מלחמה געהערט צו עסטרייך, און נאָך דער וועלט־מלחמה אין יאָר 1919 איז עס געוואָרן אַ טייל פון רומעניע. די הויפּט־שטאָט פון בוקאָווינע איז טשערנאָוויץ. אין ענדע פון 18טן און אָנהויב פון 19טן יאָרהונדערט האָט דער יידישער ישוב אין בו־

קאווינע ארויסגעוויזן א גרויסע נייגונג צו דער השכלה. דער צענטער פון דער השכלה איז געווען די הויפטשטאט טשערנאוויץ. דארט זענען געגרינדעט געווארן די ערשטע ציוניסטישע פאריינען אין עסטרייך; דארט איז אנטשטאנען דער ערשטער פראיעקט פון איינפירן א נאציאנאל־יידישע אויטאנאמיע. אין טשערנאוויץ איז אויך געווען דער צוזאמענפאר פון די יידישיסטן צו אנערקענען יידיש אלס די נאציאנאל־שפראך פון יידישן פאלק. אין 1940 איז בוקאווינע פארנומען געווארן דורך סאוועט־רוסלאנד און נאכער, אין 1941, איז עס צוריק פארנומען געווארן דורך רומעניע. עס לעבן איצט אין בוקאווינע לערך 190 טויזנט יידן אויף דער אלגעמיינער צאל באפעלקערונג פון לערך 950 טויזנט.

בוקארעשט זע „רומעניע“.

בוקסטארף יאהאנעס (1629-1564) קריסטלעכער געלערנטער. האט פארפאסט אויף לאטיין דעם „אוצר פון דער גראמאטיק פון דער הייליקער שפראך“ (געדרוקט אין באזל 1609), וואס אנטהאלט נישט נאר א העברעאישע גראמאטיק, נאר אויך אויסצוגן פון אלטע העברעאישע ספרים, און א קאפיטל איבער דער גראמאטיק פון דער עלטערער יידישער שפראך און אויסצוגן פון אלט־יידישע טעקסטן. בוקסטארף האט אויך ארויסגעגעבן אויף לאטיין א ריי ווערטערביכער פון העברעאיש און פון תלמודישן אראמעאיש (געשטיצט אויפן ספר „ערוך“), א תנ״ך־קאנקארדאנץ, און זיין „ביבליאטעקא ראביניקא“ (א ביבליאגראפישע רשימה פון אלטע העברעאישע ספרים).

בורא עולם (באשאפער פון דער וועלט), איינער פון די אויסדרוקן וואס באצייכענען גאט. מען זאגט אויך אין קורצן „דער בורא“. באזונדערס ווערט דער אויסדרוק באנוצט אין פארשידענע ברכות, ווי למשל „בורא מיני מזונות“, „בורא נפשות“, „בורא מאורי האש“, און אנדערע.

בחדר״ג (בחרם דרבנו גרשום), זע „חרם דרבנו גרשום“.

בח זע „סירקיש“.

בחור אליהו העברעאישער מדקדק און שפראך־פארשער און אויך שריפטשטעלער אין דער אלט־יידישער שפראך אין דער 2טער העלפט פון 15טן און ערשטער העלפט פון 16טן יארהונדערט. ער איז אויך באקאנט מיטן נאמען „אליהו לעוויטא“, און „אליהו בן אשר הלוי אשכנזי“. ער איז געבוירן געווארן אין ניישטאט אין דייטשלאנד ביי מינכן, ווארשיינליך אין יאר 1472 און געשטארבן אין ווענעציע אין יאר 1549. אליהו בחור האט שוין אין דייטשלאנד באקומען א גרינטלעכע בילדונג אין תלמוד און העברעאישער שפראך. פון דייטשלאנד איז ער אוועק קיין איטאליע, וואוהין ער איז אנגעקומען אין יאר 1504. אליהו בחור האט אין רוים זיך באקענט מיט דעם געלערנטן קארדינאל עגידיא דע וויטערבא. דער קארדינאל האט אליהו בחור אריינגענומען צו זיך אין הויז כדי צו לערנען ביי אים העברעאיש, אויסהאלטנדיק דעם יידישן געלערנטן. גלייכצייטיק האט אליהו בחור געלערנט ביים קארדינאל די גריכישע שפראך און אנדערע וועלטלעכע וויסנשאפטן. לויט דעם אויפטראג פון קארדינאל האט אליהו מחבר געווען זיין העברעאישן דקדוק־ספר „הבחור“. פון דאזיקן ספר האט ער באקומען זיין נאמען „בחור“ (די מיינונג פון מאקס עריק אין זיין ‚געשיכטע פון דער

יידישער ליטעראַטור", אַז בחור האָט ער געהייסן, ווייל ער זאָל האָבן חתונה געהאַט שוין אַלט זייענדיק איבער 40 יאָר, איז נישט־ריכטיק; אַגב איז „בחור" געווען אַן אָנגענומענער טיטל, ווי „רבנו קלונימוס הבחור" און אַנדערע). אין רוים האָט אליהו בחור זיך אויך באַקאַנט מיט דעם גרינדער פון דער רעפאָרמאַציע מאַרטין לוטער. אין יאָר 1527 איז אליהו בחור, צוליב די מלחמה־אומרוען, אַוועק פון רוים און וואַנדערנדיק 2 יאָר האָט ער זיך באַזעצט אין ווענעציע אין יאָר 1529 וואו ער איז געווען קאָרעקטאָר אין באָמבערגס דרוקעריי; דאָרט האָט ער געוואוינט ביז זיין טויט אין יאָר 1549. — אחוץ דעם דערמאָנטן ספר „הבחור" האָט אליהו מחבר געווען נאָך אַ ריי אַנדערע וויכטיקע ספרים, און דער וויכטיקסטער פון זיי איז „מסורת המסורת", אין וועלכן ער האָט געוואַגט אַרויסצוטרעטן מיט אַ שאַרפן קריטישן אַנאַליז איבער די אַלע טראַדיציאָנעלע אָנגענומענע מיינונגען וועגן דער מסורה פון תנ"ך; אַ גרויסן איינדרוק האָט געמאַכט דעם בחורס מיינונג אין זיין דאָזיקן ספר, אַז די העברעאישע נקודות און טעמים, וועגן וועלכע מען האָט געמיינט, אַז זיי זענען גאָר אַלט און זענען געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני, זענען אויפגעקומען גאָר שפּעט, יעדנפאַלס שוין נאָך דער צייט פון דער גמרא. אויסער דעם „מסורת המסורת" האָט דער בחור פאַרפאַסט אויך אַנדערע העברעאישע ספרים, ווי „התשבי", אַ ווערטערבוך צו 712 תלמודישע ווערטער (וויפל עס באַטרעפט דאָס וואָרט „תשבי") און אַנדערע. — אליהו בחור האָט אויסער זיינע העברעאישע ספרים אויך געשריבן ספרים און ביכער אין דער יידישער שפּראַך; ער איז איינער פון די עלטסטע שריפטשטעלער אין יידיש. האָט איבערזעצט אויף יידיש אין פערזן דעם ספר איוב און דעם ספר תהלים. אליהו בחור איז אויך דער מחבר פון דער פּאָפּולערער דערציילונג „בבא בוך" (אויך „בבא־מעשה"), וואָס איז איינגנטלעך (ווי צעדנער האָט באַוויזן) אַן איבערזעצונג פון איטאַליענישן ראָמאַן „בואווע ד' אַנטאָנע", וועלכער איז איבערגעמאַכט פון אַ פּאָפּולערן ענגלישן ראָמאַן „סער בעווים און העמטאָן". דער דאָזיקער יידישער ראָמאַן פון בחור וועגן קעניגלעכן פּרינץ בבא און זיינע פּאַסירונגען איז געווען זייער פאַרשפּרייט צווישן די יידישע לעזער אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן; דער בבא־בוך איז איבערגעדרוקט געוואָרן פיל מאָל (בן יעקב אין „אוצר הספרים" ברענגט אַ נישט־פולע רשימה פון די בבא־בוך־אויסגאַבן); צוליב זיין פּאָפּולאַריטעט ווערט באַנוצט אויף יידיש דאָס וואָרט „בבא־מעשה" צו באַצייכענען אַ פאַנטאַסטישער דערציילונג. אליהו בחור זאָל אויך זיין דער אויטאָר פון אַ יידישן ראָמאַן „פּאַריז און וויענאַ". — פון פאַמיליע־לעבן פון אליהו בחור איז אונדז ווייניק באַקאַנט. מען ווייסט נאָר, אַז זיינע צוויי אייניקלעך, זין פון אַ טאָכטער, האָבן זיך געשמדט. און דאָס זענען די באַקאַנטע משומדים אין 16טן יאָרהונדערט וויטאָריאָ עליאַנאָ און שלמה ראָמאַנאָ.

בחיי בן אשר פּאָפּולערער מפרש פון חומש אין שפּאַניע אין דער 2טער העלפט פון 13טן און אָנהויב 14טן יאָרהונדערט. זיין פירוש אויף תורה איז אַ געמיש פון פשט, מדרש און קבלה, און איז ביי די יידישע מאַסן ספּעציעל פּאָפּולער געוואָרן אַ דאַנק די אויסצוגן פון אים אין יידיש, וואָס ווערן געבראַכט אָפט אין דעם טייטש־חומש „צאינה וראינה". דער רבנו בחיי האָט אויך מחבר געווען דעם

„כד הקמח'' אויף דרשות און אנדערע ספרים.

בחיי אבן פקודה, יידיש־שפאנישער רעליגיעזער פילאזאף אין 12טן יארהונדערט, מחבר פון פאפולערן ספר „חובות הלבבות''. זיין פולער נאמען איז „בחיי בן יוסף אבן פקודה'' (אויך „בקודה''), ער איז אויך באקאנט מיטן נאמען „רבנו בחיי הדיין'' און „החסיד''. וועגן לעבן פון דאזיקן גרעסטן יידישן רעליגיעזן מאראל־פילאזאף, וועמענס ספר האט געהאט דעם גרעסטן איינפלוס אויף מיליאנען יידן אין פארלויף פון הונדערטער יארן, איז אונדז כמעט גארנישט באקאנט. מען ווייסט אפילו נישט גענוי אין וועלכער צייט ער האט געלעבט. עס זענען נאר פאראן געוויסע אנדייטונגען, אז ער איז געווען דיין אין סאראגאסא אדער אין קארדאבא אין שפאניע לערך אין ענדע פון 11טן יארהונדערט. טייל געלערנטע היסטאריקער רוקן איבער זיין צייט ביז אין דער מיט פון 12טן יארהונדערט. זיין ספר האט ער געשריבן אויף אראביש, וואס איז דעמאלט געווען די אומגאנגס־שפראך פון די יידן אין שפאניע און אויף איר האבן געשריבן זייערע ספרים אויך אנדערע גרויסע יידישע דענקער אין יענער צייט. דער נאמען פון ספר אויף אראביש איז „קיטאב הידאיא פאראאיץ אלקולוב'', דאס הייסט „דאס בוך איבער די פליכטן פון הארץ''; דעם אראבישן אריגינאל פון ספר האט מען ארויסגעגעבן אין יאר 1912. אין דער יידישער וועלט איז ער בארימט געווארן דורך דער העבראישע איבערזעצונג פון ספר, וואס איז געמאכט געווארן דורך רבי יהודה אבן תבון, וועלכער האט עס איבערזעצט לערך דעם יאר 1180 און האט עס א נאמען געגעבן „חובות הלבבות'' („די פליכטן פון הערצער''). דער „חובות הלבבות'' באשטייט פון א הקדמה און 10 שערים (קאפיטלער). אין דער הקדמה זאגט דער רבנו בחיי, אז ער האט געזען ווי יידישע מחברים האבן פארפאסט ספרים איבער פארשידענע מצוות און הלכות, אבער קיינער פון זיי האט נישט געשריבן וועגן די „מצוות פון הארץ'', וואס נעמען ארום אלע געביטן פון מוסר און חסידות, כאטש ער האט געפונען אז די גאנצע תורה און נביאים איז פול מיט די דאזיקע פליכטן. דעריבער האט ער באשלאסן צו שרייבן זיין דאזיקן ספר, כדי צו דערקלערן די אלע איינצלהייטן פון די „הארץ־פליכטן''. — נאך דער הקדמה קומען די 10 שערים. — דער ערשטער קאפיטל הייסט „שער היחוד'', וואס אנטהאלט פילאזאפישע חקירות און באווייזן איבער דער עקזיסטענץ פון גאט, און אז גאט האט באשאפן די וועלט מיט א ציל און אז עס איז פאראן נאך איין גאט אויף דער וועלט. אין דאזיקן קאפיטל באנוצט זיך דער רבנו בחיי מיט באווייזן וועגן דער גאט־עקזיסטענץ, וואס זענען ארויסגעזאגט געווארן פון א ריי אלטע גריכישע און אראבישע פילאזאפן ווי אויך פון רב סעדיה גאונס „אמונות ודעות''. אין „שער היחוד'' באהאנדלט דער רבנו בחיי אויך א ריי אנדערע פילאזאפיש־טעאלאגישע פראבלעמען, ווי די „אטריבוטן פון דער געטלעכקייט'' („תארי אלהים'') די באגריפן פון „געטלעכער איינהייט'' און אנדערע. צו יעדן ארויסגעזאגטן פילאזאפישן געדאנק געפינט דער רבנו בחיי א פסוק אין תנ''ך אדער א ווארט אין דער גמרא צי אין מדרש, און וועלכע ער טייטש אריין זיין געדאנק. — דער צווייטער קאפיטל הייסט „שער הבחינה'', איבער די פליכטן פון מענטש צו דערקענען די געטלעכע השגחה אין דער נאטור, און די געטלעכע געזעצן ווי אזוי צו לעבן

אויף דער וועלט. — דער דריטער קאַ־
פּיטל הייסט „שער עבודת אלהים", אין
וועלכן ער לערנט ווי אַזוי דער מענטש
דאַרף דינען גאָט, און דערביי פירט דער
מחבר אַ ויכוח קעגן אַ גאַנצער ריי „מיי־
נונגען פון אומגלויביקע", וואָס גלויבן
נישט אין השארת הנפש (אומשטערב־
לעכקייט פון דער נשמה), שכר ועונש, און
באַרירט דאָ אויך דאָס באַקאַנטע פילאָ־
זאָפיש־טעאָלאָגישע פּראָבלעם פון „ידיעה
ובחירה" (ווי אַזוי קאָן גאָט וויסן אַלע
מעשים מאַכט שוין אונמעגלעך דעם
מענטש צו טאָן, וואָס ער וויל). אין דאָ־
זיקן קאַפּיטל איז אויך פאַראַן אַ דיאַלאָג
צווישן דעם מענטשנס נשמה און זיין
קערפּער איבער די פאַרשידענע גוטע און
שלעכטע מידות און דערשיינונגען פון
מענטשנס לעבן, איבער בושה און חוצפּה,
כעס און גוטהאַרציקייט, עניוות און גאווה,
רחמנות און אכזריות, ליבע און שנאה,
פרייד און טרויער און אַנדערע. — אין
פערטן קאַפּיטל „שער הבטחון" גערעדט
ארום דער מחבר די מידה פון בטחון, ווי
דער מענטש, טוענדיק זיין אַרבעט, דאַרף
לייגן זיין האָפענונג אויף דער געטלעכ־
קייט. דערביי ווייזט ער אָן, אַז בטחון
ברענגט גייסטיקע רו פאַרן מענטש. אין
דאָזיקן קאַפּיטל באַרירט דער רבנו בחיי
אויך דאָס באַקאַנטע טעאָלאָגיש־עטישע
פּראָבלעם פון „צדיק ורע לו, רשע וטוב
לו" (פיל גוטע מענטשן גייט שלעכט
אויף דער וועלט, און פיל שלעכטע מענ־
טשן לעבן אין וואוילטאָג). — דערנאָך
קומען די ווייטערע קאַפּיטלעך „יחוד
המעשה", „הכניעה", „התשובה"; „חש־
בון הנפש", „פרישות" און „אהבת ה'",
אין וועלכע דער מחבר לערנט די פרומע
מידות פון פרישות, באַשיידנקייט, ליבע
צו גאָט, און צו זיינע דאָזיקע פילאָזאָפיש־
אויסגעדריקטע געדאַנקען ברענגט ער די
אַנטשפּרעכנדע פסוקים און ווערטער פון
תנ"ך, גמרא, מדרשים, ווי אויך ווערטער
פון פאַרשידענע דענקער, וועלכע ער רופט
אין אַלגעמיין נישט אָן ביי די נעמען
(אחוץ עטלעכע, ווי אַריסטאָטעטעלעס,
רב סעדיה גאון און אַנדערע), נאָר סתם
„אמר אחד מן החסידים" („עס האָט גע־
זאָגט איינער פון די חסידים") וכדומה.
— אַ גאַנצע ריי געלערנטע, ווי קויפמאַן,
קאַלבערג, יהודה און אַנדערע, האָבן נאָכ־
געוויזן, אַז דער רבנו בחיי איז אין זיין
„חובות הלבבות" געשטאַנען אונטער
דעם איינפלוס פון אַ ריי אַראַביש־מאַכ־
מעדאַנישע רעליגיעזע טעאָלאָגן און מו־
סרסעקטעם פון יענער צייט. הויפּט־
זעכלעך האָט געווירקט אויף אים די לע־
רע פון די „קאַלאַם" אָנהענגער (זיי ווערן
אָנגערופן אין די העברעאישע ספרים
„מדברים"), וואָס האָבן געפירט פון איין
זייט אַ קאַמף קעגן די אפּיקורסים און
פון דער צווייטער זייט — קעגן דער אַנ־
טי־פילאָזאָפישער ריכטונג אין דער מאַכ־
מעדאַנישער וועלט. אַ באַזונדערע וויר־
קונג האָט געהאַט אויף דעם רבנו בחיי
די אַראַבישע עטישע סעקטע „אחי הט־
הרה" („אחוואַן אַלצאַפאַ"), „ברידער
פון ריינקייט", דאָס איז געווען אַ געזעל־
שאַפט פון פרומע מאַכמעדאַנער אין די
לענדער פון פּאַדעראַזיע און צפון־אַפרי־
קע אין 10טן און 11טן יאָרהונדערט, וואָס
האָט געזוכט אויסצוגלייכן די אַלטע גרי־
כישע פילאָזאָפיע מיט די רעליגיעזע לע־
רעס פון איסלאַם. אויך זאָל האָבן דער
רבנו בחיי געשטאַנען אונטער דעם
איינפלוס פון דער אַראַבישער רעליגיע־
זער סעקטע „סופיער" און אַנדערע אַראַ־
בישע חסידים־סעקטן, וואָס האָבן גע־
לערנט צו לייגן דער עיקר אַכט אויף
דער עטישער אויפירונג פון מענטש, זיך
אָפּצוזאָגן פון עולם הזה און זיך פאַרטיפן
אין די געדאַנקען וועגן דער געטלעכקייט.
— דער איינפלוס פון „חובות הלבבות"

אין דער יידישער וועלט אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָרן איז געווען אומגעוויינלעך גרויס. דרשנים האָבן גענומען די טעמעס פאַר זייערע דרשות פון דאָזיקן ספר. עס האָבן זיך געגרינדעט חברות מיטן נאָמען „חובות הלבבות" צו לערנען דאָס דאָזיקע ספר אין בית המדרש יעדן אָוונט. דער אזולאי אין „שם הגדולים" שרייבט וועגן מנהג צו זאָגן אַ קיצור פון „חובות הלבבות" אין די פרוימע טעג פון עשרת ימי התשובה. אין באַקאַנטן ספר „מגיד משרים" פון מחבר פון שלחן ערוך רבי יוסף קארו (אין 16טן יאָרהונדערט), וואו עס ווערט פאַרגעשטעלט, אַז אַ מגיד פון הימל ערטיילט רבי יוסף קארו פאַרשידענע פרומע עצות אין פרומקייט, ווערט צווישן אַנדערעס געזאָגט פון מגיד, אַז רבי יוסף קארו זאָל יעדן טאָג לערנען אַ קאַפּיטל פון ספר „חובות הלבבות", ווייל דאָס וועט אין אים מכניע זיין דעם יצר הרע און אָפּשוואַכן זיין קראַפט. אין דער חסידישער וועלט איז דער „חובות הלבבות" באַטראַכט געוואָרן אַלס דער „ראש וראשון לספרי המוסר" („דער העכסטער פון די מוסר־ספרים"). אויך פון די מאָדערנע יידישע געלערנטע און דענקער איז דער ספר „חובות הלבבות" זייער געשעצט געוואָרן, און גרעץ שרייבט וועגן אים, אַז נישט נאָר צווישן יידישע ספרים נאָר אויך אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור איז נישט פאַראַן אַזאַ דערהאָבן עטיש ווערק, וואָס זאָל מיט זיינע געדאַנקען אַזוי דערוועקן מענטשן צו אַ פיין און מאָראַליש לעבן. טייל געלערנטע שטרייכן אונטער די פּאָעטישע זייט פון „חובות הלבבות", די הייליקייט און וואַרעמקייט, מיט וועלכער ער איז געשריבן. — דאָס ערשטע מאָל איז דער חובות הלבבות געדרוקט געוואָרן דורך יוסף אשכנזי אין נעאַפּאָל 1490 (ר"ן), און נאָכער איז ער איבערגעדרוקט געוואָרן פיל מאָל און עס זענען צוגעגעבן געוואָרן צו אים אַ ריי פירושים ווי „מנוח הלבבות", „מרפא לנפש", „טוב הלבנון", „פת לחם" „לב הלבבות" און אַנדערע. דער חובות הלבבות איז אויך איבערזעצט געוואָרן אויף לאַטיין, שפּאַניש, דייטש און ענגליש. אין יאָר 1716 איז דערשינען אויך די יידישע איבערזעצונג אין אַמסטערדאַם, געמאַכט דורך יצחק בן משה ישראל, און די דאָזיקע יידישע איבערזעצונג איז דערנאָך איבערגעדרוקט געוואָרן פיל מאָל צוזאַמען מיטן העברעאישן טעקסט. עס איז צו באַמערקן, אַז דאָס ערשטע פילאָזאָפישע קאַפּיטל „שער היחוד" איז אין דער דאָזיקער פאַרשפּרייטער יידישער איבערזעצונג נישט געדרוקט געוואָרן, ווייל מען האָט געהאַלטן, אַז דער „פּשוטער המון", וואָס לייענט יידיש דאַרף זיך נישט פאַרנעמען מיט פילאָזאָפישע חקירות איבער דער עקזיסטענץ פון גאָט, ווייל די קשיות וועט דער „המון" פאַרשטיין און די תירוצים וועלן זיין פאַר אים שווער, און דאָס קאָן פירן צו אַפּיקורסות. אַן איבערזעצונג פון חובות הלבבות אין דער מאָדערנער יידישער שפּראַך איז דערשינען אויך אין ניו־יאָרק 1927. — אחוץ דעם „חובות הלבבות" האָט רבנו בחיי אויך פאַרפאַסט אַ מוסר־ליד אויף העברעאיש מיטן אָנהויב „ברכי נפשי", וואָס איז געדרוקט צוזאַמען מיטן „חובות הלבבות", ווי אויך אַנדערע פּיוטים און בקשות. די מיינונג, אַז דער רבנו בחיי איז אויך דער מחבר פון פּסיכאָלאָגישן ספר „תורת הנפש" האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט ריכטיק.

בחירה זע „ידיעה ובחירה".

בטחון מיט דעם וואָרט בטחון ווערט אין דער יידישער רעליגיעזער עטיק באַצייכנט די פליכט פון מענטש צו האָבן

האפנונג אין גאט, נישט מייאש צו זיין זיך אין א שלעכטער לאגע, צו האפן, אז גאט וועט אים העלפן. שוין אין תנ״ך זענען פאראן זייער פיל פסוקים, וואס רעדן וועגן דער האפנונג פון מענטש צו גאט; דאס באקאנטע קאפיטל אין תהלים „ה׳ רועי לא אחסר״ איז דער שטארקסטער אויסדרוק פון בטחון צו גאט אין אלע ערגסטע אומשטענדן („גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע״). אין תלמוד, אין מדרש און שפעטער אין אלע ספרים פון די יידישע מיטלאלטער־פילאזאפן און אויך ספרי המוסר און די חסידישע ספרים ווערט די מידה פון בטחון געשאצט זייער הויך. אין ירושלמי ברכות פרק ה׳ זאגט רבי יוחנן ‚לעולם לא יהא הפסוק הזה זז מתוך פיך: אשרי אדם בוטח בך (זאלסט שטענדיק זאגן דעם פסוק: וואויל איז דעם מענטש, וואס האט צו דיר, גאט, בטחון). אין די חסידישע ספרים ווערן דערציילט פארשידענע סיפורי־מעשיות פון צדיקים, וואס האבן געוויזן זייערע תלמידים, ווי ווייט עס דארף דערגיין די מידה פון בטחון.

בטלנים אין דער יידישער שפראך ווערט באצייכנט מיטן ווארט בטלנים מענטשן, וואס זיצן אין בית המדרש און לערנען אדער זענען עוסק אין חסידות צי פרומקייט און פארנעמען זיך נישט מיט קיין באשעפטיקונג, און האבן דעריבער נישט קיין ידיעה אין וועלט־זאכן. אין דער משנה מגילה פרק א׳ און אויך אין אנדערע ערטער פון דער גמרא (בבא קמא פ״ב) איז צו זען, אז די ‚עשרה בטלנין״ (10 מענטשן בטלנים) האבן אמאל פארנומען אין דער יידישער שטאט אן אנגעזען ארט. אויך רבי בנימין פון טודעלא (אין 12טן יארהונדערט) דערציילט אין זיין „מסעות״, אז אין באגדאד האט ער געפונען די ישיבה פון 10 פערזאן, וועלכע ווערן גערופן „בטלניו״, און זיי זענען נישט עוסק אין קיין זאך נאר אין צרכי צבור און זיי פסקענען די דין־תורות. אין דער חסידישער וועלט הייסן בטלנים אויך די, וואס זיצן ביים רבי אין הויף און אויך אין שטיבל און פארנעמען זך נאר מיט חסידות.

ביאגראפיע דאס איז א גריכיש ווארט און באדייט די „לעבנס־באשרייבונג״ פון א מענטש. שוין אין די גאר אלטע צייטן זענען געווען לעבנס־באשרייבונגען פון גרויסע יידישע פערזענלעכקייטן און עס איז קיין ספק נישט, אז די היסטארישע ספרים פון תנ״ך (שופטים, שמואל, מלכים), באשטייען אויך פון אויסצוגן פון פארשידענע ביאגראפישע ספרים, וואס זענען פארלוירן געגאנגען און אין וועלכע עס זענען געווען די איינצלנע לעבנס־באשרייבונגען פון די שופטים־העלדן גדעון, שמשון, פון שמואל הנביא, דוד המלך, שפעטערע מלכים, די נביאים אליהו, אלישע וכדומה. אין דער צייט פון בית שני זענען אין דער גריכישער שפראך געשריבן געווארן פון א גאנצע ריי יידיש־גריכישע שריפטשטעלער (פילאן און אנדערע) ביאגראפיעס פון תנ״ך־פערזענלעכקייטן., ווי אברהם אבינו, משה רבנו און אנדערע. אין דער צייט נאכן תלמוד זענען פאראן אמייסטן ביאגראפישע ספרים, וואס פארנעמען זיך נישט מיט איין מענטש, נאר מיט א גאנצער ריי פערזענלעכקייטן, ווי די באקאנטע „אגרת דרב שרירא גאון״ (רשימה פון די גאונים אין בבל), „סדר התנאים והאמוראים״ און אנדערע. פון 15טן יארהונדערט באווייזן זיך שוין אפטן די ביאגראפישע גענעאלאגישע ספרים וועגן פערזאנען פון דער רבנישער וועלט, ווי דער „ספר יוחסין״ פון רבי אברהם זכותא, דער „קורא הדורות״ פון קונפור־

טו, נאָכער דער „סדר הדורות" פון רבי יחיאל האַלפּערן, „שם הגדולים" פון אזולאי, ווי אויך אייגצלנע ביאָגראַפיעס (שבחי האר"י, וועגן רבי יצחק לוריא, „שבחי רבי חיים וויטאַל" און אַנדערע).

אין דער נייער צייט, ספּעציעל זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג אויפן געביט פון חכמת ישראל, באַווייזן זיך אַ באַדייטנדערע צאָל יידישע ביאָגראַפיעס, און צווישן די ערשטע פון זיי זענען געווען באַרימט די „תולדות" פון ראַפּאָפּאָרט, באַאַרבעטונגען פון דעם לעבן און ווירקן פון די אַמאָליקע גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן רבי נתן בעל הערוך, רבי הננאל, רבי אלעזר הקליר און אַנדערע, וואָס האָבן די ערשטע געבראַכט אין דער יידישער פאָרשונג דעם מוסטער פון אַ וויסנשאַפטלעכער פּערזענלעכקייטן־ביאָגראַפיע. אין 19טן און 20טן יאָרהונדערט זענען דערשינען יידישע ביאָגראַפישע ווערק אין אַ גרויסער צאָל נישט נאָר אויף העברעאיש, נאָר אויך אין אַנדערע שפּראַכן, אַמייסטן אין דייטש; עס זענען דערשינען נישט נאָר איינצל־ביאָגראַפיעס נאָר אויך לעקסיקאָנען. מיר געבן דאָ די וויכטיקסטע לעקסיקאָניש־ביאָגראַפישע ווערק: „שם הגדולים" פון אזולאי, רשימה פון פּוסקים און רבנים ביז אין דער 2טער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט; „שם הגדולים החדש" פון וואַלדען (רשימה פון חסידישע רביים ביז אין דער מיט פון 19טן יאָרהונדערט); „סדר הדורות החדש" פון באַדאַק (רשימה פון חסידישע רביים ביז אין דער מיט פון 19טן יאָרהונדערט). די „עשרם" פון בערגער (ביאָגראַפיעס פון חסידישע רביים); כנסת ישראל פון פין (ביאָגראַפיעס פון באַרימטע יידישע פּערזענלעכקייטן ביז אין דער 2טער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט); „**תולדות** תנאים ואמוראים" פון היימאַן; „עמודי העבודה" פון לאַנסהוט (רשימה פון מחברים פון פּיוטים); גירונדי, „תולדות גדולי ישראל"; ציטרונס „לקסיקון ציוני" און אַנדערע. אין יידיש זענען פאַראַן רייזנס „לעקסיקאָן" ערשטע אויסגאַבע, דערשינען 1914, 2טע אויסגאַבע אין 4 בענדער דערשינען אין די יאָרן 1926 — 1930 (נעמט אַרום שריפטשטעלער אין דער יידישער שפּראַך אָדער וואָס האָבן געשריבן וועגן דער יידישער שפּראַך); זילבערצווייגס „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" (נעמט אַרום די יידישע אַרטיסטן און פּיעסע־שרייבער, דערשינען אין צוויי בענדער).

ביאַליק חיים נחמן באַדייטנדסטער העברעאישער דיכטער אין דער נייערער צייט. ביאַליק איז געבוירן געוואָרן עשרה בטבת, יאָר 1873, אין דאָרף ראַדי, וואָלינער געגנט. ווען ביאַליק איז נאָך געווען אַ קינד האָבן זיינע עלטערן זיך באַזעצט אין זשיטאָמער. דאָרט איז זיין פאָטער געשטאָרבן אין יאָר 1880. פון דעמאָלט אָן האָט ביאַליק זיך דערצויגן ביי זיין זיידן. שוין אַלס קינד האָט ביאַליק אַרויסגעוויזן גרויסע פייאיקייטן אין לערנען. אין יאָר 1888 איז ער אַוועק לערנען אין דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה. אין דער דאָזיקער ישיבה איז אין יענער צייט שוין געווען אין געהיים צווישן אַ גרויסן טייל ישיבה־בחורים די באַוועגונג צו השכלה, וועלטלעכער בילדונג, און אויך ביאַליק איז דאָרט מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם השכלה־שטראָם. אין יאָר 1891 איז ביאַליק אַוועק קיין אָדעס, וואו עס איז דעמאָלט געווען דער צענטער פון יידישער השכלה אין דרום־רוסלאַנד. אין יענעם יאָר האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין ערשטן מאמר אין „המליץ" מיטן נאָמען „רעיון הישוב" איבער פראַגן פון חבת ציון, און באַלד

דערנאך, אין זעלבן יאר, לויט דער רעקא־מענדאציע פון אחד העם, האט ביאליק פארעפנטלעכט אין זאמלבוך „פרדס" פון ראווניצקי זיין ערשטן העבראישן ליד „אל הצפור". שוין אין דאזיקן ליד האט זיך ביאליק ארויסגעוויזן אלס מייסטער פון דער העבראישער פאעזיע־שפראך, און די צארטע בענקשאפטפולע ציון־טענער פונם ליד האבן געמאכט אויף די לעזער דעם אומגעוויינלעכסטן איינדרוק. ביאליק האט באלד דערנאך אויך פאר־עפנטלעכט זיינע צוויי לידער (אין „השלח", רעדאגירט דורך אחד העם) „משוט במרחקים" און „בתשובתי", וואס האבן נאכמער פארשטארקט דעם איינדרוק צווישן די העבראישע לע־זער, אז אין דעם יונגן ביאליק האט מען פאר זיך א גרויסן העבראישן דיכטער. אין יאר 1892 האט ביאליק חתונה געהאט זיך באזעצט אין שטעטל קארסטשעוו (ניט ווייט פון זשיטאמיר) וואו ער האט פאר־בראכט עטלעכע יאר און פארעפנטלעכט א ריי וואונדערפולע לידער, „ברכת העם", „הרהורי לילה", „אגרת קטנה", „דמעה נאמנה", „מתי מדבר האחרוני־נים", „מה רב, אוי, מה רב השממון". אין יאר 1897 האט ביאליק זיך באזעצט אויף 2 יאר אין סאסנאוועץ, וואו ער האט געשאפן אחוץ א ריי קלענערע לידער (ווי „אכן חציר העם", „אם יש את נפשך לדעת" און אנדערע) אויך זיין פאעמע „המתמיד" (יאר 1898), אין וועלכער עס ווערן געשילדערט די אינערלעכע איבער־לעבונגען פון דעם ישיבה־בחור, דעם מת־מיד, וואס האט זיך קאנצענטרירט אין זיך; אים גייט נישט אן דאס אויסערלע־כע, און זיין גאנצע נשמה איז אריינגע־טאן נאר אין לערנען, אין דעם „אמר רבא" און „אמר אביי". אין דאזיקן „המתמיד" ווי אויך אין דעם „אם יש את נפשך לדעת" און אנדערע לידער האט ביאליק, אין קעגנזאץ צו די אמא־ליקע השכלה־קעמפער, ארויסגעוויזן א פאזיטיווע באציאונג צום אלטן פרום־יידישן לעבנס־שטייגער, צום בית המד־רש. עטוואס שפעטער, אין יאר 1899, האט ביאליק אויך געשריבן זיין ערשטע דערציילונג אין פראזע „אריה בעל גוף". אין דעם זעלבן יאר האט ביאליק זיך ווי־דער באזעצט אין אדעס. פון דעמאלט אן האט ביאליק שוין א לאנגע ריי יארן גע־וואוינט אין אדעס (מיטן אויסנאם פון א קורצער צייט, אין יאר 1904, וואס ער האט פארבראכט אין ווארשע) און גע־שאפן זיינע לידער „למתנדבים בעם", „שירה יתומה", „נטוף נטפה הדמעה", „מתי מדבר", און פיל אנדערע, ווי אויך עטלעכע לידער אין דער יידישער שפראך (געדרוקט אין דער וואכנשריפט „דער יוד"), צווישן זיי זיין „אונטער גריניקע בוימעלעך" און די פאעמע „דאס לעצטע ווארט", וואס האט אריינגעבראכט דעם נביאישן פאטאס אין יידיש. — אין יאר 1903, נאכן קעשענעווער פאגראם, האט ביאליק אנגעשריבן זיין גרעסט ווערק, וואס האט אים אוועקגעשטעלט אלס דעם באדייטנדסטן נאציאנאלן דיכטער פון יידישן פאלק אין דער נייער צייט, נעמ־לעך, די פאעמע „משא נמירוב" וואס האט אויך געהייסן „מעיר ההרגה" (צו־ליב דער צענזור האט מען געמוזט ענ־דערן דעם נאמען אויף „משא נמירוב"), דאס איז געווען דער שטארקסטער אויס־דרוק פון צער און צארן קעגן דער דער־נידערונג פון יידישן פאלק. און אין דער פאעמע איז געווארפן געווארן דער רוף צו זעלבסט־פארטיידיקונג. די זעלבע פאעמע האט ביאליק שפעטער, אין יאר 1926, ארויסגעגעבן אויך אין זיין איי־גענער איבערזעצונג אויף יידיש מיטן נאמען „אין דער שחיטה־שטאט". דע־מאלט האט ביאליק א געוויסע צייט אויך

רעדאַגירט דעם „השלח", און אַרויסגעגעבן אַ ריי וויכטיקע אַנטאָלאָגיעס פון דער אַלטער ליטעראַטור, ווי „שירת ישראל", ספר „האגדה", „דברי האגדה", „ספורי המקרא", „דברי תורה", „דברי נביאים", „דברי כתובים" (טייל פון זיי האָט ביאַליק אַרויסגעגעבן אויך אין יידיש: „פונם חומש", „יידישע אַגדות" און אַנדערע). גלייכצייטיק האָט ער אין פאַרלויף פון די שפּעטערדיקע יאָרן ווייטער פאַרעפנטלעכט אַ ריי נייע לידער און פּאָעמעס („מגלת האש" און אַנדערע), און אַ ריי לידער אויף פאָלקס־מאָטיוון, ווי „בין נהר פרת ונהר חדקל", „יש לי גן ובאר יש לי", „לא ביום ולא בלילה" און אַנדערע, עס זענען אויך דערשינען אין בוך־פאָרם ביאַליקס געזאַמלטע שירים. אויך האָט ער אין יאָר 1928 פאַרעפנטלעכט זיין דערציילונג „ספיח" (דערינערונגען פון זיין קינדהייט). און שפּעטער אויך אַ ריי איבערזעצונגען („דאָן קישאָט" און אַנדערע).—

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט ביאַליק רעדאַגירט דעם זאַמלבוך „כנסת", איבערזעצט אויף העברעאיש אַנסקיס „דבוק", געשריבן די דערציילונג „החצוצרה שנתבישה", ווי אויך אַ ריי לידער, און אויך אַרויסגעגעבן מיט דרואַנאָוו דעם ערשטן באַנד פון פאָלקלאָר־זאַמלבוך „רשמות". נאָך דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין יאָר 1917 איז געלונגען ביאַליקן און נאָך אַנדערע 12 העברעאישע שריפטשטעלער צו פאַרלאָזן אין יאָר 1921 ראַטן־רוסלאַנד. ביאַליק האָט דאַן פאַרבראַכט עטלעכע יאָר אין בערלין און האַמבורג, וואו ער האָט אַרויסגעגעבן די זאַמלביכער „דביר" געווידמעט חכמת ישראל, און האָט צוגעגרייט זיין גראַנדיעזן פּלאַן פון „דביר"־פאַרלאַג, וועלכער זאָל אַרומנעמען די אויסגאַבן פון דער גאַנצער אויסדערוויילטער ליטעראַטור פון יידישן פאָלק, אָנהייבנדיק פון די פריעסטע צייטן אין מיטלאַלטער ביז דער נייעסטער צייט. דעם דאָזיקן פּלאַן האָט ער אָנגעהויבן ברייט צו פאַרווירקלעכן נאָכדעם, ווי ער האָט זיך באַזעצט, אין יאָר 1924, אין ארץ־ישראל, אין תל־אביב, וואו ער האָט געוואוינט אין זיין הויז „בית ביאַליק" (אויף דער גאַס, וואָס טראָגט דעם נאָמען „רחוב ביאליק"), וואָס איז געוואָרן דער צענטער פאַר דער יידישער אינטעליגענץ און געזעלשאַפט פון תל־אביב. אין דעם „דביר"־פאַרלאַג אין תל־אביב האָט ביאַליק אַרויסגעגעבן (אַחוץ אַ ריי ווערק פון דער נייער ליטעראַטור) אויך מאָנומענטאַלע אויסגאַבן פון די שירים פון רבי שלמה אבן גבירול, רבי משה אבן עזרא צוזאַמען מיט באַמערקונגען און דערקלערונגען. ער האָט אויך אָנגעהויבן אַרויסגעבן משניות מיט נקודות מיט אַן אייגענעם קורצן פירוש. אין ארץ־ישראל האָט ביאַליק אויך איבערזעצט אין העברעאיש שילערס ווילהעלם טעל און פראַגמענטן פון שעקספּירס „יוליוס צעזאַר", ווי אויך אַ ריי קינדער־פּאָעמעס ווי „אלוף בצל ואלוף שום", „שור אבוס" און אַנדערע און אַרויסגעגעבן ווייטערע בענדער פון „רשמות". אַחוץ זיין אַרבעט אויפן געביט פון ליטעראַטור האָט ביאַליק אויך אַנטוויקלט אין ארץ־ישראל אַ לעבהאַפטע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט, זייענדיק דער גרינדער און פירער פון אַ ריי וויכטיקע אינסטיטוציעס, ווי „אגודת הסופרים העברים (פון וועלכן ער איז געווען ערן־פּרעזידענט), די קולטור־אינסטיטוציע „אהל שם", און אַנדערע. ביאַליק איז אויך געווען אַ מיטגליד פון קוראַטאָריום פון „מכון למדעי היהדות" (אינסטיטוט פאַר יידישער וויסנשאַפט) ביי דער העברעאישער אוניווערסיטעט אין ירושלים. אין יאַנואַר יאָר 1933 איז אין

דער גאַנצער יידישער וועלט געפּייערט געוואָרן דער 60־יאָריקער יובילעאום פון ביאַליק און אַלע יידישע צייטונגען און צייטשריפטן האָבן אים געווידמעט ספּעציעלע נומערן, און דורך פיל יידישע אינסטיטוציעס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן באַזונדערע פייערלעכקייטן. אין יאָר 1934 (כ״א תמוז תרצ״ד) איז ביאַליק געשטאָרבן אין ווין און ער איז געבראַכט געוואָרן צו קבורה אין תלאביב. צו זיין אָנדענק דערשיינען די יערלעכע זאַמלביכער „כנסת״.

ביאור זע „מענדלסאָן״.

ביבליאָגראַפיע גריכיש וואָרט, וואָס באַדייט „ביכער־באַשרייבונג״, די פאַרצייכענונג פון ביכער און זייערע אויטאָרן. געוויינלעך זענען די ביבליאָגראַפישע רשימות צונויפגעשטעלט לויט דער אָרדענונג פון אלף־בית, און אין די רשימות ווערן אָנגעגעבן דער נאָמען פון בוך, דער מחבר, דאָס אָרט און יאָר פון דרוק, דער אינהאַלט פון בוך, די גרויס פון בוך, די צאָל זייטן, די הסכמות און אַנדערע איינצלהייטן. די „יידישע ביבליאָגראַפיע״ נעמט אַרום צוויי אָפּטיילונגען: 1) „העבראַיקאַ״ וואָס אַנטהאַלט די רשימה פון אַלע ביכער און ספרים, וואָס זענען געשריבן געוואָרן מיט דעם העברעאישן אלף־בית, סיי אין העברעאיש, סיי אין יידיש, סיי אין די פאַרשידענע אַנדערע יידישע שפּראַכן (אַראַביש־יידיש, שפּאַניאָליש און אַנדערע); 2) „יודאַאיקאַ״, וואָס נעמט אַרום אַלע ביכער, וועלכע זענען געשריבן געוואָרן אין אַנדערע שפּראַכן, אָבער זיי באַהאַנדלען יידישע ענינים.—עס איז קיין ספק נישט אַז שוין אין די פריערדיקע צייטן (פון די גאונים אין בבל) זענען געווען ביבליאָגראַפישע רשימות, וואָס פראַגמענטן פון זיי האָט מען געפונען אין דער באַקאַנטער „גניזה״ אין קאַהיר (פּרטים אין געדענק־בוך אין ענגליש צום אָנדענקען פון אַבראַהאַמס. אַרויסגעגעבן 1927 אין ניו־יאָרק). אָבער די ערשטע פּראָבע צונויפצושטעלן אַ וויסנשאַפטלעכע יידישע ביבליאָגראַפיע שטאַמט פון קריסטלעכן געלערנטן יאָהאַנעס בוקסטאָרף דעם עלטערן, אין ענדע 16טן יאָרהונדערט, וועלכער האָט אין זיין לאַטיינישער „ביבליאָטעקאַ ראַבּיניקאַ״ (אַרויסגעגעבן אין באַזל אין יאָר 1640) צונויפגעשטעלט די ערשטע רשימה פון אַ ריי רבנישע ספרים אין דער אָרדנונג פון אלף־בית. די ערשטע וויסנשאַפטלעכע באַאַרבעטונג פון יידישער ביבליאָגראַפיע איז געמאַכט געוואָרן דורך אַ צווייטן קריסטלעכן געלערנטן באַרטאָלאָצי (געבוירן 1613, געשטאָרבן 1687), וועלכער האָט אין יאָר 1675 אַרויסגעגעבן אין רוים זיין לאַטייניש ווערק אין 4 בענדער „ביבליאָטעקאַ מאַגנאַ ראַבּיניקאַ״ (אויף העברעאיש איז דער טיטל דערפון „קרית ספר״), וואָס נעמט אַרום די רשימה פון 1960 רבנישע ספרים וואָס האָבן זיך געפונען דעמאָלט אין דער וואַטיקאַן־ביבליאָטעק. אומגעפער אין יענער צייט (אַמסטערדאַם 1680) איז אויך דערשינען דאָס ערשטע ביבליאָגראַפישע ספר אויף העברעאיש, דאָס איז דער „שפתי ישנים״ פון רבי שבתי באַס, מחבר פון „שפתי חכמים״ (וועגן אים זע „באַס״), וועלכער האָט באַנוצט צו זיין ווערק די ביכער־זאַמלונג פון אַמסטערדאַמער בית המדרש און פון דער ביבליאָטעק פון רבי משה אגילאַר. צום סוף פון „שפתי ישנים״ איז אויך פאַראַן אַ רעגיסטער „שער בת רבים״ פון די מחברים פון די ספרים לויט אלף־בית, ווי אויך אַ צעטיילונג פון די ספרים לויט די געביטן, וואָס זיי באַהאַנדלען. אַ גרינטליכע יידישע ביבליאָגראַפיע האָט

פאַרפאַסט אין לאַטיין יאָהאַן קריסטיאַן וואָלף, נעמלעך, די 4 בענדער „ביבליאָטעקא העברעא" (געדרוקט אין האַמבורג 1715 — 1733); וואָלף האָט כמעט ווי דערשעפט אין זיין רשימה אַלע ספרים פון יענער צייט, און ער האָט צו זיין אַרבעט זיך באַנוצט מיט דער ביבליאָטעק פון רבי דוד אָפנהיים. אין יענער צייט האָט רבי חיים יוסף דוד אַזולאַי אַרויסגעגעבן זיין „שם הגדולים" (ליוואָרנא 90 — 1774), וואָס אַנטהאַלט אויך אַ רשימה פון ספרים (שפעטער באַאַרבעט דורך בן יעקב ווילנע 1852). — די מאָדערנע ביבליאָגראַפיע־פאָרשונגען אויפן געביט פון העבראַאיקא און יודאַאיקא האָבן זיך אָנגעהויבן ערשט אין 19טן יאָרהונדערט, און באַזונדערס האָבן בייגעטראָגן צו דער גרינטלעכקייט פון די פאָרשונגען די באַרימטע יידישע געלערנטע צונץ, ראַפאַפּאָרט, שטיינשניידער, פירסט, בן יעקב, דוקעס, כרמולי, נייבויער, צעדנער, רעסט און אַנדערע. אַלס רעזולטאַט פון זייערע אַרבעטן זענען דערשינען (אַחוץ פיל פאַרשידענע אָפהאַנדלונגען פאַנאַנדערגעוואָרפן אין וויסנשאַפטלעכע צייטשריפטן) די גרויסע יידישע ביבליאָגראַפיעס אין 19טן יאָרהונדערט: די „ביבליאָטעקא יודאַאיקא" פון פירסט; שטיינשניידערס „קאַטאַלאָג" פון דער באַדלעיאַנא ביבליאָטעק; צעדנער, „קאַטאַלאָג" פון בריטיש מוזעאום; רעסט, קאַטאַלאָג פון דער ראָזנטאַל־ביבליאָטעק; ליפעס „אסף המזכיר" ווי אויך וויליאַם צייטלינס „ביבליאָטעקא העבראַאיקאַ פאָסטמענדעלסאָניאַנא", וואָס נעמט אַרום די העבראַאישע ביכער נאָך דער מענדעלסאָן־עפאָכע, און אַנדערע. אין העבראַאיש איז דערשינען נאָכן טויט פון מחבר דאָס מאָנומענטאַלע ווערק פון יצחק אייזיק בן יעקב „אוצר הספרים" (געדרוקט ווילנע 1880 מיט באַמערקונגען פון שטיינשניידער), וואָס אַנטהאַלט אַ רשימה פון לערך 17,000 ספרים געדרוקטע (און אויך כתבי יד) אין העבראַאיש, יידיש און אַנדערע שפראַכן אָבער אַלץ אין העבראַאישן אלף־בית, ביזן יאָר 1860. וויכטיק איז אויך ווינערס „קהלת משה", וואָס איז דערשינען ביז אות „ט". אין 19טן יאָרהונדערט האָבן אָנגעהויבן דערשיינען אויך ספעציעלע צייטשריפטן, געווידמעט דער יידישער ביבליאָגראַפיע. די ערשטע צייטשריפט אין דייטש „העבראַאישע ביבליאָגראַפיע" („המזכיר") האָט אַרויסגעגעבן שטיינשניידער אין די יאָרן 1858—82, נאָכער „צייטשריפט פיר העבראַאישע ביבליאָגראַפיע" (אויף דייטש, אַרויסגעגעבן פון פריימאַן און בראָדי, אָנהויבנדיק פון יאָר 1896), און אויך אין די פאַרשידענע צייטשריפטן פאַר אָריענטאַלשער וויסנשאַפט און ביבליאָגראַפיע זענען איינגעפירט געוואָרן ספעציעלע יודאַאיקאַ־אָפטיילונגען. אין 20טן יאָרהונדערט זענען די פאָרשונגען איבער יידישער ביבליאָגראַפיע פאָרטגעזעצט געוואָרן, און באַזונדערס האָבן זיך פאַרנומען דערמיט די געלערנטע פאָזנאַנסקי, פריימאַן, בראָדי, פריידוס, מאַרקוס, טויבער, און באַזונדערס וויכטיק איז געוואָרן די העבראַאישע דריי־מאָנאַט־שריפט „קרית ספר", וואָס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען ביי דער העבראַאישער אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים זינט דעם יאָר 1924 און וועלכע פירט אַ גענויע רשימה פון אַלע ניי־דערשינענע ספרים און ביכער סיי אין העבראַאיש, יידיש, סיי אין אַנדערע שפראַכן פון יידישן אינהאַלט, און גיט דערביי אויך אָפהאַנדלונגען איבער זיי, ווי אויך פאַרשידענע פאָרשונגען איבער אַמאָליקע דרוקען און כתבי־יד. אַ געוויסע באַדייטונג האָט אויך געהאַט די ביבליאָגראַ־

פישע צייישריפט „עין הקורא״, וואָס איז
דערשינען אין בערלין, 1923, ווי אויך די
סאָנצינא־בלעטער, וואָס זענען דערשינען
(אין דייטש) אין בערלין זייט 1925. אין
העברעאיש איז אוך דערשינען (יאָר
1923) פרידבערגס „בית עקד הספרים״.
אַ ספּעציעלע ביבליאָגראַפיע איבער קבלה־
ספרים („ביבליאָגראַפיאַ קאַבאַליסטי־
קאַ״) איז דערשינען יאָר 1928, פון דר.
גרשון שלום. — אויך אויפן געביט פון
ביבליאָגראַפיע פון ספרים און ביכער אין
דער יידישער שפּראַך זענען צו פאַרציי־
כענען אַ ריי וויכטיקע אַרבעטן. שוין
שטיינשניידער אין זיין דערמאָנטן ווערק
„קאַטאַלאָג״ פון באָדלעיאַנא־ביבליאָטעק
האָט נאָטירט אַלע עלטערע ביכער אין
דער יידישער שפּראַך און צוגעגעבן צו
זיי ווערטפולע באַמערקונגען. דאָס זעל־
בע האָט אויך געטאָן בן יעקב אין דער־
מאָנטן „אוצר הספרים״. אחוץ דעם
האָט שטיינשניידער נאָך אַנדערע וויכ־
טיקע ביבליאָגראַפישע אַרבעטן איבער
עלטערע ביכער אין דער יידישער שפּראַך,
נעמלעך זיין „איבער די פאָלקס־ליטעראַ
טיר דער יודען״ (אין גאַנצעם „אַ־בי״
פאַר ליטעראַטור־געשיכטע״ יאָר 1872),
אין ניימאַנס „סעראַפּעאום״, אין זיין „גע־
שיכטס־ליטעראַטור דער יודען״, אין זיין
„ספרות ישראל״ (העברעאישע איבערזע־
צונג פון דר. מאַלטער) וו אויך אין דער־
מאָנטן זשורנאַל „המזכיר״. אחוץ שטיינ־
שניידער און בן יעקב האָט אויך גע־
בראַכט ביבליאָגראַפישע פאַרצייכענונגען
פון עלטערע יידישע ביכער צעדנער אין
זיין דערמאָנטן קאַטאַלאָג פון בריטיש־
מוזעאום. מיט דער ביבליאָגראַפיע פון
דער נייער ליטעראַטור אין דער יידישער
שפּראַך האָט מען זיך אָנגעהויבן פאַר־
אינטערעסירן ערשט אין דער לעצטער
צייט, עטלעכע יאָר פאַר דער וועלט־מל־
חמה. באַראָכאָוו אין ווילנער „פנקס״
(יאָר 1913) האָט פאַרעפנטלעכט אַ בי־
בליאָגראַפישע רשימה פון אַנאָנימע ווערק
ווי אויך פון טאָג־צייטונגען און צייי־
שריפטן אין יידיש. קיין אַלגעמיין בי־
בליאָגראַפיש ווערק פון אַלע ביכער איז
נאָכנישט דערשינען. דער „יידישער ווי־
סנשאַפטלעכער אינסטיטוט״ אין ווילנע
(„ייוואָ״) האָט פאַרעפנטלעכט רשימות
פון לויפנדע דערשיינענדע ביכער און
אויך וויכטיקערע צייטונגס־אַרטיקלען (פון
יידישן פאָלקלאָריסטישן און היסטאָרישן
אינהאַלט) אין יידיש. אַ ביבליאָגראַפ־
שער זשורנאַל אויף יידיש „די ביכער־
וועלט״ איז דערשינען אין וואַרשע אין
די יאָרן 1922—1924, אינגאַנצן 10 נו־
מערן. אין דער וואָכנשריפט „ליטעראַ־
רישע בלעטער״, וואָס איז דערשינען אין
וואַרשע פון יאָר 1923, איז געווען פאַר־
עפנטלעכט יעדע וואָך אַ ביבליאָגראַפישע
רשימה פון די לויפנדע דערשיינענדע בי
כער אויף יידיש.

ביבליאָטעק מיט דעם וואָרט „בי־
בליאָטעק״ באַצייכנט מען אַ זאַמלונג פון
ספרים. פון די עלטערע צייטן ווייסן מיר
אַז עס זענען געווען פריוואַט־זאַמלונגען
פון ספרים אין מיטלאַלטער (ביי רב שמו
אל הנגיד, רבי יהודה אבן תבון און אַנ־
דערע). אין דער נייערער צייט, נאָך דער
דערפינדונג פון דרוק אין 15טן יאָרהונ־
דערט, הערט מען אָפטער וועגן יידי־
שע פריוואַטע ביבליאָטעקן (מאָדענאַס
אין פעראַראַ, אַגילאַרס אין אַמסטער־
דאַם, רבי מנשה בן ישראלס און אַנדע־
רע). אויך זענען אין דער וואַטיקאַן־
ביבליאָטעק אין רוים שוין גאָר פרי גע־
זאַמלט געוואָרן יידישע ספרים. אין 17־
טן יאָרהונדערט איז געווען באַרימט די
יידישע ביבליאָטעק פון רבי דוד אָפּענ־
היים, וואָס איז שפּעטער פאַרקויפט גע־
וואָרן צו דער באָדלעיאַנא־ביבליאָטעק
אין אָקספאָרד. — די גרעסטע ספּעציעל־

יידישע ביבליאטעק, אין וועלכער עס זענען פאראן יודאיקא און אלגעמיינע, איז די אוניווערסיטעט־ביבליאטעק (נאציאנאלע ביבליאטעק — ספריה לאומית) אין ירושלים, וועלכע איז אנטשטאנען צוערשט דורך דער זאמלונג פון דר. כאזאנאוויטש „בית נאמן" און ווערט איצט כסדר דערגענצט דורך רייכע ביכער־מתנות, ווי אויך דורך איינקויפן. א זייער גרויסע יידישע ביבליאטעק אין הינזיכט פון יודאאיקא־ און העבראאיקא־ביכער געפינט זיך ביים יידיש־טעאלאגישן סעמינאר אין ניו־יארק. א זייער רייכע יידישע ביליאטעק איז אויך פאראן אין אמעריקע ביים רעפארם־ראבינער־סעמינאר (היברו יוניאן קאלעדזש) אין סינסינאטי. אויך די יידישע דראפסי־קאלעדזש־ביליאטעק אין פילאדעלפיע איז א זייער רייכע, אין אייראפע זענען די גרעסטע יידישע ביבליאטעקן, די ביים ראבינער־סעמינאר (דזשוס קאלעדזש) אין לאנדאן (לערך 40 טויזנט בענדער), ביי דער „אליאנס" אין פאריז (לערך 28 טויזנט בענדער), ביים ראבינער־סעמינאר אין בודאפעשט, „עץ חיים" אין אמסטערדאם, סינאגאגע־ביבליאטעק אין ווארשע אויף טלאמאצקע, די שטראשון־ביפליאטעק אין ווילנע, די זאמלונג ביים יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט („ייווא") אין ווילנע, וואס אנטהאלט ספעציעל די רייכסטע זאמלונג פון ביכער און צייטונגען אין דער יידישער שפראד. אחוץ די דאזיקע ספעציעל־יידישע ביבליאטעקן זענען פאראן רייכע יידישע אפטיילונגען ביי א ריי גרויסע אלגעמיינע ביבליאטעקן, פון וועלכע די גרעסטע זענען די באדלעיאנא אין אקספארד (ענגלאנד), בריטיש־מוזעאום, קעמברידזש (אנטהאלט א רייכע זאמלונג פון כתבי־יד), די רוסישע שטאטס־ביבליאטעק און אויך דער אזיאטישער מוזעאום אין לענינגראד (רוסלאנד), די שטאט־ביבליאטעק (פאבליק לייברערי) אין ניו־יארק, די פראנקפורטער שטאט־ביבליאטעק, די פאריזער נאציאנאל־ביבליאטעק און אויך ביי די אנדערע קלענערע ביבליאטעקן. דער גורל פון א טייל ביבליאטעקן איצט אין יאר 1942, אונטער דער הערשאפט פון די היטלער־חיילות, איז אומבאקאנט.

ביבל זע „תנ"ך".

ביזאנץ מיטן דאזיקן נאמען ווערט באצייכנט די גרויסע אימפעריע, וואס האט זיך געגרינדעט אין 4טן יארהונדערט, און האט ארומגענומען אלע מזרח־לענדער פון דער אלטער רוימישער אימפעריע, און איר הויפטשטאט איז געווען קאנסטאנטינאפאל (פריער האט די דאזיקע שטאט געהייסן „ביזאנץ"), וואו עס האט געוואוינט דער אימפעראטאר פון דער ביזאנטישער מלוכה. אין דער געשיכטע פון יידישן פאלק האט די ביזאנטישע אימפעריע געשפילט א באדייטנדע ראלע. ערשטנס צוליב דעם, וואס פון זינט רוים איז אין 4טן יארהונדערט צעטיילט געווארן אויף 2 באזונדערע אימפעריעס, „מערב־רוימישע" און „מזרח־רוימישע" (ביזאנטישע), איז ארץ־ישראל געווען אונטער דער הערשאפט פון ביזאנץ, און דאס האט געדויערט ביזן אנהויב פון 7טן יארהונדערט, ווען ארץ־ישראל איז איינגענומען געווארן דורך די אראבער. צווייטנס ווייל אונטער דער הערשאפט פון ביזאנץ האבן זיך געפונען לענדער מיט גרויסע יידישע ישובים, עגיפטן, סיריע, קליין־אזיע, גריכנלאנד, די גריכישע אינזלען, און א טייל פון איטאליע, און אין קאנסטאנטינאפאל זעלבסט האבן זיך געפונען א גרעסערע צאל יידן. די ביזאנטישע אימפעראטארן זענען אין אלגעמיין, אלס אייפעריקע

קריסטן, נישט געווען גוט צו יידן. דער עיקר האבן זיך די ביזאנטישע אימפעראטארן אויסגעצייכנט דערמיט, וואס זיי האבן איינגעפירט אפיציעלע באגרענעצונגען פון די בירגער־רעכט פון די יידן. אין די שפעטערע יארהונדערטער פון מיטלאלטער (פון 11טן יארהונדערט אן) איז די לאגע פון די יידן אין דער ביזיאנטישער אימפעריע בעסער געווארן. די סיבה דערפון איז געווען דאס, וואס די דאזיקע אמאל־גרויסע אימפעריע איז כסדר געווארן פארקלענערט, אלע שכנותדיקע לענדער האבן פון איר אפגעריסן שטיקער, און זי האט געמוזט גאנץ אפט אנקומען צו יידישער הילף, נישט נאר אין פינאנציעלער, נאר אויך אין פאליטישער הינזיכט. דער רייזנדער רבי בנימין פון טודעלא (אין 12טן יארהונדערט) באשרייבט די יידן אין ביזאנץ, אז זייער לאגע איז א גוטע, פארנעמען זיך מיט מסחר, מלאכה, און האבן אויך א גרויסן איינפלוס אין דער פאליטיק. אין 15טן יארהונדערט איז דער רעשט פון דער ביזאנטינישער אימפעריע צוזאמען מיט קאנסטאנטינאפאל ארונטערגעפאלן אונטער דער הערשאפט פון טערקיי, און דער גורל פון די דארטיקע יידן אין ארץ־ישראל און סיריע, וואו פון די יידן אין טערקיי. — די יידן אין דער ביזאנטינישער אימפעריע האבן גערעדט אין אלגעמיין גריכיש (אחוץ די יידן אין ארץ־ישראל און סיריע, וואו טייל פון זיי האבן גערעדט אויך סיריש־אראמעאיש). — א ריי פון די פריערדיקע און אויך שפעטערדיקע מדרשים זענען פארפאסט געווארן אין דער ביזאנטינישער אימפעריע, און דעריבער איז אין זיי פאראן אזוי פיל גריכישע ווערטער. עס האבן געלעבט אין ביזאנץ רבי טוביה בן אליעזר, מחבר פון מדרש „לקח טוב" (אין 12טן יארהונדערט), רבי זרחיה היווני, און אנדערע. דער נוסח פון סידור און אויך בית המדרש מנהגים פון די ביזאנטינישע יידן האט געהייסן „נוסח ביזאנץ" און אויך „מנהג רומניא". פון די ביזאנטינישע יידן זענען איבערגענומען געווארן א סך אויסדרוקן, וואס זענען שפעטער אריין אין דער יידישער ריטואל־שפראך, ווי למשל, „סנדק" (א גריכיש ווארט „סינדיקאס"), „פזמון" און אנדערע.

ביילים - פראצעס זע „בלוט - בלבולים".

ביכלער אדאלף יידישער היסטאריקער און אריענטאליסט, ספעציעל אויף א ריי געביטן פון חכמת ישראל, געשריבן אמייסטן אין דייטש, אויך אין ענגליש און פראנצויזיש. זיינע ווערק זענען: „די פריסטער" (איבער די יידישע כהנים צום סוף פון בית שני); „די טאביאדן און אניאדן" (וועגן די בני טוביה און חוניו אין דער פאר־חשמונאים־עפאכע); „דאס סנהדרין"; „דער גלילשער עם הארץ" (א וויכטיקע אפהאנדלונג איבער דער געזעלשאפטלעכער צעטיילונג פון יידן אין ארץ־ישראל אין דעם 1טן יארהונדערט נאכן חורבן בית שני), ווי אויך פיל ארטיקלען. געשטארבן אין לאנדאן 1939.

בילו נאמען פון א באוועגונג צווישן יידישע סטודענטן אין רוסלאנד אין יאר 1882, נאכן אויסברוך פון פאגראמען אין רוסלאנד, אויסצוואנדערן קיין ארץ־ישראל און דארט זיך צו באשעפטיקן מיט לאנדווירטשאפט. דער נאמען „בילו" איז די ראשי תבות פון פסוק אין ישעיה ב' „בית יעקב לכו ונלכה" („הויז פון יעקב קומט און לאמיר גיין"), איינע פון די קאלאניעס, וואס זיי האבן געגרינדעט איז געווען „ראשון־לציון". — זע זוכווארט „ציוניזם".

בימה נאמען פון דעם טיש אין דער שול, אויף וועלכן מען לייענט די ספר תורה. דאס ווארט בימה איז פון גריכישן „בעמא“, און עס ווערט געבראכט שוין אין דער גמרא (סוכה נ״א און אנדערע ערטער). מען רופט עס אין דער יידישער שפראך אויך „אלמעמער“ (פון אראבישן „אלמינבאר“), „בעלעמער“, „מעלעמער“ און אויך „שלחן“. די בימה געפינט זיך אינמיטן דער שול. אין די רעפארם־סינאגאגעס האט מען איינגעפירט, אז די בימה איז אויף דער מזרח־וואנט ביים ארון־קודש.

ביצה נאמען פון מסכתא אין דער משנה און גמרא, אין סדר מועד; דער אנהויב פון דער מסכתא איז „ביצה שנולדה ביום־טוב“, וועגן דער פראגע פון אן איי, וואס איז געבוירן געווארן אין יום־טוב, צי מעג מען עס עסן. דאס ווארט ווערט אויסגערעדט נישט „ביצה“ מיט א צדיק, נאר „ביעא“ (פון אראמעאישן). עס איז געווען אמאל א מנהג ביים אנהויבן מיט קינדער לערנען גמרא, אנצוהויבן מיט דער מסכתא ביצה. די דאזיקע מסכתא ווערט אויך אנגערופן „יום־טוב“, ווייל זי באהאנדלט די פראגן וועגן טאן מלאכות אין יום־טוב.

ביקאנספילד ענגלישער שטאטסמאן פרעמיער־מיניסטער, שריפטשטעלער אין 19טן יארהונדערט, פון יידישער אפשטאמונג, באקאנט אויך מיט זיין נאמען בעניאמין ד׳איזראעלי; געבוירן אין 1804 אין לאנדאן, זיין פאטער איז געווען דער שריפטשטעלער אייזעק ד׳איזראעלי, א ייד. ווען ביקאנספילד איז אלט געווארן 13 יאר האט אים זיין פאטער אפגעשמדט אויף דעם אנגליקאנישן גלויבן. אין יאר 1837 איז ער געווארן דעפוטאט אין ענגלישן פארלאמענט, אלס מיטגליד פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי, און דעמאלט האט זיך אנגעהויבן זיין גרויסע פאליטישע קאריערע. ער איז באלד נאכער געווארן דער פירער פון דער קאנסערוואטיווער פארטיי, וועלכער ער האט אבער צוגעגעבן געוויסע אידעאלן פון דעמאקראטיזם און פארטשריט. ביקאנספילד איז דערנאך געווארן פינאנץ־מיניסטער פון ענגלאנד, נאכער (1868) פרעמיער־מיניסטער, און נאך א הפסקה פון עטלעכע יאר איז ער 1874 ווידער געווארן ענגלישער פרעמיער־מיניסטער, באקומענדיק דעם לארדן־טיטל „אוירל אוו ביקאנספילד“. אלס פאליטישער פירער פון ענגלאנד האט ביקאנספילד פיל מיטגעהאלפן צו פארשטארקן די אינטערעסן פון דער בריטישער אימפעריע. ביקאנספילד איז געשטארבן אין לאנדאן, אין יאר 1881, און ביז היינט באטראכטן אים די קאנסערוואטיוון אין ענגלאנד אלס זייער אנגעזעענסטן פירער; זיי האבן געגרינדעט א ספעציעלע „ליגע פון פרימראז“ (ביקאנספילד האט ליב געהאט די בלום „ערשט־פרילינג“, „פרימראז“), וואס פארערט ביקאנספילד. — אין באצוג צו יידן האט ביקאנספילד ארויסגעוויזן נישט נאר די גרעסטע סימפאטיע, נאר ער האט זיך אין א געוויסער מאס אויך באטראכט אלס ייד, און ער האט אין זיין פאליטישער טעטיקייט פיל געקעמפט פאר די יידישע רעכט אין ענגלאנד, באלקאן־לענדער (אויף דעם בערלינער קאנגרעס, יאר 1878); האט פיל געשטיצט מאנטעפיארען אין זיין ארבעט לטובת יידן אין פארשידענע לענדער. אין זיינע עפנטלעכע פארלאמענט־ארויסטריטן האט ביקאנספילד גאנץ אפט זיך בארימט מיט זיין יידישער אפשטאמונג. אין זיינע דערציילונגען „דוד אלראי“ און אנדערע, ווייזט ער ארויס א גרויסע ליבע צו דער יידישער געשיכטע און זאגאר א געוויסן ארט ציוניזם.

בירא-בידזשאן נאמען פון א לאנד אין אזיע אויפן ווייטן מזרח, אונטער דער הערשאפט פון דער ראטן־רעפובליק אין רוסלאנד, וואס האט א געוויסע באדייטונג פאר דעם יידישן פאלק זינט די רעגירונג פון דער רוסישער ראטן־רעפובליק האט דעם 28טן מערץ 1928 באשטימט בירא־בידזשאן אלס טעריטאריע פאר דער יידישער מאסן־איינוואנדערונג מיט דעם ציל צו שאפן דארט א יידיש־נאציאנאלע אדמיניסטראטיוו־טעריטאריאלע רעפובליק אין די ראמען פון דעם פארבאנד פון די ראטן־רעפובליקן פון רוסלאנד. — אין יאר 1928 האבן אין דאזיקן לאנד געוואוינט ביי 35 טויזנט נפשות, פון זיי ביי 25 טויזנט רוסן (קאזאקן, אוקראינישע פויערים), און די איבעריקע כינעזער, קארעער, און אויך שבטים פון סיביר, ווי יאקוטן, אודעסן, טוגוסן. אין מערץ 1928 האט די רעגירונג פון די ראטן־רעפובליק אין רוסלאנד באשטימט בירא־בידזשאן אלס איינוואנדערונגס־לאנד פאר יידן, און פון דעמאלט אן האט זיך אנגעהויבן די יידישע איינוואנדערונג אין דאזיקן לאנד. ביז סוף פון יאר 1939 האבן זיך באזעצט לערך 45 טויזנט יידישע נפשות, און עס זענען געגרינדעט געווארן א ריי שטעט (ווי ביראבידזשאן, לאנדאקא, סאצשטעטל, וואלדהיים, ביראפעלד, איקאר), ווי אויך לאנדווירטשאפטלעכע דערפער.

בירב יעקב רב און ראש ישיבה אין ארץ־ישראל; געבוירן אין שפאניע אין יאר 1474; אין 1492 אוועק אין פעז. פון דארט האט ער אויסגעוואנדערט קיין ירושלים, אין יאר 1522. נאכער רב און ראש ישיבה אין צפת, וואו ער איז געשטארבן אין יאר 1546. רבי יעקב בירב איז באקאנט אין דער יידישער געשיכטע אויך דערמיט, וואס ער האט אין צפת אין יאר 1538 געפרואווט באנייען די אלטע אינסטיטוציע פון „סמיכה", דאס הייסט געבען סמיכה רבנים, אז זיי זאלען האבן דעם כח פון די אמאליקע סנהדרין און זיי זאלען קאנען לעזן אזעלכע רעליגיעזע פראגן, וואס נאר דאס סנהדרין האט זיי געקאנט לעזן.. יעקב בירב האט מסמיך געווען פיר זיינע תלמידים, דעם בארימטן מחבר פון שלחן ערוך רבי יוסף קארו (בית יוסף), רבי משה מטראני, רבי אברהם שלום און רבי ישראל די קוריאל. קעגן דעם באנייען די סמיכה איז ארויסגעטרעטן דער רב פון ירושלים רבי לוי אבן חביב (רלח"ב), און עס איז אנטשטאנען א גרויסע מחלוקה ביז די סמיכה איז אפגעשאפט געווארן. דאס באקאנטע ספר פון רבי יעקב בירב זענען זיינע „שאלות ותשובות מהרי בירב", וועלכע זענען אויך וויכטיק דערמיט, וואס אין די פיל הלכה־פראגן געבן זיי אונדז בילדער פון יידישן לעבן אין יענער צייט אין די מזרח־לענדער. ער האט אויך מחבר געווען פירושים צום תנ"ך.

בירנבום נתן (באקאנט אויך מיט זיין פסעוודאנים „מתתיהו אחר"), יידישער שריפטשטעלער און דענקער, אמאליקער ציוניסטישער פירער און נאכער איינער פון די אנגעזעענסטע ווארט־פירער פון רעליגיעזן און ארטאדאקסישן יידנטום. געבוירן געווארן אין ווין, יאר 1864, ער איז געווען צוערשט ציוניסט, נאכער יידישיסט, פאלקיסט, פארזיצנדער פון דער טשערנאוויצער קאנפערענץ אין יאר 1908, וואס האט פראקלאמירט יידיש אלס נאציאנאל שפראך פון יידישן פאלק. אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז אין בירנבוימס גייסטיקע אנשויאונגען פארגעקומען א טיפע ענדערונג. פון א פריידענקער, וואס האט געשטיצט זיין וועלט־אנשויאונג אויף מאטעריאליסטיש־אטעאיסטישע טעאריעס

פון די דייטשע פּאָזיטיוויסטן אין 19טן
יאָרהונדערט, איז בירנבוים געוואָרן אַ
פרום־גלויביקער ייד, וואָס האָט געגלויבט
נישט נאָר, אַז עס איז פאַראַן אַ גאָט,
אַ וועלט־באַשאַפער, וואָס פירט אַן מיט
דער געשיכטע פון מענטשן און פעלקער,
נאָר אויך, אַז גאָט האָט געגעבן די תורה
צו די יידן און אויסגעוויילט די יידן אַלס
„גאָטעס־פאָלק" (דער נאָמען פון בירנ־
בוימס אַ בראָשור) און מען איז מחויב
מקיים צו זיין אַלע מצוות און דינים פון
דער יידישער רעליגיע. בירנבוים איז
געוואָרן אַ מיטגליד פון דער אָרטאָדאָק־
סישער אָרגאַניזאַציע „אגודת ישראל",
אַלס קעמפער קעגן דעם וועלטלעכן נאַ־
ציאָנאַליזם פון יידישן פאָלק און פאַר אַ
פולשטענדיקן צוריקער צו דער יידישער
רעליגיע, „צו דער אַלטער יידישער אמו־
נה, צו יידישקייט און צו יידישע קדושה־
שטרעבונגען". ער האָט אויך זיין פּרי־
וואַט־לעבן געענדערט פולשטענדיק, גע־
וואָרן במעשה אַ פרומער ייד, אָנגעהויבן
נזהר זיין אין אַלע רעליגיעזע מצוות און
דינים. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ ריי בראָ־
שורן אין דייטש און יידיש: „גאָטעס
פאָלק", „דברי העולים", פון אַן אפיקורס
געוואָרן אַ מאמין", „אין גלות ביי יידן".
בירנבוים איז געשטאָרבן אין יאָר 1936.

בית אויף העברעאיש „הויז". דאָס
וואָרט „בית" קומט אָפט פאָר אַלס אַ
טייל פון פאַרשידענע צוזאַמענגעזעצטע
ערטער־נעמען אין ארץ־ישראל ווי בית־
אל, בית־לחם וכדומה, און אויך פון פאַר־
שידענע רעליגיעזע קעגנשטאַנדן ווי בית־
המקדש, בית־המדרש, בית־עלמין, בית־
דין וכדומה, און ספּעציעל שפּעטער אין
דער משנה און גמרא ווערט באַנוצט אויך
דאָס וואָרט „בית" סתם אַלס בית־המק־
דש, און מען אונטערשיידט „בית ראשון"
(דאָס ערשטע בית־המקדש) פון „בית
שני" (דאָס צווייטע בית־המקדש). וועגן
פאַרשידענע מצוות, וואָס זענען געווען
גילטיק נאָר ווען דאָס בית־המקדש איז
געשטאַנען ווערט געזאָגט, אַז זיי זענען
נוהג נאָר „בזמן הבית" (אין דער צייט
פון בית־המקדש).

בית-אל אַלטע שטאָט אין ארץ־ישר־
אל, דערמאָנט אין דער צייט פון אברהם
אבינו (בראשית י"ב). מען גלויבט, אַז
דאָס איז דאָס היינטיקע אַראַבישע דאָרף
„ביטין", וואָס געפינט זיך צו צפון פון
ירושלים אויפן וועג קיין שכם. אין יהושע
י"ב ווערט עס גערעכנט צו די שטעט
פון שבט בנימין; יהושע י"ח און
שופטים א' דערציילן, אַז די בני יוסף
האָבן די שטאָט איינגענומען. פריער האָט
די שטאָט געהייסן „לוז". וועגן בית־אל
ווערט דערמאָנט אין אַ ריי ערטער אין
תנ"ך, אַז דאָרט איז געווען אַן אָרט פון
רעליגיעזן קולט; יעקב אבינו האָט גע־
בויט דאָרט אַ מזבח און אַ מצבה (בראַ־
שית ל"ה), ירבעם בן נבט האָט דאָרט
אויפגעשטעלט איינעם פון די גאָלדענע
קעלבער צום דינען (עמוס ד'). אויך דער
נאָמען „בית אל" (גאָטס הויז) ווייזט
דערויף.

בית-דין („געריכטס־הויז"). מיטן נאָ־
מען „בית דין" ווערט אין דער משנה,
גמרא און אויך שפּעטערע יידישע ספרים
אָנגערופן דאָס יידישע געריכטס־קאָלע־
גיום, וואָס האָט צו אַנטשיידן אין אַלע
פראַגן, סיי אין רעליגיעז־ריטועלע, סיי
אין געלט־זאַכן, סיי קרימינעלע שטראָף־
פּראָצעסן. אין דער גמרא געפינען מיר
טראַדיציעס וועגן „בתי דינים" פון גאָר
אַלטע יידישע צייטן (בית דינו של שמו־
אל ושלמה אין מכות כ"ג, בית דינו של
גדעון ויפתח, תוספתא ראש השנה פ"ב,
בית דינו של חשמונאי סנהדרין פ"ב).
ווי די משנה און גמרא שטעלן פאָר האָט
אין דער צייט פון בית המקדש עקזיס־

טירט אין ירושלים דער „בית דין הגדול" (דאָס העכסטע געריכט), וואָס האָט אויך געהייסן די „סנהדרין גדולה" (דאָס גרויסע סנהדרין) פון 71 מאַן (סנהדרין פ"ו, ספרי דברים); קלענער פון זיי איז געווען דאָס בית דין פון די „סנהדרי קטנה" פון 23 מאַן, וואָס האָט זיך געפונען איבער יעדן יידישן שבט, און דאָס דאַזיקע געריכט האָט געהאַט דאָס רעכט צו פסקענען טויט־שטראָף („דיני נפשות"). קלענער איז געווען דאָס „בית דין של שלשה", דאָס געריכטס־קאָלעגיום פון 3 פערזאָן פאַר וויכטיקערע ציווילע און קרימינעלע פּראָצעסן. פאַר קליינע ציוויל־פּראָצעסן איז גענוג געווען איין ריכטער, אַ „מומחה". גענוי וועגן דער איינטיילונג פון די דאַזיקע בתי־דינים און זייערע קאָמפּעטענצן איז פאַראַן אין דער מסכתא סנהדרין. וועגן די יידישע געריכטס־קאָלעגיומס אין די שפּעטערע צייטן געפֿן מיר ביים זוכוואָרט „רבנים"; וועגן דעם סנהדרין געפֿן מיר ביים זוכוואָרט „סנהדרין". די משנה אין עדיות פ"א זאָגט, אַז „אין בית דין יכול לבטל דברי בית דין חברו אלא אם כן גדול ממנו בחכמה ובמנין" (אַז איין בית דין קאָן נישט מבטל מאַכן דעם אורטייל פון אַ צווייטן בית דין סיידן ער איז גרעסער פון יענעם סיי אין געלערנטקייט, סיי אין צאָל). אין דער גמרא מכות כ"ג ווערט געזאָגט, אַז אויך אין הימל איז פאַראַן אַ בית דין, וואָס הייסט „בית דין של מעלה". אין די חסידישע ספרים ווערט וועגן האָזיקן „בית דין של מעלה" פיל געשריבן, און עס איז דער חסידישער גלויבן וועגן אַנגעזעענע חסידישע רביים, אַז זיי געהערן אין הימל צום „בית דין של מעלה". זע זוכוואָרט „אב בית־דין".

בית הכנסת

זע „בית המדרש".

בית הלל און בית שמאי

זע „הלל" און „שמאי".

בית המדרש

דער טייטש דערפון אויף העברעאיש איז „דאָס הויז פון שטודיום", און דערמיט איז באַצייכנט געוואָרן דאָס הויז, וואו מען האָט נישט נאָר געדאַוונט, נאָר אויך געלערנט תורה. אין קעגנזאַץ צום „בית הכנסת", „שול", וואו מען האָט נאָר געדאַוונט. די האַזיקע איינטיילונג איז פאַרבליבן ביז אין דער נייעסטער צייט. אין יעדער שטאָט מיט אַ יידישער קהלה איז פאַראַן לעבן דער שול אויך אַ בית־המדרש, וואָס איז איינגענטלעך אויך דער צוזאַמענקונפטס־אָרט פאַר די שטאָטישע יידן צו באַטראַכטן קהלישע זאַכן, שמועסן וועלטלעכע ענינים, אָפטמאָל שלאָפן דאָרט אויך ישיבה־בחורים אָדער פרעמדע אורחים. דאָס בית־המדרש ווערט דעריבער באַטראַכט אַלס ווייניקער הייליק פון דער שול, וועלכע איז געווידמעט בלויז צום דאַוונען. — אין דער גמרא און מדרשים ווערן איבערגעגעבן טראַדיציעס, אַז די אינסטיטוציע „בית המדרש" איז שוין גאָר אַלט. אין מדרש בראשית רבה ס"ג ווערט געזאָגט, אַז יעקב אבינו האָט געלערנט אין „בית מדרש פון שם ועבר". אין דער גמרא ווערן געבראַכט טראַדיציעס וועגן בית המדרש פון שלמה המלך חזקיה (סנהדרין צ"ד) און אַנדערע תנ"ך־פערזאָנען. יעדנפאַלס איז זיכער, אַז אין דער שפּעטערדיקער צייט פון בית שני האָט עקזיסטירט ביי יידן די בית־המדרש־אינסטיטוציע, וואָס איז געווען דער אָרט, וואו מען האָט געלערנט מיט תלמידים. אין יומא ל"ה ווערט דערציילט ווי הלל האָט געלערנט אין ירושלים אין בית־המדרש פון שמעיה ואבטליון (אין 1טן יאָרהונדערט פאַר דער געווייינלעכער צייטרעכענונג). פון דער גמרא ברכות כ"ח, איז צו זען, אַז דער בית המדרש איז געווען דאָס אָרט, וואו דער נשיא אין ארץ־ישראל האָט געלערנט מיט די תלמידים. אויף אַראַמעאיש האָט

מען עס גערופן אין די צייטן פון דער גמרא „בי מדרשא'' (חגיגה ג'). — אין מיטלאַלטער און אין דער נייער צייט איז דאָס בית־מדרש געווען דער צענטער פון יידישן קהלישן לעבן אין יעדער שטאָט. געוויינלעך איז אין די גרעסערע שטעט פאַראַן קלענערע בתי־מדרשים פון וועלכע טייל האָבן קאָנצענטרירט אַרום זיך בעלי־מלאכות פון געוויסע פאַכן, ווי „דאָס שניידערישע בית־המדרש'', „דאָס קצבישע בית־המדרש'' וכדומה, ווייל דאָס האָט זיי אויך געדינט אַלס אַ האַלב־רעליגיעזער האַלב־געזעלשאַפטלעכער קלוב, וואו די מתפללים האָבן נישט נאָר געדאַוונט און געלערנט נאָר אויך באַטראַכט זייערע קהלישע אינטערעסן. מיט דעם בית־המדרש פירן אָן „גבאים'', וואָס ווערן דערוויילט דורך די דאַוונערס חול המועד סוכות אָדער חול המועד פסח, און די אָרדנונג און ריינקייט אין בית־המדרש ווערט געהאַלטן דורכן „שמש''. אויך די שול אין הויף פון יעדן חסידישן רבי, וואו די חסידים דאַווענען צוזאַמען מיטן רבין, הייסט בית המדרש, און מען רופט עס געוויינלעך „דעם רבים בית־המדרש''. אין יעדן בית־המדרש זענען געוויינלעך פאַראַן שענק אָדער פאָליצעס מיט ספרים, גמרות, רמב''מס, ארבעה שלחן ערוכס, פוסקים, אויך ספרי־אחרונים, צום לערנען. צו דעם ציל איז פאַראַן ביים בית־המדרש אַ ספּעציעלע חברה „תיקון ספרים'', וואָס ווערט פאַרוואַלטעט פון די בחורים, וועלכע לערנען אין בית המדרש; זיי נעמען צונויף נדבות־געלד און קויפן דערפאַר ספרים און פאַריכטן זיי, ווען זיי ווערן צעריסן.

בית המקדש

בית המקדש („דאָס הויז פון הייליקטום''), נאָמען פון דעם היילינסטן יידישן פּלאַץ און הויז פון ירושלים, וואָס איז געווען דער צענטער פון רעליגיעזן יידישן לעבן אין די צייטן פון אַלטער־טום און וואו דער דינסט צו גאָט איז פאָרגעקומען אויך דורך מקריב זיין קרבנות. געוויינלעך אונטערשיידט מען צוויי בית־המקדשים, דער „ערשטער'' („בית ראשון'') און דער „צווייטער'' („בית שני''). מיר וועלן דאָ געבן וועגן יעדן פון זיי באַזונדער. — דער ערשטער בית־המקדש איז, לויט ווי עס ווערט דערציילט אין ספר מלכים א' (קאַפּיטלעך ה' — ט') געבויט געוואָרן דורך שלמה המלך. וועגן דער צייט, ווען דאָס איז פאָרגעקומען, איז פאַראַן אַ גרויסע חלוקי דעות צווישן דער אַלטער יידישער טראַדיציע פון כראָנאָלאָגישן ספר „סדר עולם'' און גמרא פון איין זייט און דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג פון דער צווייטער זייט. וועגן דעם האָט דער ערשטער פיל געשריבן רבי עזריה דמן האדומים אין זיין „מאור עינים'' און ער האַלט, אַז מען דאַרף זיך האַלטן ביי דער וויסנשאַפטלעכער כראָנאָלאָגיע. לויט דעם קומט אויס, אַז דאָס ערשטע בית־המקדש איז געבויט געוואָרן לערך דעם יאָר 1020 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. דער ערשטער בית־המקדש איז חרוב געוואָרן אין יאָר 586 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג דורך נבוכדנאצר, דעם קעניג פון בבל. עס קומט דעריבער אויס, אַז דער דאָזיקער בית־המקדש איז געשטאַנען לערך 434 יאָר. אין דער גמרא יומא ט' ווערט געזאָגט, אַז דער „מקדש שלמה'' איז געשטאַנען 410 יאָר. קיין גרויסער אונטערשיד איז אַלזאָ דאָ נישט פאַראַן. דער בית־המקדש איז באַשטאַנען פון אַ גרויסן הויף, וואָס האָט געהייסן „עזרה'', און וועלכער איז געווען איינגעטיילט, לויט דער הייליקייט, אין דריי טיילן: „עזרת נשים'' (פאַר פרויען), „עזרת ישראל'' (פאַר מענער ישראלים) און „עזרת כהנים'' (וואוהין נאָר כהנים האָבן געמעגט אַריינקומען). אויפן הויף, צו וועלכן עס האָבן געפירט

עטלעכע טויערן, האָבן זיך געפונען דער קופּענער מזבח, פאַרשידענע לשכות (קליינע געביידעס) און אַנדערע פאַר שידענע זאַכן, וואָס האָבן געהערט צו דער עבודה, ווי אויך אַ קופּערנער ים. צום סוף פון דעם הויף עזרה האָט זיך געפונען די געביידע פון בית־המקדש. אין דער מערב־זייט פון דער געביידע איז געבויט געווען די הייליקסטע געביידע, דער „קדש הקדשים". די ערשטע געביידע האָט געהייסן דער היכל, די צווייטע דער קדש הקדשים. אין היכל איז געשטאַנען די מנורה, אַ מזבח, אויף וועלכן מען האָט געריכערט קטורת, דער שלחן, אויף וועלכן מען האָט געלייגט דעם לחם הפּנים (ברויט). דאָרט האָבן די כהנים געקאָנט אַריינקומען שטענדיק. דאַקעגן אין קדש הקדשים האָט זיך געפונען דער ארון, וועלכער איז געשטאַנען אין דער מיט אויף אַן אור־אַלטן שטיין „אבן שתיה" און איבער דעם ארון זענען געווען כרובים, פּייגעלעך פון גאָלד. דאָרט אַהין האָט געמעגט אַריינקומען נאָר דער כהן גדול אין יום כיפּור. די גאַנצע געביידע איז געווען פון געהאַקטע שטיינער, צו וועלכע מען האָט נישט באַנוצט קיין אייזן, און די טירן זענען געווען פון האָלץ. דער גרעסטער טייל פון דער געביידע איז געווען באַדעקט מיט גאָלד. — דעם צווייטן בית־המקדש האָט מען אָנגעהויבן צו בויען מיט דער דערלויבעניש פון כורש מלך פּרס, נאָכדעם, ווי די יידן זענען צוריקגעקומען פון גלות בבל, לערך דעם יאָר 537, און נאָך אַ ריי שטערונגען איז ער פאַרענדיקט געוואָרן לערך דעם יאָר 516 פאַר דער קריסטלעכער צייטרעכענונג, דאָס הייסט, פּונקט 70 יאָר נאָך דעם, ווי דער בית ראשון איז חרוב געוואָרן, וואָס האָט געשטימט מיט דער באַקאַנטער נבואה פון ירמיהו הנביא, אַז 70 יאָר וועט דויערן דער גלות בבל. דער בית שני איז חרוב געוואָרן דורך טיטוס דעם רוימישן מיליטער־פירער אין יאָר 68 נאָך דער געוויינלעכער צייטרעכענונג, אַזוי אַז ער איז געשטאַנען לערך 584 יאָר (די גמרא יומא י"ט גיט אָן, אַז נאָר 420 יאָר). אין אָנהויב איז דער בית שני געווען זייער אָרעם געבויט, נאָר שפּעטער (אין יאָר 40 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) האָט אים הורדוס המלך איבערגעבויט מיט גרויס פּראַכט און רייכקייט. וועגן די אָרדענונגען אין 2טן בית־המקדש האָבן מיר ידיעות אין די מסכתות פון דער משנה „מידות" (וועגן דעם בוי פון בית־המקדש, די עזרות וכדומה), „תמיד" און „שקלים" (וועגן דער פאַרוואַלטונג, דער עבודה, קרבנות וכדומה). די הויפּט־פירער פון בית־המקדש זענען געווען דער כהן־גדול און זיין סגן (געהילף), און אונטער זיי זענען געווען פאַרשידענע אונטער־פאַרוואַלטער. אויף אייכצוהאַלטן דעם בי־המקדש האָט יעדער ייד געמוזט געבן יערלעך אַ האַלבן שקל, אחוץ וואָס עס זענען אַריינגעפאַלן אַ סך רייכע נדבות. דעם בית־המקדש האָבן געהיט ספּעציעלע שומרים. אַלע וואָס האָבן געהאַט די מעגלעכקייט דערצו, זענען געווען פאַרפליכטעט צו קומען אויף די דריי ימים טובים, פּסח, שבועות און סוכות אין בית־המקדש, אָבער אַמייסטן פלעגט מען קומען פּסח, אַזוי ווייט, אַז ווי די תוספתא אין פּסחים און אויך פלאַוויוס אין קדמוניות (ביים באַשרייבן דאָס לעבן פון מלך אגריפּס) דערציילן, זענען געקומען דעמאָלט קיין ירושלים פיל הונדערטער טויזנטער מענטשן, ניט נאָר פון ארץ־ישראל נאָר אויך פון אַנדערע לענדער. די עזרה (דער בית־המקדש־הויף) איז געווען נאָר אַ טייל פון אַ גרויסן פּלאַץ אויף אַ באַרג, וואָס מען האָט אָנגערופן דער „הר הבית" („באַרג פון בית־המקדש"). סיי דער הר הבית, סיי די עזרה זענען געווען אַרומגערינגלט מיט מויערן. ווי די טראַדיציע זאָגט, איז

די היינטיקע כותל המערבי א טייל פון דער מערב־וואַנט פון הר הבית. אויפן הר־הבית האָבן נישט געטאָרט אריינקומען קיין רעליגיעז־אומריינע יידן („טמאים") און אויך נישט קיין נישט־יידן. עס איז געווען אין הורדוסעס בית־המקדש אַ ספּעציעלע אויפשריפט אויף גריכיש וואָס זאָגט, אַז עס איז פאַרווערט נישט־יידן דאָרט אריינצוקומען; די דאָזיקע אויפשריפט האָט מען געפונען און זי איז איצט אין מוזעאום אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל. היינט איז דער הר הבית אין די הענט פון מאַכאָמעדאַנער און עס שטייט אויף אים איינער פון די הייליקסטע מאַכאָמעדאַנישע טעמפּלען, דער אָמאַר־מאָשע (אויפן אָרט פון קדש הקדשים). פרום־רעליגיעזע יידן זענען נאָך היינט נזהר נישט אריינצוגיין אויפן הר הבית, ווייל רעליגיעז הייסן מיר היינט „טמא" (הגם לעצטנס האָט הרב בראַוער פון ירושלים אַרויסגעגעבן אין יאָר תרפ"ח אַ קונטרס „כניסה להר הבית" מתיר צו זיין אַריינצוגיין דאָרט). — וועגן דער הייליקייט און וואונדער פון בית־המקדש איז פיל געשריבן געוואָרן אין דער משנה, גמרא, מדרשים און שפּעטערע ספרים. דער בית־המקדש ווערט אָנגערופן אויך בית הבחירה (משנה מעשר שני פרק ה', אויך דער רמב"ם רופט אָן זיינע הלכות וועגן בית־המקדש „הלכות בית הבחירה") סתם „בית", „מקדש', און אויך אַנדערע נעמען („לבנון", „בית זבול", „בית עולמים"). אין דער משנה סוכה מ"א ווערן געבראַכט פאַרשידענע תקנות, וואָס מען האָט שפּעטער פאַראָרדענט אַלס „זכר למקדש' („צום אָנדענק פון בית־המקדש"). אין מדרש שמואל ט"ו ווערט געבראַכט, אַז עס איז געווען אַ ספּעציעלע „מגלת בית המקדש", וואָס גאָט אַליין האָט געגעבן ווי אַזוי דעם בית המקדש צו בויען. וועגן דער שיינקייט פון מקדש־הורדוס זאָגט די גמרא (סוכה נ"א, בבא בתרא ד'), אַז ווער עס האָט נישט געזען זיין געביידע, דער האָט נישט געזען „בנין מפואר מימיו" („אַזאַ שיינעם בנין זינט ער לעבט"). צום אָנדענק פון בית־המקדש זענען פאַרפאַסט געוואָרן אַ גרויסער טייל פון די תפלות („רצה", „ובכן יתקדש", „ומפני חטאינו" און אַנדערע), אין וועלכע עס ווערט געבעטן צו גאָט, אַז ער זאָל ברענגען די גאולה און מען זאָל צוריק אויפבויען דאָס בית־המקדש. וועגן דעם דאָזיקן „בית המקדש לעתיד' גלויבט די טראַדיציע, אַז ער ווערט באַשריבן אין ספר יחזקאל מ"א. — וועגן אַ ריי ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צום בית־המקדש געבן מיר אין באַזונדערע זוכווערטער ווי „חורבן", „תשעה באב", „כותל המערבי", „כהנים", „קרבנות", „אבן שתיה" און אַנדערע. — וועגן יידישן „בית המקדש" אין עגיפּטן געבן מיר ביים זוכוואָרט „חניו".

בית לחם אַלטע שטאָט אין ארץ־ישראל פון די צייטן פון תנ"ך, דערמאָנט צום ערשטן מאָל אין בראשית ל"ה, וואו עס ווערט דערציילט, אַז יעקב אבינו האָט קובר געווען רחלען נישט ווייט פון אפרת „היא בית לחם" („דאָס איז בית לחם"). די שטאָט געפינט זיך היינט ביי 8 קילאָמעטער פון ירושלים, און לערך אַ קילאָמעטער פון בית לחם געפינט זיך דער קבר רחל. בית לחם האָט געהאַט אַ באַדייטונג אין דער יידישער געשיכטע אַלס די שטאָט פון וואַנען עס האָט געשטאַמט דוד המלך און אַזוי אַרום אַלע מלכים פון יהודה, און דערמיט איז פאַרבונדן דער סיפור פון מגלת „רות". — היינט איז בית־לחם באַוואוינט אַמייסטן דורך קריסטלעכע אַראַבער ביי 7000 איינוואוינער, און מיט אירע פיל קירכן (די „געבורטס־קירכע" איז די גרעסטע) ווערט זי באַטראַכט אַלס איינע פון די היי־

ליקסטע קריסטלעכע ערטער אין ארץ־ישראל, ווייל דארט איז לויט דער קריסטלעכער טראדיציע געבוירן געווארן ישו הנוצרי.

בית עלמין נאמען פון פלאץ, וואו מען איז קובר מתים. אויף העברעאיש האט דער פלאץ געהייסן „בית הקברות" (נחמיה ב' און אין פיל ערטער אין דער גמרא); „בית עלמין" ווערט דערמאנט אין ברכות נ"ח און סנהדרין י"ט. אויף יידיש ווערט דער פלאץ גערופן „בית הקברות", „בית החיים" („דאס ארט פון די לעבעדיקע"), „בית עלמין", „בית עולם" (ווערט אויך דערמאנט אין קהלת י"ב), און אויך „דאס גוטע ארט". דער בית־עלמין האט ביי יידן זיך געפונען הינטער דער שטאט (משנה בבא בתרא פרק ב') און אין די אלטע צייטן איז געווען דער מנהג דארט צו פלאנצן ביימער, אזוי אז די רוימער אין די אלטע צייטן האבן דעם יידישן בית־עלמין גערופן „הארטוס יודעארום" („דער יידישער גארטן"). פון די גמרא־קוואלן (סנהדרין נ"ו און אנדערע) איז צו זען, אז עס איז געווען דער חוב צו האלטן דעם בית־עלמין אין כבוד. אין ברכות נ"ח ווערט דערמאנט א ספעציעלע ברכה, וואס מען דארף מאכן ביים אריינגיין אויף א בית־עלמין. פון אנדערע גמרא־קוואלן (ברכות י"ח) נדה י"ז) איז צו זען, אז עס איז געווען דער פאלקס־גלויבן, אז אויפן בית־עלמין ביינאכט קומען די נשמות פון די מתים און זיי שמועסן צווישן זיך. דער דאזיקער פאלקס־גלויבן איז פארשפרייט אויך ביז היינטיקן טאג, און עס זענען פאראן פיל יידישע פאלקס־לעגענדעס, וואס דערציילן וועגן מתים אין תכריכים, וואס דורכגייער האבן באמערקט ביינאכט וואנדערן אויפן בית־עלמין. מיט דעם בית־עלמין פארוואלטעט געווינלעך די יידישע קהלה אדער די ספעציעלע חברה־קדישא, וואס באזארגט קבורה פון מת. — דער בית־עלמין האט געהאט א גרויסע באדייטונג ביי דער ארגאניזירונג פון א יידישער קהלה, און איינע פון די הויפטזאכן, וואס יידן האבן געפאדערט פון דער לאנדעס־רעגירונג ביים גרינדן א נייעם ישוב איז געווען די דערלויבעניש צו האבן אן אייגענעם בית־עלמין. — זע „מצבות" און „קברים".

ביתוסים זע „צדוקים".

ביתר זע „בר כוכבא" און „רעוויזיאניזם".

בכור (דער „עלטסטער", אויף העברעאיש). אין חומש שמות י"ג ווערט געזאגט „קדש לי כל בכור", אז דער ערשטגעבוירענער זון איז פארהייליקט. לויטן יידישן דין זענען פאראן צוויי סארטן בכורים: א „בכור מאמו", דאס הייסט אויב די מוטער האט נישט געהאט פריער קיין קינדער, אזעלכער איז הייליק און מען דארף אים אויסלייזן דורך 5 שקלים פון א כהן („פדיון־הבן"), און א „בכור מאביו", דאס הייסט, אויב דער פאטער האט נישט געהאט פריער קיין קינדער, און אזא בכור (דברים כ"א) באקומט נאכן טויט פון פאטער צוויי חלקים ירושה („פי שנים") בשעת די אנדערע זין נעמען נאר צו איינצלנע חלקים ירושה. די הייליקייט פון בכור איז נישט נאר ביי מענטשן, נאר אויך ביי בהמות. אין במדבר י"ח ווערט געזאגט, אז א בכור, וואס איז געבוירן געווארן פון שעפסן און רינדער („בכור בהמה טהורה") איז הייליק און מען מוז אים אוועקגעגעבן צו א כהן. דאס זעלבע איז הייליק א בכור, וואס איז געבוירן געווארן פון אן אייזל („פטר חמר"), ביי וועמען מען דארף אפהאקן דעם קאפ אדער אויסלייזן אים

דורך א שעפסל, וואס מען דארף אַוועק־
געבן צום כהן. — וועגן דער הייליקייט
פון בכור זענען פאראן פארשידענע מיי־
נונגען ביי די געלערנטע פארשער. שוין
אין דער גמרא זבחים קי״ב און בכורות
ד׳ ווערט ארויסגעזאגט די מיינונג, אז
אין די נאר־אַלטע צייטן זענען די בכו־
רים ביי יידן געווען דאס זעלבע, וואס
שפעטער די כהנים. זיי זענען געווען די
רעליגיעזע פירער און האבן מקריב געווען
קרבנות. די „בכורה״ איז ווייטער גע־
בליבן א הייליקע און ווערטפולע זאך,
אבער נישט אזוי ווי פריער. נאכמער,
אין דער גאנצער אלטער יידישער גע־
שיכטע איז צו זען, ווי די בכורה־אינסטי־
טוציע איז ספעציעל באקעמפט געווארן.
מיר זעען, אז שוין אברהם אבינו, דער
פאטער פון יידישן פאלק, איז געווען דער
אינגערער זון ביי זיין פאטער תרח (ברא־
שית סוף סדרה נח) און נישט דער בכור.
נאכער, אברהם האט געהאט אלס יורש
ניט דעם בכור ישמעאל, נאר דעם יונ־
גערן זון יצחק (בראשית כ״א). פון יצחק
האט געירשנט ניט זיין עלטערער זון
עשו נאר זיין אינגערער יעקב. פון יעקבס
קינדער איז ווידער נישט ראובן דער בכור
געווען דער פירער, נאר גאר יהודה און
יוסף, די אינגערע (בראשית סדרה ויחי,
אין דער ברכה פון יעקב, דברי הימים
א׳ ה׳). וועגן יוספס צוויי זין ווערט אין
דער סדרה ויחי דייטלעך געזאגט, אז
יעקב אבינו האט מיט א כוונה איפגע־
הויבן דעם אינגערן אפרים איבער זיין
ברודער מנשה, און אזוי האט אויך שפע־
טער אין דער יידישער געשיכטע דער
שבט־אפרים געהאט די איבערמאכט אי־
בער דעם שבט מנשה, מיט וועלכן עס
זענען פארגעקומען די קאמפן אין מלכות
ישראל. דאס זעלבע איז דוד המלך גע־
ווען דער אינגסטער זון אין זיין פאטערס
הויז (שמואל א׳ י״ז), און שלמה המלך
איז געווען פון די אינגערע זין דודס (מל־
כים א׳ א׳). פון דעם אלעם איז צו זען,
אז אין דער יידישער געשיכטע איז דורכ־
געפירט געווארן די טענדענץ אוועקצונע־
מען ביי די בכורים זייער אמאליקן ווערט,
כדי צו ווייזן, אז זיי זענען נישט מער
הייליק און דאס הויפט־ארט אנשטאט זיי
פארנעמען די כהנים. — אין שפעטער־
דיקן יידנטום פארנעמט דער בכור נישט
קיין באזונדערער שטעלונג אחוץ די דער־
מאנטע צוויי ריטועל־יורידישע דינים
וועגן פדיון הבן און צוויי חלקים ירושה,
וואס דער בכור נעמט. עס איז אויך
איינגעפירט געווארן דער מנהג (ירושלמי
סוף מסכתא פסחים) אז בכורים פאסטן
ערב פסח אלס אנדענק צו דעם נס ביי
יציאת מצרים, ווען די בכורים פון די
מצריים זענען אומגעקומען און די יידי־
שע זענען געבליבן לעבן. — דער גרעס־
טער טייל דינים וועגן בכור געפינט זיך
אין דער מסכתא בכורות, וואס איז א
טייל פון סדר קדשים. זי אנטהאלט 9
פרקים, וועלכע נעמען ארום אלע דינים
פון בכור בהמה טהורה, פטר חמור, בכור
אדם, ירושה און אויך וועגן מעשר בהמה.
— זע „פדיון הבן״.

בכורים („ערשטע פרוכט״, אויף העב־
רעאיש). אין חומש שמות כ״ג און
דברים כ״ו ווערט געזאגט, אז די ערשטע
ערד־פרוכט („ראשית בכורי אדמתך״)
פון פעלד מוז דער לאנדווירט ברענגען
אין א קויש („טנא״) אין „גאטס הויז״
(„בית ה׳ אלהיך״) און דארט זאגן א
געוויסע דאנק־תפלה פאר גאט, דערפאר
וואס ער האט די יידן געגעבן א גוט לאנד,
„ארץ זבת חלב ודבש״, און די דאזיקע
ערשטע פרוכט, בכורים, דארף מען
אוועקגעבן דעם כהן. וועגן דער מצוה
פון ברענגען ביכורים זענען דערהאלטן
געווארן באשרייבונגען, ווי אזוי זי איז
פארגעקומען און ווי אזוי די יידישע
לאנדווירטן פון ארץ־ישראל פלעגן אין

דער צייט פון 2טן בית־המקדש זיי ברענגען קיין ירושלים אין בית־המקדש. מיר האבן וועגן דעם א באשרייבונג ביי פילאן פון אלעקסאנדריע (אין 1טן יארהונדערט) און אין דער משנה פון מסכתא בכורים, וואו עס ווערט דערציילט, אז די יידישע לאנדווירטן האבן זיך צונויפגעזאמלט אין דער קרייזשטאט פון זייערע דערפער (דאס האט געהייסן „עיר המעמד") און צוזאמען איז מען געגאנגען קיין ירושלים, פירנדיק די בכורים. פאר זיי איז געגאנגען אן אקס, וועמענס הערנער זענען געווען באדעקט מיט גאלד (דער אקס איז געווען באשטימט אלס קרבן) און אויף זיין קאפ א קרוין פון איילבירט־שטענגלעך. געפירט די מחנה האט א ממונה און פאראויס איז געגאנגען אן ארקעסטער מיט מוזיק פון פייפלעך. דער ממונה האט יעדן אינדערפרי אויפגעוועקט די לאנדווירטן מיט די ווערטער: „קומו ונעלה ציון אל בית אלהינו" („לאמיר אויפגיין קיין ציון אין גאטס הויז"). ווען זיי זענען אנגעקומען קיין ירושלים זענען זיי אנטקעגנגעקומען די אנגעזעענע ירושלימער איינוואוינער און זיי באגריסט מיט די ווערטער: „אחינו, בואכם לשלום" („אונדזערע ברידער, איר זענט געקומען אין פרידן!"), אזוי זענען זיי געגאנגען ביז צום בארג, וואו דאס בית המקדש איז געשטאנען. דארט האט יעדער לאנדווירט גענומען זיין קויש ביכורים און איז אריינגעגאנגען דערמיט אין דער עזרה (הויף פון בית־המקדש). דארט זענען זיי באגעגנט געווארן דורך די לויים מיט געזאנג. די ביכורים האט מען אוועקגעגעבן דעם כהן און יעדער לאנדווירט האט איבערגעלייענט די פרשה פון ביכורים, וואס איז פאראן אין דברים כ"ו (די דערמאנטע דאנק־תפלה) און דערמיט איז דאס ביכורים־ברענגען געווען געענדיקט — געווינלעך האט מען אנגעהויבן ברענגען בכורים אין יום־טוב שבועות און דעריבער הייסט דער דאזיקער יום־טוב „חג הביכורים". די צייט פון ברענגען איז געווען ביז חנוכה (משנה בכורים פרק א'). אין דער משנה בכורים ווערט דערציילט, אז אפילו אגריפס המלך (צום סוף בית שני) האט אליין געטראגן זיין בכורים־קויש. — זינט דעם יאר 1926 איז אין דעם מאדערנעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל באנייט געווארן די אלטע ביכורים־פייערלעכקייט צוגעפאסט צו די נייע צייט־פארמען. די הויפט־פייערלעכקייט קומט פאר אין דער וואך נאך שבועות אין דער שטאט חיפה, וואוהין עס קומען אלע שול־קינדער פון די יידישע קאלאניעס אין עמק יזרעאל און ברענגען פארשידענע לאנדווירטשאפטלעכע פראדוקטן פאר דעם קרן־קימת, און זינגען דערביי ספעציעלע לידער, צווישן זיי דאס ביכורים־ליד „סלנו על כתפנו, ראשנו עטורים, מקצות הארץ באנו, הבאנו ביכורים". אין א קלענערער פארם קומט פאר די זעלבע פייערלעכקייט אויך אין תל־אביב און ירושלים. צו דער פייערלעכקייט קומען געווינלעך פיל איינוואוינער, אבער דער ביכורים־יום־טוב איז ספעציעל באשטימט פאר קינדער. — וועגן דער מצוה פון ביכורים איז פאראן די משנה ביכורים, וואס איז א טייל פון סדר זרעים, אנטהאלט פיר פרקים. אויף דער דאזיקער מסכתא איז פאראן נאר גמרא ירושלמי.

בל זע „בעל".

בל תשחית אין דער משנה און גמרא ווערט דאס ווארט „בל" באנוצט גאנץ אפט אנשטאט „לא" („נישט") ביים באצייכענען א ריי פארבאטן. אזוי זענען פאראן די פארבאטן „בל יחל" (מען טאר נישט עובר זיין אויף א נדר), „בל יראה" (מען טאר נישט לאזן אין

שטוב פסח קיין המץ), „בל תאחר" (מען טאר נישט פארשפעטיגען ביים מקיים זיין א נדר), „בל תוסיף" (מען טאר נישט טאן א מצוה מער ווי זי איז געבאטן, למשל טראגן 5 ציצית אנשטאט 4 וכדומה), „בל תלין" (א בעל־בית טאר נישט איבערלאזן נעכטיקן ביי זיך דאס לוין־געלט פון זיין ארבעטער, נאר מוז אים אין זעלבן טאג באצאלן), „בל תשחית" (מען טאר נישט פארדארבן און פארניכטן א זאך, וואס האט א ווערט, א פרוכט־בוים, עסנווארג, מלבושים וכדומה). זייער פאפולער איז אין דער יידישער רעליגיע דער לעצטער פארבאט פון „בל תשחית", פון וועלכן עס זענען גענומען געווארן עטישע און געזעלשאפטלעך־מאראלישע לערעס. אין חומש (דברים כ') ווערט געזאגט, אז אפילו ווען מען פירט מלחמה קעגן א שונאס לאנד, טאר מען אויך נישט אפהאקן (לא תשחית) קיין פרוכט־בוים „כי ממנו תאכל" (ווייל פון אים עסט מען). שפעטער (אין גמרא עבודה זרה י"א, בבא מציעא ל"ב, איןביידע ערטער אין תוספות) ווערט אנגעוויזן, אז אויך דורך פארדארבן יעדע אנדערע נוצלעכע זאך איז מען עובר אויף בל תשחית.

בלוי-ווייס דאס זענען די אפיציעלע פארבן פון דער ציוניסטישער פאן, פעסטגעשטעלט אויף דעם ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס אין באזל (יאר 1897) לויטן פארשלאג פון דוד וואלפסאן, וועלכער האט פארגעלייגט די דאזיקע פארבן, ווייל זיי פיגורירן אין יידישן טלית. מיטן נאמען בלוי־ווייס זענען אויך געווען א ריי ציוניסטישע יוגנט־פאראייניקונגען אין דייטשלאנד.

בלוט אין חומש ווערט דאס בלוט באטראכט אלס דער טרעגער פון לעבן פון מענטש, און אין חומש דברים י"ב ווערט געזאגט „כי הדם הוא הנפש" („דאס בלוט איז די נשמה"). דערפון שטאמט, וואס טויטן א מענטש האט געהייסן אין תנ"ך „בלוט־פארגיסן" („שופך דם האדם" אין בראשית, „אל תשפכו דם" אין בראשית סדרה וישב און אנדערע ערטער). דערפון שטאמט אויך דער פארבאט נישט צו עסן קיין בלוט)בראשית ט' ויקרא י"ז און אנדערע), און פאר עסן בלוט קומט די הארבע שטראף כרת. ביים שעכטן א חיה אדער אן עוף מוז מען דאס בלוט צודעקן מיט שטויב אדער אש, וואס הייסט „כיסוי הדם" (דער געבאט וועגן דעם איז אין ויקרא י"ז). דאס בלוט פון א קרבן האט מען געשפרענגט אויפן מזבח (אין ספר ויקרא). כדי צו באזייטיקן דאס בלוט פון פלייש און מען זאל עס קאנען עסן איז איינגעפירט געווארן א דין דאס פלייש־זאלצן („מליחה"), און אחוץ אין דער גמרא זענען פאראן וועגן דעם איינפירלעכע דינים אין שלחן ערוך, יורה דעה, הלכות מליחה.

בלוט-בלבולים דאס זענען די שווערע בלבולים, וואס שונאים פון יידן האבן אויסגעקלערט אויף יידן, אז זיי נוצן צום באקן מצות אויף פסח בלוט פון קריסטלעכע קינדער, וועלכע ווערן געטויט. די היסטארישע פארשונג האט פעסטגעשטעלט, אז דעם דאזיקן בלוט־בלבול האט מען פארגעווארפן די ערשטע קריסטן אין די ערשטע יארהונדערטער אין די רוימישע פראווינצן, אז אין די פאסכא־טעג נוצן זיי בלוט פון נישט־קריסטן, און דאדורך זענען געווען א סך רדיפות אויף קריסטן. קעגן יידן איז דערוועקט געווארן דער בלוט־בלבול (וואס האט באקומען דעם נאמען „עלילת־דם", אויך „ממזר־בלבול") אין 12טן יארהונדערט, און פון דעמאלט אן ציט זיך דער עלילת דם ווי א רויטער פאדעם דורך דער

יידישער געשיכטע. יידן־פיינט האבן אים שטענדיג באנוצט, כדי צו העצן פינסטערע מאסן קעגן יידן; זיי האבן ארויסגעגעבן בראשונה, אין וועלכע זיי האבן דערציילט מעשיות וועגן דעם, ווי יידן טויטן קריסטלעכע קינדער, און דערביי געוויזן כלומרשט בילדער פון די געטויטע קינדער. הונדערטער טויזנטער יידן האבן געליטן דעם מארטירער־טויט צוליב דעם האזיקן בלוט־בלבול; זייער פיל פאגראמען און שחיטות אויף יידן זענען צוליב דעם פארגעקומען, און נישט קוקנדיק דערויף, וואס בארימטע קריסטלעכע געלערנטע, זאגאר פויפסטן, קעניגן האבן אויפגעוויזן, אז דער בלוט־בלבול קעגן יידן איז א נידערטרעכטיקע פאלשע באשולדיקונג, ווערן דאך זאגאר אין דער נייער צייט דערוועקט דורך יידן־פיינט בלוט־בלבולים, כדי צו רייצן דעם גישט־יידישן המון קעגן יידן. די באקאנטסטע בלוט־בלבולים קעגן יידן זע בען פאלגנדע: פולדא יאר 1236, מינכען 1285, פראג 1305, איבערלינגען 1331, רעגענסבורג 1474, טריענט 1475, טירנוי 1494, פעסינג 1529, דמשק 1840, טיסאעסלאר 1882, קארפו 1891 און לעצטנס פאר דעם וועלט־קריג דער באקאנטער ביילים־פראצעס אין קיעוו, יאר 1913, וואס איז אינסצעניזירט געווארן דורך דער רוסישער צארישער רעגירונג קעגן ייד מענדל ביילים, אז ער זאל האבן געטויט דעם קריסטלעכן אינגל יושטשינסקי צו באנוצן זיין בלוט אויף מצות (אין דאזיקן פראצעס איז דער באשולדיקטער, ביילים, באפרייט געווארן). די אויסגערעכנטע זענען נאר א קליינער טייל פון די בלוט־בלבולים קעגן יידן, וועלמענס צאל גרייכט אין די פיל הונדערטער. — איבער דעם בלוט־בלבול איז פיל געשריבן געווארן; אחוץ אין דער יידישער געשיכטע פון גרעץ, זענען דערשינען זייער פיל ספעציעלע ווערק וועגן דעם בלבול אמייסטן אין דייטש; אין העברעאיש איז פאראן יצחק בער לעווינזאנס „אפס דמים’’; אויף דייטש זענען די באקאנטסטע ווערק כוואלסאנס „דער בלוט - אבערגלויבע’’ און דעליטשעס „שאכמאט די בלוט־ליגנער’’; אין דעם גרעסטן בלוט־בלבול־פראצעס אין דער נייערער צייט, ביילים־פראצעס, זענען פארגעקומען פיל ויכוחים.

בלי נדר (אן א נדר), אויסדרוק וואס ווערט באנוצט דורך פרומע אידן ווען זיי ווילן זאגן, אז זיי ווילן מאן א זאך אין דער צוקונפט; כדי עס זאל נישט הייסן ביי זיי ווי געטאן א נדר, געבן זיי צו דאס ווארט „בלי נדר’’.

בלע"ז אין פירוש פון רש"י אויף תנ"ך און גמרא געפינען מיר פארטייטשט ווערטער אויף אלט־פראנצויזיש, אדער אלט־דייטש און רש"י רופט עס אויך „בלע"ז’’. טייל מיינען אז עס נעמט זיך פון ווארט „עם לועז’’ (תהלים קי"ד), און רש"י טייטשט דארט, אז דאס מיינט א פאלק פון אן אנדערער שפראך. מיט די בלע"ז־ווערטער פון רש"י האבן זיך באנוצט פיל געלערנטע שפראכן־פארשער כדי פעסטצושטעלן א סך ווערטער פון דער אלט־פראנצויזישער שפראך.

בלעם בן בעור אין חומש במדבר סדרה בלק ווערט דערציילט אז בלעם בן בעור, נישט קיין ייד, איז געווען א סארט נביא, שעלטער און בענטשער, ער האט געוואוינט אין פתור. בלק דער מלך פון מואב האט אים גערופן צו שעלטן די יידן. אבער גאט האט אים אנגעזאגט, אז ער זאל די יידן בענטשן, און ער האט זיי געבענטשט. דארט ווערט אויך דערציילט דער סיפור, ווי בלעמס אייזל האט גערעדט צו בלעמען. אין חומש סדרה מטות ווערט דערציילט, אז די יידן האבן בלעמען געטויט. — אין דער משנה און

גמרא ווערט בלעם אנגערופן רשע. — דאס איז דער איינציקער נביא פון נישט־יידן, וואס ווערט דערמאנט אין תנ״ך.

בלק בן צפור קעניג אין מואב, געבראכט אין חומש במדבר סדרה בלק, אז ווען די יידן זענען געגאנגען אין דער מדבר, האט ער געשיקט נאך בלעם כדי די יידן צו שעלטן, מורא האבנדיק טאמער וועלן די יידן מלחמה האלטן קעגן אים.

בלשאצר דער לעצטער קעניג אין בבל, דערמאנט אין דניאל ה׳, וואו עס ווערט דערציילט. אז בלשאצר האט מאכנדיק א סעודה גענוצט צום וויין־טרינקען די הייליקע כלים פון בית המקדש; אינמיטן דער סעודה האט זיך באוויזן אויף דער וואנט א האנט, וואס האט אויפגעשריבן די ווערטער „מנא מנא תקל ופרסין״, וועלכע דניאל האט אויסגעטייטשט, אז בלשאצרס מלוכה וועט צעשניטן ווערן. אין דער זעלבער נאכט איז בלשאצר דערמארדעט געווארן און בבל איז איינגענומען געווארן דורך פערסיע. — דער תנ״ך־סיפור פון בלשאצר איז דראמאטיזירט געווארן דורך א ריי שריפטשטעלער. ווי היינע און אנדערע.

במדבר דאס פערטע ספר פון חומש; דער נאמען שטאמט דערפון, וואס דער ערשטער פסוק הויבט זיך אן מיט די ווערטער „וידבר ה׳ אל משה במדבר סיני״; טייל אמאליקע מפרשים האבן עס גערופן אויך „וידבר״; אין דער גמרא (סוטה ל״ו) הייסט עס, „חומש הפקודים״ (פון „פקד״, „ציילן״), ווייל אין אים ווערט געבראכט די ציילונג פון די יידן אין דער מדבר; אין די אייראפעאישע שפראכן רופט מען עס מיטן לאטיינישן נאמען „נומערי״, צאלן; אין דאזיקן ספר זענען פאראן א ריי ספורים, די מעשה פון די מרגלים, די מחלוקה פון קורח, די מעשה בלעם, די מלחמות פון סיחון און עוג, מעשה מרים, ווי אויך די געאגראפישע גרעניצן פון ארץ־ישראל. עס זענען דארט פאראן אויך די דינים פון נזירות, ציצית, סוטה, טומאה, ערי מקלט און אנדערע. — זע „חומש״.

במדבר רבה זע „מדרש״.

במה מדליקין מיט וואס צינדט מען), צווייטער פרק פון דער משנה שבת, ווערט געזאגט פרייטאג־צו־נאכטס ביים דאווענען, דאס איז אן אלטער מנהג פון די צייטן פון די גאונים אין בבל (8טער יארהונדערט), און ווערט געבראכט אין סידור פון רב עמרם גאון.

בן (זון) פאראן יידישע פערזענלעכקייטן וועמענס נאמען הויבן זיך אן מיטןווארט „בן״. מיר וועלן געבן נאר טייל פון זיי.

בן אביגדור (פסעוודאנים פון אברהם לייב שאלקאוויטש), געבוירן 1866 געשטארבן 1921; געשריבן א ריי דערציילונגען און מאמרים אין העברעאיש. זיין באדייטונג באשטייט אין זיין העברעאישער פארלאגס־טעטיקייט; געגרינדעט אחיאסף״. „תושיה״, ארויסגעגעבן ווערק פון די באדייטנדסטע העברעאישע שריפטשטעלער און ארויסגעגעבן צייטשריפטן אויף העברעאיש און יידיש.

בן אשר זע „אהרן בן משה״.

בן בתירה „בני בתירה״; משפחה פון תנאים, וועלכע ציט זיך נאך פון דער צייט פון הלל הזקן; זיי זענען דעמאלט, 100 יאר פארן חורבן בית שני, געווען נשיאים, נאר זיי האבן אפגעטרעטן זייער נשיאות צו הלל, זעענדיק זיין גרויס לומדות (בבא מציעא פ״ה. פסחים ס״ו). פון דער פאמיליע האבן געשטאמט א ריי

תנאים ווי רבי יהושע בן בתירה, רבי יהודה בן בתירה, רבי יוחנן בן בתירה; טייל פון זיי האבן געלעבט א סך שפעטער און איינער פון זיי האט געלעבט אין בבל.

בן גוריון, דוד (גרין) ציוניסטישער ארבעטער פירער; געבוירן 1886 אין פוילן; פון זינט 1906 אין ארץ־ישראל; פארעפנטלעכט פיל מאמרים וועגן ציוניזם; פארפאסט צוזאמען מיט בן צבי „ארץ ישראל" (אין יידיש); מיטגליד פון די העכסטע ציוניסטישע אינסטאנצן; האט א גרייסן איינפלוס אויף דער ציוניסטישער פאליטיק.

בן גדיון, זע „יוסיפון".

בן דוד זע „משיח".

בן זאב, יהודה לייב (1764—1811); פון די ערשטע משכילים; באקאנט מיט זיין ספר אויף דקדוק „תלמוד לשון עברי"; „אוצר השרשים"; „מבוא אל מקראי קודש"; ארויסגעגעבן דעם „אמונות ודעות" פון רב סעדיה גאון מיט אייגענע באמערקונגען; איבערזעצט דעם „בן סירא" אויף העבראיש און דייטש; געשריבן מאמרים אין די „מאספים".

בן זומא, תנא, אין 2טן יארהונדערט; געהייסן שמעון; תלמיד פון רבי יהושע; וועגן אים דערציילט די תוספתא חגיגה פ"ב, אז ער איז געווען איינער פון די „ארבעה שנכנסו לפרדס" (4 תנאים, וועלכע זענען אריינגעגאנגען אין פרדס): דאס הייסט געלערנט פילאזאפישער לערע, און „הציץ ונפגע", ער איז דאדורך צעדודערט געווארען. אין ברכות נ"ז ווערט געזאגט, אז ער איז געווען א גרויסער חכם. אין סוטה מ"ט ווערט ער געהאלטן פאר א גרויסן דרשן. אין 4טן פרק פון פרקי אבות זאגט ער די באקאנטע 4 זאכן: „איזהו חכם? הלומד מכל אדם; איזהו גבור? הכובש את יצרו; איזהו עשיר? השמח בחלקו; איזהו מכובד? המכבד את הבריות (ווער איז א חכם? וואס לערנט פון יעדן איינעם; ווער איז א גבור? וואס קאן זיך זעלבסט באהערשן; ווער איז אן עושר? וואס איז צופרידן מיט דעם וואס ער האט; ווער איז געערט? וועלכער איז מכבד אנדערע).

בן יהודה אליעזר (1858—1922); געהייסן פריער פערלמאן; אויפלעבער פון דער העבראישער שפראך; דער ערשטער איינגעפירט אין ירושלים צו רעדן העבראיש; רעדאגירט אין ירושלים די ציי־טונגען „הצבי", „השקפה", „דאר היום"; מחבר פון „מלון הלשון העברית", א ריזיק לעקסיקאניש ווערק פון דער העבראישער שפראך. וואס נעמט ארום אלע העבראישע שאפונגען פון תנ"ך ביז דער לעצטער צייט. אויף זיין נאמען זענען פאראן גאסן אין ירושלים, תל־אביב.

בן יעקב, יצחק אייזיק (1800—1863), פון די באדייטנדסטע ביבליאגראפן; זיין בארימט ווערק איז דער „אוצר הספרים", וואס איז געדרוקט געווארן נאך זיין טויט 1863—1866, און נעמט ארום איבער 17 טויזנט ספרים און כתבי־יד; ער האט אויך ארויסגעגעבן אזולאים „שם הגדולים" אין א געוויסער אומארבעטונג; ער האט אויך פארעפנטלעכט אין העבראיש לידער; אויך ארויסגעגעבן דעם „חובות הלבבות" מיט א הקדמה און א פירוש, ווי אויך דעם „מאור עינים".

בן כוזבא זע „בר כוכבא".

בן כלבא שבוע רייכער מאן אין ירושלים אין דער צייט פון חורבן בית שני; דערמאנט אין גטין נ"ז אז ער האט געהאלפן שפייזן די באפעלקערונג אין דער צייט פון דער באלאגערונג; זיין נאמען האט ער באקומען, ווי די אגדה

זאגט, ווייל ווער עס איז אריינגעגאנגען צו אים הונגעריק ווי א הונט (כלב), איז ארויסגעגאנגען זאט (שבע); לויט איין סיפור האט חתונה געהאט מיט זיין טאכטער רחל דער תנא רבי עקיבא; אין ירושלים איז פאראן א מערה פון קברים, וועלכע מען רופט „די מערה פון בן כלבא שבוע".

בן מאיר ראש ישיבה אין ארץ־ישראל אין 10טן יארהונדערט; ער זאל האבן געהייסן אהרן; געפירט א גרויסע מחלוקה קעגן רב סעדיה גאון אין בבל. האלטנדיק אז מען דארף ענדערן דעם לוח פון די יארן ד' אלפים תרפ"ב־ג־ד; פראגמענטן פון בריוו וועגן דער דאזיקער מחלוקה האט מען געפונען אין דער גניזה אין מצרים, און זיי זענען באארבעט געווארן דורך חיים יחיאל בארנשטיין אין זיין „מחלוקת רב סעדיה גאון ובן־מאיר" (ווארשע 1904).

בן נח אין דער משנה און גמרא ווערט מיטן נאמען בן נח באצייכנט א „ניט־ייד", ווייל ער שטאמט אפ פון „נח"; לויט דער יידישער רעליגיע איז א בן נח ניט מחויב אפצוהאלטן אלע דינים און מצוות פון יידנטום; ער איז אבער מחויב אפצוהאלטן פאלגנע 7 מצוות, וועלכע הייסן „שבע מצוות של בני נח": 1) דינים, דאס האבן געזעצן און ניט פירן סתם א לעבן פון הפקר, אן געזעצן; 2) ברכת השם, דאס הייסט „ניט שעלטן גאט"; 3) עבודה זרה, דאס הייסט ניט דינען צו קיינע אפגעטער; 4) שפיכת דמים, ניט מארדן קיין מענטשן; 5) גלוי עריות, ניט מזנה זיין; 6) גזל, ניט גזלענען; 7) אבר מן החי, ניט אפשניידן פלייש פון א לעבעדיקער בהמה און עסן. אין דער גמרא סנהדרין נ"ו ווערן די דאזיקע „שבע מצוות" ברייטער ארומגערעדט, און עס ווערט אנגעוויזן, אז זיי זענען פאראן אין חומש בראשית ד' אין פסוק „ויצו ה' אלהים על האדם".

בן נפתלי משה (געלעבט אין ארץ־ישראל, ווארשיינלעך אין טבריה, אין די יארן 890—940); פון די ערשטע בעלי מסורה, וועלכע האבן מיטגעהאלפן צו דער אנטוויקלונג פון העבראאישן ניקוד; צווישן אים און אהרן בן אשר זענען געווען מיינונגס־פארשידנהייטן וועגן ניקוד פון א ריי ווערטער אין תנ"ך; ער איז געווען א סופר און געשריבן א תנ"ך מיט ניקוד און טעמים; דער כתב יד איז פארלוירן געגאנגען.

בן סורר ומורה זון וועלכער ווידערשפעניקט זיינע עלטערן. אין חומש דברים כ"א ווערט געבראכט דער שטרענגער דין, אז אויב א זון וויל נישט הארכן זיינע עלטערן, און עסט א סך פלייש און טרינקט וויין, קאנען אים די עלטערן ברענגען פארן געריכט, און מען פאראורטיילט אים צום טויט דורך פארשטיינען. אין דער משנה סנהדרין פרק ח' ווערן געבראכט זייער פיל באגרעניצונגען, וואס מאכן שווער דורכצופירן דעם שטרענגן דין. דער תנא רבי שמעון בן יוחאי (סנהדרין ע"א) זאגט אז „בן סורר ומורה לא היה ולא נברא", אז מען האט קיינמאל נישט פאראורטיילט א בן סורר ומורה צום טויט.

בן סירא, ישוע אלטער יידישער חכם אין די צייטן פון 2טן בית המקדש, פאר דער חשמונאים־עפאכע. עס איז געבליבן פון אים אין דער גריכישער שפראך א ספר מיט קלוגע ווערטער פון לעבנס דערפארונג און מאראל, לויטן שטייגער פון ספר „משלי". — געוויי ווען בן סירא האט געלעבט איז שווער פעסטצושטעלן. ער דערמאנט אין זיין ספר דעם כהן גדול שמעון בן חוניו, וועלכער

האט געלעבט אין די יארן 226—199 פאר דער געווײנטלעכער צייטרעכענונג. דאס ספר בן סירא איז געשריבן געווארן אין אריגינאל אין העברעאיש, און בן סיראס אייניקל אין אלעקסאנדריע האט עס איי־בערזעצט אין גריכיש. — דער געלערנ־טער שעכטער האט אין יאר 1896 גע־פונען אין דער גניזה אין מצרים אויף פארמעט געשריבענע פראגמענטן פון בן סירא אויף העברעאיש, און עס איז וועגן דעם פארגעקומען א גרויסע חלוקי דעות צווישן די געלערנטע, צי דאס איז דער העברעאישער אריגינאל, אדער עס איז אויך אן אלטע איבערזעצונג פון גריכיש. דער געלערנטער משה צבי סגל האט ארויסגעגעבן דעם געפונענעם העברע־אישן טעקסט אין ירושלים תרצ״ד מיט אן איינלייטונג. — אין דער גמרא ווערן געבראכט פיל ווערטער פון ספר בן סירא (חגיגה י״ג, שבת י״א, סנהדרין ק׳ און אנדערע), צווישן וועלכע עס איז פאראן דאס ווארט „בגדול ממך אל תדרוש — אין לך עסק בנסתרות״ (פארש נישט אין א זאך וואס איז העכער פאר דיר, און האב נישט צו טאן מיט געהיימע זאכן). טייל בן־סירא־ווערטער פון דער גמרא זענען פאראן אויך אין דעם גרי־כישן טעקסט. — אין מיטלאלטער איז ארומגעגאנגען אן „אלפא ביתא דבן סי־רא״, געשריבן אויף אראמעאיש. — אין דער צייט פון די תנאים איז געווען א געוויסע קעגנערשאפט צום דאזיקן ספר, און דער תנא רבי עקיבא (ירושלמי סנ־הדרין פרק חלק) זאגט אז ווער עס לייענט דעם בן סירא האט נישט קיין חלק עולם הבא. ווייל דאס איז א ספר פון מינים. דאקעגן דער אמורא רבי יוסף אין סנ־הדרין ק׳ זאגט, אז די גוטע ווערטער פון בן סירא מעג מען יא שטודירן („מילי מעלייתא דאית ביה דרשינן להו״). דער בן סירא איז איבערזעצט געווארן אין פיל שפראכן אויף העברעאיש צווישן אנדע־רע אויך דוד בן זאב פרענקעל אין זיין „כתובים אחרונים״. לעצטנס אויך אין כהנאס „ספרים חצונים״. — וועגן בן סירא זענען געשריבן געווארן פיל ביכער דורך פיל געלערנטע; די איינלייטונג פון סגל אין זיין דערמאנטער אויסגאבע ברענגט פיל פון די מיינונגען

בן עזאי, שמעון תנא. תלמיד פון רבי יהושע און רבי עקיבא; נישט גע־וואלט חתונה האבן כדי נישט געשטערט צו ווערן אין לערנען (יבמות ס״ג); גע־ווען פון די „4 תנאים וואס זענען אריינ־געגאנגען אין פרדס״, דאס הייסט, זיך פארנומען מיט א געוויסער פילאזאפי־שער לערע, און די תוספתא חגיגה פ״ב זאגט אויף אים „הציץ ומת״ (ער האט א קוק־געגעבן אין דער לערע און איז גע־שטארבן). אין ברכות נ״ז ווערט ער גע־האלטן פאר א גרויסן חסיד. לויט דעם ילקוט תהלים ט׳ איז ער אומגעקומען אויף קידוש השם. און לויט טייל מיינונ־גען געהערט ער צו די „עשרה הרוגי מל־כות״. אין פרקי אבות פרק רביעי זאגט ער „שכר מצוה מצוה ושכר עברה עברה״ (די באלוינונג פאר א מצוה איז די מצוה אליין, און די באשטראפונג פאר אן עברה איז די עברה אליין). דארט לערנט ער אויך „אל תהי בז לכל אדם״ (זאלסט ניט גרינגשעצן קיין מענטש).

בן צבי יצחק ציוניסטישער ארבע־טער־פירער, א געוויסע צייט פרעזידענט פון ועד לאומי אין ארץ־ישראל; פארשער פון ארץ־ישראל־געשיכטע און געאגרא־פיע; געבוירן 1884; געקומען קיין ארץ־ישראל 1906; מחבר געווען אויף יידיש (צוזאמען מיט בן גוריון) א בוך וועגן ארץ־ישראל; ארויסגעגעבן אין העברע־איש „שאר ישוב״, „ספר השומרונים״ און אנדערע

בן ציון שמחה (1870 — 1932), פסעוודאָנים פון אַלטער גוטמאַן, העברעאישער שריפטשטעלער, רעדאַקטאָר פון „מולדת", „האזרח", „העומר"; פאַרעפנטלעכט פיל דערציילונגען, איבערזעצט „ווילהעלם טעל" פון שילער, „הערמאַן און דאָראָטעא" פון געטע; געשטאָרבן אין תל־אביב.

בן ציצית הכסת רייכער ייד אין ירושלים אין דער צייט פון חורבן בית שני; ער האָט געהאָלפן, ווי די גמרא גיטין נ"ז דערציילט, אויסצוהאַלטן די שטאָטאיינוואוינער, בעת דער באַלאַגערונג דורך רוימער.

בנאים יידישע סעקטע אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון דער משנה; אין שבת קי"ד ווערט געזאָגט וועגן זיי, אַז דעריבער הייסן זיי „בנאים", ווייל זיי זענען עוסק אין „בויען די וועלט", און דאָס זענען די תלמידי חכמים, און אַז זיי געבען אַכטונג נישט צו האָבן קיין פלעק אויף די קליידער; טייל געלערנטע מיינען, אַז דאָס איז געווען אַן אָפּצווייג פון דער „איסיים"־סעקטע. — זע „איסיים".

בנבנשתי (לעז: „בענוועניסטע"), אַן אָנגעזעענע יידישע פאַמיליע אין אַמאָליקן שפּאַניע; מיר געבען די וויכטיקסטע פון זיי: חיים בן ישראל, גערופן אויך „החביב" (1603 — 1673), רב און פּוסק אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און סמירנאַ; זיין באַקאַנט ספר איז די שאלות ותשובות „כנסת הגדולה" אין 8 חלקים, געדרוקט אין ליוואָרנאַ, 1657. ער האָט אויך מחבר געווען אַנדערע ספרים. אין אָנהויב האָט אויך ער געהאַלטן מיט שבתי צבי אין סמירנאַ, נאָר נאָכער איז ער אַרויסגעטרעטן געגען קעגן אים. — דון שמואל (1440 — 1520), פון די אַרויסגעטריבענע פון שפּאַניע אין יאָר 1942, זיך באַזעצט אין סאַלאָניקי, געהאַט אַ באַרימטע ביבליאָטעק מיטן נאָמען „מדרש דון שמואל", מיט וועלכער עס האָבן זיך באַנוצט פיל גרויסע רבנים און שריפטשטעלער אין יענער צייט.

בני (זין), די אָנגעהעריקייט צו אַ שבט ביי די יידן אין די צייטן פון תנ"ך, און אויך ביי די היינטיקע אַראַבער־בעדואינער, אַזוי געפינען מיר אין תנ"ך די באַצייכענונג „בני אפרים", „בני ראובן" וכדומה. ביי די היינטיקע אַראַבער־בעדואינער אין ארץ־ישראל ווערט דאָס וואָרט אויסגערעדט „בענע".

בני בנימין אָרגאַניזאַציע פון די יונגע קאָלאָניסטן אין ארץ־ישראל, געגרינדעט 1921, האָבן אַ באַנק מיטן זעלבן נאָמען; געגרינדעט די קאָלאָניעס „נתניה" „אבן יהודה" און אַנדערע.

בני ברית יידישע אַלוועלטלעכע לאָזשע, לויטן מוסטער פון די מאַסאָנען־לאָזשעס, געגרינדעט געוואָרן 1843 אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין אַמעריקע דורך יידן פון דייטשלאַנד; האָט אָפּטיילונגען אין פיל לענדער; ציילט ביי 30 טויזנט מיטגלידער; פירט פילאַנטראָפּישע אַרבעט, העלפט מיט דעם אויפבוי ארץ־ישראל.

בני ברק שטאָט אין ארץ־ישראל, דערמאָנט אין ספר יהושע י"ט, געהערט צום שבט דן; נאָכן חורבן פון 2טן בית המקדש האָט דאָרט געוואוינט רבי עקיבא (סנהדרין ל"ב); אין דער הגדה פון פסח ווערט געבראַכט די מעשה ווי די תנאים רבי אליעזר, רבי יהושע, רבי טרפון, רבי אלעזר בן עזריה און רבי עקיבא האָבן אין בני ברק פאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט פון פסח; היינט איז דאָס אַן אַראַבּיש אָרט, און נישט ווייט פון דאָרט איז פאַראַן די רעליגיעזע קאָלאָניע בני ברק, געגרינדעט אין יאָר 1924.

בני בתירה זע „בן בתירה“.

בני ישראל אזוי ווערן גערופן די יידן וואס וואוינען אין אינדיע זינט זייער אלטע צייטן. זייער צאל איז היינט לערך 15 טויזנט; זיי פארנעמען רעגירונגס־אמטן, זענען מיליטער־לייט, קוואליפיצירטע בעלי־מלאכות, האבן אייגענע לערן־אנשטאלטן. — לויט זייער טראדיציע זאלן זיי זיין פון די עשרת השבטים און זיי וואוינען דארט זינט דעם חורבן בית ראשון; לויט דער מיינונג פון א ריי געלערנטע פארשער (ווילסאן, רבי יעקב אבן ספיר) זענען זיי געקומען קיין אינדיע פיל שפעטער, אין 4טן יארהונדערט; זיי רעדן די מאהאראטי־שפראך; אין רעליגיעזן הינזיכט האלטן זיי נאר פון געוויסע דינים. זיי היטן אפ שבת, אבער נאר דערמיט וואס זיי טוען נישט קיין מלאכה צום פארדינען דאדורך געלט און זיי צינדן נישט אן קיין פייער, דאקעגן סתם מלאכות טוען זיי יא. זיי זענען מל די קינדער, האלטן פון ראש השנה, יום־כיפור, וועלכן זיי רופן דער „יום־טוב פון שליסן דאס טויער (נעילה) און זיי פאסטן אין יום כיפור, אבער זיי קומען נישט דעמאלט אין שול נאר זיצן אפגעזונדערט אין די היימען. זיי ווייסן אויך פון די אנדערע תעניתים; פסח עסן זיי נישט קיין חמץ. פון העברעאיש האבן זיי בלויז די צוויי ווערטער „שמע ישראל“; זענען מקדש דעם חודש לויט דעם זען די לבנה יעדן ראש חודש (על פי ראייה). עס איז צו באמערקן, אז שוין דער רמב״ם האט געוואוסט וועגן די „בני ישראל“ אין אינדיע און ער שרייבט וועגן זיי אין זיינם א בריוו, אז זיי ווייסן נישט פון דער תורה שבכתב און זיי זענען נאר אפגעהיטן אין שבת און זענען מל זייערע קינדער דעם 8טן טאג. — לעצטנס קומט פאר א דערנענטערונג צווישן די בני ישראל און די אנדערע יידישע קהלות. וועגן זיי זע גאלדשטיינס „בני ישראל“ אין זאמלבוך „רשומות“.

בני משה (די זין פון משה רבנו). אין אן אלטער טראדיציע, וואס געפינט זיך אין תרגום יונתן (שמות ל״ד), ווערט געזאגט, אז ווען די יידן זענען פארטריבן געווארן ביים חורבן פון ערשטן בית המקדש קיין בבל, זענען די אור־אייניקלעך פון משה רבנו, גרויסע צדיקים, אפגעטיילט געווארן פון די אנדערע יידן, און זיי האבן זיך באזעצט אין יענער זייט פון טייך סמבטיון; וועגן האזיקן טייך סמבטיון ווערט דערציילט אין אנדערע עלטערע קוואלן, אז ער ווארפט א גאנצע וואך מיט שטיינער און שבת רוט ער. די דאזיקע לעגענדע וועגן די בני משה וואס וואוינען אין יענער זייט פון טייך סמבטיון און האבן אן אייגענע מלוכה, ווערט דערציילט אויך אין אלטע אראבישע טראדיציעס פון די צייטן פון מאכמעד (אין 7טן יארהונדערט). שפעטער געפינען מיר די לעגענדע ביי אלדד הדני. פון דעמאלט אן געפינען מיר די בני־משה־לעגענדע אין פיל יידישע ספרים אין מיטלאלטער. עס זענען אפילו געשיקט געווארן אין פארשידענע צייטן שליחים פון ארץ־ישראל אויסצוזוכן די בני משה. — וועגן דער אפשטאמונג פון דער דאזיקער לעגענדע איז פיל געשריבן געווארן. טייל געלערנטע מיינען, אז אין דעם אראבישן מדבר זענען ווירקלעך געווען יידישע שבטים בעדואינער, צווישן וועלכע עס האבן זיך אויסגעמישט מיטגלידער פון דער איסיים־סעקטע, וועלכע האבן פארערט משה רבנו און דערפון איז דער נאמען „בני משה“. — זע „בני רכב“ און „סמבטיון“.

בני משה נאמען פון א נאציאנאל־יידישער לאזשע פון חובבי ציון געגרינדעט אין אדעס דורך אחד העם אין יאר 1889, עקזיסטירט ביז 1897. איר ציל

איז געווען צו ווירקן פאר דער נאציא-
נאלער אויפלעבונג פון יידישן פאלק און
דעם יידישן לאנד.

בני רכב דער יידישער רייזנדער רבי
בנימין פון טודעלא (אין 12טן יארהונ-
דערט) דערציילט אין זיין „מסעות", אז
אין דעם אראבישן מדבר זענען פאראן
יידישע בעדואינער-שבטים די „בני
רכב"; דאס זאלן זיין די אור-אייניקלעך
פון די „בית הרכבים", קינדער פון יונדב
בן רכב, וואס האבן נישט געטרונקען
קיין ווײַן און נישט געגעסן קיין פלייש
און נישט געוואוינט אין שטאט, ווי עס
ווערט דערציילט אין ספר ירמיה ל"ה. די
לעגענדע וועגן די בני רכב איז געווען
פארשפרייט אויך א סך שפעטער און
מען האט זי פארבונדן מיט סיפורי
מעשיות וועגן א יידישן אראבער-שבט
אין די אראבישע מדבריות די „בני
חיבאר". — זע בן צבי וועגן די „בני
חיבאר" אין „כנסת" ת"ש.

בניהו בן יהוידע מיליטער-פירער
פון דוד המלך און דערנאך הויפט-מילי-
טער-פירער ביי שלמה המלך (אין אנהויב
ספר מלכים), נאכדעם ווי ער האט גע-
טויט דעם פריערדיקן הויפט-מיליטער-
פירער יואב. בניהו האט אנטיילגענומען
אין דער באוועגונג אויסצורופן אלס קע-
ניג שלמה אנשטאט דודס עלטערן זון
אדוניהו.

בנימין אינגסטער זון פון יעקב אבינו,
געבוירן פון רחל. אין חומש בראשית
ל"ה ווערט דערציילט, אז בנימין איז גע-
בוירן געווארן נישט ווייט פון בית לחם,
און באלד נאכן געבוירן אים איז רחל
געשטארבן. פארן טויט האט זי אים א
נאמען געגעבן בן אוני, און יעקב האט
אים גערופן בנימין. מיט זיין נאמען
בנימין ווערט אויך אנגערופן דער שבט,
וואס האט אפגעשטאמט פון אים. — דער
שבט בנימין האט געשפילט א גרויסע
ראלע אין דער אלטער יידישער געשיכ-
טע. אין ספר שופטים כ' ווערט דערציילט
וועגן דער מלחמה, וואס אלע שבטים
האבן געפירט קעגן שבט בנימין צוליב
דער מעשה „פלגש בגבעה"; אין דער
מלחמה איז אומגעקומען כמעט דער גאנ-
צער שבט בנימין און עס זענען פאר-
בליבן נאר 600 פערזאן, וועלכע האבן נא-
כער באקומען פרויען דורך כאפן מייד-
לעך בעת א פאלקס-פייערונג. — דער
ערשטער מלך ביי יידן, שאול, האט גע-
שטאמט פון שבט בנימין. ווען נאכן טויט
פון שלמה המלך איז ארץ-ישראל צע-
טיילט געווארן אין 2 מלוכות, מלכות
יהודה און מלכות ישראל, איז דער שבט
בנימין אליין צוגעשטאנען צום שבט
יהודה און געשאפן די מלכות יהודה.
שפעטער ווערט דער נס פון פורים צו-
געשריבן אין מגילת אסתר מרדכין און
אסתר, וועלכע שטאמען אפ פון שבט
בנימין (איש ימיני). — אין טייל לאנד
פון שבט בנימין האט זיך געפונען די
הויפט-שטאט ירושלים.

בנימין פון טודעלא בארימטער
יידישער רייזנדער אין 12טן יארהונ-
דערט; וועגן בנימין זעלבסט ווייסט מען
כמעט גארנישט; מען ווייסט נאר אז זיין
פאטער האט געהייסן רבי יונה. בנימין
אליין האט נישט ארויסגעגעבן זיין ספר
„מסעות" (רייזעס), נאר עס איז ארויס-
געגעבן געווארן דורך אן אומבאקאנטן
מאן, וועלכער שרייבט אין דער הקדמה,
אז רבי בנימין האט ארומגערייזט אין
א סך לענדער און וואו ער איז געקומען
האט ער פארצייכנט אלץ וואס ער האט
אליין געזען אדער געהערט פון באגלייב-
טע מענטשן און אז ער האט געבראכט
מיט זיך דאס ספר אין יאר ד' אלפים
תתקל"ג (1173). דער הקדמה-שרייבער
זאגט, אז רבי בנימין איז געווען א קלו-

גער און געבילדעטער מאן און א בעל־תורה און אז ער דערציילט דעם אמת.— אנגעהויבן די רייזע האט ער אין יאר 1160 פון דער שטאט סאראגאסא אין שפאניע, און האט באזוכט דרום־פראנקרייך, איטאליע, גריכנלאנד, טערקיי, סיריע, ארץ־ישראל, מעסאפאטאמיע, פערסיע, טיבעט, אינדיע, אדען, תימן, אבעסיניע, מצרים, און פון דארט קיין סיציליע, איטאליע און צוריק קיין שפאניע. ער באשרייבט די לענדער און באזונדערס דעם מצב פון די יידן אין די פארשידענע לענדער. זיינע ידיעות זענען ווערטפול נישט נאר פאר דער יידישער געשיכטע, נאר אויך פאר דער פארשונג פון געאגראפיע און געשיכטע אין מיטלאלטער איבערהויפט. די „מסעות" זענען איבערזעצט געווארן אין פיל שפראכן. עס זענען געשריבן געווארן צום ספר באמערקונגען פון א ריי געלערנטע, ווי צונץ, ראפאפארט, שטיינשניידער, צעדנער, אדלער און אנדערע. — עס איז זיכער, אז טייל ערטער אין די „מסעות" שטאמען נישט פון בנימין נאר פון דעם ארויסגעבער.

בנימין הניהאונדי (לעז: „האניהאַווענדי") פון די ערשטע קאראאימישע חכמים אין פערסיע (שטאט „ניהאַווענד"), געלעבט אין דער מיט פון 9טן יארהונדערט. ער ווערט פארערכנט, נאך ענן דעם גרינדער פון דער קאראאימעשער סעקטע, אלס די גרעסטע פערזענלעכקייט פון די קאראאימער. ווען רבי אברהם אבן עזרא שרייבט וועגן קאראאימישע פירער דערמאנט ער „ענן ובנימין".

בנימין השני (1818 — 1864), רייזנדער. ער האט געהייסן ישראל יוסף, און ער האט זיך א נאמען געגעבן „בנימין השני" (דער צווייטער) צוליב זיינע רייזעס, אלס אנדייטונג אויף בנימין פון טודעלא. ער האט געשטאמט פון רומעניע. אין די יארן 1846 — 1851 האט ער ארומגערייזט ווייטע לענדער, זוכנדיק די עשרת השבטים, ער האט בארייזט אזיע און אפריקע (שפעטער אויך אמעריקע); זיין ווערק איז איבערזעצט געווארן אין העברעאיש מיטן נאמען „מסעי ישראל".

בעזרת השם יתברך (מיט דער הילף פון גאט, געבענטשט זיין נאמען), אויסדרוק וואס ווערט באנוצט דורך פרומע יידן ווען זיי דערציילן וועגן א זאך וואס איז פארגעקומען מיט זיי אדער וועט פארקומען; מיט דעם דאזיקן אויסדרוק הויבט מען אויך אן א בריוו אדער א ספר צי אן אויפרוף, און מען שרייבט אפט די ראשי תבות בעזה"י, אדער ב"ה (בעזרת השם).

בעל (לעז: באאל), נאמען פון אפגאט, וואס איז געווען איינגעפירט ביי א ריי אלטע סעמיטישע פעלקער אין דער צייט פון תנ"ך אין לענדער שכנות פון ארץ־ישראל. אין בבל איז דער אפגאט גערופן געווארן אביסל פארקירצט „בל" (ביל). — עס זענען געווען פרואוון איינצופירן די בעל־דינסט אויך ביי יידן אין ארץ־ישראל. אין דער צייט פון אחאב מלך ישראל איז פארגעקומען דער גרויסער קאמף צווישן אליהו הנביא און די דינער פון בעל, וועלכע זענען געשטיצט געווארן דורך דער קעניגין איזבל (מלכים א׳ י"ח); נאכער ווערט דערציילט אין מלכים ב׳ י ווי אליהוס תלמיד אלישע האט דורכגעפירט די רעוואלוציע קעגן דער אחאב־דינאסטיע און ארויפגעזעצט אויפן טראן יהוא, וועלכער האט געטויט די אלע בעל־דינער, און האט אויסגעראטן דעם בעל־קולט פון מלכות ישראל. אבער אויך שפעטער שטראפן די נביאים (הושע, ירמיהו און אנדערע) א טייל יידן דערפאר וואס זיי דינען צום

בעל (אין לשון רבים „בעלים"). — טייל אָפגעטער ווערן אָנגערופן אין תנ"ך מיטן נאָמען בעל און נאָך אַ נאָמען, ווי בעל פעור, בעל צפון, בעל זבוב און אַנדערע. — עס איז צו באַמערקן אַז אין טייל אַלטע יידישע נעמען פון תנ"ך איז פאַראַן דאָס וואָרט בעל, ווי ירובעל, איש־בעל און אַנדערע. אויך טייל ערטער אין ארץ־ישראל זענען אָנגערופן געוואָרן מיטן בעל אַלס נאָמען־טייל ווי בעל תמר, בעל חצור און אַנדערע.

בעל „באַזיצער פון אייגנטום", „אייגנשאַפט" און דאָס וואָרט געפינט מען אין העברעאיש און יידיש אין פאַרבינדונג מיט אַ סך אַנדערע ווערטער צו באַצייכענען אַ געוויסן צוזאַמענהאַנג פון אַ מענטש מיט אַ זאַך אָדער מיט אַן אייגנשאַפט. דאָס פאָפולערסטע וואָרט איז בעל הבית, וואָס איז דער טייטש „דער מאַן פון הויז", דער הויז־אייגנטימער; אין יידיש ווערט דאָס וואָרט בעל הבית באַנוצט אַלס באַצייכענונג פאַר „אייגנטימער" און מען זאָגט למשל „דער בעל הבית פון פעלד". אַנדערע ווערטער זענען בעל־חוב, בעל מופת, בעל דרשן, בעל מלאכה, בעל עגלה, בעל צדקה, בעל תפילה, בעל תוקע, בעל תשובה און אַנדערע. עס ווערט אויך באַנוצט ביי טייל מחברים פון אַלטע ספרים ווי דער „בעל הטורים". דאָס הייסט דער מחבר פון די „טורים". וועגן אַ ריי באַגריפן געבן מיר ביי די באַטרעפנדע זוכווערטער ווי „תשובה", „דרשן" וכדומה.

בעל מחשבות (1873 — 1914), פסעוודאָנים פון דר. ישראל עליאַשעוו; פון די ערשטע מאָדערנע ליטעראַטור־קריטיקער אין יידיש; אויך איבערזעצט אין יידיש הערצלס „אַלטנייַלאַנד".

בעל שם (דער מאַן פון נאָמען), מיט הונדערטער יאָרן צוריק זענען געווען פאָפולער אין די יידישע פאָלקסמאַסן מענטשן, וואָס האָבן געקענט קבלה און האָבן געזאָגט, אַז זיי באַזיצן געהיימע געטלעכע נעמען „שמות הקדושים", מיט וועלכע זיי קענען באַווייזן מופתים, ווי היילן קראַנקע, געבן סגולות, העלפן אין פרנסה וכדומה. אַזאַ מענטש האָט מען גערופן „בעל שם". ווען דער דאָזיקער נאָמען איז אַנטשטאַנען איז שווער צו זאָגן. דער געלערנטער צונץ זאָגט, אַז שוין אין 11טן יאָרהונדערט האָט דער פיוטים־מחבר בנימין בן זרח געטראָגן דעם נאָמען בעל שם. אין 16טן יאָרהונדערט איז געווען אין כעלם רבי אליהו בעל שם, וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט אין ספר „שאילת יעבץ" פון זיין אייניקל רבי יעקב עמדין, אַז ער האָט געשאַפן אַ גולם מיט דער הילף פון אַ שם המפורש; אין דער זעלבער צייט האָט געוואוינט אין וואָרמס (דייטשלאַנד) אויך אַ באַקאַנטער בעל שם מיטן נאָמען רבי אליהו; באַקאַנט זענען אויך געווען צוויי בעל־שמס, ביידע האָבן געהייסן רבי יואל האַלפערין (אַ זיידע און אַן אייניקל); דער ערשטער האָט געוואוינט אין אָסטראָה, געשטאָרבן אין יאָר תע"ג (1713), און דער צווייטער האָט געוואוינט אין זאַמאָשטש און געשטאָרבן לערך 1740. באַקאַנט איז אויך געווען אין 19טן יאָרהונדערט אַ בעל־שם אין דייטשלאַנד, אין מיכלשטאַט מיטן נאָמען רבי זעקל (1768 — 1847); אין ענגלאַנד איז געווען באַקאַנט אין 18טן יאָרהונדערט דער לאָנדאָנער בעל שם רבי חיים שמואל פאַלק (1708 — 1782), וועלכער איז געווען פאָפולער אויך אין קריסטלעכע קרייזן, און זיין בילד איז פאַרשפרייט אַלס דאָס בילד פון רבי ישראל בעל שם טוב. — די בעלי שם האָבן געהאַט ספעציעלע ספרימלעך. אַ סאָרט האַנטביכער מיט סגולעת, פון וועלכע עס זענען געווען אַמפאָפולערסטן דער „תול־

דות אדם" פון דערמאַנטן רבי יואל דעם ערשטן און „מפעלות אלהים"; עס איז אויך געווען אַ תפילה פאַר דעם בעל שם מתפלל צו זיין, אַז זיינע סגולות זאָלן העלפן. — וועגן ר' ישראל בעל שם טוב זע „בעל שם טוב".

בעל שם טוב, רבי ישראל אויך גערופן „בעש"ט" (ראשי תבות פון בעל שם טוב), גרינדער פון חסידות, איינער פון די גרעסטע פערזענלעכקייטן אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע, געלעבט און געווירקט אין פּאָדאָליע, וואָלין און מזרח גאַליציע; לעצטע יאָרן געוואוינט אין מעזשבוזש, וואו ער איז נפטר געוואָרן. עס איז שווער צו זאָגן גענוי ווען דער בעש"ט איז געבוירן געוואָרן. דער היסטאָריקער גרעץ (אין די באַמערקונגען צום סוף פון 9טן באַנד פון זיין „געשיכטע" אין העברעאיש) נעמט אָן, אַז דער בעש"ט איז געבוירן געוואָרן לערך דעם יאָר ת"ם (1700). מען ווייסט אויך גאָרנישט וועגן זיינע קינדער־יאָרן. אין ספר „שבחי הבעש"ט", וואָס איז דערשינען דאָס ערשטע מאָל אין יאָר תקע"ה (1815) ווערט דערציילט, אַז ער איז געבוירן אין אַ שטעטל אָקאָפּ אויף דער גרענעץ פון מזרח־גאַליציע און וואַלאַכיי, און אַז זיין פאָטער האָט געהייסן רבי אליעזר. דער בעש"ט פלעגט זיך ווירקלעך אונטערשרייבן: „ישראל בר' אליעזר". שוין אַלס אינגל זענען אים זיינע עלטערן געשטאָרבן, און אַלס יתום איז ער געוואָרן אַ בעלפער אין חדר, לערענענדיק גלייכצייטיק פאַר זיך סיי גמרא און פוסקים סיי קבלה. ער פלעגט אויך שפּאַצירן אין די אַרומיקע וועלדער און בערג, זייענדיק אַריינגעטראַכט אין טיפע מחשבות. שפּעטער איז ער געוואָרן שמש אין בית המדרש. דערנאָך האָט ער חתונה געהאַט און איז געוואָרן מלמד. ווען דאָס ערשטע ווייב איז אים געשטאָרבן האָט ער חתונה געהאַט מיט חנה, דער שוועסטער פון רבי אברהם גרשון קיטעווער, און געוואָרן אַ דאָרפס־איינוואוינער. ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן באַקאַנט צו ווערן אין דער אַרומיקער געגנט אַלס הייליקער מאַן, און מען האָט אָנגעהויבן קומען צו אים נאָך ברכות, סגולות, הערן פון אים אַ גוט וואָרט. די „התגלות" זיינע, דאָס עפנטלעכע אויפטרעטן אַלס בעל שם טוב, אַלס רבי פון חסידים, אַלס גרינדער פון אַ נייער שיטה, אַ נייעם דרך, זאָל האָבן פאָרגעקומען אומגעפער אין יאָר תצ"ז (1737). עס האָבן אָנגעהויבן פאָרן צו אים נישט נאָר פשוטע מענטשן, נאָר אויך גרויסע לומדים, רבנים. ער האָט געוואוינט צוערשט אין פאַרשידענע שטעט ביז ער האָט זיך באַזעצט אין מעזשבוזש (אַ שטעטל אין פּאָדאָליע), וואָס איז געוואָרן דער צענטער פון דער חסידות־באַוועגונג. ער האָט געהאַט איין זון, רבי הירש, און איין טאָכטער, אָדל. צו זיינע תלמידים האָבן געהערט אַזעלכע באַקאַנטע רבנים און לומדים ווי רבי יעקב יוסף פון פּולנאָה, רבי מאיר מרגליות (מחבר פון „מאיר נתיבים"), רבי בער פון מעזריטש און פיל אַנדערע. גלייכצייטיק האָט זיך אויך אָנגעהויבן אין טייל לומדישער וועלט אַ קעגנערשאַפט צום בעל שם טוב און זיין חסידות־באַוועגונג. עס זענען אַרויסגעטרעטן קעגן אים פיל מתנגדים. אָבער כל זמן דער בעש"ט האָט געלעבט האָט די קעגנערשאַפט נישט אָנגענומען קיין צו־שאַרפער פאָרם. דער בעש"ט איז שלאָף געוואָרן פסח אין יאָר תק"ד (1760), און דעם 2טן טאָג שבועות (ז' סיון, תק"ד) איז ער נפטר געוואָרן. פאַר דער פטירה האָט ער געזאָגט צו זיינע אַרומשטייענדע תלמידים, אַז וועגן אים זאָלן זיי זיך ניט זאָרגן, ווייל ער גייט אַרויס דורך איין טיר און קומט אַריין דורך דער צווייטער טיר. עס איז פאַראַן אין טייל אַל־

טע דאָקומענטן, אַז דער בעש’’ט איז נפטר געוואָרן אין יאָר תקי’’ט; מער ריכטיק איז די דאַטע פון תק’’ד. — אויספירלעך און גענוי וועגן דער נייער שיטה וואָס דער בעל שם טוב האָט מחדש געווען און וועגן דער גאַנצער חסידות־באַוועגונג, איר געשיכטע און פאַרשפּרייטונג געבען מיר ביים זוכוואָרט „חסידות’’.

דאָ וועלן מיר געבן נאָר וואָס האָט אַ שייכות צום בעש’’ט זעלבסט. פון בעש’’ט זענען נישט געבליבן קיינע ספרים, נאָר זיינע תלמידים האָבן ערשט אַ לאַנגע צייט נאָך זיין פּטירה צונויפגעזאַמלט זיינע ווערטער און זיי פאַרעפנטלעכט. אַמייסטן האָט זיי איבערגעגעבן רבי יעקב יוסף פון פּולנאה אין זיין „תולדות יעקב יוסף’’ און אַנדערע. עס זענען דערשינען ספרים אויפן נאָמען פון בע’’ש זעלבסט ווי „צוואות הריב’’ש’’ („ריב’’ש מאַכט „רבי ישראל בעל שם’’) און אַנדערע. עס איז שווער צו זאָגן, וועלכע ווערטער זענען ווירקלעך דעם בעש’’טס און וועלכע שטאַמען פון זיינע תלמידים.

דער הויפּט־געדאַנק פון בעש’’ט איז געווען, אַז די גאַנצע וועלט איז געטלעכקייט, און אַז דינען גאָט דאַרף מען נישט נאָר ביים לערנען און דאַוונען, נאָר אין אַלעם וואָס אַ מענטש טוט. דאָס איז אייגנטלעך דער אַלטער געדאַנק פון „בכל דרכיך דעהו’’ („אין אַלע דיינע וועגן זאָלסטו קענען גאָט’’) און מען קאָן אים געפינען אויך אין די אַמאָליקע אידישע ספרי מוסר; אָבער דער בעש’’ט האָט דעם געדאַנק פאַרברייטערט. אַ צווייטער הויפּטגעדאַנק פון בעש’’ט איז דער „עבדו ה’ בשמחה’’, נישט פּייניקן זיך, נאָר זיין בשמחה, ווייל עצבות, טרויער, וואַרפט אַריין דעם מענטש אין מרה שחורה. דער בעש’’ט איז דעריבער אַריינגעטרעטן קעגן דער אַמאָליקער שיטה פון סיגופים און תעניתים. ער האָט געזאָגט, אַז „ווער עס האַלט אַז דער עולם הזה איז גאָרנישט, האָט אַ טעות: דער עולם הזה איז זייער וויכטיק, נאָר מען דאַרף וויסן ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט אים’’. ער האָט אויך דער ערשטער איינגעפירט דאָס זיין בחבורותא, דאָס עסן צוזאַמען, זיין צוזאַמען, זיצן צוזאַמען און שמועסן אין חסידות, און דערציילן סיפּורים פון צדיקים, שמועסן אַפילו אין מילי דעלמא. דער בעש’’ט האָט אויך עוסק געווען פיל אין פּדיון־שבויים, אַרומפאָרנדיק צו זאַמלען געלט אויסצולייזן יידישע אַרענדאַרן וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן פאַר נישט צאָלן די פּריצים געלט פאַר די אַרענדע. דער בעש’’ט האָט זיך אויך געמישט אין אַלגעמיינע יידישע ענינים, און עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז ער האָט אָנטיילגענומען אין ויכוח קעגן די פראַנקיסטן אין לעמבערג, יאָר 1759; טייל געלערנטע האַלטן, אַז דער בעש’’ט האָט אין ויכוח זיך נישט באַטייליקט. אין יאָר תרפ’’ד זענען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ירושלים געפונענע בריוו פון בעש’’ט מיטן נאָמען „גנזי נסתרות’’, אין וועלכע עס איז פאַראַן וועגן זיין ויכוח מיט די פראַנקיסטן, אָבער די דאָזיקע בריוו זענען דערוויזן געוואָרן אַלס פאַלשע. — דער בעש’’ט איז מפורסם געוואָרן נישט נאָר אַלס גרויסער וועגווייזער אין חסידות, נאָר אויך אַלס בעל מופת, און עס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן וועגן אים דער „שבחי הבעש’’ט’’ און נאָכער הונדערטער גרעסערע און קלענערע ספרים מיט דערציילונגען וועגן זיינע מופתים. — דאָס בילד פון בעש’’ט וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין טייל ספרים, איז פאַלש, און עס איז גאָר דאָס בילד פון לאָנדאָנער בעל שם (זע „בעל שם’’). — ווי געזאָגט געבן מיר וועגן דער שיטה פון בעש’’ט און דער אַנטשטייאונג פון חסידות אויספירלעך ביים זוכוואָרט „חסידות’’. — וועגן בעש’’ט זענען געשריבן געוואָרן פיל

ספרים און ביכער דורך אנגעזעענע געלערנטע. וויכטיק איז דער „ציון 2" פון גרעץ צום סוף פון זיין געשיכטע אין העברעאישער איבערזעצונג, באנד 9; דארט האט גרעץ דער ערשטער באריקזיכטיקט נישט נאר די קוואלן פון חסידים נאר אויך פון מתנגדים. ווערטפול איז אויך דער „שלום על ישראל" פון צווייפעל; א גוטע קוואלן־ארבייט וועגן בעש"ט איז אין דובנאוום „תולדות החסידות"; עס זענען אויך צו פארצייכענען הארארעצקים „החסידות והחסידים" (1טער באנד, ווי אויך 4טער באנד וועגן „שבחי הבעש"ט). כהנאס „ר' ישראל בעל שם טוב"; אין יידיש איז פאראן זעצערם בעל שם טוב, און אויך דובנאוום דערמאנטע ווערק אין איבערזעצונג; אין יאר 1939 האט דר. שיפער אין ווארשע פארעפנטלעכט אין יובל־בוך פון „היינט" א פאראדאקסאלע ארבעט וועגן בעש"ט, אז נישט רבי ישראל איז געווען דער גרינדער פון חסידות, נאר רבי יואל, און אז עס זענען געווען באלד פון אנהויב צוויי חסידות־צענטערן; עס איז צו באמערקן, אז לויט דער פאלשער מיינונג פון אפרים דיינארד זאל רבי ישראל בעש"ט זיין א לעגענדארע פערזאן, וואס האט גארנישט עקזיסטירט. וועגן דעם אלעם זע אין זוכווארט „חסידות".

בעל־תשובה זע „תשובה".

בעלגיע לאנד אין מערב־צפון־אייראפע אויפן ברעג פון צפון־ים; ביי 8 מיליאן איינוואוינער; צווישן זיי 75 טויזנט יידן. דער יידישער ישוב איז גאר אן אלטער, פון די צייטן פון די רוימער אין 2טן יארהונדערט; אין 14טן יארהונדערט איז געווען אויף יידן א גרוש; באנייט דער ישוב נאך גרוש שפאניע און פארטוגאל; גלייכבארעכטיקונג האבן יידן באקומען אין אנהויב 19טן יארהונדערט; די גרעסטע אידישע קהלה געפינט זיך איז אנט־

ווערפן; א באדייטנדע קהלה אויך אין בריסעל. — אין אלטע אידישע ספרים ווערט דערמאנט דאס לאנד אלס „מדינת פלונדרין" אדער „פלונדער" (אין „מסעות ר' בנימין", מהריל הלכות שמחות און אנדערע); נאך היינט זענען פאראן גאסן אין בריסעל און אנדערע שטעט, וואס ווערן גערופן „יידישע גאסן" פון די אלטע צייטן.

בעלז וועגן בעלזער רביים־דינאסטיע זע „שלום רוקח".

בענטשן דאס ווארט „בענטשן" האט אין דער יידישער רעליגיע און אויך אין יידישן פאלקס־לעבנס־שטייגער א זייער ברייטע אנווענדונג. מען באנוצט עס צו באצייכענען דאס מאכן אלע פארשידענע ברכות, נאכן עסן, ביים נעמען דעם אתרוג און לולב אין סוכות, ביים זאגן די ברכה פון ראש חודש, ביים אנצינדן די ליכט פרייטאג־צו־נאכטס און חנוכה, בענטשן גומל, בענטשן טל, און אויך ביים בענטשן קינדער; פארשידענע וואונטשן. דאס ווארט שטאמט זיכער פון לאטיינישן „בענעדיצער" (בענטשן), וואס איז דורכגעגאנגען דורך פארשידענע פארמען אין די ראמאנישע שפראכן און אין גערמאנישע דיאלעקטן אונטער דעם איינפלוס פון די קירכלעכע אויסדרוקן, ביז עס האט אין אידיש אנגענומען די פארם בענטשן. אויף העברעאיש איז עס דאס ווארט „ברכה", וואס ווערט טיילמאל באנוצט אויך אין אידיש אנשטאט דעם ווארט „בענטשן" ווי למשל „געבן איינעם א ברכה" (דער אויסדרוק „א ברכה מאכן" איז אפט ניט ס'זעלבע וואס „בענטשן" און וועגן „מאכן א ברכה" געבן מיר ביים זוכווארט „ברכה). דאס בענטשן קינדער און אויך אנדערע מענטשן, איז געווען אנגענומען ביי יידן שוין אין די גאר אלטע צייטן. ווען גאט האט באשאפן אדם הראשון

זאָגט דער חומש (בראשית א׳) „ויברך אותם אלהים‘‘, אַז גאָט האָט זיי געבענטשט. אין בראשית ב׳ געפינען מיר אַפילו דעם אויסדרוק בענטשן אין באַצוג צו אַ טאָג, און עס ווערט געזאָגט „ויברך אלהים את יום השביעי‘‘, אַז גאָט האָט געבענטשט דעם 7טן טאָג, שבת. אין חומש געפינען מיר נאָכער זייער אָפט דעם דאָזיקן באַגריף פון בענטשן. ווען רבקה איז אַוועק פון אירע עלטערנס הויז חתונה צו האָבן מיט יצחקן, דערציילט דער חומש, בראשית כ״ד, אַז איר מוטער און ברידער האָבן ביים געזעגענען זיך איר געבענטשט. אין בראשית כ״ג איז פאַראַן דער באַקאַנטער סיפור ווי יצחק האָט געזאָלט בענטשן זיין זון עשו, און יעקב איז געקומען און האָט אַרויסגעקראָגן די ברכה פון פאָטער פאַר זיך. אין בראשית מ״ח געפינען מיר ווי יעקב בענטשט זיינע קינדער איידער ער גייט שטאַרבן. אין דברים כ״ז געפינען מיר ווי גאָט האָט געהייסן אויסרופן פאַרשידענע „בענטשונגען‘‘ און „שעלטונגען‘‘ „ברכות‘‘ און ‚‚קללות‘‘, אויף די בערג גריזים און עבל. צום סוף פון חומש דברים געפינען מיר ווי משה רבנו האָט געבענטשט די יידן פאַרן טויט. דער מנהג צו בענטשן קינדער אין געווויסע פייערלעכע אומשטענדן איז אָנגענומען ביי יידן ביז אויפן היינטיקן טאָג, ווי ערב יום כפור פאַרן גיין אין שול, אויך בייס פירן אַ קינד צו דער חופה, און אויך פאַרן טויט פון די עלטערן. געוויינלעך איז דער מנהג אַרויפצולייגן די האַנט אויפן קאָפּ פון קינד און זאָגן די ברכה וואָס אַנטהאַלט אַחוץ פאַרשידענע וואונטשן אויך די ווערטער „ישימך אלהים כאפרים וכמנשה‘‘ (גאָט זאָל דיך מאַכן ווי אפרים און מנשה); די דאָזיקע ווערטער זענען פון חומש בראשית מ״ח; מען זאָגט אויך טיילמאָל „המלאך הגואל‘‘. אין דער הסידישער וועלט איז איינגעפירט דאָס בענטשן דורך דעם רבי. — וועגן די פאַרשידענע דערמאָנטע ברכות געבן מיר ביי די באַטרעפנדע זוכווערטער, ווי ברכת המזון (בענטשן נאָכן עסן), גומל, טל, ליכט, ראש חודש.

בענעט מרדכי (1753 — 1829), רב, למדן און פוסק אין ניקלשבורג אין בעמען; ער איז אויך געווען באַקאַנט מיט פילאָזאָפיע, דקדוק, מאַטעמאַטיק; אין קאַמף קעגן דער רעפאָרם־באַוועגונג האָט ער פאַרנומען אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישע שטעלונג; זיינע ספרים זענען „באור מרדכי‘‘ (ווין, 1805), „מגן אבות‘‘ (זשולקעוו, 1835), „הר המור‘‘ און אין דייטש וועגן לערנען פילאָזאָפיע. זיין זון יעקב אבריל האָט אָפּגעדרוקט וועגן אים אַ מאָנאָגראַפיע, „תולדות ר׳ מרדכי בנעט‘‘.

בעסעראַביע זע „רומעניע‘‘.

בער אייגן־נאָמען פון אַ סך יידישע פערזענלעכקייטן, געפאָרט שטענדיק מיטן העברעאישן וואָרט „דוב‘‘, וואָס איז דער טייטש „בער‘‘.

בער, רבי, מגיד פון מעזריטש, געבוירן לערך 1710 — 1772, י״ט כסלו תקל״ג). דער אָנגעזעענסטער רבי נאָכן בעל שם טוב, באַקאַנט אַלס „גרויסער מגיד פון מעזריטש‘‘, אויך אַלס „רבי ר׳ בער‘‘. רב, למדן, מקובל און מגיד אין קאָרעץ, ראָוונע, צום סוף אין מעזריטש (אין וואָלין). אין דער חסידישער וועלט איז ער די אָנגעזעענסטע פערזענלעכקייט נאָכן בעל שם טוב. וועגן זיין התקרבות צום בעל שם טוב און צושטיין צו דער חסידישער באַוועגונג ווערן דערציילט פאַרשידענע לעגענדעס; ער פלעגט פיל פאַסטן און אָנטאָן זיך סיגופים, נאָר ווען ער איז געקומען צום בעל שם טוב, האָט ער געענדערט זיין שיטה. דער בעש״ט האָט געזאָגט אויף אים: ,עס איז געקומען צו מיר אַ קאַסטן פול מיט מיט ליכט

און מען דאַרף זיי נאָר אָנצינדן". אין יאָר 1760, נאָך דער פּטירה פון בעש"ט, האָבן דער גרעסטער טייל פון זיינע תל־מידים אָנגעהויבן פאָרן צום רבי ר' בער, וועלכער האָט נאָכמער פאַרשפּרייט דאָס חסידות, שאַפנדיק משולחים פון די אָנ־געזעענע תלמידים, וואָס האָבן אַרומגע־וואַנדערט און פאַרשפּרייט חסידות. צום רבי ר' בער זענען געפאָרן די שפּעטער־דיקע גרעסטע רביים, ווי רבי ר' אלימלך (מחבר פון „נועם אלימלך"), רבי ר' זושא, רבי מענדעלע וויטעפּסקער, רבי לוי יצחק פון בערדיטשעוו („קדושת לוי"), רבי שניאור זלמן פון לאַדי (מחבר פון „תניא") און אַנדערע. די שיטה פון רבי ר' בער איז געווען די זעלבע וואָס פון בעל שם טוב, נאָר דער רבי ר' בער האָט מער אונטערגעשטראָכן די באַדייטונג פון צדיק, פון פירער פון די חסידים, אויף וועלכן מען טאָר נישט מהרהר זיין און ער, דער צדיק יסוד עולם, איז דער מש־פּיע אויף דער וועלט אין אַלע הינזיכטן, אין גייסטיקע און מאַטעריעלע. אויך ביים רבי ר' בער, פּונקט ווי ביים בעל שם טוב, געפינט מען דעם הויפּטגעדאַנק אַז די געטלעכקייט געפינט זיך אין יע־דער דערשיינונג פון דער וועלט און אַז דינען גאָט דאַרף מען אין אַלע ענינים. אין די לעצטע יאָרן פון רבי ר' בער איז די קעגנערשאַפט קעגן דער חסידישער באַוועגונג מצד דער מתנגדישער וועלט געוואָרן זייער שאַרף, און אין יאָר תקל"ב איז אויסגערופן געוואָרן דער חרם אויף די חסידים. דער רבי ר' בער האָט אָבער אָנגעזאָגט זיינע תלמידים נישט אָפּצו־ענטפערן אויף דער מחלוקה. אין אַ יאָר אַרום, י"ט כסלו תקל"ג, איז דער רבי ר' בער נפטר געוואָרן, איבערלאָזנדיק זיין איינציקן זון ר' אברהם מלאך, וועל־כער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון צו זיין רבי. נאָך זיין פּטירה האָבן די תלמידים אָנ־געהויבן פירן אין פאַרשידענע שטעט. — די ספרים פון רבי ר' בער זענען: מגיד דבריו ליעקב (תקנ"ח), לקוטי אמרים, אור תורה. — וועגן רבי ר' בער זענען געשריבן געוואָרן אַ ריי אָפּהאַנדלונגען; וויכטיק זענען די באַמערקונגען אין שלמה מיימאָנס „אויטאָביאָגראַפיע: מיי־מאָן איז געווען אין מעזריטש (ער דער־מאָנט די שטאָט „מ"). און דעם רבי „ב"). ביים רבי ר' בער און ער שיל־דערט די מנהגים פון שבת ביים רבי און זיין תורה זאָגן; וועגן מעזריטשער מגיד זע אויך גרעץ אין ציון 2, צום סוף פון זיין „געשיכטע" באַנד 9 אין העברעאי־שער איבערזעצונג; צווייפעל „שלום על ישראל"; גאָטלאָבער, „תולדות הקבלה, אין דייטש; האָראָדעצקי אין „החסידות והחסידים"; דובנאָוו אין „תולדות הח־סידות".

בער, רבי פון ליעוווע, זון פון רבי ר' ישראל ריזשינער, שפּעטער אין סאַ־דיגורע; נאָכן פאָטערס פּטירה (אין יאָר תרי"א) איז ער געוואָרן רבי אין ליעוווע (רומעניע); אין יאָר תרכ"ט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון צו זיין רבי, איז אַוועק צו די משכילים אין טשערנאָוויץ, און האָט פאַרעפנטלעכט אין „השחר" אַ בריוו קעגן חסידות און קבלה און פאַר רעפאָרמירן די רעליגיע; דאָס האָט אַרויסגערופן אַ שטורם אין דער גאַלי־ציש־חסידישער וועלט און אַ גרויסע מח־לוקה צווישן דעם צאַנזער רבי ר' חיים און רבי בערס ברידער, די רביים פון סאַדיגורע און טשאָרטקאָוו; רבי בער זאָל שפּעטער האָבן תשובה געטאָן און איז אין די לעצטע יאָרן געזעסן ביי זיין ברו־דער דעם סאַדיגורער רבי ר' אברהם יעקב; ער איז געשטאָרבן אָן קינדער אין יאָר תרל"ג.

בערגסאָן, האַנרי (1859 — 1941) פון די באַדייטנדסטע פילאָזאָפן אין דער

לעצטער צייט; שטאַמט אָפּ פון דער וואַרשעווער בערגסאָן־פאַמיליע; זיין פאָטער איז געווען אַ מוזיק־קאָמפּאָזיטאָר. בערגסאָנס שיטה אין דער פילאָזאָפיע איז, אַז דער מענטש קאָן אויפפאַסן דעם מהות פון דער וועלט נישט מיט לאָגיק, מיט דענקען, נאָר מיט אינטואיציע; זיין שיטה איז אויך דער באַרימטער „עלאַן וויטאַל", אַז אין אוניווערסום איז פאַראַן דער „לעבנס־שוואונג"־עלעמענט, וואָס פאָרמירט דאָס לעבן אין אַלע אָרגאַניזמען, אַ שיטה וואָס איז שאַרף קעגן דער מאַטעריאַליסטישער אויפפאַסונג פון דעם אוניווערסום בכלל און פון לעבנס־דערשיינונגען בפרט. נאָרדוי האָט געפונען געוויסע ענלעכקייטן צווישן בערגסאָנס לערע און חסידות. פאַראַן מיינונגען אַז בערגסאָן האָט אין זיינע לעצטע יאָרן זיך געשמדט אויף קאַטאָליציזם. בערגסאָנס הויפּט־ווערק איז „די שאַפנדע עוואָלוציע".

בערגלסאָן, דוד (געבוירן 1884), באַדייטנדער שריפטשטעלער אין יידיש; אויטאָר פון „אַרום וואָקזאַל", „נאָך אַלעמען", „דער טויבער", „פּעניעק". אין די לעצטע יאָרן זיך באַזעצט אין ראַטן־פאַרבאַנד אין רוסלאַנד.

בערדיטשעווסקי, מיכה יוסף (1865 אין מעזשבוזש — 1921 אין בערלין), העברעאישער שריפטשטעלער און דענקער; אין דער יוגנט געלערנט אין ישיבות, נאָכער זיך גענומען צו השכלה און וועלטלעכער בילדונג; אַרויסגעטרעטן אין „השלח" מיט זיין אָפענעם בריוו צו אחד העם פאַר אַריינפירן וועלטלעכקייט אין דער העברעאישער ליטעראַטור; פאַרעפנטלעכט פיל דערציילונגען, פילאָזאָפישע עסייען, ליטעראַטור־קריטישע אָפּהאַנדלונגען; אַרויסגעגעבן אין העברעאיש, יידיש און דייטש „אַלט־יידישע לעגענדעס"; פאַרעפנטלעכט אין דייטש אַ ביבל־קריטישע אָפּהאַנדלונג „סיני און גריזים"; בערדיטשעווסקי איז געווען דער ערשטער וואָס האָט אַריינגעפירט אין דער העברעאישער ליטעראַטור די געדאַנקען און מאָטיוון פון ניטשע; אַלע זיינע שריפטן אין 20 בענדער זענען דערשינען אין שטיבל־פאַרלאַג, 1921—1925.

בערלין הויפּטשטאָט פון פּרייסן און דייטשלאַנד; יידישער ישוב פון 13טן יאָרהונדערט; אין מיטלאַלטער האָבן די דאָרטיקע יידן געליטן אָפטע פאַרפאָלגונגען און גרושים; פון 17טן יאָרהונדערט איז דער יידישער ישוב געוואַקסן; אין 18טן יאָרהונדערט געווען דער צענטער פאַר יידישער השכלה (צייט פון מענדלסאָן און די „מאספים"), געוואָרן דער סימבאָל פאַר השכלה און אויפקלערונג צווישן יידן („בערלינטשיקעס"); צענטער פאַר יידישער וויסנשאַפט אין דער דייטשער שפּראַך (הויכשולע פאַר יידישער וויסנשאַפט, אָרטאָדאָקסישער סעמינאַר); גרויסע פאַרפאָלגונגען אויף יידן זינט דער היטלער־הערשאַפט 1933; פיל יידן האָבן פון דאָרט עמיגרירט; ציילט איצט ביי 150 טויזנט יידן. — זע „דייטשלאַנד".

בערלין פאַמיליע־נאָמען פון אַ ריי יידישע פערזענלעכקייטן. — 1) ישעיה בערלין (1725 — 1799), אויך באַקאַנט אין דער לומדישער וועלט אַלס רבי ישעיה פיק; רב און מחבר אין ברעסלאַ, פון די אָנגעזעענסטע לומדים און פאָרשער אין דער תלמודישער ליטעראַטור; כמעט זיין גאַנץ לעבן עוסק געווען אין מסחר, און ערשט אויף דער עלטער, אין יאָר 1793 געוואָרן רב; באַרימט זענען זיינע הגהות צו דער גמרא און ספרים פון די ראשונים; ער האָט זיך באַמיט פעסטצושטעלן די ריכטיקע טעקסטן און פאַריכטן די גרייזן וואָס זענען אין זיי אַריינגעפאַלן דורך די איבערשרייבער אין די

כתבי־יד ווי אויך דורך די דרוקער; זיינע הגהות זענען געדרוקט אויף יעדן דף פון דער גמרא; זיינע הויפט־ספרים זענען „אומר השכחה“, „אוצר בלום“, „מיני תרגומא“ (אויפן תרגום אונקלוס), „ראשון לציון“ (צום מדרש רבה), „שאילת שלום“ (צום שאילתות), „חידושי הש״ס, „קושיות מיושבות“. — 2) מאיר בערלין (געבוירן 1880), זון פון „נצי״ב“, אנגעזענער פירער פון דער ציוניסטיש־ארטאדאקסישער ארגאניזאציע „מזרחי“; פארעפנטלעכט ווערטפולע זכרונות וועגן זיין פאטער און די לעצטע יארן פון דער וואלאזשינער ישיבה. — 3) נפתלי צבי יהודה (1817 — 1893), באקאנט אויך מיטן ראשי־תבות־נאמען „נציב“, אויך רבי הערש ליב בערלין; רב און ראש ישיבה אין וואלאזשין, וואו ער האט איבערגענומען די ישיבה נאך זיין שווער רבי יצחק וואלאזשינער; ער האט אויסגעשטעלט א סך תלמידים, וועלכע זענען געווארן דערנאך אנגעזעענע רבנים; א סך פון זיינע תלמידים זענען שפעטער באקאנט געווארן אין דער העבראישער ליטעראטור און וויסנשאפט; ער האט אויך זיך אינטערעסירט מיט ישוב ארץ־ישראל; זיינע הויפט־ספרים זענען „העמק שאלה“ אויפן שאילתות, „העמק דבר“ אויף תורה און די צוויי חלקים תשובות „משיב דבר“; ער האט אויך פארעפנטלעכט מאמרים אין פארשידענע העבראישע צייטונגען.

בערלינער, אברהם (1833—1915)

געלערנטער אין יידישער וויסנשאפט; רעדאגירט אין דייטשער שפראך „מאגאזין פאר וויסנשאפט פון אידנטום“; באנייט די געזעלשאפט „מקיצי נרדמים“ צו פארעפנטלעכן כתבי יד פון אלטע יידישע ספרים; זיינע הויפט־ארבעטן (אין דייטש) זענען דאס יידישע לעבן אין דייטשלאנד אין מיטלאלטער“ (איבערזעצט געווארן אין העבראיש „חיי היהודים באשכנז בימי הביניים“ (ווארשע 1900), „געשיכטע פון יידן אין רוים“ (אויך איבערזעצט אין העבראיש), ארויסגעגעבן רש״י אויף תורה מיט הגהות; עס איז דערשינען א דענק־שריפט לכבוד זיין 70־יאריקן יובילי „ברכת אברהם“ (אין יאר 1903), וואו עס זענען פארצייכנט די ווערק און אפהאנדלונגען פון בערלינער.

בערנע, לודוויג (1786 אין פראנקפורט — 1837 אין פאריז)

שריפטשטעלער און דענקער און פרייהייטס־קעמפער אין דייטשלאנד, געשטאמט פון יידן, געהייסן אלס ייד „ליב ברוך“; אין זיינע שריפטן און צייטונגס־ארטיקלען האט ער געפירט א שטארקן קאמף קעגן רעאקציע און אנטיסעמיטיזם; געמוזט אנטלויפן פון דייטשלאנד; צוזאמען מיט היינע געשאפן דעם דייטשן פעליעטאן; באקאנט זענען זיינע „בריוו פון פאריז“ און אנדערע ווערק, וועלכע זענען דערשינען אין דער זאמלונג „נאכגעלאסענע שריפטן“; היינע האט פארעפנטלעכט קעגן אים די פאלעמיק „בריוו איבער בערנע“.

בערנפעלד, שמעון (1860 אין גאליציע — 1940 אין בערלין)

שריפטשטעלער און היסטאריקער; געווען ראבינער אין בעלגראד; פון 1894 געוואוינט אין בערלין; געשריבן צענדליגער ספרים און פיל הונדערטער מאמרים אין העבראיש און אין דייטש; זיין הויפט־ספר איז „דעת אלהים“ (צוויי טיילן, ווארשע 1897), דאס איז די געשיכטע פון דער יידישער פילאזאפיע פון די עלטסטע צייטן ביז דער נייעסטער צייט; „תולדות הריפורמציון הדתית בישראל“ (געשיכטע פון דער רעפארם־באוועגונג ביי יידן); „מבוא לכתבי הקודש“ (היסטאריש־קריטישע פארשונג איבער די ספרי התנ״ך); „ספר הדמעות“ (זאמלונג פון

קוואַלן איבער די גזרות אין דער יידי־שער געשיכטע); „מוחמד“, „גבריאל ריסר“ און פיל, פיל אַנדערע; ער האָט אויך איבערזעצט דעם תנ״ך אויף דייטש, געשריבן אין דייטש וועגן „תלמוד“ און אַנדערע ביכער. זיין איינפלוס אויף דער אויסבילדונג פון דער יידישער ישיבות־יוגנט אין ענדע 19טן און אָנהויב 20טן יאָרהונדערט איז געווען זייער גרויס.

בערנשטיין פאַמיליע־נאָמען פון אַ ריי יידישע פערזענלעכקייטן. — 1) אהרן (1812 — 1884), יידיש־דייטשער שריפט־שטעלער און פּאָפּולאַריזאַטאָר פון נאַ־טור־וויסנשאַפט; געוואוינט אין בערלין; באַרימט זענען זיינע „ידיעות הטבע“ (איבערזעצט אין העברעאיש דורך דוד פרישמאַן (וואַרשע 1891); געשריבן אויך דערציילונגען פון יידישן לעבן „פייגעלע מגיד“, „מענדל גבור“. — 2) איגנאַצי (1836 — 1909), פאָרשער פון יידישן פאָלקלאָר, פאַרעפנטלעכט זיין זאַמלונג „שפּריכווערטער“ אין יידיש (יאָר 1908), געזאַמלט ווערטפולע אַלטע ספרים, גרינ־דער פון דער ביבליאָטעק ביי דער טלאָ־מאַצקע סינאַגאָגע אין וואַרשע.

בערעניקי יידישע פּרינצעסין, טאָכ־טער פון יידישן קעניג אַגריפּס דעם 1טן און שוועסטער פון אַגריפּס דעם 2טן; געבוירן אין יאָר 28 פון דער קריסטלעכער צייטרעכענונג; זי איז געווען באַרימט מיט איר שיינקייט און בילדונג; טיטוס דער רוימישער צעזאַר האָט זיך אין איר פאַרליבט; אין דער צייט פון טיטוסעס מלחמה קעגן יידן ביים חורבן בית שני איז זי געווען אין טיטוסעס לאַגער; זי האָט זיך באַמיט אייניקע מאָל לטובת יידן; אונטער דעם איינפלוס פון זיין פאַ־טער אספּסיאַנוס האָט איר טיטוס פאַר־לאָזט; די לעבנס־געשיכטע פון בערעניקי האָט געדינט אַלס טעמע פאַר אַ ריי היס־טאָרישע ראָמאַנען (שומאַכער און אַנדע־רע).

בערעק יאָסעלאָוויטש (1770 — אומגעקומען אין דער שלאַכט ביי קאָצק אין יאָר 1809); יידישער פּאָלקאָווניק און העלד אין די פּוילישע מלחמות אין די צייטן פון קאָשטשושקאָ און נאָכער ביי נאַפּאָלעאָנען; אין יאָר 1794 האָט ער בעת דעם קאָשטשושקאָ־אויפשטאַנד פאַר דער באַפרייאונג פון פּוילן געגרינדעט אַ יידישן פּולק; גענומען אַנטייל אין די מלחמות פון פּוילישן לעגיאָן; וועגן זיין לעבן זענען געשריבן געוואָרן אחוץ אַ ריי היסטאָרישע ביכער (לוניגנסקי אין פּוי־ליש) אויך ראָמאַנען.

בערקאָוויטש, יצחק בער (גע־בוירן 1885), יידיש־העברעאישער שריפט־שטעלער. איצט אין ארץ־ישראל. אחוץ אייגענע ווערק איז ער באַקאַנט דורך איי־בערזעצן אין העברעאיש די ווערק פון זיין שווער שלום־עליכם; זיינע אייגענע ווערק „הראשונים כבני אדם“, „ימות המשיח“ און אַנדערע; ער האָט אויך רעד־דאַגירט די „התורן“ און „מקלט“ אין אַמעריקע.

בערשאַדסקי, ישעיה (1870 — 1908), פּסעוודאָנים פון דאָמאַשעוויצקי; העברעאישער שריפטשטעלער; זיינע הויפּט־ראָמאַנען „באין מטרה“ און „נגד הזרם“; אַ געוויסע צייט רעדאַגירט דעם „הזמן“ אין ווילנע.

בעשאַ קעניג אין מלכות ישראל; ווי עס ווערט דערציילט אין מלכים א׳ ט״ו האָט ער געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן פריערדיקן מלך נדב פון דער ירבעם־די־נאַסטיע, און אים געטויט, און זיך פּראָ־קלאַמירט אַלס מלך. ער האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון 8טן יאָר־הונדערט פאַר דער קריסטלעכער צייטרע־כענונג.

בצלאל בן אורי אין חומש שמות ל"ח ווערט דערציילט, אז ער האט געבויט דעם משכן אין דער מדבר, און אז ער איז געווען גוט באקאנט אין אלע ארבעטן, אין גאלד, זילבער, שטיין און האלץ. אין מדרש ווערן געבראכט וועגן זיין חכמה פיל סיפורי אגדה.

בצלאל־שולע קונסט־שולע אין ירושלים, געגרינדעט אין יאר 1906 דורך פראפעסאר שאץ; ביי דער שולע זענען אויך פאראן האנטווערקער־ווארשטאטן ווי אויך א קונסט־מוזעאום ווי אויך א ביליאטעק פאר קונסט; א געוויסע צייט איז די שולע געווען געשלאסן צוליב מאנגל אין געלט; אין 1935 איז זי ווידער געעפנט געווארן אונטער דעם נאמען „בצלאל החדש".

בקור חולים (באזוכן קראנקע), געהערט צו די עטיש־רעליגיעזע פליכטן אין יידנטום. די גמרא סוטה י"ד זאגט, אז דאס איז איינס פון די מדות פון גאט, וועלכער איז געקומען מבקר חולה זיין אברהם אבינו. אין משנה פאה א' ווערט געזאגט, אז בקור חולים איז פון די מצוות וואס דער מענטש געניסט זייערע פרוכטן אויף דער וועלט, און דער קרן בלייבט פאר יענער וועלט. אין דער גמרא נדרים ל"ט זענען פאראן אנווייזונגען, ווי צו באזוכן קראנקע, און עס ווערט געזאגט, אז דער באזוכער נעמט צו א 60טל פון דער קראנקהייט; אין שבת י"ב ווערט געזאגט, אז מען זאל ווינטשן דעם קראנקן א רפואה צוזאמען מיט אלע אנדערע קראנקע, און אום שבת זאל מען זאגן „שבת היא מלזעוק ורפואה קרובה לבוא". אין די שפעטערע ספרים ווערט אנגענומען אז דער בקור חולים ביי ארימע קראנקע דארף באשטיין אויך אין געבן די קראנקע הילף, רפואות, געלט־שטיצע, אויף זיין ביי זיי ביינאכט. — אין כמעט אלע יידישע קהלות זענען געווען ספעציעלע חברות פון „בקור חולים" צו העלפן ארעמע קראנקע.

בר גיורא, שמעון פירער און העלד אין דער מלחמה פון יידן קעגן די רוימער אין דער צייט פון חורבן פון 2טן בית המקדש; ער האט געהערט צו די עקסטרעמע קעמפער און ער האט אין ירושלים געטויט א סך פון די יידישע אריסטאקראטישע פירער, וועלכע ער האט חושד געווען אין וועלן שלום מאכן מיט די רוימער. ווען ירושלים איז געווארן איינגענומען איז ער אריינגעפאלן אין געפאנגנשאפט צו די רוימער, וועלכע האבן אים אוועקגעפירט קיין רוים און דארט געטויט. די ידיעות וועגן בר גיורא געפינען מיר נאר אין די ווערק פון פלאוויוס („יידישע מלחמה") דאקעגן אין די סיפורים וועגן חורבן אין דער גמרא און מדרשים ווערט זיין נאמען ניט דערמאנט.

בר דרומא יידישער העלד אין דער מלחמה פון טור מלכא. אין דער גמרא גיטין נ"ז ווערט דערציילט, אז צוליב א האן און א הון איז חרוב געווארן טור מלכא, און אז דער יידישער העלד וואס איז געשטאנען אין שפיץ פון די קעמפער קעגן די רוימער איז געווען א געוויסער בר דרומא, וועלכער האט ארויסגעוויזן גרויסע גבורות און אז ער איז אומגעקומען דורך א שלאנג, און ערשט דעמאלט איז געלונגען די רוימער צו באזיגן די יידן. וועגן דעם גאנצן סיפור איבער דער מלחמה פון „טור מלכא" (אז ארט אין ארץ־ישראל, אין העברעאיש „הר המלך") זענען פאראן פארשידענע מיינונגען פון געלערנטע פארשער. טייל דענקען אז דאס איז געווען אן עפיזאד פון דער ביתר־מלחמה און אז בר דרומא איז אייגנטלעך בר כוכבא. אנדערע געלערנטע דענקען אז די טור מלכא מלחמה איז געווען א באזונדערער אויפשטאנד, וועלכער האט גארניט קיין שייכות מיט ביתר, און זאל

האָבן פאַרגעקומען פיל שפּעטער (וואָלמאַן אין „מסתרי אגדה״).

בר כוכבא באַרימטער יידישער העלד אין ארץ־ישראל לערך 132—135, געפירט מלחמה קעגן די רוימישע אונטערדריקער. וועגן בר כוכבא איז פיל געשריבן געוואָרן דורך די יידישע און ניט־יידישע היסטאָריקער ווי ראפּאָפּאָרט, גרעץ, שירער און אַנדערע. עס זענען פאַראַן אַרום בר כוכבא און זיין מלחמה אַ סך נישט־קלאָרע זאַכן. דער נאָמען בר כוכבא ווערט אין דער גמרא און איבערהויפּט אין די אַלטע יידישע קוואַלן נישט דערמאָנט; ער הייסט אין דער גמרא (ירושלמי תענית פ״ד און אַנדערע ערטער) „בן כוזיבא״, און זיינע מטבעות ווערן אָנגערופן „כוזביות״ (בבא קמא צ״ז); ער זאָל האָבן געשטאַמט פון דער שטאָט כזיב. נאָר אין די אַלטע רוימישע קוואַלן (די קאַסיוס און אַנדערע) ווערט ער אָנגערופן „בר כוכבא״; אין ירושלמי, תענית ו׳ ווערט געזאָגט, אַז זיין אָנהענגער, דער תנא רבי עקיבא, האָט אויף אים געזאָגט דעם פּסוק „דרך כוכב מיעקב״ (אַ שטערן איז אַרוים פון יעקב). ראפּאָפּאָרט אין „ערך מלין״ ווייזט פון אַ מדרש, אַז ער האָט געהייסן שמעון. אויף זיינע מטבעות וואָס מען האָט געפונען, איז פאַראַן זיין נאָמען שמעון. — ער האָט צונויפגענומען אַ שטאַרקע אַרמיי פון יידישע קעמפער און ער האָט אין עטלעכע שלאַכטן באַזיגט די רוימישע גענעראַלן אין ארץ־ישראל. עס זענען צו אים צוגעשטאַנען אָנגעזעענע יידישע פּירער, צווישן זיי דער תנא רבי עקיבא. ער זאָל האָבן געהאַט אַ האַלבן מיליאָן קעמפער. דאָס איז געווען לערך אין יאָר 132. צוויי יאָר האָט ער געהערשט איבער ארץ־ישראל און עס איז פאַראַן אַ מיינונג, אַז ער האָט איינגענומען אויך ירושלים און צוריק אויפגעבויט דאָס בית המקדש. ער האָט דעמאָלט אויסגעשמידט אייגענע מטבעות, אויף וועלכע עס איז אויפגעקריצט אויף איין זייט זיין נאָמען שמעון און פון דער צווייטער זייט „לחרות ישראל״ (צו דער באַפרייאונג פון יידן). דער רוימישער קייזער אדריַנוס האָט געשיקט קיין ארץ־ישראל אַ שטאַרקע אַרמיי אונטער דער פירונג פון פייאיקסטן גענעראַל יוליוס סעווערוס, וועמען עס איז געלונגען איינצונעמען גאַנץ ארץ־ישראל מיטן אויסנאַם פון דער פעסטונג „ביתר״ (איצט אַ קליין דאָרף, באַנסטאַציע לעבן ירושלים), וואו בר כוכבא האָט זיך פאַרפעסטיקט מיט זיין אַרמיי. די באַלאַגערונג פון ביתר האָט געדויערט אַ יאָר, און אין יאָר 135 אין תשעה באב איז ביתר איינגענומען געוואָרן דורך די רוימער, וועלכע האָבן אויסגעשאַכטן אַ האַלבן מיליאָן יידן. בר כוכבא אַליין איז אויך אומגעקומען. גאַנץ דרום ארץ־ישראל איז געוואָרן חרוב, און דער רוימישער קייזער אדריַנוס האָט אַרויסגעגעבן שווערע גזירות אויף יידן, דעמאָלט זענען אומגעקומען אויך אַ ריי גרויסע יידישע פירער, די תנאים רבי עקיבא, רבי חנינא בן תרדיון, רבי יהודה בן בבא און אַנדערע. דער חורבן פון ביתר איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַזאַ שווערן קלאַפּ פאַרן יידישן פאָלק ווי דער חורבן ירושלים. — אַרום די אַלע געשעענישן פון בר כוכבא און די סיבות וואָס האָבן געפירט דערצו, זענען פאַראַן פיל חלוקי דעות צווישן די געלערנטע היסטאָריקער. ראפּאָפּאָרט אין זיין „ערך מלין״ באַהאַנדלט די אַלע פראַגן און אויך די דאַטעס, ווען די געשעענישן זענען פאַרגעקומען, מיט פיל חריפות און בקיאות. דאָרט ווערן אויך באַהאַנדלט די אַלע אגדות אין גמרא (גטין נ״ז) און מדרש (איכה רבתי פ״ד) וועגן בר כוכבאס מלחמות און זיינע גבורות. — די טראַגישע פאַסירונג פון בר כוכבא האָט געדינט אַלס

טעמע פאר פארשידענע פאעמעס (אין יידיש גאלדפאדן, אין העברעאיש טשערניכאווסקי). — אויפן נאמען „בר כוכבא" זענען אין דער לעצטער צייט אנטשטאנען נאציאנאליסטישע סטודענטן־פאריינען, ספארט־געזעלשאפטן. — פרטים אין ראפאפארטס „ערך מליץ" (ערך „אדרינוס"), גרעץ געשיכטע, הלוים „דורות הראשונים".

בר מצוה אין דער משנה פרקי אבות פרק ה', ווערט געזאגט „בן שלש עשרה למצוות", אז א יידיש אינגל ווערט אלט 13 יאר, ווערט ער פוליעריק און ער מוז מקיים זיין אלע מצוות גלייך ווי א דערוואקסענער. אויך אין א ריי אנדערע ערטער אין תלמוד געפינען מיר, אז צו 13 יאר הייסט מען דערוואקסן, פול־יאריק. דערפון שטאמט דער אויסדרוק „ווערן א בר מצוה" ווען א אינגל ווערט אלט 13 יאר. ער הויבט דעמאלט אן צו לייגן תפילין (כדי אים צוצוגעוואוינען צו תפילין לייגן, הויבט מען מיט אים אן א מאנאט פריער, און ביי א יתום א יאר פריער); ער הויבט אן פאסטן יום כפור און ער ווערט א פול־דערוואקסענער ייד אין באצוג צו רעליגיעזע פליכטן. עס איז דער מנהג אויפצורופן דעם שבת פון דער וואך דעם בר מצוה צו דער ספר תורה, געוויינלעך צו דער עליה מפטיר, און דער פאטער מאכט דעמאלט אויף אים די ברכה „ברוך שפטרני מענשו של זה" (וואס איך בין באפרייט געווארן פון זיין פאראנטווארטלעכקייט); עס הייסט, אז ביז איצט איז דער פאטער געווען פאר אים פאראנטווארטלעך. דער מנהג ווערט דערמאנט אין מדרש בראשית רבה פרשה ס"ג, עס איז אויך א מנהג צו מאכן א סעודה צו דער בר מצוה פייערונג און דער בר מצוה זאגט א דרשה. אין די רעפארם־געמיינדעס איז איינגעפירט איינצוארדענען „בר־מצוה־פייערונגען" אויך פאר מיידלעך ווען זיי ווערן אלט 12 יאר. מען רופט עס „קאנפירמאציע". אלע פרטים וועגן בר מצוה און די פייערלעכקייטן וואס זענען דערמיט געווען פארבונדן אין פארשידענע צייטן און לענדער האט לעצטנס פארעפנטלעכט יצחק ריבקינד אין אן אפהאנדלונג „לאות ולזכרון".

בר קמצא נאמען פון א ייד אין ירושלים. לויט דער אגדה אין גמרא גיטין נ"ו האט ער דערפירט צום חורבן פון 2טן בית המקדש, איבערגעבנדיק א מסירה קיין רוים, אז די יידן האבן מורד געווען אין רוימישן קייזער. ער זאל דאס האבן געטאן, ווייל יידן האבן אים עפנטלעך באליידיקט בעת א סעודה. טייל געלערנטע מיינען אז דאס זאל „קסעמפסוס דער זון פון קסעמפסוס", וועלכער ווערט דערמאנט ביים יידישן היסטאריקער פון יענער צייט יוסף פלאוויוס.

בר קפרא תנא, פון לעצטן דור תנאים, אין ענדע פון 2טן יארהונדערט, א חבר און תלמיד פון רבי יהודה הנשיא; לויט טייל מיינונגען זאל ער האבן געהייסן שמעון; לויט אנדערע זאל ער האבן געהייסן „אבא" אדער „אלעזר"; ער האט געזאמלט אייגענע משניות (מדרש קהלת ו'). אין נדרים נ' ווערט דערציילט אויף אים, אז ער איז געווען א וויצלער און ער האט מבדח געווען רבי יהודה הנשיא אויף זיינע שמחות; ער האט אויך פארפאסט אין העברעאיש א רעטעניש; דעם טאג ווען רבי יהודה הנשיא איז געשטארבן האט ער די ידיעה וועגן טויט איבערגעגעבן אין א שיינער העברעאישער מליצה (כתובות ק"ד); עס זענען פאראן פון אים אין דער גמרא פיל הלכות און אגדות; אין כתובות ה' זאגט ער, אז א מענטש דארף אויסמיידן צו הערן נישט שיינע זאכן; אין שבת קנ"א זאגט ער „לעולם יבקש אדם רחמים" (א מענטש

דאָרף שטענדיק בעטן); אין מדרש רבה בראשית מ״ח רעדט ער וועגן דער וויכטיקייט פון שלום.

בראָדי חיים (1868 — 1942) רב און געלערנטער אין פּראג, לעצטנס אין ארץ־ישראל; פאָרשער פון פּיוטים; פאַרעפנטלעכט אנטאָלאָגיע פון העברעאישער פּאָעזיע; לעצטנס דער לייטער פון אינסטיטוט פאַר פאָרשן העברעאישער פּאָעזיע אין מיטלאַלטער אין ירושלים.

בראָדעצקי, זעליג (געבוירן 1881) פּראָפעסאָר פון מאַטעמאַטיק אין ענגלאנד; פּאָליטישער פירער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און יידישער אַגענץ.

בראָדער זינגער אַ גרופּע יידישע פאָלקס־זינגער אין דער מיט פון 19טן יאָרהונדערט; געשטאַמט פון בראָד, געוואַנדערט איבער רומעניע, מזרח־גאַליציע און דרום־רוסלאַנד, געזונגען אייגענע קופּלעטן. דער באַקאַנטסטער צווישן זיי איז בערל בראָדער־מרגליות, בדחן און זינגער (לערך 1817 — 1880); זיינע יידישע פאָלקס־קופּלעטן זענען געווען זייער פּאָפּולער. די בראָדער זינגער האָבן פיל מיטגעהאָלפן צו דער אַנטשטייאונג פון יידישן טעאַטער אין מזרח־גאַליציע און רומעניע און טייל פון זיי זענען געווען די ערשטע אַרטיסטן אין גאָלדפאַדנס טעאַטער.

בראַזיליע לאַנד אין דרום־אַמעריקע, ביי 43 מיליאָן איינוואוינער, צווישן זיי 60 טויזנט יידן; דער יידישער ישוב האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1548 דורך אנוסים פון פּאָרטוגאַל; אויך אין בראַזיליע איז געווען דעמאָלט די אינקוויזיציע; בעת דער קורצער האָלענדישער הערשאַפט (פון יאָר 1624) זענען געווען אין בראַזיליע יידישע קהלות; אין יאָר 1654 געווען אַ גרוש אויף יידן; פון אָנהויב 19טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן אַ קליינע יידישע אימיגראַציע, אַמייסטן פון ספרדישע יידן; ערשט אין אָנהויב 20טן יאָרהונדערט האָבן אָנגעהויבן קומען אשכנזישע יידן; יק״א האָט דאָרט געגרינדעט עטלעכע קאָלאָניעס. אַמייסטן יידן געפינען זיך אין דער הויפּטשטאָט ריאָ דע זשאַנעירא.

בראַנדייס, לואי (1856 — 1941) יידישער יוריסט, מיטגליד אין העכסטן געריכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן אין אַמעריקע, כלל־טוער און ציוניסט, מיטגעהאָלפן אין יאָר 1919 בעת דעם ווערסאַילער שלום־אָפּמאַך לטובת יידן; אין ציוניזם האָט ער געהאַלטן פון פּראַקטישער, פּריוואַטער אַרבעט; געהאָלפן גרינדן פיל געזעלשאַפטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון ארץ־ישראל.

בראַנדעס, געאָרג (1842 — 1927), זיין ריכטיקער נאָמען מאָריס כהן, באַרימטער שריפטשטעלער אין דענמאַרק; פאַררעכנט אַלס זייער באַדייטנדער ליטעראַטור־קריטיקער; זיין הויפּט־ווערק „די הויפּטשטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון 19טן יאָרהונדערט״; מיט יידן זיך ווייניק אינטערעסירט; נאָר אין באַקאַנטן פּראָצעס פון דרייפוס און בעת די רדיפות אין פּוילן, רומעניע, איז ער אַרויסגעטרעטן לטובת יידן; אין די לעצטע יאָרן זאָל ער האָבן אַנערקענט די ריכטיקייט פון ציוניזם.

בראשית (אין אָנהויב), דאָס ערשטע ספר פון חומש, הויבט זיך אָן מיטן וואָרט „בראשית״; אין די אייראָפּעאישע שפּראַכן איז עס באַקאַנט מיטן נאָמען „גענעזיס״ (גריכיש וואָרט, דער טייטש „אַנטשטייאונק״, די אַנטשטייאונק פון דער וועלט), נאָמען פון ספר בראשית אין דער אַלטער גריכישער תנ״ך־איבערזעצונג „סעפּטואַגינטא״; דאָס ספר האָט 12 סדרות; עס אַנטהאַלט דעם סיפּור ווי

אזוי די וועלט איז באשאפן געווארן, דערנאך דעם סיפור פון אדם וחוה, קין און הבל, נח און דעם מבול, נמרוד, אברהם אבינו, יצחק, יעקב, יוסף און די ברידער, ביז יעקב און זיינע קינדער זענען געקומען קיין מצרים און דעם טויט פון יעקב און די שבטים. — דער ערשטער שבת אנהויב ווינטער ווען מען הויבט אן לייענען דעם דאזיקן ספר, ווערט אנגערופן „שבת בראשית“, ווייל אויך די סדרה פון דער וואך הייסט „בראשית“. עס איז אן אלטער מנהג אויך אום שמחת תורה צו לייענען די ערשטע פרשה פון בראשית און דער וואס קריגט די דאזיקע עליה הייסט „חתן בראשית“, און לכבוד אים ווערן געזונגען פיוטים. — ווענן חומש זע זוכווארט „חומש“. — זע אויך „מעשה בראשית“.

בראשית רבה זע „מדרשים“.

ברוידעס, ראובן אשר (1851 — 1902), העברעאישער שריפטשטעלער; זיינע ראמאנען „הדת והחיים“ און „שתי הקצוות“, וועלכע זענען געווען געצילט איינצופלאנצן השכלה און נייגונגען צו לייכטע רעפארמען אין יידישן רעליגיעזן לעבן האבן געהאט א גרויסן איינפלוס; א געוויסע צייט האט ער אין רומעניע ארויסגעגעבן א וואכנבלאט אויף יידיש „יהודית“ (1883) געווידמעט דער חבת־ציון־באוועגונג.

ברוך דער זון פון נריה, תלמיד פון ירמיהו הנביא; אין ספר ירמיה ל"ו ווערט דערציילט, אז ברוך בן נריה האט אויפגעשריבן די נבואות פון ירמיהו; דארט זאגט ברוך: „מפיו יקרא אלי את כל הדברים האלה ואני כתב על הספר בדיו“ (ער, ירמיהו, לייענט מיר פאר די אלע ווערטער, און איך שרייב זיי אויף דעם ספר מיט טינט). אין ירמיה מ"ג ווערט געזאגט אז ברוך איז צוזאמען מיט ירמיהו אוועק קיין מצרים; לויט טייל אלטע קוואלן (פלאוויוס אין „אלטערטימער“, בוך 10, קאפיטל 1) איז ברוך געשטארבן אין בבל. אין דעם „סבוב רבי פתחיה“ (רייזנדער פון 12טן יארהונדערט) ווערט דערציילט, אז אין בבל איז פאראן ברוכס קבר. לויט אן אלטער טראדיציע, וועלכע ווערט געבראכט אויך אין דער הקדמה פון רמב"ם צו משניות זרעים, איז עזרא הסופר געווען א תלמיד פון ברוך בן נריה.

ברוך ספר פון די „כתובים אחרונים“ (אפאקריפן) וואס איז פארבליבן אין דער גריכישער שפראך, און אין דעם ספר ווערט אנגעגעבן אז עס איז פארפאסט געווארן דורך ברוך בן נריה, ירמיהוס תלמיד. עס האט 5 פרקים, תפילות און טרייסט־נבואות, וואס זאלן האבן געשיקט געווארן דורך ברוך פון בבל קיין ארץ־ישראל צו די איבערגעבליבענע יידישע איינוואוינער נאכן חורבן פון 1טן בית המקדש. אין ספר איז אויך פאראן א בריוו וואס ברוך זאל האבן געשיקט צו די עשרת השבטים, אנזאגנדיק זיי צו געדענקען די תורה און ציון און שבת. — דאס ספר איז, נאטירליך, ניט פון ברוך, און איז געשריבן געווארן ווארשיינלעך אין דער צייט פון די חשמונאים (לערך 160 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) און דער אריגינאל איז געווען העברעאיש אדער אראמעאיש, און איז נאכער איבערזעצט געווארן אין גריכיש. — אויף העברעאיש איז עס צוריק איבערזעצט געווארן דורך פרענקעל אין זיין „כתובים אחרונים“, דורך פלעסנער אין זיין „נוזלים מן לבנון“ (בערלין 1833), און אין כהנאס „ספרים חצונים“ (ירושלים 1937). — לעצטנס האט מען געפונען אין א ריי אלטע שפראכן, אין אלט־עטיאפיש, סיריש און אלט־סלאוויש, פארשידענע אפאקריפן־ספרים, אין וועל־

בע, עס ווערט דערציילט, אז ברוך איז געווען זייער מחבר. דאס זענען אמייסטן נבואות, דברי מוסר, באשרייבונגען פון הימל און מלאכים; זיי אנטהאלטן אין זיך מיינונגען פון טייל אלטע סעקטעס, גנאסטיקער און אנדערע; אין איינעם פון זיי ווערט געבראכט די לעגענדע ווי א געוויסער מאן מיטן נאמען עבד מלך איז געשלאפן 66 יאר. דאס דערמאנט די אגדה פון דער גמרא תענית כ"ג וועגן חוני המעגל, וועלכער איז געשלאפן 70 יאר.

ברוך (געלויבט זאל זיין), מיט דעם ווארט הויבן זיך אן אלע ברכות וואס מען זאגט אין דאווענען ווי אויך ביי פארשידענע אנגעלעגנהייטן. זע זוכווארט „ברכות".

ברוך הבא (געבענטשט זאל זיין דער אריינקומענדער), דאס איז דער אויסדרוק פון באגריסונג ביי פרומע יידן, ווען עס קומט אריין א חשובער גאסט אין הויז; אין פאלקס-יידיש אין פוילן איז עס פארוואנדלט געווארן אין איין ווארט „בארעכאבע", מיטן אקצענט אויפן „כא"; דער אויסדרוק שטאמט שוין פון תנ"ך (תהלים קי"ח).

ברוך השם (געלויבט זאל זיין דער נאמען, דאס הייסט גאט), אויסדרוק, וואס ווערט גענוצט דורך פרומע יידן ווען זיי דערציילן וועגן גוטע פאסירונגען וואס זענען מיט זיי פארגעקומען.

ברוך בן יצחק פוסק, פון די בעלי התוספות, געלעבט אין דייטשלאנד (ווארמס) אין ענדע 12טן יארהונדערט; מחבר פון ספר „התרומות" אויף דינים, און אויך פון תוספות אויף א ריי גמרות.

ברוך פון מעזשבוזש (לערך 1752 — 1811), רבי אין וואלין, אייניקל פון בעל שם טוב, זון פון בעש"ט טאכטער אדל; געוואוינט צו ערשט אין טאלטשין, און צום סוף אין מעזשבוזש. זיינע ווערטער געפינען זיך אין ספר „בוצינא דנהורא"; ער האט געהאט מחלוקת מיט זיין שוועסטערן-זון רבי נחמן בראסלאווער, דעם אלטן לאדיער רבי ר' שניאור זלמן און אנדערע; אויף זיין הויף איז געווען דער בדחן הערשעלע אסטראפאלער, וועלכער פלעגט דעם רבין ווייילען מיט וויצן.

ברוך שאמר (געלויבט זאל זיין דער וואס האט געזאגט, דאס הייסט גאט); א לויב-געזאנג, וואס מען זאגט יעדן אינדערפרי ביים דאווענען פאר די קאפיטלעך תהלים (פסוקי דזמרא); לויט צונץ איז עס פארפאסט געווארן אין דער צייט פון די רבנן סבוראי (אין 7טן יארהונדערט); געפינט זיך שוין אין סידור פון רב עמרם גאון; ווערט געבראכט אין סדר אליהו זוטא.

ברונא, ישראל (געבוירן לערך 1410 — געשטארבן לערך 1480), רב און פוסק אין דייטשלאנד; געוואוינט צוערשט אין דער בעמישער שטאט ברין (דערפון זיין נאמען ברונא) און נאכער אין רעגענסבורג, וואו ער איז געווארן רב און ראש-ישיבה; געווען עטלעכע מאל ארעסטירט צוליב מסירות און עלילת דם; זיין ספר „שאלות ותשובות" איז געדרוקט געווארן דאס ערשטע מאל אין סאלאניקי 1798; אין דער לומדישער וועלט איז ער פון די אנגעזעענסטע פוסקים.

ברוריה (געלעבט אין 2טן יארהונדערט אין ארץ-ישראל), פרוי פון תנא רבי מאיר, טאכטער פון תנא און קדוש רבי חנינא בן תרדיון; אין תוספתא כלים ווערן געזאגט הלכות אין איר נאמען; אין ברכות י' ווערט געזאגט, אז ברוריה האט געדרשנט דעם פסוק „יתמו חטאים מן הארץ", אז „די זינד זאל פארשווונדן

ווערן" און נישט די „זינדיקע" זעלבסט, כדי די זינדיקע זאָלן תשובה טאָן. אין דער גמרא (ערובין כ"ג) ווערן דערציילט פון איר קלוגע ווערטער; פאַראַן אַ לעגענדע, אַז זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד (עבודה זרה י"ח, אין רש"י).

ברטנורא, עובדיה רב און מפרש פון דער משנה אין סוף פון 15טן און אָנהויב 16טן יאָרהונדערט; צוערשט געלעבט אין איטאַליע, שטאָט „בערטינאַראָ"; אין יאָר 1488 זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל, געוואָרן רב אין ירושלים, וואו ער האָט אָנגעפירט מיט אַ ישיבה; זייער פּאָפּולער איז זיין פּרוש אויף משניות, וועלכער איז געשריבן מיט אַ קלאָרער שפּראַך און איז צוגענגלעך אויך פאַר נישט־לומדים; דער פּירוש איז געדרוקט געוואָרן דאָס ערשטע מאָל אין ווענעציע, 1549, און פון דעמאָלט אָן פיל מאָל, צוזאַמען מיט דעם משניות; דער פּירוש ברטנורא איז פאַר משניות דאָס זעלבע, וואָס רש"י פאַר חומש און גמרא; רבי עובדיה ברטנורא האָט אויך געשריבן בריוו וועגן זיין רייזע קיין ארץ־ישראל און אויך וועגן לעבן אין ארץ־ישראל; די בריוו האָבן אַ גרויסן ווערט; זיי שילדערן אונדז די רייזע־מעגלעכקייטן און אויך דאָס לעבן אין ארץ־ישראל אין יענער צייט; זיינע בריוו זענען צוערשט געדרוקט געוואָרן דורך זאַקס אין „יאַהרבוך פיר געשיכטע דער יודען", 1863; דער ברטנורא זאָל האָבן נפטר געוואָרן לערך דעם יאָר 1502; זיין קבר איז אין ירושלים.

בריאת־העולם (די שאַפונג פון דער וועלט); אין חומש בראשית ווערט דערציילט ווי גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין 6 טעג; אַרום דעם דאָזיקן ספּור זענען אַנטשטאַנען אין דער גאַנצער יידישער רעליגיעזער ליטעראַטור פון די עלטסטע צייטן אָן דורכן גאַנצן מיטלאַלטער פיל פּראָבלעמען; עס איז צום ערשטן דאָס פּראָבלעם, צי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פון גאָרנישט (בריאה יש מאין) אָדער עס איז פון שטענדיק אָן געווען עפּעס אַן אייביק־עקזיסטירנדער עלעמענט, וואָס פון אים איז די וועלט אַנטשטאַנען; די גריכישע פילאָזאָפן, און באַזונדערס אַריסטאָטעל, האָבן געהאַלטן, אַז עס האָט עקזיסטירט אַן אור־עלעמענט, „היולי", וועלכער ווערט דורך די יידישע פילאָזאָפן אָנגערופן מיטן נאָמען „חומר ההיולי"; די יידישע רעליגיעזע פילאָזאָפן און באַזונדערס דער רמב"ם האָבן געהאַלטן, אַז די וועלט איז נישט קיין „קדמון" (פון אייביק־עקזיסטירנד), נאָר איז באַשאַפן געוואָרן פון גאָרנישט. אַרום דער דאָזיקער פראַגע פון „בריאה יש מאין" זענען געפירט געוואָרן פיל ויכוחים אין מיטלאַלטער און די יידישע רעליגיעזע פילאָזאָפן האָבן זיך באַמיט צו פאַרטיידיקן דעם דאָזיקן פּרינציפּ פון וועלט־שאַפונג. — די צווייטע פראַגע איז וועגן דער צייט פון דער וועלט־שאַפונג. למשל, לויט דער טראַדיציע איז אָנגענומען אַז דאָס היינטיקע יאָר איז ה' אלפים תש"ג, דאָס הייסט אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן מיט 5703 יאָר צוריק. אין מדרש בראשית רבה פ"ג ווערט געזאָגט די מיינונג, אַז גאָט האָט פריער באַשאַפן אַ סך אַנדערע וועלטן, נאָר זיי זענען אים נישט געפעלן געוואָרן און ער האָט זיי חרוב געמאַכט, ביז ער האָט באַשאַפן די איצטיקע וועלט; דער באַקאַנטער מפרש און רב ר' ישראל ליפשיץ, מחבר פון „תפארת ישראל" אויף משניות אין דרוש „אור החיים" צום סוף סדר נזיקין מיינט, אַז די ווערטער פון דאָזיקן מדרש שטימען מיט די נייע וויסנשאַפטלעכע מיינונגען, אַז די ערד עקזיסטירט אַ סך לענגער. — וועגן דער צייטרעכענונג „לבריאת העולם" זע זוכוואָרט „צייטרעכענונג; זע אויך זוכוואָרט „מעשה בראשית".

בריונים אין דער גמרא גיטין נ"ו אין די סיפורים וועגן חורבן פון 2טן בית המקדש און מלחמה קעגן די רוימער ווערן די יידישע מלחמה־אנהענגער און קעמפער אנגערופן „בריוני", און זייער פירער הייסט „ריש בריוני"; זע זוכווארט „חורבן ירושלים".

בריטאניע, בריטישע אימפעריע זע „ענגלאנד".

בריטיש איזראעל נאמען פון א קריסטלעכער געזעלשאפט אין ענגלאנד מיט אפטיילונגען אין אלע דאמיניאנס פון דער בריטישער אימפעריע, וועלכע האלט, אז די בריטישע אימפעריע איז דאס „פאלק ישראל", וועגן וועלכן דער תנ"ך זאגט, אז עס איז דאס אויסדערוויילטע פאלק אין דער וועלט. לויט טייל גלויבונגען פון טייל מיטגלידער פון דער געזעלשאפט שטאמען אפ די ענגלענדער פון די עשרת השבטים.

בריינין, ראובן (1862 — 1939) העברעאישער און יידישער שריפטשטעלער; געוואוינט לעצטנס אין קאנאדע; רעדאגירט צייטשריפטן „ממזרח וממערב" „לוח אחיאסף", „הדרור", „התורן", פארפאסט א ריי מאנאגראפיעס איבער סמאלענסקין מאפו, צעדערבוים, הערצל; איבערזעצט אין העברעאיש נארדויס „פאראדאקסן", לאצארוס „ירמיהו", און אנדערע ווערק; געדרוקט עטלעכע טויזנט ארטיקלען אין כמעט אלע העברעאישע און יידישע טאג־צייטונגען און זשורנאלן; זאמלונגען פון זיינע שריפטן זענען דערשינען עטלעכע מאל; אין די לעצטע יארן איז ער געווארן אן אנהענגער פון דער יידישער קאלאניזאציע אין ביראבידזשאן, און דערמיט ארויסגערופן קעגן זיך קעגנערשאפט אין טייל ציוניסטישע קרייזן. זיין קבר איז אין מאנטרעאל, קאנאדע.

ברייתא מיטן דאזיקן נאמען האט מען אנגערופן די הלכות פון תנאים, וועלכע זענען נישט אריינגעגאנגען אין דער משנה און זענען געבליבן אין „דרויסן" (דער טייטש „ברא" אויף אראמעאיש איז „דרויסן"); דער מסדר פון משניות רבי יהודה הנשיא האט די דאזיקע הלכות נישט אריינגענומען אין זיין זאמלונג משניות, הגם א סך פון זיי זענען אים יא געווען באקאנט, נאר ער האט זיי באטראכט אלס נישט אזוי וויכטיק. דעריבער שטייט די משנה אויף א העכערער מדרגה פון דער ברייתא, און די גמרא יבמות מ"ב זאגט, אז אויב אין דער משנה ווערט געזאגט א הלכה סתם, און אין דער ברייתא איז פאראן וועגן איר א מחלוקה איז די הלכה ווי אין דער משנה. די ברייתות זענען פאראן אין פארשידענע זאמלונגען. אמייסטן זענען זיי געזאמלט געווארן אין דער „תוספתא"; א סך פון זיי זענען פאנאנדערגעשפרייט איבער דער גמרא, און זיי ווערן געבראכט מייסטנס מיטן ווארט „תנו רבנן" אדער „תניא", „מען האט געלערנט", אין דער צייט וואס ווען די גמרא ברענגט א משנה איז עס מיטן ווארט „תנן". אין דער גמרא ווערן גאנץ אפט געבראכט ברייתות מיטן נאמען פון זאמלער; וועגן דעם זאמלער פון דער תוספתא זע זוכווארט „תוספתות". — עס זענען פאראן ספעציעלע ברייתות, וועלכע מיר רעכענען דא אויס: 1) די ברייתא פון פרקי אבות, דאס איז דער 6טער פרק „קנין תורה". וועלכער איז אין די משניות נישט פאראן, נאר צום זאגן פרק זומער האט מען אים צוגעגעבן (אין 9טן יארהונדערט, אין דער צייט פון גאונים); — 2) ברייתא פון רב אדא וועגן קידוש החודש; דער מפרש צו הלכות קדוש החודש אויפן רמב"ם (פ"י) ברענגט זי, נאר זי איז פארלוירן געגאנגען; 3) ברייתא דרבי אליעזר, דאס איז דער פרקי דרבי אליעזר; — 4) ברייתא

דרבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי; דאס זענען די ל״ב מדות, לויט וועלכע מען טייטשט איין פסוקים פון תנ״ך; — 5) ברייתא פון „סדר עולם״, היסטארישע כראניק; — 6) ברייתא פון מ״ט מדות פון רבי נתן (פארלוירן געגאנגען). — 7) ברייתא דרבי ישמעאל, די י״ג מדות, מיט וועלכער מען טייטשט איין פסוקים אין תנ״ך, מען זאגט איר אין דאווענען יעדן טאג אינדערפרי צו שחרית; — 8) ברייתא דמלאכת המשכן, וועגן דעם משכן; — 9) ברייתא דרבי פנחס בן יאיר, מיסטישע לערע; — 10) ברייתא דנדה; — 11) ברייתא דשמואל וועגן קידוש החודש. — וועגן יעדער פון זיי זע ביים אנטשפרעכנדן זוכווארט, ווי „שמואל״, „נתן״, „משכן״, „סדר עולם״ און אזוי ווייטער.

בריסק שטאט אין ווייסרוסלאנד, געהערט אמאל צו רוסלאנד און אמאל צו פוילן; אויף פויליש „בזשעשטש״, אויף רוסיש „ברעסט ליטאווסק״, אין די אלטע ספרים „בריסק דליטא״; יידן וואוינען דארט פון 14טן יארהונדערט; אין 18טן יארהונדערט פלעגט זיך דארט צונויפקומען דער „ועד ארבע ארצות״; דארט האט אין 16טן יארהונדערט געוואוינט רבי שאול וואל; די אמאליקע גרויסע רבנים פון בריסק זענען געווען רבי שלמה לוריא (מהרש״ל), רבי אפרים זלמן שור („תבואות שור״); אין ענדע 19טן יארהונדערט זענען געווען די רבנים רבי יוסף בער סאלאווייטשיק און זיין זון רבי חיים; עס וואוינען ביי 20 טויזנט יידן.

ברית (פריינטשאפטס־בונד); אין חומש און איבערהויפט אין תנ״ך ווערט דער דאזיקער אויסדרוק אנגעווענדט אין פיל פאלן, ווען גאט האט געשווארן נישט מער צו ברענגען קיין מבול אויף דער וועלט (בראשית ט׳) ווערט גענוצט דאס ווארט „כורת ברית״, שליסן אן אפמאך, א פריינטשאפטס־בונד מיט די מענטשן, אז ער וועט אויף זיי נישט ברענגען דאס מבול־אומגליק. ווען גאט שליסט מיט אברהם אבינו דעם ברית בין הבתרים (פראשית כ״א) ווערט עס אויך אנגערופן „ברית״. די לוחות וואס גאט האט געגעבן די יידן אויפן בארג סיני הייסן „לוחות הברית״ און דער ארון „ארון הברית״ (שמות כ״ד); דער שבת איז „ברית עולם״, „אייביקער בונד״ (שמות ל״א); ווען עס וועט זיין די גאולה וועט קומען דער „מלאך הברית״ (מלאכי ג׳); דער באדייטנדסטער ברית־צייכן אין דער יידישער רעליגיע און ווערט אויך היינט גערופן כתם „ברית״ איז מילה; זע ביים זוכווארט „מילה״.

ברית חדשה זע „עוואנגעליום״.

ברית טרומפלדור זע „ביתר״.

ברית שלום (פרידנס־בונד), פארטיי אין ארץ־ישראל (געגרינדעט 1927 דורך דר. ארטור רופין) וועמענס פראגראם איז צו לעזן די אראבער־פראגע אין ארץ־ישראל דורך פשרות מיט די אראבער; אירע פירער זענען דר. מאגנוס, דר. רופין, דר. הוגא בערגמאן, קאלווארסקי און אנדערע; זיי זענען א פארשווינדנדע מינדערהייט אין דער יידישער באפעלקערונג אין ארץ־ישראל.

ברכה זע „בענטשן״.

ברכות (בענטשונגען, דאנקען, לויבן, באגריסן), אין דער יידישער רעליגיע ווערט אנגעוויזן, אז דער ייד דארף בענטשן און דאנקען גאט, ביי פארשידענע אומשטענדן און אנגעלעגנהייטן. עס זענען פאראן די אלע ברכות, וואס מען זאגט ביים דאווענען, אדער פארן און נאכן עסן און טרינקען, ביי פארשידענע געשעענישן, ביים טוען מצוות. דער נוסח פון דער ברכה הויבט זיך געוויינ־

לער אָן מיט די ווערטער ברוך אתה ה'
אלהינו מלך העולם" (געבענטשט ביזטו,
גאָט, אונדזער גאָט, דער קעניג פון דער
וועלט); אַזאַ „פולע" ברכה הייסט „בשם
ומלכות", דאָס הייסט מען דערמאָנט
גאָטס נאָמען „ה' אלהינו", און „מלכות",
דאָס הייסט „מלך העולם". עס זענען
פאַראַן אויך „נישט־פולע" ברכות, ווען
מען זאָגט בלויז „ברוך אתה ה'" (געלויבט
ביזטו גאָט). עס זענען אויך פאַראַן בר־
כות אין וועלכע מען דערמאָנט אינגאַנצן
נישט דעם נאָמען גאָט; למשל ווען עס
שטאַרבט אַ נאָענטער פריינט זאָגט מען
„ברוך דיין האמת" (געלויבט זאָל זיין
דער וואַרהאַפטיקער ריכטער), אָדער ביי
אַ בר־מצוה זאָגט דער פאָטער „ברוך
שפטרני". — די ברכות ביים עסן און
טרינקען ווערן אָנגערופן „ברכות הנה־
נין". פאַר יעדן מין עסן ווערט געמאַכט
אַן אַנדער ברכה ווי „המוציא לחם מן
הארץ", „בורא מיני מזונות", „בורא
פרי האדמה", „בורא פרי העץ"; ביים
טרינקען וואַסער „שהכל נהיה בדברו";
ביי וויין „בורא פרי הגפן"; נאָכן עסן
ברויט ווערן געמאַכט עטלעכע ברכות
וואָס הייסן „ברכות המזון" (בענטשן);
נאָך וואַסער טרינקען „בורא נפשות";
נאָך וויין „על הגפן", נאָך קוכן „על
המחיה"; אויף גוטע געשעענישן ווערט
געמאַכט די ברכה „שהחיינו"; עס זענען
פאַראַן אויך באַזונדערע ברכות ביי אַ דונ־
נער, בליץ; ביים אויסמיידן אַ געפאַר
בענטשט מען „גומל"; פאַר טאָן אַ מצוה
מאַכט מען די ברכה פון דער מצוה; למשל
ביים תפילין לייגן „להניח תפילין"; דאָס
זעלבע ביים אָנטאָן ציצית, בענטשן אֶת־
רוג (על נטילת לולב). ווען מען הערט
מאַכן אַ ברכה ענטפערט מען „אמן" (זע
זוכוואָרט „אמן"). מען טאָר ניט מאַכן
אַ ברכה אומזיסט, ווייל דאָס הייסט
„ברכה לבטלה". — עס איז ניט באַ־
וואוסט, פון וועלכער צייט די ברכות
שטאַמען. טייל זענען זיכער אַלט, און
דער חומש דברים ח' זאָגט אַז „ואכלת
ושבעת וברכת", אַז מען עס אָפּ זאָל
מען בענטשן. די גמרא ברכות ל"ג זאָגט,
אַז די אנשי כנסת הגדולה (חכמים אין
אָנהויב פון 2טן בית המקדש) האָבן מתקן
געווען די ברכות. דער רמב"ם זאָגט אַז
די ברכות האָט מתקן געווען עזרא, וועל־
כער איז געווען אין אָנהויב פון דער צייט
פון די אנשי כנסת הגדולה (רמב"ם הל־
כות קריאת שמע פ"א). די מאָדערנע גע־
לערנטע היסטאָריקער (ווייס אין „דור
דור ודורשיו" און אַנדערע) האָבן אָבער
נישט קיין באַשטימטע מיינונג וועגן דער
צייט פון דער אַנטשטייאונג פון ברכות;
טייל פון זיי מיינען אַז אַ סך ברכות זע־
נען אויפגעקומען שפּעטער, אין דער צייט
פון יבנה (2טן יאָרהונדערט); די מיינונג
שיינט נישט צו זיין קיין ריכטיקע. —
זע הלוי „דורות הראשונים", עלבאָגן
„תולדות התפילה והעבודה בישראל". —
אין דער משנה סוף ברכות ווערט געזאָגט
„כשם שמברך על הרעה כך מברך על
הטובה", אַז דער מענטש דאַרף דאַנקען
גאָט אויך פאַר אַ שלעכט געשעעניש,
ווייל דער מענטש קאָן נישט פאַרשטיין
די געטלעכע דרכים און די שלעכטע גע־
שעענישן קאָנען זיין בעצם פאַר דעם
מענטשנס טובה. דערפון שטאַמט, וואָס
אויך אין פאַל פון טויט זאָגט מען די
ברכה „ברוך דיין האמת" און „צידוק
הדין". — זע אויך די זוכווערטער „אמן",
„בענטשן", „ברכות המזון", „גומל". —
פרטים וועגן נוסחאות און מקורים פון
ברכות זע די ווערק פון זאב יעבץ „מקור
הברכות" און זיין סידור „עבודת הל־
בבות".

ברכות נאָמען פון ערשטער מסכתא
אין משנה און גמרא, אין בבלי און ירו־
שלמי; געהערט צום סדר זרעים; באַהאַנ־

דלט אלע ענינים פון ברכות, דאווענען, קריאת שמע; האט 9 פרקים; פאראן צו איר תוספתא; א גרויסער טייל פון דער גמרא ברכות באשטייט פון אגדות. אין דער גמרא בבא קמא ל' ווערט געזאגט: „ווער עס וויל זיין א חסיד זאל מקיים זיין די „ווערטער פון ברכות", און עס זענען פאראן טייל וואס טייטשן, אז דאס מיינט מען מקיים זיין די מאראלישע ווערטער, וואס געפינען זיך אין דער משנה און גמרא ברכות.

ברכות המזון (בענטשן נאכן עסן). דאס בענטשן נאכן עסן קומט פאר נאר ווען מען עסט ברויט פון „חמשת המינים", פון ווייץ, קארן, גערשטן, האבער, דורא; דאס איז די עלטסטע ברכה וואס מיר ווייסן און זי איז פאראן אין חומש דברים ח' „ואכלת ושבעת וברכת" (דו וועסט עסן, זיין זאט און בענטשן). אבער די טעקסטן פון אונדזער היינטיקן בענטשן זענען פארפאסט געווארן שפעטער: די צייט איז נישט באשטימט. די געלערנטע זענען וועגן דעם מחולק. אין ברכות מ"ח ווערט געזאגט, אז שמעון בן שטח (אין 2טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) האט געבענטשט ברכות המזון. דאס בענטשן נאכן עסן ווערט דערמאנט אין אנדערע קוואלן פון דער צייט פון בית שני (פלאוויוס, מלחמה 5, 8). דאס בענטשן באשטייט פון 4 ברכות; די ערשטע צוויי „ברכת הזן" און „ברכת הארץ" (א דאנק פארן שפייז און פארן לאנד, ארץ ישראל) זענען זיכער גאר אלטע; די אנדערע צוויי ברכות „בונה ירושלים" און „הטוב ומטיב" זאלן שטאמען פון נאכן חורבן ירושלים. אין שבת ווערט צוגעגעבן „רצה"; אום יום-טוב און ראש-חודש „יעלה ויבוא"; חנוכה און פורים „על הניסים". דאס בענטשן קומט פאר אדער איינער פאר זיך (ביחידות), אדער ווען דריי עסן צוזאמען „במזומן" (דער הויפט-בענטשער זאגט פריער „רבותי מיר וועלן בענטשן" און אלע ענטפערן אים „נברך שאכלנו משלו") אדער ווען 10 זענען ביים טיש „מיט מנין" (מען זאגט „נברך אלהינו שאכלנו משלו"). פארן בענטשן וואשט מען די הענט מיט מים אחרונים, און מען פארדעקט דאס מעסער אויפן טיש. — די נוסחאות פון בענטשן זענען ביי טייל פוסקים פארשידן; דער רמב"ם האט אן אנדערן נוסח און אין סדר רב עמרם גאון איז דער נוסח אנדערש. באזונדערס זענען פארשידן די נוסחאות פון די „הרחמנם", די קורצע תפילות צום סוף, אין וועלכע עס ווערן אויסגעדריקט פערזענלעכע וואונטשן (פארן בעל הבית פון הויז און זיין פאמיליע) און אויך נאציאנאלע וואונטשן פארן גאנצן יידישן פאלק. — ווען עס איז דא וויין איז דער מנהג צו בענטשן אויף א כוס וויין (כוס של ברכה). — איבער די נוסחאות און מקורים פון די ברכות אין בענטשן נאכן עסן זע אין די ווערק פון זאב יעבץ „מקור הברכות" און זיין סידור „עבודת הלבבות".

ברכי נפשי (בענטש, מיין נשמה), אנהויב פון קאפיטל אין תהלים ק"ד; עס איז א מנהג צו זאגן אין די שבתים ווינטער פאר מנחה ברכי נפשי אנשטאט די פרקי אבות וואס מען זאגט אין די זומער שבתים; דער מנהג ווערט דערמאנט ערשט אין די ספרים פון 14טן יארהונדערט אין דייטשלאנד.

ברכיה הנקדן (געלעבט אין דרום-פראנקרייך, אין פראוואנס אין 12טן יארהונדערט); געהייסן האט ער ברכיה בן נטרונאי כרספאי, און דעם טיטל „נקדן" האט ער געהאט ווייל ער האט זיך באשעפטיקט מיט צושרייבן די נקודות צום תנ"ך; עס זענען אין יענע צייטן, איידער

עס איז געווען דער דרוק, געווען ספּעציעלע שרייבער וואָס האָבן געקענט דעם נקוד, און זיי האָט מען גערופן „נקדנים“; דער געלערנטער צונץ („צור געשיכטע“ 107) ברענגט די נעמען פון אַ ריי אַמאָליקע יידישע פּערזענלעכקייטן מיטן טיטל נקדן. רבי ברכיה איז באַקאַנט דורך זיין ספר „משלי שועלים“, אַ זאַמלונג פון משלים מיט אַ מוסר השכל, גענומען פון די עזאָפּ־פאַבלען און אַנדערע פאַבל־זאַמלונגען; די „משלי שועלים“ זענען געווען זייער פּאָפּולער.

ברכת כהנים זע „דוכענען“.

ברענער, יוסף חיים (1881—1921), העבּרעאישער שריפטשטעלער, אומגעקומען בעת דעם אַראַבּישן פּאָגראָם אין יפו; ברענער איז געבוירן געוואָרן אין אוקראַינע; געלערנט אין ישיבות; צוגעטרעטן צום „בונד“; נאָכער צום פּועלי־ציוניזם; פאַרעפנטלעכט די ערשטע דערציילונגען אין העבּרעאיש; 1902 אַוועק קיין לאָנדאָן, 1905 אַרויסגעגעבן דעם „המעורר“; 1909 געקומען קיין ארץ־ישראל; דורך דער צייט פאַרעפנטלעכט קלענערע און גרעסערע דערציילונגען און מאמרים איבער פאַרשידענע פראַגן פון יידישן לעבן; די פּאַדייטנדסטע דערציילונגען זענען „מכאן ומכאן“ און „שכול וכשלון“; איבערזעצט דאָסטאָיעווסקיס „החטא וענשו“; געלעבט אַ זייער באַשיידן, נזיריש לעבן; געווען אַ וועגעטאַריער; בעת דעם אַראַבּישן פּאָגראָם האָט מען אים געפונען דערמאָרדעט אין אַן אַראַבּישן קוואַרטאַל אין יפו, כ״ד ניסן תרפ״א. — אַלע זיינע שריפטן אין 8 בענדער זענען דערשינען נאָך זיין טויט. — אויף זיין נאָמען זענען אָנגערופן געוואָרן גאַסן און קוואַרטאַלן אין אַ ריי שטעט און קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל.

ברק זון פון אבינועם, יידישער מיליטער־פירער און שופט (הערשער) אין די גאָר אַלטע צייטן אין ארץ־ישראל אין דער עפּאָכע פון די שופטים; אין ספר שופטים ד׳ ווערט דערציילט, אַז אין יענער צייט האָט דער מלך יבין פון כנען אונטערדריקט די יידן און איין מיליטער־פירער סיסרא האָט געהאַט דעם לאַגער ביים טייך קישון. אונטער דעם איינפלוס פון דבורה דער נביאה האָט ברק צונויפגענומען 10 טויזנט יידישע קעמפער פון די שבטים נפתלי און בנימין און עס איז פאָרגעקומען אַ גרויסע שלאַכט, און ברק האָט באַזיגט סיסראַן און באַפרייט די יידן. די שירה פון דבורה אין שופטים ה׳ איז געזונגען געוואָרן צוזאַמען מיט ברק. פאַראַן אַ מיינונג אַז דער נאָמען ברק איז נישט קיין אייגן־נאָמען, נאָר דאָס איז געווען דער טיטל פון העכסטן מיליטער־פירער ביי די סעמיטישע פעלקער. ביי די פעניציער אין קאַרטאַגע האָט דער העכסטער מיליטער־פירער געטראָגן דעם טיטל „באַרקאַ“. — מען ווייזט היינט אַן אין ארץ־ישראל אויף דעם שאָסיי חיפה־טבריה, לעבן טייכל קישון, אַן אַלטן קבר ביים דאָרף שיך־אַבריק, וואָס זאָל זיין דער קבר פון ברק.

בשמים אין דער יידישער רעליגיע האָבן בשמים, שמעקעדיקע געוויקסן, געשפּילט אַ געוויסע ראָלע; אין די קטורת (ווייראויך) אין בית המקדש האָט מען אַריינגעטאָן בשמים (שמות ל׳); די דאָזיקע בשמים רעכנט מען אויס יעדן פרי פאַרן דאַווענען שחרית; יעדן שבת־צונאַכטס ביים מאַכן הבדלה שמעקט מען בשמים און מען מאַכט די ברכה „בורא מיני בשמים“; מען האַלט דערצו אַ ספּעציעל בשמים־ביקסל, וועלכע פלעגן אַמאָל אויסגעאַרבעט ווערן פון זילבער אָדער האָלץ דורך קינסטלער מיט פאַרשידענע באַפּוצונגען.

בשן דער צפון טייל לאנד פון עבר־הירדן; ווערט אפט דערמאנט אין תנ"ך (דברים ג', יהושע י"ב); אין די גאר אל־טע צייטן האבן די יידן אין דער מדבר נאכן ארויסגיין פון מצרים, איינגענומען דאס לאנד פון עוג מלך הבשן; דארט האט געוואוינט א יידישע באפעלקערונג א לענגערע צייט; אין עמוס ד' ווערן גע־רימט די „קי פון בשן"; אויך אין דער גמרא ווערט בשן דערמאנט עטלעכע מאל (שבת ל"ב, פסחים ס"ח און אנדערע); יידן האבן דארט געוואוינט אין 14טן יארהונדערט.

בשר בחלב (פלייש מיט מילך), דאס איז איינער פון די הויפט־פארבאטן אין יידישן רעליגיעזן שפייז־געזעץ, אז מען טאר נישט קאכן און עסן און הנאה־האבן פון פלייש מיט מילך צוזאמען; אין חומש ווערט דער פארבאט געזאגט 3 מאל (שמות כ"ג, שמות ל"ד, דברים י"ד) „לא תבשל גדי בחלב אמו" (זאלסט נית קאכן א ציגעלע אין זיין מוטערס מילך). אבער די משנה אין גמרא אין חולין פרק ח' „כל הבשר" האט איינגעטייטשט דעם פסוק לויט א קבלה (טראדיציע) אז דאס מיינט מען, אז מען טאר נישט קאכן און עסן און הנאה האבן פון יעדן פלייש מיט מילך אויב נאר זיי זענען געקאכט צו־זאמען. עס זענען פאראן דערצו פיל הלכות־פראגן, ווי למשל, צי איז אויך פלייש פון געפליגל פארבאטן; אדער ווי לאנג דארף מען ווארטן צו עסן מילך נאך פלייש; ווי איז אז מילכיקס איז געקאכט געווארן אין פליישיקע כלים און פאר־קערט; אדער וויפל איז דער שיעור פון מילך געקאכט אין פלייש און פארקערט אז עס זאל זיין פארבאטן. די אלע פראגן ווערן באהאנדלט אין דער דערמאנטער גמרא ווי אויך אין יורה דעה הלכות בשר בחלב. — די מפרשים און דענקער אין מיטלאלטער ווי דער רמב"ם און אנדערע פרואוון אויפקלערן דעם טעם פון פאר־באט. דער רמב"ם אין „מורה נבוכים" חלק ג' גלויבט, אז דאס איז געווען ווייל אין אמאליקע צייטן האבן געצנדינער גע־קאכט א ציגעלע אין זיין מוטערס מילך און עס מקריב געווען צום אפגאט, און די תורה האט געוואלט אפשיידן די יידן פון יעדן מנהג עבודה זרה; די מפרשים אויף תורה, ווי דער אבן עזרא און רשב"ם גלויבן, אז דאס איז כדי אויסצוווארצלען דאס אכזריות־געפיל פון מענטש; אין איין ארט (אין פירוש צו שמות כ"ג) זאגט דער אבן עזרא אז דער טעם איז נישט באקאנט, טייל מאדערנע רעליגיעזע פארשער גלויבן, אז עס איז פאראן דער־ביי אויך א געזונטהייטס־מאטיוו, און אז דאס שאדט צום געזונט.

בת קול (קלאנג, אפקלאנג); אין דער גמרא ווערט דער אויסדרוק „בת קול" אויך גענוצט אלס א נבואה־דערשיינונג נאכדעם ווי עס האבן אויפגעהערט די נביאים (סנהדרין י"א); אין בבא מציעא נ"ט און אנדערע ערטער ווערט דערמאנט דער „בת קול פון הימל", וואס האט גע־פסקנט אז די הלכה איז אזוי און אזוי; אין ברכות ג' דערציילט דער תנא רבי יוסי ווי ער האט געהערט אין א חורבה אין ירושלים „בת קול מנהמת כיונה" (א בת קול וואס ברימט ווי א טויב) און קלאגט אויף די יידן וואס זענען פאר־טריבן געווארן פון ירושלים; אין בבא מציעא נ"ט ווערט געזאגט „אין משגיחין בבת קול", דאס הייסט, אז מען דארף נישט לייגן קיין אכט אויף די רייד פון בת קול. — וועגן דער איבערנאטירלעכער באדייטונג פון בת קול זע אין כהנם ספר „על החזון לעתיד".

בת שבע ווייב פון דוד המלך, מוטער פון שלמה המלך; אין שמואל ב' י"א ווערט דערציילט, אז זי איז פריער געווען

דאס ווייב פון מיליטער־מאן אוריה החתי, און דוד האט געשיקט אוריה אויפן מל־ חמה פלאץ, אז ער זאל דארט געטויט ווערן כדי דוד זאל קאנען חתונה האבן מיט בת שבע; דאס איז געווען איינער פון די חטאים וואס דער תנ"ך האט פאר־ געווארפן דוד המלך; אין מלכים א' א' ווערט דערציילט ווי בת שבע האט אויס־ געווירקט, אז איר זון שלמה זאל ווערן מלך אנשטאט זיין עלטערן ברודער אדוניהו.

בתיה טאכטער פון פרעה מלך מצרים דערמאנט אין דברי הימים ג' ד'; לויט דער אגדה אין דער גמרא מגילה י"ג, סנהדרין י"ט און פיל מדרשים־ערטער, איז זי געווען די טאכטער פון פרעה, וועלכע האט ארויסגעראטעוועט משה רבנו פון טייך און אים אויפגעהאדעוועט (הומש שמות א'); לויט איין אגדה (דרך ארץ זוטא) איז זי אריין לעבעדיקער־ הייט אין גן עדן.

בתירה זע „בן בתירה".

ג

ג, גימל 3טער בוכשטאַב אין העברע־אישן און יידישן אלף־בית; אַלס ציפער האָט ער די באַדייטונג פון דריי.

גאוה (גרויסהאַלטן זיך), אין יידישע רעליגיעזע ספרים, פון תנ"ך אָן ביז דער לעצטער צייט, ווערט גאוה באַצייכנט אַלס די ערגסטע מידה, פון וועלכער מען דאַרף זיך דערווייטערן אַמשאַרפסטן; אין משלי י"ט ווערט געזאָגט „גאות אדם תשפילנו". דאָס גרויסהאַלטן זיך פון מענטש מאַכט אים נידעריק; די גמרא סוטה ה' זאָגט אַז ווער עס האָט גאוה איז אַזוי ווי ער וואָלט געדינט עבודה זרה; דער רמב"ם אין הלכות דעות זאָגט, אַז הגם ביי אַנדערע מדות דאַרף דער מענטש זיך האַלטן אין „דרך הממוצע", אין מיטלוועג, נישט זיין עקסטרעם, איז אָבער ביי דער מידה פון גאוה דאַרף מען זיך דערווייטערן דערפון ביז צו שאַרפ־סטער באַשיידנקייט; ער נעמט עס פון פרקי אבות ג' „מאוד מאוד הוה שפל רוח" (זיי זייער און זייער באַשיידן): דער היפוך פון גאוה איז עניוות. — זע ביים זוכוואָרט „עניוות".

גאולה (אויסלייזונג), איינער פון די הויפּט־אידייען אין דער יידישער רעליגיע איז, אַז גאָט איז דער אויסלייזער פון די יידן; אין שמות ו' זאָגט גאָט אַז ער וועט אויסלייזן די יידן פון מצרים („וגאלתי אתכם"). אין דאַוונען פאַר שמונה עשרה ביי שחרית איז פאַראַן די ברכה „גאל ישראל", וואָס ווערט אָנגערופן די תפילה פון „גאולה". דאָס קומען פון משיח ווערט אויך אָנגערופן די „גאולה לעתיד" (דאָס אויסלייזן וואָס וועט פאַר־קומען אין דער צוקונפט). משיח ווערט אויך אָנגערופן דער גואל. — וועגן דעם זע זוכוואָרט „משיח".

גאון, גאונים טיטל, וואָס איז געגעבן געוואָרן די ראשי־ישיבות פון סורא און פומבדיתא אין בבל, און אין אַ געוויסער מאָס אויך אין ארץ־ישראל, פון דער צייט ווען עס האָבן זיך געענדיקט די רבנן סבוראי (לערך צום סוף פון 6טן יאָר־הונדערט) ביז אין דער מיט פון 11טן יאָרהונדערט; דער לשון־רבים פון דעם טיטל גאון איז „גאונים". די צייט פון די גאונים הייסט אין דער יידישער געשיכטע „תקופת הגאונים", „די עפּאָכע פון די גאונים". וועגן די גאונים זענען געשריבן געוואָרן פיל וויכטיקע ווערק דורך די אָנגעזעענסטע יידישע געלערנטע היסטאָריקער, ווי ראַפּאָפּאָרט אין זיינע „תולדות", גרעץ אין זיין געשיכטע העברעאישע איבערזעצונג חלק ג' און צום סוף די „ציונים"; וויים אין „דור דור ודורשיו" חלק ד'; יצחק אייזיק הלוי „דורות הראשונים", גינזבורג אין זיין ענגליש בוך „געאָניקאַ", מאַן אין „טעקסטס ענד סטאַדיס" און פיל אַנ־דערע. מיר ווילן דאָ געבן וועגן טייל רעזולטאַטן פון די פאָרשונגען. — ונענ־וואָרט גאון ווייסט מען נישט אויף זי־כער פון וואַנען עס שטאַמט; אין ויקרא כ"ו, תהלים מ"ז און אַנדערע ערטער, האָט עס די באַדייטונג פון „גרויסקייט": טייל מיינען, אַז עס איז אַ גריכיש וואָרט; דער ערשטער וועגן וועלכן מיר ווייסן אַז ער האָט געטראָגן דעם טיטל „גאון" איז געווען רבי חנן פון אושקייא, דער ראש ישיבה פון פומבדיתא, וועלכער איז גע־וואָרן גאון, דאָס הייסט ראש ישיבה, אין יאָר 589. אָבער עס זענען פאַראַן מיי־נונגען אַז דער טיטל גאון איז געווען שוין פריער. ווי ווייט וויכטיק עס איז געווען דאָס זיין אַ גאון קאָן מען זען דער־פון וואָס דאָס איז אין די אַלטע קוואַלן

פון יענע צייטן (אין „אגרת דרב שרירא גאון" און אנדערע) אנגערופן געווארן „ומלך" (און ער האט געקיניגט). דער לעצטער פון די גאונים אין בבל, וואס איז אונדז באקאנט, איז געווען רב האי גאון, לעצטער ראש ישיבה פון פומבדיתא, געשטארבן אין יאר 1038. — עס זענען פאראן אנדייטונגען, אז אויך נאך רב האי גאונס טויט איז נאך געווען פון פומבדיתא א גאון מיטן נאמען רבי חזקיה און אז שפעטער זענען געווען גאונים אין בבל; אבער זיי האבן שוין ניט געהאט קיין איינפלוס, און דער פאקטיש לעצטער אויטאריטאטיווער גאון איז געווען רב האי. דורך דער גאנצער צייט זענען געווען גאונים סיי אין דער ישיבה פון דער שטאט סורא און סיי אין פומבדיתא. ביז דער לעצטער צייט האט מען געמיינט, אז עס זענען געווען „גאונים" נאר אין בבל; ערשט לעצטנס, זינט מען האט געפונען אין דער „גניזה" (זע ביים זוכווארט „גניזה") אין מצרים אלטע כתבי יד, איז מען דערגאנגען, אז עס זענען אין יענער צייט געווען ראשי ישיבות מיטן טיטל גאון אויך אין ארץ-ישראל. עס ווייזט זיך ארויס, אז אויך אין איטאליע האט מען אין יענער צייט טיטולירט טייל גרויסע לומדים מיט גאון (ווי למשל רבי נתן מחבר פון „ערוך"), אבער דאס איז געווען נישט מער ווי א מליצה טיטל, פונקט ווי מען האט א סך רבנים אין פוילן טיטולירט מיט „גאון", און באזונדערס „דער ווילנער גאון"; דאקעגן אין בבל איז עס געווען אן אפיציעלער טיטל, מיט וועלכן עס איז געווען פארבונדן אן אמטלעכע שטעלונג; אן אויסנאם זענען דעמאלט געווען נאר עטלעכע גרויסע לומדים, וואס הגם זיי זענען נישט געווען קיין אפיציעלע ראשי ישיבות האבן זיי געהייסן „גאון", ווי רב אחאי גאון און אנדערע. — די גאונים אין בבל זענען דעמאלט געווען די העכסטע רעליגיעזע פערזענלעכקייטן און אויטאריטעטן ביים גאנצן יידישן פאלק אין אלע לענדער, אומעטום. פון די לענדער אין אפריקע, שפאניע און אנדערע האט מען זיך געווענדט צו זיי מיט אלע אנפראגן אין רעליגיעזע זאכן, און וואס זיי האבן געפסקנט איז געווען פארפליכטנד; דעריבער איז פון יענער צייט פאראן א סך אזוי-גערופענע „תשובות הגאונים", בריוו מיט ענטפערס, וואס די גאונים האבן געענטפערט אויף רעליגיעזע אנפראגן. פון די דאזיקע תשובות הגאונים קאן מען באקומען אויך באגריפן וועגן לעבן פון די יידן אין יענער עפאכע. דער גאון איז דערוויילט געווארן דורך די חכמים פון די ישיבות און ער איז באשטעטיקט געווארן דורך דעם יידישן „ראש הגולה" (זע ביים זוכווארט „ראש הגולה") אזוי אז זיין אמט איז געווען באשטעטיקט דורך דער רעגירונג פון בבל, וועלכע איז פריער געווען אונטער די פערסישע מלכים און נאכער אונטער דער אראבישער הערשאפט פון קאליף אין באגדאד; די גאונים האבן געהאט א גרויסע יורידישע מאכט און האבן געקאנט צווינגען צו געהארכזאמקייט. די הויפט-פונקציע פון די גאונים איז געווען דאס לערנען מיט די תלמידים אין די ישיבות. עס זענען אין אלגעמיין כמעט שטענדיק געווען אין בבל אין דער זעלבער צייט 2 גאונים, איינער אין דער ישיבה פון סורא און איינער אין דער ישיבה פון פומבדיתא; שפעטער זענען ביידע ישיבות געווען אין באגדאד; דער גאון פון סורא איז געווען אמטלעך דער העכערער טיטל. די גאונים האבן נישט נאר געלערנט אין זייערע אייגענע גרויסע ישיבות נאר האבן אכטונג געגעבן אויף די קלענערע ישיבות און תלמוד תורות אין אלע אנדערע שטעט. דאס הויפט-לערנען פון די גאונים איז באשטאנען אין מסביר זיין די-

גמרא, וועלכע איז געהאַט געשלאָסן געוואָרן בסך הכל מיט 150 יאָר פאַר דער גאונים־צייט. די גאונים האָבן אויך אַרויסגעגעבן פאַרשידענע תקנות און אויך פּסקים אין הלכה־פראַגן, אויף וועלכע מען האָט נישט געקאָנט געפינען קיין באַשייד אין דער גמרא. עס זענען פאַראַן אַ סך אַזעלכע הלכות וואָס ווערן אָנגערופן „תקנות הגאונים" אָדער „פּסקי הגאונים". אין דער צייט פון די גאונים זענען פאַרגעקומען גרויסע אויסערלעכע און אויך אינערלעך־יידישע געשעענישן, און די גאונים האָבן געהאַט די אויפגאַבע צו קאָנסאָלידירן דאָס יידנטום, דאָס יידישקייט, דאָס יידישע רעליגיעזע לעבן. דעמאָלט איז אַנטשטאַנען די מאַכמעדאַנישע רעליגיע (אָנהויב 7טן יאָרהונדערט), וועלכע האָט זיך פאַרשפּרייט אין די לענדער אין פאָדער־ און מיטל־אַזיע און אַפריקע און שפּעטער אין שפּאַניע, און האָט געפּראַוועט באַאיינפלוסן דאָס יידנטום. אין אינערלעכן יידישן לעבן איז אַנטשטאַנען (אין 8טן יאָרהונדערט) די קאַראַאימער־סעקטע (קראים), וועלכע איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער תורה שבעל פה, קעגן דער משנה און גמרא, און וועלכע האָט געדראָעט צו פאַרנעמען ברייטע יידישע מאַסן־קרייזן, און די גאונים זענען אויפגעטרעטן אין העפטיקן קאַמף קעגן דער באַוועגונג. אין דער גאונים־צייט האָט אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין דער יידישער וועלט דער שטודיום פון פילאָזאָפיע. דעמאָלט איז אויך געווען דער אָנהויב פון שטודיום פון דער העברעאישער גראַמאַטיק, די פעסטשטעלונג פון ניקוד און מסורה, די כמעט־ענטגילטיקע רעדאַגירונג פון סידור און די תפילות. דעמאָלט זענען אויך געשאַפן געוואָרן פיל מדרשים, ספרים פון מיסטישן אינהאַלט (ספר יצירה און אַנדערע), וואָס האָבן אַנטהאַלטן די ערשטע יסודות פון דער קבלה־לערע. — די עפּאָכע פון די גאונים און זייער טעטיקייט האָט זיך געענדיקט מיטן טויט פון רב האי גאון, ווען עס זענען פאַרגעקומען גרויסע פאַרפאָלגונגען אויף יידן אין בבל, די ישיבות האָבן זיך פאַרמאַכט, דער יידישער ישוב אין בבל איז געוואָרן קלענער, און דער גייסטיקער יידישער צענטער האָט זיך איבערגעטראָגן קיין שפּאַניע, איטאַליע, נאָרד־אַפריקע, פראַנקרייך און שפּעטער דייטשלאַנד. לויט דער מיינונג פון אַ ריי געלערנטע זענען געווען אין בבל גאונים אויך שפּעטער. דער הויפּט־קוואַל פון אונדזערע ידיעות וועגן דער גאונים־צייט איז צו אַלעם ערשטן די באַרימטע „אגרת דרב שרירא גאון" (זע „שרירא"), וועלכע אַנטהאַלט אויך אַ רשימה פון אַלע גאונים אין ביידע ישיבות ווי אויך באַשרייבונגען פון לעבן אין יענער צייט; מען געפינט אויך פיל ידיעות אין „סדר תנאים ואמוראים" און דער עיקר אין די פיל תשובות הגאונים, וואָס זענען געווען אַמייסטן אין כתבי יד און וועלכע מען געפינט אַלץ מער און וועלכע ווערן איצט פאַרעפנטלעכט אין ירושלים (דורך דר. לעווין און אַנדערע). פון דער צייט פון די גאונים האָבן מיר אויך די באַקאַנטע צוויי הלכות־ספרים „שאלתות" און „הלכות גדולות", וועלכע אַנטהאַלטן אויך געוויסע ווערטפולע ידיעות. — פריער האָבן מיר דערמאָנט די וויכטיקסטע ווערק וואָס זענען געשריבן געוואָרן דורך געלערנטע היסטאָריקער, ווי ראַפּאַפּאָרט, ווייס, וועגן דער גאונים־צייט. — זע אין די זוכוואָרטער „בבל", „ישיבות", „סורא", „פומבדיתא", „שרירא" און איבערהויפּט ביי די נעמען פון די וויכטיקסטע גאונים ווי „האי", „סעדיה" און אַנדערע.

גאון, ווילנער זע „אליהו, ווילנער גאון".

גאָט דער ערשטער עיקר פון דער יידישער רעליגיע איז, לויטן רמב"ם אין משנה תורה ספר המדע פרק א', „מציאות השם", דער גלויבן אין דער עקזיסטענץ פון גאָט, וועלכער האָט באַשאַפן די וועלט און פירט אָן מיט דער וועלט; דער רמב"ם ווייזט האָרט אָן אויף דער יידישער רעליגיעזער אויפֿאַסונג פון גאָט, אַז גאָט איז איינער, אָן אַ סוף, האָט ניט קיינע קערפערלעכע אייגנשאַפטן, ווייסט אַלץ, ער און זיין וויסן איז איינס, און אויך אַנדערע פילאָזאָפיש־רעליגיעזע אויפֿאַסונגען. אין תנ"ך ווערט די אמונה אין עקזיסטענץ פון גאָט, לויטן רמב"ם, אָנגעוויזן אַלס אַ באַזונדערע מצוה, און דער גאַנצער תנ"ך האָט אַלס הויפּט־יסוד די דאָזיקע אמונה אין גאָט. די באַצייכענונגען פון גאָט אין תנ"ך זענען פאַרשידענע: יהוה, אל, אלה, אלהים, שדי און דער ערשטער פסוק פון חומש איז „בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ", אַז גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד. דאָס קענען לערנען די געטלעכקייט ווערט אויך אָנגעוויזן אין אַ ריי פסוקים, ווי אין ירמיהו ט' „השכל וידוע אותי", הושע ו' „דעת אלהים" און אַנדערע. אין חומש ווערט אין אַ ריי ערטער אָנגעוויזן אַז מען דאַרף ליב האָבן גאָט „(ואהבת את ה' אלהיך", דברים ו') און אַז מען דאַרף מורא האָבן פאַר גאָט און דינען גאָט (דברים ו' „את ה' אלהיך תירא ואותו תעבוד"). — עס ווייזט אויס, אַז אין דער צייט פון דער משנה און גמרא איז געווען ביי יידן אַ געוויסע געהיימע פילאָזאָפיע וועגן דעם וועזן פון געטלעכקייט. דאָס זאָל זיין די „מעשה המרכבה", וואָס די משנה, אין חגיגה פ"ב, זאָגט, אַז מען דאַרף איר נישט לערנען עפנטלעך. די עפנטלעכע פילאָזאָפיע וועגן דער געטלעכקייט האָט (אַחוץ דורך פילאָן אין 1טן יאָרהונדערט) זיך אָנגעהויבן אין יידנטום ערשט אין 10טן יאָרהונדערט און פון דעמאָלט אָן זענען דערשינען די באַדייטנדע ספרים „אמונות ודעות" פון רב סעדיה גאון, „חובות הלבבות" פון רבנו בחיי, „אמונה רמה" פון ראב"ד דעם ערשטן, „מורה נבוכים" פון רמב"ם, „כוזרי" פון רבי יהודה הלוי, ווי אויך אין די ספרים און פירושים פון די אַנדערע באַדייטנדע יידישע פילאָזאָפן אין מיטלאַלטער און שפּעטער (אור ה' פון רבי חסדאי קרשקש, עקרים פון רבי יוסף אלבו און אַנדערע). די הויפּטפראַגן זענען געווען די אַטריבוטן, די תארים, די באַצייכענונגען וועגן גאָט (גוט, באַרמהאַרציק וכדומה), ווי אַזוי מען זאָל זיי אויפֿאַסן אין באַצוג צו גאָט וואָס איז אומענדלעך און מען קאָן נישט אָנווענדן צו אים מידות פון מענטשן. די הויפּט־מיינונג פון די דערמאָנטע יידיש־רעליגיעזע פילאָזאָפן איז (די דאָזיקע מיינונג איז אויך פון פילאָן), אַז די אַלע תארים דאַרף מען אויפֿאַסן נאָר בשלילה, נעגאַטיוו; ווען אין חומש ווערט געזאָגט וועגן גאָט, אַז ער איז „גוט" מיינט עס אַז גאָט קאָן נישט זיין „שלעכט", און אַזוי איז אויך מיט די אַנדערע תארים. — וועגן די אַלע חקירות איבער דעם וועזן פון געטלעכקייט געבן מיר ביי די פאַרשידענע באַטרעפנדע זוכווערטער ווי „אַטעאיזם" (וועגן כפירה אין דער געטלעכקייט), „אַנטראָפּאָמאָרפיזם". — זע „דעת אלהים" פון בערנפעלד.

גאָט פון אברהם תפילה וואָס ווערט געזאָגט, הויפּטזעכלעך דורך פרויען שבת בין השמשות, ווען עס איז נאָך פינסטער, פאַר הבדלה־מאַכן; די תפילה שטאַמט פון דייטשלאַנד און עס זענען דאָרט פאַראַן אַלט־יידישע ווערטער („לויב", וואָס אין דאָס דייטשע וואָרט „לאָובע"). אין דער תפילה ווערט געבעטן אויף געזונט און פרנסה און אַ גוטע און מזלדיקע וואָך;

זי איז פאַראַן אין פאַרשידענע נוסחאות; זי ווערט געזאָגט מיט אַ רירנדע מעלאָדיע; לויט טייל ידיעות האָט רבי לוי יצחק פון בערדיטשעוו (18טן יאָרהונדערט) געפּלעגט זאָגן די תפלה נאָך שלש סעודות.

גאָטלאָבער, אברהם בער (1811 — 1899) העבראַיִשער און יידישער שריפטשטעלער; באַקאַנט אויך אַלס „אב"ג"; פון די ערשטע משכילים אין אוקראַינע; רעדאַגירט דעם „הבוקר אור"; געשריבן לידער און אויך מחבר געווען אַ ריי ביכער: „פרחי האביב"; „הנצנים"; „כל שירי מהלאל"; „בקורת לתולדות הקראים" (ווילנע, 1865), אַ וויכטיקע אַרבעט איבער די קאַראַאימער; „תולדות הקבלה והחסידות" (ווילנע 1869), ווערטפולע ידיעות וועגן אַמאָליקע רביים; איבערזעצט אויף העברעאיש מענדלסאָנס „ירושלים" און לעסינגס „נתן החכם"; אין יידיש געשריבן „דאָס ליד פון קוגל" (פּאַראָדיע לויט שילערס „די גלאָקע"), „דער גלגול", „זכרונות וועגן יידישע שרייבער", און אַנדערע; אַ בוך וועגן גאָטלאָבער אין יידיש איז דערשינען פון א. פריידקין (ווילנע, 1925).

גאָלדפאַדן, אברהם (1840 אין זשיטאָמיר — 1908 אין ניו־יאָרק) פון די ערשטע גרינדער פון יידישן טעאַטער, דראַמאַטורג, דיכטער, אַרטיסט, אָרגאַניזירער פון טעאַטער־טרופּעס, מחבר פון פּאָפּולערע דראַמעס, קאָמעדיעס און אָפּערעטעס, ווי שולמית, „צוויי קוני לעמלס", „בר כוכבא" און אַנדערע; ער האָט אויך געשריבן לידער אין העברעאיש („ציצים ופרחים"), רעדאַגירט אין טשערנאָוויץ די צייטונג „איזראַעליטישעס פאָלק", אין ניו־יאָרק „אידישע אילוסטרירטע צייטונג".

גאָלדציהער, איגנאַץ (1850 — 1921), יידישער געלערנטער אָריענטאַליסט אין אונגאַרן; זיינע ווערק (אַמייסטן אין דייטש) איבער דעם איסלאַם, געהערן צו די פונדאַמענטאַלע ביכער אין דאָזיקן געביט; ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט אָפּהאַנדלונגען איבער דעם תרגום ירושלמי, איבער דעם מיטאָס ביי די אַלטע העברעער, יידישע מנהגים אין די מאַכמעדאַניש־רעליגיעזע ביכער, דער יידישער פּאָעזיע אין מיטלאַלטער און איר באַצוג צו דער אַראַבישער פּאָעזיע און פיל אַנדערע. זיין באַדייטונג פאַר דער יידישער וויסנשאַפט איז גרויס.

גאַליציע לאַנד אין דרום פון פּוילן, איינגעטיילט אין מערב־גאַליציע מיט קראָקע אַלס די באַדייטנדסטע שטאָט, און מזרח־גאַליציע מיט לעמבערג אַלס די באַדייטנדסטע שטאָט; דער ישוב פון יידן איז זייער אַלט, וואַרשיינלעך שוין פון 10טן יאָרהונדערט; געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער יידישער געשיכטע אין פּאַרלויף פון 600 יאָר מיט אירע גרויסע רבנים, משכילים, געלערנטע, געזעלשאַפטלעכע טוער. — וועגן די יידן אין גאַליציע אין אַלגעמיין זע זוכוואָרט „פּוילן"; זע די באַטרעפנדע זוכווערטער פון די רבנים (איסערלים משה, סירקיש יואל און אַנדערע) ווי אויך משכילים (קראָכמאַל און אַנדערע).

גאַנז, דוד (1541 — 1613), היסטאָריקער און אַסטראָנאָם אין פּראָג, מחבר פון „צמח דוד" אַ כראָניק־פאַרצייכענונג פון יידישער געשיכטע און אַלגעמיינער געשיכטע; „נחמד ונעים" (געדרוקט יעסניץ 1743), חקירות אין אַסטראָנאָמיע (לויט דעם אַלטן פּטאָלאָמעאישן סיסטעם) און קידוש החודש. רבי דוד גאַנז איז געווען אַ תלמיד פון רבי משה איסערלים (רמ"א) און ר' ליוואי (מהר"ל).

און האָט אחוץ גמרא און פּוסקים אויך געלערנט לאַטיין, דייטש, מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, געשיכטע; ער איז געווען באַקאַנט מיט די פּראַגער אַסטראָנאָמען טיכאָ דע בראַהע און קעפּלער. זיינע ספרים זענען געווען פּאָפּולער אין דער לומדישער וועלט, וועלכע האָט געשעפּט פון זיי ידיעות וועגן געשיכטע און קידוש החודש.

גאַנצפריד, שלמה 1804 — 1866 רב און מחבר אין אונגוואַר (אונגאַרן); באַקאַנט דורך זיין פּאָפּולער ספר „קיצור שולחן ערוך" אין וועלכן ער גיט אין אַ קלאָרער, לייכטער שפּראַך, די הויפּט־דינים פון שולחן ערוך בקיצור; ער האָט אויך מחבר געווען אַ ריי אַנדערע ספרים („תורת זבח", „לשון הזהב" און אַנדערע).

גאַסטער, משה (1856 — 1939); רב, ספרדישער חכם, געלערנטער יידישער היסטאָריקער, אַנטדעקער, דערקלערער פון אַלטע כתבי־יד; געבוירן אין רומעניע, שטודירט אָריענטאַלע שפּראַכן, שפּעטער געווען ספרדישער חכם אין לאָנדאָן; געשריבן אָפּהאַנדלונגען אַמייסטנס אין רומעניש, ענגליש, ווי אויך אין דייטש, פראַנצויזיש; אַרויסגעגעבן די אַלטע כתבי יד, „ספר ירחמאל", „חרבא דמשה", אַראַמעאישן נוסח פון ספר החשמונאים, ספר יהושע פון די שומרונים און פיל אַנדערע; אויך געשריבן איבער יידישן פאָלקלאָר; גאַסטער איז אויך געווען אַן אָנגעזעענער יידישער כלל־טוער, אָנטיילגענומען אין די ערשטע ציוניסטישע קאָנגרעסן, שפּעטער געוואָרן אַ בהענגער פון טעריטאָריאַליזם.

גאָרדאָן, אהרן דוד (1856 — 1922) געבוירן אין פּאָדאָליע, זיך באַזעצט נאָכער אין ארץ־ישראל, געוואָרן לאַנד־אַרבעטער, גלייכצייטיק דענקער און אידעאָלאָג פון דער ארץ־ישראל־אַרבעטערשאַפט, באַגרינדער פון דער אידעע „דת עבודה" (רעליגיע פון אַרבעט), געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער גייסטיקער און אידעאַליסטישער אַנטוויקלונג פון גרויסע טיילן פון חלוצים אין ארץ־ישראל און אַנדערע לענדער; פאַרעפנטלעכט פיל מאמרים און בריוו וועגן זיין שיטה; זיינע שריפטן (אין העברעאיש) זענען דערשינען אין 5 בענדער; די „בריוו" זענען דערשינען אויך אין יידיש; אויף זיין נאָמען זענען פאַראַן פאַרשידענע יוגנט־קרייזן („גורדוניה" און אַנדערע); גאָרדאָן איז געווען רעליגיעז און האָט אָפּגעהיטן אַלע רעליגיעזע דינים.

גאָרדאָן, יהודה לייב געבוירן כ"א כסלו תקצ"א (1830), און געשטאָרבן כ"ד אלול תרנ"ב (1892). באַרימטער העברעאישער דיכטער, באַקאַנט מיטן נאָמען יל"ג. ער איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע, געלערנט אין דער יוגנט ש"ס, תנ"ך, נאָכער געלערנט אַ ריי אייראָפּעאישע שפּראַכן, געענדיקט דעם ראַבינער־סעמינאַר אין ווילנע, געווען לערער; נאָכער זיך באַזעצט אין פּעטערבורג, וואו ער איז געוואָרן סעקרעטאַר פון דער חברה „מפיצי השכלה" און אויך פון דער קהלה; געווען אַרעסטירט און פאַרשיקט אויף עטלעכע מאָנאַטן צוליב אַ בלבול; נאָכער צוריקגעקומען קיין פּעטערבורג, וואו ער האָט געוואוינט ביזן סוף פון זיין לעבן. — גאָרדאָנס טעטיקייט אין דער העברעאישער ליטעראַטור איז געווען אַ פיל־זייטיקע; אחוץ זיינע שירים, וועלכע האָבן געהאַט דעם גרעסטן איינפלוס אויף אַלע יידישע משכילים־קרייזן אין יענער צייט („שני יוסף בן שמעון", „קוצו של יוד", „הקיצה עמי", „דוד וברזילי", „אהבת דוד ומיכל", „בין שני אריות", „צדקיהו בבית הפקודות"), האָט ער אויך

געשריבן פיל מאמרים און פעליעטאָנען אין כמעט אַלע העברעאישע זשורנאַלן און צייטונגען אין יענער צייט, מיטגעאַרבעט אַ לענגערע צייט אין המליץ, אַרויסגעזאָגט זיינע מיינונגען אַרום געזעלשאַפטלעכע און אַלגעמיין נאַציאָנאַלע פראַגן, געשריבן באַמערקונגען פון היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכן אינהאַלט. זיין שטעלונג צו יידישע פראָבלעמען איז געווען אין אָנהויב אַ ריין משכילישע („היה אדם בצאתך ויהודי באהליך", זיי אַ מענטש אין גאַס און אַ ייד אין שטוב), האַלב־אַסימילאַטאָרישע, נאָר שפּעטער איז ער באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער חבת־ציון־באַוועגונג („בנערינו ובזקננו נלך"). זיינע געזאַמלטע שריפטן זענען געדרוקט געוואָרן עטלעכע מאָל, לעצטנס אין תל־אביב; עס זענען אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן זיינע זכרונות מיטן נאָמען „על נהר כבר", בריוו „אגרות יל"ג"; גאָרדאָן, וועלכער איז געווען אַ קעגנער פון דער יידישער שפּראַך און גערופן איר זשאַרגאָן, האָט געשריבן לידער אין יידיש (שיחת חולין).

גאָרדין, יעקב (1853 — 1909), באַדייטנדער יידישער דראַמאַטורג; געבוירן אין אוקראַינע, געגרינדעט (1880) דעם האַלב־רעליגיעזן האַלב־סאָציאַלן פאַרבאַנד „ביבלעיצי" (די תנ"ך־ברידער) אין גייסט פון טאָלסטאָיס געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן, נאָכער אַוועק קיין אַמעריקע; 1892 געשריבן זיין ערשטע דראַמע „סיביריא" און פון דעמאָלט אָן געשריבן אַ ריי באַקאַנטע דראַמעס („אלישע בן אבויה", „מירעלע אפרת", „כאַסיע די יתומה" און אַנדערע), וועלכע האָבן געהאַט גרויס ערפאָלג. אַ זאַמלונג פון טייל זיינע דראַמעס איז דערשינען אין ניו־יאָרק 1911.

גאַרטל אין חומש שמות כ"ח ווערט געבראַכט, אַז דער כהן גדול האָט ביי דער עבודה געטראָגן אַ גאַרטל (אבנט); אין זעלבן קאַפּיטל חומש ווערט ווייטער געבראַכט אַז אויך די געוויינלעכע כהנים פלעגן טראָגן גאַרטלען ווען זיי האָבן געטאָן די עבודה אין בית המקדש. אין דער גמרא שבת י' ווערט געזאָגט אַז ביים דאַווענען זאָל מען אָנטאָן אַ גאַרטל צוליב „הכון לקראת ה' אלהיך" (גרייט זיך צו ווען דו ווילסט זיך שטעלן פאַר גאָט); תוספות דאָרט אין גמרא שבת זאָגט אַז מען דאַרף נישט אָנטאָן קיין גאַרטל צום דאַווענען; חסידים זענען זיך נוהג יאָ אָנצוטאָן דעם גאַרטל.

גבאי מיטן דאָזיקן נאָמען האָט מען צוערשט, אין דער צייט פון דער משנה און גמרא, באַצייכנט יעדן אָפּנעמער פון געלט, אינקאַסענט, און ער שטאַמט פון וואָרט „גבה" (אָפּנעמער). אַזוי געפינען מיר אין משנה חגיגה פרק ג' „הגבאים שנכנסו לבית", וואָס איז דער טייטש אַז אינקאַסענטן פון רעגירונגס־שטייערן קומען אַריין אין אַ הויז אָפּנעמען געלט. דאָס וואָרט גבאי האָט מען אין יענע צייטן אויך אָנגעהויבן צו באַנוצן צום באַצייכענען דעם אינקאַסענט פון צדקה, גבאי צדקה (משנה דמאי פרק ג'); דערנאָך האָט מען מיטן וואָרט גבאי אָנגערופן דעם פירער פון דער צדקה, און די גמרא זאָגט (סנהדרין י"ג) „סתם גבאי כשר", אַז מען דאַרף אים נישט חושד זיין. נאָר שפּעטער האָט מען מיטן וואָרט גבאי אָנגערופן די פירער פון יעדער יידישער געזעלשאַפט, און באַזונדערס פון די שולן און בתי־מדרשים; אויך דער פאַרוואַלטער ביים חסידישן רבין אין הויף ווערט אָנגערופן דער „גבאי".

גבור (שטאַרקער מאַן, העלד); אין תנ"ך, באַזונדערס אין שמואל ב' כ"ג, וואו עס ווערט דערציילט וועגן די מילי־

טער־פירער פון דוד המלך, ווערט מיטן נאמען „גבור'' אנגערופן דער שטארקער מאן, דער מיליטער־קעמפער, דער העלד. אין תנ''ך איז אונדז באקאנט א סך סיפורים פון העלדישקייט פון יידישע גבורים; דער פאפולערסטער איז שמשון הגבור (זע זוכווארט „שמשון''); אין ספר שמואל א' און ב' ווערן דערציילט די העלדישקייטן פון דוד המלכס מיליטער־לייט ווי אויך פון דוד אליין; אין דער יידישער רעליגיעזער עטיק, סיי אין תנ''ך סיי אין משנה און גמרא האט מען פון קערפערלעכער גבורה געהאלטן פיל ווינציקער ווי פון גייסטיקער העלדישקייט, און מיר געפינען אין תנ''ך וועגן דעם פיל ווערטער, ווי אין משלי ט''ו „טוב ארך אפים מגבור ומושל ברוחו מלוכד עיר'' (עס איז בעסער א מאן וואס קאן זיך באהערשן איידער א העלד און א דערָאבערער פון א שטאט); אין משנה אבות ד' ווערט דערויף געזאגט דאס ווארט „איזה גבור? הכובש את יצרו'' (א העלד הייסט דער וואס קאן זיך זעלבסט באהערשן). אבער אין טייל ערטער אין דער גמרא ווערט יא אויסגעדריקט א געוויסע פאזיטיווע באציאונג צו קערפערלעכער העלדישקייט, און די גמרא שבת צ''ב זאגט, אז די שכינה רוט נאר אויף א מאן וואס איז א גבור. אין סוטה י''ט (און אין שפעטערן „ספר הישר'') ווערט דערציילט מיט באוואונדערונג וועגן דער העלדישקייט פון יעקבס קינדער.

גבירול, שלמה, פולער נאמען: „רבי שלמה אבן גבירול'' (לעז: „גאבירָאל''), אין אראבישן האט ער געהייסן „אבו איוב סלימאן איבן יחייא איבן גבירול''; אין דער מיטלאלטערלעכער לאטיינישער פילאזאפישער וועלט איז ער באקאנט געווען אלס „אוויצעבראן'' און „אווינצעבראל''. איינער פון די גרעסטע מענער אין דער יידישער געשיכטע; אנגעזעענער דיכטער, דענקער, פילאזאף, מחבר פון פיוטים, אין 11טן יארהונדערט אין שפאניע. ער איז געבוירן געווארן אין מאלאגא לערך דעם יאר 1020, און איז געשטארבן אין וואלענסיא לערך 1057. זיין גאנץ לעבן איז דורכגעדרונגען מיט טראגיזם; אלס קינד איז אים געשטארבן זיין פאטער (יהודה) און ער איז דערצויגן געווארן דורך א געוויסן יקותיאל אבן חאסאן, וועלכער איז דערמארדעט געווארן דורך רוצחים. נאכער האט אים געשטיצט רבי שמואל הנגיד. עס ווייזט אויס, אז שוין יונגערהייט האט ער אנגעהויבן צו ליידן אויף שווינדזוכט, און ער האט דעריבער נישט חתונה־געהאט. פון דער קראנקייט איז ער געשטארבן אלט זייענדיק 37 יאר, און לויט טייל מיינונגען איז ער אפילו קיין 30 יאר נישט אלט געווען (די מיינונג פון ראב''ד, אז ער איז געשטארבן אין עלטער פון 50 יאר איז נישט ווארשיינלעך). שוין אלס אינגל פון 16 יאר האט ער אנגעהויבן שרייבן העברעאישע לידער, און פון דעמאלט אן האט ער כסדר באַרייכערט די העברעאישע ליטעראטור מיט די וואונדערבארסטע לידער, רעליגיעזע און וועלטלעכע, וועלכע זענען באהויכט פון איין זייט מיט א סובטעלן פעסימיזם, יאוש און געפיל פון נישטיקייט פון לעבן און וועלט, און פון דער צווייטער זייט מיט היינגעבונג צו דער געטלעכקייט. — דאס באדייטנדסטע דיכטערשע ווערק פון גבירול איז זיין „כתר מלכות'', דאס איז א לויב־געזאנג צו גאט, אין וועלכן עס ווערן איבערגעגעבן אין א סובטעלער פאעטישער פארם די פארשידענע פילאזאפישע געדאנקען; אין סוף פון דער דיכטונג דריקט אויס דער דיכטער זיין וואונטש צו קאנען קומען קיין ארץ־ישראל און דארט צו קומען צו קבורה. — זיין הויפט־פילאזאפיש ווערק איז דער „מקור חיים'', וואס ער האט געשריבן

אין אַראַביש און איז איבערזעצט געוואָרן אין 1150 אויף לאַטיין מיטן נאָמען „פאָנס וויטע" („דער קוואַל פון לעבן"). דאָס ספר באַשטייט פון 5 מאמרים און איז צונויפגעשטעלט אין דער פאָרם פון פראַגן און ענטפערס צווישן אַ לערער און זיין תלמיד, און גיט פילאָזאָפישע אויפקלערונגען וועגן גאָט און דער וועלט. גבירול איז דאָ אונטער דעם איינפלוס פון דער מיסטישער לערע פון די נעאָפלאַטאָניסטן, אַז די אַנטשטייאונג פון דער גשמיותדיקער וועלט איז פאַרגעקומען אַלס עמאַנאַציע, אויסשטראַלונג פון דער געטלעכקייט דורך דעם געטלעכן ווילן; דאָ זענען פאַראַן אויך שפורן פון רעליגיעזן פאַנטעאיזם, אַז די וועלט איז די געטלעכקייט, אידייען וועלכע האָבן געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער קבלה און איר גרונט־לערע „לית אתר פנוי מיניה", אַז אין יעדער זאַך איז פאַראַן די געטלעכקייט. דער „מקור חיים" אין זיין לאַטיינישער איבערזעצונג האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף די קריסטלעכע סכאָלאַסטיקער־פילאָזאָפן אין מיטלאַלטער, און שפעטער אויף זשאַרדאַנאָ ברונאָ, און זאָגאַר אויף שפינאָזאַ. מען האָט געמיינט, אַז דאָס איז דאָס ספר פון אַן אַראַבישן קריסטלעכן פילאָזאָף „אַוויצעבראָן". ערשט דער געלערנטער מונק האָט אין יאָר 1859, לויט דעם קצור פון מקור חיים אויף העברעאיש פון ר' שם טוב פלקיירא (פון יאָר 1260), אויפגעוויזן אַז דער מחבר פון „פאָנס וויטע" איז גבירול. דאָס ספר איז איבערזעצט אין העברעאיש דורך בלאָוושטיין. — אַחוץ זיינע דאָזיקע צוויי וויכטיקע ספרים האָט גבירול אויך מחבר געווען אויף אַראַביש זיין „תקון מדות הנפש", זאַמלונג פון דברי מוסר פון תנ"ך, תלמוד און גריכישע און אַראַבישע דענקער. ער האָט אויך מחבר געווען אויף אַראַביש דעם „מבחר הפנינים", זאַמלונג פון דברי מוסר פון גריכישע דענקער. די ביידע ספרים זענען איבערזעצט געוואָרן אין העברעאיש און אויך אין אַנדערע שפּראַכן. — אַ זאַמלונג פון אַלע שירים פון אבן גבירול איז דערשינען אין 3 בענדער אין תל־אביב תרצ"א מיט באַמערקונגען און דערקלערונגען פון ח. נ. ביאַליק און י. ח. רבניצקי. אין יידיש זענען טייל שירים פון גבירול איבערזעצט געוואָרן דורך י. י. שוואַרץ. — וועגן טויט פון גבירול ברענגט דער „שלשלת הקבלה" די לעגענדע, אַז אַן אַראַבער האָט זיך מתקנא געווען אין אים צוליב זיינע שירים, און ער האָט אים דערמאָרדעט און באַגראָבן אונטער זיין פייגן־בוים; פּלוצלונג האָט דער בוים אָנגעהויבן בליען פאַר דער צייט; דאָס האָט אַרויסגערופן פאַרוואונדערונג און מען האָט גענומען דעם אַראַבער אויספאָרשן, ביז ער האָט זיך מודה געווען, און מען האָט אים אויפגעהאָנגען. — איבער גבירול זענען געשריבן געוואָרן פיל ווערק; אין דער דערמאָנטער אויסגאַבע פון „כל שירי ר' שלמה אבן גבירול" פון ביאַליק איז פאַראַן אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג; אין העברעאיש זענען אויך פאַראַן דוד כהנא אין השלח חלק א'; דוקעס „שירי שלמה" (האַנאָווער 1858); אין יידיש זע צינבערגס „געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן".

גבעה (אויף העברעאיש אַ „בערגל"), שטאָט אין בנימין אין דער צייט פון תנ"ך; געהערט צום שבט בנימין, געהייסן אויך גבעת בנימין (שמואל א' י"ג); דאָרט איז פאָרגעקומען דער טרויעריגער ספור פון „פלגש בגבעה" ווי די איינוואוינער פון גבעה האָבן פאַרגוואַלדיקט און דערמאָרדעט די קעבס־פרוי (פלגש) פון אַ פרעמדן מאַן, און דאַדורך איז אַנטשטאַנען אַ שווערע מלחמה צווישן שבט בנימין און די אַנדערע יידישע שבטים, אין וועלכער דער שבט בני־

מין איז כמעט אינגאַנצן אומגעקומען (שופטים כ׳); אין דער צייט פון שאול איז זי געווען די הויפּטשטאָט (שמואל א׳ י״ג). — היינט זענען פאַראַן אין ארץ־ישראל א ריי נײַ־געגרינדעטע קאָלאָניעס מיטן ערשטן נאָמען גבעה ווי „גבעת ברנר“, „גבעת השלושה“, „גבעת עדה“ און אַנדערע.

גבעון שטאָט אין תנ״ך־צייטן אין ארץ־ישראל, געהערט צו שבט בנימין (יהושע י״ח); געווען דאָרט א הייליק אָרט, וואו מען האָט מקריב געווען קרבנות (מלכים א׳ ג׳); באַקאַנט מיט דער שלאַכט אין דער צייט פון יהושע און זײַנע ווערטער מיט דעם מופת „שמש בגבעון דום“ (אַז די זון האָט זיך אָפּגעשטעלט אין איר באַוועגונג בײַ גבעון, כדי ער זאָל קאָנען פאַרענדיקן די שלאַכט).— דאָרט האָבן פריער, איידער די יידן האָבן פאַרנומען די שטאָט, געוואוינט די „גבעונים“, וועלכע האָבן אויס מורא פאַר די יידן זיך פאַרשטעלט און דערציילט אַז זיי קומען פון א ווייט לאַנד און אַזוי אַרום איז זיי געלונגען צו שליסן מיט די יידן א פריישטשאַפט־אָפּמאַך; זיי זענען געווען די האָלץ־העקער און וואַסער־טרעגער בײַם מזבח (יהושע ט׳), און זיך גערעכנט צווישן יידן אַלס א נידעריקער קלאַס.

גבריאל נאָמען פון מלאך, דערמאָנט צום ערשטן מאָל אין דניאל ח׳; אין גמרא און מדרש ווערן געבראַכט א סך אגדה ווערטער וועגן גבריאל, אַז ער האָט מציל געווען אברהם אבינו (שבת קי״ח), אַז ער איז געווען פון די מלאכים וואָס זענען געקומען צו אברהם אבינו און ער האָט פאַרניכטעט סדום (בבא מציעא פ״ו) און אַנדערע.

גד נאָמען פון זון פון יעקב אבינו, פון זלפּה (שמות ל׳), פאָטער פון שבט גד, וואָס האָט געוואוינט אין עבר הירדן בײַם טייך ארנון (במדבר ל״ב); די מענער פון שבט גד זענען געווען באַקאַנט אַלס גבורים (דברי הימים א׳ י״ב, שמואל ב׳ כ״ג); דער שבט גד איז פאַרטריבן געוואָרן צוזאַמען מיט די אַנדערע 9 שבטים קיין אשור דורך תגלת פלאסר (8טן יאָרהונדערט פאַר געוויינלעכער צייטרעכענונג) און נאָכער האָבן מענטשן פון פאָלק עמון זיך באַזעצט אין דעם לאַנד פון גד (ירמיה מ״ט). — דער נאָמען גד, וואָס איז דער טייטש מזל (בראשית ל׳) איז געווען באַקאַנט בײַם פאָלק כנען און זיי האָבן געהאַט אַן אָפּגאָט מיטן נאָמען „בעל גד“ און דערפון זענען אויך געווען נעמען פון ערטער אין ארץ־ישראל „בעל גד“ (יהושע כ״א) און אַנדערע.

גד החוזה א נביא אין דער צייט פון דוד המלך (שמואל א׳ כ״ב); אין דברי הימים ב׳ כ״ט ווערט דערציילט אַז ער האָט באַשריבן דאָס לעבן פון דוד.

גדוד אין העברעאיש „לעגיאָן“; וועגן יידישן לעגיאָן (הגדוד העברי) אין דער וועלט־מלחמה 1918 זע „זשאַבאָטינסקי“ און „טרומפּעלדאָר“. — אין ארץ־ישראל זענען פאַראַן א ריי אָרגאַניזאַציעס מיטן נאָמען גדוד: 1) „גדוד העבודה“ (געגרינדעט 1920), אַרבעטס־לעגיאָן, וועמענס חברים זענען אָרגאַניזירט אין א קאָמונע־לעבן איבערן גאַנצן לאַנד; זיי האָבן אויפגעבויט צוריק די קאָלאָניעס „תל חי“ און „כפר גלעדי“, מיטגעהאָלפן קאָלאָניזירן דעם עמק יזרעאל; פון 1930 געהערט ער צום „הקבוץ המאוחד“; — 2) „גדוד מגיני השפה“, „לעגיאָן צו שיצן די העברעאישע שפּראַך“ (געגרינדעט אין ארץ־ישראל 1922), יוגנט־אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָרגט וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון העברעאיש אין ארץ־ישראל און

קעמפּט קעגן דער באַנוצונג דורך יידן אין ארץ־ישראל פון אַנדערע שפּראַכן, אויך פון יידיש.

גדול גרויס, רייכטיק; ווערט באַנוצט אַלס טיטל אין דער לומדישער וועלט. אין פּוילן האָט די „אגודת ישראל" אין יאָר 1922 געגרינדעט אַן אינסטאַנץ פון „מועצת גדולי התורה" (דער ראַט פון די גדולים אין לערנען).

גדוף בלאַספעמיע, לעסטערן גאָט. אין חומש במדבר ט"ו איז פאַראַן דער אויס־דרוק „את ה' הוא מגדף", און די גמרא כריתות ז' פאַרטייטשט, אַז דאָס מיינט מען לעסטערן גאָט; אין דער משנה סנ־הדרין פּרק ז' ווערן אָנגעוויזן די באַדינ־גונגען, ביי וועלכע דער „מגדף", דער וואָס לעסטערט גאָט, ווערט פאַראור־טיילט צום טויט, דורך ווערן פאַרשטיי־נערט (סקילה); אין דער גמרא און מד־רש ווערט אָפט געבראַכט דער אויסדרוק „מחרף ומגדף" (קידושין מ"ט) אַלס איינער וואָס באַגייט בלאַספעמיע, גאָט־לעסטערונג; מען רופט אויך גאָט־לעס־טערונג אין תנ"ך (מלכים א' כ"א) מיטן וואָרט „ברך" (בענטשן), ווייל מען האָט טיילמאָל נישט געוואָלט אָנווענדן צום נאָמען גאָט דאָס וואָרט „קלל", שעלטן.

גדליהו בן אחיקם יידישער פאַר־וואַלטער אין ארץ־ישראל, באַשטימט דורך נבוכדנאצר מלך בבל, נאָכדעם ווי ער האָט איינגענומען דאָס לאַנד און חרוב געמאַכט ירושלים און דאָס ערשטע בית־המקדש. אין ירמיהו כ"ו ווערט דער־מאָנט זיין פאָטער אחיקם, אַז ער איז געווען אַ הויכער שר ביים לעצטן יידישן קעניג צדקיהו, און ער האָט געראַטעוועט ירמיהו הנביא פון טויט; עס ווייזט אויס דערפון אַז אחיקם איז געווען, פּונקט ווי ירמיהו, פון די קעגנער פון דער מלחמה קעגן בבל. אויך גדליהו זיין זון איז וואַרשיינלעך געווען פון די דאָזיקע קעג־נער, און דעריבער האָט אים נבוכדנאצר באַשטימט אַלס פאַרוואַלטער (ירמיה מ'); זיין רעזידענץ איז געווען מצפה; מען האָט געלייגט אויף אים אַ סך האָפ־נונגען, אַז ער וועט צוריק אויפבויען דאָס לאַנד; אָבער אַ געוויסע גרופּע, פון דער פאַמיליע פון צדקיהו המלך, מיט ישמעאל בן נתניה („מזרע המלוכה", פון דער קע־ניגלעכער פאַמיליע) האָבן אָרגאַניזירט קעגן גדליהו אַ פאַרשווערונג, און אים גע־טויט; איינער פון גדליהוס מיליטער־פי־רער, יוחנן בן קרח, איז נאָכער צוזאַמען מיט די איבערגעבליבענע אָנהענגער פון גדליהו אַנטלאָפן קיין מצרים; ישמעאל איז אַנטלאָפן קיין עמון. די דערמאָרדונג פון גדליהו איז באַטראַכט געוואָרן אַלס נאַציאָנאַלער אומגליק, און מען האָט דעם טאָג (איצט 3טער טאָג תשרי) באַשטימט אַלס תענית (זכריה ז' און ח', „צום השביעי"), באַקאַנט אַלס „צום גדליה". — אין די אויסגראָבונגען פון לכיש, וואו מען האָט געפונען אויף שערבלעך בריוו פון דער צייט פון חורבן ירושלים, האָט מען געפונען איין שטעמפּל מיט אַן אויפשריפט „לגדליהו אשר על הבית" און מען מיינט אַז דאָס איז גדליהו בן אחיקם.

גדעון הערשער איבער יידן אין ארץ־ישראל, אין די גאָר אַלטע צייטן, אין דער עפּאָכע פון די שופטים, איידער עס איז ביי יידן געווען אַ מלך; ער איז געווען דער 5טער שופט (לערך דעם 12טן יאָר־הונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייט־רעכענונג); ער האָט געשטאַמט פון שבט מנשה; אין שופטים ו' ווערט דערציילט, אַז דאָס איז געווען אין דער צייט ווען ס'פאָלק מדין האָט געדריקט די יידן, און אַז די יידן האָבן דעמאָלט געדינט צום אָפּגאָט בעל; אַ מלאך האָט זיך באַוויזן

צו גדעונען און אים געהייסן צוזושטערן דעם אָפּגאָט בעל און צונויפנעמען יענע יידן, וועלכע האָבן צום בעל נישט גע־דינט און מיט זיי זאָל ער גיין קעמפן קעגן מדין. גדעון האָט אַזוי געטאָן (דערפון האָט מען אים גערופן, זאָגט דער ספר שופטים, „ירובעל‟, ווייל ווען די בעל־דינער האָבן אים געוואָלט טויטן האָט זיין פאָטער געזאָגט, אַז זיי זאָלן אים צורו לאָזן און אויב דער בעל איז אַ גאָט, זאָל ער אַליין אים באַשטראָפן, „אם אלהים הוא ירב לו‟) און מיט 300 פערזאָן, וועלכע האָבן געהאַט אַלס זייער קאַמפּס־רוף „חרב לה' ולגדעון‟ (מיט דער שווערד, פאַר גאָט און פאַר גדעון!), האָט ער צעקלאַפּט מדין און באַפרייט די יידן. ווען מען האָט פאָרגעלייגט דער־פאַר גדעון דעם טיטל „מלך‟, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט דערפון, זאָגנדיק, אַז גאָט אַליין זאָל איבער די יידן הערשן; גדעון איז געווען שופט איבער די יידן 40 יאָר. — זע זוכוואָרט „אבימלך‟.

גואל זע זוכווערטער „גאולה‟, „משיח‟.

גואל הדם (אויסלייזער פון בלוט); אין חומש במדבר ל"ה ווערט געזאָגט, אַז אויב איינער האָט געטויט אַ מענטש, זאָל דער „גואל הדם‟ (דער אויסלייזער פון בלוט) טויטן דעם רוצח; אויב אָבער ער האָט געטויט אַ מענטש בשוגג, זאָל ער אַנטלויפן אין די ספּעציעלע שטעט „ערי מקלט‟ וואו דער „גואל הדם‟ טאָר אים נישט טויטן. ווער איז דער „גואל הדם‟? געוועגלעך טייטשן די מפרשים, אַז דאָס מיינט מען, דער נאָענטסטער פאַמיליע־קרוב פון דערמאָרדעטן; די גמרא סנהד־רין כ"ח זאָגט, אַז אויב דער „גואל הדם‟ טויט נישט דעם רוצח דאַרף דאָס סנ־הדרין דורכפירן די טויט־שטראָף. — דער באַגריף פון „גאולת הדם‟ איז ביי טייל פעלקער אין די מזרח־לענדער פאַר־שפּרייט נישט נאָר אויף'ן רוצח אַליין נאָר אויף דער גאַנצער פאַמיליע אָדער שבט פון רוצח.

גוג ומגוג אין ספר יחזקאל ל"ח ווערט געזאָגט נבואות אויף דעם קעניג גוג פון לאַנד מגוג („גוג מארץ המגוג‟), אַז ער וועט ליידן אַ מפּלה ווען ער וועט אָנפאַלן אויף די יידן. וועגן דעם, וועמען דער נביא מיינט דערמיט, זענען פאַראַן פאַר־שידענע מיינונגען; מען ווייזט אָן, אַז אין בראשית י' ווערט דערמאָנט אַ פאָלק מגוג; טייל ווייזן אויך אָן, אַז אין די אַלטע פלעקל־שריפטן וואָס מען האָט גע־פונען אין אשור און בבל פון יענער צייט ווערט דערמאָנט דער מלך גאָגא פון לוביע (אין קליין־אַזיע); טייל ווייזן אָן אַז די אַרמענישע בערג האָבן געהייסן „גאָג‟ און מען זאָל מיינען אַרמעניע. — אין דער גמרא (ברכות י"ג מגילה י"א, סנהדרין צ"ד) ווי אויך אין פיל מדר־שים און תרגום יונתן (שמות מ') ווערט די מלחמה פון „גוג ומגוג‟ פאַרגעשטעלט אַלס די מלחמה וואָס וועט פאָרקומען אין דער צוקונפט ווען משיח וועט קומען; צוערשט וועט גוג אָפּהאַלטן נצחונות און פייניקן די יידן, נאָר שפּעטער וועט ער באַזיגט ווערן דורך משיח און ער וועט פאַרניכטעט ווערן, און עס וועלן זיך אָנ־הייבן „ימות המשיח‟, משיחס צייטן. אין מדרש שמות רבה י"ב ווערן געבראַכט די אגדות אין צוזאַמענהאַנג מיט דער מלחמה פון גוג ומגוג. — שפּעטער ביי די אַראַבער, אין הויפּט־בוך פון איסלאַם, דעם „קאָראַן‟ ווערט געבראַכט די לע־גענדע פון „יאַדזשודזש און מאַ־דזשודזש‟, וואָס איז אַן אָפּקלאַנג פון די יידישע אגדות וועגן גוג ומגוג.

גוזמא (איבערטרייבונג); פאַראַן אויס־דריקן אין חומש, ספרי הנביאים און אויך אין דער משנה, וועגן וועלכע אין דער

גמרא ווערט געזאגט, אז זיי זענען נישטפינקטלעך, נאר א „גוזמא". די גמרא אין חולין צ' זאגט דערויף „דברה תורה לשון הבאי, דברו נביאים לשון הבאי, ודברו חכמים לשון הבאי"; אויף דער משנה תמיד פרק ג' זאגט די גמרא אויפן ארט בפירוש דאסווארט „גוזמא"; טייל אלטע מפרשים (רש"י און אנדערע) זאגן דעריבער אויף טייל אומגעוויינלעכע ציפערן וואס ווערן געבראכט אין דער גמרא, אז דאס זענען גוזמאות, און מען דארף זיי נישט נעמען בוכשטעבלעך (רש"י שבת קי"ט).

גוט און שלעכטס דאס פראבלעם סיי פון גוט און שלעכט, סיי פון אפטימיזם און פעסימיזם, ווערט אין די יידישע רעליגיעזע ספרים, פון תנ"ך אן, ביז דער לעצטער צייט, באהאנדלט אויספירלעך. אין חומש בראשית א' ווערט געזאגט, אז ווען גאט האט באשאפן די וועלט, „וירא אלהים את כל אשר עשה והנה טוב מאד", דאס הייסט, אז גאט האט געזען אז אלץ וואס ער האט געשאפן איז גוט. דא זעט מען די אפטימיסטישע מיינונג, אז די וועלט איז גוט. אבער שוין אין די שפעטערע צייטן געפינען מיר, אז דער תנא רבי מאיר (אין 2טן יארהונדערט) האט אין זיין ספר תורה צוגעשריבן „והנה טוב מאוד — והנה טוב מות", (מדרש בראשית רבה אויפן פסוק), אז דאס גוטע איז פאראן אין טויט, אין דער פארניכטונג. דא זעט מען שוין די פעסימיסטישע אויפפאסונג פון דער וועלט, אז דאס איינציגע גוטע אין דער וועלט איז דער טויט, דאס אוועקגיין פון איר, די פארניינונג פון לעבן. די דאזיקע שארפע פעסימיסטישע מיינונג וואס רבי מאיר האט ארויסגעזאגט דוקא אויפן פסוק „והנה טוב מאוד", געפינען מיר אויסגעדריקט אין טייל ספרים פון תנ"ך, באזונדערס אין איוב און קהלת. איוב אין קאפיטל ג', וועלכער ווינטשט זיך „או כנפל טמון לא אהיה", אז ער וואלט ליבערשט געוואלט נישט געבוירן ווערן; און קהלת מיט דעם ,הכל הבל", אלץ איז נאריש, און דעם „ושבח אני את המתים" (קהלת ד'), אז די געשטארבענע איז בעסער ווי די לעבעדיגע, זאגן ארויס די זעלבע פעסימיסטישע מיינונג איבער דער וועלט. אין זעלבן ספר קהלת איז אבער אויך פאראן א פארקערטע מיינונג „את הכל עשה יפה בעתו" (אלץ איז געשאפן געווארן גוט אין זיין צייט). די זעלבע מיינונגס־פארשידנקייט געפינען מיר שפעטער צווישן די צוויי תנאים־שולן, די בית שמאי און בית הלל (עירובין י"ג) צי „נוח לו לאדם שלא נברא משנברא" (איז בעסער דעם מענטש אז ער וואלט נישט באשאפן געווארן), און געבליבן איז, אז בעסער וואלט געווען, ער וואלט נישט באשאפן געווארן. די זעלבע מיינונגס־פארשידנקייט איז אויך צו זען אין אלע שפעטערע יידישע ספרים פון מיטלאלטער, אין „חובות הלבבות" פון רבנו בחיי, אין „בחינת עולם" פון בדרשי און אנדערע. עס איז צו באמערקן אז דער באגרינדער פון דער מאדערנער פילאזאפיע פון פעסימיזם ארטור שאפענהויער, האט געהאלטן, אז די יידישע רעליגיע, מיטן אויסנאם פון ספר קהלת, איז דורך און דורך אן אפטימיסטישע. — דאס פראבלעם פון „גוטס און שלעכטס" האט אין דער יידישער רעליגיע געהאט נאך א מאמענט, און נעמלעך, ווי איז מעגלעך, אז פון דער געטלעכקייט זאל אנשטיין שלעכטס. די יידישע רעליגיע איז געווען שארף קעגן דער אויפפאסונג פון דער אלטפערסישער רעליגיע פון „דואליזם", אז עס זענען פאראן שתי רשויות, צוויי געטער, איינער פון גוטס און ליכט און איינער פון שלעכטס און פינצטערניש. אין ישעיה מ"ה ווערט געזאגט וועגן גאט, אז ער איז „עושה שלום ובורא רע"

(שאַפט פרידן און אויך דאָס שלעכטס. — זע זוכווערטער „איוב", „קהלת", „טויט", „אומגליק".

גוטמאַכער, אליהו (1794 — 1876), רב און מקובל אין גריידיץ (אויף פויליש „גרודזשאַנדז", דייטש „גרוידענץ", אין פּאָמערן), וועלכער האָט זיך אויפגעפירט ווי אַ חסידישער רבי און געשמט אַלס בעל מופת; ער האָט צוזאַמען מיט רבי הירש קאַלישער געאַרבעט פאַר חבת ציון און ישוב ארץ־ישראל; איבערגעלאָזט חבורים „סוכת שלום", „אדרת אליהו" און אַנדערע; אין זיין אַרכיוו האָט מען געפונען בריוו פון היסטאָרישן ווערט.

גוטער ייד זע „חסידות".

גוי דאָס וואָרט „גוי" איז דער טייטש אין העברעאיש „פאָלק", און ווערט אויך באַנוצט אין תנ"ך אין זעלבן זין. מיר געפינען אָפט אין תנ"ך באַנוצט דאָס וואָרט „גוי" צום יידישן פאָלק. אין שמות י"ט ווערן יידן אָנגערופן „גוי קדוש" (אַ הייליק פאָלק). ערשט אין דער צייט פון דער משנה און גמרא איז דאָס וואָרט „גוי" באַנוצט געוואָרן צו באַצייכענען אַ נישט־ייד. עס דאַרף באַמערקט ווערן, אַז גאַנץ אָפט וואו מיר געפינען היינט אין דער משנה און גמרא דאָס וואָרט „עכו"ם" („עובדי כוכבים ומזלות", די דינער צו שטערנס) איז געווען פריער דאָס וואָרט גוי, נאָר די צענזאָרן האָבן עס איבערגעמאַכט אויף עכו"ם. פונדעסטוועגן געפינט מען אויך פיל מאָל דאָס וואָרט גוי, אַמייסטן אין דער גמרא ירושלמי (למשל תרומה פ"א, „אין הגוי עושה שליח, אַ גוי קאָן נישט מאַכן קיין שליח, און אַנדערע ערטער); אין לשון רבים איז פאַראַן „גויים" (תוספתא עבודה זרה פ"א „מתיירא מפני גויים", ער האָט מורא פאַר גויים); אַ נישט־יידישע פרוי הייסט גויה, און אַ סך הייסן „גויות" (ירושלמי עבודה זרה פ"א „ראה אשה אחת גויה", ער האָט געזען איין פרוי, אַ גויה"; ירושלמי יבמות פ"ד „סתם גויות", סתם נישט־יידישע פרויען). — די באַציאונג פון יידן צו גויים איז געווען פאַרשידן, אָפּהענגיק פון דער שטעלונג, וואָס די גויים האָבן געהאַט צו יידן. אין דער גמרא ווערן דערמאָנט „צדיקי אומות העולם" (זע ביים זוכוואָרט ‚אומות העולם"), וועלכע האָבן חלק לעולם הבא. אין די שפּעטערע יידישע ספרים געפינען מיר די ווירקלעכע מיינונגען (און נישט נאָר אויפגעצווינגען דורכן צענזאָר) אַז אין באַצוג צו נישט־יידן, וועלכע באַציען זיך מענטשלעך צו יידן און פירן זייער לעבן לויט הומאַניטאַרישע געזעצן, זענען נישט גילטיק די באַקאַנטע דינים וועגן ערגער באַהאַנדלען אַ גוי ווי אַ ייד. אַזוי זאָגט רבי יצחק למפרונטי אין „פחד יצחק", זוכוואָרט גוי, און דאָס זעלבע רבי יוסף קארו (מחבר פון שולחן ערוך) אין בית יוסף, חושן משפט רס"ו, און רבי יום־טוב העלער אין תוספות יום טוב עבודה זרה פ"ב. רבי יהודה החסיד (12טן יאָרהונדערט) אין ספר „חסידים" אין פיל ערטער זאָגט שאַרף, אַז מען טאָר נישט אָנווענדן די דאָזיקע דינים וועגן ערגער באַהאַנדלען נישט־יידן ווי יידן, דאָס זעלבע זאָגט דער רמב"ם אין משנה תורה הלכות גנבה פ"ז. — זע ‚אומות העולם", „בן נח".

גויאַנאַ לאַנד אין דרום־אַמעריקע, וואָס איז פאַרעלייגט געוואָרן אין יאָר 1938 דורך ענגלאַנד אַז מען זאָל דאָרט באַזעצן יידן און שאַפן אַן אויטאָנאָמע יידישע היים. גויאַנאַ איז צעטיילט צווישן ענגלאַנד, פראַנקרייך און האָלאַנד; אין ענגלישן טייל זענען פאַראַן ביי 300 טויזנט איינוואוינער און צווישן זיי ביז 1,800

יידן. פון גויאנא־פארשלאג איז גארנישט געווארן.

גולם דאסווארט גולם איז דער טייטש „א קערפער אן א פארם", און אין דער משנה אין כלים פי"ב איז פאראן „גולמי כלי מתכת" (נישט־געפארעמטע מעטאלכלים); מען האט עס אויך גענוצט צו באצייכענען א מענטש, וואס האט נישט קיין שכל, און די משנה אין פרקי אבות פ"ה רעכנט אויס די מידות פון א חכם און גיט צו „וחילופיהן בגולם" (פונקט פארקערט איז ביים גולם, ביים נישט־קלוגן). נאכער האט מען באנוצט דאס ווארט פאר א מענטשן־קערפער אן א נשמה; אין מדרש רבה ויקרא כ"ט ווערט געזאגט, אז צוערשט האט גאט באשאפן אדם הראשון א „גולם", נאר דערנאך האט ער אין אים אריינגעבלאזן א נשמה. — אין דער יידישער לעגענדע ווערן געבראכט פיל סיפורים וועגן פארשידענע יידישע פערזענלעכקייטן, וואס האבן געשאפן א גולם, זיי האבן צונויפגעשטעלט א טויטן קערפער פון ליים צי אנדערע מאטעריאלן און מיט א שם המפורש אים געמאכט לעבעדיק, און ער האט געטאן וואס זיין באשאפער האט אים געהייסן. שוין אין דער גמרא (סנהדרין ס"ג, חולין ק"ה) ווערט דערציילט וועגן אמוראים וואס האבן געשאפן לעבעדיקע באשעפענישן. נאכער איז עס דערציילט געווארן וועגן רבי שלמה אבן גבירול און אנדערע. אמפארשפרייטסטן איז די לעגענדע וועגן גולם פון מהר"ל (רבי ליווא) פון פראג (אין 16טן יארהונדערט), וועגן דער דאזיקער לעגענדע געבן מיר ביים זוכווארט „ליווא". — די „גולם"־לעגענדע איז באארבעט געווארן אין בעלעטריסטישע ווערק דורך מייערינק, לייוויק. זייערע גולם־פאעמעס האט מען אויפגעפירט אויף דער בינע.

גומל ווען איינער איז געפערלעך קראנק געווען און איז געזונט געווארן, אדער ווען איינער איז געווען אין אן אנדערן לעבנס־געפאר און איז ניצול געווארן, דארף ער בענטשן גומל; געוויינלעך קומט עס פאר ביים אויפרופן אים צו אן עליה צו דער ספר־תורה; ער מאכט דאן די ברכה „ברוך אתה ה' אלהינו מלך העולם הגומל לחייבים טובות שגמלנו כל טוב" (געלויבט איז גאט, וועלכער טוט טובות צו זינדיקע, דערפאר וואס ער האט מיר געשענקט אלץ גוט). די צוהערער ענטפערן דערויף: „מי שגמלך טוב הוא יגמלך כל טוב סלה (ווער עס האט דיר געטאן גוטס, זאל דיר טאן אלדאס גוטס אייביק). די פליכט צו בענטשן גומל ווערט דערמאנט אין דער גמרא ברכות נ"ד.

גוף קערפער, אלס קעגנזאץ צו נשמה, גייסט. דער אויסדרוק (אין לשון נקבה) ווערט געבראכט אין דברי הימים א' י' („את גופת שאול" — דעם טויטן קערפער פון שאול"); אין דער גמרא סנהדרין צ"א ווערט געבראכט דער דיאלאג צווישן דעם גוף און דער נשמה, וועלכע ווילן זיך יעדע באפרייען פון דער פאראנטווארטלעכקייט פאר די באגאנגענע זינד. אין דער גמרא יבמות ס"ב ווערט געזאגט, אז עס איז פאראן אויף יענער וועלט אן ארט מיטן נאמען „גוף", וואו עס געפינען זיך אלע נשמות, און אז משיח וועט קומען ווען „שיכלו כל הנשמות שבגוף" (יוען אלע נשמות אין גוף וועלן זיך שוין ענדיקן). — אין די חסידישע ספרים ווערט דאס ווארט גוף געטייטשט אין יידישע ראשי תבות „גוף וויל פרעסן", „גוף וויל פאפען" און אזוי ווייטער.

גורל אין תנ"ך ווערט עטלעכע מאל דערמאנט דאס ווארט גורל, מיט וועלכן

מען האָט זיך באַנוצט ביים אַנטשיידן אַן אומבאַשטימטע זאַך. אין במדבר ל״ג ווערט געזאָגט אַז ארץ־ישראל זאָל צע־טיילט ווערן צווישן די שבטים דורך אַ גורל; אין ויקרא ט״ז ווערט באַשטימט דורך אַ גורל וועלכער פון די צוויי שעי־רים אום יום כפור זאָל גיין לעזאזל; אין מגלת אסתר ג׳ האָט המן געוואָרפן גורל פעסטצושטעלן דעם חודש און טאָג ווען צו פאַרטיליקן די יידן. די גמרא סנהדרין מ״ג זאָגט אַז דער גורל האָט יאָ אַ ווערט, ווייל מיר זען אַז ארץ־ישראל איז מיט זיין הילף צעטיילט געוואָרן. אָבער דער ספרי אין דברים אויפן פסוק „תמים תהיה עם ה׳ אלהיך״, זאָגט „אין שואלין בגורלות״, אַז די יידישע רעליגיע פאַר־ווערט צו באַנוצן זיך מיט אַ גורל. עס איז פאַראַן אַ „ספר הגורלות״, וואָס שטאַמט פון מיטלאַלטער, מיט אַ לוח צו וואַרפן גורל אויף פאַרויסצוזאָגן די צו־קונפט.

גושן אַן אַלטע געגנט אין מצרים, וואו יעקב אבינו און זיינע קינדער האָבן זיך באַזעצט (בראשית מ״ז); די היינטיקע יידן אין עגיפּטן גלויבן אַז דאָס איז דאָס אָרט פאַיום.

גזלה זע „גנבה״.

גזר אַלטע שטאָט אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון תנ״ך (יהושע י׳); געוועזן פאַרנומען דורך די פלשתים; פרעה מלך מצרים האָט איר צוגענומען פון די פלש־תים און אוועקגעגעבן צו שלמה המלך (מלכים א׳ ט׳); איצט אַ בערגל „תל גזר״, לעבן דאָרף אבו שושא, נישט ווייט פון שאָסיי צווישן תל־אביב און ירוש־לים; אין די אויסגראָבונגען אין די יאָרן 1902—1907, האָט מען געפונען אַ שטיין מיט אַ העברעאישן אויפשריפט „תחום גזר״, און אויך אַ קאַלענדאַר פון לאַנד־ווירטשאַפט. מען האָט דאָרט אויך גע־פונען אַלטע קברים.

גזר דין זע „דין״.

גזרה (רעליגיעזער באַשלוס, פאַרבאָט), אין דער משנה און גמרא ווערט מיטן וואָרט גזרה אָנגערופן אַ פאַרבאָט וואָס די חכמים האָבן אָנגענומען ווייל די צייט און די אומשטענדן האָבן אַזוי גע־פאָדערט. אין משנה שבת פרק א׳ ווערן געבראַכט די י״ח דברים (18 זאַכן) וואָס די חכמים האָבן „גוזר״ געווען מיט אַ קורצער צייט פאַרן חורבן בית שני; די גמרא בבא קמא ע״ט זאָגט, אַז מען קאָן נישט גוזר זיין אַ גזירה וואָס „אין רוב הציבור יכולין לעמוד בה״, וואָס דער רוב פון יידן קאָנען איר נישט אויספירן.

גזרה (פאַרפאָלגונג־פאַרבאָט קעגן יידן, פאַרפאָלגונג אויף יידן); דער אויסדרוק גזרה צו באַצייכענען אַ פאַרפאָלגונגס־פאַרבאָט אויף יידן ווערט דערמאָנט שוין אין דער גמרא מכות כ״ד „מלך שגזרותיו קשות״ (אַ מלך וועמענס גזרות זענען שווערע); אין די שפּעטערע ספרים געפי־נען מיר דעם אויסדרוק גזרה זייער אָפט און ער איז אַריין אין דער יידישער שפּראַך. אין דער יידישער געשיכטע זע־נען די שווידערלעכע פאַסירונגען באַציי־כנט געוואָרן מיטן נאָמען גזרה; אַזוי זע־נען באַקאַנט „גזרת תתנו״ פון די „נוסעי הצלב״; גזרת ת״ח ות״ט פון כמעלניצ־קי; וועגן די אַלע פאַרפאָלגונגען געבן מיר ביי די באַטרעפנדע זוכווערטער ווי „ת״ח ות״ט״.

גזרה שוה זע „מידות״.

גט וואָרט וואָס באַצייכנט דעם שריפט־לעכן דאָקומענט, מיט וועלכן אַ מאַן גט־אַט זיין ווייב. אין חומש ווערט דאָס

וואָרט נישט דערמאָנט; אין דברים כ״ד ווערט עס אָנגערופן „ספר כריתות״; דאָס וואָרט גט ווערט דערמאָנט ערשט אין דער משנה מסכתא גיטין (באַלד אין דער ערשטער משנה „המביא גט מדינת הים״, און אַזוי כסדר אין דער גאַנצער מסכתא ווי אויך אין טייל ערטער אין אַנדערע משניות). דער גט ווערט געשריבן אויף אַראַמעאיש, און די נוסחאות פון אים האָבן זיך פיל געענדערט; דער רמב״ם אין משנה תורה הלכות גרושין פרק ד׳ ברענגט אַ נוסח, וועלכער איז אַנדערש פון די נוסחאות אין טייל אַנדערע ספרים; דער עלטסטער גט־כתב־יד וועלכן מיר האָבן איז פון יאָר 1088, געפונען געוואָרן אין דער גניזה (זע זוכוואָרט „גניזה״); וועגן די פאַרשידענע דינים פון גט איז פאַראַן אין רמב״ם משנה תורה הלכות גיטין און שולחן ערוך אבן העזר קי״ט־קנ״ד; לויט דער אידישער רעליגיע קאָן אַ מאַן גטן זיין ווייב אָן שום אורזאַך (משנה סוף גטין), און אַפילו „בעל כרחה״, דאָס הייסט, ער קאָן איר געבן אַ גט קעגן איר ווילן; ער דאַרף איר נאָר געבן אַ ריכטיק־אָנגעשריבענעם גט אין דער אָנוועזנהייט פון עדות און זי דאַרף דעם גט צונעמען. אָבער לויט דער תקנה פון רבנו גרשום טאָר מען נישט גטן קעגן דעם ווילן פון דעם ווייב. — וועגן דעם זע זוכוואָרט „גרשום״.

גטין מסכתא אין משניות און גמרא (בבלי און ירושלמי) ווי אויך תוספתא אין סדר נשים; אַנטהאַלט 9 פרקים; באַהאַנדלט אַלע דינים וועגן גטן זיך; אין דער גמרא זענען פאַראַן (גטין נ״ו, כיפור פון בר קמצא) ווערטפולע היסטאָרישע אגדות וועגן חורבן בית שני און חורבן ביתר.

גיאַת, יצחק (1038 — 1089), רב, פוסק, מפרש און פילאָזאָף אין קאָרדאָוואַ, שפּאַניע; רבי יצחק האָט אָנגעפירט מיט אַ ישיבה און צווישן זיינע אָנגעזעענע תלמידים איז געווען אויך רבי משה אבן עזרא; די מיינונג אַז אויך רבי יצחק אלפסי (רי״ף) איז געווען זיין תלמיד איז נישט ריכטיק; זיינע ספרים „פירוש לתלמוד״, „הלכות קצרות״, און אַנדערע ווערן געבראַכט דורך רש״י, ראב״ה, רמב״ם; ער האָט געשריבן אַ פילאָזאָפישן פירוש אויף קהלת; דער פירוש איז פאַרלוירן געגאַנגען; ער האָט אויך געשריבן אַ סך פיוטים.

גיד הנשה אָדערן וואָס געפינען זיך ביים אונטערשטן טייל פון אַ בהמה, און די תורה האָט פאַרבאָטן זיי צו עסן; דער סיפור מיט יעקב אבינו, וואָס איז די אורזאַך פון דאַזיקן פאַרבאָט, ווערט געבראַכט אין בראשית ל״ב.

גידול־בנים קינדער־דערציאונג; אין ישעיה א׳ איז פאַראַן דער אויסדרוק „בנים גדלתי״ (איך האָב דערצויגן קינדער); עס איז פּאָפּולער דער וואונטש וועגן קינדער, מען זאָל זוכה זיין „זיי מגדל צו זיין״. — זע זוכוואָרט „קינדער־דערציאונג״.

גידעמאַן, משה (1835 — 1918), ראַבינער, היסטאָריקער אין ווין; זיין באַרימט ווערק אין דייטש איז „געשיכטע פון דערציאונג און קולטור פון די יידן אין מערב־לענדער״, איבערזעצט אין העבּרעאיש „התורה והחיים״ דורך פרידבערג; אויך אין יידיש איז איבערזעצט אַ טייל פון אים (וועגן יידן אין דייטשלאַנד); דאָס בוך איז זייער ווערטפול, אַנטהאַלט אַ זאַמלונג ידיעות צונויפגענומען פון פאַרשידענע קוואַלן, יידישע און נישט־יידישע, וועגן לעבן פון יידן אין אייראָפּע פון 11טן ביזן 16טן יאָרהונדערט; גידעמאַן האָט אויך פאַרפאַסט אַ

דיי אַנדערע וויסנשאַפטלעכע ווערק; גע־
ווען אַ קעגנער פון ציוניזם, אַרויסגע־
טרעטן קעגן דר. הערצל.

גיהנום נאָמען פון אָרט אויף יענער וועלט, וואו, לויט דעם יידישן רעליגיעזן גלויבן, די רשעים וועלן באַשטראָפט ווערן פאַר זייערע זינד אויף דער וועלט. אין תנ״ך ווערט דאָס וואָרט גיהנום נישט דערמאָנט. אין יהושע ט״ו און אַנדערע ערטער ווערט אָנגערופן „גי בן הנם״ אַ טאָל לעבן ירושלים; דאָרט זאָל האָבן געווען אַ פייער־שפייענדער וואולקאַן פון דער ערד אַרויס. און די גמרא ערובין י״ט זאָגט דאַרויף, אַז דאָרט איז דער „פתחו של גיהנום״ (דער טויער פון גיהנום); טייל מיינען דאַריבער, אַז דער נאָמען שטאַמט פון דאָזיקן טאָל. טייל געלערנטע מיינען, אַז עס שטאַמט פון דער פּערסישער שפּראַך. — אין דער משנה ווערט דאָס וואָרט גיהנום יאָ דערמאָנט. אין פּרקי אבות א׳ ווערט געזאָגט „וסופו יורש גיהנום״ (און זיין סוף וועט זיין אַז ער וועט האָבן דעם גיהנום); אין משנה עדיות פּרק ו׳ ווערט געזאָגט אַז די שטראָף פאַר „מיטעלע (בינונים) רשעים אין גיהנום איז 12 חדשים. וועגן גאָר גרויסע רשעים זאָגט די גמרא ראש השנה י״ז „גיהנום כלה והם אינם כלים״, דאָס הייסט, אַז זיי זענען פאַראורטיילט אויף שטענדיק. וועגן גיהנום זענען פאַראַן אין די ספרי מוסר, באַזונדערס אין „ראשית חכמה״ און „שבט מוסר״ פיל אגדות און באַשרייבונגען פון די פּייניקונגען אין די 7 אָפּטיילונגען (די „שבעה מדורי גיהנום״ ווערן געבראַכט אין דער גמרא סוטה י׳). דער „ראשית חכמה״ ברענגט אַ „מסכתא גיהנום״; אין „בית המדרש״ (זאַמלונגס־זשורנאַל פאַר אַלטע מדרשים) חלק ה׳ ווערט געבראַכט אַ מדרש גיהנום מיט באַשרייבונגען פון גיהנום.

גיחון נאָמען פון איינעם פון די 4 טייכן וואָס דער חומש בראשית ב׳ דערציילט, אַז זיי גייען אַרויס פון עדן; מיטן זעלבן נאָמען איז אויך אָנגערופן געוואָרן אַ קוואַל וואַסער לעבן ירושלים, וואו מען האָט געזאַלבט שלמה המלך אַלס קעניג (מלכים א׳ א׳).

גיחזי דינער פון אלישע הנביא (מלכים ב׳ ד׳). ער איז באַשטראָפט געוואָרן מיט צרעת דערפאַר וואָס ער האָט, קעגן דעם אַנזאָג פון אלישע, גענומען מתנות פון נעמן, דעם מיליטער־מאַן פון ארם; אין דער גמרא און מדרש זענען פאַראַן פיל אגדות וועגן גיחזי, וועלכער ווערט פאַרעכנט צו די וואָס האָבן נישט קיין עולם הבא (סנהדרין צ׳).

גייגער, אברהם (1810 — 1874), פון די אָנגעזעענסטע היסטאָריקער און פאָרשער פון יידישער וויסנשאַפט (חכמת ישראל) אין דער נייער צייט, פירער און אָרגאַניזאַטאָר פון דער רעפאָרם־באַוועגונג אין דייטשלאַנד; געבוירן אין פראַנקפורט, געווען ראַבינער אין ברעסלוי, נאָכער אין בערלין, וואו ער האָט געגרינדעט די הויך־שולע פאַר יידישער וויסנשאַפט; רעדאַגירט וויסנשאַפטלעכע צייטשריפטן; געשריבן אין דייטש וויכטיקע ווערק, פון וועלכע די באַדייטנדסטע זענען: 1) די אורשריפט און איבערזעצונגען פון תנ״ך אין איר אָפּהענגיקייט פון דער אינערלעכער אַנטוויקלונג פון יידנטום (ברעסלוי 1857); אין דאָזיקן ווערק וויל גייגער אויפווייזן אַז די תורה שבעל פה איז נישט אַנטשטאַנען מיטאַמאָל, נאָר ביסלעכווייז, דורכגעגאַנגען אַ אַנטוויקלונג, דורכגעמאַכט גרויסע ענדערונגען; ער באַמיט זיך אויפצוקלערן די מחלוקה פון די פּרושים און צדוקים און אַנוויזן, אַז אין די תנ״ך־תרגומים און דער משנה און תוספתא זענען געבליבן אַלטע הלכות פון

די צדוקים; 2) „פארלעזונגען איבער דער געשיכטע פון יידנטום‟; א זייער טיף ווערק. גייגער האט אויך פארפאסט א ריי אנדערע ווערטפולע ביכער (איבער דער שפראך פון דער משנה און אנדערע); אין דער רעפארם־באוועגונג איז גייגער אין אנהויב אוועק זייער ווייט, אבער נאכער איז ער געווארן מעסיקער, און האט זיך קעגנגעשטעלט דער אפשאפונג פון מילה און שבת; גייגער איז געווען דער ארגאניזירער פון דעם ראפארם־ראבינער צוזאמענפאר אין 1837.

גימטריא דאס ווארט איז גריכיש, „געאמעטריא‟, און איז דער טייטש „לאנד מעסטונג‟, און איז איבערגענומען געווארן אין דער תלמודישער ליטעראטור אויף צו באצייכענען טיילמאל „רעכענען‟ אין אלגעמיין; אין דער ברייתא פון די 32 מידות (מעטאדעס) פון תנא רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי (פון 2טן יארהונדערט), לויט וועלכע מען לערנט ארויס פון די פסוקים אין תנ״ך פארשידענע דרשות (די ברייתא איז געווען געדרוקט אין ספר „הכריתות‟ און אויך באזונדער מיט פירושים פון קאצענעלבויגן, רייפמאן און אנדערע), איז אויך פאראן די מעטאדע פון „גימטריא‟; דאס הייסט, מען רעכנט אויס וויפיל די בוכשטאבן פון א ווארט באטרעפן אין ציפערן, און מען שטעלט אנשטאט דעם ווארט די סומע פון די ציפערן, אדער אן אנדער ווארט, וואס באטרעפט אויך אזוי פיל. למשל אין דער גמרא שבת קמ״ט זאגט דער אמורא רב, אז דאס ווארט „ערל‟ באטרעפט 300, און לערנט דערפון אפ א דרשה. אין דער גמרא געפינען מיר אפט אנגעווענדט די מעטאדע פון „גימטריא‟ (מען באנוצט דערביי דאס ווארט „בגמטריא‟). אין דער משנה פרקי אבות סוף פרק ג׳ ווערט געבראכט „גימטריאות‟, אבער דארט מיינט מען רעכענען, נישט דוקא אויף פסוקים, נאר מאטעמאטיק בכלל.

גינזבורג, אשר זע „אחד העם‟.

גינצבערג, לוי (געבוירן 1873 אין קאוונע); זינט 1902 פראפעסאר אין ראבינער סעמינאר אין ניו־יארק; זיינע באדייטנדע ווערק זענען אין ענגליש „געאניקא‟ (איבער דער עפאכע פון די גאונים), „די יידישע לעגענדעס‟; געהערט צו די באדייטנדסטע געלערנטע אויפן געביט פון חכמת ישראל.

גיקאטליא — 1) יוסף בן אברהם (1248 — נאך 1305) מקובל אין שפאניע, תלמיד פון ר׳ אברהם אבולעפיא; דער ספר יוחסין רופט אים „בעל הניסים‟ צוליב זיין רום אלס בעל מופת; ער האט אין זיין שיטה וועגן קבלה א גרויסע ניי־גונג איר אויסצוגלייכן מיט דער פילאזאפיע; זיינע באדייטנדע ספרים זענען „גנת אגוז‟, „שערי אורה‟, א האנטבוך פאר קבלה; ער האט אויך געשריבן א קינה אויף תשעה באב מיט די ווערטער „ירושלים הנאהבה‟ („ליב ירושלים‟); — 2) משה בן שמואל הכהן, בארימטער מדקדק און מפרש התנ״ך אין ענדע 11טן יארהונדערט אין שפאניע; פון זיינע ספרים אויף דקדוק און תנ״ך (געשריבן אין אראביש) האבן געשעפט די באדייטנדסטע יידישע מפרשים ווי דער אבן עזרא און אנדערע; דער אבן עזרא ברענגט אים אפט אין זיינע פירושים און רופט אים אן „רבי משה הכהן הספרדי‟ און אין איין ארט שרייבט ער וועגן אים א גאר הויכע מיינונג; דער געלערנטער דר. שמואל אברהם פאזנאנסקי האט צונויפגענומען די פראגמענטן פון זיינע פירושים און זיי ארויסגעגעבן (לייפציג, 1895).

גירונדי פאמיליע־נאמען פון אנגעזע־

ענע יידישע פערזענלעכקייטן אין שפּאַניע, צווישן זיי, רבי יונה החסיד, רבי נסים (דער ר״ן). מיר געבן וועגן זיי ביי די זוכווערטער „זרחיה״, „יונה״, „נסים״.

גלבע (לעז גילבאָאַ) נאָמען פון בערג אין ארץ־ישראל, וואָס טיילן אָפּ דעם עמק יזרעאל פון ירדן־טאָל; אויף די דאָזיקע בערג איז פאָרגעקומען די שלאַכט צווישן די יידן אונטער דער פירונג פון שאול המלך, און די פלשתים, און די יידן זענען געוואָרן באַזיגט און שאול און זיינע זין יונתן, אבינדב און מלכישוע זענען אומגעקומען (שמואל א׳, ל״א); דוד המלך האָט אויף זיי מספיד געווען שמואל ב׳, א׳: הרי בגלבע אל טל ואל מטר עליכם (בערג פון גלבע, עס זאָל אויף אייך נישט פאַלן קיין טוי און קיין רעגן).

גלגול פאַרשפּרייטער פאָלקס־גלויבן ביי יידן אין דער צייט פון נאָכן תלמוד, אַז די נשמה פון אַ פאַרשטאָרבענעם מענטש ווערט „מגולגל״, גייט איבער אין דעם קערפּער פון אַ ניי־געבוירן קינד און די נשמה לעבט אַזוי אַרום ווידער אויף דער וועלט; לויט דעם דאָזיקן גלויבן קאָן די נשמה מגולגל־ווערן אַ סך מאָל, און טיילמאָל ווערט זי מגולגל נישט אין אַ מענטש נאָר אין אַן אַנדער לעבעדיק באַשעפעניש. דער גלגול איז אָפּצוקומען אַ שטראָף פאַר באַגאַנגענע זינד אין פריערדיקן לעבן. מגולגל ווערן, לויטן דאָזיקן גלויבן, נישט דוקא רשעים, נאָר אויך צדיקים אויב זיי האָבן עפּעס פאַרפעלט אין פריערדיקן לעבן און זיי דאַרפן דאָס ווידער „מתקן זיין״ אויף דער וועלט. — אין תנ״ך און גמרא און איבערהויפּט אין דער תלמודישער ליטעראַטור ווערט דער גלגול־גלויבן נישט דערמאָנט. אָבער מען נעמט אָן, אַז שוין אין די אַלטע צייטן אַפילו פון 2טן בית המקדש, זענען געווען ביי יידן סעקטעס וואָס האָבן געגלויבט אין גלגול. ביים יידישן פילאָזאָף פילאָן פון אַלעקסאַנדריע (1טן יאָרהונדערט) געפינט מען שפּורן פון דאָזיקן גלויבן, וועלכער איז דעמאָלט געווען פאַרשפּרייט אין טייל גריכיש־פילאָזאָפישע שולן, און איז נאָך פריער פאַרשפּרייט געווען אין עגיפּטן און אינדיע. אין יידישע ספרים געפינען מיר דעם גלגול־גלויבן אין דער צייט פון די גאונים פון וועלכע רב סעדיה גאון טרעט אַרויס קעגן דאָזיקן גלויבן אין זיין ספר „אמונות ודעות״. אין אַלגעמיין האָבן די יידישע פילאָזאָפן אין מיטלאַלטער (רב סעדיה, ראב״ד דער ערשטער, דער בדרשי און אַנדערע) נישט געגלויבט אין גלגול. דאַקעגן אין דער קבלה איז דער גלויבן אין גלגול נשמות זייער אָנגענומען. דער זהר ברענגט דעם גלגול־גלויבן אין פרשת משפטים; רב משה בן נחמן (רמב״ן) אין פירוש אויף איוב שטיצט אויך שטאַרק די אמונה אין גלגול. רבי יצחק לוריא (אר״י) און זיינע תלמידים האָבן נאָכמער געהאַלטן פון דאָזיקן גלויבן, און זיין תלמיד רבי חיים וויטאַל האָט מחבר געווען אַ ספר „הגלגולים״ וואָס גיט אַ רשימה פון גרויסע יידישע חכמים, וועלכע זענען שפּעטער מגולגל געוואָרן און אין וועמען יעדער איז מגולגל געוואָרן. — זע זוכוואָרט „דיבוק״.

גלגול מחילות (קייקלען זיך אין די היילען). אין דער גמרא כתובות קי״א ווערט געזאָגט, אַז די מתים פון אַלע לענדער, אחוץ ארץ־ישראל, ווען זיי וועלן דאַרפן אויפשטיין תחיית המתים, וועלן זיך קייקלען אין היילן אונטער דער ערד ביז זיי וועלן קומען קיין ארץ־ישראל און ערשט דאָרט וועלן זיי אויפשטיין תחיית המתים. די גמרא דערקלערט דערמיט דאָס וואָס יעקב אבינו האָט געהייסן פירן זיין טויטן קערפּער

קיין ארץ־ישראל צו קומען דארט צו קבורה. דער דאזיקער גלויבן איז פאפו־לער מיטן העברעאישן נאמען „גלגול מחי־לות", און טייל יידן פלעגן איבערלאזן צוואות אז מען זאל פירן זייער טויטן קערפער קיין ארץ־ישראל, כדי אויסצו־מיידן דעם גלגול מחילות.

גלגול שלג (וואלגערן זיך אין שניי). איינער פון די מיטלען, מיט וועלכע אמא־ליקע מקובלים פלעגן זיך פייניקן, דורך וואלגערן זיך נאקעטערהייט אין שניי.

גלגל נאמען פון 2 ערטער אין ארץ־ישראל, דערמאנט אין דברים י"א, יהושע ד' און אנדערע תנ"ך־ספרים; אמאל איז איין גלגל געווען דער צענטער פון ארץ־ישראל, דארט האט מען מקריב געווען קרבנות, דארט האט מען געזאלבט דעם ערשטן מלך שאול (שמואל א' י'); דארט איז אויך פארגעקומען דער אנהויב פון ספור ווי אליהו הנביא איז ארויף אין הימל (מלכים ב', ב').

גלות זע זוכווארט „בארד".

גלוי עריות זע „זנות".

גלוי ראש (אפגעדעקט דעם קאפ). די פראגע, צי איז דער פארבאט, וואס איז איינגעפירט ביי פרומע יידן נישט צו גיין מיט אן אפגעדעקטן קאפ, שוין פון אלטע צייטן, איז באהאנדלט געווארן דורך א ריי רבנים און געלערנטע, און זי איז ביז איצט נישט אויפגעקלערט. אין תנ"ך געפינט מען נישט דעם פארבאט; אין דער גמרא שבת קנ"ו זאגט די מוטער פון אמורא רב נחמן בר יצחק צו איר זון, אז ער זאל זיך צודעקן דעם קאפ, כדי ער זאל האבן יראת שמים. פון דעם ווייזט אויס, אז עס איז געווען א באזונ־דערע מידת חסידות צוצודעקן דעם קאפ; רבי יוסף קארו (מחבר פון שולחן ערוך) ברענגט אין „בית יוסף" (צום טור אורח חיים צ"א) אין נאמען פון „כלבו", אז אפילו דאס צודעקן דעם קאפ ביים מאכן א ברכה איז נאר א מידת חסידות, און קיין געבאט דערויף איז נישטא. דאס זעלבע געפינט מען אויך אין אנדערע ספרים פון די ראשונים. דאקעגן דער „מגן אברהם" (רבי אברהם אבא גאמבי־נער, אין 17טן יארהונדערט) צום שולחן ערוך אורח חיים ח' האלט, אז דאווענען אין בלויזן קאפ איז פארבאטן, ווייל עס הייסט נאכגעטאן די גויים, און עס איז דערויף דער „ובחוקותיהם לא תלכו" (מען טארנישט גיין אין זייערע וועגן). דער רמב"ם הלכות דעות, פרק ה' האלט עס פאר א מידה פון צניעות נישט צו גיין אין בלויזן קאפ. רבי ישעיה הורוויץ (16טן יארהונדערט) אין של"ה זאגט, אז אפילו ביים שלאפן דארף זיין דער קאפ צוגעדעקט. פרומע יידן זענען זיך נוהג צו טראגן זאגאר אין שלאף א יאר־מאלקע.

גלות נאמען פאר די לענדער, אין וועל־כע די יידן וואוינען אויסער ארץ־ישר־אל; שטאמט פון ווארט „הגלה" (ער האט פארטריבן); אין ישעיה מ"ה הייסן „גלות" די פארטריבענע מענטשן; אין תנ"ך (יחזקאל ל"ג) ווערט דערמאנט דאס ווארט „לגלותנו", אבער דארט האט עס נישט די באדייטונג פון א לאנד, נאר פון „פארטריבן ווערן".—אין עובדיה א' האבן מיר „גלת ירושלים". אין עזרא ד' הייסט דאס גלות־לאנד „גולה"; אויך שפעטער אין דער משנה ראש השנה, פרק ב' ווערט באנוצט דאס ווארט „גולה", מיט וועלכן מען האט אויך באצייכנט די יידן, וועלכע האבן געוואוינט אין גלות; זייער פירער אין בבל האט דעריבער גע־הייסן „ראש הגולה", אויף אראמעאיש „ריש גלותא" (זע „ראש הגולה"); —

געוויינלעך האט מען אונטערשיידט גלות מצרים, גלות בבל, און דעם איצטיקן גלות האט מען גערופן „גלות אדום" און „גלות" ישמעאל" אפהענגיק צי מען האט זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון קריסטן צי פון מאכמעדאנער. — טייל פרומע יידישע פערזענלעכקייטן האבן זיך נוהג געווען „אפצוריכטן גלות", דאס הייסט ארומוואנדערן א געוויסע צייט, און וואו זיי זענען געווען ביי טאג האבען זיי נישט גענעכטיקט. וועגן דאזיקן גלות־אפריכטן ווערן דערציילט פארשידענע לעגענדעס וועגן די ברידער־רביים רבי ר' אלימלך און רבי ר' זושא, וועגן רבי אליהו ווילנער גאון און אנדערע.

גלות השכינה זע „שכינה".

גלח באצייכענונג אין יידיש פאר א גייסטלעכן פון דער קאטוילישער רעליגיע; רבנו יעקב תם (12טן יארהונדערט) אין ספר הישר פ"א דערמאנט שוין דאסווארט גלח אין דאזיקן זין. די לאטיינישע שפראך, אין וועלכער עס ווערן אפגעריכט די געבעטן אין די קאטוילישע קירכעס, איז אנגערופן געווארן „כתב גלחים" (אור זרוע חלק ב' מ"ב), ווי אויך „גלחות". וועגן באדייטונג פון ווארט גלח זענען פאראן פארשידענע מיינונגען; לויט טייל זאל עס זיין פון העברעאישן „גלח", אפגאלן, ווייל די גלחים האבן געהאט אפגעגאלטע קעפ; לויט טייל זאל עס שטאמען פון ווארט „גאליקאנוס", וואס איז געווען אמאל די באצייכענונג פאר א מאן וואס איז געווען פארבונדן מיט דער קירכע.

גליל צפון־טייל פון ארץ־ישראל, ווערט דערמאנט אין מלכים א' ט', אויך אין ישעיה ח' („גליל הגוים", ווייל דארט האבן געוואוינט א געמיש פון פעלקער). אין דער צייט פון דער משנה שביעית פ"ט האט מען איינגעטיילט האס לאנד אין „גליל העליון" (אויבערשטער) און „גליל התחתון" (אונטערשטער). די איינוואוינער פון גליל האט מען געהאלטן אין יענע צייטן אלס נאאיווע, נישט געבילדעטע מענטשן (עירובין נ"ג גלילא שוטה"). אין דער געשיכטע פון יידן און פון ארץ ישראל האט דער גליל געשפילט א גרויסע ראלע; דארט איז פארגעקומען דער קאמף קעגן די רוימער ביים חורבן בית שני; דארט איז צוזאמענגעשטעלט געווארן די משנה און דער תלמוד ירושלמי; אין דער צייט פון די גאונים איז דארט פעסטגעשטעלט געווארן די מסורה פון תנ"ך, דער ניקוד; גאר שפעטער, אין 16טן יארהונדערט, איז דער גליל געווען דער צענטער פון די מקובלים (צפת); פון חבת־ציון באוועגונג אן זענען אין גליל אנטשטאנען א ריי קאלאניעס. — זע „ארץ־ישראל".

גלילה דאס איז די מצוה צונויפצוזוויקלען די ספר־תורה נאכן לייענען איר; מען רופט צו איר אויף איינעם פון די דאווענערס.

גליקל פון האמעלן (געבוירן אין האמבורג 1646 — געשטארבן אין מעץ 1724), באקאנט דורך אירע זכרונות, געשריבן אין אלט־יידיש, אין וועלכע עס שפיגלט זיך אפ דאס יידישע לעבן אין דייטלאנד אין יענער צייט; אין די זכרונות דערמאנט זי אויך די שבתי־צבי־באוועגונג און איר איינדרוק אויף די דייטשע יידן; די „זכרונות" זענען געווען א לענגערע צייט אין כתב־יד; אין יאר 1896 האט זיי דוד קויפמאן ארויסגעגעבן מיט א גרעסערער איינלייטונג אין דייטש. די זכרונות אנטהאלטן אויך א ריי פאלקס־גלויבונגען און פאלקסמעשיות.

גלית נאמען פון א שטארקן מאן פון די פלשתים, וועלכער האט געדראעט די יידן אין דער צייט פון שאול המלך; דוד האט אים געטויט מיט א שטיין (שמואל א' י"ג); אין שמואל ב' כ"א ווערט געזאגט אז גלית איז געטויט געווארן דורך אלחנן בן יערי. — צווישן די פורים־שפילן אין 19טן יארהונדערט איז געווען אויך א „גלית"־שפיל.

גלעד נאמען פון א לאנד אין עבר הירדן (בראשית ל"א), אנגערופן אויפן נאמען פון גלעד בן מכיר פון שבט מנשה; דארט האט געוואוינט דער האלבער שבט מנשה.

גם זו לטובה (אויך דאס איז צום גוטן). פרומע יידן, וועלכע האבן בטחון אין גאט, זאגן אויף יעדער פאסירונג, זאגאר אויף א שלעכטער, „גם זו לטובה", אויך דאס איז צום גוטן. די גמרא (תענית כ"א) דערציילט וועגן א תנא, נחום איש גמזו, וועלכער פלעגט כסדר זאגן דאס ווארט.

גמילות חסדים (טוען טובות מענטשן); איינער פון די הויפט־יסודות אין דער יידישער רעליגיעזער עטיק; אין פרקי אבות א' זאגט שמעון הצדיק, אז אויף דריי זאכן שטייט די וועלט, און איינער פון זיי איז „גמילות חסדים". אין משנה פאה א' ווערט גמילות חסדים פארעכנט צו די מצוות „שאין להם שיעור" (האבן נישט קיין גרענעץ) און פון וועלכע מען עסט די פרוכטן אויף דער וועלט און דער קרן בלייבט פאר יענער וועלט. דער רמב"ם אין משנה תורה הלכות מתנות עניים האלט, אז די הויפטזאך פון גמילות חסדים איז בארגן געלט צו באדערפטיקע. — פון דעם איז געווארן אין יידיש דער אויסדרוק „גמילות חסד", דאס הייסט בארגן געלט אן פראצענט. אין כמעט אלע יידישע שטעט זענען פון שטענדיק אן געווען חברות „גמילות־חסדים" אויף צו בארגן ארימעלייט געלט אן פראצענט; אין פוילן און א ריי אנדערע לענדער איז געווען לעצטנס שטארק אנטוויקלט א נעץ פון „גמילות־חסדים־קאסעס", וועלכע האבן אין פוילן געשאפן א גרויסע לאנדארגאניזאציע צ. ק. ב. (דאס איז פון פוילישן, צענטראלע פון קאסעס „בעזפראצענטאווע", אן־פראצענטיקע), וועלכע איז אין דער מלחמה, ענדע 1939 חרוב געווארן.

גמליאל הזקן רבן, תנא און נשיא אין ירושלים אין דעם לעצטן יארהונדערט פארן חורבן פון 2טן בית המקדש. ער איז געווען אן אייניקל פון הלל הזקן, און ער האט פארנומען דעם נשיאות־אמט נאך זיין פאטער שמעון. ער איז געווען דער ערשטער פון די תנאים מיטן טיטל „רבן" (פאר אים האט מען גערופן בלויז מיטן נאמען ווי למשל „הלל"). אין דער משנה ראש השנה פרק ב', גיטין פרק ד' ווערן געבראכט תקנות וואס ער האט מתקן געווען. ער האט (יבמות קכ"ב) אויך געפסקנט, אז א פרוי, וועמענס מאן איז פארשוואונדן געווארן און איין עדות זאגט, אז ער איז געשטארבן, מעג זי חתונה האבן (משיאין את האשה על פי עד אחד). אין תוספתא סנהדרין פרק ב' ווערט געבראכט א טעקסט פון א בריוו וואס רבן גמליאל האט געשיקט צו די יידישע קבוצים אין ארץ־ישראל און גלות (בבל און מדי) וועגן איינפירן אן עיבור־יאר. אין סוף סוטה ווערט געזאגט, ווען רבן גמליאל איז געשטארבן איז בטל־געווארן דער כבוד התורה און עס איז געשטארבן די טהרה און פרישות. אין פרקי אבות א' לערנט ער „עשה לך רב", אז מען זאל לערנען ביי א רבי

גמליאל דער 2טער, רבן תנא

און נשיא, באלד נאכן חורבן פון 2טן בית המקדש, אן אייניקל פון רבן גמליאל הזקן, זון פון רבן שמעון הנהרג; מען האט אים אויך גערופן רבן גמליאל דיבנה, ווייל ער איז געווען נשיא שוין נישט אין ירושלים נאר אין יבנה. זיינע הלכות זענען פאראן זייער פיל אין דער משנה מיטן סתם נאמען „רבן גמליאל"; די ישיבה אין יבנה האט ער געפירט מיט דער גרעסטער אויטאריטעט, און ער האט ארייגעלייגט זיין שוואגער רבי אליעזר בן הורקנוס אין חרם דערפאר וואס ער האט זיך נישט געוואלט אונטערוואַרפן דער מיינונג פון דעם רוב תנאים (בבא מציעא נ"ט). ער האט אויך געפרואווט אנווארפן זיין מיינונג אנדערע תנאים (רבי יהושע און אנדערע), און מען האט רבן גמליאל אראפּגעזעצט פון נשיאות און אין זיין ארט באשטימט רבי אלעזר בן עזריה (ברכות כ"ז). שפעטער האט מען אים צוריקגעגעבן די נשיאות אבער צוזאמען מיט רבי אלעזר בן עזריה. רבן גמליאל האט פעסטגעשטעלט די טעקסטן פון שמונה עשרה צוגעבנדיק די ברכה קעגן די מינים (מגילה י"ז); ער האט אויך מתקן געווען אנדערע תקנות. אין סנהדרין ק"ד ווערט דערציילט ווי ער האט מיטגעוויינט אויף צרות פון אנדערע מענטשן. גענוי דאס יאר ווען ער איז געשטארבן איז שווער פעסטצושטעלן; מען נעמט אן, אז אין יאר 118; יעדנפאלס איז ער געשטארבן פאר דעם אויפשטאנד פון בר כוכבא (יאר 132).

גמליאל דער 3טער, רבן נשיא, פון די לעצטע תנאים, זון פון רבי יהודה הנשיא מסדר פון דער משנה (געלעבט אין 3טן יארהונדערט); וועגן דאזיקן תנא האבן די געלערנטע יידישע היסטאריקער ווייניק געשריבן; ערשט רבי יצחק אייזיק הלוי אין „דורות הראשונים" חלק ב' ווייזט אויף פון משנה און גמרא, אז די

טעטיקייט פון רבן גמליאל איז געווען זייער א גרויסע; פון אים ווערן געבראכט אין פרקי אבות (פרק ב') די ווערטער: „יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ" (עס איז גוט צו לערנען תורה און אויך באשעפטיקן זיך מיט א פרנסה); „וכל העוסקים עם הצבור יהיו עוסקים עמהם לשם שמים" (די וואס ארבעטן אין כלל זאלן זאלן עס טאן לשם שמים).

גמרא אראמעאיש ווארט, דער טייטש „לערנען", און דערמיט ווערט אויך באצייכנט דער פירוש און צוגאב צו דער משנה וואס איז באקאנט אלס „גמרא". — וועגן דעם צוזאמענשטעל פון גמרא, צייט פון דער רעדאקציע און איר איינהאלט געבן מירביים זוכווארט „תלמוד".

גן (אויף העברעאיש „גארטן"). אין ארץ־ישראל זענען פאראן א ריי קאלאניעס מיטן נאמען „גן", ווי „גן יבנה", „גן שמואל".

גן עדן אין חומש בראשית ג' ווערט דערציילט דער סיפור, אז ווען גאט האט באשאפן אדם און חוה האט ער זיי באזעצט אין גארטן (גן) אין דעם ארט „עדן", וואו זיי האבן געהאט פרוכטן פון ביימער צום עסן. נאר צוליב דעם וואס זיי האבן עובר געווען אויפן געבאט נישט צו עסן פון עץ־הדעת, זענען זיי פארטריבן געווארן פון גן עדן. אין דער משנה און גמרא ווערט מיטן ווארט גן עדן באצייכנט דאס ארט אויף יענער וועלט, אין עולם הבא, וואו די נשמות פון צדיקים קומען אריין און געפינען זיך דארט. אויך די נשמות פון די רשעים נאכדעם ווי זיי קומען אפ זייער שטראף אין גיהנום (זע זוכווארט „גיהנום") גייען אריין אין גן עדן. אין דער משנה ווערט דער אויסדרוק געבראכט אין פרקי אבות פרק ה' „ובושת פנים לגן עדן"

(דער שעמעוודיקער וועט האבן דעם גן עדן); אין דער גמרא ווערט דער אויסדרוק געבראכט פיל מאל; אין ברכות כ״ח ווערט דערציילט ווי רבן יוחנן בן זכאי האט פארן טויט געוויינט און געזאגט, אז עס זענען פאראן נאכן טויט צוויי וועגן, איינער צום גיהנום און איינער צום גן עדן, און איך ווייס נישט אין וועלכן מען וועט מיך פירן. אין טייל ערטער פון דער גמרא (ברכות ל״ד) און א ריי אנדערע ערטער, ווערן געבראכט די אגדות, אז אין גן עדן וועט דאס לעבן זיין ענלעך צום לעבן אויף דער ערד, מיט עסן און טרינקען וויין „יין המשומר" (זע זוכווערטער „יין המשומר", „לויתן", „שור הבר"), אבער אין אנדערע ערטער פון דער גמרא (ברכות י״ז) ווערט געזאגט, אז אויף יענער וועלט איז נישטא קיין עסן און קיין טרינקען, נאר די צדיקים זיצן מיט קרוינען אויף די קעפ „ונהנין מזיו השכינה" (און האבן הנאה פון דער שטראלונג פון דער שכינה). דער רמב״ם אין פירוש המשניות סנהדרין צום פרק „חלק" טייטשט עס אויס, אז די אלע אויסדריקן וועגן עסן און טרינקען זענען נאך בדרך מליצה און אז אין גן עדן זענען די פארגעניגנס נאר גייסטיקע, דער העכערער גענוס פון דערקענטעניש פון דער געטלעכקייט, וועלכע די מענטשן אויף דער ערד קאנען עס נישט אויפפאסן. — אין כתובות ע״ז ווערט געבראכט די אגדה, אז רבי יהושע בן לוי איז אריין לעבעדיקערהייט אין גן עדן. — אין תמיד ל״ב ווערט דערציילט די לעגענדע ווי אלעקסאנדער מוקדון איז צו געקומען צום טויער פון גן עדן. אויך פון אנדערע ערטער אין דער גמרא איז צו זען, אז עס איז געווען דער גלויבן, דאס אויך אויף דער ערד איז פאראן א גן עדן, וואס מען האט גערופן אין די שפעטערדיקע ספרים „גן עדן התחתון" אין אויך „גן עדן של מטה" (דער גן עדן אונטן, אויף דער ערד). דער רמב״ם אין דערמאנטן פירוש אויף דער משנה אין סנהדרין האלט אויך פון דאזיקן גלויבן און זאגט, אז עס איז פאראן ערגעץ אויף דער ערד אזא שיינער און פרוכטבארער ארט, און אז ווען משיח וועט קומען וועט ער אנטדעקט ווערן. גאר שפעטער זענען געווען פארשידענע פאלקסלעגענדס וועגן רבי שמשון (שר) מקוצי, דעם „מקדש מלך" און אנדערע, אז בלאנדזשענדיק אין וועג האבן זיי אנגעטראפן אויף דעם גן עדן התחתון, דארט פארבראכט שבת און געהערט ווי מען האט אויפגערופן צו דער ספר תורה אהרן הכהן, משה רבנו אלס לוי, אברהם, יצחק און יעקב. — זע אויך זוכווערטער „יין המשומר", „לויתן", „עולם הבא", „שור הבור".

גנאח יונה, אבן (לערך 990 — לערך 1050 אין שפאניע), באדייטנדסטער העברעאישער גראמאטיקער און פארשער פון העברעאיש און מפרש פון תנ״ך אין דער שפאנישער מפרשים־עפאכע; אויף אראביש איז ער אויך באקאנט געווען אלס „אבו אלואליד מארוואן"; ער האט געשריבן זיינע ווערק אין דער אראבישער שפראך; זיין וויכטיקסט ספר איז דער „הרקמה", איבערזעצט אין העברעאיש דורך רבי יהודה אבן תבון (ארויסגעגעבן דורך בער גאלדבערג, פראנקפורט 1856; שפעטער דורך ווילענסקי); דאס איז א גרינטלעכע פארשונג איבער דעם בוי פון העברעאיש, באמערקונגען און אויפקלערונגען לויט א געוויסער תנ״ך־קריטישער מעטאדע צו א סך פסוקים פון תנ״ך; זיין צווייט באדייטנד ספר איז דער „השרשים", איבערגעזעצט אין העברעאיש דורך רבי יהודה אבן תבון (ארויסגעגעבן דורך באכער, בערלין 1896), א גרינטלעכער און אלזייטיקער שטודיום פון די העברעאישע ווערטער־ווארצלען;

זיינע אנדערע חבורים זענען מערסטנס פארלוירן געגאנגען, און עס זענען געבליבן פון זיי אין כתב יד נאר פראגמענטן אין פארשידענע ביבליאטעקן; רבי יונה אבן גנאח (לעז „דזשאנאך״) איז געווען דער פאטער פון דער ערנסטער און וויסנשאפטלעכער העבראישער שפראך־פארשונג, וועמענס פארשונג־רעזולטאטן האבן א גרויסן ווערט ביז היינט; אבן גנאח האט געהאט א גרויסע מחלוקה מיט רבי שמואל הנגיד צוליב אבן גנאחס קריטיק אויף חיוגס ספרים אין דקדוק.

גנאסטיקער אלטע סעקטע ביי יידן אין ארץ־ישראל און שכנות־לענדער, אין דער צייט פון 1טן און 2טן יארהונדערט, באקאנט אין נייעם העבראיש אלס „יודעים״ („גנאסים״ הייסט אויף גריכיש ,וויסן׳, דאס זעלבע וואס ,יודעים׳); זייערע גלויבונגען זענען געווען א געמיש פון יידישע, פערסישע און אפילו אינדישע גלויבונגען; אין א געוויסער מאס איז דער גנאסטיציזם באזירט אויף דעם פרינציפ פון „דואליזם״, אז אין דער וועלט זענען פאראן צוויי באזונדערע געטלעכע כוחות, גוט און שלעכט, וואס פירן צווישן זיך א קאמף.

גנבה דאס צונעמען דאס אייגנטום פון אן אנדערן, ווען יענער ווייסט נישט, הייסט אין דער יידישער געזעצגעבונג גנבה; דאס צונעמען דאס אייגנטום, ווען יענער ווייסט יא דערפון און מען נעמט עס צו מיט געוואלד, הייסט „גזלה״; אין חומש ווערן די פארבאטן פון גנבה און גזלה געבראכט עטלעכע מאל. שוין אין די עשרת הדברות (שמות כ׳) ווערט געזאגט „לא תגנוב״ (זאלסט נישט גנבענען); די גמרא אין סנהדרין פ״ו טייטשט אז דאס מיינט מען נישט גנבענען אייגנטום, נאר צוגנבענען א מענטש („גונב נפש״), דאקעגן אויף אייגנטום־גנבענען איז פאראן דער פארבאט פון „לא תגנבו״ (ויקרא י״ט). אין ויקרא י״ט איז אויך פאראן דער פארבאט פון „לא תגזל״ (נישט באגיין קיין גזלה). די שטראף פאר גנבה איז פארשידן. פאר א געווינלעכער גנבה קומט צו באצאלן טאפלט (תשלומי כפל); פאר גנבענען א שעפס און פארקויפן אדער שעכטן אים קומט צו צאלן 4 מאל, און פאר אן אקס 5 מאל (תשלומי ארבעה וחמשה); פאר גנבענען א מענטש און פארקויפן אים קומט טויט־שטראף (שמות כ״א, כ״ב, כ״ג); די יורידישע איינצלהייטן וועגן גנבה־געזעץ זענען פאראן אין רמב״ם משנה תורה הלכות גנבה.—אין דער גמרא איז אויך פאראן דער פארבאט פון „גנבת דעת״ (באגנבענען יענעמס מיינונג, אפנארן יענעם דורך פארשטעלן אנדערש ווי די זאך איז); די גמרא (חולין צ״ד) זאגט „אסור לגנוב דעת הבריות ואפילו של עכו״ם״ (מען טאר נישט באגנבענען, אפנארן די מיינונג פון מענטשן, און אפילו נישט פון גויים).

גניזה (באהאלטן; ארט, וואו מען האט באהאלטן בלעטער פון ספרים, כתבי־יד). אין דער גמרא שבת ל׳, קט״ו און אנדערע ערטער געפינען מיר, אז אין די אלטע צייטן פון בית שני האט מען באהאלטן טייל ספרים, וועלכע מען האט אנערקענט אלס שעדלעך פאר דער עפנטלעכקייט. — אין די שפעטערדיקע צייטן פלעגט מען באהאלטן די בלעטער פון צעריסענע ספרים, מען האט זיי גערופן „שמות״; געווינלעך פלעגט מען זיי קובר זיין אויפן בית־עלמין. — א זייער גרויסע באדייטונג האט פאר דער יידישער וויסנשאפטלעכער פארשונג די אזוי גערופענע „גניזה״, וואס מען האט געפונען אין פאסטאט ביי קאהיר אין עגיפטן; דאס זענען געווען פראגמענטן

פון אלטע כתבי יד געשריבן אין העברעאיש און אראמעאיש אויף פארמעט. און זיי שטאמען פון 10טן און 11טן יארהונדערט, און טייל זאגאר פון פריער. מיט אויספארשן די דאזיקע כתבי יד האט זיך פארנומען אמייסטן דער געלערנטער זלמן שעכטער, וועלכער האט אין יאר 1896 געבראכט א גרויסן טייל פון זיי קיין ענגלאנד; דאס איז געווען א געפונענער אוצר, אין וועלכן מען אנטדעקט נאך ביז היינט אלט־פארלוירענע כתבי־יד, וועלכע ווארפן א ניי ליכט אויף דער עפאכע פון די גאונים (זע זוכווארט „גאונים“); מען האט דארט געפונען א העברעאישן טעקסט פון בן סירא, א ספר „ברית דמשק“, וואס זאל שטאמען פון די צדוקים (זע זוכווערטער „בן סירא“, „צדוקים“), אלטע פיוטים, תשובות פון גאונים, א ספרים־קאטאלאג; די גניזה ווערט ביז היינט געפארשט דורך אנגעזעענע געלערנטע. — פרטים זע אין „גנזי שעכטער“ און „טעקסט ענד סטאדיעס“ פון מאן.

געאגראפיע יידן האבן פיל מיטגעהאלפן צו דער פארשונג פון דער ערד, די לענדער און פעלקער אין פארשידענע צייטן; אחוץ די פארשידענע געאגראפישע ידיעות וואס זענען פאראן אין תנ״ך און דער תלמודישער ליטעראטור (דער געלערנטער נייבויער האט געשריבן אין פראנצויזיש זיין „געאגראפיע פון תלמוד“, פאריז 1868, הערשנזאן אין העברעאיש, „שבע חכמות שבתלמוד“, לעמבערג 1883), זענען די רייזע־באשרייבונגען אין מיטלאלטער פון פארשידענע יידישע רייזנדע, רבי בנימין פון טודעלא, רבי פתחיה פון רעגענסבורג, זייער א וויכטיקער קוואל פאר דער געאגראפישער פארשונג פון יענער צייט; דער געלערנטער צונץ האט אין זיין צוגאב צום „מסעות בנימין“, דער ענגלישער אויסגאבע לאנדאן 1841, צונויפגעשטעלט א רשימה פון 160 יידישע ספרים איבער געאגראפיע.

געזונט אין דער תלמודישער ליטעראטור ווערט געלייגט גרויס אויפמערקזאמקייט אויפן געזונט־צושטאנד פון מענטש; די גמרא ווייזט אן אויפן יסוד פון פסוקים פון חומש, אז עס איז א רעליגיעזע מצווה אפצוהיטן דאס געזונט; די גמרא חולין ט׳ זאגט אז געזונטהייט געפאר (סכנתא) איז הארבער פון אן איסור, פון א רעליגיעזן פארבאט; וועגן יידישער מעדיצין, געזונט־הילף־אינסטיטוציעס, זע „בקור חולים“, „מעדיצין“.

געזעניוס, ווילהעלם (1842—1786) א קריסט, בארימטער העברעאיש־פארשער אין דייטשלאנד; זיין גרויס העברעאיש און תנ״ך אראמעאיש ווערטערבוך, וואס איז דערשינען פיל מאל, איז פון די באדייטנדסטע ווערק אויף דעם געביט פון העברעאיש־ און תנ״ך־פארשונג; ער האט אויך געשריבן „געשיכטע פון העברעאישער שפראך“ (1815).

געזעץ זע „דין“, „הלכה“, „שלחן ערוך“.

געטא ווארט־באצייכענונג פאר א פארצאמטער גאס אדער שטאט־טייל, אדער שטיק לאנד, וואס איז באשטימט, אז נאר דארט מעגן יידן וואוינען, און אויסער דעם ארט טארן יידן נישט וואוינען. — פון וואנען דאס ווארט שטאמט איז שווער צו זאגן. טייל געלערנטע (יאפע אין לאנדוי־בוך) מיינען, אז עס איז דאס ווארט „געהעקטעס“, ארומגעצוימט; אנדערע מיינען, אז דאס איז דאס פארגרייזטע איטאליענישע ווארט „גודעאיקא“, „יידיש“; אנדערע מיינען, אז עס שטאמט פון ווארט „גט“. עס ווייזט

אוים, אַז דאָס ערשטע מאָל האָט מען איינגעפירט דעם געטאָ פאַר יידן אין איטאַליע; שוין אין יאָר 1090 געפינען מיר אין דאָקומענטן וועגן אַ ספּעציעלער גאַס פאַר יידן אין ווענעציע; מעגלעך אַז אין אָנהויב איז עס געווען נישט אַ צוואַנג, נאָר יידן אַליין האָבן זיך אָפּגעטיילט צו וואוינען באַזונדער; שפּעטער טרעפן מיר שוין דעם פאַרבאָט צו וואוינען אויסער דעם געטאָ; דעם נאָמען געטאָ (אין דער פאָרם „גיטו") טרעפן מיר אין יידישע ספרים פון איטאַליע אין 16טן יאָרהונדערט („פחד יצחק" פון רבי יצחק למפּרונטי); אין יענע צייטן טרעפן מיר שוין געטאָס פאַר יידן אין אַ ריי דייטשע שטעט, אין פראַנקפורט, פּראַג און אַנדערע; דאָס געטאָ איז אָפּגעשאַפט געוואָרן אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע (1789); אָבער אין אַ טייל לענדער (אין צאַרישן רוסלאַנד נאָכן יאָר 1917) איז געווען אַ לאַנד־געטאָ, תחום המושב, וואו יידן האָבן געמעגט וואוינען נאָר אין באַשטימטע געגענטן; מיט היטלערס קומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד (1933) האָט מען אָנגעהויבן אין דייטשלאַנד צוריק איינפירן דעם געטאָ און דעם פאַרבאָט פאַר יידן צו וואוינען אין אַ סך ערטער און גאַסן. ווען די היטלעריסטישע סאָלדאַטן האָבן פאַרנומען (1939) פּוילן האָט די היטלעריסטישע רעגירונג נאָכער איינגעפירט אַ געטאָ אין וואַרשע, לאָדז און אַנדערע שטעט. אָבער דאָס איז ניט אַ געטאָ ווי אין מיטלאַלטער, פון וועלכע יידן האָבן געקאָנט בייטאָג אַרויסגיין אומגעשטערט, נאָר דאָס איז איינפאַך אַ תפיסה, אין וועלכע די יידן ווערן אויסגעהונגערט און אויסגעמאָרדעט דורך הונגער, פּייניקונגען, קראַנקייטן. זע אין העברעאיש פון פראַגער „יון מצולה החדש" וועגן די היטלער־געטאָס אין פּוילן. — וועגן לעבן אין די אַלטע געטאָס זע פּיליפּזאָן „הגיטות האירופיות העתיקות".

געלט זע „רייכטום".

געצנדינסט דער פאַרבאָט פון געצנדינסט איז פון די הויפּט־יסודות אין דער יידישער רעליגיע; דער צווייטער געבאָט פון „עשרת הדברות" (שמות כ') איז לא יהיה לך אלהים אחרים על פני, לא תעשה לך פסל וכל תמונה, לא תשתחוה להם ולא תעבדם" (זאָלסט נישט האָבן קיין אַנדערן גאָט, זאָלסט זיך נישט מאַכן קיינע בילדער, זאָלסט זיך נישט בוקן און נישט דינען צו זיי). אין די ספרים פון די נביאים אָנהויבנדיק פון ספר יהושע ביז מלאכי ווערט כסדר געוואָרנט די יידן, אַז זיי זאָלן נישט דינען צו אַנדערע געטער, וואָס ווערן אָפט אָנגערופן אין תנ"ך „אלילים", „גלולים", „שקוצים"; אין תנ"ך ווערן אָפט די טרויעריקע געשעענישן מיטן יידישן פאָלק אויסגעטייטשט אַלס שטראָף דערפאַר וואָס די יידן האָבן עובר געווען אויף דעם פאַרבאָט און האָבן געדינט צו אַנדערע געטער; דער קאַמף קעגן געצנדינסט איז געווען ביי יידן זייער אַ שאַרפער; צו די שאַרפסטע מאָמענטן אין האַזיקן קאַמף איז די מלחמה פון אליהו הנביא און אלישע הנביא און דעם קעניג יהוא בן נמשי קעגן דעם בעל־דינסט אין די צייטן פון קעניג אחאב און זיינע קינדער (ספר מלכים א' י"ח און ב' י'); אין ישעיה מ"ד שילדערט דער נביא מיט איראָניע ווי דער אָפּגאָט ווערט געמאַכט פון אַ שטיק האָלץ, און ווי די געצנדינער זענען אַזוי נאַריש צו בוקן זיך צו אים; אין דער צייט פון משנה און גמרא איז די געצנדינסט אָנגערופן געוואָרן „עבודה זרה", און עס איז פאַראַן אַ גאַנצי מסכתא „עבודה זרה" וואָס באַהאַנדלט אַלע איינצלהייטן פון געצנדינסט־

פארבאט; אין סנהדרין ע״ד ווערט געזאגט, אז אויב מען וויל איינעם צווינגען צו דינען עבודה זרה, דארף ער זיך לאזן טויטן, און נישט דינען; אין דער יידישער געשיכטע זענען באקאנט פיל מאמענטן, ווען יידן האבן זיך מוסר נפש געווען און נישט געוואלט עובר זיין אויף דעם פארבאט; שוין אין ספר דניאל ווערט דערציילט דער ספור פון חנניה מישאל ועזריה, וועלכע האבן זיך געלאזט ווארפן אין ברענענדן קאלך־אויוון און נישט געוואלט דינען צום גאלדענעם בילד; אין די צייטן פון די חשמונאים איז די צאל פון די יידישע קדושים געווען א גרויסע (די מעשה פון דער מוטער און אירע 7 קינדער, וואס האבן זיך געלאזט טויטן, און וועלכע ווערט געבראכט אין גטין נ״ז, שטאמט אויך פון די חשמונאים צייטן); דאס זעלבע איז אויך געווען שפעטער.

געריכט וועגן רעליגיעזע יידישע געריכטן זע זוכווערטער „בית דין״, „סנהדרין״, „רבנים״; אין דער לעצטער צייט זענען איינגעפירט געווארן אין א ריי לענדער וועלטלעכע יידישע געריכטן, אין ארץ־ישראל („משפט השלום העברי״), אין אמעריקע (משפט השלום), אין קאנאדע; די דאזיקע געריכטן דערלעדיקן סכסוכים וואס נעמען ארום מייסטנס ספעציעל־יידישע ענינים, געזעלשאפטלעכע קאנפליקטן, ווי אויך פאמיליע סכסוכים. די געריכטן באשטייען מערסטנס פון וועלטלעכע מענטשן, מיט דער באטייליקונג פון יוריסטן, און טיילמאל אויך מיט דער באטייליקונג פון רבנים.

געשיכטע די געשיכטע פון יידישן פאלק נעמט ארום א צייט פון לערך 4,000 יאר, פון די אור־אלטע צייטן, ווען עס האט זיך באוויזן די ערשטע העבראישע משפחה פון אברהם אבינו, ביז דער איצטיקער צייט, און נעמט אויך ארום כמעט אלע לענדער אויף דער ערד, פון ארץ־ישראל, ארם, מצרים, בבל, אשור, פרס וואס ווערן דערמאנט אין תנ״ך, ביז די פארשידענסטע לענדער אין אלע ערד־טיילן, וואו קבוצים פון יידישן פאלק האבן געוואוינט און געווירקט. דער גרויסער נייער יידישער היסטאריקער, שמעון דובנאוו האט דעריבער אנגערופן זיין בוך איבער יידישער געשיכטע „די וועלט געשיכטע פון יידישן פאלק״, דאס הייסט אז עס איז א געשיכטע פון א פאלק, וואס האט מיטגעמאכט די באדייטנדסטע געשעענישן אין דער וועלט־געשיכטע פון א גרויסן טייל לענדער און פעלקער. — מיר וועלן דא נישט געבן די יידישע געשיכטע זעלבסט, ווייל דאס אייגנטלעך איז צעווארפן איבער אונדזער גאנצער ענציקלאפעדיע ביי די איינצלנע זוכווערטער פון די עלטסטע צייטן אן ביז היינט: מיר וועלן דא געבן נאר וועגן דער אויפאסונג פון דער יידישער געשיכטע און אויך וועגן די באדייטנדסטע ביכער און געלערנטע וואס האבן זיך מיט יידישער געשיכטע באשעפטיקט. — אייגנטלעך איז דער תנ״ך דאס ערשטע ספר, וואס באשעפטיקט זיך מיט יידישער געשיכטע, סיי מיטן דערציילן די אלטע פאסירונגען פון יידישן פאלק, סיי מיטן געבן דעם היסטארישן פראגמאטיזם, אויפקלערן די סיבות פון די פאסירונגען, פארוואס זיי זענען אזוי געשען, סיי אויך מיט דער אידעאלאגיע, מיט דעם היסטארישן זין פון די אלע פאסירונגען. דער חומש, די נביאים הראשונים (יהושע, שופטים, שמואל, מלכים), דברי הימים, עזרא און נחמיה און אויך טייל קאפיטלעך אין די אנדערע תנ״ך ספרים דערציילן אונדז די געשיכטע פון ערשטן יידישן פאטער אברהם אבינו, דורך דער גאנצער צייט פון גלות אין מצרים, דאס ארויסגיין פון מצרים, מתן תורה, די וואנדערונגען אין

דער מדבר, איינעמען ארץ ישראל, די
ערשטע מלחמות, די עפּאָכע פון די שופ־
טים, נאָכער די גרינדונג פון דער מלוכה,
דאָס בויען דעם ערשטן בית המקדש, דער
נאָך די צעטיילונג פון דער מלוכה און
נאָכער די גאַנצע צייט פון ביידע מלוכות,
יהודה און ישראל, ביז פאַרטריבן ווערן
און חורבן הבית, און צום סוף דאָס צו־
ריקערן פון בבל און אויפשטעלן דאָס
צווייטע בית המקדש. אַלע שלעכטע
היסטאָרישע פּאַסירונגען, די אומגליקן,
ווערן דורכן תנ"ך אויפגעקלערט אין דעם
זין ווי דער ספר שופטים גיט עס אין
קאַפּיטל ב': „ויעשו בני ישראל את הרע
בעיני ה' — ויחר אף ה' בישראל —
וימכרם ביד אויביהם (די ייִדן האָבן גע־
זינדיקט קעגן גאָט, און גאָט האָט זיי
איבערגעגעבן אין די הענט פון זייערע
שונאים). אויך דער אידעאָלאָגישער זין
פון דער עקזיסטענץ פון ייִדישן פאָלק
און זיין געשיכטע איז אַ רעליגיעז־עטי
אָלאָגישער: די ייִדן זענען אַ „גוי קדוש"
(הייליק פאָלק), אַן „עם סגולה (אויסדער
וויילט פאָלק), וואָס דאַרף מיט זיין עק־
זיסטענץ און מיט זיין רעליגיעזער אױ־
פירונג דינען אַלס מוסטער פאַר אַנדערע
פעלקער, זיין דער „אור גוים" (דאָס ליכט
פאַר אַלע פעלקער). דעם דאָזיקער גע־
דאַנק, וואָס מען האָט אין דער מאָדערנער
צייט אָנגערופן די „מיסיע"־אידייע, גע־
פינען מיר אָפט אין די נבואות פון
גרעסטן טייל נביאים, און זיין שטאַרק־
סטער אויסדרוק זענען די קאַפּיטלעך
ישעיה ג' און מיכה ד', די וויזיע פון
„אחרית הימים", פון דער ווייטער צו־
קונפט, ווען אַלע פעלקער וועלן זאָגן:
„לאָמיר גיין צום גאָט פון יעקב און ע־
וועט אונדז לערנען זיינע וועגן". — נאָך
דער צייט פון תנ"ך געפינען מיר געוויי־
סע געשיכטע־ביכער ערשט אין דער צייט
פון די חשמונאים, וועלכע דערציילן די
פּאַסירונגען נאָך פון יענעם חשמונאים־
קאַמף. ערשט פון דער צייט צום סוף פון
2טן בית המקדש, ריכטיקער געזאָגט, נאָכן
חורבן, האָבן מיר די ערשטע גרויסע באַ־
שרייבונג פון ייִדישער געשיכטע, וועמענס
מחבר איז געווען יוסף בן מתתיהו הכהן
פלאַוויוס, דער ייִדישער גענעראַל פון דער
מלחמה קעגן די רוימער, וועלכער האָט
זיך באַזעצט אין רוים. זיין הויפּטבוך
„אַנטיקוויטאַטעס" („קדמוניות", אַל־
טערטימער), געשריבן אין גריכיש (אי־
בערזעצט אין העברעאיש דורך קלמן
שולמאַן), נעמט אַרום די ייִדישע גע־
שיכטע פון דער אור־אַלטער צייט ביז
דער צייט פון פאַרן חורבן. זיין צווייט
בוך „בעלום" (מלחמה), אויך געשריבן
אין גריכיש (איבערזעצט אין העברעאיש
דורך דר. שמחוני, אין ייִדיש, אַ קיצור
דערפון מיט צוגאָבן איז דער „יוסיפון")
נעמט אַרום די קורצע באַשרייבונג פון אַ
ריי געשעענישן פאַר דער מלחמה און
אויספירלעך די מלחמה קעגן רוים, וואָס
האָט דערפירט צום חורבן. — נאָכער
באַמערקט מען נישט אַ לאַנגע צייט קיין
ספר פון ייִדישער געשיכטע, אויב מען
זאָל נישט רעכענען די פאַרשידענע סיפּו־
רים און אגדות אין דער תלמודישער לי־
טעראַטור, און די קורצע כראָניק פון
„מגילת תענית" און „סדר עולם" פון
דער צייט פון דער משנה. אַ געוויסן
ווערט אַלס היסטאָרישע פאַרצייכענונגען
האָבן גאָר שפּעטער דער בריוו פון רב
שרירא גאון און די כראָניק־רשימה פון
רב נתן הבבלי, וועלכע געבן אויך נאָך
געוויסע כראָניק־פאַרצייכענונגען. פון אַ
גרעסערן פאַרנעם איז דער ספר הקבלה
פון רבי אברהם אבן דוד (ראב"ד דער
ערשטער) פון 12טן יאָרהונדערט. וועל־
כער איז שוין אַ מער סיסטעמאַטישע כראָ־
ניק־פאַרצייכענונג פון פּאַסירונגען מיטן
ייִדישן פאָלק. פון דעמאָלט אָן באַוויזן
זיך מסדר אַלץ מער אַזעלכע כראָניק־
פאַרצייכענונגען, ווי דער „שלשלת הק־

בלה", ספר יוחסין (פון ר' אברהם זכותא) שבט יהודה, צמח דוד (רבי דוד גאנז), סדר הדורות (רבי יחיאל מיכל היילפערין) און אנדערע. באזונדערס וויכטיק איז דער "מאור עינים" פון רבי עזריה מן האדו־מים מיט זיינע קריטישע באמערקונגען. — דער ערשטער וואס האט געפרואווט ארומנעמען די גאנצע געשיכטע פון יידי־שן פאלק איז געווען אין 18טן יארהונ־דערט א קריסט, באנאזש, וועלכער האט געשריבן אין פראנצויזיש זיין געשיכטע פון יידישן פאלק. אבער די ערנסטע פארשונג און אויפבוי פון יידישער גע־שיכטע האט זיך אנגעהויבן אין 19טן יאר הונדערט. צוערשט האט יאסט געשריבן אין דייטש די 3 בענדער "געשיכטע פון איזראעליטישן פאלק" (לייפציג 1857—1859); גלייכצייטיק און דערנאך האט גרעץ פארפאסט זיין גרויסע געשיכטע פון יידישן פאלק, 11 בענדער אין דייטש (1853 — 1872), וועלכע איז איבערזעצט געווארן אין פיל שפראכן אין איר פאר־קירצטער, פאלקסטימלעכער פארם (אויף העברעאיש אין שאול פנחס ראבינאוווי־טשעס איבערזעצונג איז איבערגעגעבן אין א גרויסן טייל די אויספירלעכע גע־שיכטע). פון 19טן יארהונדערט אן האבן אנגעהויבן דערשיינען פארשונגען איבער איינצלנע מאמענטן פון יידישער געשיכ־טע, גרויסע ישובים אין לענדער, שטעט, מאנאגראפיעס איבער יידישע פערזענ־לעכקייטן, פארשונגען איבער איינצלנע ענינים (געשיכטע פון יידישן האנדל, פי־לאזאפיע, ליטעראטור וכדומה). לעצטנס האט דובנאוו ארויסגעגעבן זיין "וועלט־געשיכטע פון יידישן פאלק" אין דייטש, העברעאיש, יידיש. אין 19טן יארהונ־דערט האט מען אויך אנגעהויבן פארשן דעם פראגמאטיזם פון דער יידישער גע־שיכטע, די סיבות פון די געשעענישן און דעם זין פון דער גאנצער קייט פאסירונ־גען. דער באדייטנדסטער פון די דאזי־קע פארשער איז געווען נחמן קראכמאל אין זיין "מורה נבוכי הזמן", וועלכער האט אנגעווענדט צו דער יידישער גע־שיכטע די אויפפאסונג פון דייטשן פילא־זאף העגעל וועגן אלגעמיינער געשיכטע; לויט דער דאזיקער אויפפאסונג פון קראכ־מאל, באווייזט זיך אין דער יידישער גע־שיכטע דער אבסאלוטער גייסט, דער רוחני המוחלט, און די געשיכטע גייט אדורך די 3 עפאכעס פון וואקסן, שטאר־קייט און אונטערגאנג (העגעלס דריי פאזן), נאר אנשטאט וואס ביי אנדערע פעלקער ענדיקט זיך זייער עקזיסטענץ און געשיכטע מיט דער לעצטער פאזע פון אונטערגאנג, איז אבער האס יידישע פאלק אן אויסנאם, און ווען עס קומט שוין דער לעצטער מאמענט ערב דעם אונטערגאנג, הויבט זיך עס אן ווידער צו באנייען און אויפבליען, און עס גייט ווידער אדורך די דריי עפאכעס. אחוץ קראכמאלס אויפפאסונג זענען פאראן נאך אנדערע אויפפאסונגען פון יידישע געשיכ־טע: די באנייטע מיסיע־טעאריע אין אן אסימילאטארישער פארם (יידן דארפן זיך אויסמישן מיט פעלקער און זיי לער־נען גערעכטיקייט, סאציאלע, געזעל־שאפטלעכע און פאליטישע), די גייסטיק נאציאנאלע (אחד העם און דובנאוו), די סאציאל־עקאנאמישע פון מאקס וועבער. וועגן יעדער פון די דאזיקע שיטות רעדן מיר ביי די אנטשפרעכנדע זוכווערטער פון זייערע אידייען־שאפער. אחוץ די אלע מאדערנע אנשויאונגען איז פאראן די ארטאדאקסישע אויפפאסונג פון יידישן פאלק און זיין געשיכטע אלס פאלק פון גאט און פון דער יידישער רעליגיע; דאס איז די אויפפאסונג וועלכע דער גרינדער פון דעם מאדערנעם דייטשן ארטאדאק־סישן יידנטום, הרב שמשון רפאל הירש האט געבראכט צום אויסדרוק אין זיינע דייטש געשריבענע "19 בריוו איבער דעם יידנטום". — זע די זוכווערטער: אחד

„העם", „גרעץ", „הירש", „כראנאלאגיע", „קראכמאל".

גר, גרים מיטן ווארט גר איז אין חומש (ויקרא י"ט און אנדערע ערטער) באצייכנט געווארן א מאן פון א פרעמד פאלק, וואס האט זיך באזעצט אין ארץ־ישראל; אזא גר האט נישט אנגענומען די יידישע רעליגיע און ער האט געקאנט, למשל, עסן זאכן וואס א ייד טאר נישט עסן (דברים י"ד), אבער ער האט געהאט פיל רעכט; דער חומש (ויקרא י"ט) זאגט: „וכי יגור אתך גר בארצכם לא תונו אותו" (מען טאר אים נישט אפנארן), און דער חומש זאגט דארט אן די יידן, אז זיי זאלען ליב האבן דעם גר „כי גרים הייתם בארץ מצרים", ווייל די יידן אליין זענען אויך געווען גרים, פרעמדע, אין לאנד מצרים. — שפעטער האט מען אנגעהויבן באנוצן דאס ווארט „גר" צו איינעם פון א פרעמדער רעליגיע, וועלכער האט אנגענומען די יידישע רעליגיע, און עס איז שפעטער אין דער משנה און גמרא באנוצט געווארן דערצו דאס צייטווארט „מתגייר" (מגייר־זיין זיך); אין תנ"ך (מגלת אסתר ח') ווערט דערצו גענוצט דאס ווארט „מתייהדים" (ווערן יידן). אין דער משנה און גמרא ווערט געמאכט אן אונטערשיד צווישן א „גר צדק", וועלכער ווערט פולשטענדיק א ייד, און א „גר תושב", וועלכער נעמט נאר אן די 7 מצוות פון א „בן נח" (זע „בן נח"), און די גמרא זאגט, אז היינט איז פאראן נאר א „גר צדק" (ערכין כ"ט). — פון מגלת אסתר ח' זעט מען אז שוין אין יענע אלטע צייטן זענען געווען ביי יידן גרים וואס האבן אנגענומען פולשטענדיק די יידישע רעליגיע; פון דעם פסוק ישעיה י"ד „ונלוה הגר עליהם" איז צו זען, אז דער באגריף גר, הגם נישט אינגאנצן קלאר, איז געווען שוין אין ישעיהס צייט די באצייכענונג פון איינעם וואס איז צוגעשטאנען צום „בית יעקב", צום יידישן פאלק. אין דער צייט פון בית שני און שפעטער זענען געווען פיל פאלן פון מגייר זיין זיך; א גאנצע קעניגלעכע פאמיליע פון הדייב האט זיך מגייר געווען; טייל פון די גרים זענען געווען אנגעזעענע פערזענלעכקייטן ביי יידן; לויט דער גמרא גטין נ"ז זאלן די סנהדרין־פירער שמעיה ואבטליון האבן געווען גרים; אונקלוס דער גר (זע „אונקלוס") איז געווען דער מחבר פון תרגום. אין די שפעטערדיקע צייטן האט זיך מגייר געווען א גאנץ פאלק, די כוזרים (זע „כוזרים"). וועגן איינצלנע פאלן פון מגייר זיין זיך, הגם דאס איז געווען פארבונדן מיט לעבנס געפאר, ווערט געמאלדן אין פיל לענדער (אברהם גראף פאטאצקי איז דער פאפולערסטער פון זיי), און דערביי פלעגן זיי מייסטנס באקומען דעם נאמען אברהם (זע „אברהם גר"). — אין דער גמרא ווערן געבראכט פארשידענע מיינונגען פון תנאים וועגן דער באציאונג צו גרים. איין מיינונג אין קידושין ע' איז „קשים גרים לישראל כספחת" (גרים זענען שווער פאר יידן ווי א קרענק); אבער אין א צווייט ארט (פסחים פ"ז) ווערט געזאגט, אז די יידן זענען פארטריבן געווארן אין גלות נאר כדי זיי זאלן אויפנעמען גרים. עס איז פאראן א קליינע מסכתא (צווישן די „מסכתות קטנות") מיטן נאמען גרים, וואס באהאנדלט אלע דינים ווי אזוי דאס מגייר זיין זיך דארף פארקומען. דאס מגייר זיין פון א מאן איז דורך מילה און טבילה; פון א פרוי דורך טבילה. פארן מגייר זיין לערנט מען זיי די דינים און מצוות. — וועגן גרים ביי יידן זע כשדאים בוך „המתייהדים" און הערשבערג „ההתגיירות" אין די זאמלביכער „התקופה".

גראמאטיק וועגן העברעאישער גרא־

מאטיק זע „דקדוק"; וועגן יידישער גראמאטיק זע „יידישע שפראך".

גרוש (ארויסטרייבונג) מיטן װארט „גרוש" האט מען אנגערופן אין מיטלאלטער און שפעטער אין יידיש די ארויסטרייבונג פון יידן פון א לאנד אדער פון א שטאט. באקאנט איז אמייסטן „גרוש שפאניע". וועגן די אלע גרושים געבן מיר ביי די באטרעפנדע זוכווערטער פון די לענדער (ווי „שפאניע" און אנדערע).

גרזים נאמען פון א בארג אין ארץ־ישראל, לעבן דער שטאט שכם; אויף דעם בארג גרזים האט מען געגעבן די ברכות (דברים י"א). ביי די שומרונים איז דער בארג גרזים זייער הייליק; זיי רופן אים מיט איין װארט „הרגרזים", און זיי האבן דארט געהאט אמאל זייער בית המקדש; אויך איצט זענען זיי הארט מקריב יעדן ערב פסח דעם קרבן פסח; זע זוכווארט „שומרונים".

גריכנלאנד לאנד אין דרום־אייראפע, נעמט ארום א טייל פון באלקאן און אינזלען אויפן ים (אמייסטן דעם עגעאישן); מיט גריכנלאנד האט דאס יידישע פאלק זיך צונויפגעטראפן שוין אין גאר אלטע צייט. אין תנ"ך (באזונדערס אין יחזקאל כ"ז און דניאל י"א; אין די אנדערע ערטער איז נישט זיכער וואס מען מיינט מיטן װארט „יון") האט עס געהייסן יון, און אזוי אויך אין די שפעטערדיקע יידישע ספרים („יון" זאל זיין „יאניער", א גריכישער שבט); פאראן א מיינונג, אז שוין אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש זענען יידן געקומען פון ארץ־ישראל אויף די גריכישע אינזלען און אויך אין אייגנטלעכן גריכנלאנד. זיכער איז, אז אין דער צייט פון דער פערסישער הערשאפט איבער ארץ־ישראל (אנהויב פון בית שני) זענען גריכן געקומען קיין ארץ־ישראל און מסתמא אויך יידן קיין גריכנלאנד. אין יאר 332 האט דער גריכיש־מאצעדאנישער קעניג אלעקסאנדער מוקדון, ערגבערנדיק די פערסישע אימפעריע איינגענומען אויך ארץ־ישראל און פון דעמאלט אן זענען יידן געשטאנען אין כסדרדיקע בארירונג מיט גריכנלאנד, וואו עס האבן ביסלעכווייז זיך באזעצט מערערע יידן פון ארץ־ישראל, אן אזוי ארום זענען אנטשטאנען אין גריכנלאנד יידישע ישובים. עס איז זיכער אז צום סוף פון 2טן בית המקדש האבן געוואוינט אין די גריכישע שטעט א סך יידן; פון דעם קריסטלעכן עוואנגעליום־בוך „אקטן פון די אפאסטאלן" וויסן מיר, אז ווען דער אפאסטאל פאולוס (שאול פון תרשיש) איז ארומגעפארן צו פארשפרייטן דאס קריסטנטום האט ער זיך געווענדט צוערשט צו די יידישע קהלות אין גריכנלאנד (אין סאלאניקי, אטען, קארינט און אנדערע שטעט). די יידן האבן דארט גערעדט גריכיש, און אלע זייערע פארבינדונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט איז געווען אין דער גריכישער שפראך. נאך יענער אלטער צייט באמערקט מען ווייניק יידן אין גריכנלאנד; אין תוספתא כלאים פ"ב ווערט דערמאנט אבא יוסי בן חנין איש יוני, וואס זאל מיינען, אז דער אבא יוסי זאל האבן געשטאמט פון גריכנלאנד; אין די ערשטע צייטן פון מיטלאלטער איז אינגאנצן שטיל וועגן יידן אין גריכנלאנד, וואס האט דעמאלט געהערט צו דער ביזאנטישער אימפעריע; וועגן די יידן אין דער דאזיקער אימפעריע זע זוכווארט „ביזאנציום"; ערשט אין 11טן און 12טן יארהונדערט הערט מען וועגן קליינע אומבאדייטנדע יידישע קהלות אין גריכנלאנד, וועלכע האבן נישט געשפילט קיין רולע אין גרויסן יידישן לעבן. אזוי ציט זיך עס ביז דער נייער צייט. די קהלות אין סאלאניקי און אנדערע

מאַצעדאָנישע שטעט זענען נישט געווען אין אייגנטלעכן גריכנלאַנד נאָר זיי זענען געווען באַהערשט דורך טערקיי. ערשט זינט 1830, ווען גריכנלאַנד איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק און באַזונדערס זינט צו גריכנלאַנד איז אין דער לעצטער צייט פאַראייניקט געוואָרן סאַלאָניקי מיט איר גרויסער יידישער געמיינדע, איז אין גריכנלאַנד פאַראַן אַ באַדייטנדער יידישער ישוב, וועלכער האָט אין יאָר 1925 דערגרייכט אַ צאָל פון 175 טויזנט נפשות. לעצטנס איז די צאָל קלענער געוואָרן דורך עמיגראַציע. די יידן אין גריכנלאַנד האָבן אַלע רעכט, און מען באַמערקט דאָרט נישט קיין גרויסע אַנטיסעמיטישע באַוועגונג. — וועגן דעם איינפלוס פון דער גריכישער אַלטער קולטור און שפּראַך אויף יידן, וואָס ווערט אָנגערופן אין תלמוד „חכמת יונית", און אויך וועגן די באַציאונגען צווישן יידן און גריכן אין אַנדערע לענדער, זע זוכוואָרט „העלעניזם"; זע אויך זוכווערטער „אַטען", „אַלעקסאַנדריע", „סעפּטואַגינטאַ", פילאָן" און די נעמען פון די גריכישע פילאָזאָפן „אַריסטאָטעל", „פּלאַטאָ".

גרעץ, צבי הירש, היינריך (1817 אין פּויזנער געגנט — 1891 אין מינכען), באַרימטער יידישער היסטאָריקער, איינע פון די באַדייטנדסטע פּערזענלעכקייטן אין דער פאָרשונג פון חכמת ישראל. גרעץ איז אין דער יוגנט געווען באַאיינפלוסט פון הרב שמשון רפאל הירשעס אָרטאָדאָקסישע מיינונגען, שפּעטער איז ער געוואָרן מער קריטיש אין באַצוג צו די אַלטע יידישע טראַדיציע-ספרים; פון יאָר 1854 איז ער געווען דאָצענט פאַר יידישער געשיכטע און ראַבינער סעמינאַר אין ברעסלוי; אין יאָר 1869 איז ער געווען פּראָפעסאָר אין ברעסלויער אוניווערסיטעט; אין 1872 איז ער געווען אויף אַ באַזוך אין ארץ־ישראל, כדי צו קאָנען בעסער באַאַרבעטן די ערשטע צוויי בענדער פון זיין געשיכטע, וועלכע באַהאַנדלען די יידן אין ארץ־ישראל; דאָס גרעצסטע ווערק פון גרעץ איז די גרויסע „געשיכטע פון יידישן פאָלק", וואָס ער האָט אָנגעהויבן אין יאָר 1853, אַרויסצוגעבן צוערשט דעם באַנד פון חורבן בית שני ביז חתימת התלמוד; דאָס אַרויסגעבן די גאַנצע 11 בענדער פון דאָזיקן ווערק, וואָס נעמען אַרום די יידישע געשיכטע פון די אור־אַלטע צייטן ביז אין דער מיט פון 19טן יאָרהונדערט, האָט געדויערט ביזן יאָר 1873; פון דער גרויסער געשיכטע, צו וועלכער עס זענען פאַראַן צום סוף נאָטיצן און באַמערקונגען און קוואַלן־פאָרשונגען, האָט גרעץ באַאַרבעט אַ פאָלקסטימלעכע געשיכטע פון יידישן פאָלק; דאָס דאָזיקע פאָלקסטימלעכע ווערק איז איבערזעצט געוואָרן אין פיל שפּראַכן (אין יידיש פולשטענדיק דורך י. שאַפּירא (וואַרשע); אין העברעאיש איז דערשינען די גרויסע געשיכטע מיט הגהות און אויך צוגאָבן פון איבערזעצער שאול פנחס ראַבינאָוויטש (שפ"ר) און באַמערקונגען פון אברהם אליהו האַרקאַווי; גרעץ האָט אויך געשריבן אַ ריי אַנדערע ווערק: „פראַנק און פראַנקיסטן". פּירוש צו שיר השירים, קהלת, תהלים, ישעיה, ירמיה; ער האָט אויך מיטרעדאַגירט די „מאָנאַטשריפט פאַר געשיכטע און וויסנשאַפט פון יידנטום" (אין דייטש); גרעץ איז אויך געווען גענייגט צו דער חבת־ציון־באַוועגונג. — גרעץ האָט געשריבן זיין געשיכטע פון יידן מיט פּאַטאָס און התלהבות פון יידישן נאַציאָנאַלן געפיל און שטאָלץ, הגם ער האָט זיך אָפיציעל נישט אָנערקענט אַלס יידישער נאַציאָנאַליסט; אין זיינע באַשרייבונגען פון די יידישע פרייהייט־מלחמות (חשמונאים, די מלחמות קעגן די רוימער בעת דעם חורבן און בר כוכבא) ווי אויך פון די רדיפות אין

מארטירערטום ווערט אויסגעדריקט גלייכצייטיק מיט שטאלץ אויך דער וויי־געשריי פון דער יידישער נאציע. גרעץ האט אויך געשריבן אן אויטאביאגראפיע.

גרשון זון פון לוי דעם פאטער פון שבט לוי (בראשית מ״ו); פון גרשון שטאמען אפ די לויים־פאמיליעס, וואס האבן מחבר געווען מזמורי תהלים צו זינגען אין בית־המקדש ווי „אסף״ און אנדערע (דברי הימים א׳ ט״ו).

גרשון העניך זע „ליינער״.

גרשם רבנו (געבוירן אין מעץ 960—געשטארבן אין מיינץ 1020), בארימטער פוסק און שאפער פון תקנות, באקאנט מיטן נאמען „רבנו גרשם מאור הגולה״ און אויך אין ראשי תבות „רגמ״ה״; ער איז געווען פון די ערשטע מפרשים אין דייטשלאנד; אין זיינע צייטן זענען געווען גרויסע פארפאלגונגען אויף דייטשע יידן, און א סך פון די יידן זענען געצוואונגען געווען זיך צו שמדן (צווישן זיי איז אויך געווען רבנו גרשמס א זון) און דערנאך זענען פיל פון זיי צוריק געווארן יידן; רבנו גרשום האט מחבר געווען א ריי פיוטים און קינות אויף די דאזיקע גזרות; ער האט געשריבן הגהות צו דער גמרא, און האט אויך פאריכט די גרייזן וואס די איבערשרייבער (דעמאלט איז נישט געווען קיין דרוק, און מען האט אלע ספרים איבערגעשריבן מיט דער האנט) האבן געמאכט; עס איז געבליבן פון אים א פירוש אויף גמרא; פון וועלכן נאר טיילן זענען פארעפנטלעכט געווארן. — דעם הויפט־רום אין דער יידישער וועלט האט רבנו גרשום זיך דערווארבן דורך זיינע תקנות און ער האט געלייגט אין חרם די אלע, וואס וועלן די תקנות נישט פאלגן. די וויכטיקסטע זענען פאלגנדע: 1) מען טאר נישט האבן מער ווי איין ווייב (לויט דער יידישער רעליגיע איז פאליגאמיע, האבן מערערע ווייבער, נישט פארבאטן); נאר אין פאל ווען דאס ווייב איז משוגע אדער האט נישט קיין קינדער נאכן אפוואוינען מיטן מאן 10 יאר און זי וויל נישט נעמען קיין גט, מעג דער מאן חתונה האבן מיט א צווייטער פרוי, אבער ער מוז דערויף האבן א היתר פון 100 רבנים (היתר מאה רבנים) פון 3 לענדער; די דאזיקע תקנה האבן אנגענומען נאר די יידן אשכנזים, דאקעגן די ספרדישע יידן, ווי אויך די תימנישע יידן און אנדערע יידן פון די מזרח־לענדער האבן די תקנה נישט אנגענומען; 2) מען טאר נישט גטן דאס ווייב קעגן איר ווילן (גט בעל כרחה); 3) א מאן טאר נישט אוועק פון דער היים מער ווי אויף 18 מאנאטן; 4) אויב עס שטארבט איינער אן קינדער זאל די אלמנה נעמען חליצה, און דעם פארשטארבענעמס ברידער טארן איר נישט מייבם־זיין (חתונה האבן מיט איר); 5) מען טאר נישט עפענען פרעמדע פארמאכטע בריוו (מען שרייבט דעריבער אויף די בריוו די ווערטער בחדר״ג, דאס הייסט „בחרם דרבנו גרשם״). — די לעגענדעס וועגן רבנו גרשם און זיינע צוויי פרויען, וואס זענען געדרוקט געווארן אין פארשידענע ספורי־מעשיות, זענען אנטשטאנען שפעטער.

גשם (רעגן); איינע פון די עלטסטע תפלות אין שמונה עשרה איז דער צוגאב פון „משיב הרוח ומוריד הגשם״ (ער בלאזט דעם ווינט און מאכט פאלן דעם רעגן) וואס מען זאגט א גאנצן ווינטער פון שמיני עצרת ביז דעם ערשטן טאג פסח; צוליב דעם זענען אויך פארפאסט געווארן אויף מוסף פון שמיני עצרת פיוטים פון „גשם״ און דער מוסף הייסט „גשם״; די באגרינדונג פאר דער תפלה אין ווינטער איז, ווייל אין ארץ ישראל

גייען די רעגנס נאר ווינטער און אויב עס איז א ווינטער אן רעגנס ליידן די פעלדער און עס איז אויך ניטא וואסער צום טרינקן; וועגן די תפלה פון גשם זענען פאראן דינים אין דער משנה תענית פרק א'. — די פיוטים און אויך דער מוסף קדיש פון גשם אין שמיני עצרת האבן טראדיציאנעלע מעלאדיעס.

גשמיות אין דער העברעאישער פילאזאפישער טערמינאלאגיע אין די חקירה־ספרים פון מיטלאלטער ווערט דאסווארט „גשמיות" באנוצט צו באצייכענען קערפערלעכקייט, מאטעריע, אין קעגנזאץ צו „רוחניות", וואס איז דער טייטש „גייסטיקייט". אנטראפאמארפיזם, דאס באצייכענען גאט מיט מענטשלעכע און קערפערלעכע אייגנשאפטן האט געהייסן „הגשמה". אין קבלה און חסידות איז פאראן דער אויסדרוק „התפשטות הגשמיות", וואס באצייכנט דעם העכסטן צושטאנד פון התלהבות, עקסטאזע, ווען די נשמה איז פארנומען בלויז מיט רוחניות און שפירט ניט די מאטעריעלע וועלט ארום זיך.

ד

ד (דלית) דער 4טער בוכשטאַב אין העברעאישן און יידישן אלף־בית; געווינלעך מיינט מען אַז דאָס וואָרט „דלית" איז ווי „דלת" אַ „טיר"; אָבער זיכער עס נישט. אין העברעאיש האָט „ד" אויך די באַדייטונג פון דעם ציפער 4, און ווערט אָפט באַנוצט אין דער גמרא אַנשטאַט „ארבע" (פיר), ווי למשל „ד' אמות", „ד' טפחים" וכדומה.

ד' אמות (פיר איילן); אין דער משנה און גמרא האָט דער שטח פון „4 איילן" אַ געוויסע באַדייטונג אין באַצוג צו אַ סך הלכות; למשל אום שבת טאָר מען נישט טראָגן אין רשות הרבים קיין זאַך 4 איילן; און אַזוי איז מיט אַנדערע דינים; די 4 איילן אַרום דעם מענטשן ווערן פאַררעכנט ווי זיין רשות, אונטער זיין הערשאַפט. די שפּעטערע העברעאישע דיכטער אין מיטלאַלטער פלעגן באַצייכענען מיט דעם אויסדרוק „ד' אמות" אויך דעם קבר, לויט דעם דין אין ברכות י"ח „מת תופס ד' אמות", אַ טויטער נעמט אַרום אין זיין רשות די 4 איילן, און פלעגן זאָגן, אַז מער בלייבט נישט דעם מענטש ווי די „ד' אמות".

דאַווידזאָן, ישראל (1870 — 1939) געלערנטער היסטאָריקער און פאָרשער פון פּיוטים; געווען פּראָפעסאָר אין טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק; זיין הויפּט־ווערק איז „אוצר השירה והפיוט", אַ רשימה פון אַלע פּיוטים פון די עלטסטע צייטן ביז 1740; ער האָט אַנטדעקט דעם „מחזור ינאי" (זע „ינאי") און אויך אַ ריי אַנדערע ספרים פון דער גאונים־צייט.

דאַווענען מיטן וואָרט „דאַווענען" באַצייכנט מען אין דער יידישער שפּראַך דאָס מתפלל־זיין, דאָס דאַווענען די אָפיציעלע תפלות, שחרית אינדערפרי, מנחה פאַרנאַכט און מעריב ביינאַכט, ווי אויך די תפילות מוסף אום שבת און יום־טוב און „נעילה" אין יום כפור; דאַקעגן נישט־אָפיציעלע תפילות, ווי למשל סתם מתפלל זיין, זאָגן תחינות, תהלים, ווערט מיטן וואָרט דאַווענען נישט באַצייכנט. — וועגן דעם, פון וואַנען דאָס וואָרט דאַווענען שטאַמט זענען פאַראַן פיל מיינונגען; טייל טייטשן עס אויס פון אַראַמעאישן וואָרט „דאבינון" (פון אונדזערע עלטערן), ווייל די גמרא אין ברכות כ"ו זאָגט אַז די 3 תפלות שחרית, מנחה און מעריב האָבן איינגעפירט די אבות אברהם, יצחק און יעקב; די דאָזיקע דערקלערונג שיינט צו זיין נישט ריכטיק. — אויך וועגן דער צייט, ווען עס איז איינגעפירט געוואָרן ביי יידן האָס דאַווענען זענען פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען: אין תנ"ך געפינען מיר פאַרשידענע תפילות, ווי די תפילה פון משה „ויחל" (שמות ל"ב), די תפלה פון חנה (שמואל א' ב'), די תפלה פון יונה (יונה ב'), דער גרעסטער טייל פון תהלים; דאָס ערשטע מאָל וועגן דאַווענען 3 מאָל אין טאָג, און אויך דעם מנהג צו ווענדן זיך ביים דאַווענען מיטן פּנים קיין ירושלים (היינט ווענדט מען זיך צום מזרח, ווייל אין יענער ריכטונג איז ירושלים), געפינען מיר אין דניאל ו'; אַ רמז דערצו קאָן מען אויך געפונען אין תהלים נ"ה „ערב ובקר וצהרים אשיחה" (אין אָוונט, אינדערפרי און ביים טאָג בין איך מתפלל); איין מיינונג אין דער גמרא (ברכות ל"ג) איז אַז די אנשי כנסת הגדולה (זע זוכוואָרט „כנסת הגדולה") וואָס האָבן געלעבט אין אָנהויב פון 2טן בית המקדש

האָבן מתקן געווען די תפלות. דער
רמב"ם (אין משנה תורה הלכות תפלות
פרק א') זאָגט אַז אַמאָל איז געווען די
פליכט מתפלל צו זיין כאָטש איינמאָל
אין טאָג, נאָר די אנשי כנסת הגדולה
האָבן איינגעפירט דאָס דאַווענען 3 מאָל
אין טאָג. — עס איז אויך די פראַגע וועגן
דעם נוסח פון דאַווענען, ווען ער איז
אַנטשטאַנען. וועגן הויפּט־טייל פון דאַ־
ווענען, "שמונה עשרה", זאָגט די גמרא
(ברכות כ"ח) אַז ערשט נאָכן חורבן פון
2טן בית המקדש אין יבנה ביים נשיא
רבן גמליאל זענען זיי "מסודר"־געוואָרן;
אַ ריי געלערנטע היסטאָריקער (ווייס אין
"דור, דור ודורשיו" חלק ב') מיינען אַז
ערשט אין יבנה איז איינגעפירט געוואָרן
די ענטגילטיקע פליכט צו דאַווענען און
דעמאָלט האָט מען מחבר געווען די
שמונה עשרה; אָבער דער געלערנטער
הלוי אין "דורות הראשונים" (חלק ראַ־
שון כרך חמישי) אין קאַפּיטל "התפלות
בישראל" ווייזט אויף מיט שטאַרקע באַ־
ווייזן, אַז די שמונה עשרה איז געווען
שוין אַ סך פריער. — זיכער איז, אַז די
נוסחאות זענען געענדערט געוואָרן און
מען האָט צוגעגעבן למשל די תפלה וועגן
די מינים (ולמלשינים אל תהי תקוה),
און די ברכות "בונה ירושלים" און
"המחזיר שכינתו לציון", וועלכע זענען
זיכער צוגעגעבן געוואָרן נאָכן חורבן
בית המקדש. — וועגן "נוסח אשכנז" און
"ספרד" זע "אשכנז" און "ספרד". —
דאָס דאַווענען קאָן פאָרקומען "ביחידות",
יעדער דאַוונט פאַר זיך, און מיט "מנין",
ווען 10 פּערזאָן אָדער מער דאַווענען צו־
זאַמען, און איינער פון זיי, דער חזן,
דאַוונט פאַרן עמיד. ביים דאַווענען מיט
מנין גיט מען צו געוויסע זאַכן, ווי קדו־
שה, לייענען אין ספר (שבת, ימים טו־
בים, חול המועד, ראש חודש, חנוכה און
פורים, תעניתים, און מאָנטיק און דאָ־
נערשטיק), קדיש. — דאָס דאַווענען קאָן
פאָרקומען אָדער אין אָפיציעלן געבעט־
הויז, בית־המדרש, שול, שטיבל, קלויז,
אָדער אין אַ פּריוואַטער וואוינונג. — די
תפלות פון דאַווענען זענען צונויפגע־
געשטעלט אין אַ סידור. יום־טוב־דאַווע־
נען איז אין אַ מחזור. — זע אויך די
זוכווערטער: "חזן", "מוסף", "מחזור",
"מנחה", "מעריב", "סידור", "קריאת
התורה", "שחרית", "שמונה עשרה". —
אַ גרינטלעך וויסנשאַפטלעך בוך וועגן
דאַווענען איז פאַראַן פון עלבאָגן "תול־
דות התפלה והעבודה בישראל".

דאָנמע נאָמען פון דער יידיש־מאָכ־
מעדאַנישער סעקטע וואָס גלויבט אַז
שבתי צבי איז געווען משיח. — זע זוכ־
וואָרט "שבתי־צבי".

דאַנציג, אברהם (1748 אין דאַנציג
— 1820 אין ווילנע), צווערשט סוחר,
דערנאָך געוואָרן דיין אין ווילנע; מחבר
פון די פּאָפּולערע הלכה־ספרים "חיי
אדם" און "חכמת אדם", אין וועלכע ער־
גיט בקיצור, אין אַ קלאָרער שפּראַך, די
דינים פון אורח חיים און יורה דעה; זיי־
נע ספרים זענען געווען זייער פאַרשפּרייט
אין 19טן יאָרהונדערט און אין פיל
שטעטלעך אין ליטע און פּוילן זענען גע־
גרינדעט געוואָרן חברות "חיי אדם" צו
לערנען מיטן ברייטן עולם די דאָזיקע
ספרים; די תפלה זכה פון זיין ספר
"חיי אדם" איז אָנגענומען געוואָרן צו
זאָגן יעדן יום כפור פאַר כל נדרי; ער
האָט אויך געשריבן עטלעכע מוסר־ספ־
רים.

דבוק (באַהעפטונג) דער גלויבן, אַז די
נשמה פון אַ פאַרשטאָרבענעם וואָס האָט
נישט געפונען איהר "תיקון", קאָן אַריין
אין אַ לעבעדיקן מענטש און רעדט די
שפּראַך פון פאַרשטאָרבענעם און ווייסט
אויך אַלץ וואָס דער פאַרשטאָרבענער

האט געוואוסט. מען רופט עס אויך „רוח", און מען זאגט „עס איז אריין אין אים א רוח". דעם דאזיקן דבוק־גלויבן געפינען מיר שוין אין דער גמרא מעילה י"ז, אין דעם סיפור, אז אין דער טאכטער פון רוימישן קייזער איז אריין א רוח „בן תמליון" און דער תנא רבי שמעון בן יוחאי האט אים ארויסגעטריבן; אויך אין מדרש במדבר רבה י"ט געפינען מיר דעם גלויבן און דארט הייסט ער „רוח חזזית"; אין די דאזיקע ערטער איז דער דבוק נישט די נשמה פון א פארשטארבענעם נאר פון א שלעכטן רוח, פון א שד; דער גלויבן, אז די נשמה פון א מת גייט אריין אין א לעבעדיקן, איז געווארן אמייסטן פארשפרייט דורך די ספרים פון קבלה, און ער האט א געוויסע שייכות אויך מיטן גלויבן אין גלגול; געוויינלעך איז געווען אנגענומען אז דער דבוק גייט אריין אין א מיידל אדער א פרוי דערפאר וואס זיי זענען באגאנגען אן עבירה; אבער אויך איז מענער גייען אריין דבוקים, לויטן דאזיקן גלויבן; אין „שבחי רבי חיים וויטאל" (פון 16טן יארהונדערט) ווערן דערציילט א ריי סיפורים פון דבוקים. דער גלויבן איז, אז א צדיק מיטן כח פון קבלה־שמות און שופר בלאזן קאן גוזר זיין אויפן דבוק, אז ער זאל ארויס, און דער דבוק קאן אויך געבן דער נשמה איר „תיקון", אז זי זאל נישט דארפן מער ארומבלאנדזשען אויף דער וועלט. — דער שריפטשטעלער אנסקי האט אנגעשריבן די מיסטעריעזע דראמע „דבוק", אין וועלכע ער האט צונויפגענומען אלע עלעמענטן פון דבוק־גלויבן. — זע זוכווארט „גלגול".

דבורה נאמען פון א פרוי, א נביאה, אין דער צייט פון די שופטים. אין ספר שופטים ווערט דערציילט, אז זי האט געווירקט אויף ברק בן אבינועם, אז ער זאל ארויסטרעטן אין מלחמה קעגן דעם באדריקער פון די יידן, יבין דעם מלך פון כנען און זיין מיליטער־פירער סיסרא, און די יידן האבן די מלחמה געוואונען; נאכן זיג האט דבורה געזונגען א העלדישן דאנק־ליד, וואס איז באקאנט מיטן נאמען שירת דבורה; דער סיפור וועגן דעם און אויך דאס ליד געפינען זיך אין ספר שופטים ד' און ה'. די שירת דבורה ווערט דורך די געלערנטע תנ"ך־פארשער באטראכט אלס איינער פון די עלטסטע ווערק אין דער העברעאישער שפראך. — זע זוכווארט „ברק".

דביר העברעאישער ביכער־פארלאג אין ארץ־ישראל, געגרינדעט דורך ביאליק און ראווניצקי, ארויסגעגעבן וויכטיקע לערן־ביכער פאר העברעאישע שולן, ווי אויך העברעאישע ביכער פון בעלעטריסטישן און וויסנשאפטלעכן אינהאלט.

דבקות (באהעפטונג); אין קבלה און חסידות ווערט דערמיט באצייכנט דאס פארטרייבן פון זיך אלע פרעמדע מחשבות ביים דאווענען און לערנען, און זיך מתדבק זיין אין גאט; עס שטיצט זיך אויפן פסוק אין חומש דברים י"ג ובו תדבקון", (איר זאלט זיך באהעפטן אין גאט); די גמרא (סוטה י"ד) טייטשט דעם פסוק, אז מען זאל נאכטאן די גוטע מדות פון גאט, „מה הוא רחום, אף אתה רחום" (פונקט ווי ער האט רחמנות, זאלסטו אויך האבן רחמנות); אין זהר (תולדות קמ"ד) ווערט דער געדאנק פון דבקות אין זין פון קבלה און חסידות ארויסגעבראכט דייטלעך.

דברי הימים (די ווערטער פון די טעג), נאמען פון לעצטן ספר אין תנ"ך, וועלכער אנטהאלט בקיצור אין א כראנאלאגישער פארם די פארצייכענונג פון די געשעענישן אין דער אלטער יידישער געשיכטע און יחוס־אפשטאמונג פון אנגעזע־

ענע יידישע משפחות פון אדם הראשון ביז דער צייט פון אנהויב פון 2טן בית המקדש; דאס ספר באשטייט פון 2 טיילן: „א'' און „ב''; דער ערשטער טייל אנטהאלט 29 קאפּיטלעך און דער צווייטער 36 קאפּיטלעך. אין אלגעמיין ווערט אין גרעסטן טייל פון ספר אנגעוויזן אויף דער חשיבות פון די אפּשטאמענדע דורות פון דוד המלך און דער מלכות בית דוד; דעריבער באמערקט מען אין ספר זייער ווייניק וועגן די מלכי ישראל; דער גרעסטער טייל פון די כראנאלאגישע פארצייכענונגען אין ספר זענען גענומען פון חומש און די נביאים הראשונים (יהושע, שופטים, שמואל, מלכים), אבער עס זענען אויך צוגעגעבן א סך זאכן, וואס זענען אין יענע ספרים נישט פאראן, באזונדערס אין דער פארצייכענונג פון די אנגעזעענסטע יידישע משפחות פון יענער צייט. דער דברי הימים דערמאנט נעמען פון אמאליקע ספרים, וואס זענען פארלוירנגעגאנגען, ווי פון נתן הנביא, אחיה השילוני, יעדו החוזה, עדו הנביא, שמעיה הנביא, מדרש ספר המלכים, עס זענען אויך פאראן סתירות צווישן טייל ערטער אין דברי הימים און אנדערע תנ''ך־ספרים. — וועגן דעם, ווער עס איז געווען דער מחבר פון דברי הימים ווערט געזאגט אין דער גמרא (בבא בתרא י''ד), אז עזרא האט געשריבן דעם ספר „עד לו (דאס הייסט ביז דער צייט פון עזרא), און דערענדיקט האט אים נחמיה. — עס איז אויך נישט אנטשידן די פראגע אין וועלכן צוזאמענהאנג שטייט דער דברי הימים מיט די צוויי כראנאלאגישע פארצייכענונגען „דברי הימים למלכי ישראל'' און „דברי הימים למלכי יהודה'' וואס ווערן אפט דערמאנט אין ספר מלכים; לויט טייל מיינונגען זענען די 3 ספרים „דברי הימים'', עזרא און נחמיה איין ספר, און די ספרים עזרא און נחמיה זענען דער המשך פון „דברי הימים''.

דברים (הייד), נאמען פון פינפטן חומש אין דער תורה; אין די אייראפּעאישע שפראכן איז אנגענומען דער גריכישער נאמען (אין לאטיינישער סטיליזירונג) פון דער סעפּטואגינטא־איבערזעצונג (תרגום השבעים) „דייטעראנאמיום'', וואס איז דער טייטש „די צווייטע לערע''; דאס איז די איבערזעצונג פון די ווערטער „משנה התורה'', מיט וועלכן דער ספר דברים ווערט אנגערופן אין דברים י''ז („וכתב לו את משנה התורה הזאת''); אויך אין דער ברייתא (גמרא מגילה ל''א) ווערט אנגערופן דער ספר דברים „משנה תורה''; דער נאמען „דברים'' נעמט זיך פון דעם ערשטן פסוק „ואלה הדברים''. — אין ספר דברים זענען פאראן 34 קאפּיטלעך צעטיילט אין 11 סדרות; דברים, ואתחנן, עקב, ראה, שפטים, תצא, תבוא, נצבים, וילך, האזינו, זאת הברכה. דער אינהאלט פון ספר דברים זענען די ווערטער וואס משה רבנו האט געזאגט צו די יידן, ווען זיי זענען געשטאנען ביים ירדן שוין ארייןצוגיין קיין ארץ־ישראל, און משה רבנו האט געוואוסט, אז ער וועט מיט זיי נישט מיטגיין, נאר ער וועט שטארבן אין עבר הירדן, משה רבנו רעדט צו די יידן און דערציילט זיי וועגן אלע זיינע באמיאונגען, וואס ער האט אלץ איבערגעטראגן פאר זייערטוועגן, און ער זאגט זיי אז, אז זיי זאלן דינען גאט און היטן די מצוות. נאכער איז פאראן די שירה פון האזינו און אויך די ברכות, וואס משה האט געבענטשט יעדן פון די שבטים. צום סוף ווערט דערציילט אז משה איז ארויפגעגאנגען אויף דעם בארג נבו און ער איז דארט געשטארבן און קיינער האט נישט געוואוסט וואו זיין קבורה איז געווען. אין ספר דברים ווערן איבערגעחזרט א סך פון די מצוות פון די פריערדיקע חומש־ספרים. ווי די עשרת הדברות און אנדערע, און עס זענען אויך פאראן נייע

צוגעגעבענע מצוות. — וועגן ספר דברים זענען פאַראַן פיל ווידערשפּרעכנדע מיינונגען פון די געלערנטע תנ"ך־פאַרשער. מיר וועלן געבן וועגן דעם ביים זוכוואָרט „חומש".

דברים רבה זע זוכוואָרט „מדרש".

דגון אַן אָפּגאָט ביי די פּלשתים, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען פון האַלב מענטש און האַלב פיש; ווערט דערמאָנט אין ספר שמואל א' קאַפּיטל ה'.

דגניה נאָמען פון צוויי קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, לעבן ים כנרת, „דגניה א'" און „דגניה ב'"; די קאָלאָניעס זענען קבוצות (זע זוכוואָרט „קבוצות"); זיי זענען געווען מוסטערן פאַר אַנדערע קבוצות־קאָלאָניעס.

דגש אין דער העברעאישער גראַמאַטיק ווערט דאָס פּינטעלע אין אַ בוכשטאַב אָנגערופן „דגש"; פאַראַן אַ געוויינלעכער דגש, ווי למשל אַ פּינטעלע אין די בוכשטאַבן ב, ג, ד, כ, פ, ת, וועלכער ענדערט דעם קלאַנג פון בוכשטאַב (פון אַ ב' ווערט אַ „בּ'"); און פאַראַן אַ „דגש חזק" דאָס איז אַ פּינטעלע אין אַלע בוכשטאַבן (מיטן אויסנאַם פון א. ה. ח. ע) און דער דאָזיקער דגש מאַכט אַז דער בוכשטאַב ווערט געלעזן טאָפּלט, ווי עס וואָלטן געווען צוויי מאָל דער זעלבער בוכשטאַב. וועגן די כללים פון „דגש חזק" איז פאַראַן אין די דקדוק־לערן־ביכער; וועגן דער אָפּשטאַמונג פון וואָרט דגש זענען פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען פון וועלכע קיין איינע איז נישט זיכער.

דו נוואַס יוסף נאָמען פון יידישן מלך אין תימן אין אָנהויב 6טן יאָרהונדערט, וועלכער האָט געפירט גרויסע מלחמות מיט די אַרומיקע אַראַבישע לענדער; דער ביזאַנטישער קעניג האָט געשיקט קעגן אים אַ שטאַרקע אַרמיי און אים באַזיגט; דער מלך יוסף, נישט וועלנדיק אַריינפאַלן לעבעדיקערהייט אין די הענט פון די שונאים, האָט זיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיין פעסטונג־מויער אין ים און איז אומגעקומען.

דואָג האדומי אַ שר ביי שאול המלך; ער האָט געבראַכט די ידיעה, אַז די כהנים־שטאָט נוב האָט געהאָלפן דודן, און שאול האָט דואגן געהייסן אומברענגען די כהנים פון נוב (שמואל א' כ"ב).

דוב יידישער פערזאָנען־נאָמען, געוויינלעך מיט דער צוגאָב־איבערזעצונג פון „בער". וועגן אַ ריי יידישע פערזענלעכקייטן ווי רבי ר' בער מגיד פון מעזריטש, זע זוכוואָרט „בער".

דובנאָוו, שמעון (געבוירן 1860 אין אַמשטשיסלאַוו אין רוסלאַנד), באַרימטער היסטאָריקער; צוערשט געשריבן אין רוסיש און פאַרעפנטלעכט זיינע אַרבעטן איבער יידישער געשיכטע און באַזונדערס איבער דער געשיכטע פון חסידות אין די יידיש־רוסישע זשורנאַלן „רוסקי יעווריי", „וואָסכאָד"; נאָכער פאַרעפנטלעכט אין רוסיש, דייטש, העברעאיש, יידיש, גרעסערע ביכער און אָפּהאַנדלונגען אין אַלע צווייגן פון יידישער געשיכטע; זיינע באַדייטנדסטע ווערק זענען: „וועלט־געשיכטע פון יידישן פאָלק" (דערשינען אין דייטש, נאָכער איבערזעצט אין העברעאיש „דברי ימי עם עולם" אין 10 בענדער), „תולדות החסידות" (איבערזעצט אין יידיש), לערן־בוך פאַר יידישער געשיכטע; געשיכטע פון יידן אין פוילן און רוסלאַנד; דובנאָוו האָט אויך באַגרינדעט אין זיינע „בריוו איבער דעם אַלטן און נייעם יידנטום" די אידעאָלאָגיע פון דער נאַציאָנאַל־יידי־

שער פאלקס־פארטיי, וואס אנערקענט דעם גלות אבער באטראכט ארץ־ישראל אלס איינעם פון די וויכטיקסטע יידישע נאציאנאלע צענטערן; לכבוד דובנאוו דערשיינט די „אלגעמיינע יידישע ענציקלאפעדיע".

דובנער מגיד זע „קראנץ, יעקב".

דוד יידישער מלך, גרינדער פון דער יידישער קעניגלעכער דינאסטיע „מלכי בית דוד", טראדיציאנעלער מחבר פון די מזמורים אין תהלים; לויט דער טראדיציע איז דוד המלך געבוירן געווארן אין יאר ב' אלפים תתנ"ד (907 פאר דער איצטיקער צייטרעכענונג) און איז געשטארבן אין עלטער פון 70 יאר. אין יאר ב' אלפים תתקכ"ד (837 פאר דער איצטיקער צייטרעכענונג); לויט טייל וויסנשאפטלעכע כראנאלאגישע פארשונגען (פון רבי עזריה מן האדומים, מחבר פון „מאור עינים", און אנדערע) איז די צייט פון דוד המלך נאך פריער מיט לערך 150 יאר; די פארשידענע ספורים וועגן לעבן פון דוד און ווי אזוי ער איז געווארן מלך און אויך די פאסירונגען פון זיין שפעטערן לעבן ווערן איבערגעגעבן אין תנ"ך, אין ספר שמואל א' פון קאפיטל ט"ו ביז צום סוף ספר שמואל ב' און אויך די ערשטע 2 קאפיטלעך פון ספר מלכים א', ווי אויך אין טיילן פון דברי הימים א'. און זיין סדר היחוס אין ספר רות. — לויט די דאזיקע סיפורים איז דוד געווען דער איינגסטער זון פון ישי, א לאנדווירט פון בית לחם אין שבט יהודה. אין יענער צייט איז געווען קעניג איבער אלע יידישע שבטים דער ערשטער יידישער מלך שאול, וועלכער האט עובר געווען אויף געוויסע אנזאגן פון שמואל הנביא, און שמואל האט דעריבער אין געהיים געזאלבט דודן אלס מלך. דוד האט אבער דאס נישט אויסגענוצט באלד, נאר האט אפגעווארט די געלעגנהייט איבערצונעמען די מלוכה. עס ווערט ווייטער דערציילט, אז ווען די פלשתים און זייער גרויסער גיבור גלית הפלשתי האבן געפייניקט די יידן און שאול האט געלאזט אויסרופן, אז ווער עס וועט טויטן גליתן וועט באקומען שאולס טאכטער פאר א ווייב, האט דוד געהרגעט גליתן און איז געווארן שאולס איידעם און ער האט געשפילט פאר שאול אויף א פידל. שאול האט מיט דער צייט אנגעהויבן צו באמערקן, אז דוד שטרעבט איבערצונעמען די מלוכה, און ער האט אנגעהויבן דוד צו פארפאלגן, וועלנדיק אים טויטן. דוד איז אנטלאפן אין די מדבריות פון לאנד, וואס האט געהערט צום שבט יהודה; דארט האבן זיך צו אים צונויפגעקליבן אנדערע אנטלאפענע מענטשן, גיבורים, וואס זענען געווען פארביטערט אויפן לעבן („כל איש מר נפש") און דוד איז געווארן איבער זיי דער עלטסטער („ויהי עליהם לשר", שמואל א' כ"ג). שאול האט געפרואווט אים אויך דארט נאכיאגן, און דוד איז אנטלאפן צו די פלשתים. דערווייל איז פארגעקומען די מלחמה צווישן די פלשתים און די יידן; שאול און זיינע 3 זין זענען אומגעקומען אין דער מלחמה. דעמאלט איז דוד געווארן מלך בלויז איבערן שבט יהודה מיט חברון אלס רעזידענץ־שטאט. ערשט דערנאך ווען שאולס נאכפאלגער, זיין זון איש בושת, איז דערמארדעט געווארן, איז דוד געווארן מלך איבער גאנץ ארץ־ישראל. דוד האט געפירט מלחמות מיט די שכנותדיקע פעלקער, וועלכע פלעגן באפאלן יידן, מיט די פלשתים, עמון, מואב, אדום, ארם און ער האט זיי באזיגט. אין זיין צייט איז די יידישע מלוכה געווען אמשטארקסטן אין דער געשיכטע, און ארץ־ישראל איז געווארן אויסגעברייטערט אריינעמענדיק א סך שכנות־לענדער (אין די שפעטערדיקע קוואלן האט מען די

לענדער גערופן „כיבוש דוד", די דעראבערונגען פון דוד). אבער אין פאמיליע־לעבן האט דוד געהאט פיל פיינלעכע איבערלעבונגען. די מעשה פון זיין זון אמנון, וועלכער האט פארגוואלדיקט זיין שוועסטער תמר, און די דערמארדונג פון אמנון דורך זיין ברודער אבשלום, דער אויפשטאנד פון אבשלום קעגן זיין אייגענעם פאטער דוד, און אבשלומס טויט, זענען די פערזענלעכע טראגישע פאסירונגען אין דודס לעבן, ווי דאס ספר שמואל דערציילט זיי. דאס ספר שמואל דערציילט אויך נישט נאר די גוטע מעשים פון דוד נאר אויך זיינע שלעכטע מעשים; די געשיכטע ווי ער האט אומגעבראכט שאולס עטלעכע פארבליבענע קינדער, די מעשה ווי ער האט צוגענומען ביי זיינס א מיליטער־מאן, אוריה החתי, זיין ווייב בת שבע, און ער האט אזוי איינגעארדנט, אז אוריה זאל אומקומען אין דער מלחמה. דאס ספר שמואל שטרייכט אונטער אז דוד האט תשובה געטאן אויף זיין דאזיקער אויפירונג און די גמרא זאגט „כל האומר דוד חטא אינו אלא טועה". ווען די לעצטע טעג פון דוד המלך ווערט דערציילט ווי ער האט איינגענומען דעם בארג ציון ביי ירושלים און ער האט געוואלט דארט בויען דאס בית המקדש, טאר גאט האט אים געזאגט, אז ווייל ער האט געפירט מלחמות און פארגאסן בלוט קאן ער נישט בויען דאס בית המקדש; און ענדלעך ווי ער האט פאר טויט באשטימט זיין זון שלמה אלס מלך, הגם זיין זון אדוניהו איז געווען עלטער, און ווי ער האט פארן טויט געבענטשט שלמהן, און ער האט אים אנגעזאגט צו טויטן עטלעכע זיינע פיינט. ווען ער איז געשטארבן, דערציילט דאס ספר מלכים א' ב', „ויקבר בעיר דוד", האט מען אים קובר געווען אין זיין שטאט, דאס הייסט אויפן בארג ציון. לויט א שפעטערדיקע טראדיציע איז ער געשטארבן אין 2טן טאג שבועות. — אחוץ וועגן דודס טעטיקייט אלס מלך ווערט אויך איבערגעגעבן דורך דער טראדיציע, אז דוד האט מחבר געווען די מזמורים פון תהלים, אויף וועלכן עס איז פאראן דודס נאמען. דוד איז דעריבער גערופן געווארן „נעים זמירות ישראל" (וועגן תהלים געבן מיר ביים זוכווארט „תהלים"). — מיטן נאמען דוד זענען פארבונדן געווארן שוין אין דער צייט פון תנ"ך האפענונגען פון דער אויסלייזונג פון יידישן פאלק, פון א משיחישער צוקונפט. עס איז געווען א טיפער גלויבן, אז דוד איז נישט געשטארבן טאר ער לעבט (דער שפעטערדיקער אויסדרוק „דוד מלך ישראל חי וקיים") און ער וועט זיין דער מלך איבער דעם פארייניקטן יידישן פאלק. ווען יחזקאל הנביא (קאפיטל ל"ז) זאגט די נבואה פון דער צוקונפטיקער גאולה ווי יידן וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות בבל, גיט ער צו די ווערטער „ועבדי דוד מלך עליהם" (און מיין קנעכט דוד וועט זיין מלך איבער זיי). די אידייע, אז די מלכות־בית־דוד, די אפשטאמענדע דורות פון דוד המלך, וועלן קעניגן איבער די יידן, געפינען מיר אין א ריי ערטער אין תנ"ך, ווי אין ירמיהו ל"ז, „לא יכרת לדוד איש יושב על כסא ישראל" (עס וועט נישט פארשניטן ווערן פון דוד א מאן וואס וועט זיצן אויפן טראן פון די יידן), און אין דעם משיחישן קאפיטל פון ישעיה י"א ווערט אויך פארבונדן די גאולה־האפענונג מיט „ויצא חוטר מגזע ישי" (און עס וועט ארויסגיין א שפראצונג פון דעם אפשטאמונג פון ישי, דאס הייסט דודס פאטער). אין הושע ג' ווערט דאס געזאגט דייטלעכער (אחר ישיבו בני ישראל ובקשו את ה' אלהיהם ואת דוד מלכם", און דערנאך וועלן צוריקומען די יידן און זוכן זייער גאט און זייער מלך דוד); דאס זעלבע אויך אין ירמיה כ"ג (והקי־

מותי לדוד צמח צדיק"). שפעטער, אין דער צייט פון בית שני איז שוין געווען ביי יידן גאר טיף איינגעפלאנצט דער גלויבן, אז משיח וועט זיין פון דודס אפשטאמונג; אין דער גמרא הייסט משיח טיילמאל סתם „בן דוד" (סנהדרין צ"ז, „בן דוד בא" און אנדערע ערטער). אין סוכה נ"ב און אנדערע ערטער געפינען מיר דעם אויסדרוק „משיח בן דוד". פון די גאר שפעטערדיקע אגדות איז אנצונעמען, אז עס איז געווען זאגאר דער גלויבן, אז דוד המלך אליין איז משיח, אז דוד איז נישט געשטארבן, נאר ער געפינט זיך אין א מערה, און געוויינלעך ווערט ער פארגעשטעלט אלס אן אלטער מאן מיט א לאנגער בארד און א קרוין אויפן קאפ און א תהלים אין דער האנט — און ווען עס וועט קומען די צייט פון דער גאולה וועט ער ארויסקומען און אויסלייזן די יידן (די לעגענדעס אין ספרל „שבחי ירושלים", די צונויפגענומענע סיפורים אין מרדכי בן יחזקאלס „ספר המעשיות" און אנדערע). מיט דוד המלכס נאמען איז אויך שפעטער פארבונדן געווארן די סעודה מלוה מלכה פון שבת-צונאכטס, ווען מען זאגט אויך די מזמורים וועגן „מלך המשיח בן דוד". אין די פאלקס-לעגענדעס ווערן דערציילט סיפורים וועגן דער מלוה מלכה און דוד המלך, און ווי פארשידענע צדיקים און סתם פרומע יידן האבן געטראפן דוד המלך אין דער מערה אדער אין גן עדן התחתון און מיט אים צוזאמען געגעסן מלוה מלכה. — עס ווערט געוויזן אין ירושלים אויפן בארג ציון די „קברי מלכי בית דוד", וואוהין יעדן טאג נאך שבועות קומען יידן זאגן תהלים. אויך וועגן די דאזיקע קברי מלכי בית דוד ווערן איבערגעגעבן פיל פאלקס-לעגענדעס, וואס זענען פארעפנטלעכט געווארן אין „אגדות ארץ-ישראל". — א לאנגע צייט זענען געווען ביי יידן פאמיליעס, וואס האבן געהאט אין זייער טראדיציע, אז זיי שטאמען אפ פון דוד המלך; אין דער צייט פון דער צווייטער העלפט פון בית שני ביז צום סוף פון די גאונים אין בבל האבן די ראש הגולהס אין בבל זיך מתייחס געווען צו דוד המלך; דאס זעלבע האבן אין ארץ-ישראל די נשיאים פון הלל הזקנס פאמיליע זיך מתייחס געווען צו מלכות בית דוד. ביז היינטיקער צייט זענען פאראן פאמיליעס, וועלכע האבן טרידיציאנעלע סדר היחוס רשימות פון מלכות בית דוד. זיי זענען צונויפגעזאמלט געווארן אין ליפשיצעס „גדולת שאול". — וועגן ‚מגן דוד" זע „מגן דוד".

דוד אלרואי יידישער העלד און פאלשער משיח אין 12טן יארהונדערט; עס איז נישט גענוי זיכער ווי ער האט געהייסן; אין טייל קוואלן הייסט ער מנחם בן סולימן אבן אלרוחי. ער איז געבוירן געווארן לערך דעם יאר 1135 אין דער שטאט אמאדיא אין קורדיסטאן, און ער האט געלערנט ביים ראש ישיבה עלי אין באגדאד. ער האט גלייכצייטיק אויך שטודירט די אראבישע שפראך און ליטעראטור און זיך פאראינטערעסירט מיט די געהיימע אראבישע רעליגיעזע סעקטעס. אין יענער צייט זענען געווען די גרויסע באוועגונגען אין אייראפע, פון די מאסן-מענטשן, באקאנט מיטן נאמען קרייץ-פארער (נוסעי הצלב), קריסטן, וועלכע האבן מארשירט קיין ארץ-ישראל צו קעמפן קעגן די מאכעדאנער. דוד אלרואי האט פון דער יוגנט אן זיך ארומגעטראגן מיט העלדישע פאנטאזיעס אויפצוהויבן אן אויפשטאנד פון אלע יידן און צו שאפן א יידישע מלוכה. ער האט דאס פארטרויט פאר זיינע חברים, און באקומענדיק פון זיי דערמוטיקונג איז ער אין יאר 1163 (לויט טייל 1160) דערשינען עפנטלעך פאר די יידן אין

באגדאד, אזארביידזשאן און מאסול און
זיי געוועקט צום אויפשטאנד. ער זיך
אפן דערקלערט אלס משיח; ער האט צו־
נויפגעזאמלט א גרופע יידן און מיט זיי
אטאקירט די פעסטונג אמאדיא. דער
אראבישער קאליף פון באגדאד האט גע־
שיקט קעגן אים אן ארמיי, און דוד אל־
רואי מיט זיינע מענטשן זענען געפאלן
אויפן שלאכטפעלד. — דאס איז איין
נוסח וועגן דעם געוואגטן אויפשטאנד
פון דוד אלרואי. אין „מסעות בנימין"
פון רבי בנימין פון טודעלא, וועלכער
האט געלעבט אין יענער צייט און האט
אויף זיינע רייזעס אויך באזוכט פערסיע
און בבל דערציילט (לערך דעם יאר 1773)
אז מיט 10 יאר צוריק האט ר' דוד אל־
רואי געפרואווט מאכן אן אויפשטאנד
קעגן מלך פרס און צונויפנעמענדיק די
יידן האט ער זיי געזאגט, אז גאט האט
אים געשיקט זיי אויסצולייזן און איינצו־
נעמען ירושלים. טייל יידן האבן אין
אים געגלויבט און אים גערופן משיח.
מען האט אים געבראכט פאר מלך, וועל־
כער האט אים געפרעגט צי ער איז דער
„מלך פון יידן". דוד האט אים אן מורא
געענטפערט, אז יא. דער מלך האט אים
געהייסן ארעסטירן, אבער דוד האט בא־
וויזן מופתים, און ארוים פון תפיסה, גע־
ווען א „רואה ואינו נראה" (ער האט
אנדערע געזען נאר אים האט מע נישט
געזען), דורכגעשווימען א טייך אויף זיין
מאנטל. דער מלך האט פארלאנגט אז די
יידן אליין זאלן אים טויטן. ווען דוד
איז געשלאפן האט אים זיין שווער גע־
טויט. — אין א ריי אנדערע אמאליקע
ספרים („שלשלת הקבלה", „שבט יהו־
דה") געפינען מיר אנדערע לעגענדעס
וואס זענען געווען פארשפרייט וועגן דוד
אלרואי. — אויך נאך זיין טראגישן טויט
האט דוד אלראי געהאט אנהענגער, וועל־
כע האבן געגלויבט, אז ער לעבט און ער
איז משיח און ער וועט זיך ווידער בא־
וויזן. מען האט זיי גערופן די „מנח־
מידן" (לויטן נאמען ‚מנחם' וואס דוד
זאל אויך האבן געטראגן, ווארשיינלעך,
ווייל לויט אן אלטער טראדיציע זאל
משיח הייסן „מנחם). עס האבן זיך דער־
נאך באוויזן פאלשע „דוד אלרואים". די
סעקטע איז פארשוואונדן געווארן ערשט
אין דער מיט פון 13טן יארהונדערט. —
דוד אלראי האט געדינט אלס טעמע פאר
א ריי ראמאנען, צווישן אנדערע פון
ביקאנספילד.

דוד בן זמרא זע „אבי זמרא".

דוד בן שמואל הלוי סג"ל (ט"ז),

(געבוירן לערך 1590 אין לאדמיר — גע־
שטארבן ו' שבט תכ"ז 1667 אין לעמ־
בערג), בארימטער רב און פוסק אין 17טן
יארהונדערט; געווען איידעם פון רבי
יואל סירקיס (ב"ח); נאך זיין שווערס
טויט אין יאר 1641 איז ער געווארן אויף
זיין ארט רב אין אוסטראה. אין גזרת
ת"ח (1648) האט ער געמוזט אנטלויפן
און האט גערייזט אין דייטשלאנד. אין
יאר 1652 איז ער געווארן רב אין לעמ־
בערג און אנגעפירט מיט א ישיבה; זיין
בארימטער ספר איז דער „טורי זהב", פון
דאנען שטאמט זיין נאמען דער „ט"ז"
(ראשי תיבות „טורי זהב"); דאס איז
א פירוש און אויך צוגאב־הלכות צום
שלחן ערוך. — אין דעם לעצטן יאר פון
ט"זס לעבן איז אנטשטאנען די באווע־
גונג פון פאלשן משיח שבתי צבי, פון
וועלכן עס האבן אין אנהויב געהאלטן
אויך א סך גרויסע רבנים אין יענער
צייט; אויך דער ט"ז האט געשיקט צו
שבתי צבי זיין זון רבי ישעיה און זיין
שטיף־זון רבי לייב געוואויר צו ווערן
וועגן דער באוועגונג. — פרטים וועגן
לעבן פון ט"ז זענען פאראן אין דעמ־
ביצערס „כלילת יופי" (וועגן לעמבער־
גער רבנים).

דוד הראובני (געבוירן לערך 1490 אין איינעם פון די מזרח־לענדער — געשטאָרבן אין שפּאַניע נאָכן יאָר 1535), באַרימטער פאַלשער משיח, געהיימניספולע פערזענלעכקייט; ער האָט זיך באַוויזן אין אייראָפּע, אין וועניציע אין יאָר 1524; אַ נידעריקער, אַ שוואַרץ־אָפּגעברענטער, פאַרפייניקט זיך מיט סיגופים, תעניתים, אָנגעטאָן ווי אַ פירשט פון איינעם פון די מזרח־לענדער, ער האָט דערציילט, אַז ער שטאַמט פון דער מדינה חיבאַר אין אַראַביע, וואו עס וואוינט דער שבט ראובן און די בני משה לעבן דעם טייך סמבטיון, און אַז זיין ברודער יוסף איז דאָרט מלך איבער דעם שבט ראובן. זיין ברודער — האָט ער דערציילט — האָט אים געשיקט מיט אַ שליחות צו די קריסטלעכע פעלקער אין אייראָפּע צו באַקומען געווער פאַר דער יידישער מלוכה, וועלכע וועט דערפאַר העלפן די קריסטלעכע פעלקער צוצעשלאָגן די טערקן און איינצונעמען ארץ־ישראל. דוד הראובני איז געקומען קיין רוים, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן דורכן פויפסט, וועלכער האָט געגלויבט אין אים. גערעדט האָט ער אַ סאָרט העברעאיש, און די ווערטער פון דער משנה און גמרא. פון רוים איז ער געפאָרן צום קעניג אין פּאָרטוגאַל, וואו מען האָט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד, דעמאָלט איז געווען די צייט פון דער אינקוויזיציע, וועלכע האָט געפייניקט די יידישע אנוסים אין פּאָרטוגאַל. ביי די אנוסים איז דערוועקט געוואָרן די האָפענונג, אַז דורך דוד הראובני וועלן זיי געהאָלפן ווערן. צו דוד הראובני האָט זיך דעמאָלט פאַרייניקט דער אנוס שלמה מולכו (זע „מולכו״). פון פּאָרטוגאַל איז דוד צוזאַמען מיט שלמה אַוועק קיין דייטשלאַנד צום קייזער קאַרל דעם 5טן, וועלכער האָט זיי ביידן אַרעסטירט. שלמה מולכו איז עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן דורך דער אינקוויזיציע און דוד הראובני איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה. וואָס עס איז געוואָרן מיט אים ווייסט מען נישט. עס זענען פאַראַן אָנדייטונגען, אַז מען האָט אים פאַרגיפטעט אין תפיסה. לויט אַנדערע מיינונגען איז אויך דוד פאַרברענט געוואָרן דורך דער אינקוויזיציע אין שפּאַניע אין יאָר 1541. — ווער דוד איז געווען איז ביז היינט נישט קלאָר. עס זענען פאַראַן פון דוד „זכרונות״ (אויך געדרוקט אין יידיש), אין וועלכע ער באַשרייבט זיינע רייזעס פון יענעם לאַנד חיבאַר איבער ארץ־ישראל ביז אייראָפּע. עס איז קלאָר, אַז דוד הראובני האָט נישט דערציילט דעם אמת. ער האָט למשל זיך פאַרגעשטעלט, אַז ער ווייסט נישט פון דער משנה און גמרא, און ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן האָט ער אפילו געוואוסט קבלה. לויט דער מיינונג פון טייל געלערנטע איז ער יאָ געווען אַ ייד פון אַראַביע, דאַקעגן נייבויער מיינט, אַז ער איז געווען אַ ייד, אַן אַשכנזי, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין מצרים. לויט אַנדערע מיינונגען זאָל ער האָבן געווען פון די פאַלאַשן אין אַבעסיניע. דער שריפטשטעלער מאַקס בראָד האָט געשריבן אַ ראָמאַן „דוד הראובני״, אין וועלכן ער שילדערט אים אַלס ייד פון פּראַג, וועלכער האָט געוואָלט דערוועקן אַ גרויסע יידישע דיפּלאָמאַטישע און מיליטערישע באַוועגונג צו ברענגען די גאולה. צו די „זכרונות״ פון דוד הראובני, איבערזעצט דורך גאָלדשמידט, ווילנע, 1926, איז פאַראַן אַ גרעסערע איינלייטונג וועגן די אַלע מיינונגען. אויך דר. אשכולי האָט אַרויסגעגעבן אין ארץ־ישראל די „זכרונות״ מיט אַ גרעסערער איינלייטונג.

דוכן, דוכנען מיטן נאָמען „דוכן״ האָט מען אָנגערופן (משנה מדות פרק ב׳) אַ הויך אָרט אין בית המסדש, אויף

וועלכן די כהנים זענען געשטאנען און געבענטשט דאס פאלק מיט אויפגעהויבענע הענט. פון דעם איז געוואָרן שפּעטער אין דער גמרא דאס וואָרט „דוכן" אלס באַצייכענונג פאַר „ברכת כהנים", פאַר יעדן בענטשן דאס פאלק דורך די כהנים, נישט דוקא אין בית המקדש (שבת קי"ח, „עלה לדוכן", וואָס איז דער טייטש: בענטש אלס כהן דאס פאָלק); פון דאנען איז עס געוואָרן אין יידיש דאָס וואָרט דוכנען פאַר ברכת כהנים. אין דער משנה און גמרא הייסט דוכנען אויך „נשיאת כפּיים", ווייל די כהנים הויבן אויף די הענט. — געוויינלעך דוכנט מען היינט אין די לענדער (אחוץ ארץ־ישראל) נאָר אין יום־טוב ביים דאווענען מוסף; אין ארץ־ישראל איז דער מנהג צו דוכנען יעדן טאָג; פאַרן דוכנען וואַשן זיך די כהנים די הענט דורך די לויים, און טוען אויס די שיך; ביים דוכנען דרייען זיך אוים די כהנים צום פאלק און זאָגן וואָרט ביי וואָרט נאָך דעם חזן דעם פסוק יברכך ה' ביז שלום; דער עולם דאַווענער פאַרלייגט דערצו די טליתים איבער די קעפּ, כדי נישט צו זען, ווי די כהנים דוכנען. עס איז פאַראַן אזא מנהג נישט צו קוקן אויף די כהנים בעת דעם דוכענען, און דער פאַלקס־גלויבן איז, אז אויב מען קוקט יאָ, ווערט מען בלינד; דער גלויבן איז פאַראַן אין דער גמרא מגילה ט"ז; דאָס דוכנען קומט פאַר מיט א ספּעציעלער מעלאָדיע, וועלכע ווערט באַזונדערס לאַנג געצויגן ביי טייל ווערטער, כדי דער עולם זאָל קאָנען דערווייל זאָגן געוויסע תפלות. נאָכן דוכנען גייט יעדער צו צו די כהנים און גיט זיי א דאנק מיט די ווערטער „יישר כח, כהן!". — די דינים וועגן דוכנען געפינען מיר אין שלחן ערוך, אורח חיים, הלכות נשיאת כפּיים.

דומה, מלאך נאָמען פון מלאך, באַקאַנט אין פאַלקס־גלויבן אלס „מלאך דומה", וואָס איז באַשטימט איבער דער נשמה פון פאַרשטאָרבענעם באַלד נאָכדעם ווי דער מענטש שטאַרבט און מען לייגט אים אין קבר. דאָס שטאַמט זיכער פון פסוק אין תהלים צ"ד „שכנה דומה נפשי" (רו שטיל מיין נשמה). די סיפּורים וועגן מלאך דומה שטאַמען פון אַלטע צייטן, און די גמרא ברכות י"ח זאָגט „דומה קדים ומכריז להו", אז דער מלאך דומה רופט אויס אין הימל וועגן יעדן מענטש איידער ער גייט שטאַרבן. דאָס זעלבע געפינט מען אויך אין אַנדערע ערטער פון דער גמרא און מדרשים. — דער פאַלקס־גלויבן איז, אז דער מלאך דומה עפנט מיט א קלאַפּ דעם קבר (דאָס הייסט „חבוט הקבר") און פרעגט דעם מת „מה שמך?" (ווי איז דיין נאָמען); און דעריבער איז די סגולה, כדי נישט צו פאַרגעסן דעם נאָמען, אז מען זאָל ביים לעבן ביים דאַווענען נאָך שמונה עשרה זאָגן א פסוק וואָס הויבט זיך אן און ענדיקט זיך מיט די בוכשטאַבן פון מענטשנס נאָמען. — וועגן דער סגולה נישט צו פאַרגעסן דעם נאָמען געפינען מיר ביי רבי ישעיה הורוויץ אין ספר של"ה (שני לוחות הברית).

דונולו, שבתי (געבוירן 913 — געשטאָרבן לערך 982), דאָקטאָר, אַסטראָנאָם און מחבר אין איטאַליע, וועמענס באַדייטונג איז זייער גרויס, ווייל פון יענער צייט זענען פאַראַן זייער ווייניק ספרים. ער האָט שטודירט יידישע לימודים און אויך מעדיצין. צו דעם ציל איז ער אוועק אין די מזרח־לענדער עגיפּטן, בבל, וועלכע זענען דעמאָלט אין הינזיכט פון וויסנשאַפט געשטאַנען העכער פון די אייראָפּעאישע לענדער. א געוויסע צייט איז ער געווען דאָקטאָר ביים משנה למלך אין עגיפּטן; אין די לעצטע יאָרן האָט ער געוואוינט אין איטאַליע. זיין הויפּט־ספר איז „חכמוני", אדער

„תחכמוני". א פירוש אויפן ספר יצירה (געדרוקט פלאָרענץ, 1880); דער „חכמוני" גיט אונדז א באַגריף וועגן יידישן בילדונגס־צושטאַנד אין איטאַליע אין יענער צייט.

דונש בן לברט (לערך 920 — 990)

העברעאישער גראַמאַטיקער און דיכטער אין שפּאַניע; דער ערשטער וועלכער האָט אנגעהויבן שרייבן אין העברעאיש שירים לויט דער פאָרם פון דער אַראַבישער פּאָעזיע. א ריי זיינע פּיוטים זענען אנגענומען געוואָרן און זענען זייער פאַרשפּרייט. זיין רבי רב סעדיה גאון האָט אים זייער גערימט; ער האָט דער ערשטער פעסטגעשטעלט אז אין דעם העברעאישן ווערטער־וואָרצל זענען פאַראַן 3 בוכשטאַבן („פּקד); צווישן אים און דעם גראַמאַטיקער מנחם בן סרוק איז געווען א גרויסע מחלוקה וועגן דער העברעאישער גראַמאַטיק.

דור (גענעראַציע, א צייט)

מיר געפינען באַצייכנט געוויסע צייטן פון דער אַלטער תנ"ך־געשיכטע מיטן נאָמען „דור", ווי דור המבול, דור הפלגה, דור המדבר; וועגן די אַלע זע זוכווערטער „מבול", „מגדל בבל", „מדבר".

דוראַן פּראָפיט

זיין יידישער נאָמען איז יצחק בן משה הלוי, אויך באַקאַנט אַלס „אפודי" (ראשי תבות פון „אמר פּראָפיט דוראַן"); יידישער דענקער, פילאָזאָף, פּאָלעמיקער קעגן צוואַנג־קריסטנטום, היסטאָריקער אין ענדע 14טן און אָנהויב 15טן יאָרהונדערט אין שפּאַניע. באַרימט איז זיין סאַטירישער בריוו „אל תהי כאבותיך" (זאָלסט נישט זיין ווי דיינע עלטערן), אין וועלכן ער דריקט אויס אין א ביטער־סאַרקאַסטישער פאָרם דעם שאַרפסטן פּראָטעסט קעגן שמדן זיך צוליב די תענוגים פון דער וועלט; דאָס איז די שענסטע פּערל אין דער סאַטירישער ליטעראַטור אין העברעאיש; די קריסטלעכע וועלט האָט אין אָנהויב געמיינט, אז דאָס רעדט־צו דוראַן יידן צום שמד, און דער בריוו איז געווען באַקאַנט ביי די קריסטן אַלס „אַלטעקאַ־באָטעקאַ (אל תהי כאבותיך); נאָר שפּעטער האָבן זיי זיך געכאַפּט, און די גלחים האָבן דעם בריוו פאַרברענט; דוראַן האָט אויך געשריבן זיין „כלימת הגויים" (געבליבן אין כתב יד), „מעשה אפוד" אויף דקדוק, א פירוש אויפן „מורה נבוכים" (געדרוקט עטלעכע מאָל), און אויך א „קונטרס השמדות" היסטאָרישע כראָנאָלאָגיע מיט וועלכער עס האָט זיך באַנוצט דער „שבט יהודה".

דוראַן שלמה בן שמעון (רשב"ש)

רב און פּוסק אין אַלזשיר; געבוירן לערך 1400, געשטאָרבן 1467; מחבר געווען „מלחמת מצוה" קעגן די אָנפאַלן פון משומד יהושע הלורקי (דע סאַנטאַ פּע) אויפן תלמוד (געדרוקט לייפּציג, 1856); זיין ספר „שאלות ותשובות רשב"ש" (ליוואָרנאָ, 1742) אנטהאַלט, אחוץ די הלכות, אויך פיל מאַטעריאַל פאַר דער פאָרשונג פון יידישן לעבנס־שטייגער אין יענער צייט.

דוראַן, שמעון בן צמח (תשב"ץ)

געבוירן 1361 אין שפּאַניע — געשטאָרבן 1444 אין אַלזשיר); רב, פּוסק און דאָקטאָר; אין דעם יאָר פון דער שחיטה אויף שפּאַנישע יידן 1391 (קנ"א) איז ער אנטלאָפן פון שפּאַניע און זיך באַזעצט אין אַלזשיר, וואו ער איז געווען דיין ביים רב רבי יצחק בן ששת (ריב"ש); נאָכן טויט פון ריב"ש איז ער געוואָרן רב אויף זיין אָרט; זיינע באַרימטע ספרים זענען די תשובות „תשב"ץ", „מגן אבות" אויף פּרקי אבות; דאָרט איז פאַראַן א פּרק צו פאַרטיידיקן דאָס יידנטום קעגן

די קריסטלעכע אַנפאַלן, געדרוקט אויך באַזונדער אַלס „קשת ומגן"; אויך ספרים איבער פילאָזאָפיע.

דזשאָינט („דזשאָינט דיסטריביוישן קאָמיטע", פאַראייניקטער פאַרטיילונגס־קאָמיטעט), די גרעסטע יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, געשאַפן געוואָרן צו העלפן יידן אין דער גאַנצער וועלט. דער דזשאָינט איז געגרינדעט געוואָרן אין אָנהויב פון דער ערשטער וועלט־מלחמה 1914—1918, דורך די אָנגעזעענסטע יידיש־אַמעריקאַנער עסקנים לואי מאַרשאַל, פעליקס וואַרבורג, יוליוס ראָזנוואַלד, פאָול בערוואַלד און אַנדערע. דער דזשאָינט אין דער צייט פון זינט ער איז געגרינדעט געוואָרן ביז איצט (יאָר 1942) האָט געזאַמלט לערך 150 מיליאָן דאָלער און האָט צעטיילט הילף אין די פאַרשידנסטע פאָרמען צו מיליאָנען יידן אין די פיל אייראָפּעאישע לענדער ווי אויך אין ארץ־ישראל און אין וויטן מזרח. ער שפּייזט הונגעריקע, שאַפט היימען פאַר היימלאָזע, גיט אויף רייזע הוצאות פאַר פּליטים, פּליכטלינגען צו ראַטעווען זיי פון די נאַציסטישע און פאַשיסטישע לענדער און צו באַזעצן זיי אין לענדער פון צפון־ און דרום־אַמעריקע; גיט הילף פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע, שטיצט דאָס יידישע דערציאונגס־וועזן, קרעדיט פאַר אָרעמע בעלי־מלאכות און קליינהענדלער. אין דזשאָינט זענען פאַראַן פאָרטרעטער פון אַלע יידישע קרייזן, רעליגיעזע יידן, אָרגאַניזירטע אַרבעטער־פּאַרטייען, אָבער די פירערשאַפט פון דזשאָינט איז אין די הענט פון די אַמעריקאַנער יידישע רייכע עסקנים, וועלכע גרופּירן זיך אַרום דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט, רעאַלפּאָליטיקער, וועלכע פירן זייער הילפס־אַרבעט הויפּטזעכלעך אויפן יסוד פון פּראַקטישער הילף, ניט אַריינלאָזנדיק זיך אין אידעאָלאָגיעס. דער דזשאָינט האָט, למשל, געשטיצט דעם נייעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל און גלייכצייטיק אויך דעם יידישן ישוב אין סאָוועט־רוסלאַנד, סיי די קאָלאָניזאַציע אין קרים און סיי די באַזעצונג דורך יידן פון בירא־בידזשאַן. — זייער גרויס און וויכטיק איז די הילף פון דזשאָינט זינט היטלערס קומען צו דער מאַכט, 1933, און באַזונדערס זינט עס איז אויסגעבראָכן די 2טע וועלט־מלחמה, סעפּטעמבער 1939, און מיליאָנען יידן זענען געיאָגט געוואָרן פון זייערע היימען אין די פיל אייראָפּעאישע לענדער און דער דזשאָינט האָט מיט זיין הילף געראַטעוועט דאָס לעבן סיי פון זייער פיל פּליטים סיי אויך פון פיל פאַרבליבענע יידן, וועלכע מען האָט געדאַרפט שפּייזן. מען קאָן זאָגן, אַז אין דער לאַנגער יידישער געשיכטע איז נאָכניט געווען אַזאַ גרויסע יידישע הילפס־אָרגאַניזאַציע ווי עס איז דער דזשאָינט.

דזשואיש (אויף ענגליש דער טייטש „יידיש"). פאַראַן אַ גאַנצע רייע געזעלשאַפטן און צייטונגס־אויסגאַבן אין ענגלאַנד און אַמעריקע ווי אויך אין אַנדערע ענגליש־רעדנדע לענדער, וואָס רופן זיך מיטן נאָמען „דזשואיש"; ווי למשל די „דזשואיש" קראָניקל, וואָכנזשורנאַל אין ענגלאַנד, וואָס האָט אַ גרויסן איינפלוס אויף דעם ענגליש־יידישן לעבן; די גרויסע „דזשואיש ענסייקלאָפּעדיע", יידישע ענציקלאָפּעדיע אין דער ענגלישער שפּראַך.

דיזענגאָף, מאיר (1860 — 1936 אין תל־אביב) גרינדער און ערשטער שטאָט־פּרעזידענט פון תל־אביב; אויף זיין נאָמען „רחוב דיזענגאָף" און גן מאיר" אין תל־אביב.

דיזראַעלי זע „ביקאָנספילד".

דייטשלאַנד נאָמען פון לאַנד אין מיטל־אייראָפּע וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער יידישער געשיכטע אין די לעצטע 12 הונדערט יאָר, ביז דער היינטיקער צייט; אין די אַלטע יידישע ספרים האָט מען דאָס לאַנד גערופן „אשכנז" (וועגן דעם זע זוכוואָרט „אשכנז"), עס ווערט אָבער אויך דערמאָנט (אין משנה נגעים און אַנדערע ערטער) דאָס וואָרט „גרמני", „גרממיא", „גרמניקא". אין יאָר 1933, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָבן געוואוינט אין דייטשלאַנד ביי אַ האַלבן מיליאָן יידן אויף אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון לערך 65 מיליאָן.—ווען האָבן יידן זיך באַזעצט ס'ערשטע מאָל אין דייטשלאַנד? וועגן דעם זענען געשריבן געוואָרן פיל ביכער און אָפּהאַנדלונגען, ווייל ס'איז נישט געווען נאָר אַ טעאָרעטיש־וויסנשאַפטלעכע פראַגע, נאָר האָט אויך געדינט פאַר יידישע פאַרטיידיקונג־צוועקן קעגן די אַנטיסעמיטישע טענות, אַז די יידן אין דייטשלאַנד זענען פרעמדע, נאָר־וואָס געקומענע. בערלינער, שטאַבע, גרעץ, אַראָניוס און אַנדערע יידיש־דייטשע געלערנטע האָבן נאָכגעוויזן, אַז די יידן זענען געקומען קיין דייטשלאַנד שוין מיט 2,000 יאָר צוריק, ווען די רוימער זענען אריין אין דייטשלאַנד און דאָרט געגרינדעט די מיליטערישע קאָלאָניעס. יעדנפאַלס איז זיכער, אַז אין יאָר 321 איז אין דער דייטשער שטאָט קעלן ביים ריין געווען אַ גרויסער יידישער ישוב; פון דעמאָלט אָן געפינען מיר כסדר דאָקומענטן וועגן יידישע ישובים אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבן זיך אַמייסטן קאָנצענטרירט אין מערב־ און דרום־טייל פון לאַנד. לודוויג דער זון פון קאַרל דעם גרויסן (אין 9טן יאָרהונדערט) האָט די יידן געגעבן ספּעציעלע פריי־בריוו, אַז מען טאָר זיי ניט פאַרפאָלגן צוליב זייער אמונה. פון דעמאָלט אָן האָט זיך דער יידישער ישוב אין דייטשלאַנד כסדר פאַרגרעסערט, און עס האָט זיך אויך אָנגעהויבן פאַרגרעסערן דער גייסטיקער איינפלוס פון די דייטשע יידן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן לומדים, גרויסע רבנים און דער לימוד התורה האָט זיך דאָרט פאַרשטאַרקט זינט עס זענען געקומען זיך צו באַזעצן (אין ענדע 9טן יאָרהונדערט) יידישע פאַמיליעס פון איטאַליע מיט דער פאַמיליע פון רבי קלונימוס אין דער שפּיץ (זע „קלונימוס"). אָבער גלייכצייטיק הויבט זיך אָן אין יענער צייט (אין אָנהויב 10טן יאָרהונדערט) אויך דאָס מאַרטירערטום, די פּייניקונגען פון די דייטשע יידן. די שפּורן דערפון באַמערקט מען אין די קינות און טרויער־פּיוטים וואָס שטאַמען פון יענער צייט. דעם העכסטן פּונקט האָבן די פאַרפאָלגונגען דערגרייכט אין דער צייט פון די קרייץ־פאָרער, „נוסעי הצלב" (זע „קרייץ־פאָרער"), אין דער טרויעריק־באַרימטער „גזרת תתנו" (יאָר 1096), ווען די קרייץ־פאָרער האָבן אויף זייער מאַרש אַרויסצוטרייבן די מאַכמעדאַנער פון ארץ־ישראל אויסגעשאָכטן די גרויסע יידישע קהלות אין קעלן, שפּייער (שפּירא), מיינץ, וואָרמס און אויך קלענערע קהלות. די צאָל יידישע הרוגים ווערט גערעכנט אויף פיל צענדליקער טויזנטער. די דאָזיקע פאַרפאָלגונגען האָבן געדויערט, מיט הפסקות, דורך דער גאַנצער צייט פון די נוסעי הצלב איבער 150 יאָר, אָבער טראָץ די אַלע פאַרפאָלגונגען איז דייטשלאַנד דעמאָלט געווען אַ גרעסערער גייסטיקער צענטער פאַרן יידישן פאָלק, און די חכמי אשכנז און די ,חסידי אשכנז" (זע „חסידי אשכנז"), זענען געווען די גרויסע גייסטיקע יידישע פירער אין פאַרלויף פון עטלעכע הונדערט יאָר, אָנהויבנדיק פון רבנו גרשם מאור הגולה (זע „גרשם") אין סוף 10טן און אָנהויב 11טן יאָרהונדערט, ביז אַ סך

פון די בעלי תוספות, וואס האבן גע־וואוינט אין דייטשלאנד, רבי אליעזר בן נתן דער ראב"ן, רבי יהודה החסיד, רבי אלעזר רוקח און שפעטער דער רבנו מאיר פון רוטנבערג (מהר"ם) אין סוף 13טן יארהונדערט) און פיל, פיל אנדערע. דער געלערנטער גידעמאן אין זיין „געשיכטע פון דערציאונגוועזן" (העברעאישע אי־בערזעצונג „התורה והחיים", אין יידי־שער איבערזעצונג נאר איין טייל) גיט אין ערשטן טייל קאפיטלעך 4־5 אן אי־בערבליק איבער די דייטשע יידן אין יע־נער צייט, זייער האנדל, באציאונגען מיט די דייטשן. עס ווייזט אויס, אז דע־מאלט האט אויך אנגעהויבן אנטשטיין אין דייטשלאנד די יידישע שפראך, דער דייטשער דיאלעקט, וועלכער איז געווארן דורך די יידן געפארעמט און געבויט מיט דעם צוגעמיש פון העברעאישע און אנ־דערע עלעמענטן. אבער די רדיפות אויף יידן, וועלכע האבן זיך אויף א געוויסע צייט אפגעשטעלט, זענען געווארן וואס אמאל גרעסער; עס האבן זיך אנגעהויבן גרושים, ארויסטרייבונגען פון יידן פון פארשידענע שטעט. עס הויבן זיך אן וואס אמאל מער באווייזן די בלוט־בל־בולים, די האסטיע־בלבולים (אז יידן האבן געשענדט די האסטיע, דאס היי־ליקע ברויט פון דער קירכע), און אין 14טן יארהונדערט איז פארגעקומען די „שווארצע מגפה", צוליב וועלכער מען האט אומגעבראכט עטלעכע צענדליק טויזנט יידן אין דייטשלאנד. א סך יידן האבן פון דייטשלאנד עמיגרירט אין די סלאווישע לענדער, באזונדערס קיין פוילן, דערביי מיטנעמענדיק מיט זיך די ניי־געשאפענע יידישע שפראך און מנ־הגים און לומדות, און זיי האבן ארויפ־געלייגט זייער גייסטיקן שטעמפל אויף אלע יידישע ישובים אין די סלאווישע לענדער. די איבערגעבליבענע יידן אין דייטשלאנד זענען באטראכט געווארן סיי

דורכן קייזער, סיי דורך די פארשידענע פירשטן, אלס זייערע „קאמער־קנעכט", ציענדיק פון זיי ספעציעלע שטייערן־אפ־צאלונגען. אין אייגנטלעכן דייטשלאנד זעלבסט איז די צאל יידן געווארן וואס אמאל קלענער; מער יידן זענען געווען אין עסטרייך, נאענטער צו די סלאווישע לענדער; ערשט אין 16טן יארהונדערט באמערקט מען א גרעסערן צופלוס פון יידן אין די מערב־דייטשע פראווינצן, און עס רוקט זיך ארויס אלס גרויסע יידישע קהלה די שטאט פראנקפורט אם מאין; עס זענען ווארשיינלעך אהינגעקו־מען אויך יידן פון שפאניע און פארטו־גאל נאכן גרוש פון די דאזיקע לענדער אין סוף 15טן יארהונדערט. — אין יע־נער צייט זענען די דייטשע ישיבות אין רעגענסבורג, אויגסבורג, מיינץ, ווין, פראג, געווען בארימט, און תלמידים פון א ריי אנדערע לענדער האבן דארט גע־לערנט. אזעלכע רבנישע פערזענלעכקייטן ווי רבי ישראל איסערלין („תרומת הדשן"), רבי ישראל ברונא, רבי יעקב מולין (מהרי"ל), רבי יעקב וויל (מהרי"ו) און אנדערע האבן אויסגע־איבט א גרעסערן איינפלוס אויף דער לומדישער וועלט. גלייכצייטיק האט דע־מאלט אויך זיך אנגעהויבן דער אויפבלי פון ספרים און ביכער, רעליגיעזע און וועלטלעכע, אין דער יידיש־טייטש שפראך, וואס איז אייגנטלעך די אלט־יידישע שפראך. דידאקטישע מוסר־ספ־רים, וועלטלעכע דערציילונגען, איבער־זעצטע און אריגינעלע. דאס דייטשע יידנטום האט דעמאלט, ביי אלע רדיפות און גרושים, נאך אלץ געהאט דעם גרויסן איינפלוס אויף די יידן אין א ריי אנ־דערע לענדער, באזונדערס אין די סלא־ווישע לענדער, און הויפטזעכלעך אין פוילן. וואס די חכמי אשכנז (די רבנים פון דייטשלאנד) האבן געפסקנט איז גע־ווען אנגענומען, הגם רבנים פון אנדע־

רע לענדער, ספרדישע רבנים, האָבן אַרויסגעבראַכט אַנדערע מיינונגען. די נוסחאות פון דאַווענען און די מנהגים פון שול און בית המדרש, וואָס זענען געווען איינגעפירט אין דייטשלאַנד („נוסח אשכנז״) זענען אויך אָנערקענט געוואָרן דורך דעם ניי־אַנטשטייענדעם גרויסן יידישן צענטער אין די סלאַווישע לענדער. וועגן די אַלע מנהגים און אויך די באַציאונגען צווישן יידן און קריסטן אין דייטשלאַנד אין יענער צייט האָט געשריבן אויספירלעך גידעמאַן אין זיין דערמאָנטן ווערק „התורה והחיים״, אין דריטן טייל (דער דאָזיקער דריטער טייל איז איבערזעצט אין יידיש דורך נחום שטיף). קיין גרויסע ענדערונגען אין גורל פון די דייטשע יידן אין די יאָרהונדערט 16, 17 און ערשטער העלפט פון 18טן איז נישט צו באַמערקן. די צייט פון דער רעפאָרמאַציע און 30־יאָריקן קריג אין דייטשלאַנד אין 16טן און ערשטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט איז פאַר די דייטשע יידן געווען אַ נישט־גוטע. ערשטנס איז דעמאָלט געווען אַ גרעסערע אַנטיסעמיטישע באַוועגונג סיי מצד די קאַטאָליקן, סיי מצד די פראָטעסטאַנטן; עס זענען אַפילו געווען אַ ריי אָנגעזעענע דייטשע דענקער און געלערנטע וואָס האָבן פאַרטיידיקט יידן (רייכלין און אַנדערע), אָבער אין אַלגעמיין איז די שטימונג קעגן יידן געווען אַ פיינטלעכע, און באַזונדערס ווייל דער רעפאָרמאַציע־שאַפער, לוטהער, איז אויך אַרויסגעטרעטן שאַרף קעגן יידן. צווייטנס האָבן די מלחמות זעלבסט דירעקט געטראָפן אויך די יידישע איינוואוינער פון די שטעט און דערפער. אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אויך אַ געוויסע עמיגראַציע פון פוילישע יידן קיין דייטשלאַנד, אין דער צווייטער העלפט פון 17טן יאָרהונדערט, נאָך די שחיטות פון כמעלניצקי און טשאַרנעצקי אין אוקראַינע און פוילן. — אין דער צווייטער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט איז פאָרגעקומען די גרויסע גייסטיקע איבערקערעניש אין דייטשן יידנטום, וואָס האָט באַאיינפלוסט אויך די יידן אין אַנדערע לענדער. אַלס די פערזאָן, מיט וועלכער די דאָזיקע איבערקערעניש איז פאַרבונדן, ווערט באַטראַכט משה מענדלסאָן, אָבער עס איז נישט ריכטיק, אַז מענדלסאָן איז געווען דער פאַראורזאַכער פון דער איבערקערעניש. פון אַלע זייטן איז געווען דער דרוק פון אויפקלערונג, פון מאָדערנע בילדונג און פריי־גייסט אויף דעם דייטשן יידנטום. ביי יידן האָט עס אָנגענומען די פאָרם פון „השכלה״, פון מענדלסאָנס תנ״ך־איבערזעצונג אין דייטש, דעם „ביאור״, די אויפלעבונג פון דער העבראַאישער פאָעזיע, דאָס אַרויסגיין פון בית המדרש און אַריינגיין אין דער נישט־יידישער וועלט, דאָס אַריינדרינגען אין אַלע צווייגן פון וויסנשאַפט, עקאָנאָמישן און ווירטשאַפטלעכן לעבן, דאָס באַפרייען זיך פון טראַדיציע. אין דייטשן יידנטום האָט זיך אָנגעהויבן דער שאַרפער אינערלעכער קאַמף, וועלכער האָט געדויערט ביז דער לעצטער צייט, דער קאַמף צווישן דעם טראַדיציאָנעלן לעבן און דער שטרעבונג אַראָפצוואַרפן פון זיך די יידישע טראַדיציע, טיילווייז דורך רעפאָרמירן דאָס רעליגיעזע לעבן און טיילווייז דורך פולשטענדיקן איבעררייסן מיטן יידנטום דורך שמד. אויך מיט דער אויסערלעכער וועלט איז פאָרגעקומען דער קאַמף פון דייטשן יידנטום צו באַקומען בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס זיי האָבן ווירקלעך באַקומען אין ענדע פון 18טן יאָרהונדערט אונטער דעם איינפלוס פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און מיט נאַפאָלעאָנס אַריינמאַרש אין דייטשע לענדער אין אָנהייב 19טן יאָרהונדערט. אָבער באַלד דערנאָך איז

דער צייט פון דער רעאקציע 1815, אונטער דעם איינפלוס פון דער אנטיסעמיטישער באוועגונג, האט מען די גלייכבארעכטיקונג צוריקגעצויגן, און דער קאמף פאר רעכט פון די דייטשע יידן האט זיך געצויגן ביז צו דער רעוואלוציע פון 1848, ווען יידן האבן אפיציעל באקומען גלייכבארעכטיקונג אין דייטשלאנד. אבער פאקטיש האבן זיי געהאט גענוג באגרענעצונגען. די דייטשע יידן האבן אין 19טן יארהונדערט זיך אריינגעווארפן אין אלגעמיינעם לעבן מיט דער גאנצער ענערגיע און פייאיקייט און פיל מיטגעהאלפן צום אויפבלי פון דער דייטשער וויסנשאפט אין אלע געביטן, פון דער דייטשער אינדוסטריע, פינאנצן, שיפוועזן, פרעסע, ליטעראטור, א גרויסער טייל פון זיי האט זיך געשמדט, א טייל האט זיך אויסגעמישט דורך געמישטע חתונות מיטן דייטשן פאלק; אויך דער טייל וואס איז פארבליבן אלס יידן האט אין אלגעמיין אנגענומען אויסערלעך אלע צייכנס פון דייטשן פאלק, גערעדט און געשריבן דייטש, זיך געקליידט ווי דייטשן. נאר א געוויסער טייל, סיי פון די רעפארמער, סיי פון די ארטאדאקסן, האט ארויסגעוויזן א לעבהאפטן אנטייל אין יידישקייט, הויפטזעכליך דורך שאפן די חכמת ישראל, די פארשונג פון יידישער וויסנשאפט, וועלכע האט אין דייטשלאנד ארויסגעגעבן די אנגעזעענסטע געלערנטע ווי יאסט, צונץ, שטיינשניידער, גייגער, פראנקעל, הירש, גרעץ און פיל אנדערע. אין דער אלגעמיינער וויסנשאפט האבן די דייטשע יידן געשאפן פאר דייטשלאנד דעם גרעסטן נאמען דורך ארויסגעבן די באדייטנדסטע געלערנטע אויפן געביט פון מעדיציון (ערליך, מינקאווסקי, וואסערמאן און פיל אנדערע), מאטעמאטיק (קאנטאר), פיזיק און אסטראנאמיע (הערץ, ראטענוי, מינקאווסקי, איינשטיין), און אין אנדערע וויסנשאפטן, ווי אויך אין באנק און שיפסוועזן, אין פרעסע, ליטעראטור. — אבער די אלע פארדינסטן זענען דורך די אנטיסעמיטן נישט גענומען געווארן אין אכט און נאך דער וועלט-מלחמה 1918 ווען יידן האבן געהאט געקומען אין דייטשלאנד די פאקטישע גלייכבארעכטיקונג, האט זיך אנגעהויבן די אנטיסעמיטישע באוועגונג אין איר שווידערלעכסטער פארם, דעם „היטלעריזם", אונטער דער פערזענלעכער אגיטאציע פון אדאלף היטלער און זיינע מיטארבעטער געבעלס, ראזנבערג און אנדערע. דער היטלעריזם איז געווארן די אפיציעלע לאנד-פאליטיק זינט היטלער האט איבערגענומען די רעגירונג אין דייטשלאנד אין יאר 1933; עס האט זיך אנגעהויבן אן אפיציעלע פארניכטונג פון די דייטשע יידן, דורך באיקאט, בארויבונג, פארשיקונגען אין קאנצענטראציע-לאגערן, רציחות, איינפירן די אפיציעלע אריער-געזעצן, אונטער וועלכע עס זענען אויך ארונטערגעפאלן נישט נאר יידן און משומדים נאר אויך אפשטאמענדע פון יידן ביזן 3טן דור. דער האלבער מיליאן דייטשע יידן איז פלוצלונג בארויבט געווארן פון אלץ, וואס זיי האבן געהאט, פיל פון זיי געטויט, א סך געצוואונגען צו נעמען דעם וואנדערשטעקן און אנטלויפן פון דייטשלאנד, טייל קיין ארץ-ישראל, טייל אין אנדערע לענדער. וועגן דעם דאזיקן טרויעריקן קאפיטל פון דער געשיכטע פון דייטשישע יידן געבן מיר באזונדער אונטער דעם זוכווארט „היטלעריזם". — ביכער וועגן דער געשיכטע פון דייטשע יידן זענען פאראן זייער פיל; וויכטיק איז דאס דערמאנטע ווערק פון גידעמאן אין העברעאישער איבערזעצונג „התורה והחיים" (א טייל אין יידישער איבערזעצונג פון שטיף); בערלינערס „חיי היהודים באשכנז בימי הביניים" (ווארשע, 1900), גרעץ אין זיין געשיכ-

טע אין שפרם העברעאישער איבערזעצונג אין די בענדער ו׳, ז׳, ח׳; אין דער דייטשער שפראך איז אחוץ פיל ביכער, אויך דערשינען אן ענציקלאפעדיע „גערמאניא־יודאאיקא" באארבעט דורך די באדייטנדסטע יידיש־דייטשע היסטאריקער, נעמט ארום די געשיכטע פון יידן אין דייטשלאנד (אין אלפאבעט־ארדענונג) ביזן יאר 1238; וויכטיק זענען די מאטעריאלן וואס זענען פארעפנטלעכט געווארן אין די פיל יידיש־דייטשע יארביכער און זשורנאלן (ברעסלויער מאנאטס־שריפט און אנדערע).

דיין מיטן נאמען „דיין" באצייכנט מען דעם מאן וואס פסקנט שאלות אין איסור והיתר און דין־תורות, אבער ער איז ניט קיין רב אין שטאט, ער פארנעמט נאר א קלענערע שטעלע, און מען רופט אים אויך „מורה הוראה". דער נאמען דיין אלס אנטשיידער פון סכסוכים, אלס ארויסגעבער פון אורטיילן, איז פאראן שוין אין תנ״ך (שמואל א׳ כ״ד); אין דער גמרא האט דיין געהייסן נאר דער וואס האט געפסקנט אין דיני ממונות, געלט־סכסוכים (כתובות משנה פרק י״ג, „דייני גזלות"); נאר אין די שפעטערדיקע צייטן האט מען אנגענומען דעם טיטל אויך אויף פסקענען שאלות אין איסור והיתר. — זע אויך „דין".

דילה ריינע יוסף לעגענדארער מקובל, געלעבט אין שפאניע אין 2טער העלפט פון 15טן יארהונדערט; ער האט זיך פארנומען מיט „קבלה מעשית" (פראקטישער קבלה, באוויזן מופתים דורך שמות), געוואלט באזיגן דעם שטן און ברענגען משיח; וועגן אים איז ארומגעגאנגען א לעגענדע, אז דורכפאלנדיק אין זיין באמיאונג איז ער געווארן א כופר, און נאכן טויט איז ער מגולגל געווארן אין א שווארצן הונט; די „מעשה ברבי יוסף דילה ריינע" וועגן אים איז פארפאסט געווארן אין 17טן יארהונדערט דורך שלמה נאוואַרי פון ירושלים, און איז נאכער פיל מאל איבערגעדרוקט געווארן; דער נוסח, אז ער איז געווען אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון רבי יצחק לוריא (אר״י) איז נישט קיין ריכטיקער.

דיליאון, משה זע „משה דיליאון".

דילמידיגו, יוסף שלמה גערופן אויך „יש״ר מקנדיא" (יוסף שלמה רופא פון קאנדיע), מאטעמאטיקער, דאקטאר און פילאזאף, וואנדערנדער געלערנטער; געבוירן אויף דעם גריכישן אינזל קאנדיע (קרעטא) כ״ה סיון שנ״ה (1595) און געשטארבן סוכות תט״ז (1655) אין פראג. זיין פאטער אליהו איז געווען רב אין קרעטא און יש״ר האט ביי אים געלערנט יידישע לימודים; נאכער איז יש״ר אריינגעטרעטן אין אוניווערסיטעט אין פאדוא און שטודירט מעדיצין, פילאזאפיע, מאטעמאטיק, אסטראנאמיע (געלערנט ביים בארימטן אסטראנאם גאלילעי); נאכער האט ער אין דער היים פראקטיצירט אלס דאקטאר. ער האט אבער געהאט אן אייפערלעכן דראנג צו וואנדערן, און ער האט פארלאזט זיין היימאט־לאנד, באזוכט מצרים און קאנסטאנטינאפאל, נאכער רומעניע, וואו ער האט זיך באקענט מיט מקובלים און געלערנט קבלה; דערנאך איז ער אוועק אין פוילן און ליטע, וואו ער איז געווען הויף־דאקטאר ביים פירשט ראדזשיוויל; פון דארט איז ער אוועק קיין האמבורג, אמסטערדאם, פראנקפורט, און גאר צום סוף אין פראג, וואו ער איז געשטארבן. — יש״ר האט געשריבן וויכטיקע ספרים, וועלכע האבן געהאט א זייער גרויסן איינפלוס אויף דער יידישער לומדישער וועלט, וועלכע האט זיך געוואלט באשעפטיקן מיט אנדערע וויסנשאפטן; זיין

הויפּט־ספר איז דער „אילם" אין וועלכן
ער גיט א ריי מאטעמאטישע און אנדע־
רע וויסנשאפטלעכע דערקלערונגען אויף
פארשידענע פראגן, וועלכע עס האט אים
געשטעלט דער קאראאימער זרח בן נתן
פון טראקי (ליטע); צום „אילם" איז צו־
געגעבן א קיצור פון א בריוו מיטן נאמען
„אחוז בחבלי חבל" אין וועלכן ער טרעט
שארף ארויס קעגן דער קבלה. זיין
צווייט ספר איז דער „תעלומות חכמה"
(געדרוקט באזעל 1631), וועלכער בא־
שטייט פון 3 ספרים „מצרף לחכמה",
„נובלות חכמה" און „כח ה'", אין וועל־
כע ער האט חרטה אויף זיינע פריערדיקע
מיינונגען און איז א שארפער אנהענגער
פון קבלה: בכלל זענען ארומגעגאנגען
וועגן יש"ר פארשידענע מיינונגען; טייל
האבן געהאלטן, אז ער האט נישט קיין
פעסטע מיינונג, און ער איז זיך אליין
סותר אין זיינע שיטות. אין די ספרים
פון יש"ר געפינען מיר אויך וויכטיקע
היסטאָרישע איינצלהייטן וועגן יידישן
לעבן אין יענער צייט.

דין (געזעץ, אורטייל, פּראָצעס); דאָס
וואָרט „דין" האט אין תנ"ך געהאט די
באדייטונג פון „געזעץ"; אין חומש דב־
רים י"ז ווערט געזאָגט אז מען ווייסט
נישט א זאך „בין דין לדין" (צווישן איין
געזעץ און דעם צווייטן) זאל מען קומען
צום שופט און ער וועט ארויסגעבן דעם
אורטייל; אין מגילת אסתר א' הייסן די
קענער פון געזעצן „יודעי דת ודין"; דער־
פון איז אויך געוואָרן דאס ציטוואָרט
„דין" (ארויסגעבן אן אורטייל); אין דער
משנה און גמרא ווי אויך אין די שפּע־
טערע ספרים, ראשונים און אחרונים,
ווערט מיטן וואָרט דין באצייכנט יעדער
רעליגיעזער געזעץ און פארשריפט, סיי
אין געלט־זאכן, סיי אין איסור והיתר, סיי
אין אלע אנדערע רעליגיעזע זאכן; מען
אונטערשיידט צווישן א „דין", וואס
פארפליכטעט אומבאדינגט, און א „מנ־
הג", וואס איז נאר איינגעפירט געוואָרן
און איז נישט קיין אבסאלוטער געזעץ.
די דינים זעלבסט ווערן אויך איינגע־
טיילט אין „דיני ממונות" (געלט־זאכן)
„דיני נפשות" (דינים, וואס ציען מיט
זיך טויט־אורטיילן), „דין מדאורייתא"
(א געזעץ וואס איז לויט דער תורה),
„דין מדרבנן" (א געזעץ, וואס איז שפּע־
טער ארויסגעגעבן געוואָרן דורך די חכ־
מים); אויב עס איז פאראן א צווייפל
אין געזעץ, ווערט דער אורטייל וועגן דעם
וואס דער רב גיט ארויס, אנגערופן „פסק־
דין" (איבערגעהאקט, פארענדיקט); דער
פולשטענדיקער אורטייל (אמייסטן ווערט
עס באנוצט ביים באצייכענען אן אור־
טייל וואס ווערט ארויסגעגעבן אין הימל
אויף מענטשן דורכן „בית דין של
מעלה" דורכן געריכט אין הימל) ווערט
אנגערופן „גמר דין", און יעדעס יאר אין
יום כפור ווערט, לויט דער רעליגיעזער
טראדיציע, אין הימל ארויסגעגעבן דער
גמר דין, אדער „גמר חתימה" אויף דעם
מענטש; אויב דער אורטייל אין הימל איז
א שלעכטער ווערט ער אנגערופן „גזר
דין"; דער טאג פון אורטייל הייסט דער
„יום הדין"; דער סכסוך אין געלט־זאכן
וואס קומט פאר ביים רב צווישן צוויי
מענטשן, הייסט געוויינלעך „דין תורה",
און אויב מען גיט ארויס דעם אורטייל
לויטן געזעץ הייסט דער אורטייל א „ריי־
נע דין תורה", דאקעגן קוים ווערט אויס־
געגליכט צווישן ביידע צדדים, וועלכע
הייסן „בעלי דין", הייסט דער אורטייל
א פשרה; די גמרא (סנהדרין ל') האט
געהאלטן, אז מען דארף זען נישט פסקע־
נען „דין תורה" נאר דורכפירן א פשרה;
אין בבא מציעא ל' זאגט די גמרא „לא
נחרבה ירושלים אלא מפני שהעמידו
דבריהם על דין תורה" (ירושלים איז
חרוב געוואָרן נאר דערפאר וואס די
איינוואוינער האבן זיך נישט אויסגע־

גלייכט, נאָר געפירט זיך שטרענג לויטן געזעץ); די מכילתא אין יתרו זאָגט, אַז מען זאָל זיך נוהג זיין „לפנים משורת הדין". — ווענן דער באַציאונג פון דער יידישער רעליגיע צו די אַלגעמיינע געלט־געזעצן וואָס גילטן אין יעדן לאַנד, איז פאַראַן אין דער גמרא די מיינונג פון אמורא שמואל אין בבל (אין 3טן יאָרהונדערט), אַז דינא דמלכותא דינא" (דאָס געזעץ פון דער רעגירונג איז אַ געזעץ); די שפּעטערדיקע מפרשים („מרדכי" אויף בבא קמא פּרק הגוזל בתרא) זאָגן, אַז דאָס איז נאָר ווען דאָס רעגירונג־געזעץ איז אָן דיסקרימינאַציע, גלייך פאַר יעדן, אָבער אויב די רעגירונג פירט איין אַ געזעץ, וואָס זאָל גילטיק זיין פאַר אַ טייל מענטשן, איז דאָס אַן אומגערעכטיקייט, און אין אַזאַ פאַל באַטראַכט עס נישט די יידישע רעליגיע פאַר אַ געזעץ. — אין דעם אגדה־טייל פון דער יידישער רעליגיע ווערט ווענן גאָט געזאָגט, אַז עס זענען פאַראַן ביי אים צוויי מדות: מדת הדין און מדת הרחמים. פאַרקירצט, „דין" שטרענקייט פון געזעץ און „רחמים", באַרמהאַרציקייט; אין מדרש (בראשית רבה י"ב) ווערט געזאָגט, אַז דער שם „הויה" איז „רחמים" און דער שם „אלהים" איז דין; אין ירושלמי (תענית ב') ווערט געזאָגט, אַז גאָט זעט, אַז די וועלט וועט נישט קאָנען אויסקומען לויט דין באַציט ער זיך צו איר מיט רחמים; אין דער קבלה און חסידות האָט די האַזיקע שיטה פון „דין" און „רחמים" אַ זייער גרויסע באַדייטונג. — זע זוכווערטער „בית דין", „דיין", „הלכה", „רבנים".

דינה טאָכטער פון יעקב אבינו, פון לאה (בראשית ל'). אין חומש בראשית ל"ד ווערט דערציילט דער סיפור ווי דינה איז געוואָרן פאַרגוואַלדיקט פון שכם דעם זון פון חמור דעם פירשט פון שכם און ווי יעקבס זין שמעון און לוי האָבן זיך דערפאַר נוקם געווען אין די שכם־איינוואוינער און זיי געטויט.

דינענזאָן, יעקב (1856 — 1919 אין וואַרשע); שריפטשטעלער; זיינע דערציילונגען „אבן נגף", „יאָסעלע", „הערשעלע" זענען געווען זייער פּאָפּולער; איינער פון די ערשטע גרינדער פון פאָלקסשולן מיט יידיש אלס אונטעריכטס־שפּראַך אין פּוילן; אויף זיין נאָמען אָנגערופן דינענזאָן־שולן; געווען אַ פריינט פון י. ל. פּרץ וועמען ער האָט פיל געהאָלפן, פּרטים ביי רייזן אין „לעקסיקאָן".

דיסקין, יהושע לייב 1818 אין גראָדנע—1898 אין ירושלים, רב אין אַ ריי שטעט (בריסק און אַנדערע), באַקאַנט אויך אַלס „בריסקער רב"; אָנגעזעענער פּוסק; געגרינדעט אין ירושלים „בית יתומים פון דיסקין"; געקעמפט קעגן „השכלה" אין ארץ־ישראל.

דיק, אייזיק מאיר (1808 — 1893 אין ווילנע); אויך „אמ"ד"; שריפטשטעלער אין יידיש; געהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון דער ווילנער השכלה; געשריבן אויך אין העברעאיש („זפרונה", „הבהלה", „מסכת עניות"); אין יידיש האָט ער אַרויסגעגעבן צענדליקער דערציילונגען, וועלכע האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג; איינצלהייטן ווענן זיינע ווערק ביי רייזן אין „לעקסיקאָן".

דלילה זע „שמשון".

דם (בלוט); זע „בלוט".

דמאי די משנה אין דמאי באַצייכנט מיט דעם וואָרט „דמאי" סתם תבואה און פרוכטן, אויף וועלכע מען האָט נישט

די זיכערקייט, צי מען האָט גענומען פון זיי מעשר; וועגן דער אָפּשטאַמונג פון וואָרט זענען פאַראַן פאַרשידענע נישט־זיכערע מיינונגען; וועגן די דינים פון דמאי איז פאַראַן אַ מסכתא אין משנה סדר זרעים מיט 7 פּרקים און דערויף אַ גמרא ירושלמי ווי אויך תוספתא; קיין גמרא בבלי איז דערויף נישטאָ.

דמשק אַלטע שטאָט אין סיריע; ווערט דערמאָנט אין תנ"ך (בראשית י"ד און אַנדערע ערטער); די אַראַבער רופן איר „אל שם", דאָס הייסט, אַז שם בן נח האָט איר געבויט; יידן וואוינען דאָרט פון אַלטע צייטן; געווען אַ תנא רבי יוסי בן דורמסקית וואָס האָט געשטאַמט פון דמשק (ספרי אַנהויב דברים); אין מיטל־אַלטער געווען גרויסע יידישע קהלה; אין דער נייער צייט איז דאָרט פאָרגעקומען אַ בלוט־בלבול (1840); און משה מאָנטעפיאָרע האָט זיך באַמיט וועגן באַפרייען די אַרעסטירטע יידן; היינט געפינט זי זיך אונטערן פראַנצויזישן פּראָטעקטאָראַט; עס וואוינען ביי 5,000 יידן.

דן זון פון יעקב אבינו פון בלהה, רחלס דינסט (בראשית ל'); אויף זיין נאָמען זיך אָנגערופן דער שבט דן, וועלכער איז געווען באַקאַנט מיט זיינע שטאַרקע מלחמה־לייט; זיי האָבן צוערשט פאַרנומען דעם טייל ארץ־ישראל אין דרום, לעבן לאַנד פלשתים, נאָר ווייל עס איז ביי זיי געווען ענג, האָט אַ טייל פון זיי זיך באַזעצט אין צפון ארץ־ישראל (שופטים י"ח) און דאָרט געגרינדעט די שטאָט דן, וואָס איז געווען די צפון־גרענעץ פון ארץ־ישראל; דעריבער ווען מען האָט געוואָלט זאָגן וועגן ארץ־ישראל פון צפון ביז דרום האָט מען געזאָגט „פון דן ביז באר שבע" (שמואל א' ג'); אין דער שטאָט דן האָט דער שבט אויפגעשטעלט אַן אָפּגאָט פסל מיכה (שופטים י"ח); שפּעטער האָט דער מלך ירבעם בן נבט אויפגעשטעלט אַ גאָלדענעם קאַלב אַלס אָפּגאָט (מלכים א' י"ב); אויף דעם אָרט פון דער שטאָט דן איז היינט אַן אַראַביש דאָרף „תל אלקאדי" (די חורבה פון ריכטער; „דן" הייסט ריכטן, משפּטן"); פון דן האָט געשטאַמט דער שופט שמשון הגבור (שופטים י"ג); פון שופטים ה' („דן למה יגור אניות") איז צו זען, אַז דער שבט דן האָט זיך פאַרנומען מיט ים־פאַרעריי. — זע „אלדד הדני".

דניאל נאָמען פון אַ חכם, צדיק און נביא; אין תנ"ך־ספר דניאל ווערן דערציילט טיילווייז אין העברעאיש און טייל אין אַראַמעאיש די ספורים וועגן דניאל; אויך אין יחזקאל י"ד ווערט דערמאָנט אַ צדיק מיטן נאָמען „דנאל" (אָן אַ „יוד" נאָך דער „נון"), און עס איז שווער צו זאָגן וואָס פאַר צוזאַמענהאַנג דער דנאל האָט מיטן ספר דניאל. — אין ספר דניאל ווערט דערציילט, אַז דניאל איז געווען אַ אינגל פון די בני יהודה, וועלכע זענען געבראַכט געוואָרן אין בבל אין הויף פון קעניג נבוכדנאצר, און ווען ער איז אויפגעוואַקסן איז ער באַרימט געוואָרן מיט זיין גרויסער חכמה און מיט זיין קענען באַשיידן חלומות. ער האָט פּותר געווען די חלומות פון נבוכדנאצר און ער איז דורכן קעניג באַשטימט געוואָרן אַלס דער העכסטער פון אַלע חכמים אין בבל.—נאָכער ווערט דערציילט אין ספר דניאל דער סיפור מיט די 3 יידישע צדיקים חנניה, מישאל און עזריה, וועלכע האָבן זיך נישט געוואָלט בוקן צום גאָלדענעם אָפּגאָט; מען האָט זיי אריינגעוואָרפן אין אַ ברענענדן אויוון, און דאָס פייער האָט זיי נישט געשאַדט. — אין קאַפּיטל ה' פון ספר ווערט דערציילט, ווי בלשצר, דער לעצטער קעניג פון בבל האָט געמאַכט אַ סעודה און ער האָט געלאָזט ברענגען די הייליקע כלים

פון בית המקדש צו טרינקען אין זיי ווײַן; פּלוצלונג האָט מען אויף דער וואַנט פון פּאַלאַץ געזען אַ האַנט וואָס שרײַבט אומפאַרשטענדלעכע ווערטער; מען האָט גערופן דניאלן, וועלכער האָט זיי דערקלערט אַלס די ווערטער „מנא מנא תקל ופרסין“, אַז גאָט האָט באַשלאָסן חרוב צו מאַכן די מלוכה פון בבל; אין דער זעלבער נאַכט איז בלשאצר געוואָרן דערמאָרדעט, בבל איז פאַרנומען געוואָרן דורך מדי. — אין קאַפּיטל ו' ווערט דערציילט ווי דריוש דער קעניג פון מדי האָט פאַראָרדנט אַז קיינער זאָל נישט מתפּלל זײַן, און ווען דניאל האָט יאָ מתפּלל געווען, האָט מען אים אַרײַנגעוואָרפן אַלס שטראָף אין אַ גרוב מיט לייבן; אָבער די לייבן האָבן אים גאָרנישט געטאָן. — פון קאַפּיטל ז' ביז קאַפּיטל י"ב סוף ספר, ווערן איבערגעגעבן די „חזיונות“, די זעאונגען אין חלום און אויף דער וואָך, וואָס דניאל האָט געזען, ווי נאָך די מלוכות מדי און פרס וועט אַנטשטיין די מלוכה פון יון (גריכנלאַנד), וועלכע וועט דערנאָך צעטיילט ווערן אין 4 מלוכות, און ווי דער מלך פון צפון וועט מלחמה האַלטן מיטן מלך פון דרום און ווי עס וועט קומען אַ שלעכטע צײַט אויף יידן און ווי דער קרבן תמיד פון בית המקדש וועט ווערן בטל, און יידישע פּושעים וועלן האַלטן מיטן שונא, און ווי נאָך אַ געוויסער צײַט (שבעים שבעה, שבעים ששים ושנים) וועט קומען משיח און ירושלים וועט ווערן אויפגעבויט. — עס איז קלאָר אַז מיט דעם מלך יון, וואָס וועט אײַנעמען פרס ומדי האָט דניאל געמיינט אַלעקסאַנדער מוקדון (אַזוי זאָגן די אַמאָליקע מפרשים ווי אבן עזרא און אַנדערע און אויך די געלערנטע אין דער נייער צײַט, ווי ראַפּאַפּאָרט אין „ערך מלין“ און אַנדערע). מיט דער מלחמה פון „מלך הצפון“ און „מלך הדרום“ האָט ער געמיינט די מלחמות צווישן עגיפּטן און סיריע. די שלעכטע צײַט פאַר יידן איז זיכער די גזרה פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, וועלכער האָט אַרײַנגעשטעלט אַן אָפּגאָט („שקוץ משומם“) אין בית המקדש און אָפּגעשאַפט דעם קרבן תמיד. וואָס אַמבאַלאַנגט דעם מספּר „שבעים־שבעה“ זענען געשריבן געוואָרן דורך פאַרשידענע מפרשים פיל מיינונגען וואָס צילן מגלה צו זײַן דעם קץ, ווען משיח וועט קומען. — צווישן די יידן אין בבל איז אין די שפּעטערע צײַטן פון דער גמרא געווען באַקאַנט אַ בית המדרש פון דניאל (עירובין כ"א); די רייזנדע רבי בנימין פון טודעלאַ פון 12טן יאָרהונדערט („מסעות בנימין“) און אויך רבי פתחיה אויך פון יענער צײַט („סיבוב רבי פתחיה“) דערציילן אַז אין שושן האָט מען געוויזן דניאלס קבר.

דעמביצער, חיים נתן (1820 — 1892 אין קראָקע), רב און היסטאָריקער, וועמענס ספרים האָבן אַ גרויסע באַדײַטונג פאַר דער פאָרשונג פון דער יידיש־רבנישער געשיכטע אין פּוילן; דעמביצער איז געווען אב בית דין אין קראָקע, האָט געשעמט פאַר אַגרויסן למדן; באַרימט איז זײַן „כלילת יופי“ (צוויי חלקים, קראָקאַ 1888 — 1896), אין וועלכע ער באַאַרבעט ביאָגראַפיש די רבנים פון לעמבערג פון די עלטסטע צײַטן אָן, און זײַנע באַמערקונגען וועגן זיי זענען היסטאָריש ווערטפול; ער האָט אויך געשריבן „מכתבי בקרת“ (קראָקע 1892) וועגן „ועד ארבע ארצות“, „לוית חן“ (קראָקע 1882) אויפן ראַביה מיט היסטאָרישע באַמערקונגען וועגן די בעלי תוספות.

דענמאַרק מלוכה אין צפון־אייראָפּע, 3 און אַ האַלבן מיליאָן אײַנוואוינער, צווישן זיי לערך 6,000 יידן, וועלכע וואוינען מייסטנס אין דער הויפּטשטאָט קאָ־

פענהאַגן; יידן האָבן אין דענמאַרק פאָלשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג; צו די באַרימטע יידן האָבן געהערט געאָרג בראַנדעס, פּראָפעסאָר סימאָנסען, די באַנקירן־פאַמיליעס מעלכיאָר, גאָלדשמידט; יידן וואוינען אין דענמאַרק זינט דעם אָנהויב פון 17טן יאָרהונדערט.

דעקאַפּאָליס גריכיש וואָרט, און דער טייטש איז „10 שטעט"; מיטן נאָמען „דעקאַפּאָליס" האָט מען גערופן אין דער אַלטער צייט אין דער צווייטער העלפט פון בית שני, דעם בונד פון שטעט אין ארץ־ישראל, עבר־הירדן און סיריע, וועלכע זענען באַוואוינט אַמייסטן דורך גריכישע און אַנדערע נישט־יידישע איינוואוינער. די 10 שטעט האָבן געהאַט זייער אויטאָנאָמיע, און צווישן זיי און יידן זענען פאָרגעקומען אָפטע קאַמפן; די גרעסערע שטעט אין דעקאַפּאָליס זענען געווען בית שאן (סקיטאָפּאָליס), פילאַדעלפיא (אַמאַליקער רבת עמון), דמשק, פעלא, גדרה, און היפּאָס (סוסיתא); וועגן טייל שטעט זענען פאַראַן פאַרשיידענע מיינונגען ביי די געלערנטע, צי זיי האָבן געהערט צום דעקאַפּאָליס; דער דעקאַפּאָליס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע ביים פאַרשפּרייטן דאָס קריסטנטום; אויספירלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן דעקאַפּאָליס גיט טשעריקאָווער אין זיין „היהודים והיוונים בתקופה ההלניסטית".

דפוס זע „דרוק".

דקדוק „גראַמאַטיק", געוויינלעך באַצייכנט מען דערמיט די גראַמאַטיק פון העברעאיש; דאָס וואָרט דקדוק ווערט באַנוצט שוין אין גמרא ברכות ט"ו אַלס „פּינקטלעך זיין" אין אויסדריקן ווערטער; עס ווערט אויך דערמאָנט (מגילה י"ט) „דקדוקי תורה" און „דקדוקי סופרים" וואָס האָט אַ שייכות צו די אותיות מיט וועלכע מען שרייבט די ספרי תורה; אָבער דאָס וואָרט דקדוק צו באַצייכענען גראַמאַטיק געפינט מען ערשט אין דער צייט פון די גאונים. עס איז זיכער, אַז געוויסע כללים פון דקדוק זענען געווען באַקאַנט שוין אין די אַלטע צייטן, און זיכער אין דער צייט פון משנה און גמרא. אָבער אַנטוויקלט האָט זיך דער העברעאישער דקדוק ערשט אין דער צייט פון די גאונים, אָנהויבנדיק פון 8טן יאָרהונדערט אונטער דעם איינפלוס פון דער אַראַבישער גראַמאַטיק; עס האָבן גלייכצייטיק גענומען פעסטשטעלן די כללים פון דקדוק סיי די אָנגעזעענע חכמים פון די קאַראַאימער, סיי פון די יידן, פון וועלכע די באַדייטנדסטע אין יענע צייטן זענען געווען רב סעדיה גאון, דונש, רבי מנחם בן סרוק, רבי יהודה חיוג, רבי יונה אבן גנאח (דער באַדייטנדסטער פון זיי), רבי אברהם אבן עזרא, נאָכער רבי דוד קמחי (רדק), גאָר שפּעטער רבי אליהו בחור (דער ערשטער וואָס האָט אויסגעפאָרשט דקדוק היסטאָריש־קריטיש), און פון די נייערע רבי זלמן הענא („צהר התבה"), רבי וואָלף היידנהיים, בן זאב שמואל דוד לוצאַטו און פיל אַנדערע; מיט פאָרשן דעם העברעאישן דקדוק האָבן זיך אויך באַשעפטיקט קריסטלעכע געלערנטע ווי רייכלין, בוקסטאָרף און דער באַדייטנדסטער פון זיי געזעניוס, און פיל אַנדערע. — די הויפּט־טיילן פון דקדוק באַשטייען פון „שם" (הויפּטוואָרט), צו וועלכן עס געהערט אויך דער שם התואר (באַצייכענונגס־וואָרט) און אַנדערע; „פּעל" (צייטוואָרט, ווערב), און „מלה" (פאַרבינדונגס־וואָרט). דער גרונט אויף וועלכן עס שטיצט זיך דער דקדוק איז, אַז כמעט יעדעס העברעאישע וואָרט באַשטייט פון אַ שרש, פון אַ וואָרצל, פון 3 בוכשטאַבן, וואָס ווערן גערופן דער ערשטער בוכשטאַב „פ' הפועל", דער צווייטער „ע' הפועל", און דער דריטער

„ל' הפועל". וועגן דעם דאָזיקן גרונט־כלל איז אַמאָל געווען אַ שטאַרקע מיינונגס־פאַרשידנקייט צווישן די מדקדקים פון וועלכע טייל האָבן געהאַלטן נאָר פון 2 בוכשטאַבן; געזיגט האָט די מיינונג פון די 3 בוכשטאַבן. די נייע פאָרשונגען אין דעם בוי פון העברעאיש ווערטער האָט פעסטגעשטעלט אַ ריי נייע כללים פאַרגלייכנדיק דעם העברעאישן ווערטער־בוי מיט דעם ווערטער־בוי פון אַנדערע סעמיטישע שפּראַכן (אַראַמעאיש, אַראַביש און אַנדערע). — וועגן דער געשיכטע פון דקדוק זענען פאַראַן פיל ביכער אַמייסטן אין דייטש; אין העברעאיש איז פאַראַן לערנערס „תולדות הדקדוק", באַכער „נצני הדקדוק".

דראָפּסי, משה אהרן (1821 — 1905), אַדוואָקאַט, פילאַנטראָפּ און כלל־טוער אין אַמעריקע; געהאָלפן דער באַוועגונג קעגן פרויען־אַרבעט, געבויט אייזנבאַנען און בריקן; קעגנער פון רעפאָרם, געהאַלטן פון לערנען העברעאישע שפּראַך; אין זיין צוואה האָט ער איבערגעלאָזט זיין פאַרמעגן איבער אַ מיליאָן דאָלער פאַר אויפשטעלן אין פילאַדעלפיע אַ הויכשולע פאַר חכמת ישראל מיטן נאָמען דראָפּסי־קאָלעדזש; דער קאָלעדזש איז געעפנט געוואָרן אין 1909.

דרדקי אין דער גמרא הייסט דרדקי „קינדער", „אינגלעך"; אין שבת פ"ט זאָגט די גמרא „לא בסבי טעמא ולא בדרדקי עצה" (אַלטע לייט האָבן נישט קיין שכל און קליינע קינדער קאָנען ניט געבן קיין עצה); אין גטין ל"ו און אַנדערע ערטער אין דער גמרא איז פאַראַן „מקרי דרדקי", דאָס הייסט אַ מלמד פון קליינע קינדער; דערפון שטאַמט דער אויסדרוק „דרדקי־מלמד". — זע זוכוואָרט „מלמד".

דרום נאָמען פון דער רעכטער זייט פון דער וועלט, ווען מען שטייט מיטן געזיכט צו מזרח; אין דער משנה און גמרא האָט דער טייל פון ארץ־ישראל וואָס איז געווען אַמאָל באַקאַנט אַלס יהודה, אויך געטראָגן דעם נאָמען דרום, און די תנאים וואָס האָבן דאָרט געוואוינט האָבן געהייסן „רבותינו שבדרום" (יבמות ס"ב).

דרום־אַפריקע לאַנד אין דרום־טייל פון אַפריקע; דאָמיניע אין דער בריטישער אימפּעריע; האָט ביי 9 מיליאָן איינוואוינער, צווישן זיי ביי 80 טויזנט יידן; עס ווערט אָנגעוויזן אַז רבי אברהם זכותא האָט געהאָלפן דעם רייזנדער וואַסקאָ דע גאַמע (ענדע 15טן יאָרהונדערט) אַנטדעקן דרום־אַפריקע; אַ גרעסערע יידישע איינוואַנדערונג אין דרום־אַפריקע האָט זיך אָנגעהויבן אין דער 2טער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, אַמייסטן פון רוסלאַנד און פוילן; גרעסערע צאָלן יידן געפינען זיך אין יאָהאַנעסבורג, קייפּטאַון, דאַרבאַן, פּרעטאָריאַ, אויטסהאָרן; די יידישע קהלות אין דרום־אַפריקע זענען רייך אין געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, תלמוד־תורות און אַנדערע אַנשטאַלטן; די ציוניסטישע באַוועגונג איז אין דרום־אַפריקע זייער שטאַרק; עס דערשיינען יידיש־ענגלישע וואָכנשריפטן, ווי אויך די יידישע וואָכנשריפט „דער אַפריקאַנער".

דרוק דאָס ערשטע העברעאישע ספר, וואָס איז געדרוקט געוואָרן נישט לאַנג נאָך דער דרוק־דערפינדונג אין יאָר 1440, איז געווען דער פירוש רש"י אויף תורה געדרוקט אין איטאַליע, אין רעדזשיאָ אין יאָר 1479 דורך אברהם בן גרטון; אין זעלבן יאָר זענען אויך געדרוקט געוואָרן די טורים אין פּיאַווע דע סאַקאָ; באַלד דערנאָך אין יאָר 1483 האָבן אָנגעהויבן

דרוקן העברעאישע ספרים די מיטגלידער פון דער פאמיליע סאנטשינא (שינצינו) אין דער שטאט סאנטשינא, וועלכע האבן דערנאך פארלייגט דרוקערייען אין אנדערע שטעט (קאנסטאנטינאפאל און אנדערע); גלייכצייטיק זענען אנטשטאנען העברעאישע דרוקערייען אין שפאניע און פארטוגאל, וואו עס זענען געדרוקט געווארן נישט מער ווי לערך 20 ספרים, ווייל באלד איז פארגעקומען דער גרוש אויף יידן פון ביידע לענדער; די דאזיקע ספרים, וואס זענען געדרוקט געווארן באז יאר 1500„ הייסן אינקונאבולן (זע זוכווארט „אינקונאבולן”); אין 16טן יארהונדערט זענען געווען העברעאישע דרוקעריין אין א ריי שטעט אין דייטשלאנד (פראנקפרט, קעלן און אנדערע), פוילן (קראקע, לובלין), ארץ־ישראל (צפת), און נאך וויכטיק איז געווען די דרוקעריי אין ווענעציע, וועלכע האט דאס ערשטע מאל געדרוקט גאנץ ש״ס, און איינגעסדרט די דפים, אזוי ווי מיר האבן זיי היינט. אין 17טן יארהונדערט האט דאס העברעאישע דרוקעריי־וועזן געבליט אמייסטן אין אמסטערדאם, אבער גלייכצייטיק האבן זיך געגרינדעט דרוקערייען אויך אין אנדערע שטעט; פון 18טן יארהונדערט אן געפינען מיר העברעאישע דרוקערייען כמעט אין אלע לענדער וואו עס האבן נאר געוואוינט א גרעסערע צאל יידן; דאס ערשטע בוך, וואס איז דערשינען אין דער יידישער שפראך, זאל זיין (זיכער איז עס נישט) דער „מרכבת המשנה” פון ר׳ אנשיל, געדרוקט אין קראקע 1534; דאס איז א העברעאיש־יידיש ווערטערבוך און א געוויסער סארט קאנקארדאנץ אויפן חומש. — די דרוקעריי אויף העברעאיש הייסט „דפוס”, און דער דרוקער „מדפיס”, אבער אין די ערשטע צייטן איז דאס ווארט נאכנישט געווען איבעראל אנגענומען און מען האט אין טייל ספרים אנגערופן דעם דרוקער „מחוקק” און דעם זעצער „מצרף”; די בוכשטאבן זענען געווען דריי סארטן: די אותיות מרובות, רש״י־כתב און ווייבער־טייטש־כתב. די יידישע דרוקער פלעגן א געוויסע צייט זיך באמיען צו געבן פארשידענע באצירונגען, ארנאמענטן סיי אין אנהויב פון די ספרים, ביים ערשטן בוכשטאב אדער אין שער־בלאט, סיי צום סוף פון די ספרים. — וועגן העברעאישן דרוקעריי־וועזן זענען געשריבן געווארן אויספירלעכע ביכער און אפהאנדלונגען; אין יידיש איז אין יאר 1938 דערשינען אין ניו־יארק דר. הערמאן פראנקס „יידישע טיפאגראפיע און בוך־אויסברייטונגס־קונסט”; אין העברעאיש איז פאראן כוואלסאנס ,ראשית מעשה הדפוס בישראל” (ווארשע, 1897); עס זענען אויך דערשינען מאנאגראפיעס וועגן באזונדערע דרוקערייען.

דריוש אין דער אלטער פערסישער אימפעריע זענען געווען 3 מלכים וואס האבן געהייסן דריוש (דאריוס); דער ערשטער איז געשטארבן 486 פאר דער איצטיקער צייטרעכענונג; דער צווייטער איז געשטארבן לערך 404 פאר דער איצטיקער צייטרעכענונג; דער דריטער איז דערמארדעט געווארן 330 פאר דער איצטיקער צייטרעכענונג, און נאך אים האט איבערגענומען פערסיע אלעקסאנדער מוקדון. — אין תנ״ך ווערן דערמאנט צוויי מלכים דריוש, און עס איז נישט קלאר וועמען מען מיינט. אין דניאל ט׳ ווערט דערמאנט דריוש דער קעניג פון מדי, וואס זאל האבן דעראבערט בבל; צוליב דעם וואס בבל איז דעראבערט געווארן דורך כורש, זאגט די גמרא (ראש השנה ג׳) אז מיט דעם דאזיקן דריוש מיינט מען כורש; פאראן אויך דריוש דערמאנט אין עזרא ד׳ און וועמענס צייט עזרא איז געקומען קיין ירושלים.

דריי וואָכן די דריי טרויער־וואָכן צווישן שבעה עשר בתמוז און תשעה באָב; טרויער צום אָנדענק פון חורבן ירושלים; ווערט אויך גערופן „בין המצרים" (צווישן די גרענעצן) און דער מדרש איכה רבתי טייטשט איין דעם פסוק איכה א' „כל רודפיה השיגוה בין המצרים" אויף די דאָזיקע טעג; דער מדרש ברענגט דאָרט, אַז אין די דאָזיקע טעג הערשן מזיקים. די טרויער מנהגים זענען: ניט צו מאַכן קיין תנאים, חתונות, מען טוט ניט אָן קיין נײַ מלבוש, מען שערט זיך ניט; אין די שולן זינגט מען פרײַטאָג־צונאַכטס „לכה דודי" מיט דער טרויעריגער מעלאָדיע פון „אלי ציון ועריה". אין די דריי שבתים לייענט מען שטראָף־הפטרות (תלתא דפורענותא). די דינים וועגן די דריי וואָכן זענען פאַראַן שולחן ערוך אורח חיים.

דרייפוס, אַלפרעד (1859 — 1934), קאַפּיטאַן אין דער פראַנצויזישער אַרמיי, וועמענס פּראָצעס האָט אַרויסגערופן אַ שטורם אין פראַנקרייך און אויך אין אַנדערע לענדער; אַ רייע אַנטיסעמיטישע אַרמיי־פירער האָבן אים באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש לטובת דייטשלאַנד; דאָס געריכט האָט אים (1894) פאַראורטיילט פאַרשיקט צו ווערן אויף 10 יאָר אויף דעם טייוולס־אינזל; פראַנקרייך איז צעטיילט געוואָרן אין צוויי לאַגערן: די אַנטיסעמיטן האָבן באַהויפּטעט, אַז דרייפוס איז שולדיק, הגם עס זענען געווען באַווייזן, אַז דער שפּיאָנאַזש־בריוו, אויף וועלכן די באַשולדיקונג האָט זיך געשטיצט, איז געשריבן געוואָרן דורך אַ פראַנצויזישן אָפיציר עסטערהאַזי; די פרייהייט־קעמפער און ליבעראַלן אין וועמענס שפּיץ עס זענען געשטאַנען דער שריפטשטעלער עמיל זאָלאַ, קלעמאַנסאָ, פּיקאַר, האָבן דערקלערט, אַז דרייפוס איז אומשולדיק. דער דרייפוס ענין איז געוואָרן אַ קאַמף־פּונקט צווישן דער רעאַקציע און די ליבעראַלן; אין יאָר 1899 האָט מען דעם פּראָצעס רעווידירט, און דאָס געריכט האָט ווידער פאַראורטיילט דרייפוסן נאָר פאַרגעלייגט אים צו באַגנעדיקן, און ער איז באַגנעדיקט געוואָרן. אין 1906 איז ווידער פאָרגעקומען די רעוויזיע פון פּראָצעס און דרייפוס איז רעהאַביליטירט געוואָרן אַלס אומשולדיקער און מען האָט אים צוריקגעגעבן אַלע רעכט אַלס אָפיציר; דער דרייפוס־פּראָצעס האָט געהאָלפן צו דערוועקן און פאַרשטאַרקן דאָס נאַציאָנאַל־יידישע באַוואוסטזיין אין אַ סך אַסימילאַטאָרישע קרייזן און האָט געהאַט די באַדייטנדסטע ווירקונג אויף דר. הערצל.

דרך (וועג), אין דער יידישער שפּראַך (און אויך אין תנ"ך, שפּעטערע ספרים) ווערט באַנוצט דאָס העברעאישע וואָרט „דרך" אַנשטאָט „וועג" ווען מען וויל דערמיט באַצייכענען אַ גייסטיגע אויפפירונג, אַ ריכטונג, מען זאָגט „עס איז נישט קיין דרך"; עס הייסט, אַז די אויפפירונג טויג נישט; מען זאָגט „דרך החסידות" (חסידישע אויפירונג); מען זאָגט אויך אויף די אויפירונג פון חסידים פון אַ באַשטימטן רבי „דעם דרך פון זייער רבי", למשל, „דער קאָצקער דרך". — אין דער גמרא (ברכות כ"ט) ווערט געזאָגט, אַז איינער גייט אַוועק אין וועג דאַרף ער זאָגן אַ תפלה, וועלכע ווערט אָנגערופן „תפלת הדרך" („דאָס געבעט פון וועג"); די תפלה איז, אַז דער וועג זאָל בשלום אַריבער.

דרך ארץ (דער וועג פון דער וועלט), מיט דעם אויסדרוק פאַרשטייט מען אין דער גמרא צוויי זאַכן; ערשטנס, די באַשעפטיקונג פון מענטש צו פאַרדינען אויף פּרנסה, און די משנה אין פּרקי אבות פּרק ב' זאָגט „יפה תלמוד תורה

עם דרך ארץ; עס איז גוט צו לערנען תורה און גלייכצייטיק צו האָבן אַ באַ־שעפטיקונג אויף פּרנסה; צווייטנס, די גוטע מדות, וואָס אַ מענטש דאַרף האָבן אין באַצוג צו אַנדערע מענטשן; די גמרא אין ברכות י״ז זאָגט, אַז די תורה לערנט דרך ארץ, אַז אויב אַ מענטש איז געווען אַ גאַסט ביי איינעם, זאָל ער זיך דער־נאָך נאָכפרעגן, וואָס הערט זיך ביי יע־נעם; דערפון שטאַמט אין דער יידישער שפּראַך דער אויסדרוק „דרך־ארץ", אויך פאַר אָפּגעבן כבוד אַן עלטערן מענטש, און מען זאָגט „דרך ארץ פאַר אַן עלטערן מענטש". — וועגן די גוטע מדות און מנהגים זענען פאַראַן פון די גמרא־צייטן צוויי באַזונדערע קליינע מסכתות מיטן נאָמען „דרך ארץ רבה" (די גרעסערע) און „דרך ארץ זוטא" (די קלענערע); צום סוף פון „דרך ארץ זוטא" איז צוגעגעבן אַ באַזונדערער „פרק השלום" (וועגן שלום); אין די דאָזיקע מסכתות געפינען מיר אַזעלכע ווערטער: מען דאַרף ליב האָבן די פרוי, ווי זיך אַליין און איר מכבד זיין מער ווי זיך אַליין; מען דאַרף ליב האָבן די שכנים און באָרגן געלט אַן אָרעמאַן ווען ער איז געדריקט; אַ מענטש דאַרף זיין שיין אין אַלע זיינע וועגן, ביים אַריינקומען און ביים אַרויסגיין; ווען מען זעצט זיך ביים טיש עסן, זאָל מען וואַרטן ביז דער עלטסטער וועט אָנהייבן; אויב מען רעדט אויף דיר שלעכטס זאָלסטו נישט ענטפערן; באַרעכן זיך איידער דו זאָגסט עפּעס אַרויס; דער „פרק השלום" אַנטהאַלט פיל ווערטער וועגן דער וויכ־טיקייט פון שלום. — ווען די דאָזיקע מסכתות זענען פאַרפאַסט געוואָרן איז שווער צו זאָגן; שוין אין דער גמרא ירו־שלמי (שבת פרק ו׳) ווערט געבראַכט וועגן אַ זאַמלונג פון הלכות דרך ארץ; דער „הלכות גדולות" (פון דער צייט פון די גאונים, מחבר רב שמעון קיירא, אין דער מיט פון 8טן יאָרהונדערט) ברענגט ווערטער פון „דרך ארץ רבה", אָבער די דאָזיקע ווערטער געפינען זיך ביי אונדז אין דרך ארץ זוטא. פון דעמאָלט אָן ווערן זיי געבראַכט דורך פאַרשידענע מחברים (רב עמרם גאון, רש״י, מחזור ויטרי און אַנדערע); עס ווייזט אויס, אַז אַ סך פרקים זענען פאַרמישט געוואָרן, און עס איז פאַראַן אַ מיינונג אַז טייל פרקים פון דרך ארץ רבה געהערן צו מסכתא „כלה", און פרקים פון מסכתא כלה געהערן צו דרך ארץ רבה. — אויס־גאַבן פון דרך ארץ רבה און זוטא מיט פאַרגלייכנדע נוסחאות פון פאַרשידענע כתבי יד און באַמערקונגען זענען גע־מאַכט געוואָרן דורך גאָלדבערג, האַמבור־גער און טאַווראָגי.

דרכי אמורי זע „אָבערגלויבן".

דרכי שלום זע „שלום".

דרש, דרשה, דרשן, דרוש דאָס וואָרט דרש אין העברעאיש איז דער טייטש פאָרשן, נאָכפרעגן, פאָדערן, און מיר געפינען ויקרא י׳ „ואת שעיר החטאת דרש משה" (משה האָט געפאָ־דערט דעם שעיר החטאת), און ביי רבקה (בראשית כ״ה) „ותלך לדרוש את ה'" (זי איז געגאַנגען נאָכפרעגן גאָט) „ודרשת היטב" (דברים י״ז); דערפון איז געוואָרן אין דער שפּעטערער צייט פון תנ״ך „דרש" אויך „לערנען", און מיר געפינען ביי עזרא (עזרא ז׳) „לדרוש את תורת ה'" (צו לערנען די תורה פון גאָט); אין דער משנה און גמרא געפינען מיר דעם אויסדרוק „דרש" פאַר „אויס־טייטשן", וואָס איז מעגלעך אויך דער זין פון דערמאָנטן פסוק אין עזרא; מיר געפינען אָבער אויך דעם זין פון „דרש" אַלס איינטייטשן אין פסוק זאַכן, וועלכע זענען נישט דער איינפאַכער פשט, און דער־מאָלט איז פאַראַן אַ קעגנזאַץ צווישן

„דרש" און „פשט", און די גמרא (שבת ס"ג) זאגט „אין מקרא יוצא מידי פשוטו" (דעם פסוק קאן מען נישט ארויסנעמען פון איינפאכן פשט); פון ווארט דרש איז אויך געווארן דאס ווארט „מדרש", „לערנען" און דערפון „בית המדרש"; עס איז אויך פארשטאנען געווארן אונטערן ווארט „דרש" טיילמאל דאס לערנען פאר א ציבור, אין דער עפנטלעכקייט, און מיר געפינען אין גמרא (סוטה מ', ביצה ט"ו און אנדערע ערטער) ווי תנאים און אמוראים האבן געדרשנט פאר א גרעסערער צאל מענטשן; דערפון איז אויך געווארן דער אויסדרוק „דרוש", דרשה", און דער וואס האלט די דרשה האט געהייסן דורש (מדרש שמות רבה מ"ב „אבא הדורש") און „דרשן" (פסחים ע' „דרשנין גדולים", וואו מען מיינט גרויסע אינטייטשער אין לערנער; מדרש קהלת איפן פסוק טוב לשמוע; „אלו הדרשנין"); עס איז אויך פאראן דער אויסדרוק „נאה דורש ואינו נאה מקיים" (יבמות ס"ג) אויף איינעם וואס זאגט שיינע געדאנקען, נאר ער אליין פירט זיך נישט אויף אין זין פון זיינע אייגענע לערעס. — אין מיטלאלטער געפינען מיר גרויסע יידישע רבנים מיטן טיטל דרשן, און רש"י אין פירוש אויף תורה ברענגט ווערטער פון רבי משה הדרשן. — וועגן דרשנים און ספרים פון דרשות געבן מיר ביים זוכווארט „מגיד"; וועגן מדרשים געבן מיר ביים זוכווארט „מדרשים"; וועגן „דרשה־געשאנק" זע „חתונה".

דת אין תנ"ך האט דאס ווארט „דת" געהאט די באדייטונג פון יעדן געזעץ, איינגעשטעלטער מנהג, און געפינט זיך אמייסטן אין מגילת אסתר א' („כל יודעי דת ודין", „והשתיה כדת" און אנדערע ערטער); אין חומש דברים ל"ג איז פאראן דאס ווארט אשרת וואס זאל זיין די באדייטונג פון תורה; אין עזרא ז' הייסט די תורה אויף אראמעאיש „ספר דתא"; אין דער משנה (כתובות פרק ז') ווערן די יידישע רעליגיעזע געזעצן אנגערופן דת משה (דאס געזעץ פון משה רבנו) און די יידישע מנהגים „דת יהודית"; אין דער גמרא סוכה נ' (אויך אין אנדערע ערטער) ווערט וועגן א פרוי, וואס האט זיך געשמדט געזאגט „המירה דתה", און דא איז שוין דאס ווארט „דת" דייטלעך די באצייכענונג פון „רעליגיע" אין איר גאנצן באגריף; אויך אין דער יידישער שפראך ווערט דער „יידישער דת" באנוצט אפט אלס די „יידישע רעליגיע".

דתן ואבירם אין חומש במדבר י"ז ווערט דערציילט וועגן 2 פערזאנען דתן און אבירם, וועלכע האבן צוזאמען מיט קרח געפירט א מחלוקה קעגן משה און אהרן; זיי זענען אלס שטראף איינגעשלונגען געווארן אין דער ערד.

ה

ה (הא) דער 5טער בוכשטאב אין העברעאישן און יידישן אלף־בית; מיט „ה" ווערט אויך באצייכנט די ציפער 5; מיט ה' א שטריך אין דער הויך, ווערט באצייכנט דער נאמען פון גאט. דער שם הויה, ווייל מען וויל נישט ארויסשרייבן אינגאנצן דעם שם הויה; די „ה" האט אין העברעאיש אויך די באדייטונג פון „הא הידיעה", דאס זעלבע וואס אין יידיש „דער, די, דאס", למשל „האיש" „דער מאן", און „הא השאלה" (פראגע־באדייטונג), למשל „האכלת?" (האסטו געגעסן?), און אויך דער אויסרוף „האיש!", „מענטש!"; מיט דער „ה" זענען פארבונדן געוויסע כללים אין דקדוק.

הא לחמא עניא זע „הגדה".

האי גאון געבוירן ד' אלפים תרצ"ט, 939 — געשטארבן ד' אלפים תשצ"ח 1038), בארימטער גאון אין בבל, ראש ישיבה אין פומבדיתא; זיין פאטער איז געווען רב שרירא גאון; זיין שווער רב שמואל הכהן גאון; שוין אין זיין יוגנט האט רב האי מיטגעהאלפן זיין פאטער אין פירן די ענינים פון דער ישיבה און ענטפערן תשובות אויף די שאלות פון פארשידענע לענדער; אין יאר 998 איז ער באשטימט געווארן אלס גאון (אפיציעלער ראש ישיבה) ווען זיין פאטער האט נאך געלעבט. אדאנק רב שרירא און רב האי איז דעמאלט דער איינפלוס פון דער ישיבה פון פומבדיתא געווארן זייער גרויס, עס זענען געקומען פיל תלמידים פון פארשידענע לענדער, און פון אייבעראל האט מען זיך געווענדט מיט שאלות; כמעט א העלפט פון אלע תשובות פון דער גאנצער גאונים־צייט, וואס מיר האבן, שטאמען פון רב האי. מען האט אים גערופן „אביהם של ישראל" (פאטער פון אלע יידן). אין די לעצטע יארן פון זיין פאטער איז מיט זיין פאטער און אים פארגעקומען א טרויעריקע פאסירונג; מען האט זיי פארמסרט, אז זיי ווילן ווערן פאליטישע פירער פון יידן; זיי זענען געווארן ארעסטירט; רב שרירא זאל האבן, לויט איין טראדיציע (אין „ספר הקבלה" פון רבי אברהם אבן דוד), פאראורטיילט געווארן צום טויט; לויט אן אנדערער טראדיציע איז ער שלאף געווארן און געשטארבן; רב האי איז באפרייט געווארן. אין דער זעלבער וואך פון זיין פאטערס טויט האט מען געלייענט די הפטרה פון „ויקרבו ימי דוד למות" און אויף דעם ארט פון „ושלמה ישב" האט מען געלייענט „והאי ישב". אין לערנען איז רב האי גאון געווען דער גרויסער מפרש פון דער משנה און גמרא לויטן פשט; אדאנק זיינע אייגנטייטשונגען וואס זענען צו אונדז דערגאנגען טיילווייז אין זיינע אייגענע פירושים טיילווייז דורך דעם ספר „ערוך" פון רבי נתן פון רוים, פארשטייען מיר פיל ערטער פון משנה און גמרא. רב האי האט אויך געלערנט פילאזאפיע און עס זענען פאראן פון אים פראגמענטן פון פילאזאפישע חבורים; פון זיינע ספרים זענען געבליבן די „תשובות", וועלכע מען געפינט וואס אמאל אלץ מער אין כתבי יד, ווי אויך א ריי אנדערע ספרים אין הלכה, ווי אויך פירושים אויף תנ"ך און משניות; עס זענען פאראן פון אים אויך שירים און פיוטים; מען האט אים אויך צוגעשריבן ספרים וועגן קבלה. ווען רב האי איז נפטר געווארן אין עלטער פון 99 יאר (לויט איין נישט־ריכטיקער טראדיציע, 66 יאר) איז דער טרויער אין די

יידישע קהלות אין אַלע לענדער געווען זייער גרויס. די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכ־קייטן ווי רב שמואל הנגיד, רבי שלמה בן גבירול האָבן געשריבן אויף זיין טויט שירים־הספדים. רב האַי איז געווען דער לעצטער אָפיציעלער גאון אין בבל, און כאָטש מיר טרעפן שפּעטער פּערזאָנען מיטן טיטל גאון, איז עס נאָר געווען סתם אַ טיטל; מיט רב האַי ענדיקט זיך די באַרימטע צייט פון די גאונים. און ווי רבי שלמה בן גבירול שרייבט איז מיט זיין טויט „נגדעה קרן עדינה גברת כל מדינה" (איז געבראָכן געוואָרן דער שטאָלץ פון בבל וואָס איז געווען די הער־שערין פון אַלע לענדער); אויספירלעכע איינצלהייטן וועגן רב האַי, ביי ווייס אין „דור דור ודורשיו" חלק רביעי.

האָלאַנד מלוכה אין אייראָפּע ביים צפון־ים, לערך 8 מיליאָן איינוואוינער, צווישן זיי ביי 115 טויזנט יידן, וועלכע וואוינען מייסטנס אין אַמסטערדאַם, ראָ־טאַרדאַם און אין דער הויפּטשטאָט האַג. פּאַראַן מיינונגען, אַז יידן וואוינען אין האָלאַנד (וואָס האָט געהערט אין פאַר־שידענע צייטן צו פאַרשידענע מלוכות, פראַנקרייך, עסטרייך, שפּאַניע און אַנ־דערע), שוין זייט גאָר אַלטע צייטן; דער הויפּט יידישער ישוב האָט זיך אָנגעהויבן אין 16טן יאָרהונדערט, ווען עס זענען אָנגעקומען קיין האָלאַנד (אַמסטערדאַם) די ערשטע אַנטלאָפענע אנוסים פון פּאָר־טוגאַל און שפּאַניע און געשאַפן ספרדי־שע געמיינדעס; גלייכצייטיק האָבן זיך אָנגעהויבן באַזעצן אין האָלאַנד אויך יידן פון דייטשלאַנד און פּוילן און גע־גרינדעט די אשכנזישע געמיינדעס; באַלד איז האָלאַנד געוואָרן אַ וויכטיקער יידי־שער צענטער און האָט אַרויסגעגעבן גרויסע פּערזענלעכקייטן, ווי רבי יצחק אבוהב דע פאָנסעקאַ, רבי שאול מור־טירא, רבי מנשה בן ישראל, אוריאל אַקאָסטאַ, שפּינאָזאַ און אַנדערע; די יידן אין האָלאַנד האָבן אין אַלגעמיין נישט געהאַט צו ליידן קיין ספּעציעלע באַגרע־נעצונגען, הגם זיי האָבן נישט געהאַט פולע גלייכבאַרעכטיקונג; האָלאַנד איז געוואָרן דאַדורך אַ מקום מקלט פאַר אַלע פאַרפאָלגטע יידן און מיט דער צייט אויך אַ גייסטיקער צענטער מיט אירע ישיבות און ספרים־דרוקערייען אין אַמסטערדאַם; אין יאָר 1790 האָט דער פּאַרלאַמענט אין האָלאַנד דורכגעפירט דאָס געזעץ פון פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן; אין 19טן און 20טן יאָרהונדערט האָבן אַ ריי יידישע פּערזענלעכקייטן פאַרנומען אָנגעזעענע שטעלונגען אין דער רעגירונג (די מיניסטאָרן גודפריי, וואַן רעאַלטע, אַסער און אַנדערע), אין די פינאַנסן און האַנדל, אין דער וויסנ־שאַפט; די יידישע קהלות אין האָלאַנד זענען פאַראייניקט (זינט 1870) אין אַ לאַנד־פאַרבאַנד. — זע די זוכווערטער „אַמסטערדאַם", „מנשה בן ישראל", „שפּינאָזאַ".

האָלאָפערנעס זע „יהודית".

האַלבערשטאַם, חיים זע „חיים האַלבערשטאַם צאַנזער רב".

האַלפּערין, יחיאל זע „יחיאל האַל־פּערין".

האַלפּערן, משה לייב (1886 אין גאַליציע — 1934 אין ניו־יאָרק), באַדײַ־טענדער דיכטער אין יידיש; פאַרעפנט־לעכט „אין ניו־יאָרק", „די גאָלדענע פּאַווע" און אַנדערע; איינצלהייטן אין רייזנס לעקסיקאָן.

האַמבורג פּאָרט־שטאָט אין צפון־דייטשלאַנד, געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין יידישן לעבן אין 18טן יאָרהונדערט;

באקאנטע רבנים רבי יצחק הורוויץ, רבי יונתן אייבעשיץ, רבי רפאל הכהן און אנדערע; דארט איז אין 1818 אנטשטאנען דער ערשטער רעפארמירטער טעמפל, וואס האט ארויסגערופן א שטורם און א פאלעמיק; פון די ארטאדאקסן איז געווען חכם בערנאיים; פאר דער היטלער־איבערקערעניש אין 1933 האבן דארט געוואוינט ביי 30 טויזנט יידן. וועגן האמבורג און די 2 שכנותדיקע שטעט אלטאנא און וואנדסבעק איז פאראן דוקעסעם „אוה למושב" (קראקע, 1903), און „אוה" זענען די ראשי תבות פון די 3 שטעט.

האמוראבי זע „חאמוראבי".

האנאווער, נתן נטע (געשטארבן 1683) כראניקער אין 17טן יארהונדערט, פארצייכנט די געשעענישן פון גזרת ת"ח אין אוקראינע אין זיין ספר „יון מצולה" (צום ערשטן מאל געדרוקט אין ווענעציע 1653, און דערנאך פיל מאל איבערגעדרוקט און אויך איבערזעצט אין א ריי שפראכן, אויך אין יידיש), וואס איז דער הויפט־קוואל פון ידיעות וועגן יענע געשעענישן, וועלכע ער האט פערזענלעך איבערגעלעבט און אין וועלכע זיין פאטער משה איז אומגעקומען; צום סוף פון „יון מצולה" גיט ער א בילד פון גייסטיקן און געזעלשאפטלעכן לעבן פון די יידן אין פוילן אין יענער צייט; פון אוקראינע איז האנאווער אוועק אין דער צייט פון די געשעענישן און איז געווען אין פראג, ווענעציע, ליווארנע (רב), רומעניע (רב אין יאסי), נאכער ווידער אין איטאליע; ער האט אויך מחבר געווען „שפה ברורה", א ווערטערבוך פון העברעאיש דייטש, לאטיין און איטאליעניש, „שערי ציון" (1662), תיקונים צו חצות, און „טעמי סוכה" דרוש אויף סוכות.—וועגן אים אין שאצקים „גזרת ת"ח" (אויך א נייע יידישע איבערזעצונג פון „יון מצולה" דורך לאצקי־בערטאלדי); לויט טייל ידיעות איז ער געשטארבן אין איטאליע; צונץ באווייזט, אז ער איז אומגעקומען אין 1683 אין אונגאריש בראד אין מערן.

האפמאן, דוד (1843 — 1921), רעקטאר פון ארטאדאקסישן רבנים־סעמינאר אין בערלין, באדייטנדער געלערנטער אין חכמת ישראל; זיינע ווערק אין דייטש „די ערשטע משנה", „צו איינלייטונג אין די הלכה־מדרשים", „די בית שמאי און בית הלל", „באווייזן קעגן וועלהויזן", „ויקרא", „דברים" האבן א זייער גרויסן ווערט; ער טרעט ארויס שארף קעגן דער תנ"ך־קריטיק און קעגן דער אויפפאסונג אז די תורה שבעל פה איז נישט פון די אלטע צייטן.

הארדעצקי, שמואל אבא (1868 אין אוקראינע), פארשער פון חסידות, מחבר פון „החסידות והחסידים" (תל־אביב תרפ"ג), 4 בענדער; אויף יידיש „דער חסידיזם" (בערלין 1924); אויך א ריי ארבעטן איבערן של"ה (אין „התקופה"), רש"ל (אויף יידיש), איבערן מהרש"א; רעדאקטאר פון וויסנשאפטלעכן זשורנאל „הגורן"; מחבר פון „תורת רבי נחמן מברסלב", „תורת הקבלה של ר"מ מקורדובירא", „המסתורין בישראל", „לקורות הרבנים" און אנדערע ווערק; הארדעצקי איז געווען איינער פון די ערשטע וועלכע האבן אין חסידות־פארשונג אריינגעבראכט די וויסנשאפטלעכע מעטאדע; אין זיינע ספרים וועגן חסידות גיט הארדעצקי ביאגראפישע אפהאנדלונגען וועגן די רביים און אויך אויסצוגן פון זייערע שיטות; הארדעצקיס באציאונג צו חסידות איז א פאזיטיווע, און אין זיינע ארבעטן ווייזט ער אז אויף דער אינערלעכקייט און נש־

מה־אויפלעבונג, וואָס דאָס חסידות האָט אַרויסגערופן ביי די יידישע מאַסן; וואוינט איצט אין ארץ־ישראל.

האַרץ אין דער יידישער רעליגיע איז דאָס האַרץ („לב" אויף העברעאיש) געווען דער סימבאָל פון געפיל, פון כוונה, פון אינערלעכער אויפריכטיקייט; ווען דער חומש (דברים ו׳) זאָגט אַז מען זאָל ליב האָבן גאָט ווערט צוגעגעבן „בכל לבבך" (מיטן גאַנצן האַרץ); דאָס זעלבע איז פאַרקערט, ווען דער חומש לערנט, אַז מען זאָל נישט האָבן שלעכטע נייגונגען, זאָגט ער (שלח ט״ו), „ולא תתורו אחרי לבבכם" (איר זאָלט נישט נאָכגעבן אייער האַרץ); דער מחבר פון תהלים בעט (תהלים נ״א) „לב טהור ברא לי אלהים" (אַ ריין האַרץ שאַף אין מיר, גאָט); אַ שלעכטער מענטש ווערט אויך אָנגערופן (יחזקאל מ״ד) „ערל לב" (אַ נישט־באַשניטן האַרץ); די גמרא (סנהדרין ק״ו) זאָגט „הקדוש ברוך הוא ליבא בעי" (גאָט פאַרלאַנגט דאָס האַרץ, דאָס הייסט, די גוטע כוונה); אין מנחות ק״י זאָגט די ברייתא „אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוון לבו לשמים" (צי איינער ברענגט אַ סך, צי ווייניק, אָבער ער זאָל נאָר מכוון זיין דאָס האַרץ צום הימל); מיטן וואָרט האַרץ (לב) ווערט טיילמאָל אין חומש און אַנדערע ספרי תנ״ך באַצייכנט חכמה; אין ירמיה ה׳ זאָגט דער נביא „עם סכל ואין לב" (אַ נאַריש פאָלק אָן האַרץ, דאָס הייסט אָן חכמה); אין די מוסר־ספרים פון מיטלאַלטער און פון חסידות ווערט אונטערגעשטראָכן די פליכטן פון האַרץ, און איינער פון די הויפט־ספרים איז דער „חובות הלבבות" פון רבנו בחיי (זע זוכוואָרט „בחיי").

האַרקאַווי, אברהם אליהו (1835 — 1919) געלערנטער פאָרשער פון חכמת ישראל אין רוסלאַנד; ביבליאָטעקאַר פון דער יודאַאיקאַ־אָפּטיילונג אין דער קייזערלעכער ביבליאָטעק אין פעטערבורג; פאַרפאַסט אַ ריי ביכער אין רוסיש, דייטש, העברעאיש איבער דער געשיכטע פון יידן אין רוסלאַנד, אַלט־סעמיטישע פעלקער, כוזרים, סעקטעס ביי יידן; זיין באַרימט ווערק איז „היהודים ושפת הסלבים" (1867), אין וועלכן ער ווייזט אויף, אַז די אַמאָליקע יידישע איינוואוינער אין די רוסישע פּראָווינצן האָבן גערעדט סלאַוויש און נישט יידיש; ער האָט צו שפרס איבערזעצונג פון גרעצעס געשיכטע אויף העברעאיש צוגעגעבן ווערטפולע באַמערקונגען „חדשים וגם ישנים"; וויכטיג איז אויך זיין ווערק „זכרון לראשונים וגם לאחרונים"; האַרקאַווי האָט אויפגעוויזן די פאַלסיפיקאַציע פון אַברהם פירקאָוויטשעס קרימער מצבות־אויפשריפטן.

הבדלה דאָס וואָרט „הבדלה" איז דער טייטש „אָפּטיילן" (שטאַמט פון וואָרט „בדל", אָפּטיילונג, אין ישעיה א׳ „ואסירה כל בדיליך"); מיטן וואָרט הבדלה באַצייכנט מען ערשטנס די תפלה וואָס מען זאָגט שבת־צונאַכט און מוצאי יום־טוב ביים דאַווענען מעריב און זי הויבט זיך אָן מיט „אתה חוננתנו"; צווייטנס די תפלה און ברכה וואָס מען זאָגט שבת־צונאַכטס; איינער, געוויינלעך אַ קינד, האַלט אָנגעצונדענע צוויי ליכט, אָדער אַ געפלאָכטענע הבדלה־ליכט, און דער בעל הבית פון הויז האַלטנדיק אַ כוס וויין זאָגט „הנה אלי ישועתי", די ברכה בורא פרי הגפן, שמעקט צו בשמים פון בשמים־ביקסל און זאָגט די ברכה „בורא מיני בשמים", און נאָכער קוקט ער אויף די נעגל ביים ליכט און זאָגט די ברכה „בורא מאורי האש" (געלויבט גאָט וואָס האָט באַשאַפן דאָס פייער) און דערנאָך די ברכה המבדיל; נאָכער טרינקט מען דעם וויין און מען גיסט

אויס אביסל דערפון אויפן טיש, און אין
דעם אויסגעגאסענעם ווײן פארלעשט
מען דאס ליכט, און מען טינקט איין די
פינגער אין דעם אויסגעגאסענעם ווײן
און מען שטעקט זיי אריין אין די טאשן;
דאס זאל זיין א סגולה אויף פרנסה. דער־
נאך זינגט מען „המבדיל״. — דער דין
צו מאכן הבדלה אויף א כוס ווײן ווערט
דערמאנט אין גמרא (ברכות ל״ג) „צריך
שיבדיל על הכוס״; אין ברכות נ״א
ווערט געבראכט וועגן זאגן די ברכות
אויף בשמים און אויף דעם ליכט; אין
פסחים נ״ד זאגט די גמרא, אז דאס מאכן
א ברכה אויף ליכט שבת־צונאכט איז
דערפאר ווייל שבת־צונאכט האט אדם
הראשון דערפינדן דאס אנצינדן פייער;
דער מנהג צו קוקן אויף די הענט ווערט
געבראכט שוין אין סידור פון רב עמרם
גאון (אין 9טן יארהונדערט), וועלכער
ברענגט אויך דעם מנהג פון קוקן אויף
די נעגל; דער רמ״א (רבי משה איסערלס
אין 16טן יארהונדערט), אויף שלחן ערוך
אורח חיים ברענגט דעם מנהג פון אויס־
גיסן אביסל ווײן אלס סגולה צו פרנסה.
— צו „המבדיל״ זענען פאראן פארשי־
דענע טראדיציאנעלע מעלאדיעס. — עס
איז אויך אן אלטער מנהג, אז דער חזן
מאכט הבדלה אין שול, אבער ער זאגט
נישט די ערשטע פסוקים פון „הנה אל
ישועתי״. — עס איז דער מנהג אז פאר
הבדלה צינדט מען נישט אן קיין ליכט
און מען טוט נישט קיין מלאכה; דאס
ליכט צו הבדלה ווערט אנגעצונדן דורך א
קינד. פאר הבדלה זאגן די פרויען מיט
א רירנדער מעלאדיע די תפלה „גאט פון
אברהם״ אויף יידיש; די תפלה איז אן
אלטע און שטאמט פון דייטשלאנד, און
ווערט געזאגט אין פארשידענע נוסחאות.

הבימה העברעאישע טעאטער־טרופע,
געגרינדעט 1917 אין מאסקווע דורך נחום
צמח און חנה ראווינא מיט דער הילף
פון סטאניסלאווסקי און אונטער דער רע־
זשי פון וואכטאנגאוו; די ערשטע גרעסע־
רע אויפירונגען זענען געווען דער „דבוק״
פון אנסקי, „היהודי הנצחי״, „הגולם״
און אנדערע; 1926 פארלאזט רוסלאנד.
געמאכט א רייזע איבער פארשידענע
אייראפעאישע לענדער ווי אויך אין אמע־
ריקע, געהאט גרויס דערפאלג, געהאלפן
פארשפרייטן ליבע צו העברעאיש און
ציוניזם; זינט 1928 אין ארץ־ישראל, וואו
אויפגעפירט אנדערע פיעסן („האוצר״
פון שלום עליכם, „כתר דוד״, „אסאַ־
סטא״ און אנדערע); גיט ארויס 3־חד־
שים־זשורנאל „במה״; געשאפן „יוגנט־
הבימה״.

הבל זון פון אדם הראשון; אין חומש
(בראשית ד׳) ווערט דערציילט ווי קין,
זיין עלטערער ברודער, איז געווען אן
ערד־ארבעטער און הבל איז געווען א
פאסטוכער פון שעפסן, און ווייל גאט
האט אנגענומען דעם קרבן פון הבל און
פון קין נישט, האט קין דערמארדעט
הבלן; דאס איז דער ערשטער מארד וואס
ווערט דערציילט אין תנ״ך. טייל גע־
לערנטע מיינען אז עס איז אויך אן אנ־
דייטונג אויף דעם קאמף, וואס איז פאר־
געקומען שטענדיק צווישן די וואנדערנ־
דע שבטים, וועלכע זענען געווען באשעפ־
טיקט מיט האדעווען פי, און די שבטים
ערד־באזיצער, וואס זענען געזעסן אויף
איין ארט. — זע זוכווארט „קין״.

הבל הבלים (נאריש, נארישקייטן).
לייט־מאטיוו פון ספר קהלת און דער
אויסדרוק פון זיין פעסעמיסטישער אנ־
שויאונג, אז דאס לעבן און אלע בא־
מיאונגען און דערגרייכונגען זענען גאר
נישט ווערט. — זע „קהלת״.

הבע״ל ראשי תבות פון „הבא עלינו
לטובה״ (וואס וועט קומען אויף אונדז

צום גוטן); פרומע יידן ווען זיי שרייבן א בריוו און דערמאָנען א קומענדע דאטע, די קומענדע וואָך, צי חודש, יאָר, גיבן זיי צו דאָס וואָרט „הבע״ל״; אין דער תפלה פון ראש חודש בענטשן און אין כל נדרי זענען פאַראַן די ווערטער „הבא עלינו לטובה״.

הבראה אזוי ווערט אָנגערופן די סעודה וואָס מען גיט דעם אבל ווען ער קומט צוריק פון קובר זיין דעם מת; מען רופט איר „סעודת הבראה״. און אַן אָנדייטונג פון וואָרט איז פאַראַן אין שמואל ב׳ ג׳ „להברות את דוד״, וואָס איז דער טייטש „צו שפּייזן״; דער מנהג ווערט דערמאָנט אין משנה מועד קטן פרק ג׳; דאָס איז אַ סאָרט טרייסט; עס איז אַ מנהג צו געבן צו עסן אייער אָדער אַרבעס; דער מנהג ווערט געבראַכט אין די אַלטע פּוסקים־ספרים „כלבו״, „שבולי הלקט״.

הגבהה מען רופט עס אויך „הגבה״; דאָס אויפהויבן די ספר תורה נאָכן לייענען, כדי מען זאָל איר צוריק אָנטאָן דאָס מענטעלע; מיט הגבה איז מען מכבד איינעם פון די דאַוונערס; דאָס אַרומוויקלען די ספר תורה הייסט גלילה.

הגבלה (אָפּגרענעצן), די דריי טעג פאַר שבועות ווערן אָנגערופן די „שלשת ימי הגבלה״, און דאָס שטאַמט דערפון, וואָס דער חומש (שמות י״ט) דערציילט אַז דריי טעג איידער די יידן האָבן מקבל געווען די תורה אויפן באַרג סיני (וואָס איז, לויט דער טראַדיציע, פאַרגעקומען אים שבועות) זענען זיי געוואָרן אָפּגעשיידט פון אַ ריי זאַכן און האָבן זיך געהייליקט צו נעמען די תורה; אין חסידות האָבן די שלשת ימי הגבלה אַ גאָר גרויסע באַדייטונג.

הגדה זע זוכוואָרט „אגדה״.

הגדה של פסח זאַמלונג פון תנ״ך־פּסוקים, ווערטער פון דער משנה, דרשות פון גמרא און מדרש, און פּיוטים וועגן יציאת מצרים, ווי אויך ברכות וואָס ווערן געזאָגט פסח צום סדר (אין חוץ לארץ די צוויי נעכט, און אין ארץ־ישראל נאָר די ערשטע נאַכט); דעם נאָמען הגדה האָט די זאַמלונג באַקומען אין זין פון פּסוק שמות י״ג „והגדת לבנך ביום ההוא״, אַז מען דאַרף דערציילן דעם סיפּור פון יציאת מצרים; דאָס גאַנץ הגדה איז געווען איינגעפירט שוין אין די אַלטע צייטן, ווען דאָס בית המקדש איז נאָך געווען, און ווערט דערמאָנט אין משנה פסחים פרק י׳. אָבער עס איז זיכער, אַז מיט דער צייט זענען צו דער אַלטער הגדה צוגעגעבן געוואָרן נייע זאַכן, וועלכע שטאַמען פון די שפּעטערע צייטן (די ווערטער פון תנאים, אמוראים, פאַרשידענע פּיוטים); אין אָנהויב פון דער הגדה איז פאַראַן אַ סאָרט „לוח המפתחות״, אַ רשימה פון אַלץ וואָס וועט געטאָן ווערן ביים סדר, אין די איינצל ווערטער „קדש, ורחץ״ און אַזוי ווייטער; נאָכער קומט דער קידוש און דערנאָך די אַראַמעאישע ווערטער „הא לחמא ענייא״ (דאָס איז דאָס אָרעם ברויט) מיט וועלכע עס ווערן איינגעלאַדן אָרעמע אורחים צום טיש, און עס ווערט אויסגעדריקט די האָפענונג אַז אין אַ יאָר אַרום וועט מען זיין אין ארץ ישראל פרייע מענטשן; דערנאָך קומען די 4 קשיות „מה נשתנה״ (וועלכע ווערן דערמאָנט אין משנה פסחים פרק י׳ מיט געוויסע ענדערונגען), און דערנאָך קומט דער תירוץ, עבדים היינו, וועלכע ציהט זיך ביז דער שטעלע ווען מען גייט עסן; דאָס איז אַ זאַמלונג פון דרשות און סיפּורים (מעשה ברבי אליעזר) וועגן יציאת מצרים, וואָס שטאַמען פון פאַרשידענע

ציַיטן, תנאים און אמוראים, און ווערן
דערמאָנט אין משנה און גמרא פּסחים
קט"ז; דערנאָך קומט „שפוך חמתך"
„חסל סדור פּסח", הלל און „נשמת", און
דערנאָך די פּיוטים „ובכן ויהי בחצי
הלילה", „אומץ גבורותיך", „אדיר
במלוכה", „אדיר הוא", „אחד מי יודע",
„חד גדיא". — וועגן דער אַנטשטייאונג
פון טייל פון די דאָזיקע פּיוטים געבן מיר
ביי די באַזונדערע זוכווערטער ווי „אחד
מי יודע", „חד גדיא", „מה נשתנה";
וועגן דעם גאַנצן אופן און מנהגים ווי
דער סדר ווערט געפירט געבן מיר ביים
זוכוואָרט „סדר". — דער הויפּט־נוסח
פון דער הגדה ווערט געבראַכט אין
רמב"ם משנה תורה הלכות מצה. — צו
דער הגדה זענען געשריבן געוואָרן פיל
פירושים, אַמייסטן אין סטיל פון דרוש.
— פון די אַמאָליקע ציַיטן פון פאַרן דער־
פינדן דעם דרוק, זענען געבליבן הגדות
אין כתב יד, וועלכע זענען באַצירט מיט
קונסט־צייכענונגען און בילדער און ווער־
טער־אָרנאַמענטן; די באַרימטסטע פון זיי
איז די „הגדה פון סאַראַיעוואָ", וועלכע
שטאַמט פון שפּאַניע (געשריבן וועגן איר
שלאָסער אין דייטש „די הגדה פון סאַ־
ראַיעוואָ", ווין 1892); אין יידיש איז פאַ־
ראַן וועגן די אילומינירטע הגדות סיי אין
כתב־יד סיי אין דרוק אין זשורנאַל „מיל־
גרוים"; די אילוסטראַציעס האָבן מיי־
סטנס באַהאַנדלט טעמעס ווי די יידן
גייען אַרויס פון מצרים, די ארבעה בנים;
די הגדה איז געדרוקט געוואָרן איבער
טויזנט מאָל; דער ביבליאָגראַף שמואל
ווינער מחבר פון „קהלת יעקב" האָט
פאַרעפנטלעכט (1892) א רשימה פון
לערך 300 אויסגאַבן; אין ארץ־ישראל
האָט דער ביבליאָגראַף יערי לעצטנס פאַר־
עפנטלעכט א צווייטע רשימה פון הגדה־
דרוקן, וועלכע איז אויך נישט פולקאָם.—
א היסטאָרישע אָפּהאַנדלונג וועגן דער
הגדה איז פאַראַן פון מאיר איש שלום
„מאיר עין על הגדה של פסח".

הגהות מיט דעם וואָרט האָט מען
אַמאָל באַצייכנט די גרייזן־פאַריכטונגען
ווי אויך קליינע באַמערקונגען צו ספרים;
די באַמערקונגען צו גמרא און דאָס פאַ־
ריכטן גרייזן פון די דרוקן און איבער־
שרייבער ווערן אָנגערופן הגהות צוזאַמען
מיטן נאָמען פון זייער מחבר, ווי הגהות
פון ווילנער גאון, פון רבי ישעיה פּיק
(בערלין); א ריי אַלטע ספרים האָבן גע־
טראָגן דעם נאָמען הגהות, ווי „הגהות
מימוני" און אַנדערע.

הגר נאָמען פון דינסט פון שרה; אין
חומש (בראשית ט"ז) ווערט דערציילט,
אַז ווען שרה האָט נישט געהאַט קיין קינ־
דער האָט זי געהייסן איר מאַן אַברהם
אבינו צו לעבן מיט איר „שפחה מצרית"
(דינסט פון מצרים) הגר, און אברהם
האָט מיט הגר געבוירן דעם זון ישמעאל;
ווען שרה האָט איר געפּייניקט (איידער
זי האָט געבוירן ישמעאל) איז זי אַנט־
לאָפן אין דער מדבר און א מלאך האָט
איר געהייסן צוריקגיין; אין בראשית
כ"א ווערט דערציילט ווי אברהם, אויף
דער פאָדערונג פון שרה, האָט אַוועקגע־
שיקט הגר און דעם זון ישמעאל אין דער
מדבר. — עס ווערט אָנגעוויזן אַז דער
נאָמען „הגר", וואָס האָט אין דער אַראַ־
בישער שפּראַך די באַדייטונג פון אַוועק־
וואַנדערן, וואַנדערן, האָט א שייכות מיט
דעם דאָזיקן ספּור פון צוויי מאָל אַוועק־
וואַנדערן פון אברהמס הויז; אין תהלים
פ"ג ווערט דערמאָנט א פאָלק „הגרים",
און אין דברי הימים א' ה' ווערן די
„הגריאים" דערמאָנט צוזאַמען מיט שב־
טים פון דער מדבר. אין דער אַראַבישער
מאַכמעדאַנישער לעגענדע ווערט הגר
באַטראַכט אַלס די מוטער פון אַראַבישן
פאָלק.

הגשמה זע זוכוואָרט „אַנטראָפּאָמאָרפיזם''.

הדס נאָמען פון אַ בוים־שטענגל, וואָס מען נוצט ביים בענטשן אתרוג; איינער פון די פיר מינים, וועלכע זענען: לולב, אתרוג, הדס און ערבה; אין דער משנה סוכה פרק ג' ווערן געבראַכט די דינים פון הדס; אין לשון רבים „הדסים''.

הדסה נאָמען פון אסתר המלכה (מגלת אסתר ב').

הדסה ציוניסטישע פרויען־אָרגאַניזאַציע אין אַמעריקע און קאַנאַדע, געגרינדעט 1912 דורך הענריעטע סאָלד, איר אויפגאַבע צו פאַרבעסערן דעם געזונט־צושטאַנד אין ארץ־ישראל; האָט לערך 500 אָפּטיילונגען, איבער 50 טויזנט מיטגלידער; מיט איר הילף זענען געגרינדעט געוואָרן אין ארץ־ישראל די „הדסה־שפּיטאָלן'' אין אַלע יידישע שטעט און אַמבולאַטאָריומס אין די קאָלאָניעס, אויך שולן און קורסן פאַר קראַנקן־שוועסטער, מעדיצינישע פאָרשונג־אַנשטאַלטן, אויפזיכט איבער קינדער, געזונטהייט־הייזער („בתי בריאות''), שול־קיכן פאַר קינדער; די „הדסה'' האָט אַריינגעבראַכט קיין ארץ־ישראל ביז יאָר 1939 איבער 5 מיליאָן דאָלער; זי האָט אויך מיטגעהאָלפן צום אויסלייזן לאַנד אין ארץ־ישראל און צו דער עלית הנוער (יוגנט־איינוואַנדערונג).

הדרן אַ לויב־שיר אין אַראַמעאיש, וואָס ווערט געזאָגט צום סיום פון אַ מסכתא גמרא; געוויינלעך זאָגט מען דערביי אַ פּלפּול, און דער פּלפּול ווערט אויך גערופן „הדרן''. — זע „סיום''.

הודו זע „אינדיע'', „בני ישראל''.

הודו דער אָנהויב פון די „פּסוקי דזמרא'' (פּסוקים און קאַפּיטלער פון תהלים) מיט וועלכע מען הויבט אָן אין דער פריה דאָס דאַווענען שחרית; לויטן נוסח אשכנז זאָגט מען „הודו'' פאַר „ברוך שאמר''; לויטן נוסח ספרד, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן דורך חסידים, זאָגט מען הודו נאָך ברוך שאמר; צוליב דעם פלעגן זיין סכסוכים אין די בתי מדרשים אין פּוילן, אוקראַינע, ליטע און גאַליציע, לעצטנס אויך אין אַמעריקע וועגן דעם ווען מען זאָל זאָגן „הודו''.

הויה דאָס איז דער עטוואָס איבערגעשטעלטער נאָמען פון גאָט „יהוה''; די „י'' פון אָנהויב איז איבערגעשטעלט נאָך דעם דריטן בוכשטאַב „ו''; דאָס איז כדי מען זאָל נישט אַרויסזאָגן פולשטענדיק גאָטס נאָמען; מען רופט עס „שם הויה'' (לעז: „אַוואַיאַ'') אַלס אַנדערש פון „שם אלהים'' („אלקים''); אין די פיל אגדה־און קבלה־ספרים ווערט דער שם הויה באַטראַכט אַלס די מדה פון „רחמים'', און דער שם „אלקים'' אַלס די מדה פון „דין''. — זע זוכווערטער „אדני'', „אלהים'', „דין'', „רחמים''.

הונא אין דער גמרא ווערן דערמאָנט אַ ריי אמוראים מיטן נאָמען הונא. — סתם ווען עס ווערט געזאָגט „רב הונא'' מיינט מען דעם אמורא אין בבל אין 2טן אמוראים־דור (אין ענדע דריטן יאָרהונדערט), וועלכער איז געווען דער גרעסטער תלמיד פון אמורא רב; רב הונא זאָגט נאָך פון רב זייער אַ סך הלכות („אמר רב הונא אמר רב''), וועלכע זענען צעשפּרייט איבער גאַנץ תלמוד בבלי און ירושלמי; אַ געוויסע צייט איז ער געווען אין ארץ־ישראל, נאָכער איז צוריקגעקומען קיין בבל; מען האָט אים גערופן „חסיד'' (תענית כ''ג); ער איז געווען אַ פעלד־אַרבעטער, און ווען מען

איז געקומען צו אים מיט א דין־תורה האט ער געזאגט, אז די בעלי דינים זאלן דערווייל באוואסערן האס פעלד (כתובות ק״ה).

הוראה ווייזן, לערנען, אנטשיידן א דין; אין חומש (דברים ל״ג) ווערט געזאגט „יורו משפטיך ליעקב״ (זיי וועלן לערנען דיינע דינים צו יעקב); אין דער משנה און גמרא ווערט דאס ווארט באנוצט אויף „אפיציעל פסקענען דינים״; אין משנה הוריות פרק ב׳ ווערט געזאגט „הוראת בית דין״ (די אנטשיידונג פון א בית־דין); אין גטין נ״ח און אנדערע ערטער ווערט געבראכט „מורה הוראה בישראל״ (וועט זיין א לערער, וואס וועט פסקענען דינים ביי יידן); אז אנטשיידונג אין א דין, וואס איז ארויסגעגעבן געווארן נישט אויף שטענדיק נאר אויף דעם איינעם מאל, ווערט גערופן „הוראת שעה״ (הוריות ו׳); עס איז פאראן א מיינונג אז אין טיטל „אמוראים״ איז אויך פאראן דער זין פון „הוראה״, פסקענען, אנטשיידן, און מיר געפינען אין בבא מציעא פ״ו וועגן די מסדרי הגמרא רב אשי און רבינא „סוף הוראה״, זיי זענען געווען די לעצטע פון הוראה. — דער דיין וואס פסקנט שאלות האט דעם טיטל „מורה הוראה״; דאס רעכט צו פסקענען שאלות הייסט דעריבער אויך „היתר הוראה״ („יורה יורה, ידין ידין״) וואס איז כמעט דאס זעלבע וואס „סמיכה״ אויף רבנות״. — זע „סמיכה״.

הורדוס המלך מלך איבער יידן אין ארץ־ישראל אין דער 2טער העלפט פון דער צייט פון 2טן בית המקדש; געקעניגט פון יאר 107 ביז יאר 72 פאר דעם חורבן; ער איז געווען דער פאטער פון דער הורדוס־דינאסטיע, וואס האט ארויסגעגעבן מלכים און פירשטן איבער א ריי לענדער. — הורדוסעס פאטער איז געווען אנטיפאטער, פון אן אנגעזעענער פאמיליע אין אדום, וואס איז מיט א צייט צוריק פארייניקט געווארן מיט ארץ־ישראל און אירע איינוואוינער האבן אנגענומען די יידישע רעליגיע; דורך זיין פאטער, וועלכער איז געווען באשטימט דורך די רוימער אלס פארוואלטער איבער ארץ־ישראל ביי דער צייט פון הורקנוס, איז הורדוס באשטימט געווארן אלס מיליטער־קאמאנדיר פון גליל, וואו ער האט אן געריכט געטויט די גליל־פאטריאטן (קנאים) חזקיה און זיינע מיטהעלפער, וועלכע האבן געוואלט באפרייען דאס לאנד פון די רוימער; דאס סנהדרין האט אונטער דעם איינפלוס פון שמאי אים געזאלט פאראורטיילן דערפאר צום טויט; הורדוס איז אנטלאפן צו די רוימער אין סיריע; נאך פיל אינטריגעס איז אים געלונגען באשטימט צו ווערן דורך רוים אלס קעניג אין ארץ־ישראל, און ער האט דורך אינטריגעס און אפענעם טעראר געטויט כמעט אלע אפשטאמענדע פון דער הערשנדער חשמונאים־דינאסטיע; ער האט חתונה געהאט מיט א חשמונאים־אייניקל מאריאמנע (מרימי, מרים), אבער נאכדעם ווי ער האט געטויט זיין שוויגער אלעקסאנדרא, האט ער דערנאך אויך געלאזט טויטן זיין פרוי, מאריאמנע, און נאכדעם אויך זיינע און אירע צוויי זין, אלעקסאנדער און אריסטובול; נאכער האט ער אויך געטויט זיין זון אנטיפאטער, וועלכער האט פריער געהאט אינטריגירט און אנגערעדט דעם פאטער צו טויטן זיינע דערמאנטע צוויי זין; אזוי איז געווען דאס גאנצע פריוואטע לעבן פון הורדוס איין קייט פון מארד און אינטריגע. אויף די איינוואוינער פון ארץ־ישראל האט ער געווארפן דעם גרעסטן טעראר, און ער האט געלאזט דערמארדן צענדליקער טויזנטער מענטשן, אויף ווען ער האט נאר געהאט דעם מינדסטן חשד, אז זיי האלטן נישט מיט

אים, אדער אז זיי באדויערן דעם אומ־
גליק פון דער חשמונאים־דינאסטיע; ער
האט אויך אונטערדריקט דאס לאנד מיט
שווערע שטייערן און סתם קאנפיסקירט
פארמעגנס. פאליטיש האט ער גע־
האט דעם אומגעוויינלעכסטן דערפאלג,
און ער איז געווען פאקטיש דער לעצטער
יידישער מלך איבער גאנץ ארץ־ישראל,
וואס האט זיך דערווארבן אנזען. עס איז
אים געלונגען צו געווינען דעם צוטרוי
פון אלע רוימישע מיליטער־פירער, צו־
ערשט פון פאמפעאוס, דערנאך פון יוליוס
צעזאר, נאכער פון אנטאניוס און פון
קייזער אוגוסטוס. עס ווייזט אויס, אז
רוים וועלנדיק באהערשן ארץ־ישראל,
האט גראד געוואלט האבן אלס הערשער
איבער דעם לאנד א מאן, וואס איז ביי
אלע איינוואוינער פארפיינדט, נישט פון
דער פריערדיקער הערשנדער פאמיליע,
כדי ער זאל זיין מער אפהענגיק פון רוים.
יעדנפאלס איז זיכער אז רוים האט אים
געשטיצט טראץ די אלע אנקלאגעס וואס
זענען אריינגעפלאסן צום סענאט און קיי־
זער קעגן זיינע גרויזאמקייטן. הורדוס
האט דערפאר אויך גענומען באשענקען
מיט רייכע מתנות די איינפלוסרייכע
פערזאנען אין רוים, און אויך שענקען
מתנות צו פארשידענע גריכישע שטעט,
כדי ער זאל האבן א רום אלס גוטהאר־
ציקער הערשער, ליבהאבער פון דער גרי־
כישער וועלט. ער האט אין ארץ־ישראל
אויך געלאזט איבערבויען דאס אלטע
שומרון און עס א נאמען געגעבן „סע־
באסטע" לכבוד דעם קייזער סעבאסטיא־
נוס אויגוסטוס; ער האט אויך געלאזט
בויען ביים ים די שטאט מיטן נאמען
„צעזארעא" („קסרי" אין דער גמרא)
לכבוד דעם קייזער (צעזאר); דערויף
האט ער באדארפט האבן א סך געלט. און
ער האט דעריבער נאכמער אונטערדריקט
די יידישע באפעלקערונג מיט שווערע
שטייערן. — הורדוס איז אין אלגעמיין
געווען א מענטש מיט נישט קיין פעסטן
כאראקטער, אפילו אין זיין שלעכטס־
קייט; ער האט דעריבער טיילמאל גע־
פרואווט זיך איבערבעטן מיט די יידן,
זיינע אונטערטאנען; ער האט נישט גע־
טשעפעט און זאגאר געשטיצט די רע־
ליגיעזע פירער פון די פרושים. הלל און
שמאי, און זיי יעדנפאלס געלאזט רואיק
פירן זייערע ישיבות מיט די תלמידים
(בית הלל און בית שמאי), הגם ער האט
געלאזט טויטן אנדערע פרושים־פירער,
וועלכע האבן זיך געמישט קעגן זיין מיי־
נונג אין פאליטישע ענינים. הורדוס האט
געוואלט ווייזן אז ער טוט אויך יידן
גוטס, און ער האט דעריבער גאנץ אפט
זיך אנגענומען פאר יידן אין גריכישע
שטעט און אויסלאנד, ווען עס איז זיי
געשען אן עוולה. ער האט אויך דורכ־
געפירט זיין בארימטע ארבעט, נעמלעך,
ער האט איבערגעבויט דאס בית המקדש,
וואס איז באשטאנען פון אלטע געביי־
דעס; ער האט עס איבערגעבויט מיט דער
גרעסטער פראכט און שענקייט, גענוצט
די בעסטע בוי־מאטעריאלן, און אפילו די
חכמי התלמוד אין דער גמרא, וועלכע
האבן וועגן הורדוס זיך שטענדיק אויס־
געדריקט מיט דער שארפסטער פאראור־
טיילונג, זאגן אז ווער עס האט נישט גע־
זען דעם הורדוס בית המקדש האט נאך
אזא שענקייט נישט געזען (בבא בתרא
ד'). — הורדוס האט פארן טויט געהייסן
ארעסטירן די אנגעזעענע מיטגלידער פון
די שענסטע משפחות אין ירושלים, און
אנגעזאגט זיין שוועסטער שלומית, אז
ווי זי וועט דערהערן, אז ער איז גע־
שטארבן, זאל זי לאזן טויטן די אלע
ארעסטירטע, כדי ירושלים זאל זיך ניט
קאנען פרייען מיט זיין טויט, נאר קלאגן
אויף די אומגעקומענע. די שוועסטער
שלומית, וועלכע איז אויך געווען ביי זיין
לעבן באטייליקט אין זיינע גרויזאמ־
קייטן, האט דאס איצטיקע מאל זיך

ארויסגעוויזן בעסער, ווי איר ברודער האט איר געהאלטן; זי האט אלע ארעסטירטע געלאזט באפרייען. מיט זיין טויט האט פאקטיש אויפגעהערט די שיינבארע קעניגלעכע אומאפהענגיקייט פון ארץ־ישראל, און הגם שפעטער איז געוועזן אגריפס המלך, אבער רוים האט שוין פולשטענדיק אפיציעל און פאקטיש באהערשט ארץ־ישראל. — וועגן הורדוס זענען געשריבן געווארן פיל ביכער און אפהאנדלונגען, סיי וועגן זיינע פערזענלעכע איבערלעבונגען, סיי וועגן זיין באדייטונג אלס יידישער מלך; אלע ידיעות וועגן הורדוס וויסן מיר פון די ספרים פון פלאוויוס, וועלכער האט מיט לערך 100—80 יאר נאך הורדוס געשריבן זיינע היסטארישע ביכער, יידישע „אלטערטימער" און „מלחמה", און דארט געגעבן די אלע איינצלהייטן וועגן הורדוס; פלאוויוס פארופט זיך אויף א (איצט פארלוירענעם) ווערק פון א גריך ניקאלאאוס פון דמשק, הורדוסעס מיניסטער און סעקרעטאר, וועלכער האט געשריבן א מאנאגראפיע וועגן הורדוס. אין דער גמרא (בבא בתרא ג') ווערט געזאגט „הורדוס עבדא דבית חשמונאי הוה", אז הורדוס איז געוועזן א קנעכט פון די חשמונאים. אין דער נייער צייט זענען גענויגט טייל היסטאריקער צו רעהאביליטירן הורדוסן און אנווייזן אויף זיינע גרויסע פאליטישע פארדינסטן פאר ארץ־ישראל; צווישן זיי זענען קראכמאל (אין „מורה נבוכי הזמן"), קלויזנער (אין זיין „היסטוריה הישראלית"); דאקעגן גרעץ (אין זיין „געשיכטע"), הלוי (אין „דורות הראשונים") האלטן הורדוסעס הערשאפט אלס אן אומגליק אין דער יידישער געשיכטע פון יענער צייט. — די אמאליקע קריסטלעכע היסטאריקער זענען געוועזן קעגן הורדוס צוליב דער לעגענדע אין עוואנגעליום, אז הורדוס האט געלאזט דערמארדן די קינדער פון בית לחם; אין אלגעמיין ווערט ער ביי די אמאליקע היסטאריקער גערופן „הורדוס דער גרויסער". — פרטים וועגן הורדוס אין די דערמאנטע ספרים פון קראכמאל, גרעץ, הלוי, קלויזנער.

הוריות לעצטע מסכתא אין סדר נזיקין, באשטייט פון 3 פרקים משניות און תוספתא ווי אויך גמרא, בבלי און ירושלמי; לערנט די הלכות וועגן די פאלן ווען דאס בית דין האט געפסקנט נישט־ריכטיק שאלות, וואס זענען נוגע עבירות פון כרת; אין די פרקים ב' און ג' ווערן באהאנדלט פראגן וועגן כהנים.

הורקנוס, דער ערשטער אויך „יוחנן כהן גדול", זון פון שמעון פון די חשמונאים־ברידער; פירשט פון די יידן און כהן גדול אין די יארן 135 — 104 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג: ער איז געווען דער ערשטער יידישער פירשט פון דער חשמונאים־דינאסטיע, וועלכער האט פולשטענדיק באפרייט ארץ־ישראל פון סירישן יאך און געשאפן אן אומאפהענגיקן יידישן שטאט; ער האט אויך איינגענומען אדום און געצוואונגען אירע איינוואוינער זיך מגייר צו זיין, ווי אויך שומרון און אונטערטעניק געמאכט די שומרונים. אין אלגעמיין ווערט אין די תלמודישע קוואלן געהאלטן פון יוחנן כהן גדול, וועגן וועלכן עס ווערט געבראכט אז ער האט מתקן געווען א ריי תקנות (משנה סוף סוטה) וועגן מבשר און בית המקדש. אבער ווי עס דערציילט דער היסטאריקער פלאוויוס אין זיין „קדמוניות" („אנטיקוויטאטעס") און „מלחמה" („בעלום") האט יוחנן כהן גדול אויף דער עלטער זיך צעקריגט מיט דער פרומער פרושים־פארטיי און טייל פון זיי געטויט, און ער איז געווארן א צדוקי; מען גלויבט, אז דער זעלבער סיפור איז פאראן אין דער

גמרא קידושין ס״ו, וואו עס ווערט דערציילט דאס זעלבע אין אן אלטער ברייתא וועגן ינאי המלך (הורקנוסעס זון, אלכסנדר ינאי); שפורן דערפון זענען פאראן אין גמרא ברכות כ״ט אז ינאי איז דער זעלבער וואס יוחנן, וועלכער איז נאך 80 יאר זיין כהן גדול געווארן א צדוקי. — עס איז אנצונעמען, אז דער קאמף פון די פרושים קעגן יוחנן איז געוועזן דערפאר, וואס יוחנן האט פארייניקט אין זיין פערזאן אי די כהונה גדולה אי די וועלטלעכע הערשאפט, וואס איז געווען קעגן דעם גייסט פון די יידן. אויך איז מעגלעך, אז ווייל די מייסטנס יידישע מיליטער־פירער זענען געווען צדוקים האט יוחנן זיי נאכגעגעבן אין א סך זאכן

הורקנוס, דער צווייטער כהן גדול אין ארץ־ישראל אין די יארן 76 —67 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג; אין די לעצטע 3 חדשים איז ער אויך געווען קעניג איבער יידן, אבער עס איז אויסגעבראכן די מלחמה צווישן אים און זיין ברודער אריסטובלוס, די ברידער־מלחמה, וואס ווערט אויך דערמאנט אין די תלמודישע קוואלן (בבא קמא פ״ב, מנחות ס״ד און אנדערע ערטער), צוערשט האט אריסטובלוס געזיגט, דערנאך האט זיך אריינגעמישט רוים און האט פארנומען דאס לאנד; הורקנוס איז אוועק קיין בבל, אבער הורדוס האט אים צוריקגענארט קיין ארץ־ישראל און אים דערמארדעט אין יאר 30 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג.

הורקנוס פון די בני טוביה. — זע „טגביה״.

הושע בן אלה לעצטער מלך פון מלכות ישראל אין שומרון, געקעניגט אין די יארן 733 — 722 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג; ער האט נישט געשטאמט פון דער קעניגלעכער דינאסטיע; ער האט געטויט דעם פריערדיקן קעניג פקח און איז אנשטאט אים געווארן מלך; א געוויסע צייט איז הושע געווען אונטערטעניק צו אשור און געצאלט יערלעכן שטייער דעם מלך אשור; נאר שליסנדיק א בונד מיט מצרים און מיינענדיק אז מצרים וועט אים העלפן, האט הושע אויפגעהערט צו צאלן אשור דעם שטיי־ נער פארטריבן קיין „חלח, חבור, גוזן מארשירט אויף שומרון, איינגענומען דאס לאנד און די הויפטשטאט, און האט דאס לאנד און פיל פון די איינוואוינער פארטריבן קיין „חלה, חבור, גוזן און מדי״ (מלכים ב׳ י״ז); דאס איז דער גלות פון די עשרת השבטים. הושע איז געוועזן דער לעצטער מלך פון „מלכות ישראל״.

הושע הנביא דאס ערשטע ספר פון די קלענערע נביאים־ספרים אין תנ״ך מיטן נאמען „תרי עשר״ (צוועלף) איז פון הושע בן בארי, נביא אין מלכות ישראל, וועמענס נביאות האט זיך אנגעהויבן אין די לעצטע יארן פון מלך ירבעם דעם 2טן און האט זיך געצויגן ביז ניט לאנג פארן חורבן פון מלכות ישראל דורך אשור, אלזא אין דער ערשטער העלפט פון 8טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג; זיין נביאות האט זיך געצויגן א לאנגע צייט, בעת די מלכים פון יהודה, עזיה, יותם, אחז און יחזקיה (הושע א׳); דאס ספר הושע האלט 14 קאפיטלעך, און די נביאות זאגן פאר דאס אומגליק, וואס וועט קומען אויף מלכות ישראל דערפאר וואס די איינוואוינער האבן פארלאזט גאט און דינען צו דער עבודה זרה בעל; אין אנהויב דערציילט הושע סימבאליש ווי גאט האט אים געהייסן חתונה האבן מיט אן אשה זונה און האבן קינדער און א נאמען געבן זיי „לא רחמה״ (נישט דערבארעמען) און

„לא עמי" (נישט מיין פאָלק). אָבער ביי די אַלע שטראָף־נביאות איז פאַראַן אין הושע אויסגעדריקט די גרויסע האָפענונג אַז יהודה און ישראל וועלן זיך צוריק פאַראייניקן און שאַפן אַ גרויס יידיש פאָלק, וועמענס זין וועלן זיין ווי דער זאַמד אויפן ברעג ים, וואָס קאָן נישט איבערגעציילט ווערן. הושע שטראָפט אויך די פּאָליטישע פירער פון ישראל, וועלכע פאַרלאָזן זיך דאָ אויף אשור, דאָ אויף מצרים (הושע ז'), „ויהי אפרים כיונה פותה אין לב, מצרים קראו, אשור הלכו" (און אפרים איז געוואָרן ווי אַ נאַרישע טויב, אָן פאַרשטאַנד, גערופן מצרים, געגאַנגען קיין אשור); דער ספר הושע איז פול מיט שטאַרקע בילדער; וועגן די אַלע איינרעדענישן זאָגט ער (הושע י"ג), אַז זיי פאַרשווינדן „כענן בקר וכטל משכים הולך" (ווי דער מאָרגן־וואָלקן, ווי דער טוי וואָס פעדערט און פאַרשווינדט). אין ספר הושע ווערן דערמאָנט ספורים פון חומש, די מעשה מיט יעקב ווי ער איז אַנטלאָפן קיין ארם און דאָרט געדינט, דער סיפור פון יציאת מצרים און אַנדערע.

הושעיה זע „אושעיא".

הושענא, הושענות, הושענא רבה דאָס וואָרט הושענא באַשטייט פון 2 ווערטער און איז דער טייטש: הושע — העלף, נא — איך בעט. מיט דעם דאָזיקן וואָרט הויבן זיך אָן די תפילות, וואָס מען זאָגט אין סוכות, יעדן טאָג אַן אַנדערע הושענא־תפלה, און דערביי גייט אַרום דער חזן און די מתפללים מיט דעם אתרוג און לולב אין די הענט אַרום דער בימה אין שול. די הושענא־תפילות ווערן געזאָגט, אַלע הושענא־תפילות צוזאַמען, דעם 7טן טאָג פון סוכות, ווען מען שלאָגט די ערבה, דאָס שטענגל פון נידעריקע צווייגלעך; אויך די ערבה זעלבסט ווערט אָנגערופן „הושענא", און דער טאָג ווען מען שלאָגט די הושענא ווערט אָנגערופן „הושענא רבה". — עס ווייזט אויס, אַז געוויסע תפילות פון די הושענות זענען גאָר אַלטע; אין דער משנה סוכה פרק ד' ווערט געזאָגט, אַז אין בית המקדש האָט מען סוכות געבראַכט די ערבה, און מען האָט אַרומגערינגלט דעם מזבח און געבלאָזן און געזאָגט „אנא ה' הושיעה נא"; דאָס וואָרט „הושענא" ווערט נישט דערמאָנט. אָבער אין דער גמרא ווערט שוין יאָ דערמאָנט דאָס וואָרט הושענא, מיט וואָס עס ווערט אויך אָנגערופן דאָס ערבה־בינטל (סוכה ל"ז, „מגדלי הושענא"); דער נאָמען הושענא רבה ווערט אין די גמרא־קוואַלן נישט דערמאָנט; אין דער משנה (סוכה פרק ד') ווערט דער 7טער טאָג סוכות אָנגערופן „יום חבוט חריות" (דער טאָג פון שלאָגן די שטענגלעך); אין מדרש ויקרא רבה כ"ז הייסט דער טאָג יום „הושענא"; דאָס ערשטע מאָל געפינען מיר דעם נאָמען הושענא רבה אין מדרש תהלים, וואו עס ווערט אויך דערמאָנט דער מנהג אַז ביים דאַוונען אין „הושענא רבה" גייען די מתפללים אַרום דער בימה 7 מאָל. — די פיוטים פון הושענות וואָס מיר זאָגן שטאַמען פון די צייטן פון די גאונים; אין סדור פון רב עמרם גאון ווי אויך ביי רב סעדיה גאון ווערן נאָכנישט געבראַכט אונדזערע פיוטים, און עס ווערט נאָר דערמאָנט אַז מען זאָגט הושענא „דברי שבח"; די מייסטנס אונדזערע פיוטים פון הושענות האָט מחבר געווען רבי אלעזר הקליר (זע „קליר") און טייל האָט מחבר געווען רבי ינאי (זע „ינאי") און רבי יוסף אביתר. — דער טאָג פון הושענא רבה איז שוין אין דער צייט פון דער גמרא (ירושלמי ראש השנה פרק ד') באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ יום הדין אין הימל, און עס איז דער גלויבן אַז נאָך ראש השנה און יום כפור, ווערט

דער ענדגילטיקער גמר דין איז הימל ארויסגעגעבן אויף יעדן מענטש אין הושענא רבה; אין זהר (ויקרא ל״ב) ווערט געזאָגט, אַז אין הושענא רבה ווערן אין הימל אַרויסגעגעבן די „פתקין“, „קוויטלער“ פאַר יעדן מענטש; מען ווינטשט זיך דעריבער ביז הושענא רבה, אַז מען זאָל האָבן אַ „גוט קוויטל“; אין ספר חסידים, וואָס שטאַמט פון 12טן יאָרהונדערט אין דייטשלאַנד, ווערן געבראַכט פאָלגנדע גלויבונגען וואָס זענען פאַרבונדן מיט הושענא רבה. אין דער נאַכט פון הושענא רבה גייען אַרויס די נשמות פון די מתים, ווען די לבנה שיינט, און די נשמות זענען מתפלל; אין דער זעלבער נאַכט קוקט יעדער מענטש צי ער זעט זיין שאָטן, און אויב ער זעט נישט איז אַ סימן, אַז ער וועט דאָס יאָר שטאַרבן, און דעריבער איז מען אויף אַ גאַנצע נאַכט און מען זאָגט „תיקון ליל הושענא רבה“ און מען איז מתפלל (דער דאָזיקער גלויבן פון ספר חסידים האָט געוויסע שפּורן אויך אין דער גמרא הוריות י״ב וועגן די 10 טעג פון ראש השנה ביז איבער יום כפור). — דער פאָלקס־גלויבן, אַז אין הושענא רבה ביינאַכט שפּאַלט זיך דער הימל און מען קאָן דעמאָלט זיך ווינטשן וואָס מען וויל, ווערט אין די אַלטע ספרים נישט געבראַכט. — עס איז אויך פאַראַן אין טייל ערטער אַ מנהג צו באַהאַלטן די אָפּגעשלאָגענע הושענות און דערמיט אָנצוצינדן דעם אויוון פאַר פסח צו מצות־באַקן; פון וואַנען דער מנהג שטאַמט איז שווער צו זאָגן. — דאָס שלאָגן הושענות וואָס האָט אין תלמוד געהייסן חבוט ערבה, איז אַ גאַר אַלטער דין און איז געפייערט געוואָרן אין צווייטן בית המקדש מיט גרויס פייערלעכקייט, און די גמרא (סוכה מ״ד) זאָגט, אַז ער שטאַמט פון די נביאים־צייטן; מען האָט עס געהאַלטן (סוכה מ״ג) פאַר אַזאַ גרויסע מצוה, אַז זי איז „דוחה שבת“ (מען מעג שלאָגן די ערבה אום שבת); שפּעטער האָט מען איינגעפירט אַז דער טאָג הושענא רבה זאָל איבערהויפּט נישט אויספאַלן אום שבת. — זע עלבאָגן „תולדות התפלה“.

הזכרת נשמות

הזכרת נשמות (דערמאָנען די נשמות פון פאַרשטאָרבענע), מנהג מתפלל צו זיין פאַר די נשמות פון די פאַרשטאָרבענע פריינד נאָכן לייענען ספר תורה אין אחרון של פסח, צווייטן טאָג שבועות, יום כפור און שמיני עצרת. די תפלה באַשטייט הויפּטזעכלעך פון „יזכור אלהים את נשמת“ (גאָט זאָל געדענקען די נשמה) און עס ווערן אויסגערעכנט די אַלע פאַרשטאָרבענע פריינט, און אויך אַ באַזונדערע תפלה פאַר די אומגעקומענע אויף קידוש השם און מען איז מנדר צדקה פאַר זייערע נשמות. ווי אַלט דער מנהג איז און אין וועלכע לענדער ער איז צום ערשטן מאָל איינגעפירט געוואָרן איז שווער צו זאָגן; פאַראַן שפּורן דערפון שוין אין מדרש תנחומא; רבי משה איסלים (רמ״א, געלעבט אין 16טן יאָרהונדערט אין פּוילן) ברענגט אין אורח חיים הלכות יום כפור דעם מנהג אין נאָמען פון „מרדכי“ (מחבר אין 13טן יאָרהונדערט אין דייטשלאַנד); די ספרדישע פוסקים האָבן נישט דעם דאָזיקן מנהג. דער ספר חסידים (פון 12טן יאָרהונדערט אין דייטשלאַנד) ברענגט דעם מנהג סתם, אַז פרומע יידן פלעגן מנדר זיין פאַר די נשמות פון זייערע פאַרשטאָרבענע קרובים. ביי הזכרת נשמות געפינען זיך אין שול נאָר די ביי וועמען עס איז געשטאָרבן איינער פון די עלטערן, דער פאָטער אָדער מוטער, אָדער ביידע עלטערן; די איבעריקע מתפללים גייען דעמאָלט אַרויס פון שול. — אין חסידישע קרייזן רופט מען

אַז „מזכיר זיין" אויך, ווען מען דערמאָנט פאַר דעם רבי דעם נאָמען און מוטערס נאָמען פון אַ לעבעדיקן מענטש, און מען בעט דעם רבי, אַז ער זאָל מתפלל זיין פאַר זיין געזונט אָדער פּרנסה; אַמייסטנס באַנוצט מען דעם אויסדרוק „מזכיר זיין אַ חולה".

היאַס נאָמען פון יידישער אימיגראַנטן־הילף־געזעלשאַפט אין אַמעריקע (ראשי תבות פון „היברו אימיגראַנט אייד סאָסייעטי), געגרינדעט 1887 אין ניו־יאָרק, מיטן צוועק צו העלפן יידישע עמיגראַנטן און אימיגראַנטן. זי האָט איר צענטראַלע אין ניו־יאָרק און אָפּטיילונגען אין די אייראָפּעאישע לענדער מיט גרעסערע יידישע ישובים.

היברו ענגלישער אויסדרוק פאַר העברייער (עברי), העברעאיש, און דערמיט ווערן אָנגערופן אַ ריי יידישע געזעלשאַפטן און זשורנאַלן אין אַמעריקע, ענגלאַנד און אַנדערע ענגליש־רעדנדע לענדער, באַזונדערס פון די יידישע האַלב־ און גאַנץ־אַסימילירטע קרייזן, וועלכע ווילן נישט אָנגערופן ווערן אַלס ייד („דזשוּ"); אין דער שטאָט סינסינעטי (אַמעריקע) איז פאַראַן דער רעפאָרם־ראַבינער־סעמינאַר „היברו יוניאָן קאָלעדזש.

היובלות זע „יובלים".

היטלער, אַדאָלף (געבוירן 1889 אין עסטרייך), דיקטאַטאָר און „פירער" פון דייטשלאַנד, פירער פון דער „נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער אַרבעטער פּאַרטיי אין דייטשלאַנד (געגרינדעט יאָר 1919), איבערגענומען דייטשע רעגירונג 1933, געוואָרן פולשטענדיקער „פירער" פון דייטשלאַנד נאָכן טויט פון פּרעזידענט הינדענבורג אין 1934; זיין פּאַרטיי און שיטה ווערט אויך אָנגערופן „נאַציזם" און „היטלעריזם"; איינער פון די גרעסטע אַנטיסעמיטן פון אַלע צייטן; ער האָט איינגעפירט אין דייטשלאַנד (נאָכער אין עסטרייך און אַנדערע לענדער, וועלכע ער האָט פאַרנומען) די אָפיציעלע באַגרענעצונגען פאַר יידן, די „אַריער־פּאַראַגראַפן" אָדער „נירענבערגער געזעצן", לויט וועלכע יידן זענען באַרויבט געוואָרן פון אַלע זייערע רעכט, און אַלס יידן ווערן גערעכנט נישט נאָר יידן און אויך געשמדטע נאָר אויך אָפּשטאַמענדע פון יידן ביזן 2טן דור („מישלינגע"); ער האָט אויך אָנגעטאָן צרות יידן דורכפירנדיק קעגן זיי פאַרשידענע פייניקונגען, פאַרמעגנס־צונעמען, אומברענגענדיק הונדערטער טויזנטער יידן, און אַזוי אַרום דערפירט צו דער גרויסער יידישער עמיגראַציע פון דייטשלאַנד און אַנדערע פאַרנומענע שכנות־לענדער, וועלכע האָט זיך אָנגעהויבן 1933 און דויערט ביז איצט; ער פירט אויך די אַגיטאַציע קעגן יידן אין אַנדערע לענדער; אַ שרעקלעכן חורבן האָט היטלער דורכגעפירט אויף די יידן אין פוילן, אוקראַינע, ווייס־רוסלאַנד, ליטע, לאַטוויע זינט דעם מלחמה־אויסברוך אין ענדע יאָר 1939; ער האָט חרוב געמאַכט הונדערטער יידישע קהלות, איינפירנדיק די געטאָס און דערמאָרדנדיק מיליאָנען יידן; זיינע אַגיטאַציע־אַרויסטרעטונגען קעגן יידן פירט ער דורך אין זיין בוך „מיין קאַמף" און אויך ביי יעדער געלעגנהייט אין זיינע רעדעס. — דערביי איז צו פאַרצייכענען אַז לויט געוויסע קלאַנגען, וואָס זענען געווען פאַרעפנטלעכט אין פאַרשידענע צייטונגען, זאָל היטלער זעלבסט שטאַמען פון יידן; די קלאַנגען זענען ניט באַשטעטיקט.

היידענהיים, וואָלף (1757 — 1832) מפרש פון תנ"ך און פון מחזורים און

איינער פון די באַרימטסטע מדקדקים, באַקאַנט אויך אַלס „רוו״ה״; געבוירן איז היידענהיים אין דייטשלאַנד, געוואוינט אין רעדעלהיים, וואו ער האָט געהאַט אַ דרוקעריי; ער האָט אָפּגעדרוקט אין יאָר 1800 זיינע באַרימטע מחזורים מיט דעם פּירוש צו די פּיוטים, וועלכע זענען דער יסוד פון וויסנשאַפטלעכער פּיוטים־פאָרשונג; ער האָט אויך מחבר געווען דעם „עין הקורא״ און „עין הסופר״ אויף חומש און אָפּגעדרוקט זיי מיטן חומש מיטן נאָמען „מאור עינים״ (1818); „ספר תורת אלהים״ אויף די מסורה; פּירוש צום אבן עזראס „ספר המאזנים״; סליחות מיט אַ פּירוש (1813); „מבוא הלשון״, „משפּטי הטעמים״ (אויף דקדוק), אַ סידור „שפת אמת״; היידענהיימס פּירושים און באַמערקונגען צום מחזור זענען באַנוצט געוואָרן דורך די באַדייטנדסטע יידישע געלערנטע ווי צונץ און אַנדערע.

הייליקייט זע „קדושה״.

היינע, היינריך (1797 אין דיסעלדאָרף, דייטשלאַנד — 1856 אין פּאַריז);

פון די באַרימטסטע דיכטער אין דער נייער צייט; געבוירן פון אַ יידישער פאַמיליע; געגרינדעט אין דער יוגנט, צוזאַמען מיט צונץ און אַנדערע „פּאַריין צו שטיצן די יידישע קולטור און וויסנשאַפט״; אין יאָר 1825 זיך געשמדט, דערנאָך אויסגעדריקט חרטה אויף זיין שמד; צוליב זיינע פרייהייטס־מיינונגען געוואָרן פאַרפאָלגט אין דייטשלאַנד; פון 1831 געוואוינט אין פּאַריז; אחוץ זיינע אַלגעמיינע דיכטונגען (אין דייטש) האָט היינע אויך געשריבן אין דייטש אַ ריי ווערק פון יידישן אינהאַלט: די נישט פאַרענדיקטע דערציילונג „דער רב פון באַכראַך״, „העברעאישע מעלאָדיעס״ (יהודה בן הלוי, די פּרינצעסין שבת און אַנדערע), און אויך אין זיינע אַנדערע ווערק (בריוו וועגן בערנע, צו געשיכטע פון ליטעראַטור און פילאָזאָפיע דייטשלאַנדס) האָט ער באַהאַנדלט יידישע מאָמענטן, ווי תנ״ך, שפּינאָזאַ, מענדלסאָן; דער איינפלוס פון היינע אויף דער יידישער השכלה־באַוועגונג און אויף דער מאָדערנער העברעאישער און יידישער פּאָעזיע איז געווען זייער גרויס. זיינע לידער זענען איבערזעצט געוואָרן אין העברעאיש דורך יצחק קאַצענעלסאָן („ספר השירים״), בן ציון, פרישמאַן, מינץ און אַנדערע.

הילדעסהיימער, עזריאל (1820 — 1899)

אָרטאָדאָקסישער מאָדערנער געבילדעטער רב אין בערלין, קעמפער קעגן דער רעפאָרם־באַוועגונג, גרינדער פון אָרטאָדאָקסישער קהלה און ראַבינער־סעמינאַר אין בערלין; געהערט צו די חובבי ציון. ער האָט אויסגעאיבט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער מאָדערנער אָרטאָדאָקסישער באַוועגונג.

הילולא (אויף אַראַמעאיש: חתונה);

אין דער גמרא עירובין נ״ד ווערט געזאָגט „דעלמא דאזלינן מיניה כהלולא״ (די וועלט פון וועלכער מיר גייען אַוועק איז ווי אַ חתונה). — אין דער קבלה ווערט געבראַכט זהר רצ״א; אין די חסידישע טאָג (ל״ג בעומר) ווען רבי שמעון בן יוחאי, דער טראַדיציאָנעלער מחבר פון זהר, איז געשטאָרבן, און דער אויסדרוק ווערט געבראַכט זהר רצ״א); אין די חסידישע קרייזן ווערט דער אויסדרוק „הילולא״ אויך באַנוצט פאַר דער יאָרצייט פון יעדן צדיק. — זע „ל״ג בעומר״.

הילני

קעניגין פון לאַנד אַדיאַבענע, געשטאָרבן לערך 14 יאָר פאַרן חורבן פון 2טן בית המקדש; זי האָט זיך מגייר גע־

וועגן צוזאמען מיטן קעניגלעכן הויף פון איר לאנד; ווערט דערמאנט עטלעכע מאל אין משנה און גמרא אלס הילני המלכה (נזיר י"ט, סוכה ב'), און אויך ביי פלאוויוס אין „אלטערטימער". — זע „אדיאבענע".

הימן נאמען פון א חכם, אין צייטן פון תנ"ך, דערמאנט אין מלכים א' ה'; אין תהלים פ"ח געפינען מיר „הימן האזרחי".

הימל אין תנ"ך זענען פאראן עטלעכע נעמען פאר הימל (רקיע, שחקים), אמייסטן ווערט באנוצט דאס ווארט „שמים" אין מערצאל, „הימלען"; אין מלכים א' און אנדערע ערטער איז פאראן „שמי השמים"; אין דער גמרא (חגיגה י"ב) איז פאראן א מיינונג אז עס זענען פאראן 7 הימלען (שבעה רקיעים). — דאס ווארט „הימל" ווערט אויך באנוצט אנשטאט דעם נאמען פון „גאט", דאס הייסט „דער וואס איז אין הימל"; אין יידיש ווערט באנוצט דער אויסדרוק „דער אין הימל זאל מיר העלפן"; אין דער משנה און גמרא (פרקי אבות א' און פיל אנדערע ערטער) געפינען מיר „מורא שמים" די מורא פאר גאט, „ירא שמים", דער וואס האט מורא פאר גאט, „מלכות שמים", די גאטלעכע הערשאפט. — זע „אויבערשטער", „יראת שמים", „מלכות שמים. — וועגן א ריי צדיקים ווי אליהו הנביא (אין ספר מלכים ב') זענען פאראן ספורים, אז זיי זענען ארויפגעגאנגען אין הימל; אין דער קבלה און חסידות איז פאראן דער אויסדרוק „עלית נשמה", דאס ארויפגיין פון צדיקס נשמה אין הימל. — זע „עלית נשמה".

היעראנימוס (לערך 340 — 420) איינער פון די קריסטלעכע קירכן־פאטערס צוערשט אין רוים, דערנאך אין ארץ־ישראל (אין בית לחם); ער איז דער מחבר פון דער לאטיינישער תנ"ך־איבערזעצונג „וואולגאטא"; ער האט אויך פארפאסט אנדערע ביכער, אין וועלכע ער ברענגט דרשות און פשטים פון חכמי ישראל אין יענער צייט און ער דערציילט אז ער האט געהאט א יידישן רבי „בר חנינא"; די ביכער פון היעראנימוס האבן א גרויסן ווערט פאר דער פארשונג פון יידישער געשיכטע אין יענער צייט.

הירש, משה (מאריס) באראן (1831 אין מינכען — 1896 אין אונגארן) באריםטער יידישער פילאנטראפ; שוין ביים לעבן צעטיילט מיליאנען פראנקן אויף צו העלפן יידן אין רוסלאנד און אנדערע לענדער סיי אויף די ערטער סיי דורך העלפן זיי צו קאלאניזירן זיך אין מעבר־לים־לענדער, באזונדערס אין ארגענטינע; געשאפן די געזעלשאפט יק"א, וועמען ער האט אוועקגעשאנקען ביי 180 מיליאן פראנק אויף צו קאלאניזירן יידן; אין ארגענטינע איז פאראן אויף זיין נאמען די קאלאניע „מויריציוס", אין קאנאדע „הירש"; די יידישע הילפס־אינסטיטוציעס וואס באראן הירש האט געגרינדעט געפינען זיך אין ארגענטינע, קאנאדע, גאליציע, אין א ריי מזרח־לענדער אין אזיע און אפריקע; זיין פרוי באראנעסע קלארא הירש (געשטארבן 1899) האט צוגעגעבן דער יק"א איבער 60 מיליאן פראנק. — זע „יקא".

הירש, שמשון רפאל (1808 — 1888), רב, שאפער פון דער מאדערנער ארטאדאקסיע אין דייטשלאנד, געהאט גרויסן איינפלוס אויפן געבילדעטן ארטאדאקסישן יידנטום; געווען רב אין אלדענבורג, עמדן און אנדערע שטעט, צום סוף (פון 1851) אין פראנקפורט אם מיין, וואו ער האט געשאפן די ארטאדאקסישע קהלה און געגרינדעט די טרענונגס־אר־

טאַדאַקסיע, וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט אין באַזונדערע קהלות אין דייטשלאַנד: הירש איז געווען אַ שטרענגער פרומער ייד, געגלויבט אין תורה שבכתב און תורה שבעל פּה ביז צום לעצטן פּוסק; אין זיינע שריפטן אין דייטש „19 בריוו איבער דעם יידנטום“ (איבערזעצט אויף העברעאיש און יידיש און אויך די אַרטיקלען־זאַמלונג „חורב“), דריקט ער אויס מיט פּאַטאָס די אמונה אין גאַנצן יידישן דת, נישט מותר זייענדיק אויף קיינע איינצלהייטן; זיינע ביכער האָבן פיל געווירקט אויף אַ טייל פון דער יידיש־דייטשער אינטעליגענץ; ער האָט פאַרפאַסט נאָך אַ ריי אַנדערע ווערק; ער האָט אויך געגרינדעט אָרטאָדאָקסישע שולן אין זיין גייסט.

הישר, ספר

הישר, ספר נאָמען פון אַ ספר, אין וועלכן עס ווערט דערציילט אין אַ שיינעם העברעאישן סטיל פאַרשידענע סיפּורים און לעגענדעס פון אדם הראשון ביז נאָך יציאת מצרים, און דערנאָך געוויסע קליינע סיפּורים פון במדבר, דברים, יהושע ביז די שופטים; אין די סיפּורים זענען פאַראַן מעשיות וועגן העלדישע מלחמות פון די בני יעקב מיט כנעניים נאָך שכם און אויך העלדישקייטן אין מצרים; אין דער הקדמה ווערט דערציילט, אַז מען האָט געפונען דאָס ספר אין דער צייט פון חורבן בית שני; דער געלערנטער צונץ (אין זיין „גאָטעס־דינסטלעכע פאָרטרעגע“) ווייזט אָן אויף די יידישע מקורים פון וואַנען דער מחבר האָט געשעפּט און אויך אַז דער מחבר האָט געוואוסט פון אַראַבישע לעגענדעס: צונץ און גאָלדשמידט האַלטן אַז דאָס ספר הישר איז פאַרפאַסט געוואָרן אין שפּאַניע אין 10טן יאָרהונדערט; לויט אַנדערע מיינונגען איז עס פאַרפאַסט געוואָרן אין איטאַליע. דאָס ספר ווערט דערמאָנט דורך אַ ריי ראשונים; דער רמב״ן אויף תורה רופט עס „ספר מלחמות בני יעקב“. — אין תנ״ד (יהושע י׳) ווערט צוויי מאָל דערמאָנט אַ „ספר הישר“, וואָס האָט אַנטהאַלטן, ווייזט אויס, העלדן־שירים, און עס איז פאַרלוירן געגאַנגען.

היתר

היתר זע „איסור“, און „הוראה“.

הכנסת אורחים

הכנסת אורחים (אויפנעמען אורחים); מיטן וואָרט „אורח“ ווערט פאַרשטאַנען אַ פרעמדער, געוויינלעך אַן אָרעמער פרעמדער, וועמען מען דאַרף געבן צו עסן און אַ געלעגער; אין דער משנה פאה א׳ ווערט די מצוה פון הכנסת אורחים פאַררעכנט אַלס אַ זייער גרויסע, און אין שבת קכ״ז ווערט געזאָגט „גדולה הכנסת אורחים יותר מקבלת פּני שכינה“ (אַז דאָס אויפנעמען אורחים איז גרעסער ווי אויפנעמען גאָט); אין משנה אבות פּרק א׳ ווערט געלערנט „יהי ביתך פּתוח לרוחה“ (דיין הויז זאָל זיין אָפן ברייט); ווערטער וועגן דער וויכטיקייט פון הכנסת אורחים זענען פאַראַן זייער פיל סיי אין דער גמרא סיי אין די שפּעטערדיקע ספרים; אין אַ סך יידישע קהלות זענען געווען באַזונדערע חברות, „הכנסת אורחים“, וואָס האָבן געזאָרגט פאַר די אָנגעקומענע פרעמדע אָרעמעלייט, און יעדן פרייטאָג־צונאַכטס אין שול פלעגן די דאָווענערס אַהיימנעמען צו זיך אורחים אויף שבת; אין די פאָלקס־סיפּורים געפינט מען פיל דערציילונגען וועגן גרויסע מכניסי אורחים און ווי דערפאַר האָט זיי גאָט באַלוינט.

הכנסת כלה

הכנסת כלה (חתונה מאַכן מיידלעך), איינע פון די רעליגיעזע צדקה־טעטיקייטן ביי יידן פון די אַלטע צייטן (משנה פאה א׳); דער ירושלמי אין גטין פּרק ג׳ זאָגט (לויט איין טייטש), אַז מען דאַרף מקיים זיין די מצוה פון הכנסת

כלה אויך פון נישט־יידישע מיידלעך „מפני דרכי שלום" (פאר שלום וועגן); אין פיל יידישע קהלות זענען געווען פרויען־חברות פון הכנסת כלה וואס האבן אונטערשטיצט ארעמע כלה־מיידלעך מיט געלט.

הכשרה זע „חלוץ".

הלוי — 1) יוסף (1827 — 1917) אין פאריז; בארימטער געלערנטער אריענטאליסט, פארעפנטלעכט וויכטיקע ביכער אין פראנצויזיש איבער סעמיטאלאגיע. געווען אין די יארן 1868 — 1870 אין אבעסיניע, שטודירט די פאלאשן (יידישער שבט אין אבעסיניע), פארעפנטלעכט זייער סידור; געשריבן אויך מאמרים און שירים אין העברעאיש („מחברת מליצה ושיר", ירושלים 1895, מאמרים און שירים אין „המגיד" און אנדערע זשורנאלן); געווען א נאציאנאלער ייד און א חובב־ציון. — 2) יצחק אייזיק הלוי (געבוירן אין ווילנע 1843 — געשטארבן אין פראנקפורט 1914), געלערנטער פארשער אין חכמת ישראל, מחבר פון די 5 בענדער „דורות הראשונים" (צוויי זענען דערשינען נאך דעם מחברס טויט), וועלכע ווארפן־אום פיל פון די מיינונגען פון קראכמאל, פראנקל, גרעץ, וייס, וועגן דער געשיכטע אין דער צייט פון משנה, גמרא און רבנן סבוראי און תקופת הגאונים; הלוי איז געווען אן ארטאדאקסישער ייד און האט אין זיינע ספרים זיך באמיט אויפצואווייזן, אז די טראדיציע וועגן דער עלטערער אפשטאמונג פון דער תורה שבעל פה איז א ריכטיקע און אז דער סדר המשנה איז געווען שוין פון גאר אלטע צייטן. — 3) יהודה הלוי, זע זוכווארט „יהודה הלוי".

הלוית המת זע „לויה".

הלכה דער טייטש דערפון איז א דין, אן אנטשיידונג; שטאמט פון ווארט „הלך", „גיין", און „הלכה" זאל האבן די באדייטונג פון „לעבנס־גאנג", „איינגעפירטער לעבנס־וועג", און דערפון אויך „געזעץ", דין. — די גאנצע משנה און גמרא ווערט געוויינלעך איינגעטיילט אין 2 טיילן, אין „אגדה", וואס נעמט ארום עטישע לערעס, סיפורים און אנדערע ענלעכע לערעס (זע זוכווארט „אגדה", אין וועלכן מיר געבן אן אויספירלעכע אפהאנדלונג וועגן אגדה), און הלכה, וואס נעמט ארום די געזעצן, די דינים, סיי פון איסור והיתר סיי פון געלט־זאכן, סיי פון פאמיליע־לעבן, שבת־ און יום־טוב, און איבערהויפט פון אלע מצוות און וואס זאגט, וואס דער ייד מעג טאן און וואס ער טאר נישט טאן. עס איז ריכטיק אז מיר געפינען טיילמאל אין דער גמרא דעם אויסדרוק „הלכה" אויך וועגן אן אגדה־ענין (סנהדרין ק"ד און אנדערע ערטער); אבער אין אלגעמיין הייסט הלכה נאר א דין וועגן „געבאט" און „פארבאט", וואס מען מעג אדער מען דארף טאן און וואס מען טאר נישט אדער מען דארף נישט טאן. אין דער גמרא האט מען באצייכנט מיטן נאמען הלכה געוויינלעך נאר דעם ענדגילטיקן רעזולטאט פון דער גאנצער שקלא וטריא, פון די אלע קשיות און תירוצים און ער ווערט אויסגעדריקט מייסטנס אין אראמעאיש „והלכתא", „און די הלכה איז", אז מען מעג אדער אז מען טאר נישט, אדער ווי דער צי יענער אמורא האט געזאגט (אין יבמות ל"ו „הלכתא כריש לקיש", און אנדערע ערטער); אין קידושין מ"ט האבן מיר דעם דייטלעכן אונטערשיד צווישן הלכה, דאס הייסט דעם ענדגילטיקן פסק־דין, און „מדרש", דאס הייסט דאס ארויסדרינגען פון פסוק ווי אזוי דער פסק־דין דארף זיין; אין מגילה כ"ח

ווערט געזאָגט, אַז „כל השונה הלכות מובטח לו שהוא בן עולם הבא" (ווער עס לערנט הלכות איז פאַרזיכערט, אַז ער וועט האָבן עולם הבא); עס זענען, ווייזט אויס, געווען אין די צייטן פון דער גמרא אַזעלכע וואָס האָבן געפּרוּווט פאַר זיך אויפשרייבן די הלכות, וועלכע מען האָט דעמאָלט געלערנט נאָר אויסנווייניק; קעגן דעם זאָגט די גמרא תמורה י"ד „אי אתה כותב הלכות" (מען טאָר ניט אויפשרייבן קיינע הלכות); די גמרא תמורה י"ד זאָגט „כותבי הלכות כשורפי תורה" (ווער עס שרייבט אויף הלכות איז ווי ער וואָלט פאַרברענט די תורה). — עס זענען געווען הלכות וועגן וועלכע מען האָט געהאַלטן, אַז הגם מען קאָן זיי נישט אָפּלערנען פון קיין פסוק אין דער תורה אָבער זיי זענען „הלכה למשה מסיני" (זיי זענען געגעבן געוואָרן צו משה רבנו אויפן באַרג סיני, משנה פאה פרק ב' און פיל אַנדערע ערטער אין דער גמרא). — די הלכה איז דער יסוד פון דעם גאַנצן יידישן רעליגיעזן לעבן, און זי איז דער אינהאַלט פון גרעסטן טייל ספרים אויך פון נאָך דער משנה און גמרא ווי די תשובות הגאונים, הלכות גדולות, „רי"ף" (רבי יצחק אלפסי), רמב"ם (רבנו משה בן מימון), רא"ש (רבי אשר), טורים, שלחן ערוך, ביז די לעצטע הלכות-זאַמלונגען פון די אחרונים. געוויינלעך איז אָנגענומען, אַז ווען אַז אחרון (זע „אחרונים") איז מחולק אין אַ הלכה קעגן אַ „ראשון" (זע „ראשונים") בלייבט די הלכה ווי דער אחרון, ווייל ער האָט דאָך געזען אויך וואָס דער ראשון האָט געזאָגט און ער האָט מסתמא געהאַט אויף אַן אַנדערן ראשון זיך צו שטיצן. — די הלכה רעגולירט דאָס גאַנצע לעבן פון פרומען ייד, איז אַלע זיינע מעשים און לעבנס-אויפירונגען; די הלכה האָט געלייגט דעם חותם אויפן לעבן פון יידישן פאָלק אין פאַרלויף פון טויזנטער יאָרן און האָט געשאַפן דעם פרום-יידישן לעבנס-שטייגער. זע חיים טשערנאָווייטשעס „תולדות ההלכה". — זע „אגדה".

הלכות גדולות נאָמען פון אַ ספר פון דינים און הלכות, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אין בבל אין 8טן יאָרהונדערט; צווישן די אַמאָליקע מפרשים און אויך מאָדערנע געלערנטע פאָרשער פון חכמת ישראל איז פאַראַן אַ מיינונגס-פאַרשידנהייט וועגן דעם מחבר און אויך וועגן דער צייט, ווען דאָס ספר איז פאַרפאַסט געוואָרן; אַזעלכע אַמאָליקע מפרשים ווי רש"י, רשב"ם און אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז דער מחבר איז רב יהודאי גאון; אַנדערע (רב שרירא גאון אין זיין באַרימטן „אגרת" און אַנדערע) האַלטן אַז דער מחבר איז געווען רב שמעון קיירא, און אַז רב יהודאי האָט פון אים גענומען מחבר צו זיין אַן אַנדער זאַמלונג פון הלכות מיטן נאָמען „הלכות פסוקות"; הלוי אין „דורות הראשונים" האַלט, אַז רב שמעון קיירא האָט נאָר גענומען פון רב יהודאי גאונס ספר; זיכער איז נישט קיינע פון די מיינונגען. — דער „הלכות גדולות", ווי אויך די אַנדערע הלכות-זאַמלונגען פון יענער גאונים-צייט ווי די „הלכות פסוקות" און „הלכות ראו" האָבן אַ גרויסן ווערט אויך פאַר דער יידישער געשיכטע-פאָרשונג, ווייל זיי זענען כמעט די ערשטע ספרים, וואָס זענען געקומען צו אונז פון דער צייט פון נאָך דער גמרא; דער הלכות גדולות איז אַרומגעגאַנגען אין צוויי נוסחאות: אַ פאַרקירצטער, וועלכער איז געווען פאַרשפּרייט אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד, און אַ גרויסער, וועלכער איז געווען פאַרשפּרייט אין שפּאַניע; דער „הלכות גדולות" איז צוערשט געדרוקט געוואָרן אין ווענעציע 1548, און אין דער לעצטער צייט אין בערלין 1890 דורך הילדעסהיי-

מער מיט אַן איינלייטונג. — זע „יהודאי גאון“, „שמעון קיירא“.

הלל (לעז „האַלעל“). דער טייטש איז „לויב“, און מען באַצייכנט דערמיט לויב־תפלות (עזרא ג׳ „בהלל ובהודות“, מיט לויב־תפלות און מיט דאַנק־תפלות), מיטן נאָמען „הלל“ האָט מען אָנגערופן די קאַפּיטלעך תהלים פון קי״ג (הללויה) ביז קי״ח, און זיי זענען אַזוי גערופן געוואָרן אין דער צייט פון משנה און גמרא; אין תענית כ״ח ווערט געזאָגט, אַז הלל דאַרף מען זאָגן אין ארץ־ישראל די 8 טעג סוכות, 8 טעג חנוכה, ערשטן טאָג פּסח און ערשטן טאָג שבועות; אין אַנדערע לענדער ניין טעג סוכות, ביידע ערשטע טעג פּסח און ביידע טעג שבועות. אָבער עס איז איינגעפירט אַ מנהג צו זאָגן „האַלב״־הלל (דאָס הייסט מען לאָזט אַדורך דאָס האַלבע קאַפּיטל קט״ו פון „לא לנו“ ביז מגינם הוא“ און דאָס האַלבע קאַפּיטל קט״ז פון אהבתי ביז כוזב) ראש חודש און חול המועד פּסח און שביעי און אחרון של פּסח. הלל ווערט אויך געזאָגט פּסח ביינאַכט ביים סדר; חסידים זאָגן הלל פּסח ביינאַכט אין בית המדרש נאָכן מעריב־דאַווענען; פאַרן הלל זאָגן מאַכט מען אַ ברכה „לקרוא את ההלל“ (געבענטשט זאָל זיין גאָט וואָס האָט אונדז געהייסן זאָגן הלל); צום סוף הלל זאָגט מען „יהללוך“ און מען פאַרענדיקט מיט דער ברכה מהולל בתשבחות; ווערט געבראַכט אין פּסחים קי״ח און הייסט „ברכת השיר“. — דאָס קאַפּיטל תהלים קל״ו „הודו לה׳ “ ווערט אָנגערופן אין גמרא פּסחים קי״ח „הלל הגדול“.

הלל הזקן נאָמען פון איינעם פון די גרעסטע מענער אין דער יידישער געשיכטע, געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון דער צייט פון 2טן בית־המקדש איז ארץ־ישראל, געווען נשיא פון סנהדרין, געפירט מיט דער ישיבה, וואָס האָט געהייסן „בית הלל“, און זיינע לערעס זענען דער יסוד פון דער משנה און גמרא, און זיינע מאָראַלישע לערעס זענען דער יסוד פון דער יידישער רעליגיעזער עטיק; הלל איז געבוירן געוואָרן אין בבל (סוכה כ׳ און אַנדערע ערטער „עלה הלל מבבל“, הלל איז געקומען קיין ארץ־ישראל פון בבל); ווען ער איז געבוירן געוואָרן איז שווער צו זאָגן; אין „ספרי“ סדרה ברכה ווערט געזאָגט אַז הלל האָט געלעבט 120 יאָר, און ווען ער איז געקומען פון בבל איז ער אַלט געווען 40 יאָר, נאָכער האָט ער געלערנט 40 יאָר, און דערנאָך איז ער געווען נשיא 40 יאָר; צוליב דעם, וואָס אין דער גמרא שבת ט״ו ווערט געזאָגט אַז הלל איז געוואָרן נשיא 100 יאָר פאַרן חורבן פון 2טן בית המקדש, קומט אויס, אַז ער איז געבוירן געוואָרן 180 יאָר פאַרן חורבן, דאָס הייסט 112 יאָר פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג; טייל געלערנטע פאָרשער האַלטן, אַז די צאָל 120 איז נישט קיין פּינקטלעכע; הלל האָט געשטאַמט פון אַ משפּחה, וואָס האָט זיך מתייחס געווען צו דוד המלך (ירושלמי תענית פ״ד און אַנדערע ערטער); ער האָט אין ארץ־ישראל געלערנט ביי שמעיה ואבטליון, ווי מיר געפינען אין משנה פּרקי אבות א׳ און אַנדערע ערטער פון דער משנה; אין דער גמרא יומא ל״ה ווערט דערציילט, אַז הלל איז דעמאָלט געווען אָרעם און ער האָט געאַרבעט צו פאַרדינען זיין ברויט, און אַ טייל פון פאַרדינסט האָט ער אָוועקגעגעבן פאַרן לערנען; דעם הויכן אַמט פון נשיא האָט הלל איבערגענומען פון די חכמים בני בתירה (פּסחים ס״ו), און ער האָט אָוועקגעשטעלט דאָס סנהדרין און זיין געגרינדעטע ישיבה אַזוי הויך, אַז די גמרא אין סוכה כ׳ זאָגט, דאָס די תורה

וואלט געווען פארגעסן געווארן פון יידן, ווען נישט הלל, וועלכער איז געקומען פון בבל און ער האט איר באנייט; ער האט איינגעפירט די מידות, מעטאדן, לויט וועלכע מען לערנט ארויס די הלכות פון די פסוקים אין דער תורה; ער האט דורך זיין ישיבה, די „בית הלל״, פעסטגעשטעלט א סך הלכות, וועגן וועלכע עס זענען געווען מחלוקות; ער האט אויסגעדריקט דעם באקאנטן עטישן יסוד פון יידנטום, זאגנדיק צו א גר, אז „„דעלך סני לחברך לא תעביד״ (וואס דו האסט נישט ליב, זאלסטו נישט טאן א צווייטן) איז דער יסוד פון דער גאנצער תורה. און אלץ איבעריקע איז א פירוש צו דער דאזיקער לערע (שבת ל״א). — די ווערטער פון הלל וועגן מאראל און מדות טובות זענען פארשפרייט איבער משנה און גמרא. אין פרקי אבות א׳ זאגט הלל „זיי פון די תלמידים פון אהרן. האב ליב שלום און יאג זיך נאך שלום. האב ליב די מענטשן און זיי זיי מקרב צו לערנען. אין פרקי אבות ב׳ ווערט דערציילט ווי הלל האט געזען א קאפ שווימען אויפן וואסער און ער האט צו אים געזאגט: „ווייל דו האסט אנדערע דערטרונקען האט מען דיך דערטרונקען, און דיינע דערטרינקער וועלן אויך דערטרונקען ווערן״ (על דאטפת אטפוך וסוף מטייפיך יטופון); זיין עניוות און סבלנות נישט צו ווערן אין כעס איז געווען באקאנט (שבת ל״א); הלל האט מתקן געווען א ריי תקנות, וואס זענען נויטיג געווען, ווי „פרוזבול״ (זע „פרוזבול״) און אנדערע: הלל איז געווען דער שטאם־פאטער פון דער נשיאים־דינאסטיע, וואס האט ארויסגעגעבן נשיאים עטלעכע הונדערט יאר. — הללס חבר אין די סנהדרין איז געווען שמאי, מיט וועמען ער פלעגט האבן מיינונגס־פארשידנקייטן אין הלכות; אויך זייערע ישיבות, די „בית הלל״ און „בית שמאי״ זענען געווען צווישן זיך מחולק וועגן א סך הלכות. און מיר געפינען אין דער משנה זייער אפט די מחלוקת פון „בית הלל״ און „בית שמאי״ (אמייסטן אין מסכתא „עדיות״); אבער כמעט שטענדיק האט מען געפסקנט ווי די בית הלל; אין אלגעמיין האבן די בית־הלל געפסקנט די הלכה לקולא, גרינגער צו מאכן, מיטן אויסנאם פון עטלעכע פאלן (אין משנה ביצה ערשטן פרק און עדיות); עס איז פאראן א מיינונג אז דער נאמען פון הלל ווערט געבראכט דורכן היסטאריקער פון חורבן הבית יוסף פלאוויוס אין „אלטערטימער״ בוך 15, קאפיטל 10, וואו ער זאגט אז ווען הורדוס המלך האט איינגענומען ירושלים און ער האט דערמארדעט א סך יידן, האט ער פונדעסטוועגן מכבד געווען די צוויי פרושים „פאליא און סאמעאס זיין תלמיד״; עס איז פאראן א גרויסע מיינונגס־פארשידנקייט ביי די געלערנטע פארשער (פראנקל, דערנבורג, גרעץ, וייס, הלוי אין „דורות הראשונים״), צי מען מיינט דערמיט הלל ושמאי, צי שמעיה ואבטליון, צי אבטליון און שמאי. — זע „תולדות תנאים ואמוראים״ פון היימאן, ערך „הלל״.

הלל דער צווייטער אמורא אין ארץ־ישראל אין 2טן דור פון אמוראים (אנהויב 3טן יארהונדערט), זון פון רבן גמליאל הנשיא, אייניקל פון רבן יהודה הנשיא מסדר פון דער משנה; טייל מיינען אז ער איז דער הלל פון משנה פרקי אבות פרק ב׳, וואס האט געזאגט צום שווימענדיקן קאפ „על דאטפת אטפוך״ (זע „הלל הזקן״) און די אנדערע ווערטער ווי „מרבה נכסים מרבה דאגה״ (וואס מעהר איינער פארגרעסערט זיינע פארמעגנס, אלץ מער זארג האט ער); פון דאזיקן הלל איז פאראן אין סנהדרין צ״ט האס געוואגטע ווארט „אין להם

משיח לישראל" (יידן האָבן נישט קיין משיח), און דער אמורא רב יוסף טרעט אַרויס קעגן אים דערפאַר; רש"י טייטשט אַז דאָס מיינט מען, אַז גאָט אַליין וועט די יידן אויסלייזן.

הלל דער דריטער געווען נשיא אין ארץ־ישראל אין 4טן יאָרהונדערט, דער לעצטער נשיא; געלעבט אין סוף 4טן יאָרהונדערט; ער ווערט נישט דערמאָנט אין דער גמרא׳ נישט אין בבלי און נישט אין ירושלמי; נאָר עס איז פאַראַן אַן אַלטע טראַדיציע (ווערט געבראַכט אין פירוש רמב"ן אויף גטין פרק השולח), אַז ער האָט אָפגעשאַפט דעם דין פעסטצושטעלן יעדן ראש חודש „על פי ראיה", לויט עדות וואָס האָבן געזען די נייע לבנה; הלל האָט דאָס אָפגעשאַפט און האָט פעסטגעשטעלט דעם לוח לויט חשבון, אויסרעכענונג, און אַזוי האָט ער איינגעפירט דעם לוח אויף אַלע צייטן; דאָס איז געווען אין יאָר ד׳ אלפים קי"ח; דעמאָלט איז אויך בטל געוואָרן דאָס סנהדרין און דאָס נשיאות־אַמט אין ארץ־ישראל; לויט דער מיינונג פון געלערנטן פאָרשער פראַנקל (אין „מבוא הירושלמי") ווערט הלל געבראַכט אין אַ בריוו פון רוימישן קייזער יוליאַן, וועלכער שרייבט צו הלל „ברידער יולאַן דער נשיא". — זע „קאַלענדאַר".

המבדיל זע „הבדלה".

המאסף ערשטער העברעאישער מאָנאַט־זשורנאַל, געגרינדעט אין קעניגסבערג 1784 דורך די ערשטע משכילים, נאָכער דערשינען אין בערלין, אַלטאָנאַ, דעסוי מיט פאַרשידענע הפסקות ביז יאָר 1829; די עפּאָכע פון די ערשטע משכילים ווערט אויך אָנגערופן „די צייט פון המאסף"; אין זשורנאַל האָבן זיך באַטייליגט די אָנגעזעענסטע השכלה־שריפטשטעלער ווי מענדלסאָן, ווייזעל, שלמה מיימון, בן זאב, אייכעל און אַנדערע; ער האָט פאַרשפרייט ליבע צו העברעאיש און צו וועלטלעכער בילדונג.

המוציא זע „ברכות".

המליץ העברעאישע טאָג־צייטונג אין רוסלאַנד (פעטערבורג), געגרינדעט דורך אַלעקסאַנדער צעדערבוים (ארז) אין יאָר 1860 אַלס וואָכנבלאַט, נאָכער דערשינען טעגלעך; פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען פון די אָנגעזעענסטע העברעאישע שריפטשטעלער (אחד העם, י. ל. גאָרדאָן און אַנדערע); געווירקט לטובת ציון־באַוועגונג; אויפגעהערט דערשיינען 1904.

המן אַנטיסעמיטישער מיניסטער אין פערסיע ביים קעניג אחשורוש אין דער צייט פון אָנהויב בית־שני; דער סיפור פון המן בן המדתא האגגי ווערט דערציילט אין מגילת אסתר, ווי המן איז געוואָרן דער ראש השרים ביי אחשורוש, און ווייל מרדכי האָט זיך צו אים נישט געבוקט׳ האָט ער באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין אין אַלע יידן, און ער האָט אַרויסבאַקומען ביים קעניג דעם באַפעל צו פאַרניכטן די יידן דעם 14טן אדר, און ווי אונטער דער ווירקונג פון אסתר המלכה איז די גזירה אָפגעשאַפט געוואָרן, און המן און זיינע 10 זין האָט מען אויפגעהאָנגען; אין אָנדענק פון דעם געשעעניש האָט מען געמאַכט דעם יום־טוב פורים. — המן איז געוואָרן דער סימבאָל פון יעדן יידן־פיינט, וועלכן מען רופט המן־הרשע; די דריי־קאַנטיקע קיכלעך מיט מאָן רופט מען „המן־טאַשן"; דעם גרעגער מיט וועלכן מען קלאַפט אין שול ביים לייענען די מגילה רופט מען אויך „המן־קלאַפער". — זע „פורים".

הן צדק לייכטע פאָרם פון אַ שבועה; מען באַנוצט ניט די פאָרם פון אַ שבועה

נאָר מען זאָגט „בהן צדק'' („מיט דעם ריכטיקן יאָ''), און ווערט באַנוצט דורך אַזעלכע פרומע יידן, וועלכע ווילן ניט שווערן.

הסיבה, הסב-בעט זע „סדר''.

הסכמה נאָמען פון רעקאָמענדאַציע־בריוו, וואָס ווערט געשריבן דורך רבנים אויף אַ ספר, אַז דאָס ספר איז גוט און מען דאַרף עס פאַרעפנטלעכן; די ערשטע הסכמה איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אויף דעם ספר „האגור'' אין נעאַפּאָל 1487-92; מיט דער צייט איז אין די הסכמות אויך פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן איסור, אַז קיין אַנדערער טאָר נישט איבער דרוקן דאָס ספר אין פאַרלויף פון אַ געוויסער צייט; שפּעטער איז איינגעפירט געוואָרן אַז מען טאָר איבערהויפּט נישט דרוקן קיין ספר אָן אַ הסכמה, און אַ תקנה וועגן דעם איז אָנגענומען געוואָרן אויף אַ זיצונג פון ועד הקהלות אין פעראַרא (איטאַליע) 1554; פון דעמאָלט אָן זענען כמעט אַלע ספרים געדרוקט מגט הסכמות פון רבנים; שמואל ווינער האָט אין זיין ביבליאָגראַפישן ספר „קהלת משה'' אָנגעגעבן ביי דער רשימה פון יעדן ספר אויך די פאַרעפנטלעכטע הסכ־מות.

הספד רעדע וואָס מען זאָגט צום שבח פון אַ פאַרשטאָרבענעם; געוויינלעך ווערט דער הספד געהאַלטן פאַר דער קבורה פון מת, אין דער וואוינונג פון פאַרשטאָרבענעם, אין שול אָדער ביים קובר זיין; אָפּט טרעפט אויך אַז מען האַלט דעם הספד אין אַ צייט שפּעטער: און נישט נאָר אין דער שטאָט פון פאַר־שטאָרבענעם, נאָר אויך אין אַנדערע שטעט; דאָס וואָרט „ספד'' צו באַקלאָגן אַ פאַרשטאָרבענעם געפינען מיר שוין אין תנ''ך, ביי אברהם אבינו „לספד לשרה'' (בראשית כ''ג), ביי יעקב (בראשית ג') און אין אַנדערע תנ''ך־ספרים; אָבער אין די אַלע ערטער איז נישט צו זען דאָס וואָרט אין דער באַדייטונג פון „האַלטן אַ רעדע''; די ערשטע רעדע געפינען מיר אין שמואל ב' א' וואָס דוד האָט גע־האַלטן נאָכן טויט פון שאול און זיינע קינדער; אין קהלת י''ב געפינען מיר שוין אַ באַזונדערע באַצייכענונג פאַר די יואָס האַלטן די הספּדים „וסבבו בשוק הסופדים („און עס וועלן זיך אַרומדרייען אין גאַס די קלאָגערס), הגם עס איז ניט דאָ קלאָר, צי מיטן וואָרט „סופדים'' מיינט מען רעדע־האַלטערס, צי סתם „קלאָגערס''; אין דער גמרא געפינען מיר שוין דייטלעך דעם כאַראַקטער פון הספד, און די גמרא ברכות ס''ב זאָגט „כשם שנפרעין מן המתים כך נפרעין מן הספ־דנים'' (פונקט ווי מען באַשטראָפט די מתים אויב מען זאָגט וועגן זיי נישט־פאַרדינטע שבחים, אַזוי באַשטראָפט מען אויך די ספדנים, אויב זיי זאָגן נישט־פאַרדינטע שבחים וועגן די פאַרשטאָר־בענע); אין מועד קטן כ''ה און אַנדערע ערטער אין גמרא געפינען מיר נוסחאות פון הספדים־רעדעס; אין סוכה כ''ט ווערט געזאָגט, אַז אויף דער וועלט קומט אַ שטראָף פאַר נישט מספיד זיין ווי גע־הערט אַ גרויסן מאַן; אין סנהדרין מ''ו ווערט געזאָגט, אַז דער הספד איז „יקרא דחיי'', דער כבוד וואָס מען גיט אָפּ די לעבן־געבליבענע; פאַראַן טעג ווען מען איז נישט מספיד; אין די פאַרשידענע דרשות־ספרים זענען געוויינלעך פאַראַן געדרוקט הספדים וואָס זענען געהאַלטן געוואָרן נאָכן טויט פון אָנגעזעענע רב־נים. — דער געלערנטער יעלינעק אין ווין האָט אָפּגעדרוקט אַ קונטרס „המספיד'' מיט אַ רשימה פון גרעסטן טייל ספרים מיט הספדים, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן ביז זיין צייט.

הסתדרות דער טייטש אין מאָדערנעם העברעאיש פון וואָרט „הסתדרות" איז „אָרגאַניזאַציע"; אין ארץ־ישראל זענען פאַראַן אַ סך געזעלשאַפטן מיטן נאָמען „הסתדרות"; אָבער מיט סתם „הסתדרות" מיינט מען די הסתדרות הכללית של העובדים העברים בארץ ישראל", די „אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע פון די יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל; מען רופט איר סתם „הסתדרות (לעז „היסטאַדרוט"), מיטן אַקצענט אויף „רוט"); זי איז געגרינדעט געוואָרן חנוכה תרפ"א (1920) אויף דעם אַרבעטער־צוזאַמענפאָר אין חיפה; איר אויפגאַבע איז צו פאַרייניקן אַלע יידישע אַרבעטער אין ארץ־ישראל און צו באַזאָרגן אַלע זייערע ווירטשאַפטלעכע און קולטורעלע אינטערעסן. די הסתדרות נעמט אַרום מיט איר טעטיקייט אַלע געביטן אין ארץ־ישראל־לעבן: האָט באַזאָרגן די אַנקומענדע אַרבעטער מיט אַרבעט, קאָלאָניזאַציע, אויסלערנען פאַכן, הילף פאַר קראַנקע („קופת חולים"), אַרבעטלאָזן הילף, קאָאָפּעראַטיווע באַזאָרגונג פון קויפן און פאַרקויפן פּראָדוקטן („משביר", „תנובה"), פאַרזיכערונגס־אַרבעט („הסנה"), באַנק־וועזן („בנק הפּועלים"), קולטור („ועדת התרבות"), ספּאָרט („הפּועל"), בויען אייגענע וואוינונגס־הייזער („שיכון"); די צאָל מיטגלידער איז איצט, אין 1942, איבער 130 טויזנט; יעדער מיטגליד צאָלט אַ באַשטימטן אָפּצאָל. — אחוץ דער אַלגעמיינער „הסתדרות" איז פאַראַן אין ארץ־ישראל די „הסתדרות העובדים הלאומית", וואָס גרופּירט אַרום זיך די רעוויזיאָניסטישע אַרבעטער, געגרינדעט 1934, ציילט בײַ 8,000 מיטגלידער. — דער צייטונגס־אָרגאַן פון דער אַלגעמיינער „הסתדרות" איז די טאָג־צייטונג „דבר". — זע „הפּועל המזרחי".

העברעאיש די באַצייכענונג פאַר דער העברעאישער שפּראַך (פון וואָרט „עברית"), וואָס ווערט אָנגערופן אויך „לשון־קודש"; די העברעאישע שפּראַך געהערט צו דער דרום־גרופּע פון די סעמיטישע שפּראַכן, צו וועלכע עס געהערן אויך אַראַמעאיש, אַראַביש, דאָס אַלטע אַסיריש (שפּראַך פון אשור) און מיט וועלכע העברעאיש האָט אַ סך בשותּפותדיקע אייגנשאַפטן, ווערטער־וואָרצלען, בוי־כללים. אין העברעאיש איז פאַרפאַסט כמעט גאַנץ תנ"ך (מיטן אויסנאַם פון טייל דניאל, טייל עזרא, אַ פּסוק אין ירמיה און צוויי ווערטער אין חומש בראשית), כמעט גאַנץ משניות, און אויך אַ גרויסער טייל פון דער גמרא און מדרשים, און פיל שפּעטערדיקע ספרים. אין תנ"ך הייסט העברעאיש איינמאָל „שפת כנען" (ישעיה י"ט) און איינמאָל „יהודית" (מלכים ב' י"ח); דעם נאָמען „עברית" געפינען מיר אין משנה גטין פרק ט' „גט שכתבו עברית ועדיו יונית" (אַ גט, וואָס מען האָט געשריבן אין העברעאיש און די עדות האָבן זיך געחתמעט אין גריכיש), ידים פרק ד' „תרגום שכתבו עברית"; דאָרט געפינען מיר אויך דעם אויסדרוק פון „כתב עברי", מיט וועלכן מען פאַצייכנט דעם גאַר אַמאָליקן העברעאישן אלף בית, וועלכער איז שפּעטער אין דער צייט פון בית שני פאַרטערטן געוואָרן מיט אונדזער היינטיקן (מיט ענדערונגען) אלף־בית, וועלכער טראָגט דעם נאָמען כתב אשורי. — עס איז זיכער אַז אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש האָבן די יידן אין ארץ־ישראל גערעדט העברעאיש, ווי מיר זעען עס פון ספר מלכים ב' י"ח, אַז זיי האָבן אַראַמעאיש נישט פאַרשטאַנען; אין דער צייט פון 2טן בית־המקדש האָט אַ גרויסער טייל פון די יידן אין ארץ־ישראל שוין גערעדט אַראַמעאיש; דאָס

זעט מען פון די פארשידענע אלטע הלכות־זאצן (עדיות פ"ה פון יוסי בן יועזר), וועלכע זענען געשריבן געווארן אין אראמעאיש; אבער א גרויסער טייל יידן האט אויך דעמאלט גערעדט העברעאיש; צום סוף פון 2טן בית־המקדש האבן כמעט אלע יידן אין ארץ־ישראל גערעדט אראמעאיש, און נאר אין געציילטע יידישע הייזער האט מען גערעדט העברעאיש זאגאר שפעטער; אין מגילה י' געפינען מיר אז אין הויז פון רבי יהודה הנשיא דעם מסדר פון דער משנה, האט מען גערעדט העברעאיש אזוי אז די אמת דרבי, די דינסט, האט אויך גערעדט העברעאיש; רבי יהודה הנשיא האט אויך געהאלטן, אז מען דארף אויפהערן רעדן אראמעאיש און רעדן „לשון הקודש" (בבא קמא פ"ב); פון דער צייט פון דער משנה האבן מיר די באצייכענונג פון לשון הקודש (הייליקע שפראך) פאר העברעאיש; די תוספתא (חגיגה פרק א') זאגט, אז מען דארף לערנען דעם קינד לשון הקודש; דער ירושלמי שקלים פרק ג' זאגט אז ווער עס רעדט אויף לשון הקודש וועט האבן עולם הבא. — די משנה איז געשריבן אויף העברעאיש מיט געוויסע סטיליסטישע און ווערטער־ענדערונגען און אויך ניי־געשאפענע נייע ווערטער, וועלכע זענען געווען בויגזאמער און בעסער צום באנוצן; א גרויסער טייל פון דער גמרא, באזונדערס די „מימרות", די פסק־הלכות, און אויך א סך אגדה־ווערטער זענען געשריבן אין משנה־העברעאיש; דאס זעלבע איז אויך מיט מדרשים; אין דער גמרא חולין קל"ח ווערט געמאכט דער אונטערשיד צווישן דעם תנ"ך־העברעאיש, „לשון תורה", און דער משנה־שפראך „לשון חכמים"; אויך כמעט אלע תפלות זענען אין העברעאיש; די שפעטערע ספרים נאך דעם תלמוד זענען א טייל געשריבן געווארן אראמעאיש (טייל תשובות פון די גאונים און אנדערע), טייל ריין העברעאיש ווי דעם רמב"מס משנה תורה און אנדערע, טייל אראביש (רב סעדיה גאונס אמונות ודעות, דעם רמב"מס פילאזאפישע ספרים, פירוש המשניות און אנדערע), און טייל א געמישטע העברעאיש און אראמעאיש צוזאמען (די פירושים פון רש"י, תוספות און שפעטער די שאלות ותשובות פון רבנים). אין בריוו פלעגן יידן אמייסטן נוצן העברעאיש. די ליטעראטור שאפונגען, ווי שירים (אין דער גאלדענער צייט פון שפאניע, רבי שמואל הנגיד, די אבן עזראס, רבי שלמה בן גבירול, רבי יהודה הלוי און אנדערע) זענען כמעט אלע געשריבן געווארן אין דער העברעאישער שפראך; פון דער צייט פון די גאונים אן האט מען אויך אנגעהויבן פארשן העברעאיש גראמאטיקאליש און סטיליסטיש. עס איז אנטשטאנען א פארצווייגטע העברעאישע גראמאטיק, דקדוק (זע זוכווארט „דקדוק"); אין די שפעטערע יארהונדערטער איז די העברעאישע שפראך שטארק פארנאכלעסיגט געווארן. — א געוויסע אויפלעבונג האט זיך אנגעהויבן מיט דער עפאכע פון השכלה אין 18טן יארהונדערט, ווען די ערשטע משכילים (מענדלסאן, וויזל, אייכעל און אנדערע) האבן אלס זייער ציל געשטעלט די אויפלעבונג פון העברעאיש; אבער עס איז אנטשטאנען א מיינונגס־פארשידנקייט, צי מען דארף זיך האלטן ביים „ריינעם" העברעאיש פון תנ"ך, אדער מען מעג זיך באנוצן אויך מיט דער משנה־שפראך און שאפן נייע ווערטער; געזיגט האט די צווייטע שיטה פון די „פארברייטערער"; די נייע העברעאישע ליטעראטור, הויפטזעכלעך אנהייבנדיק פון מענדעלע מוכר ספרים, גארדאן, איז געשטאנען אונטער דעם צייכן פון פארברייטערן די שפראך

און האָט געשאַפן דעם נייעם סטיל, וואָס
מאַכט העברעאיש פאַר אַ לעבעדיקער
שפּראַך צו באַנוצן זיך מיט איר אָן באַ־
גרענעצונגען. — אין ענדע פון 19טן יאָר־
הונדערט האָט זיך אָנגעהויבן די באַווע־
גונג פון איינפירן רעדן העברעאיש; איי־
נער פון די ערשטע אין דער הינזיכט
איז געווען אליעזר בן יהודה (זע זוכ־
וואָרט „בן יהודה"). היינט ווערט הע־
בּרעאיש גערעדט דורך 80 פּראָצענט יידן
אין ארץ־ישראל, וואו זי איז אין יאָר
1919 אַנערקענט געוואָרן אַלס איינע פון
די 3 אָפיציעלע שפּראַכן (העברעאיש,
אַראַביש, ענגליש) אין לאַנד; אין אַלע
שולן, פון די קינדער־גאָרטנס ביזן או־
ניווערסיטעט, אין ארץ־ישראל איז הע־
ברעאיש די אונטעריכט שפּראַך; עס איז
פאַראַן אין ירושלים דער „ועד הלשון"
וועלכער שטעלט פעסט העברעאישע טער־
מינען פאַר פאַרשידענע באַגריפן און
זאַכן. אויך אין אַנדערע לענדער איז פאַ־
ראַן אַ באַוועגונג צווישן טייל יידן צו
רעדן העברעאיש און אונטעריכטן אין די
יידישע שולן נאָר אין העברעאיש; דאָס
זענען מייסטנס די שולן פון דער „תר־
בות"־אָרגאַניזאַציע. מען אונטערשיידט
די אויסשפּראַך פון העברעאיש פון די
ספרדים און פון די אשכנזים. אין ארץ־
ישראל ווערט באַנוצט די ספרדישע אויס־
שפּראַך (הברה הספרדית). זע „אשכנז".
— די וויסנשאַפטלעכע פאָרשונג פון דער
העברעאישער שפּראַך, וועלכע האָט זיך
אָנגעהויבן אין 11טן יאָרהונדערט דורך רבי
יונה בן גנאח און אַנדערע, האָט אין די
לעצטע 200 יאָר געמאַכט די באַדייטנד־
סטע פאָרשריטן. ס'האָבן זיך באַשעפטיקט
דערמיט אויך אָנגעזעענע קריסטלעכע גע־
לערנטע, צווישן וועלכע דער באַדייטנד־
סטער איז געזעניוס (זע „געזעניוס") און
פאַסט געוואָרן אויספירלעכע ווערטער־
בּיכער, לעקסיקאָנען (געזעניוס, בן יהו־
דהס נישט־פאַרענדיקטער „מלון") אָפּ־
האַנדלונגען, פאַרגלייכונגס־פאָרשונגען
אין באַצוג צו אַנדערע סעמיטישע
שפּראַכן. — וועגן דער העברעאישער לי־
טעראַטור זע „ליטעראַטור". — זע אבֿ־
טעראַטור זע „ליטעראַטור". — זע בן
יהודהס „מלון", 10טער באַנד, וועגן גע־
שיכטע פון העברעאיש.

העלעניזם מיטן נאָמען „העלעניזם"
באַצייכנט מען אין דער געשיכטע די גרי־
כישע שפּראַך און קולטור, וואָס איז פאַר־
שפּרייט געוואָרן אין די מזרח־לענדער,
אין אַפריקע און אַזיע, זינט אַלעקסאַנדער
מוקדון האָט אין יאָר 334 פאַר דער גע־
וויינלעכער צייטרעכענונג מאַרשירט מיט
דער מאַקעדאָניש־גריכישער אַרמיי קעגן
דער אַלט־פּערסישער אימפּעריע און איינ־
גענומען עגיפּטן, ארץ־ישראל, סיריע,
בבל, פּערסיע און מעדיען (פּרס ומדי).
און אַ גרויסן טייל פון אינדיע. פאַראַן
אַ מיינונגס־פאַרשידנקייט צווישן די גע־
לערנטע היסטאָריקער וועגן דער צייט,
ביז ווען ציט זיך די דאָזיקע עפּאָכע פון
העלעניזם. טייל מיינען אַז זי ציט זיך
ביז אינמיטן דעם 1טן יאָרהונדערט פאַר
דער געוויינלעכער צייטרעכענונג, ווען די
רוימער האָבן אָנגעהויבן איינעמען עגיפּ־
טן און לענדער אין אַזיע (אַזוי האַלט
טשעריקאָווער אין זיין בוך „היהודים
והיונים בתקופה ההלניסטית". תל־אביב
תרצ"א); אַנדערע האַלטן אַז זי האָט
זיך געצויגן פיל לענגער, אפשר גאָר ביז
דער צייט פון מאַכמעד אין אָנהויב 7טן
יאָרהונדערט. — אין דער יידישער גע־
שיכטע און קולטור־ענטוויקלונג האָט דער
העלעניזם געהאַט די גאָר גרויסע באַדיי־
טונג און איינפלוס. דער העלעניזם האָט
איינגעפלאַנצט אין ארץ־ישראל און אויך
אין די אַנדערע לענדער פון אַזיע און
אַפריקע, וואו יידן האָבן זיך שפּעטער

באזעצט אין גרויסע מאסן (אין סיריע, קליין־אזיע, עגיפטן) נישט נאר די גריכישע שפראך, נאר אויך די גריכישע זיטן און געדאנקען, די גריכישע ציוויליזאציע און קולטור; דאס איז געווען נישט די ריינע גריכישע קולטור, נאר עס איז געווארן א געוויסער געמיש מיט ארטיקע עלעמענטן. אבער דער העלעניזם האט דערנענטערט די וועלט אין אזיע צו דער גריכישער קולטור און האט ארויסגערופן אין דעם לעבן און זיטן און דעם גאנצן גאנג פון אידייען־אנטוויקלונגען און רעליגיעזע פארשטעלונגען אין די לענדער פון אזיע און אפריקע א גרויסע איבערקערעניש. די יידן אין ארץ־ישראל באזונדערס די אינטעליגענץ און די העכערע, רייכערע קלאסן האבן אנגעהויבן רעדן גריכיש, לעזן גריכישע ביכער, קליידן זיך אויפן גריכישן שטייגער, איבערנעמען די גריכישע גימנאסטישע שפילן, איינזאפן אין זיך גריכישע פילאזאפישע אנשויאונגען איבער וועלט און לעבן און רעליגיע און געטלעכקייט און מאראל און עטיק. קעגן דער דאזיקער העלעניזירונג פון יידישן לעבן איז פארגעקומען א קאמף פון די פרומע יידישע קרייזן, און דאס איז געווען אייגנטלעך דער גרונט פאר די געשעענישן, וואס האבן געפירט צום חשמונאים־אויפשטאנד (אין דער 2טער העלפט פון 2טן יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג). דער קאמף איז געווען אין ארץ־ישראל צווישן די „מתיונים”, די העלעניזירטע יידן, וועלכע האבן פארווארפן א סך פון דער יידישער רעליגיע און פון יידישן לעבנס־שטייגער, און די פרומע יידן. אבער אויך נאכדעם ווי די חשמונאים האבן געזיגט איז שוין אונמעגלעך געווען איינגאנצן צו פארניכטן דעם העלעניזם אין ארץ־ישראל, און די חשמונאים־אייניקלעך אליין זענען געווען העלעניזירט. אויך שפעטער איז דער קאמף קעגן העלעניזם מצד די פרומע יידישע קרייזן געווען שטארק, פארביסן; אין די קוואלן פון דער גמרא געפינט מען וועגן דעם שוואכע אפקלאנגען, אבער זיי זענען פאראן. דער העלעניזם טראגט אין די תלמודישע קוואלן דעם נאמען „חכמת יונית” (די גריכישע וויסנשאפט) און אן אלטע קוועלע אין סוטה מ"ט זאגט אז אין דער צייט פון די קאמפן פון די חשמונאים־אייניקלעך הורקנוס און אריסטובלוס (1טער יארהונדערט פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג) האט מען גוזר געווען „ארור אדם שילמד לבנו חכמת יונית” (פארשאלטן זאל זיין דער מענטש וואס וועט לערנען זיין זון די גריכישע וויסנשאפט); זאגאר דאס ווארט „העלעניזם” אין דער פארם פון „אלנסתין” צום באצייכענען די גריכישע שפראך געפינט זיך אין ירושלמי סוטה פרק ואלו נאמרין. אבער טראץ דעם קאמף האבן אויך שפעטער די העכערע קלאסן אין ארץ־ישראל גערעדט גריכיש און זענען געווען אין א געוויסער מאס העלעניזירט. די סיבה דערפון איז געווען וואס אין ארץ־ישראל זעלבסט האבן זיך געפונען העלעניזירטע שטעט, וואו עס האט געוואוינט א גריכיש־רעדנדע נישט־יידישע באפעלקערונג ווי עזה, אשקלון, קסרין, דער דעקאפאליס (זע „דעקאפאלים”) און אנדערע. — א גאר גרויסן איינפלוס האט דער העלעניזם געהאט אויף דער יידישער באפעלקערונג אין עגיפטן, באזונדערס אין אלעקסאנדריע. דארט האבן די יידן וועמענס צאל האט דערגרייכט איבער א מיליאן, גערעדט גריכיש, איבערזעצט דעם תנ"ך אויף גריכיש, דער תרגום השבעים, „סעפטואגינטא” (זע „סעפטואגינטא”). גרויסע יידישע שריפטשטעלער און דענקער האבן געשריבן ווערק פון יידישן אינהאלט אין דער גריכישער שפראך, ווי אריסטובלוס און באזונדערס פילאן און

אויך אנדערע. אין די ווערק האבן די
אלע שריפטשטעלער און דענקער גע־
פרואווט געפינען א פארייניקונג פון דער
גריכישער און יידישער קולטורן, און עס
איז זיי געלונגען צו שאפן אזא צונויפ־
פארונג פון די אידייען פון דער גריכי־
שער פילאזאפיע און לעבנס־באגריפן פון
איין זייט, און דער יידישער רעליגיע און
עטיק פון דער צווייטער זייט. דארט זע־
נען אויך פארפאסט געווארן א טייל פון
די אפאקריפן (כתובים אחרונים), ווי
„חכמת שלמה" און אנדערע, וואס זענען
דורכגעדרונגען מיט די דאזיקע סינטעטי־
שע, העלעניסטיש־יידישע אידייען. פא־
ראן מיינונגען אז שפורן דערפון קאן מען
אויך געפינען אין די מדרשים, וואס זענען
פארפאסט געווארן אין ארץ־ישראל (זע
„מדרשים"), און אפילו אין דער גמרא
מגילה ט' ווערט געלויבט „יפיפותו של
יפת באהלי שם" (די שיינקייט פון גרי־
כנטום אין די געצעלטן פון יידן). דער
העלעניזם אין עגיפטן האט ביי טייל
יידישע קרייזן אנגענומען עקסטרעמע
פארמען און דערפירט צו שמד און צו
שלעכטע לעבנס־זיטן, און פילאן זעלבסט
קלאגט זיך דערויף. אבער ביי א סך
יידישע קרייזן איז עס געווען די צונויפ־
פארונג פון דער ציוויליזאציע און קולטור
פון אלעקסאנדרישן יידנטום (זע „אלעק־
נערלעבקייט פון יידנטום. מיטן חורבן
פון אלעקסאנדריעשן יידנטום (זע „אלעק־
סאנדריע") וואס האט זיך אנגעהויבן אין
ענדע 1טן יארהונדערט און געענדיקט אין
4טן יארהונדערט, איז אויך געקומען דער
סוף צום דאזיקן יידישן העלעניזם אין
עגיפטן. עס איז אויך זיכער, אז דער
דאזיקער יידישער העלעניזם האט געהאט
א גרויסן איינפלוס אויף דער אנטשטיי־
אונג פון קריסטנטום, סיי אין איינפלוס
פון אידייען (דער באגריף „לאגאס", פון
פילאן), סיי אין באפרייען זיך פון מצוות
המעשיות, סיי אין דער מעגליכקייט פון
פראפאגאנדע אין דער גריכישער שפראך.
— זע זוכווערטער „אלעגאריע", „אלעק־
סאנדריע", „אריסטובלוס", „גריכנלאנד"
„מצרים", „סעפטואגינטא", „פילאן",
„קריסטנטום". — וועגן העלעניזם און
יידנטום זענען געשריבן געווארן פיל בי־
כער און אפהאנדלונגען; די נייעסטע
פארשונגען וועגן דעם זענען: דר. אביגדור
טשעריקאווער „היהודים והיונים בתקופה
ההלניסטית" (תל־אביב תרצ"א), און
מנחם שטיין „פילון האלכסנדרוני"
(ווארשע, תרצ"ז).

העלער, חיים (געבוירן 1879), רב,
געלערנטער פארשער אין חכמת ישראל;
איצט אין ניו־יארק; באקאנט דורך זיינע
ארבעטן איבער דער סירישער תנ"ך־איי־
בערזעצונג „פשיטתא", „ספר המצוות"
פון רמב"ם און אנדערע.

העלער, יום־טוב ליפמאן (1579
אין דייטשלאנד — 1654 אין קראקע), רב
און מפרש פון משנה, באקאנט אויך דורך
זיין פירוש צו דער משנה אלס „דער תוס־
פות יום־טוב"; צוערשט איז ער געווען
דיין אין פראג, נאכער רב אין ניקלסבערג,
ווין; דערנאך רב הכולל אין פראג; צוליב
א מחלוקה אין דער קהלה האבן א ריי
יידישע בעלי בתים, זיינע שונאים, אים
געמסרט קיין ווין אז אין זיינע ספרים
טרעט ער ארויס קעגן קריסטנטום; מען
האט אים ארעסטירט, געהאלטן 40 טעג
אין תפיסה, אים געדראט טויט־שטראף;
נאך באמיאונגען באשטראפט נאר צו
צאלן 40 טויזנט גילדן און נישט צו זיין
רב אין עסטרייך; נאכער געווען רב אין
נעמיראוו, לודמיר און צום סוף אין קרא־
קע, וואו ער איז נפטר געווארן. — ער
האט מחבר געווען פיל ספרים; זיין
הויפט־ספר איז דער „תוספות יום־טוב"
אויף גאנץ משניות. דאס איז אייגנטלעך

ניטשט קיין פירוש, נאר צוגאב־באמערקונגען; ער האט אויך מחבר געווען „מעדני מלך" און „לחם חמודות" אויפן „ראש", געדרוקט צוזאמען מיטן רא"ש אויף גמרא; ער האט אויך מחבר געווען סליחות אויף די געשעענישן אין פראג 1618-20 און דער גזרת ת"ח אין אוקראינע; ער האט אויך געשריבן א ריי חקירה־ספרים; פאפולער איז זיין אויטאביאגראפיע „מגילת איבה", אין וועלכער ער דערציילט די גאנצע געשיכטע מיט דער מסירה און ווי אזוי ער איז ניצול געווארן; עס איז געווען איינגעפירט אין זיין פאמיליע צו לייענען דעם מגילת איבה יענעם טאג (כ"ח אדר) ווען ער איז ניצול געווארן; פאראן א מיינונג אז דער „מגילת איבה" איז געווען פארפאסט אין יידיש. — רבי יום־טוב העלער האט געהאט א נייגונג צו שרייבן ספרימלעך אין יידיש, יידיש־טייטש; ער האט איבערזעצט דאס מוסר־ספר ארחות חיים אויף יידיש (פראג 1626) ווי אויך דינים פון פלייש־זאלצן אויף יידיש; („ברית מלח"); פון אים זענען געפונען געווארן אין ארכיוו אין ווין בריף אויף יידיש, וועלכע זענען פארהאלטן געווארן אויף דער פאסט, און זענען געפונען געווארן און ארויסגעגעבן געווארן דורך וואכשטיין־לאנדוי (ווין 1911).

העס, משה (1812 אין דייטשלאנד — 1875 אין פאריז), שעפער פון יידישן ציוניסטישן סאציאליזם; ראדיקאלער טוער אין דייטשלאנד; געמוזט אנטלויפן קיין פאריז; געשריבן א ריי ווערק איבער פילאזאפיע און סאציאליזם; צווישן יידן איז בארימט זיין ווערק „רוים און ירושלים", געשריבן אין דייטש, שפעטער איבערזעצט אין א ריי שפראכן, אויך אין העברעאיש און יידיש, אין וועלכן ער ווייזט אן אויף די נעגאטיווע זייטן פון דער אסימילאציע און לערנט דעם געדאנק פון אויסלייזונג פון יידישן פאלק נאך דורך צוריקער קיין ארץ־ישראל און איינארדענען דאס יידישע לעבן אויף יסודות פון סאציאלער גערעכטיקייט; העס איז געווען דורכגעדרונגען מיט יידישן ראמאנטיזם און האט אפגעשאצט די פאזיטיווע זייטן פון יידישן פאלקס־לעבן, רעליגיע, חסידות, אויפלעבונג פון העברעאיש.

הערץ, היינריך (1857 — 1894) בארימטער געלערנטער פיזיקער אין דייטשלאנד, אנטדעקט די עלעקטרישע כוואליעס, באקאנט מיטן נאמען „הערץ־כוואליעס", וועלכע זענען דער יסוד פון ראדיא.

הערץ, יוסף צבי (הערמאן) (געבוירן 1872 אין אונגארן), רב הכולל אין ענגלאנד זינט 1913; פיל מיטגעהאלפן צום באקומען די באלפור־דעקלאראציע; געהערט צום „מזרחי"; פרעזידענט פון קוראטאריום פאר דעם אינסטיטוט פון מדעי היהדות ביים ירושלימער אוניווערסיטעט; פיל געהאלפן צו לינדערן די ליידן פון יידן אין פוילן, דייטשלאנד און אנדערע לענדער; זיין בוך „געדאנקען פון יידנטום" איז איבערזעצט געווארן אין א ריי שפראכן.

הערצל, בנימין זאב, טעאדאר (געבוירן 1860 אין בודאפעסט — געשטארבן כ' תמוז תרס"ד, 1904 לעבן ווין), איינער פון די גרעסטע פערזענלעכקייטן אין דער יידישער געשיכטע, שאפער פון דער פאליטישער ציוניסטישער באוועגונג, פון דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע, ציוניסטישן קאנגרעס; הערצל האט דורכגעמאכט דעם אוניווערסיטעט־שטודיום און באקומען דעם טיטל פון דר. יורי אין יאר 1884; אריינגעטרעטן אין דער זשורנאליסטיק, גע־

שריבן פעליעטאָנען, דראמען פון געזעל־
שאפטלעכן כאראקטער; פון 1891 ביז
1895 געווען קאָרעספאָנדענט פון דער „ווי־
נער „נייער פרייער פרעסע" אין פאריז.
געווען אַן אָנהענגער פון לעזן די יידן־
פראגע דורך פולשטענדיקער אַסימילאַ־
ציע, אפילו שמד; בעת דעם דרייפוס־
פראָצעס, 1895, געקומען צו דער איבער־
צייגונג פון דער נישטיקייט פון אַסימי־
לאַציע; דעמאָלט האָט ער אָנגעשריבן
דאָס בוך „יידנשטאַט"; צוריקגעקומען
קיין ווין; 1896 פאַרעפנטלעכט דעם
„יידנשטאַט", אין וועלכן ער דריקט אויס
דעם הויפּט־געדאַנק פון פּאָליטישן ציו־
ניזם, אַז די אַסימילאַציע איז נישט קיין
לעזונג, אַז יידן זענען אַ באַזונדער פאָלק,
און יידן מוזן צוריקגיין צו אַן אייגן לאַנד
און אַ אייגענער מלוכה; ער האָט דאָ
נישט אויסגעדריקט די פאָדערונג דווקא
פון ארץ־ישראל; אָבער באַלד האָט ער
אויך אָנגעוויזן אויף ארץ־ישראל אַלס
פּראַקטישן ציל פון זיין פּלאַן; 1897 צו־
נויפגערופן דעם ערשטן ציוניסטישן
וועלט־קאָנגרעס אין באַזל, געשאַפן דעם
באַזעלער פּראָגראַם, די ציוניסטישע אָר־
גאַניזאַציע, פון וועלכער ער איז געוואָרן
פּרעזידענט; געגרינדעט די באַנק פאַר
קאָלאָניזאַציע; באַמיט זיך צו ווירקן אויף
הערשנדע פּערזענלעכקייטן אין אייראָפּע,
געווען אין ארץ־ישראל (1998), געטראָפן
זיך מיט דייטשן קייזער ווילהעלם; 1901
געווען ביים סולטאַן; געהאַט אויסצו־
שטיין פיל קעגנערשאַפט פון די אַסימי־
ליאַטאָרן, אָרטאָדאָקסן און אַפילו חובבי־
ציון־שריפטשטעלער (אחד העם); 1903
געווען אין רוסלאַנד ביי דער צאַרישער
רעגירונג וועגן דער יידישער לאַגע אין
רוסלאַנד נאָכן קעשענאָווער פּאָגראָם; אין
זעלבן יאָר באַקומען פון ענגלאַנד דעם
פאָרשלאָג צו באַזעצן יידן אין אוגאַנדע,
פאָרגעלייגט איס דורכפירן אין קאָנגרעס;

געהאַט שטאַרקע קעגנערשאַפט פון די
ציוני־ציון (טשלענאָוו, אוסישקין און אַנ־
דערע); באַקומען האַרץ־קראַנקייט; 1904
כ' תמוז געשטאָרבן, געקומען צו קבורה
אין ווין. — אחוץ דעם „יידנשטאַט"
האָט דר. הערצל געשריבן וועגן ציוניזם
אויך (אחוץ אָפּהאַנדלונגען) זיין בוך
„אַלטניילאַנד", אַ פאַנטאַסטישע דערציי־
לונג, ווי ער שטעלט זיך פאָר דעם אויפ־
בוי פון דער יידישער מדינה אין ארץ־
ישראל, און וועלכע ער ענדיקט מיט די
ווערטער: „אויב איר ווילט איז עס ניט
קיין לעגענדע". דאָס בוך איז איבער־
זעצט געוואָרן דורך סאָקאָלאָוו אין הע־
ברעאיש (תל־אביב) און דורך בעל מח־
שבות אין יידיש; עס זענען אויך דער־
שינען זיינע „טאָג־ביכער" (אויך אין הע־
ברעאישער איבערזעצונג). — אויף זיין
נאָמען די הרצליה גימנאַזיום אין תל־
אביב, קאָלאָניע „הרצליה" גאַסן „רחוב
הרצל" אין תל־אביב און הדר הכרמל
(אין חיפה) און קאָלאָניעס; אַרום הער־
צלס פּראָגראַם זענען נאָכער פאָרגעקומען
גרויסע מיינונגס־פאַרשידנקייטן צווישן
די ציוניסטישע גרופּירונגען. — הערצל
האָט איבערגעלאָזט 3 קינדער, צוויי טעכ־
טער און אַ זון האַנס, שריפטשטעלער
און זשורנאַליסט, זיך געשמדט אין 1920,
באַגאַנגען זעלבסטמאָרד 1930 און אי־
בערגעלאָזט אַ צוואה אים קובר צו זיין
אויפן יידישן בית־עלמין.

העשל, רב אין קראָקע זע „יהושע
העשל".

הפועל („דער אַרבעטער") נאָמען פון
אַרבעטער־ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע אין ארץ־
ישראל ביי דער „הסתדרות" (זע „הס־
תדרות"), געגרינדעט 1925; ציילט איצט
1941 ביי 15 טויזנט מיטגלידער; אָפּטיי־
לונגען פון „הפועל" געפינען זיך אין
פּוילן, רומעניע, ליטע און פאַרייניקטע
שטאַטן אין אַמעריקע.

הפועל המזרחי ארגאניזאציע פון נאציאנאל־רעליגיעזע ארבעטער אין ארץ־ישראל, וואס שטייען אין רעליגיעזער אידעאלאגיע נאענט צום מזרחי; איז א טייל פון דער וועלט־ארגאניזאציע „מזרחי" נאר איז אויטאנאם אין ארבעטער־ענינים; געגרינדעט 1922 אין ירושלים; איז איצט א טייל פון „תורה ועבודה־באוועגונג, וועמענס אידעאלאגיע איז צו שאפן דאס יידישע לעבן אין ארץ־ישראל אויפן גרונט פון דער תורה, פון ארבעט און פון סאציאלער גערעכטיקייט; ציילט איבער 15,000 מיטגלידער; געגרינדעט אין ארץ־ישראל ישוב־נקודות (שדה־יעקב, כפר יעבץ, טירת צבי און אנדערע), קבוצים און ארבעטער־קווארטאלן (שכונות); האט אייגענע ארבעטס־ביורעס, קאאפעראטיוון, קאסעס; אין קראנקן־קאסע האט ער געהערט צו דער אלגעמיינער „הסתדרות"; גיט ארויס א וואכנשריפט „נתיבה".

הפועל הצעיר ציוניסטישע ארבעטער־פארטיי אין ארץ־ישראל, געגרינדעט אין פתח־תקוה 1905; זינט 1930 זיך פאראייניקט מיט „אחדות־העבודה" אין איין פארטיי „מפאי", „מפלגת פועלי ארץ־ישראל" (זע זוכווארט „מפלגת"); זינט 1907 ארויסגעגעבן וואכן־זשורנאל „הפועל הצעיר", ארום וועלכן עס האבן זיך קאנצענטרירט די אנגעזעענסטע העבראישע שריפטשטעלער און פובליציסטן; דערשיינט היינט אלס ארגאן פון „מפלגת פועלי ארץ־ישראל".

הפטרה מען לעזט עס געוויינלעך „האפטוירא", באמת דארף מען לייענען „האפטארא"; דער טייטש דערפון איז „די ענדונג", „דער סוף"; מיט „הפטרה" רופט מען אז דאס לייענען דאס קאפיטל פון די נביאים נאכן לייענען דעם מפטיר פון דער ספר־תורה שבת און יום־טוב; דערפון איז אויך דאס ווארט „מפטיר", „פארענדיקן" דאס לייענען. — די געלערנטע פארשער האבן נישט קיין זיכערע מיינונג אין דער פראגע, ווען איז איינגעפירט געווארן דער מנהג פון לייענען נאך קריאת התורה אויך דאס קאפיטל נביאים, די הפטרה; אין דער משנה (שוין אין 1טן יארהונדערט), ווערט שוין דער מנהג פון הפטרה געבראכט (מגלה כ"ה „רבי אליעזר אומר אין מפטירין בהודע את ירושלים", און דער תנא רבי אליעזר האט געלעבט אין 1טן יארהונדערט); פאראן באווייזן פון נישט־יידישע קוואלן, אז שוין אין דער צייט פון 2טן בית המקדש איז געווען דער הפטרה־מנהג; רבי אליהו בחור אין „תשבי" זאגט, אז דאס האט מען איינגעפירט אין דער צייט פאר די חשמונאים, ווען אנטיוכוס עפיפאנעס האט גוזר געווען נישט צו לערנען תורה, און מען האט איינגעפירט דערווייל דאס לייענען די נביאים; די מיינונג שיינט נישט צו זיין אויסגעהאלטן, ווייל די גזרה פון אנטיוכוס איז געווען אויף אלע הייליקע יידישע ספרים; פאראן א מיינונג אז דאס איז איינגעפירט געווארן קעגן די שומרונים, וועלכע האבן געהאלטן נאר פון חומש, און מען האט דעריבער איינגעפירט דאס לייענען נביאים, כדי אונטערצושטרייכן די אמונה אין די נביאים; די דאזיקע השערה שיינט צו זיין ווארשיינלעכער; אין דער משנה מגלה פרק ד' און אויך אין דער גמרא און תוספתא דארט געפינט מען איינצלהייטן וועגן דעם וועלכע הפטורות מען דארף לייענען אין טייל שבתים און ימים־טובים; אין מסכת סופרים, פרק י"ג, זענען פאראן די ברכות וואס מען זאגט פאר און נאך דער הפטרה; עס זענען אויך פאראן געוויסע חלוקי־דעות צווישן די ספרדים און אשכנזים וועגן טייל הפטורות וואס מען זאגט אין

געוויסע שבתים. — אין טייל קהלות איז מען זיך נוהג צו לייענען די הפטרה פון א געשריבענער מגלה, ווי מען לייענט פון א געשריבענער ספר תורה; אויך וועגן דעם ניגון פון דער הפטרה זענען פאַראַן פאַרשידענע וואַריאַנטן. — וועגן דער אָפּשטאַמונג פון דער הפטרה זע אין באַפּאַפּאָרטס „ערך מלין", זוכוואָרט „אַפּטרתא"; זע אויך עלבאָגנס „תולדות התפלה".

הצפירה העברעאישע צייטונג אין וואַרשע, וואָס האָט געהאַט א גרויסן איינפלוס אין פאַרלויף פון צענדליקער יאָרן; געגרינדעט 1862 אַלס וואָכן־זשורנאַל דורך חיים זעליג סלאָנימסקי, נאָכער א געוויסע צייט נישט דערשינען, דערנאָך באַנייט מיט דער באַטייליקונג פון נחום סאָקאָלאָוו; 1886 געוואָרן טאָג־צייטונג, נאָכער ווידער באַנייט און ווידער זיך פאַרמאַכט; ענדגילטיק געשלאָסן זיך 1927; פּאָפּולער זענען געווען סאָקאָלאָווס שבת־פעליעטאָנען „משבת לשבת" און די פּאָליטישע אַרטיקלען פון סאָקאָלאָוו „דברי הימים".

הקדמה (פאָרוואָרט), אין די מערסטע אַמאָליקע ספרים פלעגן די מחברים געבן פאַרן ספר א פאָרוואָרט, א „הקדמה", אין וועלכער דער מחבר דערקלערט געוויינלעך, פאַרוואָס ער האָט געפונען פאַר נויטיק אַרויסצוגעבן דאָס ספר. אין טייל הקדמות זענען פאַראַן באַזונדערע אָפּהאַנדלונגען, וואָס האָבנדיק א גרעסערן שייכות מיטן אינהאַלט פון ספר, אַנטהאַלטן זיי ווערטפולע מאַטעריאַלן. פון דאָזיקן כאַראַקטער זענען די הקדמות פון רמב"ם צום פירוש המשניות, צום פירוש אויף פרקי אבות (מיטן נאָמען „שמונה פרקים"), די הקדמה פון אבן עזרא צום פירוש אויף תורה ווי אויך פיל אַנדערע הקדמות; פון די אחרונים זענען באַזונדערס וויכטיק די הקדמות פון רבי יוסף תאומים צום „פרי מגדים", די הקדמות פון רבי ישראל ליפשיץ צו זיין פירוש המשניות צו די באַזונדערע סדרים, וועלכע אַנטהאַלטן די כללים פון וויכטיק טייל פון הלכה (ל"ט מלאכות, קידוש החודש און אַנדערע); פון טייל הקדמות צו ספרים ווערן מיר געוואויר ווערטפולע היסטאָרישע ידיעות. — יערי האָט אין ארץ־ישראל לעצטנס פאַרעפנטלעכט „באהלי ספר" איבער טייל הקדמות פון ספרים.

הקדוש ברוך הוא (דער הייליקער געבענטשט זאָל זיין זיין נאָמען), ווערטער וואָס ווערן באַנוצט אַנשטאָט „גאָט"; מען באַנוצט עס אין שרייבן אויך מיט ראשי תבות „הקב"ה"; אין אַראַמעאישן קלינגט עס „קודשא בריך הוא" (אין ראשי תבות קוב"ה); דאָס וואָרט הקדוש ברוך הוא געפינען מיר אויך אין ברכות ו'.

הקדש (לעז: „העקדעש"), דער טייטש איז א זאַך, וואָס מען האָט פאַרהייליקט, מקדיש געווען פאַר געטלעכע צוועקן; אין חומש ויקרא כ"ז און אין משנה מסכתא ערכין ווערן געבראַכט די דינים פון הקדש. — אין יידיש ווערט אָנגערופן מיטן וואָרט „הקדש" דאָס קהל־הויז אין דער שטאָט, וואו עס פלעגן געפינען נאַכטלעגער אָרעמע, פרעמדע אורחים, ווי אויך אָרעמע קראַנקע.

הקטן דאָס איז אַן אַלטער מנהג פון רבנים אונטערצושרייבן זיך מיטן וואָרט „הקטן", „דער קליינער", צו באַצייכענען דערמיט: אַז מען האַלט נישט גרויס פון זיך. — אין דער גמרא איז פאַראַן דער נאָמען פון א תנא שמואל הקטן (ברכות כ"ח און אַנדערע ערטער), וועלכן מען האָט וואָרשיינלעך אַזוי גערופן צוליב עניוות.

הקנה נאמען פון א קבלה־ספר אויף די טעמים פון מצוות; פאראן א טראדי־ציע אז דאס ספר זאל האבען מחבר גע־ווען דער תנא רבי נחוניה בן הקנה (אין 1טן יארהונדערט), אבער פון אינהאלט פון ספר זעלבסט איז צו זען, אז דער מח־בר האט געלעבט פיל שפעטער, און וואר־שיינלעך איז עס געשריבען געווארן אין 13טן יארהונדערט אין שפאניע; דער מח־בר שרייבט זיך אונטער קנה בן ירוחם בן אביגדור; אבער אויך דער דאזיקער נאמען איז אן אויסגעטראכטער: דער אינהאלט איז אויפצואווייזן, אז די טעמים פון די מצוות זענען צו דערקלערן נאר דורך סוד, דורך קבלה. — דער זעל־בער מחבר האט, ווארשיינלעך, אויך פאר־פאסט דאס קבלה ספר „הפליאה". — גרעץ וויל האבען אז דער מחבר איז גע־ווען א שארפער קעגנער פון דער הלכה און אז אין א געוויסער פארם האט ער זיין קעגנערשאפט אויסגעדריקט אין די דאזיקע ספרים.

הקפות (ארומרינגלען); דער מנהג איז אין שמחת תורה בײנאכט און אינדערפרי (ביי חסידים אויך שמיני עצרת ביי־נאכט) ארויסצונעמען אלע ספרי תורות פון ארון־קודש און מיט זיי ארומצוגיין די בימה און זאגן געוויסע פסוקים, און אויך זינגען דערביי און פרייען זיך מיט די תורה; דאס רופט מען „הקפות". פאר די הקפות זאגט מען „אתה הראית" מיט א ספעציעלער מעלאדיע; די הקפות זענען געווינלעך 7; די ערשטע הקפה איז אב־רהם אבינוס, די צווייטע יצחק, די דרי־טע יעקב, די 4טע משה רבנו, די 5טע אהרן הכהן; די 6טע יוסף הצדיק, די 7טע דוד המלך (ביי טייל איז די 4טע יוסף); צו די הקפות רופט מען אויף יעדן פון די מתפללים באזונדער, און עס הייסט „מען איז אים מכבד מיט דער הקפה"; די הקפה, אין וועלכער מען זאגט דעם פסוק „עוזר דלים הושיעה נא", ווערט ביי טייל פארעכנט פאר ווינציקער חשוב; אויב עס זענען פאראן א סך מתפללים חזרט מען איבער איין הקפה עטלעכע מאל; עס איז אויך דער מנהג אז קליי־נע קינדער קומען אין שול צו די הקפות, טראגנדיק פענער מיט אנגעצונדענע ליכטלעך. — דער מנהג פון הקפות ווערט געבראכט אין די כתבים פון רבי יצחק לוריא (אר"י); דער רמ"א (רבי משה איסרלס) ברענגט דעם מנהג אין שלחן ערוך אורח חיים אין נאמען פון מנהגים (רבי יעקב מולון, מהרי"ל, אין 15טן יאר־הונדערט). — מיטן נאמען הקפות רופט מען אויך דאס ארומגיין די בימה מיטן אתרוג און לולב יעדן טאג סוכות ביי די הושענות. — עס איז אויך פאראן א מנ־הג, אז ווען עס שטארבן גרויסע צדיקים מאכט מען מיטן ארון פון מת הקפות ארום דער בימה אין שול; אויך איז פא־ראן א מנהג אין טייל לענדער ארומצו־גיין מיטן ארון פון יעדן מת דעם בית עלמין 7 מאל. — זע „הושענא" און „שמחת תורה".

הר (בארג), פאראן א ריי בערג, וועלכע האבן א באזונדער באדייטונג פארן יידנ־טום; זיי געפינען זיך כמעט אלע אין ארץ־ישראל און רופן זיך מיטן נאמען הר און נאך א צוגאב־נאמען; מיר געבן דא עטלעכע פון זיי: 1) הר הבית, אויף וועלכן דאס בית המקדש איז געשטאנען (זע „בית המקדש"). — 2) הר גריזים דער הייליקער בארג פון די שומרונים. (זע „גריזים"). 3) „הר הזיתים" אין ירו־שלים, אויף וועלכן עס געפינען זיך די קברים פון ירושלימער איינוואוינער. — הר הכרמל, זע „כרמל". — 5) הר סיני, אויך „חורב", אויף וועלכן מען האט געגעבן די תורה (זע „סיני"). — 6) הר עבל. לעבן הר גרזים, אויף וועלכן עס זענען געזאגט געווארן די קללות פון

חומש (דברים סדרה ראה). — 7) הר הצופים (אייגנטלעך צוזאַמען מיטן הר הזיתים) באַרג לעבן ירושלים, אויף וועלכן עס געפינט זיך דער העברעאישער אוניווערסיטעט. — 5) ציון (זע „ציון”).

הר-ההר נאָמען פון באַרג אין עבר הירדן, אויף וועלכן אהרן הכהן איז געשטאָרבן און געקומען צו קבורה (במדבר סדרה חוקת); די אַראַבער רופן אים היינט „דזשעבעל הרון” (אהרנס באַרג), און ער איז ביי זיי זייער הייליק.

הרוגי מלכות זע „עשרה הרוגי מלכות”.

הרי חושך (בערג איינגעהילט אין פינצטערניש); נאָמען פאַר בערג, וואָס געפינען זיך זייער ווייט און לויט דער אגדה זאָלן אין יענער זייט פון די בערג זיך געפינען די עשרת השבטים; עס איז שווער צו זאָגן, פון וואַנען די דאָזיקע אגדה שטאַמט; אין דער גמרא איז פאַראַן איין מאָל דערמאָנט די „הרי חושך”, צום סוף מסכתא תמיד, וואו עס ווערט דערציילט אַז אַלעקסאַנדער מוקדון האָט געוואָלט גיין צו דער מדינת אַפריקי און די חכמים, די „זקני הנגב” (די עלטסטע פון דרום) האָבן אים געזאָגט, אַז ער וועט נישט קאָנען ווייל די „הרי חושך” האַקן איבער דעם וועג; דער מדרש בראשית רבה ל”ב און ויקרא רבה כ”ז דערציילט, אַז אַלעקסאַנדער מוקדון איז געגאַנגען צום מלך פון קציא „אונטער די הרי חושך”; וועגן דער פאַרבינדונג פון די הרי חושך מיט די עשרת השבטים איז צו געפינען אַן אָנדייטונג אין מדרש איכה רבה פרק ב׳ און אויך אין אַנדערע ערטער, אַז די עשרת השבטים זענען פאַרטריבן געוואָרן אין דריי ערטער, און אין איינעם פון די ערטער זענען זיי פאַרדעקט געוואָרן מיט אַ וואָלקן, און דערויף זאָגט דער פסוק „לאשר בחשך הגלו” (וואָס זענען פאַרטריבן געוואָרן אין דער פינצטערניש); אין מיטלאַלטער איז די אגדה פון הרי חושך געווען זייער פאַרשפּרייט. — וועגן די הרי חושך אין דער גמרא זע ראַפּאָפּאָרט „ערך מלין”, זוכוואָרט „אַלקסנדר מוקדון”.

השארת הנפש זע „אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה”.

השבת אבדה (צוריקגעבן אַ פאַרלוירענע זאַך), דערמיט ווערט אָנגערופן די מצוה אין דער תורה (דברים כ”ב), אַז אויב מען געפינט אַ זאַך, דאַרף מען אויפזוכן איר אייגנטימער און אים די זאַך אָפּגעבן; אין דער משנה און גמרא בבא מציעא פרק ב׳ ווערן אָנגעגעבן די דינים ווי אַזוי מען קאָן וויסן, ווער עס איז דער ריכטיקער אייגנטימער.

השגחה (אויפזיכט), מיטן דאָזיקן וואָרט, וואָס ווערט טיילמאָל אויסגעדריקט דייטלעכער אין „השגחת אלקים” (די אויפזיכט פון גאָט), ווערט אין דער יידישער רעליגיע באַנוצט צו באַצייכענען דעם גלויבן, אַז גאָט גיט אַכטונג אויף אַלץ וואָס די מענטשן און איבערהויפּט אַלע באַשעפענישן טוען און אַז גאָטס ווילן געשעט גאָרנישט; דער רמב”ם האָט דאָס אַריינגעשטעלט אין ערשטן עיקר פון די 13 עקרים (הויפּט-יסודות פון דער יידישער רעליגיע), וואָס זאָגט „אני מאמין באמונה שלמה שהבורא יתברך שמו הוא בורא ומנהיג לכל הברואים” (איך גלויב אַז גאָט האָט באַשאַפן און פירט אָן מיט אַלע באַשעפענישן); מיר געפינען דעם דאָזיקן גלויבן אין געטלעכער השגחה אין פיל ערטער פון די תנ”ך ספרים; אין איוב (קאַפּיטל ל”ד) ווערט דאָס אויסגעדריקט אין די ווערטער „כי עיניו על דרכי איש וכל צעדיו יראה”

(גאָט זעט די וועגן פון מענטש, און אַלע זיינע טריט זעט ער); אין תהלים ל״ב איז פאַראַן וועגן גאָט „המבין אל כל מעשיהם״ (ווייסט אַלע זייערע מעשים); די יידישע פילאָזאָפן האָבן פיל געשריבן וועגן דער פראַגע פון השגחה; רב סעדיה גאון אין „אמונות ודעות״, רבי יהודה הלוי אין „כוזרי״, רבנו בחיי אין „חובות הלבבות״, דער רמב״ם אין משנה תורה ספר „מדע״, „מורה נבוכים״, פירוש המשניות אין סנהדרין פרק חלק, האַלטן סיי פון „השגחה כללית״ (אַז גאָט פירט אין אַלגעמיין די וועלט, פירט אָן אין אַלגעמיין מיט דעם גורל פון דער מענטשהייט און פון אַלע אַנדערע מינים באַשעפענישן), סיי פון „השגחה פרטית״ (דאָס הייסט, אַז גאָט פירט אָן מיט דעם גורל פון יעדן איינצלנעם באַשעפעניש, מיט יעדער טאַט און באַוועגונג און צושטאַנד פון יעדן איינצלנעם מענטש און פון יעדן איינצלנעם באַשעפעניש); דער רמב״ם אין „מורה נבוכים״ פרק ג׳ רעדט אַרום באַזונדערס דעם ענין פון השגחה פרטית; דער רלב״ג (רבי לוי בן גרשון אין 14טן יאָרהונדערט) אין זיין ספר „מלחמות ה׳״ מאַכט יאָ אַן אונטערשייד צווישן „השגחה כללית״ און „השגחה פרטית״; אין דער יידישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע איז די פראַגע באַהאַנדלט געוואָרן אויך אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּראָבלעם פון „ידיעה און בחירה״. — זע „ידיעה״.

השגת גבול (אַריינגיין אין יענעמס גרענעץ), דאָס איז דער דין, אַז אויב איינער האָט אַ באַשעפטיקונג, אָדער האַלט ביים באַקומען עפּעס, טאָר מען יענעם נישט אַריינגיין אין וועג און עס אויסכאַפּן ביי אים; אין דער גמרא קידושין נ״ט ווערט דאָס אויך אָנגערופן „עני המהפך בחררה״ (אַז אָרעמאַן וואָס האַלט ביים באַקומען עפּעס צו עסן, און אַן אַנדערער איז געקומען און עס ביי אים צוגענומען); אַזעלכן רופט אָן די גמרא „רשע״; אין דער גמרא בבא בתרא כ״א הייסט עס „יורד לתוך אומנותו של חברו״ (ער גייט אַריין אין אַ צווייטנס באַשעפטיקונג) און דאָס איז פאַרבאָטן; אין רמב״ם הלכות מכירה און שלחן ערוך חושן משפט רל״ז זענען פאַראַן די דינים וועגן דעם.

השומר (דער „היטער״) נאָמען פון אַ ציוניסטישער אַרבעטער־גרופּע אין ארץ־ישראל, האָט אָרגאַניזירט אין די יידישע קאָלאָניעס די יידישע שמירה (וואַך, אָפּצוהיטן די קאָלאָניעס קעגן אָנפאַלן); דער „השומר״ איז געגרינדעט געוואָרן פּסח תרס״ט דורך ישראל שוחט, גלעדי, זייד און אַנדערע, דער „השומר״ האָט געשאַפן דעם טיפּ פון אַ יידישן העלד, וואָס איז גרייט געווען מוסר נפש צו זיין זיך אויף צו פאַרטיידיקן דעם יידישן באַזיץ אין ארץ־ישראל; צענדליקער מיטגלידער פון „השומר״ זענען געפאַלן ביים דערפילן זייער דאָזיקער אויפגאַבע; זייער אָנדענק איז געווידמעט דאָס בוך „יזכור״, ווי אויך באַשרייבונגען אין „חולמים ולוחמים״ (יפו תרפ״ב)

השומר הצעיר (דער יונגער שומר), אָרגאַניזאַציע פון ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער יוגנט, וועלכע דערציט אירע מיטגלידער אין גייסט פון אויפבויען ארץ־ישראל אין סאָציאַליסטישער אָרדענונג; געגרינדעט 1914 אין פּוילן, ציילט היינט ביי 75 טויזנט מיטגלידער אין פיל לענדער; אין ארץ־ישראל האָט ער געשאַפן דעם „הקבוץ הארצי״, וועלכער נעמט אַרום 35 קבוצים אין די שטעט און קאָלאָניעס און ציילט ביי 3,500 חברים; דער „השומר הצעיר״ געהערט צו דער אַלגעמיינער „הסתדרות״.

השומר הדתי רעליגיעזע ארגאניזא־ציע פון ציוניסטישער יוגנט; פארבונדן מיט דעם מזרחי.

השחר העברעאישער מאנאט־זשורנאל (פון 1868 ביז 1885 מיט קליינע הפסקות) רעדאגירט דורך פרץ סמאלענסקין אין ווין; געהאט א גרויסען איינפלוס פאר דער פארשפרייטונג פון העברעאישער קולטור אין גייסט פון נאציאנאלער יידי־שער אויפלעבונג.

השכלה (אויפקלערונג, בילדונג) דער־מיט באצייכנט מען די באוועגונג, וואס האט זיך אנגעהויבן ביי יידן אין דייטש־לאנד אין דער 2טער העלפט פון 18טן יארהונדערט אין דער צייט פון משה מענדלסאן; צו בילדן זיך אין וועלטלעכע לימודים און אויך אויפצולעבן די העברע־אישע שפראך און דעם לימוד פון תנ"ך אין קריטישן גייסט. די השכלה־באוועגונג האט זיך פארשפרייט אויך אויף טייל לענדער פון עסטרייך, און נאכער אויך אין גאליציע, דערנאך אין דרום־ און צפון־רוסלאנד, און שפעטער האט זי דער־גרייכט פוילן; די הויפט־ווארט־פירער פון דער השכלה (וועמענס זשורנאל איז צום אנהויב געווען דער „המאסף") זענען גע־ווען אחוץ מענדלסאן, וויזעל, אייכעל, בן זאב, אין גאליציע האמבורג, שפעטער יוסף פערל, קראכמאל, ראפאפארט, העשל שאר, און אנדערע; אין דרום־רוסלאנד זע־נען געווען יצחק בער לעווינזאן (ריב"ל), בצלאל שטערן, און אנדערע; אין ליטע אדם הכהן לעווינזאן, מרדכי אהרן גינז־בורג, אברהם מאפו און אנדערע. — עס איז שווער צו געבן די גענויע כאראק־טעריסטיק פון דער השכלה־באוועגונג, ווייל זי האט אין פארשידענע לענדער אנגענומען אנדערע וועגן; אין דייטש־לאנד איז זי מער גענויגט געווען צו אסי־מילאציע; אין דרום־רוסלאנד האט זי גע־טראגן מער דעם כאראקטער פון פראָ־דוקטיוויזירן די יידישע מאסן, צוציען זיי מער צו ערד־ארבעט און מלאכה אנשטאט האנדל; אין ליטע איז זי געווען מער די נייגונג צו בילדונג, שפראכן־קענטעניש און אין א געוויסער מאס אויפלעבונג פון העברעאיש. — דער קאמף צווישן דעם פרומען ארטאדאקסישן יידנטום און די „משכילים" (אזוי האבן געהייסן די הש־כלה־אנהענגער) איז געווען טיילמאל זייער א שארפער, הגם אויך דא איז שווער אנצעווייזן די גרענעץ פון קאמף, טייל טייל משכילים זענען געווען אויך ארטא־דאקסישע יידן (מרדכי אהרן גינזבורג) און באקאנטע ארטאדאקסישע רבנים זע־נען געווען אביסל גענייגט צו השכלה (רבי אברהם אבעלע פאסווילער פון ווילנע, רבי אברהם דעם ווילנער גאונס זון, רבי הירש חיות און אנדערע), און עס זענען געווען באמיאונגען צו פאראייניקן די אמונה און השכלה". — וועגן די שריפטשטעלער אין דער השכלה־צייט זע לאכאווערס „תולדות הספרות העברית החדשה" (תל־אביב תרפ"ח), קלויזנערס „היסטוריה של הספרות העברית החד־שה", צינבערגס „געשיכטע פון ליטערא־טור ביי יידן", רייזנס „פון מענדלסאן ביז מענדעלע".

השכמה (אויפהויבן זיך פרי), ווערט אנגערופן דאס ערשטע דאווענען באלד ווען די זון גייט אויף; מען זאגט אין יידיש „דאווענען השכמה"; דאס ווארט „השכמה" געפינט זיך אין דער גמרא שבת פ"ו.

השלח נאמען פון א העברעאישער מאנאט־שריפט דערשינען פון 1896, מיט הפסקות, ביז 1927, רעדאגירט צוערשט דורך אחד העם אין אדעס, נאכער דורך ח. נ. ביאליק און יוסף קלויזנער, דערנאך דורך קלויזנער; פון 1920 אין ירושלים.

אין דער ערשטער צייט געווען דער אָר־
גאַן פאַר חבת ציון אין גייסט פון אחד־
העמס לערעס; די מיטאַרבעטער זענען
געווען די אָנגעזעענסטע העבּראַישע פּובּ־
ליציסטן, שריפטשטעלער און דיכטער.

התגלות (אַנטפּלעקן); געוויינלעך באַ־
צייכנט מען מיט דעם וואָרט די „געטלע־
כע התגלות", די אַנטפּלעקונג פון גאָט צו
מענטשן; אין תנ"ך געפינען מיר די געט־
לעכע התגלות צו אברהם, יצחק ויעקב
(שמות ו' „וארא אל אברהם, יצחק
ויעקב"), צו משה רבנו (במדבר י"ב
„ותמונת ה' יביט", און ער זעט גאָט),
און צו די נביאים; מען רופט אויך אַז
די געטלעכע התגלות דאָס באַווייזן פון
גאָט אויפן באַרג סיני ביים געבן די תורה
(שמות י"ט). — אין דער גמרא איז פאַ־
ראַן דערויף דער אויסדרוק „קבלת פני
שכינה", און אין ברכות ס"ד ווערט גע־
זאָגט, אַז דער וואָס לערנט אין בית המד־
רש תורה איז זוכה מקבל צו זיין די פני
שכינה. — אין די קבלה ספרים איז פאַ־
ראַן דערויף דער אויסדרוק „גילוי שכי־
נה". — מען באַנוצט אין חסידישע ספ־
רים דעם אויסדרוק „התגלות" אויך פאַר
דעם באַווייזן זיך פון אַ גרויסן צדיק,
וועלכער איז געווען פריער פאַרבאָרגן;
אַזוי למשל ווערט אין ספר „שבחי
הבעש"ט" דערציילט ווי אַזוי רבי ישראל
בעל שם טוב איז נתגלה געוואָרן.

התקוה (האָפענונג), נאָמען פון ציוניס־
טישן הימן, וועלכער איז געוואָרן דער
נאַציאָנאַלער הימן פון יידישן פאָלק;
פאַרפאַסט געוואָרן דורך נפתלי הערץ
אימבער (זע „אימבער") אין יאָר 1878;
דער רעפריין איז „עוד לא אבדה תקותנו"
(אונדזער האָפענונג איז נאָכנישט פאַר־
לוירן); די מעלאָדיע איז באַאַרבעט פון
אַ פאָפולערן פאָלקס־מאָטיוו אין דרום־
מזרח־אייראָפּע.

התרת נדרים זע „נדר".

ו

ו (וואָוו) דער 6טער בוכשטאַב פון העברעאישן און יידישן אלף־בית; ווערט אויך באַנוצט מיט אַ פינטעלע אין דערמיט צום באַצייכענען דעם קלאַנג „או", און מיט אַ פינטעלע אין דער הויך (אין העברעאישן) צום באַצייכענען דעם קלאַנג „אָ" (אין דער ספרדישער הברה) און „אוי" (אין דער אשכנזישער הברה); אין ציפערן באַצייכנט ער די צאָל 6; אין העברעאיש איז פאַראַן דער „ו החבור" (באַהעפטער) און ער האָט די באַדייטונג פון „און" (למשל, „שמים וארץ", דער הימל און די ערד), און אויך דער „ו המהפך" (איבערדרייער), וועלכער מאַכט פון דער צוקונפט אַ פאַרגאַנגענהייט און פאַרקערט (למשל „אכל" איז דער טייטש „איך וועל עסן" „ואכל" איז אויך דער טייטש „און איך האָב געגעסן"; „אכלתי" איז דער טייטש „איך האָב געגעסן", „ואכלתי" איז אויך דער טייטש „און איך וועל עסן"); אין דקדוק זענען פאַראַן פיל כללים וואָס זענען פאַרבונדן מיטן בוכשטאַב ו'. — אין יידיש ווערט די ו' אַלס קאָנסאָנאַנט געשריבן מיט צוויי „וו".

וואדר זע „אדר".

והוא רחום (און ער, דער באַרמהאַרציגער), תפלה וואָס מען זאָגט ביים דאַווענען נאָך שמונה עשרה אינדערפרי מאָנטאָג און דאָנערשטאָג, אָבער נאָר אין די טעג ווען מען זאָגט „תחנון" (זע „תחנון"); דאָס איז אַ זאַמלונג פון פסוקים אין וועלכע מען בעט גאָט מוחל צו זיין די חטאים און ראַטעווען די אומגליקלעכע יידישע קדושים, וואָס ווערן געפייניקט; די תפלה איז זייער אַן אַלטע און שוין אין 12טן יאָרהונדערט זענען געווען וועגן איר ספורי מעשיות; דער „כלבו" ברענגט די לעגענדע אַז זי איז פאַרפאַסט געוואָרן אין דער צייט פון חורבן בית שני, ווען מען האָט פאַרטריבן דריי יידישע זקנים פון ירושלים אין גלות; אַ שר האָט די זקנים געפייניקט און האָט זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ ברענענדן קאַלבאויוון, אָבער זיי זענען ניצול געוואָרן פון פייער און יעדער פון די זקנים האָט געזאָגט אַ טייל פון „והוא רחום"; לויט אַן אַנדערן נוסח פון דער לעגענדע זענען די 3 זקנים בנימין, יוסף און שמואל, אַרויפגעזעצט געוואָרן אויף אַ שיפל און עס איז זיי געשען אַ נס און זיי זענען אָנגעקומען קיין באָרדאָ אין דרום־פראַנקרייך, און זיי האָבן דאָרט פאַרפאַסט דעם „והוא רחום"; רב עמרם גאון (אין זיין „סדר") ברענגט סתם אַז מאָנטאָג און דאָנערשטאָג זאָגט מען „רחום וחנון" און „ה' אלהי ישראל שוב מחרון אפך"; פאַראַן אַ מיינונג, אַז דער „והוא רחום" איז פאַרפאַסט געוואָרן אין דער גזרת תתנו אין ענדע 11טן יאָרהונדערט. — פרטים אין עלבאָגנס „תולדות התפלה" און יעבצעס „מקור הברכות".

וואָל, שאול (געבוירן אין פאַדוע אין איטאַליע לערך 1540 — געשטאָרבן אין בריסק אין פוילן 1617), למדן, יידישער פירער, וועגן וועלכן עס איז פאַראַן די לעגענדע, אַז ווען מען האָט געוואָלט אין פוילן דערוויילן אַ קעניג און די פריצים האָבן נישט געקאָנט דורכקומען צווישן זיך האָבן זיי אויף דער עצה פון פירשט ראַדזיוויל דערווייל דערוויילט אַלס קעניג אויף איין טאָג רבי שאול וואָהל, מיט וועמען ראַדזיוויל איז געווען באַקאַנט; די לעגענדע וועגן אַן איין טאָגיקן יידישן קעניג אין פוילן ווערט אויך דערציילט וועגן

אברהם פראַכאָווניק (זע „אברהם פּראַכאָווניק"); רבי שאול וואָלס פאָטער איז געווען רבי שמואל יהודה קאַצענעלנבויגן פון פּאַדואַ; ווען רבי שאול האָט זיך באַזעצט אין בריסק האָט ער זיך אַ נאָמען געגעבן וואָל אַלס קיצור פון פּויליש וואָרט „וולאָך", וואָס איז דער טייטש „איטאַליענער"; אין בריסק האָט רבי שאול געפירט גרויסע געשעפטן און איז געווען אָנגענומען אין די רעגירונגס־קרייזן, און עס איז פאַראַן אַ דאָקומענט פון פּוילישן קעניג זיגמונד דעם 3טן, וועלכער האָט באַשטימט רבי שאול וואָל אַלס „הויף ייד", און ער ווערט באַפרייט פון שטעלן זיך צו די געוויינלעכע געריכטן. מען האָט אים גערופן „השר" (דער פירשט). — ער האָט אין בריסק און לובלין אויסגעבויט פיל יידישע אינסטיטוציעס; אין לובלין איז פאַראַן אַ שול אויפן נאָמען פון רבי שאול וואָל, און ביי די הקפות שמחת תורה רופט מען אויס „ברשות מורנו השר רבי שאול וואָל"; אין זיין צוואה צו די קינדער שרייבט ער: „מיינע קינדער זאָלן זיך אָפּלערנען פון מיר צו באַגיין זיך מיט יעדן מענטש מיט עניוות און העפלעכקייט און נישט גרויסהאַלטן זיך איבער קיינעם, און הגם איך בין געווען נאָענט צו דער רעגירונג האָב איך זיך קיינמאָל נישט גרויס געהאַלטן". — זיין איידעם איז געווען רבי אפרים זלמן שור „מחבר פון „תבואות שור"); אַן אויספירלעך ספר וועגן רבי שאול וואָל מיט אַ ספר היחוס און ביבליאָגראַפיע איז ליפשיצעס „אבות עטרה לבנים", וואַרשע תרפ"ז.

וואולגאַטאַ נאָמען פון דער לאַטיינישער איבערזעצונג פון תנ"ך וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורך דעם קירכן־פאָטער היעראָנימוס (אין אָנהויב 5טן יאָרהונדערט); די וואולגאַטאַ־איבערזעצונג איז געווען באַקאַנט די יידישע מפרשים אין מיטלאַלטער ווי אבן עזרא, רשב"ם, רמב"ן, רד"ק און אַנדערע.

וואַכנאַכט נאָמען פון דער נאַכט איידער עס קומט פאָר דער ברית; עס איז אַ מנהג אין דער וואַכנאַכט צונויפצוקומען זיך אין הויז פונם פאָטער פון קינד; טייל מאַכן דעמאָלט אַ סעודה; מען וויל געפינען אַ רמז צו דעם מנהג אין דער גמרא סנהדרין ל"ב „אור הנר משתה שם"; אין זהר לך־לך ווערט געבראַכט דער מנהג צונויפצוקומען די נאַכט פאַר'ן ברית און צו לערנען אַ גאַנצע נאַכט תורה; דער מחזור ויטרי (זע „ויטרי") פון 12טן יאָרהונדערט ברענגט דעם מנהג אַז דער פאָטער פון קינד מאַכט די נאַכט פאַר'ן ברית אַ סעודה און רופט עס אָן „מנהג אבותינו"; שפּעטער האָט מען דעם מנהג אויסגעטייטשט מיט דעם גלויבן, אַז מזיקים לויערן יענע נאַכט אויף דעם קינד און מען דאַרף עס היטן; אין די חסידישע ספורי מעשיות („קהל חסידים" און אַנדערע) ווערט דערציילט ווי צדיקים פלעגן אין דער וואַכנאַכט אַרויסראַטעווען קינדער פון כח פון מזיקים און מכשפים. — זע „מילה".

וואָלאָזשינער ישיבה באַרימטע ישיבה אין רוסלאַנד אין 19טן יאָרהונדערט, געגרינדעט אין 1802 דורך רבי חיים וואָלאָזשינער, עקזיסטירט ביז 1892, ווען זי איז געשלאָסן געוואָרן דורך דער רוסישער רעגירונג; די באַרימטסטע ראשי־ישיבות אין וואָלאָזשין זענען געווען רבי חיים; זיין איידעם רבי יצחק, רבי יוסף בער סאָלאָווייטשיק, און דער לעצטער ראש ישיבה רבי נפתלי צבי יהודה בערלין (הנצי"ב); אין דער וואָלאָזשינער ישיבה האָט מען געלערנט אָן פּלפּולים, נאָר אויפן וועג פון פשט; זי האָט אַרויסגעגעבן טויזנטער תלמידים, פון וועלכע פיל זענען געווען באַרימטע

רבנים אין רוסלאַנד, פוילן און אַמעריקע; צו די וואָלאָזשינער תלמידים האָבן אויך געהערט אַ ריי שפעטערדיקע געלערנטע און העברעאישע שריפטשטעלער (ח. נ. ביאַליק און אַנדערע); אַ גרויסע אָפהאַנדלונג וועגן דער ישיבה איז פאַראַן אין יאָרבוך „הכרם" פון אַטלס (געשריבן פון יעקב ליפשיץ); דעם נצי"בס זון, רבי מאיר בערלין האָט אין זיינע זכרונות „פון וואָלאָזשין ביז ירושלים" (1938) געגעבן אַ ריי שילדערונגען וועגן לעבן אין דער ישיבה.

וואָלאָפסקי, הירש (געבוירן 1876 אין פוילן); זינט 1900 אין מאָנטרעאַל (קאַנאַדע); 1907 אָנגעהויבן אַרויסגעבן די ערשטע יידישע טאָג-צייטונג אין קאַנאַדע „דער קענעדער אַדלער", געשריבן פובליציסטישע אַרטיקלען, פעליעטאָנען; זינט 1914 אַרויסגעבער פון יידיש-ענגלישער וואָכנשריפט „קענעדיען דזשואיש קראָניקל"; אין יאָר 1920 איבערגעדרוקט ש"ס; פאַרעפנטלעכט די ביכער „אייראָפע און ארץ-ישראל נאָך דער מלחמה" (מאָנטרעאַל 1922), פון „אייביקן קוואַל" (מאָנטרעאַל), געדאַנקען אויף חומש; פון די אָנזעענסטע בויער פון געזעלשאַפטלעכן יידישן לעבן אין קאַנאַדע, איניציאַטאָר און גרינדער פון דער „פעדעראַציע פון די יידישע פילאַנטראָפישע אַנשטאַלטן" אין מאָנטרעאַל, פון „ועד העיר" אין מאָנטרעאַל, פאַרייניקטע תלמוד-תורה און אַנדערע אַנשטאַלטן; מערמאָליקער דעלעגאַט צו די ציוניסטישע קאָנגרעסן.

וואַלדען, אהרן (1835 — 1913 אין פוילן), חסידישער היסטאָריקער, מחבר פון „שם הגדולים החדש" (געדרוקט וואַרשע 1865), רשימה פון חסידישע רביים און זייערע ספרים (אָפטיילונג „מערכת הספרים"); פון גרויסן ווערט פאַר פאַרשונג פון געשיכטע פון חסידות; ער האָט אויך מחבר געווען אַ פירוש אויף תהלים (1890), אין וועלכן עס איז פאַראַן אויך דברי תורה פון חסידישע רביים, אַ זייער וויכטיקער קוואַל פאַר פאַרשונג פון חסידישע דברי תורה.

וואָרמס אַלטע שטאָט אין דייטשלאַנד; אין די אַמאָליקע יידישע ספרים אָנגערופן „גרמיזה", „וירמיזה", „ווירמישה"; פון די עלטסטע יידישע קהלות אין דייטשלאַנד, מעגלעך שוין פון די צייטן פון חורבן בית שני; צוזאַמען מיט די קהלות שפייער און מאַינץ געשאַפן די „תקנות שו"ם"; אין די גזרות תתנו פון די נוסעי הצלב (1096) אומגעקומען 800 יידן; ווערט דערמאָנט אין די קינות אין תשעה באב; די באַרימטע יידישע גדולים אין וואָרמס זענען געווען רבי שלמה יצחקי (רש"י) וועמענס שול מען ווייזט היינט (באמת איז די שול געבויט געוואָרן אַ סך שפעטער), רבנו מאיר פון ראָטנבערג, רבי יעקב מולין (מהרי"ל); דער בית עלמין אין וואָרמס איז אַ זייער אַלטער און עס זענען דאָרט פאַראַן מצבות פון 11טן יאָרהונדערט.

וואַסער אין דער יידישער רעליגיע האָט וואַסער פאַר רעליגיעזער ריי ניקונג אַ זייער גרויסע באַדייטונג; שוין אין חומש געפינען מיר (ויקרא ט"ו), אַז איינער איז געוואָרן טמא, „ורחץ במים" זאָל ער זיך וואַשן אין וואַסער, און דאַדורך ווערן ריין; אויך ביי די כהנים זאָגט דער חומש (שמות ל') אַז איידער זיי גייען אַריין אין אהל מועד אָדער מקריב זיין קרבנות, זאָלן זיי זיך וואַשן מיט וואַסער; שפעטער אין דער משנה און גמרא ווערן די דינים פון „טבילה", פון אונטערטונקען זיך אין וואַסער, כדי צו באַקומען די רעליגיעזע ריינקייט, איבערגעגעבן אין פיל איינצלהייטן (אין משנ-

יות סדר טהרות און פיל ערטער אין גמ־
ראַ); מען האָט אויך איינגעפירט ס׳וואַשן
די הענט מיט וואַסער פאַרן עסן (חולין
ק״ו) און מען זאָגט דערביי „שאו ידי־
כם״ און די ברכה „על נטילת ידים״;
אינדערפרי ביים אויפשטיין וואַשט מען
די הענט, און די גמרא שבת קי״ט
ברענגט שוין דעם דין וועגן וואַשן די
הענט, אַז דאָס דאַרף פאַרקומען „בסירו־
גין״, צוערשט די רעכטע און דערנאָך די
די לינקע, דערנאָך ווידער די רעכטע, 3
מאָל, און עס ווערט דאָרט אָנגעגעבן, אַז
פאַרן וואַשן רוט אויף דער האַנט אַ
רוח רעה, אַ בייזער גייסט; דאָס האַזיקע
האַנט־וואַשן באַלד אינדערפרי, איידער
מען גייט ד׳ אמות, 4 איילן, ווערט גע־
רופן אין יידיש „נעגל־וואַסער״, ווייל
דער בייזער גייסט געפינט זיך אויף די
נעגל. — עס זענען פאַראַן נאָך אַנדערע
מנהגים וועגן צו וואַשן די הענט; נאָכן
עסן פאַרן בענטשן וואַשט מען די הענט
און מען רופט דאָס „מים אחרונים״
(לעצטע וואַסער, כדי אונטערצושיידן פון
וואַשן די הענט פאַרן עסן) און דאָס
ווערט געבראַכט אין דער גמרא (חולין
ק״ה). — אין שלחן ערוך אורח חיים
סימן ד׳ און יורה דעה קי״ד ווערן גע־
בראַכט די דינים וועגן וואַשן די הענט
נאָך באַגלייטן אַ מת, נאָך טוען די קער־
פערלעכע געברויכן, אַפּשניידן זיך די
נעגל, אָנטוען די שיך, און אַנדערע. — זע
„טבילה״, „נסוך המים״, „סוטה״.

וואַרבורג — 1) אָטאָ (1859—), גע־
לערנטער באָטאַניקער אין דייטשלאַנד,
נאָכער אין ארץ־ישראל, אָנגעזעענער ציוי־
ניסטישער פירער, מיטגליד פון דער ציוי־
ניסטישער עקזעקוטיווע, פּראָפעסאָר פון
ירושלימער אוניווערסיטעט, געווען אַ גע־
וויסע צייט פּרעזידענט פון דער ציוניס־
טישער אָרגאַניזאַציע. — 2) פעליקס
(1871 אין דייטשלאַנד — 1937 אין אַמע־
ריקע), איידעם פון יעקב שיף און שותף
צו דער באַנק קוהן, לעב און קאָמפּאַניע,
פּרעזידענט פון „דזשאָינט״, אָנגעזעענער
נדבן און יידישער פירער אין אַמעריקע,
געהאָלפן אויך צום אויפבוי פון ארץ־יש־
ראל, געווען אַ געוויסע צייט פאָרזיצער
פון עקזעקוטיווע פון דער יידישער אַגענץ,
געשטיצט פיל יידישע און נישט־יידישע
אַנשטאַלטן.

וואַרשע (אין פּויליש „וואַרשאַוואַ״),
הויפּטשטאָט פון פּוילן; לערך 1 מיליאָן
און 200 טויזנט איינוואוינער; ביים מל־
חמה־אויסברוך אין סעפּטעמבער 1939
געווען 350 טויזנט יידן; איצט צוליב דעם
גרוש פון יידן פון אַ טייל פּראָווינץ־
שטעט אין פּוילן, לערך 500 טויזנט יידן;
גרעסטע יידישע קהלה אין אייראָפּע; יידן
האָבן געוואוינט שוין אין 15טן יאָרהונ־
דערט; דעמאָלט איז פאָרגעקומען דער
גרוש פון יידן פון וואַרשע; נאָכער גע־
וואוינט נאָר אין פאָרשטעט; דערלויבט
געוואָרן צו באַזעצן זיך ערשט 1795; פון
דעמאָלט אָן שנעלע פאַרגרעסערונג פון
יידישן ישוב; באַזונדערס פאַרגרעסערט
1882, נאָכן גרוש פון מאָסקווע און אַנ־
דערע רוסישע שטעט; די אָנגעזעענסטע
רבנים: רבי שלמה זלמן ליפשיץ (מחבר
פון „חמדת שלמה״), רבי חיים דאַוויד־
זאָן, רבי בעריש מייזעלס, רבי יעקב גע־
זונטהייט; געלערנטע: סלאָנימסקי, סאָ־
קאָלאָוו, דר. שמואל אברהם פּאָזנאַנסקי,
פּראָפעסאָר משה שאָר און אַנדערע. אין
דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונ־
דערט געוואָרן צענטער פון העברעאישער
פּרעסע („הצפירה״), ליטעראַטור („אחי־
אסף״־פאַרלאַג); אין אָנהויב 20טן יאָר־
הונדערט צענטער פון דער יידישער פּרע־
סע („אונדזער לעבן״, „היינט״, „מאָ־
מענט״, „פריינד״, „פאָלקסצייטונג״,
„יידיש טאָגבלאַט״); קולטורעלער און
געזעלשאַפטלעכער צענטער פון פּוילישן

יידנטום; ישיבות, רבנים־ און לערער־סעמינארן, וועלטלעכע שולן, יידישע טעאטערס, ביכער־פארלאגן, צענטער פון יידישער פארטייען (ציוניסטן, „אגודה", „מזרחי", „פועלי ציון", „בונד"); אין דער מלחמה סעפטעמבער 1939, האבן די דייטשן געמאכט א שרעקלעכן חורבן באזונדערס פון יידישן קווארטאל, אומגעקומען ביי 60 טויזנט יידן, פארטריבן יידן פון א סך גאסן און זיי רואינירט, איינגעפירט געטא, קראנקייטן און הונגער, פון וואס צענדליקער טויזנטער יידן זענען אומגעקומען. ביים שרייבן די דאזיקע שורות, ענדע יאר 1942, זענען פאראן שוידערלעכע ידיעות וועגן דערמארדונג פון הונדערטער טויזנטער יידן אין וואשעווער געטא דורך היטלערס נאצי רוצחים.

וואשן זע „וואסער", „טבילה".

ווידאש, אליהו (לערך 1550 אין צפת — 1588 אין חברון), מקובל און מחבר פון מוסר ספר „ראשית חכמה", וועלכער באשטייט פון 5 שערים: יראה, אהבה, תשובה, קדושה, כוונה, ווי אויך עטלעכע פרקים וועגן קינדער־דערציאונג, מצוות שבין אדם לחברו; דאס ספר איז געדרוקט געווארן צום ערשטן מאל אין ווענעציע 1589. און דערנאך זייער פיל מאל. אויך מיט יידישער איבערזעצונג; געווען פאפולער אין די פרומע קרייזן: רבי אליהו ווידאש איז געווען א תלמיד פון רבי משה קורדובירו און אין א געוויסער מאס אויך פון רבי יצחק לוריא (אר"י).

וויטאל, חיים (1543 אין צפת — 1620 אין דמשק), איינער פון די בארימטסטע מקובלים; תלמיד פון רבי משה אלשיך אין נגלה, און פון רבי יצחק לוריא (אר"י) אין קבלה; פאראן א מיינונג אז די הויפט־שיטה פון אר"י אין קבלה געהערט אייגנטלעך צו רבי חיים וויטאל; ער אליין האט געשריבן זיין אויטאביאגראפיע מיטן נאמען „ספר החזיונות", און איז געדרוקט געווארן פיל מאל מיטן נאמען „שבחי ר' חיים וויטאל"; ער דערציילט פארשידענע עפיזאדן פון זיין לעבן, חלומות, נביאות; ער זאגט דארט, אז מען האט געגלויבט דאס ער וועט זיין „משיח בן יוסף"; רבי חיים וויטאל איז געווען דער תלמיד מובהק פון אר"י און ער האט אין זיינע ספרים אנטוויקלט און פארברייטערט די שיטה פון זיין רבי. אבער ער האט פארן טויט אנגעזאגט, אז מען זאל די כתבים אים מיטגעבן אין קבר; ווי רבי חיים יוסף דוד אזולאי גיט איבער אין „שם הגדולים" האבן זיינע חברים געמאכט א שאלת חלום און באקומען פון אים די דערלויבניש ארויסצוגעבן די כתבים און זיי מפרסם צו זיין; זיין הויפט־ספר איז דער „עץ חיים", די שיטה פון זיין רבין אין קבלה, כוונות, פרושים אויפן זוהר; „שערי קדושה" לערעס ווי אזוי דער מענטש זאל דורך גוטע מידות און הייליקן זיך דערגרייכן צו רוח הקודש; „ספר הגלגולים" וועגן גלגולים; „ארבע מאות שקל כסף" אויף קבלה; אחוץ די אפגעדרוקטע ספרים זענען געבליבן פון רבי חיים וויטאל א סך כתבים וועלכע זענען נישט פארעפנטלעכט געווארן. — איינצלהייטן וועגן רבי חיים וויטאל אין כהנאם „תולדות המקובלים", גרעץ „געשיכטע" (אין העברעאישער איבערזעצונג. באנד 7), ביידע נישט אביעקטיוו אין דער אפשאצונג פון וויטאל. — זע זוכווארט „קבלה".

וויטרי, שמחה (אין ענדע פון 11טן און אנהויב פון 12טן יארהונדערט, אין דער שטאט וויטרע, אין פראנקרייך); תלמיד פון רש"י; געשטארבן אין יאר 1105; מחבר פון בארימטן „מחזור ויטרי"

(ארויסגעגעבן דורך מקיצי נרדמים, בערלין 1893. מיט איינלייטונג פון שמעון הורוויץ), באשטייט פון 2 חלקים, אנטהאלט די נוסחאות פוז דאוועגען פון א גאנץ יאר, שבתים און ימים טובים. פיוטים, זמירות, פארשידענע דינים, נוסחאות פון גט, חליצה, שטרות, פירוש אויף אבות, עשרת הדברות, תשובות פון רש״י; עס איז זיכער אז נישט דעם גאנצן מחזור האט געשריבן רבנו שמחה וויטרי; שפעטער זענען צוגעגעבן געווארן הוספות; ער זאל האבן פארענדיקט געווארן דורך שפעטערע מחברים אין יאר ד׳ אלפים תתקס״ח (1208); דאס וואס דער „אוצר ישראל״ (ערד „מחזור״) און נאך אים די העברעאישע „אנציקלופדיה כללית״ שרייבן, אז רבי שמחה אליין האט אים פארענדיקט 1208, קאן נישט זיין ריכטיק, ווייל ר׳ שמחה איז געשטארבן מיט איבער 100 יאר פריער; דער מחזור וויטרי האט א גרויסן ווערט פאר דער פארשונג פון די נוסחאות פון תפילות און אויך מנהגים. — וועגן רבי שמחה וויטרי און זיין מחזור איז פאראן אויספירלעך אין דער דערמאנטער איינלייטונג פון הורוויץ און די צוגאב־באמערקונגען פון בערלינער צו דער מחזור־אויסגאבע (בערלין, 1893).

ווייז — 1) יצחק מאיר (1819 — 1900), רעפארם־ראבינער אין סינסינעטי אין אמעריקע, געגרינדעט די „פאראייניקונג פון די יידישע קהלות אין אמעריקע״ („יוניאן אוו אמעריקאן היברו קאנגרעגיישאנס״), דעם רעפארם־ראבינער־סעמינאר, „היברו יוניאן קאלעדזש״ (יאר 1875) אין סינסינעטי, געשריבן פיל ביכער איבער יידישער געשיכטע, תנ״ך; אנהענגער פון עקסטרעמער רעפארם, ווי דאווענען אין בלויזן קאפ, באזייטיקן העברעאיש פון סידור, אפשאפן א סך דינים פון כשר און טריפה, געווען רעדאקטאר פון „אמעריקאן איזראעליט״ און „דבורה״. — 2) סטיפען שמואל (געבוירן 1874 אין אונגארן), זינט 1893 רעפארם־ראבינער אין ניו־יארק און אנדערע שטעט; 1907 געגרינדעט די „פרייע סינאגאגע״, אנהענגער פון עקסטרעמער רעפארם, תפלות און פרעדיקן אין זונטיק; איינער פון די הויפט־פירער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, הויפט־רעדנער אויף ציוניסטישע קאנגרעסן, טעטיק אין יעדער הילף־ארבייט פאר יידן, פרעזידענט פון אמעריקאנער יידישן קאנגרעס; גרויסן איינפלוס אויך אין דער נישט־יידישער וועלט אלס דעמאקראט און פרייהייט־קעמפער; געגרינדעט ראבינער־סעמינאר; ארויסגעגעבן אין אראביש רבי שלמה אבן גבירולס „תקון מדות הנפש״ מיט ענגלישער איבערזעצונג, איינלייטונג און באמערקונגען.

ווייזל, נפתלי הערץ (1725—1805), בארימטער משכיל און געלערנטער אין דייטשלאנד, פון די ערשטע השכלה־פירער, דיכטער און מחבר פון דידאקטישע ספרים אין העברעאיש, מפרש פון תנ״ך; ווייזל האט באקומען א רעליגיעזע דערציאונג און געלערנט תלמוד און מפרשים ווי אויך תנ״ך און דקדוק; ער איז געווען באפריינדעט מיט מענדלסאן, וועמען ער האט געהאלפן אין צוזאמענשטעלן דעם תנ״ך מיט דער דייטשער איבערזעצונג און „ביאור״ (געשריבן דעם ביאור צום ספר ויקרא), באטייליקט זיך אין השכלה־זשורנאל „המאסף״; מחבר פון „גן נעול״ (אויף „שמות הנרדפים״, סינאנימען פון דער העברעאישער שפראך), „יין לבנון״ (אויף פרקי אבות), „ספר המדות או מוסר השכל״ (איבער עטיק). „שירי תפארת״ (דיכטונגען אויף די ספורים פון תנ״ך). א גרויסן שטורם האט ארויסגערופן זיין בריוו „דברי שלום ואמת״ (1782), אין וועלכן ער גיט געדעכט דעם

עסטרייכישן קייזער יאזעף דעם 2טן, וועלכער האט דורך גרינדן שולן מיט וועלטלעכע לימודים פאר יידן אין גאליציע געוואלט יידן געבן וועלטלעכע בילדונג. און קעגן וואס די פרומער וועלט איז דעמאלט ארויסגעטרעטן שארף, מורא האבנדיק פאר דער פארשפרייטונג פון אפיקורסות; ווייזל האט וועגן דעם געשריבן נאך צוויי בריוו; ווייזלס איינפלוס אין די השכלה־קרייזן איז געווען זייער גרויס, און מען האט אים געהאלטן פאר דעם צווייטן מענדלסאן (מען האט געשריבן וועגן אים „רנה"וו", „רבי נפתלי הירץ ווייזל"). — איינצלהייטן אין לאכאווערס „תולדות הספרות העברית החדשה" (ערשטער באנד).

ווייל, יעקב (לערך 1395 אין דער שטאט ווייל אין דייטשלאנד — לערך 1460), רב און פוסק, באקאנט מיטן ראשי תבות־אנעמען „מהרי"ו" (מורנו הרב ר' יעקב ווייל); תלמיד פון מהרי"ל (רבי יעקב מולין); געווען רב אין ערפורט; זיין ספר „שאלות ותשובות מהריו" ווערט גערעכנט פאר אן אויטאריטעט אין דער פוסקים־וועלט, ווערט געבראכט דורך רבי יוסף קארו (מחבר פון שלחן ערוך) און אנדערע גרויסע פוסקים; אין די שאלות ותשובות זענען פאראן פיל ידיעות וועגן יידישן לעבן אין יענער צייט; גידעמאן און זיין „געשיכטע פון דערציאונגס־וועזן און קולטור פון יידן אין מערב־אייראפע" (אין העברעאישער איבערזעצונג „התורה והחיים", דריטער באנד) ברענגט פיל ידיעות פון מהריום שאלות ותשובות. — איינצלהייטן ביי גידעמאן.

וויין (אויף העברעאיש „יין"), די באציאונג פון תנ"ך צו וויין ווערט אויסגעדריקט אין תהלים ק"ד „ויין ישמח לבב אנוש" (וויין דערפרייט דאס הארץ פון מענטש); דאס ווייזט, אז דער תנ"ך איז אין אלגעמיין נישט געווען קעגן טרינקען וויין; עס ווערן נאר אויסגעדריקט שארפע ווערטער קעגן צופיל וויין־טרינקען; אין חבקוק ב' איז פאראן „כי היין בוגד" (ווייל דער וויין איז פארעטעריש); אין משלי כ"א „אוהב יין ושמן לא יעשיר" (ווער עס האט ליב וויין און בוימל וועט נישט זיין רייך); אלס באזונדערן צייכן פון אסקעטיזם איז געווען דאס אויפהערן טרינקען וויין. דער „נזיר" האט נישט געטארט טרינקען וויין (במדבר ו' און אנדערע ערטער). — וויין איז איינגעפירט געווארן צו באנוצן ביי פארשידענע רעליגיעזע אנגעלעגנהייטן: וויין אויף קידוש שבתים און ימים טובים, הבדלה, ארבע כוסות פסח צום סדר, און אין בית המקדש האט מען וויין געגאסן אויפן מזבח אלס טייל פון קרבן. — אויף וויין מאכט מען א באזונדערע ברכה פארן טרינקען „בורא פרי הגפן", און נאכן טרינקען „על הגפן ועל פרי הגפן". — אין דער גמרא בבא בתרא ס' ווערט דערציילט, אז נאכן חורבן פון בית המקדש האבן טייל פרומע יידן געוואלט אויפהערן טרינקען וויין, און דער תנא רבי יהושע האט זיי אפגערעדט דערפון. — א באזונדער ארט פארנעמט אין דער יידישער רעליגיע דער פארבאט צו טרינקען וויין וואס געצנדינער האבן באשטימט מקריב צו זיין פאר אפגעטער, און עס ווערט אנגערופן „יין נסך" (דער אויסדרוק איז פון דברים ל"ב „יין נסכיהם"). דערפון איז אנגענומען געווארן איבערהויפט נישט צו טרינקען וויין, וואס איז געווען אפענערהייט אין דער אנרירונג פון א נישט־יידן; דאס ווערט אנגערופן „סתם יינם"; די שפורן פון דאזיקן פארבאט פון סתם יינם איז פאראן; אין דניאל א'; די גמרא אין שבת י"ז זאגט, אז פארן חורבן פון 2טן בית המקדש האט מען גוזר געווען אויף 18

זאַכן (י״ח דבר) און צווישן זיי אויך דעם פאַרבאָט צו טרינקען נישט־יידישן וויין; די דינים פון נישט יידישן וויין יינען פאַראַן אין דער מסכתא עבודה זרה און אַנדערע ערטער פון גמרא; רמב״ם משנה תורה הלכות מאכלות אסורות; שלחן ערוך יורה דעה. — ביים טרינקען וויין ווינטשט מען זיך „לחיים״, און דער מנהג ווערט געבראַכט אין גמרא שבת ס״ז און אַנדערע ערטער. — זע „הבדלה״, „נזיר״, „סדר״, „קידוש״, „קרבן״.

ווייס, אייזיק הערש (1815 — 1905

אין ווין), פאָרשער פון חכמת ישראל; פון 1864 לערער אין ראַבינער־סעמינאַר אין ווין; רעדאַגירט צוזאַמען מיט מאיר איש שלום דעם „בית תלמוד״; געשריבן פיל ספרים; זיין הויפּט־ספר איז „דור דור ודורשיו״ 5 בענדער (אויך איבערזעצט אין יידיש); דאָס איז די געשיכטע פון תורה שבעל פה פון די עלטסטע צייטן, דורך זמן בית שני, די צייט פון משנה און גמרא, תקופת הגאונים, נאָכער פּוסקים ביז גרוש שפּאַניע אין 1492; אין ספר ווערן געגעבן היסטאָריש־קריטישע איבערזיכטן איבער דער תורה שבעל פה און איר אַנטוויקלונג ווי אויך כאַראַקטעריסטישע שילדערונגען און ביאָגראַפישע סטודיומס איבער תנאים, אמוראים און פּוסקים; דער „דור דור ודורשיו״, וועמענס פיל מיינונגען האָבן אַרויסגערופן קריטיק פון די אָרטאָדאָקסישע געלערנטע (הלוי אין „דורות הראשונים״ און אַנדערע) האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער פאָרשונג פון חכמת ישראל; ווייס האָט אויך אַרויסגעגעבן דעם „תורת כהנים״ מיטן פּירוש הראב״ד און זיינע אייגענע באַמערקונגען; מנהגים פון תפלות מיטן נאָמען „אורח לצדיק״ (צום סידור תפלת יעקב, ווין); מכילתא מיט באַמערקונגען „מדות סופרים״; „משפט לשון המשנה״, איבער דעם העברעאיש פון דער משנה; „זכרונות״ (דערינערונגען), ביאָגראַפיע און זכרונות וועגן ראַפּאָפּאָרט, רבי הירש חיות און אַנדערע געלערנטע, מיט וועלכע ער האָט פאַרקערט. — פּרטים אין זיין דערמאָנטן „זכרונותי״, ברייניןן (אין „מזרח ומערב״).

ווייסנבערג, יצחק מאיר (1881 —

1939), שריפטשטעלער, געבוירן אין זשעלעכאָוו (פּוילן) געשטאָרבן אין יאַבלאָנע לעבן וואַרשע; זיינע ווערק, מייסטנס קורצע נאָוועלן, געהערן צו די אָנגעזעענסטע אין דער יידישער ליטעראַטור; איינצלהייטן אין רייזנס „לעקסיקאָן״; צו דער רשימה פון רייזן איז צוצוגעבן די זאַמלונג פון ווייסנבערגס ווערק אין וואַרשע 1931, אין וועלכע עס גייען אויך אַריין אַ ריי נייע ווערק; אין 1937 אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ פאַנטאַסטישן ראָמאַן „אין טיפער אייביקייט״; געבליבן נישט פאַרענדיקט.

ווייצמאַן, חיים (געבוירן 1873 אין

מאָטילע, לעבן פינסק אין רוסלאַנד), זינט 1903 דאָצענט פון כעמיע, נאָכער פּראָפעסאָר, אין מאַנטשעסטער, אין ענגלאַנד; פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אַגענץ; גרינדער פון העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, איינער פון די הויפּט־מיטהעלפער ביים באַקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע פון דער ענגלישער רעגירונג אין 1917; דער אָנגעזעענסטער יידישער פירער אין איצטיגער צייט; פיל אָנגעגריפן געוואָרן דורך זיינע קעגנער די רעוויזיאָניסטן אַלס צופיל נאָכגיביק צו ענגלאַנד אין באַצוג צו איר ארץ־ישראל־פּאָליטיק; פירט אַן אין ארץ־ישראל אין רחובות מיטן כעמישן פאָרשונגס־אינסטיטוט; זיינע רעדעס דערשינען אונטערן נאָמען „דברים״.

וויכוחים מיטן וואָרט וויכוחים מיינט מען דעם וואָרט־קאַמף צווישן פּערזאָנען וואָס האָבן פאַרשידענע מיינונגען וועגן אַ געוויסער פראַגע, און יעדער פון זיי באַמיט זיך מיט אַרגומענטן אויפצוווייזן אַז זיין מיינונג איז די ריכטיקע און דעם קעגנערס איז די פאַלשע. אין דער יידישער געשיכטע ווערט מיטן וואָרט וויכוחים מייסטנס פאַרשטאַנען דער וואָרט־קאַמף צווישן יידן און זייערע קעגנער אין פראַגן וועגן יידנטום און יידישער רעליגיע. געוויינלעך פלעגן אַזעלכע וויכוחים פאַרקומען אַמייסטן מיט פאַרשטייער פון קריסטנטום, און גאַנץ אָפט האָבן די גלחים געצוואונגען די יידן, אַז זיי זאָלן מוזן זיך מתוכח זיין עפנטלעך. שוין אין די אַלטע צייטן געפינען מיר וויכוחים, ווי למשל דער ויכוח פון פילאָ פון אַלעקסאַנדריע מיט די יידן־פיינט ביים רוימישן קייזער קאַליגולאַ, און אַנדערע. נאָר די הויפּט־וויכוחים זענען פאָרגעקומען אין מיטלאַלטער אַמייסטן אין שפּאַניע. דער באַרימטסטער פון זיי איז דער וויכוח פון רבי משה בן נחמן (רמב"ן) אין באַרצעלאָנאַ מיט אַ גלח; אַזעלכע אַרויפגעצוואונגענע וויכוחים זענען פאָרגעקומען אויך שפּעטער און האָבן געבראַכט אויף יידן פיל רדיפות. — זע „אַפּאָלאָגעטיק", „משה בן נחמן".

ווילנע שטאָט אין ליטע, געהערט אַמאָל צו ליטע, נאָכער צו רוסלאַנד, נאָכער צו פוילן, און איצט פאַרנומען דורך היטלערס חיילות; האָט ביי 250,000 איינוואוינער, צווישן זיי איבער 100,000 יידן; יידן וואוינען אין ווילנע פון 15טן יאָרהונדערט; טראָץ פיל שחיטות און פאַרפאָלגונגען און מלחמות, איז ווילנע געוואָרן אַ באַדייטנדער גייסטיקער צענטער פון יידנטום, און האָט באַקומען דעם נאָמען „ירושלים דליטא"; באַרימט זענען געווען די גרויסע ליטווישע רבנים און לומדים, ווי אין 17טן יאָרהונדערט רבי משה לימא (מחבר פון „חלקת מחוקק"), רבי משה רבקש („באר הגולה"), אין 18טן יאָרהונדערט רבי אליהו דער ווילנער גאון און זיינע תלמידים, וועלכע האָבן אין ווילנע געשאַפן דעם גרעסטן מקום תורה; אויך שפּעטער זענען געווען באַרימטע לומדים אין ליטע (רבי ישראל סאַלאַנטער, רבי בצלאל הכהן, רבי שמואל שטראַשון און אַנדערע); אין ליטע האָט זיך אויך אָנגעהויבן אין אָנהויב 19טן יאָרהונדערט די השכלה־באַוועגונג פון רוסלאַנד, און אירע פירער זענען געווען אדם הכהן לעבענזאָן, מרדכי אהרן גינזבורג, פין, שולמאַן, מתתיהו סטראַשון, בן יעקב, י. ל. גאָרדאָן און אַנדערע; ווילנע האָט זייער פיל קלויזן און שולן, פון וועלכע טייל זענען זייער אַלטע (די באַרימטסטע פון זיי איז דעם גאונס קלויז); אין די קלויזן זענען געווען ישיבות, וועלכע האָבן אַרויסגעגעבן טויזנטער תלמידים; ווילנע איז אויך געווען רייך אין יידישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, און וועלטלעכע לערן־אַנשטאַלטן, ביבליאָטעקן, פּריוואַטע און עפנטלעכע, ווי סטראַשונס ביבליאָטעק, „ייוואָ"; אין ענדע פון 19טן יאָרהונדערט איז ווילנע געוואָרן אַ צענטער פאַר דער חיבת־ציון־באַוועגונג און שפּעטער פאַרן ציוניזם ווי אויך פאַר העבראַישער פּרעסע און ליטעראַטור (פריער „הכרמל", נאָכער „הזמן", „העולם" און אַנדערע); ווילנע איז אויך זייט אַ לענגערער צייט (זינט ענדע פון 18טן יאָרהונדערט) געווען אַ צענטער פון יידישן דרוקוועזן (ראָם־דרוקעריי) און באַרימט איז די ווילנער ש"ס־אויסגאַבע מיט פיל מפרשים; אין ווילנע איז אין ענדע פון 19טן יאָהרונדערט אויך געווען די ערשטע באַוועגונג פון יידישן סאָציאַליזם, און דאָרט איז אַנטשטאַנען דער „בונד", סאָציאַליסטישע צייטונגען, צייטונגען אין דער יידישער שפּראַך, נאָכער

דאָס יידישע טעאַטער באַקאַנט אַלס „ווילנער טרופּע"; אין די לעצטע יאָרן איז ווילנע געוואָרן דער צענטער פון דער יידישער שפּראַך און קולטור אין יידיש, פיל פאָלקס־שולן, גימנאַזיע, טעכניקום, לערער־סעמינאַר אין יידיש, דער „איוואָ" (יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט) און זיין אַרכיוו און אויסגאַבן אין דער יידישער שפּראַך. — וועגן ווילנע זענען געשריבן געוואָרן אַ ריי אויספירלעכע ביכער און אָפּהאַנדלונגען: די וויכטיקסטע פון זיי זענען: פין, „קריה נאמנה"; מגיד־שטיינשניידער „עיר ווילנא"; ישראל קלוזנער „תולדות הקהלה העברית בוילנה"; זלמן שיק „1000 יאָר ווילנע"; דער ווילנער „פנקס". — איצט, אין 1942, איז אַ גרויסער טייל פון דער ווילנער יידישער באַפעלקערונג אומגעקומען דורך די שוידערלעכע רציחות פון די היטלעריסטישע אַרמייען, וועלכע האָבן פאַרנומען ווילנע אין זומער 1941.

ווין הויפּטשטאָט פון עסטרייך; יידן האָבן דאָרט געוואוינט זינט די ערשטע יאָרהונדערטער פון דער געוויינלעכער צייטרעכענונג (רוימישע צייטן); אין 12טן יאָרהונדערט זענען פאָרגעקומען שחיטות פון די נוסעי הצלב (קרייץ־פאָרער); אין 13טן יאָרהונדערט געוועזן אַ צענטער פון תורה; באַרימטער פוסק רבי יצחק פון ווין מחבר פון „אור זרוע"; אין 14טן יאָרהונדערט אַ גרוש; נאָכער ווידער דערלויבט; אין 15טן יאָרהונדערט ווידער אַ גרוש; אין 16טן יאָרהונדערט דערלויבט; אין 17טן יאָרהונדערט אַ פאַרגרעסערונג פון ישוב אונטער דער פירונג פון 2 הויף־יידן רבי שמשון ווערטהיימער (רב הכולל) און שמואל אָפּנהיימער; זינט דעם 18טן יאָרהונדערט כסדר פאַרגרעסערונג פון יידישן ישוב. אין 19טן יאָרהונדערט די השכלה־באַוועגונג, סאַלאָנען פון אַנגעזעענע יידישע פרויען (פאַני אַרנשטיין און אַנדערע); די פּרעסע, ליטעראַטור, טעאַטער אונטער דעם יידישן איינפלוס (בענעדיקט, סאַפיר, זאַנענטאַל און אַנדערע); אַנגעזעענע געלערנטע פון חכמת ישראל (יעלינעק, ווייס, איש שלום, גידעמאַן, שוואַרץ און אַנדערע), ראַבינער־סעמינאַר, סמאָלענסקינס השחר; די אַנטשטייאונג פון ציוניזם דורך דר. הערצל, „די וועלט"; באַדייטנדע יידישע וועלט־געלערנטע, צווישן זיי דער אַנגעזעענסטער פרויד; פאַר דער היטלער־אָקופּאַציע פון עסטרייך אין 1938 האָט אין ווין געוואוינט ביי 200 טויזנט יידן אויף אַן אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון לערך 1 מיליאָן און 800 טויזנט; פיל פון די יידן זענען געקומען פון גאַליציע אין דער מלחמה 1914—1918, צווישן זיי אויך חסידישע רביים (טשאָרטקאָווער, סאַדיגורער, באָיאַנער און אַנדערע); נאָך דער היטלער־אָקופּאַציע שרעקלעכע פאַרפאָלגונגען אויף יידן, פייניקונגען, רויבערייען און רציחות, גרויסע עמיגראַציע קיין אַרץ־ישראל און אַנדערע לענדער; אין ענדע 1939, נאָכן מלחמה־אויסברוך זענען אַ סך ווינער יידן פאַרשיקט געוואָרן אין היטלערס יידן־רעזערוואַט, די געטאָס אין פּוילן; פיל פון די יידן זענען אומגעקומען.

ווינטשעווסקי, מאָריס (1856 אין ליטע — 1930 אין אַמעריקע), יידישער סאָציאַליסטישער שריפטשטעלער און פירער (זיין נאָמען איז געווען בן־ציון עוואַכאָוויטש); געשריבן אין די ערשטע יאָרן העברעאיש (אין „המגיד", ליבערמאַנס סאָציאַליסטישן „האמת", רעדאַגירט „אספת חכמים", מיטגעאַרבעט אין „הקול"); פון 1878 אין לאָנדאָן, וואו געגרינדעט די ערשטע יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, אָנגעהויבן שרייבן יידיש, געגרינדעט ערשטע יידיש־סאָציאַליסטישע צייטונג „דער פּוילישער יידל"; פון

1894 אין אמעריקע; געשריבן דראמעס, פעליעטאנען, (פסעוודאנים „דער משוגענער פילאזאף"), איינער פון די גרינדער פון „פארווערטס", און „צוקונפט", געשריבן לידער; אין די לעצטע יארן פארעפנטלעכט אויף העברעאיש „זכרונות" אין „העולם", „התורן"; זיך דערנענטערט צום קאמוניזם, מיטגעארבעט אין קאמוניסטישער טאג־צייטונג „פרייהייט".

וויסנשאפט, יידישע טערמין געשאפן אין דייטשלאנד אין אנהויב 19טן יארהונדערט צו באצייכענען די פארשונגען אויף אלע געביטן פון יידנטום, ווי רעליגיע, געשיכטע, פילאזאפיע, ליטעראטור און אזוי ווייטער. אויף העברעאיש רופט מען עס אן „חכמת ישראל". אין די ראמען פון „יידישער וויסנשאפט" גייען אריין נאר די פארשונגען, וועלכע ווערן געפירט אויפן גרונט פון מאדערנע וויסנשאפטלעכע מעטאדן, פון היסטאריש־קריטישער באהאנדלונג. אלס דער ערשטער פארשער פון „יידישער וויסנשאפט" דארף מען לויט דער מיינונג פון טייל געלערנטע, באטראכטן רבי עזריה מן האדומים (זע „עזריה"), מחבר פון „מאור עינים" (16טן יארהונדערט אין איטאליע), וועלכער האט דער ערשטער קריטיש באהאנדלט די דאטעס פון יידישער געשיכטע, געפרואווט פארשן דעם יידישן העלעניזם פון אלעקסאנדריע; אלס זיין נאכפאלגער קאן מען באטראכטן פון איין זייט רבי חיים יוסף דוד אזולאי (זע „אזולאי"), מחבר פון „שם הגדולים" (אין 18טן יארהונדערט), וועלכער האט דער ערשטער וויסנשאפטלעך אנאליזירט ביאגראפישע און ביבליאגראפישע דאטעס, און פון דער 2טער זייט רבי אליהו, דעם ווילנער גאון (18טן יארהונדערט) מיט זיינע קריטישע באהאנדלונגען פון די טעקסטן פון תלמוד און אנדערע אלטע ספרים; מען קאן אויך אנעמען, אז די פאקטישע „יידישע וויסנשאפט" האט זיך אנגעהויבן מיט מענדלסאנס פירוש אויף תנ"ך, דעם בארימטן „ביאור", (הגם אין באצוג צו תנ"ך־קריטיק זענען געווען שוין פריער די ווערק פון **שפינאזא**, אסטרוק און אנדערע); באלד דערנאך, פון אנהויב 19טן יארהונדערט אן, האט די יידישע וויסנשאפט אנגעהויבן **זיך** שטארק אנטוויקלען, הויפטזעכלעך אין דייטשלאנד, וואו די וויכטיקסטע זענען געווען יאסט, צונץ, גייגער, שטיינשניידער, פראנקעל, גרעץ. אין העברעאיש: קראכמאל, ראפאפארט, לוצאטו (שד"ל), יצחק שמואל רעדזשא (יש"ר), ווייס, און אנדערע; שפעטער האט די יידישע וויסנשאפט געפינען פלאץ אויך אין אנדערע שפראכן; לעצטנס איז דער הויפטצענטער פאר דער פארשונג פון יידישער וויסנשאפט איבערגעטראגן געווארן אין העברעאיש (ארץ־ישראל אלס צענטער, ירושלימער אוניווערסיטעט און אינסטיטוט „למדעי היהדות") און ענגליש (אמעריקע אלס צענטער, אירע ראבינערסעמינארן און צייטשריפטן); די פארשונג פון יידישער וויסנשאפט איז דער אינהאלט פון טויזנטער ביכער און זשורנאלן; פון די זשורנאלן זענען די אנגעזעענסטע געווען „מאנאטשריפט פאר געשיכטע און וויסנשאפט פון יידנטום" (דערשינען אין ברעסלוי אויף דייטש), פראנקפורטער „יארביכער". ברילס יארביכער (אויף דייטש), „רעווי עטיוד זשואיף" (אין פראנצויזיש), „דזשואיש קווארטערלי רעוויו" אין ענגליש, „תרביץ" (אין העברעאיש) און פיל אנדערע, לעצטנס איז אנטשטאנען א געביט פון יידיש וויסנשאפטלעכער פארשונג פון יידישיסטיק, **יידישער שפראך, אלט־**יידישע ספרים, פאלקלאר, וואס האט זיך קאנצענטרירט ארום דעם „ייווא" (יידיש וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט) אין ווילנע, איצט אין ניו־יארק.

וויסנשאפטן, יידישער אנטייל

די פראגע: ווי גרויס איז געווען דער אנטייל פון יידן אין דער אנטוויקלונג פון אלגעמיינע וויסנשאפטן, ווי אסטראנאמיע, מאטעמאטיק, פיזיק, כעמיע, מעדיצין, ביאלאגיע, זאאלאגיע, פילאזאפיע און אנדערע וויסנשאפטס־געביטן, סיי אין די גאר אלטע צייטן, סיי אין מיטלאלטער, סיי אין דער נייער צייט, — איז נאך ביז איצט גרינטלעך ניט באארבעט געווארן, כאטש עס זענען פארעפנטלעכט געווארן מערערע ביכער און ארטיקלען וועגן דעם; וועגן דעם צושטאנד פון די אלע דערמאנטע וויסנשאפטן ביי יידן אין דער אלטער צייט פון תנ"ך און נאכער אין דער צייט פון בית שני און משנה און תלמוד האבן מיר גאר ווייניק ידיעות, און דער עיקר ווייסן מיר ווייניק וועגן דער באטייליקונג פון יידן אין דער אנטוויקלונג פון די וויסנשאפטן ביי אנדערע פעלקער. עס זענען פאראן אלטע לעגענדעס און רמזים פון לעגענדעס סיי ביי יאזעפוס פלאוויוס און סיי אין די תלמודישע קוואלן אז, למשל, די גאר אלטע יידן זענען געווען גרויסע אסטראנאמען און אז די אנדערע פעלקער האבן פון זיי געלערנט אסטראנאמיע. טייל געלערנטע האבן געפרואווט צונויפנעמען די פארשידענע ידיעות פון וויסנשאפטלעכע געביטן, וועלכע זענען פאראן צעווארפן אין פיל ערטער אין תלמוד. אזוי האבן צוקערמאן אין זיין „דאס מאטעמאטישע אים תלמוד" (אין דייטש), קאמעלהאר אין זיין „התלמוד ומדעי התבל" (אין העברעאיש), פערלמאן אין זיין „מדרש הרפואה" און אנדערע געפרואווט צונויפנעמען די אלע פארשידענע וויסנשאפטלעכע תלמודישע ערטער, און קאמעלהאר פרואווט צונויפנעמען די תלמודישע ערטער וועגן אלע געביטן פון וויסנשאפט. ערשט וועגן אנטייל פון יידן אין דער אנטוויקלונג פון וויסנשאפטן אין מיטלאלטער האבן מיר גרעסערע און אויספירלעכערע ידיעות. עס איז דאס גרויסע פארדינסט פון פראפעסאר משה שטיינשניידער, וועלכע האט אין זיינע ווערק „די העברעאישע איבערזעצונגען אין מיטלאלטער און די יידן אלס דאלמעטשער" (אין דייטש), „די אראבישע ליטעראטור פון יידן" (אין דייטש) און אנדערע ווערק און אויך אפהאנדלונגען אויפגעוויזן די גרויסע באדייטונג פון יידן פאר דער אנטוויקלונג פון וויסנשאפטן אין דער אראבישער עפאכע און אויך פאר איבערפלאנצן די וויסנשאפטן קיין אייראפע אין די ערשטע יאהונדערטער פון מיטלאלטער און אויך שפעטער. שטיינשניידער האט נאכגעוויזן, אז א סך באדייטנדע וויסנשאפטלער מיט אראבישע נעמען פון דער צייט פון פריען מיטלאלטער זענען באמת געווען יידן. א קליינע אבער ווערטפולע בראשור האט וועגן דער פראגע געשריבן דער בארימטער דייטשער געלערנטער באטאניקער און מיט־אנטדעקער פון צעלן בוי, יאקאב מאטיאס שליידען, וועלכער האט אין זיין דאזיקער בראשור „די באדייטונג פון יידן אין דער צוריקאויפלעבונג פון וויסנשאפטן אין מיטלאלטער" געמאכט איינפאך די דערקלערונג אז ווען ניט די יידן וואלט אייראפע נאך ביז היינט געווען אין צושטאנד פון פינצטערניש אין באצוג צו כמעט אלע וויסנשאפטן. אין די לעצטע יארן זענען דערשינען עטלעכע וויכטיקע ביכער וועגן דער פראגע, און די זעלבע ביכער נעמען שוין אויך ארום דעם אנטייל פון יידישע געלערנטע אין דער אנטוויקלונג פון וויסנשאפטן אין דער נייער צייט. אין דער ענגלישער שפראך זענען דערשינען וועגן דעם די ארבעטן פון דזשייקאבס „דזשואיש קאנטריביושן טו סיווילייזעישן" און גערשנפילד „דהי דזשו אין סייענס", וועלכע געבן אויך רשימות מיט נעמען פון יידי־

שע געלערנטע אין א גרויסער צאל פון וויסנשאפטלעכע געביטן. עס איז אויך צו דערמאנען ראבאקס ארבעט אין ענגליש „דהי דזשואיש אינפלוענס אין מאָדערן טאָוט", וועלכע אנטהאלט אויך פיל נעמען באזונדערס אין רעדאגירן וויסנשאפטלעכע זשורנאלן, און באארבעטן די „ספעציפישע יידישע" שאפונגען (ווי ראבאק דענקט) פרוידס פסיכאאנאליז, איינשטיינס רעלאטיוויטעטס־טעאריע און אנדערע, צאל פון יידן צווישן די נאבל־פרעמיע־באלוינטע. פון די דאזיקע ארבעטן איז צו זען, אז דער אנטייל פון יידן אין דער ענטוויקלונג פון וויסנשאפטן אין דער נייער צייט איז פראפארציאנעל צו אנדערע פעלקער זייער גרויס, און דער פארדינסט פון די יידן, למשל, אין דער אנטוויקלונג פון מעדיצין (אזעלכע נעמען ווי ערליך, מינקאווסקי, פרויד און אנדערע) אדער מאטעמאטיק און פיזיק או־ כעמיע (אזעלכע נעמען ווי איינשטיין, מינקאווסקי, ווילשטעטער, האבער, לעווי־טשיוויטא, קאנטאר, הערץ און פיל אנדערע) און אויך אין אנדערע וויסנשאפטן איז ווירקלעך אומשאצבאר.

וויצא נאמען פון אלוועלטלעכער יידישער ציוניסטישער פרויען־ארגאניזאציע, געגרינדעט אין לאנדאן 1920, ציילט איבער 30 טויזנט מיטגלידער אין נאענט צו 40 לענדער; איר ציל צו ארגאניזירן די פרויען פאר דער אויפבוי־ארבעט אין ארץ־ישראל און געבן דער יידישער פרוי אין ארץ־ישראל די נויטיקע פארברייטונג (הכשרה) פאר איר טעטיקייט; צענטראלע אין לאנדאן; האלט אויס אין ארץ־ישראל פרויען־שולן פאר הויז־ווירטשאפט (תל־אביב), לאנדווירטשאפט (נהלל), קינדער־היימען, ארבעטארינס־ווירטשאפטן אין שטעט און קאלאניעס.

וויצן אין אלט־העברעאיש איז נישט פאראן קיין באזונדער ווארט צו באצייכענען דאס וואס מיר פארשטייען היינט אונטער דעם ווארט „וויץ", אן אנעקדאט, וואס רופט ארויס א שמייכל; דאס ווארט אין נייעם העברעאיש „בדיחה" איז אייגנטלעך א באארבייטונג פון אראמעאיש „בדח" וואס איז דער טייטש „פרייען זיך" (דער תרגום פון „ויעלצו בך" אין תהלים ה' איז „ויבדחון בך"); אבער אין דער גמרא קאן מען יא געפינען דעם אויסדרוק פון „בדיחותא" אלס באצייכענונג פון וויץ; אין שבת ל' זאגט די גמרא, אז ווען רבה האט זיך געזעצט לערנען מיט תלמידים פלעגט ער זאגן פריער „מילתא דבדיחותא ובדחי רבנן" (א זאך פון פריילעך מאכן און די תלמידים זענען געווען פריילעכער); אין דער העברעאישער ליטעראטור פון מיטלאלטער געפינען מיר זעלטן דעם וויץ; מיר געפינען מער די סאטירע און די פאראדיע („מסכת פורים", אין די ווערק פון עמנואל הרומי און אנדערע); אין דער נייער צייט איז דער יידישער וויץ באקאנט נישט נאר ביי יידן נאר אויך אין דער נישט־יידישער וועלט; עס זענען פאראן פיל זאמלונגען פון יידישע פאלקס־וויצן אויפן נאמען פון הערשל אסטראפאליער, אפרים גריידיגער, מאטקע חבד, מרדכי ראקאווער און אנדערע וויצלער; א גרויסע זאמלונג פון יידישע וויצן האט פארעפנטלעכט אין העברעאיש דרויאנאוו „ספר הבדיחה והחדוד", קלאסיפיצירט לויט דעם אינהאלט, מיט אן איינלייטונג וועגן דער געשיכטע פון יידישן וויץ; א קלענערע זאמלונג יידישע וויצן האט פארעפנטלעכט ח. י. ראוניצקי אין יידיש „יידישע וויצן".

ווירגא פאמיליע־נאמען פון דריי וויכטיקע יידישע פערזענלעכקייטן אין שפאניע אין דער צייט פון גרוש (אין יאר 1492), וועלכע האבן גרויסע פארדינסטן פאר דער יידישער **געשיכטע־פארשונג**.

— דער ערשטער פון זיי איז געווען
יהודה, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין
שפּאַניע לערך נאָך 1450; אין דער צייט
פון גרוש 1492 איז ער אַנטלאָפן קיין
ליסאַבאָן (הויפּטשטאָט פון פּאָרטוגאַל),
אָבער באַלד האָט מען אויך דאָרט גע-
צוואונגען יידן צו שמד, און רבי יהודה
אבן ווירגא איז איינגעזעצט געוואָרן אין
תפיסה, וואו ער איז אומגעקומען אויף
קידוש השם לערך 1497; ער האָט אחוץ
ספרים איבער אַסטראָנאָמיע און מאַטע-
מאַטיק, אויך געשריבן וועגן די פאַרפאָל-
גונגען פון יידן אין שפּאַניע נאָטיצן,
וועלכע האָבן אַ גרויסן היסטאָרישן
ווערט; די נאָטיצן זענען געבליבן אין
כתב-יד, און זענען אָנגעקומען צו זיינם
אַ קרוב. — דער דאָזיקער קרוב האָט גע-
הייסן רבי שלמה וירגא; ער איז געבוירן
געוואָרן אין שפּאַניע לערך 1460; בעת
דעם גרוש איז ער אַנטלאָפן קיין פּאָר-
טוגאַל, און דאָרט ביים שמד-צוואַנג
(1496) אָנגענומען לפנים דאָס קריסטנ-
טום, און אין יאָר 1506, ווען עס איז גע-
ווען די שחיטה אויף די אנוסים, איז ער
אַנטלאָפן צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע
קיין איטאַליע, און ער האָט אויך גע-
וואוינט אין טערקיי; ער האָט זיך באַ-
שעפטיקט מיט מעדיצין; ער האָט דעם
דערמאָנטן היסטאָרישן כתב-יד פון זיין
קרוב פאַרגרעסערט, צוגעבנדיק פיל אַנ-
דערע ידיעות וועגן דער געשיכטע פון
יידן אין שפּאַניע, און האָט עס אַ נאָמען
געגעבן „שבט יהודה" (צום אָנדענק פון
זיין קרוב ר' יהודה ווירגא); ער האָט
אויך צוגעגעבן פאַרשידענע ויכוחים,
וואָס זענען פאָרגעקומען צווישן יידן און
קריסטן אין שפּאַניע. — דאָס דאָזיקע
ספר „שבט יהודה" האָט אָפּגעדרוקט רבי
שלמהס אַ זון, רבי יוסף ווירגא (געבוירן
אין שפּאַניע, איז יאָר 1490 און געשטאָרבן
אין טערקיי, אין אַדריאַנאָפּאָל 1559),
וועלכער איז געווען רב אין אַדריאַנאָ-
פּאָל און האָט מחבר געווען אַ ספר „שאַ-
רית יוסף" אויף די כללים פון דער גמ-
רא. רבי יוסף ווירגא האָט צום ספר „שבט
יהודה" צוגעגעבן אויך זיינע באַמערקונ-
גען און עס אָפּגעדרוקט אין אַדריאַנאָ-
פּאָל 1550; אין די באַמערקונגען האָט ער
צוגעגעבן איבערזעצונגען פון לאַטיינישע
קוואַלן, וועלכע זענען זייער ווערטפול. —
דאָס ספר „שבט יהודה", וואָס איז אַזוי
אַרום אַן אַרבעט פון 3 מחברים, האָט
אַ זייער גרויסע באַדייטונג פאַר דער פאָר-
שונג פון דער געשיכטע פון יידן אין שפּאַ-
ניע פון די עלטסטע צייטן ביז גרוש;
דאָס זענען די וויכטיקסטע קוואַלן פאַר
אונדזערע ידיעות פון יענער צייט. דער
„שבט יהודה" איז איבערגעדרוקט גע-
וואָרן דערנאָך פיל מאָל, אויך איבערגע-
זעצט געוואָרן אין אַ סך שפּראַכן. אויך
אין יידיש. — פּרטים וועגן די ווירגאַס
ביי גרעץ, געשיכטע אין העברעאישער
איבערזעצונג, חלק ו'.

וועלט אין תנ"ך איז שווער צו גע-
פינען דאָס ריכטיקע וואָרט, וואָס זאָל
באַצייכענען אונדזער באַגריף „וועלט";
„תבל" מיינט נישט וועלט נאָר די ערד;
„עולם" איז אין תנ"ך געווען מער דער
אויסדרוק פאַר „אייביקע צייט" ווי „מן
העולם ועד העולם" (תהלים ק"ו), אָדער
„יחי אדני המלך דוד לעולם (מלכים א'
א'), וואָס איז דער טייטש „זאָל דער
מלך דוד לעבן אייביק", און אַנדערע ער
טער; ווען דער תנ"ך האָט געוואָלט אויס-
דריקן דעם באַגריף „וועלט", „וועלטאַל",
האָט ער באַנוצט דערצו די צוויי ווערטער
„שמים וארץ" (הימל און ערד); אַזוי
דער ערשטער פסוק אין חומש „בראשית
ברא אלהים את השמים ואת הארץ" דער
טייטש „אין אָנהויב האָט גאָט באַשאַפן
די וועלט"; ערשט אין דער גמרא איז
פאַראַן דער אויסדרוק „עולם" פאַר וועלט,
אין אַראַמעאישן „עלמא"; אין דער מש-

נה און גמרא איז פאַראַן דער אונטערשיד צווישן „עולם הזה" און „עולם הבא". — זע זוכוואָרט „עולם הזה און עולם הבא".

וועלט-שאַפונג זע „בריאת העולם".

וועלהויזן, יוליוס (1844 — 1918) באַדייטנדסטער פאָרשער אויפן געביט פון תנ"ך־קריטיק אין דייטשלאַנד; ער האָט אויך געשריבן ביכער איבער דער געשיכטע פון יידישן פאָלק אין דער אַלטער צייט. — זע זוכוואָרט „תנ"ך־קריטיק".

ווענעציע שטאָט אין איטאַליע; אַמאָל געווען אַ באַזונדערע רעפּובליק; האָט היינט ביי 2,000 יידן; יידן וואוינען אין ווענעציע זינט אַלטע צייטן; אין 1516 געשאַפן געוואָרן יידישער געטאָ; אין 16טן יאָרהונדערט אַנטשטאַנען באַרימטע דרוקערייען פון העברעאישע ספרים (באָמבערג, שונצינו און אַנדערע), באַרימטע יידישע פּערזענלעכקייטן רבי אליהו בחור, רבי יהודה אריה די מודינה און אַנדערע.

ווערטהיימער, שמשון (1659 אין וואָרמס — 1725 אין ווין), רב הכולל פון די יידן אין עסטרייך, אַנגעזען ביים עסטרייכישן קייזער לעאָפּאָלד דעם 1טן, וועמען ער האָט געהאָלפן פינאַנסירן די מלחמה קעגן טערקיי; נדבן, געגרינדעט יידישע צדקה־אינסטיטוציעס, נשיא פון חלוקה־כולל פאַר ארץ־ישראל; איבערגעלאָזט אין זיין צוואה גרויסע געלט־סומעס פאַר יידן אין עסטרייך און פאַר ארץ־ישראל; געשריבן חידושים אויף תורה און גמרא.

ווערטערביכער מיט דעם נאָמען ווערטערבוך פאַרשטייט מען געווינלעך די איינאָרדענונג פון די ווערטער פון אַ שפּראַך לויט דעם אלף־בית און די דערקלערונג פון יעדעם וואָרט, אָדער אויך די איבערזעצונג פון יעדעם וואָרט אין אַן אַנדערער שפּראַך; דאָס ערשטע ווערטערבוך פון תלמודישע אויסדרוקן זאָל האָבן מחבר געווען רב צמח גאון (אין 9טן יאָרהונדערט אין בבל) און ער האָט עס אַ נאָמען געגעבן „ערוך"; זיין ווערטערבוך איז פאַרלוירן געגאַנגען, נאָר טייל אַלטע מחברים ברענגען אים (זע „צמח"); נאָך אים האָט רב סעדיה גאון מחבר געווען אַ העברעאיש ווערטערבוך „אגרון" (פון וואָרט „אגר", זאַמלען); נאָכער האָט רב יהודה בן קוראיש מחבר געווען צוויי ווערטערביכער „ספר היחש" און „ספר אב ואם" (ווערט געברענגט דורך אבן עזרא אין דער פתיחה צום „מאזנים"); פון דעמאָלט אָן האָבן אָנגעהויבן זיך באַווייזן אַ סך ווערטערביכער אונטער דעם נאָמען „אגרונות", „מחברות"; דאָס וויכטיקסטע ווערטערבוך פון תלמוד און מדרשים איז דער „ערוך" פון רבי נתן פון רוים (זע „נתן"); פון העברעאיש איז דער וויכטיקסטער דער „ספר השרשים" פון רבי דוד קמחי (זע „קמחי"); ווערטערביכער פון העברעאיש אויף אייראָפּעאישע שפּראַכן האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין ענדע 14טן יאָרהונדערט; דער „מקרי דרדקי" (געדרוקט נעאַפּאָל, 1488) איז אַ ווערטערבוך פון העברעאיש איבערזעצט אויף איטאַליעניש, אַראַביש, פראַנצויזיש, און פּראָוואַנסאַליש; דאָס ערשטע העברעאיש־יידישע ווערטערבוך יאָל זיין דער „מרכבת המשנה" פון ר' אנשיל (געדרוקט קראָקע 1534); פון די נייעסטע ווערטערביכער זענען די באַקאַנטסטע געזעניוס העברעאיש־דייטשער ווערטערבוך (געדרוקט 1829-42); פון די תלמודישע ווערטערביכער זענען צו פאַרצייכענען קאָהוטס „ערוך השלם" (1878-1892) וועלכער איז אייגנטלעך דער ערוך

פון רבי נתן נאָר שטאַרק פאַרגרעסערט, לעווים (אויף דייטש), און יאַסטראָוום (אויף ענגליש); פון די העברעאיש־העבראישע ווערטערביכער מיט ציטאַטן פון דער גאַנצער העברעאישער ליטעראַטור איז דאָס וויכטיקסטע בן יהודהס „מלון"; גרינטלעכע יידישע ווערטערביכער זענען נאָכנישט פאַראַן; דאָס בעסטע איז אַלעקסאַנדער האַרקאַווים יידיש־ענגליש־העברעאיש; וועגן ענציקלאָפּעדיעס זע זוכוואָרט „ענציקלאָפּעדיע".

וידוי דאָס דערציילן די באַגאַנגענע זינד; אין יידיש איז פאַראַן דער אויסדרוק „זאָגן וידוי" אויף זאָגן די תפלה „אשמנו, בגדנו" און אויך די „על חטאס" וואָס מען זאָגט יום כיפור ביי די תפלות; אין ויקרא ה' איז פאַראַן אַז ווער עס באַגייט אַ זינד „והתודה", זאָל ער זיך מתוודה זיין; מיר געפינען אויך (ויקרא ט"ז) ביים כהן גדול אום יום־כפור „והתודה עליו את כל עוונות בית ישראל" (ער האָט מתוודה געווען די זינד פון די יידן); ביי עכן (יהושע ז'), וועלכער איז באַגאַנגען אין געהיים אַ פאַרברעך, ווערט געזאָגט אַז יהושע האָט אים באַפוילן „תן תודה" (זיי זיך מתוודה, דערצייל עפנטלעך דעם חטא); אין דער גמרא יומא פ"ז ווערט געזאָגט, אַז וידוי מיינט מען „אמר", אַרויסזאָגן די באַגאַנגענע זינד; דער מדרש קהלת זאָגט אַז מען דאַרף ביים מתוודה זיין שטיין און קלאַפּן זיך מיט דער פויסט אויף די ברוסט; דער רמב"ם אין ספר המצוות האַלט וידוי פאַר אַ מצוה פון דער תורה; אין שלחן ערוך אורח חיים תר"כ ווערט געזאָגט, אַז יום כיפור מוז מען זיך מתוודה זיין 10 מאָל; דער פתחי תשובה אבן העזר ס"א ברענגט אַז דער חתן אין חופה טאָג דאַרף צו מנחה זאָגן וידוי (דאָס הייסט „אשמנו" און „על חטא"). רבי אליעזר פון מעץ אין ספר יראים ברענגט, אַז פרומע יידן זענען זיך נוהג מתוודה צו זיין טייל יעדן טאָג פאַרנאַכט, טייל יעדן ערב שבת, טייל יעדן ערב ראש חודש, טייל מאָנטיק און דאָנערשטיק; די גמרא (שבת ל"ב) זאָגט אַז איינער האַלט ביים שטאַרבן דאַרף ער זאָגן וידוי. — אַחוץ דעם דערמאַנטן וידוי פון אשמנו און על חטא, זענען פאַראַן אויך אַנדערע גרעסערע וידויים, ווי דער וידוי הגדול פון רבנו ניסים, וואָס געפינט זיך אין סליחות צו ערב ראש־חודש (יום כיפור קטן), וידוי הגדול פון רבי אברהם האָרוויץ, די תפילה זכה וואָס געפינט זיך אין די מחזורים פאַר כל נדרי.

ויקרא נאָמען פון דריטן ספר פון חומש הויבט זיך אָן מיטן וואָרט ויקרא; אין די אייראָפּעאישע שפּראַכן הייסט עס פון לאַטיין „לעוויטיקוס" (דאָס ספר פון די „לוים"); ווערט אויך אָנגערופן „תורת כהנים"; האָט 27 קאַפּיטלעך, וועלכע טיילן זיך אין 10 סדרות; דער חומש ויקרא נעמט אַרום די דינים פון קרבנות; זאַכן וועלכע מען טאָר נישט עסן; די דינים פון נגעים און עריות; לקט שכחה ופאה; פאַרבאָט פון גזל; שבת און ימים־טובים; די ריינקייט פון כהנים; שמיטה און יובל; הקדש. אין ספר ויקרא איז אויך פאַראַן די תוכחה, די קללות אויף יידן, אויב זיי וועלן נישט אָפּהיטן גאָטס תורה. — וועגן ספר ויקרא איז געשריבן געוואָרן דורך די תנ"ך־קריטיקער פיל ביכער און אָפּהאַנדלונגען. די אָרטאָדאָקסישע יידישע געלערנטע (דוד האָפמאַן און אַנדערע) וואַרפן אָפּ די קריטישע מיינונגען. — זע „חומש".

ויקרא רבה זע „מדרש".

וולק, יהושע (לעז „וואָלק") געבוירן אין לובלין, געשטאָרבן אין לעמבערג

1614; באַרימטער פּוסק, מחבר פון „ספר מאירת עינים" (סמ"ע) צום שלחן ערוך חושן משפט; „בית ישראל" (אויף די 4 חלקים טור שלחן ערוך), אויך באַקאַנט מיטן נאָמען „דרישה ופרישה"; אויך אַנדערע ספרים.

ונתנה תוקף פּיוט וואָס ווערט געזאָגט אין ראש השנה און יום כּיפּור אין מוסף פאַר קדושה; דער טייטש איז „לאָמיר דערציילן" די הייליקייט פון טאָג, און עס ווערט אין פּיוט פאַרגעשטעלט ווי אין הימל ווערן די מענטשן געמשפּט צום טויט אָדער צום לעבן. וועגן מחבר פון דער תּפלה זע זוכוואָרט „אמנון".

ועד ארבע ארצות (קאָמיטעט פון 4 לענדער), נאָמען פון דער יידישער אויטאָנאָמיע־פאַרוואַלטונג אין פּוילן און ליטע אין די יאָרהונדערטער 16, 17 און א העלפט פון 18. אַלע יידישע קהלות אין פּוילן און ליטע, וועלכע זענען דעמאָלט געווען איין מדינה, האָבן געהאַט זייערע אייגענע אָרטיקע פאַרוואַלטונגען, וועלכע האָבן געהאַט באַשטימטע רעכט איינצומאָנען די שטייערן פון די יידן, צו אורטיילן אין געוויסע פּראָצעסן, פאַרוואַלטן מיט די דערציאונגס־אינסטיטוציעס, פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן. כּדי איינצופירן אָרדענונג אין די אַלע ענינים און אויך צו פאַרהאַנדלען מיט דער רעגירונג, האָבן די יידן אין די 4 לענדער פון פּוילן (גרויס־פּוילן, קליין־פּוילן, רייסן און ליטע) דערוויילט פון זיך א ועד, א קאָמיטעט, וועלכער איז געווען די אָפּיציעלע פאַרטרעטערשאַפט פון די פּוילישע יידן, און דער דאָזיקער ועד האָט אָנגענומען תּקנות, באַשטימט די שטייערן, אַרויסגעגעבן אורטיילן אין וויכטיקע ענינים, פאַרהאַנדלט מיט דער רעגירונג; אין די ערשטע צייטן האָט מען אים גערופן „ועד חמש ארצות", ווייל מען האָט איינגעטיילט באַזונדער וואָלין און מזרח־גאַליציע און זיי באַטראַכט אַלס צוויי באַזונדערע לענדער; נאָכער האָט מען אים גערופן „ועד ארבע ארצות", און אַפילו אין א צייט שפּעטער אין יאָר 1623, ווען ליטע און רייסן האָבן זיך אָפּגעטיילט באַזונדער און געמאַכט א באַזונדערן ועד פון די מדינות אַרום בּריסק, פּינסק, גראָדנע, ווילנע און סלוצק, איז אָבער כּסדר געבליבן דער נאָמען „ועד ארבע ארצות". — דאָס ערשטע מאָל געפינען מיר דערמאָנט דעם נאָמען פון ועד אין די הסכמות פון די רבנים אויף דעם ש"ס געדרוקט אין לובלין 1559—1580; שפּעטער, אין יאָר 1596 געפינען מיר א פּסק פון ועד אין ספר „נתיבות עולם" פון רבי ליווא (מהר"ל) פון פּראָג. דער ועד איז געווען א סאָרט קאָנגרעס פון די יידן אין פּוילן; יעדע מדינה האָט געוויילט אין ועד צו 2-3 דעלעגאַטן, אַחוץ די ספּעציעלע פאָרשטייער פון די גרויסע קהלות (פּויזן, קראָקע, פּשעמישל, בּריסק, פּינסק, לובלין און אַנדערע), ווי אויך אָנגעזעענע רבנים, וועלכע האָבן געבילדעט ביים ועד א באַזונדערן בית־דין צו אַנטשיידן וויכטיקע רעליגיעזע פראַגן, דין־תּורות צווישן קהלות וכדומה. — דער ועד פלעגט צוערשט צונויפקומען זיך איינמאָל אין יאָר. דערנאָך 2 מאָל אין יאָר, מייסטנס אויף די גרויסע ירידים אין יעראָסלאַוו און לובלין, אָבער טיילמאָל אויך אין אַנדערע ערטער. — די תּקנות פון ועד זענען פאַרשריבן געוואָרן אין א ספּעציעלן „פּנקס", פון וועלכן מען פלעגט איבערשרייבן אין די פּנקסים פון די באַזונדערע קהלות. דער הויפּט־פּנקס פון פּוילישן ועד ארבע ארצות איז פאַרלוירן געגאַנגען (דער פּנקס פון ליטווישן איז יאָ געבליבן), אָבער איבערשרייבונגען פון אים זענען געבליבן אין די פּנקסים פון איינצלנע קהלות (קראָקע און אַנדערע); מייסטנס זענען דאָס תּקנות

וואס דארפן שיצן די יידן קעגן בלבולים (נישט ארענדירן דעם אפצאל פון אלקאהאל וכדומה), אנטשיידונגען אין מחלוקת צווישן קהלות און רבנים, אפשאצונגען פון שטייערן, וויפיל יעדע קהלה דארף צאלן וכדומה; טיילמאל אויך חרמים אויף פערזאנען וואס ברענגען שאדן דעם כלל ישראל (צווישן אנדערע דער חרם אויף דער שבתי־צבי־באוועגונג); דער ועד ארבע ארצות איז אפגעשאפט געווארן דורך דעם פוילישן סיים אין יאר 1764. — וועגן ועד ארבע ארצות זענען געשריבן געווארן פיל ביכער און אפהאנדלונגען; אין גרעצעס געשיכטע, העברעאישער איבערזעצונג פון שפר, באנד 7 צום סוף אין דעם ציון י' און דארט הארקאווים באמערקונגען „חדשים וגם ישנים” אין באנד 8 זענען פאראן זייער ווערטפולע פארשונגען וועגן ועד; וויכטיק זענען אויך דעמביצערס באמערקונגען אין „כלילת יופי”, אין פנקס קראקע (פון דעמביצער, וועטשטיין), דובנאווס פארעפנטלעכטער „פנקס המדינה” (בערלין 1925) פון ליטע, און דובנאווס אריינפיר און באמערקונגען.

ועד הלאומי (נאציאנאלער קאמיטעט) נאמען פון יידישן נאציאנאל־ראט אין ארץ־ישראל, וועלכער רעפרעזענטירט דעם יידישן ישוב; ער ווערט דערוויילט דורך דעם יידישן פארלאמענט (אספת הנבחרים). — פרטים זע אין זוכווארט „ארץ־ישראל”.

ותיקין נאמען פון א גרופע פרומע יידן אין דער צייט פון דער משנה און גמרא; זיי פלעגן דאווענען זייער פרי (ברכות ט'); אין מסכתא סופרים י"ד ווערט דערמאנט „מנהג ותיקין”; פאראן מיינונגען אז האם איז געווען א גרופע פון דער סעקטע „איסיים” (זע זוכווארט „איסיים”).—אין דער לעצטער צייט זענען געווען אין ליטע און אויך ירושלים חברות „ותיקין”; וועלכע פלעגן דאווענען באלד אינדערפרי מיט דער זון־אויפגאנג.

ז

ז (זין) 7טער בוכשטאַב אין העברע־איש און יידישן אלף־בית; אין ציפערן האָט ער די באַדייטונג פון זיבן. — זע „זיבן".

זאב (וואָלף אין העברעאיש), פאַר־שפרייטער פערזאָנען־נאָמען צווישן יידן; מיטן צוגאָב „וואָלף"; גאַנץ אָפט קומט אויך צו דער נאָמען „בנימין" לויט בראַ־שית מ"ט „בנימין זאב יטרוף".

זאַלץ („מלח"), זאַלץ האָט אין דער יידישער רעליגיע אַ געוויסע באַדיי־טונג; דער חומש ויקרא ב' זאָגט „וכל קרבנך במלח תמלח" (אַלע קרבנות זאַל־סטו באַזאַלצן מיט זאַלץ); אויך אין די שפּעטערדיקע צייטן איז איינגעפירט גע־וואָרן, אַז ווען מען גייט עסן זאָל מען איינטינקן ברויט אין זאַלץ; אין פּרקי אבות ו' ווערט באַטראַכט אַלס דער קלעני־סטער באַדאַרף פון מענטש „פת במלח תאכל" (ברויט מיט זאַלץ); די גמרא בבא קמא צ"ב זאָגט „פת במלח וקיתון של מים מבטלין כמה חלאין" (ברויט מיט זאַלץ און אַ קריגל וואַסער פאַרניכטן אַ סך קראַנקייטן); אין ברכות מ' ווערט געזאָגט „אחר אכילתך אכול מלח" (נאָכן עסן, עס זאַלץ); תוספות ברכות מ' ברענגט, אַז מען מוז האָבן ביים עסן זאַלץ; דער רמ"א (שלחן ערוך אורח חיים קס"ז) ברענגט, אַז דאָס איז ווייל דער טיש פון מענטש איז ווי דער מזבח און דאָס עסן ווי אַ קרבן. — דאָס זאַלצן פלייש פאַרן קאָכן איז איינער פון די הויפּט־יסודות אין דער רעליגיעזער יידי־שער קיך; דער טעם דערצו איז כדי עס זאָל אַרויס פון פלייש דאָס בלוט וואָס מען טאָר נישט עסן; די דינים וועגן דעם זענען פאַראַן אין דער גמרא חולין קי"ב רמב"ם (משנה תורה מאכלות אסורות) און שלחן ערוך יורה דעה הלכות מליחה (ס"ט—ע"ו).

זאַנגוויל, ישראל (1864 — 1926) יידיש־ענגלישער שריפטשטעלער, אַקטיוו צוערשט אין דער ציוניסטישער באַוועגונג צוזאַמען מיט דר. הערצל, נאָכער גע־שאַפן די טעריטאָריאַליסטישע אָרגאַני־זאַציע (ייט"א) און געוועזן איר פּרעזי־דענט; נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, אין 1917 ווידער געשטיצט די ציוניסטי־שע באַוועגונג, אָבער שאַרף קריטיקירט די פּאָליטיק פון דער אָפיציעלער ציוניס־טישער פירערשאַפט; פון זיינע ווערק זענען באַרימט „די קינדער פון געטאָ", „די טרוימער פון געטאָ" (שילדערט אור־ריאל אַקאָסטאַ, שפּינאָזאַ, שבתי צבי, ר' ישראל בעל שם טוב, שלמה מיימאָן, היי־נע, ביקאָנספילד), „די שטימע פון ירו־שלים", „שמעלץ טאָפּ" און אַנדערע; ער האָט אויך איבערזעצט אין ענגליש שירים פון רבי שלמה אבן גבירול און אַנדערע פּיוטים פון מחזור; ער האָט פיל מיטגעהאָלפן צו פאַרשפּרייטן צווישן ענגליש־רעדנדע יידן וויסן פון יידישקייט און יידיש לעבן.

זאת חנוכה נאָמען פון 8טן טאָג חנו־כה, ווען מען לייענט אין דער תורה די פּרשה „זאת חנוכת המזבח"; אין חסי־דות האָט זאת חנוכה אַ געוויסע באַדיי־טונג, מען באַטראַכט דעם טאָג אַלס פיי־ערלעכער פון אַנדערע חנוכה־טעג, און ביי חסידישע רביים ווערט איינגעאָרדנט אַ סעודה.

זבאַרה, יוסף (אין 13טן יאָרהונדערט אין שפּאַניע), דיכטער און דאָקטאָר,

מחבר פון ,ספר שעשועים'', א זאמלונג פון דערציילונגען, אנעקדאטן, סאטירעס, וועלכע זענען צוזאמענגעפלאכטן אויפן גרונט פון א פאנטאסטישן סיפור המעשה, ווי ער האט צוזאמען מיט א שד געמאכט א לענגערע רייזע; דער ,,ספר שעשועים'' (ארויסגעגעבן לעצטנס דורך ישראל דאַ־ווידסאָן מיט דערקלערונגען און אן איינ־לייטונג) האט א גרויסע באדייטונג פאר דער פארשונג פון יידישן פאלקלאר און פון יידישן לעבן אין שפאניע אין יענער צייט.

זבולון נאמען פון זון פון יעקב און לאה (בראשית ל') און אויך פון זיינע אפשטאמענדע, דעם שבט זבולון, וועלכער האט געוואוינט אין ארץ־ישראל אין צפון פון ים כנרת ביז חיפה און עכו; געווען באריטמט אלס העלדן (,,עם חרף נפשו למות'', שופטים ה'); לויט בראשית רבה ע''ב האט שבט זבולון זיך פארנומען מיט פירן האנדל און געשטיצט דעם שבט יששכר צו קאנען זיצן און לערנען. — דעם טאל ביים ים צווישן חיפה און עכו האט מען א נאמען געגעבן עמק זבולון, געהערט היינט כמעט אינגאנצן צו יידן. ווערט אויך אנגערופן ,,מפרץ־חיפה''; דארט געפינען זיך ,,קרית חיים'', ,,קרית ביאליק'', ,,קרית מוצקין'', ,,כפר חסי־דים'', כפר עטא'' און אנדערע.

זבחים ערשטע מסכתא אין משניות סדר קדשים, האט 14 פרקים, באהאנדלט די דינים פון קרבנות אין בית־המקדש; האט אויך תוספתא און גמרא בבלי; ירושלמי איז נישטא; די אויסגאבע פון ירושלמי אויף סדר קדשים דורך פריד־לאנד האט זיך ארויסגעוויזן אלס פאל־סיפיקאט.

זבים מסכתא אין משניות סדר טהרות, האט 5 פרקים; באהאנדלט די דינים פון טומאה פון זבים; האט תוספתא; גמרא איז נישטא.

זוגות (פאר); אין דער גמרא פסחים ק''ט ווערט געבראכט, אז מען זאל נישט נוצן קיין זאכן אין דער פאר, ווייל עס איז א סכנה פון מזיקים (לא יאכל תרי ולא ישתה תרי ולא יקנה תרי — מען זאל נישט עסן, נישט טרינקען, נישט קויפן קיין צוויי); אין דער גמרא דארט איז פאראן א מיינונג־פארשידנקייט, צי פאר מיינט מען נאר צוויי, אדער אויך יעדע צאל, וואס טיילט זיך אויף צוויי, (ווי 4, 6, 8 און אזוי ווייטער); די גמרא זאגט, אז אין ארץ־ישראל האט מען ניט מקפיד געווען אויף ,,זוגות'', דאס הייסט מען האט נישט געהאלטן דערפון; אויך זאגט דארט די גמרא ,,כל דקפיד קפדי בהדי, וכל דלא קפיד לא קפדי בהדי'' (,,ווער עס האט מורא דערפאר, קאן עס אים ווירקלעך שאדן, און ווער עס האט נישט מורא דערפאר שאדט עס אים נישט); אויך ביי טייל אנדערע פעל־קער איז געווען פארשפרייט די מורא פאר דער פאר־צאל.

זוגות נאמען פאר די אנגעזעענע פירער פון רעליגיעזן יידנטום דורך א גרויסן טייל פון דער צייט פון 2טן בית־המקדש, און זייערע נעמען ווערן דערמאנט אין משניות אבות פרק א' און חגיגה פרק ב'; זיי האבן געהייסן ,,זוגות'' (פאר), ווייל זיי זענען שטענדיק געווען צוויי פירער; דאס זענען: יוסי בן יועזר און יוסי בן יוחנן; יהושע בן פרחיה און נתאי הארבלי; יהודה בן טבאי און שמעון בן שטח; שמעיה און אבטליון; הלל און שמאי; דער נאמען זוגות ווערט דערמאנט אין דער משנה פאה פרק ב' (,,שקבל מן הזוגות'') און ברייתא חגיגה ט''ז, און אין דער דאזיקער ברייתא ווערט געזאגט אז דער פון די זוגות, וועלכער ווערט דער־

מאַנט דער 1טער, איז געווען דער נשיא, און דער צווייטער איז געווען דער אב בית דין; וועגן הלל און שמאי ווערט געזאָגט דאָרט אין דער משנה חגיגה, אַז צוערשט האָט הלל געהאַט אַלס זיין חבר פון די זוגות מנחם, נאָר דער מנחם איז „ארויס", און אויף זיין אָרט איז אַריין שמאי. — די געלערנטע פאָרשער זענען שטאַרק מחולק אין דער פראַגע צי די זוגות זענען ווירקלעך געווען די פירער פון די סנהדרין, ווייל לויט פלאַוויוס און אַנדערע קוואַלן, איז שטענדיק דער נשיא פון סנהדרין געווען דער כהן גדול. — פרטים אין ווייס „דור דור ודורשיו" (באַנד 1), גרעץ, הלוי „דורות הראשונים". — זע זוכווערטער פון די באַטרעפנדע חכמים („יוסי בן יועזר" און אַזוי ווייטער), ווי אויך „אב בית דין", „נשיא", „סנהדרין".

זוהר (זהר), נאָמען פון הייליקסטן ספר פון קבלה, לויטן פסוק „ומשכילים יזהירו כזהר הרקיע"; מען רופט אים „דער זוהר הקדוש"; געשריבן אין אַראַמעאיש; צונויפגעשטעלט אויף די סדרות פון חומש און טייל מגלות (שיר השירים, רות, איכה); באַשטייט אייגנטלעך פון עטלעכע ספרים ווי דער ריכטיקער זוהר, „מדרש הנעלם", „רעיא מהימנא", „תקוני זוהר", „ספרא דצניעותא", „אדרא" (זע „אדרא"), „פקודין" און אַנדערע געבראַכטע ספרים (ספרא דרב המנונא סבא און אַנדערע); זיי אַלע שטעלן מיט זיך פאַר צוזאַמען דעם זוהר, וועלכער איז אָנגענומען ביי אַלע מקובלים אַלס זייער הייליק. אין זוהר זענען פאַראַן די הויפּטלערעס פון דער קבלה, די שמות הקדושים, די לערע וועגן אין סוף און די ספירות, ספורי מעשיות פון תנא רבי שמעון בן יוחאי און זיינע תלמידים, וועלכע האָבן עוסק געווען אין קבלה און אין לערנען די סודות התורה, און אין דער צייט איז אַראָפּגעקומען אַ פייער פון הימל און האָט זיי אַרומגערינגלט, און אַנדערע וואונדערלעכע ספורים פון „סבא" (אַלטן מאַן) און „ינוקא" (קינד), וואָס האָבן געלערנט הייליקע סודות. — לויט דער טראַדיציע פון די מקובלים האָט דעם זוהר מחבר געווען דער תנא רבי שמעון בן יוחאי (אין 2טן יאָרהונדערט אין ארץ־ישראל), וועגן וועלכן די גמרא אין שבת ל"ג דערציילט, אַז ער איז געזעסן צוזאַמען מיט זיין זון רבי אלעזר באַהאַלטן אין אַ הייל 13 יאָר און געלערנט תורה און אליהו הנביא איז צו זיי געקומען (זע זוכוואָרט „שמעון בן יוחאי); אָבער דער זוהר איז געווען באַהאַלטן אַ לאַנגע צייט, איבער 1000 יאָר, ביז ענדע פון 13טן יאָרהונדערט, ווען רבי משה בן שם טוב דיליאון (זע „משה דיליאון") אין שפּאַניע (געשטאָרבן 1305) האָט געפונען דעם כתב יד פון זוהר און אים פאַרעפנטלעכט, און דער זוהר איז אַזוי אַרום נתגלה געוואָרן. אַזוי זאָגט די טראַדיציע פון די מקובלים. אָבער שוין אין די אַמאָליקע צייטן איז אַרום דער פראַגע, ווער עס איז דער מחבר פון זוהר, אַנטשטאַנען אַ מיינונגס־פאַרשידנקייט; רבי אברהם זכותא (אין ענדע 15טן יאָרהונדערט) אין זיין ספר „יוחסין" ברענגט די מיינונג פון רבי משה דיליאונס אַלמנה, אַז איר מאַן האָט אַליין מחבר געווען דעם זוהר; נאָכער האָבן אונטערשטיצט די מיינונג טייל קבלה־קענער ווי רבי אליהו דילמדינו אין זיין „בחינת הדת", רבי יהודה אריה די מודינא אין זיין „ארי נוהם" און אַנדערע; קעגן דער מיינונג זענען אַרויסגעטרעטן שאַרף די מקובלים, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז דער מחבר פון זוהר איז יאָ דער תנא רבי שמעון בן יוחאי. די זעלבע מיינונגס־פאַרשידנקייט קומט פאָר אויך אין דער נייערער צייט; רבי יעקב עמדין, אַליין אַ מקובל (אין ערשטער העלפט פון 18טן

יאָרהונדערט) וויל האָבן (אין זיין „מטפחת ספרים"), אַז דער זוהר איז יאָ פֿון רבי שמעון בן יוחאי נאָר שפּעטער זענען צוגעגעבן געוואָרן עטלעכע שטעלן; ער האָט געמאַכט די שטאַרקע קריטישע פֿאָרשונג פֿון זוהר און נאָכגעוויזן אַז טייל ערטער זענען זיכער פֿון שפּעטערע צייטן; למשל, עס ווערן אין זוהר געבראַכט נעמען פֿון אמוראים, וועלכע האָבן געלעבט נאָך רבי שמעון בן יוחאי; עס ווערט דערמאָנט דער טיטל גאונים, וואָס איז איינגעפֿירט געוואָרן מיט 500 יאָר נאָך רבי שמעון אין בבל; עס ווערט געבראַכט וועגן דער הערשאַפֿט פֿון די „בני ישמאל" (אַראַבער) אין ארץ־ישראל, וואָס איז פֿאָרגעקומען נאָך מאַכמעד אין 7טן יאָרהונדערט; עס ווערט געבראַכט דאָס וואָרט „אשנגה" (סינאַגאָגע) אַלס באַצייכענונג פֿאַר אַ שול, און הגם דאָס וואָרט סינאַגאָג איז אין גריכיש אָבער די פֿאָרם „עסנאגא" איז פּאָרטוגעזיש; עס ווערט געבראַכט דער פֿילאָזאָפֿישער אויסדרוק „עילת העילות" (די סיבה פֿון אַלע סיבות) צו באַצייכענען די געטלעכקייט, אַן אויסדרוק וואָס איז געשאַפֿן געוואָרן ערשט דורך די יידישע פֿילאָזאָפֿן אין מיטלאַלטער. מיט אַ שטאַרקער פּאַרטיידיקונג פֿון זוהר איז אַרויסגעטרעטן אַ רב אַ משכיל, רבי משה קוניץ אין זיין „בן יוחאי" (ווין 1815), וועלכער האַלט אויך, אַז דער מחבר איז דער תנא רבי שמעון. קעגן דעם זענען אין דער נייערער צייט אַרויסגעטרעטן טייל געלערנטע פֿאָרשער ווי יעלינעק, גרעץ, יואל, וועלכע האַלטן, אַז דער זוהר איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן דורך רבי משה דיליאון זעלבסט; אַ גרינטלעכע אָפּהאַנדלונג איבער דעם „קדמות הזוהר" (וועגן דער אַלטקייט פֿון זוהר) האָט פֿאַרעפֿנטלעכט הלל צייטלין אין די שריפֿטן „התקופה", געבנדיק טענות פֿון קעגנער און אָנהענגער, און זייענדיק גענייגט צו דער מיינונג, אַז דער זוהר שטאַמט יאָ פֿון אַלטע צייטן. אַן אָפּהאַנדלונג וועגן זוהר האָט אויך פֿאַרעפֿנטלעכט גרשון שלום אין די שריפֿטן „מדעי היהדות" פֿון ירושלימער אוניווערסיטעט. אין אַלגעמיין הערשט די מיינונג, אַז אין זוהר זענען פֿאַראַן אַ סך פֿראַגמענטן פֿון אַלטע צייטן, און שפּעטער זענען צוגעגעבן געוואָרן פֿאַרשידענע זאַכן. ס'איז זיכער אַז שוין פֿאַר רבי משה דיליאון זענען געווען כתבים אין קבלה, וועלכע מען האָט מייחס געווען צו רבי שמעון בן יוחאי; דער מפרש אויף תורה רבנו בחיי, וועלכער האָט געלעבט אין איין צייט מיט רבי משה, דערמאָנט דעם „מדרש רבי שמעון בן יוחאי" אַלס קבלה־ספר, און אַזוי אויך טייל אַנדערע מחברים. — דער זוהר איז פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן אַרום דעם יאָר 1290; געדרוקט האָט מען אים דאָס ערשטע מאָל, אין איין יאָר 2 מאָל, אין קרעמאָנאַ און מאַנטואַ, 1559; פֿון דעמאָלט אָן איז ער געדרוקט געוואָרן פֿיל מאָל און עס זענען געשריבן געוואָרן צו אים פֿיל פּירושים ווי „אור החמה", „מקדש מלך" און אַנדערע; צוליב דער שווערער אַראַמעאישער שפּראַך, אין וועלכער ער איז געשריבן, האָט מען אים געפּרוּווט מסביר זיין אין רבניש־העברעאיש; אין דער לעצטער צייט האָט רבי יהודה ראָזנבערג (רב צוערשט אין פּוילן און נאָכדעם אין קאַנאַדע) אים איבערזעצט אויף העברעאיש. די ספּורים פֿון זוהר זענען שוין אין 17טן יאָרהונדערט איבערזעצט געוואָרן אויף יידיש דורך רבי הירש כאָטש מיטן נאָמען „נחלת צבי", געדרוקט פֿיל מאָל אויך צוזאַמען מיטן טייטש־חומש, מען האָט עס אויך גערופֿן דער ‚טייטש זוהר". דער זוהר ווערט באַטראַכט אַלס אַזוי־הייליק, אַז אין די חסידישע ספרים ווערט געראָטן צו זאָגן זוהר אַפֿילו ווען מען פֿאַרשטעהט נישט די ווערטער. אין 18טן יאָרהונדערט זענען געווען „זוהריסטן", וועלכע האָבן אָוועקגעשטעלט

דעם זוהר׳ העכער פֿון דער משנה און גמרא; די דאָזיקע מיינונג איז נישט געשטיצט געוואָרן אַפֿילו דורך די מקובלים. — וועגן דער לערע פֿון זוהר געבן מיר ביים זוכוואָרט „קבלה״. — זע אויך די זוכווערטער „אדרא״, „שמעון בן יוחאי״. וועגן זוהר זענען געשריבן געוואָרן אַ גרויסע צאָל וויסנשאַפֿטלעכע ביכער, און ער איז אויך איבערזעצט געוואָרן טיילווייז אין אַ ריי אייראָפּעאישע שפּראַכן; די וויכטיקסטע אָפּהאַנדלונגען זענען „קדמות הזוהר״ פֿון הלל צייטלין אין די שריפֿטן „התקופה״; פֿראַנק „קבלה״ (געשריבן אין פֿראַנצויזיש, איבערזעצט אויך אין העברעאיש, ענגליש); יעלינעק „משה דיליאָון״ (אין דייטש); די דערמאָנטע ספרים פֿון רבי יהודה אריה די מודינה, ר׳ יעקב עמדין, ר׳ משה קוניץ; גרשון שלום אין זיין ביבליאָגראַפֿיע „קאַבאַליסטיקאַ״ גיט אַ רשימה פֿון זוהר־אויסגאַבן, פּירושים און אָפּהאַנדלונגען. — וועגן די לערעס און געדאַנקען פֿון זוהר זע זוכוואָרט „קבלה״.

זון אין תנ״ך הייסט די זון „שמש״, „חמה״, אויך „חרס״ (איוב ט׳ „האמר לחרס ולא יזרח״), „חרסה״ (שופטים י״ד „בטרם יבא החרסה״); אין סיפּור וועגן דער וועלט־באַשאַפֿונג חומש בראשית א׳ ווערט דערציילט אַז גאָט האָט באַשאַפֿן די זון אין 4טן טאָג פֿון ששת ימי בראשית; אין תנ״ך ווערט דערציילט עטלעכע מאָל, אַז עס זענען געווען אין ארץ־ישראל יידן וואָס האָבן געדינט צו דער זון (מלכים ב׳ כ״ג „המקטרים לבעל לשמש״ און אַנדערע ערטער); אין יהושע י׳ ווערט דערציילט, אַז ווען יהושע האָט געפֿירט די מלחמה קעגן די מלכים פֿון כנען האָט ער אויסגערופֿן „שמש בגבעון דם״ (די זון זאָל זיך אָפּשטעלן ביי גבעון) און דער תנ״ך דערציילט דאָרט, אַז אַזוי איז געשען; אין מלאכי ג׳ („שמש צדקה ומרפּא בכנפיה״) ווערט דער זון צוגעשריבן היילונגס־אייגנשאַפֿטן; אין תנ״ך ווערט אויך דערמאָנט די זון־פֿינצטערניש, וואָס האָט שפּעטער אין די גמרא־קוואַלן געהייסן ליקוי חמה; אין עמוס ח׳ ווערט געזאָגט „והבאתי השמש בצהרים והחשכתי לארץ ביום אור״ (איך וועל לאָזן אונטערגעהן די זון אין מיטן טאָג און פֿינצטער מאַכן די ערד אין ליכטיקן טאָג); אויך אין אַנדערע ספרי הנביאים געפֿינען מיר די זעלבע אויסדרוקן וועגן זון־פֿינצטערניש; די גמרא סוכה כ״ט האָט געהאַלטן די זון־פֿינצטערניש אַלס צייכן פֿון שטראָף פֿאַר די נישט־יידישע פֿעלקער. — ווען מען זעט די „זון ביי איר באַנייאונג״ („חמה בתקופתה״), דאָס הייסט אין אָנהויב פֿון מחזור גדול, יעדע 28 יאָר, דאַרף מען מאַכן די ברכה „עושה מעשה בראשית״ (ברכות נ״ט); שפּעטער האָט מען איינגעאָרדנט דערצו אויך פֿאַרשידענע תפֿלות און פּיוטים דערצו. — וועגן דעם זון־יאָר און מחזור גדול זע זוכוואָרט „קאַלענדאַר״.

זוסיא (זושאַ) פֿון אַנאַפּאָל באַרימטער חסידישער פֿאָלקס־רבי, ברודער פֿון רבי ר׳ אלימלך פֿון ליזשענסק (מחבר פֿון „נועם אלימלך״), מיט וועמען ער איז צוזאַמען געפֿאָרן צום רבי ר׳ בער (מגיד פֿון מעזריטש) און אַ געוויסע צייט זענען זיי ביידע געגאַנגען איבער דער וועלט אָפּריכטן גלות; מען דערציילט וועגן רבי ר׳ זושא פֿאַרשידענע ספּורים און מופֿתים, געדרוקט אין די ספּורי־מעשיות פֿון צדיקים; פֿאַראַן פֿון אים דברי תורה געדרוקט אין ספר „מים רבים״; דער רבי ר׳ זושא איז געשטאָרבן ב׳ שבט תק״ס (1800).

זיבן די צאָל 7 האָט אין תנ״ך און גמרא און אויך אין שפּעטערע ספרים אַ געוויסע באַדייטונג. אין חומש בראשית

א׳ און ב׳ ווערט דערציילט אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט אין 6 טעג און גערוט אין דעם 7טן טאָג; דערפון איז געוואָרן דער רו־טאָג שבת (שמות כ׳). פסח און סוכות האָבן 7 טעג יום־טוב (דער 8טער טאָג פון סוכות איז אַ באַזונדערער יום־טוב „עצרת״); פון צומאָרגנס פון פסח („ממחרת השבת״, לויט דעם פירוש פון דער טראַדיציע) ווערט געציילט 7 וואָכן (7 מאָל 7 טעג) און עס איז דער יום־טוב שבועות (ויקרא כ״ג); די געהיימע צאָלן אין ספר דניאל י״ג זענען אַלע אַרום 7 (שבעתים, שבעים ושבעה), אין די שפּעטערע ספרים איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף די „7 פּלאַנעטן״ (שבעה כוכבי לכת), וואָס זענען דעמאָלט געווען באַקאַנט; דער ילקוט שמות רע״ו זאָגט „כל השביעיים חביבים למעלה״ (אַלע זיבנטלעך זענען ליב אין הימל); די מפרשים אויף תורה (אבן עזרא סדרה תזריע און אַנדערע) ווייזן אָן, אַז דאָס טמא זיין 7 טאָג האָט אויך אַ שייכות דערמיט.

זיווג (זווג) באַצייכענונג פאַר פּאַמיליע־פאַרבינדונג צווישן מאַן און פרוי; אין מדרש בראשית רבה ס״ח ווערט געזאָגט אַז גאָט איז „מזווג זווגים״ (פּאָרט פּאָרלעך); אין דער גמרא סוטה ב׳ ווערט געזאָגט „אין מזווגין לו לאדם אשה אלא לפי מעשיו״ (דער מאַן באַקומט די פרוי אַלס זיין זיווג לויט דעם ווערט פון זיינע מעשים); דאָרט ווערט אויך געבראַכט דער אונטערשיד צווישן ערשטן זיווג און צווייטן זיווג (ווען מען האָט חתונה צום צווייטן מאָל); דאָרט אין סוטה ב׳ ווערט אויך געבראַכט איין מיינונג, אַז דער זיווג ווערט באַשטימט 40 טעג איידער דער מענטש ווערט געבוירן (ארבעים יום קודם יצירת הולד). — אין דער קבלה האָבן די ווערטער „זווג״ און „הזדווגות״ אַ העכערע באַדייטונג פון „גייסטיגער באַהעפטונג״, און עס איז פאַראַן „זווג הנשמות״ (אין „משנת חסידים״); דער דאָזיקער באַגריף איז שוין פאַראַן אויך ביי פילאָן. — זע שטיינס „פילון האלכסנדרוני״.

זינגער, ישראל יהושע (1893 אין פּוילן), איצט אין אַמעריקע; אויטאָר פון „יאָשע קאַלב״, „ברידער אשכנזי״, „חבר נחמן״ און אַנדערע דערציילונגען.

זינד אין תנ״ך ווערט „זינד״ באַצייכנט מיט פאַרשידענע ווערטער: „חטא״, „עוון״, „פשע״; אין דער גמרא קומט נאָך צו דאָס וואָרט „עברה״, און אין אַראַמעאיש אויך „חובא״, אין לשון רבים „חובי״. אין חומש דברים כ״ד ווערט געזאָגט „איש בחטאו יומת״ (יעדער וועט שטאַרבן נאָר פאַר זיין אייגענע זינד); אין שמות ל״ד געפינען מיר אַלע דריי באַצייכענונגען אין איין פסוק „נשא עון ופשע וחטאה״ (פאַרטראַגט די זינד); מען האָט געמאַכט אַן אונטערשיד צווישן „עבירות שבין אדם למקום״ (זינד פון מענטש קעגן גאָט) און „עבירות שבין אדם לחברו״ (זינד פון איין מענטש קעגן צווייטן מענטש), און די משנה אין יומא פּרק ח׳ זאָגט אַז די עבירות שבין אדם לחברו איז יום כיפור נישט מכפר, נאָר מען מוז פריער איבערבעטן דעם צווייטן מענטש; אין דער משנה און גמרא יומא פ״ה און פ״ו ווערט געמאַכט דער אונטערשיד צווישן „עבירות קלות״ (לייכטערע זינד) און „עבירות חמורות״ (שווערערע זינד), — ווי למשל אַזעלכע עבירות פאַר וועלכע עס קומט נאָר מלקות (שלאָגן מיט אַ לעדערנעם רימען), אַזעלכע פון כרת (גאָט שטראָפט מיט טויט), אַזעלכע פון „מיתת בית דין״ (טויט־שטראָף דורכן געריכט). דער זינדיקער ווערט אָנגערופן אַמייסטן חוטא, פושע (אין דער גמרא אויך פושע ישראל), **רשע**, עובר עברה, „עבריין״. — ווענן שטראָף

פאר זינד און וועגן תשובה זע זוכווער־טער „עונש" און „תשובה"; זע אויך זוכוואָרט „וידוי".

זירא אמורא אין 3טן דור פון אמוראים (זע זוכוואָרט „אמוראים"); געוועזן צו־ערשט אין בבל, דערנאָך זיך באזעצט אין ארץ־ישראל; די גמרא כתובות קי"ב דער־ציילט, אז ווען רבי זירא איז געקומען צו דער גרענעץ פון ארץ־ישראל ביים טייך און נישט געהאט קיין שיפל האט ער זיך אריבערגערוקט אנהאלטנדיק זיך ביי א שטריק וואס איז געווען געצויגן איבערן טייך. פון אים זענען פאראן א סך הלכות און אגדה־ווערטער אין בבלי און ירושלמי; אין סנהדרין י"ד ווערט דערציילט אז פון גרויס עניוות האט ער נישט געוואלט מען זאל אים געבן סמיכה. ער האט מקרב געווען אויך זינדיקע מענטשן (סנהדרין ל"ז); ער האט לאנג געלעבט און ווען מען האט אים געפרעגט די אורזאך פון זיין אריכת ימים האט ער צווישן אנדערע זאכן געזאגט „ולא ששתי בתקלתו של חברי, איך האב מיך נישט געפרייט אין אומגליק פון א צווייטן" (מגלה כ"ח); אין מגלה ו' ווערט גע־בראכט דער הספד אויף אים ווען ער איז געשטאָרבן.

זכור נאָמען פון שבת פאר פורים; מען רופט אים „שבת פרשת זכור", ווייל דער־מאָלט לייענט מען צו מפטיר די פרשה „זכור את אשר עשה לך עמלק"; דאס ווערט שוין דערמאָנט אין משנה און גמ־רא מגילה כ"ט; דער זין דערפון איז צו געדענקען ווי עמלק האט פארפאלגט די יידן, און ווייל המן האט געשטאמט פון אגג (האגגי) דעם מלך פון עמלק, לייענט מען די פרשה שבת פאר פורים.

זכור ברית נאָמען פון דעם סליחות־טאָג, פאר ראש־השנה; מען זאָגט דער־מאָלט אחוץ אנדערע סליחות אויך דעם פיוט „זכור ברית אברהם ועקדת יצחק", וועלכער זאל האָבן פארפאסט געוואָרן דורך רבנו גרשם מאור הגולה; דער פיוט ווערט געזונגען מיט א באזונדערער מע־לאָדיע, וועלכע שיינט צו זיין זייער אַ אַלטע.

זכות דער באגריף זכות האט אין דער יידישער רעליגיע א גרויסע באדייטונג; דער טייטש דערפון איז „פארדינסט", „רעכט", „באלוינונגס־רעכט"; אז איי־נער טוט א מצוה האט ער דאדורך א „זכות" אין הימל, דאס הייסט א באַ־לוינונגס־רעכט און דאס קאן אים העלפן אין פאל ווען עס קומט אויף אים אן אומ־גליק; מען זאגט דעריבער, אז דער „זכות פון דער מצוה איז אים בייגעשטאנען"; אָבער נישט נאָר ווען איינער טוט א מצ־וה, נאָר אויך ווען ער האט געהאט על־טערן, וואס זענען געווען צדיקים, קאן זייער זכות אים ביישטיין אין אן אומ־גליק, אָדער אים העלפן אין פיל פאלן. דאס ווערט אנגערופן „זכות אבות" (דער פארדינסט פון די עלטערן), און דאס מיינט מען נישט נאָר פאטער און מוטער, נאָר אויך עלטערן פון ווייטערע דורות. דעם באגריף פון „זכות אבות" געפינען מיר שוין אין תנ"ך פיל מאל, און ווען גאָט זאָגט (ויקרא כ"ו) אז ער וועט שטראָפן די יידן גיט ער צו, אז ער וועט זיי דערנאָך העלפן „וזכרתי את ברית יעקב ואף את ברית יצחק ואף את ברית אברהם" (און איך וועל געדענקען אבר־הם, יצחק און יעקב); דעם אויסדרוק זכות אבות געפינט מען דאס ערשטע מאָל אין משנה אבות פרק ב' „שזכות אבותם מסייעתם" (דער זכות פון זייערע על־טערן העלפט זיי), און נאָכער אין פיל אנדערע ערטער אין דער גמרא; אין די תפלות ווערט כסדר דערמאָנט דער זכות אבות, און מען מיינט דערמיט, „אברהם

"יצחק ויעקב", און באזונדערס אין די תפלות פון ראש השנה און יום־כפור. — אין חסידות איז אנגענומען, אז ווען מען דערמאנט א צדיק, וואס איז שוין געשטארבן, גיט מען צו די ווערטער „זכותו יגן עלינו" (זיין זכות זאל אונדז באשיצן)"; מען שרייבט עס אויך אין ראשי תבות „זיע", די מיינונג אז דאס איז גראמאטיקאליש א גרייז, ווייל זכות איז לשון נקבה און מען דארף שרייבן „זכותו תגן עלינו", איז נישט קיין ריכטיקער; זכות איז מייסטנס לשון נקבה; אבער מיר געפינען אין משנה אבות פרק ה' ‚זכות הרבים תלוי בו" אין לשון זכר.

זכות, משה (1625 אין אמסטערדאם — 1697 מאנטוא); אויך באקאנט אלס רמ"ז; רב, מקובל און דיכטער; געלערנט אין אמסטערדאם אין דער ישיבה „עץ חיים", ווארשיינלעך צוזאמען מיט ברוך שפינאזא; געלערנט קבלה צוערשט אין פוילן דערנאך אין איטאליע; זיך באזעצט צוערשט אין ווענעציע (1645 — 1672), וואו ער האט געהאט א ישיבה מיט תלמידים און זיי געלערנט קבלה, נאכער געווארן רב אין מאנטוא, וואו ער איז געשטארבן ב' סוכות תנ"ח; רבי משה זכות האט געשריבן א סך ספרים „אגרות הרמ"ז" (ליווארנא 1780) אין קבלה, „קול הרמ"ז" אויף משניות, „שודא דדייני", „שאלות ותשובות הרמ"ז" (ווענעציע 1798); בארימט זענען זיינע צוויי דיכטערישע ווערק: „תפתה ערוך" (ווענעציע 1715), א נאכאמונג פון דאנטעס „גהינום", אבער באארבעט אין יידישן גייסט די שטראפן פון חיבוט הקבר און גיהנום לויט מדרשים און שפעטערע ספרים; דאס צווייטע ווערק איז „יסוד עולם" (אלטאנא 1874), א דראמע פון לעבן פון אברהם אבינו, ווי ער צעברעכט די אפגעטער פון זיין פאטער תרח, לויט דער אגדה פון מדרש. אין די דאזיקע ווערק דריקט אויס רבי משה זכות די פיינסטע דיכטערישע און רעליגיעזע שטימונגען. די שפראך איז פריי פון איבעריקער מליצה, און מען קאן אים באטראכטן אלס דעם ערשטן דיכטער אין העברעאיש פון דער מאדערנער צייט. דעם איינפלוס פון זיין דיכטונג קאן מען געפינען ביי רבי משה חיים לוצאטא. — פרטים וועגן רבי משה זכות ביי גרעץ געשיכטע אין העברעאישער שפר־איבערזעצונג, חלק ח'.

זכותא, אברהם געבוירן אין שפאניע 1450 — געשטארבן אין טערקיי לערך 1515), בארימטער למדן, געלערנטער, היסטאריקער, אסטראנאם, מחבר פון היסטארישן ספר „יוחסין". — רבי אברהם זכותא איז געווען צוערשט פראפעסאר פון אסטראנאמיע אין סאלאמאנקא אין שפאניע; ווען עס איז פארגעקומען דער גירוש אויף יידן אין 1492 איז ער אנטלאפן קיין פארטוגאל, וואו ער איז געווארן אסטראנאם און היסטאריקער ביים קעניגלעכן היוף אין ליסאבאן; ביים גרוש פון פארטוגאל אין 1497 איז ער אויך פון דארט אנטלאפן און געקומען צוערשט אין צפון־אפריקע אין טוניס, דערנאך אין טערקיי, וואו ער איז געשטארבן לערך 1515 (לויט טייל מיינונגען 1510). רבי אברהם זכותא (לעז „זאקוטא) האט געהאט א גרויסע באדייטונג פאר דער אנטוויקלונג פון שיף־רייזעס אין יענער צייט, ווייל ער האט צונויפגעשטעלט די גענויע אסטראנאמישע טאבעלן פון די שטערן, לויט וועלכע די שיפס־קאפיטאנען זאלן קאנען זיך ריכטן אויף זייערע ים־רייזעס; מיט זיינע טאבעלן האבן זיך באנוצט די גרויסע אנטדעקער וואסקא דע גאמא (אין זיין אקעאן־רייזע ארום דרום־אפריקע) און קאלומבוס צו זיין אנטדעקונגס־רייזע אויפן אקעאן צו אמעריקע; ער האט אויך דער־

פונדן די ספעציעלע מעסטונגס־אינסטרומענטן פאר די שיפס־קאפיטאנען. ער האט געשריבן א ריי ווערק איבער אסטראנאמיע וועלכע זענען מייסטנס געבליבן אין כתב יד. — זיין הויפט ספר איז דער „ספר היוחסין״, היסטארישע, גענעאלאגישע פארצייכענונגען פון אדם הראשון ביז רבי אברהם זכותאס צייט, וועלכע געבן אונדז א סך ווערטפול מאטעריאל פאר דער פארשונג פון יידישער געשיכטע; דער „יוחסין״ איז דאס ערשטע מאל געדרוקט געווארן אין קאנסטאנטינאפאל 1566, און נאכער עטלעכע מאל, א גרויסן ווערט האט פיליפאווסקים אויסגאבע „ספר היוחסין השלם״, לאנדאן 1857.

זכירות פסוקים פון חומש מיטן ווארט „זכור״ (געדענק), וואס ווערן געזאגט דורך טייל פרומע יידן יעדן אינדערפרי נאכן דאווענען; זיי זענען 6, שש זכירות: יציאת מצרים, שבת, דאס געבן די תורה אויפן בארג סיני, דאס ארומוואנדערן אין דער מדבר, דאס געשעעניש מיט מרים, עמלק.

זכר (לעז „זייכער״, אנדענק)׳ אין דער יידישער רעליגיע ווערן פיל זאכן געטאן אלס זכר, אלס אנדענק. — אין חומש געפינען מיר עטלעכע מאל, אז מען זאל געדענקען „יציאת מצרים״, דעם פאקט, אז די יידן זענען ארויס פון גלות מצרים, און דער גאנצער יום־טוב פסח איז דער אנדענק דערצו, און דער חומש שמות י״ג זאגט אז „זכור את היום הזה אשר יצאתם מצרים״ (געדענק דעם טאג, ווען דו ביזט ארויס פון מצרים). אין דער משנה ברכות פרק א׳ ווערט געזאגט, אז מען מוז יעדן טאג דערמאנען יציאת מצרים, און עס איז נאר א חלוקי דעות, צי מען מוז עס טאן אויך ביינאכט; מען דערמאנט עס אין קריאת שמע, אין דאווענען און אויך ביים קידוש־זאגן ווערט אויך אונטערשטראכן „זכר ליציאת מצרים״. ארום דעם זענען פאראן אנדערע קלענערע אנדענקונגען, ווי למשל דאס באנוצן חרוסת צום סדר פסח בייגאכט אלס „זכר לטיט״ (פסחים קט״ז), אנדענק צום ליים, וואס יידן האבן אין מצרים באנוצט ביי דער שווערער ארבעט. — אין משנה און גמרא ווערן געבראכט טייל תקנות „זכר למקדש״ (אלס אנדענק פון דער צייט ווען דאס בית המקדש איז געווען (סוכה מ״א, פסחים ק״ט). — עס זענען אויך פאראן געוויסע טרויער־מנהגים „זכר לחורבן״ (אנדענק צום חורבן פון בית המקדש און ירושלים). אין דער משנה און גמרא סוף סוטה ווערט געזאגט אז חתנים און כלות האבן נישט געטארט טראגן קרוינען נאך דער מלחמה פון חורבן ירושלים; שפעטער איז איינגעפירט געווארן, אז ווען מען קאלעכט א שטוב זאל מען ביי דער טיר איבערלאזן אן אייל נישט־פארקאלעכט אלס זכר לחורבן (שלחן ערוך אורח חיים תק״ס, אויך אין רמב״ם משנה תורה הלכות תענית); אונטער דער חופה איז דער מנהג צו צעברעכן א גלאז אלס זכר צום חורבן; דער דאזיקער מנהג ווערט געבראכט אין גמרא ברכות ל״א, הגם עס ווערט דארט נישט דערמאנט דער „זכר לחורבן״.

זכרון זע „ראש השנה״.

זכרונו לברכה עס איז א מנהג, אז ווען מען דערמאנט א צדיק, וואס איז געשטארבן, גיט מען צו די ווערטער „זכרונו לברכה״ (זיין אנדענק זאל זיין צום בענטשן). אין שרייבן באנוצט מען די ראשי תבות ז״ל (טיילמאל אויך זצ״ל, „זכר צדיק לברכה״); דעם אויסדרוק „זכרונו לברכה״ געפינען מיר אין גמרא קידושין ל״א און אנדערע ערטער.

זכריה, כהן, זון פון יהוידע; כהן אין ירושלים אין דער צייט פון מלך יואש; ווען די יידן האָבן געדינט די אָפּגעטער האָט זכריה זיי געשטראָפט; אויפן באַפעל פון יואש האָט מען אים פאַרשטיינט צום טויט; ווי דער תנ"ך דערציילט איז יואש דערפאַר באַשטראָפט געוואָרן, און ער איז דערמאָרדעט געוואָרן (דברי הימים ב' כ"ד); אין דער גמרא גטין נ"ז ווערט געבראַכט די אגדה, אַז דאָס בלוט פון זכריה האָט געזידט כסדר ביז חורבן פון בית המקדש און נבוזראדן, דער מיליטער-פירער פון בבל, האָט געשאָכטן אויף דעם בלוט די סנהדרין.

זכריה, מלך נאָמען פון מלך אין מלכות ישראל (אין 8טן יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג), זון פון ירבעם דעם צווייטן; ער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך שלם בן יבש (מלכים ב' ט"ו).

זכריה הנביא נאָמען פון נביא אין דער צייט פון אָנהויב פון 2טן בית-המקדש, נאָכדעם ווי די יידן זענען צוריקגעקומען פון בבל קיין ירושלים אונטער דער פירונג פון זרובבל און יהושע בן יהוצדק הכהן; זיינע נבואות זענען פאַראַן אין ספר זכריה (דעם פאַר-לעצטן פון תרי-עשר); אין קאַפּיטל א' פון ספר זכריה ווערט געזאָגט אַז ער איז געווען „דער זון פון ברכיה דעם זון פון עדו"; דאָקעגן אין ספר עזרא ה' ווערט ער אָנגערופן „זכריה בן עדוא" (זון פון עדו). דער ספר זכריה באַשטייט פון 14 קאַפּיטלען; אין די קאַפּיטלעך פון א' ביז ח' זענען פאַראַן נבואות, וואָס האָבן אַ שייכות מיטן אויפבוי פון צווייטן בית המקדש, ער רימט זרבבל און פּראָוואָט אויסגלייכן צווישן זרבבל און יהושע הכהן „ועצת שלום תהיה בין שניהם" (ו') און דערציילט וועגן זעאונגען פון מלאכים; דאָרט איז פאַראַן דער פּסוק „לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי אמר ה' צבאות" (נישט מיט מיליטער און נישט מיט כח נאָר מיט מיין גייסט, זאָגט גאָט); די קאַפּיטלעך ט' ביז י"ד זענען שוין גאַנץ אַנדערע נבואות, אין וועלכע דער מדרש און די שפּעטערע מפרשים האָבן געזען נבואות אויף משיח (הנה מלכך יבוא לך — עני ורכב על חמור); די מאָדערנע תנ"ך-קריטיקער מיינען, אַז די דאָזיקע קאַפּיטלעך זענען געזאָגט געוואָרן דורך אַן אַנדערן נביא און דער דאָזיקער נביא זכריה השני זאָל האָבן געלעבט פריער, אַפילו אין דער צייט פון ישעיה און זאָל זיין זכריה בן יברכיהו פון ישעיה קאַפּיטל ז'. די דאָזיקע מיינונג איז דורך אַנגעזעענע געלערנטע אָפּגעפרעגט געוואָרן.

זלמן זע זוכוואָרט „שלמה", „שניאור".

זלפּה אין חומש בראשית ל' ווערט דערציילט אַז זלפּה איז געווען די דינסט פון לאה, און יעקב האָט פון איר געבוירן צוויי זין גד און אשר, די פאַטערס פון די שבטים מיט די דאָזיקע נעמען.

זמירות (זמרות) אין תנ"ך האָט „זמר" די באַדייטונג פון זינגען, לויב- און דאַנק-שירים; מזמור איז דער טייטש אַ „לויב"- אָדער „דאַנק-ליד"; „זמרות" איז אויך דאַנק-זינגערייען; אין תהלים צ"ה ווערט געזאָגט „בזמרות נריע לו" (מיט פרייד-זינגערייען וועלן מיר אים באַזינגען); אין דער יידישער תפלה-ליטעראַטור רופט מען אַן „זמירות" די שירים, וועלכע מען זאָגט אָדער מען זינגט ביים עסן די סעודות שבתים און ימים-טובים ווי אויך שבת-צונאַכטס. אין די תלמודישע ספרים ווערט „זמרה" אָנגערופן אַ „מעלאָדיע" („שונה בלא זמרה"), איינער לערנט אָן מעלאָדיע, מגי-

לה ל"ב); אין חגיגה ט"ו איז פֿאַראַן „זמר יוני", גריכיש ליד אָדער מעלאָדיע. — אין מדרש שיר השירים רבה (פּרשה ברח דודי) ווערט געזאָגט אַז ווען יידן עסן און טרינקען „עוסקים בשירות ותשבחות" (זינגען זיי לויב־געזאַנגען), און פֿון דעם איז צו זען, אַז שוין אין די צייטן פֿון מדרש האָט מען געזונגען זמירות ביים עסן. די זמירות, וואָס מיר האָבן היינט, שטאַמען פֿון די שפּעטערע צייטן. טייל פֿון זיי זענען געשריבן געוואָרן דורך די אָנגעזעענסטע יידישע דיכטער פֿון דער שפּאַנישער עפּאָכע אין 12טן יאָרהונדערט („שמרו שבתותי" פֿון רבי שלמה בן גבירול, „כי אשמרה שבת" פֿון רבי אברהם אבן עזרא און אַנדערע). אין דער צייט פֿון די מקובלים פֿון רבי יצחק לוריא (אר"י) און תלמידים (16טן יאָרהונדערט אין צפת) זענען געשריבן געוואָרן זמירות אַמייסטן אין אַראַמעאיש („אסדר לסעודתא" פֿון אר"י, „יה רבון עלם ועלמיא" פֿון רבי ישראל נגארה). די זמירות וואָס מען זאָגט מוצאי שבת וועגן אליהו הנביא זענען זייער אַלטע, און ווערן דערמאָנט אין אור זרוע (פֿון רבי יצחק פֿון ווין), אַז זיי זענען שוין געווען אין דער צייט פֿון די גאונים. — געוויינלעך איז דער מנהג צו זינגען די זמירות צווישן איין מאכל און דעם צווייטן; ביי די חסידישע רביים זינגט אַ טייל פֿון די זמירות דער רבי אַליין, און מיט אַ טייל איז מען מכבד די חשובע חסידים. — די זמירות זענען געוויינלעך געדרוקט אין די סידורים נאָך די תּפילות אויף שבת (פּרייטיק־צונאַכטס און אינדערפֿרי).

זמרי — 1) דער נשיא פֿון שבט שמעון אין דער מדבר, ווען די יידן זענען אַרויס פֿון מצרים; ער איז געווען דער זון פֿון סלוא; ער איז געטויט געוואָרן דורך פּנחס הכהן דערפֿאַר וואָס ער האָט געלעבט מיט דער נישט יידישער פֿרוי פֿון מדין כזבי בת צור (במדבר כ"ה). — 2) זמרי, מיליטער־פֿירער אין מלכות ישראל, וועלכער האָט געטויט דעם מלך אלה בן בעשה און איז געוואָרן אויף זיין אָרט מלך אין דער שטאָט תרצה; ווען דאָס פֿאָלק האָט געקרוינט אַלס מלך עמרי האָט זמרי אונטערגעצונדן דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ און איז אומגעקומען (מלכים א' ט"ז); נאָכער איז געווען דער אויסדרוק „זמרי הורג את אדוניו" (מלכים ב' ט') אַלס באַצייכענונג פֿאַר אַ מיליטער־פֿירער, וואָס דערמאָרדעט זיין קעניג.

זנות דאָס פֿאַרבאָטענע געשלעכטלעבן; אין תנ"ך איז פֿאַראַן פֿאַר דעם דאָס צייטוואָרט „נאף", און דער פֿאַרבאָט איז אין די עשרת הדברות „לא תנאף" (שמות כ'), אויך „זנה" און דער אויסדרוק זמה („אל תחלל את בתך להזנותה — ומלאה הארץ זמה", ויקרא י"ט); די פֿרוי וואָס איז עובר אויף דעם זנות־פֿאַרבאָט הייסט „זונה" און אויך „קדשה" („הכזונה נעשה אחותנו", בראשית ל"ג און אַנדערע ערטער, „איה הקדשה" בראשית ל"ח און אַנדערע ערטער). אין דער יידישער רעליגיע איז זנות, וואָס ווערט אָנגערופֿן אין די תלמודישע ספֿרים „גלוי עריות" (פֿון „לא תגלה ערותה" אין חומש) אַזאַ פֿאַרברעך ווי מאָרד (שפיכת דמים) און געצנדינעריי (עבודה זרה), ביי וועלכע עס איז דער דין פֿון „יהרג ואל יעבור", דאָס הייסט, אויב מען צווינגט איינעם דערצו דורך טויט־דראָאונג, אַז ער זאָל זיך לאָזן טויטן און ניט עובר זיין דערויף (פּסחים כ"ה); שוין אין די גאָר אַלטע צייטן, אין דעם ספור פֿון חומש בראשית ל"ג ווי יעקבס קינדער שמעון און לוי האָבן אויסגעהרגעט די שכם־איינוואוינער דערפֿאַר וואָס דער פּרינץ שכם האָט פֿאַרפֿירט יעקבס טאָכ־

טער דינה, ווערט געבראַכט צום אויס־
דרוק דער צאָרן קעגן זנות אין די דער־
מאָנטע ווערטער פון שמעון ולוי „הכזו־
נה נעשה אחותנו?״. אין חומש און שפּע־
טער אין די ספרי הנביאים ווערט קעגן
זנות פיל געוואָרנט. און דער חומש זאָגט
אָן „לא תהיה קדשה מבנות ישראל״
(דברים כ״ג) אַז צווישן יידישע טעכ־
טער זאָל נישט זיין קיין זינד. אין די
גמרא־קוואַלן ווערט קעגן זנות געבראַכט
פיל ווערטער און עס ווערט געזאָגט אַז
אויך ביי די נישט־יידן איז געווען די
מיינונג וועגן דער יידישער רעליגיע
„אלהיהם של אלו שונא זמה הוא״, דער
גאָט פון יידן האָט פיינט זנות (סנהדרין
ק״ו). — זנות איז געטאַדלט געוואָרן
גאָר שאַרף אַמייסטן ווען דאָס איז באַ־
גאַנגען געוואָרן דורך אַ פאַרהייראַטע
פרוי (אשת איש), און דער פאַרברעך
איז דאַדורך געווען שווערער. — וועגן
דעם רעליגיעז־יורידישן באַגריף פון „ער־
יות״, זע זוכוואָרט „עריות״; אויך זוכ־
ווערטער „יחוד״ און „סוטה״.

זעלבסטמאָרד אין תנ״ך געפינט
מען נישט בפירוש דער רעליגיעזער פאַר־
באָט פאַר זעלבסטמאָרד; מיר געפינען
אין תנ״ך עטלעכע פאַלן פון זעלבסט־
מאָרד, ווי ביי שאול המלך, וועלכער האָט
אין דער פאַרשפּילטער שלאַכט קעגן די
פלשתים, זיך אַליין דערשטאָכן מיט דער
שווערד, מורא האָבנדיק, אַז ער זאָל ניט
אַריינפאַלן צו די שונאים (שמואל א׳
ל״א); אחיתפל, וועלכער האָט זיך דער־
וואָרגן (שמואל ב׳ י״ז); זמרי המלך
וועלכער האָט זיך פאַרברענט (מלכים א׳
ט״ז); אין די תלמודישע ספרים געפי־
נען מיר שוין בפירוש דעם שטרענגען
פאַרבאָט קעגן זעלבסטמאָרד. אין דער
גמרא בבא קמא צ״א ווערט דאָס אָפּגע־
לערנט פון פסוק אין חומש „ואך את
־מכם לנפשותיכם אדרש״, וואָס זאָל זיין
דער טייטש, אַז אפילו דאָס דערמאָרדן
זיך אַליין וועט באַשטראָפט ווערן. אויך
אין עבודה זרה י״ח איז פאַראַן די אָנ־
ווייזונג אַז מען טאָר זיך אַליין נישט
טויטן. דעם אויסדרוק „המאבד עצמו
לדעת״ פאַר אַ זעלבסטמערדער געפינען
מיר אין איינעם פון די קליינע מסכתאות,
אין מסכתא שמחות (וועגן דער צייט ווען
די דאָזיקע מסכתא איז פאַרפאַסט גע־
וואָרן זע זוכוואָרט „אבל רבתי״) וואו
דער פרק ב׳ הויבט זיך אָן מיט די ווער־
טער „המאבד עצמו לדעת״, און דער
תנא רבי עקיבא האַלט אַז מען טאָר ניט
רייסן אויף אים קיין קריעה און נישט
מספיד זיין; אין דעם זעלבן פרק ווערט
אָנגעגעבן, ווער עס הייסט אַ מאבד עצמו
לדעת; דער רמב״ם משנה תורה הלכות
אבל און שלחן ערוך יורה דעה שמ״ה
ברענגען די דינים וועגן אבלות נאָך אַ
זעלבסטמערדער; קדיש דאַרף מען יאָ
זאָגן, פּסקנט רבי משה סופר (חתם
סופר); די מימרא אַז „המאבד עצמו
לדעת אין לו חלק לעולם הבא״ איז נישט
פאַראַן אין קיין גמרא און אויך נישט
אין מסכתא שמחות; עס ווערט נאָר גע־
בראַכט אין חידושי מהרי״ט אויף כתו־
בות קי״ב; רבי משה איסערלס (דער
רמ״א) ברענגט אין זיין פירוש דרכי
משה אויף טור שלחן ערוך ארח חיים
שמ״ה אין נאָמען פון רבי יעקב מולון
(מהרי״ל) אַז אַ זעלבסטמערדער הייסט
נאָר דער, וואָס זאָגט פריער, אַז ער וויל
באַגיין זעלבסטמאָרד און מען האָט אים
פריער געוואָרנט, אַז ער זאָל עס נישט
טאָן; עס איז אויך אַן אַלטער מנהג קובר
צו זיין זעלבסטמערדער נישט צוגלייך
אין דער שורה מיט אַנדערע מתים, נאָר
אין אַ באַזונדערן אָרט, מייסטנס לעבן
דער אָפּצוימונג.

זקן טיטל פאַר יידישע חכמים אין אַל־
טע צייטן; שוין אין חומש און ספר

יהושע ווערט געבראכט דער אויסדרוק זקנים צום באצייכענען די פירער פון די יידן וואס זענען געווען צוזאמען מיט משה און יהושע; אין משנה פרקי אבות א' ווערט געבראכט די דורות־ארדנונג, צוערשט משה רבנו, דערנאך יהושע, דער־נאך זקנים און דערנאך נביאים. מיר גע־פינען דערנאך אין דער משנה „הלל הז־קן" און „שמאי הזקן" (ביצה כ' ערלה פרק ב' און פיל אנדערע ערטער); מיר געפינען אויך אין זבחים א' וועגן „שב־עים ושנים זקן" (72 זקנים); אין משנה יומא פרק א' איז פאראן פון דער צייט פון בית המקדש „זקני בית דין" און „זקני כהונה"; ווי לאנג עס האט עקזיס־טירט דער טיטל זקן איז שווער פעסט־צושטעלן; אין די שפעטערע צייטן פון די אמוראים איז ער נאך געווען אין ארץ־ישראל (מסכת סופרים).

זקן אלטער מאן; די משנה פרקי אבות ה' זאגט „בן ששים לזקנה" (אן אלטער מאן הייסט מען ווען מען ווערט אלט זעכ־ציק יאר); אין חומש (ויקרא י"ט) ווערט געזאגט „והדרת פני זקן", מען דארף אפגעבן כבוד אן עלטערן מענטש; אין דער גמרא קידושין ל"ב ווערט געזאגט אז אויך א נישט־יידישן עלטערן מענטשן דארף מען אפגעבן כבוד. — עס איז פא־ראן אין דער משנה סנהדרין פרק י' דער באגריף פון „זקן ממרא", דאס הייסט פון א חכם, וועלכער פסקנט קעגן די אור־טיילן פון סנהדרין; אזעלכן קומט טויט־שטראף; דער דין שטיצט זיך אויפן פסוק אין חומש דברים י"ז.

זרבבל זון פון שאלתיאל, אייניקל פון פאר־לעצטן מלך פון יהודה, יהויכין; נאכ־דעם ווי כרש מלך פרס האט איינגענומען בבל האט ער דערלויבט זרבבל און יהושע בן יהוצדק הכהן צוריקצוקערן צוזאמען מיט נאך יידן פון בבל קיין ירושלים און אויפבויען דאס בית המקדש (זכריה ג'); זרבבל האט געהאט דעם טיטל פחת יהו־דה, דער גאווערנאר פון יהודה (חגי א'), עס ווייזט אויס, אז צווישן זרבבל און יהושע הכהן איז געווען א שארפע מח־לוקה, וואס איז ווארשיינלעך באשטאנען אין דעם וואס זרבבל, אלס איינער פון דער דוד־המלך־דינאסטיע, האט געוואלט הערשן אליין, אן דעם כהן גדול, און קעגן דעם זענען געווען די כהנים; אין ספר זכריה געפינען מיר אן אפקלאנג פון דער מחלוקה, און דער נביא זכריה האט גע־וואלט שלום מאכן צווישן ביידע („ועצת שלום תהיה בין שניהם", זכריה ו'), אבער דאס איז נישט געלונגען, און עס ווייזט אויס, אז די רעגירונג פון פרס האט געהאלטן מיטן כהן גדול, נישט וועלנדיק אז איינער פון דער דוד־המלך־דינאסטיע זאל זיין הערשער און אזוי ארום דערוועקן און שטארקן די האפע־נונגען פון פולשטענדיקער באפרייאונג פון ארץ־ישראל. לויט א שפעטערדיקער טראדיציע (אין סדר עולם זוטא) זאל זרבבל האבן צוריקגעקערט קיין בבל און איז דארט געשטארבן, און פון אים האבן אפגעשטאמט די „ריש גלותאס" אין בבל. — לויט דברי הימים א' ג' איז זר־בבל געווען נישט א זון נאר אן אייניקל פון שאלתיאל. — פרטים ביי ראפאפארט „ערך מלין" (ווארשע תרע"ד אין 2טן טייל, זכווארט „ריש גלותא" אין די „נוספות").

זרחיה הלוי פוסק אין דרום־פראנק־רייך (אין לוניל) אין 12טן יארהונדערט; מחבר פון ספר „המאור" אויף דעם רי"ף. ער זאל האבן געשטארבן, ווי דער „שבט יהודה" שרייבט, אין 1186. ער האט גע־שטאמט פון שפאניע, פון גערונא, און מען האט אים דעריבער אויך גערופן גירונדי. צווישן אים און רבי אברהם בן דוד (ראב"ד דער צווייטער) זענען געווען

שאַרפֿע מיינונגס־פֿאַרשיידנקייטן; רבי זרחיה הלוי (אויך באַקאַנט מיטן ראשי־תבות־נאָמען רז"ה) האָט אויך מחבר געווען אַנדערע ספֿרים ווי אויך פּיוטים, וועלכע געפֿינען זיך מייסטנס אין מחזור פֿון די ספֿרדים. — פּרטים וועגן רבי זרחיה זענען פֿאַראַן ביי רייפֿמאַן „תולדות רבנו זרחיה הלוי", וויס, „דור דור ודורשיו", באַנד 4 (איינצלהייטן וועגן די השגות פֿון ראב"ד).

זרעים נאָמען פֿון ערשטן סדר פֿון די 6 סדרים משניות, אַנטהאַלט די מסכתות ברכות, פּאה, דמאי, כלאים, שביעית, תרומות, מעשרות, מעשר שני, חלה, ערלה, בכורים; גמרא בבלי איז פֿאַראַן נאָר אויף ברכות; ירושלמי אויף אַלע מסכתות; אויך תוספתא איז פֿאַראַן אויף אַלע מסכתות; אַחוץ אין דער מסכתא ברכות ווערן באַהאַנדלט ענינים וואָס האָבן אַ שייכות מיט לאַנדווירטשאַפֿט, און דעריבער הייסט דער סדר „זרעים".

זשאַבאָטינסקי, זאב-וולאַדימיר (1880 אין אָדעס — 1940 אין ניו־יאָרק). זשורנאַליסט, שריפֿטשטעלער, רעוויזיאָניסטישער פֿירער און פּרעזידענט, גרינדער פֿון יידישן לעגיאָן אין דער צייט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה (1914—1918); אין 1923 געגרינדעט די רעוויזיאָניסטישע פּאַרטיי, נאָכער דעם „ביתר"; אין 1935 געגרינדעט די נייע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, פֿאַרלאָזנדיק פֿריער די אַלטע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע קעגן וועלכער ער האָט געפֿירט אַ שאַרפֿן קאַמף פֿאַר איר מעסיקער פּאָליטיק אין באַצוג צו דער פֿאַרווירקלעכונג פֿון ציוניזם; געשריבן ראָמאַן „שמשון", „געשיכטע פֿון יידישן לעגיאָן", דערציילונגען, לידער, איבערזעצט אין העברעאיש טיילן פֿון דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע", רעדאַגירט צייטונגען.

זשיטלאָווסקי, חיים (געבוירן 1865 אין רוסלאַנד), זינט 1908 אין ניו־יאָרק; יידישער שריפֿטשטעלער, סאָציאַליסט, דענקער, אָנהענגער פֿון יידישיזם, רעדאַקטאָר פֿון „דאָס נייע לעבן", אויטאָר פֿון „געשיכטע פֿון פֿילאָזאָפֿיע" ווי אויך אַנדערע פֿילאָזאָפֿישע אָפּהאַנדלונגען אין יידיש, איבערזעצט אויף יידיש ניטשעס „זאַראַטוסטראַ"; פּאָזיטיווע שטעלונג צו ארץ־ישראל. — פּרטים אין רייזנס „לעקסיקאָן".

ח

ח (חית) אכטער בוכשטאב אין העברעאישן און יידישן אלף־בית; אלס ציפער האט „ח" די באדייטונג פון 8.

חאגיז — 1) יעקב (געבוירן אין פעז, צפון־אפריקע 1620 — געשטארבן אין קאנסטאנטינאפאל 1674), למדן, ראש ישיבה, מחבר; אין 1657 איז ער געווארן ראש ישיבה אין ירושלים און צווישן זיינע תלמידים זענען געווען באריממטע לומדים (רבי משה חביב, רבי יוסף אלמושניני און אנדערע) ווי אויך שבתי צבים נביא נתן העזתי; ער האט מחבר געווען „עץ החיים" פירוש אויף משניות, „תהלת חכמה" כללים אין שיטות פון דער גמרא, „הלכות קטנות", שאלות ותשובות, „קרבן מנחה" דרושים. — רבי יעקב חאגיז איז געווען א שארפער קעגנער פון שבתי צבי און איז געווען איינער פון די רבנים, וועלכע האבן אים געלייגט אין חרם. — 2) משה חאגיז (געבוירן אין ירושלים 1671 — געשטארבן אין צפת נאכן יאר 1751), מקובל, פירער פון די קעמפער קעגן דער שבתי־צבי־באוועגונג. ער איז אלט געווען 3 יאר ווען זיין פאטער איז געשטארבן; געלערנט ביי זיין זיידן רבי משה גאלאנטי; אין 1694 איז ער אוועק קיין איטאליע און פון דארט קיין אמסטערדאם, וואו ער האט צוזאמען מיט רבי צבי אשכנזי געפירט א שארפן קאמף קעגן די שבתי־צבי־אנהענגער מיט נחמיה חיון אין דער שפיץ; געוואוינט א געוויסע צייט אין אלטאנא ביז 1738, צוריקגעקומען קיין ארץ־ישראל, געשטארבן אין צפת. ער האט פארמאגט אויך אלגעמיינע בילדונג, געקענט שפראכן; די דאקומענטן וועגן שבתי צבי וועלכע געפינען זיך אין ספר „תורת הקנאות" פון רבי יעקב עמדין שטאמען כמעט אלע פון רבי משה חאגיז, און די צוגאב־באמערקונגען פון „הרמ"ח" צו די דאזיקע דאקומענטן פון „הרב רבי משה חאגיז". אונטער זיין איינפלוס האט מען געלייגט אין חרם רבי משה חיים לוצאטו, ווייל רבי משה חאגיז האט אין זיינע גניי־גונגען געזען די אויפלעבונג פון פאלשע משיח־טענדענצן; זיינע ספרים (אין וועלכע ער באצייכנט זיך מיט דעם נאמען המני"ח, דאס הייסט משה ז' יעקב חאגיז) זענען „לקט הקמח", חידושים אויפן שלחן־ערוך; „שפת אמת" וועגן דער חשיבות פון ארץ־ישראל; „שבר פושעים" קעגן די שבתי־צבי־אנהענגער און נחמיה חיון; „לקט הקמח" פירוש אויף משניות; „מלחמות לה' וחרב לה'" (דער חרם קעגן חיון); „צרור המור", דברי מוסר; „משנת חכמים", דברי מוסר און אנדערע ספרים.

חאמוראבי מלך אין בבל אין לערך די יארן 2060 ביז 2025 פאר דער גע־ווינלעכער צייטרעכענונג; לויט טייל מיינונגען זאל ער האבן געלעבט אין דער צייט פון אברהם אבינו און ער זאל זיין דער „אמרפל מלך שנער" קעגן וועלכן אברהם אבינו האט מלחמה־געהאלטן (בראשית י"ד). פאר דער פארשונג פון חכמת ישראל האט א גרויסע באדייטונג זיין „בוך פון געזעצן", וואס מען האט אין יאר 1902 געפונען אויף זיילן אין שושן, און וואס אנטהאלט געזעצן, וועלכע זענען ענלעך צו די געזעצן אין חומש, סדרה משפטים; מען האט אנגעוויזן אז א סך געזעצן פון חאמוראבי זענען זייער ענלעך צו געזעצן, וואס געפינען זיך אין משנה און תוספתא אין בבא מציעא; די חאמוראבי־געזעצן געבן אונדז אויך א בילד פון לעבן אין בבל און בבלל אין די נאענטע לענדער פון אזיע אין יענער

צייט און דורך זיי קאָן מען דערקלערן אַ סך קאַפּיטלעך פון תנ"ך; וועגן די חאַמוראַבי־געזעצן און פאַרגלייך מיט חומש זענען געשריבן געוואָרן פיל ביכער און אָפּהאַנדלונגען אַמייסטן אין דייטש פון די געלערנטע דוד היינריך מילער, יערעמיאַס, עטלי, ווינקלער און אַנדערע.

חאָריז, אהרן (1766 — 1844), ערשטער רעפאָרם־רב אין אונגאַרן, אין דער שטאָט אַראַד; ער האָט מחבר געווען „אמרי נועם" און אַנדערע, אין וועלכע ער קומט צום אויסדריק די מיינונג, אַז געוויסע יידישע מנהגים און דינים דאַרף מען מבטל מאַכן; ער האָט אויך מתיר געמאַכט צו שפּילן דעם אָרגל אין שול ביים דאַווענען; די פּרומע רבנים, ווי רבי משה סופר (חתם סופר, וועלכער האָט אים גערופן „אחר", „אהרן חורינער, ראַבינער"), רבי מרדכי בענעט און אַנדערע, האָבן געפירט קעגן אים אַ שאַרפן קאַמף.

חבד (ראשי תבות פון „חכמה, בינה, דעת"), שיטה אין חסידות פון גרינדער פון דער ליובאַוויטשער רביים־דינאַסטיע רבי שניאור־זלמן פון לאדי אין סוף 18טן און אָנהויב 19טן יאָרהונדערט; די שיטה איז נאָכער באַאַרבעט געוואָרן דורך די אַנדערע ליובאַוויטשער רביים ווי אויך פון רבי שניאור־זלמנס תלמידים. — וועגן דער שיטה זע זוכוואָרט „שניאור־סאָן".

חבוט הקבר זע „דומה, מלאך".

חביב 1) יעקב (1460 אין שפּאַניע — 1516 אין סאַלאָניקי, טערקיי); רב און מחבר; אין 1492 האָט ער בעת דעם גרוש פאַרלאָזט שפּאַניע און זיך באַזעצט אין סאַלאָניקי; דאָרט האָט ער מחבר־געווען זיין ספר „עין יעקב", די זאַמלונג פון אַלע אגדות־טיילן פון דער גמרא בבלי, צוגעבנדיק די פּירושים פון די ראשונים און אויך זיינע אייגענע באַמערקונגען מיט די ווערטער „אמר הכותב"; ער האָט אָנגעהויבן דרוקן זיין ספר 1516, אָבער ער איז געשטאָרבן נאָכדעם ווי עס זענען געווען אָפּגעדרוקט זרעים און מועד. — זיין זון רבי לוי האָט פאַרענדיקט דאָס דרוקן פון די אַנדערע סדרים; דער „עין יעקב" איז איבערגעדרוקט געוואָרן פיל מאָל און איז געוואָרן זייער פּאָפּולער ביי די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן, צווישן וועלכע עס זענען געגרינדעט געוואָרן חברות „עין־יעקב" צו לערנען דאָס ספר; דער „עין יעקב" איז אויך דערשינען מיט יידישער איבערזעצונג. — 2) רבי לוי אבן חביב (1480 אין שפּאַניע — לערך 1545 אין ירושלים), רב און פּוסק באַקאַנט אויך מיטן נאָמען „רלב"ח", זון פון רבי יעקב מחבר פון „עין יעקב". בעת דעם גרוש שפּאַניע 1492 איז ער אַוועק אַלס אינגל קיין פּאָרטוגאַל, און דאָרט האָט די רעגירונג בעת דער גזרה אין 1496 אים מיט צוואַנג געשמדט; ער איז אָבער באַלד פון דאָרט אַנטלאָפן און געקומען קיין סאַלאָניקי, וואו ער איז געוואָרן צוריק אַ ייד. דאָרט האָט ער פאַרענדיקט דאָס דרוקן פון זיין פאָטערס ספר „עין יעקב"; אין 1525 האָט ער זיך באַזעצט אין ירושלים וואו ער איז געוואָרן רב. ער האָט מחבר געווען „שאלות ותשובות מהרלב"ח; ער איז באַקאַנט דורך זיין אַרויסטריט קעגן רבי יעקב בירב פון צפת, וועלכער האָט צוריק איינגעפירט אין ארץ־ישראל די סמיכה, אַז די רבנים, וואָס וועלן ווערן נסמך זאָלן האָבן די אויטאָריטעט פון די אַמאָליקע חכמים; וועגן זיין קעגנערשאַפט געפינען מיר אין זיין דערמאָנטן ספר אין „קונטרס הסמיכה".

חבלי משיח (ליידן פון צייטן פאַר משיח); אין דער גמרא (שבת קי"ח, סנהדרין צ"ח און אַנדערע ערטער) ווערט

געזאגט, אז איידער משיח וועט קומען וועלן זיין גרויסע אומגליקן, וועלכע ווערן אנגערופן „חבלי משיח", אויך „חבלו של משיח"; די ליידן וועלן זיין אזוי גרויס אז דער אמורא עולא האט געזאגט (סנהדרין צ"ח) „ייתי ולא אחמיניה" (זאל ער קומען, משיח, נאר איך זאל אים ניט זען). — זע „משיח".

חבקוק נביא, געזאגט די נבואות פון ספר „חבקוק", דאס אכטע ספר פון תרי־עשר; דאס ספר אנטהאלט 3 קאפּיטלעך; אין ערשטן קאפּיטל באקלאגט זיך דער נביא, פארוואס דעם רשע גייט גוט און דעם צדיק שלעכט; דאס איז דאס אלטע רעליגיעזע פּראבלעם פון „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו", ווערט אויך בארירט אין אנדערע תנ"ך־ספרים (איוב, קהלת, ירמיה, תהלים); אין 2טן קאפּיטל טרעט ער ארויס קעגן געצנדינסט; דאס דריטע קאפּיטל איז א תפלה. — ווען דער נביא האט געלעבט איז שווער צו זאגן; לויט דער טראדיציע זאל ער האבן געלעבט אין דער צייט פון דניאל, וועמען ער האט געבראכט צו עסן אין לייבן־גרוב; טייל מיינען, אז ער האט געלעבט אין יהודה לערך 20 יאר פארן חורבן בית ראשון; אין חבקוק ב' איז פאראן דער פסוק „וצדיק באמונתו יחיה" (דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה), וואס די גמרא (מכות כ"ד) באטראכט אלס יסוד פון יידנטום, לויט חבקוקס מיינונג.

חבר דאס ווארט האט פארשידענע באדייטונגען, וועלכע זענען זייער וויכטיק אין פארשן די יידישע געשיכטע און יידנטום. — איין באדייטונג וואס איז פאראן אויך אין תהלים קי"ט איז: פריינד, חבר; אין משנה פרק אבות א' ווערט געזאגט „וקנה לך חבר" (יעדער מענטש דארף זיך זען צו דערווערבן א חבר), געוויינלעך האט מען געמיינט דערמיט א פריינט צו לערנען צוזאמען; דערפון איז פאראן אין דער גמרא (ברכות כ"ז און אנדערע ערטער) דער אויסדרוק „תלמיד חבר"; דערפון איז אויך געווארן פאר א גאנצער גרופע אזעלכע לומדים דער אויסדרוק חבורה (ברכות ט' „במעמד כל החבורה", שבת קי"א „ארי שבחבורה", דער גרעסטער פון די אלע לומדים, און אויך אין אנדערע ערטער). — עס ווייזט אויס, אז דערפון איז געווארן דערנאך דער נאמען „חבר" א ספּעציעלער באצייכענונג פאר איינעם, וואס האט געהערט צו אזעלכע באזונדערע „חבורות", וועלכע האבן זיך געהאלטן צוזאמען, געלערנט צוזאמען, אפּגעהיטן שטארקער די דינים פון יידישקייט, ספּעציעל אין רעליגיעזער ריינקייט (טהרה) און מעשר פון תבואה. זיי האבן זיך אזוי ארום אפּגעטיילט פון דעם המון ארום זיי, וועלכער איז נישט געווען געלערנט און האט נישט אזוי שטארק אפּגעהיטן די דינים פון יידישקייט, און וועלכע די „חברים" האבן אנגערופן „עמי הארץ" און האבן דעריבער מיט זיי זיך נישט געוואלט מישן, נישט געגלויבט זיי אז זיי זענען אפּגעהיטן אין רעליגיעזער ריינקייט (דינים פון טהרה) און אז זיי שיידן אפּ מעשר פון זייער תבואה. „חבר" איז אזוי ארום געווארן א באזונדערער טיטל פאר א למדן, אפּגעהיטענעם פרומען ייד, אין קעגנזאץ צום עם־הארץ. כדי צו פארדינען זיך דעם טיטל „חבר" האט מען באדארפט דורכגיין פארשיידענע פּראבעס און עקזאמענס (משנה דמאי פרק ב' „המקבל עליו להיות חבר", אז איינער נעמט אויף זיך צו זיין א חבר, תוספתא דמאי פ"ב, „דברי חברות", דאס הייסט די „פליכטן פון א חבר"); אין פיל ערטער פון דער גמרא געפינען מיר ליבּ־ווערטער פאר דעם „חבר". די דאזיקע „חברים"־אפּגרענעצונג פון פשוטן פאלק איז שוין געווען א פאקט אין דער צייט פון בית שני, און ווארּ־

שיינלעך האָבן זיך פון די דאָזיקע חב־רים־גרופּן אָפּגעטיילט נאָכמער פרומערע מיט שטרענגערע אידייען וועגן פרומקייט און רעליגיעזיטעט, און זיי האָבן געשאַפן די פאַרשידענע סעקטעס, פון וועלכע די אַנגעזעענסטע זענען געווען די „איסיים" (זע זוכוואָרט „איסיים"), וואָס האָבן גע־שפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער יידישער געשיכטע און אויך אין דער געשיכטע פון רעליגיעזער אַנטוויקלונג אין דער וועלט בכלל. — מיר געפינען דעם טיטל „חבר" אויך צוזאַמען מיט פערזאָנען־נע־מען פון מענטשן; אין מדרש שמות רבה פ"א געפינען מיר „ר' פנחס החבר"; אין דער צייט פון רב סעדיה גאון איז געווען דער טיטל „חבר"; אויך אין די נייערע צייטן אין אייראָפּע האָט מען געגעבן לומדים, וועלכע האָבן קיין היתר הוראה נישט געהאַט, דעם טיטל „חבר" (שאלות ותשובות חתם סופר חושן משפּט קמ"ג). וועגן חבר אין דער צייט פון בית שני און משנה און גמרא איז פאַראַן די אַר־בעט פון ביכלער (אין דייטש), „דער גאַליליאישער עם הארץ".

חבר היהודים

אויף די יידישע מטב־עות וואָס מען האָט געפונען פון דער חשמונאים־דינאַסטיע זענען פאַראַן עט־לעכע מיט דער אויפשריפט „יהוחנן הכהן גדול וחבר היהודים" און אויך פון אַנ־דערע חשמונאים־פירשטן מיט „חבר היהודים"; די געלערנטע פאָרשער זענען נישט געקומען צו אַן איינהייטלעכער מיי־נונג וועגן דער באַדייטונג פון דאָזיקן טערמין: צי מען מיינט דערמיט דעם יידישן „רעגירונגס־ראַט", צי אַ סאָרט „פּאַרלאַמענט", צי בכלל „די יידישע גע־מיינשאַפט", די „יידישע מדינה"? אין דער משנה ברכות פרק ד' ווערט דער־מאָנט דער אויסדרוק „חבר עיר" אויף וועלכן עס זענען פאַראַן עטלעכע טײַ־טשן: „דער פירער פון דער שטאָט", „דאָס פאַרזאַמלונגס־אָרט פון דער שטאָט"; מען מיינט, אַז צווישן דעם „חבר היהודים" פון די מטבעות און דעם „חבר עיר" פון דער משנה איז פאַראַן אַ געוויסע שייכות.

חברה, חברות

מיטן נאָמען „חברות" זענען געוואָרן באַצייכנט אין די יידי־שע שטעט די יידישע געזעלשאַפטן, וועל־כע האָבן געהאַט מיטגלידער און זייער אויפגאַבע איז געווען רעליגיעזע אָדער פילאַנטראָפּישע אַרבעט, ווי חברה ביקור חולים, לינת הצדק, הכנסת כלה און אַנ־דערע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס, אָדער חברות צו לערנען אַ געוויסן ספר (משניות, עין יעקב, חיי אדם און אַנדע־רע); וועגן די פילאַנטראָפּישע געזעל־שאַפטן געבן מיר ביי די זוכווערטער פון זייערע נעמען („בסור חולים" און אַנדערע); ביי די לערן־חברות געבן מיר ביי די זוכווערטער פון די ספרים־מחב־רים; וועגן חברה קדישא ביי „חברה קדישא".

חברה קדישא

נאָמען פון דער חב־רה אין די יידישע קהלות, וועמענס מיט־גלידער באַשעפטיקן זיך מיט דער קבורה פון די פאַרשטאָרבענע. אַזעלכע חברות וועמענס מיטגלידער האָבן געהייסן „מת־עסקים" (מועד קטן כ"ד) „גומלי חס־דים" (כתובות ה') האָבן עקזיסטירט שוין אין די אַלטע צייטן; אין דעם ספר „טוביה" פון די כתובים אחרונים ווערט שוין דערמאָנט וועגן מענטשן וואָס האָבן עס באַטראַכט פאַר אַ מצוה צו באַשעפ־טיקן זיך מיט דער קבורה פון מתים. אין דער גמרא מועד קטן כ"ז ווערט שוין בפירוש געזאָגט „חבורתא איכא במתא" (אַ חברה קובר צו זיין פאַרשטאָרבענע איז פאַראַן אין שטאָט). אין מיטלאַלטער געפינט מען אין פאַרשידענע ספרים בפי־רוש וועגן חברות פון קבורת המתים

(שאלות ותשובות „תשבץ" פון רבי שמעון דוראן און אנדערע); רבי אברהם אבא גאמבינער ברענגט אין מגן אברהם אויף שלחן ערוך אורח חיים רפ"ז, אז עס איז א מנהג צו מאכן „מי שבירך" פאר די מיטגלידער פון דער „חברה קברנים". פון דעם איז צו זען, אז אין יענער צייט האט די חברה געהייסן נישט קדישא נאר קברנים׳ און פאראן א מיינונג אז פון דער ראשי־תבות ח"ק („חברה קברנים") איז געווארן שפעטער „חברה קדישא". פאראן א מנהג אז אין ז׳ אדר, אין טאג פון דער טראדיציאנעלער יארצייט פון משה רבנו, פאסטן אלע מיטגלידער פון דער חברה קדישא, גייען אויפן בית־עלמין בעטן מחילה פון די מתים, טאמער האט מען זיי נישט אפגעגעבן דעם געהעריקן כבוד, און ביינאכט מאכט מען א גרויסע סעודה; אין טייל קהלות מאכט מען דאס ט"ו כסלו, אין טייל כ׳ כסלו; די חברה קדישא פלעגט אויך האבן א פנקס מיט תקנות וועגן מיטגלידערשאפט, וואלן פון גבאי׳ זכרונות פון דער חברה. — פרטים וועגן אזעלכע פנקסים מיט תקנות פון חברה קדישא ביי גידעמאן אין „התורה והחיים" (דריטער באנד צום סוף אין די ציונים, העברעאישע איבערזעצונג).

חברון אלטע שטאט אין דרום־ארץ־ישראל, אין יהודה, ווערט דערמאנט פיל מאל אין תנ"ך; דארט האט געוואוינט אברהם אבינו (בראשית י"ג); דארט האט אברהם אבינו אפגעקויפט די מערת המכפלה (בראשית כ"ג) און קובר געווען שרה, אין דארט זענען געקומען צו קבורה אויך אברהם, יצחק און יעקב און לויט דער טראדיציע אויך אדם און חוה, רבקה און לאה. אין דער צייט פון דוד איז חברון געווען די מלוכה־שטאט פון יהודה איידער דוד האט זיך איבערגעטראגן קיין ירושלים (שמואל ב׳ ב׳); חברון איז ביז היינטיקער צייט געווען באטראכט אלס א הייליקע שטאט נישט נאר דער יידן, נאר אויך ביי קריסטן און מאכמעדאנער. ביי די אראבער הייסט חברון „אל־כאליל" („דער פריינט" פון גאט, דאס הייסט אברהם אבינו); דער יידישער ישוב האט זיך דארט פארגרעסערט זינט דעם 14טן יארהונדערט; אין 19טן יארהונדערט האבן זיך דארט באזעצט ליובאוויטשער חסידים (חב"ד); אין 1924 האט זיך דארט באזעצט די סלאבאדקער ישיבה, וואו עס האבן געלערנט איבער 100 ישיבה־בחורים; אין אב תרצ"ט (1929) איז דארט פארגעקומען די שרעקלעכע שחיטה אויף יידן און אלע יידן האבן פארלאזט חברון; נאכער זענען טייל יידן צוריקגעקומען; אבער זינט 1935, ווען עס זענען אויסגעבראכן די אראבישע אנפאלן, האבן יידן ווידער פארלאזט חברון. חברון איז געווען איינע פון די 4 שטעט (ירושלים, חברון, טבריה, צפת) וואס האבן געהאט דאס רעכט צו באקומען געלט פון דער חלוקה; זע זוכווערטער „חלוקה", „מערת המכפלה".

חג דאס ווארט „חג" איז אין תנ"ך די באצייכענונג פאר „פייערטאג", „יום־טוב"; שפעטער איז אנגענומען געווען אז מיט חג האט מען נאר באצייכענט די ימים־טובים פסח, שבועות און סוכות (חג המצות, חג השבועות, חג הסוכות).

חגא באצייכענונג אין יידיש פאר קריסטלעכע פייערטעג; אין מערצאל „חגאות". אין ישעיה י"ט איז פאראן דאס ווארט „לחגא", וואס האט אבער אן אנדערע באדייטונג. אין עבודה זרה י"א איז פאראן „חגתא" צו באצייכענען א נישט־יידישן פייערטאג; אין סוטה ל"ו הייסט עס „יום חגם".

חגי (נאָמען פון נביא און פון זיין ספר נבואות אין תנ"ך (דער 10טער פון תרי עשר); ער האָט געלעבט אין דער צייט ווען די יידן זענען צוריקגעקומען פון גלות בבל און האָבן געבויט דעם 2טן בית המקדש; חגי געהערט צו די דריי לעצטע נביאים (חגי, זכריה און מלאכי), וואָס לויט דער טראַדיציע (יומא ט') זענען זיי געווען די לעצטע, אויף וועמען עס איז געווען דער הייליקער רוח נבואה; דער ספר חגי האָט צוויי קאַפּיטלעך; אין ערשטן שטראָפט ער די יידן (זרבבל און דעם כהן יהושע) פאַרוואָס זיי זענען פאַרנאַכלעסיקט און בויען נאָכנישט דאָס בית המקדש, און ווי עס ווערט דאָרט דערציילט איז אַ דאַנק דער דאָזיקער נבואה דערוועקט געוואָרן דער מוט ביים פאָלק און מען האָט דאָס בית המקדש געבויט; אין 2טן קאַפּיטל טרייסט ער די יידן אַז דאָס בית המקדש וועט זיין גרויס; דאָרט פרעגט ער אויך שאלות פון טומאה וטהרה די כהנים; ער שטרייכט אויך אונטער אַז זרבבל וועט זיין דער הערשער אין לאַנד. לויט דער טראַדיציע פון דער סירישער תנ"ך־איבערזעצונג „פשיטתא" און דער גריכישער תנ"ך־איבערזעצונג סעפּטואַגינטא זאָל חגי האָבן מחבר געווען מזמורים פון תהלים. אין דער גמרא (יבמות ט"ז און אַנדערע) ווערן צוגעשריבן דעם נביא חגי אַ ריי הלכות.

חגיגה נאָמען פון קרבנות, וואָס יידן פלעגן ברענגען אין די דריי ימים־טובים פּסח, שבועות און סוכות אין בית המקדש מקריב צו זיין; וועגן די דינים פון חגיגה איז פאַראַן די מסכתא חגיגה.

חגיגה נאָמען פון מסכתא משניות אין סדר מועד, אויף וועלכער עס איז פאַראַן תוספתא און גמרא בבלי און ירושלמי; האָט 3 פּרקים; באַהאַנדלט די דינים פון קרבן חגיגה און יום־טוב און אויך פון טומאה און טהרה; דער צווייטער פּרק „אין דורשין" דערמאָנט די מיסטישע און פילאָזאָפישע לערעס „מעשה בראשית" און „מעשה מרכבה".

חד גדיא אַ פּיוט אין אַראַמעאיש, צום סוף פון דער הגדה של פּסח; דערציילט אַ מעשה פון אַ ציגעלע וואָס דער פאָטער האָט געקויפט פאַר 2 גילדן („חד גדיא", „איין ציגעלע"), און ווי אַ קאַץ האָט אויפגעגעסן דאָס ציגעלע, און דערנאָך האָט אַ הונט אויפגעגעסן די קאַץ און אַזוי כסדר, ביז דער מלאך המות האָט געשאָכטן דעם שוחט, און גאָט האָט געשאָכטן דעם מלאך המות; דער זין פון דער מעשה איז די אַלטע לערע פון אבות ב' „על דאטפת אטפוך", אַז ס'איז פאַראַן אַ באַשטראָפונג פאַר שלעכטע מעשים און אַז דער באַשטראָפער וועט אויך באַשטראָפט ווערן; ענלעכע מעשיות פאַר קינדער געפינט מען אויך אין די שפּראַכן פון אַנדערע פעלקער אין דייטש, פראַנצויזיש און ענגליש; מען מיינט, אַז דער חד גדיא איז פאַרפאַסט געוואָרן אין 15טן יאָרהונדערט אין דייטשלאַנד, ווייל אין דער ספרדישער הגדה איז ער נישטאָ; דאָס ערשטע מאָל געפינט מען אים אין דער הגדה געדרוקט אין פּראָג 1590; מען האַלט, אַז דאָס האָט מען צוגעגעבן פאַר די קינדער, זיי זאָלן נישט אַנטשלאָפן ווערן ביים סדר („שלא יישנו התינוקות" פון דער גמרא).

חדקל נאָמען פון טייך אין אשור, וועמענס אור־קוואַל האָט זיך געפונען, ווי דער חומש דערציילט, ביים גן־עדן (בראשית ב'); אין דער גמרא הייסט ער דגלת (ברכות נ"ט און אַנדערע); אין די אייראָפּעאישע שפּראַכן הייסט ער „טיגריס"; אין דער גמרא ווערט ער דערמאָנט פיל מאָל.

חדר אין העבראיש דער טייטש „צימער"; אין יידיש זאגט מען אויך „חדר" אלס צימער; אמייסטן ווערט עס באנוצט צום באצייכענען דאס ארט, וואו די מלמדים לערנען מיט אינגלעך. אייגנטלעך קאן מען זאגן, אז חדר אנטשפרעכט דעם אויסדרוק „שולע"; דער נאמען חדר ווערט געבראכט אין די עלטערע ספרים זינט דעם 16טן יארהונדערט; די חדרים זענען געווען איינגעטיילט אין פארשידענע קלאסן, העכערע און נידעריקערע; דאס נידעריקסטע חדר האט געהייסן „דרדקי", און דער מלמד האט דארט געלערנט מיט די קינדער אלף־בית, נאכער טראף (לייענען די ווערטער), נאכער „סידור" (לייענען זאצן, דאווענען), און דערנאך חומש און דערנאך רש"י; אין דעם עטוואס העכערן חדר האט מען אנגעהויבן לערנען מיטן קינד די לייכטע ערטער פון משנה און גמרא. אין די העכערע חדרים האט מען שוין געלערנט תוספות, און דאס אינגל האט שוין געפרואווט לערנען „גמרא פאר זיך", און דאס האט געהייסן „לייענען"; טייל מלמדים פלעגן אויך מיט גמרא־אינגלעך לערנען חומש מיט רש"י און אויך נביאים ראשונים און טיילמאל אויך נביאים אחרונים. ביים אנהויבן לערנען אלף־בית איז געווען דער מנהג צו ווארפן אויף דעם לוח פון אלף־בית א מטבע, וואס דאס קינד האט צוגענומען, גלויבנדיק, אז א מלאך האט עס אראפגעווארפן; די אינגלעך פון דרדקי פלעגן נישט גיין ווינטער ביינאכט אין חדר; די גמרא־אינגלעך האבן געלערנט אין חדר אויך ווינטער ביינאכט; יעדעס אינגל פלעגט מיטברענגען מיט זיך א ליכטל צום לערנען. אין טייל חדרים פלעגט זיין אחוץ דעם מלמד אויך א באהעלפער, וואס מען האט גערופן „בעלפער"; ער פלעגט מיטהעלפן דעם מלמד אין לערנען די אינגלעך, העלפן זיי אנטאן זיך, אפפירן אהיים (אין „שבחי הבעש"ט ווערט דערציילט ווי רבי ישראל בעל שם טוב ווען ער איז געווען אלס בחור א בעלפער האט ער אפגעפירט די קינדער אהיים מיט געזאנג). חומש האט מען אנגעהויבן לערנען מיטן קינד פון דער סדרה „ויקרא" אין טייל חדרים האט מען געלערנט די קינדער אויך עטוואס שרייבן יידיש, לשון קודש און זאגאר אביסל רעכענען און די ערשטע לימודים פון דער לאנד־שפראך, אבער דאס אלץ זייער ווייניק. ווען דאס אינגל האט שוין געקענט לערנען גמרא און תוספות, אלט זייענדיק 13־14 יאר, איז ער אריבערגעגאנגען לערנען אין בית המדרש, אדער געפארן לערנען אין ישיבות. די חדרים פלעגן זיין מייסטנס פריוואטע; יעדער מלמד האט גענומען די אינגלעך ביי די עלטערן און דערפאר באקומען באצאלט פארן זמן, דאס הייסט א האלב יאר, פון פסח ביז סוכות, אדער פון סוכות ביז פסח. עס זענען אויך געווען חדרים פון דער קהלה, אין וועלכע ארימע אינגלעך האבן געלערנט בחינם און די מלמדים האבן באקומען באצאלט פון דער קהלה; די דאזיקע חדרים האט מען גערופן „תלמוד תורה"; אין אנהויב 20טן יארהונדערט האבן אנגעהויבן אנטשטיין אין רוסלאנד, פוילן, די „חדרים מתוקנים" (רעפארמירטע חדרים), וואו מען האט געלערנט מער מעטאדיש און מער וועלטלעכע לימודים; די מאדערנע העבראישע שריפטשטעלער האבן געפירט א שטארקן קאמף קעגן אלטן חדר און זיין סיסטעם פון לערנען (די באשרייבונגען פון סמאלענסקין אין זיין ראמאן „התועה בדרכי החיים" און אנדערע); אין די שריפטן התקופה גיט א. מ. ליפשיץ א פארטיידיקונג פון חדר, באהויפטנדיק אז דער חדר האט דערהאלטן דאס יידישע פאלק. — וועגן אמאליקע חדרים אין 17טן יארהונדערט זע אין האנאווערס „יון מצולה" צום סוף; אברהאמס אין זיין ענגלישן בוך (איבערזעצט אויף הע־

ברעאיש „חיי היהודים בימי הביניים“ און אויך אין יידיש בקיצור) „דאָס יידישע לעבן אין מיטלאַלטער“ גיט שילדערונגען פון אמאָליקן סדר הלימוד ביי יידן ווי אויך די קוואַלן פון ספרים; אויך אין גידעמאנס (אין העברעאישער איבערזעצונג „התורה“ והחיים“ (דריטער טייל, אויך איבערזעצט אין יידיש דורך שטיף) געפינט מען פיל מאַטעריאַלן וועגן חדר אמאָל און די תקנות פון קהל וועגן די מלמדים און חדרים, וועגן אַפּצאָל, מעטאָדע פון לערנען וכדומה.

חדש אין חומש ויקרא כ״ג ווערט געזאָגט אז ווען מען שניידט אין ארץ־ישראל נייע תבואה, זאָל מען דעם ערשטן שניט, דעם „עומר“, ברענגען פאַר א קרבן, און איידער מען ברענגט דעם דאָזיקן עומר טאָר מען פון דער נייער תבואה נישט עסן; די דאָזיקע פאַרבאָטענע נייע תבואה האָט אין דער משנה און גמרא (מנחות ס״ח און אַנדערע ערטער) געהייסן „חדש“ (ניי); דעם עומר האָט מען מקריב געווען אין בית המקדש דעם 2טן טאָג פסח. אָבער אויך נאָכן חורבן פון בית המקדש, ווען מען האָט ניט מקריב געווען מער קיין עומר האָט מען פאַרבאָטן צו עסן חדש ביז דעם 2טן טאָג פסח ביינאַכט (מנחות ס״ח); וועגן דער פראַגע, צי אויך אויסער ארץ־ישראל איז חדש פאַרבאָטן, זענען פאַראַן פאַרשיידענע מיינונגען. פּרטים אין רמב״ם משנה תורה הלכות תמידין.

חדש זע „חודש“.

חובבי ציון נאָמען פון געזעלשאַפטן, וועלכע זענען געגרינדעט געוואָרן 1881—1896 אין פאַרשידענע לענדער (רוסלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך, רומעניע, פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַמעריקע) צו שטיצן יידישע קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל. אויף דער קאָנפערענץ אין קאַטאָוויץ י״ח חשון תרמ״ה (1884) אונטער דער פירערשאַפט פון דר. לעאָן פּינסקער, הרב שמואל מאָהליווער און אַנדערע איז געשאַפן געוואָרן א פאַרבאַנד פון אַלע חובבי־ציון־געזעלשאַפטן; אין דעם פאַרבאַנד האָבן אַנטיילגענומען די אָנגעזעענסטע יידישע כלל טוער און שריפטשטעלער (ווויסאָצקי, אחד העם, לילענבלום און אַנדערע). די אַרבעט פון חובבי ציון איז געוואָרן שוואַכער נאָכדעם ווי עס איז געשאַפן געוואָרן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. — זע „ציוניזם“.

חובות הלבבות זע „בחיי“.

חודש די צייט פון איין נייער לבנה ביז דער צווייטער נייער לבנה, דער „מאָנאַט“; אין תנ״ך הייסט ער אויך ירח; דאָס ערשטע מאָל געפינען מיר אין תנ״ך דעם נאָמען „חודש“ (חדש). וואָס שטאַמט זיכער פון וואָרט „חדש“, „ניי“, די נייע לבנה, אין חומש בראשית ז׳; דאָרט געפינען מיר אויך באַצייכענט דעם חודש לויט דער צאָל, „בחודש השני“, אין צווייטן חודש“. אין יאָר זענען פאַראַן 12 חדשים, וועלכע זענען אין די אַלטע צייטן פון תנ״ך באַצייכנט געוואָרן לויט דער צאָל, דער ערשטער חודש, דער צווייטער חודש און אַזוי ווייטער; דאָרט אין בראשית ח׳ געפינען מיר „בחדש השביעי (אין 7טן חודש), און דאָס זעלבע אויך אין פיל ערטער פון תנ״ך; נאָר טייל חדשים האָבן געהאַט אין תנ״ך באַזונדערע נעמען. די איצטיקע נעמען פון חדשים, ניסן, אייר, סיון, תמוז, אב, אלול, תשרי, חשון, כסלו, טבת, שבט, אדר, האָבן די יידן איבערגענומען ווען זיי זענען געווען אין גלות בבל נאָכן חורבן פון בית ראשון (ירושלמי ראש השנה פרק א׳); דעריבער געפינט מען די דאָזיקע נעמען נאָר אין די ספרים פון תנ״ך, וואָס זענען גע־

שריבן געוואָרן נאָך גלות בבל (זכריה, נחמיה, אסתר); צוליב דעם, וואָס די ציַיט צווישן איין נייער לבנה, וואָס הייסט אויף העברעאיש מולד, און דער צווייטער נייער לבנה איז מער ווי 29 און ווינציגער פון 30 טעג, האָט מען איינגע־פירט אַז טייל חדשים זענען 29 און טייל 30 טעג; די חדשים פון 29 טעג רופט מען „חסרים", און די חדשים פון 30 טעג רופט מען מלאים און אויך „מעוברים"; דער חודש נאָך דעם חודש פון 30 טעג האָט צוויי טעג ראש חודש, דאָס זענען: דער 30טער טאָג פון פאַרגאַנגענעם חודש און דער ערשטער טאָג פון נייעם חודש (זע וועגן חדשים מעוברים אין משנה ערכין פרק ב'); צוליב דעם, וואָס עס האָבן זיך אָנגעזאַמלט איבעריקע טעג נאָך אַ געוויסער צאָל יאָרן און די חדשים האָבן זיך נישט צוגעפּאַסט צום זון־יאָר, האָט מען אין טייל יאָרן צוגעגעבן אַ 13טן חודש, דעם אדר שני, און דאָס דאָזיקע יאָר האָט אויך געהייסן עבור־יאָר. וועגן די אַלע ענינים געבן מיר אויספירלעך ביַים זוכוואָרט „קאַלענדאַר"; זע די זוכווערטער פון יעדן חודש באַזונדער (ניסן, אייר און אַזוי וויַיטער), אויך „ראש חודש".

חוה (פון וואָרט „חיה", „לעבן"), נאָ־מען פון דער ערשטער פרוי אויף דער ערד, די פרוי פון אדם הראשון; לויטן סיפּור פון חומש בראשית ב' איז זי באַ־שאַפן געוואָרן פון אדם הראשונס זיַיט, ווען ער איז געשלאָפן; זי האָט, לויטן סי־פּור אין בראשית ג', זיך געלאָזט אָנרעדן פון דער שלאַנג צו עסן פון די פרוכטן פון פאַרבאָטענעם עץ הדעת און האָט אויך געגעבן אדם צו עסן פון זיי, און אַלס שטראָף זענען זיי פאַרטריבן געוואָרן פון גן עדן; אַלס שטראָף פאַר חוה איז גע־זאָגט געוואָרן, אַז זי וועט האָבן ליידן ביַים געבוירן קינדער („בעצב תלדי בנים"); לויט דער טראַדיציע איז איר קבר אין דער מערת המכפלה. — זע „אדם", „מערת המכפלה", „נחש".

חוזה זע „נביא".

חוי נאָמען פון איינעם פון די 7 פעל־קער (שבעה עמים) וואָס האָבן באַוווינט ארץ־ישראל איידער די יידן האָבן איינ־גענומען דאָס לאַנד אין דער ציַיט פון חומש; ווערט דערמאָנט פיל מאָל אין חומש (בראשית י' און פיל אַנדערע ערט־טער).

חול המועד (וואָך פון יום־טוב). נאָ־מען פון די טעג צווישן די ערשטע טעג און די לעצטע טעג פון די ימים־טובים פסח און סוכות; איז פסח האָט דער חול המועד 4 טעג און סוכות 5 טעג; אין ארץ־ישראל האָט פסח 5 טעג חול־המועד, און סוכות 6 טעג חול המועד; אין זייער פיל הינזיכטן האָט חול המועד דעם דין פון יום־טוב; חול המועד סוכות דאַרף מען זיצן אין סוכה; מען זאָגט הלל (פסח האַלבּ, סוכות גאַנץ), דער גרעסטער טייל יידן לייגט נישט קיין תפילין; דער אונ־טערשיד איז נאָר אין אַרבעט, וואָס אין חול המועד מעג מען יאָ טאָן אויב דאָס איז אַ „דבר האבד", דאָס הייסט, אַז מען וועט עס שפּעטער נישט קאָנען אָפּ־אַרבעטן. די דינים פון חול המועד זענען פאַראַן אין דער משנה און גמרא פון „מועד קטן" (דאָרט הייסט חול המועד אויך סתם „מועד" און אויך „מועד קטן").

חולדה נאָמען פון אַ פרוי אַ נביאה אין דער ציַיט פון יאשיהו מלך יהודה אין ירושלים; פון איהר איז געבליבן נאָך איין נבואה (מלכים ב' כ"ב), אַז גאָט וועט באַשטראָפן די יידן און ירושלים פאַר די יידישע זינד, נאָר ווייל יאשיהו

המלך האָט תשובה געטאָן וועט עס אין זיינע צייטן נישט געשען; אין די שפּעטערע צייטן פון דער משנה האָט מען געוויזן אין ירושלים דעם קבר פון חולדה הנביאה (אבות דרבי נתן ל"ד); דעם דאָזיקן קבר ווייזט מען אויך היינט אין ירושלים.

חולין נאָמען פון דער דריטער מסכתא משניות אין סדר קדשים, האָט 12 פּרקים, באַהאַנדלט די דינים פון שחיטה, טרפות און אַנדערע דינים וואָס האָבן אַ שייכות צום עסן פלייש פון בהמות און עופות; זי האָט תוספתא און גמרא בבלי; ירושלמי איז נישטאָ (דער געפונענער ירושלמי אויף סדר קדשים האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס געפעלשט). דאָס וואָרט חולין באַדייט „וואָכעדיק", „נישט־הייליק", ווייל די מסכתא באַהאַנדלט נאָר בהמות, וועלכע זענען נישט געהייליקט געוואָרן אַלס קרבנות צום בית המקדש, אין קעגנזאַץ צו „קדשים" געהייליקטע בהמות; די מפרשים אין אַמאָליקע צייטן האָבן איר גערופן „שחיטת חולין".

חומש מיטן נאָמען חומש (פון וואָרט חמש, פינף) רופן מיר אָן די 5 ספרים פון דער תורה, בראשית, שמות, ויקרא, במדבר, דברים, וועלכע זענען לויט דער טראַדיציע געשריבן געוואָרן דורך משה רבנו. אין די ספרי הנביאים און כתובים געפינען מיר דעם אויסדרוק „תורת משה" און „ספר משה" (יהושע ח' און דברי הימים ב' כ"ה); אין דער גמרא מגילה ט"ו און אַנדערע ערטער ווערן זיי אַנגערופן „חמשה חומשי תורה"; אין גטין ס' הייסן זיי „חומשים". עס ווערט געמאַכט אַן אונטערשיד אין דעם נאָמען: אויב זיי זענען געשריבן אויף פּאַרמעט אַלס ספר תורה הייסן זיי תורה, און אויב איינפאַך, נישט לויט די דינים פון שרייבן אַ ספר תורה, הייסן זיי חומשים. — אין גטין ס' קלערט די גמרא „מהו לקרות בחומשים בבית הכנסת") צי מען מעג לייענען אין שול פון חומשים אַרויס); אין ירושלמי מגילה פרק ג' געפינען מיר דייטלעך די צוויי ווערטער צוזאַמען „תורה וחומשים"; וועגן יעדן חומש געבן מיר ביים זוכוואָרט פון זיין נאָמען („בראשית", „שמות" און אַזוי ווייטער); וועגן די מיינונגען פון די ביבלקריטיקער געבן מיר אין „תנ"ך־קריטיק", וואו מיר געבן אויך די מיינונגען פון די געלערנטע, וועלכע טרעטן אַרויס קעגן דער תנ"ך־קריטיק. — אין דער גמרא ווערט אויך דער תהלים איינגעטיילט אין „חומשים" (קידושין ל"ג, „שני חומשין שניתי לו בספר תהלים").

חוני המעגל נאָמען פון אַ צדיק, אַ בעל מופת, וואָס האָט געלעבט אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון שמעון בן שטח (לערך 80 יאָר פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג); אין תענית כ"ג ווערט דערציילט, אַז איינמאָל איז נישט געגאַנגען קיין רעגן, האָט חוני המעגל געמאַכט אַרום זיך אַ ראָד, אַן עיגול (דערפון זאָל ער הייסן „המעגל") און געשוואוירן, אַז ער וועט פון דאָרט נישט אַרויסגיין ווי לאַנג עס וועט ניט רעגענען, און עס האָט אָנגעהויבן צו רעגענען; די גמרא דאָרט דערציילט, אַז שמעון בן שטח האָט אים דערפאַר געוואָלט לייגן אין חרם, נאָר ער האָט עס נישט געטאָן צוליב דער צדקות פון חוני המעגל. דאָרט אין תענית כ"ג דערציילט דער אמורא רבי יוחנן אַז חוני המעגל האָט זיך געוואונדערט אויפן פסוק „בשוב ה' את שיבת ציון היינו כחולמים", ווי אַזוי איז עס מעגלעך, אַז אַ מענטש זאָל שלאָפן 70 יאָר (אַזוי לאַנג זענען יידן געווען אין גלות בבל פאַר שיבת ציון); איינמאָל האָט ער זיך געלייגט שלאָפן אונטער אַ בוים און ער איז אָפּגעשלאָפן 70 יאָר;

ווען ער האט זיך אויפגעבאפט האט ער דערזען לויט די ענדערונגען ארום, אז ער איז געשלאפן 70 יאר; ער איז געקומען אין שטאט און נישט געפונען זיינע פריינט פון אמאל, און ער האט געבעטן אויף זיך דעם טויט און ער איז געשטארבן; דער זעלבער ספור ווערט געבראכט אין ירושלמי תענית פרק ג' מיט געוויסע ענדערונגען (אז ער איז געווען אין דער צייט פון גלות בבל); פלאוויוס איז „אלטערטימער", בוך 14 דערציילט, אז חוני איז געווען אין דער צייט פון דער מלחמה צווישן די צוויי ברידער הורקנוס און אריסטובלוס, און ווייל ער האט נישט געוואלט מתפלל זיין, אז איינער זאל דעם צווייטן באזיגן האט מען אים דערמארדעט; אין ירושלמי תענית פרק ג' ווערט געבראכט חוניס אן אייניקל אויך מיטן נאמען חוני; אין גמרא תענית כ"ג ווערט דערציילט וועגן אייניקלעך פון חוני, וועלכע זענען אויך געווען בעלי מופת.

חוניו — אין דער צייט פאר דעם חשמונאים-אויפשטאנד זענען געווען אין ארץ-ישראל עטלעכע כהנים-גדולים מיטן נאמען חוניו; אין יענער צייט איז ארץ-ישראל געווען אונטער דער הערשאפט טיילמאל פון עגיפטן און טיילמאל פון סיריע, און דער כהן גדול איז געווען דער פאקטישער גאווערנאר פון לאנד; טייל פון די חוניוס האבן געשפילט א גרויסע פאליטישע ראלע. — איין חוניו (דער צווייטער) איז געווען א זון פון שמעון כהן גדול (לויט טייל, שמעון הצדיק פון דער משנה); ער האט געפרואווט מאכן ארץ-ישראל זעלבסטשטענדיק, אבער עס איז אים נישט געלונגען; ער איז געשטארבן לערך דעם יאר 185 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. — חוניו דער דריטער, איז געווען דער פירער פון די פרומע יידן, די חסידים, קעגן די אסימילירטע, העלעניזירטע יידן; דער סירישער מלך אנטיוכוס עפיפאנעס האט אים אראפגעזעצט פון זיין כהונה גדולה און אויף זיין ארט באשטימט זיין ברודער דעם העלעניזירטן יאזאן, און פון דערמאלט אן האבן זיך אנגעהויבן די גזרות, וועלכע האבן דערפירט צום חשמונאים-אויפשטאנד; חוניו איז דערמארדעט געווארן. — חוניו דער 4טער (אדער פינפטער) האט געשפילט א גרויסע ראלע אין דער יידישער געשיכטע; ער איז אנטלאפן פון ארץ-ישראל קיין מצרים און האט באקומען ביים קעניג פטאלאמעאוס דעם 7טן די דערלויבעניש אויפצושטעלן אין מצרים, אין דער שטאט לעאנטאפאלים א בית המקדש לויטן מוסטער פון בית המקדש אין ירושלים. דאס איז געווען לערך דעם יאר 156 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. חוניו האט די דערלויבעניש באקומען און אויפגעשטעלט דעם בית המקדש, אין וועלכן ער האט מקריב געווען קרבנות; דער דאזיקער בית המקדש איז געווען באקאנט מיטן נאמען „בית חוניו"; די גמרא אין מנחות ק"ט ברענגט א ברייתא וועגן דעם דאזיקן בית חוניו, און די תנאים זענען דארט מחולק, צי עס איז געווען א **הויז פאר עבודה** זרה, צי עס איז געווען פאר גאט (לשם שמים); דער בית חוניו איז געווען דער רעליגיעזער קולט-צענטער פאר א געוויסער צאל יידן אין עגיפטן דורך דער גאנצער צייט ביז דער בית חוניו איז חרוב געווארן צוויי יאר נאכן חורבן פון 2טן בית המקדש אין ירושלים, הגם אלס זייער הויפט-צענטער האבן זיי באטראכט דעם ירושלימער בית המקדש; לויט אנדערע מיינונגען איז דער בית חוניו אויך געווען א צענטער פאר א יידישער מיליטערישער קאלאניע אין עגיפטן. — פרטים ביי טשעריקאווער „היהודים והיהדות בתקופה ההלניסטית" (תל אביב תרצ"א).

חופה זע „חתונה".

חוצפה אן אראמעאיש ווארט (געשריבן אין דער גמרא „חוצפא", סוטה מ"ט און אנדערע ערטער), באדייט דאס ארויסטרעטן אן דרך ארץ קעגן העכער־שטייענדע מענטשן; אין אלגעמיין ווערט חוצפה אין די יידישע רעליגיעזע ספרים באטראכט אלס א שלעכטע מידה, וועלכע ווערט אויך אויסגעדריקט מיט דעם העברעאישן ווארט „עזות פנים"; אין סוטה מ"ט איז פאראן דאס ווארט, אז איידער משיח וועט קומען וועט פארשטארקט ווערן די חוצפה; אבער טיילמאל ווערט חוצפה אין זין פון „דרייסטקייט" באטראכט אלס מעלה, און די גמרא סנהדרין ק"ה זאגט „חוצפה אפילו כלפי שמיא מהני" (דרייסטקייט העלפט אפילו קעגן הימל); אין מדרש שמות רבה מ"ב ווערט געזאגט אז יידן זענען די „חצופים שבאומות", דאס הייסט די דרייסטע, די ביי זיך פעסטע, צווישן די פעלקער; א פארשייטע פרוי האט געהייסן „חצופה" (ירושלמי תענית פרק ד' „אחת חצופה ואחת כשרה", און אנדערע ערטער).

חוצפית המתורגמן תנא אין יבנה אין 1טער העלפט 2טן יארהונדערט; ער איז געווען דער מתורגמן, דער פראקטישער צונויפשטעלער פון די הלכות אין דער מתיבתא אין יבנה אין דער צייט פון רבן גמליאל הנשיא (ברכות כ"ז); אין מדרש איכה רבתי ב' ווערט דערציילט, אז ער איז געווען פון די עשרה הרוגי מלכות, און אין קידושין ל"ט ווערט דערציילט, אז א טייל פון זיין קערפער האט זיך געוואלגערט נאכן טויט און איז ניט געקומען צו קבורה; אין משנה שביעית י' איז פאראן זיינס א הלכה.

חורבן זע „חרבן".

חושיאל למדן און ראש ישיבה אין קיירואן (צפון אפריקע) אין 10טן יארהונדערט; וועגן אים און נאך 3 חכמים ווערט דערציילט (אין ספר הקבלה פון רבי אברהם אבן דאוד, ראב"ד דעם 1טן) די בארימטע מעשה, אז זיי זענען געפארן אויף א שיף פאר א מצוה־זאך און זענען געפאנגען געווארן דורך א שיפס־קאפיטאן, וועלכער האט יעדן פון זיי פארקויפט אין פארשידענע לענדער, וואו יעדער פון זיי האט געגרינדעט א ישיבה און אזוי ארום פארשפרייט דעם לימוד־התלמוד איבער די לענדער; ר' חושיאל זאל לויט דעם דאזיקן סיפור האבן פארקויפט געווארן אין קיירואן און אזוי ארום פארשפרייט דעם למוד התורה אין צפון־אפריקע; אין דער לעצטער צייט האט מען געפונען כתבי־יד אין דער „גניזה" (זע זוכווארט „גניזה"), וואס ווייזן אויף דער נישט־ריכטיקייט פון דאזיקן סיפור; רבי חושיאל האט געהאט גרויסע תלמידים, דער וויכטיקסטער פון זיי איז געווען זיין זון רבנו חננאל. — זע זוכווערטער „חננאל", „פיר געפאנגענע".

חושן ואפוד זע „חשן".

חושן משפט נאמען פון 4טן טייל פון די טורים און שולחן ערוך, באהאנדלט אלע דינים וואס האבן א שייכות צו געלט תביעות, דיינים, עדות. — זע „שולחן ערוך".

חזון, שבת נאמען פון שבת פאר תשעה באב; מען זאגט דעמאלט די הפטרה דאס ערשטע קאפיטל ישעיה „חזון ישעיהו", אין וועלכן דער נביא שטראפט די יידן; צום דאזיקן שבת טוט מען נישט אן קיין אויבערשטע שבתדיקע מלבושים אלס צייכן פון טרויער.

חזיר דער פארבאט צו עסן פלייש פון א חזיר, איז פאראן אין חומש (ויקרא י"א, דברים י"ד), און עס ווערט געזאגט

אַז הגם ער האָט דעם סימן פון כשר אויף די פיס (ער איז מפריס פרסה, די קלאָען זענען צעשפּאָלטן), אָבער ער איז נישט מעלה גרה (ברענגט נישט אַרויף צוריק דאָס עסן) און דעריבער געהערט ער צו די פאַרבאָטענע בעלי חיים; ביי יידן איז דער חזיר געווען מער פאַרמיאוסט ווי יעדע אַנדערע נישט־כשרע בהמה; דער נביא ישעיה (קאַפּיטל ס״ו) רעכנט אויס „אכלי בשר החזיר״, די וואָס עסן חזיר־פלייש, אַלס אומריין; די יידישע שונאים ווייסנדיק די דאַזיקע אָפּנייגונג פון יידן קעגן חזיר, פלעגן צווינגען יידן דווקא דאָס צו עסן, און דער חשמונאים־אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן, ווען מען האָט געצוואונגען אַ ייד מקריב צו זיין אַ חזיר (חשמונאים ב׳); אין דער גמרא מנחות ס״ח ווערט דערציילט דער סיפּור אַז ווען הורקנוס און אַריסטובלוס האָבן געפירט צווישן זיך מלחמה און הורקנוס האָט באַלאַגערט ירושלים, האָט מען אַנשטאָט צו געבן די באַלאַגערטע אַ כשרע בהמה מקריב צו זיין, געשיקט אַרויף אויף דער מויער אַ חזיר, דעמאָלט האָט מען גוזר געווען „ארור שיגדל חזרים״ (פאַרשאָלטן זאָל ווערן דער וואָס וועט האָדעווען חזירים); אין ספר „אור יקרות״ ווערט געבראַכט אַ מדרש, אַז ווען משיח וועט קומען וועט חזיר ווערן מותר

חז״ל ראשי תבות פון „חכמים זכרונם לברכה״, און ווערט באַנוצט צום באַצייכענען די חכמים פון משנה און גמרא; אויף די יידישע חכמים נאָך דער משנה און גמרא ווערט דער דאָזיקער אויסדרוק חז״ל נישט באַנוצט.

חזן, חזנים, חזנות אין די צייטן פון משנה און גמרא האָט „חזן״ געהייסן אייגנטלעך דער שמש פון דער שול, וועלכער האָט אויך געהאַט די אויפגאַבע אַכטונג צו געבן, ווי די קינדער דאַווענען און לערנען; די משנה שבת א׳ „החזן רואה היכן תינוקות קורין״ (דער חזן זעט ווי די קינדער לייענען); נאָר אין טייל ערטער ספרי אין נשא און אַנדערע ווערט חזן אויך אָנגערופן דער לייענער אין ספר תורה און וואַרשיינלעך אויך דער וואָס האָט געדאַווענט פאַרן עמוד, וועלכער האָט געוויינלעך אויך געהייסן „שליח ציבור״ (וועגן דעם איז פאַראַן אַ גרעסערע אָפּהאַנדלונג אין קאָהוטס „ערוך השלם״ זוכוואָרט „חזן״, וואו עס ווערן געבראַכט די אַלע מיינונגען); ערשט אין דער צייט פון די גאונים אין בבל (לערך דעם 8טן יאָרהונדערט) האָט מען גערופן דעם דאַווענער פאַרן עמוד „חזן״; תוספות אין סוכה נ״ב ברענגט אין נאָמען פון רב כהן צדק גאון, אַז דער צבור דאַרף הערן יעדע ברכה פון חזן און דערנאָך ענטפערן אמן; אין ספר יוחסין ווערט געבראַכט פון ר׳ נתן וועגן די מנהגים פון בבל אין דער צייט פון די גאונים אַז דער חזן האָט אויך געהאַט מיט זיך בחורים מיט אַ שיינער שטימע (בעלי קול, בעלי נעימה, וקולם ערב), דאָס הייסט, אַז שוין דעמאָלט איז געווען אַחוץ דעם חזן, אויך משוררים.—פון וואַנען דאָס וואָרט „חזן״ שטאַמט, זענען פאַראַן פאַרשידענע מיינונגען; טייל זאָגן, אַז עס איז פון דער פּערסישער שפּראַך; אַנדערע האַלטן, אַז עס איז פון וואָרט „חרזן״. — געוויינלעך האָט מען געזוכט אַ חזן מיט אַ שיינער שטימע, וועלכער האָט געקענט זינגען; און שוין אין תענית ט״ז ווערן אויסגערעכנט די מעלות פון שליח צבור „ויש לו נעימה וקולו ערב״. — דער געלערנטער גידעמאַן אין זיין „התורה והחיים״ (העברעאישע איבערזעצונג, באַנד 3, זייט 76—77) ברענגט אַז אין מיטלאַלטער איז אין די דייטשע קהלות דער חזן געווען אַן אָפיציעל אַנערקענטער באַאַמטער, און פיגורירט אין אַלטע רעגירונג־דאָקומענטן אַלס „זאַנגמייסטער״

און „פֿאַרזענגער״; ער ברענגט דאָרט פֿון שאלות ותשובות מהרם מינץ סימן פ״א וועלכער האָט מתקן געווען תקנות, וואָסערע מעלות אַ חזן דאַרף האָבן: גיין שיין און ריין אָנגעטאָן, האָבן אַ שיינע שטימע, דאַווענען וואָרט ביי וואָרט; אין די אַמאָליקע צייטן זענען גרויסע יידישע פֿערזענלעכקייטן געווען חזנים און געטראָגן דעם טיטל ש״ץ (שליח צבור), ווי רבי מאיר ש״ץ אין וואָרמס מחבר פֿון ,אקדמות״ און אַנדערע. די חזנים האָבן געהאַט באַשטימטע מעלאָדיעס, מיט וועלכער זיי האָבן געדאַוונט די פֿאַרשידענע תפֿילות; רבי יעקב מולין (מהרי״ל) אין זיין ספר ,מנהגים״ (15טן יאָרהונדערט) דערציילט וועגן באַשטימטע מעלאָדיעס צו „קדיש״ אין ימים נוראים, צו „גדלו״ אין ימים־טובים, צו ,הכל יודוך״, און צו אַנדערע פֿאַרשידענע פּיוטים; די דאָזיקע מעלאָדיעס זענען געווען פֿאַרשידענע אין פֿאַרשידענע לענדער, און אין דער געשיכטע פֿון חזנות אונטערשיידט מען צווישן דעם נוסח פֿון די „ספֿרדים״; וועלכע זענען געווען מער אונטער דעם אַראַבישן איינפֿלוס, אין דעם נוסח פֿון די דייטשע און איטאַליענישע יידן, וועלכע זענען געווען אונטער דעם מוזיקאַלישן איינפֿלוס פֿון די אייראָפּעאישע פֿעלקער; אין אַלגעמיין איז אָנגענומען אַז געוויסע מעלאָדיעס פֿון חזנות אין די שולן, צו וועלכע עס געהערן אויך די מעלאָדיעס פֿון קריאת התורה (סיי שבתים און ימים־טובים, סיי ימים־נוראים), ווי אויך פֿון די הפֿטורות, מגילה־לייענען, זענען זייער אַלטע, און מעגלעך אַז זיי האָבן אין זיך עלעמענטן נאָך פֿון דער צייט פֿון בית־המקדש, ווען די לויים האָבן געזונגען זייער שירה; מען פּרוּווט אויסגעפֿינען די דאָזיקע עלעמענטן דורך פֿעסטשטעלן די ענלעכקייט פֿון געוויסע מעלאָדיעס ביי אַלע יידן, אפֿילו פֿון די ווייטסטע לענדער (ווי תימן און אַנדערע), וואָס ווייזט, אַז די דאָזיקע מעלאָדיע־עלעמענטן זענען נאָך פֿון דער צייט, ווען אַלע יידן זענען געווען צוזאַמען אין ארץ־ישראל. — אין 16טן יאָרהונדערט זענען געווען יידישע מוזיקער אין איטאַליע (ר׳ שלמה דע ראָסי און אַנדערע) וואָס האָבן זיך באַמיט צו מאָדערניזירן די חזנות־מעלאָדיעס; דע ראָסי האָט אַרויסגעגעבן זיין „שירי שלמה״; אָבער דורכגעפֿירט געוואָרן איז די דאָזיקע באַמיאונג ערשט אין סוף פֿון 18טן און נאָכער אין 19טן יאָרהונדערט, מיט דער האַלבער און גאַנצער רעפֿאָרם פֿון טייל סינאַגאָגעס; צו די באַדייטנדסטע מאָדערנע פֿאַרפֿאַסער פֿון חזנים־מעלאָדיעס געהערן זולצער, לעוואַנדאָווסקי, נאָוואַקאָווסקי און אַנדערע. — אַ רשימה פֿון אַמאָליקע חזנים געפֿינט זיך אין די זאַמלביכער „רשומות״; איבער דער געשיכטע פֿון חזנות און חזנים געפֿינט זיך אין דער צייטשריפֿט „חזנים־וועלט״ (דערשינען אין וואַרשע פֿון 1935 אָן), און „חזנים־לעקסיקאָן״ דערשינען אין אַמעריקע); וועגן דער געשיכטע פֿון די מעלאָדיעס ביי אידלזאָן „תולדות הנגינה העברית״ און „אוצר נגינות ישראל״, י. ראַבינאָוויטש „מוזיק ביי יידן״. — זע זוכוואָרט „מוזיק״.

חזקה נעמען אַ זאַך אין באַזיץ אַלס אייגנטום; דערפֿון איז אויך געוואָרן דער באַגריף פֿון חזקה אַלס דאָס רעכט, וואָס האָט עקזיסטירט פּאַקטיש און מען נעמט דעריבער אָן אַז עס דאַרף עקזיסטירן אַזוי ווייטער. — אין דער גמרא אין די הלכות ווערן די אַלע דאָזיקע פֿאַרשידענע באַגריפֿן פֿון חזקה ברייט באַהאַנדלט, ווי חזקת כשרות, (חולין י׳), חזקה פֿון נעמען אַ זאַך אין באַזיץ (משנה קידושין פּרק א׳), חזקה אַלס אָנגענומענע אייגנשאַפֿט פֿון אַ מענטש (בבא מציעא ג׳ ..חזקה אין אדם מעיז פניו בפני בעל חובו), און חזקה, אויב איינער האָלט 3 יאָר אַ הויז

צי א פעלד דארף ער מער נישט ברענגען באווייזן, אז עס איז זיינס (בבא בתרא פרק ג׳ „חזקת הבתים״); אין מיטלאלטער איז געווען איינגעפירט דער דין פון חזקה ביי פרנסות אדער ביי וואוינונגען, אז מען האט נישט געטארט אויסדינגען קיינעמס פרנסה אדער קיינעמס וואוינונג; די האזיגע חזקה־תקנה שטאמט פון רבנו גרשם מאור הגולה, און די שאלות ותשובות־ספרים אנטהאלטן געוויינלעד פיל אפהאנדלונגען וועגן חזקה־ספסוכים.

חזקיה מלך פון יהודה (אין די יארן 725 — 698 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג), זון פון אחז; אין זיין צייט איז געפאלן די צווייטע יידישע מלוכה אין ארץ־ישראל, די מלכות ישראל און די עשרת השבטים זענען פארטריבן געווארן דורכ׳ן מלך אשור פון זייער לאנד; אין זיין צייט איז געווען ישעיהו הנביא; דער תנ״ך (מלכים ב׳ י״ח) דערציילט, אז חזקיה איז געווען א פרומער מלך, האט צעבראכן די פארשידענע אפגעטער, אפגעהאקט די געצנדינערישע ביימער (אשרות) און צעבראכן דעם קופערנעם שלאנג (נחש הנחשת) פון משה רבנום צייטן, צו וועלכן טייל יידן האבן געדינט; ער האט איינגעפירט די ריינע דינסט צו גאט און האט אפגעהיטן די מצוות פון תורת משה. ער האט אויך זיך באשעפטיקט מיט פאליטישער באפרייאונג פון זיין לאנד, געפירט א זיגרייכע מלחמה קעגן די פלשתים; מורא האבנדיק אז אין פאל פון א באלאגערונג פון ירושלים וועט די שטאט בלייבן אן וואסער האט ער פארשטאפט די קוואלן וואסער (מי השלח) אויסער דער שטאט און דורכגעהאקט א טונעל און געפירט דאס וואסער דורך דעם טונעל אונטער דער ערד קיין ירושלים; אין סוף פון 19טן יארהונדערט האט מען אין ירושלים געפונען דעם שטיין מיט דער העברעאישער אויפשריפט וועגן אויפבוי פון טונעל, וועלכער הייסט „נקבה״ (פון „נקבה״, „דורכלעכערען״); אין דער צייט פון חזקיהס הערשאפט האט סנחריב מלך אשור מארשירט אויף יהודה, כדי איר איינצונעמען און פארניכטן, און זיין מיליטער־פירער רבשקה, איינעמענדיק כמעט אלע שטעט אין יהודה, איז צוגעטרעטן מיט א שטארקער ארמיי צו ירושלים און איר באלאגערט; ישעיהו הנביא האט דעמאלט געזאגט די בארימטע נבואה אז „אל העיר הזאת לא יבא״, אז סנחריב וועט ירושלים ניט איינעמען. דער תנ״ך דערציילט אז ביינאכט האט א מלאך געטויט אין דער ארמיי פון אשור 185 טויזנט מאן; סנחריב האט געמוזט אפטרעטן פון ירושלים, און קומענדיק אהיים האבן אים זיינע צוויי זין דערמארדעט (מלכים ב׳ י״ט); חזקיה האט, ווייזט אויס, זיך אויך אינטערעסירט מיט איינארדענען אלטע יידישע ספרים; אין קאפיטל כ״ה פון משלי ווערט געזאגט אז פון דעם דאזיקן קאפיטל אן האבן די משלים צונויפגעשטעלט (אדער איבערגעשריבן, „העתיקו״) „אנשי חזקיה מלך יהודה״; די גמרא אין בבא בתרא ט״ו ברענגט א טראדיציע, אז „חזקיה וסיעתו (חזקיה און זיינע מיטהעלפער) האבן אויפגעשריבן די תנ״ך־ספרים ישעיה, משלי, שיר השירים, און קהלת; אין דער גמרא (פסחים נ״ו און אנדערע ערטער) ווערט דערציילט, אז ער האט אויפגעטאן א סך זאכן, צווישן אנדערע, אז ער האט באהאלטן דעם ספר רפואות.

חזקיה סילווא זע „סילווא״.

חטא זע „זינד״.

חטאת זע „קרבנות״.

חיבר (לעז „כייבאר״), א מדבר־אאזע אין דעם אראפישן מדבר אויפן וועג פון מעקא קיין ארץ־ישראל; אין דער צייט פון מאכמעד (אנהויב 7טן יארהונדערט)

האָבן דאָרט געוואוינט אַ סך ייִדן; רבי בנימין פֿון טודעלאַ (ספֿר „מסעות בנימין") אין 12טן יאָרהונדערט האָט דאָרט געטראָפֿן 1500 ייִדן; וועגן די ייִדן פֿון חיבר זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס אין מיטלאַלטער, אַז זיי זענען די עשרת השבטים, די בני משה, די בני יונדב בן רכב; עס איז פֿעסטגעשטעלט, אַז אין יענער געגנט איז פֿאַראַן אַן אַראַבישער שבט בני חיבר פֿון לערך 60 טויזנט נפֿשות, קעמפֿער, וועלכע זענען מאַכמעדאַנער אָבער זיי היטן שבת, יום־כּפּור און אַ ריי אַנדערע ייִדישע מצוות (זע בן צבים אָפּהאַנדלונג איבער די בני חיבר אין „כּנסת" ת"ש).

חידקאַ, רבי תנא אין ארץ־ישראל אין 2טן יאָרהונדערט; אין שבת קי"ז זאָגט ער, אַז שבת דאַרף מען עסן 4 סעודות (ניט 3 סעודות, ווי אַנדערע האַלטן); פֿאַראַן טייל פֿרומע ייִדן וואָס עסן צווישן די מאָלצייטן שבת נאָך עפּעס כּדי מקיים צו זיין „רבי חידקאס סעודה".

חיוג, יהודה (לעז „כאַיודזש"), פֿון די ערשטע דקדוק־געלערנטע ביי ייִדן, געלעבט אין ענדע 10טן יאָרהונדערט; ווען ער איז געבוירן געוואָרן און געשטאָרבן איז שווער פֿעסטצושטעלן; מען ווייסט נאָר אַז אין 1012 האָט ער שוין נישט געלעבט; ער האָט געוואוינט אין שפּאַניע, אין קאָרדאָווע, געלעבט פֿון מעדיצין; געווען אַ תּלמיד פֿון מדקדק מנחם בן סרוק און דער רבי פֿון רבי יונה אבן גנאח און רבי שמואל הנגיד; ער האָט דער ערשטער דורכגעפֿירט אין דקדוק דעם כּלל, אַז די העבּרעאישע ווערטערוואָרצלען באַשטייען פֿון 3 אותיות (פּעל פּקד); ער האָט אויך דער ערשטער פֿאַרגליכן די שפּראַכן העבּרעאיש און אַראַביש און אַזוי אַרום באַקומען דערקלערונגען פֿאַר אַ סך אומפֿאַרשטענדלעכע העבּרעאישע ווערטער. זיינע ספֿרים האָט ער געשריבן אין אַראַביש; דער אבן עזרא בּרענגט פֿון זיי אַ סך שטעלן; איין ספֿר, איבער נקוד, האָט דער אבן עזרא איבערזעצט אין העבּרעאיש; ער האָט דער ערשטער פֿעסטגעשטעלט די טערמינען פֿון דקדוק, וועלכע זענען אין אַלגעמיין אָנגענומען אויך היינט. — לעצטנס זענען דערשינען אין דרוק עטלעכע זיינע ספֿרים (דורך יאַסטראָוו, דוקעס, נוט).

חיווי הבלכי (כיווי הבאַלכי), ייִדישער געלערנטער, פֿרייַדענקער (איינער פֿון די ערשטע ייִדישע פֿרייַדענקער, וועלכע זענען אונדז באַקאַנט), תנ"ך־קריטיקער, געלעבט אין סוף פֿון 8טן יאָרהונדערט אין פּערסיע (אין דער פּראָווינץ באַלך, דערפֿון איז זיין נאָמען הבלכי); זיינע ספֿרים זענען פֿאַרלוירן געגאַנגען, און מיר ווייסן וועגן אים נאָר דערפֿון, וואָס זיינע שפּעטערע שאַרפֿע קעגנער, די גרויסע ייִדישע חכמים רב סעדיה גאון, דער אבן עזרא, און אַנדערע, בּרענגען תשובות אָפּצוענטפֿערן די קריטיק און אַפּיקורסישע טענות פֿון חיווי הבלכי (וועמען זיי רופֿן אָן אין שפּאָט־פֿאָרם „חיוי הכלבי") אויפֿן תנ"ך; רב סעדיה גאון זאָגט, אַז חיווי האָט אין זיין ספֿר אַרויסגעשטעלט 200 טענות קעגן תנ"ך; ער האָט געהאַלטן, אַז די וועלט עקזיסטירט פֿון אייביק אָן; געלייקנט, אַז דער מענטש האָט פֿרייען ווילן; געפּרוּווט דערקלערן די ניסים פֿון תנ"ך מיט דרך הטבע (קריעת ים סוף איז געווען, ווייל משה האָט געוואוסט די צייט ווען דאָס וואַסער פֿאַלט אָפּ וכדומה); ער האָט אויך אָנגעוויזן אויף סתירות אין תנ"ך; רב סעדיה טרעט קעגן אים אַרויס גאָר שאַרף; דער ראב"ד אין ספֿר הקבלה דערציילט, אַז חיווי האָט אַליין אָנגעשריבן אַ חומש און מלמדים האָבן אים געלערנט מיט קינדער, און רב סעדיה האָט דאָס אָפּגעשאַפֿט; דר. שמואל

אברהם פּאָזנאַנסקי האָט אַרויסגעגעבן אַן אָפּהאַנדלונג „חיוי הבלכי״ (בערדיטשעוו תרס״ה), אין וועלכער ער רעכנט אויס אַלע ספרים אין וועלכע חיוי ווערט דערמאָנט.

חיון, נחמיה

(1660 אין סעראַיע — לערך 1730 אין טוניס, צפון־אַפריקע); מקובל, אַוואַנטוריסט, אַנהענגער פון שבתי צבי אַלס משיח; געלערנט אין חברון, געווען רב אין אַ ריי שטעט, נאָכער משולח (שד״ר) פון דער קהלה אין צפת אַרומצופאָרן איבער דער וועלט צו זאַמלען געלט; ער האָט מחבר געווען אַ קבלה־ספר „מהימנותא דכולא״ מיט צוויי פּירושים „עז לאלהים״ און „בית קדש הקדשים״, אין וועלכע ער האָט אַנטוויקלט די גאַנצע קבלה־שיטה פון די שבתי־צבי־אַנהענגער, אַז גאָט האָט איבערגעגעבן די וועלט צו שבתי צבי צום רעגירן; ער האָט דאָס נישט געשריבן אָפן, נישט דערמאָנט אַפילו שבתי צבים נאָמען, אָבער די גרונט־שיטה איז געוואָרן אינגאַנצן אַנטוויקלט; עס איז אים געלונגען צו באַקומען די הסכמות פון די רבנים רבי דוד אָפּנהיים, רבי נפתלי כץ און אַנדערע, און ער האָט אָפּגעדרוקט דאָס ספר אין בערלין 1713; ערשט רבי צבי אשכנזי (חכם צבי) האָט באַמערקט די שבתי־צבי־מיינונגען און איז צוזאַמען מיט רבי משה חאַגיז קעגן אים אַרויסגעטרעטן און אים געלייגט אין חרם; חיון האָט געשריבן קעגן רבי צבי אשכנזי זיין פּאַמפלעט „הצד צבי״. עס האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטאַרקע מחלוקה, ווייל חיון האָט געהאַט רבנים (רבי שלמה אַיליון), וועלכע האָבן פון אים יאָ געהאַלטן. עס זענען דערשינען פּאַמפלעטן פון ביידע צדדים. חיון האָט נאָכער געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, און ער איז געשטאָרבן אין צפון־אַפריקע. רבי משה חאַגיז גיט איבער אין זיין „משנת חכמים״ אַז חיונס זון האָט זיך געשמדט און איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער יידישער רעליגיע. — פּרטים ביי כהנא „תולדות המקובלים והשבתאים״.

חיות

— 1) צבי הירש (1806 אין בראָד — 1855 אין לעמבערג) רב און געלערנטער אין חכמת ישראל; צוערשט רב אין זשולקאָוו, דערנאָך אין קאַליש; געקענט אייראָפּעאישע שפּראַכן, געווען שטרענג אָרטאָדאָקסיש, און גלייכצייטיק געפאָרשט יידישע געשיכטע און תלמוד מיט אַ געוויסער מאָס פון וויסנשאַפטלעכער מעטאָדע; זיינע ספרים זענען „תורת נביאים״ (איבער די יסודות פון תורה שבכתב און תורה שבעל פּה), „עטרת צבי״ (חקירות איבער תרגומים און מדרשים), „דרכי הוראה״, „מבוא התלמוד״ (חקירות איבער דער געשיכטע פון דער גמרא ירושלמי און בבלי), „שאלות ותשובות מהרץ״, „מנחת קנאות״ קעגן דער רעפאָרם־באַוועגונג, „הגהות״ צו ש״ס, געדרוקט אין די גרויסע ווילנער ש״ס־אויסגאַבן, און אַנדערע; ער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט קראָכמאַל, ראַפּאַפּאָרט און אַנדערע געלערנטע פון יענער צייט; מיט ראַפּאָפּאָרט האָט ער געפירט אַ שאַרפע פּאָלעמיק אין וויסנשאַפטלעכע פראַגן. — 2) צבי פּרץ (1876—1927), אייניקל פון רבי צבי הירש חיות; צוערשט פּראָפעסאָר אין ראַבינער־סעמינאַר און אוניווערסיטעט פון פלאָרענץ, נאָכער (פון 1914) אויבער־ראַבינער אין ווין; געלערנטער אין חכמת ישראל; ציוניסטישער כלל־טוער; פאַרעפנטלעכט וויסנשאַפטלעכע פּירושים צו תהלים, עמוס, תרי עשר (אין אברהם כהנאס „תנ״ך עם פרוש מדעי״) ווי אויך אַנדערע וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן.

חייא, רבי

תנא אין ארץ־ישראל אין לעצטן דור פון די תנאים, אין דער צייט פון רבי (רבי יהודה הנשיא) מסדר פון

דער משנה; ווערט אויך אָנגערופן רבי
חייא רובא, רבה; ער איז געבוירן גע־
וואָרן אין בבל, געקומען קיין ארץ־יש־
ראל; מען האָט אים געהאַלטן אַזוי חשוב,
אַז מען האָט געזאָגט וועגן אים, אַז די
תורה איז געהאַט פאַרגעסן געוואָרן פון
יידן, און רבי חייא איז געקומען פון בבל
און האָט איהר צוריק פעסטגעשטעלט
(סוכה כ׳); וועגן זיין צדקות ווערט דער־
ציילט אין בבא מציעא פ״ה, כתובות ק״ג
און אַנדערע ערטער אין דער גמרא; אין
דער משנה ווערט זיין נאָמען נישט דער־
מאָנט; ער האָט מחבר געווען אַ סך
ברייתות (חולין קמ״א), און עס איז פאַ־
ראַן אַ מיינונג, אַז ער האָט צונויפגע־
שטעלט די תוספתא (פרטים ביי פראַנקל
אין „מבוא הירושלמי״). זיינע הלכות
און ברייתות („תנא רבי חייא״) זענען
פאַראַן אין דער גמרא אין פיל ערטער;
רבי אושעיה איז געווען זיין הויפּט־תל־
מיד; צו זיינע תלמידים געהערן זיינע
צוויי זין, יהודה און חזקיה, ווי אויך זיין
ברודער־זון, דער אמורא רב. רבי האָט
פאַר אים געהאַט גרויס דרך־ארץ און אים
גערופן „מר״ (מועד קטן ט״ז), הגם
ער איז געווען רבים אַ תלמיד; פון אים
זענען פאַראַן אַחוץ פיל הלכות אויך אַ
סך אגדה־ווערטער; ער האָט אָנגעזאָגט
זיין ווייב, אַז ווען אַן אָרעמאַן וועט קו־
מען, זאָל זי אים אַנטקעגנטראָגן דאָס
שטיקל ברויט צו דער טיר, כדי אויב אי־
רע קינדער וועלן ווערן אָרעמעלייט זאָל
מען זיי אויך אַנטקעגנטראָגן ברויט; ווען
דאָס ווייב האָט אים געפרעגט, פאַרוואָס
ער שעלט אַזוי די קינדער, האָט ער גע־
ענטפערט, אַז דאָס איז נישט קיין קללה
נאָר „גלגל הוא שחוזר בעולם״, עס איז
ווי אַ רעדעלע אין דער וועלט, היינט איז
דער אָרעם, מאָרגן איז אַ צווייטער אָרעם.
(שבת קנ״א). — אין מועד קטן כ״ה
ווערט דערציילט אַז ווען רבי חייא איז
געשטאָרבן זענען אַראָפּ פייערן פון
הימל; פון דער גמרא נדה כ״ד ווילן טייל
אָנעמען, אַז רבי חייא איז געשטאָרבן
נאָך רבים טויט. — פרטים אין היימאַן
„תולדות תנאים ואמוראים״.

חיים (לעבן), פערזאָנען־נאָמען, פּאָפּו־
לער ביי יידן פון מיטלאַלטער אָן; עס איז
אַ מנהג, אַז ווען אַ מאַן איז זייער שלאַף
גיט מען אים צו דעם נאָמען „חיים״, אַ
סגולה צום לעבן; טייל געבן אויך צו דעם
נאָמען „אַלטער״; אַ פרוי גיט מען צו
דעם נאָמען „חיה״ אָדער „אַלטע״.

חיים האַלבערשטאַם (1793 —
1876), רבי אין צאַנז (אין גאַליציע),
תלמיד פון רבי נפתלי ראָפּשיצער; רבי
חיים צאַנזער איז געווען אויך אַ גרויסער
למדן, און דורך זיין ספר „דברי חיים״
ווערט ער פאַררעכנט צו די פּוסקים; צו־
ליב דער פּאַסירונג מיט רבי ישראל רי־
זשינערס זון, רבי בער ליעווער, וועלכער
איז אַוועק צו משכילים איז געוואָרן אַ
גרויסע מחלוקה צווישן רבי חיים צאַנ־
זער און רבי בערס ברודער (רבי אברהם
יעקב פון סאַדיגורא און אַנדערע), מען
האָט זיך געלייגט איינער דעם צווייטן
אין חרם; רבי חיים צאַנזער איז אויך גע־
ווען באַקאַנט אַלס בעל מופת, און אין
די חסידישע ספרים („עשר אורות״ און
אַנדערע) ווערן דערציילט וועגן אים ספּו־
רי מעשיות; פון אים שטאַמען אָפּ די
רביים וואָס זענען באַקאַנט אין גאַליציע
אַלס „צאַנזער אייניקלעך״. אַמייסטן
מיטן פאַמיליע־נאָמען „האַלבערשטאַם״
(שינאַווע, באָבאָוו און אַנדערע).

חיים וואָלאָזשינער (1749 — 1821)
למדן און ראש ישיבה, גרינדער פון דער
ישיבה אין וואָלאָזשין; ער איז געווען אַ
תלמיד פון רבי אליהו ווילנער גאון; ער
האָט אויך זיך פאַרנומען מיט קבלה. אין
1816 האָט ער אַנטיילגענומען אין דער

קאָנפערענץ צו פאַרבעסערן די לאַגע פון
די יידישע קאָלאָניסטן אין די גובערניעס
פון כערסאָן און מינסק; ער האָט אויך
אָרגאַניזירט דאָס שיקן די כולל־געלטער
קיין ארץ־ישראל. אין הלכה זענען פאַ־
ראַן פון אים שאלות ותשובות געדרוקט
אין „קדושת יום טוב"; זיין ספר „נפש
החיים" (ווילנע 1824) איז וועגן דברי
מוסר.

חיים בן עטר זע „עטר".

חיפה שטאָט אין ארץ־ישראל ביים
מיטלענדישן ים, צופוסנס פון בארג כר־
מל; אין תנ"ך ווערט די שטאָט נישט
דערמאָנט; אין דער גמרא ווערן דערמאָנט
אמוראים פון חיפה (ר' אבדימי דמן חיפא
קדושין ל"ג, און אַנדערע); אין מיטל־
אַלטער איז אין חיפה געווען אַ יידישער
ישוב, וועלכער איז חרוב געוואָרן דורך
די נוסעי הצלב; דער ישוב פון יידן האָט
זיך שטאַרק פאַרגרעסערט נאָך דער
וועלט־מלחמה 1918; אַרום חיפה זענען
געבויט געוואָרן יידישע קוואַרטאַלן (אין
מיטן כרמל דער „הדר הכרמל", אויפן
בארג דער „הר הכרמל", „אחוזה", אונטן
ביים ים „בת גלים", צו צפון פון חיפה
דער „מפרץ" מיט די שטעט קרית חיים,
קרית ביאליק, כפר עטא און אַנדערע);
אין און אַרום חיפה זענען פאַראַן גרויסע
יידישע פאַבריקן, די צעמענט־פאַבריק
„נשר", די אייל־פאַבריק „שמן", די גרע־
סערע מילן („טחנות הגדולות") און אַנ־
דערע; איצט וואוינען אין חיפה לערך
96 טויזנט איינוואוינער, פון זיי: 22 טוי־
זנט מאָכמעדאַנישע אַראַבער, 14 טויזנט
קריסטלעכע אַראַבער און אַנדערע פעל־
קער, און 60 טויזנט יידן; חיפה האָט דעם
איינציקן פּאָרט אין לאַנד (געעפנט 1933)
און איז דאָדורך דער וויכטיקסטער האַנ־
דלס־צענטער פון ארץ־ישראל פאַר עק־
ספּאָרט און אימפּאָרט; לעבן חיפה געפי־
נען זיך אויך די נאַפט־רערן וואָס פירן
דעם נאַפט פון מאָסול ביז צום מיטלענ־
דישן ים.

חירם קעניג פון צור (פעניציע), אין
דער צייט פון דוד המלך און שלמה המלך,
מיט וועלכע ער איז געווען באַפריינדעט
(שמואל ב' ה', מלכים א' ה'); ער האָט
געשיקט צו שלמה האָלץ צו בויען דעם
בית המקדש (מלכים א' ה'). — אין
יחזקאל כ"ח ווערט נביאות געזאָגט אויף
דעם הערשער פון צור, אַז ער וועט אַראָפּ־
פאַלן פון זיין גרויסקייט; אין מדרש און
גמרא (חולין ע"ה, ילקוט) ווערן געבראַכט
וועגן דעם פאַרשידענע אגדות, צווישן
אַנדערע (ילקוט), אַז ער האָט געבויט
פּאַלאַצן אין דער הויך און אַז צוליב זיין
גרויסהאַלטן זיך האָט אים גאָט גע־
שטראָפט.

חכם, חכמה, חכמים אויף העברע־
איש הייסט „חכם" סיי אַ קלוגער מאַן,
סיי אַ געלערנטער מאַן, און דאָס זעלבע
איז „חכמה", קלוגשאַפט, און אויך גע־
לערנטזאַמקייט, לערע. ווען מיר געפינען
אין מגלת אסתר א' די באַצייכענונג „חכ־
מים יודעי העתים", מיינט מען די גע־
לערנטע מענטשן; דאָס זעלבע ווען מיר
געפינען אין מלכים א' ה' וועגן שלמה
המלך „ותרב חכמת שלמה מחכמת כל
בני קדם" און „ויחכם מכל האדם",
מיינט מען, אַז זיין לערע, זיין וויסן, איז
געווען גרעסער פון דעם וויסן פון אַלע
בני קדם, די חכמים פון מזרח, און פון
אַלע מענטשן; דאָס גאַנצע ספר משלי
איז איין גרויסער לויב־געזאַנג פאַר חכ־
מה, פאַר לערע; מיר זעען עס באַלד אין
משלי א' „יראת ה' ראשית דעת, חכמה
ומוסר אוילים בזו" (די מורא פאַר גאָט
איז דאָס ערשטע פון וויסן, און חכמה
און מוסר זענען גרינגעשעצט דורך נאַ־
ראָנים); דאָ איז „חכמה" און „דעת"

דאָס זעלבע. אַזוי געפינען מיר אויך אין פיל אַנדערע פסוקים אין משלי (קאַפּיטל ב׳, „כי ה׳ יתן חכמה, מפיו דעת ותבונה און אַנדערע ערטער) און אויך אין קהלת. דער אינהאַלט פון גאַנצן ספר משלי איז צו באַווייזן, אַז חכמה איז גוט פאַר דעם מענטשן. דאָס זעלבע איז אויך פאַראַן אין ספר קהלת (קאַפּיטל ב׳ „שיש יתרון לחכמה מן הסכלות כיתרון האור מן החושך״, אַז די העכערקייט פון חכמה איבער נאַרישקייט, אומוויסנקייט, איז ווי די העכערקייט פון ליכט איבער פינצטערניש); אָבער אין קהלת ווערן אין טייל ערטער געבראַכט אויך אַנדערע, קעגנגעזעצטע מיינונגען (קאַפּיטל א׳ „כי ברב חכמה רב כעס, ויוסיף דעת יוסיף מכאוב״. וואָרום וואָס מער חכמה אַלץ מער ערגעניש, און ווער עס מערט וויסן, פאַרמערט זיין ווייטאָק). אין משלי ח׳ (אויך אין איוב כ״ח) איז פאַראַן דער געדאַנק, וואָס איז שפּעטער אַנטוויקלט געוואָרן דורך דעם יידישן העלעניזם פון אַלעקסאַנדריע (זע „העלעניזם״. „פילאָן״), אַז די חכמה איז אַ באַשעפעניש פאַר זיך וואָס האָט עקזיסטירט נאָך איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן (משלי ח׳ „מקדמי ארץ״, „עד לא עשה ארץ״ און אַנדערע) און אַז דורך דער חכמה איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט און די וועלט ווערט דורך איר פאַרוואַלטעט. אין דער צייט פון בית שני איז פאַרפאַסט געוואָרן דורך איינעם פון די יידישע העלעניסטן דאָס כתובים אחרונים־ספר „חכמת שלמה״ (זע „חכמת שלמה״), אין וועלכן דער דאָזיקער געדאַנק איז שטאַרק פאַרברייטערט געוואָרן, און האָט געדינט שפּעטער פאַרן יידיש־העלעניסטישן פילאָזאָף פילאָן אַלס גרונט פאַר זיין שיטה וועגן „לאָגאָס״, וועגן „וואָרט״, וועגן דער „עמאַנאַציע, די אצילות פון דער געטלעכקייט, וואָס האָט עקזיסטירט פאַר דער וועלט־שאַפונג און וועלכע האָט די וועלט באַשאַפן (וועגן דעם זע „פילאָן״). — אין דער משנה און גמרא זענען פאַראַן פיל לויב־מאמרים וועגן חכם און חכמה; די משנה אין אבות ד׳ זאָגט „איזהו חכם הלומד מכל אדם״ (ווער הייסט אַ חכם? וואָס לערנט פון יעדן מענטשן); אין אבות ה׳ ווערן אויסגערעכנט די 7 מעלות פון אַ חכם (שבעה דברים בחכם); ער רעדט נישט פאַר איינעם, וועלכער איז געלערנטער פון אים; האַקט נישט איבער דעם צווייטנס רייד; איילט זיך נישט צו ענטפערן נאָר באַקלערט זיך צוערשט; פרעגט און ענטפערט צו דער זאַך; רעדט לויט דער אָרדענונג פון די ענינים; אַ זאַך וואָס ער ווייסט נישט זאָגט ער, אַז ער ווייסט נישט („שמעתי״ מיינט מען דאָרט „וויסן״, נישט „הערן״); ער איז מודה אויפן אמת. די גמרא אין תמיד ל״ב זאָגט „איזהו חכם הרואה את הנולד״ (ווער איז קלוג, ווער עס זעט פאָרויס די צוקונפט); אין נדה ע׳ זאָגט די גמרא „מה יעשה אדם ויחכם? ירבה בישיבה״ (וואָס זאָל טאָן דער מענטש אַז ער זאָל ווערן קלוג, געלערנט? ער זאָל זיצן און לערנען). פאַר איינעם וועלכער קען לערנען, איז פאַראַן דער טיטל „תלמיד חכם״. — עס איז אין דער צייט פון דער משנה און גמרא געווען אויך אַ טיטל „חכם״; אין הוריות י״ג געפינען מיר אַז עס איז געווען ביים נשיא אַ „אב בית דין״ און אַ „חכם״; די גמרא אין בבא מציעא פ״ה זאָגט וועגן אמורא שמואל, „חכים יתקרי רבי לא יתקרי״, (ער וועט האָבן דעם טיטל „חכם״ אָבער נישט דעם טיטל „רבי״; די גמרא)מגילה ט״ז, פסחים צ״ד) ברענגט „חכמי אומות העולם״ (חכמים פון נישט יידישע פעלקער); צי די גמרא האָט געמיינט דערמיט אויך וועגן אַ געלערנטן־טיטל פון נישט־יידישע געלערנטע, אָדער סתם, אַז אויך ביי נישט־יידן זענען פאַראַן געלערנטע מענער, איז ניט

קלאָר, באַזונדערס אין דער שטעלע אין פסחים צ"ד. — אין דער משנה און גמ־רא ווערן גאַנץ אָפט געבראַכט מיינונ־גען אין הלכה און אגדה אין נאָמען פון „חכמים" („וחכמים אומרים", באַלד אין דער ערשטער משנה פון ברכות און אין פיל אַנדערע ערטער); דאָס האָט גע־הייסן, אַז דאָס איז די מיינונג פון רוב תנאים, און ניט פון אַן איינצלנעם תנא. — ביי די ספרדישע יידן איז פאַראַן דער טיטל „חכם" אויך היינט פאַר אַזעלכע, וואָס האָבן די רעכט פון אַ רב צו פּסקע־נען שאלות; דער העכסטער ספרדישער רב פון אַ פּראָווינץ אין דער טערקישער מלוכה האָט געהאַט דעם טיטל „חכם־באַשי", און דער טיטל איז פאַרבליבן אין אַ ריי לענדער, וואָס האָבן פריער גע־הערט צו טערקיי. — די קבלה ווערט אין אַ ריי ספרים אָנגערופן די „חכמת האמת"; אין דער קבלה איז „חכמה" אויך דער נאָמען פון דער צווייטער „ספי־רה" אין די „עשר ספירות" (זע „ספי־רות").

חכמת שלמה נאָמען פון אַ ספר אין די אַפּאָקריפן, „כתובים אחרונים", פאַר־פאַסט געוואָרן דורך אַ יידישן דענקער, אַנטהאַלט געדאַנקען וועגן דער הויכקייט פון דער יידישער תורה, קעגן געצנדינעריי; די לערע וועגן אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה; באַהאַנדלט אויך די פראַגע פון „צדיק ורע לו רשע וטוב לו" (דעם צדיק גייט שלעכט און דער רשע האָט דערפאָלג) און דערקלערט עס דערמיט, וואָס די נשמה פון צדיק ווערט אויף דער וועלט געלייטערט, כדי אויף יענער וועלט צו קומען אויסגעלייטערט; רימט „חכ־מה", די „געטלעכע חכמה", אַלס די עמאַנאַציע פון געטלעכקייט, הויך וועזן, וואָס האָט עקזיסטירט פאַר דער וועלט־שאַפונג און דורך איר איז די וועלט באַ־שאַפן געוואָרן (זע זוכוואָרט „חכמה"); אַנטהאַלט אַ לענגערן דרוש וועגן יציאת מצרים און די מכות אויף די מצריים, וואָס זענען געווען מדה כנגד מדה פאַר זייערע חטאים צו די יידן. — דאָס ספר איז געבליבן נאָר אין דער גריכישער שפּראַך, און פאַראַן אַ מיינונג, אַז עס איז געשריבן געוואָרן אין אַראַמעאיש און האָט געהייסן „חוכמתא רבתא דשלמה מלכא" (גרויסע חכמה פון שלמה המלך); זיכער איז, אַז עס איז געשריבן געוואָרן אין אַלעקסאַנדריע אין עגיפּטן, לערך צום סוף פון 2טן יאָרהונדערט פאַר דער גע־וויינלעכער צייטרעכענונג, און איז דער אויסדרוק פון די העלעניסטישע שטרע־מונגען און אידייען ביי די יידישע רע־ליגיעזע דענקער פון אַלעקסאַנדריע. דער מחבר איז באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער גריכישער פילאָזאָפיע. ער האָט עס אַ נאָמען געגעבן „חכמת שלמה" כדי צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז דאָס ספר איז אַלט און שטאַמט פון שלמה המלך; דאָס ספר איז איבערזעצט אין העברעאיש עט־לעכע מאָל; פּרטים וועגן ספר און וועגן די פיל ביכער און אָפּהאַנדלונגען וואָס זענען געשריבן געוואָרן וועגן אים, זענען פאַראַן אין „דעת אלהים", פון בערנ־פעלד, שטיין „פילון האלכסנדרוני" (וואַרשע תרצ"ז), און אין מבוא צו דער העברעאישער חכמת שלמה איבערזעצונג אין דער אויסגאַבע פון אברהם כהנא „ספרים חיצונים".

חלב (לעז: „ביילעוו"), דער העברעאי־שער און יידישער נאָמען פאַר געוויסע פעט־טיילן אין קערפּער פון אַ בהמה; אין חומש (ויקרא ז') איז פאַראַן דער פאַרבאָט צו עסן חלב; עס איז דעריבער דער דין אַז איידער מען עסט פלייש פון אַ בהמה דאַרף מען עס אָפּרייניקן פון חלב; דאָס רופט זיך „ניקור", טרייבערן, און די וואָס פאַרנעמען זיך מיטן טריי־בערן הייסן „מנקרים"; זייער אויפגאַבע

איז אויך ארויסצונעמען די בלוט־אדערן
פון פלייש. — די דינים וועגן חלב זע־
נען פאראן אין רמב"ם משנה תורה מאכ־
לות אסורות פרק ז' און שולחן ערוך יורה
דעה ס"ד.

חלה — 1) אין חומש במדבר ט"ו
ווערט געזאגט, אז ווען די יידן וועלן קו־
מען קיין ארץ־ישראל זאלן זיי פון יעדן
טייג אראפנעמען א שטיקל אלס „חלה";
די חלה דארף אויך געגעבן ווערן צו א
כהן צום עסן; אין חוץ לארץ דארף מען
לויט דער תורה נישט נעמען קיין חלה,
נאר מען האט איינגעפירט אז מען זאל
עס יא טאן, „שלא תשתכח תורת חלה
מישראל", כדי דער דין פון חלה זאל
נישט פארגעסן ווערן (בכורות כ"ז). צו־
ליב דעם וואס היינט ווייסט מען נישט
אויף זיכער ווער עס איז א כהן און אויך
ווייל מען האלט אלע פאר רעליגיעז ניט
ריין (טמא) און חלה מעג געגעבן ווערן
נאר ריינערהייט (בטהרה) האט מען
איינגעפירט אז די גענומענע „חלה"
פארברענט מען אין אויוון (משנה חלה
פרק ד', שולחן ערוך אורח חיים תנ"ז);
דאס חלה־נעמען טוט געוויינלעך די פרוי
(משנה שבת פרק ב'). — 2) „חלות"
הייסן געוויינלעך די געבאקענע ווייצן־
געבעקס אויף שבת און יום־טוב, וואס
איז א מנהג געווען ביי יידן אז די הויז־
פרויען האבן אליין געבאקן יעדן פריי־
טיק. — 3) „חלה", נאמען פון א מסכ־
תא משנה אין סדר זרעים, אנטהאלט 4
פרקים, באהאנדלט די דינים פון חלה;
האט תוספתא און גמרא ירושלמי, בבלי
איז נישטא.

חלול דאס ווארט חלול איז דער טייטש
פארשוועכן א הייליקע זאך; דער אויס־
דרוק איז פאראן אין תנ"ך (ויקרא כ"ב
„ולא תחללו את שם קדשי", ויקרא י"ט
„אל תחלל את בתך" און אנדערע ער־
טער); עס זענען פאראן עטלעכע באגריפן,
וואס ווערן אויסגעדריקט מיטן ווארט
חלול. — 1) „חלול הקודש", פארשוועכן
הייליקע זאכן, און די משנה פרקי אבות
ג' זאגט דער תנא רבי אלעזר המודעי,
„המחלל את הקדשים אין לו חלק לעולם
הבא", אז פאר פארשוועכן הייליקייטן
פארלירט מען עולם הבא. — 2) „חלול
השם", פארשוועכן דעם נאמען, דאס
מיינט מען נישט נאר, ווען מען באליי־
דיקט דעם נאמען פון גאט, נאר אויך ווען
מען באגייט נישט ריכטיק זאכן און דער־
ריבער ווערט פארשוועכט דער נאמען פון
גאט; אין דער משנה אבות א' איז פאראן
דער אויסדרוק „ונמצא שם שמים מת־
חלל"; די גמרא אין פסחים מ"ט זאגט
אז א תלמיד חכם בעטלט ביי מענטשן,
איז ער א „מחלל שם שמים"; די משנה
אבות ד' זאגט „כל המחלל שם שמים
בסתר נפרעין ממנו בגלוי" (ווער עס
פארשוועכט גאטס נאמען אין געהיים
ווערט ער באשטראפט עפנטלעך); די
גמרא אין ברכות כ"ט און אנדערע ער־
טער זאגט „כל מקום שיש חלול השם אין
חולקין כבוד לרב" (דארט וואו עס איז
פאראן די דראאונג פון חלול השם, מוז
מען עס זען פארהיטן, אפילו ווען דער־
מיט ווערט אנגערירט דער כבוד פון א
גרויסן תלמיד חכם); דער פארבאט פון
חלול השם איז פאראן אין חומש ויקרא
כ"ב „ולא תחללו את שם קדשי" (איר
זאלט נישט פארשוועכן מיין הייליקן נא־
מען). — 3) „חלול שבת", פארשוועכן די
הייליקייט פון שבת דורך טאן א מלאכה,
וואס איז פארבאטן; דער אויסדרוק גע־
פינט זיך אין חומש שמות ל"א „ושמרתם
את השבת כי קדש היא לכם, מחלליה
מות יומת" (איר זאלט אפהיטן דעם
שבת, ווייל ער איז הייליק צו אייך, און
זיינע פארשוועכער זאלן ווערן געטויט).
דער באגריף חלול שבת געפינט זיך אויך
אין די נביאים (יחזקאל כ"ג, נחמיה

י״ג) און אין משנה און גמרא אין פיל ערטער. זע „שבת״.

חלום, חלומות אין תנ״ך ווערן געבראַכט ספורים וועגן חלומות וועלכע עס איז צוגעשריבן געוואָרן אַ גרויסע באַדייטונג; אין בראשית כ״ח ווערט דערציילט ווי יעקב אבינו אַנטלויפנדיק פאַר זיין ברודער עשו האָט אויפן וועג זיך געלייגט שלאָפן און אין חלום האָט ער געזען אַ לייטער שטייט אויף דער ערד און זיין שפיץ דערגרייכט דעם הימל, און מלאָכים גייען אויף אים; נאָכער געפינען מיר אין חומש בראשית ספורים וועגן די חלומות פון יוסף, ווי די בינטלעד תבואה פון זיינע ברידער בוקן זיך צו זיין בינטל תבואה און די זון און לבנה און עלף שטערן בוקן זיך צו אים; דאָס איז געווען אַ נבואה אַז ער וועט ווערן הערשער אין מצרים און דער פאָטער און די ברידער וועלן זיך קומען צו ביקן פאַר אים (בראשית ל״ז); נאָכער קומען אין חומש אַנדערע חלומות (פון שר המשקים, בראשית מ׳, פון פרשה מ״א); אויך אין די אַנדערע ספרים פון תנ״ך געפינען מיר וועגן חלומות (שופטים ז׳, דניאל ב׳ די חלומות פון נבוכדנאצר); עס זענען אויך פאַראַן ספורים ווי גאָט האָט זיך באַוויזן אין חלום צו מענטשן און זיי אָנגעזאָגט געוויסע זאַכן (בראשית כ׳, מלכים א׳ ג׳ שלמה המלכם חלום, און אַנדערע ערטער); עס ווייזט אויס, אַז די פאַלשע נביאים אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון ערשטן בית המקדש האָבן איבערגעגעבן די נביאות, וואָס זיי האָבן געזען אין חלום; דער נביא ירמיהו (ירמיה כ״ג) שטראָפט די פאַלשע נביאים און זאָגט „הנביא אשר אתו חלום יספר חלום״ (דער פאַלשער נביא וואָס האָט אַ חלום זאָל זאָגן, אַז עס איז נאָר אַ חלום); אויך אַנדערע נביאים האָבן אָנגעוויזן אויף דער ווערטלאָזיקייט פון די האָזיקע פאַלשע „חלומות - נביאות״ (זכריה י׳ „וחלומות השוא ידברו״); וועגן דער פראַגע צי איז פאַראַן אין חלום עטוואָס ריכטיקס, וואָס ווייזט יאָ אָן אויף זאַכן פון דער צוקונפט, זענען פאַראַן אין די אַלטע יידישע ספרים פאַרשידענע מיינונגען; אין דער גמרא ברכות נ״ה (וואו עס ווערן געבראַכט פיל מיינונגען וועגן חלומות אויף עטלעכע דפים גמרא) זאָגט רבי יונתן „אין מראין לו לאדם אלא מהרהורי לבו״)דער מענטש חלומט אין שלאָף נאָר דאָס וואָס ער קלערט אויף דער וואָך); אָבער דאָרט אין דער זעלבער גמרא ווערן געבראַכט מיינונגען, אַז די חלומות אַנטהאַלטן יאָ וויכטיקע אָנזאָגונגען („חלום אחד מששים לנבואה״). אויך די יידישע דענקער אין מיטלאַלטער האָבן געהאַט פאַרשידענע מיינונגען וועגן חלומות. דער רמב״ם אין „מורה נבוכים״ האַלט, אַז די נביאים האָבן געזען זייערע נביאות טיילמאָל אין דער פאָרם פון חלומות. — צוליב דער מיינונג אַז חלומות אַנטהאַלטן יאָ אָנזאָגונגען פון דער צוקונפט איז געוואָרן די נויטווענדיקייט פון „פתרון חלומות״, באַשיידן דעם חלום, אויפקלערן, זיין באַדייטונג; מיר געפינען שוין אין תנ״ך דאָס פותר־חלום זיין (בראשית מ׳ און מ״א ווי יוסף האָט פותר חלום־געווען דעם שר המשקים, שר האופים און פרעה מלך מצרים, אין ספר דניאל ווי דניאל האָט פותר־געווען די חלומות פון נבוכדנאצר מלך בבל); אין גמרא ברכות נ״ו ווערט דערציילט, אַז עס זענען געווען ספעציעלע מענטשן, וואָס זייער פאַך איז געווען פותר חלום צו זיין און זיי האָבן דערפאַר גענומען געלט; די גמרא (דאָרט, ברכות נ״ה) ברענגט די מיינונג „כל החלומות הולכים אחר הפה״, דאָס הייסט, אַז אויב מען טייטשט אויס אַ חלום צום גוטן, ווערט מקוים דאָס גוטע, און אויב מען טייטשט אים אויס צום שלעכטן, ווערט מקוים

דאס שלעכטע. אין די שפעטערע צייטן זענען פארפאסט געווארן ספרים וועגן פתרון חלומות („פתרון חלומות" פון רבי שלמה אלמולי, „יער הלבנון" פון ר' אברהם יגל און אנדערע). — אין דער גמרא ווערט געבראכט, אז ווען איינער האט א שלעכטן חלום זאל ער פאסטן א טאג, און דאס ווערט אנגערופן „תענית חלום"; די גמרא ברכות ל"א זאגט, אז א תענית חלום מעג מען פאסטן אפילו אין שבת; דער וועלכער האט געהאט דעם שלעכטן חלום, האט אוועקגעזעצט דריי מענטשן און זיי האבן אים געמאכט א „הטבת חלום", ער האט פאר זיי דערציילט אז ער האט געהאט א שלעכטן חלום, און זיי האבן אים „גוט־געמאכט" דעם חלום; אין דערמאנטן ספר „פתרון חלומות" פון רבי שלמה אלמולי זענען פאראן דינים פון תענית חלום און הטבת חלום.

חלוץ, חלוצים מיט דעם ווארט „חלוצים" (וואס שטאמט פון תנ"ד, חומש במדבר ל' „חלוצי צבא") באצייכנט מען אין די לעצטע יארן זינט 1917 די אלע יידן, וואס האבן זיך אנטשלאסן אויפצוגיין קיין ארץ־ישראל און צו בויען דאס יידישע לאנד; אין דער העברעאישער פרעסע געפינט מען אויך דעם אויסדרוק „חלוץ־קאפיטאל", דער חלוץ פון קאפיטאל; אין דעם זין איז דער אויסדרוק „חלוץ" דאס זעלבע וואס „פיאנער"; אבער געוויינלעך ווערן מיט „חלוצים" באצייכנט די יונגעלייט, וואס גרייטן זיך צו צום ארבעטן אין ארץ־ישראל די שווערע פיזישע ארבעט,ביים צוגרייטן גייער געגנטן פאר קאלאניזאציע. אין 1917 זענען געגרינדעט געווארן אין פארשידענע לענדער אין מזרח־אייראפע (רוסלאנד, פוילן, ליטע) ארגאניזאציעס פון אזעלכע יונגעלייט מיטן נאמען „החלוץ"; אין 1919 איז פארגעקומען די ערשטע קאנפערענץ; אין 1921 איז פארגעקומען אין קארלסבאד די ערשטע אוועלטלעכע „החלוץ"־קאנפערענץ; די אויפגאבע פון „החלוץ" איז צו געבן זיינע מיטגלידער די „הכשרה", פארברייטונג, די געהעריקע קענטעניש און צופאסן זיי צו פיזישער ארבעט און אויך איינפלאנצן אין זיי די העברעאישע שפראך און די אידעאלן פון אויפלעבונג פון יידישן פאלק אין ארץ־ישראל; צו דעם ציל זענען אין פארשידענע לענדער געשאפן געווארן הכשרה־קיבוצים, אין וועלכע די יונגעלייט, בחורים און מיידלעך, באקומען אין פארלויף פון 2־3 יאר די געהעריקע הכשרה אין ערד־ארבעט און אנדערע פיזישע מלאכות. ביים „החלוץ" איז אויך פאראן דער „החלוץ הצעיר" פאר אינגערע עלעמענטן און „העובד" פאר עלטערע פון 26 יאר; דער „החלוץ" האט געציילט פאר דעם אויסברוך פון דער מלחמה אין סעפטעמבער 1939 ביי 30 טויזנט מיטגלידער.

חלוקה (פארטיילונג), מיט דעם נאמען וואס האבן זיך באזעצט אין די 4 שטעט לעבע הונדערט יאר די געלטער, וואס זענען אנגעקומען קיין ארץ־ישראל צו שטיצן דעם אלטן ישוב. מען האט די דאזיקע געלטער פארטיילט צווישן די יידן, וואס האבן זיך באזעצט אין די 4 שטעט ירושלים, חברון, טבריה און צפת; מען האט עס אויך גערופן „כולל־געלטער", ווי אויך די געלטער „קופת רבי מאיר בעל הנס" (רבי מאיר בעל הנס קאסע); די געלטער זענען צנויפגעזאמלט געווארן אין אלע לענדער, וואו יידן האבן געוואוינט, דורך פושקעס (וועלכע האבן געהייסן רבי מאיר בעל הנס פושקעס), אין וועלכע פרומע יידן, הויפטזעכלעך יידישע פרויען, האבן יעדע וואך אריינגעווארפן זייערע נדבות. אין יעדן לאנד, טיילמאל, אין יעדער פראווינץ, איז געווען א „נשיא", וועלכער האט אנגעפירט מיטן צונויפזאמלען דורך „גובים" (אינקאסענ־

טן) די אלע געלטער, אפשיקן זיי קיין ארץ־ישראל. אין די ארץ ישראל שטעט זענען געווען קאמיטעטן „ועדי הכוללים" וועלכע האבן דאס געלט צעטיילט צווישן די יידן לויט געוויסע כללים, איינעם מער, איינעם ווייניקער. אזעלכע „כוללים" זענען געווען א סך לויט די לענדער, און אפילו פראווינצן, פון וואנען די יידן האבן געשטאמט, ווי „כולל ווארשע", „כולל ווילנע", „כולל הוד" (האלאנד און דייטשלאנד), „כולל אמעריקע", „כולל חבד" (פון ליובאוויטשער חסידים) און אזוי כסדר. — עס איז אנצונעמען, אז דער דאזיקער מנהג צו זאמלען געלטער אין חוץ לארץ אויסצוהאלטן יידן אין ארץ־ישראל איז גאר אן אלטער; דער וואס איז ארומגעפארן זאמלען די געלטער האט געהייסן שליח ציון (גמרא ביצה כ"ה); דערפון איז געווארן שפעטער דער נאמען „שליחא דרבנן" און אין ראשי תבות שד"ר; נאר הויפזעכלעך איז די חלוקה אוועקגעשטעלט געווארן אלס פעסטע אינסטיטוציע ווען רבי משה בן נחמן (רמב"ן) איז געקומען קיין ארץ־ישראל אין 1267 (עס איז פאראן א מיינונג, אז די „קופת רבי מאיר בעל הנס", איז א גרייז, און עס איז געווען „קופת רמב"ן, און דורך א טעות האט מען דאס ווארט „רמב"ן" אויסגעטייטשט אלס „רבי מאיר בעל נס"); פון דעמאלט אן געפינען מיר שוין אפטער דאס שיקן משולחים קיין חוץ־לארץ צו זאמלען חלוקה־געלטער; די תקנות פון די חלוקה זענען צום ערשטן צונויפגעשטעלט געווארן דורך רבי משה אלשיך אין צפת סוף 16טן יארהונדערט (הקדמה צום אלשיך). — וועגן דער געשיכטע פון חלוקה און די כוללים זע אין לונצעס „לוח ארץ ישראל", חלק ז' און לונצעס „ירושלים" באנד ז'.

חלזון נאמען פון א וואסער־ווערעמל, וואס מיט זיין בלוט קאן מען פארבן זאכן אויף בלוי; די גמרא מנחות מ"ב זאגט, אז מיט דעם חלזון־בלוט האט מען באפארבט דעם תכלת־פאדעם פון ציצית; אין שבת כ"ו ווערט געזאגט, אז דעם חלזון האט מען געפלעגט פאנגען אין ים ביי חיפה; אין די יארן 1885 — 1890 האט דער ראדזינער רבי אין פוילן ר' גרשון העניך ליינער איינגעפירט פאר זיינע חסידים צו פארבן איינעם פון זייערע ציצית־פעדעם מיט דעם בלוט פון א ים־ווערעמל, וואס ער האט באטראכט אלס דעם חלזון פון דער גמרא. — זע „ליינער", „ציצית", „תכלת".

חליצה אין חומש דברים כ"ה ווערט געזאגט, אז אויב איינער שטארבט אן קינדער און לאזט איבער א פרוי, דארף דער ברודער פון פארשטארבענעם חתונה האבן מיט דער אלמנה, און אויפשטעלן א פאמיליע צום אנדענק פון זיין ברודער; דאס הייסט „יבום"; אויב אבער דער ברודער וויל נישט חתונה האבן מיט דער אלמנה, דארף ער קומען מיט איר צום יידישן געריכט (שפעטער צום בית דין, רב) און זאגן, אז ער וויל נישט חתונה האבן מיט זיין שוועגערין, און די שוועגערין ציט דעמאלט אראפ פון אים א שוך (אראפציען הייסט „חלץ", און דערפון איז דאס ווארט „חליצה") און שפייט אים אין געזיכט און זאגט: אזוי טוט מען א מענטשן, וואס וויל נישט אויפשטעלן א פאמיליע צום אנדענק פון זיין ברודער; דער דאזיקער אקט הייסט „חליצה". די אלמנה מעג חתונה האבן פאר אן אנדערן נאר נאכדעם ווי זי האט גענומען חליצה. עס זענען פאראן ספעציעלע דינים ווי אזוי דער חליצה־שוך דארף אויסזען (שולחן ערוך אבן העזר קס"ט). — זע זוכווארט „יבום".

חם צווייטער זון פון נח (בראשית ו'); לויט א טראדיציע אין דער גמרא (סנהדרין ס"ט) איז חם געווען דער אינגסטער

פון די דריי ברידער „שם, חם, יפת"; אין בראשית י' ווערט איבערגעגעבן די רשימה פון די פעלקער, וואס האבן אפגעשטאמט פון חם, צווישן זיי די פעלקער אין אפריקע כוש, פוט און מצרים, און די פעלקער וואס האבן געוואוינט אין ארץ־ישראל איידער די יידן האבן פארנומען דאס לאנד (כנען, צידון, חת, אמורי און אנדערע). אויך היינט ווערן די פעלקער אין אפריקע אנגערופן „די אפשטאמענדע פון חם" (כאמיטן); וועגן דעם שייכות צווישן דעם ווארט חם (שווארץ, אפגעברענט פון דער זון, חמה) און דער שווארצער הויט פון די אפריקע־פעלקער, איז פאראן אין גמרא סנהדרין ק"ה (חם לקה בעורו) און אין מדרש בראשית רבה ל"ו.

חמץ געבעקס פון מעל און וואסער, וואס איז געווארן געזויערט; אין חומש שמות י"ב איז פאראן דער פארבאט נישט צו עסן און נישט צו האלטן קיין חמץ אין די 7 טעג פסח (שבעת ימים שאר לא ימצא בבתיכם); דאס איז אין אנדענק דערפון, וואס ווען די יידן זענען ארויס פון מצרים האבן זיי נישט באוויזן איינצוזויערן דאס טייג און האבן עס געגעסן אלס מצה (ויאפו את הבצק אשר הוציאו ממצרים עגות מצות כי לא חמץ); אין דער מ״ה און גמרא פסחים זענען פאראן די דינים וועגן חמץ; עס איז אויך פארבאטן צו עסן חמץ ערב פסח פון 2 שעה פאר האלבן טאג; צוליב דעם, וואס חמץ וואס געהערט צו א ייד און איז געבליבן איבער פסח טאר מען עס נישט נוצן, איז איינגעפירט געווארן צו מאכן א שטר מכירה, עס הייסט, מען פארקויפט ביים רב דאס חמץ צו א ניט־ייד, אזוי אז מען זאל עס קאנען נוצן נאך פסח; דאס דאזיקע הייסט „מכירת חמץ". — זע „בדיקת חמץ", „מצה", „פסח".

חמשה עשר באב 15טער טאג אין חודש אב; געווען אמאל א פייערלעכער האלב יום־טוב; אין דער משנה סוף תענית זאגט דער תנא רבן שמעון בן גמליאל, אז אין דאזיקן טאג פלעגן יידישע טעכטער אין ירושלים ארויסגיין אין ווייסע געבארגטע קליידער אין די גערטנער טאנצן און דארט שליסן באקאנטשאפט און שידוכים מיט בחורים און דערביי האט יעדעם מיידל גערימט אירע מעלות, איינע יחוס, א צווייטע שיינקייט און אזוי ווייטער; די גמרא דארט אין תענית גיט אן פארשידענע אורזאכן צום חמשה עשר באב יום־טוב; לויט איין מיינונג שטאמט דער יום־טוב פון גאר אלטע צייטן, פון דער תקופת השופטים, ווען מען האט צוריק ערלויבט דעם שבט בנימין חתונה האבן נאך דער מלחמה, צוליב פלגש בגבעה (זע „בנימין", גבעה"); לויט אן אנדערער מיינונג איז דאס פון גאר שפעטער, נאכן חרבן ביתר, ווען מען האט דערלויבט די „הרוגי ביתר" צו קומען צו קבורה. ווארשיינלעך איז דער יום־טוב פיל עלטער פון דער ביתר־מלחמה.

חמשה עשר בשבט 15טער טאג אין חודש שבט, ווערט פארעכנט פאר דעם „ראש השנה לאילנות", דער ראש השנה פאר ביימער (משנה ראש השנה א'); פאקטיש איז דער טאג דער ערשטער פרילינג־טאג אין ארץ־ישראל; מיט דעם טאג זענען פארבונדן דינים וועגן מעשר; עס זענען פאראן פארשידענע מנהגים אין די גלות־לענדער, צו עסן באקסן, טייטלען און אנדערע פרוכטן, וואס שטאמען פון מזרח לענדער; אין ארץ־ישראל איז דער מנהג, אז שול־קינדער גייען ארויס הינטער דער שטאט און פלאנצן ביימעלעך.

חן (ליבלעכקייט), אין תנ"ך האט דאס ווארט חן א גרויסע באדייטונג אין רעליגיעזן זין; דער חומש בראשית ו' דער־

צײלט, אַז װען די מענטשן זענען גע־
װאָרן שלעכט און גאָט, האָט באַדױערט
פֿאַרװאָס ער האָט די מענטשן באַשאַפֿן,
„ונח מצא חן בעיני ה׳״, אָבער נח דער
צדיק האָט געפֿונען חן אין די אױגן פֿון
גאָט; דערפֿון איז אױך דאָס װאָרט „חנן״
געפֿעלן װערן, באַשענקען אײנעם, צוליב
האָבן צו אים סימפּאַטיע; דערפֿון איז
אױך „תחנונים״, „בעטן״, „דערװעקן
סימפּאַטיע״; אין זכריה י״א זאָגט גאָט:
„ושפכתי — רוח חן ותחנונים״; אין מג־
לת אסתר (ב׳ און אַנדערע) איז פֿאַראַן
דער אױסדרוק „נשא חן״ געפֿעלן װערן
פֿון אַ פֿרױ; דערפֿון איז אױך אין ייִדיש
דאָס װאָרט „חן״ אַלס באַצײכענונג פֿון
שײנקײט, סימפּאַטיע־דערװעקונג. — אין
די קבלה־ספרים װערט די קבלה אָנגע־
רופֿן ח״ן, דאָס זענען די ראשי תבות
„חכמה נסתרה״ (געהײמע לערע״) און
די מקובלים װערן אָנגערופֿן „יודעי חן״.

חנה מוטער פֿון שמואל הנביא, װײַב
פֿון אלקנה; אין ספר שמואל א׳ װערט
דערצײלט, אַז אלקנה האָט געהאַט צװײ
װײבער, פּנינה און חנה, פֿון װעלכע פּני־
נה האָט געהאַט קינדער און חנה איז גע־
װען אַן עקרה; חנה האָט געבעטן צו גאָט
אין שילה און דער כהן עלי האָט איר
צוגעװאונטשן און זי האָט געהאַט אַ זון,
װעמען זי האָט מקדיש געװען צו גאָט;
דאָס איז געװען דער נביא שמואל; זי
האָט דאַן מתפּלל געװען און געדאַנקט
גאָט דערפֿאַר; די תפילה איז פֿאַראַן אין
שמואל א׳ ב׳; מען װײַזט הײַנט אין ארץ־
ישראל נישט װײַט פֿון ירושלים אין
„נעבי סעמװיל״ איר קבר לעבן טראַדי־
ציאָנעלן קבר פֿון שמואל הנביא.

חנה און זיבן זין (חנה ושבעה בניה);
אין צװײטן און 4טן ספר פֿון „חשמונ־
אים״ און אױך אין דער גמרא גטין נ״ז
װערט דערצײלט װעגן אַ מוטער און אי־
רע 7 קינדער, װעלכע זענען אומגעקומען
אױף קידוש השם, נישט װעלנדיק דינען
צו אָפּגעטער אין דער צײַט פֿון דער גזרה
פֿון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס; אין די שפּע־
טערע קװאַלן װערט די מוטער אָנגערופֿן
מיטן נאָמען חנה.

חנוך אין חומש בראשית ה׳ װערט דער־
צײלט, אַז חנוך דער זון פֿון ירד, פֿאָטער
פֿון מתושלח, האָט געלעבט 365 יאָר און
דערנאָך איז „ער פֿאַרשװונדן געװאָרן און
גאָט האָט אים צוגענומען״ (ואיננו כי
לקח אותו אלהים) װאָס דער חומש
מײנט מיט די דאָזיקע װערטער איז
שװער צו זאָגן; טײל מפרשים טײַטשן
אַז ער איז אַרױף אין הימל; עס איז צו
באַמערקן אַז די צאָל יאָרן װאָס חנוך האָט
געלעבט, 365, איז גלײַך צו דער צאָל טעג
װאָס זענען פֿאַראַן אין אַ זון־יאָר. — זע
זוכװאָרט „חנוך, ספר״.

חנוך, ספר ספר פֿון די כתובים אחרו־
נים (אַפּאָקריפֿן), װאָס איז געשריבן גע־
װאָרן אין דער מיט פֿון דער צײַט
פֿון 2טן בית־המקדש; געבליבן נאָר טײל־
װײַז אין דער גריכישער שפּראַך, דאַקעגן
איז פֿאַרבליבן דער גאַנצער טעקסט אין
דער אַלט־אַבעסינישער שפּראַך; מען
האַלט, אַז דאָס ספר חנוך איז פֿאַרפֿאַסט
געװאָרן אין דער צײַט פֿון די חשמונאים
אין העברעאיש אָדער אַראַמעאיש, און
דער אָריגינאַל איז פֿאַרלױרן געגאַנגען
און עס זענען געבליבן נאָר די איבער־
זעצונגען; דאָס ספר האָט 108 קאַפּיטלעך
און עס װערט דאָרט אָנגעװיזן, אַז זײַן
מחבר איז געװען חנוך, דער זון פֿון ירד
פֿון חומש בראשית ה׳; עס װערט אין
ספר דערצײלט װעגן די מלאכים, די נפֿי־
לים, װאָס זענען אַראָפּגעפֿאַלן פֿון הימל
אין דער צײַט פֿון ירד, און װי די דאָזי־
קע מלאכים האָבן אױסגעלערנט די מענ־
טשן אױסצואַרבעטן געװער, די קונסט פֿון

שטערן־זעעריי, כשוף, און ווייל זיי האָבן צופיל געפייניקט די מענטשן האָט גאָט אַראָפּגעשיקט אַנדערע מלאכים כדי די נפילים צו פאַרטרייבן אין ווייסטע ערטער; וועגן חנוך ווערט דערציילט, אַז ער איז אַרויף אין הימל, וואו ער האָט זיך באַקאַנט מיט דעם גאַנג פון דער זון, לבנה און שטערנס און ער איז צוריק אַראָפּגעקומען אויף דער ערד און איבערגעגעבן די אַלע ידיעות צו זיין זון מתושלח. — דאָס ספר חנוך האָט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר פאָרשן די יידישע פאָלקס־גלויבונגען אין יענער צייט ווי אויך פאַר דער געשיכטע פון יידישער כראָנאָלאָגיע. — מען האָט אויך געפונען אין דער אַלט־סלאַווישער שפּראַך אַ ספר חנוך, וועלכער שטאַמט פון סוף פון דער צייט פון 2טן בית המקדש און אַנטהאַלט עטישע לערעס און אגדות וועגן משיחס צייטן; צום דאָזיקן ספר חנוך האָבן שפּעטער קריסטלעכע שרייבער צוגעגעבן קריסטלעכע עלעמענטן. — זע די איבערזעצונג אין העברעאיש און די איינלייטונג צום ספר חנוך אין כהנאס אויסגאַבע „הספרים החיצונים״.

חנוכה (חנכה) האַלבּ־יום־טוב, דויערט פון 25טן טאָג אין כסלו אַן 8 טעג; מען צינדט אָן ליכטלעך יעדן אָוונט; דעם 1טן אָוונט איין ליכטל, אחוץ אַ געהילף־ליכטל, דעם „שמש״; דעם 2טן טאָג 2 ליכטלעך, דעם 3טן טאָג 3 ליכטלעך, און אַזוי כסדר ביז דעם לעצטן אָוונט 8 ליכטלעך; ביים צינדן די חנוכה־ליכט מאַכט מען 3 ברכות: „להדליק נר של חנוכה״, „שעשה נסים לאבותינו״ און „שהחיינו״; דערנאָך זאָגט מען אָדער מען זינגט פאַרשידענע פיוטים („הנרות הללו״, „מעוז צור ישועתי״). אין חנוכה מעג מען אַרבעטן און פירן געשעפטן. ביים דאַווענען אינדערפרי זאָגט מען הלל, מען לייענט אין ספר תורה; ביים דאַווענען און בענטשן זאָגט מען על הנסים און בימי מתתיהו. — מיט חנוכה זענען פאַרבונדן פאַרשידענע פאָלקס־מנהגים, ווי: שפּילערייען אין קאָרטן, קינדער שפּילן אין דריידל, אויף וועלכן ס'זענען פאַראַן 4 בוכשטאַבן: נ. ג. ה. ש. וואָס טייל טייטשן אויס אַלס „נס גדול היה שם״, עס איז דאָרט געווען אַ גרויסער נס, און טייל טייטשן אַלס „נישט״, „גאַנץ״, „האַלב״, „שפּיל ווייטער״; עסן ספּעציעל געבאַקענע פּלעצלעך, געבן קינדער חנוכה־געלט; געוועזן צייטן ווען מען האָט זיך נוהג געווען צו מאַכן פאָרשטעלונגען אין חנוכה פּונקט ווי אין פּורים. — דער האַלבּ־יום טוב חנוכה איז צום אָנדענק פון דעם נצחון, וואָס די חשמונאים האָבן אָפּגעהאַלטן איבער דעם מיליטער פון אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, דעם סירישן מלך, וועלכער האָט איינגעפירט אין ארץ־ישראל די גזרות, אַז יידן זאָלן זיך אָפּזאָגן פון זייער רעליגיע און ווערן געצנדינער; ער האָט אין בית־המקדש אין ירושלים אויפגעשטעלט אַ מזבח פאַרן גריכישן אָפּגאָט „צעאוס״ און געצוואונגען יידן מקריב זיין צו אים קרבנות; עס איז דעמאָלט אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פון די פרומע יידן אונטער דער פירונג צוערשט פון מתתיהו דעם כהן און זיינע 5 זין די חשמונאים־ברידער, און נאָכער פון איינעם פון די ברידער יהודה המכבי, וועלבער האָט אין יאָר 165 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג צעשלאָגן די סירישע אַרמיי און אָפּגערייניקט דאָס בית־המקדש, און צוריק „מחנך״ געווען דעם בית המקדש און מזבח, און דעמאָלט האָט מען באַשלאָסן צו פייערן די 8 טעג יום־טוב דורך צינדן ליכט. — די גמרא אין שבת כ״א ברענגט דעם סיפור, אַז ווען די חשמונאים זענען אַריינגעקומען אין בית המקדש האָבן זיי געפונען נאָר איין פאַרחתמעט קריגל מיט ריינעם בוימל צום אָנצינדן די מנורה, און דער בוימל איז גענוג געווען נאָר אויף

אין טאָג, אָבער עס איז געשען אַ נס און מען האָט פון אים געברענט 8 טעג; דער נאָמען „חנוכה" ווערט דערמאָנט אין דער משנה און גמרא (דאָרט שבת כ"א און אַנדערע ערטער); יוסף פלאַוויוס אין זיינע היסטאָרישע ווערק וועגן יענער צייט שרייבט וועגן די געשעענישן און וועגן דעם יום־טוב אין זיין „קדמוניות" און „מלחמה"; ער רופט עס אָן „דער יום־טוב פון ליכט"; דער יום־טוב ווערט אויך געבראַכט אין די ביידע כתובים־אחרונים־ספרים חשמונאים א' און ב', וואו עס ווערט דערציילט, אַז די יידן פון ארץ־ישראל האָבן געשיקט אַ בריוו צו די יידן אין אַלעקסאַנדריע אין עגיפטן, אַז זיי זאָלן פייערן דעם יום־טוב. — אין דער נייער צייט איז חנוכה געוואָרן אויך אַ נאַציאָנאַלער יום־טוב פון דער יידישער אויפלעבונג אין ארץ־ישראל, און דער מנהג אין תל־אביב איז אַז די שול־קינדער מאַרשירן אין אָוונט איבער די גאַסן מיט אָנגעצונדענע ליכט אין די הענט און זינגען נאַציאָנאַלע שירים. — עס ווייזט אויס, אַז עס איז געווען אַמאָל דער מנהג אין חנוכה צו זאָגן אַ „מגלת אַנטיוכוס", אין וועלכער עס איז געווען דערציילט וועגן די געשעענישן פון חשמונאים־אויפשטאַנד; זי האָט אויך געהייסן „מגלת חשמונאי" (ווערט געבראַכט אין „הלכות גדולות" הלכות סופרים, אַז די בית שמאי און בית הלל האָבן איר געשריבן); זי איז געדרוקט אין אַן אַלטן מחזור אין סאַלאָניקי 1568; פיליפאָוסקי האָט אַרויסגעגעבן ביידע טעקסטן, דעם אַראַמעאישן און העברעאישן (לאָנדאָן 1851); מען האָט אויך, ווייזט אויס, געפלעגט דערציילן חנוכה די מעשה פון „יהודית" וואָס זאָל אויך האָבן געשען אין חנוכה. — זע זוכווערטער „חסידים", „חשמונאים" און „מכבי"; וועגן יהודית זע „יהודית".

חנוכת הבית (די איינוויאונג פון אַ ניי הויז), עס איז אַן אַלטער מנהג געווען ביי יידן איינצואָרדענען אַ פייערלעכקייט ביים פאַרענדיקן אַ ניי הויז; מען האָט דאָס גערופן „חנוכת הבית"; אין חומש דברים י"ט ווערט געזאָגט, אַז ווער עס האָט אויפגעשטעלט אַ ניי הויז איז באַפרייט געווען צו גיין אין מלחמה כדי ער זאָל האָבן די מעגלעכקייט צו מאַכן די חנוכת הבית („אשר בנה בית ולא חנכו ילך וישוב לביתו"); אין תהלים ל' איז פאַראַן דער „מזמור שיר חנוכת הבית", אַ ספעציעלער מזמור, וועגן וועלכן עס איז נישט קלאָר, צי מען האָט דערמיט געמיינט סתם אַ הויז אָדער אַן עפנטלעכע געביידע אָדער דאָס בית המקדש. — וועגן חנוכת הבית־פייערלעכקייטן פון עפנטלעכע רעליגיעזע געביידעס געפינען מיר אין תנ"ך (פון משכן אין במדבר ז', פון שלמה המלכס בית המקדש אין מלכים א' ח', פון דער ירושלים מויער אין נחמיה י"ב).

חנופה אין תנ"ך האָט „חנף" טיילמאָל די באַדייטונג פון אַ שלעכטן מענטש; אין ישעיה ט' איז פאַראַן „כלו חנף ומרע", וואָס האָט די באַדייטונג פון שלעכטקייט; אין דער גמרא און אויך שפעטערע מוסר־ספרים האָט „חנופה" די באַדייטונג פון דעם וואָס מיר דריקן אויס אין יידיש „חנפענען", לויבן די מעשים פון אַ צווייטן מענטש, הגם אין האַרץ האָט מען אין זינען פונקט פאַרקערט. אין דער יידישער רעליגיעזער עטיק איז חניפה פאַרעכנט צו די זייער שלעכטע מידות; די גמרא סוטה מ"א זאָגט אַז ווער עס איז אַ חונף וועט האָבן חאָס גיהנום; רבי אלעזר זאָגט דאָרט אין דער גמרא, אַז ווער עס חנפט אַ רשע פאַלט ער אָדער זיינע קינדער אַריין אין די הענט פון דעם רשע; איין אמורא זאָגט אַז מען מעג יאָ חנפענען אַ רשע אויב

מען זעט, אז דאדורך קאן מען זיך אויס־היטן פון אן אומגליק, און עס ווערט דער־רויף געבראכט דער באוויז פון יעקב אין חומש בראשית ל״ג, וועלכער האט גע־חנפט זיין ברודער עשו, מורא האבנדיק פאר אים (סוטה מ״א).

חנינא בן דוסא תנא אין 1טן יאהר־הונדערט, אין דער צייט פון בית המקדש, א חבר פון רבן יוחנן בן זכאי (ברכות ל״ד); וועגן אים ווערן געבראכט אין דער גמרא ספורי־מעשית, אז ער איז געווען א בעל־מופת און האט מתפלל געווען אויף קראנקע (ברכות ל״ד); ער האט גע־פירט אן ארעם לעבן און די גמרא תענית כ״ה דערציילט, אז פון הימל ווערט יעדן טאג געזאגט דורך א בת־קול, אז „די גאנ־צע וועלט ווערט געשפייזט אין זכות פון חנינא מיין זון, און חנינא מיין זון אליין האט גענוג א טאפ באקסן (חרובים) פון איין ערב שבת צום צווייטן״; אין פרקי אבות ג׳ זאגט ער די ווערטער: „דער וועמענס מעשים זענען מער פון זיין חכמה, האט זיין חכמה א קיום״; ער זאגט דארט אויך „כל שרוח הבריות נוחה הימנו רוח המקום נוחה הימנו״ (ווער עס פירט זיך אויף אזוי אז מענטשן זענען פון אים צו־פרידן, איז אויך גאט פון אים צופרידן). די טראדיציע ווייזט אן אויף זיין קבר אין גליל.

חנינא בן חמא איינער פון די באַ־דייטנדסטע אמוראים אין דער גמרא, ווערט אנגערופן סתם „רבי חנינא״, גע־לעבט אין ארץ־ישראל אין ערשטן דור פון אמוראים (אין ענדע פון 2טן יאהרהונ־דערט); צווישן זיינע דברי אגדה זענען פאראן די ווערטער: „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים״, אלץ איז אין די הענט פון גאט, אחוץ די מורא פאר גאט (ברכות ל״ג); „חותמו של הקדוש ברוך הוא אמת״, דער חותם פון גאט איז אמת (שבת נ״ה); „תלמידי חכמים מרבים שלום בעולם״, תלמידי חכמים פארגרע־סערן דעם שלום אויף דער וועלט (גמרא סוף ברכות) און אנדערע.

חנינא בן תרדיון תנא אין ארץ־יש־ראל אין דער ערשטער העלפט פון 2טן יאהרהונדערט, איינער פון די עשרה הרוגי מלכות, איז געטויט געווארן דורך דער רוימישער רעגירונג פאר עובר זיין אויף איר פארבאט צו לערנען תורה. — אין עבודה זרה י״ז ווערט דערציילט דער סיפור, ווי די רוימער האבן (נאך דער מלחמה פון בר כוכבא ווען מען האט גוזר געווען אויף יידן נישט צו לערנען תורה) אים געפינען לערנדיק עפנטליך מיט תל־מידים און זיי האבן אים פאראורטיילט פארברענט צו ווערן. כדי זיינע ליידן זאלן זיין גרעסער האט מען ביים פאר־ברענען אים ארויפגעלייגט אויפן הארץ א נאסע זאד. פון אים איז פאראן דאס ווארט אין פרקי אבות ג׳ אז צוויי מענ־טשן זיצן און רעדן נישט קיין דברי תורה הייסט עס מושב לצים, און אויב זיי רעדן יא דברי תורה, רוט צווישן זיי די שכי־נה; עס זענען פון אים אויך פאראן הל־כות; זיין טאכטער איז געווען ברוריה דאס ווייב פון תנא רבי מאיר. — זע „עשרה הרוגי מלכות״.

חננאל, רבנו ראשי תבות „ר״ח״ (געבוירן לערך 965 און געשטארבן לערך 1055 אין קיירואן אין צפון־אפריקע); ראש ישיבה, פוסק און מפרש פון תנ״ך און תלמוד; ווערט טיטולירט טיילמאל אויך מיטן טיטל „גאון״; זון פון רבנו חושיאל, איינעם פון די „פיר געפאנגע־נע״ תלמידי חכמים וועלכער האט גע־בראכט דעם לימוד התלמוד קיין צפון־אפריקע און געגרינדעט דארט א ישיבה; רבנו חננאל האט אויסגעשטעלט פיל תל־מידים; זיין פרוש אויף תלמוד איז זייער

פיל באַנוצט געוואָרן דורך די ראשונים (אַ סך פון די פּרושים אין רבי נתנס „ערוך", אפילו נישט דערמאָנט מיטן נאָמען פון ר"ח, זענען פון רבנו חננאל); אין דאָזיקן פּירוש באַנוצט ער פיל דעם תלמוד ירושלמי. אין זיין פּירוש אויף תורה ברענגט ער פיל חקירות וועגן אמונה אין גאָט, השארת הנפש, און אַנדערע יסודות פון אמונה. — וועגן רבנו חננאל אין ראַפּאָפּאָרטס „תולדות", בערלינער „מגדל חננאל", ווייס „דור דור ודורשיו" חלק ד'.

חנניה, מישאל ועזריה נעמען פון די 3 חברים פון דניאל, דינער אין קעניגלעכן הויף אין בבל; אין ספר דניאל ג' ווערט דערציילט, אַז נבוכדנאצר האָט זיי געלאָזט אַריינוואַרפן אין אַ ברענענדן קאַלך־אויוון, דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט זיך בוקן צום גאָלדענעם אָפּגאָט וואָס ער האָט אויפגעשטעלט; אָבער זיי זענען דורך אַ נס ניצול געוואָרן. דאָס איז דער וויכטיקסטער פאַל פון מוסר־נפש־זיין זיך אויף קידוש השם, וואָס ווערט דערציילט אין תנ"ך. אין דער גמרא (כתובות ל"ג און אַנדערע) ווערן דערציילט דברי אגדה וועגן זיי, צווישן אַנדערע, אַז ווען מען וואָלט געפּייניקט זיי, און נישט נאָר געדראָעט מיט טויט, וואָלטן זיי יאָ געווען זיך געבוקט צום אָפּגאָט (אילמלי נגדוהו לחנניה מישאל ועזריה הוו פלחו לצלמא); דאָס דאָזיקע וואָרט איז זיכער געזאָגט געוואָרן אין דער צייט פון די רוימישע פּייניקונגען, וועלכע טייל יידן האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן.

חסד (גנאָד), אין תנ"ך האָט חסד די באַדייטונג פון „טאָן אַ טובה" (בראשית מ"ח „ועשית עמדי חסד) פון סימפּאַטיע, געפעלן ווערן (מגלת אסתר ב' „ותשא חן וחסד"), פון גנאָד, איבערהויפּט די געטלעכע גנאָד, ווי אין תהלים קי"ח: „הודו לה' כי טוב כי לעולם חסדו" (לויבט גאָט, ווייל ער איז גוט, ווייל אויף אייביק איז זיין גנאָד); אין דער קבלה איז די עשר ספירות איז די פערטע ספירה „חסד". — זע זוכוואָרט „גמילות חסדים".

חסדא אמורא אין בבל אין 3טן דור פון אמוראים, תלמיד פון אמורא רב, און נאָכער תלמיד חבר פון רב הונא; מען האָט אים גערופן „חסיד פון בבל" (תענית כ"ג); געווען ראש ישיבה אין דער שטאָט סורא (חולין ק"י); זיינע הלכות זענען פאַראַן אין פיל ערטער אין דער גמרא; אין ברכות ה' זאָגט ער, אַז אויב אַ מענטש האָט יסורים, זאָל ער זיין מפשפש במעשיו (נאָכזוכן זיינע מעשים, טאָמער האָט ער געזינדיקט), און אויב ער האָט נישט געפונען קיין חטאים, זאָל ער דאָס אָנהענגען אין ביטול תורה; אין ברכות כ"ט איז פאַראַן פון אים די „תפילות הדרך" (תפילה וואָס מען זאָגט איידער מען גייט אין וועג אַריין).

חסדאי, אברהם הלוי (געלעבט אין שפּאַניע, אין באַרצעלאָנאַ, לערך 1230), באַרימטער מאַראַליסט, איבערזעצער; איבערזעצט פון אַראַביש אין העברעאיש ווערק פון אַריסטאָטעלעס, דעם „ספר היסודות" פון רבי יצחק הישראלי, דעם „אגרת תימן" פון רמב"ם; זיין וויכטיקסט ווערק איז דער „בן המלך והנזיר". דאָס איז די דערציילונג ווי אַ קעניג האָט געהאַט אַ זון, וועמען ער האָט געוואָלט פאַרשאַפן אַלע פאַרגעניגנס און באַזייטיקן פון אים אַלע ליידן; ער האָט דעריבער אים אַרומגערינגלט מיט אַלע טייערע זאַכן, נישט געלאָזט אים קומען אין באַרירונג מיט מענטשן, וועלכע ליידן, כדי ער זאָל נישט וויסן, אַז עס איז פאַראַן ליידן אויף דער וועלט. איינמאָל האָט

דער קעניג־זון אויף זיין שפּאַציר רייזע דערזען מענטשן קאַליקעס, און פון זיי האָט ער דערפאַרן וועגן די ליידן פון מענטש; דאָס האָט אים אַריינגעבראַכט אין גרויס טרויער, ביז ער האָט זיך באַקענט מיט אַ נזיר, וועלכער האָט אים געלערנט מיט משלים און דברי מוסר ווי אַזוי צו לעבן אויף דער וועלט אין פּרישות, ממאס זיין די תאוות פון עולם הזה, וועלכע זענען נאַריש. דאָס ספר איז געשריבן אין אַ שיינער ליטעראַטור העברעאישער שפּראַך; דאָס איז אייגנטלעך אַ באַאַרבעטונג פון אַן אַראַביש בוך. אין מיטלאַלטער איז אַרומגעגאַנגען אין דער קריסטלעכער וועלט אַ ענלעך בוך מיטן נאָמען „באַרלאַאַם און יאָסאַפאַט״; דער געלערנטער שטיינשניידער האָט אָנגעוויזן אַז די דאָזיקע ביידע ווערק, דער „באַרלאַאַם״ און „בן המלך והנזיר״ זענען די באַאַרבעטונג פון דער אינדישער לעגענדע וועגן בודהאַ.

חסדאי אבן שפרוט זע „שפרוט״.

חסיד, יהודה זע זוכוואָרט „יהודה החסיד״.

חסיד, חסידות, חסידים מען דאַרף איינטיילן די דערשיינונג פון חסידות אין דער יידישער געשיכטע אין צוויי באַזונדערע טיילן: 1) דאָס אַלטע חסידות ביז דער צייט פון רבי ישראל בעל שם טוב (לערך אין דער מיט פון 18טן יאָרהונדערט); 2) די נייע חסידישע באַוועגונג און שיטה, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך רבי ישראל בעל שם טוב; וועגן דער דאָזיקער נייער חסידות געבן מיר ביים זוכוואָרט „חסידות פון בעל שם טוב אָן״; דאָ ווילן מיר געבן וועגן דעם אַלטן „חסידות״. — אין תנ״ך געפינען מיר אָפּטמאָל די באַצייכענונג „חסיד״ פאַר אַ פרומען מענטש, וועלכער טוט צדקות; אַפילו וועגן גאָט ווערט געזאָגט אין ירמיה ג׳ „כי חסיד אני״ וואָרים איך בין אַ חסיד, דאָס הייסט, איך טו צדקות צו מענטשן; דער נביא מיכה ז׳ קלאָגט זיך „אבד חסיד״, עס איז פאַרשוואונדן געוואָרן דער טיף מענטש וואָס טוט צדקות; אין תהלים קמ״ט ווערט אַפילו אָנגעוויזן אויף דער עקזיסטענץ פון אַ גרופּע פרומע מענטשן, וואָס האָבן געהייסן „חסידים״, („תהלתו בקהל חסידים״). — עס איז זיכער אַז אין דער צייט פון דער גזרת־השמד פון סירישן קעניג אַנטיוכוס עפּיפאַנעס אויף די יידן אין ארץ־ישראל, איידער די חשמונאים האָבן געמאַכט דעם באַפרייאונגס אויפשטאַנד (אין 2טן יאָרהונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייט־רעכענונג), איז געווען ביי יידן אַ באַזונדערע גרופּע חסידים, זייער פרומע יידן, וועלכע האָבן אויף קיין פאַל נישט געוואָלט נאָכגעבן די פאָדערונגען פון אַנטיוכוס און האָבן זיך געלאָזט טויטן און נישט עובר געווען אויף די קעניגלעכע געבאָטן; זייער נאָמען חסידים געפינען מיר אין דעם גריכישן טעקסט פון די כתובים־אחרונים־ספרים „חשמונאים״ וואו זיי הייסן אין גריכיש „אַסידעאַי״ (חסידעער, „חסידים״). וועגן דעם גרויסן יידישן חכם, וואָס האָט געלעבט אין דער חשמונאים־צייט און איז אומגעקומען אויף קדוש השם, יוסי בן יועזר, ווערט געזאָגט אין דער משנה חגיגה ב׳ אַז ער איז געווען אַ „חסיד״; עס איז פאַראַן אַ וויכטיקע פראַגע, צי די דאָזיקע חסידים פון דער חשמונאים־צייט האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דער איסיים־סעקטע (זע זוכוואָרט „איסיים״); די מיינונגען פון די געלערנטע (ווייס אין „דור דור ודורשיו״, ראַפּאָפּאָרט אין „תולדות״, גרעץ אין „דברי ימי ישראל״ און אַנדערע) זענען וועגן דעם צעטיילט. אין דער משנה און גמרא געפינען מיר אָפט דעם טיטל חסיד און „חסידים הראשונים״ (די „אַמאָליקע חסידים״); אין

ברכות ה' זאָגט די משנה אַז די חסידים הראשונים האָבן געדאַווענט מיט גרויס כוונה; די משנה און גמרא ברענגען דעם אויסדרוק „חסידות“, און די משנה צום סוף סוטה (אין די משניות) זאָגט רבי פּנחס בן יאיר „חסידות מביאה לידי רוח הקודש“ (חסידות ברענגט צו רוח הקודש), און אין טייל נוסחאות איז פאַראַן, אַז „רוח הקודש פירט צו חסידות“, דאָס הייסט, אַז חסידות שטייט נאָך העכער. אין סוכה נ"א געפינען מיר דעם אויסדרוק „חסידים ואנשי מעשה“; זייער אָפט געפינען מיר אין דער גמרא סיפּורים וואָס הויבן זיך אָן מיט די ווערטער „מעשה בחסיד אחד“ (עס איז געווען אַמאָל אַ מעשה מיט איין חסיד); ווי למשל די וואונדערלעכע דערציילונג אין ברכות י"ח ווי דער חסיד האָט גענעכטיקט אויפן בית הקברות און געהערט ווי די מתים רעדן צווישן זיך. לויט איין מיינונג זאָל מען מיט „מעשה בחסיד אחד“ אומעטום מיינען דעם תנא רבי יהודה בן בבא אָדער רבי יהודה בר אילעאי די גמרא אין בבא קמא ל' זאָגט, אַז ווער עס וויל זיין אַ חסיד זאָל מקיים זיין די ווערטער פון אבות, דאָס הייסט, די עטישע רעליגיעזע אָנווייזונגען פון דער משנה אין פּרקי אבות; דאָרט ווערט אויך געבראַכט די מיינונג, אַז אַ חסיד דאַרף זיין נזהר אין נזיקין, נישט ברענגען אַנדערע קיין שאָדן, און אויך אין „מילי דברכות“, וואָס טייל טייטשן אויס אַלס די פרומע ווערטער וואָס ווערן געבראַכט אין מסכתא ברכות, אָדער אין די דינים פון ברכות־מאכן; אין ירושלמי סוף ברכות ווערט געבראַכט אַ ספר חסידים. עס איז אויך פאַראַן „חסידי אומות העולם“ (חסידים ביי נישט־יידישע פעלקער). אין דער גמרא ווערט אָנגעוויזן אַז טיילמאָל איז איינער צופיל חסיד און דאָס טויג נישט; אַזאַ מענטש ווערט אָנגערופן אין סוטה כ"א „חסיד שוטה“ (נאַרישער חסיד) און די גמרא גיט אַ ביישפּיל, אַז אַזאַ חסיד זעט ווי אַ פרוי טרינקט זיך אין טייך און וויל איר נישט ראַטעווען ווייל עס איז נישט פרום צו קוקן אויף אַ פרוי. — אויך אין די שפּעטערע צייטן פון די גאונים אין בבל און נאָך שפּעטער אויך אין אַנדערע לענדער באַמערקן מיר דעם טיטל חסיד און די מידות פון חסידות ווערן שטאַרק געלויבט. אין די סיפּורי מעשיות פון רבנו נסים געפינען מיר אָפט דעם „מעשה בחסיד אחד“. דער מחבר פון „חובות הלבבות“ רבנו בחיי איז אָנגערופן געוואָרן „החסיד“, און וואַרשיינלעך איז זיין ספר באַטראַכט געוואָרן אַלס די הויפּט־יסודות פון חסידות. אין דייטשלאַנד, אין 12טן און 13טן יאָרהונדערט זענען געווען אַ גרופּע גרויסע יידישע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געהאַט דעם טיטל חסידים און האָבן זיך אויפגעפירט לויט די שטרענגסטע מידות פון חסידות. זייער פירער און רבי איז געווען רבי יהודה החסיד; די דאָזיקע גרופּע איז באַקאַנט מיטן נאָמען חסידי אשכנז; זיי זענען געניגט געווען צו מיסטיק. מען דערציילט וועגן זיי מופתים; זייערע הויפּט־ספרים זענען דער „ספר חסידים“ און די ספרים פון רבי אלעזר רקח (זע „אלעזר רקח“ און „יהודה החסיד“); פּרטים וועגן דער דאָזיקער חסידי־אשכנז־באַוועגונג קאָן מען געפינען אין גידעמאַנס „התורה והחיים“ ערשטן טייל; אויך אין אַנדערע לענדער טרעפט מען חסידים (רבנו יונה החסיד און אַנדערע). — זע זוכווערטער „איסיים“, „חשמונאים“, „יהודה החסיד“.

חסידות פון בעל שם טוב אָן

ווען מען באַהאַנדלט די חסידות־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון רבי ישראל בעל שם טוב און דויערט ביז היינט און האָט געהאַט דעם אומגעוויינלעך גרויסן איינפלוס אויפן רעליגיעזן

און געזעלשאפטלעכן יידישן לעבן, מוז מען איינטיילן די אפהאנדלונג אין צוויי טיילן: אין דער „געשיכטע" פון חסידות און אין דער „שיטה" פון חסידות. די דאזיקע ביידע טיילן זענען איינגנטלעך דורכגעוועבט איינער אין צווייטן, אבער א געוויסע גרעניץ קאן מען דורכפירן. — געוויינלעך איז אנגענומען, אז דער גרינדער פון חסידות, איז געווען רבי ישראל בעל שם טוב (בעש"ט), וועלכער האט געלעבט צוערשט אין מזרח־גאליציע און דערנאך אין פאדאליע (שטאט מעזשיבוזש) לערך פון יאר ת"ס (1700) ביז דעם יאר תק"כ (1760), ווען ער איז נפטר געווארן (פרטים וועגן לעבן פון רבי ישראל בעל שם טוב זע זוכוואָרט „בעל שם טוב"). די דאזיקע „התגלות" פון בעל שם טוב איז פארגעקומען לערך דעם יאר תצ"ז (1737), און באלד האבן זיך ארום אים גענומען זאמלען חסידים, צווישן וועלכע עס זענען געווען אויך גרויסע רבנים, לומדים (רבי ר' בער פון מעזריטש, רבי יעקב יוסף פון פולנאה, רבי פנחס פון קארעץ, רבי מאיר מרגליות פון זשולקעוו און אנדערע) און ער האט זיי געלערנט דעם נייעם דרך אין יידישקייט. אבער די נייע פארשונג פון דער געשיכטע פון חסידות ווייזט אויף, אז שוין איידער דער בעל שם טוב איז נתגלה געווארן, זענען געווען אין די שטעט פון מזרח־גאליציע און פאדאליע גרופעס חסידים, וועלכע האבן אפילו געהאט באזונדערע שטיבלעך צום דאווענען, געגאנגען אנגעטאן אין ווייסע כאלאטן, געדאוונט לויט די כוונות פון דער קבלה פון רבי יצחק לוריא (נוסח ספרד און כוונות אר"י); אפילו דער „שבחי הבעש"ט", וואס גיט איבער אין א לעגענדארער פארם די לעבנס־באשרייבונג און מופתים פון בעל שם טוב (געדרוקט קאפוסט תקע"ה) דערציילט וועגן „כת החסידים הגדולים" וואס זענען געווען אין די שטעט איידער דער בעל שם טוב איז נתגלה געווארן. אבער דאס דאזיקע חסידות איז געווען נאר פאר יחידי סגולה, איינצלנע גרויסע יידן, מקובלים, דאקעגן דער בעל שם טוב האט דער ערשטער געמאכט פון חסידות די ברייטע באוועגונג, וואס האט ארומגענומען אלע, לומדים און פשוטע יידן, מקובלים און נישט־מקובלים. אפילו איינפאכע יידן, וואס זענען אנגעהארעוועט געווען א גאנצע וואך פון שווערער ארבעט און געפירט אן ארעם שווער לעבן און האבן קוים געקאנט זאגן א קאפיטל תהלים, האבן געפונען פאר זיך א פלאץ און א טרייסט און אן אויסלעבן זיך אין דעם חסידות פון בעל שם טוב. אחוץ די פילאזאפיש־רעליגיעזע און עטיש־מאראלישע געדאנקען, וואס דער בעל שם טוב האט מיט זיין חסידות אריינגעבראכט, ריכטיקער געזאגט, געמאכט אויפלעבן אין יידישקייט, און וואס האבן אויף די ברייטע מאסן פון חסידים נישט געהאט אזא גרויסן איינפלוס, האט דאס חסידות פון בעל שם טוב זייער געענדערט דאס רעליגיעז געזעלשאפטלעכע לעבן פון די ברייטע מאסן, פון די חסידים. עס איז נישט געווען אזוי וויכטיק דאס וואס חסידים האבן אנגעהויבן צו דאווענען מיטן נוסח ספרד אדער זאגן שטיקלעך זוהר, נאר דאס וואס ביז דעמאלט איז יעדער געווען אפגעריסן, באזונדער, פארחושכט, אליין, אן טרייסט, אן חברותא, אן א פירער און שיצער; דער בעל שם טוב האט גענומען די אלע און זיי געגעבן חברותא און פירערשאפט און דעם גלויבן אין דער איבערנאטירלעכער הילף, אין דעם וואונדער, וואס זיי קאנען האבן אין זייערע צרות דורך דעם רבי, דורך דעם צדיק. די אנהענגער פון דער נייער באוועגונג, די חסידים, האבן גענומען דאווענען אין באזונדערע שטיבלעך, וואו זיי האבן זיך געפילט אלע גלייך; מען האט אפט געגעסן צוזאמען סעודות

של מצוה, אין א ראש חודש צי א יום־טוב, צי אין א האלב־יום־טוב (חנוכה, ל״ג־בעומר וכדומה); מען האט אפט גענומען בחברותא אביסל בראנפן און זיך געזאגט „לחיים״, און דערביי דערציילט מעשיות אדער נאכגעזאגט א חסידיש ווארט, אדער זיך איבערדערציילט פון הארץ די עגמת נפשן און מען האט זיך געזוכט איינער דעם צווייטן צו העלפן. אמאל אויף א יום־טוב צי א שבת, באזונדערס אויף ראש השנה און שבועות, איז מען געפארן צום רבין, וואו מען האט זיך געטראפן מיט חסידים פון אנדערע שטעט און עס איז פארגעקומען די התקרבות הלבבות. אויב איינער האט געהאט עפעס אן אומגליק, האט ער געבעטן דעם רבין אז ער זאל מתפלל זיין פאר אים, און אפילו נישט אין אן אומגליק האט מען אויך אפגעגעבן דעם רבין א קוויטל וועגן געזונט, פרנסה, וועגן רוחניות אין עבודת ה׳. די דאזיקע אינסטיטוציע פון רעליגיעז־געזעלשאפטלעכן לעבן פון חסידות האט דער בעל שם טוב איינגעפירט, און דאס, — נישט די אבסטראקטע שיטה פון חסידות, פון וועלכער דער המון חסידים האט אפילו נישט געוואוסט, — האט געהאט דעם אומגעוויינלעכן איינפלוס און האט גע־ענדערט דעם רעליגיעזן לעבן פון מיליאנען יידן. דערצו האבן אויך מיטגעווירקט די פשוטע, עטיש־מאראלישע ווערטער פון חסידות (נישט די טיפע, און מייסטנס נישט־קלארע תורות און רמזים), וועלכע זענען אייגנטלעך גענומען געווארן פון די אלטע פריערדיקע יידישע ספרים, פון תנ״ך אן און דער גמרא און מדרש און ספרי מוסר, וועגן נישט האלטן זיך גרויס, אהבת ישראל (הארציק ליב האבן און העלפן איינער דעם צווייטן), מעשים טובים, בכל דרכיך דעהו (אז גאט דארף מען דינען מיט אלע מעשים נישט דוקא מיט לערנען און דאווענען, נאר אויך אין עסן, האנדלען וכדומה). דאס איז געווען די גרויסע ענדערונג אין רעליגיעז־געזעלשאפטלעכן לעבן. — שוין אין דער צייט ווען דער בעל שם טוב האט געלעבט האט זיין נייע באוועגונג געהאט ארויסגערופן א גרויסע קעגנערשאפט פון דער אפיציעל־לומדישער און קהלה־וועלט, וועלכע האבן געדענקט די מהומה וואס עס האט נישט לאנג צוריק געהאט ארויסגערופן די באוועגונג פון פאלשן משיח שבתי צבי און נאכער פון יעקב פראנק (זע „שבתי צבי״ און „פראנק״), און זיי האבן מורא געהאט, אז פון דער דאזיקער אפזינדערונג פון די חסידים זאל נישט אמאל אנטשטיין א נייע רעליגיעזע סעקטע. אבער קיין שארפע פארם האט די קעגנערשאפט נישט אנגענומען. דאס ספרל „שבחי הבעש״ט״ דערציילט אז מען האט גערופן דעם בעל שם טוב צו די פרנסים פון די קהלות און גרויסע רבנים און אים געמאכט פארוואורפן; אבער וועגן א שארפער קעגנערשאפט הערט מען נישט דערמאלט. ווען דער בעל שם טוב איז נפטר געווארן אין יאר תק׳כ, איז די באוועגונג שוין געווען גענוג גרויס, און ווי עס דערציילט דער שארפער חסידים־קעגנער לייבל (אין זיין דייטשער בראשור, געדרוקט אין פראנקפורט ד׳ אדר 1799, אלזא מיט 39 יאר שפעטער) זענען בעת דעם טויט פון בעל שם טוב שוין געווען מער ווי 10 טויזנט חסידים. נאכן טויט פון בעל שם טוב זענען פארשידענע תלמידים זיינע געווארן רביים אין א ריי שטעט, ווי רבי פנחס קארעצער, רבי יעקב יוסף אין פולנאה, רבי לייב מוכיח אין פולנאה און אנדערע; אבער דער גרעסטער טייל חסידים האבן גענומען פארן צום רבי ר׳ בער, באקאנט אלס מגיד פון מעזריטש (פרטים וועגן זיין לעבן אין זוכווארט „בער״), וועלכער האט די חסידישע באוועגונג פארברייטערט,

ארומגעשיקט שליחים (רבי ישראל פּאָלאָצקער, רבי לייב שרהס און אַנדערע) מקרב צו זיין וואָס מער יידן צום חסידות. אין אַלגעמיין האָט ביזן טויט פון בעל שם טוב די חסידישע באַוועגונג אַרומגענומען נאָר די געגנט פון מזרח־גאַליציע ביי דער גרענעץ, פּאָדאָליע און אַ טייל וואָלין; דאַקעגן אין רייסן, ליטע, דעם ריכטיקן גאַליציע, פּוילן, איז די חסידישע באַוועגונג מיט קליינע אויסנאַמען, כמעט נישט געווען צו באַמערקן. ערשט דער רבי ר' בער האָט דורך זיינע שליחים צוגעצויגן צו דער חסידישער באַוועגונג אויך יונגעלייט פון רייסן און ליטע אין דער געגנט פון וויטעפּסק, מינסק, גראָדנע און אפילו ווילנע, וואָס איז דעמאָלט געווען דער צענטער פון לומדות און וואו עס האָט דעמאָלט געלעבט דער גרעסטער למדן רבי אליהו, דער ווילנער גאון. די ווירקונג איז געווען אַ גרויסע. עס זענען צוגעשטאַנען צום חסידות לומדישע יונגעלייט פון רייסן און ליטע (ווי רבי שניאור זלמן, שפּעטערער גרינדער פון די ליובאַוויטשער דינאַסטיע און חב"ד־חסידות און אַנדערע). אויך אין פּוילן האָט מען אָנגעהויבן שוין באַמערקן דאָס חסידות אין דער געגנט פון זשעלעכאָוו (רבי לוי יצחק, שפּעטערער רב אין בערדיטשעוו, מחבר פון „קדושת לוי"), אין קאָזשעניץ (רבי ישראל דער מגיד) און אַנדערע שטעטלעך פון וואַנעז יונגעלייט האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן צום רבי קיין מעזריטש. אין אַ סך שטעדט זענען אַנטשטאַנען באַזונדערע חסידים־שטיבלעך, וואו די חסידים האָבן געדאַווענט באַזונדער אין נוסח ספרד, אַנדערש ווי עס איז געווען אָנגענומען (נוסח אשכנז) אין די שולן פון די קהלות. זיי האָבן אפילו געהאַט באַזונדערע אַנדערע מנהגים (שלייפן דעם חלף פון דער שחיטה וכדומה); מען האָט געלעבט בחברותא, זיך געפרייט צוזאַמען, דערציילט ספורי מעשיות וועגן די מופתים פון רבי. דאָס האָט אַרויסגערופן אין דער אָפיציעל־לומדישער וועלט די גאָר שאַרפע קעגנערשאַפט; די לומדים, וועלכע חסידים האָבן אָנגערופן מתנגדים, קעגנער, האָבן נאָכגעזוכט אין די חסידישע תורות פון די רביים ווערטער, וועלכע די לומדים האָבן באַטראַכט, אַז זיי זענען קעגן יידישקייט. עס איז אַנטשטאַנען אַ שטורם פון קעגנערשאַפט קעגן דער חסידישער באַוועגונג און אין איר שפּיץ איז געשטאַנען רבי אליהו דער ווילנער גאון, און אין רעזולטאַט דערפון זענען פאָרגעקומען אסיפות פון די מתנגדישע רבנים און קהלות־פירער אין ווילנע און בראָד אין יאָר תקל"ב (1732) און מען האָט דערקלערט אַ חרם אויף חסידים און די רביים. די צייט פון דאָזיקן חרם איז נישט גענוי פעסטגעשטעלט; פין אין „קריה נאמנה" האַלט אַז ער איז פאָרגעקומען אין תקל"ז; גרעץ אין „דברי ימי ישראל" חלק ט' ציון 2 האַלט זיך ביי דער דאַטע פון תקל"ב־ל"ג. אין יאָר תקל"ג י"ט כסלו איז דער רבי ר' בער געשטאָרבן, און ווי די חסידישע טראַדיציע דערציילט האָט ער אָנגעזאָגט זיינע תלמידים, אַז זיי זאָלן גאָרנישט אָפּענטפערן די מתנגדים און נישט פאַרפאָלגן זיי, כדי נישט מער צו פאַרגרעסערן דאָס פייער פון מחלוקה. — ווען דער רבי ר' בער איז געשטאָרבן איז מער נישט געווען קיין איין צענטראַלער רבי פאַר אַלע חסידים, וועמענס צאָל האָט דערגרייכט ביז 50 טויזנט. דער רבי ר' בער איז עס נאָך יאָ געווען, הגם שוין אין זיין צייט זענען געווען אויך אַנדערע רביים. נאָכן טויט פון רבי ר' בער האָבן זיך געשאַפן אין פאַרשידענע שטעט צענטערס פון חסידות, באַזונדערע רביים. עס איז אמת, אַז אַלע חסידים זענען ווייטער געווען פאַרייניקט אין די הויפּט־יסודות פון חסידות, אין די דערמאָנטע רעליגיעז־געזעל־

שאַפטלעכע מנהגים: באַזונדערע שטיב־
לעך, די אמונה אין אַ רבי איבערהויפּט,
דאָס זיין בחברותא, פאָרן צום רבין אויף
שבת צי יום־טוב, אָפּגעבן קוויטלעך, דאַ־
ווענען נוסח ספרד וכדומה. אָבער צוליב
דעם וואָס עס זענען געוואָרן פאַרשידענע
רביים, האָט מיט דער צייט דאָס חסידות
ביי יעדן איינעם פון זיי אָנגעהויבן אָנ־
צונעמען געוויסע אַנדערע פאָרמען. אין
גאַליציע האָט זיך באַזעצט, אין דער
שטאָט ליזשענסק, דער רבי ר' אלימלך
(עס זענען געווען נאָך אַנדערע רביים
אין גאַליציע, ווי ר' מיכל דער מגיד פון
זלאָטשעוו און אַנדערע, אָבער זיי האָבן
נישט געהאַט דעם גרויסן איינפלוס אין
דער פאַרשפּרייטונג פון חסידות), וועל־
כער האָט באַוויזן ווירקלעך צוצוציען צום
דרך החסידות אַ סך תלמידים און פּשוטע
יידן. ער האָט פאַרשפּרייט דאָס חסידות
נישט נאָר אין מזרח־גאַליציע נאָר אויך
אין מערב־גאַליציע (געגנט פון קראָקע)
און טיילן פון דרום־פּוילן. זיין דרך הח־
סידות איז געווען דאָס פאַרשפּרייטן די
אמונה אין צדיקים, נאָכמער פאַרשטאַרקן
דאָס געזעלשאַפטלעכע חסידות, דאָס
התחברות, זיין צוזאַמען, דאָס מקרב זיין
פּשוטע יידן צו יידישקייט דורך תהלים־
זאָגן מיט כוונה. זיין ספר „נועם אלי־
מלך", וואָס איז געווען איינער פון די
ערשטע געדרוקטע ספרים וועגן חסידות,
האָט אין דער הינזיכט געהאַט אַ גרויסע
השפּעה, און זיין „צעטעל קטן", וועגן
דעם ווי אַזוי דער חסידישער ייד דאַרף
זיך אויפירן, איז געוואָרן געלערנט. ווען
דער רבי ר' אלימלך פון ליזשענסק איז
געשטאָרבן (אין יאָר תקמ"ז) האָבן זיי־
נע תלמידים נאָכמער פאַרשפּרייט דאָס
חסידות פון זייער רבין; די תלמידים זע־
נען געווען רבי יעקב יצחק (רבי פון לוב־
לין), רבי אברהם יהושע העשל (אַפּטער
רב), רבי מענדל רימאַנאָווער, רבי משה
לייב סאַסעווער און אַנדערע. די באַדיי־
טנדסטע זענען געווען דער רבי פון לובלין
און רבי מענדעלע רימאַנאָווער, וועלכע
האָבן פאַרשפּרייט דאָס חסידות אויך גע־
אָגראַפיש דאָס הייסט, זיי האָבן דעם
דרך החסידות איינגעפירט אין אַזעלכע
געגנטן פון גאַליציע און פּוילן וואו עס
איז פריער נישט געווען. פון זיי און אויך
דורך נאָך אַ תלמיד פון רבי ר' בער, נעמ־
לעך, דורך רבי ישראל דעם מגיד פון
קאָזשעניץ, האָט דאָס חסידות אַריינגע־
דרונגען אין אייגנטלעכן פּוילן צו דער
געגנט פון וואַרשע און איז אַזוי אַרום גע־
וואָרן אַ גרויסע באַוועגונג.

אַ גאַנץ אַנדערע שיטה האָט אָנגענומען
דאָס חסידות פון אַן אַנדערן תלמיד פון
רבי ר' בער, נעמלעך, פון רבי שניאור
זלמן פון לאַדי, גרינדער פון דער ליובאַ־
וויטשער רביים־דינאַסטיע. נאָך דער
פּטירה פון רבי ר' בער איז אייגנטלעך
געוואָרן רבי אין דער געגנט פון רייסן
און ליטע רבי מענדעלע פון וויטעבסק,
נאָר נאָך זיין אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל,
איז רבי שניאור זלמן געוואָרן דער מנהיג
פון חסידות. ער איז געווען אַ גרויסער
למדן און מקובל, און ער האָט זיין חסי־
דות באַגרינדעט אויף לומדות און קבלה,
שאַפנדיק די שיטה פון חב"ד און אַ דאַנק
דעם וואָס ער האָט געגעבן דעם חסידות
דעם כאַראַקטער פון לומדות און קבלה,
האָט ער געוואונען פאַר דעם חסידישן
וועג אויך לומדישע יונגעלייט פון ליטע,
אפילו פון ווילנע. דעריבער האָט ער גע־
צויגן אויף זיך די שאַרפסטע קעגנער־
שאַפט פון די מתנגדים, און די אַרויס־
טרעטונגען קעגן אים האָבן אָנגענומען די
שאַרפסטע פאָרמען ביז מסירות, צוליב
וועלכע רבי שניאור זלמן איז געווען עט־
לעכע מאָל אַרעסטירט (וועגן דער שיטה
פון חב"ד און דער מחלוקה זע ביים זוכ־
וואָרט „שניאורסאָן"). אָבער פאַרפאַל־
גונגען האָבן שטענדיק געהאַט די פּונקט
פאַרקערטע ווירקונג, און דאָס חסידות

איז דורך די פֿאַרפֿאָלגונגען געוואָרן נאָכ־
מער פֿאַרשטאַרקט.

אַ שטאַרקע שיטה פֿון חסידות איז גע־
ווען אין וואָלין, אין אוקראַינע. דאָרט
האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה די רביים־
דינאַסטיע פֿון טשערנאָביל (צוערשט רבי
נחום און דערנאָך רבי מרדכי און נאָ־
כער זיינע קינדער), ווי אויך די אייניק־
לעך פֿון בעל שם טוב, רבי ברוך פֿון מע־
זשיבוזש, און רבי נחמן פֿון בראַסלאַוו
(נאָכער אין אומאַן); עס זענען געווען
נאָך אַ ריי אַנדערע גרויסע רביים אין
וואָלין און אוקראַינע, ווי רבי לוי יצחק
פֿון בערדיטשעוו („קדושת לוי"), דאָס
אייניקל פֿון בעל שם טוב, ר' משה חיים
אפרים („דגל מחנה אפרים") און אַנדע־
רע. אָבער זיי האָבן געווירקט מער מיט
זייער פּערזענלעכקייט און ספרים, דאַ־
קעגן האָבן זיי נישט געהאַט די גרויסע
השפּעה ביים אָרגאַניזירן דאָס חסידות
געזעלשאַפֿטלעך, פֿאַרשפּרייטן די באַווע־
גונג. דאָס וואָלינער חסידות איז מיט
דער צייט געוואָרן מער אַ מופֿתים־ און
סגולות־חסידות; דער מופֿת און די סגו־
לה האָט אין אַלגעמיין געשפּילט אין חסי־
דות אַ גרויסע ראָלע, און האָט געהאָלפֿן
צו דער פֿאַרשפּרייטונג פֿון דער באַווע־
גונג. אָבער אין וואָלינער חסידות האָט
דער מופֿת און די סגולה, דאָס גלויבן אין
דער הילף פֿון צדיק, מיט זיך פֿאַרדעקט
אַלע אַנדערע עלעמענטן פֿון דער חסידי־
שער שיטה. אין רבי נחמן בראַסלאַווערס
חסידות האָט דער ענין פֿון אמונה אין
צדיק אַלס דער יסוד פֿון דער וועלט, דער־
גרייכט צו דער העכסטער שטופֿע; נישט
נאָר אין גשמיות נאָר אויך אין רוחניות
איז דער חסיד געווען אינגאַנצן אָפּהענ־
גיק פֿון צדיק (וועגן רבי נחמנס חסידות
זע „נחמן בראַסלאַווער"). וועלכער פֿירט
זיינע חסידים נישט נאָר ביים לעבן נאָר
אויך נאָכן טויט.

עס זענען פֿאַראַן טייל היסטאָריקער
וואָס טיילן איין די געשיכטע פֿון חסי־
דות אין צוויי טיילן: אין דעם קלאַסישן
טייל, דאָס הייסט די צייט פֿון בעל שם
טוב און זיינע תלמידים און עטוואָס
שפּעטער ביז דער צייט פֿון רבי ר' אלי־
מלך און רבי שניאור זלמן פֿון לאַדי —
און דעם שפּעטערן טייל, וואָס זיי באַ־
טראַכטן אַלס די „דעגענעראַציע פֿון
חסידות", דאָס אַראָפּגיין באַרג־אַראָפּ,
דאָס פֿאַרלירן דעם חסידישן אידעאַליזם
און פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ „געשעפֿט"
פֿון די רבייאישע הויפֿן און גבאים און
משמשים און אַרויסבאַקומען וואָס מער
געלט פֿון די חסידים אַלס פּדיונות פֿאַר
מופֿתים, פּוקד עקרות־זיין, שפּילן פּאָלי־
טיק, אַריינזעצן אין די קהלות אייגענע
רבנים, שוחטים, אַ געזעלשאַפֿטלעך־
וועלטלעכע הערשאַפֿט אָן דעם רעליגיעזן
אידעאַליזם. אָבער די דאָזיקע מיינונג
איז נישט קיין ריכטיקע. דאָס חסידות
האָט אויך שפּעטער באַזעסן דעם זעלבן
אידעאַלן ליכט־שיין ווי פֿריער. אין
פּוילן האָבן אויפֿגעשיינט די תלמידים פֿון
רבי פֿון לובלין, ווי רבי יעקב יצחק („ייד
הקדוש") פֿון פּשיסכע, זיין תלמיד רבי
ר' שמחה בונם, און זיינע תלמידים רבי
מענדל פֿון קאָצק, רבי יצחק פֿון וואָרקע,
רבי יצחק מאיר פֿון גער און אַנדערע,
וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אין פּוילישן
יידנטום דאָס ליכט פֿון אידעאַלן חסידות
אין זיין שענסטער פֿאָרם, אין לומדות,
אינערלעכקייט, התחברות. דאָס זעלבע
איז געווען מיטן חסידות פֿון חב"ד (ליו־
באַוויטש) אין רייסן און זיינע אָפּצוויי־
גונגען. אויך אין גאַליציע און וואָלין
האָט דאָס חסידות, אין די פֿאַרשידענע
שאַטירונגען פֿון זידעטשעוו, ראָפּשיץ,
בעלז, צאַנז און אַפֿילו סאַדיגורע, און
געוויס שוין דאָס חסידות פֿון רבי נחמן
בראַסלאַווער אין אוקראַינע, דורך זיין
תלמיד רבי נתן נעמיראָווער און נאָכער
דורך די אומאַנער תלמידים, געהאָלפֿן

אריינטראגן אין יידישן לעבן אינערלעכקייט, טרייסט, אמונה, און צוזאמענלעבן פון מאסן יידן.

ווי עס איז שוין פריער געזאגט געווארן זענען אייגנטלעך די לערעס פון חסידות, אירע שיטות נישט קיין נייע זאך אין יידנטום. ווען מען לערנט גרינטלעכער די אלטע יידישע ספרים, אנהויבנדיק פון תנ"ך, דורך דער משנה (באזונדערס „פרקי אבות"), גמרא און מדרשים און נאכער די ספרי מוסר פון מיטלאלטער, און באזונדערס אזא ספר ווי דער „חובות הלבבות" פון רבי בחיי, קאן מען געפינען אלע לערעס פון חסידות אן אויסנאם. עניוות, דאס נישט מאכן פון זיך גרויס אפילו ווען מען קאן לערנען, די כוונה פון דער מצווה און פון דאווענען, אהבת ישראל, דאס טאן אלץ בשמחה, אפילו די אמונה אין צדיקים אז זיי קאנען העלפן און באווייזן נסים—דאס אלץ קען מען געפינען אין די אלטע ספרים. דאס חסידות האט אבער באוויזן דאס אלץ צונויפצונעמען און אוועקצושטעלן עס אלם עיקר, נישט בלויז אין געדאנק נאר אין לעבן, אין פאקטישן טאג־טעגלעכן לעבן פון חסידות. עס איז פאלש די מיינונג, אז דאס חסידות האט געשאפן א פילאזאפישע שיטה וועגן געטלעכקייט, א סארט פאנטעאיזם, אז גאט און די וועלט איז איינס. עס איז ריכטיק, אז דאס חסידות האט איבערגענומען פון דער קבלה (וואס איז אייגנטלעך אויך באקאנט געווען אין פריערע ספרים) דעם „מלא כל עלמין", אז די געטלעכקייט איז פאראן אין יעדער זאך, אז אפילו אין שלעכטע זאכן זענען פאראן די הייליקע „ניצוצות", פונקן, וועלכע מען דארף מתקן זיין. אבער די אלע דאזיגע „טעאזאפישע' געדאנקען וועגן געטלעכקייט זענען נישט געווען דער עיקר פון חסידות, און די ברייטע מאסן און אפילו די לומדים פון חסידות האבן מייסטנס דערפון אפילו נישט געוואוסט. דאס חסידות איז געווען מער אין די גוטע מידות, אין כוונה שבלב, אין דער אמונה אין צדיקים, אין צוזאמענלעבן פון חסידים.

וועגן דער השפעה פון חסידות אויפן יידישן לעבן זענען געווען ביי די היסטאריקער צוויי מיינונגען. די אמאליקע משכילים און אויך געלערנטע היסטאריקער (קראכמאל, ראפאפארט, פערל, לעווינזאן, גאטלאבער, גרעץ און אנדערע) האבן געהאלטן דאס חסידות פאר א נעגאטיווע דערשיינונג אין יידישן לעבן, גלויבנדיק אז דאס האט פארשטארקט דעם אבערגלויבן ביי די מאסן, נישט דערלאזט צו וועלטלעכער בילדונג; איבערהויפט האבן זיי באטראכט נישט נאר די חסידישע רביים נאר אויך אלע פירער פון יידישער מיסטיק, פון קבלה, פאר פארפירער, פאר אפנארער זיך און אנדערע. דאקעגן זענען געווען א ריי אנדערע משכילים, וואס האבן אנגעוויזן אויף די גוטע זייטן פון חסידות. דער גרעסטער פון די דאזיקע פארטיידיקער איז געווען צווייפל, און זיין ספר „שלום על ישראל" (דריי בענדער) איז נישט נאר א פארטיידיקונג פון חסידות, נאר גיט אונדז די לערע און די געשיכטע פון חסידות. אין דער העבראאישער און יידישער ליטעראטור האט דאס חסידות געהאט א השפעה אויף א ריי דיכטער און שריפטשטעלער ווי י. ל. פרץ, בערדיטשעווסקי, הלל צייטלין. צו די שארפסטע קעגנער פון חסידות האט געהערט ש. י. איש הורוויץ (אין זיין „מאין ויאן"). — איבער דער געשיכטע פון חסידות זענען געשריבן געווארן פיל ווערק; די באדייטנדסטע זענען: צווייפעל „שלום על ישראל", גאטלאבער „תולדות הקבלה והחסידות" (זייער וויכטיקע דערינערונגען, וועלכע מען געפינט נישט אין ערגעץ), דוד כהנא „תולדות המקובלים והשבתאים" (זייער שוואך), אברהם

כהנא „ספר החסידות״, האראדעצקי „החסידות והחסידים״ (4 בענדער, אין לעצטן באנד וועגן לעבנסשטייגער פון חסידים; א קיצור אויך אין יידיש „דער חסידיזם און זיינע פירער), דובנאוום „תולדות החסידות״ (צוויי בענדער). — וועגן די חסידישע רביים געבן מיר ביי די איינצלנע זוכווערטער ווי „בעל שם טוב״, „בער״, „אלימלך״, „יעקב יצחק״, „נחמן״ און אזוי ווייטער.

חסידים, ספר זע „יהודה החסיד״.

חפני און פנחס צוויי זין פון עלי הכהן, כהנים אין משכן אין שילה; דער תנ״ך אין ספר שמואל א׳ ב׳ האט וועגן זייער אויפרונג א שלעכטע מיינונג; אין שמואל א׳ ד׳ ווערט דערציילט, אז אין דער מלחמה קעגן די פלשתים זענען חפני און פנחס אומגעקומען אויפן שלאכטפעלד.

חפץ חיים זע „ישראל מאיר״.

חצות דער טייטש איז „די צייטהעלפט״ (שמות י״א „כחצות הלילה״) און אין דער משנה ברכות א׳ און ד׳ און אנדערע ערטער ווי אויך אין דער גמרא ווערט עס געוויינלעך באנוצט צו באצייכענען דעם צייט־פונקט וואס טיילט די נאכט אויף צוויי העלפטן אדער דעם טאג אויף צוויי העלפטן. — פון פסוק אין תהלים קי״ט „חצות לילה אקום להודות לך״ און דער גמרא אין ברכות ג׳ אז דוד המלך פלעגט זיך אויפהויבן (דורך דעם פידל וואס האט אנגעהויבן צו שפילן פון ווינט) יעדע האלבע נאכט צו זעצן זיך לערנען, איז אנגענומען געווארן ביי גאר פרומע יידן דער מנהג זיך אויפצוהויבן אין דער האלבער נאכט און לערנען; די מקובלים ריכטן דעמאלט אפ „תיקון חצות״; דאס זענען קינות און תפלות אויף גלות השכינה און אויפן חרבן בית המקדש; דער „תקון חצות״ באשטייט פון 2 טיילן, פון „תקון רחל״ און „תקון לאה״; דער מנהג פון תקון חצות ווערט דערמאנט אין „זהר חדש״; די פיוטים צו תקון חצות זענען געשריבן געווארן פון רבי משה אלשיך, רבי חיים הכהן פון ארם צובא און אנדערע.

חק לישראל זע „מעמדות״.

חקירה פונם העברעאישן ווארט „חקר״ (פארשן) איז אנטשטאנען אין מיטלאלטער אין די יידישע ספרים דאס ווארט „חקירה״ צו באצייכענען די „רעליגיעזע פילאזאפיע״, דאס נאכפארשן די ריכטיקייט פון די עיקרי האמונה און אויסצוגלייכן די סתירות צווישן אמונה און וויסנשאפט; מיטן ווארט „חקירה״ האט מען אויך באצייכנט „פילאזאפיע״ איבערהויפט; דערפון איז געווען „חוקר״ און „חוקרים״ אלס באצייכענונג פאר „פילאזאף״, „פילאזאפן״; אין יידיש איז דערפון געווארן „חקרן״, א דענקער אין וועלט־זאכן. — וועגן דער רעליגיעזער פילאזאפיע זע זוכווארט „פילאזאפיע״.

חרבן מיטן ווארט חרבן (אויך „חורבן״) באצייכנט מען אין העברעאיש און יידיש „פארוויסטונג״, אמייסטן דורך מלחמה. אין דער יידישער געשיכטע זענען פאראן צוויי יוויכטיקע מאמענטן, וואס ווערן באצייכנט מיטן ווארט „חרבן״; דאס זענען דער „חרבן בית ראשון״ (חרבן פון ערשטן בית המקדש״) און דער „חרבן בית שני״ („חרבן פון צווייטן בית המקדש״) מען רופט זיי טיילמאל אויך „חרבן ירושלים״, ווייל גלייכצייטיג מיטן חרוב ווערן פון בית המקדש איז אויך חרוב געווארן די הויפטשטאט פון ארץ־ישראל ירושלים, אין וועלכער דאס בית המקדש איז געשטאנען. מען רופט זיי אויך סתם „חרבן הבית״ (משנה אין גטין פרק ח׳ „לחורבן הבית״). מיר וועלן דא געבן די הויפט־

פרטים ווען די דאזיקע צוויי געשעע־נישן, וועלכע האבן באדייט דעם סוף פון דער יידישער מלוכה און זעלבסטשטענ־דיקייט אין דעם אייגענעם לאנד, אין ארץ־ישראל, און דעם אנהויב פון גלות.

1) וועגן חרבן בית ראשון ווערט דער־ציילט אויספירלעך אין סוף ספר מל־כים ב' און אין ספר ירמיהו (די נבו־אות ביז קאפיטל מ'). דער לעצטער יידישער מלך אין ירושלים איז געווען צדקיהו, וועלכער איז געווען נישט פעסט אין זיין פאליטיק. אין ירושלים זענען דעמאלט געווען צוויי יידישע פאליטישע פארטייען: איינע האט געהאלטן, אז די אימפעריע פון בבל איז צו שטארק, אז מען זאל קאנען פירן א קאמף קעגן איר, און דעריבער דארף מען נאכגעבן אלע פאדערונגען פון נבוכדנאצר מלך בבל, דאס הייסט, ווערן א וואסאל־לאנד פון בבל, און פאלגן אלץ וואס בבל פאר־לאנגט; די אנדערע פארטיי, די פאטריא־טישע, אן וועמענס שפיץ עס זענען גע־שטאנען די מייסטע שרי החיל, די מי־ליטער־פירער, האבן געהאלטן, אז מען דארף זיך נישט אונטערגעבן, האפנדיק צו באקומען הילף קעגן בבל פון מצרים און אנדערע לענדער. מיט דער ערשטער פארטיי האט געהאלטן דער נביא ירמיהו, וועלכער האט אין זיינע נבואות פארגע־זאגט, אז אין א מלחמה וועט ירושלים פאלן. צדקיהו האט, וואקלענדיק זיך, פונדעסטוועגן געטאן וואס די מלחמה־פארטיי האט פארלאנגט; נבוכדנאצר האט געשיקט אן ארמיי אונטער דער פי־רונג פון נבוזראדן קעגן יהודה, און האט איינגענומען די הויפט־פעסטונג־שטאט עזקה און לכיש (זע „לכיש" וועגן די ניי־געפונענע בריוו פון יענער צייט) און בא־לאגערט ירושלים. אין מלכים ב' כ"ה און ירמיהו ל"ט ווערט באשריבן ווי ירו־שלים איז איינגענומען געווארן, די גרע־סטע הייזער פון דער שטאט זענען פאר־ברענט געווארן, און אויך דאס בית המק־דש (בית ה') איז געווארן פארברענט און א גרויסער טייל יידן זענען פארטריבן געווארן קיין בבל. דאס איז געווען דער סוף פון דער ערשטער עפאכע פון זעלבסטשטענדיקייט אין דער יידישער געשיכטע. דער חורבן פון ערשטן בית המקדש איז פארגעקומען אין תשעה באב יאר ג' אלפים קע"ד, דאס הייסט 587 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג; וועגן דער דאזיקער דאטע זענען פאראן פיל חלוקי דעות, ווייל לויט א טראדי־ציאנעלער מיינונג זאל דער חרבן בית ראשון האבן פארגעקומען מיט איבער 150 יאר שפעטער; אבער דאס איז די וויסנשאפטלעך פעסטגעשטעלטע דאטע; זע וועגן דעם אין די זוכווערטער „בית המקדש", „צייטרעכענונג".

2) וועגן חרבן פון 2טן בית המקדש און ירושלים האבן מיר גענויע איינצל־הייטן אין די ביכער פון דעם יידישן היסטאריקער און מיליטער־קאמאנדיר יוסף פלאוויוס, וועלכער האט געלעבט אין יענער צייט, ווי אויך אין טייל ערטער פון דער גמרא, באזונדערס אין גטין נ"ו און מדרש איכה. פלאוויוס האט געשריבן וועגן דער מלחמה צווישן רוים און יידן, וואס האט דערפירט צום חרבן בית שני, הויפטזעכלעך אין זיין בוך „מלחמה" („בעלום"), אין וועלכן ער גיט אויך די פארגעשיכטע פון דער מלחמה, בא־שרייבט די אינערלעכע פארהעלטענישן אין ארץ־ישראל אין יענער צייט, די פארטייען ביי יידן. רוים האט איי־גנטלעך שוין פון פריער געהערשט איבער ארץ־ישראל, און האט געהאט אין לאנד שטיין אירע מיליטער־אפטיילונגען, און א רוימישער גאווערנאר מיטן טיטל „פראקוראטאר" האט געהערשט איבער דעם לאנד, האבנדיק זיין הויפט־זיץ אין דער שטאט צעזארעא (קיסרי) ביים ים. אבער א געוויסע אויטאנאמיע האבן די

יידן אין ארץ־ישראל דאך געהאט. דאס בית המקדש איז געשטאנען און איז געווען דער רעליגיעזער און נאציאנאלער צענטער נישט נאר פאר די יידן אין ארץ־ישראל, נאר אויך אין אנדערע לענדער. רוים האט אבער שטארק געדריקט די יידן, אויספרעסנדיק גרויסע שטייערן און דערפירנדיק דאס לאנד צו גרויס ארעמקייט. אין לאנד צווישן די יידן זענען געווען פארשידענע פארטייען: די אריסטאקראטישע פאמיליעס זענען איבערהויפט געווען באפריינדעט מיט רוים און זיי האבן געהאלטן, אז מען דארף גארנישט טאן. די עקסטרעמע פאטריאטישע פארטיי, די „קנאים“ (זעלאטן), האט געהאלטן, אז מען דארף נישט קוקן דערויף וואס די רוימישע אימפעריע איז אזוי שטארק און מען דארף מאכן אן אויפשטאנד קעגן רוים. די מיטעלע פארטיי, צווישן וועלכע עס זענען געווען דער גרעסטער טייל פון די רעליגיעזע יידישע פירער, די „רבנן“, אין זייער שפיץ רבן יוחנן בן זכאי, האט געהאלטן אז מען דארף ווארטן, נישט צופיל זיך איינרייסן מיט רוים. זען ארויסבאקומען מיט גוטן געוויסע פארלייכטערונגען. אבער די לאגע איז געווען שוין זייער אנגעשטרענגט און דער קריג איז אויסגעבראכן. אין שפיץ פון די יידישע קעמפער זענען געשטאנען אלעזר בן חנניה, שמעון בר גיורא און יוחנן פון גוש חלב; דער פירער פון דער רוימישער ארמיי קעגן ארץ־ישראל איז צוערשט געווען וועספאסיאנוס (אספסינוס) און דערנאך, ווען קייזער נערא (נירון) אין רוים איז דערמארדעט געווארן און וועספאסיאנוס איז געווארן אויף זיין ארט קייזער, האט ער פארלאזט ארץ־ישראל (איינעמנעדיק צוערשט גאנץ גליל, וואס איז געווארן פארטיידיקט דורך יוסף פלאוויוס), און די קאמאנדע איבער דעם רוימישן מיליטער האט איבערגענומען זיין זון טיטוס. ער האט דורכגעפירט די באלאגערונג פון ירושלים. דער קאמף איז געווען א פארביסענער; די יידישע קעמפער האבן טראץ דעם שווערן הונגער אין שטאט געקעמפט זייער שטארק. אבער רוים האט ארויסגעשטעלט קעגן דער באלאגערטער שטאט איר גרויסע ארמיי, די לעגיאנען, און נאכדעם ווי זי האט צושטערט די מויערן פון ירושלים דורך אייזערנע שטורם־מאשינען, זענען די רוימישע לעגיאנען אריין אין שטאט, דערמארדעט פיל פון דער באפעלקערונג און א סך גענומען אין געפאנגענשאפט, און חרוב געמאכט די שטאט און פארברענט דאס בית המקדש. פלאוויוס, וועלכער איז דערנאך געווען א פריינט פון טיטוס, זאגט אין זיין בוך „מלחמה“, אז טיטוס האט נישט געוואלט פארברענען דאס בית המקדש. אבער אין דער יידישער טראדיציע (גטין נ״ו) איז אנגענומען, אז טיטוס האט פארברענט דאס בית המקדש. דאס איז פארגעקומען אין תשעה באב יאר 70 פון דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. וועגן דער דאזיקער דאטע זענען פאראן מיינונגס־פארשידנקייטן. פון דער גמרא אין עבודה זרה ט׳ קאן מען אננעמען אז דער חרבן איז פארגעקומען אין יאר ג׳ אלפים תתכ״ח, וואס הייסט אין יאר 68 פון דער געוויינלעכער צייטרעכענונג. אבער פלאוויוס און אויך אנדערע היסטאריקער פון יענער צייט (דער רוימישער טאציטוס און אנדערע) געבן אן אז דער חרבן איז פארגעקומען אין 2טן יאר פון קייזער וועספאסיאנוסעס הערשאפט, און מיר וויסן גאנץ גענוי, אז וועספאסיאנוס איז געווארן רוימישער קייזער אין יולי יאר 69. עס קומט אלזא אויס, אז דער חרבן איז געווען אין יאר ג׳ אלפים תת״ל.

וועגן די געשעענישן וואס האבן דערפירט צום חרבן בית ראשון און חרבן בית שני געבן מיר אין פארשידענע זוכ־

ווערטער: אגריפס, אספסינוס, בר קמצא, טיטוס, יוחנן פון גוש חלב, יוחנן בן זכאי, ירושלים, ירמיה, פלאוויוס, צדקיהו, קנאים, רוים; וועגן די טרויער־דינים און מנהגים צום אָנדענק פון חרבן געבן מיר אין די זוכווערטער „זכר לחרבן'' און „תשעה באב''; זע אויך „איכה''; וועגן חרבן ביתר זע „בר כוכבא''. — ביכער און אָפּהאַנדלונגען וועגן די געשעעניש פון ביידע חרבנות זענען געשריבן געוואָרן זייער פיל; גרעץ אין זיין געשיכטע האָט באַאַרבעט פיל קוואַלן באַזונדערס פון חרבן בית שני, די ביכער פון פלאוויוס און די אגדות פון דער גמרא און מדרש איכה וועגן חרבן; וויכטיק איז אויך שירערס „געשיכטע פון יידישן פאָלק''.

חריזי (אַלחריזי) יהודה (געבוירן לערך 1170 אין שפּאַניע — געשטאָרבן פאַרן יאָר 1235), באַרימטער העברעאישער דיכטער, ליטעראַטור־קריטיקער און איבערזעצער, באַהערשט גוט העברעאיש און אַראַביש, געוואַנדערט זיין גאַנץ לעבן איבער פאַרשידענע לענדער, פראַנקרייך, ארץ־ישראל, מעסאָפּאָטאַמיע; ער איז געווען פון די לעצטע העברעאישע דיכטער פון דער באַרימטער שפּאַנישער גאָלדענער עפּאָכע; אונטער דעם איינפלוס פון דער אַראַבישער דיכטונג־פאָרם, „מאַקאַמא'' (דאָס אַריינפלעכטן שטיקלעך פסוקים) האָט ער אָנגעשריבן זיין הויפּט־ספר „תחכמוני'', וואָס באַשטייט פון 50 קאַפּיטלעך, געשריבן אין אַ שיינער מליצה־פאָרם, דערציילט וועגן זיינע רייזעס, גיט איבער פּרטים וועגן די גרויסע העברעאישע דיכטער אין שפּאַניע, באַקלאָגט זיך אויף זיין ביטערן גורל, באַשרייבט פאַרשידענע מנהגים, דברי מוסר; חריזי האָט אויך איבערזעצט פון אַראַביש דעם „מורה נבוכים'' פון רמב''ם ווי אויך דעם רמב''מס פירוש המשניות אויף זרעים; ער האָט אויך איבערזעצט אַ ריי שריפטן פון אַלט־גריכישע פילאָזאָפן און אַראַבישע דיכטער; דער תחכמוני איז געדרוקט געוואָרן מיט אַ איינלייטונג פון דר. קאַמינקא אין וואַרשע 1895; אין דער איינלייטונג געפינט מען פּרטים וועגן חריזיס לעבן און שריפטן.

חרם אין תנ''ך געפינען מיר דעם אויסדרוק „חרם'' אין פיל באַדייטונגען: פון דערקלערן אַלס „הייליק פאַר גאָט'' (ויקרא כ''ז „כל חרם קדש קדשים הוא לה'''), און אויך „פאַרבאָטן'' (דברים ז' „תעב תתעבנו כי חרם הוא''); אין עזרא י' געפינען מיר דעם אויסדרוק פון „יחרם כל רכושו והוא יבדל מקהל הגולה'' („זיין פאַרמעגן זאָל ווערן קאָנפיסקירט און ער זאָל אָפּגעטיילט ווערן פון גאַנצן קהל); דאָ איז שוין אַלזאָ פאַראַן דער אויסדרוק „יחרם'' אין צוזאַמענהאַנג מיט אַן אַקט פון לייגן איינעם אין חרם, אין דעם זין ווי מען האָט עס באַנוצט שפּעטער; אין דער גמרא ווערט אויך דאָס וואָרט „מחרימין'' באַנוצט אין זין פון „לייגן איינעם אין חרם''; אין דער גמרא ווערט אַמייסטן באַנוצט דערצו דאָס וואָרט „נידוי'' און „מנדין'' ווי אויך „שמתא'' און „משמתינין'', און אין גמרא מועד קטן ט''ז ווערט געמאַכט אַן אונטערשיד צווישן די דאָזיקע באַגריפן, און עס איז צו זען פון דאָרט אַז „חרם'' איז דער שטאַרקסטער פון זיי; די גמרא ברכות י''ט זאָגט אַז מען איז „מנדה'' פאַר 24 זאַכן, און דער רמב''ם אין משנה תורה הלכות תלמוד תורה רעכנט אויס די 24 זאַכן, ווי ווען מען איז מבזה אַ תלמיד חכם, מען איז מזלזל אין אַן איסור דרבנן, ווען מען וויל נישט גיין צו קיין דין תורה און אַנדערע; אין מיטלאַלטער פלעגן די קהלות גוזר חרם זיין אויף פאַרשידענע תקנות וואָס מען האָט געהאַלטן נוצלעך; באַרימט איז דער „חרם דרבנו גרשם'' (זע זוכוואָרט „גרשם'') אויף

נעמען מער ווי איין פרוי, גטן בעל כרחה וכדומה; מען פלעגט אויך לייגן אין חרם פאר פארשפרייטן פריוזיניקע מיינונגען און באקאנט איז דער חרם אויף אקאסטא, שפינאזא (זע „אקאסטא", שפינאזא") ווי אויך אויף פארשידענע ספרים פון רמב"ם (זע „משה בן מיימון"); באקאנט זענען אויך די חרמים אויף פארשידענע באוועגונגען ווי אויף שבתי צבי-באוועגונג, פון מתנגדים אויף חסידות (זע „שבתי צבי", „חסידות"); דער חרם פלעגט אויסגערופן ווערן אין שול מיט אנגעצונדענע ליכט, שופר בלאזן און ציטירן די קללות פון דער תוכחה אין חומש. מיט דעם וואס איז געלעגן אין חרם האט מען נישט געטארט האבן קיין באציאונגען, נישט געטארט זיין אין זיינע 4 איילן, נישט מצרף זיין צום מנין; אויב דער אין חרם-געלייגטער האט תשובה געטאן האט מען פון אים אראפגענומען דעם חרם, און דאס איז פארגעקומען עפנטלעך, און גאנץ אפט האט דער מוחרם געמוזט גיין אין שול אין די זאקן און ליידן בזיונות, ווי לאזן זיך שפייען אין פנים וכדומה. וועגן חרם שרייבט אן אפהאנדלונג שולמאן אין „הגרן" חלק ג'.

חרם דרבנו גרשום זע „גרשום".

חרמון העכסטער בארג צו צפון פון ארץ-ישראל, ווערט דערמאנט אין תנ"ך פיל מאל (דברים ג' און אנדערע ערטער); הויך 2840 מעטער איבער דעם מיטלענדישן ים, דער שפיץ איז שטענדיק באדעקט מיט שניי; ווערט אנגערופן „אנטי-לבנון"; איצט געהערט ער צום פראנצויזישן מאנדאט-געביט פון סיריע.

חרן אלטע שטאט אין מעסאפאטאמיע (ארם-נהרים), ווערט דערמאנט אין חומש בראשית י"ב, אז דארט איז געשטארבן תרח, דער פאטער פון אברהם אבינו; אין בראשית כ"ט ווערט דערציילט ווי יעקב האט געדינט אין חרן ביי לבן און דארט גענומען לבנס טעכטער לאה און רחל; אין יחזקאל כ"ז ווערט חרן דערמאנט אלס גרויסע האנדלס-שטאט; וועגן דעם, וואו האט זיך געפונען חרן זענען פאראן חלוקי-דעות; טייל ווייזן אן אויף א דארף אין מעסאפאטאמיע „כאפר האראן"; אנדערע מיינען, אז דאס איז אן ארט אין קליין-אזיע.

חשבון הנפש מיט דעם אויסדרוק „חשבון הנפש" האבן די מוסר-ספרים פון מיטלאלטער און אין דער נייער צייט פארשטאנען דאס „באטראכטן זיך אליין", דאס „בארעכענען" דורך דעם מענטש זיין אייגענע נשמה (נפש) און זען וואס ער האט געטאן אויף דער וועלט און וואס איז זיין תכלית. אין באדייטנדסטן מוסר-ספר פון מיטל-אלטער „חובות הלבבות" פון רבנו בחיי (11טן יארהונדערט) איז פאראן א באזונדער קאפיטל (שער) מיטן נאמען „חשבון הנפש", און עס ווערט דארט אנגעוויזן אויף די ווערטער פון תהלים קי"ט „חשבתי דרכי" (איך האב באטראכט מיינע וועגן); אין חסידות האט דער חשבון הנפש א זייער גרויסע באדייטונג.

חשד אין דער גמרא און שפעטערע מוסר-ספרים ווערט אנגעוויזן אויף צוויי זייטן פון אפהיטן זיך פון חשד, פון פארדאכט אין רעליגיעזע ענינים; פון איין זייט ווערט געזאגט, אז א מענטש טאר נישט טאן קיין זאך, וואס אפילו זי איז נישט שלעכט אבער זי קאן פירן צו א חשד אז דער מענטש באגייט אן עבירה; די גמרא ברכות ג' זאגט „אין נכנסים לחורבה מפני החשד", מען דארף נישט אריינגיין אין אן אפגעלאזענער, ווייטיקער, נישט פארנומענער געביידע כדי נישט צו דערוועקן א חשד אז מען

גייט דאָרט טאָן נישט־ריכטיקע זאַכן;
אַזעלכע אָנווייזונגען „מפני החשד" גע־
פינט מען אין פיל ערטער אין דער גמרא;
מען רופט עס אַן טייכמאַל אויך „מראית
עין". — פון דער צווייטער זייט ווערט
שטרענג אָנגעזאָגט, אַז מען טאָר נישט
חושד זיין קיין מענטש אין שלעכטס,
סיידן מען האָט קעגן אים באַווייזן; די
גמרא יומא י"ט זאָגט „החושד בכשרין
לוקה בגופו" (ווער עס איז חושד אומ־
שולדיקע מענטשן ווערט אליין באַ־
שטראָפט).

חשון זע „מרחשון".

חשמונאים נאָמען פון יידישער העל־
דן־פאַמיליע, וואָס האָט באַפרייט דאָס
יידישע פאָלק אין ארץ־ישראל, אין די
יאָרן פון 167 פאַר דער געוויינלעכער
צייטרעכענונג און שפּעטער, פון סירי־
שער הערשאַפט און האָט דערנאָך גע־
הערשט אַ געוויסע צייט איבער יידן. —
דער ערשטער פון די חשמונאים, וועלכער
איז באַקאַנט, איז מתתיהו בן יוחנן, אַ
כהן, פון דער שטאָט מודיעין; ווען דער
סירישער קעניג אַנטיוכוס עפּיפאַנעס, דער
הערשער איבער ארץ־ישראל, האָט גוזר
געווען שמד אויף יידן און געצוואונגען
יידן מקריב צו זיין קרבנות צו אָפּגעטער,
האָט מתתיהו צוערשט דערהרגעט אַ ייד,
וואָס האָט געפּרוּווט מקריב זיין צום
אָפּגאָט צעאוס, און נאָכער האָט ער גע־
זאַמלט ארום זיך זיינע 5 זין יהודה, יוחנן,
יונתן, שמעון און אלעזר, ווי אויך די
חסידים, פרומע יידן, און האָט זיי גערופן
צום קאַמף קעגן דער סירישער הערשאַפט
פאַר דער רעטונג פון דער יידישער אמו־
נה און באַפרייאונג פון יידישן פאָלק; ער
האָט דער ערשטער אָנגעפירט מיט דעם
קאַמף קעגן די סירישע מיליטער־אָפּטיי־
לונגען; מתתיהו איז געשטאָרבן אין יאָר
167 פאַר דער געוויינלעכער צייטרעכע־
נונג, נאָך אים האָט איבערגענומען די
פירונג פון קאַמף זיין זון יהודה המכבי,
און נאָך זיין טויט, זיינע ברידער, צוערשט
יונתן און דערנאָך שמעון, דער שטאַם־
פאָטער פון דער שפּעטערדיגער הערשנ־
דער חשמונאים־דינאַסטיע, וועלכע האָט
געהערשט ביז אין דער מיט פון 1טן יאָר־
הונדערט פאַר דער געוויינלעכער צייט־
רעכענונג — וועגן נאָמען „חשמונאים"
גלויבט מען אַז די פאַמיליע האָט גע־
שטאַמט פון דער שטאָט „חשמון" (דער־
מאָנט אין יהושע ט"ו); אין דער גמרא
ווערט די חשמונאים־דינאַסטיע דער־
מאָנט מיט „חשמונאי ובניו", „מלכות
בית חשמונאי", אָדער „בית חשמונאי"
(שבת כ"ב, מגילה י"א, קדושין ע' און
אַנדערע ערטער). — זע זוכווערטער
„חנוכה" (וואו מיר געבן אויך וועגן דער
„מגילת בית חשמונאים"), „חסידים",
„יונתן", „מכבי יהודה", „שמעון" ווי
אויך אין די באַטרעפנדע נעמען פון די
חשמונאים הערשער (אלכסנדר ינאי,
הורקנוס און אַנדערע).

חשמונאים, ספרים אין דער גריכי־
שער שפּראַך זענען געבליבן אין די „כתו־
בים אחרונים" (אַפּאָקריפן) 2 ספרים
וועלכע ווערן אָנגערופן „חשמונאים־בי־
כער", און „מכבי־ביכער", און שפּעטער
זענען צוגעקומען נאָך 2 ספרים, צוזאַמען
4 ספרים; די דאָזיקע ערשטע צוויי בי־
כער זענען דער הויפּט־קוואַל פון אונזערע
ידיעות וועגן די געשעענישן פון חשמונ־
אים־אויפשטאַנד קעגן סירישן קעניג אַנ־
טיוכוס און דעם יידישן באַפרייאונגס־
קאַמף. — 1) דאָס ערשטע ספר החשמו־
נאים איז געווען געשריבן וואַרשיינלעך
אין העברעאיש און איז איבערזעצט גע־
וואָרן אין גריכיש; ס'ווערט אין אים דער־
ציילט וועגן דער גזרת שמד פון אַנטיוכוס
עפּיפאַנעס און דעם קאַמף פון מתתיהו
און זיינע קינדער ביז דער הערשאַפט
פון שמעון; עס ווייזט אויס, אַז דאָס ספר

איז געשריבן געוואָרן דורך אַ „הויף־היסטאָריקער'' פון שמעונס זון, הורקנוס, ווייל אין אַ ריי ערטער ווערט אונטערגעשטראָכן די באַדייטונג פון שמעון (און דער צוואה פון מתתיהו); אין דאָזיקן ספר ווערן די געשעענישן און די יידישע נצחונות פאַרגעשטעלט נאַטירלעך, אָן נסים. — 2) דאָס צווייטע ספר חשמונאים איז געשריבן געוואָרן אין גריכיש און װאַרשיינלעך אין אַלעקסאַנדריע אין עגיפּטן, און ווי דער מחבר זאָגט איז עס אַ קיצור פון אַ גריכישן ספר אין 5 ביכער וועגן דעם אויפשטאַנד געשריבן דורך אַ געוויסן יאסאָן פון קירענע (קירעניקאַ אין צפון־אַפריקע); אין דאָזיקן ספר ווערט גאָרנישט דערמאָנט וועגן מתתיהו, נאָר וועגן יהודה המכבי אַלס דעם פירער פון אויפשטאַנד און עס ווערט דאָ אויך געגעבן וועגן דעם קאַמף צווישן די חסידים און די העלעניזירטע יידן און אַנטהאַלט וויכטיקע ידיעות וועגן דאָזיקן קאַמף וואָס איז פאָרגעקומען פאַר דעם אויפשטאַנד; אין דאָזיקן ספר ווערט מער אונטערגעשטראָכן דער רעליגיעזער כאַראַקטער פון חשמונאים־אויפשטאַנד און עס ווערן דערציילט נסים וועגן די יידישע נצחונות (מלאכים פון הימל האָבן געקעמפט אויף דער זייט פון די יידן); צווישן ערשטן און צווייטן פון די ספרי החשמונאים זענען פאַראַן געוויסע סתירות אין דאַטעס און אָרדענונג פון די געשעענישן, און די מיינונגען וועגן דעם, וועמען פון די ספרים מען זאָל שענקען מער צוטרוי, איז ביי די געלערנטע פאָרשער צעטיילט. — 3) דער 3טער ספר חשמונאים איז אַ דערציילונג וועגן דער שטראָף וואָס פּטאָלאָמעאוס, דער 4טער עגיפּטישער מלך פון דער פּטאָלאָמעאוס־דינאַסטיע, האָט געהאַט דערפאַר וואָס ער האָט געוואָלט אַריינגיין אין בית המקדש און אויך וועגן זיינע רדיפות אויף יידן. — 4) דער 4טער ספר החשמונאים איז אייגנטלעך אַ סאָרט דרשה צו ווייזן, אַז דער צדיק קאָן זיך באַהערשן און האָט נישט קיין מורא פאַר קערפּערלעכע פּייניקונגען, און אַלס ביישפּיל ווערן געבראַכט פאַסירונגען פון די רדיפות אויף יידן ערב דעם חשמונאים־אויפשטאַנד ווי מען האָט געפּייניקט די חסידים, אלעזר הכהן, די מוטער און אירע 7 קינדער, און זיי האָבן זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם; די דאָזיקע לעצטע צוויי חשמונאים־ביכער זאָלן האָבן פאַרפאַסט געוואָרן שפּעטער פון די ערשטע. — די חשמונאים־ספרים זענען איבערזעצט געוואָרן אין פיל שפּראַכן, אויך אין העברעאיש עטלעכע מאָל (לעצטנס דורך אברהם כהנא אין זיינע „הספרים החצונים'', וועלכער רופט זיי „מקביים''); עס זענען געשריבן געוואָרן וועגן זיי פיל ביכער און אָפּהאַנדלונגען דורך די היסטאָריקער שירער, ניזע, ווילריך, גרעץ; פּרטים אין טשעריקאָווערס „היהודים והיונים בתקופה ההלניסטית'' (צום סוף אין די „מקורות'') און אברהם כהנאס איינלייטונג צו דער העברעאישער איבערזעצונג אין די „הספרים החצונים''. — וועגן „מגילת בית חשמונאים'' זע אין זוכוואָרט „חנוכה''.

חשן ואפוד נאָמען פון צוויי קליידונגס־טיילן. אין חומש שמות כ''ח ווערט דערציילט, אַז מען האָט זיי געמאַכט פאַר אהרן הכהן און זיינע קינדער. אין דעם חשן ואפוד זענען געווען 12 טייערע שטיינער, און אויף צוויי באַזונדערע שטיינער זענען געווען אויסגעקריצט די „שמות בני ישראל'', די נעמען פון די שבטים. אויף דעם חשן, וואָס ווערט דאָרט אין חומש אָנגערופן חשן המשפט, איז געווען דער ,אורים ותומים'', פון וועלכן דער כהן גדול האָט אַרויסגעלעזן עצות וואָס מען דאַרף טאָן אין פאַלן פון צווייפל. זע זוכוואָרט „אור־

רים ותומים''; דעם נאמען „אפוד'' געפי־
נען מיר אלס רעליגיעזע זאך אויך שפע־
טער אין שופטים ח' „ויעש אותו גדעון
לאפוד'', און שופטים י''ז „ויעש אפוד'',
און שמואל א' כ''ב ביי די כהנים אין
נב „נשא אפוד בד''. — זע הערשבערג
„ההלבשה הקדומה בישראל''.

חתונה מיטן ווארט חתונה באצייכנט
מען הייראט און אויך די פייערלעכע צע־
רעמאניע פון הייראט; דאס ווארט
שטאמט פון העברעאישן אין תנ''ך, ווי
אין חומש בראשית ל''ד „והתחתנו או־
תנו'', דברים ז' „ולא תתחתן בם'' און
אויך אנדערע ערטער; אין שיר השירים
ג' איז פאראן „ביום חתנתו''. וועגן די
חתונה־פייערלעכקייטן אין דער צייט פון
תנ''ך ווייסן מיר זייער ווייניק; אין ברא־
שית כ''ד ווערט דערציילט ווי אברהם
האט געשיקט זיין קנעכט צו ברענגען
א ווייב פאר זיין זון יצחק. ווען דער
קנעכט האט גענומען רבקה, האט ער איר
און איר פאמיליע באשאנקען מיט מת־
נות, און רבקהס ברידער האבן ביים גע־
זעגענען זיך איר געבענטשט אז, זי זאל
האבן א סך קינדער, וועלכע זאלן באזיגן
זייערע שונאים; ווען יעקב ווערט דער־
ציילט (בראשית כ''ט) אז ער האט גע־
דינט ביי לבן 7 יאר פאר לאה און 7 יאר
פאר רחל; דארט ווערט שוין דערציילט,
אז ווען יעקב האט חתונה געהאט מיט
לאה „ויאסף לבן את כל אנשי המקום
ויעש משתה'' (האט לבן צונויפגענומען
אלע מענטשן פון זיין ארט און געמאכט
א סעודה); דא ווערט דאס ערשטע מאל
דערמאנט דער מנהג פון א חתונה־סעו־
דה. אין בראשית ל''ד ווערט דערמאנט
דער מנהג, אז דער חתן גיט דעם פאטער
און ברידער פון מיידל חתונה־מתנות,
וועלכע הייסן „מהר ומתן''; דער זעלבער
אויסדרוק איז פאראן דייטלעכער אין
חומש שמות כ''ב „כסף ישקל כמהר
הבתולות''; אין דברים כ''ב איז פאראן
דער אויסדרוק „בתולה מארשה'', וואס
זאל האבן די באדייטונג פון א מיידל,
וואס איז פארמעל פארהייראט געווארן
צו א מאן. אין שופטים י''ד אין סיפור
פון שמשון הגבור ווערט דערציילט אז
ווען שמשון האט גענומען א ווייב האט
ער געמאכט א סעודה „כי כן יעשו הב־
חורים'' (ווייל אזוי טוען די בחורים), און
עס ווערט דארט אויך דערמאנט דער
אויסדרוק „שבעת ימי המשתה'' (דאס
הייסט, 7 טעג זענען פארגעקומען די סעו־
דות), פון וואנען עס שטאמט דער שפע־
טערער מנהג פון שבעת ימי המשתה;
אין תהלים י''ט איז פאראן „והוא כחתן
יוצא מחפתו'', וואס ווייזט אז עס איז
דעמאלט שוין געווען דער מנהג צו פירן
א חתן אונטער א חופה; דאס קאפיטל
תהלים מ''ה ווערט באטראכט אלס א גע־
זאנג פאר א קעניגלעכער חתונה; אין שיר
השירים ג' איז פאראן ווען מלך שלמה
„בעטרה שעטרה לו אמו ביום חתנתו''
(מיט דער קרוין מיט וועלכער זיין מוטער
האט אים באקרוינט אין טאג פון זיין
חתונה), וואס ווייזט, לויט טייל מיינונ־
גען, אויף דעם מנהג פון שפעטער אנ־
צוטאן א חתן א קרוין צו דער חופה, און
אין דער משנה צום סוף סוטה הייסט די
קרוין „עטרות חתנים''. עס איז נישט
קלאר, צי אין די צייטן פון תנ''ך איז
אויך געווען צוערשט, א געוויסע צייט
פאר דער חתונה, דער מנהג פון א סארט
פארמעלן פארבינדן זיך, וואס האט שפע־
טער אין דער משנה און גמרא געהייסן
„אירוסין''. אין תנ''ך איז פאראן דאס
ווארט „ארש'' (אין דערמאנטן פסוק
„בתולה מארשה'' און אנדערע ערטער)
אבער עס איז נישט קלאר אין וואס דאס
„ארש'' איז באשטאנען; צו דער חתונה
האט מען געפירט דעם חתן און כלה מיט
געזאנג און מוזיק (קול ששון וקול שמחה
קול חתן וקול כלה, ירמיה ז'). — פון

דער צייט פון משנה און גמרא האבן מיר מער ידיעות וועגן די פייערלעכקייטן פון דער חתונה; עס ווערט שוין קלאר אנגעוויזן אין וואס עס באשטייט דער אפיציעלער לעגאלער אקט פון חתונה האבן; אין דער מסכתא קידושין געפינט מען וועגן דעם גענויע פרטים; אמייסטן איז געווארן אנגענומען, אז דער חתן גיט דער כלה א מתנה, געלט, צי א חפץ, שפעטער איז געווארן דער מנהג צו געבן א רינג, און זאגן פאר עדות „הרי את מקודשת לי בטבעת זו כדת משה וישראל״; אין דער משנה כתובות א׳ ווערט דערציילט אז ביי מיידל פלעגט פארקומען די חתונה דינסטיק ביינאכט און ביי אן אלמנה מיטוואך ביינאכט; אין סוטה מ״ט ווערט געבראכט דער מנהג פון אנטאן דעם חתן א קרוין, און אז דאס איז אפגעשאפט געווארן זינט חורבן ירושלים („עטרות חתנים״); אין גטין ז׳ איז צו זען, אז די כלה האט אויך אין די שפעטערע צייטן געטראגן א קרוין צו דער חופה („כלילא״); אין יענע צייטן זענען געווען ספעציעלע לאקאלן, וואו מען האט איינגעארדנט חתונות און מען האט עס גערופן „בית חתנות״ (משנה בבא בתרא ו׳ און אנדערע, הגם טייל טייטשן „בית חתנות״ דאס הויז אין וועלכע דאס יונגע פאר וועט וואוינען נאך דער חתונה); די כלה האט מען איינגעהילט דאס געזיכט מיט א דעק־טוך („הינומא״, משנה כתובות ב׳ און אנדערע ערטער), און מען האט באשיט די חתן כלה מיט גערשטן אדער מיט ווייץ, כאטש אין גמרא איז עס ניט קלאר (כתובות ח׳, תוספות ברכות ג׳); די וואס האבן געפירט די חתן־כלה צו דער חופה האבן געהייסן „שושבינין״ (עירובין י״ח און אנדערע ערטער(; אין דער גמרא געפינען מיר שוין די שבע ברכות, וואס מען זאגט ביי דער חופה (כתובות ז׳ און ח׳ וואו ס׳איז דא דער טעקסט פון די ברכות); אין ברכות ל׳ ווערט געבראכט דער מנהג צו צעברעכן א טייערע גלאז אונטער דער חופה. — אין מיטלאלטער זענען צוגעקומען נאך מנהגים פאר די חתונה־פייערלעכקייטן, און זיי זענען געווען פארשידן אין פארשידענע לענדער און שטעט; א גרויסער טייל פון די מנהגים ווערט געבראכט אין שלחן ערוך אבן העזר ס״א ווי אויך אין פארשידענע ספרים, באזונדערס אין ספר „המנהגים״ פון מהרי״ל (רבי יעקב מולין, אין 15טן יארהונדערט אין דייטשלאנד); דער געלערנטער גידעמאן אין „התורה והחיים״ (העברעאישע איבערזעצונג״) דריטער באנד ברענגט א סך פון מנהגים פון מהרי״ל און אנדערע ספרים; מיר געבן דא טייל מנהגים פון דארט און אויך פון שפעטער. דאנערשטיק פאר דער חתונה האט רב אדער אן אנדערער אנגעזעענער פירער פון שטאט געבראכט די מתנות פון חתן צו דער כלה; פרייטיק־צונאכט האט מען געמאכט א סעודה וואס מען האט גערופן „איינוואורף״; שבת איז פארגעקומען דער אויפרופן; מען האט דעם חתן אויפגערופן מיט געזאנג צו דער ספר תורה, געוויינלעך צו מפטיר, און די פרויען האבן אים באשיט מיט ניס און אנדערע פרוכטן; אין טאג פון דער חתונה האבן חתן כלה געפאסט; ביינאכט האט דער חתן געמאכט א קבלת פנים פאר זיינע חברים, די בחורים; דעם חתן האט מען אנגעטאן א קיטל צו דער חופה, כדי צו דערמאנען אים די תכריכין פון יום המיתה; דער מארשעליק, אדער בדחן, מיט קלעזמארים האט באזונגען חתן כלה, און נאכער געפירט דעם חתן צום באדעקנס; דער רב פלעגט שיטן אביסל אש אויפן קאפ פון חתן צו דערמאנען דעם טרויער אויף ירושלים; די חופה איז געשטעלט געווארן אונטער דעם הימל, לעבן בית המדרש, און טיילמאל אין בית המדרש אויף דער בימה; די אונטערפירער האבן צוערשט אפגעפירט דעם חתן צו דער

חופה און דערנאָך געבראַכט די כלה און אַרומגעפירט איר 3 מאָל, און אין טייל ערטער 7 מאָל, אַרום דעם חתן; נאָך דער חופה האָט מען די חתן כלה אַריינגעפירט אין אַ באַזונדערן צימער, יחוד־שטיבל; פאַר די געסט האָט מען געמאַכט אַ סעודה און גערופן דרשה־געשאַנק; נאָך דער סעודה זענען פאַרגעקומען טענץ, און צום סוף אויך דאָס מצוה־טענצל, אין וועלכן די כלה האָט געטאַנצט כסדר מיט דעם חתן און די מחותנים, האַלטנדיק אַ טיכל פון איין זייט און איר מיט־טאַנצער האָט געהאַלטן דאָס טיכל פון דער צווייטער זייט; אין טייל ערטער האָט מען אויך געטאַנצט דעם „טויטן־טאַנץ"; טייל מחותנים, די רייכערע, פלעגן איינאָרדענען אין טאָג פון דער חתונה אַ באַזונדערע סעודה פאַר די אָרימעלייט פון שטאָט; נאָך דער סעודה און טאַנצן האָט מען די חתן־כלה געפירט אין זייער שלאָף־צימער; צומאָרגנס האָבן געווינלעך דעם חתנס עלטערן געמאַכט אַ סעודה פאַר די געסט (די סעודה פון דער חופה האָבן געמאַכט דער כלהס עלטערן). — וועגן די אַלע מנהגים זע אין לעווינזאָנס „מקורי המנהגים"; אין אַרכיוו פאַר געשיכטע פון יידישן טעאַטער אונטער רעדאַקציע פון דר. שאַצקי, אין אַרטיקל וועגן „בדחנים און לצים"; אין דערמאָנטן „התורה והחיים". — זע זוכווערטער „בדחן", „כלי זמרים", „כתובה", „שבע ברכות", „תנאים".

חתים פאָלק אין פאָדעראַזיע און אויך אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון תנ"ך; אין בראשית י' ווערט דאָס פאָלק באַטראַכט אַלס אָפּשטאַמענדיק פון חת דעם זון פון כנען; אין בראשית ט"ו און אַנדערע ערטער ווערן די חתים פאַררעכנט צו די 7 פעלקער, וואָס האָבן געוואוינט אין ארץ־ישראל איידער די יידן האָבן איינגענומען דאָס לאַנד; אין בראשית כ"ג ווערט דערציילט ווי אברהם אבינו האָט געקויפט די מערת המכפלה ביי עפרון החתי; שפּעטער געפינט מען די חתים פיל מאָל אין תנ"ך, און אַפילו אין דער צייט פון עזרא (עזרא ט') געפינט מען אַז טייל יידן האָבן זיך מתחתן געווען מיט די חתים; די נייע אויסגראַבונגען ווייזן, אַז די חתים זענען געווען אַ גרויס פאָלק אין סיריע און האָבן איבער 1000 יאָר געהערשט איבער אַ ריי לענדער און געהאַט אַ רייכע ציוויליזאַציע; ערשט לעצטנס איז געלונגען אויפצוקלערן די חתים־אויפשריפטן וואָס מען האָט געפונען; זייערע געזעצן זענען אַ וויכטיקע קוועלע פאַר דער געזעצן־געשיכטע ביי אַ ריי סעמיטישע פעלקער.

חתן אין תנ"ך איז דאָס וואָרט חתן דער טייטש „איידעם" (בראשית י"ט), און אויך דער חתן אין טאָג פון דער חופה (תהלים י"ט „והוא כחתן יוצא מחופתו", יואל ב' „חתן מחדרו"); אין דער משנה און גמרא ווערט דאָס וואָרט חתן אין צווייטן זין באַנוצט זייער פיל מאָל; אין יידיש הייסט אַ חתן־בחור אַ בחור וועלכער שטייט אין שידוכים. — אין שמחת תורה איז דער מנהג אויפצורופן אין שול צוויי חשובע בעלי בתים; צום ענדיקן די ספר תורה, און אָנצוהייבן די ספר תורה פון נייעם יאָר; דער ערשטער הייסט „חתן תורה" און דער צווייטער „חתן בראשית"; מען זינגט לכבוד זיי פיוטים און אין טייל ערטער איז אויך געווען דער מנהג, אַז די „חתנים" האָבן געמאַכט אַ „קידוש" (געגעבן לעקעך מיט בראַנפן) לכבוד די מתפללים; מען פלעגט אויך פאַרקויפן דעם כבוד צו ווערן חתן תורה און חתן בראשית; זע שלחן ערוך אורח חיים תרס"ט, און אין אַזולאַיס „שאלות ותשובות „חיים שאל", חלק ב' סימן ל"ח.

ט

ט (טית) ניינטער בוכשטאַב אין העברעאישן און יידישן אלף־בית; אין צאָלן האָט ט׳ די באַדייטונג פון 9; זע „אלף־בית״.

טאַנץ אין די אַלטע צייטן פון תנ״ד געפינען מיר, אַז דער טאַנץ האָט ביי יידן פאַרנומען אַ גרויס אָרט. ווען די יידן זענען אריבער דעם ים סוף און זענען ניצול געוואָרן פון די מצריים האָט משה רבנוס שוועסטער מרים צוזאַמען מיט אַנדערע פרויען געפייערט דעם נס „בתופים ובמחילות״, מיט פויקן און מיט טענץ. ביי דוד המלך געפינען מיר ווי ער האָט געפייערט די איבערפירונג פון ארון מיט טענץ. דער טאַנץ אַלס אויסדרוק פון רעליגיעזער שמחה און עקסטאַז געפינען מיר ביי יידן אויך פיל שפּעטער אין דער צייט פון 2טן בית המקדש, ווען עס איז פאָרגעקומען אין סוכות די שמחת בית השואבה און די חסידים ואנשי מעשה האָבן געטאַנצט „ואבוקות של אור בידיהם״, מיט ברענענדע פאַקעלן אין זייערע הענט (סוכה נ״א). שפּעטער אין דער צייט פון דער גמרא און דער גאַנצער צייט פון מיטלאַלטער און דער נייער צייט געפינען מיר דעם טאַנץ אַלס אויסדרוק פון שמחה ביי יידן, סיי ווען עס איז געווען אַ רעליגיעזע שמחה סיי ביי פאַמיליע־שמחות, ווי חתונה (גמרא כתובות י״ז, „כיצד מרקדין לפני הכלה״) אויף וועלכער דער טאַנץ האָט אָנגענומען אויך אַ געוויסן רעליגיעזן זין (דאָס „מצוה־טענצל״), אויך דער „טויטן־טאַנץ״ וואָס איז געווען איינגעפירט אין טייל יידישע קהלות אין דייטשלאַנד אין מיטלאַלטער, אויך דער „ברוגז־טאַנץ״ צווישן די מחותנים אין זין פון אַן אַלט גמרא־וואָרט „ליבא כתובה דלא רמי בה תגרא״ (ניטאָ אַ חתונה, אויף וועלכער עס זאָל ניט אויסברעכן אַ קריגערייי). זייער אָנגענומען איז אין אַלע רעליגיעזע יידישע קרייזן דער טאַנץ אַלס אויסדרוק פון רעליגיעזער שמחה אין שמחת תורה צו הקפות. אַ באַזונדערס גרויס אָרט פאַרנעמט דער טאַנץ אין דער רעליגיעזער התלהבות פון מקובלים און חסידים, וועלכע דערגייען אין טאַנצן צוזאַמען, אין אַ עיגול, צו עקסטאַז, און ביי טייל חסידים, די בראַסלאַווער פון רבי נחמן בראַסלאַווער, איז דאָס טאַנצן אין התלהבות אַ טייל פון רעליגיעזער עבודה. אין יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, באַזונדערס אין די קרייזן פון חלוצים, איז איבערגענומען געוואָרן דער חסידישער טאַנץ, אין דער פאָרם פון דער „האָראַ״, צוזאַמען מיט די חסידישע מעלאָדיעס, אַלס אויסדרוק פון התלהבות און שאַפונגס־פרייד. — וועגן טאַנץ ביי יידן אין אַלטע צייטן זע הערשבערגס „ההלבשה העברית״ אין קאַפּיטל י״ט.

טבול יום מסכתא אין משניות אין סדר טהרות, האָט 4 פרקים, אויך תוספתא 2 פרקים; גמרא, בבלי און ירושלמי, איז נישטאָ; באַהאַנדלט רעליגיעזע טומאה וטהרה־פראַגן וועגן „טבול יום״, דאָס הייסט איינער, וועלכער איז טמא געוואָרן און האָט זיך שוין טובל געווען נאָר האָט טאָכנישט איבערגעוואַרט דעם טאָג ביז אָוונט, ווען ער ווערט שוין אינגאַנצן ריין.

טביומי אמורא אין בבל, פון די לעצטע אמוראים, זון פון רבי אשי, באַקאַנט אויך מיטן נאָמען מר בר רב אשי; געשטאָרבן דעם יאָר 468; אין בבא בתרא י״ב ווערט דערציילט ווי ער איז געוואָרן ראש ישיבה אין מתא מחסיא; ער איז געוואָרן דער לעצטער צוזאַמענשטעלער

פון דער גמרא בבלי; אין דער גמרא בבלי ווערן פון אים געבראכט פיל הלכות.

טבילה דאס אונטערטונקען זיך אין וואסער, כדי צו ווערן רעליגיעז ריין; אין חומש ווערט דאס וואָרט טבילה נישט דערמאָנט, נאָר עס שטייט „ורחץ במים", זיך וואשן אין וואסער (במדבר י"ט); אין די ספרי הנביאים איז פאראן אין מלכים ב' ה' „ויטבול בירדן"; אין דער משנה און גמרא געפינען מיר שוין כסדר דעם אויסדרוק טבילה, און עס ווערט דערקלערט, אז מען מוז זיך טובל זיין אָדער אין לויפנדיק וואסער, א טייך, אָדער אין שטייענדיק וואסער, באזונדערס אין א „מקוה", וואו דאס וואסער איז נישט געשעפט געווארן; עס איז אויך איינגעפירט געווארן „טבילה" פאר נייע כלים וואס מען קויפט; מען דארף זיי טובל זיין אין מקוה אָדער אין טייך (משנה מקוואות ה'). — וועגן די יידישע רעליגיעזע סעקטן, וואס האבן זיך נוהג געווען טובל צו זיין יעדן טאָג, זע „טובלי שחרית"; זע אויך „מקוה".

טבל מיטן דאזיקן וואָרט ווערט אין משנה און גמרא באצייכנט תבואה, פון וועלכער מען האט נישט אָפגעשיידט קיין תבואה; אזא תבואה טאָר מען נישט עסן; פון וואנען דאס וואָרט טבל שטאמט איז נישט קלאָר.

טבע דאס וואָרט „טבע" צו באצייכענען „נאטור" איז אנטשטאנען ערשט אין מיטלאלטער, אונטער דעם איינפלוס פון דער אראבישער פילאָזאָפישער טערמינאלאָגיע; וועגן דער יידיש־רעליגיעזער אויפפאסונג פון נאטור זע „נאטור".

טבריה אַלטע שטאט אין ארץ־ישראל אויפן ים כנרת, געבויט געווארן דורך הורדוס אנטיפאס אין יאָר 26 און איר נאָמען איז לכבוד דעם רוימישן קייזער טיבעריוס; ווערט דערמאָנט אין משנה (מכשירין ו') און גמרא אין פיל ערטער; אין מדרש בראשית רבה כ"ג ווערט אָנגעגעבן דער ריכטיקער זין פון נאָמען פון דער שטאָט „טבריה על שם טבריוס"; ווערט דערמאָנט אין די היסטאָרישע ביכער פון פלאַוויוס (קדמוניות 18); אין דער צייט פון די תנאים איז טבריה געווען א מקום תורה און לויט טייל מיינונגען דאס אָרט פון די סנהדרין און רבי יהודה הנשיא האָט דאָרט מסדר געווען די משנה, און רבי יוחנן האָט דאָרט מסדר געווען דעם תלמוד ירושלמי; שפּעטער איז טבריה געווען דאס אָרט פון די חכמים פון דער מסורה, וואָס האבן צונויפגעשטעלט דעם „ניקוד"; אין מיטלאלטער האָט טבריה נישט געהאט קיין באדייטנדע יידישע קהלות; ערשט פון 16טן יאָרהונדערט, ווען דון יוסף נשיא האָט צוריקאויפגעבויט טבריה, האָט דער יידישער ישוב דאָרט גענומען וואקסן, אָבער דער וואוקס איז נאכער ווידער איבערגעריסן געווארן; אין 18טן און 19טן יאָרהונדערט איז דער יידישער ישוב אין טבריה געשטיגן; עס האבן זיך באזעצט דאָרט גרויסע חסידישע רביים (רבי מענדעלע וויטעבסקער, רבי יעקב שמשון פון שעפעטעווקע און אנדערע), און טבריה איז געווארן איינע פון די 4 הייליקע שטעט אין ארץ־ישראל (ירושלים, חברון, צפת, טבריה) וואו די יידן האבן באקומען חלוקה־געלטער; לויט דער מסורה זענען פאראן אין טבריה די קברים פון רבי מאיר בעל הנס און דעם רמב"ם; היינט איז טבריא א שטאט פון 10 טויזנט איינוואוינער, צווישן זיי 7 טויזנט יידן; לעבן טבריה זענען פאראן עטלעכע נייע שכונות, די וויכטיקסטע פון זיי „קרית שמואל"; אין טבריה זענען פאראן די באנרימטע ווארימע הייל־קוואלן באקאנט מיטן נאָמען „חמי טבריה" (דערמאָנט

אין דער גמרא שבת ל״ת און אנדערע ערטער), וועלכע זענען לעצטנס מאדערניזירט געווארן און דינען אלס היילבעדער פאר די איינוואוינער אין ארץ־ישראל. — זע „כנרת״, „מאיר בעל הנס״.

טבת נאמען פון 4טן חודש אין יידיש, יאר, ווען מען רעכנט דאס יאר פון תשרי אלס דעם ערשטן חודש; דאקעגן ווען מען רעכנט ניסן אלס דעם ערשטן חודש איז טבת דער 10טער; ער האט שטענדיק נאר 29 טעג, דאס הייסט ער איז א „חסר״ (זע זוכווארט „חדש״); אין חודש טבת זענען פאראן א ריי טעג, אין וועלכע עס זענען פארגעקומען וויכטיקע פאסירונגען אין דער יידישער געשיכטע; דער וויכטיקסטער פון זיי איז „עשרה בטבת״, דער 10טער טאג אין חודש, וועלכער איז א תענית, ווייל דעמאלט האט זיך אנגעהויבן די באלאגערונג פון ירושלים אין דער צייט פון ערשטן חורבן דורך נבוכדנאצר מלך בבל (מלכים ב׳ כ״א); דער תענית ווערט אנגערופן אין זכריה ח׳ „צום העשירי״ (דער תענית פון 10טן).

טהרה זע „טומאה וטהרה״.

טהרות נאמען פון לעצטן (6טן) סדר פון משניות, וועלכער נעמט ארום 12 מסכתות משנה און תוספתא: כלים, אהלות, נגעים, פרה, טהרות, מקואות, נדה, מכשירין, זבים, טבול יום, ידים, עוקצין. גמרא, בבלי און ירושלמי, איז אויף דעם סדר נישט פאראן אחוץ אויף דער גמרא נדה; זע „נדה״. — עס ווערן באהאנדלט אין דעם סדר אלע הלכה־פראגן וועגן טומאה וטהרה. — אין סדר טהרות איז פאראן א מסכתא משניות אויך מיטן נאמען „טהרות״, האט 10 פרקים, און תוספתא 11 פרקים; באהאנדלט פארשידענע פראגן וועגן דעם דין פון ספק טומאה און אנדערע ענלעכע דינים. — רבי גרשון העניך ליינער האט צונויפגעשטעלט אויף סדר טהרות גמרא (פון שיטות צעשפרייט איבער גאנץ ש״ס) מיטן נאמען „סדרי טהרה״.

טהרה פון מתים זע „קבורה״.

טוב ורע זע זוכווארט „גוט און שלעכטס״.

טוב-עלם יוסף טוב עלם דער ערשטער, ער האט געלעבט אין פראנקרייך אין אנהויב פון 11טן יארהונדערט; דער נאמען „טוב־עלם״ איז אן איבערזעצונג פון פריאנצויזישן פאמיליע־נאמען „באָנפיס״; ער איז געווען פון די אנגעזעענע מפרשים און פייטנים; רש״י ברענגט אים אין א ריי ערטער (חולין קי״ד און אנדערע); ער האט איבערגעשריבן א סך תשובות און חבורים פון די גאונים פון בבל און זיי צונויפגעזאמלט; אין דעם באשטייט זיין גרויסע באדייטונג פאר דער יידישער געשיכטע ווייל ער האט אויפגעהיטן א סך ספרים פון דער גאונים־צייט

טוביה נאמען פון א ספר אין די כתובים אחרונים, געבליבן אין דער גריכישער שפראך. דער סיפור המעשה איז וועגן א פרומען מאן „טובי״ אדער „טוביה״ פון שבט נפתלי, וועלכער איז פארטריבן געווארן מיט די עשרת השבטים קיין אשור; ער האט געהאט א זון אויך מיטן נאמען טוביה; דער פאטער איז געווען זייער פרום און ליב געהאט צו טאן מצוות, און ווען סנחריב מלך אשור האט נאך זיין מפלה ביי ירושלים אויסגעהרגעט אין אשור א סך יידן און פארארדנט זיי נישט קובר צו זיין, האט טוביה ביינאכט זיי קובר געווען. איינמאל איז טוביה דער פאטער בלינד געווארן און דערצו האט ער פארלוירן זיין פארמעגן; ער האט דעריבער געשיקט זיין זון טוביה קיין מדי צו זיינם א פריינט רעואל אפצונעמען א געלט־חוב. דער יונגער טוביה

האט אויפן וועג געטראפן דעם מלאך רפאל, וועלכער האט אים געהייסן פאנגען אין טייך חדקל א פיש, און באהאלטן די לעבער און די גאל פון פיש, ווייל דאס איז גוט אלס סגולה און רפואה. אנקומענדיק קיין מדי, האט דער מלאך גע־ראטן דעם יונגן טוביה, אז ער זאל חתונה האבן מיט רעואלס טאכטער שרה, מיט וועלכער עס זענען געשען טראגישע פא־סירונגען, נעמלעך, יעדעס מאל ווען זי האט חתונה געהאט, איז אין חופה־נאכט געקומען א בייזער גייסט און דערמאר־דעט דעם חתן. טוביה האט געפאלגט דעם מלאכס עצה. און ווען דער בייזער גייסט איז געקומען האט טוביה געווארפן די לעבער פון פיש אויף ברענענדע קוילן, און דאס האט פארטריבן דעם בייזן גייסט; נאכער האט טוביה מיט זיין פרוי צוריקגעקערט קיין נינוה, דער הויפט־שטאט פון אשור, צו זיין פאטער און האט אים אויסגעהיילט פון זיין בלינדקייט, אנשמירנדיק זיינע אויגן מיט דער גאל פון פיש. — פאראן מיינונגען אז דאס ספר איז אנגעשריבן געווארן נאך דער מלחמה פון בר כוכבא, ווען עס איז גע־ווען די גזירה נישט קובר צו זיין די אומ־געקומענע יידישע העלדן, און דער סיפור איז צו ווייזן, אז פאר דער מצוה פון קבורת מתים האט גאט נאכער באלוינט טוביהן; אין ספר טוביה ווערט דערמאנט די מעשה פון אחיקר. — לעצטנס איז דער ספר טוביה דערשינען אין א העברע־אישער איבערזעצונג אין תל־אביב אין דער אויסגאבע „הספרים החצונים" פון אברהם כהנא מיט אן אויספירלעכער איינלייטונג, וועלכע באהאנדלט אלע פראגן וועגן ספר טוביה.

טוביה, בני די „זין פון טוביה", „טאביאדן"; פלאוויוס אין זיין ספר „קד־מוניות" ספר 12 דערציילט, אז אין ארץ־ישראל אין דער צייט פאר דעם אויפ־שטאנד פון די חשמונאים האבן געשפילט א גרויסע ראלע אין יידישן לעבן די מיט־גלידער פון א פאמיליע, וועלכע מען האט גערופן די „זין פון טוביה", מען רופט זיי אויך די „טוביאדן"; דאס זענען גע־ווען מיטגלידער פון א רייכער פאמיליע, וועלכע האבן אנגעפירט מיט די גריכיש־העלעניזירטע יידן אין ירושלים, זענען געווען פארבונדן מיטן קעניגלעכן הויף אין עגיפטן, אונטער וועמענס הערשאפט ארץ־ישראל האט זיך דעמאלט געפונען; די הויפט־פערזענלעכקייטן פון דער פא־מיליע זענען געווען צווערשט „יוסף בן טוביה", וועלכער איז געווארן דער שטייַ־ערן־ארענדאטאר איבער גאנץ ארץ־ישר־אל און שומרון און עס ווערט דערציילט וועגן אים ביי פלאוויוס, ווי ער האט גע־פירט א פארשווענדעריש לעבן; דער צווייטער איז געווען יוספס זון הורקנוס, וועלכער האט זיך אויפגעבויט א פעס־טונג־פאלאץ אין עבר הירדן, אין דער געגנט פון היינטיקן „אראק אל־אמיר" (א טייל פון דער פעסטונג געפינט זיך נאך היינט. זע קלויזנערס „מחברו של ספר קהלת", אין השלח, באנד מ"ב). און ער האט געהאט זיין אייגן מיליטער, און ווען אנטיוכוס דער מלך פון סיריע האט מארשירט קעגן אים איז ער באגאנגען זעלבסטמארד, לערך דעם יאר 173 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכענונג; די דא־זיקע בני טוביה האבן פיל מיטגעהאלפן צו דער העלעניסטישער באוועגונג צווישן יידן אין ארץ־ישראל; לעצטנס האט מען געפונען אין עגיפטן פאפירוסן פון לערך 260 פאר דער געוויינלעכער צייטרעכע־נונג, און אין עטלעכע פון זיי איז דער־מאנט א טוביה אין עבר הירדן, אין דער געגנט פון אמאליקן לאנד עמון, וועלכער האט אייגענע רייטער און שיקט מתנות דעם עגיפטישן קעניג; דער געלערנטער טשעריקאווער אין זיין בוך „היהודים והיהדות בתקופה ההלניסטית" ווייל

האבן, אז ער האט א שייכות מיט די שפעטערדיקע בני טוביה, און אז זיי אלע שטאמען אפּ פון טוביה העמוני, וועלכער ווערט דערמאנט שוין אין ספר נחמיה; זע „טוביה העמוני". — וועגן די בני טוביה זע אין די דערמאנטע אפּהאנדלונגען פון קלויזנער און טשעריקאווער ווי אויך אין ביכלערס בוך אין דייטש „די טאביאדן און אניאדן".

טוביה בר אליעזר מחבר פון מדרש „לקח טוב"; געלעבט אין קאסטאריא אין בולגאריע אין 11טן און 12טן יארהונדערט; ער דערמאנט די גזרת תתנ"ו פון די קרייץ־פארער אין זיין מדרש ברענגט ער אלטע מדרשים און ספרים; טיילן פון „לקח טוב" זענען געדרוקט געווארן אין פארשידענע צייטן („פסיקתא זוטרתי" ווענעציע 1564, „לקח טוב", ווילנא 1880, „לקח טוב" דורך שלמה בובער מיט א גרויסן מבוא, ווילנא 1884); אין מבוא פון שלמה בובער זענען פאראן פארשונגען איבער דעם מדרש און זיין מחבר.

טוביה העמוני אין נחמיה ב' ווערט דערציילט, אז ווען נחמיה איז געקומען קיין ירושלים אויפצובויען צוריק די שטאט און די מויערן האט דאס פארדראסן א גרופע קלענערע הערשער פון די שכנותדיקע לענדער, צווישן זיי „טוביה העבד העמוני"; עס איז אנצונעמען אז „עבד" איז געווען א טיטל פון א קלענערן הערשער, וועלכער איז געווען אונטערגעווארפן צום פערסישן קעניג; יעדנפאלס איז צו זען אז דער טוביה האט געהערשט אין עמון, און האט יא געהאט א געוויסע שייכות צו יידן, ווי עס איז צו זען פון נחמיה ו' אז ער האט זיך מתחתן געווען מיט יידן און איז געשטאנען אין פארבינדונגען מיט דער יידישער אריסטאקראטיע (חרי יהודה) און האט געוואלט האבן א טייל אין בית המקדש (נחמיה י"ג); טשעריקאווער אין זיין „היהודים והיהדות בתקופה ההלניסטית" פרק ג' וויל האבן אז ער איז געווען דער שטאם־פאטער פון דער גאר שפעטערדיקער אריסטאקראטישער יידישער פאמיליע „בני טוביה".

טוביה כהן הרופא זע „כהן".

טובלי שחרית אין דער גמרא ברכות כ"ב ווערט געבראכט אז עס איז געווען אין די אלטע צייטן פון דער גמרא א סעקטע טובלי שחרית (די וואס פלעגן זיך טובל זיין אין וואסער יעדן פרימארגן); אין תוספתא סוף ידים (אין נוסח ר"ש משנץ) ווערט געבראכט, אז די טובלי שחרית האבן זיך טובל געווען יעדן אינדערפרי כדי זיי זאלן קאנען ארויסזאגן דעם שם פון גאט מיט ריינקייט; פון די ביידע ערטער איז צו זען אז די חכמי התלמוד זענען געווען קעגנער פון די טובלי שחרית; די סעקטע ווערט געבראכט אין די אלטע גריכישע ביכער (פון די קריסטן, אייזעביוס) מיטן נאמען „האמערא־באפטיסטן"; צי די טובלי שחרית האבן געהאט א שייכות מיט דער סעקטע „איסיים", איז ביי די היסטאריקער נישט באשטימט; זע „איסיים".

טויט לויט דער יידישער רעליגיעזער אויפפאסונג איז דער מענטש באשאפן געווארן צו לעבן אייביק, נאר צוליב דעם חטא פון אדם הראשון, וועלכער האט עובר געווען אויף גאטס געבאט און געגעסן פון עץ הדעת איז איינגעפירט געווארן דער טויט (אזוי טייטש אויס די גמרא שבת נ"ה דעם ספור אין חומש בראשית ג'); לויט דער רעליגיעזער טראדיציע זענען געווען מענטשן, וואס זענען נישט געשטארבן, נאר לעבן אייביק, צווישן זיי חנוך, אליהו הנביא; די בא־

ציאונג פון די יידישע רעליגיעזע ספרים צום טויט איז פאַרשידן; איוב אין קאַפּיטל ג' באַקלאַגנדיק זיין אומגליק, באַזינגט דעם טויט אלס אויסלייזער: „קטן וגדול שם הוא ועבד חפשי מאדניו" (אלע זענען אין קבר גלייך, דער קנעכט איז פריי פון זיין האַר), און ער רעדט וועגן „המחכים למות" וואָס קוקן אויס דעם טויט; קהלת אין קאַפּיטל ד' זאָגט „ושבח אני את המתים" (און איך האַלט גליקלעכער די וואָס זענען שוין געשטאָרבן); אָבער אין קאַפּיטל ט' זאָגט קהלת די פאַרקערטע מיינונג „כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת" אַז דעם לעבעדיקן הונט איז בעסער ווי דעם טויטן לייב; אין מדרש בראשית רבה א' ווערט געזאָגט אַז אין דער תורה פון רבי מאיר איז געווען געשריבן „טוב מות" (דער טויט איז גוט); אין מדרש שמות רבה ב' ווערט געזאָגט וועגן טויט אַז ער הייסט אויך חושך „שמחשיך מיני הבריות" (ער מאַכט פינסטער די אויגן פון מענטש). זע זוכוואָרטער „אומשטערבלעכקייט פון נשמה", „גוט און שלעכטס", „מלאך המות", „קבורה", „שטאַרבן", „תחיית המתים".

טולידאַנו יידיש־שפּאַנישע פאַמיליע, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן; רבי יעקב משה טולידאַנו האָט אין ירושלים תר"ע (1910) אַרויסגעגעבן דעם „נר המערבי" איבער דער געשיכטע פון יידן אין מאַראָקאָ; איצט איז ער ספרדישער רב אין תל־אביב.

טומאה וטהרה אין די יידישע רעליגיעזע געזעץ־ספרים, סיי אין חומש, סיי אין משנה און גמרא, פאַרנעמען אַ זייער גרויס אָרט די דינים וועגן ריטועלער אומריינקייט, טומאה, און ווי אַזוי די ריייניקונג דערפון, די טהרה, דאַרף פאַרקומען. אין חומש זענען די דינים פאַראַן אַמייסטן אין ויקרא, אין די סדרות שמיני, תזריע און מצורע, ווי אויך אין במדבר, סדרה חוקת; אין דער משנה זענען די דינים פאַראַן הויפּטזעכלעך אין סדר טהרות; באַלד אין אָנהויב פון סדר טהרות, אין דעם ערשטן פּרק פון משניות כלים, ווערן אויסגערעכנט די הויפּט־קוואַלן פון טומאה; מען ווערט טמא ווען מען רירט אָן אַ מת אָדער מען איז צוזאַמען אונטער איין דאַך מיט אַ מת; נאָכער גייט דאָס אָנרירן אַ טויטן שרץ; טמא איז אויך אַ פרוי אין דער צייט פון איר מענסטרואַציע, נדה; טמא זענען אויך מצורעים, זבים; עס זענען פאַראַן נאָך אַנדערע פאַלן פון טמא ווערן; עס זענען פאַראַן אַזעלכע פאַלן, וואָס „מדאורייתא", לויט די דינים פון דער תורה, זענען זיי נישט טמא, נאָר מדרבנן; לויט די דינים, וואָס די רבנן האָבן איינגעפירט זענען זיי יאָ טמא; און נישט נאָר מענטשן, נאָר אויך זאַכן, כלים, עסנוואַרג, קאָנען ווערן טמא. — די טהרה, ווי אַזוי צו רייניקן זיך פון דער רעליגיעזער טומאה, איז אויך פאַרשידן לויט דער מדרגה פון דער טומאה; פאַראַן פאַלן ווען מען האָט געמוזט אויף דעם טמא שפּריצן פון דעם וואַסער מיט דעם אַש פון דער פרה אדומה; פאַראַן פאַלן, ווען מען האָט געמוזט ברענגען אַ קרבן אין בית המקדש; און פאַראַן פאַלן ווען עס איז גענוג געווען טובל צו זיין זיך אין מקוה און וואַרטן ביז אָוונט. — אין היינטיקע צייטן זענען גילטיק די געזעצן פון טומאה נאָר אין זעלטענע אויסנאַמען, ווי למשל דער דין, אַז אַ כהן טאָר נישט מטמא זיין זיך מיט אַ מת, דאָס הייסט, אויך נישט געפינען זיך אונטער איין דאַך מיט אַ מת. — דער אויסדרוק טהרה האָט אין יידישן רעליגיעזן לעבן געהאַט אויך אַ הויכע באַדייטונג און די משנה סוף סוטה (אין די

משניות־אויסגאבן, נישט אין דער גמרא) און גמרא עבודה זרה ווערט געבראכט „טהרה מביאה לידי חסידות". — זע זוכווערטער „איסיים", „וואסער", „טבי־לה", „ידים", „כהן", „מקוה", „נדה", „פרה אדומה".

טוניס לאנד אין צפון־אפריקע, פון 1881 אונטער דער הערשאפט פון פראנק־רייך; יידן וואוינען אין טוניס שוין פון די צייטן פון 2טן בית־המקדש; אין מיטל־אלטער, אונטער דער הערשאפט פון די מאכמעדאנער, זענען די יידן אין טוניס שטארק פארפאלגט געווארן; די אלגעמיי־נע צאל יידן אין טוניס איז ביי 50 טוי־זנט, און אין דער הויפטשטאט טוניס ביי 30 טויזנט; די טוניסישע יידן האבן גע־וויסע פאזונדערע רעליגיעזע מנהגים; רעדן אראביש; און די אינטעליגענץ רעדט פראנצויזיש; די „אליאנס" האט דארט א ריי שולן פאר יידישע קינדער.

טור מלכא (אויף אראמעאיש „בארג פון מלך"), נאמען פון אן ארט אין ארץ־ישראל; אין דער גמרא גטין נ"ז ווערט דערציילט, אז צוליב א האן און א הון איז חרוב געווארן טור מלכא; עס איז נעמלעך געווען א מנהג אין טור מלכא, אז ווען עס איז פארגעקומען א חתונה איז מען געגאנגען אנטקעגן דער חתן־כלה מיט א האן און א הון. איינמאל זע־נען געקומען רוימישע זעלנער און צו־גערויבט דעם האן און די הון; דערויף זענען די יידן באפאלן די רוימער און געמאכט קעגן זיי אן אויפשטאנד. דער פירער פון די יידן איז געווען א גרויסער העלד בר דרומא; די יידן האבן פאר־שפילט דעם אויפשטאנד און א סך יידן זענען אומגעקומען. — וועגן דער פראגע ווען איז דער האזיקער אויפשטאנד פאר־געקומען און וואו איז געווען טור מלכא און ווער איז געווען דער בר דרומא, זע־נען געשריבן געווארן פיל אפהאנדלונגען. עס איז זיכער, אז טור מלכא איז דאס זעלבע וואס „הר המלך" (בארג פון קעניג) וועלכער ווערט דערמאנט אין משנה און גמרא (שביעית פרק ט', און אנדע־רע). — דער גרעסטער טייל היסטאריי־קער (גרעץ און אנדערע) גלויבן אז די מלחמה פון טור מלכא איז אן עפיזאד פון דער בר־כוכבא־מלחמה, און אז בר דרומא איז געווען איינער פון די צו־נעמען פון בר־כוכבא; זע זוכווערטער „בר כוכבא" און „בר דרומא". — לעבן ירושלים איז פאראן א בארג, וועלכן יידן רופן „טור מלכא".

טורים זע „יעקב בן אשר".

טורנוסרופוס רוימישער גענעראל און הערשער אין ארץ־ישראל אין דער צייט פון דער בר־כוכבא־מלחמה; ער ווערט געבראכט פיל מאל אין גמרא אלס גרוי־סער אכזר צו יידן (תענית כ"ט און אנ־דערע ערטער); ער האט געהאט ויכוחים מיט רבי עקיבא (בראשית רבה י"א און אנדערע ערטער); לויט איין סיפור זאל רבי עקיבא האבן חתונה געהאט מיט טורנוסרופוסעס ווייב נאכדעם ווי זי האט זיך מגייר געווען (נדרים נ'); לויטן מדרש קהלת זאל טורנוסרופוס געווען דער וואס האט פאראורטיילט רבי עקיבא צום טויט; זיין נאמען אין לאטיין איז געווען טיניוס רופוס.

טיטוס רוימישער קייזער, געשטארבן אין יאר 81; באקאנט אין דער יידישער געשיכטע דורך זיין פירן די מלחמה קעגן די יידן אין דער צייט פון 2טן חורבן ירושלים; ער איז דעמאלט געווען „צע־זאר", דאס הייסט דער טראן־פאלגער פון זיין פאטער אספסינוס, רוימישער קיי־זער; ער האט געפירט די באלאגערונג פון ירושלים, איינגענומען די שטאט,

פאַרברענט דאָס בית המקדש, געטויט פיל יידן; ער ווערט דערמאָנט אין דער גמרא גטין נ"ו אין די סיפורים וועגן חורבן, ווערט אָנגערופן „טיטוס הרשע"; לכבוד זיין נצחון איבער די יידן האָט מען אויפגעבויט אין רוים אַ בויגן מיטן נאָמען „טיטוס בויגן", אויף וועלכן עס זענען פאַראַן די בילדער פון די יידישע געפאַנגענע, כלים פון בית המקדש; אין דער גמרא גטין נ"ו ווערט דערציילט, אַז טיטוס, נאָכן איינעמען ירושלים, האָט זיך גרויסגעהאַלטן קעגן גאָט, און ער איז באַשטראָפט געוואָרן דערמיט וואָס עס איז אים אַריין דורך דער נאָז אַ פליג אין מוח און דאָס האָט אים פאַרפייניקט צום טויט. — פלאַוויוס, וועלכער איז געווען טיטוסעס אַ פריינט, באַמיט זיך אין זיין בוך „מלחמות" ריינצואוואַשן טיטוסן און ער שרייבט, אַז טיטוס האָט נישט געוואָלט פאַרברענען דאָס בית המקדש, און אַז דאָס האָבן געטאָן זיינע זעלנער קעגן טיטוסעס ווילן; אָבער פון די גמרא-קוואַלן (דאָרט אין גטין נ"ז) און אויך פון דעם רוימישן היסטאָריקער דיאָ קאַסיוס איז צו זען, אַז טיטוס האָט יאָ באַפוילן צו פאַרברענען דאָס בית המקדש. — זע „אספיסנוס", „בערעניקי", „חרבן".

טייטש זע „יידיש".

טייטש-חומש זע „צאינה וראינה".

טירנאַ, אייזיק רב און פוסק צום סוף 14טן און אָנהויב 15טן יאָרהונדערט אין אונגאַרן אין דער שטאָט טירנאַ; ער זאָל האָבן געשטאָרבן לערך דעם יאָר 1427; לויט אַנדערע מיינונגען 1460; ער האָט מחבר געווען דאָס ספר „מנהגים" (נישט צו פאַרטוישן מיטן מנהגים פון רבי יעקב מולין) וועלכע האָבן אַ זייער גרויסע באַדייטונג פאַר דער פאָרשונג פון יידישער געשיכטע און לעבנס-שטייגער אין יענער צייט. — פאַראַן אַ פאָלקס-לעגענדע אַז דער זון פון טירנער בירגערמייסטער, אַ קריסט, האָט זיך געהאַט פאַרליבט אין ר' אייזיקס טאָכטער און זיך מגייר געווען; אין טאָג פון דער חתונה האָט מען אים אַרעסטירט און ער צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע יידן זענען אומגעקומען אויף קידוש השם.

טל (טוי) אין תנ"ך ווערט טוי באַטראַכט אַלס סימן פון ברכה פאַר די פעלדער, און אין דער ברכה פון יצחק (בראַשית כ"ז) ווערט אַלס מתנה דערמאָנט אויך דער „טל השמים". עס איז איינגעפירט אין ספרדישן מנהג, אַז אין זומער, פון 1טן טאָג פסח אָן, ביז שמיני עצרת, זאָגט מען אין דער שמונה עשרה אין דער תפלה פון מחיה המתים, אויך די ווערטער „משיב הרוח ומוריד הטל"; אין 1טן טאָג פסח אין מוסף זאָגט מען מיט אַ באַזונדערן מעלאָדיע די תפילות און פיוטים פון טל, און דאָס ווערט אָנגערופן „בענטשן טל". אין ווינטער (אין חוץ לארץ פון דער נאַכט אויף דעם 59טן טאָג נאָך דער תקופת מרחשון, דאָס איז דעם 5טן דעצעמבער, און אין ארץ-ישראל פון 7 טעג אין חודש מרחשון) ביז פסח זאָגט מען אין דער שמונה עשרה ביי דער תפילה „מברך השנים" אויך די ווערטער „טל ומטר"; צוליב דעם וואָס די דאָזיקע ווערטער זענען געדרוקט מיט קליינע בוכשטאַבן ווערט אין דער יידישער שפּראַך דער אויסדרוק „טל ומטר" באַנוצט צו באַצייכענען קליינע זאַכן, און מען זאָגט „אַזוי גרויס ווי אַ טל ומטר", טייל געבן נאָך צו „ווי אַ טל ומטר אין אַ קליין סידורל".

טלית, טלית קטן דאָס וואָרט טלית, וואָס ווערט אין תנ"ך נישט דערמאָנט, נאָר ערשט אין דער משנה און גמרא, האָט געהאַט דעם טייטש „קלייד", אין

וועלכן מען איז אין די מזרח־לענדער איינגעוויקלט, א שטייגער ווי די אראבישע „אבאיע”. אזוי געפינען מיר אין דער ערשטער משנה פון בבא מציעא די הלכה וועגן „שנים אוחזין בטלית”, ווען צוויי מענטשן האבן געפונען אזא קלייד, און יעדער פון זיי טענהט, אז עס געהערט צו אים; אין דעם דאזיקן טלית, אין וועלכן מען איז געווען איינגעהילט, האט מען אריינגעמאכט ציצית, און מען האט דאס גערופן „סדינין המצויצין” (שבת כ״ה); אין די שפעטערע צייטן, ווען די יידן האבן געוואוינט צווישן אנדערע פעלקער און האבן מורא געהאט צו טראגן ציצית אויף דעם אויבער־מלבוש, האט מען איינגעפירט צו טראגן א קליינעם מלבוש אונטער די מלבושים, און אין דעם האט מען אריינגעמאכט די ציצית און מען האט עס גערופן „טלית קטן” (קליינעם טלית) אדער „ארבע כנפות”. נאר אינדערפרי ביים דאווענען און תפילין טראגן טוט מען אן דעם גרויסן טלית מיט ציצית; ביים אנטאן הילט מען זיך איין מיט אים איבערן קאפ און מען מאכט די ברכה להתעטף בציצית. אין די אייראפעאישע לענדער איז דער מנהג אז טליתים צום דאווענען טראגן נאר פארהייראטע (אויך א גרוש און אן אלמן), דאקעגן בחורים טראגן נישט קיין טליתים; ביי די ספרדישע און תימנישע יידן איז איינגעפירט אז אויך בחורים טראגן טליתים; עס איז איינגעפירט, אז אפילו א בחור, אויב מען רופט אים אויף צו עליה שבת און יום־טוב, טוט ער אן א טלית. — עס איז דער מנהג אז א פארהייראטער, ווען ער שטארבט טוט מען אים אן אחוץ די תכריכים אויך זיין טלית, נאר מען מאכט די ציצית פסול, ווייל א מת איז פטור פון מצוות. — זע „ציצית”.

טעאטער וועגן די ערשטע שפורן פון טעאטראלע דערשיינונגען ביי יידן, אין זייערע פארשידענע פארמען, ווי טענץ־אויפירונגען באגלייט מיט מוזיק, דיאלאגן, דראמאטישע האנדלונגען און אויפירונגען, איז שווער צו זאגן א זיכערע מיינונג. פון א סך ערטער אין תנ״ך איז צו זען, אז ביי יידן איז אין יענע אלטע צייטן יא געווען א געוויסע פארם פון עפנטלעכע טעאטראלע אויפירונגען, פון טענץ באגלייט דורך געזאנג, דועטן, כאר־געזאנג, און אפילו פראפעסיאנעלע טענצערינס און טענצערס (דער „במחול משחקים”, ירמיה ל״א, און אנדערע ערטער אין תנ״ך). לויט דער מיינונג פון טייל געלערנטע תנ״ך־פארשער זענען די ספרים איוב, שיר השירים, דראמאטיזירטע האנדלונגען (די מיינונג פון דער גמרא, אז „איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה”, אז דער גאנצער סיפור המעשה פון איוב און די ויכוחים צווישן אים און זיינע חברים איז ניט פארגעקומען אין דער ווירקלעכקייט). צי די דאזיקע שאפונגען זענען אויפגעפירט געווארן אין דער עפנטלעכקייט, איז ניט באוואוסט. פון דער צייט פון בית שני ווייסן מיר, אז אין אלעקסאנדריע זענען געווען יידישע שריפטשטעלער וועלכע האבן געשריבן דראמאטישע ווערק פון יידישן אינהאלט (עזעקיעל — יחזקאל און אנדערע), און אויך וועגן זיי איז שווער צו זאגן, צי מען האט זיי אויפגעפירט אין א טעאטראלער פארם. פון די ספרי החשמונאים און פון די פלאוויוס ווערק ווייסן מיר, אז דורך די העלעניזירטע יידן (זע „העלעניזם”, „חשמונאים”) זענען געמאכט געווארן פרואוון איינצופירן אין ירושלים עפנטלעכע שפילן און קעגן דעם זענען ארויסגעטרעטן שארף די פרום־רעליגיעזע יידן, וועלכע האבן געזען אין די נאקעטע שפילער א באליידיקונג קעגן די מאראלע געפילן פון יידן

און אַ פֿאַרלעצונג פֿון דער יידישער רע־
ליגיע. אין דער צייט פֿון משנה און גמרא
איז די דאָזיקע קעגנערשאַפֿט צו טעאַטער־
פֿאַרשטעלונגען געווען אַ זעהר שאַרפֿע.
און די גמרא עבודה זרה י״ח זאָגט „אין
הולכין לטרטיאות״ (מען טאָר ניט גיין
אין די טעאַטערס) ווייל דאָס איז „מושב
לצים״ און דער תהלים א׳ זאָגט אַז אַז
מען זאָל ניט זיין אין קיין מושב לצים.
חאָרט אין דער גמרא עבודה זרה י״ח
ווערן אויסגערעכנט די כאַראַקטעריסטי־
שע פּאַך־נעמען פֿון פֿאַרשידענע קונצנ־
מאַכער, וועלכע פֿלעגן אויפֿטרעטן אין די
טעאַטערס, ווי „מוקיון״, „בוקיון״ און
אַנדערע. דער פֿאַרבאָט צו באַזוכן טע־
אַטערס געפֿינען מיר אין פֿיל ערטער אין
תלמוד און מדרשים. עס זענען פֿאַראַן
טייל געלערנטע היסטאָריקער, וועלכע
מיינען, אַז מיר געפֿינען אין תלמוד שפּורן
פֿון עפּנטלעכע יידישע פֿאָלקס־שפּילן, און
איינער פֿון זיי זאָל זיין דער „משוורתא
דפוריא״ (סנהדרין ס״ד), וועגן וועלכער
עס איז פֿאַראַן אַ טייטש, וואָס שטאַמט
פֿון די גאונים אין בבל, אַז עס איז דע־
מאָלט געווען אַ מנהג פּורים צו מאַכן אַ
בילד פֿון המן און אויפֿהענגען עס עט־
לעכע טעג פֿאַר פּורים, און אין פּורים צו
מאַכען אַ פֿייער און צו פֿאַרברענען דאָס
בילד און דערביי באַווייזן קונצן פֿון אַרי־
בערשפּרינגען דאָס פֿייער אין באַגלייטונג
פֿון געזאַנג (זע „ערוך״ זוכוואָרט
„שוור״). דאָ האָבן מיר די ערשטע
שפּורן פֿון עפּנטלעכע פֿאָלקס־שפּילן און
פֿאַרווייַלונגען אום פּורים, פֿון וועלכע עס
האָט זיך, מעגלעך, שפּעטער אַנטוויקלט
דאָס „פּורים שפּיל״. עס איז זיכער, אַז
דורך דער גאַנצער צייט פֿון מיטלאַלטער,
פֿון די פֿריעסטע צייטן אָן, זענען פֿאָרגע־
קומען ביי יידן אין די פֿאַרשידנסטע לענ־
דער פֿאָלקס־שפּילן, מייסטנס אין פּורים
אָבער אין טייל לענדער אויך אין חנוכה
(שפּורן דערפֿון געפֿינען מיר אינם שפּע־
טערן האַלב־שבתי־צביאישן קבלה־ספֿר
„חמדת הימים״), הגם מיר האָבן וועגן
דעם וויניק ידיעות אין די עלטערע ספֿ־
רים. עס איז אויך זיכער, אַז אין די
לענדער וואו די דראַמאַטישע קולטור פֿון
דער ניט־יידישער באַפֿעלקערונג איז גע־
ווען מער אַנטוויקלט (ווי למשל אין שפּאַ־
ניע און איטאַליע, אין די לעצטע יאָר־
הונדערטער פֿון מיטלאַלטער) האָבן יידן
אַנטיילגענומען אין טעאַטער־וועזן און
זיכער פֿלעגן אין די רייכערע יידישע היי־
זער פֿאָרקומען בעת שמחות און די פֿרייע
ימים־טובים, ווי חתונות, חנוכה, פּורים,
חול המועד, דראַמאַטישע פֿאָרשטעלונגען
און פֿאָלקס־שפּילן. אין די שאלות ותשו־
בות ספֿרים פֿון 16טן און 17טן יאָרהונ־
דערט געפֿינען מיר שוין בפירוש, אַז יידי־
שע שפּילער, צי דאָס זענען געווען בד־
חנים, פֿלעגן זיך „פֿאַרשטעלן״, גאַנץ
אָפֿט אָנטאָן זיך פֿרויען־קליידער, און
אויפֿירן פֿאַר דעם פֿאַרזאַמלטן עולם פֿאַר־
שידענע שפּילן („דבר שמואל״ פֿון ווע־
נעציאַנער רב ר׳ שמואל אבוהב און אַנ־
דערע); און די דאָזיקע פֿראַגע, צי מעגן
מענער זיך אָנטאָן אין פֿרויען־קליידער
אויף לוסטיק צו מאַכן און צי איז דער־
ביי ניט פֿאַראַן דער פֿאַרבאָט פֿון „לא
ילבש גבר שמלת אשה״ באַשעפֿטיקט
זייער די רבנים אין יענער צייט. טייל
יידישע טעאַטער־היסטאָריקער, און באַ־
זונדערס דר. יצחק שיפּער אין זיין „גע־
שיכטע פֿון יידישן טעאַטער״ מיינען, אַז
אויף יענע יידישע פֿאָלקס־שפּילן, וואָס
זענען אויפֿגעפֿירט געוואָרן אַמייסטנס
אין פּורים און דערפֿון איז דער נאָמען
„פּורים־שפּיל״, האָבן געהאַט אַן איינ־
פֿלוס די ענלעכע ניט־יידישע קאַרנאַוואַל
און אַנדערע פֿאָלקס־שפּילן, באַזונדערס
די איטאַליענישע „קאָמעדיאַ דעל אַרטע״
און די סימנים פֿון אירע טיפּישע כאַ־
ראַקטערן, קאַלאָמבינאַ, דער פֿאָלקס־נאַר
און אַנדערע, זעט מען דייטלעך אין

אַזעלכע פּורים־שפּילן ווי „אחשורוש" און אַנדערע. יעדנפאַלס, פון 18טן יאָרהונדערט האָבן מיר שוין גאַנץ אויספירלעכע ידיעות וועגן דער פאַרשפּרייטונג פון אויפפירונגען פון פּורים־שפּילן דורך יידישע כמעט־פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, וועלכע זענען מייסטנס באַשטאַנען פון לצים מאַרשעליקן, בדחנים, אָבער גאַנץ אָפט אויך פון ישיבה־בחורים, און דער דייטשער פאָלקלאָריסט פון אָנהויב 18טן יאָרהונדערט שודט, אין זיינע „יידישע מערקווירדיקייטן", דערציילט שוין וועגן אַזעלכע יידישע טרופּן אין דייטשלאַנד און ער ברענגט אויך טעקסטן פון פּורים־שפּילן. גלייכצייטיק איז דעמאָלט (אין 17טן יאָרהונדערט) אויך געווען אַנטוויקלט די בעסערע דראַמע ביי די פּאָרטריבענע ספּרדישע און פּאָרטוגעזישע יידן אַמייסטן אין אַמסטערדאַם, וועלכע האָבן אויך מיטגעהאָלפן צו דער אַנטוויקלונג פון ניט־יידישן טעאַטער־וועזן אין האָלאַנד און פראַנקרייך. פון יענער צייט און עטוואָס שפּעטער האָבן מיר אין העבראַיש די ערשטע בעסערע דראַמעס, דעם „יסוד עולם" פון ר' משה זכות, נאָכער ר' משה חיים לוצאַטוס „**לישרים** תהלה", „מגדול עוז" און אַנדערע, נאָכער פראַנקאָ מענדעס אייגענע דראַמעס און אויך איבערזעצטע („עתליה"). — דאָס אייגנטלעכע יידישע טעאַטער, אָרגאַניזירטע טרופּן אַקטיאָרן און אַרטיסטן, וועלכע האָבן גענומען אויפפירן פאָרשטעלונגען ניט נאָר אין פּורים און אויף שמחות נאָר אויך אַ גאַנץ יאָר, האָט זיך אָנגעהויבן דעם 19טן יאָרהונדערט. צו־ערשט זענען געווען איינצלנע פּרוואָון, וועלכע זענען ניט געלונגען. אַזוי ווייסן מיר, אַז אין וואַרשע איז געווען אַ פּרוואָו אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט צו געבן יידישע פאָרשטעלונגען און די רבנים און די קהלה האָבן זיך קעגנגעשטעלט צוליב די דערמאָנטע רעליגיעזע טעמים. אין גאַליציע זענען אין דער מיט פון 19טן יאָרהונדערט געווען אָרגאַניזירט די „בראָדער זינגער", אָנגעפירט דורך בערל בראָדער, וואָלף ערנקראַנץ און אַנדערע, וועלכע האָבן געגעבן אין די ויין־שטובן אייגענע לידער, קליינע סצענעס (אַמייסטנס קאַריקאַטורן פון חסידישע טיפּן), און פון זיי האָט מיט דער צייט אויסגעבילדעט יידישע טעאַטער־טרופּן דער ערשטער פּאַקטישער גרינדער פון יידישן טעאַטער, וועלכער האָט אַליין געשריבן די פּיעסן און פאַרפאַסט דערצו די מעלאָדיעס, און נעמלעך, אברהם גאָלדפאַדן (זע „גאָלדפאַדן"). דאָס איז געווען אין די 70ער יאָרן פון 19טן יאָרהונדערט עס איז ריכטיק, אַז שוין פאַר גאָלדפאַדן זענען געווען עטלעכע אויטאָרן, וועלכע האָבן געשריבן אין יידיש טעאַטער־פּיעסן, ווי דער השכּלה־שריפטשטעלער אייכעל (בערלין), ישראל אַקסנפעלד (אָדעס), שלמה עטינגער (זיין פּיעסע „סערקעלע" איז געווען אַ לענגערע צייט אין מאַנוסקריפּט), גאָטלאָבער, מענדעלע מוכר ספרים. **אָבער** גאָלדפאַדן איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אָרגאַניזירט דאָס יידישע טעאַטער ברייט און געמאַכט דערפון אַ פּערמאַנענטע אינסטיטוציע. ער האָט מיט זיין טעאַטער־טרופּע אַרומגערייזט אין רומעניע, רוסלאַנד, נאָכער אַמעריקע. ער האָט איינגעפירט אין יידיש די מוזיקאַלישע קאָמעדיע, די אָפּערעטע, אויסנוצנדיק פיל פון דעם יידישן פאָלקס־מאָטיוו, סיי אין אינהאַלט פון די פּיעסן און סיי אין די מעלאָדיעס. און זיינע פּיעסן, ווי שולמית, בר כוכבא, די צוויי קוני־לעמלס, די כשוף־מאַכערין און אַנדערע, האָבן דעריבער נאָך איצט דערפאָלג. אונטער דעם איינפלוס פון גאָלדפאַדן זענען אויך אַנטשטאַנען אַנדערע טעאַטער־טרופּעס, וועלכע האָבן אויך אויפגעפירט אַמייסטנס לייכטע אָפּערעטעס (די אַזוי־גע־

רופֿענע „שונד־פּיעסן״), צונויפֿגעשטעלט
דורך פֿאַרשידענע מחברים, ווי לאַטיינער,
שייקעוויטש (שמר), הורוויץ און אַנדע־
רע. עס זענען אַנטשטאַנען אַחוץ די
וואַנדערנדע טרופּעס פֿון אַקטיאָרן, וועל־
כע האָבן געשפּילט אין פֿאַרשידענע
שטעט אין רומעניע, רוסלאַנד (וואו מען
האָט געמוזט שפּילן האַלב אין דייטש,
צוליב דער גזרה ניט צו שפּילן יידיש),
גאַליציע און אַפֿילו אין קאָנסטאַנטינאָ־
פּאָל, אויך שטענדיקע טעאַטער־צענטערס
אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן פֿון אַמעריקע,
באַזונדערס אין ניו־יאָרק, און אויך אין
פּוילן, באַזונדערס אין וואַרשע און לאָדז.
צום סוף פֿון 19טן און אָנהייב 20טן יאָר־
הונדערט האָט מען אָנגעהויבן אויף דער
יידישער בינע אויפֿירן אויך ערנסטערע
טעאַטער־פּיעסן, דראַמעס, קאָמעדיעס,
וועלכע האָבן געהאַט אַ ליטעראַרישן און
קינסטלערישן ווערט. עס האָבן געשריבן
די טעאַטער־פּיעסן אַ ריי יידישע שריפֿט־
שטעלער, ווי שלום עליכם, פּרץ, פּינסקי,
הירשביין (וועלכער האָט אויך אָרגאַני־
זירט אַן אייגענע וואַנדערנדע טעאַטער־
טרופּע), קאָברין, אַש, און דער דראַמאַ־
טורג יעקב גאָרדין (זע „גאָרדין״), ווע־
מענס דראַמעס „מירעלע אפרת״, „גאָט,
מענטש און טייוול״, „כאַשע די יתומה״,
„סיביריא״ און פֿיל אַנדערע זענען גע־
ווען אַמפּאָפּולערסטן און זענען אַ לאַנגע
צייט געווען דער הויפּט־רעפּערטואַר פֿון
יידישן טעאַטער. דאָס יידישע טעאַטער
וועזן איז געוואָרן רייכער, מער פֿאַרברײ־
טערט זינט די יאָרן פֿון נאָך דער ער־
שטער וועלט־מלחמה (1914 — 1918),
ווען די יידישע ליטעראַטור און פּרעסע
און די יידישע שולן און בכלל די יידישע
וועלטלעכע קולטור איז געוואָרן מער פֿאַר־
שפּרייט. די בעסערע טעאַטער־טרופּעס
(פֿריער פֿון פּרץ הירשביין, נאָכער די
„ווילנער טרופּע״ אין פּוילן, „וויקט״
אין וואַרשע, מאָריץ שוואַרצעס קונסט־
טעאַטער אין ניו־יאָרק און אַנדערע) האָבן
פֿיל מיטגעהאָלפֿן צו דער פֿאַרבעסערונג
און אַנטוויקלונג פֿון יידישן טעאַטער־וועזן
אַ באַזונדערן אָרט פֿאַרנעמט דאָס אויפֿ־
פֿירן ש. אַנסקיס „דיבוק״ (דורך דער
ווילנער טרופּע, שוואַרץ, אין העבּרעאיש
דורך דער „הבימה״) באַלד נאָך דער
ערשטער וועלט־מלחמה, ווייל דאָס האָט
פּאָפּולער געמאַכט דעם יידישן פֿאָלקלאָ־
ריסטישן עלעמענט און יידישן לעבנס־
שטייגער אויף דער יידישער בינע, ניט
אין דער פֿאָרם פֿון שונד פֿון גרעסטן טייל
פֿריערדיקע אָפּערעטעס נאָר אין אַ טי־
פֿערער, קינסטלערישער איבערלעבונג. —
דאָס יידישע טעאַטער האָט אויך לעצטנס
זיך זייער אַנטוויקלט אין דער העבּרעאי־
שער שפּראַך, דאָס העבּרעאישע טעאַטער,
וואָס דאַטירט זיינע ערשטע פּרוּוון נאָך
פֿון פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה (אין
ארץ־ישראל און פּוילן), אָבער זיין זייער
רייכע אַנטוויקלונג האָט עס דורכגעמאַכט
מיט דער אַנטשטייאונג פֿון דער „הבי־
מה״ (צוערשט אין מאָסקווע, נאָכער אין
ארץ־ישראל, זע „הבימה״), „תיאטרון
ארצי־ישראלי״ (אונטער דער פֿירונג פֿון
גנעסין), „אוהל״ (זע „אוהל״), העבּרע־
אישע אָפּערע אין תל אביב, די קליינע
רעוויו־טעאַטערס אין ארץ־ישראל („הקומ־
קום״ פֿון המאירי, „מטאטא״). — וועגן
דער געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער זע:
דר י. שיפּער „געשיכטע פֿון יידישן טע־
אַטער״, „אַרכיוו פֿאַר געשיכטע פֿון
יידישן טעאַטער״ אונטער רעדאַקציע פֿון
דר. י. שאַצקי, די אַרטיקלען איבער דעם
יידישן טעאַטער פֿון דר. י. שאַצקי און
דר. אַ מוקדוני אין 2טן באַנד „יידן״ (פֿון
דער אַלגעמיינער יידישער ענציקלאָפּעדיע
פֿון דובנאָוו־פֿאָנד), „טעאַטער־לעקסי־
קאָן״ פֿון זלמן זילבערצווייג (ביאָגראַ־
פֿיעס פֿון פּיעסן־שריפֿטשטעלער און אַר־
טיסטן, ניט פֿאַרענדיקט).

טעאָלאָגיע דער טייטש פון וואָרט „טעאָלאָגיע" איז „די לערע וועגן געטלעכקייט, וועגן גאָט", און האָט אַמאָל באַצייכנט די רעליגיעזע פילאָזאָפישע חקירה וועגן וועזן פון גאָט. אָבער מיטן נאָמען „יידישע טעאָלאָגיע" ווערט אין דער יידישער וויסנשאַפט באַצייכנט אַ ברייטערער פאַרנעם פון רעליגיעזער פאָרשונג. יידישע טעאָלאָגיע נעמט אַרום ניט נאָר די רעליגיעזע חקירה וועגן מהות פון גאָט, נאָר אויך די יסודות פון רעליגיעזן יידנטום בכלל. דער אונטערשיד צווישן דער „יידישער רעליגיע" און „יידישע טעאָלאָגיע" באַשטייט אין דעם, וואָס די רעליגיע נעמט אַרום אַלע מצוות און דינים, דאַקעגן טעאָלאָגיע נעמט אַרום נאָר די יסודות, די רעליגיעזע פרינציפּן, די עקרים פון רעליגיעזן יידנטום, כאָטש זיי נעמען אַרום מער ווי די באַקאַנטע 13 עקרים, אני מאמינס (זע „עיקרים"). די יסודות פון דער יידישער טעאָלאָגיע זענען ניט ביי אַלע גרויסע יידישע רעליגיעזע חוקרים געווען די זעלבע, און עס זענען געווען חלוקי דעות צווישן זיי, פונקט ווי עס זענען געווען חלוקי דעות וועגן די עיקרים בכלל. דער ערשטער, וועלכער האָט פילאָזאָפיש באַהאַנדלט יידישע טעאָלאָגישע פּראָבלעמען איז געווען פילאָן פון אַלעקסאַנדריע (אין 1טן יאָרהונדערט, זע „פילאָן"); אויך אין דער גמרא ווערן אין טייל ערטער באַהאַנדלט די דאָזיקע פראַגן, באַזונדערס אין סנהדרין פרק חלק. אין די צייטן פון די גאונים און שפּעטער, זענען די באַרימטע יידישע טעאָלאָגן געווען רב סעדיה גאון, אבן גבירול, רבנו בחיי („חובות הלבבות"), ר' יהודה הלוי, אבן עזרא, רמב"ם און פיל אַנדערע. אין דעם מאָדערנעם יידנטום זענען די פאָרשער און באַגרינדער פון יידישער טעאָלאָגיע געווען מענדלסאָן (אין זיין „ירושלים"), קראָכמאַל („מורה נבוכי הזמן), שמואל דוד לוצאַטו („מחקרי היהדות"), שמשון רפאל הירש („19 בריוו") און אין די נאָר לעצטע צייטן בובער, ראָזנצווייג און פיל אַנדערע. די אַנשויאונגען איבער דער יידישער טעאָלאָגיע זענען, נאַטירלעך, אַנדערע ביי אָרטאָדאָקסישע געלערנטע, און אַנדערע ביי די קאָנסערוואַטיווע און אַנדערע ביי די וואָרטזאָגער פון רעפאָרם־יידנטום. די הויפּט־יסודות פון דער טעאָלאָגיע ביים אָרטאָדאָקסישן יידנטום באַשטייען קודם כל פון די 13 עיקרים (עקזיסטענץ פון גאָט, די איינהייט און אייניציקייט פון גאָט, די אומקערפּערלעכקייט פון דער געטלעכקייט, די באַשאַפונג פון דער וועלט, השגחה, תורה מן השמים, שכר ועונש, אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה, תחיית המתים, דאָס קומען פון משיח, די אומפאַרענדערלעכקייט פון דער תורה; זע עיקרים), אָבער אויך אַ ריי אַנדערע פרינציפּן, וועלכע זענען אין די 13 עיקרים ניט אויסגערעכנט, ווי בחירת ישראל, יידן זענען אויסדערוויילט געוואָרן פון גאָט און אַז מיטן יידישן פאָלק איז פאַרבונדן די יידישע רעליגיע, די גילטיקייט פון תורה שבעל פה, דאָס פאַרבינדן די ביאת המשיח מיט צוריקער פון יידן קיין ארץ־ישראל און אויפבויען דאָס בית המקדש און אַנדערע. אין יידישער טעאָלאָגיע גייען אויך אַריין די רעליגיעז־פילאָזאָפישע פאָרשונגען וועגן וועזן פון דער געטלעכקייט, די געטלעכע תארים (אַטריבוטן), דאָס דערקלערן די ערטער פון תנ"ך, וואָס זעען אויס ווי אַנטראָפּאָמאָרפיש (זע „אַנטראָפּאָמאָרפיזם"), דעם וועזן פון דער נשמה, די באַציאונג פון „אין סוף" צו דער גשמיותדיקער וועלט (אין דער הינזיכט קומען אַריין אויך טייל לערעס פון קבלה אין געביט פון טעאָלאָגיע) און אַנדערע. — פרטים אין בערנפעלדס „דעת אלהים", ניימאַרק, „תולדות הפילוסופיה בישראל" און „תולדות העקרים בישראל". — זע זוב־

ווערטער „אנטראפאמארפיזם", „ארטאדאקסיע", „יידנטום", „עיקרים", „פילאזאפיע", „קאנסערוואטיזם", „רעפארם".

טעמים מיטן ווארט „טעמים" רופט מען אין דער העברעאישער גראמאטיק די צייכנס אין תנ"ך, וואס געפינען זיך אונטער אדער איבער יעדעס ווארט, כדי דערמיט אנצעווייזן ווי אזוי דער גאנצער זאץ פון די ווערטער בינדט זיך; אויף יידיש האט מען עס אויך גערופן „טראפ"; די טעמים זענען פאראן 26; זיי טיילן זיך אין 18 „מלכים", וועלכע הייסן אויך „מפסיקים" ווייל זיי האקן אפ דאס באטרעפנדע ווארט פון דעם נאכקומענדן ווארט, און 8 „משרתים", וועלכע בינדן דאס באטרעפנדע ווארט מיט דעם נאכקומענדן ווארט; אויך די „מפסיקים" טיילן זיך אין קלאסן, אין „גאר שטארקע מפסיקים" (הייסן אויך „קיסרים"), אין שטארקע („מלכים"), צווייט־ראנגיקע (משנים) און דריט־ראנגיקע (שלישים); די קיסרים זענען: „סלוק" און „אתנחתא"; די מלכים: סגול, זקף קטן, זקף גדול, טפחא, רביע; די משנים זענען: זרקא, פשטא, תביר, יתיב, שלשלת; די שלישים זענען: פזר, קרני פרה, תלישא גדולה, גרש, גרשים, פסיק; די משרתים זענען: מונח, מהפך, קדמא, דרגא, תלישא קטנה, מרכא, מרכא כפולה, ירח בן יומו. — די טעמים אויף די 3 ספרים איוב, משלי, תהלים (זיי ווערן באצייכנט מיטן ווארט „אמת", ראשי תבות פון איוב, משלי, תהלים) זענען אנדערש אין זייער באדייטונג. — וועגן דער צייט ווען טעמים זענען אנטשטאנען איז פאראן א מיינונגס־פארשידנקייט צווישן די היסטאריקער; די טראדיציע האלט אז זיי זענען געגעבן געווארן אויפן בארג סיני צוזאמען מיט דער תורה; טייל חכמים אין מיטלאלטער (רבי יהודה הלוי אין „כוזרי" מאמר ג') האלט, אז די טעמים־באצייכענונגען זענען אנטשטאנען נאך גלות בבל; רבי אליהו בחור האט דער ערשטער אויסגעדריקט זיין מיינונג, אז די טעמים און אויך די נקודות זענען אנטשטאנען ערשט נאך דער צייט פון דער גמרא; פון דער מגילה ג' און ברכות ס"ב איז צו זען, אז געוויסע טעמים זענען יא געווען שוין אין יענער צייט; עס איז אויך שווער פעסטצושטעלן ווען עס זענען אנטשטאנען די מעלאדיעס, מיט וועלכע מען לייענט די טעמים, די מעלאדיע פון לייענען די ספר תורה שבתים און ימים־טובים, די מעלאדיע פון ראש־השנה־לייענען, די מעלאדיע פון מגלת אסתר, פון די הפטורות; טייל מוזיק־היסטאריקער מיינען, אז די מעלאדיעס־עלעמענטן שטאמען נאך פון דער צייט פון בית המקדש. — וועגן די טעמים זענען געשריבן געווארן מערערע ספרים; די גאר עלטערע זענען דער „ספר דקדוקי הטעמים" פון בן אשר (ארויסגעגעבן לייפציג 1879), רבי משה הנקדנס „דרכי הנקוד והנגינות" פון די נייערע זענען וויכטיק היידנהיימס „משפטי הטעמים" און בערס „תורת אמת". וועגן די מעלאדיעס זע אידלזאנס „תולדות הנגינה העברית", ראבינאוויטש „מוזיק ביי יידן".

טעמים פון מצוות עס איז איינע פון די פונדאמענטאלע פראגן אין דער יידישער רעליגיע: צי דארף מען פארשן און אויסגעפינען די „טעמים פון מצוות"; פארוואס גאט האט געהייסן אין דער תורה צו טאן די אדער יענע מצוה, אדער האט פארבאטן צו טאן די אדער יענע עבירה; אדער מען טארנישט פארשן און פרואוון געפינען די טעמים, נאר מען דארף באטראכטן די מצוות אלס דעם ווילן פון גאט. אייגנטלעך געפינט מען שוין אין דער תורה זעלבסט טעמים צו

געוויסע מצוות, ווי למשל ביים מלך, אז ער טאר נישט האבן קיין סך ווייבער (דברים י"ז) ווייל כדי זיי זאלן אים נישט אפּרעדן פון זיינע פליכטן; אין די פילאזאפישע ספרים פון פילאן פון אלעקסאנדריע (אין 1טן יארהונדערט) געפינען מיר פיל טעמים צו די געבאטן פון דער תורה. אין תלמוד זענען פאראן חלוקי דעות; דער תנא רבי שמעון האט געהאלטן אז מען דארף יא דרשנען „טעמא דקרא" (די טעמים פון די תורה־געבאטן) און רבי יהודה האט געהאלטן אז נישט (בבא מציעא קט"ו); דער רמב"ם אין „מורה נבוכים" האט זיך יא באמיט צו דערקלערן די מאטיוון פון פארשידענע מצוות. און דאס איז געווען איינע פון די אורזאכן, פארוואס א סך יידישע חכמים זענען ארויסגעטרעטן קעגן רמב"מס „מורה נבוכים"; אין דער מאדערנער צייט איז די פראגע געווען דער הויפּט־מאמענט אין שארפן קאמף צווישן די אנהענגער פון רעפארמירן די יידישע רעליגיע, וועלכע האבן געהאלטן אז די טעמים פון געוויסע געבאטן זענען היינט נישט מער גילטיק און ממילא זענען אויך די געבאטן נישט מער גילטיק, און די ארטאדאקסן, וועלכע זענען ארויסגעטרעטן צו פארטיידיקן די גילטיקייט פון דער גאנצער תורה אויף אייביק.

טערקיי לאנד וואס ציט זיך פון דרום־טייל אין אייראפּע אויפן באלקאנישן האלבאינדזל ביז ווייט אריין אין אזיע, און האט אמאל ארומגענומען זייער פיל לענדער אין אייראפּע (אויך טיילן פון אונגארן, רומעניע, בולגאריע, סערביע און גריכנלאנד), אזיע (אראבישע לענדער, ארץ־ישראל, סיריע) און צפון־אפריקע. די הויפּטשטאט איז קאנסטאנטינאפּאל (זינט 1922 איז די רעזידענץ אנקארא); האט היינט ביי 15 מיליאן איינוואוינער צווישן זיי לערך 85 טויזנט יידן, אבער אין די פריערדיקע צייטן זענען די יידן אין טערקיי געווען א גרויסער טייל פון די יידן אין דער וועלט, און „תוגרמה" (אזוי האבן די העברעאישע ספרים באצייכנט טערקיי) און איר הויפּטשטאט „קושטא" (אזוי האט מען באצייכנט קאנסטאנטינאפּאל) זענען געווען דער צענטער פון יידישער תורה און געזעלשאפטלעכן לעבן. די געשיכטע פון יידן אין טערקיי איז זייער אלט און דאטירט זיך נאך פון דער צייט, ווען דער גרעסטער טייל פון די טערקישע לענדער זענען געווען די ביזאנטישער אימפעריע (זע זוכווארט „ביזאנץ") און אפילו פון דעם אלטן רוים. ווען די טערקן האבן פארנומען קאנסטאנטינאפּאל אין 15טן יארהונדערט האט דער יידישער ישוב אין טערקיי זיך באדייטנד פארגרעסערט און דער ערשטער חכם באשי, דער העכסטער רב, אנערקענט דורך דער טערקישער רעגירונג (דורך דעם סולטאן) אלס פירער פון יידן, איז געווען רבי משה קאפסאלי. די טערקישע סולטאנען האבן די יידן אין אלגעמיין גוט באהאנדלט און טערקיי איז געווארן אן אימיגראציע־לאנד פאר געפייניקטע יידן פון אייראפּעאישע לענדער, באזונדערס פון שפאניע און פארטוגאל נאכן גרוש שפאניע און פארטוגאל צום סוף פון 15טן יארהונדערט. איבער 100 טויזנט פארטריבענע יידן פון שפאניע (ספרדים) און פארטוגאל זענען אנגעקומען קיין טערקיי. די גרעסטע יידישע גאונים (רבי יוסף קארו און אנדערע) האבן געוואוינט אין טערקיי, און די שטעט קאנסטאנטינאפּאל, אדריאנאפּאל, סמירנע, סאלאניקי און באזונדערס אין ארץ־ישראל צפת און ירושלים, זענען געווארן דער צענטער פון ישיבות, קבלה; טערקיי איז אויך געווען א מקום מקלט פאר יידן אשכנזים פון אנדערע אייראפּעאישע לענדער. הגם די יידן אין טערקיי האבן ניט געהאט קיין פולשטענדיקע

גלייכבארעכטיקונג מיט די טערקן און מען האט אויף זיי ארויפגעלייגט געוויסע באגרענעצונגען, איז אבער זייער לאגע אין 17טן און 18טן יארהונדערט אין אלגעמיין געווען א גוטע און פארגלייך מיט דער לאגע אין די אייראפעאישע לענדער. נאך דער רעוואלוציע פון די יונג־טערקן אין 1908 האבן יידן באקומען פולשטענדיקע גלייכבארעכטיקונג, און מען האט אנגעהויבן יידן אויך נעמען צו מיליטער־דינסט. נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער רעוואלוציע פון מוסטאפא קעמאל פאשא (1922) האט די טערקישע רעגירונג פארערגערט איר באציאונג צו יידן, געצוואונגען צו „טערקיזירן“ זיך, באגרענעצט זייערע רעכט, אזוי אז עס האט זיך אנגעהויבן א גרויסע אויסוואנדערונג פון יידן פון טערקיי, און זייער ראל פארקלענערט זיך כסדר. — וועגן דער געשיכטע פון יידן אין טערקיי איז פאראן רוזאנעס „דברי ימי ישראל בתוגרמה“, אין וועלכן עס ווערן באנוצט פיל קוואלן־מאטעריאלן פון שאלות ותשובות און אויך ארכיוון.

טראני בארימטע פאמיליע, וועלכע האט ארויסגעגעבן גרויסע פערזענלעכקייטן. — 1) יוסף די טראני הזקן, געלעבט אין ענדע 16טן יארהונדערט; מחבר פון שאלות ותשובות „מהרי מטראני“ (געדרוקט קאנסטאנטינאפאל 1641) ווי אויך חידושים אויף גמרא. — 2) יוסף די טראני (געבוירן צפת 1573, געשטארבן קאנסטאנטינאפאל 1644) רב און ראש ישיבה אין קאנסטאנטינאפאל, מחבר פון „צפנת פענח“ (ווענעציע 1653). — 3) ישעיה די טראני הזקן (לערך 1180 — 1250 אין ווענעציע) פון די ראשוני הפוסקים אין איטאליע, מחבר פון „תוספת רי״ד“ אויף א סך מסכתות פון דער גמרא, ספר „המכריע“, „נמוקי החומש“, פיוטים. — 4) ישעיה די טראני האחרון, אייניקל פון ישעיה הזקן, געלעבט אין איטאליע אין ענדע 13טן יארהונדערט מחבר פון פסקים אויף מסכתות, פירושים אויף תנ״ך־ספרים, פיוטים און סליחות. — 5) משה בן יוסף די טראני, באקאנט אויך מיטן נאמען „מבי״ט“ (1505 סאלאניקי — 1585 אין ירושלים) פון די אנגעזעענסטע גדולים אין דער ספרדישער רבנים־וועלט, מחבר פון „שאלות ותשובות מבי״ט“, „קרית ספר“, „התחיה והפדות“, פירוש צו רב סעדיהס „אמונות ודעות“ און אנדערע ספרים.

טראפ זע „טעמים“.

טראצקי, לעוו (געבוירן אין רוסלאנד 1879 — 1940 אין מעקסיקע), פסעוודאנים פון לייב ברוינשטיין, בארימטער פירער פון דער רוסיש־באלשעוויסטישער רעוואלוציע פון 1917, נאכער ארגאניזאטאר פון דער רויטער ארמיי; אין 1928 פארטריבן געווארן פון רוסלאנד דורך סטאלין; זיך באזעצט צוערשט אין טערקיי, נאכער אין נארוועגיע, צום סוף אין מעקסיקע; געשטאנען ווייט פון יידישקייט און יידישע פראבלעמען. דערמארדעט געווארן אין מעקסיקע.

טרויער זע זוכווארט „אבל“.

טרומפעלדאר, יוסף (געבוירן 1882 אין רוסלאנד — געפאלן אין דער פארטיידיקונג פון תל חי אין ארץ־ישראל י״א אדר תר״ף); בארימטער יידישער העלד, אנטיילגענומען אין דער מלחמה פון רוסלאנד קעגן יאפאן אין 1904, נאכער געווען אין ארץ־ישראל; אין דער וועלט־מלחמה פון 1914 אנטיילגענומען אין דעם יידישן לעגיאן אין די קאמפן אין גאליפאלי; נאכער ארגאניזירט דעם „החלוץ“, אנגעפירט מיט דער פארטיידיקונג פון תל חי אין 1920 קעגן די אראביש־בעדואינישע מיליטער־אפטיילונגען, וועלכע האבן געפירט מלחמה קעגן

פראנקרייך, אונטער וועמענס הערשאפט תל חי איז דעמאלט געווען; אין דעם קאמף געפאלן צוזאמען מיט חברים־פארטיידיקער; געווארן דער סימבאל פון יידישער גבורה און פארטיידיקונג און מסירת נפש; ווערט באזונגען אין פיל לידער; אויף זיין נאמען ארגאניזאציע ברית־תרומפלדור (ביתר); אויף זיין נאמען גאסן אין א ריי שטעט און קאלאניעס אין ארץ־ישראל; פרטים וועגן זיין לעבן אין יערי־פולסקינס „חולמים ולוחמים״.

טרפה אין חומש ווערט באנוצט דאס ווארט טרפה צו באצייכענען א לעבעדיקע זאך וואס איז געטויט געווארן דורך א ווילדע חיה, און דער חומש (שמות כ״ב) זאגט ובשר בשדה טרפה לא תאכלו, אז דאס דאזיקע פלייש טאר מען נישט עסן; לויט דער טראדיציע אין משנה און גמרא ווערט דערמיט באצייכנט א בהמה, וואס האט אזא פעלער, צוליב וועלכן זי קאן נישט לעבן קיין 12 מאנאטן (חולין מ״ב), און די משנה אין חולין פרק ג׳ רעכנט אויס די אלע פעלערן, פון וועלכע א בהמה ווערט טרפה, ווי למשל אויב די לונג איז געלעכערט, דער מוח איז געלעכערט און אזוי ווייטער; די גמרא אויף דער משנה אין חולין באהאנדלט זייער פיל פרטים וועגן די דאזיקע טרפה־פעלערן; די שפעטערע פוסקים האבן באהאנדלט די שאלות וועגן טרפות נאכמער אויספירלעך; פרטים וועגן די דינים פון טרפות זענען פאראן אין שלחן ערוך יורה דעה הלכות טרפות; מען באנוצט אויך דאס ווארט „טרפה״ צו באצייכענען בכלל יעדע זאך וואס מען טארנישט עסן, ווי למשל פלייש געקאכט מיט מילך, טרפה בהמות, טרפה עופות, חלב וכדומה; מען זאגט דערויף אין יידיש „טרייף״; דער קעגנזאץ צו „טרפה״ איז „כשר״. — וועגן דער פראגע פון דער אפשטאמונג פון די דינים פון כשר און טריפה זענען פאראן צוויי מיינונגען; די ארטאדאקסיש־רעליגיעזע מיינונג איז, אז דאס איז געגעבן געווארן אויפן בארג סיני, און די דינים קאנען דעריבער נישט געענדערט ווערן; די רעפארם־אנהענגער ווילן האבן, אז דאס איז איבערגענומען געווארן פון אנדערע פעלקער און אז מען קאן די דינים יא ענדערן.

טרפון, רבי תנא אין ארץ־ישראל, געלעבט אין דער צייט פון סוף פון 2טן בית המקדש ביז דעם אויפשטאנד פון בר כוכבא; געווען א כהן און אין ירושלמי יומא פרק ג׳ דערציילט רבי טרפון, אז ער האט געדינט אין בית המקדש; ער האט נאכער געוואוינט אין לוד, און איז געווען רייך (נדרים ס״ב); זיינע הלכות זענען פאראן אין פיל ערטער אין משנה און ברייתות; אין משנה אבות סוף פרק ב׳ זאגט ער „היום קצר והמלאכה מרובה״ (דעם מענטשנס לעבן איז קורץ, און טאן דארף ער א סך); אין מדרש איכה רבה ווערט געבראכט די מיינונג, אז רבי טרפון איז געווען פון די עשרה הרוגי מלכות.

טשאלנט מאכל, וואס יידן עסן שבת בייטאג צו מיטאג, באשטייט געווינלעך פון קאטאפל אדער קאשע, וואס מען שטעלט אריין אין בעקעריי־אויוון פרייטיק פארנאכט און ווערט ארויסגענומען פון אויוון שבת אינדערפרי, כדי ער זאל זיין ווארעם צום עסן, ווייל שבת טאר מען ניט קאכן; פון וואנען דאס ווארט שטאמט איז ניט קלאר: עס ווערט דערמאנט דאס ערשטע מאל אין ספר אור זרוע פון רבי יצחק פון ווין (13טער יארהונדערט) אין דער פארם „צלנט״. צונץ, גידעמאן און א ריי אנדערע געלערנטע מיינען, אז דאס איז פון „שאלעט״ און דאס זאל שטאמען פון אלט־פראנצויזישן „שאלד״, וואס איז דער טייטש „ווא־

רעם" (גידעמאַן, „התורה והחיים" אין ציון 3 צום ערשטן טייל).

טשאָרטקאָווער רביים זע „פּרידמאַן ישראל".

טשעכאָסלאָוואַקיע נאָמען פון לאַנד אין מיטל־דרום־אייראָפּע, הויפּטשטאָט פּראַג, צעטיילט און אָקופּירט געוואָרן דורך די דייטשע היטלעריסטישע חיילות אין 1939-8; געהאַט פאַר דער צעטיילונג אַ באַפעלקערונג פון לערך 15 מיליאָן מענטשן, צווישן זיי לערך 450 טויזנט יידן; די הויפּט־יידישע קהלות זענען געווען פּראַג, פּרעשבורג און אַנדערע. איצט, זינט דער מלחמה אין 1939, איז די יידישע באַפעלקערונג אין טשעכאָסלאָוואַקיע געוואָרן אין גרעסטן טייל פאַרניכטעט דורך די דייטש־היטלעריסטישע און סלאָוואַקישע רוצחים. די געשיכטע פון יידישן ישוב אין טשעכאָסלאָוואַקיע, פון וועלכע טייל פּראָווינצן זענען בעמען און מערן („ביהם", „פיהם" אין די אַלטע ספרים), איז זייער אַן אַלטער. אין די גאַר אַלטע יידישע ספרים האָט מען גערופן די דאָזיקע פּראָווינצן, ווי בכלל אַלע סלאַווישע לענדער, „כנען", צוליב דעם וואָס פון די סלאַווישע לענדער פלעגט מען ברענגען שקלאַפן און דער נאָמען כנען איז פון פסוק אין חומש נח „ויהי כנען עבד למו" (דאָס איז אויך דער נאָמען „סלאַוון", „סקלאַוואַניע"); אַזוי געפינען מיר דעם נאָמען ארץ כנען אין ספר „אור זרוע" פון ר' יצחק ווינא אין 13טן יאָרהונדערט, מסעות רבי בנימין פון 12טן יאָרהונדערט צו באַצייכענען די סלאַווישע לענדער און הויפּטזעכלעך בעמען. יידן האָבן דאָרט אין יענע אַלטע צייטן גערעדט אַ סלאַווישע שפּראַך (ענלעך צום היינטיקן טשעכיש) וואָס זיי האָבן גערופן „לשון כנען". דורך די לעצטע יאָרהונדערטער האָט טשעכאָסלאָוואַקיע געהערט צו עסטרייך און ערשט אין ענדע 1918 איז זי געוואָרן אַ באַזונדערע רעפּובליק. יידן האָבן געהאַט אין טשעכאָסלאָוואַקיע פולשטענדיקע גלייכבאַרעכטיקונג. וועגן דער איצטיקער לאַגע פון די איבערגעבליבענע יידן אין די דאָזיקע לענדער אונטער דער היטלעריסטישער רוצחים־הערשאַפט (איצט, ענדע 1942) זענען פאַראַן נאָר ניט קלאָרע ידיעות; און דאָס, וואָס מען ווייסט יאָ איז, אַז עס קומען פאָר די שוידערלעכסטע הריגות ווי די אין אַנדערע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער אונטער דער היטלעריסטישער הערשאַפט. — זע „פּראַג".

טשערנאָוויטש, חיים (געבוירן אין רוסלאַנד 1870), זיין פּסעוודאָנים „רב צעיר", פּראָפעסאָר אין ווייזעס ראַבינער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק, געלערנטער אין חכמת ישראל, באַזונדערס אויפן געביט פון הלכה, פאַרעפנטלעכט צווישן אַנדערע אויך „קצור התלמוד", „תולדות ההלכה", רעדאַגירט מאָנאַט־שריפט „בצרון".

טשערניכאָווסקי, שאול (געבוירן 1875 אין רוסלאַנד), באַרימטער העברעאישער דיכטער; פון פאַך דאָקטאָר מעדיצין; איצט אין ארץ־ישראל; די זאַמלונגען פון זיינע ווערק זענען „חזיונות הזמן", „שירים", „שירים חדשים", „ספר האידיליות", דערציילונגען ווי אויך זכרונות; טשערניכאָווסקי האָט אַריינגעבראַכט אין דער מאָדערנער העברעאישער פּאָעזיע דאָס אַלמענטשלעכע, און גרויס אויפזען האָט אַרויסגערופן זיין ליד „לנוכח פסל אפולו" (פאַר דעם בילד פון אַפּאָלאָ) ווי אויך זיינע אַנדערע לידער, אין וועלכע ער דריקט אויס באַגייסטערונג פאַר דער שענקייט פון געצנדינסט. טשערניכאָווסקי האָט פיל מיטגעווירקט צום פעסטשטעלן די העברעאישע טערמינען פאַר פאַרשידענע באַגריפן פון מעדיצין.

ואלה יעמדו על הברכה

די פאלגנדע מנדבים האבן מיטגעהאלפן פינאנציעל צו דער אויסגאבע פון ערשטן באנד פון דער יידישער פאלקס-ענציקלאפעדיע, און עס ווערט זיי אויסגעדריקט דער בעסטער דאנק פאר דער מיטהילף:

פעדעראציע פון פוילישע יידן אין קאנאדע.

אגודת חסידי חב"ד פון אדמו"ר הרב ר' יוסף יצחק שניאורסאן שליט"א מליובאוויטש.

הרב ר' צבי הירש הכהן שליט"א פון מאנטרעאל.

ר' הירש וואלאפסקי, ארויסגעבער פון „קענעדער אדלער".

הרב דר. ה. אבראמאוויטש שליט"א.

הרב ר' אליעזר סילווער שליט"א פון סינסינעטי.

הרב זאב גאלד שליט"א, ניו-יארק.

הרב פינחס הירשפרונג שליט"א.

הרב שמואל לעווין שליט"א, האמילטאן.

הרב שמריה גוראריי שליט"א, ניו-יארק.

הרב י. מ. קאוואלסקי שליט"א, ניו-יארק.

הרב אפרים ליוויי שליט"א, וואנקואווער.

הרב שמואל אהרן רובין שליט"א, ניו-יארק.

הרב מ. קירשבלום, שליט"א.

מר. און מרס. וויליאם אגראנאוו, טאראנטא.

מר. און מרס. ב. אייראן, מאנטרעאל.

מר. און מרס. אברהם אלבערט.

מר. און מרס. יודל אלבערט.

מר. און מרס. סעם אלבערט.

מר. און מרס. שלמה אמסעל.

טרעזשורער פון ענציקלאפעדיע-קאמיטעט

מר. און מרס. י. בלאַט.

מר. און מרס. יצחק גאָלד.

מר. און מרס. ב. גאָלדשטיין.

מר. און מרס. ה. גאַסקאָ.

מר. און מרס. ה. גאַרפינקל, טאָראָנטאָ.

מר. און מרס. י. ל. געוואורץ.

מר. און מרס. היימי גראָוער, מאָנטרעאַל.

מר. און מרס. ס. גרינפעלד.

מר. און מרס. י. דייטשער.

מר. און מרס. ל. דייטשער.

מר. און מרס. ראָבערט ג. האָרוויץ, ניו־יאָרק.

מר. אהרן וואָלאָפסקי.

מר. און מרס. דען וואָלאָפסקי.

מר. און מרס. זעליג וואָלאָפסקי.

מר. און מרס. י. וויזנפעלד.

מר. און מרס. ב. טאַנענבוים.

מר. און מרס. אברהם כהן, ניו־יאָרק.

מר. און מרס. ישראל כהן, מאָנטרעאַל.

מר. און מרס. יחזקאל כהן.

מר. און מרס. יהודה פנחס כץ, טאָראָנטאָ.

מר. און מרס. י. מינדעל, מאָנטרעאַל.

מר. און מרס. מ. מענדעלזים.

מר. און מרס. יוסף מילשטיין.

מר. און מרס. לייב מילשטיין.

מר. און מרס. ראובן מילשטיין.

מר. און מרס. חיים מילשטיין, טאָראָנטאָ.

מר. און מרס. גדליה סאָלאָמאָן, מאָנטרעאַל.

מר. און מרס. סעם סילווער.

מר. און מרס. י. סטערנטאַל.

מר. און מרס. אברהם מנחם סטאַוויסקי, ניו-יאָרק.

מר. און מרס. משה סיימאַן, מאָנטרעאל.

מר. און מרס. ד. סעראַט.

מר. ס. ב. פיינער.

מר. און מרס. אירווינג פליישער.

מר. און מרס. לעאָן פעטיגאָרסקי, אָטאווא.

מר. און מרס. אַלטער און הענע לאה פרידמאַן.

מר. און מרס. משה פרייהייטער, מאָנטרעאל.

מר. און מרס. אברהם דוד פיעטרושקאַ-פיטערס.

מר. און מרס. העניך פיעטרושקאַ.

מר. מענדל פיעטרושקאַ.

מר. משה יוסף פיעטרושקאַ.

מר. און מרס. משה פערלמוטער.

מר. און מרס. מ. קופערבערג.

מר. און מרס. סעם קראַניק, טאָראָנטאָ.

מר. און מרס. א. י. קרעמינער, מאָנטרעאל.

מר און מרס. י. ראַבינאָוויטש.

מר. און מרס. דר. בען ראַגינסקי און הערי ראַגינסקי.
(אין אָנדענק פון זייער פאָטער אברהם ע"ה
און זייער ברודער אַלעקסאַנדער)

מר. און מרס. י. ראָזנפעלד.

מר. און מרס. ש. ראָזנבערג, ניו-יאָרק.

מר. און מרס. אברהם יצחק ראָס, מאָנטרעאל.

מר. און מרס. ברידער ראָסקעים.

מר. און מרס יעקב שמחה ריטשלער.

מר. און מרס. אברהם שאַפּירא, ניו-יאָרק.

די נעמען פון די ווייטערע מנדבים וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן איז צווייטן באַנד פון דער ענציקלאָפּעדיע